פעלער־אויסבעסערונגען אין צווייטן באַנד „לעקסיקאָן“

זייט	ביאָגראַפיע	איז געדרוקט	דאַרף זיין
802	טאָביאַס, סעמיועל	געב. 861	געב. 1861
803	„ „	עטי	נעטי
804	טאָמאַשעווסקי, באָריס	געבוירן 1886	געבוירן 1866
831	„ „	קאָבריזם פּיעסע	שאָמערס פּיעסע
840	טאָמאַשעווסקי, בעסי	ווערט אַן אָפּטער	ווערט ער אַן אָפּטער
846	טאָמאַשעווסקי, מייק	אסודניאַשקי	אָסיטניאַשקע
855	טאַנצמאַן, יאָזעף	אויצגעפירט	אויפגעפירט
„	„ „	פריימאַן	פריימאָןס
558	טאָרנבערג, סעמיועל	האָס	האָט
859	„ „	צו שאָפ	צו שאַפן
861	טהור, מאַטיאַס	אַלס סאָציאַליסט	אַלס סטאַטיסט
864	טוכמאַן, ליזאַ	וואָרעוויל	וואָדעוויל
876	טייטעלבוים, אברהם	לעצטע מאַס ען“	לעצטע מאַסקען“
879	טייטש, משה	סטארגאַן	סמאַרגאָן
879	טייך־גאַזניק, משה	אַ טויבער	אַ טויבער אויף
888	טעפּער, קלמן	אַרעסטירט געוואָרן.	אַרעסטירט געוואָרן,
889	טעפּנער, אַדאָלף	1908	1898
897	טרעפּעל, אוורהאָם	1908 מינסק	1908 אין מינסק
899	טשיזשיק, מאַניאַ	מיט געמאַכט	מיטגעמאַכט
904	טשעריש, דזשעק	לענגער	לענגערן
912	יאַנאָווסקי, שאול־יוסף	איזער	איז ער
„	„ „	וועבענטלעסע	וועבענטלעכע
914	יאַנג, בערנאַרד	אָפּערע „בית דוד“	אָפּערעטע „בית דוד“
928	יאָסילים, חיים	גילות	רגילות
939	יושקעוויטש, סעמיאָן	טענדענציעס	טענדענציעז
955	כהן, צבי	אין זומער האָט	אין זומער 1914 האָט
„	„ „	(4-0	(4-10
973	לאַטיינער, יאָזעף	קערטטאָמאַשעווסקי	קערט טאָמאַשעווסקי
1015	לובריצקי, גאָלדע	קאָרנבליטס	משה ריכטערס
1041	ליבערט, מענוכאַ	גימנאַזיע	גימנאַזיע
„	„ „	קורס	קורסן
1054	ליטמאַן, יעטאַ	געהעט	געהאַט
1077	ליכט, סידני	שפּראַך	שפּראַכן
1090	לימאַן, בינימין	915-17	1915-17
1092	ליניעצקי, יצחק־יואל	פון חסידישן	אין חסידישן
1094	„ „	ליניעקצי	ליניעצקי
1110	ליפּצין, קעני	אַלץ „די טאָכטער“	אַלס „די טאָכטער“
1129	ליפּשיץ, מיריאַם	וויטעבק	וויטעבסק
1134	לעבעדיעוו, אהרן	נאָוועמבער 1923	נאָוועמבער 1922
„	„ „	26 יאַנואַר	26 יאַנואַר 1923
„	„ „	מוזיך	מוזיק
1142	לעווין, אננאַ	1927	1917
1151	לעווינזאָן, לודוויג	לעווינזאוס	לעווינזאָנס
1154	לעווינסאָן, אברהם	יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד	„קרן היסוד“
1162	לערנער, חנה	איז זי איז	איז זי אין
1180	מאָגולעסקאָ, זיגמונט	בעסאַראַביע	אוקראַאינע
1194	„ „	טאַקטיט,	טאַקטיק,
1202	„ „	אַנדרע[ער]	אַנדער[ער]
1242	מאַרגאָלין, א. דר.	געבוירן 1894	געבוירן 1884
-248	מאָריסאָן, מאָריטץ	געב. בערך 1855	געב. בערך 1885
1259	מאַרעווסקי, אברהם	דאַנילאָוון	דאָלינאָוון
„	„ „	ביז אין 1913	ביז אין 1918
1368	מענדעלעוויטש, דוד	זיך באַזעט	זיך באַזעצט
1375	מעסקאָ, אַדאַם	ערלערנט	ער לערנט
1294	נאָזשיק, יצחק	אין 1915	אין 1905
1467	סטרוגאַטש, יוסף	און אין 1913	און אין 1918
1504	סניעגאָוו, לעאָניד	אָסטראָווסקים	גריבאָיעדאָווס

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Lexicon of the Yiddish Theatre

Compiled and Edited by

ZALMEN ZYLBERCWAJG

Assisted by

JACOB MESTEL

Published under the auspices of

THE HEBREW ACTORS UNION OF AMERICA

VOLUME II

Warsaw, 1934

דער פאַקט גופא, וואָס דער ערשטער באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" איז דערשינען, וואָלט געדאַרפט ביי אַלעמען סטימולירן די האָפנונג און גלויבן, אַז ס'וועט אויך דערשיינען זיין צווייטער באַנד. אין דער ווירקלעכקייט אָבער, איז דער אומצוטרוי צו דער דערשיינונג פון צווייטן באַנד געוואַקסן און געשטאַרקט געוואָרן מיטן מאָמענט ווען דער ערשטער באַנד איז אַרויס פון דרוק. די מאָטיוון צום דאָזיקן אומצוטרוי זיינען געווען פאַרשיידן: מען איז געווען זיכער (און עס אויך עפנטלעך אויסגעדריקט), אַז מסתמא זיינען אַלע מאָראַלישע און מאַטעריעלע כחות עקספּלאָאַטירט געוואָרן פאַרן ערשטן באַנד; מען איז שוין אויפן יידישן ביכער-מאַרק צוגעוואוינט צו דער זייער אָפטער פּראַקטיק, אַז ביכער אין טיילן בלייבן כמעט שטענדיק אין מיטן, דערצו נאָך אַ בוך ווי דער „לעקסיקאָן", וואָס איז פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע הוצאות; אַ גרויסער סטימול צו דעם אומגלויבן איז אויך געווען דער ממש קאַטאַסטראָפאַלער מצב אויפן ביכער-מאַרק. אָט די און אַנדערע סיבות האָבן עס געשטאַרקט און געמוטיקט דעם אומצוטרוי צו דער דערשיינונג פון צווייטן באַנד פון „לעקסיקאָן" און די קאָנסעקווענץ דערפון איז געווען אַ נאַטירלעכע: אויב דער *צווייטער באַנד וועט נישט דערשיינען,* טאָ צו וואָס דאַרף מען פאַר אים עפּעס טאָן?

און פאַקטיש האָט די פּובליקאַציע פון צווייטן באַנד אַ רעכט ביסל זיך פאַרשפּעטיקט. דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין יאַנואַר 1931 און דער צווייטער באַנד דערשיינט אין זומער 1934. ד. ה. מיט איבער 3 יאָר שפּעטער, אָבער טאַקע אַ סך פון די אויבנדערמאָנטע סיבות האָבן דערצו גורם געווען.

אויב דער ערשטער באַנד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער שווערע באַדינגונגען, אָבער פאָרט נאָך געהאַט זיין אָנהייב אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער „פּראָספּערעטי", האָט זיך דער צווייטער באַנד אויפגעבויט פון איינצלנע דאָלאַרס און סענטן. דער לעזער וועט אויף אַן אַנדער אָרט זעען, אַז די גרויסע ביישטייערונגען פון מנדבים אין ערשטן באַנד זיינען דאָ באַדייטנד בלאַסער. די העכסטע סומע, וואָס איז דורך אַ מעצענאַט געגעבן געוואָרן פאַרן צווייטן באַנד, איז געווען 175 דאָלאַר. די 1200 אַבאָנענטן פון „לעקסיקאָן" האָבן זייער אַבאָנאַמענט-געלט כמעט אינגאַנצן געהאַט באַצאָלט איידער דער ערשטער באַנד איז דערשינען און דער איינצל-פאַרקויף האָט זיך אָנגעשטויסן אָן גרויסע שוועריקייטן. דאָ זיינען אונז געקומען צו הילף: גוסטאַוו אייזנער, ראובן גוסקין, דזשין גרינפעלד, באָריס טאָמאַשעווסקי, קלמן יאָוועליר, נ. ב. לינדער, אב. סינקאָף, חיים עהרענרייך, וויליאַם עדלין, ראָזע פּיוואַר, י. פאַרסקי, יעקב קאַליך, יעקב קירשענבוים, יאָזעף רומשינסקי, צ. ה. רובינשטיין, מאָריס שוואַרץ און פיל אַנדערע אַקטיאָרן און שרייבער. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ריי פאָרשטעלונגען (אַ גענויער צעטל מיט אַלע אָנטיילנעמער וועט אָנגעגעבן ווערן אין סוף פון לעצטן באַנד), וואָס האָבן אַביסל פאַרשטאַרקט אונזערע פאָנדן, אָבער זיי זיינען קוים געווען גענוג צו דעקן די לויפנדע חובות, וואָס זיינען געבליבן נאָכן ערשטן באַנד. דעם אויסוועג פון דעם פינאַנסיעלן קריזיס האָבן מיר געפינען דורך ווענדן זיך דירעקט צום יידישן טעאַטער-עולם. מיט דער הסכמה פון די יידישע טעאַטער-פּראָוואַלטערס און רעזשיסערס האָבן מיר דורך לאָטעריען צו 25 און 10 סענט פאַרקויפט אין די יידישע טעאַטערס בעת די אַנטראַקטן איינציקע הונדערט עקזעמפּלאַרן פון ערשטן באַנד. מיט דער דאָזיקער אַקציע, וועלכע האָט אין אָנהייב זיך אויסגעוויזן קליינלעך און נישט-פּאַסיק, האָבן מיר דערגרייכט איינציקע צוועקן: מיר האָבן דורך קורצע רעפעראַטן דערוואָרעמט דעם טעאַטער-עולם פאַרן יידישן טעאַטער און פאַרן „טעאַטער-לעקסיקאָן". מיר האָבן אַריינבאַקומען אַ גרעסערע סומע און — דער עיקר — פאַרשאַפט איינציקע הונדערט פאָלקס-מענטשן דעם „לעקסיקאָן" פאַר דער סומע פון 25 אָדער 10 סענט.

* * *

מיר האָבן אויך נישט געוואָלט באַגרענעצן די אַקציע בלויז אויף דער מעטראָפּאָליע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך איינציקע אונטערנעמונגען איבער גרעסערע יידישע שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע, האָבן מיר, אין דער באַגלייטונג פון וואָלף מערקור (מאַרק יורי), אין משך פון 4 חדשים באַזוכט אַ ריי יידישע קבוצים אויף דער ליניע ניו-יאָרק—קאַליפאָרניע און דאָרט אָנגעפירט אַן אַבאָנאַמענטן-אַקציע פאַרן „לעקסיקאָן".

אין דער דאָזיקער און אויך אין די פריערדיקע אַקציעס האָבן אונז מיטגעהאָלפן: אין באָסטאָן: ל. אַרקין, מאָנטרעאַל: שלום שטערן און י. ראַבינאָוויטש, טאָראָנטאָ: ל. מלאך, ח. מ. קירשענבוים און י. וויינראָט, דעטראָיט: אברהם ליטמאַן, סעם וויינבערג און הערי וויינבערג, קליוולאַנד: מאיר ווינטרויב, לעאָן וויזענפעלד און ס. פענסטער, לאָס אַנדזשעלאָס: י. לעוויט, ח. גראָמאַן און חיים גאָלדבלום, פילאַדעלפיע: ה. בערגער, וויליאַם סיגעל און אסתר פידלער, מינעאַפּאָליס: י. בערמאַן, סיו סיטי: א. סטילמאַן.

אין ווינטער 1933 האָבן מיר דורכגעפירט אַן אַקציע אין לעטלאַנד און ליטע, אין וועלכער עס האָבן מיטגעהאָלפן: דיר. וויסביין, מ. קיטאַי, ז. טרויב, י. ראָזאָווסקי, ד"ר מ. און א. סודאַרסקי און ראַדולאַנסקי.

* * *

אין ניו-יאָרק גופא איז אונז געקומען צו הילף דער „פאָרווערטס", און באַזונדערס זיין פאַרוואַלטער

ב. וואָלאַדעק, אַ חוץ דער אַלגעמיינער מאָראַלישער שטיצע, וועלכע מיר האָבן באַקומען פון „פאָרווערטס“, פונקט אַזוי ווי דורך די אַנדערע יידישע צייטונגען „טאָג“ און „מאָרגען זשורנאַל“ אין ניו־יאָרק און די יידישע צייטונגען איבער דער אַמעריקאַנער און קאַנאַדישער פראָווינץ, האָט דער „פאָרווערטס“ פאַרשפרייט אין דער פאָרם פון אַ פרעמיע אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון ערשטן באַנד „לעקסיקאָן“. די דאָזיקע אויסגאַבע צום פרייז פון 1 דאָלאַר האָט ערשט באַוויזן ווי פּאָפּולער אונזער בוך איז: אין משך פון 2 וואָכן זיינען פאַרקויפט געוואָרן איבער 2000 עקז. די איבריקע עקז. זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אייראָפּע און זיינען אין פוילן פאַרקויפט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערס דורך לאָטעריען (צו 25 און 50 גראָשן) און אַזוינאָך זיינען הונדערטער ביכער אַריינגעקומען צו יידישע לייענער פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אין דער דאָזיקער אַקציע זיינען מיר אונטערשטיצט געוואָרן פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן, וועלכער האָט צו דעם צוועק אויסגעוויילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיטן אַקטיאָר אברהם קורץ אין דער שפּיץ.

אין דער אַקציע האָבן באַזונדערס מיטגעווירקט די אַקטיאָרן יוסף חאַש, סאַשאַ ליפּאָווסקי און וואָלף נייהויז ווי אויך דער ביוראָ־לייטער פון אַרטיסטן־פאַריין יצחק פּאַפּיערני.

* * *

עס האָט אויך געמוזט געזאָרגט ווערן פאַר פרישע און אויספירלעכע מאַטעריאַלן פון אייראָפּע. אין דער הינזיכט האָט אונזער קאָרעספּאָנדענט פאַר ראַטן־פאַרבאַנד, י. מ. לייפּציקער, אַרויסגעוויזן אַן אינטענסיווע טעטיקייט, און די רעזולטאַטן לאָזן זיך דייטלעך זען אין דאָזיקן באַנד. אין דער ריכטונג האָט אויך מיטגעווירקט דער אַקטיאָר זלמן זילבערבלאַט.

בעת אונזער חדשים־לאַנגער אַרבעט אין ווילנע, האָבן מיר באַקומען די וואַרעמסטע הילף פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (אין אַ ספּעציעלן צימער זיינען באַאַרבעט געוואָרן די מאַטעריאַלן פון אינסטיטוט, וועלכע זיינען געקומען אין באַטראַכט פאַרן צווייטן באַנד). אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט אונז פיל געשטיצט דער יונגער ביבליאָטעקאַר לאַזאַר ראַן.

* * *

שוין אין מיטן דער אַרבעט פון ערשטן באַנד איז קלאָר געוואָרן די נישט־פּראַקטישקייט פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע. די מאַטעריאַלן פון צווייטן באַנד זיינען דעריבער אויסשליסלעך דורכגעגאַנגען בלויז דורכן מיטרעדאַקטאָר יעקב מעסטעל.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד האָט געצוואונגען צו זעצן און דרוקן דעם צווייטן באַנד אין פוילן, וואָס האָט ווידער געשטערט די מעגלעכקייט צו דערהאַלטן די איינהייטלעכע פאָרם פון זאַץ און פּאַפּיר פון ערשטן באַנד. דאָך איז געטאָן געוואָרן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, אַז די אויסערלעכע זייט פון „לעקסיקאָן“ זאָל נישט זיין בולט פאַרשיידנאַרטיק.

אויך אין אינהאַלט האָט די רעדאַקציע זיך באַמיט איינצוהאַלטן די מעטאָדן און כּללים ווי ביים ערשטן באַנד: דאָס נישט געבן אָפּשאַצונגען וועגן לעבעדיקע שוישפּילער אָדער אַרייננעמען אין „לעקסיקאָן“ די יידישע דראַמאַטורגן און שרייבער פון און וועגן יידישן טעאַטער, וואָס איז פון טייל קריטיק באַצייכנט געוואָרן אַלס חסרון, האַלטן מיר גראָד פאַר אַ מעלה און מיר וועלן אויך ווייטער אָנגיין מיט דעם כּלל.

אַלס טערמין אָפּצושליסן די טעטיקייט־אינפאָרמאַציעס איז באַשטימט געוואָרן דער 1 יאַנואַר 1933. פון דאָזיקן טאָג אָן זיינען נישט פאַרצייכנט קיין שום פּאַסירונגען (אַ חוץ טויט־פאַלן), און דעריבער פעלן, למשל, אין דעם באַנד אַזעלכע פאַקטן, ווי דאָס דערשיינען פון ה. לייוויקס „דער גולם חלומט“, ש. לאַנדויס יובּיליי, איניקע נייע אויפפירונגען פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, דאָס דערשיינען פון פּרץ מאַרקישעס פּיעסעס, די אויפפירונג פון יעקב מעסטעלס קלאַנג־פילם „דער וואַנדערנדער ייד“, סעקלערס פּיעסע „רחב הזונה“ ביי „הבימה“ א. ד. ג.

נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען איז נישט געלונגען צו פאַרענדיקן און אַריינגעמען אין דעם באַנד:

די געשיכטעס פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע און קאַנאַדע, יידישע כאָריסטן־יוניע אין אַמעריקע, יידישע טעאַטריקל עליינס אין אַמעריקע און פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן, ווי אויך די ביאָגראַפיעס פון: טאָביאַס נעמי, טאַוויס, טאָמאַשעווסקי פּעני, טאַנסקי לעוו, טאַנקעל סאָניאַ, טישלער מ., טענטלער, טראָנטשיק אברהם, טשודנאָווסקי מ., טשעסטער, טשערטאָוו אַלעקס., יאַ מיכאַאיל, יאָזעפסאָן עני, יאָנאַס א. י., יאָפּע יידל, יאַקובאָוויטש בערטאַ, יאַקובאָוויטש יעקב, ים י., יצחקי, כאַווער־פּאַווער, „כאַלאַסטרע“, כאַצאַנאָווסקאַ, בענקין וויקטאָר, כּהן שמשון, כּץ פּנחס, לאַוראָווסקי, לאַנדאָ ווילאַם, לאַנסקי אַדאָלף, לאַנסקי עטל, לאַצקי־בערטאָלדי, לאַרגמאַן לעאָ, לואי מאַניאַ, לוויטער נחום, לוסטיקער פּעסימיסט, לוצקי א., לוריאַ אננאַ, לוריע־שפּיגל פרידאַ, ליובאָמירסקי יהושע, ליוקסעמבורג טעווע, ליטווין א., „ליטעראַטור און קונסט־פאַריין“ (שיקאַגאָ), לייטנער סאָלאָמאָן, לילינאַ ריטאַ, ליליען אננאַ, ליליענבאַך־ראָזענוואַסער, ליפּצין סעם, ליפּשיץ אַלטקע, לעהמאַן שמואל, לעווענווירט מעני, לעוועבראָווסקאַ רוטאַ, לעוינקע, לעווענשטיין אננאַ, לעזשינסקאַ סאַבינאַ, לעמיש, לעמפּקאָוויטש, לעאָנאַרד, לערמאַן יעקב, מאַטיאַס אברהם, מאַלקעס ל., מאַקאַרענקאָ, מאַרגולעס אפרים, מאָרגענבעסער אהרן, מאַריאָן עלאַ, מאַריענהאָף עני, מאַרק אהרן, מאַרקאָוויטש לואיס, מאַשקאָוויטש דזשעני, מוראַוואַנע

ז. ג., מילער ש., מילער נייטאַן, מילער רות, מינצעס, מינקאָווסקי, מיצמאַכער דוד, מישקאָווסקי נח, „מבירת יוסף-שפּילן" מלינעק, מעלצער לאה, מען סעם, מענדעל ישראל, מענדעלסאָן יהודה, נאַבראָוו ג., נאַדעל א., נאָדעלמאַן משה, נוגער א. פ., נוסבוים מאַלי, נידעל פרוי, נינינאַ, נעלסאָן-ציטרינג ראַלף, נעשעף, נפתלי הירש בן־צבי, סאַדיגורסקי עטל, סאַווי-קאָווסקי ס., סאָלאָמאָן סעמיועל, סאַלוצקי האַננאַ, סאַמאָלעסקאָ אסתר, סאָנץ אדאַ, סאַפּאָזשניקאָוו, „סטאַניסלאַווער גאָלד-פּאַדען-פּאַראיין", סטרושיזשעווסקי, סיגאַלאָווסקאַ לענאַ, סימכאָוויטש דזשאַנעט, סימכאָוויטש אברהם, סלאָבאָדסקי אברהם, סלוצקי דוב-בער, סלוצקי פאַני, סמיט פיליפ, סקלאַרסקאַיאַ, סעגאַל אַדאָלף, סעמדאָר, סענטער ב., סעפּקאַ סאָפיאַ, סערבע פינע, ספּיוואַק דוד, עבעל קלמן-משה, עבעל דוד, עבעל פרוי, עבענהאָלץ, עדעלשטיין איזידאָר, עפּשטיין מערי, ערוועסט אירא, ערדי סאָפיע, ערענבורג.

מאַנכע פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן זיינען אָנגעקומען צו שפּעט, ווען ס'איז טעכניש געווען אוממעגלעך זיי צו פאַרעפנטלעכן, ביי מאַנכע ווידער זיינען די מאַטעריאַלן נישט געווען גענוגנד פאַר אַ ביאָגראַפיע און זייער פּובליקאַציע איז דעריבער אָפּגעלייגט געוואָרן פאַר די מלואים, וואָס וועלן אַריינקומען אין קומענדן באַנד.

אַזוי האָבן אויך פאַרפעלט פאָטאָגראַפיעס ביי אַ טייל ביאָגראַפיעס און מיר האָבן זיי פאַרלויפיק ערזעצט דורך אַן אָפּבילדונג פון שער־בלאַט פון „לעקסיקאָן".

צוויי שוישפּילער: לאה טשיזשיק און לעאָן נאַדאָלסקי, וועמענס ביאָגראַפיעס ס'זיינען אַריין אין צווייטן באַנד און 23 פּערזאָן פון ערשטן באַנד (אַדלער ירמיהו, אויערבאַך יצחק, אייזענבערג מאיר, אָסקאַר יוליוס, אַפּ-טייקער סאָפיאַ, באַראַץ דוד, סיגעטער הערש־לייב, בליישטיפט משה, בערג רודאָלף, בערנאַרדי בערל, ברין אָליאַ, גאָטפריד אברהם־יצחק, גאָלדבערג לואיס, גאָלדשטיין יעקב, גליקמאַן עליאַס, גראָפּער איידאַ, גרינבערג צעזאַר, דאָליצקי מנחם־מענדל, דובראָווינסקי הילעל, האַלפּערן משה־לייב, וואַלערשטיין סאַול, וואַקסמאַן מאָריס, ווינטשעווסקי מאָריס) זיינען דורך דער צייט געשטאָרבן, און די מלואים וועגן זיי מיט אָפּשאַצונגען וועלן קומען אין קומענדן באַנד.

זאָל דאָ אויך קאָרעגירט ווערן אַ פאַרדריסלעכער טעות אין דער ביאָגראַפיע פון ד"ר אברהם גאָלדקנאָפּ. ד"ר גאָלדקנאָפּ לעבט און איז געזונט.

אין דער פולער האָפנונג, אַז די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָ אין אַמעריקע, דער יידישער אַרטיסטן-פאַריין אין פוילן, די יידישע פרעסע און יידישע אַקטיאָרן אין אַלע לענדער, ווי אויך דאָס יידישע טעאַטער־פּובליקום און לייענער פון יידישן בוך וועלן אויך ווייטער אונטערשטיצן אונז אין אונזער אַרבעט, טרעטן מיר צו בקרוב צו דער פּובליקאַציע פון *דריטן, לעצטן* באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

זלמן זילבערצווייג

וואַרשע, 12 מערץ 1934.

פאָלגנדיקע פּערזאָנען האָבן אַבאָנירט די לוקסוס־אויסגאַבע פון „לעקסיקאָן" און מיט דעם מיטגעהאָלפן צום פאָנד אַרויסצוגעבן דאָס ווערק:

צו 175 דאָלאַר: מר. מאָריסאָן („מאָריסאָן פאָונטיין פען קאָמפּ.").

צו 50 דאָלאַר: חזן ישראל אַלטער, יידישע בעקער אַסאָסיישאָן אין אַמעריקע.

צו 25 דאָלאַר: בעל בעיקער, לודוויק זאַק, פנחס לאַוועגדאַ, יעקב לעווינזאָן, דר. ב. א. מאַרגוליעס, מאָריס מאָשקאָוויטש, לואיס סאַקס, נתן קאַזשדאַן, הערי קופּער, עד. דוש. ראָבינסאָן, דעיוויס ראָזענבוים, דזשאָ שאַפּיראָ (לאָס אַנדזשעלאָס).

מיר זאָגן דאָ אַלעמען אַרוים אונזער דאַנק.

דער פאַרלאַגס-קאָמיטעט.

צווייטער באַנד

ט—ע

טאַבאַק, אברהם

[געב. ...18 — געשט. ...19]

געווען אַ כאָריסט אין פישזאָנס טרופּע, וואו ער איז דערנאָך געוואָרן סופלער. געשטאָרבן אין דחקות אין אָדעס אונטער דעניקינס ממשלה, ווען ס'איז געווען פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

מ. ע. פון כינע בראַגינסקאַ.

נעקראָלאָג אין „יידיש טעאַטער", וואַרשע, 1, 1921.

טאַבאַק, אננאַ

געבוירן יוני 1905 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. געלערנט אין פּאַבליק־סקול און יידיש אין דער היים ביי אַ מלמד. אין עלטער פון אכט יאָר ווערט ט. רעקאָמענדירט פון בינע אַבראַמאָוויטש צו שפּילן ביי טאָמאַשעווסקין די קינדער־ראָל אין ליבינס פּיעסע „בלינדע ליבע". זי ווערט באַלד אָנערקענט אַלס דאָס „זינגענדיקע קינד" און הייבט אָן שפּילן קינדער־ראָלן גלייכצייטיק אין איינקע טעאַטערס, ציענדיק באַזונדערס אויפמערקזאַמקייט אַלס זינגערין.

נאָכן פאַרטרעטן אַ קראַנק־געוואָרענע אַקטריסע אין סעקאָנד עוועניו־טעאַטער אין דער פּיעסע „דעם רבינס ניגון", ווערט ט. דאָרט אַנגאַזשירט, און בעת מאָריס געסט זעט זי דאָרט שפּילן אין יידיש די ראָל „ליבע" אין דער אַמעריקאַנער פּיעסע „עקספּיריענס", אַנגאַזשירט ער זי פאַר דער פּיעסע „מעקאַ" אין ענגליש. נאָך איניקע יאָר שפּילן אויף בראָדוויי, אַרויסטרעטנדיק אויך אין קיעטס וואָדעוויל־סוירקיט, ציט זי זיך צוריק אויף אַ געוויסער צייט פון דער בינע. דעם סעזאָן 1927־8 טרעט ט. אַרויס אַלס פּרימאַדאָנע אין ליבערטי־טעאַטער ביי אַנשעל שאָר. 1930־31 — אין נעשאָנאַל־טעאַטער (דיר. מ. סאַקס) און 1931־32 אין נוואַרקער מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער.

דעם 10 פעברואַר 1931 איז ט. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

יאָזעף רומשינסקי — וואָס ס'ווערט פון די קינדער, וואָס שפּיעלען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", נ. י., 27 אָקטאָבער 1920.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י., 10 פעברואַר 1928.

טאַבאַקשניידער, מ. י.

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פּוילן. געענדיקט אַ פּוילישע דראַמאַטישע שול א"ד פון קאַזשימיעזש קאַמינסקי. אָנגעפירט מיט דראַמקרייזן אין פּוילן און פאַרעפנטלעכט איינקע איינאַקטערס און סצענקעס.

1923 — זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, וואו ער האָט אויפגעפירט די לעבעדיקע בילדער: „אידעאַל, קונסט און אַרבעט", „טורמע־ליידן", „אומגעקערט", „זעגלען", האָט איבערזעצט איינקע איינאַקטערס פון מאַרק טווען און אַנאַטאָל פראַנס, דראַמאַטיזירט אַנדרעיעווס „די 7 געהאָנגענע", פּרץ' „מקובלים" און „די דריי נייטאָרינס", פייערבערגס „וואוהין", וויקטאָר הוגאָס „דאָס 93־טע יאָר" און מענדעלעס „ווינשפינגערל" (דערשינען אין אַ זאַמלונג פון מענדעלעס אינסצענירונגען, אַרויסגעגעבן פון אַרגענטינער יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין).

ט. האָט אין „די פּרעסע", „גרויס און קליין", „פּנימער און פּנימלעך" און „אַוועזשאַנעדער שטימע" פאַרעפנטלעכט די סצענקעס און איינאַקטערס „אַ גוטער קליענט", „דאָס פעלד־מיידל", „אומגעקערט" א. א.

ער האָט אויך רעזשיסירט איינקע פּיעסען פון בעסערן רעפּערטואַר און געהאַלטן אין דראַמקרייזן לעקציעס איבער דיקציע, דעקלאַמאַציע, מימיק א. ד. ג.

ט.'ס פרוי עדיאַ (בערקאָוויטש) טרעט אַרויס אין אַרגענטינע אַלס פאָלקסלידער־זינגערין.

ש. ע.

טאַביאַס, סעמועל

[שמואל טאַבאַטשניקאָוו]

[געב. 1861 — געשט. 28 יוני 1930]

געבוירן 1861 אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. אין דער יוגנט געווען אַ משורר און געווען פאַררעכנט פאַר אַן אינטעליגענט.

ב. גאָרין דערציילט אין זיין „געש. איד. טעאַטער": „. . . און אין פּאָלטאַווע האָט ער [לייזער צוקערמאַן] זיך באַגעגנט מיט טאַבאַטשניקאָוו, וועלכער האָט געזונגען ביי אַ חזן און אין אַן איטאַליענישער אָפּערע. אין דער אָפּערע איז ער געווען אַ כאָריסט און מען האָט אים אויך אָנפאַרטרויט קליינע ראָלן [?]. צוקערמאַן האָט אים אַוועקגעפירט קיין כאַרקאָוו, וואו

ער איז אַריין אין גאָלדפאַדענס טרופּע. . . . טאַבאַטשניקאָוו איז גלייך אַריין אויף ליבהאָבער־ראָלן, וועלכע ביז איצט האָט געשפּילט זילבערמאַן".

ט. וואַנדערט איניקע יאָר איבער רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, לאָנדאָן און פּאַריז, און אין 1886 טרעפן מיר אים אין לעמבערג ביי גימפּעל. וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „פון זיי אַלעמען [אין גימפּעלס טרופּע] איז דעמאָלט געווען דער וויכטיקסטער שפּילער טאַבאַטשניקאָוו, וועלכער האָט גענומען לעמבערג מיט שטורם". בערטאַ קאַליש דערציילט אין אירע זכרונות, אַז דאָס פּובליקום פלעגט ט.׳ן ממש טראָגן אויף די הענט.

פון לעמבערג איז ט. מיט נאָך איניקע אַקטיאָרן געקומען אין אַמעריקע. דאָ האָט ט. דעביוטירט דעם 19 אויגוסט 1892 אין יוניאָן־טעאַטער אַלס „אבשלום".

מ. אָשעראָוויטש כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „זיינע ראָלן זענען געווען געזאַנגס־ראָלן און אַלס אַ זינגער האָט ער ביים עולם אויסגענומען. און ווייל ער האָט אַליין גוט געוואוסט, אַז זיין כוח אויף דער בינע באַשטייט דער עיקרשט אין דעם, וואָס ער האָט אַ שיינע שטימע, האָט ער זייער שטאַרק געהאַלטן פון אברהם גאָלדפאַדען און פון זיינע אָפּערעטן. פון פּיעסען, אין וועלכע מען זינגט נישט, האָט טאַבאַטשניקאָוו נישט געהאַלטן, און ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע יעקב גאָרדין־עפּאָכע אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, האָט טאַבאַטשניקאָוו די ערשטע צייט זיך געפילט אַ ביסל דערשלאָגן. בחוש האָט ער איינגעזען, אַז זיין גלאַנץ הייבט אָן פאַרשווינדן ביסלעכווייז. ער האָט זיך אָבער ווי ס׳איז צוגעפּאַסט צו דער נייער עפּאָכע אויך. אין יעקב גאָרדינס „קעניג ליר" האָט ער געשפּילט די ראָלע פון „יאַפע" און דערנאָך האָט ער שוין געשפּילט אין אַנדערע פּיעסען פון יעקב גאָרדין און איז געוואָרן אַ גרויסער אָנהענגער זיינער. . .

„. . . אין לעבן איז ער געווען אַ צוריקגעצויגענער מענטש; ער האָט אַלע מאָל גערעדט שטיל און זיך געהאַלטן אַזוי פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נאָך עמעצן נישט שטערן; שטענדיק פאַרטראַכט, שטענדיק פאַרטיפט אין זיך, האָט ער ליב געהאַט צו ריידן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן די אַמאָליקע יאָרן".

אין גאָרדינס פּיעסען האָט ט. דער ערשטער פאַרקערפּערט פּאָלגענדיקע ראָלן: „יאַפע" אין „דער יידישער קעניג ליר" (1892), „אלכסנדר" אין „דער ווילדער מענטש" (1893), „יאַנקל" אין „ליטווישע ברידער לוריא" (1894), „דאָניע" אין „מירעלע אפרת" (1898), „לואיס קאַרשונסקי" אין „דער אונבעקאַנטער" (1905) און „סעמועל מעלקין" (שמואל זאַווערוכע) אין „אין די בערג" (1907).

זינט 1925 האָט ט., צוליב קראַנקהייט, כמעט אינגאַנצן נישט געשפּילט, אַחוץ אין סעזאָן 1926־27 — אין אירווינג־פּלייס קונסט־טעאַטער מיט בן־עמין.

ט., וועלכער האָט אין אַמעריקע אַדאָפּטירט דעם נאָמען טאָביאַס, איז געווען איינער פון די מיטגרינדער פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

דעם 28 יוני 1930 איז ט. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר חברון.

ט.׳ס פרוי, עטי, שפּילט אויף דער יידישער בינע. ט.׳ס צוויי זין שפּילן אויף דער ענגלישער בינע.

ב. גאָרין — „געשיכטע איד. טעאַטער." I, זז. 224-25, II, זז. 126, 143, 150-51.

מ. אָשעראָוויטש — געשטאָרבען סעמועל טאָביאַס, איינער פון די גאָר ערשטע אידישע אַקטיאָרען, „פאָרוו.", 1 יולי 1930.

טאַנגער, אהרן

[געב. . . . 18 — געשט. 1884־5 [?]]

געווען דער הויפּט פון אַ גרופּע פאָלקסזינגער אין אָדעס (יעקב קאַצמאַן, מענדעלע אַבראַמאָוויטש, שראַגע און באָריס אַלטמאַן), און ווען ספּיוואַקאָווסקי און ישראל ראָזענבערג שטעלן צונויף זייער טרופּע פאַר אָדעס (1879), נעמען זיי אים אַריין צו זיך. שפּעטער איז ער געוואָרן סופלער אין דער טרופּע פון נפתלי גאָלדפאַדען און פון צייט צו צייט אויך געשפּילט קליינע כאַראַקטער־ראָלן. אין 1884 אָדער 1885 איז ט. געשטאָרבן אין אָדעס.

בעריש בעקערמאַן, וועלכער האָט אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט געשפּילט מיט ט. אין וואַרשע אויפן הויף פון וואָלף ליטוואַקס גאָרטן, שילדערט אים אַזוי: „אַ בלאָנדער, ליטווישער יונגערמאַן, אַ ביסל באַבערדלט, מיט אַ גאַנץ שיינער באַריטאָן־שטים. ער איז געווען דער דירעקטאָר".

מ. ע. פון יעקב קאַצמאַן און בינע אַבראַמאָוויטש און ש. ע. פון בעריש בעקערמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." I, ז. 205.

טאָמאַשעוו[פ]סקי, באָרים

[ברוך־אהרן]

געבוירן 1886 אין אָסיטניאַשקע, אַ דאָרף אין קיעווער גוב., אוקראַינע. אויפגעצויגן אין שכנותדיקן אָרט קאַמיאָנקע, וואו זיין זיידע איז געווען שטאָט־חזן. פאָטער — אַ חזן, שפּעטער אַן אַקטיאָר און פּיעסן־שרייבער אין אַמעריקע.

אין עלטער פון 11 יאָר אַוועק פון דער היים קיין בערדיטשעוו, וואו ער איז געוואָרן אַ משורר ביי ניסן בעלזער.

אין זיינעם אַ זכרונות־אַרטיקל שרייבט ט.: „מיט 32 יאָר צוריק [לויט ט.׳ס חשבון איז דאָס געווען אין 1881, בעת מען דאַרף עס אָננעמען אַלס 1879] בין איך דאָ געשטאַנען צוויי מיט אַ האַלב יאָר אַלס ערשטער סאָפּראַן און געריסן מיינע לונגען פאַרן בערדיטשעווער עולם. ביי קאַפּילאָווסקין אויפן בוידעם בין איך צום ערשטן מאָל אויפגעטרעטן אין מיינער אַן אייגענער פאַרפאַסטער דראַמע „דער אויפגעקומענער עושר". מאירל דער משורר [אין 1913 חזן אין בערדיטשעוו] און משה קאָפּילאָווסקי און דעם חזנס אַ זון יידל, — זיינען מיינע אַקטיאָרן געווען".

אין זיינע אַנדערע זכרונות דערציילט ט., אַז בעת ער האָט געזונגען ביי ר׳ ניסן אין קעשעניעוו, איז מאָגולעסקאָ געקומען אין שול אים הערן זינגען, האָט אים דערנאָך פאַרבעטן צו זיי אין טעאַטער, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ט. האָט געזען שפּילן טעאַטער.

נאָך די פּאָגראָמען האָט ט. מיט דער פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק [1881]. די ערשטע צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק אויף טשעטהעם־סקווער אין ניו־יאָרק ביי

יאַקאָבי און דאָ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

וועגן יענער צייט שרייבט ט. אין זיינע זכרונות: „אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ רויטער יונגערמאַן (היינט איז ער אַ בלאָנדער). ער איז געווען אַ סיגאַרעטן־מאַכער פון דער היים. דאָס איז געווען אברהם גאָלובאָק. נעבן אים איז געזעסן נאָך אַ יונגערמאַן מיט אַ זייער לאַנגע[ר] נאָז. דיזער האָט געהייסן ראָזענבלום, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ יידישער אַקטיאָר אין דער היים. מיר האָבן שפּעטער דערפאַרן, אַז ער איז געווען אַ סטאַטיסט ביי דער אָפּערע [אָפּערעטע] „קאָלדוניאַ“ און ביים „דיבוק“ [פון לאַטיינער] אין מאַרינסקי־טעאַטער אין אָדעס.

„ראָזענבלום פלעגט האַלטן אין זינגען שטיקלעך פון יידישן טעאַטער: „די באָבקעלעך“, „וואָס טויג מיר מיין שמחה, אַז מיך נעמט זי נישט“, „בריסטעלעך לעבעדיקע, לעבעדיקע בריסטעלעך“, „אוי וויי דלות“ און אַנדערע. דאָס לעצטע לידל איז ביי אַלע סיגאַרעטן־מאַכער געווען דאָס ליבסטע. די גאַנצע פעקטאָרי [פאַבריק] האָבן אַלע [האָט] מיטגעהאָלפן אין כאָר. . . . אַזוי ווי דער פאָרמאַן [משגיח] האָט דערציילט דעם [באָס] בעל־הבית, אַז איך האָב געזונגען ביי דעם גרויסן חזן ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו (נישט וויט פון דייטשלאַנד), האָב איך געמוזט פאַר זיי זינגען, טאַקע אין מיטן דער אַרבעט, ניסנס „יהי רצון“ פון ראש חודש־בענטשן, דעם „רבונו של עולם“ און אַזוי עפּעס אַ סאָלאָ פון אַ יידישע[ר] קאָמפּאָזיציע. פאַר מיין זינגען פלעגט דער באָס אימער הייסן צושרייבן אויף מיין חשבון אַ הונדערט סיגאַרעטן מער. . . . דער לאָנדאָנער טעאַטער־פּאָסטער [אַן אַפיש, וואָס אברהם גאָלובאָק האָט באַקומען פון לאָנדאָן, וואו זיינע ברידער זיינען אויפגעטראָטן אין „קאָלדוניאַ“] האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף אַלעמען, אויף מיר איבערהויפּט. . . . געשלאָסן האָט ער [גאָלובאָק אין אַ שמועס מיט ט.], אַז זיי ווילן ביידע קומען קיין אַמעריקע און מיטברענגען אַ טרופּע, נאָר זיי האָבן נישט קיין געלט אויף דער רייזע. . . . שלאָפן האָב איך שוין יענע נאַכט נישט געקאָנט. . . . אין יענער צייט האָב איך געהאַט צוויי פּרנסות: איך האָב געמאַכט „סאַמאָפּאַלנע“ סיגאַרעטלעך ביי יאַקאָבין און געזונגען יעדן פרייטאָג ביינאַכט און שבת פאַרמיטאָג אין הענרי סטריט־שול. . . . אַ געוויסער נ. נ. [פרענק וואָלף], וועלכער האָט געהאַלטן אַ ביר־סאַלון [שענק], קאָרנער [עק] עסעקס און העסטער סטריט [גאַסן] און אויף אַ גרויסן סיין [שילד] זיך גערופן „דער אַרבעטער־פריינט“, איז דאַן געווען פּרעזידענט אָדער וויס־[וויצע־] פּרעזידענט, אָדער אַזוי אַ מעמבער [מיטגליד] פון דער הענרי סטריט־שול. . . . דיזן נ. נ. איז געפעלן געוואָרן מיין זינגען און יעדן שבת נאָכן דאַווענען האָב איך געמוזט גיין צו אים אַהיים מיטאָג עסן און אים אָפּזינגען אַ פּאָר יידישע שטיקלעך. ביז איינמאָל, אין אַ שבת נאָך מוסף, . . . איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו דערציילן דעם פאַר־פאָלק וועגן יידיש טעאַטער און וואָס פאַר אַן אוצר מיט געלט עס ליגט אין די ביזנעס. . . . מיסטער נ. נ. איז געווען אַ פרומער ייד, ער האָט שבת נישט געמאַכט קיין מסחרים, נאָר זונטאָג, עלף אַ זייגער אין דער פרי, איז ער אַוועק מיט מיר און אברהם גאָלובאָק אין אַ יידישן טיקעט־אָפיס [שיפסקאַרטן־געזעלשאַפט], ערגעץ אין קאַנעל סטריט, און אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן אַכט בילעטן דריטע קלאַסע“.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז די טרופּע אָנגעקומען פון לאָנדאָן און צוויי וואָכן שפּעטער האָט זי זיך געגרייט אויפצופירן אין טורן־האָל, פּערטע סטריט, צווישן צווייטער און דריטער עוועניו, די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין ניו־יאָרק.

די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען בערך יולי 1882. [די באַמיאונג פון דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“ פעסטצושטעלן דורך דער דעמאָלטיקער יידישער פּרעסע און דורך דער פּאָליציי די גענויע דאַטע, האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג.]

לויט ט.׳ס זכרונות איז אויפן אַפיש געווען אָנגעגעבן, אַז „באָריס טאָמאַשעווסקי איז מענעדזשער און כאָרמייסטער“ און „די באָבקעלעך וועט זינגען דער וועלט־באַרימטער זענגער־מייסטער באָריס טאָמאַשעפסקי“.

אין זעלבן אָוונט, וואָס דער אַפיש איז אַרויס, זיינען — לויט ט. — אַלע בילעטן פאַרקויפט געוואָרן און מען האָט די איבערקויפער געצאָלט אומגעהויערע פרייזן.

די דאַמאָלטיקע פאָרשטייער פון יידישן אימיגראַנטן־קאָמיטעט האָבן פאַרלאַנגט, אַז די פאָרשטעלונג זאָל נישט פאָרקומען, ווייל אין דער פּיעסע „קאָלדוניאַ“ לאַכט מען אָפּ פון יידן. „זיי האָבן אונז געוואָרנט — דערציילט ט. — מיר זאָלן זיך בעסער אויסלערנען מלאכות אָדער גיין פּעדלען אין די קאָנטריס [פּראָווינץ] און נישט שפּילן קיין יידיש טעאַטער אין אַמעריקע, און ווען מיר וועלן זיי נישט פאָלגן, וועלן זיי אונז אַרויסטרייבן פון אַמעריקע און אונז אָפּשיקן מיט אַ שיף צוריק קיין רוסלאַנד גלייך נאָך סיביר“.

ענלעכס דערציילט יוסף באַראָנדעס אין זיינע זכרונות: „און עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז אין דעם אָוונט פון דער עפענונג פון דעם רומענישן אָפּערע־הויז — דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין אַמעריקע — האָט אַ קאָמיטעט מיט דעם יידישן קאָראָנער [אַ באַאַמטער ביים געריכטס־אויספאָרשער, וואָס אונטערזוכט טויטפאַלן פון קאַטאַסטראָפעס, זעלבסטמאָרדן א. ד. ג.] ליוואַי, בראָש, זיך געווענדט צו דער דאַמאָלטיקער טרופּע מיט דער וואָרנונג, אַז די „אָנגעזעענע וויכטיקע יידן אין ניו־יאָרק ווערדן ניכט ערלויבן דאס מאַן זי צו שפּאָט און צו שאַנדע מאַכט מיט איין טעאַטער, וואָ די שוישפּילער זיך מיט דעם אַבשויליכן זשאַרגאָן בענוצן“. און מען מוז געדענקען, אַז אין יענע צייטן האָבן די „גרינע“ יידן, ובתוכם אויך די גרינע יידישע אַקטיאָרן, באַטראַכט דעם אַמט פון אַ קאָראָנער פאַר אַ זייער וויכטיקן. . . . ווען דידאָזיקע אַקטיאָרן האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון צווייפל, צי קאָראָנער ליוואַי האָט די געזעצלעכע מאַכט זיי צו שטערן אין דער אויפפירונג פון אַ יידישער פּיעסע אין דער יידישער שפּראַך, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער איז באַפולמעכטיקט פון פיל אַנדערע חשובע און רייכע יידן זיי אויסצוצאָלן אַלע אויסגאַבן, וואָס זיי האָבן געמאַכט צוצוגרייטן די אויפפירונג פון דער פּיעסע מיט אַ היפשן עודף פאַר אַלע אַקטיאָרן, אַז זיי זאָלן האָבן מיט וואָס דורכצוקומען ביז זיי וועלן געפינען „אָנשטענדיקע און נוצלעכע באַשעפטיקונג“. און עס זאָל פאַרצייכנט ווערן צום קרעדיט און שטאָלץ פון די יידישע אַקטיאָרן פון יענער אָנפאַנג־עפּאָכע פונם יידישן טעאַטער, אַז כאָטש זיי זיינען אַלע געווען גרויסע דלפנים און האָבן זיך געשפּייזט אויף דעם „פרי־לאָנטש“ (אומזיסטע מאָלצייט), וואָס יחיאל שרייבער האָט געהאַלטן אויף דער באַר אין זיין ביר־סאַלאָן אויף קאַנעל, נעבן ראָטגערס־סקווער, פונדעסטוועגן האָבן זיי מיט געהעריקן שטאָלץ און מיט טיפער פאַראַכטונג דעם שענדלעכן כאַבאַר־אַנבאָט צוריקגעוויזן“.

די פּרימאַדאָנע, מאַדאַם קראַנצפעלד, איז — לויט ט. — געווען אונטערגעקויפט פון דעם אימיגראַנטן־קאָמיטעט און נישט געוואָלט קומען צו דער פאָרשטעלונג. ענדלעך האָט זי איינגעוויליקט בלויז צו דעקלאַמירן און נישט זינגען. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל: דער עולם האָט געפייפט, געוואָרפן פרוכטן אויף דער בינע און די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ געשלעג און זידלערייען.

לויט ב. וויינשטיין, וועלכער איז געווען אַן עד־ראיה, איז די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען שוין פריער [בערך 1881] אין דעם בויערי גאַרדן, נומער $113^1/_2$ בויערי. עס איז אויפגעפירט געוואָרן, מיטן יונגן גאָלובאָק אין דער טיטול־ראָל, גאָלדפאַדענס „שמענדריק". די פאָרשטעלונג איז געווען אַ דורכפאַל, „אָבער — שרייבט וויינשטיין — „איזראַעל באַרסקי [דער אַראַנזשירער פון דער פאָרשטעלונג] האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט דעם דורכפאַל פון זיין ערשטער פאָרשטעלונג, מיט וועלכער ער האָט אין דער „גאָלדענער מדינה" איינגעפירט יידיש טעאַטער. ער איז ווידער געוואָרן פאַרנומען מיט די „אַקטיאָרן" און מען האָט גענומען שטודירן אַ נייע פיעסע „די כישופמאַכערין" פון גאָלדפאַדען. עס איז אָבער ווידער געווען אַ צרה: מען האָט נישט געקאָנט קריגן קיין פּרימאַדאָנע צו שפּילן די הויפּטראָלע פון מירעלען: מען האָט אויסגעפונען אַ יונגן בחור, אַ זינגער מיט אַ גוטער סאָפּראַנאָ־שטימע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שפּילן דידאָזיקע ראָלע. דאָס איז געווען דער שפּעטער באַקאַנטער אַקטיאָר באָריס טאָמאַשעווסקי".

אויך דידאָזיקע פאָרשטעלונג איז, לויט ב. וויינשטיין, פאָרגעקומען אין בויערי גאַרדן.

די אַנדערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט אין דערדאָזיקער פאָרשטעלונג, גיבן איבער, — לויט ב. גאָרין — אַז קיין גרויס אויסכאַפּעניש אויף די בילעטן איז נישט געווען. די פּרימאַדאָנע קראַנצפעלד האָט נישט געזונגען, ווייל זי איז געווען הייזעריק. זיי געדענקען אויך נישט, אַז דער אימיגראַנטן־קאָמיטעט זאָל האָבן געמאַכט וועלכע שטערונגען פאַר דער פאָרשטעלונג.

„אַלס באַווייז, אַז די ערשטע פאָרשטעלונג האָט זיך באַצאָלט ערגער ווי מען האָט דערוואַרט, — שרייבט ב. גאָרין — איז דער פאַקט, וואָס דער אַנטרעפּעניאָר איז גלייך געוואָרן אָפּהענטיק און ער האָט אַזוי גיך קיין צווייטע פאָרשטעלונג נישט אונטערגענומען, הגם ער פּערזענלעך איז געווען פאַרקאָכט אין יידישן טעאַטער. עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז ער האָט זיך ווידער איינגעשטעלט צו אונטערנעמען צוזאַמען מיט שותפים אַנדערע פאָרשטעלונגען. . . . איצט אָבער האָט שוין איין דירעקטאָר נישט געוואַגט צו מאַכן אַזאַ אונטערנעמונג און פרענק וואָלף האָט אָפּגעזוכט נאָך צוויי שותפים, איינער פון זיי איז געווען אַ קצב פון בילאַרד סטריט, און מען האָט געמאַכט אַלע הכנות פאַר די יום־טובדיקע פאָרשטעלונגען.

„די טרופּע איז איצט געוואָרן אַ גרעסערע און באַדייטנדערע: צו די שפּילער, וואָס זענען אין מיטן זומער אַריבערגעקומען פון לאָנדאָן, זיינען צוגעשטאַנען מער דילעטאַנטן, וואָס זיינען געקומען מיטן „עם עולם". די קאָמפּאַניע איז איצט באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע פּערזאָנען: לעאָן גאָלובאָק, מיראָן גאָלובאָק, ספּעקטאָר און זיין פרוי, באַרסקי, ראָזענבלום, באָיאַרסקי, בערנשטיין (נישט דער באַוואוסטער קאָמיקער בערנשטיין), סיימאָן, זשופּניק און ב. טאָמאַשעווסקי. ווי מען קאָן זען פון דעם צעטל, איז דאָ געווען אַ דוחק אויף פרויען און מענער האָבן געמוזט שפּילן פרויען־ראָלן. ב. טאָמאַשעווסקי האָט דאַמאָלט אָנגעהויבן דערשיינען אין פרויען־ראָלן. אַזוי ווי טאָמאַשעווסקי האָט זיך דאַמאָלט ערשט אָנגעהויבן צו ווייזן אויף דער בינע, האָט מען די ראָלן אָנפאַנגס געדאַרפט ספּעציעל פאַר אים צושניידן, דאָס הייסט, אַרויסוואַרפן די פּראָזע און ער זאָל נאָר זינגען די נומערן, וואָס די פרוי אין דעם שטיק האָט געדאַרפט זינגען. געשפּילט האָט מען די וואָך פון סוכות די אַלטע שטיקער פון גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר: „קאָל־דוניאַ", „קאַפּריזנע טאָכטער", „באָבע מיטן איייניקל", און הגם מיטן זכות פון יום־טוב האַלט מען זיך אַ לאַנגע צייט אין אַ טעאַטער, האָט דאָ אפילו דער יום־טוב אויך נישט געהאָלפן און די הכנסה פאַר דער וואָך פון סוכות איז געווען אַ טרויעריקע. די דירעקטאָרן האָבן פאַרלוירן געלט און האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון טעאַטער און די אַקטיאָרן זיינען געבליבן אויסגעשטעלט. . . . ענדלעך איז גאָלובאָקן געלונגען צו פאַראינטערעסירן דעם אייגנטימער פון דעם „אָלד בויערי גאַרדן" און [ער] האָט מיט אים אָפּגעמאַכט צו שפּילן דאָרטן צוויי מאָל אַ וואָך יעדן פרייטאָג אָוונט און שבת מאַטינע. . . . דער „אָלד בויערי גאַרדן" האָט זיך געעפנט פאַר יידישע שטיקער אַ חדשים צוויי נאָך סוכות, דאָס הייסט, כמעט סוף 1882" .

ווי ב. גאָרין גיט איבער, איז די טרופּע געווען די זעלבע, וועלכע האָט איינגעאָרדנט די ערשטע פאָרשטעלונג. דער רעפּערטואַר איז, אַ חוץ מיט גאָלדפאַדענס פּיעסן, באַרייכערט געוואָרן אויך מיט שמר־שייקעוויטשעס פּיעסן „דער בעל־תשובה", „דער יידישער פּריץ" א. א. און מיט די פּיעסן פון באַרסקי (אַ מיטגליד פון דער טרופּע): „די וואַנזיניקע" און „דער פּאָגראָם". געשפּילט האָט מען צוויי מאָל אַ וואָך, ביי זייער שוואַכע איינאַמעס. אָבער אויך די קליינע הכנסה האָבן די שפּילער נישט געקאָנט איינטיילן צווישן זיך בשלום; עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען, ביז ט.'ס פאָטער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער טרופּע און גענומען דאָס „נעשאָנאַל־טעאַטער" (קעגנאיבער דעם „אָלד בויערי גאַרדן"), וואו ער האָט אָנגעהויבן שפּילן צוזאַמען מיטן זון, צוויי טעכטער און מיט נאָך איייניקע פאַבריק־אַרבעטער. אָבער, צוליב שוואַכער הכנסה, האָט דאָס טעאַטער באַלד זיך פאַרמאַכט און דער גרעסטער טייל פון די שפּילער האָט זיך לגמרי צוריקגעצויגן פון דער בינע.

„איך אַליין — שרייבט ט. אין זיינע זכרונות — „דער קליינער טאָמאַשעווסקי", ווי מען האָט מיך אַמאָל גערופן, האָב פאַרלוירן מיין סאָפּראַן־שטימע און איך האָב געמוזט וואַרטן עטלעכע יאָר ביז איך וועל מיין צווייטע שטימע צוריקקריגן. איך בין אויך אַוועק פון ניו־יאָרק אין אַ קליינעם ווילעדזש [דערפל] אין לאָנג איילאַנד, קיין סען האַרבאָר. דאָרט האָב איך אָנגעהויבן צו גיין אין סקול און זיך אויך געלערנט שפּילן פּיאַנאָ און אָרגעל". [לויט ב. גאָרין האָט זיך די טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע אַריבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע און דאָרטן געשפּילט טעאַטער]. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אין דאָרף — דערציילט ווייטער ט. — האָט ער צו קיינעם נישט געשריבן און זיך מער נישט אינטערעסירט מיט טעאַטער. ער האָט אָבער דורך דער צייט אָנגעשריבן די פּיעסן: „די חלוצה, אָדער דוד וועלוול" [וואַרשיינלעך נאָר אַ באַאַרבעטונג, ווייל שוין אין יענער צייט איז געווען פאַרעפנטלעכט שמעון בעקערמאַנס פּיעסע „הדסה די חלוצה, אָדער דוד וועלוול עסט קאָמפּאָט"], „עלילת דם, אָדער מנחם בן־ישראל".

ערשט ווען ער האָט געפּילט, אַז ער קאָן ווידער זינגען, איז ער צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל געזען שפּילן די טרופּע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן (משה זילבערמאַן און פרוי, משה און סעראַ חיימאָוויטש, משה קאַרפּ, ה׳ און פ׳ באָראָדקין, י. וואַכטעל און י. לאַטיינער), וועלכע זענען אין מאַי 1884 אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי די פאָרשטעלונג האָט אים נישט אַריינגעבראַכט אין התפעלות, באַשליסט ער מיט זיי צו קאָנקורירן. ער שטעלט ווידער צונויף זיין פריערדיקע טרופּע (פון וועלכער די מיטגלידער זענען דערוויל געוואָרן העמדלעך־נייער) און א״נ „באָריס טאָמאַשעווסקי[ס] און לעאָן גאָלובאָקס טעאַטער־געזעלשאַפט״ מיט ישראל באַרסקי אַלס אויטאָר, פאָרט ער מיט זיי שפּילן אין שיקאַגאָ.

לויט בעסי טאָמאַשעווסקי איז ט. ערשט בערך 1887 געקומען מיט זיין טרופּע פון שיקאַגאָ קיין באַלטימאָר און אָנגעהויבן שפּילן אין קאָנקאָרדיאַ האָל.

זי דערציילט וועגן דער ערשטער פאָרשטעלונג: „אויף דער סטיידזש [בינע] שטייט אַ לאַנגע דאַרע יידענע מיט אַ שטערנטיכל אויפן קאָפּ און זינגט ליכט־בענטשן אויף אַ דין קולכל. אַ ביסעלע ווייטער אויפן סטיידזש זיצט אַ ייד מיט אַ גרויער באָרד און שאָקלט זיך. די לאַנגע יידענע האָט אָפּגעזונגען דאָס ליכט־בענטשן און גייט צו צום אַלטן ייד און זאָגט אים עפּעס און גייט אַוועק. דאַן קומט אַריין אַ שיקסע און זאָגט עפּעס אויף גוייש. דער אַלטער ענטפערט אויף יידיש און מינה וביה קומט אַריין עפּעס אַ חסידל אין אַ גלאַנציק קאַפּאָטקעלע, אַ הויך בחורל מיט לאַנגע פּאותלעך, מיט אַ שיין פּנימל און מיט גרויסע שיינע אויגן. ער בלייבט שטיין און שעמט זיך. די שיקסע וויל אים אפנים פאַר אַ חתן און דאָס בחורל מיטן אַלטן אַנטלויפן. די שיקסע גיט אַ פייף און צוויי גויים ברענגען אַריין אַ טויט קינד און באַהאַלטן עס ביים ייד אין שטוב און דער פאָרהאַנג קאַטשעט זיך אַראָפּ. אין צווייטן אַקט זיינען שוין אַלע יידן, מיט דעם בחורל מיט די שיינע אויגן, אין טורמע און די גויים שלאָגן זיי, אַז ס׳איז אַ רחמנות, און דאָס בחורל זינגט נעבעך אַ וויינענדיקע תפילה צו גאָט, אַז ער, גאָט הייסט עס, זאָל אויסלייזן די יידן פון גויישע הענט. דאָס פּובליקום וויינט און שעלט די גויים און — שוין. אין דריטן אַקט זענען שוין די יידן אין סיביר און ס׳איז זיי אַזוי קאַלט, אַז אַ פּאָר ווייבער פון פּובליקום וואַרפן אַרויף זייערע שאַלן אויפן סטיידזש, אַבי צו דערוואַרעמען די אָרימע יידן נעבעך. אין פערטן אַקט ווילן די גויים אויסקוילענען די יידן פאַרוואָס זיי, די יידן, האָבן דערהרגעט אַ גוייש קינד און אָפּגעבאַקן מצות — שפּרינגט אויף דאָס גאַנצע פּובליקום און שרייט: „ס׳אַ ליגן! מיר ווייסן, אַז די יידן זיינען נישט שולדיק, דאָס האָבן די חזירישע גויים אַליין געהרגעט דאָס קינד. ס׳אַ בלבול, אַן עלילת דם, רוצחים, מערדער, אַ פּגירה אויף אייך!״ דאָס פּובליקום האָט אויסגעפּירט . . . מען האָט באַפרייט די יידן און אַלע אין האָל [זאַל] האָבן געפּאַטשט בראַוואָ מיט אַלע כוחות.״

„איך וויל, ער [איר שוואָגער לואי] זאָל מיך באַקענען מיט דעם הויכן עקטאָר — דערציילט ווייטער בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות — אָבער לואי זאָגט מיר, אַז איצט איז דער עקטאָר צו נערוועז פון שפּילן, ווייל דאָס איז טאַקע ער, וואָס האָט געשפּילט פאַר דער יידענע, וואָס בענטשט ליכט, און פאַרן חסידל, וואָס מען האָט פאַרשיקט אין סיביר און נאָכדעם האָט טאַקע אַלץ ער געזונגען די קופּלעטן. . . . און לואי זאָגט מיר, אַז ער הייסט באָריס טאָמאַשעווסקי״.

שפּעטער האָט ט. אין באַלטימאָר אויפגעפירט (מיט לענגערע הפסקות צווישן איין פאָרשטעלונג און דער אַנדערער) „די באָבע מיטן איידיקל״ (שפּילנדיק די ראָל „מירעלע״) און סקריבס „זשידאָווקאַ״ (שפּילנדיק „פּרינץ״). דערנאָך לאָזט ער פונאַנדער די טרופּע און אַרבעט אויס אַ פּלאַן צו עפענען אַ דראַמאַטישע שול. צו דעם צוועק ווערט געגרינדעט אַ קלוב מיט אַן אָפּצאָל פון 50 סענט אַ וואָך פאַר מענער און 10 סענט פאַר פרויען. פון דער הכנסה האָט ט. באַקומען 9 דאָלאַר אַ וואָך שכירות.

מיט די מיטגלידער פון דאָזיקן קלוב האָט ט. איינשטודירט „ראָטשילדס ביאָגראַפיע, דראַמע אין 4 אַקטן פון פּנחס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון באָריס טאָמאַשעווסקי״, וואָס ווערט אַ חודש שפּעטער אויפגעפירט מיט אים אַלס „מאיר אַנשל ראָטשילד״ און בעסי קויפמאַן [שפּעטער בעסי טאָמאַשעווסקי] אַלס „די כלה״. ער שפּילט נאָך אויך „די חלוצה״, אָבער באַלד דערויף צעפאַלט זיך דער קלוב און ט., צוזאַמען מיט בעסין און איר שוועסטער רייטשל, טרעטן אַרויס מיט קופּלעטן אין שלעגעלס האָל. צו זיי קומט נאָך פון ניו־יאָרק דער אַקטיאָר גאַרטענשטיין, וועלכער פאַלט אָבער דורך.

ט. ווערט אַן אָפטער אַריינגייער ביי דער קויפמאַן־פאַמיליע און פועלט, אַז זייער טאָכטער בעסי זאָל מיט אים פאָרן קיין באָסטאָן, וואו ער פירט אויף אין באָסטאָן מיוזיק האָל גאָלדפאַדענס „שולמית״ („אבשלום״ — באָריס טאָמאַשעווסקי, „שולמית״ — בעסי קויפמאַן, די אַנדערע ראָלן זענען געשפּילט געוואָרן פון מאַריען־שטראָס, סעם שענקמאַן, זיינוול שענקמאַן און מאָריס וויסמאַן). דערנאָך ברענגט ער אַהין די אַקטיאָרן מאַקס אַבראַמאָוויטש, אַנעטאַ פינקל, מאָריס קאַרפּ, מרס. ווערבל, דעם דיריגענט פינקעלשטיין און אברהם גאָלדפאַדען מיט דער פרוי, מיט וועלכע ס׳ווערט אויפגעפירט [1887] אין זעלבן זאַל גאָלדפאַדענס „ביידע קוני לעמעל״, אָבער נאָך ערב דער פאָרשטעלונג פאַרלאָזט ט., צוליב אַ סכסוך, די טרופּע און פאָרט אָפּ קיין פילאַדעלפיע, וואו ער אָרגאַניזירט אַ נייע טרופּע, על פּי רוב פון זיין פאַמיליע (באָריס, בעסי, פּנחס און פּעני טאָמאַשעווסקי, איר מאַן גרינבערג און עמאַ — שפּעטער פינקעל), מיט וועלכער ס׳ווערט געשפּילט אין דראַמאַטיק־קלאָב (געסקיל סטריט) פּנחס טאָמאַשעווסקיס פּיעסע „יאַנקל יונגאַטש״ („יאַנקעלע״ — באָריס טאָמאַשעווסקי). הגם די פאָרשטעלונג איז געווען שוואַך באַזוכט, איז אָבער דאָס שפּילן געפעלן געוואָרן און, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון פּנחס טאָמאַשעווסקי, ווערט באַשלאָסן צו גרינדן אין פילאַדעלפיע אַ סטאַביל יידיש טעאַטער. די טרופּע ווערט פאַרגרעסערט מיט מערי עפּשטיין און איר מאַן און ס׳ווערן געשפּילט אויף שותפות־יסודות פאָרשטעלונגען, על פּי רוב פּיעסען, וועלכע פּנחס טאָמאַשעווסקי פאַרפאַסט, דערונטער „די שפּאַנישע אינקוויזיציע, איין אָפּערע מיט מוזיק אין פיר אַקטן פון פּנחס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון באָריס טאָמאַשעווסקי״.

דאָ האָט אויך ט. חתונה מיט בעסי קויפמאַן, וועלכע שפּילט זינט דאַמאָלט א״נ בעסי טאָמאַשעווסקי.

דורך דער איניציאַטיוו פון אַ געוויסן מר. דאָרף גייט איבער די טרופּע אין אָרטיקן טאַליאַ־טעאַטער (אייגנטימער — בעסט), וואו ס׳ווערט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ״ מיט ט. אין דער טיטולראָל. נאָך איניקע פאָרשטעלונגען פאָרט ט. מיט דער טרופּע

איבער דער נאָנטער פּראָווינץ, אָבער צוליב שלעכטע געשעפטן קומען זיי באַלד צוריק אין פילאַדעלפיע, וואו די טרופּע ווערט פאַרשטאַרקט מיט מר. און מרס. סיימאָן און עליאַס גליקמאַן, און מען פירט אויף גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע“ (ט. אין דער טיטול־ראָל). די אויפירונג ווערט איינינקע מאָל איבערגעחזרט מיט דער־פאָלג און ט. שטעלט דערנאָך צו זיין און זיין פרויס ערן־אָוונט זיין אייגענע פּיעסע „ר' עקיבא מיט די פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים, גרויסע אָפּערע־דראַמע אין פיר גרויסע אַקטן, פאַרפאַסט פון דעם גרויסן קינסטלער באָריס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון באָריס טאָמאַשעווסקי, טענצע און מערשע פון עליאַס גליקמאַן, מיט דער ערלויבניש פון באָריס טאָמאַשעווסקי“.

צוליב מאַנגל אין נייעם רעפּערטואַר, פאָרט ט. קיין ניו־יאָרק און ברענגט איינינקע „סוזשעטן“ פון די פּיעסען, וועלכע ווערן דאָרט געשפּילט.

וועגן דעם דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „טאָמאַשעווסקי קומט צוריק פון ניו־יאָרק מיט „יהודה המכבי אָדער חנה מיט די 7 זין“. די גאַנצע פּיעסע האָט ער אויף אַ קליין פּאַפּירל אויפגעשריבן. ער איז געווען אין זילבערמאַנס אָריענטאַל־טעאַטער און געזען דאָס שטיק, און בשעתן שפּילן, האָט ער אויף אַ פּאַפּירל אויפגעשריבן די אַלע סצענעס פון „חנה מיט די 7 זין“. דאָס הייסט, ער האָט „אויסגעבאָרגט“ דעם „פּלאַט“ [סוזשעט], און אַבי ס'איז דאָ דער „פּלאַט“, וועט ער שוין „צומאַכן“ אייגענע פּראָזע און — פאַרטיק אַ נייע פּיעסע פאַר פילאַדעלפיע. אין דריי טעג צייט האָט באָריס מיט זיין פאָטער אויפגעמאַכט די פּראָזע פאַר דעם נייעם מייסטערווערק אויס ניו־יאָרק און מיר פאַנגען אָן מאַכן פּראָבע פון „חנה מיט די 7 זין“. מוזיק האָט מען צוזאַמענגעקראַצט שטיקלעך פון אַלע פריערדיקע פּיעסען און מיר זיינען פאַרטיק מיט אַ ניי ווערק פאַר דער יידישער בינע“.

אָבער דאָ ווערט דאָס טאַליאַ־טעאַטער אויסגעדונגען פון גאַרטענשטיינען, און ט. מיט דער טרופּע מוזן צוריקקערן אין דראַמאַטיק־האָל. דאָ קומט דאַמאָלט צו זיי דער אַקטיאָר טאַנטשוק פון ניו־יאָרק, נאָר די קאָנקורענץ פון דער צווייטער טרופּע איז אַזוי שטאַרק, אַז ט.'ס טרופּע הערט אויף שפּילן און ער מיט זיין פרוי פאָרן אָפּ קיין באָסטאָן, וואו זיי טרעטן אַרויס מיט בעסיס שוועסטער רייטשל אין אַ האָל מיט אַ קאָנצערט און פירן אויף דערנאָך „חנה מיט די 7 זין“ אין טשעלסי. צוריקגעקומען אין פילאַדעלפיע, שטעלט זיך ווידער צוזאַמען ט.'ס טרופּע, וועלכע פירט אויף שמ"רס „דער קאַטאָרזשניק“ מיט ט.'ס פאָטער אין דער ראָל פון „עקאָנאָם“.

די קאָנקורענץ פון ביידע טרופּעס האָט זיך פאַרשאַרפט. אָט וואָס בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „גאַרטענשטיין האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָסטער [אַפיש] מיט פעטע אותיות: „עקסטראַ, עקסטראַ! יידן, גייט נישט אין יענעם וואָדערקלאָזעט [אָפּטריט], וואָס זיי רופן טעאַטער, דאָרט שפּילן לצים, נישט קיין עקטערס, לאָזט נישט אויסנאַרן אייער געלט! יידן, אַרבעטער, ליידיס און דזשענטעלמען — קומט צו אונז אין טעאַטער, מיר זיינען רעגעלע קינסטלער.“ באַלד איז דערשינען אַ פּאָסטער מיט נאָך פעטערע אותיות, אַרויסגעלאָזן פון באָריס טאָמאַשעווסקי, אומגעפער בזה הלשון: „יידן, שוועסטער און ברידער! דער ממזר איז אַ בלאָפער, אַ שמאַך און אַ שאַנדע פאַרן כלל ישראל, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. וואָס ער רעדט, איז ווי אַ הונט בילט, און איך קער איבער אַ שוך ונאמר אמן“. און ס'איז געשטאַנען אַ בילד פון אַן איבערגעקערטן שוך אויפן פּאָסטער“.

אויסערדעם איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ מיט די פּיעסען: אַזוי ווי גאַרטענשטיין האָט אַנאָנסירט, אַז ער פירט אויף די פּיעסע „דער סיילאָר [מאַטראָז] אין געפאַר“ פון אַקטיאָר רודאָלף מאַרקס, וועלכער האָט געשפּילט אין גאַרטענשטיינס טרופּע, האָט ט. באַלד אַנאָנסירט, אַז ער פירט אויף זיינע אַן אייגענע פּיעסע „דער מאַטראָז, אָדער, דער גרינער שוסטער“. אָבער צוליב דעם, וואָס רודאָלף מאַרקס איז אַרויס פון דער טרופּע, האָט גאַרטענשטיין זיך צוריקגעצויגן, און ט.'ס טרופּע איז ווידער געבליבן די איינציקע אין פילאַדעלפיע. אַ קורצע צייט שפּילט די טרופּע ווידער אין טאַליאַ־טעאַטער און עפנט אויף איבערן זומער אין דראַמאַטיק־קלוב „אַ קאָנצערט־האַלע“ מיט אַן איינטריט־פּרייז פון 5 און 10 סענט.

פון פילאַדעלפיע פאָרט ט. שפּילן אין באַלטימאָר. אָבער דאָ שטעלט זיך זיין פאָטער אין דער שפּיץ פון אַ צווייטער טרופּע.

וועגן דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער קאָנקורענץ דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „דאָ האָט [האָבן] זיך אָפּגעשפּילט סצענעס צווישן צוויי דירעקטאָרן פון די צוויי קאָמפּאַניעס, אַז קיין גרעסערע קאָמעדיע האָט אפילו מאָליער נישט געקאָנט אויסטראַכטן. דער טאַטע האָט אַדווערטייזט [אַנאָנסירט], אַז נאָר ער איז דער אמתער טאָמאַשעווסקי... דער זון האָט געענטפערט, אַז בלויז ער איז דער אמתער טאָמאַשעווסקי. . דער טאַטע האָט געשריבן, אַז דער זון איז אַ „בן סורר ומורר“. דער זון האָט געענטפערט, אַז דער טאַטע איז „אַ קאַליקע, אַ פּורצע, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אָבער נישט קיין עקטאָר“... עס איז געווען אַ פריילעך שטיקעלע צייט, די יידישע בינע האָט „געבליט“ ווי קראָפּיווע. ביידע קאָמפּאַניעס האָבן געשפּילט, דאָס פּובליקום האָט אָנגעוואוירן דעם חשק צו זען די קאָמעדיע און איז נישט געקומען אין ביידע פּלעצער. מיר האָבן אָפּגעשפּילט די פאָרשטעלונג און איבערגעלאָזן ר' פּנחסן מיט באַלטימאָר און מיר זיינען אַוועק אַהיים, צוריק קיין פילאַדעלפיע“.

אָבער אין פילאַדעלפיע שפּילט עדעלשטיינס ניו־יאָרקער טרופּע. ט. פאָרט דעריבער שפּילן אין פּיטסבורג, קערט דערנאָך צוריק קיין פילאַדעלפיע, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט מיט רודאָלף מאַרקסן און ברענגט צו דער טרופּע די טאַנצמאַנס.

ט.'ס נאָמען ווערט פּאָפּולער אַלס דירעקטאָר, און ס קומען צו אים [1890] שפּילן די באַקאַנטסטע שוישפּילער פון ניו־יאָרק: סאָפיע און משה קאַרפּ, סאָניאַ חיימאָוויטש־היינע [שפּעטער — אַדלער] יעקב פּ. אַדלער און דיינע אַדלער [שפּעטער — פיינמאַן]. דערנאָך פאָרט ט. קיין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט יעקב פּ אַדלער אין סטאַנדאַרט־טעאַטער, ווייטער אין אַ טעאַטער [האָלסטעד סטריט נעבן דעפּיוסטער סטריט] א"נ „אַדלער־טאָמאַשעווסקי־טעאַטער“ און ברענגט אַהין אויך דעם „פּראָפ.“ הורוויץ מיט זיין פּיעסע „דהי דזשאָנסטאַון פלאָד“. פון דאַנען ווערט ט. פאַרבעטן דורך אַדלערן צו שפּילן אין זיין ניו־יאָרקער פּולס־טעאַטער (8־טע סטריט), וואו די פאָרשטעלונגען קומען פאָר נאָר פרייטאָג, שבת און זונטאָג. דאָ ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן ט. און אַדלערן צוליב אַ ראָלע. ווערט אַדלער באַזייטיקט פון פּולס־טעאַטער און ט. ווערט דאָרט דער איינציקער בעל־הבית. אָבער נאָך עטלעכע פאָרשטעלונגען פאַרלאָזט ט. דאָס טעאַטער און פאָרט ווידער קיין שיקאַגאָ וואו ער שפּילט איינינקע וואָכן אין

דזשעפּערסאָן-האָל (דזשעפּערסאָן סטריט. מענ. — רובינשטיין), און דערנאָך אין סטאַנדאַרט-טעאַטער, וואוהין עס קומען אויך צו די ניו-יאָרקער אַקטיאָרן מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, ישראל און סאַבינע וויינבלאַט, שפּעטער אויך אַדלער און סאָניאַ חיימאָוויטש-היינע.

אויפן סעזאָן 1890-91 ווערט ט. מיט זיין פרוי אַנגאַזשירט אין ניו-יאָרקער רומעניע-אָפּערע-הויז, וואו ער ווערט פּאָפּולער צוליב דער ראָלע „יאָזעף" אין לאַטיינערס „גלות רוסלאַנד", און לאַטיינער שרייבט שוין פאַר אים און זיין פרוי אַ ספּעציעלע פּיעסע: „עזרא, אָדער דער עוויגער יודע".

אין סעזאָן 1891-92 האָט ט. ווייטער געשפּילט אין רומעניע-אָפּערע-הויז און דאָ אויפגעפירט יאָזעף לאַטיינערס „אשת חיל, אָדער, די איינגעשפּאַרטע פּרינצעסין". דעם 18 יאַנואַר 1892 איז ט. אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין אַ גאָרדין-ראָלע אַלס „פּאַווליק טרובאַטש" אין גאָרדיקס ערשטער פּיעסע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד" (אונטער דער השגחה פון מחבר), איז אָבער באַלד צוריק איבערגעגאַנגען צום לאַטיינער-רעפּערטואַר („דינהלע, אָדער, אַ גאַסט פון יענער וועלט").

צוליב דער קאָנקורענץ פון די ניי-אָנגעקומענע אַקטיאָרן פון אייראָפּע (בערנשטיין, פישקינד, טאַבאַטשניקאָוו, מערי און בערנאַרד ווילענסקי), וועלכע האָבן געשפּילט אין אַדלערס יוניאָן-טעאַטער, האָט ט. אויפגעגעבן דאָס רומעניע-אָפּערע-הויז און איז פאַרן סעזאָן 1892-93 אַריבער אונטערן מענעדזשמענט פון חיימאָוויטש, אַדאָלף פּרינץ, ליוויי און שיינבערג, אין דעם ביז דאַמאָלטדיקן דייטשן טאַליאַ-טעאַטער, וואו ער האָט אויפגעפירט לאַטיינערס „אַלעקסאַנדער, אָדער, דער קרוינפּרינץ פון ירושלים" (ט. אין דער טיטול-ראָל).

וועגן זיין דערפאָלג אין דערדאָזיקער פּיעסע דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „דעם גרעסטן ערפאָלג אין דער פּיעסע האָט געהאַט מיין מאַן. די ראָלע „אַלעקסאַנדער" האָט אים פאַרשאַפט פילע אָנהענגער. ער איז ערשינען אַלס פּרינץ, אַ סך שענער ווי אַ פּרינץ, איינפאַך דאָס שיינקייט אַליין! זאָגאַר מענער האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון זיין שיינקייט אין דער ראָלע. ער האָט אַלעמען באַצויבערט אַלס „פּרינץ פון ירושלים". איין אָוונט האָט אַ פרוי פון פּובליקום געקריגן אַ נערוון-ערשיטערונג און מען האָט זי געמוזט אַוועקפירן אין אַ האָספּיטאַל. „מיין קעניג", האָט זי געשריגן, „ער איז מיין קעניג, דער שיינער אַלעקסאַנדער"."

אין זעלבן סעזאָן פירט נאָך אויף ט. זיין פּיעסע „איינע נאַכט אין בליקער סטריט, אָדער דאָס אונגליקליכע מעדכען, דראַמאַ מיט געזענגע און טענצע", באַאַרבעט פון דער ענגלישער מעלאָדראַמע „די ווייַדזשעס אָף סין" און לאַטיינערס „קורח'ס אוצרות" און „בת שבע" (דעם 20-סטן אָקטאָבער 1893).

צוליב דער קאָנקורענץ פון שכנותדיקן ווינדזאָר-טעאַטער פירט ט. אויך אויף צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע (24 נאָוו. 1893) זייפערטס אַ „באַאַרבעטונג" פון שעקספּירס „האַמלעט".

ווי אַזוי דער דאַמאָלטדיקער טעאַטער-עולם האָט אויפגענומען די אויפפירונג, דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „דאָס פּובליקום האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס און „די פּלעי" [פּיעסע] האַמלעט איז דאַרום געווען אַ סוקסעס [דערפאָלג] . . . מיר האָבן די פּיעסע געשפּילט עטלעכע וואָכן און געמאַכט גוטע ביזנעס, נאָר איין צרה איז געווען, וואָס דער עולם האָט געקלאַפּט, געשריגן און גערופן דעם פּאַרפאַסער, שעקספּיר,

ער זאָל קומען זיך נויגן פאַרן קוירטן [פאָרהאַנג] . . . מיין גוטע דינסט-מיידל בעקי האָט אונז אַפילו געגעבן אַן עצה מיר זאָלן גרימירן אַ יידן און אים אַרויסשיקן אַלס שעקספּיר, אָבער מיר פלעגן בעטן ביים פּובליקום אַנטשולדיקונג, וואָס שעקספּיר קומט נישט אַרויס זיך נויגן, ווייל ער וואוינט צו וויט, אַזש אין לאָנדאָן, דערפאַר קאָן ער נישט קומען . . . "

באַלד נאָך „האַמלעט" ווערט אויפגעפירט פּראָפ. הורוויץ „יפת-תואר, אָדער בלעמס אייזל".

אין סעזאָן 1894-95 האָט ט. אויפגעפירט לאַטיינערס „קעניג און בויער", הורוויץ „יונה הנביא", יעקב גאָרדיקס „די ליטווישע בריder לוריא" (15 סעפּטעמבער 1894), אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָל „גדליה לוריא", גאָרדיקס „מחמד אונד די יודען אין אַראַביע היסטאָרישע אָפּערע אין 4 אַקטן, מוזיק פון רעוועצענד קוראַנטמאַן" (דעם 18 אָקטאָבער 1894), און זייפערטס „די בת יחידה". בערך אין דער זעלבער צייט איז ט. צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין ניו-יאָרק אַלס „אוריאל אַקאָסטאַ". בעסי טאָמאַשעווסקי שילדערט אַן עפּיזאָד אין צוזאַמענהאַנג מיט יענער פאָרשטעלונג:

„נאָכן שפּילן האָט דער „טאָמאַשעווסקי דראַמאַטיק קלאָב" [אַ קרייז פון ט.'ס. פאַרערער] געפירט מיין מאַן ווי אַ געקרוינטן קיסר איבער די גאַסן און געשריגן „הורריי פאַר טאָמאַשעווסקי!" פאַרבייגייענדיק אַדלערס רומעניען אָפּערע הויז האָבן די באָיעס [בחורים] און מיידלעך געשריגן „הורריי! טאָמאַשעווסקי דער איינציקער אַקאָסטאַ אין אַמעריקע, הורריי!". דאָ האָט פּלוצים אָנגעהויבן רעגנען מיט גאַנצע עמערס וואַסער, נישט פון הימל חלילה, נאָר פון רומעניע אָפּערע הויז און נישט קיין מלאכים האָבן דאָס געטאָן, נאָר אַדלערס פּאַטריאָטן [פאַרערער]. . ."

לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן סעזאָן אויך געשפּילט געוואָרן „קעניג ריטשאַרד דער דריטער. אויפגעפּאַסט [?] פון ב. טאָמאַשעווסקי".

דעם סעזאָן 1895-96 האָט ט. געשפּילט אין ווינדזאָר-טעאַטער (מענ. — פּרינץ און שיינבערג, וועלכע זיינען אַרויס פון טאַליאַ-טעאַטער) און דאָ אויפגעפירט הורוויץ „כוזרי", מאָריס ראָזענפעלדס „דער לעצטער כהן גדול" און יעקב טערס „די זילבערנע האָכצייט", און 1896-97 אין זעלבן טעאַטער: לאַטיינערס „יודעלע" [אין אייראָפּע פּאָפּולער א"נ „יידעלע דער בלינדער"] פיינמאַנס „גבור החייל", די פּיעסע „די הוגענאָטן" און גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק". אָבער אין מיטן פון סעזאָן גייט איבער ט. מיט זיין פרוי צו עדעלשטיינען אין טאַליאַ-טעאַטער. וואו ס'ווערן איינגעאָרדנט „סטאַר-קאָמבינייישאָן-פאָרשטעלונגען" [ט., קעסלער און אַדלער].

וועגן יענער פאַראייניקונג שרייבט ט. אין זיינע זכרונות: „די קלאַסישע פּיעסען [וועלכע קעסלער האָט געשפּילט] האָבן קיין קאַסע-דערפאָלג נישט געהאַט און די געשעפטן זיינען געגאַנגען נישט אַמבעסטן. אין איינער אַ נאַכט טרעף איך זיך מיט אַדלערן אין קאַפעהויז און אַדלער לייגט מיר פאָר אַ פּלאַן מיר זאָלן זיך פאַראייניקן אין אַ דריי-בונד: אַדלער-קעסלער-טאָמאַשעווסקי און מיר אַלע דריי צוזאַמען וועלן איינרייסן אַמעריקע. יונג בין איך געווען, געשעפטן האָבן מיך נישט געקימערט און צו זיין אין אַ דריי-בונד מיט אַדלערן און קעסלערן איז מיר געפעלן געוואָרן, האָב איך אָנגענומען דעם פּלאַן און עדעלשטיין האָט אונז צונויפגעפירט. איך בין אַריבער אין טאַליאַ-טעאַטער און מיר דריי, אַדלער, קעסלער און איך, זיינען אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל

אין גאָרדינס „יידישער גלח". איר קאָנט זיך אין אייער פאַנטאַזיע נישט פאָרשטעלן, וואָס אין ניו־יאָרק, איבערהויפּט אין דער פּאַטריאָטישער טעאַטער־וועלט, האָט זיך אָפּגעטאָן. ספּעקולאַנטאָרס האָבן פאַר בילעטן צענפאַכע פרייזן גענומען. די גאַס, די בויערי פון קאַנאַל סטריט ביז טאַליאַ־טעאַטער, איז געווען באַלאַגערט. פּאָליסלייט אויף פערד האָט מען געמוזט אַרויסשיקן אום אָרדנונג צו האַלטן, כדי די מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט בילעטן פריער פאַרזאָרגט, זאָלן קאָנען צוקומען צום טעאַטער. גלענצענדע געשעפטן האָבן מיר געמאַכט. די צווייטע פאָרשטעלונג איז געווען גאָרדינס „די ליטווישע ברידער לוריא". קעסלער האָט געשפּילט דעם גראָבן־יונג, אַדלער דעם אַלטיטשקן רב און איך גדליה לוריא".

וועגן אָט דער פאָרשטעלונג דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי: „זיינען שוין אַלע דריי סטאַרס אויף דער בינע און עס ווערט לעבעדיק. קעסלער נעמט באַלד אויף דער בינע נאָכקרימען טאָמאַשעווסקין. איך ווער אַ דערשראָקענע, און טאָמאַשעווסקי האָט אַ סצענע, וואו ער וואַרפט צו דער ערד אַ טעלער און צעברעכט עס, וואַרפט ער שוין צוויי טעלער מיטאַמאָל. קעסלער שוויגט נישט און נעמט זיך אויך צו די טעלער, ער איז דאָך עפּעס אויך אַ סטאַר... דערזעט אַדלער, אַז די צוויי סטאַרס וועלן אַוועק מיט סוקסעס, שוויגט ער אויך נישט און ער, דער גוטער, שטילער אַלטיטשקער רב, נעמט זיך אויך צו „סטאַרעווען", צו ברעכן טעלער, הייסט עס... איידער דער אַקט איז געווען צו ענדע, האָבן אונזערע דריי סטאַרס אויסגעבראָכן דאָס גאַנצע געפעס, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער בינע, און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל זיך נעמען צו דער פאָרניטשור [מעבעל]".

ענלעך שילדערט די פאָרשטעלונג ט. אין זיינע זכרונות. דער סוף פון די סטאַר־קאָמבינאַציע־פאָרשטעלונגען איז געווען, אַז נאָך אייניקע וואָכן שפּילן צוזאַמען, איז קעסלער אַוועק קיין שיקאַגאָ און ט. מיט אַדלערן זיינען אַריין אין ווינדזאָר־טעאַטער, וואו ט. (מיט זיין פרוי) שפּילט 1897־99 און דאָ פירט ט. אויף צווישן אַנדערע בילדערס פּיעסע „אַנטיגנוס דער העלד".

לויט ב. גאָרין איז אין 1898 אויך אויפגעפירט געוואָרן טערס און ט.׳ס „דער שד, אָדער, דער זכות פון שבת קודש".

נאָכדעם ווי קעסלער איז צוריקגעקומען און שפּעטער ווידער אַרויסגעטראָטן פון דער טרופּע, ווערן ווידער איינגעאָרדנט „סטאַר־קאָמבינאַציע־פאָרשטעלונגען" מיט ט. און אַדלערן. אין זעלבן סעזאָן האָט ט. אויך די געלעגנהייט צו שפּילן מיטן גאַסטראָלירנדיקן מאָריס מאָריסאָן.

אין משך פון דער צייט ווערט דאָרט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „דודל משורר" (מיט ט. אין דער טיטול־ראָל), לעאָן קאָברינס פּיעסע „מינאַ" (וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג), גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת" (אין וועלכער ט. האָט זיך באַזונדערס קונה שם געווען אַלס „שמשון אייזנשטאָל"), און זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסע „די שוואַרצע חופּה, אָדער, דער יידישער מאַרטירער" [שפּעטער פּאָפּולער אונטער די נעמען „דער ישיבה־בחור, אָדער, דער יידישער האַמלעט"], אין וועלכער ט. שפּילט „אביגדורל".

אין סעזאָן 1899־1900 ווערט ט. אַ שותף צו עדעלשטיין אין פּיפּלס־טעאַטער, וואו ער שפּילט דריי סעזאָנען צוזאַמען מיט אַדלערן, אַרויסטרעטנדיק אויך אין אַ נייעם רעפּערטואַר, דערונטער אין גאָרדינס „דער גאון" [27 נאָוועמבער 1900] און „די יידישע געטאָ".

נאָך אַדלערס גרויסן דערפאָלג אין טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש", פירט ט. אויף צוויי לאַטיינער־פּיעסן: „די 400 יאָר" און „גבריאַליקל" [פּאָפּולער אין אייראָפּע אונטערן נאָמען „כינקע פינקע", וועלכע איז שפּעטער, פונקט ווי „דאָס פינטעלע ייד", געוואָרן אַ סינאָנים פאַר שונד אין יידישן טעאַטער]. דאָ ברעכט אויס אַ שטרייק מצד די יוניע־אַקטיאָרן, און ט., צוזאַמען מיט זיינע שותפים־אַקטיאָרן; בעסי טאָמאַשעווסקי אַדלער און פרוי, פּאַולינאַ עדעלשטיין, און די נישט־יוניע־אַקטיאָרן: קאַצמאַן, יעקב פרענק מ. ד. וואַקסמאַן, מאָרגענבעסער און פרוי בעלאַ גודינסקאַ און סאַבינאַ וויינבלאַט בלייבן שפּילן אין קאַמף קעגן אַלע יוניעס. אָבער נאָך עטלעכע וואָכן גיט ט. זיך אונטער און די יוניע־אַקטיאָרן, צוזאַמען מיט די בינע־אַרבעטער, טרעטן צוריק אַריין אין טעאַטער.

אין 1901 פאָרט ט. מיט זיין פרוי קיין אייראָפּע און פירט אויף ביי דער געלעגנהייט אין בערלין לאַטיינערס „דודס פידעלע" לטובת די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן.

צוריקגעקומען אין אַמעריקע, שפּילט ער ווייטער מיט אַדלערן אין פּיפּלס־טעאַטער. און נאָך אַדלערס אַרויסטריט פון טעאַטער בלייבט ער אַליין שותף מיט עדעלשטיין און פירט אויף מיט גרויס דערפאָלג שמ"רס „די גאָלדענע מדינה".

וועגן יענער צייט דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „מיין מאַן האָט זיך איינגעפּיקסט [איינגעאָרדנט] זיין דרעסינג־רום [גאַרדעראָב־צימער] ווי אַן אמתער תושב, גאָר־גאָר אויפן אַרטיסטישן שטייגער. אַן אמתע סטאַר־דרעסינג־רום איז דאָס געווען, טאַקע מיט אַלעם גוטן: גאָלדענע שפּיגלען, טייערע בלויע טייפּעסטרי [טאַפּעטן], לעמפּלעך אין אַלע קאָלירן, רייכע מעבל, פאַסיקע, שיינע קאַרפּעטס [דיוואַנען] און אַנדערע גוטע זאַכן. עס איז געווען אַ פּרעכטיקע דרעסינג־רום".

אין דער זעלבער צייט האָט ט. אויפגעפירט שמ"רס „די יידישע אימיגראַנטן", וועלכע האָט געהאַט אַ ריזיקן מאַטעריעלן דערפאָלג. לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן סעזאָן נאָך געשפּילט געוואָרן ט.׳ס פּיעסע „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק".

דעם קומענדן סעזאָן רופט אָן בעסי טאָמאַשעווסקי „דער גרינער סעזאָן": „דאָס הייסט דער ווינטער, וואָס פּיפּלס־טעאַטער האָט זיך געבאָדן אין גאָלע „גרינס": „די גרינע מויד" (געמאַכט פון אַן ענגלישע[ר] מעלאָדראַמע „רייטשל גאָלדשטיין") „די גרינע קינדער", „דאָס גרינע ווייבל אָדער, דער יידישער יענקי דודל" (אַנטליען פון אַב. קאַהאַנס נאָוועלע „יעקל דער יענקי") און „דער גרינער בחור", קורץ — אַ גרינער סעזאָן מיט אַ סך ג ינע דאָלאַרס אין די צענדליקע[ר] טויזנט".

דעם 7 נאָוועמבער 1902 האָט ט. אויפגעפירט לעאָן קאָברינס דראַמע „דער פאַרלוירענער גן־עדן". אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָלע „בעני ליידמאַן".

זיין דערפאָלג אין דערדאָזיקער ראָל האָט געהאַט אַ ווירקונג אויפן אויסוואַל פון זיין ווייטערדיקן רעפּערטואַר. וועגן דעם שרייבט לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות: „טאָמאַשעווסקיס ערפאָלג אין „דער פאַרלוירענער גן־עדן" האָט געפירט דערצו אַז עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער דערנאָ־ אויפגעפירט די בעסערע פּיעסען. זעלטן אַ פּיעסע פון דעם אַנדערן סאָרט... עס איז אַ פאַקט, אַז צו יענער צייט האָט ער אָפט אויפגעפירט בעסע ע פּיעסען איידער אַדלער צי קעסלנר אין זיי־רע טעאַטערס. ...אין יענער צייט האָבן אַזעלכע אָנגעזעענע אַמעריקאַנישע שריפטשטעלער ווי די

נאָרמאַן האַפּגודס און האָטשקינס און ווי זשאַן קאָרבין, אָפּט געשריבן אַרטיקלען איבער דעם שפּילן פון טאָמאַשעווסקי און זיין קאָמפּאַניע".

וועגן ט.׳ס שפּילן אַלס „בעני ליידמאַן" שרייבט קאָברין: „די־דאָזיקע פּיעסע, אָן גוזמא, איז געווען דער גרעסטער קינסטלערישער ערפאָלג אין זיין קאַריערע אַלס אַקטיאָר. . .טאָמאַשעווסקי האָט דווקא געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק אויפן עולם מיט אַזעלכע טענער, וואָס קיין מער מענטשלעכע האָט די יידישע בינע קיינמאָל נישט געהערט. טענער, וואָס זיינען פון ליידן געבראָכן געווען, און טענער, וואָס אין זיי האָט די צאַרטסטע ליבע געלאַסטשעט און זיך געצאַפּלט; טענער, וואָס זיינען מיט גאַל אָנגעזאַפּט געווען, און טענער, וואָס זיינען פריילעך און העל געווען, אַזוי ווי מיט זון אָנגעזאַפּט; טענער, וואָס האָבן געסטראַשעט, און טענער, וואָס האָבן פאַרצווייפלט געבעטן; רוגזהדיקע טענער, אין וועלכע אַ צערייצטער קרעכץ האָט געשריען, און פאַרשטיקטע, שכורע טענער, אין וועלכע די פאַרצווייפלונג האָט זיך געשטיקט".

דעם 4 דעצעמבער 1902 האָט ט. אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין יידיש געטעס „פאַוסט" (איב. לעאָן קאָברין) שפּילנדיק די ראָל „מעפיסטאָ", אָבער די פּיעסע איז באַלד אַראָפּ פון אַפיש. דעם 23 יאַנואַר 1903 האָט ער אויפגעפירט א. מעסקאָס פּיעסע „תחית המתים, אָדער צווישן הימל און ערד", דעם 12 פעברואַר 1903 — זאָלאָטאַרעווסקיס איבערזעצונג „דער בית המדרש אונטער דער ערד, אָדער, די יידישע שטראַסן־זינגערין", [אַ פאַריידישטע דראַמאַטיזירונג פון וויקטאָר הוגאָס „גלאָקנציער פון נאָטער־דאַם"]; דעם 10 אַפּריל 1903 — נ. ראַקאָווס „די שבועה ביים ספר תורה, אָדער, דער יידישער ראָמעאָ און יוליאַ" און האָט פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיט דער אויפפירונג פון לעאָן קאָברינס סימבאָלישער פּיעסע „גאָט און דער טראָסט".

דעם 23 אָקטאָבער 1903 האָט ט. אויפגעפירט אין מ. גאָלדבערגס יידישער איבערזעצונג וויליאַם שעקספּירס טראַגעדיע „קעניג ליר", וואָס איז אָבער באַלד אַראָפּגענומען געוואָרן, און דעם 6 נאָוועמבער 1903 לעאָן קאָברינס דראַמע „דער בלינדער מוזיקאַנט", וועלכע איז פאַרבליבן אין זיין רעפּערטואַר.

דעם 6 מאַי 1904 האָט ער אויפגעפירט אין מ. גאָלדבערגס יידישער איבערזעצונג לעאָן מאַנטעלס באַאַרבעטונג פון ריכאַרד וואַגנערס „פאַרסיפאַל", וואָס איז באַלד אַראָפּ פון דער בינע, דעם 23 דעצעמבער 1904, אונטער דער השגחה פון איזראַאיל זאַנגוויל קאָברינס איבערזעצונג פון איזראַעל זאַנגווילס „די קינדער פון דער געטאָ" און שפּעטער לעאָן קאָברינס פּיעסע „די צוויי שוועסטער".

דעם 8 פעברואַר 1907 האָט ט. אויפגעפירט שלום עליכמס פּיעסע „אידישע טעכטער", וועלכע האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, און באַלד דערויף, דעם 21 פעברואַר 1907, זיין אייגן „פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, מוזיק פון פרידזעל", אונטערן נאָמען „די לעמבערגער מויד, אָדער, דער נייער סטאַר", וועלכע האַלט זיך אויך נאָר אַ קורצע צייט אויפן אַפיש. דעם 7 אָקטאָבער 1907 פירט ער אויף אָסיפ דימאָווס „שמע ישראל" (איבערזעצט פון ז. קאָרנבליט), וועלכעס ווערט זייער שטאַרק געלויבט פון דער קריטיק, און דעם 9 נאָוועמבער 1907, אין זיין אייגענער איבערזעצונג [?], גערהאַרד הויפּטמאַנס דראַמע „די וועבער". וועגן דער אויפפירונג גיט איבער בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „יענעם סעזאָן פירן מיר אויף „די וועבער" און מאַכן גרויס ערפאָלג. אָבער באַלד נאָך „די וועבער" — ווידער די זעלבע פּיעסעלעך, וואָס ברענגען די טולערס. אַזוי האָט זיך מיין מאַן געפירט שטענדיק, איינע אָדער צוויי פּיעסן גוטע — זאָל די פּרעסע האָבן פאַרוואָס צו לויבן, און דאַן ווידער שפּילן פּיעסן, וואָס דער גרויסער עולם האָט ליב און צאָלט דערפאַר אַ סך געלט, דאָס הייסט: זיין אי צו גאָט און אי צו לייט".

זומערצייט שפּילט ט. אין זיין אייגענעם זומער־טעאַטער „טאָמאַשעווסקיס פּערעדייז גאַרדן" אין זיין זומער־ווילע.

אין זיין ווייטערדיקן רעפּערטואַר האָט ט. אַריינגענומען ליבינס „דער טרוימער" און אברהם גאָלדפאַדענס „בן־עמי" [25 דעצעמבער 1907].

„בן־עמי" איז געווען גאָלדפאַדענס לעצטע פּיעסע. וועגן ט.׳ס אויפפירונג דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי: „דער פאָטער פון דער יידישער בינע אברהם גאָלדפאַדען האָט געפילט, אַז „בן־עמי" איז זיין לעצטעס ווערק און ער האָט דאָס אומצעליקע מאָל ווידערהאָלט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין לעצט שטיק זאָל נישט זיין קיין האָפּקע־פּיעסע וואו די מוזיק שפּילט אָן אַ פאַרוואָס. ער האָט דערום פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויפפירן „בן־עמי" אַלס אַ דראַמע, אָן מוזיק, אָבער דער דירעקטאָר פון טעאַטער האָט געהייסן „מאַכן מוזיק" און עס איז געבליבן ווי דער דירעקטאָר האָט געהייסן און נישט ווי דער פאַרפאַסער האָט געוואָלט. ביים אָנפאַנג איז די פּיעסע געווען אַ דורכפאַל מען האָט זי שוין געוואָלט אפילו אַראָפּנעמען פון דער בינע און שטעלן אַן אַנדערע, אָבער גאָלדפאַדען ווערט דאַן פּלוצים שטאַרק קראַנק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט דער קאַלטער טויט און רויבט אים אַוועק פון דער וועלט. גאָלדפאַדען שטאַרבט און מיט זיין טויט „בומט" [רעקלאַמירט] ער זיין לעצטעס ווערק. די פּיעסע „בן־עמי" ווערט אַ סוקסוס און „לויפט" [ווערט געשפּילט] אַ פערצען וואָכן „סטרייט" [כסדר]".

ענלעך שרייבט וועגן דעם ב. גאָרין.

גאַנץ אַנדערש דערציילט ט. אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן דער פּיעסע: „איך [ט.] האָב דאָס ווערק אויפגעפירט טריי נאָך די פאָדערונגען ווי גאָלדפאַדען האָט עס אויפגעשריבן. צו די לעצטע צוויי פּראָבן איז גאָלדפאַדען געקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער לאָזשע און באַוואונדערט די פּראָבן. — טאָמאַשעווסקי — האָט ער מיר געזאָגט — איר האָט מיר געזאָגט אַז מיר וועט מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר מיין „בן־עמי", און איך זאָג, אַז אייך דאַרף מען אָנטאָן אַ קרוין פאַר די [דער] אויפפירונג פון מיין „בן־עמי". איך זע ביי די פּראָבן, אַז איר האָט מיינע געשריבענע מענטשן לעבעדיק געמאַכט, איר האָט מיינע געדאַנקען אַ נשמה אַריינגעגעבן. . . און „בן־עמי" איז אויפגעפירט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג איז די באַגייסטערונג געווען אַ שטורמישע. מען האָט אַרויסגערופן גאָלדפאַדענען אין די צענדליקער מאָל פאַרן פאָרהאַנג".

דעם 11 סעפּטעמבער 1908 פירט ט. אויף פראַנץ מאָלנאַרס „דער טייוול" (אין דער באַאַרבעטונג פון רודאָלף מאַרקס), אין וועלכן ער שפּילט די טיטול־ראָל, דעם 9 אָקטאָבער 1908 זיינע אַ באַאַרבעטונג פון אַדאָלף פיליפּס פּיעסע „דער גראָסערי מאַן" (קאָרנער גראָסער), דעם 19 אָקטאָבער 1908 זיין באַאַרבעטונג [?] פון סעמיאָן יושקעוויטשעס דראַמע „דער קעניג" (שפּילנדיק די טיטול־ראָל), דעם 6 נאָוועמבער 1908 לאַטיינערס „דער גנב, אָדער, דער יידישער בירגערמייסטער" און דעם 27 נאָוועמבער 1908 יעקב גאָרדינס לעצטע פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ, אָדער, דער וואַנזין נאָך

געלט״ [ט.׳ס קאָנקורענץ־טעאַטער (יעקב פּ. אַדלער אין ווינדזאָר־טעאַטער) פירט גלייכצייטיק אויף גאָרדיקס אַ פּיעסע „דער משוגעת אין אַמעריקע״, וועלכע ווערט אַ וואָך שפּעטער אויך אַנאָנסירט אונטערן נאָמען „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״. אָבער יעקב גאָרדין פּאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין דער פּרעסע, אַז זיין פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״ האָט קיינער קיין רעכט נישט צו שפּילן אויסער טאָמאַשעווסקי, און אַז די פּיעסע וועלכע ווערט געשפּילט אין ווינדזאָר־טעאַטער, איז באמת גאָרדיקס אַן אַלטע פּיעסע „אַמעריקע״, וועלכע איז מיט 8 יאָר צוריק שוין געשפּילט געוואָרן אָן זיין נאָמען].

וועגן דער אויפפירונג פון „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״ שרייבט ב. גאָרין : „דידאָזיקע פּיעסע האָט פריער אָפּגעקויפט קעסלער, אָבער אין מיטן האָט ער זיך דערשראָקן און חרטה געקריגן. נאָכדעם האָט זיך טאָמאַשעווסקי אונטערגענומען אויפצופירן די פּיעסע, און נישט זייענדיק זיכער ווי אַזוי דער עולם וועט זי אויפנעמען, האָט ער פריער געגעבן אַ פאָרשטעלונג אויף דער פּראָווינץ און ערשט נאָכדעם אויפגעפירט אין פּיפּלס־טעאַטער. די פּיעסע האָט נישט אויסגענומען און דאָס האָט פאַרשאַפט איבריקן שברת הלב דעם רעפּאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן״.

ט. אַליין שרייבט וועגן דער אויפירונג פון דער לעצטער גאָרדין־פּיעסע : „מיט יעקב גאָרדין האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל זיך נישט מישן צו דער אויפירונג פון דער פּיעסע [גאָרדין פלעגט אַליין רעזשיסירן זיינע פּיעסן, אָדער לכל הפחות זיינען זיי געשטעלט געוואָרן לויט זיינע אָנווייזונגען]. איך אַליין האָב די פּיעסע אויפגעפירט און יעקב גאָרדין איז ביינאַכט געקומען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פּונקט ווי אַ פרעמדער טעאַטער־באַזוכער. ער האָט זיך מיט זיין פאַמיליע אַריינגעזעצט אין אַ לאָזשע און באַוואונדערט זיין פּיעסע. אין דעם דריטן אַקט האָט מען יעקב גאָרדין אַרויסגערופן מיט הארצלעכע אַפּלאָדיסמענטן, יעקב גאָרדין האָט געדאַנקט דעם אַפּלאָדירנדיקן עולם און מיר געדאַנקט פאַר דער אויפירונג און זיך אויסגעשפּראָכן, אַז פון אַלע פּיעסן, וואָס ער האָט אויפגעפירט אין ניו־יאָרק, איז נאָך קיין פּיעסע אַזוי רעאַל אויפגעפירט געוואָרן און אַזוי שיין געשפּילט געוואָרן״.

אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער״ קומט ב. גאָרין צום אויספיר, אַז דער דורכפאַל פון „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״ איז געווען ווי אַ סיגנאַל, אַז די דאַמאָלדיקע עפּאָכע פון דער בעסערער דראַמע אויף דער יידישער בינע האָט זיך געענדיקט״. און פאַקטיש פירט ט. אויף דעם 11 דעצעמבער 1908 זיין „פאַמיליען־דראַמע אין 4 אַקטן „דער מאַמע׳ס קינד״. מוזיק פון פרידזעל״. ב. גאָרין שרייבט : „דער לאַנגער קאַמף צווישן די מוזיק־האָלס [וואָדעוויל־הייזער] און די טעאַטערס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר די לעצטע. טאָמאַשעווסקי האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען און ער האָט נישט פאַרזאַמט די געלעגנהייט און איז באַלד אַרויסגעטראָטן [1908] מיט טערס אַ שטיק „די יידישע נשמה״ [„די אידישע נשמה, אָדער, בעריל קאָכלעפעל, אַ מוזיקאַלישע דראַמע אין 4 אַקטען, בעאַרבייט פון ב. טאָמאַשעווסקי״, פערלאַג „מעלאדיע״, וואַרשע תר״ע 56 ז 16°]. דער חשבון איז דאָ פון אויבן אויף און דריקט זיך אָפּ אויס אין דעם נאָמען. אויב די טעאַטער־באַזוכער האָבן זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אָן אַ יידיש האַרץ [לאַטיינערס פּיעסע „דאָס יידישע האַרץ״ איז דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן מיט אַ ריזיקן דערפאָלג דורך קעסלערן אין טאַליאַ־טעאַטער] וועלן [זיי] זיך אויך אָנכאַפּן אָן אַ יידישע נשמה, און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט. זיין [טערס] שטיק האָט געהאַט נישט קיין קלענערן ערפאָלג ווי קעסלערס. דער לעצטער האָט טריומפירט דעם ערשטן האַלבן סעזאָן און ער [ט.] האָט טריומפירט דעם צווייטן האַלבן סעזאָן. אָבער דערמיט האָט זיך טאָמאַשעווסקי נישט באַנוגענט ער האָט איצט געהאַט מער צייט און ער האָט זיך אונטערגענומען צו דערווייזן, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שטיק מיט קונצן, וועט ער אַלע אַנדערע דירעקטאָרן אויסטרייסלען פון אַרבל, און טאַקע צום קומענדן סעזאָן [29 סעפּט. 1909 — אָבער נאָך פאַר דעם, דעם 11 פעברואַר 1909, האָט ט. אויפגעפירט זיין קאָמעדיע „אין קאָלומבוסעס מדינה״] האָט ער צוגעגרייט זייפערטס אַ שטיק אונטערן נאָמען „דאָס פּינטעלע ייד״, אַלץ אויף דעם זעלבן סמך, אַז עס האָבן אויסגענומען „יידישע האַרץ״ און „יידישע נשמה״, דאַרף „פּינטעלע ייד״ געוויס נושא חן זיין, און ער האָט געוואוסט, וואָס ער טוט. דער ערפאָלג פון „פּינטעלע ייד״ האָט איבערגעשטייגט אַלץ, וואָס איז ביז דאַמאָלט געווען אין יידישן טעאַטער. עטלעכע און צוואַנציק וואָכן נאָכאַנאַנד, דאָס הייסט, כמעט אַ גאַנצן סעזאָן, האָט זיך דאָס שטיק געהאַלטן און האָט אַריינגעבראַכט אַן אוצר געלט. אינטערעסאַנט איז דערביי צו באַמערקן, אַז מ. זייפערט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד פון דעם שטיק״.

[„דאָס פּינטעלע ייד״, וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן „פון באָריס טאָמאַשעווסקי, סוזשעט פון מ זייפערט, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״, איז באַלד דערויף געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע אַלס ט.׳ס פּיעסע און איז דאָרט סעזאָנען לאַנג געשפּילט געוואָרן דורך אַלע יידישע טרופּעס, אַראָפּווישנדיק דעם גאַנצן דראַמאַטישן און מעלאָ־דראַמאַטישן רעפּערטואַר. די פּיעסע איז אויך שפּעטער דערשינען אין וואַרשע נישט קאָנטראָלירט פון מחבר אָדער באַאַרבעטער].

און ב. גאָרין שרייבט ווייטער : „נאָך דעם „ניכט־דאַ־געוועזענעם״ ערפאָלג פון „פּינטעלע ייד״ האָט זיך פשוט אָנגעהויבן אַ חוכא וטלולא איבער דער בעסערער דראַמע. אין דעם קאַנטאָר פון יעדן טעאַטער האָט מען חוזק געמאַכט פון יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר דערמאַנט די בעסערע פּיעסן. ביי די אַנדערע דירעקטאָרן זיינען איצט ממש די אויגן אַרויסגעקראָכן פון קנאה און זיי האָבן געזוכט און געאַקערט אַ שטיק, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיטן „פּינטעלע ייד״.״

אין 1909 פּרובט אויך ט. זיינע פעאיקייטן אויפן ליטעראַריש־פאַרלעגערישן געביט : ער גרינדעט אַ טעאַטער־וואָכנבלאַט „די אידישע ביהנע, אַ וואָכענבלאַט געווידמעט אַלע צווייגען פון דער אידישער דראַמאַ און אידישע מוזיק״. דאָס וואָכנבלאַט צום פּרייז פון 2 סענט אַ נומער, צו 8 זייטן צייטונגס־פאָרמאַט, איז דערשינען פון 19 נאָוועמבער 1909 ביז 29 אַפּריל 1910 [איין איינציקער פולשטענדיקער עקזעמפּלאַר געפינט זיך ביי דוב־בער טירקל אין פילאַדעלפיע].

אין וואָכנבלאַט האָט ט. געדרוקט מערערע אַרטיקלען און זכרונות וועגן יידישן טעאַטער און אויך אייניקע פאָרטזעצונגען פון זיינעם אַ נישט־פאַרענדיקטן ראָמאַן „צוויי שוועסטער, אָריגינעלער ראָמאַן פון דעם אידישען טהעאַטער לעבען״. אויסער ט.׳ס אַרבעטן זיינען דאָרט פ ר עפנטלעכט געוואָרן פיל טעאַטער־נייעס, אַרטיקלען וועגן טעאַטער, געשריבן פון אַנדערע, קאָרעספּאָנדענציעס פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער וועגן יידישן טעאַטער, ביאָגראַפיעס

און ביאָגראַפֿישע נאָטיצן וועגן יידישע אַקטיאָרן און רעצענזיעס פון אויפֿירונגען אין יידישן טעאַטער.

אין דעצעמבער 1909 איז אין דעם זשורנאַל אויך אַנאָנסירט געוואָרן ט.׳ס פּלאַן צו גרינדן אַ טעאַטער־שול. די שילער האָבן געדאַרפט איינצאָלן שכר־לימוד 200 דאָלאַר אַ יאָר אין ראַטעס. אין דעם דאָרט אָפּגעדרוקטן פאָרמולאַר פון דער אַפּליקאַציע, וואָס די שילער האָבן געדאַרפט אויספילן, ווערט שטאַרק באַטאָנט די נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכער אויסשפּראַך אויף דער יידישער בינע. פון דעם פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרן.

דעם 17 יאַנואַר 1910 איז אין פּיפּלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ט.׳ס „די שיינע אַמעריקאַנערין״, לויטן סוזשעט פון שעקספּירס „די טיימינג אָף די שרי״, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל, דעם 26 אויגוסט 1910 — „די [דער ?] ניו־יאָרקער באָרדער״ [באָרדערס ?] (קאָמעדיע־דראַמע), דעם 13 אָקטאָבער 1910 — „דער פּוילישער ייד״, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל, וואָס איז שפּעטער זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, דעם 10 נאָוועמבער 1910 — „דער משומד״ (אַדאָפּטירט פון הערמאַן רייבאַך), דעם 16 מערץ 1911 — „יעקבס קינדער, דראַמע, אַנטנומען פון רוסישן, באַאַרבעט פון באָריס טאָמאַשעווסקי״, און דעם 13 אַפּריל 1911 זיין אָפּערעטע „דאָס דאָרפס־מיידל, סוזשעט פון ראַקאָוו, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״.

פון צייט צו צייט האָט ט. אויך אויפגעפירט פּיעסן פון קאָברין, ליבין און זאָלאָטאַרעווסקי. אַזוי האָט ער רעזשיסירט און געשפּילט די הויפּטראָלן אין קאָברינס „פּרויען־ליבע״ (27 אויגוסט 1909), זאָלאָטאַרעווסקיס „דאָס צווייטע ווייב״ [אין ט.׳ס באַאַרבעטונג], קאָברינס „דער שטורעם פון לעבן״ (16 סעפּט. 1910) און ליבינס „גערעכטיקייט״ (23 דעצעמבער 1910).

זומער 1911 איז ט. אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע און געשפּילט איינציקע פאָרשטעלונגען איז יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן.

דעם סעזאָן 1911־1912 האָט ט. געעפנט דאָס פּיפּלס־טעאַטער מיט אברהם שאָמערס פּיעסע „אייקעלע מזיק״, וועלכע ער האָט נאָר רעזשיסירט. די הויפּטראָל איז געשפּילט געוואָרן פון רודאָלף שילדקרויט, וועלכן ט. האָט אַנגאַזשירט אין דער טרופּע און מיט אים אין דער טיטול־ראָל אויך אויפגעפירט דעם 27 אָקטאָבער 1911 ז. ליבינס „דער געדאַנקען־לעזער״. דעם 6 אָקטאָבער 1911 האָט ט. אויפגעפירט „די נשמה פון מיין פאָלק, אָדער, דער אונגאַרישער זינגער, אָפּערעטע פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״. די אָפּערעטע איז באַלד דערויף מיט אַ גרויסן דערפאָלג געשפּילט געוואָרן איבער אַלע יידישע בינעס פון דער וועלט. און זי איז, אָן דער ידיעה פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע א״נ „די נשמה פון מיין פאָלק (די נשמה פון ישראל), אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון נ. ראַקאָוו [!], פערלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשא 1926״ [40 ז. 16°].

דעם 30 נאָוועמבער 1911 האָט ט. אויפגעפירט ליבינס פּיעסע „בלינדע ליבע״, וועלכע ער האָט אויך אין די שפּעטערע סעזאָנען זייער אָפט געשפּילט, און דעם 28 דעצעמבער 1911 — דר. טעאָדאָר הערצלס „די נייע געטאָ״ אין מיטן פעברואַר 1912 איז שילדקרויט אַרויס פון דער טרופּע און ט. איז ווידער געוואָרן דער הויפּט־שפּילער פון דער טרופּע. דאָ האָט ער דעם 22 פעברואַר 1912 אויפגעפירט ז. ליבינס „פרעמדע קינדער״ און דעם 31 מערץ 1912 „די רייזע נאָך אַמעריקע פון באָריס טאָמאַשעווסקי, סוזשעט פון דר. שניצער, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״.

דער סעזאָן 1912־13 האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ טראָסט צווישן טאָמאַשעווסקי־אַדלער און ט. איז אַ קורצע צייט אַרויסגעטראָטן אין אַדלערס פּיפּל־טעאַטער אין זיין שוין פריער־געשפּילטן רעפּערטואַר. דורך דער צייט איז אויפגעבויט געוואָרן (אויף האוסטאָן סטריט און סעקאָנד עוועניו) דורך לואי מינסקי און מאַקס ב. סטויער אַ ניי טעאַטער א״נ „אַדלער־טאָמאַשעווסקיס נעשאַנאַל טעאַטער״ מיט אַדלער און טאָמאַשעווסקי אַלס אַרענדאַטאָרן (ליסערס) און דירעקטאָרן און מיט מאַקס ר. ווילנער און יאָזעף עדעלשטיין אַלס גענעראַל־מענעדזשערס. דאָס טעאַטער איז פייערלעך געעפנט געוואָרן דעם 24 סעפּטעמבער 1912 מיט אַ יום־טובדיקער פאָרשטעלונג, אין וועלכער ס׳זיינען געשפּילט געוואָרן איינצעלנע אַקטן פון ז. ליבינס „בלינדע ליבע״ (מיט באָריס טאָמאַשעווסקי), שעקספּירס „שיילאָק״ (מיט יעקב פּ. אַדלער) און יעקב גאָרדינס „שלמהקע שאַרלאַטאַן״ (מיט דוד קעסלער). צומאָרגנס, דעם 25 סעפּטעמבער 1912, האָט ט. אויפגעפירט זיין אָפּערעטע „די יידישע קרוין, סוזשעט פון ראַקאָוו, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״. די אָפּערעטע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט כמעט אויף אַלע יידישע בינעס. די פאָרשטעלונגען פלעגן איצט איינגעטיילט ווערן צווישן אַדלערן און ט.׳ן: טיילמאָל פלעגט אַדלער אויפירן זיין רעפּערטואַר און ט. פלעגט אַרויספאָרן שפּילן אויף דער פּראָווינץ און טיילמאָל פאַרקערט.

דעם 13 דעצעמבער 1912 האָט ט. אויפגעפירט זאָלאָטאַרעווסקיס „דער איינציקער זון״ און פאָרט דערנאָך אָפּ אויף אַ לענגערן טורנע איבער דער פּראָווינץ, וואו ער פירט אויך אויף צום ערשטן מאָל לעאָן קאָברינס קאָמעדיע „ברייטש אָף פּראָמיס״, שפּילנדיק די הויפּטראָל „בערטשיק״, אונטער וועלכן נאָמען („בערטשיק אין אַמעריקע״) די קאָמעדיע ווערט אויך שפּעטער געשפּילט. צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק, פירט ער אויף די זעלבע קאָמעדיע דעם 21 פעברואַר 1913 אין נעשאַנעל־טעאַטער. נאָכן שטרייק (אין מערץ 1913) פירט ט. אויף, דעם 22 אַפּריל 1913, זאָלאָטאַרעווסקיס מוזיקאַלישע דראַמע „די יידישע פאָן, אָדער, מיין נאַציאָן, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״, און פאָרט אָפּ אין מאַי 1913 קיין אייראָפּע, וואו ער נעמט אויך מיט זיין ניי אויפגעשריבענע אָפּערעטע „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע״.

וועגן דער דאַמאָלטדיקער לאַגע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו ט.׳ס אָפּפאָרן, שרייבט ב. גאָרין: „אין ניו־יאָרק איז דאָס יאָר געווען אַן אויסכאַפּעניש אויף טעאַטערס. די מוזיק־האָלס, וואָס זיינען איצט געווען אינגאַנצן אויסגעשפּילט, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין טעאַטערס און אין ניו־יאָרק האָט מען דעם סעזאָן אָנגעציילט אַ גאַנצן צענדליק. די דירעקטאָרן פון די גרויסע טעאַטערס האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ טראָסט, און קעגן אַלע ערוואַרטונגען האָבן זיי עס דורכגעפירט, איידער זיי האָבן צייט געהאַט גוט צו באַטראַכטן זיך. דער חשבון איז געווען, אַז ווען זיי וועלן אַלע זיין צוזאַמען און נישט דאַרפן קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, וועט נישט זיין נויטיק צו האָבן אַ באַזונדער טעאַטער פאַר יעדן שטערן. עס האָט זעלטן געטראָפן, אַז אַלע טעאַטערס זאָלן האָבן אין זעלבן סעזאָן גרויס שפע, און געווינלעך, ווען איינער אָדער צוויי גרויסע טעאַטערס האָבן זייער גוט אויסגעמאַכט, איז דער דריטער געווען אויף צרות. מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן אין וועלכן טעאַטער די מזל ברכה וועט אַריין דער ערשטער אויפטו איז געווען צו באַגרעניצן

די צאָל גרויסע טעאַטערס אויף צוויי און די שטערן האָבן זיך אַריינגעקליבן אין די צוויי גרויסע טעאַטערס. טאַליאַ-טעאַטער איז געבליבן שטיין ליידיק און פיפּלס איז פאַרדונגען געוואָרן פאַר גויישע פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען פון איין זייט אַן עקאָנאָמיע און פון דער צווייטער זייט האָט דער נייער פּלאַן באַפרייט אַ שטערן פון שפּילן אין ניו-יאָרק און ער האָט געקאָנט אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ און מאַכן פאַרן טראָסט בעסערע געשעפטן, ווי ווען ער איז געשטאַנען אין אַ באַזונדער טעאַטער אין ניו-יאָרק. אַ חוץ דעם האָבן די דירעקטאָרן געהאָפט, אַז צוזאַמען וועלן זיי קאָנען אויפהייבן אַ קאָפּ קעגן דער אַקטיאָרן-יוניאָן און דיקטירן איר זייערע באַדינגונגען, און טאַקע איידער דער טראָסט איז אַלט געוואָרן עטלעכע חדשים, האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין זייערע ביידע טעאַטערס. . . דער טראָסט האָט געדויערט איין סעזאָן און די נאָכווייעניש האָט אָנגעהאַלטן נאָך אַ קאַרגן סעזאָן. כּדי צו פאַרבעסערן זייער אייגענע מערכה, האָבן זיך קעסלער און טאָמאַשעווסקי אַוועקגעלאָזט קיין רוסלאַנד אָנהייב זומער צווישן די צוויי סעזאָנען".

מאַי-יוני 1913 גאַסטראָלירט ט. (צוזאַמען מיט צילי אַדלער און יעקב האָכשטיין פון אַמעריקע) אין לאָנדאָנער יידישן פּאַוויליאָן-טעאַטער, וואו ער פירט אויף צום ערשטן מאָל ליבינס פּיעסען „גערעכטיקייט" און „בלינדע ליבע", קאָברינס „בריטש אָף פּראָמיס" א"נ „בערטשיק אין אַמעריקע", גאָלדפאַדענס „בן-עמי" און אייניקע פּיעסען פון געשפּילטן רעפּערטואַר. באַלד דערויף פאָרט ער גאַסטראָלירן (אָן צילי אַדלער) אין פּוילן (וואַרשע, לאָדזש), גאַליציע (לעמבערג) און רוסלאַנד (אָדעס), וואו ער פירט אויך אויף קאָברינס פּיעסען „דער פאַרלוירענער גן-עדן" און „דער בלינדער מוזיקאַנט".

ט.'ס גאַסטראָלן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס, ווייל ערשטנס, איז דער מין אויסלענדישע יידישע גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן נאָך געווען גאָר זעלטן, און צווייטנס, איז ט.'ס נאָמען געווען זייער פּאָפּולער סיי אַלס דער גרינדער און איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, סיי אַלס ערפאָלגרייכער אָפּערעטען-שרייבער.

די גאַסטראָלן האָבן אויך צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט מצד דער יידישער טעאַטער-קריטיק. אין זיינע אויספירלעכע רעצענזיעס וועגן ט., שרייבט נח פּרילוצקי: „ס'וואַרפט זיך אין די אויגן: די נאַטור האָט דעם מענטש אַ סך געגעבן: אַן אימפּאָזאַנטע פיגור; לעבעדיקע, פּלאַסטישע באַוועגלעכקייט, אַדורכגעדרונגען מיט פיל פרייקייט, ווייכקייט, גראַציע; אַן אויסדריקלעך געזיכט מיט אַן אומאויפהערלעכער שפּיל פון ליכט און שאָטן, אַן אמתע מיניאַטורע בינע, אויף וועלכער שטימונגען, געפילן, עמאָציעס, געדאַנקען, כוונות, טרעטן אויף און טוישן זיך, בולט, גענוי, לעבעדיק; אַ דאַנקבאַרע שטימע מיט אַן אָנגענעמען טעמבר און טיפע ברוסטלעכע טענער, וועלכע זיינען מינוטענווייז אויסגעאיילט מיט זיסער פרויען-ווייכקייט". אָבער דער סך-הכל פון פּרילוצקיס רעצענזיעס איז, אַז אין קיין שום פּיעסע האָט ט. נישט געשאַפן „דאָס, וואָס מ'זאָל, שרייבנדיק אַמאָל ברייטער וועגן ה' טאָמאַשעווסקי — אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, צי אין ענציקלאָפּעדישער נאָטיץ — קאָנען פאַררעכענען צו זיינע פּאָזיטיווע לייסטונגען פאַר דער יידישער דראַמע".

און דר. מוקדוני שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן ט.'ס גאַסטראָלן: „איך מוז זאָגן, אַז טאָמאַשעווסקי האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ וואונדערלעכע אַקטיאָרישע פיגור. אַזאַ פיגור באַגעגנט מען זעלטן אפילו אויף די גרויסע סצענעס. אויף דער יידישער בינע האָב איך אַזאַ פיגור גאָרנישט באַגעגנט. ער איז נאָך דאַן געווען שיין. אין די מיטעלע יאָרן, שוין מיט אַ ביסל זילבער אין די פעך-שוואַרצע האָר, איז ער געווען דער אידעאַל פון אַן אַקטיאָרישן געשטאַלט. זיין שפּילן האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער איז אויפגעטראָטן אין עטלעכע גאַנץ גוטע פּיעסען, האָט געהאַט גוטע, פאַר אים צוגעפּאַסטע, ראָלן. דערהויפּט זיינען מיר געפעלן געוואָרן די קאָמישע שטעלן אין זיינע ראָלן. זיין קאָמיזם האָט געהאַט גאָרנישט דער ערך מער ווירדע און פיינקייט ווי זיין דראַמאַטיזם. זיין דראַמאַטיזם איז געווען אַ ביסל פאַרעלטערט, אָבער זיין קאָמיזם איז געווען פריש, איינגעהאַלטן און זייער פיין. . . .דאָס אַמעריקאַנישע האָב איך געזען אין זיין פּריוואַטן לעבן: שרייענדיקע „ספּאָרטישקייט". . . .קיין זכר פון דעם אַריסטאָקראַטיזם, וועלכן מיר ווילן זען אין „ספּאָרטישקייט". ער האָט, למשל, געטראָגן צוויי לעדערנע בייטעלעך מיט גאָלד-מטבעות און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אַרויסנעמען איינס פון די שווערע בייטעלעך און צאָלן קלינגענדיק נאָר מיט גאָלד-שטיק. ער איז געווען גוט-ברודעריש מיט אַלעמען און אין דער זעלבער צייט אַמעריקאַניש-סנאָביש. אָבער בכלל האָט ער געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק. ער האָט זיך געקאָנט גוט האַלטן מיט מענטשן, שיין דערציילן מעשהלעך פון אַמעריקאַנער לעבן און אַ ים פון גוטע, מיטעלע און שלעכטע אַנעקדאָטן האָט ער געהאַט און זיי געקאָנט דערציילן פריש, מיט גוטער מימיק און בכלל מיט אַקטיאָרישער פלינקייט".

אַ לפי ערך מאָראַלישן דערפאָלג האָט ט. אין לאָדזש, וואו ער גאַסטראָלירט אייניקע וואָכן אין זאַנדבערגס גרויסן טעאַטער, אָבער ווען ער קערט שפּעטער צוריק קיין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט ער אין „פאָרווערטס" (12, 19, 26 אָקטאָבער 1913) אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער מאַכט חוזק פון לאָדזשער יידישן טעאַטער און רופט מיט דעם אַרויס אַ קעגן-אַטאַקע אין „די וואַרהייט" (16 דעצעמבער 1913). נאָכן באַזוכן בערדיטשעוו, וואו ער האָט — לויט זיינע זכרונות — אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע קאַריערע, האָט ט. אַ קורצע צייט געשפּילט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין אָדעס און צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע וואוהין ער האָט — דורך דער פאַרמיטלונג פון דר. מוקדוני — מיטגעבראַכט דעם דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו.

דעם סעזאָן 1913-1914 האָט ט. ווייטער אָנגעפירט מיטן נעשאַנאַל-טעאַטער, וואו ער האָט דעם 12 סעפּטעמבער 1913 אויפגעפירט ה. מ. גאָסטווירטס איבערזעצונג פון ל. טאָלסטאָיס דראַמע „ליכט אין דער פינסטערניש" א"נ „טאָלסטאָיס לעבן, אָדער, ליכט אין דער פינסטערניס", אין וועלכער ט. האָט געשפּילט די ראָל „ניקאָליי איוואַנאָוויטש סאַרונצעוו". באַלד דערויף האָט ט. געבראַכט פון לאָנדאָן די פּרימאַדאָנע פאַניע זוסמער און פון פּוילן די פּרימאַדאָנע נאַדיאַ (אסתּר) נעראָסלאַווסקאַ און דעם שוישפּילער לאַזאַר פריד, מיט וועלכע ער פירט אויף אייניקע שוין געשפּילטע אָפּערעטן, און דעם 15 אָקטאָבער 1913 זיין אייגענע נייע אָפּערעטע „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע", מוזיק פון פערלמוטער און וואָהל. דאָ קומט אונטער די „ביילים-עפּאָכע", ווען יעדעס יידישע טעאַטער פירט אויף אַ פּיעסע פון ביילים-פּראָצעס, און אויך

ט. פירט אויף דעם 24 נאָוועמבער 1913 משה שאָרס צייט-בילד „מענדעל בייליס“, שפּילנדיק די טיטל-ראָל.

דעם 12 דעצעמבער 1913 פירט ט. אויף צוזאַמען מיטן מחבר אָסיף דימאָוו׳ס דראַמע „דער אייביקער וואַנדערער“ [יידיש: דר. א. מוקדוני], מוזיק פון סאַנדלער, שפּילנדיק די ראָל „מרדכי בערמאַן“.

וועגן דער אויפפירונג שרייבט ב. גאָרין: „דאָ האָבן זיך די יוצרות ווידער איבערגעקערט. די בעסערע פּיעסן האָבן איצט דעם איינציקן מקום מנוחה געפונען אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער. . . . נישט אַכטענדיק אויפן ראַט פון די שותּפים און היימישע מענטשן און די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין דער דראַמע און האָבן מיט איין מויל נביאות געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ חרפּה צו זיין אין טעאַטער דעם אָוונט פון דער ערשטער פאָרשטעלונג, אַזוי מיאוס וועט די פּיעסע דורכפאַלן, נאָר די נבואה איז נישט מקוים געוואָרן און „דער אייביקער וואַנדערער“ האָט שטאַרק אויסגענומען ביים ניו-יאָרקער פּובליקום“.

די פּיעסע איז אייניקע יאָר געבליבן אין ט. ס רעפּערטואַר.

דעם 12 פעברואַר 1914 פירט ט. אויף צוזאַמען מיטן מחבר [אין דער אַנאָנימער איבערזעצונג פון ב. ריווקין] אָסיף דימאָוו׳ס פּיעסע „דער געדונגענער חתן“ [די שפּעטע באַרימט געוואָרענע פּיעסע „יאָשקע דער מוזיקאַנט“, אָדער, „דער זינגער פון זיין טרויער“], אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „יאָשקע“. די פּיעסע האָט נישט קיין אריכת ימים און דעם 20 מערץ 1914 פירט ט. אויף זיין אייגענע „הימל, ערד און שווינדל, מעלאָדראַמע מיט מוזיק און טענץ אין 4 אַקטן, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל“, אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „באַרנאַטאָ דער דעטעקטיוו“. אויך די פּיעסע האַלט זיך נישט לאַנג און ט. פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיטן געשפּילטן רעפּערטואַר און נאָכן סעזאָן מאַכט ער אַ טורנעע איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

אין סעזאָן 1914-15 האָט ט. געעפנט, דעם 28 אויגוסט 1914, דאָס נעשאַנאַל-טעאַטער מיט אָסיף דימאָוו׳ס פּיעסע „מלחמה“, וועלכע האָט אָבער נישט לאַנג זיך געהאַלטן, און דעם 2 אָקטאָבער 1914 פירט ט. אויף זיין אייגענע אָפּערעטע „די פּוילישע חתונה, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל“. די אויפפירונג איז אַן ערפאָלג און די פּיעסע פאַרבלייבט אַ געוויסע צייט אין רעפּערטואַר און ערשט אין 1928 ווערט זי אויפגעפירט אין פּוילן דורך דער קאָמפּאַנעעץ-טרופּע און ווערט דערויף אָן וויסן פון מחבר, געדרוקט אין וואַרשע [די פּוילישע חתונה, פאָלקס-שטיק אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג פון באָריס טאָמאַשעווסקי, פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1928, 48 ז 16°].

דאָ קומט אָן שלום אַש אין אַמעריקע און ט. פירט אויף זיין פּיעסע „אונזער גלויבן“, אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „לייזער“. אויך די פּיעסע האַלט זיך נישט לאַנג און דעם 24 דעצעמבער 1914 פירט ט. אויף זיין אייגענע „סימבאָלישע פּיעסע“ א״נ „אַ שטיקעלע גליק, אָדער, דער מזלדיקער בחור“. אויך די פּיעסע גייט באַלד אַראָפּ פון דער בינע.

דעם 8 יאַנואַר 1915 טרעט אַרויס מאַקס ר. ווילנער פון שותּפות און ט. בלייבט דער איינציקער בעל-הבית פון נעשאַנאַל-טעאַטער, וואָס טראָגט פון איצט אָן דעם נאָמען „טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער“. דאָ פירט ט. אויף דעם 22 יאַנואַר 1915 י. זאָלאָטאַרעווסקיס צייט-בילד „דער יידישער מאַרטירער אין אַמעריקע“ [די לעאָ פרענק-אַפערע] און דעם 5 פעברואַר 1915 אברהם שאָמערס קאָמעדיע „דער גרינער מיליאָנער“, אין וועלכער ט. שפּילט די טיטל-ראָל. די פּיעסע פאַרבלייבט לאַנג אין ט.׳ס רעפּערטואַר.

אין זעלבן סעזאָן איז ט. אויפגעטראָטן אין פילם פון דער אָפּערעטע „די צעריסענע נשמות“.

דעם 3 סעפּטעמבער 1915 עפנט ט. דעם סעזאָן 1915-16 אין זיין נעשאָנאַל-טעאַטער מיט זיין 4-אַקטיקער אָפּערעטע „דאָס תורהלע“, (מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל), וועלכע האַלט זיך אָבער נישט לאַנג און דעם 15 אָקטאָבער 1915 פירט ער אויף לעאָן קאָברינס דראַמע „ישראלס האָפנונג, אָדער, הייליקע ליבע“, אין וועלכער ער שפּילט די הויפּטראָלע „ישראל פּאָליאַקאָוו“. די פּיעסע האַלט זיך אייניקע וואָכן און ט. באַקומט פיל אָנערקענונג פון דער קריטיק פאַר זיין שפּילן. דעם 10 דעצעמבער 1915 פירט ער אויף משה ריכטערס צייט-פּיעסע „מלחמה-קרבנות“, וועלכע ווערט גלייכצייטיק געשפּילט דורך אַדלערן אין אַן אַנדער ניו-יאָרקער טעאַטער, דעם 4 פעברואַר 1916 — משה שאָרס דראַמע „טויט-שטראָף“ און דעם 9 מערץ 1916 [אין נואַרק] און דעם 10 מערץ [אין ניו-יאָרק] לעאָן קאָברינס קאָמעדיע „די נעקסט-דאָריקע“, וועלכע איז פאַרבליבן אַ געוויסע צייט אין ט.׳ס רעפּערטואַר. דעם סעזאָן פאַרענדיקט ט. מיט דער אויפפירונג פון נ. ראַקאָוו׳ס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „העללאָו ניו-יאָרק“, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל.

דעם 22 סעפּטעמבער 1916 עפנט ט. דעם סעזאָן 1916-17 אין נעשאָנאַל-טעאַטער מיט זיין אויפפירונג פון י. זאָלאָטאַרעווסקיס „דעם טייוולס מאַכט“ און דעם 11 אָקטאָבער 1916 פירט ער אויף זיין אייגענע 4-אַקטיקע אָפּערעטע „דאָס צעבראָכענע פידעלע“ (מוזיק פון י. רומשינסקי). צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע ווערט אַריינגעפירט אין דער אָפּערעטע אַ באַלעט און דער אָרקעסטער ווערט באַזעצט מיט 24 מוזיקערס. דעם 23 נאָוועמבער 1916 פירט ט. אויף מיט דעם ניי-געקומענעם שוישפּילער סעמיועל גאָלדענבורג די פּיעסע „אויף זינדיקער ערד“, און איבערלאָזנדיק דעם גאַסט שפּילן אין זיין טעאַטער, פאָרט ער אַרום מיט רעפּערטואַר איבער דער פּראָווינץ. ער קומט אָבער באַלד צוריק און דעם 12 יאַנואַר 1917 פירט ער אויף אָסיף דימאָוו׳ס פּיעסע „דער גייסט פון שטאָט“, אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „דוד שטיינמאַן“. די פּיעסע ווערט אָבער באַלד אַראָפּגענומען און דעם 26 יאַנואַר 1917 פירט ט. אויף דאָס 4-אַקטיקע צייט-בילד „יידישע מלחמה-כּלות“ פון נ. ראַקאָוו און מיללער, דעם 2 מערץ 1917 — ז. קאָרנבליטס קאָמעדיע „אַפּ טאַון און דאַן טאַון“ (מוזיק פון רומשינסקי) און דעם 7 אַפּריל 1917 — דר. ה. זאָלאָטאַראָוו׳ס „פאַר אירע קינדער“ מיט בערטאַ קאַליש.

דעם סעזאָן 1917-18 עפנט ט. זיין נעשאָנאַל-טעאַטער דעם 31 אויגוסט 1917 מיט ז. ליבינס פּיעסע „דער איינציקער עדות“, דעם 26 סעפּטעמבער 1917 פירט ער אויף זיין אייגענע 4-אַקטיקע אָפּערעטע „מזל-טוב“ (מוזיק פון י. רומשינסקי), דעם 16 נאָוועמבער 1917 — זיין באַאַרבעטונג פון ב. קאָוונערס 4-אַקטיקער קאָמעדיע „יענטע טעלעבענדע“ (מוזיק פון י. רומשינסקי), דעם 21 דעצעמבער 1917 — לעאָן קאָברינס פּיעסע „צוריק צו זיין פאָלק“, אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „אַרטור בלעק“ און דעם 11 יאַנואַר 1918 — זיין אייגענע אָפּערעטע „די חזנטע“ [סוזשעט גענומען פון „די פינף פראַנקפורטער“], (מוזיק פון י. רומשינסקי), וועלכע פאַרבלייבט אַ לענגערע צייט אין זיין רעפּערטואַר. דעם סעזאָן פאַרענדיקט ט. מיט דער אויפפירונג (22 מערץ

1918) פון זיין אייגענער קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג „מיין ווייב איז אין דער קאָנטרי, הורריי" (מוזיק פון י. רומשינסקי).

דעם סעזאָן 1918-19 עפנט ט. זיין נעשאָנאַל-טעאַטער (דעם 30 אויגוסט 1918) מיט זיין אייגענער 3-אַקטיקער אָפּערעטע „די לוסטיקע יידעלעך" (מוזיק פון י. רומשינסקי). דעם 3 אָקטאָבער 1918 פירט ער אויף אין זיין באַאַרבעטונג סעמיאָן יושקעוויטשעס דראַמע „הונגער" און שוין דעם 11 אָקטאָבער 1918 — לאַטיינערס פּיעסע „דאָס שפּיל פון לעבן, אָדער, די מחותּנים", וואָס האַלט זיך אויך נאָר אַ קורצע צייט. דעם 1 נאָוועמבער 1918 פירט ער אויף אַנשעלשורס צייט-בילד „נאָך דער מלחמה", דעם 27 נאָוועמבער 1918 — אַן איבערגעבליבענע גאָרדין-פּיעסע „ווילדע קאָזאַקן, אָדער, יידן און היידעמאַקן", אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „ניקאָלאַי" (אַזוי ווי די פריערדיקע אויפפירונגען אין דעם סעזאָן, האָט אויך די פּיעסע נישט קיין אריכת-ימים), דעם 13 דעצעמבער 1918 — זיין באַאַרבעטונג פון ה. קאַלמאַנאָוויטשעס קאָמעדיע „אפּסטעירז און דאַן סטעירז" און דעם 11 פעברואַר 1919 — זיין אייגענע 3-אַקטיקע אָפּערעטע מיט אַ פּראָלאָג „דאָס אַלטע לידעלע" (מוזיק — יאָזעף רומשינסקי), וועלכע ער שפּילט ביז פּסח [אַפּריל], ווען ער הייבט אָן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ.

דעם סעזאָן 1919-20 האָט ט., (פאַריייניקט מיט דוד קעסלער), געעפנט דעם 29 אויגוסט 1919 זיין נעשאָנאַל-טעאַטער מיט ה. קאַלמאַנאָוויטשעס אָפּערעטע „די צוויי חזנים, פריי באַאַרבעט פון ב. ט., מוזיק פון הערמאַן וואָהל". (די צוויי הויפּטראָלן אין דער אָפּערעטע האָבן געשפּילט ט., אַלס „מרדכי זילבערט", און קעסלער, אַלס „ירוחם"). דעם 8 אָקטאָבער 1919 פירט ט. אויף זיין אָפּערעטע „דאָס הייליקע ליד אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, מוזיק פון הערמאַן וואָהל". (ט. אַלס „גראַדנער דער שוישפּילער" און קעסלער אַלס „מירא מיכיילאָוויטש"), דעם 26 אָקטאָבער 1919 פירט ט. אויף זאָלאָטאַרעווסקיס „קינדער קומט אַהיים" (ראָל „ישראל לאַנדוי"), דעם 16 יאַנואַר 1920 — אָסיפּ דימאָווס „דער יום הדין" (ט. אַלס „יאַקאָב בוימאַן"), דעם 6 פעברואַר 1920 — הערי טאָמאַשעווסקיס אָפּערעטע „פאַרלאָר פלאָר און בייסמענט, מוזיק פון מילטאָן און הערי טאָמאַשעווסקי", און ער פאַרענדיקט דעם סעזאָן (דעם 4 מערץ 1920) מיט זיין באַאַרבעטונג פון גרשם באַדערס „די גאָלדענע רויזע" (ראָל „ערצבישאָף פון לעמבערג") און מיט אַ גרעסערן טורנעע איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און קאַנאַדע.

דעם סעזאָן 1920-21 עפנט ט. זיין נעשאָנאַל-טעאַטער מיט אַן אויפטריט פון ל. סניעגאָוו (2 סעפּט. 1920) אין סטרינדבערגס „דער פאָטער" און פון אסתּר סניעגאָוו (3 סעפּט. 1920) אין אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט". ערשט דעם 10 סעפּטעמבער 1920 טרעט ט. אויף אַלס „אייזיק לעווקאָוויטש" אין א. ליליענס קאָמעדיע „מיין טאַטענס ווייב" און שוין דעם 29 סעפּטעמבער 1920 טרעטן אויף ביי אים מיכאַל מיכאַלעסקאָ, זינאַ גאָלדשטיין און הערמאַן סיעראַצקי אין קאַלמאַנס אָפּערעטע „דאָס אונגאַרישע מיידל, אָדער, די טשאַרדאַש-פירשטין", און דעם 12 אָקטאָבער 1920 — אהרן לעבעדיעוו און וואָלף שומסקיס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „ליאָוווקע מאָלאָדיעץ". אין יענער צייט ענדיקט זיך כמעט ט.׳ס פּעריאָד אַלס ערשטער שוישפּילער און רעזשיסער אין זיין טעאַטער. ער פאָרט אַרום גאַסטראָלירן איניקע חדשים איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און ווען ער קומט צוריק, פירט ער אויף דעם 24 דעצעמבער 1920 „דאָס מוזיקאַלישע שטעטל, אָפּערעטע אין 3 אַקטן, פריי באַאַרבעט פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון לעאָ ליאָוו" (שפּילנדיק די ראָל „דניאל ווין"), מאַכט דערנאָך ווידער אַ טורנעע איבער אַמעריקע, באַזוכט קאַליפאָרניע, וואו ער שפּילט און באַשרייבט זיין רייזע אין עטלעכע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" און טרעט ווידער אויף אין ניו-יאָרק דעם 14 אַפּריל 1921 אין שמ"רס „דער גרינער מיליאָנער".

דעם סעזאָן 1921-22 עפנט ט. דעם 22 סעפּטעמבער 1921 זיין נעשאנאל-טעאַטער מיט רודאָלף שילדקרויטס אויפטריט אין „דער וואַנדערער" פון וו. סעמועל, איבערזעצט פון הענרי גאַסטווירט. גלייכצייטיק עפנט ט. נאָך אַ טעאַטער, „דער פערצענטער סטריט טעאַטער" אין וועלכן ער פירט אויף דעם 9 אָקטאָבער 1921 און שפּילט מיט אין אברהם שאָמערס „התּקוה", אָבער נאָך איניקע פאָרשטעלונגען פאַרמאַכט זיך דאָס טעאַטער און ט. קערט צוריק אין זיין נעשאנאל-טעאַטער, וואו ער פירט אויף דעם 28 אָקטאָבער 1921 יצחק לעשס „יאָשקע כוואַט" מיט לעבעדעוון אין דער הויפּטראָל. דעם 25 דעצעמבער 1921 פירט ט. אויף זיין אָפּערעטע „לעבעדיק און פריילעך, אָדער, ווי גאָט אין אָדעס", (מוזיק פון הערמאַן וואָהל), אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „משה לייב", דערנאָך גאַסטראָלירט ער אין געבילס 116 סטריט-טעאַטער און ערשט דעם 10 מערץ 1922 קערט ער צוריק אין זיין טעאַטער מיט זיינס אַ נייער אויפפירונג: „דער גאָלדענער פאָדעם, פאָלקס-שטיק אין 3 אַקטן פון באָריס טאָמאַשעווסקי, 24 מוזיק-נומערן געקליבן פון א. גאָלדפאַדען, אַראַנזשירט פון הערמאַן וואָהל" (אַ גלאָריפיקאַציע פון אברהם גאָלדפאַדען, אין וועלכער ט. טרעט אַרויס אין צוויי ראָלען: אַלס „אברהם גאָלדפאַדען" און אַלס „באָריס טאָמאַשעווסקי").

וועגן זיין פּיעסע „דער גאָלדענער פאָדעם" שרייבט אב. קאַהאַן: „באָריס טאָמאַשעווסקי האָט גענומען די געשיכטע פון דעם מאַן, וועלכער האָט געגרינדעט דעם יידישן טעאַטער און האָט געמאַכט פון דעם אַ פּיעסע. דער העלד פון דעם שטיק איז אַלזאָ אברהם גאָלדפאַדען. . . . טאָמאַשעווסקי אידעאַליזירט גאָלדפאַדענען. ער שטעלט אים פאָר אַלס אַ מענטשן, וועלכער האָט געשטרעבט צום יידישן טעאַטער ווי צו אַ גרויסן אידעאַל; ער שטעלט אים פאָר אַלס אַ טרוימער, וועמען עס ליגט נאָר אין זינען קונסט, שיינקייט, ליכט און פאָרטשריט. גאָלדפאַדענס באַרימטע ליד „שטיי אויף מיין פאָלק, ערוואַך פון דיין דרימל" מאַכט טאָמאַשעווסקי פאַר אַ ספּעציעלן ענין [לייט-מאָטיוו]. מיט דעם זוכט ער צו באַווייזן, אַז גאָלדפאַדען איז געווען פאַרטיפט אין דער פראַגע ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן פאָרטשריט און בילדונג צווישן די יידן. די וואָכעדיקע זייטן פון גאָלדפאַדענס קאַריערע ווערן אינגאַנצן דורכגעלאָזן און אויף דעם קאָן מען קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן. דאָס איז נישט קיין רעאַליסטישע פּיעסע; דאָס איז אַ מוזיקאַליש-ראָמאַנטיש שטיק און אַלס אַזעלכע שיינט זי מיט אַ פּאָעטישן געדאַנק. צוזאַמענשטעלן אַזאַ שטיק פאָדערט זיך טאַלאַנט, איינבילדונגסקראַפט און געפיל".

שפּעטער פאָרט ט. אַרויס אויף דער פּראָווינץ און פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיט גאַסטראָלירן איבער די ניו-יאָרקער טעאַטערס.

דעם סעזאָן 1922-23 עפנט ט. זיין נעשאנאל-טעאַטער דעם 23 סעפּטעמבער 1922 מיט זיין „טויזנט און איין נאַכט, פאַנטאַסטישע אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מוזיק פון הערמאַן וואָהל". דעם 16 אָקטאָבער 1922 טרעט אויף אין טעאַטער קלאַראַ

יאָנג אין ב׳ס „די גרינע קוזינע" און דעם 3 נאָוועמבער 1922 פּירט אויף ט. ה. קאַלמ נאָוויטשעס אָפּע עטע „טענץ געזאַנג און וויין, מוזיק פֿון יוסף טשערניאַווסקי". דעם 7 דעצעמבער 1922 פּירט ט. אויף צו זיין בענעפיס יוריס פּיעסע „דער קעניג פֿון שמאַטעס" (איב. מ. אָשעראָוויטש) און גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ און אין ניו-יאָרקער טעאַטערס, ביז ער פּירט אויף דעם 9 פעברואַר 1923 אין לּיריק-טעאַטער אין זיין באַאַרבעטונג „דאָס אָדעסער יידל" פֿון א. קאַרטאָזשינסקי. בערך צום סוף סעזאָן ווערט ט. קראַנק, מוז איבעררייסן זיין שפּילן, און זיין מענעדזשער לּואיס גאָלדבערג צוזאַמען מיט מייק סאַקס נעמען איבער טאָמאַשעווסקיס נעשאנאַל-טעאַטער און רופן עס „נעשאנאַל טעאַטער". נאָכדעם ווי ט. ווערט געזונט, גאַסטראָלירט ער אין מאנטרעאל, טאָראָנטאָ, קליוולאַנד, פּיטסבורג און אַנדערע שטעט.

צום סעזאָן 1923-24 עפנט ט. [צום ערשטן מאָל] אַ יידיש טעאַטער אויף בראָדוויי, „טאָמאַשעווסקיס בראָדוויי אידישער טעאַטער" (44 סטריט, וועסט פֿון בראָדוויי), און פּירט אויף מיט שילדקרויט און זאַץ דעם 3 סעפּטעמבער 1923 א קאַרטאָזשינסקיס „די דריי קליינע ביזנעס-לייט" [די פֿריער געשפּילטע פּיעסע „דאָס אָדעסער יידל"] (מוזיק י. טשערניאַווסקי), דעם 30 סעפּטעמבער 1923 פּירט ער דאָ אויף זיין קאָמבינירטע פּיעסע „איך און דו" מיט מוזיק פֿון גאָלדפאַדען, רומשינסקי, פרידזעל, וואָהל און טשערניאַווסקי, דעם 7 דעצעמבער 1923 טרעט אויף אין ט.׳ס טעאַטער דער דייטשער אַקטיאָר אַדאָלף פיליפּ אין יידיש אין זיין אייגענער קאָמעדיע „אָוקשאָן פּינאַקל" (ט. שפּילט מיט) און דערנאָך ברענגט ט., צוזאַמען מיט זיין זון הערי און וויליאַם ראָלאַנד, די „ווילנער טרופּע" פֿון לאָנדאָן, וועלכע הייבט אָן שפּילן אין דעם טעאַטער דעם 29 יאַנואַר 1924, און במשך פֿון דער צייט, וואָס די טרופּע שפּילט דאָ, גאַסטראָלירט ט. אין זיין רעפּערטואַר אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער.

די „ווילנער טרופּע" האָט געשפּילט ביי ט.׳ן נאָר אייניקע חדשים, און צוזאַמען מיט זייער איבערגיין שפּילן אין אַנדערע טעאַטערס, פאַרמאַכט זיך ט.׳ס טעאַטער און ט. מיט זיין טרופּע גאַסטראָלירן איבער דער פּראָווינץ און איבער די ניו-יאָרקער טעאַטערס.

אין מאַי 1924 פאָרט אָפּ ט. קיין דרום-אַמעריקע, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים, קומט צוריק אין אָקטאָבער 1924 און טרעט באַלד אויף אין גרענד-טעאַטער אין אַ סקעטש „דער חזן מיט דער חזנטע". דערנאָך פאָרט ער ווידער אַרום גאַסטראָלירן איבער דער פּראָווינץ און אין יאַנואַר 1925 גאַסטראָלירט ער צוזאַמען מיט רעגינע צוקערבערג אין ניו-יאָרקער גרענד-טעאַטער, וואו ער פּירט אויף דעם 22 יאַנואַר 1925 אַ דראַמאַטיזאַציע פֿון זיינע אַרטיקלען וועגן אַרגענטינע א"נ „זינדיקע נשמות פֿון בוענאָס איירעס, אינטערעסאַנט בילד וועגן דעם לעבן אין אַרגענטינע". נאָכן שפּילן אייניקע וואָכן, טרעט ט. אויף דעם 2 פעברואַר 1925 אין לאָוס וואָדעוויל-טעאַטער אין ע נ ג ל י ש אין אַ סקעטש „דער גרינער מיליאָנער", פאָרט אָבער באַלד ווידער אַרויס מיט יידיש טעאַטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, קערט צוריק קיין ניו-יאָרק און פּירט אויף דעם 5 יוני 1925 אין פּראָספּעקט-טעאַטער זיין פּיעסע „איך און דו" און דעם 13 יוני 1925 פאָרט ער אָפּ קיין אייראָפּע וואו ער גאַסטראָלירט אַ קורצע צייט.

אַ האַלבן סעזאָן 1925-26 איז ט. געווען מענעדזשער פֿון יידישן טעאַטער אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), דערנאָך ווידער אַרומגעפאָרן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, וואו ער פּירט אויף זיינע אַ דראַמאַטיזאַציע פֿון שטייגער-פּראָצעס און דעם 23 אַפּריל 1926 טרעט ער ווידער אויף אין ניו-יאָרק (אַמפּיאָן טעאַטער) אין רעפּערטואַר.

דעם סעזאָן 1926-27 פּירט אָן ט. מיט אַ יידישער טרופּע אין פילאַדעלפיע און (צוליב דעם, וואָס אין פילאַדעלפיע איז פאַרווערט זונטאָג צו שפּילן) שפּילט ער די זונטאָגס אין ניו-יאָרקער בראָדווייער לּיריק-טעאַטער, וואו ע׳ פּירט אויף דעם 12 סעפּטעמבער 1926 מ. נעסטאָרס אָפּערעטע „דעם רביס הויף", (מוזיק פֿון פּ. לאַסקאָווסקי).

עטלעכע וואָכן שפּעטער גייט איבער ט. מיט זיין פילאַדעלפיער טרופּע אין ניו-יאָרקער ליפּצין-טעאַטער, וואו ער שפּילט אָבער נאָר אַ קורצע צייט.

פעברואַר 1927 פּירט ער אויף אין פילאַדעלפיער גאַרדן-טעאַטער די אָפּערעטע „בר מצוה" (מוזיק — פּ. לאַסקאָווסקי, מחבר: באָריס טאָמאַשעווסקי). דער פּיעסען-שרייבער לּואיס ריינגאָלד באַצייכנט דאַמאָלט ט.׳ן (זע „פאָרווערטס", נ. י., 25 מערץ 1927) אַלס פּלאַגיאַטאָר, געשטיצט דערויף, וואָס (אַ חוץ אייניקע לידער און נייע וויצן) איז די זעלבע פּיעסע נאָך אין 1924 געשפּילט געוואָרן דורך יעקב זילבערט אין האָפּקינסאָן-טעאַטער א"נ „אַ גרוס פֿון דער היים" פֿון ל. ריינגאָלד, און אַז ט. אַליין האָט די זעלבע פּיעסע שפּעטער אויפגעפירט אין טאָראָנטאָ א"נ „פאַרגעסענע פרויען" פֿון ריינגאָלד. אָבער באַלד נאָך פילאַדעלפיע פאָרט ט. אַרום מיט דער זעלבער אָפּערעטע איבער אַמעריקע. אָן וויסן פֿון מחבר ווערט די אָפּערעטע דורך אַמעריקאַנער גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן געבראַכט אין אייראָפּע, וואו זי ווערט די סענסאַציע פֿון טעאַטער-סעזאָן די זעלבע אָפּערעטע, אין אַ נייער באַאַרבעטונג און מיט מוזיק פֿון יאָזעף רומשינסקי, איז דעם 25 נאָוועמבער 1931 אויפגעפירט געוואָרן דורך ט. אין ניו-יאָרקער סעקאָנד עוועניו-טעאַטער א"נ „דער מאַמעס זונדעלע", בעת ט. האָט דאָרט גאַסטראָלירט.

דעם 24 סעפּטעמבער 1927 עפנט ט. דעם סעזאָן אין פילאַדעלפיער מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע מיט זיין אָפּערעטע „חד גדיא" (מוזיק פֿון פּ. לאַסקאָווסקי). דאָס טעאַטער עקזיסטירט אָבער נאָר אַ קורצע צייט און שוין אין דעצעמבער 1927 טרעט ט. אַרויס אין ענגלישן וואָדעוויל, שפּעטער פאָרט ער אַרום גאַסטראָלירן אין זיין אַלטן רעפּערטואַר איבער די יידישע טעאַטערס פֿון אַמעריקע און צום סעזאָן 1928-29 גרינדעט ער אַ יידישע טרופּע פאַר קאַליפאָרניע (לאָס אַנדזשעלאָס און סאַן פראַנציסקאָ).

אין אַפּריל 1929 פאָרט ער קיין אייראָפּע, וואו ער גאַסטראָלירט (צוזאַמען מיט רות רענעי) אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, פּוילן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע און אַ געוויסע צייט אויך מיט ווילי גאָדיק און אָלאַ לילית. אין נאָוועמבער 1930 קערט ער צוריק קיין אַמעריקע און פּירט אויף דעם 26 נאָוועמבער 1930 אין פּאָבליק-טעאַטער זיין אָפּערעטע „ארץ-ישראל" (מוזיק — אב. עלשטיין), אין וועלכער ער שפּילט די ראָל „ישראל".

דעם 9 יאַנואַר 1931 פּירט ער אויף אין לּיריק-טעאַטער זיין פּיעסע „פרויען-טייוול" מיט בערטאַ ראָזענבערג אין דער טיטל-ראָל. די פּיעסע ווערט באַלד אַראָפּגענומען פֿון דער בינע.

נאָכן שפּילן אייניקע חדשים אין פּאָבליק-טעאַטער און שפּעטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, באַשליסט ט. צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער אין דער ענגלישער שפּראַך. דעם ערשטן פּרוב

מאַכט ער מיטן אויפפירן דעם 10 סעפטעמבער 1931 אין ניו־יאָרקער סעלווין־טעאַטער זיין זון הערים באַאַרבעטונג פון זיין אָפּערעטע „די חזנטע“ א״נ „טהי זינגינג ראַביי“ (מיט מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי און הערי לובין, ליריקס פון ל. וואָלף גילבערט, רעזשי — וויליאַם ע. מאָריס). די אויפפירונג ווערט זייער שאַרף קריטיקירט פון דער ענגלישער און יידישער פרעסע און נאָך אייניקע פאָרשטעלונגען פאַרמאַכט זיך דאָס טעאַטער. ט. הויבט איצט אָן שפּילן אין דער ענגלישער שפּראַך אַ סקעטש „דער גרינער מיליאָנער“ [באַאַרבעט פון קאָבריןס פּיעסע] איבער די וואָדעוויל־הייזער פון ר. ק. אָ., קומט דערנאָך צוריק צו דער יידישער בינע, גאַסטראָלירט איבער אייניקע פּראָווינץ־שטעט און טרעט אַריין אין סעקאָנד עוועניו־טעאַטער, וואו ער פירט אויף דעם 25 נאָוועמבער 1931 אַ באַנייאונג פון זיין אָפּערעטע „בר מצוה“ א״נ „דער מאַמעס זונדעלע“ (מוזיק — י. רומשינסקי) און גייט איבער דערנאָך אין ליריק־טעאַטער, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים.

צום סעזאָן 33-1932 נעמט ט. איבער דאָס געיטי־טעאַטער אין וויליאַמסבורג (ניו־יאָרק), וועלכעס ער עפנט מיט זיין פּיעסע „די ענדע פון רוסישן צאַר“ (מוזיק — י. ברודי), וואָס ווערט דעם 21 אָקטאָבער 1932 געשפּילט אין פילאַדעלפיער קאַסינאָ־טעאַטער א״נ „ראַספּוטין“. אין אָקטאָבער 1932 פירט ער אויף זיין אָפּערעטע „אונזער רביניו“ (מוזיק — י. ברודי), און נאָכדעם ווי ער ברענגט אַלס גאַסטראָלער פון אייראָפּע דעם אַקטיאָר אייזיק סאַמבערג, פאָרט ער אַליין גאַסטראָלירן איבער דער פּראָווינץ. דער געיטי־טעאַטער פאַרמאַכט זיך באַלד. ט. טרעט דאַמאָלט אַריין שפּילן אין מעקינלי־טעאַטער, וואָס שטייט מחוץ דער יוריסדיקציע פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע, און רופט דערמיט אַרויס קעגן זיך אַ פּראָטעסט־אַקציע מצד דער אַקטיאָרן־יוניע.

אויסער דעם זשורנאַל „די אידישע ביהנע“, וועלכע ט. האָט אַרויסגעגעבן [„די אידישע ביהנע, אַ וואָכענבלאַט געווידמעט אַלע צווייגען פון דער אידישער דראַמאַ און אידישע מוזיק“. ניו־יאָרק, 19 נאָוועמבער 1909 — 29 אַפּריל 1910] און זיין בוך „טאָמאַשעפסקיס טהעאַטער שריפטן“, ניו־יאָרק 1908 [108 ז. 16°], האָט ער אויך געשריבן זייער פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און וועגן די ערשטע אַקטיאָרן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט שילדערונגען פון זיינע רייזעס איבער דער וועלט אין וועלכע נישט געקוקט אויף אַלע זייערע פעלערן, איז אין זיי פאַרהאַן זייער פיל כאַראַקטעריסטיש מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, באַזונדערס אָבער וועגן יידישן טעאַטער.

ט. האָט אָנגעהויבן זיינע אַרטיקלען אין „דיא אידישע ביהנע“ פון 31-10 דעצעמבער 1909, דערנאָך האָט ער זיין רייזע און שפּילן אין אייראָפּע (באַזונדערס אין פּוילן און רוסלאַנד) באַשריבן אין „פאָרווערטס“ (21 סעפּטעמבער 1913 — 18 יאַנואַר 1914), געדרוקט אַ ריי זכרונות („פאָרווערטס“ פון 1 פעברואַר ביז 19 אַפּריל 1914), טעאַטער־פּעליעטאָנען, אַרטיקלען וועגן שילדקרויט און סעם שניייער און רייזע־איינדריקן פון בערלין („פאָרווערטס“, 24 סעפּטעמבער — 21 נאָוועמבער 1915), רייזע־איינדריקן פון פּאַריז („פאָרוו.“, 5, 19 דעצעמבער 1915), וועגן דער יידישער פרעסע און יידישן טעאַטער („דיא וואַרהייט“, 5 דעצ. 1915), וועגן יעקב ספּיוואַקאָווסקי און טעאַטער־פעליעטאָנען („פאָרווערטס“, 2, 9 יאַנואַר און 26 מערץ 1916).

דעם 2 אַפּריל 1916 הייבט אָן ט. צו פאַרעפנטלעכן אין „פאָרווערטס“ זיינע זכרונות פון דער אַנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וועלכע דרוקן זיך כמעט יעדן זונטאָג ביזן 16 יולי 1916, דערנאָך פון 26 נאָוועמבער 1916 ביזן 24 דעצעמבער 1916, פון 18 מערץ 1917 ביזן 29 אַפּריל 1917, דעם 13 מאַי און דעם 3 יוני 1917 און פון 7 אָקטאָבער ביזן 2 דעצעמבער 1917, ווען זיי ווערן איבערגעריסן נישט פאַרענדיקט.

אין „פאָרווערטס“ פון 28 מערץ 1918 פאַרעפנטלעכט ער אַן אַרטיקל וועגן דער אַקטיאָרן־יוניע און אין דער זעלבער צייטונג פון 31 אויגוסט — 5 סעפּטעמבער 1918 אַ סעריע אַרטיקלען וועגן פאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר מאָריס מאָריסאָן, שפּעטער אַרטיקלען וועגן דוד קעסלער (23 מאַי 1920), טעאַטער־פעליעטאָנען (26 פעברואַר, 18 נאָוועמבער — 30 דעצ. 1921, 6 יאַנואַר — 4 מערץ 1922) און רייזע־איינדריקן פון קאַליפאָרניע (12-26 מערץ 1921), בערל בערנשטיין (3 סעפּט. 1922), מאָסקווער רוסישער קונסט־טעאַטער (4 פעברואַר 1923), זכרונות און טעאַטער־פעליעטאָנען (25 פעברואַר, 30 יוני, 3 אויגוסט, 1, 7 10 סעפּטעמבער 1923), קראַנצפעלד (11 אויגוסט 1923), גאָלובאָק (18 אויגוסט 1923), ספּעקטאָר (25 אויגוסט 1923), שענקמאַן (10 נאָוועמבער 1923), „ווילנער טרופּע“ (12 דעצעמבער 1923).

בעת און נאָכן שפּילן אין דרום־אַמעריקע באַשרייבט ט. („פאָרווערטס“, 12 יולי 1924 — 1 יאַנואַר 1925) דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע און בראַזיל און די דאָרטיקע יידישע טעאַטערס, און אין זמ״ב „די געשיכטע פון חזנות“ (ניו־יאָרק 1924) באַשרייבט ער זיינע יוגנט־זכרונות אַלס משורר.

אין „פאָרווערטס“ פון 7 פעברואַר 1925 שילדערט ער זיין ערשטן אויפטריט אויף דער ענגלישער בינע. אין „מאָרגען־זשורנאַל“ (26-7 אַפּריל 1926) פאַרעפנטלעכט ער זיינע זכרונות וועגן יעקב פּ. אַדלער און אין „קאַליפאָרניער אידישע שטימע“ (4 יאַנואַר — 7 מאַי 1929) וועגן די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען אין אַמעריקע.

בעת זיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע האָט ט. פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן אַדלערן („פּאַריזער היינט“, 10, 11 פעברואַר 1929), אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן און רומעניע („פאָרווערטס“, 22 מאַי 1930) און זכרונות וועגן שילדקרויטן („נייער לאָדזשער פאָלקסבלאַט“, 19, 20 אָקטאָבער 1930).

ב. גאָרין באַמערקט וועגן ט.: „טאָמאַשעווסקי איז געווען אַ יונגער בחורל, כמעט נאָך אַ ייִנגל, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע און ער, מער ווי אַלע אַנדערע אַקטיאָרן, האָט זיך גיכער דורכגעדרונגען מיט דער אַזויגערופענער אַמעריקאַנער עקסטראַוואַגאַנצאַ. די עקסטראַוואַגאַנצאַ איז אַ ריינער אַמעריקאַנער פּראָדוקט און דער אַמעריקאַנער עולם לעקט דערפון די פינגער. די גאַנצע אונטערהאַלטונג באַשטייט פון אַ זונג, אַ שפּרונג, אַ וויץ, אַ המצאה. שיינע האַלב־נאַקעטע מיידלעך און שיינע עפעקטן. . . . און ווייל טאָמאַשעווסקי איז געווען ייִנגער פון אַלע אַנדערע אַקטיאָרן, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט די עקסטראַוואַגאַנצאַ געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקערן איינדרוק ווי אויף די אַנדערע, און אין דעם טעאַטער וואו ער האָט געשפּילט, האָט ער תמיד געזוכט אַריינצוברענגען דעמדאָזיקן גייסט. דאָס הייסט נישט, אַז זיינע שטיקער זיינען געווען אויסגעגאָסן אין דער פאָרעם פון דער עקסטראַוואַגאַנצאַ. פאַר דער יידישער בינע איז זי צו לייכט, צו פריוואַל, צו בדחניש, נאָר טאָמאַשעווסקי האָט אומבאַוואוסטזיניק

שטענדיק געשטרעבט צו געבן זיינע שטיקער לכל הפחות אַ צופאַרבונג פון דעמדאָזיקן סאָרט אונטערהאַלטונג. אין טאָמאַשעווסקיס, מער ווי אין וועלכן אַנדערן טעאַטער, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די מחיצה צווישן דער בינע און דעם פובליקום און די באַזוכער זיינען קאַמעראַדשאַפטלעך איינגעלאַדן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין אַ פזמון און זינגען אַלע צוזאַמען.

„אין טאָמאַשעווסקיס, מער ווי אין וועלכן אַנדערן טעאַטער, האָט מען געפאָכעט מיט דער אַמעריקאַנער פאָן, און ווען דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן צווישן די יידן אין אַמעריקע, איז אויך צוגעקומען די בלויע ציוניסטישע פאָן. טאָמאַשעווסקין האָט מער ווי די אַנדערע געצויגן צו דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, וואָס איז די גאַנגבאַרסטע סחורה אויף דער אַמעריקאַנער בינע און וואָס איז אַ האַלבע אָפּערעטע און אַ האַלבע עקסטראַוואַגאַנצאַ.

„עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגן, אַז טאָמאַשעווסקי האָט דעמדאָזיקן גייסט אַרויפגעבראַכט אויף דער יידישער בינע. שוין ווען די ערשטע ראַיעלע טרופּע האָט אָנגעהויבן שפּילן [1884] האָט זיך אָן איר אָנגעשלאָסן מאַקס אַווראַמאָוויטש, וועלכער איז צום יידישן טעאַטער איבערגעגאַנגען פון אַ דייטשן קאַפע-הויז און ער איז געווען אַ מומחה אין דעם פאַך. אויף אַזאַ אופן האָבן אַלע יידישע טעאַטערס געהאַט דעם קאַפע-שאַנטאַנישן גלאַנץ שוין פון די ערשטע טריט פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע, נאָר אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער איז דאָס געווען מער אָרגאַניש און האָט בעסער געקאָנט צופרידנשטעלן די מער אַמעריקאַניזירטע יוגנט, און דאָס איז געווען דער סטעמפּל, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט אַרויפגעלייגט אויף[ן] פיפּלס-טעאַטער".

ענלעך שרייבט אב. קאַהאַן: „אין דיזע יאָרן פון „היסטאָרישע אָפּערעס" און „ביבלישע פרינצן" איז ער געווען פונקט אויפן פלאַץ. קיין שענערן פרינץ ווי ער האָט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אַ ביבלישער פרינץ „מוז" טראָגן קורצע הייזלעך (כדי די פרויען, וואָס קומען אין טעאַטער, זאָלן זען זיינע נאַקעטע פיס העכער ווי די קני), און טאָמאַשעווסקי האָט געהאַט די שענסטע פאָר פיס אויף דער יידישער בינע. אַלזאָ, איז ער געוואָרן דער ליבלינג ביים עולם, הויפּטזעכלעך ביי די פרויען. מיידלעך פלעגן אָפּשפּאָרן פון דאָס נויטיקסטע און קויפן אַ טיקעט [בילעט] צו אַ פיעסע, אין וועלכער זיי וועלן זען טאָמאַשעווסקין. זיי פלעגן זיך אָנזאָגן איינע די [דער] אַנדערע[ר], אַז אין דער און דער ראָלע איז ער ספּעציעל נאַקעט און ספּעציעל שיין. זיי פלעגן שטודירן יעדן ווינקל, וואו ער שטייט און ווי אַזוי ער שטייט און וואָס פאַר אַ סיט [פלאַץ] עס איז דער בעסטער פאַר דיזער פיעסע'. אָבער — „עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ווען טאָמאַשעווסקי האָט אַן אמתע ראָלע, איז ער אַ פיינער קינסטלער. ער האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט און אַרטיסטישע צוריקגעהאַלטנקייט. עס האָט זיך פראָסט נישט געגלייבט, אַז דאָס איז דער „פרינץ" פון אַמאָליקע יאָרן. קינסטלערישע אינטעליגענץ האָט ער אַרויסגעוויזן מער ווי קעסלער. נאָר די אויסשפּראַכע האָט אים אימער אַ ביסל געשטערט — די „פרינצלעך דייטשע" אויסשפּראַכע, וועלכע האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט אין די הורוויץ-יאָרן".

אַנדערש זעט אים גרשם באַדער: „באָריס טאָמאַשעווסקי איז אַ גוטער רעזשיסער, זייער אַ גוטער. די בינע לעבט אונטער זיין האַנט, אָבער די פיגורן זיינע קומען אַרויס בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט. עס שפּילן ביי אים די ווענט, די דעקאָראַציעס, די באַלייכטונג אויף דער בינע, נאָר דאָס שפּילן פון אים אַליין איז אָן לעבן. . . . דער ערפאָלג פון טאָמאַשעווסקי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט שטעקן אין שפּילן, נאָר אין דער האַלטונג אויף דער בינע, אין זיין שיין געבויטן וואוקס און אין זיין יוגנטלעכן אויסזען. דאָס האָט אימפּאָנירט דעם יידישן פובליקום. צוגעשפּילט האָט אויך דער רייכער סטיידזש [בינע], וואו מען האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלט דאָס אויג זאָל אויך האָבן אַ גענוס".

לעאָן קאָברין כאַראַקטעריזירט ט.'ן אויף אַזאַ אופן: „צוויי טאָמאַשעווסקיס זיינען פאַראַן. ווי אין לעבן, אַזוי אויף דער בינע, און איינער איז אינגאַנצן דער היפך פון דעם אַנדערן. . . . דער ערשטער איז אינם לעבן אַ קינסטלער-נאַטור, וואָס ווערט באַגייסטערט אַמאָל פון עפּעס ווי אַ קינד און ווערט גערירט ווי אַ סענטימענטאַל מיידל און רופט זיך אָפּ אויף דעם מיט אַ וואַרעמען האַרצן און מיט האַרציקע ווערטער און שיער נישט מיט טרערן אין די אויגן. . . . באַזונדערס מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק זיין קינסטלערישער ענטוזיאַזם. שפּילט ער, למשל, אַ בעסערע פיעסע און האָט אין איר ערפאָלג, איז ער, די ערשטע צייט לכל הפחות, אַזוי באַגייסטערט פאַר דער בעסערער פיעסע בכלל, אַז ער שווערט זיך מיט די הייליקסטע שבועות און טוט זיך שיער אַ נדר, אַז אַ סוף: מער, הייסט עס, וועט ער קיין „שונד" נישט שפּילן — און מען גלייבט אים דאַמאָלט, ווייל ער אַליין גלייבט אין דעם, וואָס ער זאָגט, ווייל זיין ענטוזיאַזם פאַר דער בעסערער פיעסע איז דאַמאָלט אַן ערלעכער, אַן אויפריכטיקער. אויף די פאַרפאַסערס פון די שונד-פיעסען וויל ער דאַן נישט אַ קוק טאָן. און אַמאָל, אויס באַגייסטערונג פאַר „ליטעראַטור", גיט ער גאָר אַרויס אַן אָרדער [באַפעל] נישט אַריינצולאָזן די שונד-פאַרפאַסערס אין זיין טעאַטער. און אַמאָל טוט ער אַ קיבעץ אפילו זיינע אייגענע פאַרפאַסונגען אויך. און פאַר די שרייבער פון די בעסערע פיעסען עפנט ער זיין האַרץ און די טירן פון זיין אויטאָמאָביל, שענקט זיי פּרעזענטן און ווייזט אַרויס פאַר זיי נאָך אויף אַנדערע אופנים זיין באַגייסטערונג פאַר „ליטעראַטור".

אַזוי אויך, בעת דערדאָזיקער טאָמאַשעווסקי ווערט באַגייסטערט פאַר עפּעס אַנדערש נישט דווקא פאַר ליטעראַטור. ער וועט געבן געלט פאַר דעם מיט אַ פרייער האַנט, וועט אַן אומזיסטע פאָרשטעלונג אין זיין טעאַטער געבן פאַר דעם, און נישט צוליב רעקלאַמע, ווי אַנדערע קאָנען מיינען.

אַזוי איז טאָמאַשעווסקי — יצר-טוב. אַ גאַנץ אַנדערער איז טאָמאַשעווסקי — יצר-הרע: דער איז שטייף, קאַלט, קוקט מיט אַזוינע אויגן, וואָס שרייען, דאַכט זיך, צו אַלעמען: „גייט אַוועק, לצים!", האַלט זיך אַזוי, ווי ער אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלט געווען איין שטייפער, גלאַנציקער צילינדער-הוט. . . . אָט דער ווייסט נישט פון קיין ענטוזיאַזם. דער איז פּראַקטיש, האָט בלויז אין זינען זיך אַליין און פאַר זיין בעסטן פריינט קאָן ער אַמאָל האָבן אַזאַ מין אויסדרוק:

— וואָס וויל ער דאָרט דער לץ? זאָגט אים, אַז ער קאָן מיך נישט זען! . . .

אַזוי איז ער אויך אויף דער בינע — צוויי טאָמאַשעווסקיס. איינער מיטן שטייפן, געקראָכמאַלעטן צילינדער-הוט-טאָן, אָן נשמה און לעבן, דער טאָמאַשעווסקי פון די ביליקע שונד-שטיקער און נאָך ביליקערע אָפּערעטקעס; און דער אַנדערער — מיטן לעבעדיקן, אמת-קינסטלערישן טאָן, פול מיט נשמה און פייער, מיט וועלכן ער האָט זיך שטענדיק אַנטפּלעקט אין דער בעסערער פיעסע.

אָבער דערדאָזיקער טאָמאַשעויסקי, דער טאָמאַשעווסקי-יצר-טוב האָט געליטן פון אַ פעלער, וועלכער האָט סוף כּל סוף צונישט געמאַכט אַלע זיינע ערפאָלגן אין דער בעסערער פּיעסע. פּיעסען, אין וועלכע ער האָט דעם גרעסטן אויפזען געמאַכט, האָט ער אַליין דערנאָך דערשטיקט און באַגראָבן. . . . און שולדיק איז אין דעם געווען דער עיקר, וואָס ער איז אַליין אַ פאַרפאַסער און האָט געוואָלט שפּילן, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, זיינע אייגענע פּיעסען. און זיינע אייגענע פּיעסען האָבן קיינמאָל נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט דעם טאָמאַשעווסקי-יצר-טוב זיך צו ווייזן, און טאָמאַשעווסקי-יצר-הרע האָט תּמיד דאָרט געהערשעוועט מיט זיינע טענער אויף נאָטן. און אויף אַזאַ אופן האָט דער פאַרפאַסער טאָמאַשעווסקי כּסדר געשטיקט דעם קינסטלער טאָמאַשעווסקי; דער ערשטער האָט תּמיד צעשטערט, וואָס דער אַנדערער האָט אויפגעבויט".

זלמן זילבערצווייג שרייבט: „באָריס טאָמאַשעווסקי איז אומדירעקט געוואָרן אַ מיטבויער פון אונזער יידיש לשון. . . . ער האָט געגרינדעט און אויסגעהאָדעוועט דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע. ער האָט דער ערשטער צונויפגעשטעלט אַ טרופּע פאַר ניו-יאָרק. דער ערשטער צונויפגעשטעלט טרופּעס פאַר דער פּראָווינץ, דער ערשטער אויספּרובירט נייע פּיעסען און געשאַפן אינטערעסאַנטע טיפּן און פיגורן, געשריבן אָן אַ שיעור פּיעסען און שפּעטער טעכניש באַאַרבעט די פּיעסען פון אַנדערע. ער האָט דער ערשטער געשאַפן דעם גרויסן פאַרנעם פון טעאַטער — די גרויסע טרופּעס, גרויסע אָרקעסטערס, ספּעציעלע דעקאָראַציעס, דער ערשטער געבראַכט אַ גאַנצע גרופּע ערשטקלאַסיקע שוישפּילער קיין אַמעריקע, דער ערשטער געבראַכט אַ פאַרגווייטן יידישן דראַמאַטורג (אָסיפּ דימאָוו) און פון אייראָפּעאישן יידישן טעאַטער — די ווילנער-טרופּע".

ט.׳ס געדרוקטע פּיעסען אין יידיש זיינען:

[1] פערלאַג מעלאָדיע
די אידישע נשמה
אָדער
בערל קאָכלעפעל
אַ מוזיקאַלישע דראַמאַ אין 4 אַקטען פון י. טער
בעאַרבייט פון ב. טאָמאַשעווסקי
וואַרשא תר״ע [1909, 56 ז. 16°]

[2] דאָס פינטעלע יוד
אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון ב. טהאָמאַשעווסקי
וואַרשא 1911 [60 ז. 16°]

[3] די נשמה פון מיין פאָלק
(די נשמה פון ישראל)
אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון נ. ראַקאָוו [באמת ט.׳ס]
פערלאַג מ. גאָלדפאַרב וואַרשא 1926 [40 ז. 16°]

[4] די פּוילישע חתונה
פאָלקס-שטיק אין 3 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג
פון באָריס טאָמאַשעווסקי
פערלאַג ל. גאָלדפאַרב וואַרשא 1928 [48 ז. 16°].

[5] שלמקע און ריקעל
קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון ב. טאָמאַשעווסקי
[איז באמת י. לאַטיינערס „זיין ווייבס פריינד"]

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 1155.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", צווייטער באַנד.

ב. גאָרין — קריטיק, „דער טהעאַטער זשורנאַל", נ. י., 15, 1902.

א. ק. [קאַהאַן] — אַ וויכטיגע, ערנסטע דראַמע אין פּיפּעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 9, 10 אָקטאָבער 1907.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 23 נאָוו. 1907.

טהאָמאַשעווסקיס „טהעאַטער שריפטען", נ. י., 1908.

ד. ב. — אין טהעאַטער „פא׳ש", נ. י., 31 אָקטאָבער 1908.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 28 נאָוו., 5, 12 דעצ. 1908.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — אַדלער און טהאָמאַשעווסקי אין אַמאָליגע צייטן, „דיא אידישע ביהנע", נ. י., 10, 17, 3 דעצעמבער 1909.

ז. קאָרנבליטה — „די שעהנע אַמעריקאַנערין", „דיא אידישע ביהנע" נ. י., 21 יאַנואַר 1910.

מאָרריס ראָזענפעלד — די נאַרישע וואָך אין פּיפּלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 20 אָקטאָבער 19 0.

ד. ב. — אין טעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 5 פעברואַר 19 0.

גרשן באַדער — געוועזענע, „טהעאַטער און מואווינג פּיקטשורס", נ. י., 6, 1913.

א. פרומקין — טהאָמאַשעווסקי אין לאָנדאָן, „פאָרוו.", נ. י., 13 יוני 1913.

דר. א. מוקדוני — דער רעפּערטואַר פינ׳ם יודישען טעאַטער אין רוסלאַנד פאַר דעם יאָהר תּרע״ב, „דער פּנקס" (רעד. ש. ניגער), ווילנע, תּרע״ג, ז. 265.

מ—ם [מנחם] — טעאַטער-פעליעטאָן, „היינט", וואַרשע, 30 יוני 1913.

S. Schlansky — פערטיידיגט טהאָמאַשעווסקין, „טהעאַטער און מיאווינג פּיקטשורס", נ. י., 8, 1913.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 11 אָקט. 1913.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 25 אָקט. 1913.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו.", ני י., 21, 28 סעפּט., 5, 12, 19, 26 אָקט., 9, 16, 3 נאָוו., 7, 21 דעצ. 1913.

יצחק זאַנדבערג — קונסט און דאַנקבאַרקייט, „דיא וואַרהייט", נ. י., 16 דעצעמבער 1913.

אב. קאַהאַן — אָסיפּ דימאָוו׳ס נייע פּיעסע אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 30 דעצ. 1913.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו.", נ. י., 4, 11, 18 יאַנואַר, 1, 8, 15, 22 פעברואַר, 15 מערץ, 19 אַפּריל 1914.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 24 אָקט. 1914.

אב. קאַהאַן — שלום אַש׳ס נייע פּיעסע אין טהאָמאַשעווסקיס טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 38 נאָוו. 1914.

אָלגין — דער „גרינער מיליאָנער" אין טאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 21 פעברואַר 1915.

Gustav Blum — Boris Thomashefsky — An Interview, „East and West", N. Y. 9, 1915.

באָרריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו.", נ. י., 24 סעפּט., 3, 10, 17, 24 אָקטאָבער, 3, 14, 21 נאָוועמבער, 5, 12, 19 דעצ. 1915.

אָלגין — קאָברינ׳ס נייע פּיעסע „ישראל׳ס האָפנונג" אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 19 אָקט. 1915.

באָריס טאָמאַשעווסקי — דאָס אידישע טהעאַטער און דיא אידישע פּרעסע, „דיא וואַרהייט", נ. י., 5 דעצ. 1915.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", ניו-יאָרק, 1916.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו", נ. י., 2, 9 יאַנואַר, 26 מערץ, 2, 9, 16, 23, 30 אַפּריל, 7, 14, 21, 28 מאַי, 4, 18, 25 יוני, 2, 16 יולי, 26 נאָוו., 10, 17, 24 דעצ. 1916.

אב. קאַהאַן — די נייע אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 20 אָקט. 1916.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא׳ש", נ. י., 21 אָקט. 1916.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו.", נ. י., 18, 25 מערץ, 1, 8, 15, 22, 29 אַפּריל, 13 מאַי, 3 יוני, 7, 14, 21, 28 אָקט., 11, 25 נאָוו., 2 דעצ. 1917.

אב. קאַהאַן — די נייע אידישע אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 אָקט. 1917.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּאָ ש", נ. י., 6 אָקט. 1917

אב. קאַהאַן —ווידער אַ אידישע אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהע-אַטער, „פאָרוו", נ. י., 22 יאַנואַר 1918

ישראל דער יענקי [פרידמאַן] — די חזן'טע, „יידטגבל'ט", נ. י., 1 פעברואַר 1918.

י. ענטין — אין און אַרום טהעאַטער, „דיא וואַרהייט", נ. י., 24 פעב. 1918.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — ווי מען נעהמט אויף נייע מיטגלידער אין דער אידישער אַקטיאָרען יוניאָן, „פאָרוו.", נ. י., 28 מערץ 1918.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [וועגן מאָריס מאָריסאָן], „פאָרוו." 31 אויגוסט, 1, 4, 5 סעפט. 1918.

ד ב. — אין טהעאַטער, „פּאָ'ש", נ. י., 7 סעפט. 1918.

אב. קאַהאַן — די נייע אָפּערעטקע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 24 סעפט. 1918.

אב. קאַהאַן — יושקעוויטש'עס „הונגער" אין טאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ י., 5 אָקט. 1918

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּאָ'ש", נ. י., 7 דעצ. 1918.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּאָ'ש", נ. י., 21 דעצ. 1918.

ישראל דער יענקי — אפּ-סטעירז און דאַון-סטעירז „יידטגבל'ט", נ. י., 10 יאַנואַר 19 9.

הלל ראָגאָף — דאָס „אַלטע ליעדעלע" אין טהאָמאַשעווסקי'ס נעשאַנאַל טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י 28 פעברואַר 1919.

הלל ראָגאָף — „דאָס הייליגע ליעד" אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 23 אָקט. 1919.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי דערצעהלט וועגען זיין באַקאַנטשאַפט מיט דייוויד קעסלער'ן, „פאָרוו", נ. י., 23 מאַי 1920.

אב. קאַהאַן — ליאָוו'ס אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י, 4 יאַנואַר 1921

וו. עדלין — לעאָ ליאָוו'ס אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 5 יאַנואַר 1921.

י. ענטין — „דאָס מוזיקאַלישע שטעטל" אין טאָמאַשעווסקי'ס נעשאַנאַל טעאַטער, „די צייט", נ. י., 5 יאַנ 1921.

אהרן ה ראָזען — ליאָוו ס „מוזיקאַלישע שטעטעל" אין טהאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער„ „יידטגבל'ט", נ. י., 5 יאַנואַר 1921.

וואָטאַן — אַרום טעאַטער, „פּאָ'ש", נ. י, 8 יאַנ 1921.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, II, זז 38-46.

מאָררים באַרקין — וועגען דאָס „מוזיקאַלישע שטעטעל", „פּאָ'ש", נ י, 29 יאַנ 1921.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו.", נ. י., 26 פעב, 12, 20, 26 מערץ, 18 נאָוו., 2, 9, 16, 23, 30 דעצ 1921

דער לעבעדיקער — ווינטשעווסקי און טאָמאַשעווסקי, „פּאָ'ש", נ. י, 24 יוני 1921.

אב. קאַהאַן — באָריס טהאָמאַשעווסקי אין שאָמער'ס אַ נייע פּיעסע, „פאָרוו". נ י., 8 אָקט 1921.

אב קאַהאַן — די נייע אָפּערעטא אין טהאָמאַשעווסקי'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ י., 12 יאַנ. 1922.

לעאָן בלאַנק — מאָגולעסקאָ צוקריגט זיך מיט יעקב גאָרדין צוליעב אַ ליעדעל אין אַ פּיעסע „פאָרוו." נ. י. 22 יאַנ. 1922.

ישראל דער יענקי — לעבעדיג און פרעהליך, „יידטגבל ט", נ. י., 8 פעברואַר 1922.

אב. קאַהאַן — טהאָמאַשעווסקי'ס „גאָלדענער פאָדעם" „פאָרוו", נ. י., 22 מערץ 1922.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו" נ. י., 6 13 יאַנ, 11 פעב, 4 מערץ, 3 סעפט., 1922 4 25 פעב., 30 יוני, 3, 11, 18, 25 אויגוסט, 1, 7, 10 סעפט., 10 נאָוו., 12 דעצ 1923.

ג. ריוועסמאַן — וואָס פאַר אַ אידישער טהעאַטער קען האָבען ערפאָלג אויף בראָדוויי ? „פאָרוו". נ. י., 15 יוני 1923.

ז. הילעלסאָן ווער וועט געהן אין אידישען טהעאַטער אויף בראָדוויי ?, „פּאָרו." נ י. 6 יולי 1923.

הלל ראָגאָף — באָריס טהאָמאַשעווסקי אויף בראָדוויי, „פאָרוו.", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

אַנ'אייגענער — זיידענע הענטשקעס און גראָבע רייד, „פרייהייט", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

ל. קעסנער — אַ צווייטער בליק אויף צוויי פערשידענאַרטיקע אָריגענעלע שטיק, „יידטגבל'ט", נ. י., 26 אָקט. 1923.

ישראל דער יענקי — „די פרעהליכע שניידערלעך", „יידטגבל'ט", נ. י., 16 נאָוו. 1923.

הלל ראָגאָף — „די פרעהליכע שניידערלעך", אין טאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 16 נאָוו. 1923.

באָריס טאָמאַשעווסקי — אַ פּאָר ווערטער פון אַ געוועזענעם משורר, „די געשיכטע פון חזנות", נ. י., 1924, זז. 60-63.

ש. ערדבערג — צו טהאָמאַשעווסקי'ס ברייגגען די „ווילנער", „יידטגבל'ט", נ. י.. 25 יאַנואַר 1924.

ב. גאָרין — טהעאַטער געדאַנקען, „מאָז'ש", נ. י., 25 יאַנ. 1924.

באָריס טאָמאַשעווסקי — [אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „פאָרוו"., נ. י., 12, 19, 26 יולי, 2, 9, 16, 23 אויגוסט, 6 סעפּט., 4, 18, 25 אָקט., 1, 8, 15, 22, 29 נאָוו., 6, 20 דעצ. 1924, 1 יאַנ. 1925.

לעאָן קאָברין — „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", נ. י., 1925, זז. 125-147.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי דערצעהלט ווי ער פילט זיך אַלס שוישפילער אויף דער ענגלישער ביהנע, „פאָרוו.", נ. י., 7 פעברואַר 1925.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען", נ. י., 1926, II, זז. 183-84, 395-97.

[—] — וואָרום באָריס טאָמאַשעווסקי האָט פאַרלאָזען טאָראָנטאָ, „פאָרוו.", נ. י., 22 יאַנ. 1926.

באָריס טאָמאַשעווסקי — [זכרונות וועגן יעקב פּ. אַדלער], „מאָז'ש", נ. י., 7, 8, 12, 14, 16, 19, 26 אַפּריל 1926.

[—] — אידישער דראַמאַטורג קלאָגט אָן באָריס טאָמאַשעווסקין, „פאָרוו.", נ. י., 25 מערץ 1927.

מ. קיפּניס — „אידעלעס בר מצוה", „היינט", וואַרשע, 17 יולי 1927.

חנן [פּסח קאַפּלאַן] — די פּוילישע חתונה (אויפגעפירט פון קאָמפּאַניעצעס טרופּע), „דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 10 יאַנ. 1928.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — „בר מצוה" פון ב. טאָמאַשעווסקי, „פּאַריזער היינט", 27 מאַי 1928.

באָריס טאָמאַשעווסקי — די געשיכטע פון „אלי, אלי", „טעאַטער זכרונות" (רעד. זלמן זילבערצווייג), ווילנע, 1928, זז. 27-31.

מ. קיפּניס — „די פּוילישע חתונה", „היינט", וואַרשע, 29 מאַי 1928.

באָריס טאָמאַשעווסקי — [זכרונות], „קאַליפאָרניער אידישע שטימע", לאָס אַנדזשעלאָס, 4 יאַנואַר — 7 מאַי 1929.

קריטיקוס [מאָריס מייער] — „דער חזן און די חזנטע", „צייט", לאָנדאָן, 15 אַפּריל 1929.

קריטיקוס — טאָמאַשעווסקיס געלונגענע כאַראַקטעריזירונג פון אברהם גאָלדפאַדען אין „אַלטע לידעלעך", „צייט", לאָנדאָן, 5 מאַי 1929.

ש. פּאַן [שאיאק] — „אַלטע לידעלעך", „פּאָסט", לאָנדאָן, 6 מאַי 1929.

מ. קליינמאַן — גאָלדפאַדען אויף דער סצענע, „צייט", לאָנדאָן 10 מאַי 1929.

דר. משה לוסטיג — יידיש טעאַטער. די פּוילישע חתונה, „מאָרגען", לעמבערג, 24 מאַי 19 9.

ב. באַלזאַם [באָטווויניק] — זיי זיינען נאָך היינט פּאַטריאָטען פון די געשטאָרבענע סטאַרס, „פאָרוו.", נ. י., 16 יוני 1929.

מישע וואָהל — באָריס טאָמאַשעווסקי, „טשערנאָוויצער בלעטער", 22, 1929.

מישע וואָהל — „איך און דו" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, „טש. בלט", 24, 1929.

מ. וו. — דער גאָלדענער פּאָדעם פון טאָמאַשעווסקי, „טש. בלט", 26, 1929.

מ. וו. — טאָמאַשעווסקיס טיפּען, „טש. בלט", 27, 1929.

ספּעקטאַטאָר — „די נשמה פון מיין פּאָלק" אין פּאָלי דראַמאַטיק, „פּאַריזער היינט", 24 סעפּ. 1929.

קריטיקוס — „מזל טוב" געשפּילט מיט מזל, „צייט", לאָנדאָן, 27 דעצ. 1929.

י. ש. [שאַצקי] — פון יוסף באַראָנדעסעס טעאַטער-זכרונות, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 436-37.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 417-18.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו-יאָרק, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 251-52.

קריטיקוס — די צוויי חזנים פון קאַלמאַנאָוויטש, אויפגעפירט פון באָריס טאָמאַשעווסקי, „צייט", לאָנדאָן, 20 יאַנ. 1930.

ספּעקטאַטאָר — דער חזן און די חזנטע, „פּאַריזער היינט", 4 פעברואַר 1930.

באָריס טאָמאַשעווסקי — דער לעצטער בענעפיס פאַר יעקב פּ. אַדלער, „פּאַריזער היינט", 10, 11 פעב 1930.

אַ טעאַטער-באַזוכער — „דער חזן און די חזנטע", „נייע פאָלקסצייט.", וואַרשע, 19 מערץ 1930.

אלחנן צייטלין — באָריס טאָמאַשעווסקי און רוזע רענע אין קאַמינסקיס טעאַטער, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 24 מערץ 1930.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — באָריס טאָמאַשעווסקי באַשרייבט די לאַגע פון אידישען טעאַטער אין פוילן און רומעניען, „פאָרוו.", נ. י. 22 מאַי 1930.

ש-פּיר — באָריס טאָמאַשעווסקי, „דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 19 יוני 1930.

ספּעקטאַטאָר — „דער גאָלדענער פּאָדעם" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, „פּאַריזער היינט", 19 אָקט. 1930.

באָריס טאָמאַשעווסקי — ווי איך האָב רודאָלף שילדקרויט געמאַכט פאַר אַ אידישען אַקטיאָר, „נייעס פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 19, 20 אָקט. 1930, „פּאָסט", לאָנדאָן, 9 נאָוו. 1930.

יעקב באָטאָשאַנסקי — שוין 25 יאָהר, אַז מען שפּילט אידיש טעאַטער אין אַרגענטינע, „טאָג", נ. י., 28 נאָוו. 1930.

מ. אָשעראָוויטש — די ערשטע צוויי אידישע טעאַטערס אין אַמעריקא און די ביטערע קאָנקורענץ זייערע, „פאָרוו." נ. י., 30 נאָוו 1930.

אב. קאַהאַן — אַ פּאָר נאָטיצען וועגען טעאַטער און מוזיק, „פאָרוו. נ. י., 5 דעצ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פאָ״ש", נ. י., 12 דעצ. 1930.

מרדכי דאַנציס — אידיש טעאַטער ביי די ווילד-פרומע אידען אין די קאַרפּאַטען בערג, „דער טאָג", נ. י. 21 דעצ. 1930.

יעקב קירשענבוים — באָריס טאָמאַשעפסקי'ס „ארץ ישראל" אויף דער ביהנע אין ניו-יאָרק, „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 29 דעצ 1930.

ז. ז. [זילבערצווייג] — ביאָגראַפישע דאַטען פון רומשינסקי'ס לעבען און שאַפען, „רומשינסקי-בוך", נ. י., 1931, ז. 40.

זלמן זילבערצווייג — דער פאָטער פון אידישען טעאַטער אין אַמעריקא, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 1 מאַי 1931.

ז. זילבערצווייג — אַ בלעטל הפקרות פון אונזערע פּאַרלאַגן, „שיקאַגאָ", שיקאַגאָ, יולי 1931.

הלל ראָגאָף — אין דעם איצטיגען מאָמענט, „פאָרוו.", נ. י. 17 סעפּט. 1931.

י. ד. בערקאָוויטש — שלום עליכם'ס „עקזאַמען" אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", נ. י., 6 דעצ. 1931.

אב. קאַהאַן — טאָמאַשעפסקי'ס אָפּערעטע מיט רומשינסקי'ס מוזיק אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י, 9 דעצ. 1931.

מ. נאָרמאַן — אַן אָפּערעטע אין דעם מעקינלי סקווער טעאַטער, „מאָז"ש", נ. י., 15 יאַנ. 1932.

Alissa Keir — Snapshots, „Daily News", N. Y. 23 April 1932.

ל. פּ. — „אונזער רביניו" אין געיטי טעאַטער וויליאַמסבורג, „דער טאָג", נ. י., 21 אָקט. 1932.

אליהו שולמאַן — שלום-עליכם'ס סצעניעשער דעביוט אין אַמעריקע „יוואָ-בלעטער", דעצעמבער 1932

[—] — באָריס טאָמאַשעווסקי שטאַרק געטאַדעלט ביים מיטינג פון אידישער אַקטיאָרען יוניאָן, „פאָרוו.", נ. י., 6 יאַנ. 1933.

[—] — טעאַטער-נייעס, „דער טאָג", נ. י. 7 יאַנואַר 1933

באָריס טאָמאַשעווסקי — פאַרוואָס איך בין אַוועק שפּילען אין אַ ניט-יוניאָן טעאַטער, „דער טאָג" נ. י. 31 יאַנואַר 1933.

זלמן זילבערצווייג — [מאָנאָגראַפיע וועגן באָריס טאָמאַשעווסקי אונטער פאַרשיידענע קעפּלעך], „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 28 אַפּריל, 5, 12, 19, 26 מאַי, 9, 16 יוני 1933.

[—] — אַקטיאָרען יוניאָן קלאָגט אָן באָריס טאָמאַשעווסקי פאַר בענעפיט-געלט, „פאָרוו.", נ. י., 28 אַפּריל 1933.

טאָמאַשעווסקי, בעסי

[ברכה באָומפעלד-קויפמאַן]

געבוירן [לויט ט. אַליין גיט אָן] ווינטער 1873 אין טאַראַשטשע, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — שלמה באָומפעלד, אַ סוחר, אַ טאַלנער חסיד. געלערנט אין חדר. דער פאָטער ווערט שפּעטער אַן אפיקורס און מוז לסוף, אַלס ניהיליסט, אַנטלויפן פון שטעטל. ער נעמט מיט ט. און שוואַרצט מיט איר די גרענעץ קיין בראָד און אַ האַלב יאָר שפּעטער וואַנדערן זיי אויס (מיט דער צוגעקומענער פאַמיליע) קיין אַמעריקע א'נ קויפמאַן.

דאָ איז דער פאָטער, מיט נאָך אַ גרופּע אימיגראַנטן, געוואָרן אַ קאָלאָניסט אין פיסגעיל קאָונטי נישט ווייט פון וואַשינגטאָן. צוויי יאָר האָט דאָ ט. געלערנט אין שול. שפּעטער טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין באַלטימאָר, און דאָ, אין עלטער פון 12 יאָר, טרעט ט. אַריין אַלס אַרבעטערין אין אַ זאַק-פאַבריק, דערנאָך באַזוכט זי ווידער אַ שול, ווערט אַן אַרבעטערין ביים שניידן טאַבאַק, פאַרקויפט אויבסט אין גאַס און טרעט ווידער אַריין אין אַ שול.

ט. באַזוכט דעם „דיים-מוזעאום", וואו זי הערט צום ערשטן מאָל זינגען נעגערס, און די ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס זי זעט, איז שעקספּירס „ראָמעאָ און דזשוליעט".

אין עלטער פון 14 יאָר איז ט. געוואָרן אַ נייטאָרין. צו יענער צייט איז געקומען אין באַלטימאָר באָריס טאָמאַשעווסקי מיט זיין טרופּע און ט. באַזוכט זיינע פאָרשטעלונגען.

וועגן דעם איינדרוק, וואָס די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג האָט אויף איר געמאַכט, דערציילט ט. אין אירע זכרונות: „אַז איך בין אַהיימגעקומען פון דער ערשטער טעאַטער-פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען בין איך געווען ווי ניי געבוירן. איך האָב געפילט אין מיר עפּעס, וואָס איך האָב פריער קיינמאָל נישט געפילט. עפּעס האָט מיך געצויגן גענאָגט מיין האַרץ. איך בין אומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. ביי אונז אין שטוב איז מיר געוואָרן אומעטיק אויף דעם טאַטען האָב איך אַ כעס געטראָגן פאַרוואָס ער לאַכט אָפּ פון די יידישע עקטאָרס [אַקטיאָרן], און טאָג ווי נאַכט פלעג איך איבערליגן ביי מיין שוועסטער קלאַראַן אין הויז. דאָרט האָב איך נאָכגעמאַכט די עקטאָרס אַזוי ווי איך האָב זיי געזען אין קאָנקאָרדיאַ-האָל".

נאָכדעם ווי די טרופּע פאַרלאָזט באַלטימאָר און טאָמאַשעווסקי בלייבט אַליין אין שטאָט, ווערט אַן אָפּטער אַריינגייער צו ט.'ס

שוואָגער, באַפריינדעט זיך מיט ט. און באַוועגט זי צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע.

ט.׳ס ערשטער אויפטריט איז געווען אַלס „די כלה“ אין פנחס טאָמאַשעווסקיס פּיעסע „ראָטשילדס ביאָגראַפיע“, וואָס באָריס טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קלוב, וועלכן ער האָט געגרינדעט אין באַלטימאָר.

ט. שילדערט אַזוי איר ערשטן אויפטריט: „אויף דער בינע שטייט „ראָטשילד“ (טאָמאַשעווסקי) און זינגט אַ טרויעריק ליד. דער עולם אַפּלאָדירט אַזוי שטאַרק, אַז ער מוז דאָס זעלבע ליד זינגען נאָך אַמאָל. ראָטשילדס מאַמע פּאָרעט זיך אַרום די שמאַטעס. ביידע ריידן אָפּ און עס דאַרף שוין אַריינקומען „די כלה“. איך אַליין, הייסט עס. אָבער... איך שטיי הינטער די קוליסן, וויל אַריינגיין אויף דער בינע און קאָן נישט, פּונקט ווי עמעצער וואָלט מיך דאָ צוגעקאָוועט. איך הער ווי טאָמאַשעווסקי זאָגט: „וואו איז מיין געליבטע כלה, וואָרום קומט זי נאָך נישט?“ איך שטיי און קאָן זיך נאָך אַלץ נישט רירן פון אָרט. עפּעס זיינע לעצטע ווערטער זיינען מיר גאָר פרעמד. ביי פּרובע האָב איך קיינמאָל נישט געהערט ער זאָל דאָס זאָגן (איך האָב דאַן נישט געוואוסט, אַז מען קאָן ריידן „אַרבל-פּראָזע“) און איך שטיי. פּלוצים הער איך ווי ער שרייט אויס: „אַך, מוטער, אָט דאָרט קומט מיין כלה, איך מוז איר אַקעגנלויפן“ — און ער קומט אַראָפּ פון סטיידזש [בינע], כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך אַרויס אויף דער סצענע.

„„די בינע איז געווען באַלויכטן ליכטיק, אָבער מיר איז פון דער ליכטיקייט געוואָרן פינסטער אין די אויגן. איך האָב קיינעם נישט געזען. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ הילצערנע אינדיאַנערקע נעבן אַ סיגאַר-סטאָר [סיגאַר-געשעפט] און האָב פאַרלוירן דאָס לשון. איך שטיי און שווייג, גייט ער צו מיר צו און זאָגט: „נו, מיין טייערע כלה, האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן? זאָג, שעם דיך נישט!“ אַזוי ווי דורך אַ כשוף האָב איך געקריגן שפּראַך. איך האָב מיטאַמאָל גענומען ז אָ ג ן“.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ט. אויפגעטראָטן אַלס „הדסה“ אין טאָמאַשעווסקיס אויפפירונג פון „די חלוצה“ און דערנאָך איז זי (צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין און איר שוועסטער רייטשעל) אַרויסגעטראָטן מיט קופּלעטן אין שלעגעלס האָל אין באַלטימאָר. טאָמאַשעווסקי ווערט איצט אַ בן-בית ביי ט. אין שטוב, און ט. באַקומט די דערלויבניש מיט אים צו פאָרן קיין באָסטאָן, וואו זי טרעט אַרויס אין באָסטאָן מיוזיק-האָל אין דער טיטל-ראָל פון „שולמית“ (צוזאַמען מיט באָריס טאָמאַשעווסקי, מאַריענשטראָס, דער אַלטער שענקמאַן, זיינוול שענקמאַן און מאָריס וויסמאַן). באַלד דערויף ברענגט טאָמאַשעווסקי אַ גרופּע באַקאַנטע שוישפּילער פון ניו-יאָרק צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדען און פירט אויף „ביידע קוני לעמעל“, מיט ט. אַלס „ליבעלע“. דערנאָך שפּילט ט. די ראָל „ראובן“ אין קאַרפּס אויפפירונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, און פאָרט באַלד אָפּ קיין פילאַדעלפיע צו טאָמאַשעווסקין, וועלכער פירט אויף אין דראַמאַטיק-האָל (געסקיל סטריט) זיין פאָטערס פּיעסע „יאַנקעלע יונגאַטש“, מיט ט. אין דער ראָל פון „יאַנקעלעס פרוי“. כדי נישט דאַרפן צוריקפאָרן צו אירע עלטערן פון וועמענס אפּוטרופּסות זי וויל זיך באַפרייען, האָט ט. חתונה מיט באָריס טאָמאַשעווסקין און טרעט זינט דאַמאָלט אַרויס אויף דער בינע א׳נ בעסי טאָמאַשעווסקי. איבערגייענדיק אין אָרטיקן טאַליאַ-טעאַטער, שפּילט שוין ט. די ראָל „יהודית“ אין „אוריאל אַקאָסטאַ“

וועגן דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון יענעם יידישן טעאַטער דערציילט ט. אין אירע זכרונות:

„מיר האָבן זיך זייער געפרייט מיט אונזער גרויסן מאָראַלישן סוקסעס [דערפאָלג], וואָרום קיין געלט איז נישט געווען מיט וואָס זיך צו פרייען. מיר זיינען אַרויס „איוועין“ [אָן היזק און אָן ריוח] דערפאַר האָט אונז מיסטער בעסט דערלויבט אויך ווייטער צו שפּילן אין זיין טאַליאַ-טעאַטער און דאָס איז געווען פאַר אונז אַ גרויסע שמחה. ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען, איז געוואָרן אַ שטיקל קריגעריי צווישן אַלטן פּאָרל. מיין שוויגער האָט געשריגן: „אַקאָסטאַ ווילט זיך אים. די שפּאַנישע אינקוויזיציע וואָלט דאָך געווען געבראַכט אַ פּאָר דאָלאַר, עס איז דאָך נישטאָ וואָס צו עסן“. און דער אַלטער האָט געשריגן: „נישקשה, סע וועט זיין, דערלאַנג דעם באָרשט און בורטשע נישט“. און צו אונז האָט ער געזאָגט: „קינדער, מיר האָבן געשפּילט פּויסט קלעס [ערשט ראַנגיק], מיר האָבן דאָס מאָל נישט פאַרדינט, אָבער מיר האָבן זיך געמאַכט אַ נאָמען, אַ גרויסן נאָמען“.

צוליב די שלעכטע געשעפטן פאָרט אָפּ די טרופּע שפּילן איבער דער פּראָווינץ. דאָ האָט ט. די געלעגנהייט ווידער זיך צו טרעפן מיט איר פאַמיליע, שוין אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע און פאַרהייראַטע פרוי. באַלד אָבער קערט די טרופּע צוריק קיין פילאַדעלפיע, וואו ט. טרעט אַרויס צוערשט בלויז מיטן לידל „הייסע באַבקעלעך“, דערנאָך אַלס „מירעלע“ אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע“. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין טאַליאַ-טעאַטער און דערנאָך צוריק אין דראַמאַטיק-האָל, פאַלט זיך פונאַנדער די טרופּע (צוליב דער קאָנקורענץ פון אַ צווייטער יידישער טרופּע), און ט., צוזאַמען מיט איר מאַן און איר שוועסטער רייטשעל, פאָרן אָפּ קיין באָסטאָן, וואו זיי טרעטן אַרויס אויף אַ קאָנצערט און אויף אַ פאָרשטעלונג אין טשעלסי און פאָרן צוריק קיין פילאַדעלפיע, וואו זיי שפּילן אַ קורצע צייט. נאָכדעם שפּילן זיי אַ קורצע צייט אין באַלטימאָר, פּיטסבורג, מעקיעס פּאָרט, ווידער אין פילאַדעלפיע, שפּעטער אין שיקאַגאָ (וואו ט. שפּילט „ויזתא“ אין „אחשורוש“), דערנאָך אין ניו-יאָרקער פּולס-טעאַטער און פאָרן ווידער קיין שיקאַגאָ, וואו ט. האָט די געלעגנהייט צו שפּילן צום ערשטן מאָל צוזאַמען מיט מאָגולעסקאָ.

1890-91 ווערט ט. מיט איר מאַן אַנגאַזשירט אין ניו-יאָרקער רומעניע-אָפּערע-הויז, וואו זיי שפּילן אויך דעם סעזאָן 1891-92, און דאָ טרעט אויף ט. צום ערשטן מאָל אין אַ גאָרדין-ראָל („מאַניע“ אין גאָרדינס „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד“) א׳ר פון מחבר. די סעזאָנען 1892-94 שפּילט ט. מיט איר מאַן (אַלס מיט-שותּפים) אין טאַליאַ-טעאַטער און דעם 15 סעפּטעמבער 1894 טרעט ט. אַרויס אַלס „שרה דבורה“ אין דער פּרעמיערע פון גאָרדינס „די ליטווישע ברידער לוריאָ“, דערנאָך גייען זיי איבער אין ווינדזאָר-טעאַטער, וואו ט. האָט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס „יצחק“ אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק“.

אין די סעזאָנען 1897-99 שפּילט ט. מיט איר מאַן אין ווינדזאָר-טעאַטער. דאָ האָט ט. די געלעגנהייט צו שפּילן „שפּינאָזאַ“ מיט מאָריסאָנען אין זיין „אַקאָסטאַ“-אויפפירונג, „מינאַס טאָכטער“ אין קאָבּריקס „מינאַ“ און אַלס „פּיני“ אין גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת“.

פון 1899 ביז 1901 האָט ט. געשפּילט אין פּיפּלס-טעאַטער, וואו באָריס טאָמאַשעווסקי איז געווען בשותּפות מיט עדעלשטיינען,

און דאָ האָט זי קרעאירט „ביינושל" אין זאָלאָטאַרעווסקיס „דער ישיבה-בחור".

1901 האָט ט. מיט איר מאַן באַזוכט אייראָפּע און אויפגעטראָטן בלויז איין מאָל אין בערלינער יידישן טעאַטער.

צוריקגעקומען אין אַמעריקע, האָט ט. ווייטער געשפּילט אין פּיפּלס-טעאַטער און פּאַרטראָטן מאָגולעסקאָן (צוליב זיין קראַנקהייט) אין זיין דערפאָלגרייכער ראָל „פייטל פּאַוואָליע" אין שמ'רס „די אימיגראַנטן". איבערגעגאַנגען צום רעפּערטואַר פון „די גרינע מויד", „דער גרינער בחור", „די גרינע קינדער", „דאָס גרינע ווייבל". האָט ט. אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן ערשט אָרט אין טעאַטער.

דעם 25 דעצעמבער 1907 שפּילט ט. די ראָל „כּעליקוס" אין גאָלדפאַדענס לעצטער פּיעסע „בן עמי" און טרעט אויף דערנאָך אַלס „חנה" אין דימאָווס „שמע ישראל", מיט וועלכער זי ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק.

„מאַנכע קריטיקער שרייבן — דערציילט ט. אין אירע זכרונות — איך זאָל אַוועקוואַרפן מיינע סובּרעטין-ראָלן און שפּילן נאָר דראַמאַטישע ראָלן, אַזוי שטאַרק נעם איך אויס מיט דער ראָלע „שמע ישראל", אָבער קיין גרויסער קאַסע-דערפאָלג איז די פּיעסע נישט געווען".

דעם 3 סעפּטעמבער 1908 איז ט. אויפגעטראָטן אין פּיפּלס-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פון אָסקאַר אוויילדס „סאַלאָמעאַ".

נאָכן שפּילן אין גאָרדינס לעצטער פּיעסע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ" און אַ״ס „לינאַ" אין אברהם שאָמערס „אייקעלע מזיק" (מיט שילדקרויטן), גייט זיך פונאַנדער ט. מיט איר מאַן באָריס טאָמאַשעווסקי און פאָרט אַוועק אויף אַ קורצער צייט קיין אייראָפּע.

צוריקגעקומען, טרעט אַריין ט. (1912-13) צוזאַמען מיט סעראַ אַדלער און רודאָלף שילדקרויט, אין ברוקלינער נאָוועלטי-טעאַטער, אָבער באַלד בלייבט זי אַליין דער „סטאַר" און טרעט דאָרט אויף דעם 31 דעצעמבער 1912 אין ראַקאָווס „חאַנטשע אין אַמעריקע" (מוזיק — יאָזעף רומשינסקי), וואָס מאַכט זי זייער פּאָפּולער.

פון דאָ פאָרט זי אַרויס איבער דער פּראָווינץ, דאַן טרעט זי אויף דעם 11 יאַנואַר 1914 אין איר רעפּערטואַר אין ניי-געעפנטן פּראָספּעקט-טעאַטער אין ניו-יאָרק (בראָנקס), דערנאָך אין אַנדערע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און טרעט אַריין (צום סעזאָן 1914-15) צוזאַמען מיט יעקב פּ. אַדלער אין פּיפּלס-טעאַטער, וואו זי דעביוטירט אין דער ראָל „פּעני אונטריי" אין ראַקאָווס „די ווייבערישע מלוכה" (מוזיק — י. רומשינסקי).

צום סעזאָן 1915-16 נעמט זי איבער דאָס מענעדזשמענט פון פּיפּלס-טעאַטער און טרעט דאָ אויף דעם 3 סעפּטעמבער 1915 אַלס „איוואַ" אין זאָלאָטאַרעווסקיס „דער פּרייז פון ליבע", דעם 4 נאָוו. 1915 אַלס „דער ישיבה-בחור", דעם 4 פעברואַר 1916 אין דער הויפּטראָל פון משה ריכטערס „פאַרדאַכט" און דעם 14 אַפּריל 1916 אַלס „הייקע" אין נ. ראַקאָווס „פאַרבאָטענע פרוכט".

אויך צום סעזאָן 1916-17 בלייבט ט. די אָנפירערין פון זעלבן טעאַטער, וואָס הייסט איצט „בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס-טעאַטער". דאָ טרעט זי אַרויס דעם 15 סעפּטעמבער 1916 אַלס „עדנע" אין ליבינס „די גרויסע פראַגע", דעם 28 סעפּט. אַלס „עמאַ" אין

ליבינס „די צוויי מאַמעס", און דעם 9 פעברואַר 1917 אַלס „סוזי ברען" פון זאָלאָטאַרעווסקי (מוזיק — לואיס פרידזעל).

דעם סעזאָן 1917-18 עפנט ט. איר טעאַטער (דעם 31 אויגוסט 1917) מיט משה ריכטערס „די צוויי שוויגערס". דעם 23 נאָוו. 1917 טרעט זי אויף אַלס „מינקע די דינסט" אין לעאָן קאָברינס קאָמעדיע „דעם דאָקטאָרס ווייבער", וועלכע זי שפּילט שפּעטער א'נ „מינקע די דינסטמויד". דעם 20 דעצעמבער 1917 באַטייליקט זי זיך אין ליבינס פּיעסע „די היינטיקע פרוי" און דעם 21 פעברואַר 1918 טרעט זי אויף אַלס „סיידי פלאַם" פון מ גאָלדבערג (מוזיק — „לואיס פרידזעל)

דעם סעזאָן 1918-19 עפנט ט. איר טעאַטער (דעם 30 אויגוסט 1918) מיט משה ריכטערס „אַ פרויס פליכט". עטלעכע טעג שפּעטער ווערט אַראָפּגענומען איר נאָמען פון טעאַטער. וועלכן זי פאַרלאָזט באַלד און נעמט ווידער גאַסטראָלירן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. דעם 15 אַפּריל 1919 גאַסטראָלירט זי ביי באָריס טאָמאַשעווסקי אין נעשאָנאַל-טעאַטער מיט משה ריכטערס קאָמעדיע „ווי מענער ליבן", דעם 16 מאַי 1919 טרעט זי דאָ אויף אַלס „משה פלאַסטער" אין מ גאָלדבערגס קאָמעדיע „דער לוסטיקער פּריזאָנער" (מוזיק — י. רומשינסקי) און דעם 29 מאַי 1919 אין ליליפּוטס איבערזעצונג פון אָסטראָווסקיס „דיקאַרקאַ" (די ווילדע), א'ר פון אָסיפּ דימאָוו.

דעם 3 אַפּריל 1920 הויבט אָן ט. שפּילן אין פּיפּלס-טעאַטער אין מאַרק אַרנשטיינס פּיעסע „פאַר דער חתונה" (מוזיק — לואיס פרידזעל).

דעם סעזאָן 1920-21 שפּילט זי אין פּיפּלס-טעאַטער, וואו זי הויבט אָן דעם 2 סעפּטעמבער 1920 מיט ראַקאָווס „די טיר צום גליק" און דעם 22 סעפּט. 1920 טרעט זי דאָ אויף אַלס „דזשעני לויפּט פאַר מעיאָר, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון ז. קאָרנבליטה, מוזיק פון יאָזעף ברודי", וואָס גייט וואָכן-לאַנג מיט גרויסן דערפאָלג.

אין מאַי 1921 גאַסטראָלירט ט. צוזאַמען מיט סעמיועל ראָזענשטיין איבער די לאָקאַלע טעאַטערס פון ניו-יאָרק (ליריק, ליבערטי) און פאָרט דערנאָך איבער דער פּראָווינץ (אָקטאָבער 1921 — אין סאַן פראַנציסקאָ).

דעם 17 פעברואַר 1922 גאַסטראָלירט זי אין קעסלערס טעאַטער אין ישראל ראָזענבערגס קאָמעדיע „בערעלע טרעמפּ" (מוזיק — שלום סעקונדאַ), דעם 13 אַפּריל 1922 אין „דאָס בינטל בריוו" פון ישראל ראָזענבערג (מוזיק — י. רומשינסקי), דעם 24 נאָוו. 1922 אין פּיפּלס-טעאַטער. אַלס „ליידי חיה ציפּע, נאָוועלטי קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון אָסיפּ דימאָוו", דעם 15 דעצ. 1922 אין קאַלמאַנאָוויטשעס קאָמעדיע „ווייבערישע סודות", און נאָך אַ קליינער הפסקה, בעת וועלכער זי האָט גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ, טרעט זי ווידער אויף אין זעלבן טעאַטער דעם 30 מערץ 1923 אין ריכטערס „דאָס אימפּאָרטירטע ווייבל".

זומער און הערבסט 1923 שפּילט ט. אין יידישע וואָדעוויל-הייזער אין ניו-יאָרק. דעם 26 אָקטאָבער 1923 גאַסטראָלירט זי אין איר רעפּערטואַר אין אַמפּיאָן-טעאַטער, דעם 4 יאַנואַר 1924 אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, דערנאָך אין מעקינלי סקווער-טעאַטער און אין מאַי 1924 פאָרט זי אָפּ קיין לאָנדאָן, וואו זי גאַסטראָלירט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

אין אָקטאָבער 1924 קומט ט. צוריק אין אַמעריקע און אין יאַנואַר 1925 גאַסטראָלירט זי אין טאָראָנטאָ. דעם 9 מערץ 1925 הויבט זי אָן אַרויסצוטרעטן אין וואָדעוויל אין מעקינלי-טעאַטער אין אַ סקעטש פון דער פּיעסע „דער גרינער בחור", דעם 27 מערץ 1925 שפּילט זי אין וואָדעוויל אין גרענד-טעאַטער, דעם 9 אַפּריל 1925 טרעט זי אויף אין לירי ק-טעאַטער אין ל. פריימאַנס קאָמעדיע „צירל מירל פון גאַליציע" און דערנאָך ווידער אין וואָדעוויל אין פּראָספּעקט-טעאַטער.

דעם 16 אַפּריל 1926 גאַסטראָלירט ט. אין אַמפּיאָן-טעאַטער אין קאַלמאַנאָוויטשעס פּיעסע „פּרויען היט אייער היים".

צום סעזאָן 1926-27 איז ט. אַנגאַזשירט אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, וואו זי שפּילט איינינקע חדשים און שוין אין אַפּריל 1927 טרעט זי אַרויס אין ענגלישן וואָדעוויל אין אַפּאָלאָ-טעאַטער.

דעם 13 מערץ 1928 טרעט אויף ט. אין ע נ ג ל י ש אין דעם סקעטש „אַן אַקטיאָרס ווייב" אין קלינטאָן-טעאַטער. און דערנאָך מיט דעם זעלבן סקעטש אין אַנדערע וואָדעוויל-הייזער.

דעם 23 אַפּריל 1928 גאַסטראָלירט זי אין האָפּקינסאָן-טעאַטער מיט קאַלמאַנאָוויטשעס פּיעסע „היינטיקע פרויען" [„פרויען היט אייער היים"] און דערנאָך מיט דער זעלבער פּיעסע אין אַנדערע טעאַטערס.

אַפּריל 1929 גאַסטראָלירט זי אין באַלטימאָר, דעצעמבער 1929 אין יידישן וואָדעוויל אין מעקינלי-סקווער-טעאַטער און זינט דאַמאָלט טרעט זי זעלטן אַרויס אויף דער בינע.

ט. האָט דערציילט אירע זכרונות דעם אַקטיאָר אליהו טענענהאָלץ, וועלכער האָט זיי באַאַרבעט און פאַרעפנטלעכט אין „דיא װאַרהייט", וואָס האָט שפּעטער די זכרונות אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער בוך: „מיין לעבענס געשיכטע. דיא ליידען און פריידען פון אַ אידישער סטאַר אַקטריסע, פון בעסי טהאָמאַשעווסקי, געשילדערט פון איהר אַליין און איבערגעגעבן פון א. טענענהאָלץ. אַרויסגעגעבן פון דיא וואַרהייט פּאָבלישינג קאָמפּאַני [ניו-יאָרק] 1916" [304 ז. 16°]

ט׳ס זון, הערי, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

ב. גאָרין – „געשיכטע פון אידישן טעאַטער" II.

בעסי טהאָמאַשעווסקי – „מיין לעבענס-געשיכטע", ניו-יאָרק, 1916.

באָריס טהאָמאַשעווסקי [זכרונות] – „פאָרוו.", נ. י., 2, 9 יאַנואַר, 26 מערץ, 2, 9, 16, 23, 30 אַפּריל, 7, 14, 21, 28 מאַי, 4, 18, 25 יוני, 2, 16 יולי, 26 נאָוו., 10, 17, 24 דעצ. 1916, 18, 25 מערץ, 1, 8, 15, 22, 29 אַפּריל, 13 מאַי, 3 יוני, 7, 14, 21, 28 אָקט., 11, 25 נאָוו., 2 דעצ. 1917.

ב. באָרוכאָוו – אין דער געזעלשאַפט פון ביכער, „דיא װאַרהייט", נ. י., 18 פעברואַר 1917.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] – ביכער, „פאָ"ש", נ. י., 25 אויגוסט 1917.

אוריאל מזיק [אַלטער עפּשטיין] – בילדער-גאַלערע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג", נ. י., 30 מערץ, 6 אַפּריל 1918.

הלל ראָגאָף – מרס. טהאָמאַשעווסקי אין אַ ניי-אַלטע ראָלע, „פאָרוו.", נ. י." 23 אַפּריל 1920.

י. סערדאַצקי – געשפּרעכן מיט אינטערעסאַנטע מענשען „פאָרוו.", נ. י., 20 נאָוו. 1920.

לעאָן קאָברין – „ערא‍ינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג", נ. י., II באַנד.

טאָמאַשעווסקי, הערי (הערש-יונה)

געבוירן 21 מערץ 1895 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטערן – בעסי און באָריס טאָמאַשעווסקי. געענדיקט פּאָבליק-סקול און 5 קלאַסן הײַ-סקול, געלערנט קונסט-מאָלעריי אין קאָלאָמביאַ-אוניווערזיטעט און יידישע למודים ביי אַ מלמד.

אַלס קינד געשפּילט אין זיין פאָטערס פּיעסע „דאָס פּינטעלע ייד" און אין גאָלדפאַדענס „די כישוף מאַכערין" („הייסע באָבקעלעך").

אין 1913 האָט ט. אַלס מענעדזשער פון זיין פאָטער באַזוכט אייראָפּע און אין 1917 זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט זיין פאָטער און מיט קעסלערן אין ליליענס „קינדער קומט אַהיים", אין וועלכער ער האָט זיך אַליין צוגעשריבן אַ ראָל. שפּעטער, אַלס אַסיסטענט-דירעקטאָר ביי זיין פאָטער, פאָרט ער מיט אים קיין אַרגענטינע און בראַזיליע, וואו ער טוט אויף אַלס פאַרטקאָמיקער, שפּילט דערנאָך און מענעדזשט זיין פאָטער אין טאָראָנטאָ ווי אויך בעתן טורנע איבער אַמעריקע מיט דער פּיעסע „שטייגער-פּראָצעס" און אין מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע אין פילאַדעלפיע. 1929-30 – געשפּילט אין געבילס פּאָבליק-טעאַטער אין ניו-יאָרק און 1930-31 אין זעלבן פּאָבליק-טעאַטער. 1931-32 – מענעדזשער אין זיין פאָטערס ליריק-טעאַטער און 1932 אין זיין פאָטערס געיטי-טעאַטער.

דעם 7 פעברואַר 1920 איז אויפגעפירט געוואָרן ט.׳ס פּיעסע „פּאַרלאָר, פלאָר און בייסמענט, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, מוזיק פון מילטאָן און הערי טאָמאַשעווסקי". ער האָט אויך געשריבן אַן ענגלישן סקעטש. דעם 10 פעברואַר 1931 איז אין ניו-יאָרקער סעלווין-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין ענגלישע ווערסיע פון זיין פאָטערס אָפּערעטע „די חזנטע" א"נ „די סינגינג ראַביי".

ט. צייכנט אויך פּלענער פאַר דעקאָראַציעס און קאַריקאַטורן פאַר ענגלישע זשורנאַלן.

מ. ע.

בעסי טהאָמאַשעווסקי – „מיין לעבענס-געשיכטע", זז. 228-29.

יעקב קירשענבוים – נייע פּנימ׳ער אויף אונזער בינע, „מאָז"ש", נ. י., 4 פעברואַר 1927.

טאָמאַשעווסקי, מייק (מרדכי)

[געב. 21 מערץ 1873 – געשט. 24 יולי 1932]

געבוירן 21 מערץ 1873 אין אַסידניאָשקי, קיעווער גוב., אוקראַאינע. ברודער פון באָריס. געלערנט אין חדר און אין עלטער פון 8 יאָר געקומען מיט זיין פאַמיליע אין אַמעריקע. דאָ געענדיקט פּאָבליק-סקול. צו 12 יאָר געוואָרן אַ גראַווירער און איינינקע יאָר שפּעטער געוואָרן אַ בינע-סטאָליער און אַ סטיידזש-מענעדזשער. זייט 1890 – מענעדזשער פון יידישע טרופּעס אין סענטשורי-טעאַטער אין ניו-יאָרק, ניו-קאָלאָמבי און אַרטש סטריט טעאַטער אין פילאַדעלפיע, סטענדערט, פרענקלין און

פאַלי־טעאַטער אין באַלטימאָר און שפּעטער אויפגעבויט דאָס מעטראָפּאָליטען־טעאַטער אין נוואַרק.

1927־8 — געווען מענעדזשער אין פילאַדעלפיע צוזאַמען מיט זיין ברודער באָריס און דערנאָך זיין מענעדזשער אין די ענגלישע וואָדעוויל־הייזער.

ט. האָט אויפגעפירט אין האַליוואוד באָול, קאַליפאָרניע, דעם ספּעקטאַקל „יוסף מיט זיינע ברידער" מיט דער באַטייליגונג פון עטלעכע הונדערט מיטווירקנדיקע.

דעם 24 יולי 1932 איז ט. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן וואַשינגטאָן בית־עולם.

ט.׳ס פרוי פעני, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

וויליאַם סיגעל שרייבט וועגן ט. אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט": „מאַקס, אָדער מייק, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט נישט באַזעסן די פעאיקייט פון זיין ברודער און שוועסטער צו זיין אַן אַקטיאָר. אָבער אים איז דאָס יידישע טעאַטער געווען ליב. אפשר ווייל [אַלס] איינער פון דער פאַמיליע טאָמאַשעווסקי האָט ער מיטגעמאַכט די ליידן פון די פּיאָנערן פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. . . . בטבע געווען אַ טעאַטער־אַוואַנטוריסט, געהאַט אַן אומרואיקע נשמה. ווי ער אַליין האָט אַמאָל צוגעגעבן: „בעסער צו זיין אַ גוטער מענעדזשער איידער צו זיין אַ שלעכטער אַקטיאָר". ער האָט אַמאָל געשפּילט טעאַטער אויך, נאָר ער האָט עס אויפגעגעבן. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען די טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע. . . . ער האָט ליב געהאַט דיסציפּלין, אַ פאַנטאַזיאָר, האָט ער געוואָלט איינפירן די בראָדווייער דיסציפּלין. . . ער האָט ליב געהאַט אַרויסצוברענגען טאַלאַנטן פאַר דער יידישער בינע".

מ. ע. און מ. ע. פון י. מעסטעל.

וויליאַם סיגעל — מייק טאָמאַשעווסקי — דער אַוואַנטוריסט פון אידישן טעאַטער. „די אידישע וועלט", פילאַד., 26 יולי 1932.

טאָמאַשעווסקי, עני

געבוירן 2 מערץ 1885 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. שוועסטער פון באָריס. געלערנט אין פּאָבליק־סקול און 1 יאָר האַי־סקול ווי אויך אין אַ חדר. אָנגעהויבן אַלס קינדער־ראָליסטין אין די ערשטע יידישע טרופּעס אין אַמעריקע, שפּעטער אַריין אין כאָר און דעביוטירט אַלס „יצחק" אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק" אין ווינדזאָר־טעאַטער, דערנאָך געשפּילט אַ סעזאָן אין גרענד־טעאַטער. איבערגעריסן אויף אַ יאָר צייט דאָס שפּילן, איז זי דערנאָך אַריינגעטראָטן אַלס סובּרעטין אין ווינדזאָר־טעאַטער (מענ. — שפּאַכנער), בערך אַ האַלבן סעזאָן געשפּילט אין סטאַרט־טעאַטער (106 סטריט און לעקסינקטאָן עוועניו), 3 סעזאָנען ביי איר ברודער באָריס אין פּיפּלס־טעאַטער און 3 סעזאָנען ביי איר ברודער און עדעלשטיין אין נעשאָנאַל־טעאַטער.

נאָך דער חתונה מיט איזידאָר עדעלשטיין געשפּילט ביי איר שווער, יוסף עדעלשטיין, אין פּיפּלס־טעאַטער, דערנאָך ביי איר מאַן און פּיקאָן־קאַליך־רומשינסקי אין קעסלערס סעקאָנד עוועניו־

טעאַטער ביז 1926, ווען זי רייסט ווידער איבער איר בינע־טעטיקייט ביזן סעזאָן 1931־32, ווען זי טרעט ווידער אויף אונטער איר מאַנס דירעקציע אין קעסלערס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער, וואו זי בלייבט אויך שפּילן דעם סעזאָן 1932־33 (מענ. — א. עדעלשטיין און סאַקס).

מ. ע

טאָמאַשעווסקי, פּנחס

[געב. בערך 1842 — געשט. 21 יאַנואַר 1914]

געבוירן בערך 1842 אין טאַלנע, אוקראַינע. פאָטער — אַ חזן, פריער אין טאַלנע („דער טאַלנער חזן"), דערנאָך אין קאַמיאָנקע. געווען אין דער יוגנט זייער פרום, געהאַט סמיכות אויף רבנות, אַ מנגן, געווען אַ בעל־תפלה ביי די בראָדסקיס, ביי וועלכע ער איז געווען אָנגעשטעלט אין צוקער־פאַבריק.

נאָך דער חתונה איבערגעלאָזט די פאַמיליע, אַוועק קיין קאַווקאַז און צוריקגעקומען אָן באָרד און פּאות. שפּעטער געעפנט אַן עסיג־ברויז אין קיעוו און געווען אַ מכניס־אורח פון אַקטיאָרן, חזנים, משוררים און סטודענטן. זייער ליב געהאַט יידיש טעאַטער און יידישע ליטעראַטור, און ווען דאָס יידישע טעאַטער איז נאָך געווען אין די וויקעלעך, אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „יאַנקל יונגאַטש".

צוליב אַ מסירה אַרויסגעשיקט פון קיעוו (לויט מ. זייפערט: צוליב די פּאָגראָמען), עמיגרירט ער אין 1881 מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין אַמעריקע.

אָנגעקומען מיט דער גרופּע „עם עולם", האָט ט., ווי דער גרעסטער טייל פון די דאַמאָלדיקע יידיש־רוסישע אינטעליגענטן, זיך אַרומגעטראָגן מיט קאָלאָניזאַציע־פּלענער. אָבער ווערנדיק אַנטוישט, איז ער אַליין אַוועק אַרבעטן און אויך אַריינגעגעבן זיין זון באָריס אין אַ סיגאַר־פאַבריק. דאָ האָט זיך אָרגאַניזירט די גרופּע, וועלכע האָט געגעבן [בערך 1882] די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין ניו־יאָרק. צוזאַמען מיט זיין זון באָריס און נאָך איניקע שאַפּ־אַרבעטער גרינדעט ט. שפּעטער אַ נייע טרופּע, מיט וועלכער ער האָט אויפגעפירט זיינע אַ פּיעסע „די שפּאַנישע אינקוויזיציע" [„עמק הארזים", פאַרפאַסט צוזאַמען מיט טאַנטשוק].

בערך 1888 איז [לויט בעסי טאָמאַשעווסקי] אויפגעפירט געוואָרן דורך „באָריס טאָמאַשעווסקיס קלאָב" אין באַלטימאָר ט.׳ס 4־אַקטיקע דראַמע „ראָטשילדס ביאָגראַפיע" מיט מוזיק פון באָריס, אין וועלכער בעסי האָט דעביוטירט אויף דער בינע.

אַ קורצע צייט שפּעטער ברענגט באָריס זיין פאָטער אַלס מענעדזשער פון זיין טרופּע אין אַ דראַמאַטיק האָל אין פילאַדעלפיע (קאָרנער געסקיל סטריט), וואו עס ווערט אויפגעפירט ט.׳ס ערשטע פּיעסע „יאַנקעלע יונגאַטש". דאָ שרייבט און באַאַרבעט ט. נאָך איניקע פּיעסעס און שפּילט אויך פון צייט צו צייט. עס ווערט אויך נאָכאַמאָל אויפגעפירט ט.׳ס „אָפּערע מיט מוזיק" א״נ „די שפּאַנישע אינקוויזיציע" מיט מוזיק פון באָריס. נאָכדעם נעמט איבער ט. דאָס דאָרטיקע טאַליאַ־טעאַטער, וואו עס ווערט אויפגעפירט זיין פּיעסע „חנה מיט די 7 זין", געבויט לויטן אינהאַלט פון

אַן ענלעכער פּיעסע, געשפּילט דאַמאָלט אין ניו־יאָרק. צוליב דער קאָנקורענץ פון אַ צווייטער טרופּע, אַנאָנסירט מען ט. אַלס „אַטראַקציע" און ער טרעט אויף מיט גרויסן דערפאָלג אַלס „עקאָנאָם" אין שמ"רס „קאַטאָרזשניק". אָבער צוליב דעם, וואָס ט. האַלט אויף אַ בענעפיס לטובת אַ שול אַ סאָציאַליסטישע רעדע, ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער און מען איז געצוואונגען אויף אַ צייט איבערצורייסן דאָס שפּילן.

אַ קורצע צייט נאָכדעם פירט ט. אין באַלטימאָר אַ קאָנקורענץ־טרופּע קעגן זיין זון באָריס.ביידע קאָנקורענטן פלעגן קעגנזייטיק זיך קריגן און זידלען פון דער בינע אַראָפּ.

אין 1901 האָט ט. זיך פאַראייניקט מיט פעני ריינהאַרדט אין שיקאַגער פאַוויליאָן־טעאַטער און דאָרט אויפגעפירט זיינע פּיעסעס „חנה מיט די זיבן זין", „קאַפּיטאַן דרייפוס" און „יציאת מצרים".

נאָכן צוריקציען זיך פון זיין טעאַטער־טעטיקייט, האָט ט. געגרינדעט אַ יידישע פאַרם־אינשורענס־ [פאַרזיכערונגס] געזעלשאַפט. צוגעקילט בעת אַ נסיעה איז ער געשטאָרבן דעם 21 יאַנואַר 1914 אין פאָלסבורג, סאָליוואַן קאַונטי, נ. י., און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניו־יאָרק.

א חוץ די דערמאָנטע פּיעסעס האָט ט. נאָך אָנגעשריבן: „די נאַכט־קעניגין", „יתום משהלע" און איבערזעצט דר הערצלס „די נייע געטאָ", אויפגעפירט דעם 28 דעצעמבער 1911 אין באָריס טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס־טעאַטער מיט באָריס טאָמאַשעווסקי און רודאָלף שילדקרויט אין די הויפּטראָלן.

אין גאָלדפאַדענס „ניו־יאָרקער יודישע איללוסטרירטע צייטונג" האָט ט. געדרוקט אַ ראָמאַן „דיא השגחה, אָדער, דער בעכער גיפט".

לויט זיין זון באָריסעס, מיינונג, איז ט. געווען זייער אַ שוואַכער אַקטיאָר.

ט.'ס אַלע קינדער: באָריס, מערי, פעני, מייק, עמאַ און עני זיינען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער.

מ. ע. פון זיין זון באָריס טאָמאַשעווסקי.

מ. זייפערט — „דיא געשיכטע פון יודישען טהעאַטער" („דיא אידישע ביהנע" פון חנן י. מיניקעס, נ. י., 1897).

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 29־30

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס־געשיכטע", זז. 35־41, 80־2, 84-92, 101־105, 107, 111־2, 116.

לואיס ריינגאָלד — די ענטוויקלינג פון אידישען טעאַטער אין שיקאַגאָ, „דער אידישער רעקאָרד", שיקאַגאָ, 1920.

טאָמבאַק, ג. וו.



געבוירן 1907 אין זשיטאָמיר, וואָלין. פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער. פון קינדווייז אָן געהאַט אַ שטרעבונג צו דער בינע. דעביוטירט אין 1923 אַלס „סטודענט" אין ש. אַנ־סקיס „דער זיידע" אין זשיטאָמירער יידישן אַרבעטער־קלוב.

לערנענדיק אין כעמישן טעכניקום האָט ט. גלייכצייטיק אָנגעפירט מיט דראַמקרייזן אין קלוב פון די קוסטאַרן און אין קלוב פון די מעטאַליסטן א"נ טאָמסקי.

לויטן קאָנקורס אין 1926 אָנגענומען געוואָרן אין יידישן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַאינע, וואו ער שפּילט ביז איצט.

ש. ע.

טאַנטשוק, [?]

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. געהאַט אַן אוניווערזיטעט־בילדונג, געווען מיטאַרבעטער אין דער רוסישער פּרעסע. האָט אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט עמיגרירט קיין אַמעריקע אַלס פירער פון דער גרופּע „עם עולם".

אין ניו־יאָרק איז ט. געוואָרן אַ לערער אין אַ נייט־סקול. ווען טאָמאַשעווסקי און אַנדערע „ליבהאָבער" האָבן געזוכט אַן אינטעליגענט אַלס רעזשיסער, פאַרבעטן זיי טאַנטשוקן, וועלכער ווערט אויך דערנאָך אויף אַ קורצער צייט אַ יידישער אַקטיאָר. אין 1889 האָט ט. געשפּילט אין פילאַדעלפיע ביי טאָמאַשעווסקין, אויפטרעטנדיק אַלס „אנטיוכוס" אין „חנה מיט די זיבן זין".

באָריס טאָמאַשעווסקי כאַראַקטעריזירט טאַנטשוקן אַזוי: „אַ בלאָנדער, רייצענדער מאַן, אַ ריז אין זיין פיגור, אַ קייזערלעכע שטאָלץ אין זיין האַלטונג. זיין אויסזען איז געווען ווי יעזוס, אַן אַריסטאָקראַט פון זיין געבורט. געהאַט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין פּעטערבורג. ער איז אויך געווען אַ גוטער העברעער. זיין נאָמען איז געווען טאַנטשוק, שפּעטער האָט ער זיך גערופן רענדאָלף. מיר האָבן אים באַלד געמאַכט פאַר אונזער רעזשיסער. ער איז קיינמאָל [פריער] קיין אַקטיאָר נישט געווען, האָט קיינמאָל [אויף] די ברעטער פון אַ בינע נישט אויפגעטראָטן אַ חוץ אויף לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַלטן — אַזוי האָט ער אונז ערקלערט. אָבער ער איז געווען אַ גוט באַלעזענער מענטש. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט שעקספּירס, היינעס און שילערס מייסטערווערק, ער האָט אָנגעשריבן אייניקע דעקלאַמאַציעס אין יידיש און פיל איבערזעצט פון אַנדערע שפּראַכן".

נאָכדעם ווי ט. איז געוואָרן רעזשיסער אין טאָמאַשעווסקיס טרופּע, האָט ער דאָרט — ווי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין זיין אַרטיקל וועגן טאַנטשוקן — „געלעקטשורט [פאָרגעלייענט] איבער בינע־טעכניק, מימיק, פּלאַסטישע באַוועגונגען, גרימירן זיך... טאַנטשוק האָט דעם אַלטן רעפּערטואַר נישט געוואָלט שפּילן און האָט אונז אויך נישט געלאָזט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיין פאָטער עליו השלום און ביידע האָבן זיי אָנגעשריבן אַ נייע פּיעסע „עמק הארזים" פון יידישן לעבן אין שפּאַניע אין צייט פון דער אינקוויזיציע. ... טאַנטשוק האָט געשפּילט אַ ראָלע אַלס „דאָן פעדראָ", אַ ייד, וואָס ווייסט נישט, אַז ער איז אַ ייד. ... די פּיעסע איז געפאַלן געוואָרן, און ביי אַמאָליקע צרותדיקע אומשטענדן איז דאָס שטיק געלאָפן [געשפּילט געוואָרן] אַ לאַנגע צייט".

ט. איז קורץ נאָכדעם אַוועק פון יידישן טעאַטער, האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער ענגלישער פּרעסע, און ווען טאָמאַשעווסקי האָט אין 1914 גאַסטראָלירט אין אָדעס, האָט ער דאָרט געטראָפן טאַנטשוקן אַלס פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין אָדעסער אוניווערזיטעט.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, ז. 107.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", זז. 101־02.

באָריס טאָמאַשעווסקי — עס האָט זיי געצויגען צום טעאַטער און שפּעטער זיינען זיי פון טעאַטער אַוועק, „פאָרווערטס", נ. י., 10 סעפּט. 1923.

טאַנין, שלום
[טאַנקוס]



געב 12 אָקט. 1892 אין גראָדנע, פוילישע ליטע. פאָטער — אַ בוי־אונטערנעמער. געלערנט אין חדר, געענדיקט גראָדנער מיטלשול. נאָך ..ין שול באַטייליקט זיך אין רוסישע פאָרשטעלונגען.

אין עלטער פון 17 יאָר איז ט. אַריינגעטראָטן אין דעם „דראַמאַטישער פאַראיין" אין קאָוונע אונטער ל. קאַדיסאָן רעזשי אויפטרעטנדיק אין יעקב גאָרדינס „מטורף". 6 יאָר שפּילט ט. אַלס „ליבהאָבער".

אין 1915 טרעט ער אַריין אין „די ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער שפּילט איבער פוילן און שפּעטער איבער מערב־אייראָפּע.

אין 1924 קומט ט. אין אַמעריקע מיט „דער ווילנער טרופּע", אין וועלכער ער שפּילט ביז 1928. 1928 — באַטייליקט ער זיך אין פאָלקסלידער־קאָנצערטן, אַראַנזשירט פון „אַרבעטער־רינג". 1928-9 — שפּילט ער אין פילאַדעלפיער קאַסינאָ־טעאַטער (מענ. יוליוס נאַטאַנסאָן), 1929 — אין דער „ווילנער טרופּע", אַ קורצע צייט אין טאָראָנטאָ, דערנאָך אויף אַ קאָנצערטן־טורנע אין טעקסאַס און 1931-32 אין מאָנטרעאַלער מאָנומענט נעשאָנאַל־טעאַטער.

מ. ע.

ז. רייזען — די געשיכטע פון דער „ווילנער טרופּע", „ווילנער זאַמעלבוך", ווילנע 1918, זז. 165-174.

„די ווילנער אין לאָדז" (זאַמעלבוך), לאָדז, מערץ 1918.

טאַנענצאַפּ, דוד
[געב. ..18 — געשט ..19]

געב ...18 אין קאָלאָמעאַ גאַליציע. דורך זיין פרוי, די אַקטריסע חנה ראַפּאַלאָוויטש, געקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער און צוליב זיין באַקאַנטשאַפט אין רעגירונגס־קרייזן באַקומען אַ קאָנצעסיע צו שפּילן יידיש טעאַטער אין דער גאַליצישער פּראָווינץ, דערנאָך אין בוקאָווינע בשותּפות מיט טש. נאַטאַנסאָן. שפּעטער האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט איציק־מענדל בערגמאַן, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער פאַר גאַליציע.

ט. איז אין 1902-4 געווען קאַסירער ביי משה שאָר, דערנאָך אין דער טרופּע פון בער האַרט און האָט אַ לענגערע צייט אַליין אָנגעפירט מיט טרופּעס אין געוועזענעם עסטרייך־אונגאַרישן געביט.

אַ לונגען־קראַנקער, איז ער אין די מלחמה־יאָרן געשטאָרבן עלנט אין ווין.

מ. ע. פון משה שאָר, יוליוס גוטמאַן, טש. נאַטאַנסאָן און יעקב מעסטעל.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 147-8.

טאַנצמאַן, אברהם־יצחק
[געב. 12 נאָוו. 1857 — געשט. 13 נאָוו. 1906]

געב 12 נאָוו. 1857 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ סוחר און אַ הענטשקעס־פאַבריקאַנט. געלערנט אין חדר, ביי פּריוואַטע מלמדים און דערנאָך אין ישיבה. שפּעטער געלערנט למודי־חוץ ביי לערער.

אין 1877 ווערט ט. מיטגענומען דורך זיין פאָטערס אַרבעטער, דעם שפּעטער באַקאַנטן אַקטיאָר, שליפּערשטיין, אויף פּרובען צו „ליבהאָבער", ביי וועלכע ט. ווערט בסוד סופלער, און פאָרט איבער דער פּראָווינץ, שפּעטער (אַרום 187.) טרעט ער אַריין (אין בריסק־ליטאָווסק) אַלס סופלער אין גראָדנערס טרופּע, וועלכע צעפאַלט זיך אָבער, און ט. קומט צוריק אין וואַרשע. דאָ ווערט ער סופלער אין דער טרופּע, אין וועלכער ס׳געפינט זיך די פּרימאַדאָנע בערטאַ בערלין. די טרופּע פאָרט אַרויס איבער דער פּראָווינץ. דאָרט האָט ט. חתונה מיט בערטאַ בערלין, און ווען אין זאַמאָשטש טרעט אַרויס אין 1879 שליפּערשטיין פון דער טרופּע, פאַרטרעט אים ט. אין אַ ראָל פון שמ׳רס „בעל־תשובה". ט. באַנוצט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר זיין ראָל אַ שטאָטישן חזנזינגער, דערביי זינגט ער דעם חזנזינגערס לידל און ווערט באַלד פון זיין ערשטן אויפטריט באַליבט אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער.

אין אָנהויב פון די 80-ער יאָרן פון 19־טן י״ה קומט די טרופּע אין וואַרשע און הויבט אָן שפּילן אין „עלדאָראַדאָ". די דערלויבניש צו שפּילן יידיש באַקומט דער דאַמאָלטיקער דירעקטאָר פון טעאַטער, וועלכער האַלט אויך אַ רוסישן כאָר. ט. פירט אויף צום ערשטן מאָל „שולמית", וואָס ווערט געשפּילט 125 מאָל כסדר ביי אויספאַרקויפטע הייזער. דער רוסישער כאָר זינגט אין די אַנטראַקטן. אויף זומער ווערט דאָס טעאַטער אויסגעדונגען דורך דער רוסישער טעאַטער־דירעקטאָרשע ליציענקאַ, וועלכע מוז אָבער, צוליב די שלעכטע געשעפטן פון דער רוסישער טרופּע, איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס, אַז ט.׳ס יידישע טרופּע זאָל שפּילן 4 מאָל אַ וואָך.

ט. האָט דאַן אַ באַזונדערן דערפאָלג אין שמ׳רס פּיעסעס „דער טריי־ניאַק" און אין „קאַטאָרזשניק, אָדער, דער ישיבה־בחור", שפּעטער אין גאָלדפאַדענס „בר כוכבא" („פּאַפּוס") און „אחשורוש", וועלכע גאָלדפאַדען פירט אַליין אויף אין וואַרשע. אין 1885 פאָרן ט. און גאָלדפאַדען קיין לאָדזש, וואו זיי האָבן אַ גרויסן דערפאָלג, דערנאָך שפּילן זיי ווידער ביז 1887 אין וואַרשע, ווען אַדלער קומט גאַסטראָלירן. אָבער באַלד דערנאָך ווערט פאַרווערט צו שפּילן אין וואַרשע און ט. פאָרט אַרום אַ קורצע צייט איבער דער פּוילישער און רוסישער פּראָווינץ, ביז ער קומט ווידער צוריק אין וואַרשע, וואו ער באַקומט די דערלויבניש צו שפּילן א׳פ „יידיש־דייטש־טעאַטער" מיטן באַדינג, אַז 3 נעכט פון דער וואָך זאָל די הכנסה גיין פאַרן רוסישן רויטן־קרייץ. אָבער ערב דער ערשטער פאָרשטעלונג קומט אָן אַ פאַרבאָט פון גובערנאַטאָר, און ט. מוז אַוועק שפּילן אין גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג.

אין 1891 איז אין וואַרשע פאַרעפנטלעכט געוואָרן: „ה. צמאַח ס

קרעמיל״, פין פערשידענע אַנטיקען. 25 יודישע פאָלקסליעדער, וואָס זענען געזונגען געוואָרען אין גאָלדפאַדענס יודישען טהעאַטהער צוזאַמענן געקליעבען פין אברהם יצחק טאַנצמאַנן. הערויסגעגעבען פין משה מרדכי צוקערמאַנן״ [88 ז. 16°]. דאָס בוך ברענגט 25 קופּלעטן און לידער, פון וועלכע נאָר אַ קליינער טייל זיינען גאָלדפאַדעס. דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ הקדמה (געשריבן אין אָדעס אין 1882) פון צוזאַמענקלייבער, וועלכער דערקלערט דעם מאָטיוו און צוועק פון זיין אַרויסגעבן דאָס בוך.

אין 1889 קומט אין לעמבערג דער מענעדזשער מאַנדעלקערן און נעמט ט. מיט דער פרוי קיין אַמעריקע, וואו ער דעביוטירט דעם 7 פעברואַר 1890 אין רודאָלף מאַרקס „די צוויי שיועסטער, אָדער, ענגעל און טייפעל״ אין הענגעס טעאַטער. אויך דאָ באַקומט ער באַלד אַ נאָמען ביים טעאַטער-עולם. צוליב טעאַטער-פּאָליטיק פאַרשלעפּט מען ט. קיין שיקאַגאָ, און מען לאָזט אים מער נישט צוריק אַריין אין ניו-יאָרקער לעגיטימען טעאַטער ט. פאָרט דאַן שפּילן צום ערשטן מאָל יידיש טעאַטער אין קאַליפאָרניע, און רופט אַרויס מיט זיין רייכער אויפפירונג פון „שולמית״ אַ גרויסן אינטערעס אויך אין דער ענגלישער פרעסע און ביי די נישט-יידישע טעאַטער-באַזוכער. פון דאָרט פאָרט נאָך ט. אַרום איבער די גרעסערע פּראָווינץ-שטעט, טרעט אויף אין די יידישע וואָדעוויל-הייזער פון ניו-יאָרק. נאָך אַ פאַמיליע-טראַגעדיע שטאַרבט ער דעם 13 נאָוו. 1906 אין ניו-יאָרק.

ט. האָט פאַרפאַסט די פּיעסעס „שמשון הגבור״ (אויפגעפירט דורך קעסלער), „קאַפּיטאַן דרייפוס״ (אויפגעפירט דורך מאַקס ראָזענטאַל), פיל איינאַקטערס, האָט באַאַרבעט אַ סך פּיעסעס און איבערגעלאָזט אַ נישט אויפגעפירטע אָפּערעטע „אביגיל די שיינהייט פון חברון״.

ט. האָט געדרוקט אייניקע לידער אין נ. י. „יידישעס טאַגעבלאַט״ און אַנדערע צייטונגען, און בעת ער האָט געשפּילט אין שיקאַגאָ, האָט ער געדרוקט אַרטיקלען אין די זונטאָג-נומערן פון „אידישער קוריער״.

אין ניו-יאָרק איז אויך דערשינען אַ בראָשור מיט ט.׳ס קופּלעטן „נייע קאָמישע קופּלעטין אונד טהעאַטער ליעדער, אָריגינאַל פערפאַסן פון אַרטיסט א. טאַנצמאַן. הערויסגעגעבען פון יעקב דרוקערמאַן״.

ט. האָט איבערגעלאָזט 4 קינדער: 3 טעכטער און איין זון, יאָזעף, אַ יידישער אַקטיאָר און פּיעסעס-שרייבער.

ש. ע. פון זיין ברודער פנחס טאַנצמאַן.

ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישען טעאַטער״, I, ז 241, II, זז. 143, 126.

יהושע מזח — „במת ישחק או משא גיא חזיון״, וואַרשע, 1889.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע״, ז. 132.

באָריס טאָמאַשעווסקי — „טהאָמאַשעווסקיס טהעאַטער שריפטען, זז. 62-67.

בערטאַ קאַליש [זכרונות] — „טאָג״, נ. י., 29 אַפּריל 1925.

זלמן זילבערצווייג — דער ליבלינג פון אַמאָליגען יודישען טעאַטער-פּובליקום אין פוילן — אברהם-יצחק טאַנצמאַן, „לאָדזשער טאָגבלאַט״. 7, 13 מאַי 1929.

טאַנצמאַן, בערטאַ

[בערלין]

[געב. 1856 — געשט. 1926]

געב. 1856 אין ריגע, לעטלאַנד. פאָטער — אַ שניידער. ט. האָט געהאַט אַ שיינע שטים, און ווען די טרופּע ספּיוואַקאָווסקי-ראָזענבערג האָט גאַסטראָלירט אין ריגע, האָבן זיי זי בסוד מיטגענומען און זי געמאַכט פאַר אַ פּרימאַדאָנע. אין 1879 קומט ט. מיט דער טרופּע אין וואַרשע, אָבער צוליב דעם פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער, איז ט. געצוואונגען אַרויסצוטרעטן אויף קאָנצערטן. שפּעטער פאָרט זי מיט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ וואו דער אסור צו שפּילן יידיש טעאַטער איז נישט געווען אַזוי שטאַרק. דאָרט האָט זי חתונה מיט טאַנצמאַנען, און טרעט שוין אַרויס אונטערן דאָזיקן נאָמען.

אין אָנהויב פון די 80-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט שפּילט ט. אין וואַרשעווער עלדאָראַדאָ-טעאַטער, האָבנדיק אַ גרויסן דערפאָלג אַלס „שולמית״ און שפּעטער אַלס „דינה״ אין („בר כוכבא״) און „אסתר המלכה״ (אין „אחשורוש״) אונטער גאָלדפאַדענס רעזשי.

נאָכן שפּילן אייניקע סעזאָנען אין וואַרשע, פאָרט זי מיט דער טרופּע קיין לאָדזש, וואו זי ווערט זייער באַליבט ביים טעאַטער-עולם. דערנאָך קומט זי ווידער צוריק אין וואַרשע און שפּילט דאָרט ביז 1887 ווען עס ווערט ווידער דאָרט פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

ט. פאָרט דאַן אַרום איבער די גרעסערע שטעט פון פוילן, רוסלאַנד און ליטע, און צוליבן ווייטערדיקן פאַרבאָט אין וואַרשע, טרעט זי אַריין צוזאַמען מיט איר טרופּע אין גימפּעלס טעאַטער אין לעמבערג.

בערטאַ קאַליש דערציילט, אַז ט. איז געווען אינטעליגענט, שיין, פּיקאַנט און געהאַט אַ היפּש ביסל חן. אין לעמבערג, וואו זי האָט געשפּילט אַ לענגערע צייט, האָט מען זי ממש אויף די הענט געטראָגן.

ט.׳ס נאָמען האָט אויך דערגרייכט אַמעריקע און דער מענעדזשער מאַנדעלקערן איז אין 1889 געקומען אין לעמבערג און זי און איר מאַן גענומען קיין אַמעריקע, וואו זי דעביוטירט אין פעברואַר 1890.

אויך אין ניו-יאָרק האָט זי זיך באַלד דערוואָרבן אַ נאָמען ביים פּובליקום, שפּילנדיק אין פאַרשיידענע טרופּעס איבער אַמעריקע. אין 1926 איז ט. געשטאָרבן אין פּיטסבורג און איבערגעלאָזט 4 קינדער: 3 טעכטער און אַ זון, יאָזעף, אַ יידישער אַקטיאָר און פּיעסעס-שרייבער.

מ. ע. פון ה. פיינשטיין און ש. ע. פון פנחס טאַנצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 145, 143, 126.

יהושע מזח — „במת ישחק או משא גיא חזיון״, וואַרשע, 1889.

באָריס טאָמאַשעווסקי — „טהאָמאַשעפסקיס טהעאַטער שריפטען״, זז. 62-67.

בעטי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע״, ז. 132.

בערטאַ קאַליש [זכרונות] — „טאָג״, נ. י., 18, 29 אַפּריל, 1925.

טאַנצמאַן, יאָזעף

[געב. 16 אָקט. 1886 — געשט. 4 אַפּריל 1931]

געב 16 אָקט. 1886 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — די אַקטיאָרן אברהם-יצחק און בערטאַ טאַנצמאַן.

אין 1889 קומט ער צוזאַמען מיט די עלטערן אין אַמעריקע, וואו ער לערנט אין פּאַבליק-סקול.

אין עלטער פון 5 יאָר אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן און בלייבט שוין ביי דער בינע. 1 יאָר קומט אים אויך אויס צו שפּילן וואָדעוויל אויף ענגליש.

ט. שרייבט אויך ליברעטאָס, ליריקס און מוזיק צו אָפּערעטעס, און אין 1920 ווערט אין ליריק-טעאַטער אין בראַנזוויל אויצגעפירט זיין אָפּערעטע „דער גלות", אין 1923 — זיין אָפּערעטע אין 3 אַקטן און פּראָלאָג „דער פּראַגער גולם", אין 1925 אין עלווינגס-טעאַטער אין נואַרק זיין אָפּערעטע „דאָס גאָלדענע האַרץ", אין דער זעלבער צייט שרייבט ער מוזיק פאַר פריימאַנס אָפּערעטע „די גאָלדענע כלה" און שפּעטער פאַר פריימאַן אָפּערעטעס „זיסע ליבע" און „דער גאָלדענער סאָלדאַט".

זינט 1922 שרייבט ט. מוזיק-נומערן צו די אָפּערעטעס, וועלכע ער פירט אויף אין די טעאַטערס, אין וועלכע ער שפּילט אַלס בוף-קאָמיקער.

1928-29 — געשפּילט אין פּראָספּעקט-טעאַטער און 1929-30 אין נואַרק. נאָכן סעזאָן זיך פאַרקילט און דעם 4 אַפּריל 1931 געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית-עולם פון די יידישע טעאַטריקל עלייענס.

מ. ע.

טאַקסאַ, סאַמואיל

געבוירן 1907 אין ראָוונע, וואָלין פּאָטער — אַן אָנגעשטעלטער. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין גימנאַזיע. געווען אַן אָנפירער פון דראַמאַטישע ליבהאָבער-קרייזן. 1918 — אַריינגעטראָטן אין שלמה הערשקאָוויטשעס אַרטיקער טרופּע אַלס סופלער און געוואַנדערט מיט דער טרופּע איבער וואָלין ביז 1922, פאַרנעמענדיק זיך אויך פון צייט צו צייט מיט אַדמיניסטראַטיווע ענינים פון דער טרופּע.

סוף 1922 אַנטלאָפן קיין אוקראַאינע און אין 1923 געוואָרן סופלער אין קיעווער „קונסט-ווינקל", שפּעטער אויך געהילף-רעזשיסער, 1927-30 — געהילף-רעזשיסער אין אַלאוקראַאינישן מלוכה-טעאַטער און פון 1930 אַדמיניסטראַטאָר פון זעלבן טעאַטער.

ש. ע. פון מאַרק לייפציקער.

טאַרו, רות

[רייזל טוכמאַכער]

געבוירן 1906 אין וואַרשע, פּוילן, ביי פּראָגרעסיווע עלטערן. פאָטער — אַ מעטאַל-אַרבעטער. אַקטיוו אין „בונד" א"פ „לייבוש מעטאַלאָוויטש". געלערנט אין אַ מיטלשול, וועלכע זי פאַרענדיקט נישט צוליב מאַטעריעלע סיבות. געאַרבעט אין אַ ביוראָ און דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט דוד הערמאַן אַריינגעטראָטן 1926 אין זיין דראַמאַטישער סטודיע, אָבער שוין נאָך צוויי וואָכן דעביוטירט זי אין אַ פאָרשטעלונג פון דער סטודיע אין שעדלעץ און באַלד דערויף טרעט זי אַריין אין „אַזאַזעל" אין וואַרשע. 1927 — געשפּילט אַ סעזאָן אין „ווי"קט" און דערנאָך אין „ווילנער טרופּע".

ש. ע.

טאַרלאַ, הענרי

געבוירן 5 פעברואַר 1898 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ גאַרבאַרזש. ביז 16 יאָר געלערנט אין פּראַגער מענער-גימנאַזיע און זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין די דראַמאַטיקע שילער-פאָרשטעלונגען.

1916 — דורך דער חברשאַפט מיט נאָר-וויד און שידלאַ, אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון „ליבהאָבער" און געשפּילט אויף פּויליש אין ליבהאָבער-קרייז א"א פון שידלאַ.

איצט טרעט ט. אַריין אין „אַרטיסטיש ווינקעלע" ביים וואַרשעווער „הזמיר", וואו ער דעביוטירט אַלס „מענדל" אין פּרץ הירשביינס „די נבלה" א"ר פון דוד הערמאַן און נעמט לעקציעס אין דראַמאַטישער קונסט ביים פּוילישן אַקטיאָר און רעזשיסער אַלעקסאַנדער זעלוועראָוויטש. שפּעטער טרעט ט. אַריין א"פ זעלוויטש אַלס סטאַזשאָר אין פּוילישן טעאַטער (דיר. שיפּמאַן). דאָ ווערט ער פאַרבעטן אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער שפּילט די ערשטע צייט עפּיזאָדן-ראָלן, און זינט 1919 באַדייטנדערע ראָלן. 1920-22 — געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי און דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער אַרבעט אין בערלינער פאָלקס-בינע אַלס אַסיסטענט-רעזשיסער א"ל פון א. פעלינג.

1923 — צוריקגעקערט אין פּוילן, וואו ער גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ מיט שושנה און באַטייליקט זיך אין פילם „תקיעת-כף" (סצענאַריע — ח. בלום, רעזשי — זיגמ. טורקאָוו). ווינטער 1923 — טרעט ט. צוריק אַריין אין „ווילנער טרופּע", וועלכע גאַסטראָלירט איבער רומעניע. 1926 — גיט ער זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט רעזשיסאָרישער אַרבעט: פירט אויף אין דער „ווילנער טרופּע" אַ באַנייאונג פון בימקאָס „גנבים" און גיט נייע אויסטיי-

טשונגען פון פּיראַנדעלאָס „מענטש, חיה, צניעות" און ניקאָדעמיס „באַגינען, טאָג און נאַכט" (ט.'ס איבערזעצונג).

אויפן וועג קיין ראַטנפאַרבאַנד, נאָכן שפּילן 6 חדשים אין פראַנקרייך, טרעט אַריין ט., אַפּריל 1927, אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער, וואו ער שפּילט שפּעטער די טיטל-ראָל פון „שבתי צבי" און די ראָל „פּאָן וואַל" אין קושניראָווס „הירש לעקערט". 1929 — געוואָרן רעזשיסער-לאַבאָראַנט פון זעלבן טעאַטער.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע", זז. 84-85.

טאַרלאָווסקי, משה

געב. 1892 אין לעמבערג, גאַליציע, ביי פרומע עלטערן. זיין ברודער, גערופן „הערשעלע אַקטיאָר", פלעגט אים מיטנעמען אין די דראַמקלובן, אין וועלכע ער האָט געשפּילט, און דאָרט פלעגט ט. שפּילן די קינדער-ראָלן. באַזוכנדיק אַלס קינד די פאָרשטעלונגען אין גימפּעל-טעאַטער, פלעגט ער אויך „נאָכמאַכן" די אַקטיאָרן און צוזאַמען מיט די חדר-חברים איינאָרדנען „פאָרשטעלונגען".

אין 1905 טרעט ט. אַרויס אַלס דעקלאַמאַטאָר אויף ליטעראַרישע אָוונטן און דערנאָך לאָזט זיך ט. מיט צעזאַר גרינבערגס וואַנדער-טרופּע איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ. 1912 — טרעט ער אַריין אין גימפּעלס טעאַטער אין לעמבערג און האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט גאַסטראָלירנדיקע יידישע אַקטיאָרן פון אַמעריקע.

מלחמה-צייט — געדינט אין דער אַרמיי און אין איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט געשפּילט דייטש טעאַטער צוזאַמען מיטן שפּעטער באַרימטן יידיש-דייטשן אַקטיאָר אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

1920 — געשפּילט אין ווין און זיך באַטייליקט אין דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע", מיט וועלכער ער פאָרט אויך שפּעטער איבער רומעניע.

דורך דער איניציאַטיוו פון אַנשל שאָר קומט ט. אין 1923 אין אַמעריקע און שפּילט דאָ אַ סעזאָן אין באָסטאָן, דערנאָך ביי יאָזעף קעסלער אין שיקאַגאָ, שפּעטער אין פילאַדעלפיע מיט טאָמאַשעווסקין, 1927-8 — אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, 1929-30 — אין וויניפּעג, 1931 — אין ליריק-טעאַטער און 1932-33 אין בראָנקס אַרט-טעאַטער.

ט. איז אַ מיטגליד פון „אינדעפּענדענט היברו עקטערס ליג".

ש. ע.

מ. ע. פון יעקב מעסטל.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער בינע, „מאָז"ש" נ. י., 18 נאָוועמבער 1927.

טאָרנבערג, סעמיועל (שמואל)

[געב. 1872 — געשט. 5 אָקט. 1911]

געבוירן 1872 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ ברוק-בוי-אונטערנעמער. געלערנט אין אַלט-שטאָטישן בית-המדרש.

אַ געוויסער בערנשטיין, אַ משכּיל, לערנט אים דייטש און בוכהאַלטעריע און פירט אים אַריין אין אַ קרייז, דורך וועלכן ער האָט די געלעגנהייט צו באַזוכן דאָס דייטשע, פּוילישע און יידישע טעאַטער. דאָ באַקענט זיך ט. מיטן אַקטיאָר שליפּערשטיין, וועלכער רעדט אים צו צו ווערן אַן אַקטיאָר. צוליב דעם אַנטלויפט ט. פון דער היים. אָבער אָפּגעגאַרט אין זיינע האָפנונגען אויף שליפּערשטיינען, עמיגרירט ער אין עלטער פון 17 יאָר קיין אַמעריקע.

דאָ שליסט ער באַקאַנטשאַפט מיט אַדלערן און ווערט זיין „הויז-סופלער" ביים שטודירן די ראָלן. שפּעטער פאָרט ט. קיין ניו-הייווען, וואו ער טרעט אַריין אַרבעטן אין אַ געשעפט און גרינדעט מיט אייניקע אינטעליגענטע יונגעלייט אַ דראַמאַטישן פאַראיין, וואָס שפּילט יעדן שבת אין אָוונט. אַזוי אַרום אַריינגעצויגן אין שפּילן, פאַרנאַכלעסיקט ער זיין פּאָסטן, און אין 1894, בעתן קריזיס, קומט ער צוריק אין ניו-יאָרק און ווערט אַ פּיעסעס-איבערשרייבער ביי אַדלערן אין טעאַטער (געוו. רומעניע-אָפּערע-הויז). ערשט סוכּות 1895 דעביוטירט ט. אין אַן עפּיזאָדן-ראָל אין דער פּיעסע „דער רב הכּולל" פון אַדאָלף פיליפּס און מאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף אַלע אַקטיאָרן צוליב זיין „נאַטירלעך ריידן". בלויז מאָשקאָוויטש דערמוטיקט אים צו בלייבן ביי דער בינע.

ערשט אַ דאַנק גאָרדינען, וועלכער האָט באַמערקט ט.'ס ערנסט שפּיל אפילו אין אַזאַ עפּיזאָדן-ראָל ווי „דער דאָקטאָר" אין „די ברידער לוריאָ", באַקומט ט. מער פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, און גאָרדין שרייבט אפילו ספּעציעלע ראָלן פאַר אים.

ט. איז דערנאָך געווען אַ שותּף אין טאַליאַ-טעאַטער מיט קעסלער, גאָרדין, ליפּצין, מאָשקאָוויטש. שפּעטער האָט ער געשפּילט מיט ליפּצין. 1905-6 — האָט ער געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע („דער פעדלער" און דער „געלט-באָרגער"), איז אָבער באַלד צוריקגעקומען צו דער יידישער בינע.

לויט אינפאָרמאַציעס פון זיין זון, האָט ער אויך גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, גאַליציע, דייטשלאַנד און פּוילן.

ט. האָט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין די קרעאַציעס פון „לייזער בדחן" אין גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול" און „נחומטשע" אין גאָרדינס „מירעלע אפרת", אַלס „פעדלער" אין קאָברינס „פאַרלוירענער גן-עדן" און אין די פּיעסעס „צוויי וועלטן", „אויף די בערג" און „דער יתום".

ט. האָט אַ לענגערע צייט געשריבן דערציילונגען פאַרן „העראַלד" און „פאָרווערטס", וואו ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע איבערזעצונגען פון מאַרק טווען. ער האָט אויך דראַמאַטיזירט באַלזאַקס „דאָס שפּיל פון שפּעקולאַציע" און איבערזעצט פון דזשאָזעף דזשעפערסאָנס מאַנוסקריפּט „ריפּ וואַן ווינקל, אָדער, די שדים פון די קעטסקיל מאָונטיינס" פון וואַשינגטאָן אירווינג, (אויפגעפירט דעם 4 נאָוו. 1906), אין וועלכער ער האָט געשפּילט

די ראָל „ריפּ" און האָט איבערגעלאָזט אין מאַנוסקריפּט אַן איינ־אַקטער „פאָטער און זון" און אַ היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 10 סצענעס „דאָן יצחק אברבנאל".

געליטן פון צוקער-קראַנקהייט איז ט. געשטאָרבן דעם 5 אָקט. 1911 אין ניו־יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן הר־ציון, ראַדאָמער סעקציע.

ט. האָט איבערגעלאָזט 3 קינדער, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן ענגלישן טעאַטער: דייוויד טאָרן — אַ דראַמאַטורג, אויגוסט טאָרן — אַ בינע־דירעקטאָר און אַקטיאָר און לולו טאָרן — אַן אַקטריסע.

אַב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ער איז געווען אַ היבש ביסל אינטעליגענטער ווי דאָס רוב יידישע אַקטיאָרן און זיין אינטעליגענץ איז געווען נישט נאָר אין קאָפּ, נאָר אויך אין האַרצן. ער האָט געהאַט איידעלע שטרעבונגען, אַ העכערע „זַמבישאָן" [אַמביציע] אַלס קינסטלער. ער האָט געגאַרט פאָרצושטעלן אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־פּאָרטרעטן. ער האָט די קונסט ווירקלעך געליבט. . .אין זיין קונסט האָט ער זיך אפשר מער באַנוצט מיט מאַרך ווי מיט איינבילדונגס־קראַפט. זיין שפּילן איז אָבער אימער געווען דורכגעדרונגען מיט ערנסטקייט.."

יואל ענטין כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ער האָט געהאַט אַ שאַרפלעך קול, וואָס האָט אָנגענעם געגרילצט און האָט אַזוי פּאָרטרעפלעך איבערגעגעבן דעם עטוואָס היסטערישן, אימער פון טרערן אָנגעצויגענעם יידישן געלעכטער, דער קוויטש פון ווייטאָק, וואָס גנבעט זיך אַריין אינם „אבינו מלך אויפן האַרצן איז מיר פּרייליך" ער האָט נישט געהאַט קיין קול נגינה אַזוי ווי די מייסטע יידישע אַקטיאָרן, אָבער ווען ער האָט געזונגען „אוי וויי, דלות", איז דאָס געווען אַזאַ געזאַנג פון דלות, אַזא אומעטיקע חוזק־ליד אויף צרות אַז בעסער וואָלט מען עס מיט דער שענסטער שטימע און מיט דעם מוזיקאַלישסטן אויער נישט געקאָנט כאַכן. ער האָט גערעדט קלאָר און שאַרף, פאַרשטענדיק „געזעצט" עברי, פון זיינע ווערטער אימער אויסגעדריקט די נויטיקע באַדייטונג און זייער זין אימער אַריינגעלייגט דעם צוהערער אין מויל. ער איז געווען זייער אַ וואַרעמער מענטש, זייער טעמפּעראַמענטפול. מיט אַ חסידישן ברען און ער פלעגט אַריין אין זיין ראָלע מיט לייב און לעבן און ער פלעגט זי שפּילן צאַפּלענדיק, ברענענדיק, מיט יעדן אבר, מיט יעדן ריר פון זיין קערפּער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע פּאָעטישע היגרייסונגס־קראַפט, און ווען ער פלעגט שפּילן אַן אינטערעסאַנטן מענטש, פלעגט ער זיך אָנצינדן מיט יענעמס באַגייסטערונג און ווער ער. . . . ער האָט געהאַט אַ כאָר גרויכע, שאַרפע בליאַסקענדיקע, אימער אומרואיקע, דורכדרינגענדע אויגן, און זיי האָבן צוגעגעבן זיין שפּילן אַ זעלטענע שאַרפקייט, אַ גרויסע לעבעדיקייט. און האָט ער געדאַרפט שפּילן אַ וואַכזאַמען, כיטרען, שאַרף־נאָכשפּירענדן מענטש, אַ מענטש פון דעם טיפּ אינטריגאַנט, זיינען אים זיינע אויגן מעכטיק צונוץ געקומען. . . .זיין אינטעליגענץ און זיין איידעלער שניט האָבן אים צוגעפּאַסט צו גאָרדיקס הומאָר. און אַזוי איז אים באַשערט געווען צו וואַקסן צוזאַמען מיט גאָרדינען, צוזאַמען מיט אים אַ נייעם הומאָר צו שאַפן [אויף דער בינע]. אַ נייעם זשאַנר שוישפּילער אויף דער יידישער בינע אויפצוברענגען, דעם כ אַ ר אַ ק ט ע ר - ק אָ מ י ק ע ר. און אַזוי איז ער מיט גאָרדינען צוזאַמען געגאַנגען פון „דבורהלע מיוחסת" ביז „דעמענטיאַ אַמעריקאַנא". ער איז אימער מיטגעגאַנגען און אימער אַ נייעם מענטש געשאַפן".

משה נאַדיר שרייבט: „דער אינטערעסאַנטסטער אַרטיסט פון יענער גרופּע (אַדלער, קעסלער, טאָמאַשעווסקי, מאָשקאָוויטש, פיינבערג [פיינמאַן], קאַצמאַן, מאָגולעסקו) איז געווען טאָרנבערג. דער זעלביקער האָט געהאַט אַ פיין פאַרשטענדניש פאַר טעאַטער, אַ געבוירענעם טאַקט. פלעגט שפּילן שטילער ווי די אַנדערע, און זיינע כאַראַקטערן פלעגן אַרויסקומען ווי אַלטע קופּער־שטיכן".

לאָן קאָברין אין זיינע „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג" כאַראַקטעריזירט אַזוי ט.׳ס שפּילן: „ער איז אַ קאָמיקער געווען און זיין קאָמיזם איז אַלע מאָל געווען אַ ריינער, אַן ערלעכער, אַן אויפריכטיקער. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשוועכט זיין טאַלאַנט, ווי ווייט איך געדענק, מיט בוף־קאָמיזם. אַן ערלעכער געלעכטער איז זיינער געווען, קיינמאָל נישט קיין פאַבריצירטער פאַר דעם גראָבן לאַך־אַפּאַראַט פון דעם גרויסן עולם. זיין קאָמיזם איז געווען אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער — אַ רואיקער, און איך וואָלט געזאָגט, אַ פילאָזאָפיש, הגם קבצניש, פריילעכער. ער האָט נישט געלאַכט אויפן קול, אַזוי ווי ער וואָלט ביי זיך געטראַכט אַז אַרויסשפּרינגען פון די כלים איז נישטאָ פון וואָס. ער האָט אָבער שטענדיק געשמייכלט קלוג און שטיל, פונקט ווי זיין גאַנצער אויסזען האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון געלאַסנקייט און קלוגשאַפט, און פונקט ווי זיין פיגור און זיינע פיס זיינען נישט געווען פאַר טאַנצן, אַזוי איז אויך געווען זיין טאַלאַנט".

ש ע. פון דייוויד טאָרן און מ. ע. פון משה זילבערשטיין.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט." II, זז. 161, 102.

סעמיועל טאָרנבערג — ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר — „די טהעאַטער וועלט", נ. י., 4, 1909, (איבערגעדרוקט אין „טעאַטער־זכרונות", רעד. ז. זילבערצווייג, ווילנע 1928, זז. 85־73.)

א. ק. [אב. קאַהאַן] — אין דער אידישער טהעאַטער וועלט, „פאָרוו.", נ. י., 7 אָקט. 1911.

י. ענטין — שמואל טאָרנבערג, „דיא ווארהייט", נ. י., 6 אָקטאָבער 1911.

מוישע נאַדיר — מיין באַקאַנטשאַפט מיטן אַמעריקאַנישן אידישן טעאַטער [„טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927, ז. 147].

לעאָן קאָברין — „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", נ. י., II, זז. 187-91.

טהאל, סידי

[סאַלי בירקענטאַל]

געבוירן 8 סעפּטעמבער 1909 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. פאָטער — אַ בעקערייבאַזיצער נאָך אין שול זיך אויסגעצייכנט אַלס זינגערין. יונגערהייט געאַרבעט ביי אַ מאָדיסטין. איר קוזין, דער אַקטיאָר אַדאָלף טעפּנער, באַקענט זי מיט שיה קאַנער, וועלכע נעמט זי אַריין אין דער טרופּע אַלס קינדער־ראָליסטין. שפּעטער האָט ט. געשפּילט ביי פרידמאַנען.

1928 — געפאָרן מיט איר קוזין קיין בוקאַרעסט און דאָרט געשפּילט אין אַ יידישן רעוויסטאַ, דערנאָך צוזאַמען מיט אים געשפּילט אַ סעזאָן אין אַ טעאַטער־טרופּע אין יאַסער פּאָמול ווערדי און זינט דאַן געבליבן אויף דער יידישער בינע אין רומעניע אַלס סוברעטין.

ש. ע.

טהור, מאַטיאַס (מתתיהו)

[געב. . .18 — געשט. 12 יולי 1915]

געב ..18 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ מעללער. אַ שטובן-מאָלער, אַ באַלעזונער, האָט ט. זייער ליב געהאַט טעאַטער. צופעליק זיך באַטייליקט אַלס סאָציאַליסט אין דער אויפפירונג פון הורוויץ „שלמה המלך" ביי גימפעלן און זינט דאַמאָלט געשפילט דאָרט עפיזאָדן-ראָלן. מיט דער צייט האָט ט. זיך אַנטוויקלט אַלס אויסגעצייכנטער פאָטער-און כאַראַקטער-ראָליסט, באַזונדערס אין גאָרדין-רעפּערטואַר. שפּעטער איז ער אַרומגעפאָרן מיט אַ וואַנדער-טרופּע איבער גאַליציע, דערנאָך צוריק אַריין צו גימפּעלן.

אין 1908 האָט ט. צוזאַמען מיט גרשם באַדער, יוליוס גוטמאַן און נאָרמאַן גלימער געגרינדעט אין לעמבערג דעם „גאָלדפאַדען-פאַראיין".

דעם 12-טן יולי 1915 איז ט. געשטאָרבן פון כאָלעראַ אין לעמבערג.

ט. איז — לויט יעקב מעסטעל — געווען איינער פון די ערשטע בעסערע יידישע אַקטיאָרן און האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צום בעסערן „ליטעראַרישן" רעפּערטואַר. אַ ליבער חבר און אַ פיינער שו שפּילער, האָט אים נאָר זיין קליינע פיגור און אַ ביסל נישט-קלאָרער דבור געשטערט צו ווערן איינער פון די באַרימטע.

מ. ע. פון יוליוס גוטמאַן און ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

טויבענשלאַג, חיים

געבוירן 6 סעפּטעמבער 1894 אין ברעסט-ליטאָווסק, פּוילן. פאָטער — אַ מלמד. געלערנט ביי מלמדים, דערנאָך אין בריסקער און נאָוואָגרודקער ישיבות און פּריוואַט למודי-חוץ.

1912 — אַריינגעטראָטן אין „פּועלי-ציון" און 1913 דעביוטירט אין דער פּאַרטיי-פּרעסע מיט אַרטיקלען וועגן פּאַרטיי-ענינים און אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פראַגן, געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען און אונטער פּסעוודאָנימען.

1918 — אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, עמיגרירט 1920 קיין אַמעריקע, ווערט אַ מיטגרינדער פון „די פרייהייט" און אַ מיטגליד אין צ. ק. פון דער יידישער סעקציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. גרינדעט 1923 אויף זיין נאָמען אַ פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, דערונטער זיין איבערזעצונג פון אַנטאָנינאַ סאָקאָליטשס „די פויסט, דראַמא פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, אין 3 אַקטען" [82 ז. 32°]. די פּיעסע איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ דראַמאַטישער אַרבעטער-גרופּע אין ניו-יאָרק.

1925 — אויסגעשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז ט. איצט דער סעקרעטאַר פון אָרטיקן קאָמיטעט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין ניו-יאָרק.

מ. ע.

טויבער, חיים

געב 14 יוני 1901 אין מאָהילעוו-פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. פאָטער — אַן אָרעמער שניידער. געלערנט אין חדר, און שפּעטער אין קאָמערץ-שול.

נאָך אַלס 9-10 יאָריק יינגל שפּילט ט. ביי די עלטערן אין אַ קאַמער גאָלדפאַדענס „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ", נאָכמאַכנדיק זיין ברודער, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד אין אַ ליבהאָבער-קרייז.

אין 1917 אָרגאַניזירט זיך אין שטעטל אַ דראַמאַטישער פאַריין „די יידישע בינע" אונטער דער פירונג פון ברוך מאזשביץ, און דעם 12 מאַי טרעט דאָרט ט. אויף אַלס „שמאי" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" און ווערט שפּעטער דער רעזשיסער פון פאַראיין. די שפּילער, אונטערן נאָמען „די מאָהילעווער טרופּע", פאָרן דאַן אַרויס אויף אַ טורנע איבער די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, שפּילנדיק על פּי רוב פאַר לעבנספּראָדוקטן אַנשטאָט איינטריט-געלט.

סוף 1919 טרעט ט. אַריין אין דער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע אונטער דער פירונג פון מייערסאָן און גרישאַ עפּשטיין, וועלכע שפּילט אין די שטעט פון פּאָדאָלער און קיעווער גובערניע. סעפּטעמבער 1920 וואַנדערט אויס ט. צוליב די פּאָגראָמען, קיין רומעניע, און שטעלט צוזאַמען פאַר בעסאַראַביע אַ געמישטע טרופּע פון „ליבהאָבער" און אַקטיאָרן „בעזשענצעס" פון רוסלאַנד. זומער 1921 ווערט ט. אַנגאַזשירט אין בוקאַרעסטער זשיגניצע ביי איציקל גאָלדענבערג און שפּילט דערנאָך מיט פאַרשיידענע טרופּעס אין משך פון 4 יאָר.

אין 1922 ווערט אויפגעפירט אין בוקאַרעסט, דערנאָך אין אַנדערע רומענישע שטעט, ט.'ס 3-אַקטיקע דראַמע „גלות". אין בעסאַראַביע האָבן דראַמאַטישע קרייזן געשפּילט זיינע איינאַקטערס „דער בלוטיקער חנוכה" און „דערנער-וועגן". ט. האָט אויך איבערזעצט אייניקע פּיעסעס פון רוסיש, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, און דראַמאַטיזירט י. ל. פּרץ „דריי מתנות".

דעם 25 יולי 1925 קומט ט. אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) און טרעט דאָרט אַריין אין האָלענדערס טרופּע, מיט וועלכער ער שפּילט ביז 1928 אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. 1928-29 — געשפּילט אין פילאַדעלפיער קאַסינאָ-טעאַטער (מענ. — יוליוס נאַטאַנסאָן) און דאָ זיינען אויפגעפירט געוואָרן ט.'ס קאָמעדיע „דער גאַליציאַנער רבי" (מוזיק פון אָסאָווסקי) און אין דעצעמבער 1929 ט.'ס אָפּערעטע „דאָס גאָלדענע רינגעלע" (רעזשי — יוליוס נאַטאַנסאָן, מוזיק פון רובין אָסאָווסקי) וועלכע איז דעם 24 יאַנואַר 1930 אויפגעפירט געוואָרן דורך מ. מיכאַלעסקאָ אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער (מוזיק — אַ. אָלשאַנעצקי).

1929-30 — געשפּילט אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער, 1930-31 — אין דער האָלענדער-טרופּע אין טאָראָנטאָ און איבער דער פּראָווינץ, זומער 1931 — סאָשעל-דירעקטאָר אין אַרבעטער-רינג קעמפּ אין באָסטאָן. 1931-32 — געשפּילט אין דעטראָיט און 1932-33 — אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער.

דעם 31 מערץ 1931 איז ט. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

דעם 10 אָקטאָבער 1932 איז אין באָסטאָנער גרענד-אָפּערע-הויז אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמיועל גאָלדענבורג ט.'ס פּיעסע „צוויי הערצער" (דעם 4. נאָוו. 1932 אין פילאַדעלפיע — א'נ „אַ וועלט פאַר זיך").

ש. ע

אהרן קאַניעווסקי — אַ אידישע אָפּערעטע אין קאַסינאָ טעאַטער, וואָס טראָגט אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און פאַרשאַפט פאַרגעניגען, „דער טאָג", פילאַדעלפיע, 1 יאַנואַר 1929.

דר ל. זשיטניצקי — „דאָס גאָלדענע רינגעלע" אין טעאַטער „עקסעל-סיאָר", „די פּרעסע", ב'א, 7 יולי 1929.

נון צדיק [נ. צוקער] — דער גאַליציאַנער רבי (פון חיים טויבער) אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אַרגענטינער טאָג" ב'א. 21 יולי 1929.

ס. רעגענסבערג — סעמיועל גאָלדענבורג'ס ערשטער אויפטריט אין קאַסינאָ טעאַטער, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 8 נאָוו. 1932.

וויליאַם עדלין — „צוויי הערצער" אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „טאָג", נ. י., 2 דעצעמבער 1932.

הלל ראָגאָף — „צוויי הערצער" — נייע פּיעסע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 9 דעצעמבער 1932.

ב. י. גאָלדשטיין — „עלטער-שוועכע", „פּא"ש", נ. י., 16 דעצ. 1932.

טוכבאַנד, מאָריס

געב. מערץ 1886 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — קצבים. געענדיקט אַ שטאָטישע שול. געזונגען ביי אַ חזן. 1904 — עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט 3 חדשים אין אַ שאַפּ און אין 1905 געוואָרן אַ קופּ-לעטיסט אין יידישן וואָדעוויל, שפּילנדיק 6 יאָר אין סקעטשעס מיט קיידי קאַפּלאַן.

זינט 1913 אַריינגעטראָטן אין לעגיטימען יידישן טעאַטער און געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די אָנגעזעעסטע כוחות פון דער יידישער בינע אין אַמעריקע. די לעצטע סעזאָנען געשפּילט כאַראַקטער-ראָלן אין 'ברוקלינער ליריק-טעאַטער און זינט 1930 זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע, ווערנדיק אַן אָפּערייטאָר אין אַ מואווי.

ש. ע.

טוכמאַן, ליזאַ
[קיידאַן]

געב. 15 אויגוסט 1891 אין דווינסק, לעטלאַנד. עלטערן — אייגנטימער פון אַ באַ-קאַלעי-קראָם. אין עלטער פון 3 יאָר געקו-מען מיט די עלטערן אין אָדעס. געלערנט פּריוואַט. פון קינדווייז אָן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שיינער שטים און אַרויסגעטראָטן אין קינדער-און יוגנטלעכע ראָלן ביי סאַב-סיין.

אין עלטער פון 17 יאָר געקומען מיט דער מוטער, אַן אלמנה, אין אַמעריקע און

אַריינגעטראָטן צו קאָפּעלמאַנען אין וואָרעוויל. דערנאָך געשפּילט לעגיטים טעאַטער אין אָדעאָן-טעאַטער און אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ, געשפּילט אַ סעזאָן מיט קראָנער אין טאָראָנטאָ, אַ קורצע צייט אין דעטראָיט, צו סעזאָנען ביי טאָמאַשעווסקין אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל, ביי געביל, 2 סעזאָנען אין ליריק, אַ סעזאָן אין ליבערטי, 2 סעזאָנען אין לענאָקס. צו איינצלנע סעזאָ-נען אין פּראָספּעקט-טעאַטער, אין נואַרק, 1927-8 — אין פילאַ-דעלפיע מיט טאָמאַשעווסקין, 1930 — אין קאַליפאָרניע, 1931-32 — אין ניו-יאָרקער אַמפיאָן-און ליריק-טעאַטער. 1932 — אין געיטי-טעאַטער.

מ. ע.

טוללער, דושאָדוש
[זלמן טאָלער]

געבוירן 24 יולי 1894 אין אומאַן, קיע-ווער גוב., אוקראַאינע. אַ ווייטער קרוב פון מישע עלמאַן. פאָטער — אַ קלעזמער אין סאַבסייס יידישער וואַנדער-טרופּע. געלערנט אין חדר און אַ יאָר אין טאַלנער ישיבה, געענדיקט שטאָטישע שול, דערנאָך 4 קלאַסן גימנאַזיע און שטודירט אין קיעווער קאָנ-סערוואַטאָריע וויאָלין און טעאָריע פון מוזיק. דערנאָך גענומען אַרומוואַנדערן איבער שטעט אַלס דיריגענט פון אָרקעסטערס, געווען אַ סעזאָן קאָנצערט-מייסטער פון אַ סימפאָניע-אָרקעסטער אין לוגאַנסק, דערנאָך קאָנצערט-מייסטער אין אַן אָפּערע-טרופּע אונטערן דירי-גענט סוק, ווידער אין לוגאַנסק אַלס געהילף-דיריגענט פון סימפאָניע-אָרקעסטער, שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע, וואו ער האָט $1\frac{1}{2}$ יאָר געשפּילט א'ל פון טאָסקאַני. צוליב מיליטער-סיבות אַוועק קיין פראַנקרייך, וואו ער האָט געשפּילט אין קאַפּע-חייזער.

1915 — אָנגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט געשפּילט אין האָטעלן, דערנאָך געוואָרן אַ וויאָלינעסט אין יידישן טעאַטער, זייענ-דיק גלייכצייטיק 6 סעזאָנען געהילף-דיריגענט ביי רומשינסקין און 2 סעזאָנען ביי אָלשאַנעצקין.

1929-30 — אַנגאַזשירט געוואָרן אין יידישן קונסט-טעאַטער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און קאָנצערט-מייסטער, פאַרפאַסט די באַגלייט-מוזיק צו לעאָן פויכטוואַנגערס „יוד זיס", צו חנא גאָטעספעלדס „מלאכים אויף דער ערד", אַראַנזשירט די מוזיק צו שלום-עליכםס „בלאָנדזשענדע שטערן", פאַרפאַסט די מוזיק צו דער קינ-דער-פּיעסע „די קליינע מלוכה" און ספּעציאַליזירט זיך דער-נאָך אַלס אַראַנזשירער פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטע („שולמית", „בר כוכבא", „דאָס 10-טע געבאָט" „בן עמי" און „די כשוף-מאַכערין") פאַר דער ראַדיאָ אויף די „טאָג"-ראַדיאָ-קאָנצערטן.

מ. ע.

טוּנים, הערמאַן

[חיים־הערש אָווענד]

געבוירן 14 אָקטאָבער 1900 אין בזשעזשאַני, מזרח־גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַ גאַסט־הויז, וואו בראָדער זינגער פלעגן שפּילן.

געלערנט אין חדר. דערנאָך ביים אָרטיקן רב, געענדיקט אַ פאָלקס־שול און 2 קלאַסן גימנאַזיע. 1913 — אַוועק קיין ענגלאַנד צו אַ קרוב און געאַרבעט אין זיין שאָקאָלאַד־פאַבריק.

בעת דער מלחמה צוריקגעקומען און וואַנדערט אויס אין 1916 קיין ווין, וואו ער טוט פאַרשיידענע אַרבעטן, ביז יונה רייזמאַן נעמט אים אַריין אין יידישן טעאַטער אַלס סופלער. נאָך 8 יאָר סופלירן אין פאַרשיידענע טרופּעס אין ווין, רומעניע, טשעכיע און יוגאָסלאַוויע, דעביוטירט ט. אין 1926 אין מונקאַטש ביי דער שטראַמער־טרופּע אַלס „כאַצקעל דראַכמע" אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" און שפּילט דערנאָך אַ סעזאָן מיט יונגווירט אין טשעכיע און יוגאָסלאַוויע. 1928 — מיט עמיל פרידעסעס טרופּע אין ווין, דערנאָך אין אַנדערע יידישע טרופּעס אין ווין.

ט. איז געווען דער ערשטער סופלער ביי דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע" אין ווין.

מ. ע.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

טונקעלער, דער

[יוסף טונקעל]

געבוירן 1881 אין באָבּרויסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ מלמד. באַקומען אַ יידישע דערציאונג, האָט ט. אין דער יוגנט אַרויסגעוויזן פעאיקייטן צו מאָלעריי און איז אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעקומען אין דער ווילנער צייכן־שול. נאָכן ענדיקן די שול אין 1899, אַוועק קיין אָדעס, וואו ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש. אין 1901 דעביוטירט מיט אַ ריי לידער אין „דער יוד" און זינט דאַמאָלט פאַרעפנטלעכט לידער, פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אין דער יידישער פעריאָדישער פרעסע

1906 — אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט אין 1908 געגרינדעט דאָס אילוסטרירטע וויצבלאַט „דער קיבעצער" און דערנאַך „דער גרויסער קונדס", וואו ער פאַרעפנטלעכט קאַריקאַטור־צייכנונגען און הומאָריסטישע רעצענזיעס איבערן יידישן טעאַטער.

זייענדיק אין אַמעריקע האָט ט. פאַרעפנטלעכט אין „דער אַרבעטער", ניו־יאָרק (12 יאַנואַר — 16 פעברואַר 1907), זיין פאַרריידישונג פון נאַידיעניאָווס פּיעסע „דער פאַרלוירענער זון" א"נ „שווערע צייטען, בילדער פון לעבען אין צוויי אַקטען פון יוסף טונקעל און ג. טשערניאַק".

1910 — צוריקגעקומען אין פוילן, אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער וואַרשעווער יידישער פרעסע און איז זינט 1911 — אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „דער מאָמענט", וואו ער שרייבט א'פּ „חושך" און „דער טונקעלער". 1931 — באַזוכט מערב־אייראָפּע און ארץ־ישראל און 1932 — אַמעריקע.

ט. ווידמעט פיל פון זיינע פעליעטאָנען דעם יידישן טעאַטער און דעם יידישן אַקטיאָר. אַ סך פון זיינע פּאַראָדיעס און הומאָרעסקעס ווערן אָפט פאָרגעלייענט דורך „ליבהאָבער" און פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער אויף ליטעראַריש־דראַמאַטישע אָוונטן.

ט. האָט אָנגעשריבן פאָלגנדיקע איינאַקטערס: „דער חתן" (אַ שפּאַס אין איין אַקט) „דער הומאָריסט" (אַ שפּאַס אין איין אַקט), „גייסטיקע געשפּרעכן" (גראָטעסק) „דער צייטונגס־פאַרקויפער" (שאַרזש), „אַ מיטל קייגן אַלע קרענק" (סקעטש), „מיין ווייב מאַכט קראַנק אַ דאָקטאָר" (דיאַלאָג), „ווייבער קענען שווייגן" (אַ סצענע אין איין אַקט) „בריליאַנטן" (אַ שפּאַס אין איין אַקט), „די באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן" (אַ שפּאַסיקע סצענע), „זי קאָן נישט ריידן" (מאָנאָלאָג), „ארץ־ישראל ערד, אָדער, די נייע מסחרים" (אַ סצענע), „צרות פון יידישקייט" (אַ סצענע), „אַ שטיקל ראַדיאָ נאָך הבדלה" (אַ סצענע), „די „פייערלעכע" זיצונג אויפן צוזאַמענפאָר פון די שלעגערס" (גראָטעסק) ווי אויך „דער כינעזישער באָגדיכאַן ציפּ־צע־דריפּ אָדער, דאָס פינטעלע ייד, אַ פאָלקסשטיק אין פיר אַקטן און זיבן בילדער מיט געזאַנגע, טענצע און מערשע" (פּאַראָדיע). די אַלע דראַמאַטישע סצענעס זיינען פריער דערשינען אין „מאָמענט", אייניקע פון זיי זיינען אַרויס דערנאָך אין סעפּאַראַטע אויסגאַבעס און אין ט.'ס ווערק, שפּעטער אַלע צוזאַמען אין ט.'ס בוך „דאָס פריילעכע טעאַטער" (פ'ג „ביכער", וואַרשע 1931).

ט. האָט אויך אָנגעשריבן „דער פורים־בער, אַ קינדער־שפּיל אין 3 אַקטן". געבויט אויף דער פאַבולע פון „רויט היטעלע", אילוסטרירט פון ז. נחמקין (פ'ג „בלימעלעך", אָדעס 1919, 22 זז., — 2־טע אויסגאַבע א"ט „אַ טעאַטער־שטיק אין 3 אַקטן", פ'ג לעווין־עפּשטיין, וואַרשע 1919 28 זז.), און „ציינוויטאָג, אַ שפּאַס אין איין אַקט" (אין זיין בוך „מיטן קאָפּ אַראָפּ"). אין זעלבן בוך זיינע אויך איבערגעדרוקט ט.'ס פּאַראָדיעס אויף א. ווייטערס, יצחק קאַצענעלזאָנס און פּרץ הירשביינס פּיעסעס, וועלכע זיינען שוין פריער געווען געדרוקט אין ט.'ס אַנדערע ביכער.

כמעט אַלע ט.'ס איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן.

זלמן רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1163-70.

ח. ש. קאַזשדאַן — לערן-און קינדער-ביכער, „ביכער-וועלט", קיעוו, 3-4, 1919.

טופּמאַן, יהושע

געב. 15 אויגוסט 1893 אין אַמשינאָוו, פוילן. זיידע — אַ וואַלד־סוחר און אַ בדחן, פלעגט שרייבן אייגענע „זאַכן" און האָט געשפּילט פידל. פאָטער שוחט און חזן, ביי וועמען ט. איז משורר. געלערנט אין חדרים, ביים רב און אין בית־המדרש. באַקומענדיק אַן השגה וועגן השכלה, פאָרט ט. קיין וואַרשע, וואו ער אַרבעט 2 יאָר אין אַ פאַבריק פון גאָלדענע קייטעלעך, טרעט אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און ווערט אַן אָפטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער.

אונטער דער השפעה פון דער קריטיק קעגן אַלטן טעאַטער, פאַרבינדט זיך ט. מיט אַ גרופּע יונגעלייט און זיי גרינדן אַ ליבּהאָבער־קרייז, וואָס פירט אויף דעם רעפּערטואַר פון הירשביין, פּינסקי, אַש און באַזונדערס גאָרדין. שפּעטער טרעט ט. אַריין אין דער וואַנדער־טרופּע פון ציפּקוס, דערנאָך אין אַ חברים־טרופּע (גאָזשיק, שלום ברין, בערטעל־ליבערט, שטראַספאָגעל, סאַנדלער א. א.), וועלכע שפּילט אַ סעזאָן אין לובלינער געגנט. בעת דער מלחמה איבערגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד און דאָרט געשפּילט. דערנאָך צוריקגעקומען אין פּוילן, וואו ער שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ש. ע.

טופּמאַן, מרים

[פּאַקענטרעגער]

געבוירן 12 אַפּריל 1890 אין אוניעוואָ, קאַלישער גוב., פּוילן, יונג געבליבן אַ יתומה און אויפגעצויגן געוואָרן ביי איר זיידען. געלערנט אין אַ פּוילישער שול, דערנאָך אין חדר. שפּעטער אַפּגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָרט געאַרבעט אין אַ געשעפט און זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"־פאַרשטעלונגען, וואו זי האָט געשפּילט „מאַנקאַ" אין אַשס „גאָט פון נקמה" (רעזשי — י. אָסקאַר) און „גיטעלע" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר", צוליב וואָס זי ווערט פון בעל־הבית אָפּגעזאָגט פון איר שטעל און זי טרעט אַריין שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין די יידישע וואָדעוויל־טעאַטערס, דערנאָך מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס, צוזאַמען מיט איר מאַן.

ש. ע. פון יהושע טופּמאַן.

טוראָווסקי, יעקב

געבוירן 1888 אין אַ דאָרף ביי קרעמענטשוג, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שמש און סוחר. צו 7 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין קרעמענטשוג, וואו ער לערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבה און צו 15 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ דרוקעריי. זיך באַטייליקט אין יידישע און אוקראַאינישע ליבהאָבער־פאַרשטעלונגען און אין עלטער פון 18 יאָר אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט אין סוכאָדאָלסקיס אוקראַאינישער טרופּע, שפּעטער דאָרט געשפּילט ראָלן און אַריבער אין יידישע וואַנדער־טרופּעס.

1918 — געשפּילט אין פּאָלטאַווע אין דער יידישער טרופּע אונטער זאַסלאַווסקיס אָנפירונג, 1919 — געווען מיטגרינדער פון „קונסט־ווינקל", וואו ער האָט געשפּילט ביז 1925 און 1925 מיטגעשפּילט אין סעגאַלס „מוזיקאַלישע סאַטירע". 1928 — זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער און זיך באַזעצט אין לענינגראַד.

ש. ע.

טורקאָוו, זיגמונט

געב. 6 נאָוועמבער 1896 אין וואַרשע, פּוילן, ביי פאַרמעגלעכע בעל־הביתישע עלטערן. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער רוסישער שול פון מוראַוולאָוו און שפּעטער געענדיקט 6 קלאַסן פון קרינסקיס האַנדלס־שול. נאָך אַלס שילער זיך אויסגעצייכנט אין מאַלעריי און שניצעריי, אָבער דעם עיקר אינטערעס אַרויסגעוויזן צו טעאַטער.

שוין אַלס קינד פון 10-12 יאָר זיך באַטייליקט אין די הויפּט־ראָלן פון העברעאישע, פּוילישע און רוסישע שול־פאַרשטעלונגען און באַלד געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון טעאַטער־מבינים. באַזונדערס אָפּט דאָס פּוילישע טעאַטער, פלעגט ט. דערנאָך, צוזאַמען מיט זיין ברודער יאָנאַס, איינאָרדענען אין קעלער־שטובן, אויף בוידעמס, אין דער קוך פון זייער וואוינונג, און דער עיקר יעדן שבת ביי זיין פעטער, „קינדער־פאַרשטעלונגען", אויף וועלכע זיי האָבן נאָכגעשפּילט אין פּויליש סצענעס פון „שיילאָק", „מאַקבעט" און „אָטעלאָ".

ט שטודירט פּריוואַט טעאַטער־ליטעראַטור, שליסט דאַן חברותא מיט פּוילישע אַקטיאָרן און מאָלט פאַר זיי פאַרשיידענע פּראָיעקטן צו דעקאָראַציעס און קאָסטיומען.

מיט שווערער מי (צוליב זיין יידישקייט) געלינגט אים אַריינצוטרעטן אין דער רוסיש־פּוילישער דראַמאַטישער מלוכה־שול ביי די וואַרשעווער רעגירונגס־טעאַטערס. נאָך אַ קורצער צייט גייט ער איבער אין דער פּריוואַטער דראַמאַטישער שול ביי דער פּוילישער מוזיק־געזעלשאַפט און דערנאָך אין הרינעוויצקאַס דראַמאַטישער שול, וואו ער לערנט ביי די פּוילישע אַקטיאָרן ברידזשינסקי און זעלוועראָוויטש.

נאָכן ענדיקן די דראַמאַטישע שול אין 1915, האָט ט. אַ קורצע צייט געשפּילט אין פּויליש אין אַרנאָלד שיפמאַנס „טעאַטער פּאָלסקי", דערנאָך אין אַנדערע פּוילישע טעאַטערס א"ד פון קאָנסטאַנטין מאַטאַרקעוויטש. גלייכצייטיק אָבער אויך זיך אינטערעסירט מיט יידיש, געלייענט יידישע ליטעראַטור, געשריבן און איבערזעצט פיעסעס אויף יידיש (דערונטער שעקספּירס „מאַקבעט"), אויסגעאַרבעט אייניקע רעזשי־קאָנצעפּציעס, זיך באַטייליקט אין יידישע ליבהאָבער־פאַרשטעלונגען, אין יידישע ליטעראַרישע אָוונטן, אין צמחס העברעאישער ליבהאָבער־גרופּע „הבמה" און געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע" ביים „הזמיר", מיט וועלכן ער פאָרט אויך אַרויס שפּילן (1916) איבער אייניקע שטעט פון פּוילן.

ט. ווערט דאַן אַנגאַזשירט פון אברהם־יצחק קאַמינסקי, טרעט אויף אין קאַמינסקי־טעאַטער אַלס „פּראַנץ מאָר" אין שילערס „רויבער" און פאַרבלייבט שוין זינט דאַמאָלט אין דער טרופּע. 1917-8 — האָט ט. מיטגעמאַכט מיט אסתּר־רחל און אידאַ קאַמינסקאַ דעם ערשטן גרויסן טורנעע איבער פּוילן (וואָס איז דאַמאָלט אָקופּירט געווען פון דייטשלאַנד און עסטרייך), האָט אין יוני 1918 חתונה מיט אידאַ קאַמינסקאַ און באַטייליקט זיך אין אַ טורנעע פון א. ר. און אידאַ קאַמינסקאַ איבער וואָלין, אוקראַאינע, רוסלאַנד און ווייסרוסלאַנד, וואו ער פירט אויף „צוויי הונדערט טויזנט", קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון ס. יושקעוויטש, איבערזעצט דורך ז. ט. און אידאַ קאַמינסקאַ. 1919 — שפּילט ער אַ קורצע צייט רוסיש אין כאַרקאָוו

א״ר פון באָריס גלאַגאָלין און קערט ווידער צוריק צו דער יידישער בינע.

1920 — צוריקגעקומען אין וואַרשע, געשפּילט אין דער פּראָווינץ און אין 1921 איבערגענומען די לייטונג פון טעאַטער „צענטראַל“, אין וועלכן ער האָט אויפגעפירט דעם 23 יולי 1921 אַלטער אייזיק שלאָס׳ס דראַמע „כסא הרבנות“, דעם 16 אויגוסט 1921 מאָליערס „דער קאַרגער“, דעם 17 מערץ 1922 מאָליערס „די ליבע אַלס דאָקטאָר“ (איב. פון ז. ט.) דעם 17 אַפּריל 1922 (צוזאַמען מיט ש. לאַנדוי) שלום אַשס „מאָטקע גגב“, מאַי 1923 אַנדרעיעווס „די זיבן געהאָנגענע“, דאַן גאָגאָלס „דער רעוויזאָר“ (איב. ז. סעגאַלאָוויטש), דעם 25 סעפּטעמבער 1923 דר. ש. עטינגערס „סערקעלע“, דעם 25 דעצעמבער 1923 „דער פּריזיוו, קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש), פּראָלאָג — י. מ. ניימאַן, אינסצעניזאַציע און רעזשי — ז. טורקאָוו, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — משה אַפּעלבוים“. דערנאָך „דער זינדיקער הער טשו“ פון יוליוס בערסטעל (איב. ה. ציעכנאָווסקי). אין יאַנואַר 1924 — י. זשולאַווסקיס „שבתי צבי“ (איב. י. י. זינגער) און דערנאָך אַ נייע אויפפירונג פון זיין אייגענער באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני-לעמעל“. דערויף אָפּגעפאָרן קיין ווילנע און סביבה און דאָ מיטגעשפּילט אין „די פרוי און דער פּאַיאַץ, פּיעסע אין 4 אַקטן (5 בילדער) פון פּ. לואיס און פּ. פראָנדע (איבערזעצט ט. און אידאַ קאַמינסקאַ, רעזשי א. ק.“).

1925-26 — טורנע איבער פּוילן מיט קאַמעראַלע פּיעסעס, דעם 19 אָקטאָבער 1926 געגרינדעט אין וואַרשע די טרופּע „ווי״קט“ (וואַרשעווער יידישער קונסט-טעאַטער), מיט וועלכער ער פירט אויף אין קאַמינסקיס טעאַטער: „דאָס צענטע געבאָט“ פון גאָלדפאַדען (נייע, אייגענע באַאַרבעטונג), ראָמען ראָלאַנס „וועלף“, יעקב פּאַטס „אין גאָלדן לאַנד“, דוד פּינסקיס „אוצר“, הערצערס „מאָרפיום“, יושקעוויטשס „דעם אָרימאַנס מזל“ („סאָנקינס גליק“) [געשפּילט אין רוסלאַנד א׳נ „צוויי הונדערט טויזנט“] און אַ דראַמאַטיזירונג פון דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו“. צוליב דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע פאַרלאָזט ט. וואַרשע און וואַנדערט אַרום ביז 1929 מיט דער טרופּע איבער פּוילן און רומעניע און גייט אַריבער צום דייטשן פילם אין בערלין (רעזשי-אַסיסטענט אין אופאַ). באַלד דערנאָך קומט ער אָבער צוריק צו דער יידישער בינע און גאַסטראָלירט אין דער פּוילישער און גאַליציש ער פּראָווינץ, דערנאָך אין ריגע (לעטלאַנד) און אין 1931 אין וואַרשע, וואו ער פירט אויף אין קאַמינסקיס טעאַטער די פּיעסע „דאָס הויז פון פאַרברעכער“ פון ענגעלהאַרט און דיצענשמידט, איבערזעצט פון ט. און אידאַ קאַמינסקאַ, און זיין דראַמאַטיזירונג פון שלום אַשס „אָנקעל מאָזעס“. דערנאָך פאָרט ט. גאַסטראָלירן אין בעלגיע און פראַנקרייך.

אָנהויב 1932 צוריקגעקערט אין פּוילן, וואו עס איז דעם 19 יאַנואַר 1932 געפייערט געוואָרן אין קאַמינסקיס טעאַטער ט.׳ס 15-יאָריקע טעטיקייט אויף דער יידישער בינע.

אין מאַי 1932 האָט ט. אויפגעפירט און מיטגעשפּילט אין עליזעאום-טעאַטער טאָלסטאָי און שטשעגלאָווס פּיעסע „ראַספּוטין“ און אין יולי 1932 האָט ער אַ קורצע צייט גאַסטראָלירט אין דער „ווילנער טרופּע“ אין לאָדזש.

ט. האָט איבערזעצט און באַאַרבעט (אַליין, אָדער מיט זיין פרוי) פיל פּיעסעס, האָט זיך באַטייליקט אַלס מיטרעדאַקטאָר אין די פּעריאָדישע אָרגאַנען פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן און האָט אויך רעזשיסירט און געשפּילט (1924) אין פילם-בילד „תקיעת-כף“.

נאָכן טויט פון אסתר-רחל קאַמינסקי האָט ט. צוזאַמען מיט זיין פרוי געגרינדעט דעם טעאַטער-מוזיי א״נ פון א. ר. קאַמינסקי ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, פאַר וועלכן ער האָט געשאָנקען דעם אַרכיוו פון דער פאַרשטאָרבענער.

מ. ע.

ש. ע. פון מאַרק טורקאָוו.

SZE — טעאַטער-נאָטיצן, „אונזער פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 28 דעצעמבער 1923.

איינער [א. איינהאָרן] — נאָטיצען, „בייער היינט“, וואַרשע, 28 דעצעמבער 1923.

ב. קאַרלינער — טעאַטער-פעליעטאָן, „דער מאָמענט“, וואַרשע, 4 יאַנואַר 1924.

ט. — יידישע אַרטיסטן וועגן זיך, „ליט״בל“, וואַרשע, 90, 1926.

— זיגמונט טורקאָוו וועגן זיינע פּלענער, „ליט״בל“, וואַרשע 125, 1926.

מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע“, I, זז. 8-12, 22-34; II, זז. 154-56, 30-34, 26-29.

מאַרק טורקאָוו — „בריוו פון אסתר-רחל קאַמינסקי“, זז. 39-75, 147-150, 154-6.

אַלטער קאַציזנע — טעאַטער, „ליט״בל“, 1, 1927.

נ. מ. [מייזיל] — גלייכגילטיקייט אָדער באָיקאָט? „ליט״בל“, 4, 1927.

[—] — וויק״ט טרופּע, „ליט״בל“, 14, 1927.

מ. וו. — כראָניק פון יידישן טעאַטער, „יידיש טעאַטער“, 1927, זז. 234-8.

— ביי אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו, „ליט״בל“, וואַרשע, 31, 1928.

מיכאַאיל יאָ — „וויקט“, צו די גאַסטראָלן פון זיגמונד טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקי, „אונזער צייט“, קעשענעוו, 29 פעב. 1928.

P. — די גאַסטראָלן פון „וויקט“, „אונזער צייט“, קעשענעוו, 6 מערץ 1928.

אברהם מ. — ביי דעם „וויקט“, „אַרב. צייט.“, טשערנאָוויץ, 318, 1928.

ב. ש. [בעלאַ שפּיראָ] — גאַסטראָלען פון אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו, „לובלינער שטימע“, 39, 1928.

י. ניסענבוים — „תאווה“ פון אָניעל, רעזשיסירט דורך זיגמונט טורקאָוו, „לובלינער טאָגבלאַט“, 3 אָקטאָבער 1928.

דר. משה לוסטיג — אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו אין ז. ביעלאַ׳ס „ווען דער שטן לאַכט“, „דער מאָרגן“, לעמבערג, 10 דעצ. 1928.

דר. משה לוסטיג — דער געדאַנק פון ל. אַנדרעיעוו (אויפגעפירט פון ז. טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ), „דער מאָרגן“, לעמבערג, 18 דעצ. 1928.

מחר הלוי — פון טעאַטער, „פּינסקער שטימע“, 25, 1929.

ק. [קיטאַי] — זיגמונט טורקאָוו, „פרימאָרגן“, 2 נאָוו. 1930.

מ. ק. — זיגמונט טורקאָוו אין „קאַרגן“, „פרימאָרגן“, ריגע, 9 נאָוו. 1930.

ק. — „טביה דער מילכיקער“ אין ייד. טעאַטער, „פרימאָרגן“, ריגע 25 נאָוו, 1930.

קיט — זיגמונט טורקאָוו אין דער פּיעסע „מאָרפיום“, „פרימאָרגן“, ריגע, 4 דעצ. 1930.

נ. מ. — ערשטער אויפטריט פון זיגמונט טורקאָוו, „ליט״בלט“, 16, 1931.

מ. ק. — זיגמונד טורקאָוו וועגן אידישן טעאַטער, „פרימאָרגן", ריגע, ז' נאָוו. 1930.

יאַנקעוו באַטאָשאַנסקי — נאָך וועגן אידישן טעאַטער אין וואַרשע, „פּרעסע", ב. א., 26 יוני, 1931.

ד. ב. מאַלקין — אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשע, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 3, 1931.

יעקב פּאַט — צי זאָל דער „בלינדער פּאַיאַץ" בלאָזן שופר ?... „וואָכנשריפט", וואַרשע 7, 1931.

ד. ב. מאַלקין — אָנקל מאָזעס, „וואָכנשריפט", וואַרשע 7, 1931.

נחמן מייזיל — פופצן יאָר אין דינסטביים יידישן ערנסטן טעאַטער, „ליט"בל" וואַרשע, 3, 1932.

יצחק גרודבערג זיגמונט טורקאָוו, „ליט"בל", וואַרשע, 3, 1932.

נ. מ. — זיגמונט טורקאָוו אין „ראַספּוטין", „ליט"בלט", וואַרשע, 22, 1932.

ד. ב. מאַלקין — „ראַספּוטין", „וואָכנשריפט", וואַרשע, 22, 1932.

יאַנקעוו באַטאָשאַנסקי — צווישן פאָרהאַנג און לייוונט, „פּרעסע" ב'א, 6 יאַנ. 1933.

טורקאָוו, יאָנאַס

געב. 15 פעברואַר 1898 אין וואַרשע, פוילן, ביי בעל־הביתישע עלטערן. די ערשטע בילדונג באַקומען אין דער היים. דערנאָך געלערנט אין וואַרש. רעאַל־גימנאַזיע, אין קרינסקיס האַנדלס־שול, אין דר. יונגס אויבער־רעאַל־שול און אונגאַריש בראָד (מערן) און בינע־קונסט אויף די דראַמאַטישע קורסן פון פּראָפ. ראָזענבוים. צוליב פאַמיליע־סבות צוריקגעקומען אין 1915 אין וואַרשע און געאַרבעט אַ יאָר אין אַ פירמע פון כעמישע אויסאַרבעטונגען, דערנאָך אין אַ באַנק.

זינט 1915 זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"־פאָרשטעלונגען און אין 1916 צוזאַמען מיט זיין ברודער זיגמונט און ניצבערג אָרגאַניזירט און געשפּילט אין „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע", דערנאָך אַ קורצע צייט ביי דוד הערמאַן אין עליזעאום און באַטייליקט זיך אין וואַרשעווער דייטשן טעאַטער און א'נ ערווין טירקוי אין דייטשן קאָמעדיע־טעאַטער פון די ברידער הערנפעלד.

1917-20 — געשפּילט אין אסתר־רחל קאַמינסקיס טרופּע, וואו ער נעמט איבער אין 1918 די אַדמיניסטראַטיווע ליטונג און אָרגאַניזירט דעם גרויסן טורנע איבער די דייטשע אָקופּאַציע־ערטער אין אוקראַאינע און רוסלאַנד. 1920-1 — פאַרבליבן אין ווילנע און זיך באַטייליקט אין דאָרטיקן דראַמאַטישן טעאַטער און אָרגאַניזירט (1921) אין וואַרשע „דאָס באַוועגלעכע דראַמאַטישע טעאַטער", מיט וועלכן ער מאַכט אַ טורנע איבער פוילן און גאַליציע און קומט ווידער אין ווילנע. שפּעטער גרינדעט ער אַ וואַנדער־טרופּע „די יונגע בינע", אין וועלכער ער איז רעזשיסער און פּרעמיער. 1923-5 — געשפּילט מיט זיגמונט טורקאָוו.

אין 1926 אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון קראַקאָווער געזעלשאַפטלעכן יידישן טעאַטער, וואו ער שטעלט במשך 1926-7 אַ ליטעראַרישן רעפּערטואַר („ליכט און שאָטן" פון בנימין רעסלער, „וואָלפּאָנע" פון בען דזשאָנסאָן, „פון באַגינען ביז חצות" פון

געאָרג קייזער, א. א.) און באַקומט צוליב דעם די ערשטע שטאָטישע סובסידיע פאַר יידיש טעאַטער אין פוילן.

1928-9 — אָנגעפירט מיט אַ קליינער טרופּע איבער פוילן און גאַליציע 1929 — געגרינדעט און אָנגעפירט מיט „וו"ניט" (וואַרשעווער נייער יידישער טעאַטער) און באַלד זיך ווידער געלאָזט וואַנדערן מיט אַן אייגענער טרופּע איבער דער פּראָווינץ.

שוין זינט 1923 באַטייליקט אין הויפּטראָלן פון יידישע פילם־בילדער („תקיעת־כף" און „ל"ו'ניק", אויך מיטבאַטייליקט אין פּוילישן היסטאָרישן פילם „הוראַגאַן"), האָט ט. אין 1928 רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין פילם־בילד „אין פּוילישע וועלדער" לויט אָפּאַטאָשוס ראָמאַן.

1930 — אויפגעפירט אין לובלינער שטאָטישן טעאַטער מאַרק אַרנשטיינס פּוילישע איבערזעצונג פון יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", דערנאָך ווייטער געמאַכט לענגערע טורנעען איבער פוילן און אין אַפּריל 1931 אויפגעפירט אין ראַדאָם זיין איבערזעצונג „10 יאָר אין איין סעקונדע, פּיעסע אין 3 אַקטן פון מאַרצעליוש שיפּפער".

1932 — געשפּילט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין (קאַמער־בינע), דערנאָך גאַסטראָלירט אין ווילנער „אונזער טעאַטער" און צום סעזאָן 1932-33 איבערגענומען דאָס ווילנער יידישע טעאַטער.

סעזאָן 1932-33 — אָנגעפירט מיט דער ווילנער יידישער דראַמאַטישער שול ביי דער ווילנער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט.

ט. האָט אָנגעשריבן אייניקע קאָמעדיעס און איינאַקטערס און איבערזעצט פיל פּיעסעס, פון וועלכע ס'זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „שולדיק" פון ריכאַרד פאָס, „האַרבסט־פידלען" פון סורגוטשעוו, „די אייביקע טראַגעדיע" און „די קינדער פון זינד" פון יעוודאָקימאָוו, „קאָפּ צי שלאָג" פון ווערנייל, „דאָס גליקלעכע פאָלק" פון פּעטער נאַנסען, „מאָרפיום" פון ל. הערצער, „פּראָקוראָר האַלערס" פון פּ. לינדוי און „יוגנט" פון מאַקס האַלבע. דעם גרעסטן טייל פון זיינע איבערזעצונגען האָט ט. אויפגעפירט אין די טרופּעס, מיט וועלכע ער האָט אַליין אָנגעפירט.

ט. האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער און פילם בכלל און וועגן יידישן בפרט. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט די בראָשור „וועגווייזער פאַר דראַמאַטישע קרייזן", וואַרשע 1924, [24 ז. 16°] און איז געווען מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיום אין אָרגאַן פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן „יידישע בינע".

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד ליט.", I, זז. 1171-2.

M. K. [Kanfer] – Występy gościnne Djany Blumenfeld i Jonasa Turkowa, „Nowy Dziennik" ,Kraków, 3/9 1926.

שלום פּריינט — דאָס ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער אין פוילן, „יידיש טעאַטער". וואַרשע, 2, 1927, זז. 214-30.

אהרן צייטלין — יידישע ליטעראַטור אויפן זילבער פון עקראַן, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 7 דעצ. 1928

מאַרק טורקאָוו — „בריוו פון אסתר־רחל קאַמינסקי", זז. 76-7.

מיכאל וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", II. ז. 29.

יעקב מעסטעל — טעאַטער־ביכער, „מאָרגן־פרייהייט", נ. י, 1 יולי, 1929.

נחמן מייזיל — ליבע און אויפמערקזאַמקייט, „ליט"בל", וואַרשע, 51, 1929.

א. קאַציזנע — אַ גוטער סימן, „ליט"בל", וואַרשע, 51 1929.

י. ניסענבוים — „ליידענשאַפט", פּיעסע אין 3 אַקטען פון מ. סאַרבול,

גאַסטשפּיל פון דיאַנאַ בלומענפעלד און יאָנאַס טורקאָוו, „לובלינער טאָג-בלאַט“, 17 מאַי 1929.

ש. כאזאן — „ליידנשאַפט“, פּיעסע אין 3 אַקטן, אויסגעפירט דורך י. טורקאָוו, ד. בלומענפעלד און אַנסאַמבל „וואָלינער פּרעסע“, לוצק, 21, 1929.

אלחנן צייטלין — דער טאַנץ אַרום גאָלד אין וואַרשעווער נייעם יידישן טעאַטער, „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע, 7 פעבר. 1930.

ט. — „די סיבה“ פון ל. פראַנק, אויפגעפירט דורך יאָנאַס טורקאָוו און זיין אַנסאַמבל „שעדלעצער וואָכנבלאַט“, 11, 1930.

מ. דלוזשנאָווסקי — „די סיבה“, דראַמע אין 4 אַקטן פון לעאָנאַרד פראַנק, אויפגעפירט דורך יאָנאַס טורקאָוו און אַנסאַמבל, „טאָמאַשעווער וואָכנ-בלאַט“, 17, 1930.

חנן [פסח קאַפּלאַן] — מאָדערנע פּראָבלעמען אין יידישן טעאַטער, „נייע לעבן“, ביאַליסטאָק, 6 יוני 1930.

י. נ. [ניסענבוים] — „טויט-שטראָף“, דראַמע אין 4 אַקטן פון לעאָנאַרד פראַנק, אויפגעפירט אין יידישן טעאַטער דורך יאָנאַס טורקאָוו, „לובלינער טאָגבלאַט“, 1 סעפּט. 1930.

י. נ. — „הינקעמאַן“, אויפגעפירט דורך יאָנאַס טורקאָוו, „לובלינער טאָג-בלאַט“, 17 סעפּט. 1930.

חנן — יאָנאַס טורקאָווס גאַסט-שפּילן, „אונזער לעבן“, ביאַליסטאָק, 12 יאַנ. 1932.

נ. מ. [מייזיל] יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד אין „מאָרפיום“, „ליט"בלט“, וואַרשע 10 נאָוו 1932.

טורקאָוו, יצחק

[זע גרודבערג יצחק].

טורקאָוו, מאַרק

געב. 11 מאַי 1901 אין וואַרשע, פּוילן, ביי בעל-הביתישע עלטערן. ברודער פון זיגמונט און יאָנאַס. געלערנט אין חדר, דער-נאָך אין קרינסקיס האַנדלס-שול. שטודירט 2 יאָר אין אַ פּוילישער דראַמאַטישער שול און 1919 — געענדיקט די ערשטע פּוילישע אַקאַדעמיע פאַר קינאָמאַטאָגראַפישער קונסט. אין זעלבן יאָר דעביוטירט מיט איבערזע-צונגען אויף פּויליש פון פּרץ, שלום-עליכם, אַש, רייזען, הירשביין א. א. זינט 1922 — אַ ו עדאַקציע-מיטגליד פון „מאָמענט“.

אַ חוץ פיל אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, האָט ט. פאַרעפנטלעכט: „אַ ודוי, דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט, פערלאַג „בייטראַל“, וואַרשע 1922“ [16 ז. 16°] און די אי-בערזעצונגען: „לענין, קאָמעדיע פון וואַצלאַוו גרובינסקי, פערלאַג „בייטראַל“, וואַרשא 1922“ [85+4 ז. 16°], „דער קלאָון, פּיעסע אין איין אַקט פון א. קופּרין, פ"ג „אונזער בוך“. וואַרשע 1921“ [22 ז. 16°], „דער אַנטלאָפענער פון דר. טעאָדאָר הערצל, פאַר-לאַג „מיטן שטראָם“, וואַרשע 1921“ [33 ז. 16°], „דער פאָרשלאַג, אַ שפּאַס אין איין אַקט פון אַנטאָן טשעכאָוו, פ"ג „בלומען“, וואַר-שע 1922“ [24 ז. 16°], „די פאַטאַלע פראַגע פון א. שניצלער (פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא 1920)“. „מוזיק-פאַרהערער (קאָ-מעדיע אין איין אַקט) פון גאַסטאָן קרואינער, פ"ג „בייטראַל“, וואַרשא“, [22 ז. 16°].

אין 1927 האָט ט. אַרויסגעגעבן אין קלעצקין-פאַרלאַג „בריוו פון אסתר-רחל קאַמינסקי“ מיט דערקלערונגען און אַן אַריינפיר [158 ז. 16°].

ט. גרייט אויך צו אַ גרויס זאַמלבוך געווידמעט דעם אָנדענק פון אסתר-רחל קאַמינסקי.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, ז. 1172.

א. טעאַטראַל — די מאַמע פון יידישן טעאַטער אין בריוו, „נפלצ"ט“, וואַרשע 1 יולי 1927.

נ. ב. — בריוו פון אסתר-רחל קאַמינסקי, „אַרב. צייט.“, וואַרשע, 20 אויגוסט 1927.

י. מ. ווייסענבערג — געדאַנקען וועגן טעאַטער און ביכער, „אונז. האָפ.“, וואַרשע, 28, 1928.

ק. איזראַעל — אסתר-רחל קאַמינסקי און איהרע בריעף — „אידישע צייטונג“, ב א., 20 אַפּריל 1928.

י. ראַפּאָפּאָרט — בריוו פון אסתר-רחל קאַמינסקי, „ביכער וועלט“, וואַר-שע, 1, 1928, זז. 7-63.

י. ליפשיץ — בריוו פון אסתר רחל קאַמינסקי, „אַרכיוו“, זז. 510.

טורקאָוו, רחל

געבוירן 10 יאַנואַר 1908 אין וואַרשע, פּוילן. שוועסטער פון זיגמונט, יאָנאַס, יצחק און מאַרק. געלערנט אַ קורצע צייט אין קרינסקיס פרויען-גימנאַזיע און צוליב קראַנק-הייט דורכגעגאַנגען פּריוואַט דעם קורס פון 7 גימנאַזיע-קלאַסן. געענדיקט אין 1927 די פּוילישע דראַמאַטישע שול פון הריניעוויעצ-קאַ און נאָך אַן עקזאַמען אָנגענומען גע-וואָרן אַלס מיטגליד אין יידישן אַרטיסטן-פאַראיין.

ט. האָט געשפּילט אין איר ברודער זיגמונטס טרופּע און האָט זיך באַטייליקט אין עפּיזאָדן-ראָלן אין די יידישע פילמען „תקיעת-כף“ און אין „די פּוילישע וועלדער“.

ש. ע. פון יצחק גרודבערג.

טורש, ב.

אַ וואַרשעווער, אַ דרוקעריי-באַזיצער. האָט — לויט ב. גאָרין - פאַרפאַסט די ביבלישע דראַמעס: „בת שבע“, „רות“, „שושנה“ און „דינה בת יעקב“.

דערשינען זיינען: „רות, אַ טהעאַטער-פאָרשטעלונג אין פינף אַקטען. צו ערקלעהרען דאָס טהייערקייט פון דעם אידישען גלויבען, אונ דיא גאָטהייט פון דעם יודישען פאָלק. פּערפאַססער ב. טורש [לאַטייניש] וואַרשא תרס"ז [1906] בדפוס דובּרוש טורש. נאַלעווקי נומ. 7“ [72 ז. 16°], „בת שבע, אַ נייע טהעאַטער-פאָרשטעלונג אין פיער אַקטען, צו לערנען דעם מענשען צו אָפּפערן זיך פאַר די מענשהייט. פּערפאַססער ב. טורש [לאַטייניש], וואַרשע 1906“ [64 ז. 16°] - און „דינה בת יעקב, אַ ביבלישע דראַמע אין 4 אַקטען, העברעאישער פּערפאַסער דובּערוש טורש, איבערזעצער אבנר, 1-טער העפט [16 ז. 16°], פּרייז 7 קאָפּ, פערלאַג „וויגאָ-דאַ“, וואַרשע 1910“.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 366.

טיטעלמאַן, מרדכי־חיים

[געב. 1872 — געשט. 18 מאַי 1921]

געב. 1872 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין דער יוגנט אין ישיבה און בסוד למודי־חוץ.

די עלטערן גיבן אים אַריין אין אַ לעדער־געשעפט. דאָרט באַקענט ער זיך מיטן אַקטיאָר גאָטפריד, וועלכער נעמט אים מיט אין דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער „עלדאָראַדא" און ט. דערפילט אַ שטאַרקן חשק צו פּרובן זיין טאַלאַנט אויף די בינע־ברעטער.

ט. בלייבט ביי דער בינע און באַקומט באַלד אַ נאָמען אַלס פאַרשטענדיקער און גוטער שוישפּילער. אַ קורצע צייט נאָכדעם ווערט ער רעזשיסער און אָרגאַניזירט אייגענע טרופּעס, מיט וועלכע ער פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד, וואו ער דערווערבט זיך אַ גרויסן נאָמען.

אין 1907, ווען זאַנדבערג גרינדעט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער אַ סטאַבילע יידישע טרופּע, ווערט ט. דאָרט דער פּרעמיער־שוישפּילער און רעזשיסער, לייגנדיק באַזונדערס אַכט אויף דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. איינציקע יאָר שפּעטער גרינדעט ט. אין לאָדזש אַ „פאַראייניקטע טרופּע", מיט וועלכער ער פירט אויף ערנסטע דראַמען, דערונטער צום ערשטן מאָל קאַצענעלסאָנס „קאַריקאַטורן".

ט. ווערט — לויט ז. זילבערצווייג — דער מחנך פון אַ דור יונגע יידישע אַרטיסטן. אָבער די פאַרשיידענע גלגולים, וועלכע אַ יידישער אַקטיאָר מוז אין יענער צייט מיטמאַכן, ווירקן שטאַרק אויף זיין געזונטצושטאַנד: זיין שטים פאַרלירט איר גלאַנץ, שפּעטער באַקומט ער אַ פּאַראַליז, און פון אַ טעטיקן שוישפּילער ווערט ט. דער טעאַטער־מבין. אַ ייד — אַ פּקח, געפינט ער שטענדיק אַ ווערטל אָפּצולאַכן פון אַ דורכפאַל און אויסדריקן עפּעס אָריגינעלעס וועגן אַ געלונגענער פאָרשטעלונג. פון צייט צו צייט פּרובט ער נאָך זיינע כוחות אויף דער בינע. נאָך יעדער אַזאַ פאָרשטעלונג ווערט ער אַלץ ערנסטער און טרויעריקער געשטימט.

דעם 18־טן מאַי 1921 איז ט. געשטאָרבן אין לאָדזש.

ט.׳ס טאָכטער, פּאָליאַ, האָט אַ לענגערע צייט געשפּילט קינדער־ראָלן.

מ. מיאַדאָווניק — מיינע טעאַטער זכרונות, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, נ׳ 1, 1926.

טייטעלבוים, אברהם (־שלום, סעם)

געב. 1 מערץ 1889 אין וואַרשע, פּוילן, ביי חסידישע, נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעסטאָראַן, וואו יידישע אַקטיאָרן פלעגן פון צייט צו צייט מאַכן פּראָבעס. ביז 16 יאָר געלערנט אין חדרים און ישיבות, נאָכדעם פּריוואַט — וועלטלעכע למודים.

באַזוכנדיק אַמאָל אַ פּויליש טעאַטער, ווערט ער אַזוי פאַרכאַפּט פון דער פאָרשטעלונג, אַז ער ווערט באַלד אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון טעאַטער און אַקטיאָרן.

ווען י. ל. פּרץ און דר. גרשון לעווין אָרגאַניזירן דעם „הזמיר" אין וואַרשע, טרעט ט. אַריין אין כאָר, און דערנאָך אין דער דראַמאַטישער סעקציע ביים „הזמיר" אונטער דער רעזשי פון מאַרק אַרנשטיין און י. ל. פּרץ.

אין 1907 טרעט ט. אַריין אַלס סופלער אין סעם אַדלערס טרופּע, אין 1908 הויבט ער אָן שפּילן אין דער טרופּע קרויזע־ספּיוואַקאָווסקי, אין 1909 אין בראָנשטיינס טרופּע, דערנאָך ביי סאַבסיי, קאַמינסקיס „פאַראייניקטע טרופּע" און ביי גענפערן.

שפּעטער פאָרט ט. קיין פּאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס און ווידער אין פּאַריז, וואו ער שפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס. אין פּאַריז באַטייליקט ער זיך אויך אין אַ פילם. בעת דער וועלט־מלחמה שפּילט ט. מיט מאָשקאָוויטש אין לאָנדאָן. דאָ שפּילט ער אויך אויף ענגליש אין ריטשאַרד קאָמבערלאַנדס פּיעסע „דער ייד" און (אין ענגלישן פּאַוויליאָן־טעאַטער) דעם יידיש־ענגלישן איינאַקטער „שבעס טעכטער" פון גאָרדאָן.

אין 1918 פאָרט ט. קיין מאָסקווע, וואו ער ווערט דער פירער פון אַ דראַמאַטישער סטודיע ביי דער פּרץ־געזעלשאַפט, און שפּעטער דער רעזשיסער פון דער יידיש. דראַמגעזעלשאַפט אין מינסק. פון דאַנען ווערט ער פאַרבעטן אין ערשטן יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווילנע. ווען די פּאָליאַקן פאַרנעמען ווילנע, טרעט ט. אַריין אין דער „ווילנער טרופּע" און שפּילט מיט איר אין פּוילן. אין 1919 ווערט ער פאַרבעטן פון שוואַרצן קיין אַמעריקע און שפּילט ביי אים 2 סעזאָנען. דערנאָך ווערט ער איינגעלאַדן קיין שיקאַגאָ אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר אין גליקמאַנס פּאַלאַס־טעאַטער. דאָרט פירט ער אויך אָן מיט דער „ליט. דראַמ. געזעלשאַפט" און פירט אויף מיט איר צום ערשטן מאָל שלום אַשס פּיעסע „דער טויטער מענטש".

אין 1920 פירט ט. אויף און שפּילט מיט אין העברעאיש „תרשיש" פון יצחק קאַצענעלסאָן, און דערנאָך שפּילט ער מיט אויף העברעאיש אין „דאָס נייע געטאָ" פון דר. הערצל און אין „דעם שמידס טעכטער" פון פּרץ הירשביין.

פון שיקאַגאָ ווערט ט. אַנגאַזשירט צו אַנשל שאָר אין פילאַדעלפיע, וואו ער שפּילט 2 סעזאָנען. 1925־7 — שפּילט ט. אין קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו ער איז אויך איינער פון די לערער פון דער „פרייע דראַמאַטישע סטודיע" און פירער פון „קונסט־רינג".

ט. האָט איבערזעצט סטרינדבערגס „פאָטער" (געשפּילט דורך יעקב ליבערט אין רוסלאַנד), „לודוויק דער עלפטער" פון קאַזימיר דעלאַווין (אויפגעפירט דורך ט. אין בוענאָס־איירעס), „שמשון" פון אַנרי בערנשטיין (אויפג. דורך מאָשקאָוויטש אין לאָנדאָן), „פּראָקוראָר האַלערס" פון פּאול לינדוי (אויפג. דורך מאָשקאָוויטש אין לאָנדאָן), „דער פּרייז פון לעבן" פון ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ (אויפגעפירט אין פילאַדעלפיע), „די לעצטע מאַסקען" פון אַרטור שניצלער (אויפגעפירט 16 דעצ. 1920 אין ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער) און „סאָנקינס חלום" פון ס. יושקעוויטש (אויפגעפירט אין פילאַדעלפיע).

1928־9 — האָט ט. גאַסטראָלירט אין פּוילן, וואו ער האָט אין דער „ווילנער טרופּע" אויפגעפירט צ"א זיין איבערזעצונג פון יודזשין אָ׳ניעלס „די תאוה אונטער די אולם־בוימער" [„די יידישע וועלט", וואַרשע, 7־5, 1928].

צוליב דער גזרה קעגן אויסלענדישע אַקטיאָרן איז ט. געצוואונ־

גע צו פאַרלאָזן פוילן. ער באַהאַנדלט דעם ענין אין דער פרעסע און ברענגט צו אַן עפנטלעכער דיסקוסיע וועגן דער פראַגע, צוליב וועלכער ס'איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער סכסוך צווישן יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פוילן און דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע.

זומער 1929 האָט ט. גאַסטראָלירט אין בעלגיע.

1929-30 — האָט ט. געשפילט אין נעשאָנאַל-טעאַטער, 1930-31 — אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער, וואו ער איז אויך געווען טעטיק אַלס רעזשיסער, און 1931-32 געשפילט אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער.

אין „פא״ש״ (28 מאַי 1931) האָט ט. פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג פון ענגליש פון כינעזישן איינאַקטער „די באַגעגעניש ביים ברונעם״ פון סו טינג פאָ.

זומער 1932 האָט ט. באַזוכט ארץ-ישראל און האָט נאָכדעם פאַרעפנטלעכט אין „פא״ש״ אייניקע שטודיע-אַרטיקלען וועגן העברעאישן טעאַטער אין א״י.

1932-33 — שפילט ט. אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער.

ט. איז געווען אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

ט. איז אויך טעטיק אַלס טעאַטער-שרייבער און האָט פאַרעפנטלעכט פיל פובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און רעצענזיעס אין די „יידישע וועלט״ (לאָנדאָן), „אַרבעטער-פריינט״ (לאָנדאָן), „די נייע וועלט״ פון ש. ניגער (ווילנע), „טעאַטער״ און „יידיש טעאַטער״ (וואַרשע), „קולטור״ (שיקאַגאָ), „די פעדער״, „פאָרווערטס״, „טאָג״, „פרייהייט״, „נייע וועלט״, „קעמפער״ און „אויפקום״ — אין ניו-יאָרק.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך „טעאַטראַליאַ״ (פאַרלאַג „יאַטשקאָווסקיס ביבליאָטעק״, וואַרשע-ניו-יאָרק, 1929 [הקדמה פון דר. יעקב שאַצקי, 4+274 ז. 16°], אין וועלכן ער האָט דאָס רוב צונויפגעקליבן אַ טייל פון זיינע פריערדיקע אַרבעטן אין דער פעריאָדישער פרעסע.

מ. ע.

הלל ראָגאָף — נאָטיצען וועגן אייניגע אידישע שוישפילער, פאָרוו.״, נ. י., 14 נאָוו. 1919.

אברהם טייטעלבוים — פון וואַרשעווער „הזמיר״ ביז דער „תאוה״ אין „עליזעאום״, „טעאַט. צייט.״, וואַרשע, 2, 1928.

ש. ל. שניידערמאַן — ביי אברהם טייטעלבוים, „ליט״בל״, 32, 1928.

נ. מייזיל — די נייע אויפפירונג ביי די ווילנער, „ליט״בל״, 38, 1928.

יהושע פערלע — אַ נייע פרעמיערע ביי די ווילנער, „אילוסטרירטע וואָך״, וואַרשע, 15, 1928.

י. מ. ניימאַן — דער אויפטריט פון א. טייטעלבוים, „היינט״, וואַרשע, 14 סעפט. 1928.

יחיאל האַלפערן — „די תאוה אונטער די אולם-בוימער״, „נפל״צייט״, וואַרשע, 18 אָקט. 1928.

למד-קוף — נייע ביכער, „אונזער עקספרעס״, וואַרשע, 7 דעצעמבער 1928.

מ. פערענסאָן — „טעאַטראַליאַ״, „נפל״צייט״, וואַרשע, 26 דעצעמבער 1928.

אלחנן צייטלין — דער קינסטלערישער אני מאמין פון אַ יידישן אַקטיאָר, „טעאַט״צט״, וואַרשע, (9) 2, 1929.

לעבעדיגער — קולטור און טעאַטער, „מאָ״זש״, נ. י., 1 פעברואַר 1929.

ב. טוטשינסקי — טעאַטער פּראָבלעמען, „אונזער צייט״, קעשעניעוו, 26 מאַי 1929.

יעקב מעסטל — טעאַטער ביכער, „פרייהייט״, נ. י. 1 יולי 1929.

טובי — אַרטיסט אברהם טייטעלבוים, „יידישע צייטונג״, אַנטווערפּען, 6, 1929.

פ. וויערניק — אונזער פיל-שפּראַכיגע ליטעראַטור, „מא״זש״, 21 אַפּריל 1929.

דר. א. מוקדוני — שוישפּילער און ליטעראַט, „מאָ״זש״, נ. י., 25 אויגוסט 1929.

י. שאַיאַק — אַן אַקטיאָר — אַ טעאַטער-פאָרשער, „פאָסט״, לאָנדאָן, 27 אויג. 1930.

יעקב מעסטעל — פיר יידישע טעאַטער-ביכער, „אַרכיוו״, זז. 495-7.

ח. עהרענרייך — וואָס עס דערציילען אידישע שוישפּילער, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקערט פון זייערע רייזעס, „פאָרוו.״, נ. י., 23 סעפּט. 1932.

טייטעלבוים, חנה

[אַננאַ דרוקער]

געב. 9 נאָוועמבער 1896 אין בערלין, דייטשלאַנד. פאָטער — אַ בעל-מלאכה. אַלס 6-חדשימדיק קינד ווערט זי געבראַכט קיין פאַריז, וואו זי ענדיקט שפּעטער אַ שול.

אין עלטער פון 14 יאָר טרעט זי אַריין אין דער דאָרטיקער „יעקב גאָרדין-דראַמאַטישע געזעלשאַפט״, וואו זי ווערט אויך סעקרעטער. אין 1913 טרעט זי אויף צום ערשטן מאָל פּראָפעסיאָנעל אין וואַלערשטיינס טרופּע און אין 1914 ווערט זי דורך יאָזעף קעסלער אַנגאַזשירט קיין לאָנדאָן, וואו זי בלייבט ביז 1919. דאָרט שפּילט זי מיט אַדלער, מאָשקאָוויטש א. א., און פאָרט דערנאָך צוריק קיין פּאַריז.

אין 1920 קומט זי אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט צוערשט אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, דערנאָך אין פילאַדעלפיע ביי אַנשל שאָר, 1924-29 — אין יידישן קונסט-טעאַטער, 1931-32 — אין מאָנטרעאַל און 1932 אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער.

מ. ע.

טייטש, משה

געבוירן יולי 1882 אין ישוב וואָרטאַצי, נישט ווייט פון מיכאַלישאָק און וואָרניאַן, ווילנער געגנט, פויליש-ליטע. פאָטער — אַ משכיל, האָט געלאָזט ברענגען פאַר אים און די אַנדערע קינדער לערער פון ווילנע צו לערנען העברעאיש, תנ״ך, אַ ביסל גמרא, רוסיש און דייטש. דערנאָך געענדיקט די שול ביים ווילנער יידישן לערער-אינסטיטוט, און פון אינסטיטוט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון 2-טן קלאַס פאַר נישט אונטערוואַרפן זיך דער שטרענגער דיסציפּלין. שוין דאַמאָלט זיך באַטייליקט אין בונדישע קרייזלעך, געלערנט אַלס עקסטערן און געשריבן שירים אין רוסיש און העברעאיש.

1901 — אַרעסטירט געוואָרן אין סמאַרגאָן און געזעסן אין ווילנע אין 14־טן פּאַוויליאָן. אונטערן רושם פון אברהם רייזענס „צייט־לידער" אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אין יידיש. באַפרייט פון טורמע, איז ער אַוועק קיין וואַרשע און גענומען זיך באַטייליקן אין כמעט אַלע יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און זמ׳ה.

זינט 1915 געאַרבעט אין „יעקאָפּאַ" און „אָרט" אין כאַרקאָוו, מאָסקווע, קורסק, אין יידישן מיניסטעריום אין קיעוו, 1917 — אַרומגעפאָרן איבער אוקראַאינע אַלס לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור. אַ קורצע צייט געווען טעטיק אין דער פאָלקס־פּאַרטיי, דערנאָך זיך באַזעצט אין מאָסקווע אַלס מיטאַרבעטער פון „עמעס" און קאָרעספּאָנדירט פאַר דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין אויסלאַנד.

ט. האָט אָנגעשריבן „אין די צפון׳דיקע שנייען, אַ טעאַטער־שטיק אין איין אַקט" („פאָלקס־שטימע", ווילנע, 6, 1907) „דוד און בת־שבע, היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן" (כאַרקאָוו, 1920. זז. 60), „אין פאַרקישעפטן וואַלד", אַ מעשהלע אין 3 אַקטן, „פרילינגס־שפּיל", אַ קינדער־אָפּערעטע און „ביי די מאַרטירער", אַ קינדער־שפּיל.

אין 1929 איז אין מינסקער ווייסרוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג דער־שינען „אַ הויף אַף טשעבאַטאָרסקע (לויט מ. טייטש), פּיעסע אין פיר אַקטן, אינסצענירט דורך דעם דראַמקרייז באַם מינסקער קלוב „רויטער בויער", אונטער דער אָנפירונג פון מ. שאַץ" [68 ז. 24°]. די פּיעסע, וואָס איז אַ דראַמאַטיזירונג פון ט.׳ס דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען (מאָסקווע 1926), איז אויפגעפירט געוואָרן דורכן דראַמקרייז ביים מינסקער קלוב „רויטער בויער". פון דער הקדמה צו דער דראַמאַטיזירונג איז צו זען, אַז אין דער דראַמאַטיזירונג האָבן זיך אויך באַטייליקט די מיטגלידער פון קלוב: ד. זילבערג, ז. קאַצאָוויטש, פ. שיף און ב. שיף.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1174־77.

טייך־גאַזניק, משה

[געב. ...18 — געשט. ..18]

שטאַמט פון גאַליציע און דאָרט געווען אַ בראָדערזינגער, באַטייליקט זיך אין דער גרופּע פון משה קאָפּ. אַזוי ווי ער האָט פאַרקויפט גאַז (נאַפט), האָט מען אים גערופן „גאַזניק".

נאָכדעם ווי גראַדנער טרעט אַרויס פון גאָלדפאַדענס טרופּע, ווערט ט. צוגעצויגן צום טעאַטער און גאָלדפאַדען שרייבט פאַר אים די ראָל „האָצמאַך".

ט. איז געווען אַ טויבער ...יףביידע אויערן. ער האָט זיינע ראָלן תמיד געקאָנט אויסווייניק און פלעגט די רעפּליק אַראָפּלייענען פון זיין פּאַרטנערס ליפּן.

די מיינונגען וועגן זיין שפּילן זיינען פאַרשיידן. בעת מאַגולעסקאָ און לאַטיינער דריקן זיך אויס וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער כאַראַקטער־שוישפּילער, כאַראַקטעריזירט אים אַדלער אַזוי:

„אַ טויבער ייד, מיט קרומע אויגן, אַ נידריקער, זייער אַ מיאוסער מענטש און קיין טאַלאַנט. דאָס איז געווען דער ליבהאָבער, דער דראַמאַטורג [דראַמאַטישער אַקטיאָר]. ער האָט זיין ראָל אויסגעפּויקט ווי אַ פּאָנאָגראַף".

נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט מיט גאָלדפאַדען אין רומעניע איז ט. נאָך פּסח 1878 אַריינגעטראָטן צו הורוויץ אין בוקאַרעסט.

נאָכדעם ווי די טרופּע שפּאַלט זיך, גייט ט. אויפן קומענדיקן פּסח ווידער צוריק צו גאָלדפאַדען און פאָרט מיט אים קיין רוסלאַנד.

צו דער טרופּע קומט שפּעטער צו גראַדנער, וועלכער „רעדט אָפּ" ט. פון גאָלדפאַדענען און זיי, צוזאַמען מיט פינקל און שיינגאָלד, שטעלן צונויף אַן אייגענע טרופּע, אָבער צוליב דעם, וואָס גאָלדפאַדען שטערט זיי שפּילן זיין רעפּערטואַר, זיינען זיי געצוואונגען זיך ווידער מיט אים צו פאַראייניקן.

ווייטערדיקע דאַטען וועגן ט. זיינען אומבאַקאַנט.

מ. ע. פון יצחק ליבּרעסקאָ, פ. ווײַנבלאַט און אברהם פישקינד, און ש. ע. פון יוסף לאַטיינער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 144, 188, 197, 209 211.

יעקב פּ. אַדלער — מיין לעבענסבעשרייבונג, „טעאַטער־זשורנאַל", ניו־יאָרק, 4, 1902.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט", נ. י, 11, 5 יאַנ. 1917.

י. רימיניק — ערשטע פינף יאָר אידישער טעאַטר אין אָדעס, „די רויטע וועלט", 12, 1926.

י. רימיניק — די ערשטע טריט פונם אידישן טעאַטער, „דער האַמער", נ. י., אַפּריל 1928, זז. 62־63.

טיימאַן, משה

געבוירן 1889 אין דאָרף קוואַסעוו, וואָלינער גוב., פּוילן, ביי אַ פרומער משפּחה. געלערנט אין חדר אין אַ נאָענט שטעטל און דערנאָך ביי אַ מלמד אין דער היים. אַריבערגעקומען מיט די עלטערן אין לוצק, באַזוכט אָפט ט. דעם צירק און די גאַסטראָלירנדיקע יידישע טרופּעס און מאַכט דערנאָך אין אַ שטאַל „טעאַטער" פאַר קינדער. אין עלטער פון 12 יאָר אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ שניט־קראָם. צוליב דער מוטערס טויט אָפּגעפאָרן אין עלטער פון 13 יאָר קיין וואַרשע, וואו ער באַזוכט אָפט דאָס יידישע טעאַטער. שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון „הזמיר" א״ל פון מילנער און דערנאָך, איניקע יאָר, צוזאַמען מיט נאָך איניקע יונגעלייט, אַרומגעפאָרן פון צייט צו צייט מיט „ליבהאָבער"־פאָרשטעלונגען אין דער סביבה פון וואַרשע. 1911 — געקומען אין לאָדזש. דאָ אויפגעטראָטן אין אַ וואָדעוויל־טעאַטער און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין דער פּראָווינץ־טרופּע א״ל פון קופּערמאַן, שפּעטער אין יעדוואַבס טרופּע, 2 יאָר אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד מיט שאַראַוונערס טרופּע און דערנאָך אַריבער צו סעם אַדלער אין מינסק.

1914 — געשפּילט אין פּינסק, דערנאָך אין וואַרשע ביי שטראַספאָגל אין ווענוס־טעאַטער, אין קאַמינסקיס טעאַטער ביי צעלמייסטער און אין צענטראַל־טעאַטער. 1921 — האָט ט. זיך באַטייליקט אין אַ טורנע פון קאַמינסקאַס טרופּע איבער פּוילן און גאַליציע און דערנאָך געשפּילט אין קאַמינסקיס טעאַטער (ליייטונג משה ליפּמאַן און מאַקס ברין). 1922 — געשפּילט מיט „וויק״ט" אין ווילנע איבער דער פּראָווינץ און דערנאָך אין וואַרשע.

1923 — געקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט אַ געוויסע צייט נישט געשפּילט און דערנאָך אַריינגעטראָטן צו „די ווילנער" אויף בראָדוויי, שפּעטער געווען מיט טאָמאַשעווסקי אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער, מיט מיכאַלעסקאָ אויף דער פּראָווינץ, 1924 — מיט אַ וואַנדער-טרופּע איבער דער פּראָווינץ, האָט אַ געוויסע צייט נישט געשפּילט און זינט 1928 ווידער מיט „די ווילנער טרופּע". 1931-33 — אין בראָנקסער [נישט-יוניע] אַרט-טעאַטער.

ש. ע.

טימיאַנאָף, אַדאָלף

[טימיאַנקאָ]

געבוירן 15 יולי 1886 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — מרדכי דער בּ'חן. געלערנט אין חדר און דערנאָך געענדיקט פּאָזנאַנסקיס שול. אין עלטער פון 15 יאָר גיט אים אָפּ זיין פאָטער צו בונעם בדחן (טשיזשיק), ביי וועלכן ער לערנט זיך בדחנות און פאָרט מיט אים אַרום 3 יאָר איבער פּוילן און גאַליציע. אין עלטער פון 18 יאָר טרעט ט. אַריין אַלס כאָריסט אין דייטשן טאַליאַ-טעאַטער, וואו ער טרעט אויך אַרויס פון צייט צו צייט אין קליי-נע ראָלן.

1905 — אַריינגעטראָטן אין דער יידישער וואַנדער-טרופּע פון סיעראַצקי און וויסמאַן און דעבּיוטירנדיק אַלס „קונץ פון ראָזען" אין גאָלדפאַדענס „דר. יאָזעלמאַן", פאַרבּלייבט ער אַ יאָר אין דער טרופּע. שפּעטער פאָרט ער אַרום מיט אַנדערע יידישע וואַנדער-טרופּעס איבער דער פּוילישער און רוסישער פּראָווינץ.

איבערגעריסן 2 יאָר זיין בינע-טעטיקייט צוליב מיליטער-דינסט, פאָרט ער אָפּ אין 1910 קיין פּאַריז, וואו ער טרעט אַריין אין וואַקסמאַן-ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע. 1911 — שפּילט ער אין לאָנדאָנער יידישן פּאַוויליאָן-טעאַטער, 1912 — אין פיינמאַן קונסט-טעמפּל. 1914 — אויסגעוואַנדערט קיין קאָפּענהאַגען (דענעמאַרק) און דאָ אָרגאַניזירט אַ יידישע דראַמאַטישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געגעבן פאָרשטעלונגען איבער די יידישע ישובים פון סקאַנדינאַוויע.

1915 — געקומען אין אַמעריקע און געשפּילט 3 סעזאָנען אין קאַנאַדע (טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל), דערנאָך מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער דער פּראָווינץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָפּפאָרנדיק אָפט אין די זומער-סעזאָנען קיין אייראָפּע, וואו ער טרעט אַרויס אין פאַרשיידענע יידישע טעאַטערס.

ש. ע דורך שרה קינדמאַן.

טיקמאַן, יעקב

געבוירן 2 פעברואַר 1890 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע. פאָטער — אַ פאַרמעגלעכער סוחר, אַ משכיל. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג ביי מלמדים, געלערנט העברעאיש, שפּעטער אין אַ מיטל-שול און זיך געגרייט צו ווערן אַ פּראָוויזאָר.

1906 — געקומען אין אַמעריקע, געוואָרן אַ צושניידער אין אַ פאַבריק פון דאַמען-קליידער און אין דער פרייער צייט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

1910 — אַריינגעטראָטן אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", וואו ער ווידמעט זיך דער בינע-טעכניק פון אָפּגעהאַלטענע פאָרשטעלונגען.

1916 — איז ט. בינע-פאַרוואַלטער פון דער אויפפירונג פון פּינסקיס „גאַבּרי און די פרויען", מיט וועלכער עס ווערט געמאַכט דער פּרוב צו שאַפן אַ יידיש קונסט-טעאַטער. 1919 - געווען דער סעקרעטאַר פון ליטעראַריש-קינסטלערישן ביראַט פון „נייער אידישער טעאַטער" און דער מאַנוסקריפּט-לייענער פון טעאַטער.

זינט 1921 פאַרבונדן מיטן „קונסט-רינג" און גלייכצייטיק פּראָפעסיאָנעלער סופלער אין די יידישע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און פּראָווינץ, טיילמאָל אויך זייער געשעפטן-פירער.

אין פעברואַר 1931 איז א"פ יעקב גאָלדין אויפגעפירט געוואָרן מיט צילי אַדלער אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער ט.'ס פּיעסע „דאַרף אַ פרוי אָפּנאַרן". די זעלבע פּיעסע איז א'נ „איר ערשטער ליגן" (קאָמעדיע-דראַמע אין 3 אַקטן, מוזיק — ש. סעקונדא) אויפגעפירט געוואָרן דעם 2 דעצ. 1931 מיט דזשעני גאָלדשטיין אין ראָלאַנד-טעאַטער. ט. האָט אין כתב-יד נאָך אייניקע פּיעסעס.

ט.'ס פרוי, מלכה קאָרענשטיין, האָט געשפּילט אויף דער יידישער בינע און די לעצטע יאָרן שפּילט זי אויף דער ענגלישער בינע מיט מוני וויזענפריינד (פּאָל מוני).

ש. ע.

טעאַטער-מוזיי א"נ פון אסתר-רחל קאַמינסקי ביים ייוו"א.

צענטראַלער זאַמלפּלאַץ פאַר אַלע מאַטעריאַלן פון יידישן טעאַטער און יידישער דראַמע, געגרינדעט ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין יאָר 1927, געפינט זיך אין דעם בנין פון ייוו"א, (ווילנע וויוואולסקי-גאַס 18).

דעם יסוד פאַרן טעאַטער-מוזיי האָבן געלייגט די שוישפּילער אידאַ קאַמינסקי און זיגמונט טורקאָוו, נאָכן טויט פון אסתר-רחל קאַמינסקי, דורך אַ רייכער קאָלעקציע מאַטעריאַלן, פאַרבונדן מיט דער סצענישער טעטיקייט פון דער „מאַמע פון יידישן טעאַטער". דידאָזיקע קאָלעקציע בילדעט דעם קערן פון טעאַטער-מוזיי. זינט דאַמאָלט זיינען צוגעקומען אַ גאַנצע ריי אַנדערע זאַמלונגען און טעאַטער-אַרכיוון פון נחום ליפּאָווסקי (ווילנע), יוסף ווינאָגראַדאָוו (ניו-יאָרק), דוד הערמאַן (וואַרשע), נח פּרילוצקי (וואַרשע), יצחק פּערקאָף (לאָנדאָן), ב. עבעל (גאַליציע), איסר בעזמאַן (לאָדזש), טאַרטשינער, זלמן זילבערצווייג (תל-אביב), א. קאַלאַדני א. א. אַ ספּעציעלן ווערט האָט די זאַמלונג פון דער פאַמיליע ראַפּעל (פּאַרטיטורן און אָרקעסטראַציעס פון גאַנצן גאָלדפאַדענישן רעפּערטואַר) און די קאָלעקציע מאַנוסקריפּטן פון יוסף לערנער און זיין פרוי מאַריע לערנער.

די זאַמלונגען פון טעאַטער-מוזיי ווערן כסדר באַרייכערט דורך די קאָלעקציעס פון דעם יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין וואַרשע, פון ד"ר יעקב שאַצקי (ניו-יאָרק) און איינצלנע אַקטיאָרן און זאַמלער פון ייוו"א.

דער גאַנצער מאַטעריאַל איז פאַרטיילט לויט פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַרטיסטן-פאַראיינען ; אַרטיסטן

אויסער קאָלעקטיוו (לויטן אלף-בית), אברהם גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, „ווילנער טרופּע", „וויקט", יידישער קאַמער-טעאַטער אין מאָסקווע, יידישער קונסט-טעאַטער (ניו-יאָרק), „אַרטעף", ריגער טעאַטער, קאָוונער טעאַטער, „הבימה", „אהל", קינדער-טעאַטער, רעוווי-טעאַטערס („חד גדיא", „אַזאַזעל", „אַראַראַט", „סמבטיון", „קאָמעט", „גילאַרינא" א. א.), מאַריאָנעטן („מאַדיקאָט"), קליינקונסט (חיהלע גראָבער א. א.), רעציטאַציע (הערץ גראָסבאַרט א. א.), טאַנץ, געזאַנג מוזיק, פילם, יידישע פאָרשטעלונגען אויף פרעמדע שפּראַכן, פורים-שפּילן, אָפיציעלע דאָקומענטן (דערלויבענישן, אָפּמאַכן, באַשטעטיקונגען א. אַז. וו.); דראַמאַטורגן און דראַמאַטישע ווערק.

דער טעאַטער-מוזיי באַזיצט אַ ספּעציעלע ביבליאָטעק פון דראַמאַטישע ווערק, געשריבענע און געדרוקטע, צווישן זיי אַ סך זעלטנהייטן און צענזורירטע עקזעמפּלאַרן.

די אַלגעמיינע צאָל עקספּאָנאַטן פון טעאַטער-מוזיי (אַפישן, פלוגבלעטלעך, פּראָגראַמען, פאָטאָגראַפיעס, בילדער, סקולפּטורן, טעאַטער-אַרטיקלען, רעצענזיעס, קאָסטיומען א"א חפצים) דערגרייכט איבער 10.000; זיי ווערן אינווענטאַריזירט און רעגיסטרירט אין אַ ספּעציעלער קאַרטאָטעק לויט די אָפּטיילונגען און זאָרגעוודיק קאָנסערווירט.

דער טעאַטער-מוזיי ווערט די גאַנצע צייט אָנגעפירט פון אומעאַלקעניצקי מיט דער מיטהילף פון אַ ריי פרייוויליקע מיטאַרבעטער, ווי ליזע קאַנטאָראָוויטש, גאָלדשטיין א. א.

פעני שאַפּיראָ — „דער טעאַטער-מוזיי" א"נ פון אסתר-רחל קאַמינסקי ביים ייוו"א, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 512-513.

טעאַטער-סטודיעס.

וויטעבסקער סטודיע.

די וויטעבסקער סטודיע איז — לויט ב. אָרשאַנסקי — אייגנטלעך נישט געווען קיין סטודיע אין פולן זין פון וואָרט. זי איז גיכער געווען אַ ליבהאָבער-קרייזל, וואָס האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט יונגע כּוחות, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער בינע.

אין יענער צייט איז אין וויטעבסק נישט געווען קיין שום אַקטיאָר, אויך נישט אויף דער רוסישער בינע, וועלכער זאָל קאָנען לערנען אפילו די עלעמענטאַרסטע טעאַטער-למודים. אָבער די פאָדערונג אויף טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען איז געווען גרויס, און די סטודיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעאַטער.

אין יולי 1919 האָט די סטודיע, אונטער דער אָנפירונג פון מינדלין, זיך געעפנט מיט אַ פאָרשטעלונג אין שטאָט-טעאַטער.

באַלד אָבער ווי דער יידישער קאָמיסאַריאַט אין מאָסקווע איז צוגעטראָטן שאַפן אַ סטודיע, איז כּמעט דער גאַנצער וויטעבסקער קאָלעקטיוו אַריבער קיין מאָסקווע.

ווייסרוסלענדיש-יידישע מלוכה-סטודיע.

אין 1920 איז אונטער דער אָנפירונג פון מ. ראַפּאַלסקי געגרינדעט געוואָרן די יידישע מלוכהשע סטודיע פון ווייסרוסלאַנד. די סטודיע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט מיט אַ גרופּע פון 5-6 מיטגלידער, נאָר אַ דאַנק דער שטיצע פון דער מלוכה און דער איבערגעגעבנהייט פון קאָלעקטיוו און פון דעם אָנפירער, איז די סטודיע בהדרגה פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט יונגע כּוחות: אַרבעטער-קינדער און יונגע אַרבעטער פון ווערקשטאַטן. ס'איז אויך צוגעקומען אַ גרופּע פון דער קיעווער סטודיע. ביסלעכווייז האָט זיך דער באַשטאַנד פון דער סטודיע אויסרעגולירט, פאַרפולט, און נאָך 4 יאָר אַרבעט, האָט זיך די סטודיע פאַרוואַנדלט אין יידישן מלוכה-טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד.

„יידישע טעאַטער-סטודיע" אין וואַרשע.

[זע יידישע טעאַטער-סטודיע].

פעטראָגראַדער סטודיע.

אין 1918-19 איז געגרינדעט געוואָרן אין פעטראָגראַד אַ סטודיע אונטער דער אָנפירונג פון אל. גראַנאָווסקי. אין 1920 האָט דער יידישער קאָמיסאַריאַט פאַרבעטן אל. גראַנאָווסקין מיט זיין סטודיע קיין מאָסקווע, וואו זי איז שפּעטער געוואָרן דער גרונד-באַשטאַנד פון מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער.

קיעווער „קולטור-ליגע".

אין 1919 האָט די קיעווער „קולטור-ליגע" געגרינדעט אַ טעאַטער-סטודיע. אין דער אַרבעט זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן די אָנגעזעענסטע ליטעראַרישע כּחות פון קיעוו, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די טעאַטראַלע למודים און טעאַטראַלע איבונגען.

„שלום-עליכם-סטודיע".

די „שלום-עליכם-סטודיע", עטלעכע מאָל אָרגאַניזירט און צעפאַלן, האָט זיך געגרינדעט אין מאָסקווע. די עלעמענטן פון דער סטודיע זיינען באַשטאַנען פון עטלעכע פּעאיקערע „ליבהאָבער" און איינציקע יונגע יידישע אַקטיאָרן.

די דאָזיקע סטודיע האָט פון ערשטן טאָג אָן — לויט ב. אָרשאַנסקי — נישט געהאַט קיין מאַטעריעלן באַזיס און דעריבער האָט זי נישט געקאָנט רעגולער אַרבעטן. שפּעטער האָט זיך די סטודיע פאַרוואַנדלט אין טעאַטער-קאָלעקטיוו „פרייקונסט" און אַלס שטענדיקער רעזשיסער פון קאָלעקטיוו איז באַשטימט געוואָרן ווערשילאָוו.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 117-121.

„טעאַליג"

[טעאַטער-ליבהאָבער-געזעלשאַפט]



דורך דער איניציאַטיוו פון דוד אייפראַמס איז דעם 28 דעצעמבער 1930 צונויפגערופן געוואָרן אין ניו-יאָרק (אַמעריקע) אַ קאָנפערענץ פון טעאַטער-ליבהאָבער און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „טעאַליג".

אין דעם פאַמפלעט „אַ בריוו צום קולטור-מענטש", ווערט וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער געזעלשאַפט געזאָגט: „די טעאַטער-ליבהאָבער-געזעלשאַפט שטעלט זיך

פאַר איר אויפגאַבע צו בויען אַ גרויסע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך אויסבילדן אין אַ מעכטיקן אַפּאַראַט צו קעמפן דורך וואָרט און שריפט קעגן אַלערליי אָפענע און מאַסקירטע שונד-ליפעראַנטן, וואָס פאַרטרייבן אונזער יוגנט און די בעסערע עלעמענטן צו זוכן טעאַטער-פרייד ווייט אַוועק פון דער יידישער גאַס. די טעאַטער-ליבהאָבער-געזעלשאַפט שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פירן אַ גרויסע אויפקלערונגס-אַרבעט דורך סימפּאָזיומס, עפנטלעכע דיסקוסיעס, דעבאַטן, טעאַטראַליש-ליטעראַרישע אָוונטן, מאָדעל-פאָרשטעלונגען און קאָלעקטיווע טעאַטער-באַזוכן, מיטן צוועק צו דערהויבן און אויספיינערן דעם געשמאַק פון די פאָלקס-מאַסען פאַר אַ בעסערן טעאַטער, ווי אויך צו געבן אַ מעגלעכקייט אַלע קעמפער פאַר אַ בעסערער טעאַטער-קונסט אויסלעבן זיך אין אַן אַטמאָספערע פון חברישער מיטאַרבעט און סימפּאַטישער פאַרשטענדניש פאַר זייערע שטרעבונגען".

די הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון דוד אייבראַמס (פרעזידענט), דר. יהושע הירש פרידמאַן (וויצע-פרעזידענט), חיים איסר גאָלדשטיין (עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר), בנימין גרינבערג (קאַסירער) און לואיס הורוויץ (פינאַנס-סעקרעטאַר).

שפּעטער האָט זיך דער באַשטאַנד פון דער פאַרוואַלטונג געענדערט אויף: הירש ביאַלין — עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר און טראָסטיס [נאמנים]: שמואל שליסעלבערג, רחל קאַנאָף, חנה באַלד און סילי גרינבערג.

די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעדריקט אין איינאָרדנען פון צייט צו צייט ליטעראַריש-דראַמאַטישע אָוונטן, אַ שיף-רייזע און פאָרלעזונגען פון דוד פּינסקי, א. גלאַנץ-לעיעלעס, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, מרדכי דאַנציס, הערש ביאַלין און סעמיועל גאָלדענבורג.

דעם 20 מערץ 1933 האָט „טעאַליג" זיך אָנגעשלאָסן אַלס טעאַטראַלע סעקציע ביי דער יידישער קולטור-געזעלשאַפט.

ב. י. גאָלדשטיין — צי ווייסט איר, אַז — „פאָ'ש", נ. י., 3 יולי 1931.

דר. י. יעפרעמאָוו — אַ הקדמה, „פאָ'ש", נ. י., 17 יולי 1931.

„טעיאַטאָר פין חסידים".

[זע פישלזאָן, אפרים-פישל].

טענענהאָלץ, אליהו

געבוירן 17 פעברואַר 1890 אין אָזיראַן, וואָלינער געגנט. עלטערן - וואַלד-סוחרים. געלערנט אין חדר, ביי אַ יידיש-שרייבער, און רוסיש, העברעאיש, חשבון און אַ ביסל דייטש ביי פּריוואַטע לערער.

1901 — געקומען מיט דער פאַמיליע צו זיין פאָטער אין ניו-יאָרק. דאָ געלערנט אין פּאָבליק סקול, דערנאָך אין איוונינג סקול, אַרבעטנדיק בייטאָג אַלס טרימער פון שליי-קעס, דערנאָך ביי אַ סיגאַר-מאַכער.

אין דער פריסטער יוגנט גענומען לייענען יידישע ליטעראַטור און אויף דער רעקאָמענדאַציע פון יואל ענטין, אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין „פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק קלאָב", וואו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן פון שלום-עליכם.

דעם 23 פעברואַר 1906 אַרויסגעטראָטן אין מאַנהעטען-ליסעאום אויף אַ בענעפיס-פאָרשטעלונג אין אַן אינטריגאַנטן-ראָלע אין ז. ליבינס פּיעסע „דוד און זיין טאָכטער" (רעזשי — אייב ראָוז), און נאָכן באַקומען אַ געוויסע סצענישע צוגרייטונג אין דער פּריוואַטער דראַמאַטישער שול פון מאַדאַם מאַרגענראָט, האָט ער אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין די אויפפירונגען פון „פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק קלאָב" („חיים" אין שלום-עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט", „הינדעס" אין פּינסקיס „גליקספאַרגעסענע", „דוד" אין אַרנשטיינס „דאָס אייביקע ליד", „שלום-עליכם" אין שלום-עליכמס „די עצה", „בראַון" אין הויפּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן", „מליצקי" אָדער „דזשאַרסקי" אין פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק", „ראָבערט" אין הויפּטמאַנס „דאָס פרידענספעסט" א א).

1908 – געוואָרן מענעדזשער פון „קונדס" און גלייכצייטיק געווען אַ פאַרזיכערונג-אַגענט. אין משך פון דערדאָזיקער צייט (ביז 1912) זיך מיטבאַטייליקט אין „פּראָג. דראַמ. קלאָב", דערנאָך געגרינדעט, צוזאַמען מיט לואיס ווייסבערג, יירל דובינסקי און מלכה קאָרנשטיין די „פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקס-בינע", וואו ס'זיינען על-פּי רוב געשפּילט געוואָרן ליטעראַרישע איינאַקטערס. נאָך אַ קנאַפּיאָריקער עקזיסטענץ האָט „פּ. יי. פּ. ב." זיך פאַראייניקט מיטן „פּראָג. דראַמ קלאָב".

בערך 1914 געשפּילט אויפן סעקאָנד-עוועניו רוף-גאַרדען מיט סעם שנייער און דזשעני גאָלדשטיין. 1916 – אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע (לאָקאַל 1) און אַרומגעפאָרן מיט קעסלערן איבער דער פּראָווינץ. 1916-17 — געשפּילט אין ניו-יאָרקער פּיפּלס-טעאַטער ביי בעסי טאָמאַשעווסקי, 1917-18 — אין גרענד-טעאַטער ביי אַדלערן, 1918-20 — ביי שוואַרצן אין אוירווינג פּלייס-טעאַטער, 1920-21 — געשפּילט 12 וואָכן ענגליש מיט לואי מען אין ניו-יאָרקער אַסטאָר-טעאַטער אין סעם שיפּמאַנס „די אָנריטן-טשעפּטער" און דעם זעלבן סעזאָן אין יידישן ליריק-טעאַטער, וואו ער פירט אויך אויף פּרץ הירשביינס פּיעסעס. 1921-22 — מיט זאַקן אין אוירווינג פּלייס-טעאַטער (מענ. — מאַקס ר. ווילנער), 1922-25 — אין שוואַרצס יידישן קונסט-טעאַטער און 1925-26 — אין ברוקלינער אַמפּיאָן-טעאַטער מיט צילי אַדלער.

1926 — אין האָליוואָוד, וואו ער איז א'נ „טענען-האָלץ" אויפגעטראָטן 3 יאָר אין פילם און דערנאָך אין קלאַנג-פילם אין דער „מעטרא גאָלדווין מייער קאָמפּאַני". במשך פון דער צייט איז ט. דאָרט איינמאָל אויפגעטראָטן אין יידיש אין גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער" און אָרגאַניזירט ביים „לאָס אַנדזשעלאָס יידיש קלאָב" אַ דראַמאַטישע סעקציע, אין וועלכער ער האָט אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע קינדער אויסגעלערנט דעקלאַמאַציעס און רעציטאַציעס פון יידישע שריפטשטעלער.

1931 — איז ט. געווען מיטגרינדער פון אַן אינטים יידיש קונסט-טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלאָס, וואו מ'האָט אויפגעפירט גאָטעספעלדס „פּרנסה" און הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל".

1932 – געקומען אין ניו-יאָרק און דאָ געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר און מיטגרינדער פון „יידישן אַנסאַמבל-קונסט-טעאַטער", וואָס האָט עקזיסטירט בלויז אַ קורצע צייט. באַלד דערנאָך פאָרט ט. צוריק קיין לאָס אַנדזשעלאָס.

ט. איז געווען 2 מאָל וויצע-פרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, במשך פון 4 יאָר — דער פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר ביי

דער עקזעקוטיווע און מיטגעהאָלפן גרינדן די יידישע ביבליאָטעק ביי דער אַקטיאָרן-יוניע. 1925-26 — איז ט. געווען מיטגרינדער און פּרעזידענט פון טעאַטער-מוזיי אין ניו-יאָרק.

1911 — האָט ט. דעביוטירט אין „קונדס" א״נ „אולריק ברענדעל" מיט קיבעץ-קריטיקס איבערן יידישן טעאַטער און דערנאָך דאָרט אָפּט פאַרעפנטלעכט טעאַטער-קריטיקס און פעליעטאָנען א״נ „מוישע מעקארטי", שפּעטער איבערגעגאַנגען אין „קיבעצער" און דאָרט פאַרעפנטלעכט ביאָגראַפיעס פון יידישע טעאַטער-פּערזענלעכקייטן, געשריבן אין אַ הומאָריסטישער פאָרם.

ט. האָט פאַרעפנטלעכט א״נ „שפּיגעלבערג" אייניקע ראָמאַנען אין „מאָרגען זשורנאַל". 1916 — איז ט. געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „דיא ווארהייט" און דאָרט מיטגעאַרבעט אייניקע יאָר. אין נומער פון 6 נאָוועמבער 1918 האָט ט. דאָרט פאַרעפנטלעכט „דאָס פרייע רוסלאַנד, אַ בלוטיגער שפּאַס אין איין אַקט, פריי נאָך וויליאַם פראָססער, פון א. טענענהאָלץ". במשך פון 1915-16 האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט די זכרונות פון בעסי טאָמאַשעווסקי, וועלכע זיינען שפּעטער דערשינען אין אַ סעפּאַראַט-אויסגאַבע א״נ „מיין לעבענס געשיכטע, דיא ליידען און פריידען פון אַ אידישע סטאַר אַקטריסע פון בעסי טהאָמאַשעווסקי. געשילדערט פון איהר אַליין און איבערגעגעבען פון א. טענענהאָלץ. אַרויסגענומען פון דיא ווארהייט פּאָבלישינג קאָמפּאַני, ניו-יאָרק 1916" [304 ז. 16°].

אין 1923 האָט ט. רעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך „אידיש טעאַטער, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער אַקטיאָרען יוניאָן צו דעם 50 יאָהריגען יובילעאום פון אידישען טעאַטער", ניו-יאָרק, 21 אַפּריל 1923 [80 ז. 16°].

מ ע.

יעקב מעסטעל — ווער זיינען די קינסטלער פון דעם ניו-יאָרקער אידישען קונסט-טהעאַטער ? „די צייט", לאָנדאָן, אַפּריל 1924.

טעפּליצקי, מענדעל

געבוירן 10 יוני 1866 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ תבואה-סוחר. אַלס קינד פון 10 יאָר געאַרבעט אין ניקאָלאַיעוו אין אַ ווייַן-געשעפט, וואוהין ס׳פלעגן קומען אויף יום-טוב יידישע לידער-זינגער, וועלכע פלעגן אויך פאָרשטעלן אויף יידיש וואָדעווילן און בעת עס האָט זיי אַמאָל אויסגעפעלט אַ ראָליסט, האָט מען ט. געגעבן די ראָל פון אַ מיידל.

אין סעפּטעמבער 1885 געקומען אין אַמעריקע, האָט ט. זיך פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס אַקטיאָר און פּיעסעס-אויפפירער. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך אָרגאַניזירט וואַנדער-טרופּעס.

1904-5 — האָט ט. געשפּילט אין ניו-יאָרק ביי אַדלערן אין גרענד-טעאַטער. 1905 — אויך געשפּילט 3 חדשים איבער אַמעריקע אין ענגליש אַלס „רופּינסקי" אין וויליאַם גאָריסעס פּיעסע „דער ביזנעסמאַן", דערנאָך געשפּילט 3 סעזאָנען אין ניו-יאָרקער פּיפּלס-טעאַטער (עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי), 1915-16 — אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, 1916-17 — אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער און פון 1918 ביז 1926 אין נעשאַנאַל-טעאַטער ביי טאָמאַשעווסקין.

פאַרברענגענדיק 2 יאָר אַלס חולה אין לאָס אַנדזשעלאָס איז דאָרט ט. אין 1927 אויפגעטראָטן אַלס „שלמה הויז" אין יעקב גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער", דעם 2 אַפּריל 1929 אין שיקאַגאָ אין גליקמאַנס פּאַלאַס-טעאַטער אַלס „שמואל אשכנזי" און דעם 11 מערץ 1931 אין פּראָלאָג פון דער זעלבער פּיעסע אויף זיינעם אַ בענעפיס אין ניו-יאָרק.

ט. האָט געשריבן אייניקע פּיעסעס, פון וועלכע „דער באַנקראָט פון לעבן" איז דעם 24 אָקטאָבער 1916 אויפגעפירט געוואָרן אין שיקאַגער עמפּייר-טעאַטער.

ט. האָט אויך רעדאַקציאָנעל מיטגעהאָלפן אַרויסגעבן אייניקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע, ביי וועלכער ער איז געווען לאַנג-יאָריקער פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר. 1926 — איז ט. געווען סעקרעטאַר פון יידישן טעאַטער-מוזיי אין ניו-יאָרק.

דעם 2 סעפּטעמבער 1894 איז אין שיקאַגאָ לכבוד זיין בענעפיס דערשינען אַן איינמאָליקע אויסגאַבע „דיא אידישע טהעאַטער וועלט", 4 זייטן צ״פ.

אין שיקאַגער זשורנאַל „שיקאַגע" (אויגוסט-אָקטאָבער 1931) האָט ט. אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע טעאַטער-זכרונות.

מ. און ש. ע.

טעפּער, קלמן (קאָליאַ)

געבוירן 1879 אין אָדעס, אוקראַאינע, אין אַן אינטעליגענטער פאַמיליע. באַקומען אַ גוטע יידישע דערציאונג און געענדיקט אַ קורס פון אַלגעמיינער בילדונג. אַריינגעצויגן אין דער יידיש-נאַציאָנאַלער באַוועגונג אַלס אחד-העמיסט, איז ט., אַ דאַנק זיין רעדנער-טאַלאַנט, זייער פּאָפּולער געוואָרן. ער איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צו איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע צוגעשטאַנען צום „בונד" און געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל צווישן דער שטודירנדער יוגנט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס. נאָך די אָקטאָבער-טעג פון 1905 איז ט. אַרעסטירט געוואָרן. אַנטלאָפן 1907 צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין בערלין און פון דאָרט קיין אַמעריקע, גייט ער איבער צום אַנאַרכיזם, שפּעטער צום אינדיווידואַליזם, גרופּירנדיק אַרום זיך דעם קרייז פון די דאַמאָלטיקע יונגע דיכטער משה וואַרשע, זישע לאַנדוי, משה נאַדיר און שפּעטער אויך ה. לייוויק.

נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע (1917) אַוועק קיין רוסלאַנד, וואו ער וואוינט דאָס רוב אין סאַראַטאָוו, שטודירנדיק גערמאַניסטיק אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט. 1920 — פאַרבראַכט אין ווילנע און אין וואַרשע, וואו ער האַלט רעפעראַטן און לעבט פון געבן לעקציעס אין דער ענגלישער שפּראַך. 1922 — פאָרט ער צוריק קיין ראַטנפאַרבאַנד, ענדיקט אין לענינגראַד דעם אוניווערזיטעט אַלס יוריסט און באַזעצט זיך אין וועליקי-אוסטאָג, אַרכאַנגעלסקער גוב. אַלס אויספאָרשונגס-ריכטער.

ט. האָט איבערזעצט הענריק איבסענס „דער קליינער עאָלף" (פ״ג מאַקס מייזעל, ניו-יאָרק), און צוזאַמען מיט משה וואַרשע איבערזעצט אַנטאָן טשעכאָווס פּיעסעס „דער וואַסער-פויגל", „אָנקעל וואַניאַ" און „דער קאַרשען-גאָרטען" (פ״ג מאַקס מייזעל, ניו-יאָרק 1911). אַלע דריי טשעכאָווס פּיעסעס זיינען אין 1923 [א״ר פון זלמן רייזען] אויך דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. א.

קלעצקין א׳נ „די מייוו״. „דער קאַרשן־גאָרטן״ און „פעטער וואַניאַ״.

ט. האָט אויך איבערזעצט געאָרג בראַנדעסעס „הענריק איבסען״ (פ׳ג מאַקס נ. מײַזעל, ניו־יאָרק 1918) [168 ז.].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, I, זז. 1183-86.

מ. ע. פון זלמן רייזען.

טעפנער, אַדאָלף

געב. 13 פעבר. 1908, אין טשערנאָליציע, גאַליציע. פאָטער — אַ „ווינקל־שרייבער״. אַ יאָר שפּעטער טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין טשערנאָוויץ, וואו ט.׳ס פאָטער עפנט אַ בעקעריי. געלערנט אין אַ פאָלקס־שול און יידישע למודים ביים פאָטער. געזונגען ביי אַ חזן, דערנאָך אין כאָר פון דער גרויסער שול. דער כאָר־דיריגענט יאָסעל טאַוווטשאַי, וועלכער איז אויך געווען כאָר־דיריגענט אין אַקסעלראַדס טרופּע, נעמט אים אַריין אין טעאַטער אויף קינדער־ראָלן. צוליב דער מלחמה איבערגעריסן די למודים אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, פאָרט ט. קיין ווין, וואו ער אַרבעט אין אַ ליקער־פאַבריק און ווערט אַ סטאַטיסט און העלפער ביי דעקאָראַציעס אין דייטשן קאַרל־טעאַטער, שפּעטער זינגט ער דאָרט אין כאָר און שפּילט אויך קליינע ראָלן. צוליב מיליטער־דינסט איבערגעריסן די בינע־קאַריערע, שפּילט ער ווידער סוף 1918 אין טשערנאָוויצער דייטשן שטאָט־טעאַטער, דערנאָך אין אַקסעלראַדס יידישער טרופּע, דעביוטירנדיק אַלס „ביינושל״ אין „פינטעלע ייד״. שפּעטער האָט ט. געפירט אַ דירעקציע בשותפות מיט שרה קאַנער, דערנאָך געשפּילט מיט קלאַראַ יאָנג און אַ לענגערע צייט אין בוקאַרעסט, געפירט בשותפות מיט לעאָן בערגער אַ טרופּע אין יאַסי, אַרומגעפאָרן מיט שרה קאַנער איבער גאַליציע, פּוילן, דערנאָך אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זיך באַטייליקט אין יידישן רעוויסטאַ אין בוקאַרעסט, געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס אין רומעניע, פּוילן און בערלין, אין פּאַריז און לאָנדאָן ביי בלומענטאַל און אַ סעזאָן אין דרום־אַפריקע. 1928 — געשפּילט אין בוקאַרעסט און דערנאָך אָנגעפירט מיט אַ יידישער טרופּע אין יאַסי, שפּעטער גאַסטראָלירט איבער דער רומענישער פּראָווינץ.

אַמפּולאַ — פאַט־און כאַראַקטער־קאָמיקער.

ש. ע.

טער, יעקב



געב. 30 אָקטאָבער 1861 אין ניישטאָט, ביי דער פּויליש־פּרייסישער גרענעץ. פאָטער — אַ סוחר, האָט אים ביז 13 יאָר געלאָזט לערנען אין חדרים, דערנאָך געשיקט אין די ישיבות פון סלאָנים און גראָדנע. אין עלטער פון 17 יאָר חתונה געהאַט, און אָנגעזאַפּט מיט דער השכּלה־באַוועגונג, האָט ט. זיך אָפּגעזאָגט פון ווייטער לערנען און זיך גענומען צו מסחר, 1880 — אויסגעוואַנדערט קיין ראָסטאָוו ביים דאָן און דאָרט ביז 1890 געהאַלטן אַ העברעאיש־רוסישע שול. שפּעטער עמיגרירט קיין ניו־יאָרק, וואו ער פּרובט אויך מיט אַ העברעאישער שול, ווערט אָבער לסוף אַ משגיח אין דער „מאָנטעפיאָרע תּלמוד־תּורה״.

1892 — האָט ט. צוזאַמען מיט מאָריס ראָזענפעלד אַרויסגעגעבן 7 נומערן פון וואָכנבלאַט „די זון״ און אין 1898 12 נומערן פון אַ חודש־בוך „נאַטור אונד לעבן״.

ט. פּרובט זיינע כּוחות פאַר דער יידישער בינע, אָבער די דאַמאָלטיקע דראַמאַטורגן, וועלכע זיינען אויך מיטשותּפים אין די יידישע טעאַטערס, לאָזן אים נישט צו. ערשט בעת אַ סכסוך צווישן די אַקטיאָרן און די דראַמאַטורגן, באַקומט ט. די מעגלעכקייט אויפצופירן אין 1892 זיינע פּיעסעס „שיבת ציון״ און „אמנון און תּמר, אָדער, דער גליקלעכער פּאַסטוך״ (מוזיק — מ. אַבראַמאָוויטש, אויפג 18 נאָוועמבער אין טאַליאַ), אין 1893 — „די זילבערנע האָכצייט״, דעם 23 פעברואַר 1894 אין טאַליאַ־טעאַטער „די קרבּנות פון די שלעכטע צייטן״, אין 1895 — „בוסתנאי, אָדער, דער לעצטער פּרינץ פון מלכות בית דוד״ („היסט. אָפּער. אין 5 אַקטן און 14 סצענעס״), „ראַפאַעל בעל מאָנטע״ און „מלחמות היהודים, אָדער די געראויבטע פּרינצעסין״, 1899 — „כּתר מלכות, אָדער, די קרוינונג פון ינאי קעניג״, „מורד במלכות, אָדער די יידן אין פּאָרטוגאַל, היסטאָריש־ראָמאַנטישע אָפּערע״ [אָפּערעטע], „די רויב־פויגל, אָדער, דער סקאַנדאַל אין די הויכע פענסטער״ (לעבנסבילד אין 4 אַקטן), 1901 — „דער נייער משיח, אָדער דוד אלראי, היסט. אָפּער. (נאָך ביקאָנספילדס ראָמאַן)״ און „די בת־המלכּה, היסט. אָפּער״, 1902 — רעגינע, אָדער, די יידישע גראַפינע״, (אויפגעפירט פון קעסלער אין טאַליאַ־טעאַטער) 1908 — „די יידישע נשמה״ (אויפגעפירט דורך טאָמאַשעווסקי) און צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקי „דער ש״ך, אָדער, דער זכות פון שבת קודש״.

ט. האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי איינאַקטיקע און צוויי־אַקטיקע וואָדעווילן און דראַמעס, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די דאַמאָלטיקע יידישע וואָדעוויל־הייזער אין אַמעריקע.

פון ט.׳ס פּיעסעס זיינען געדרוקט: „דער פּערפאַססער אין קינדבעט״, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, אין וועלכן ט. שילדערט אין אַ קאָמישער פאָרם אַן עפּיזאָד פון יידישן דראַמאַטורגן־לעבן [געדר. אין י. מיניקעס „דיא אידישע ביהנע״, נ. י., 1897, שפּעטער דערשינען אין אַ סעפּאַראַט־אויסגאַבע אין פערלאַג „טעאַטער־ביבליאָטעק״, וואַרשע [יאָר ?, 16 ז. 16°] און „די אידישע נשמה, אָדער, בעריל קאָכלעפעל, אַ מוזיקאַלישע דראַמע אין 4 אַקטען, באַאַרבייט פון ב. טאָמאַשעווסקי״, פערלאַג „מעלאָדיע״, וואַרשע, תּר״ע 56 ז. 16° [די פּיעסע איז געדרוקט אָן וויסן פון מחבר].

אין זיין זאַמלונג „נאַטור אונד לעבען״ (ניו־יאָרק 1898) איז אויך געדרוקט זיין דראַמע „דער אַמעריקאַנער אַרבייטער, אָדער, דער קאַמף פיר דאָס לעבען לעבענס דראַמא פון אונזערע צייטען אין 5 אַקטען פאָן יעקב טער״. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן דורכן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און איז אויך דעם (28) 15 יולי 1906 אויפגעפירט געוואָרן אין ווילנע דורך אַ „ליבהאָבער״־גרופּע א׳נ „די אידישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע״.

כמעט אַלע כתב-ידן פון ט., געשריבן מיט כתיבה-שריפט און מיט פאַרצירונגען אויף די שער-בלעטער, געפינען זיך אין אַרכיוו פון שלום פערלמוטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.‟, I, זז. 1186-7.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.‟, II, זז. 66, 203-4, 266.

מ. זייפערט — „די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער‟ (אין מיניקעס „די אידישע ביהנע‟, נ. י., 1897).

ב. גאָרין — קריטיק, „דער טהעאַטער זשורנאַל‟, נ. י., 15, 1902.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע‟, נ. י., ז. 234.

שלום פערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען. „די אידישע וועלט‟, קליוולאַנד, 16 דעצ. 1928.

טראַכטמאַן, יעקב-שמואל

[געב. — 1831 — געשט. 1889 [?]]

געבוירן . . . 1831 אין אָוורוטש, וואָלין. זינט 1863 געלעבט אין אָדעס, וואו ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי בראָדסקין. אין די 80-ער יאָרן זיך באַזעצט אין אַקערמאַן (בעסאַראַביע). געשריבן אין העברעאישע און רוסישע צייטשריפטן, אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער אין העברעאיש.

ט. האָט פאַרפאַסט אייניקע דראַמעס אין יידיש („דאָס צווייטע ווייב, אָדער, דער טרייער קנעכט‟, „דינה‟, „קדוש לבנה‟), וועלכע זיינען נישט פאַרעפנטלעכט און נישט געשפילט געוואָרן.

ט. איז געשטאָרבן אין 1889 [?].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.‟ I, ז. 1191.

טרוימאַן, חנה

[קאַץ]



געב. 16 מערץ 1894 אין וואַרשע, פוילן. אין 1910 אָפּגעפאָרן קיין פאַריז, וואו זי האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אַ „ליבהאָבער‟-גרופּע א׳ר פון מאַרק אַרנשטיין, אויפטרעטנדיק אַלס „בענטשיק‟ אין יעקב גאָרדינס „שחיטה‟.

ביז 1913 שפּילט זי אַלס „ליבהאָבער‟ און דאַן הויבט זי אָן שפּילן פּראָפעסיאָנעל מיט יעקב ספּיוואַקאָווסקי, מיטמאַכנדיק אַ טורנעע איבער בעלגיע ביז צום אויסבראָך פון דער מלחמה, ווען זי קומט צוריק אין פאַריז, וואו זי שפּילט ביז איצט.

ש. ע.

טרוימאַן, לייב

[גאָרדאָן]

געב. 16 אויגוסט 1887 אין ראָגאָווע, ליטע פאָטער — אַ שוחט. אַלס קינד געלערנט ביים פאָטער און ביז בר-מצוה — ביים זיידען שפּעטער אין ראמיילס ישיבה אין ווילנע, אין אַ קלויז אין קאָוונע און לסוף געוואָרן אַן עקסטערן אין ווילנע

צוליבן פּריזיוו אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט געפּרובט טאָן פאַרשיידענע מלאכות. אויפן וועג צוריק קיין רוסלאַנד אָפּגעשטעלט זיך אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אין 1907 אָנגעהויבן שפּילן אַלס „ליבהאָבער‟ אין אַרבעטער-פריינט-קלאָב א׳ר פון סעמיועל גאָלדענבורג.

ביז 1911 געשפּילט אַלס „ליבהאָבער‟, דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. געשפּילט אין פּאַוויליאָן-טעאַטער צוזאַמען מיט אַדלערן, דערנאָך איבער דער ענגלישער פּראָווינץ, דייטשלאַנד און שווייץ, ביז ער איז אין 1914 געקומען אין פּאַריז, וואו ער איז, צוליב דער מלחמה, פאַרבליבן און שפּילט ביז איצט.

ט. איז געווען דער גרינדער פון יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פּאַריז און זיין ערשטער פּרעזידענט.

ש. ע.

טריאָ רימס-ראַמס-ראָמס.

די טריאָ איז באַשטאַנען פון אַ באַס, אַ באַריטאָן און אַ טענאָר — די פאָלקסזינגער ראָמעס, שוואַרץ און שאָר — וועלכע פלעגן אַרומפאָרן איבער מזרח-און מערב-אייראָפּע און „פאָרשטעלן‟ יידישע לידער אין די פאַרשיידנסטע פלעצער, — פון אַ טעאַטער ביז אַ שייער.

מ. ע. פון סעם לודוויג.

טרייטלער, חיים-בנימין (טשאַרלז)

[געב. 1853 — געשט. 4 מאַי 1916]

געבוירן 1853 אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פון קינדווייז אָן געווען אַ משורר ביים חזן פרילינגער און געווען באַקאַנט אַלס אַ שיינער בחור און גוטער זינגער.

אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוגעשטאַנען צו די „פאָלקסזינגער‟, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין ווין אין הורוויקס טרופּע און באַלד דערויף אָנגעהויבן צו פירן טרופּעס אין גאַליציע.

לויט ב. גאָרין, האָט ט. אין 1885 באַקומען אַ קאָנצעסיע צו שפּילן יידיש טעאַטער אין דער גאַליציאַנער פּראָווינץ, און זיין טרופּע, אין וועלכער זיין טאָכטער מאַלווינע האָט אויך געשפּילט קינדער-ראָלן, איז געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע און אָנגעזעענסטע יידישע וואַנדער-טרופּעס.

בעת בערטאַ קאַליש האָט פאַרלאָזט דאָס בוקאַרעסטער זשיגניצע־טעאַטער, האָט גאָלדפאַדען אַהין געבראַכט ט. מיט זיין טאָכטער מאַלווינע. אָבער באַלד האָט ט. ווידער גענומען וואַנדערן איבער די יידישע ישובים אין אייראָפּע און אין אָנהויב פון 20־טן יאָר־הונדערט איז ער מיט זיין טרופּע (צווישן אַנדערע זיין טאָכטער מאַלווינע [דאַמאָלט שוין לאָבעל], שערמאַן און אַקסעלראַד) אָנגעקומען אין לאָנדאָן.

וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „די קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען פאַר פּסח און האָט גענומען אויף יום־טוב דעם פּאַווילאָן־טעאַטער, אָבער דער טעאַטער איז געווען צו גרויס און מען האָט צו דער אונטערנעמונג צוגעלייגט געלט. נאָר דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן אַ געוויסן מאָריס כהן צו אַנגאַזשירן די טרופּע און נעמען אַ קליינעם טעאַטער אין אַ בעסערער געגנט און צו מאַכן אַ פאַרזוך צו שפּילן יעדע נאַכט. דערדאָזיקער טעאַטער האָט געהייסן מאָנאַר־טעאַטער און צו דער ערשטער פאָרשטעלונג זיינען געקומען זאַנגוויל און באַנקיר זעליגמאַן. די הוצאה אין דעם מאָנאַר־טעאַטער איז געווען אַ קליינע און אין אָנהויב האָט אויסגעוויזן, אַז די טרופּע וועט זיך האַלטן, נאָר באַלד האָבן די אַקטיאָרן אָנהויבן אַריינצוטרייבן אין אַ גרויסע[ר] הוצאה און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז דער דירעקטאָר האָט נישט אויסגעהאַלטן און דער טעאַטער האָט זיך פאַרמאַכט".

ווינטער 1902 איז ט. מיט דער פאַמיליע אָנגעקומען אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע), און נאָך עטלעכע חדשים אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

ט. האָט אויך — לויט דער אינפאָרמאַציע פון דזשין גרינפעלד — אָנגעשריבן איניקע פּיעסעס, וועלכע זיינען אָבער קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן.

לויט ב. גאָרין האָט ט. באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין ראָלן פון „מלכים".

אין ניו־יאָרק האָט ט. כמעט אינגאַנצן נישט געשפּילט און איז דאָ דעם 4 מאַי 1916 געשטאָרבן.

ט.׳ס טעכטער: מאַלווינע (לאָבעל), ראָזע (גרינפעלד) און בעטי (דזשייקאָבס) — שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ט.׳ס איידעם — דזשין גרינפעלד — איז סופלער און פּיל־יאָריקער פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע.

ש. ע. פון מאַלווינע לאָבעל און דזשין גרינפעלד.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 153, 149, 142.

טרייסטמאַן, נאָסען
[נאכעמיע]

געבוירן 1896 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אָנגעשטעלטער אין אַ תבואה־געשעפט ביז 8 יאָר געלערנט אין תלמוד־תורה. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין שטוב איז ט. נאָך אַלס מינדער־יאָריקער אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון שאַכטלען פאַר פּאַפּיראָסן, שפּעטער אַלס שיק־יינגל און שניידער אין אַ געשעפט פון דאַמען־מאַנטלען, האָט אָפט באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער און אַריינגעטראָטן אין אַ „קינדער־טרופּע", מיט וועלכער ער שפּילט אין שטעטל מלאַווע „בן־יוחאי" אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", און דערנאָך „אוריאל". די טרופּע איז אַרומגעפאָרן נאָר אַ קורצע צייט, ווייל די עלטערן האָבן צוריק אַהיימגענומען די קינדער.

1912 — איז ט. אַריינגעטראָטן אין דראַמאַטישן קרייז ביים וואַרשעווער „הזמיר", אַרבעטנדיק ווייטער ביי שניידעריי. באַלד אָבער איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און ביז דער וועלט־מלחמה אַרומגעוואַנדערט מיט אַ טרופּע אַרום קאָוונע און סביבה.

צוריקגעקומען אין וואַרשע, איז ט., צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער, אַרויסגעטראָטן מיט מעלאָדעקלאַמאַציעס, סקעטשען, מאָנאָלאָגן א. ד. ג. אויף די כלומרשטע „טאַנץ־אָוונטן", וועלכע זיינען אין פאַקט געווען טעאַטער־אונטערנעמונגען. שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דוד הערמאַנס דראַמאַטישער סטודיע, און בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען ס׳איז ווידער דערלויבט געוואָרן צו שפּילן יידיש, זיך באַטייליקט אַלס „פּראָפעסאָר" אין דער אויפפירונג פון מאָליערס „דער רייכער חתן" (ז. און י. טורקאָוו, נאָרוויד, שידלאָ, טאַרלאָ א. א.), באַלד דערויף אַנגאַזשירט געוואָרן אין קאַמינסקיס טרופּע (מיטן באַדינג צו ענדערן זיין פאַמיליע־נאָמען אויף „טרייסטמאַן"). און אין 1917 מיטגעפאָרן מיט אסתר־רחל קאַמינסקיס טרופּע אויפן ערשטן גרויסן טורנע איבער קרוין־פּוילן. 1919 — טרעט ט. אַריין אין זאַסלאַווסקיס טרופּע, דערנאָך אין טעאַטער „קונסט־ווינקל" אונטער דער השגחה פון דער „קולטור־ליגע", 1923 — אין שלום־עליכם־טעאַטער אין מאָסקווע א׳א פון דיקי, און נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם טעאַטער, קערט ט. צוריק אין קיעווער טעאַטער „קונסט־ווינקל", וואו ער אַרבעט ביז 1929.

סוף 1929 איז ט. אַריינגעטראָטן אין ווימט.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

טרייסי, אַרטור

געבוירן 22 יוני 1900 אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. אין עלטער פון $6^1/_2$ יאָר אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע. נאָך אין האַי־סקול האָט ט. אָרגאַניזירט שילער־פאָרשטעלונגען, פאַר וועלכע ער האָט אַדאַפּטירט פּיעסעס און געשפּילט אין זיי די הויפּט־ראָלן.

באַזוכנדיק אָפט די יידישע און ענגלישע טעאַטערס, באַשליסט ט. צו ווערן אַן אַקטיאָר, און נאָכדעם ווי ער געווינט דעם טענאָר־פּרייז אין פילאַדעלפיע, ווערט ער אַנגאַזשירט צו שובערטן, וואו ער דעביוטירט אין דער צווייטער הויפּט־ראָל פון „בלאָסאָם טיים" און דערנאָך אין „סטודענט־פּרינץ". נאָכן אַרומפאָרן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע, ווערט ט. אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקין אין לאָס אַנדזשעלאָס, וואו ער שפּילט אַ זומער־סעזאָן, דעביוטירנדיק אין „די חזנטע". שפּעטער טרעט אויף ט. אין קיטס ענגלישן וואָדעוויל אין ניו־יאָרק און אין 1927 ווידער ביי טאָמאַשעווסקין אין פילאַדעלפיע. 1929-30 — האָט ט. געשפּילט

אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער. 1931 — איז ט. אַריינגעטראָטן אין קאָלאָמביאַ בראָדקעסטינג־סטיישאָן, וואו ער זינגט אין ראַדיאָ א נ „דער סטריט־זינגער".

„אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפילער", „פאָרווערטס", פילאַדעלפיע, 6 נאָוו. 1927.

טרילינג, אליאַ (סימאָן)

געבוירן 2 מאַי 1895 איז עלבערפעלד ביים רהיין, דייטשלאַנד. עלטערן — די יידישע אַקטיאָרן הערמאַן בערמאַן און מרים טרילינג, מיט וועלכע ט. וואַנדערט איבער איירָאָפּע און ענדיקט דערביי אין פראַנקרייך אַ 6 קלאַסיקע פאָלקסשול.

1910 — צוריקגעקומען אין וואַרשע און אָנגעהויבן לערנען מוזיק, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג. 1914 — זיך געגרייט אַריינצוטרעטן אויפן העכערן קורס פון פּיאַנאָ און קאָמפּאָזיציע אין פּעטערבורגער קייזערלעכער קאָנסערוואַטאָריע, אָבער געשטערט געוואָרן צוליב דעם מלחמה־אויסברוך. 1915 — אַוועק אויפן מלחמה־פראָנט פריער אַלס סאָלדאַט, דערנאָך אַלס מיליטערישער קאַפּעלמייסטער.

1917 — צוליב טיפוס און צינגא (הונגער־קראַנקהייט) באַפרייט געוואָרן צייטווייליק פון מיליטער־דינסט און געוואָרן געהילף־דיריגענט ביי י. וויניאָקור אין אַלעקסעיעווס פּאַרק אין קיעוו און באַלד דערויף דיריגענט אין יידישן טעאַטער, וואו ער איז איינציקע יאָר טעטיק אויפן מוזיקאַלישן געביט אין די טרופּעס פון גענפער, סאַבסיי, קאַזשדאַן און גראָסמאַן.

צוליב דעם, וואָס עס ווערט אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פון די אָפּערעטעס־טרופּעס, פּרובט ט. זיינע פעאיקייטן אַלס אַקטיאָר און דעביוטירט אין 1920 אַלס „יאַפע" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר". שפּעטער פאַרבינדט ער זיך מיט אַ קאָלעקטיווער טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט איבער ראַטנפאַרבאַנד ביז באַקו. דאָ אָרגאַניזירט ער אַ יידישן קאָלעקטיוו, פון וועלכן ער איז אָנפירער און רעזשיסער. 1922 — ווערט ער אַנגאַזשירט אין מאָסקווער טעאַטער „סלאָוויאַנסקי באַזאַר", דערנאָך אָרגאַניזירט ער ווידער אַ קאָלעקטיוו, וואו ער איז פאָרזיצער און מנחם רובין — רעזשיסער.

1925 — אַנגאַזשירט געוואָרן צו דער גאַסטראָלירנדער קלאַראַ יאָנג, שרייבט ער די מוזיק צו ישראל ראָזענבערגס „בערעלע באָסיאַק" און, צוזאַמען מיט ראָזענטור, צו בועז יאָנגס „שאַ, שאַ, דער רבי פאָרט". אין דער טרופּע איז ער אויך טעטיק אַלס אַקטיאָר.

1927 — אַרויסגעפאָרן קיין איירָאָפּע און אַ קורצע צייט געשפּילט אין ווילנער יידישן טעאַטער. 1928-29 — געשפּילט מיט קלאַראַ יאָנג אין אַרגענטינע. פעברואַר 1929 — געקומען אין אַמעריקע און אַריינגעטראָטן אין נעשאָנאַל־טעאַטער אַלס טאַנץ־מייסטער פון די אויפגעפירטע אָפּערעטעס.

1929-30 — פאַרנומען די זעלבע שטעלע און אויך געווען כאָרמייסטער אין שיקאַגער לאָנדייל־טעאַטער. 1930-31 — געווען כאָר־דיריגענט, מוזיק־אַראַנזשירער און טאַנץ־מייסטער אין פּראָספּעקט־טעאַטער, 1931-32 — פאַרנומען די זעלבע שטעלע און אויך אַלס אַקטיאָר אין נעשאָנאַל־טעאַטער און 1932-33 — אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

ט.׳ס ברודער, אַדאָלף, איז אַ טאַנץ־מייסטער אויף בראָדוויי אין ניו־יאָרק.

י. ע.

טרילינג, מאַניע (מרים)

[געב. בערך 1875 — געשט. 25 אַפּריל 1920]

געבוירן בערך 1875 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער אַן אויוון־אַרבעטער. געאַרבעט אַלס הוט־פּוצערין און דורך דער באַקאַנטשאַפט מיטן אַקטיאָר הערמאַן בערמאַן צוגעצויגן געוואָרן אין 1892 צום יידישן טעאַטער — אין אָנפאַנג נאָר אַלס זינגערין, שפּעטער אויך פאַר מעלאָדראַמאַטישע ראָלן.

ט האָט צוזאַמען מיט איר מאַן הערמאַן בערמאַן זיך באַטייליקט אין די אָנגעזעענסטע יידישע טרופּעס פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איז פיל יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער קאַמינסקי־טרופּע און איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער אין די ראָלן „כאַסיע", „מירעלע אפרת", „מעדעאַ", „ראָניע די פּאָטשטאַרקע" (אין „די שבועה") און „פּעסעניו" (אין „גאָט, מענטש און טייוול").

דעם 25 אַפּריל 1920 איז ט. געשטאָרבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אברהם רייזען כאַראַקטעריזירט אַזוי ט.׳ס שפּילן:

„מאַדאַם טרילינג, וועלכע האָט געשפּילט די ראָלע פון „מירעלע אפרת", האָט אונז אַלעמען גליקלעך פאַרוואונדערט. ווען אַזאַ געשטאַלט אויף אונזער בינע [בערך אין 1907] האָבן מיר נישט געחלומט. אין „מירעלע אפרת", וואָס איז עד היום, נישט קוקנדיק אויף איר פּסעוודאָ־קלאַסיציזם, איינע פון די שטאַרקסטע דראַמעס, האָט מאַדאַם טרילינג אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט. נישט נאָר איר פיינע אינטעליגענץ, איר דיקציע, איר „זעצן" עברי ווי אַ למדנית, נאָר אויך איר פּאַסיקע פיגור פאַר דער שטאָלצער און הערשערישער מירעלע אפרת האָט פאַרגרעסערט דעם איינדרוק און איר גרויסן דערפאָלג".

פון ט.׳ס 4 קינדער זיינען: טעאָדאָר אַדאָלפוס — אַ רעזשיסער און באַלעטמייסטער אין ניו־יאָרק, אַלבערט — אַ טענצער און קאָמפּאָזיטאָר אין ראַטנפאַרבאַנד און אליאַ — אַ יידישער אַקטיאָר, טענצער און קאָמפּאָזיטאָר.

מ. ע. פון איר זון אליאַ טרילינג.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, זז. 55-6, 88.

אסתר רחל קאַמינסקי — [זכרונות], „מאָמענט", וואַרשע, 6 אויגוסט 1926

אברהם רייזען — אין דער משפּחה פון יידישע אַקטיאָרן, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 16, 1931.

טרעפּעל, אַווראָם

געבוירן 1908 מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַן אָנגעשטעלטער. פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ נטיעה צו קאָפּירן קאָמישע טיפּן, און שוין אין עלטער פון 11 יאָר אָנגעשריבן אַ „פּיעסע" א״נ „אַ טראַגעדיע פון אַ יידישער משפחה", וועלכע ער „פירט אויף" מיט חדר-ייִנגלעך אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע ביי זיך אין דער היים.

שפּעטער זיך באַטייליקט אין רוסישע און יידישע „ליבהאָבער"-קרייזן, און נאָכן דעביוטירן אין זאַסלאַווסקיס טרופּע אַלס „חתן" אין אַנסקיס „דער דבוק", שוין פאַרבליבן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

אָקטאָבער 1923 — אַריינגעטראָטן אין דער סטודיע פון ראַפּאַלסקי אין מאָסקווע, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווייסרוסלענדיש-יידישן מלוכה-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז איצט.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

ב אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 188, 177.

טשאַפּניק, מנחם

געבוירן 14 אויגוסט 1910 אין גראַיעווא, פוילן. פאָטער — אַ מלמד. געלערנט ביים פאָטער, דערנאָך אין דער שטאָטישער תלמוד-תורה און אין דער לאָמזשער ישיבה. אין עלטער פון 18 יאָר גענומען לעקציעס אין למודי-חוץ ביי אַ גימנאַזיסט.

1928 — דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין מזרחיסטישן וואָכנבלאַט „דאָס יודישע לעבען" און זינט דאַמאָלט פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע ווי אויך קאָרעספּאָנדענציעס אין „מאָמענט".

אין 1931 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „למען הספר" דערשינען טש.׳ס „די קללה, דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַן עפּילאָג" [64 ז. 16°].

טש. האָט אין כתב-יד נאָך פאָלגנדיקע דראַמעס: „דער מאַן פון מאָרגען" און אַ ציקל דראַמעס א״ט „פון אַמאָל און היינט" (ירבעם בן נבט, אמנון און תמר ירמיהו, אָן אַן אינהאַלט, זיך אויסגעלערנט)

ש. ע. פון זלמן רייזען.

טשאָרני, ג.

[געב. 1875 — געשט. 1910-11]

געבוירן 1875 אין מיר, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד, אין אַן אינטעליגענטער, אָרימער פאַמיליע.

נאָך ייִנגלווייז אַרויסגעוויזן פעאיקייטן צו מאָלן, און מיט דער שטיצע פון פירשט סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי אַוועק קיין ווילנע זיך לערנען צייכענען, שפּעטער שטודירט אין ווין און אין מינכען ביים באַרימטן דייטשן מאָלער פראַנץ שטוק. נאָכן ענדיקן דעם שטודיום, געקומען אין וואַרשע, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס אילוסטראַטאָר, הויפּטזעכלעך פון העברעאישע לערנביכער, גלייכצייטיק אויך געשריבן דערציילונגען אין „דער יוד" און „דער טאָג".

טש. האָט פאַרעפנטלעכט אַ דריי-אַקטיקע קאָמעדיע „נאָכן שטרייק" (פאַרלאַגס-ביוראָ, וואַרשע, 1907) [40 ז.].

נאָך אַ 2-יאָריקער שווערער קראַנקהייט איז טש. אין 1910 אָדער 1911 געשטאָרבן אין בערלין.

נאָך זיין טויט איז אַ זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען דערשינען אין איין באַנד אין פ״ג „ביכער פאַר אַלע" מיט אַ פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער.

ז. רייזען — „לעקס. איד. ליט.", I, ז. 1199.

טשיזשיק, בונעם

[זע בונעם בדחן, „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", I, זז. 132-33].

טשיזשיק, דאָראַ

געבוירן בערך 1869 אין ריגע, לעטלאַנד. אין עלטער פון 20 יאָר געקומען אין הול (ענגלאַנד) און אַריינגעטראָטן אין אָרטיקן יידישן טעאַטער (לייטונג — ה. פיינבערג). עטלעכע יאָר שפּעטער באַקענט זי זיך אין מאַנטשעסטער מיטן אַקטיאָר יאָסל טשיזשיק, האָט מיט אים חתונה און פאָרט אַרום מיט אים שפּילן יידיש טעאַטער איבער די גרעסערע פּראָווינץ-שטעט פון ענגלאַנד.

צוריקגעקומען אין לאָנדאָן, טרעט טש. אַריין אין יידישן פּאַוויליאָן-טעאַטער, וואו זי שפּילט עטלעכע סעזאָנען, האָבנדיק דאָ די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלערן. שפּעטער שפּילט זי אין די טרופּעס פון מאָריס וואַקסמאַן, יאָזעף קעסלער, זיגמונט פיינמאַן און מאָריס מאָשקאָוויטש.

אין די יונגערע יאָרן האָט טש. געשפּילט סובּרעטין-ראָלן, שפּעטער איז זי איבערגעגאַנגען אויף מוטער-ראָלן.

זינט 1922 האָט טש., צוליב קראַנקהייט, זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ש. ע.

טשיזשיק, יוסף

געבוירן בערך 1865 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — בונעם בדחן. אין עלטער פון 9 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן צו אַ בייטל-מאַכער. אַרום 1882 זינגט טש. אַ קורצע צייט אין כאָר ביי „די בראָדערזינגער" (טאַגער, שמוליאַק, נאַכאַמקוס, בראַלמאַן) אין וואַרשע און קערט באַלד צוריק צו זיין פאַך.

1889 — געקומען אין לאָנדאָן און דעביוטירט אַלס „פויער" אין דער פּיעסע „די פוילישע רעוואָלוציע" (מאַקס ראָזענטאַל, יוסף גאָלדשמידט, דזשעני קייזער, פעני עפּשטיין, פעני בלומענטאַל). זינט דאַמאָלט שפּילט ער יידיש טעאַטער אין פאַרשיידענע קלובן אין לאָנדאָן, דערנאָך אין פּאַריז, בערלין און בעלגיע, אויס-

צייכנדיק זיך אַלס „קוני לעמעל“, „די באָבע יאַכנע“ און אין אַנדערע קאָמישע פּרויען-ראָלן.

זינט דער מלחמה פאַרנעמט זיך טש. מיט שוואַרץ-קינסטלעריי אין לאָנדאָן.

מ. ע.

זלמן זילבערצווייג — דער טאַטע אַ באַריהמטער וואַרש. בדחן — דער זוהן אַ משומד און דיריזשאָר אין קייזערליכען טעאַטער אין מאָסקווע, „אונז. עקספּ.“, וואַרשע, 162, 1928.

טשיזשיק, לאה

געבוירן בערך 1857 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — בונעם בדחן. אַרומגעפאָרן צוזאַמען מיט איר פאָטער און דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין כאָר פון יידישן טעאַטער (חיימאָוויטש, באָריס אַלט-מאַן א. א.). נאָך דער חתונה מיט קעמפנער, געשפּילט מיט אים און מיט יעקב פּ. אַדלער אין לאָנדאָן, אַרויסטרעטנדיק אַלס „שולמית“, „דינה“ און ענלעכע ראָלן.

בעתן זינגען באַקומען אַ בלוט-שטורץ און געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון דער בינע.

טש. געפינט זיך אין אַ מושב-זקנים אין לאָנדאָן.

מ. ע. פון יוסף טשיזשיק.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, ז. 242.

זלמן זילבערצווייג — דער זוהן אַ משומד און דיריזשאָר אין קייזערליכען טעאַטער אין מאָסקווע, „אונז. עקספּ.“, וואַרשע, 162, 1928.

טשיזשיק, מאַניאַ

[פירשטענפעלד]

געבוירן 1883 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן. פאָטער — אַ באַזיצער פון אַ שענק און אַ האָטעל, וואו אַקטיאָרן פלעגן איינשטיין. בעת אַ יידישע טרופּע האָט דאָרט זיך אויפגעהאַלטן, איז דער אַקטיאָר עמנואל טשיזשיק אַוועק מיט ט. אָן דער עלטערנס וויסן, און נאָך דער חתונה מיט איר, זי אַרויפגענומען אויף דער בינע.

ט. האָט ביז דער מלחמה מיט געמאַכט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַן. זינט 1914 שפּילט זי אין לאָנדאָן.

מ. ע. פון עמנואל טשיזשיק.

מ. מיאַדאָוניק – מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן“, מינסק, זשורנאַל, 2-3, 1, 1926.

טשיזשיק, משה

זון פון בונעם בדחן. אַרומגעפאָרן מיט זיין פאָטער, דערנאָך אַליין געוועזן אַ בדחן. געדינט אַ קורצע צייט ביים מיליטער אין נאַרוואַ, און גאָכן באַפרייט ווערן אַריינגעטראָטן אַלס כאָר-זינגער אין רוסישן טעאַטער אַמטאקעל אין נאַרוואַ.

נאָך אַלס קינד געשפּילט וויאָלין, שטודירט דערנאָך טש. אין

קאָנסערוואַטאָריע, טרעט אָבער באַלד אַריין אין דער יידישער טרופּע פון קאַהאַן אין וואַרשע, וועלכע שפּילט אין טעאַטער אַר-קאַדיאַ גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע“ און „קוני לעמעל“ אָבער נאָך 9 פאָרשטעלונגען האָט די טרופּע געמוזט אויפהערן שפּילן צוליב די פּראָטעסטן פון פּובליקום, אַז מען לאַכט אָפּ אין די פּיעסעס פון יידן. טש. פאָרט קיין מאָסקווע, וואו ער טרעט אַריין (לויט יוסף און עמנואל טשיזשיק) אין אָרקעסטער פון דער קייזערלעכער אָפּערע און ווערט דאָרט איניקע יאָר שפּעטער, א׳פּ טשיזשיקאָוו, דיריגענט דער אָפּערע. צוליב אַ מסירה איז טש. געצוואונגען זיך צו שמדן.

מ. ע. פון יוסף און עמנואל טשיזשיק.

זלמן זילבערצווייג – דער טאַטע אַ באַריהמטער וואַרש. בדחן – דער זוהן אַ משומד און דיריזשאָר אין קייזערליכען טעאַטער אין מאָסקווע. „אונז. עקספּ.“, וואַרשע, 162, 1928.

טשיזשיק, עמנואל



געב. 26 דעצ. 1867 אין וואַרשע, פּוילן פאָטער – בונעם בדחן.

געלערנט אין לאָדזש אין חדרים און אויך ביי יידישע לערער — דייטש, רוסיש און פּויליש.

ווען זיין פאָטער לאָזט זיך אַרויס אי-בער דער מדינה, גיט ער אים אַריין צו אַ פעלדשער אויף דער לער אַלס פריזירער. נאָך אַ יאָר פאָרט טש. צו זיין מוטער קיין וואַרשע, וואו ער אַ־בעט אַלס פריזירער און שפּעטער אַלס בייטל-מאַכער.

ווען זיין פאָטער קומט צוריק פון רוסלאַנד און פאָרט איבער די קליינע שטעטלעך פון פּוילן, נעמט ער אים מיט צו זינגען ליד-לעך. פון פּוילן פאָרן זיי קיין גאַליציע, וואו זיי וואַנדערן צוזאַמען מיט אַלטער מעליצער אַלס בדחנים און „פריילעכמאַכער“.

אין קראָקע טרעט טש. אַריין אַלס כאָריסט אין טרייטלערס טרו-פּע, קומט צוריק אין פּוילן, און פאָרט ווידער מיטן פאָטער אויף חתונות.

נאָך אַ קורצע צייט ווערט ער אַ זעלבסטשטענדיקער בדחן אין זשעליכאָוו, דינט 4 יאָר אין מיליטער, און ווען ער קומט צו-ריק אַלס אונטעראָפיציר, טרעט ער ווידער אויף אַלס בדחן צוזאַ-מען מיט זיין פאָטער. ווען אין טאָמאַשאָוו פעלט אויס אין דער טרופּע פישזאָן-געליס אַ ראָליסט פאַר „ברײנדעלע קאָזאַק“, טרעט טש. אַריין אין דער טרופּע אַלס אַקטיאָר. דערנאָך גייט ער איבער אין דער טרופּע פון אברהם-יצחק קאַמינסקי, מיטמאַכנדיק אַ טורנעע איבער די קליינע שטעטלעך. שפּעטער פאָרט ער צוזאַמען מיט קאַמינסקין קיין וואַרשע, פון וואַנען זיי מאַכן ווידער אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ, שפּילנדיק אין שטאַלן און אין איינ-פאָר-הייזער.

פון פּוילן „גייט“ די טרופּע קיין רוסלאַנד, אָבער אַזוי ווי נישט אומעטום דערלויבט מען צו שפּילן, קומט טש. צוריק אין וואַרשע. פון וואַנען ער ווערט אַרויסגערופן קיין פּאָלטאַווע אין דער טרופּע קאַמינסקי-ספּיוואַקאָווסקי, שפּעטער פאָרט ער אַרום מיט די פאָלקס-זינגער זאַבלאָצקי, קיסעלעווסקי און פּאָלעוויק, מיט דער טרופּע

קיידאַנאָוו־גאָלדפאַדען, ספּיוואַקאָווסקי און דערנאָך 3 יאָר אין וואַרשע אונטער ווייספּעלדס דירעקציע, זייענדיק דאָרט רעזשיסער. נאָכן שפּילן אייניקע חדשים אין בענדין, פאַרווערט מען צו שפּילן יידיש, און טש. ווערט דאָרט ווידער בדחן

שפּעטער ווערט טש. אַרויסגערופן קיין לאָנדאָן פון זיין ברודער, דעם אַקטיאָר יאָסל, אָבער נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט דאָרט צו שפּילן, האַנדלט ער 6 יאָר מיט סיגאַרן. פון לאָנדאָן קומט ער אין פּאַריז, וואו ער שפּילט מיט ספּיוואַקאָווסקי און פּעני וואַדיאַ עפּשטיין, דערנאָך אין בעלגיע און ווין. אין קריגס־צייט שפּילט ער 5 יאָר אין קאַרלסבאַד (יעדן זונטאָג), שפּעטער גיט ער יידישע קאָנצערטן אין פּראָג און קומט פון דאָרט אין פּאַריז, וואו ער שפּילט זעלטן.

דאָ הויבט ער אָן פאַרפאַסן לידלעך אויף באַקאַנטע מאָטיוון פון זיי זיינען בערך 10 געדרוקט און צייכנען זיך אויס מיט דער פאָלקסטימלעכקייט פון אַמאָליקע בדחנים.

טש. האָט אויך באַאַרבעט פּרץ „מאָניש" אין אַ 4־אַקטיקער פּיעסע.

מ. ע.

מ. מיאַדאָוויניק – מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, I, II, 1926.

זלמן זילבערצוויייג – דער טאַטע אַ באַרימטער וואַרש. בדחן – דער זוהן אַ משומד און דיריזשאָר אין קייזערליכען טעאַטער אין מאָסקווע, „אינז. עקספּ.", וואַרשע, 162, 1928.

ז. ז. [זילבערצוויייג] – עפּיזאָדן פונם אַלטן יידישן טעאַטער, „טעאַט"צט", וואַרשע, 3 (10) 1929.

טשייקאָווסקי, הערי

[הערשל חייקאָווסקי]

געב 8 דעצ 1889 אין קאַמינקע, טאַווריטשעסקער גוב, קרים. פאָטער – אַ תבואה־סוחר.

די עלטערן פאָרן קיין אַרגענטינע זיך קאָלאָניזירן אין באַראָן הירשס קאָלאָניעס און דאָרט לערנט טש. אין חדר און שפּעטער אין גימנאַזיע. גלייכצייטיק זינגט ער ביי אַ חזן.

אין 1902 ווערט טש. אַ כאָריסט אין גוטענטאַגס יידישער טרופּע, וואו זיין ברודער זינגט אין כאָר. דאָרט בלייבט טש. 8 יאָר. אין 1910 טרעט ער אַריין אין דער טרופּע פון בעני שיינגאָלד און סעם שילינג אין בוענאָס־איירעס און אין 1915 ווערט ער דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין ריאָ דע זשענייראָ (בראַזיליע). אין 1917 שפּילט ער ווידער אין בוענאָס־איירעס צוזאַמען מיט גאָלדענבורג און יעקב זילבערט.

אין 1919 גייט טש. אַריבער אויף דער שפּאַנישער בינע, וואו ער שפּילט 3 יאָר. דעם 22 יולי 1922 קומט ער צוריק אין אַמעריקע און טרעט אַריין אין הערשל צוקערבערגס טרופּע, וואו ער שפּילט אַ סעזאָן אין מאָנטרעאַל, דאַן אין שיקאַגאָ, 7־1926 – ביי יאָזעף קעסלער אין מעקינלי סקווער־טעאַטער, פאָרט קיין אייראָפּע

און שפּילט 8־1927 ביי יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער און 9־1928 אין בעלגיע ביי נ. בלומענטאַל, דערנאָך ווידער אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און בעלגיע.

מ. ע.

דער מאַן פון די באַקס – טהעאַטער מיניאַטורען, „די פּאָסט", לאָנדאָן, 16 דעצ. 1927.

הערי טשייקאָווסקי – ווי אַזוי בין איך געקומען צו דער ביהנע? „די פּאָסט", לאָנדאָן, 23 דעצ. 1927.

ט. – אַן אָוונט לכבוד ה. טשייקאָווסקי, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּען, 22, 1929.

טשעטשיק, דוד

געבוירן 25 דעצעמבער 1893 אין פּינסק, פּוילן. געענדיקט אַ מיטלשול. אָנגעהויבן שפּילן אין דער קיעווער דראַמסטודיע ביי דער „קולטור־ליגע" און דערנאָך איבערגעגאַנגען אַלס מיטגליד אין „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער", מיט וועלכן ער מאַכט אויך מיט דעם אייראָפּעאישן טורנע.

טש. האָט אויך זיך באַטייליקט אין פילם „יידישע גליקן" פון שלום־עליכם.

ש. ע.

טשעמערינסקי, ברוך

געבוירן 28 דעצעמבער 1889 אין דער ניי־שטאָט פון מוראַפּא, פּאָדאָל. גוב., אוקראַאינע. פאָטער – רב און שוחט. דערצויגן געוואָרן אין קראַסנאַ. געלערנט אין חדר, 7 יאָר ביים פאָטער, אין בית־המדרש און פאַרבאָרגענערהייט למודי־חוץ. פון קינדווייז אָן געהאַט אַ נייגונג צו בדחנים און פּאָקוסניקעס, און בעת ס'פלעגן אָנקומען אין קראַסנאַ משוררים, וועלכע פלעגן אין מיטן וואָך זיך „פאַרשטעלן", פלעגט טש. זיי אַרויסהעלפן אין דער טעכנישער צוגרייטונג.

אין עלטער פון 16 יאָר אַנטלאָפן קיין וויניצע, וואו ער האָט אָנגעהויבן סופלירן ביי „ליבהאָבער", שפּעטער אויך מיטגעשפּילט קליינע ראָלן און גענומען שרייבן פּיעסעס. אין וויניצע האָט ער אויך געלערנט אַלס עקסטערן און זיך מפרנס געווען פון געבן העברעאישע לעקציעס.

צוליב זיין נייגונג צו מאָלעריי אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, וואו ער לערנט אין דער קונסט־מאָלעריי־שול א'א פון רענגבאַלד און איז אַן אייפריקער באַזוכער פון יידישן טעאַטער (סאַבסיי, פישזאָן), בפרט פון הינטער די קוליסן. אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון אָדעס, קומט טש. צוריק אויף אַ פאַלשן פּאַס, עקזאַמענירט זיך אין רב צעירס ישיבה, לערנט אַלס עקסטערן און טרעט אַרויס אויף פּריוואַטע אָוונטן מיט אייגענע „שטיק" (אָדעסער טיפּן). ווידער אַרעסטירט, אַנטלויפט ער קיין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, וואו ער פירט אויף אין אַ גבירישער שטוב זיין פּיעסע „פּורים־שפּיל", וואָס באַ־

זירט זיך אויף די רדיפות קעגן יידישן טעאַטער מצד דער רוסישער מאַכט. ווידער צוריקגעפאָרן קיין אָדעס, באַמיט זיך טש. אָן דערפאָלג, אַריינצוטרעטן אין אַ יידישער טרופּע און פאָרט צוריק אין 1913 קיין וויניצע, וואו ער דערנערט זיך אַלס לערער און טרעט אַרויס אויף אָוונטן מיט פּראָגראַמען פון „טאָג-ענינים". צוליב דעם אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה פאַרבליבן אין וויניצע, פירט ער אויף (ביז 1917) פאַרשיידענע „אָוונטן" מיט די מיטגלידער פון דער „ליט. קונסט געזעלשאַפט" (וועלכע רופט זיך שפּעטער „אונזער ווינקל"), ווי אויך פּיעסעס פון גאָרדין-רעפּערטואַר (אין אַ טייל פון די פאָרשטעלונגען באַטייליקט זיך אויך דער אַקטיאָר יעקב ליבערט).

דעם 25 דעצעמבער 1918 פירט ער אויף אין וויניצער שטאָט-טעאַטער „כתרילעווקע, אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, לויט שלום-עליכם פון ב טשעמערינסקי" און דעם 2 יוני 1919 פירט אויף טש. „שלים שלים-מזל, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, לויט שלום-עליכם פון ב. טשעמערינסקי".

אַלס וויצע-דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין וויניצע פירט דאָרט אָן טש. מיט די שילער-פאָרשטעלונגען און אָרדנט אויך איין „אָוונטן" צוזאַמען מיט דוד ווארדי.

1919 — איז טש. אַריינגעטראָטן אין מאָסקווער העברעאישן טעאַטער „הבימה", וואו ער ווערט שפּעטער איינער פון די וויכטיקסטע שוישפּילער און פירער פון טעאַטער, מיט וועלכן ער מאַכט מיט אין 1926 דעם טורנעע איבער אַמעריקע, און נאָך דער דאָרטיקער שפּאַלטונג פון דער טרופּע ווערט ער דער הויפּט-אָנפירער פון דעם טייל „הבימה", וואָס באַזעצט זיך אין ארץ-ישראל.

אין „הבימה" האָט טש. אויפגעפירט (צוזאַמען מיט צבי פרידלענדער) ה. לייוויקס „כבלים" [„קייטן"], „עמך" [„דאָס גרויסע געווינס"] פון י. ד. בערקאָוויטש לויט שלום-עליכם און זיין אייגענע דראַמאַטיזירונג פון ח. נ ביאַליקס „דער קורצער פרייטאָג".

טש. האָט פּ׳רעפּנטלעכט מערערע אַרטיקלען וועגן טעאַטער בכלל און וועגן דער „הבימה" בפרט דערונטער אַ סעריע זכרונות אין "Еврейская Летопись",,.

מ. ע.

אברהם בליי-צפורי — דאָס האַרץ פון דער „הבימה", „דאָס יודישע פאָלק", נ. י., 21 יאַנואַר 1927.

מאָרריס מייער — אַ רעאַלער זין צו אַ טיעפען סימבאָל „די צייט", לאָנדאָן, 7 יאַנואַר 1931.

טשעמערינסקי, חיים-אליעזר-משה

[זע ר׳ מרדכי׳לע].

טשעפּלין

שוועסטער פון גאָלדפאַדענס אַקטריסע ראָזאַ פרידמאַן. האָט געשפּילט די „ערשטע ציגיינערין" אין דער יידישער „טראַוויאַטאַ"-אויפפירונג אין לאָנדאָן.

מ. ע. פון פערדינאַנד שטויב.

טשעריש, דזשעק

[יצחק-יעקב חרש]

געבוירן 3 אַפּריל 1886 אין זגוריצא, בעסאַראַביער גוב., בעסאַראַביע. פאָטער — אַ תבואה-הענדלער. געקומען אין 1890 מיט די עלטערן אין אַמעריקע. דאָ געענדיקט פּאַבליק-סקול, שטודירט יורי אין יעיל-אוניווערזיטעט אין ניו-הייווען, אין ניו יאָרק-אוניווערזיטעט און אין ברוקלין לאָ-סקול, זייענדיק צוגלייך ביז 1917 באַשעפטיקט ביי אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן. 1917 — געווען דראַמאַטישער רעדאַקטאָר אין „אַמעריקען וויקלי דזשואיש ניוס", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגער אַרטיקל וועגן שוואַרץ אירווינג פּלייס קונסט-טעאַטער און באַלד דערויף געוואָרן ענגלישער פּרעס-אַגענט פון דעם טעאַטער.

שפּעטער איז טש. געווען פּובליסיטי-דירעקטאָר און פאַרוואַלטער אין אירווינג פּלייס-טעאַטער א"ל פון בן-עמי, וועמענס פּובליסיטי-מענעדזשער ער איז אויך אויף דער ענגלישער בינע.

דעם 10 דעצעמבער 1924 איז אין אירווינג פּלייס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן טש.׳ס איבערזעצונג „ליבע אויף רעדלעך" (רעזשי ל. זאַץ) פון דער ענגלישער קאָמעדיע „סיקס סילינדער לאָוו".

אין 1926 איז אין שיקאַגאָ אויפגעפירט געוואָרן טש׳ס איבערזעצונג פון דער דייטשער פּיעסע „אַלט היידעלבערג" (מיט יעקב בן-עמי רעזשי — יעקב מעסטעל).

1928 איז טש. געווען פּרעס-דירעקטאָר ביי דער „הבימה" בעת איר גאַסטשפּיל אין אַמעריקע און אין 1929 בעת זייער איינציקער יידישער אויפפירונג פון „פּרינצעסין טוראַנדאָט".

ש. ע.

טשערניאַווסקי, יוסף

געבוירן 31 מערץ 1894 אין לובני פּאָלטאַווער גוב., אוקראַאינע. זיידע (פּראָטאָטיפּ פון שלום-עליכמס „סטעמפּעניו") און פאָטער — קלעזמער. געלערנט אין חדר און אַרומגעפאָרן מיטן פאָטער אויף חתונות, געשפּילט אויף אַ פּייקל. געלערנט ביים פאָטער טשעלאָ און אַרויסגעטראָטן פאַר פּריצים. געב אַכט געוואָרן דורך די פּריצים אין אָדעס, דאָ גענומען לערנען ביי זיין מוטערס ברודער אַלעקסאַנדער פידעלמאַן (זון פון פּסח קלעזמער) קורץ דערויף געשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג, וואו ער שטודירט מוזיק אויפן חשבון פון דער מלוכה.

1911 — געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל די מוזיק־שול אין פּעטערבורג אַלס טשעליסט און דיריגענט און געשיקט געוואָרן קיין לייפּציג צו פּראָפ. יוליוס קלענגעל.

אַלס שילער אין מוזיק־שול געווען אַ מיטגליד אין יידישן קאַמער־אַנסאַמבל „זמרה", וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן יידישע קאַמער־מוזיק, און יעדן זומער, פּאָרנדיק אַהיים אויף וואַקאַציע, פאַרצייכנט אין שטעטל די יידישע בדחנים־נומערן ווי אויך געקליבן חתונה־ניגונים, וועלכע ער באַאַרבעט דערנאָך פאַר „זמרה".

1914 — צוריקגעקומען אין פּעטערבורג. דאָ געשפּילט אין רוסישע אָרקעסטערס, דיריגירט און געשריבן קאָמפּאָזיציעס און זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ טורנעע מיט „זמרה" איבער רוסלאַנד, סיביר, יאַפּאַן און אינדיע.

1918 — געקומען קיין אַמעריקע און אין אָנהויב 1919 אַרומגעפאָרן מיט „זמרה" איבער אַמעריקע אין משך פון דער צייט האָט טש. אָנגעשריבן די קאָמפּאָזיציע צו שלום־עליכםס „איך וויל נישט גיין אין חדר", וועמענס טעקסט איז באַאַרבעט און געזונגען געוואָרן דורך לודוויג זאַץ.

צוריקגעקומען פון טורנעע, איז טש. אַרויסגעטראָטן אין ניו־יאָרק אויף קאָנצערטן, געשפּילט פאַר רעקאָרדס און אַנגאַזשירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרץ אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט פאַרן קונסט־טעאַטער, וואו ס'ווערט דעם 8 אַפּריל 1920 אויפגעפירט טש.'ס „משה פידלער, אַ בילד פון קלעזמער־לעבן אין 1 אַקט, אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ". טש. אַראַנזשירט אויך דאָ די מוזיק פאַר אַנסקיס „דער דבוק" (1 סעפּט. 1921), פון וועלכע ס'זיינען אַרויס אין דרוק „דער בטלנים־טאַנץ" און „דעם צדיקס זמר".

דעם 3 נאָוועמבער 1992 פירט אויף באָריס טאָמאַשעווסקי אין נעשאָנאַל־טעאַטער ה. קאַלמאַנאָוויטשעס אָפּערעטע „טענץ, געזאַנג און ווײַן" מיט מוזיק פון טש.

דער 18 יאַנואַר 1923 ווערט אין אירווינג פּלייס־טעאַטער אויפגעפירט דורך לודוויג זאַץ קאַלמאַנאָוויטשעס קאָמעדיע „דער גזלן" מיט מוזיק פון טש.

צום סעזאָן 1923־24 ווערט טש. אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקין אין בראָדוויי־טעאַטער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט און דאָ ווערט דעם 3 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט א. קאַרטאָזשינסקיס קאָמעדיע „די דריי קליינע ביזנעסלייט" מיט מוזיק פון טש, דעם 30 סעפּטעמבער 1923 טאָמאַשעווסקיס מוזיקאַלישע פּיעסע „איך און דו" מיט קאָמבינירטער מוזיק, דערונטער אויך פון טש.. און דעם 2 נאָוו. 1923 טאָמאַשעווסקיס באַנייאונג פון זיין אָפּערעטע „פריילעכע שניידערלעך" מיט מוזיק פון טש.

אין פעברואַר 1924 ווערט אויפגעפירט אין אירווינג פּלייס־טעאַטער נ. בראַקערס [סטוטשקאָוו] קאָמעדיע „מזל צו פרויען", מוזיק פון טש., און דעם 28 מערץ 1924 — אין האָפּקינסאָן־טעאַטער מאיר שוואַרץס טראַגי־קאָמעדיע אין 3 אַקטן „אַ שפּיל מיט פייער" [שפּעטער גערופן „אַ חתן אויף שפּאַס"].

דעם 11 מערץ 1925 איז אין יידישן קונסט־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרץ זיין פרייע באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „די כשוף־מאַכערין", מוזיק אַראַנזשירט פון טש.

אין סעזאָן 1925-26 איז טש. אַנגאַזשירט געוואָרן אין לענאָקס־טעאַטער, וואו ער שרייבט מוזיק־נומערן פאַר די דאָרט־געשפּילטע מעלאָדראַמעס (צווישן אַנדערע: דעם 17 סעפּט. 1925 וויליאַם סיגעלס „שלעכטע חברים" און דעם 6 נאָוו. 1925 ה. קאַלמאַנאָוויטשעס „ווייבערישע חכמות").

צום סעזאָן 1926-27 ווערט טש. אַנגאַזשירט אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט אין פּאָבליק־טעאַטער, ער באַווייזט אָבער בלויז צו אַראַנזשירן און דיריגירן די אויפפירונג פון קאַלמאַנס „פּאַריזער ליבע" [„באַיאַדעראַ"] און ציט זיך צוריק פון טעאַטער.

אַ לענגערע צייט האָט טש. געשפּילט אַלס טשעליסט אין גרויסן ראָקסי־ [וואָדעוויל] טעאַטער און אַנדערע וואָדעוויל־טעאַטערס און זינט 1928 איז ער פאַרבונדן מיט קלאַנג־פילם־געזעלשאַפטן אין האָליוואוד.

אַ באַזונדערן אויפטו האָט טש. צו פאַרצייכנען אַלס גרינדער און דיריגענט פון דער „חסידים־קאַפּעליע", מיט וועלכער ער האָט געפּרובט „פאַרדזשעזן" חסידישע נגונים.

מ. ע. און מ. ע. פון יעקב מעסטל.

אַב. קאַהאַן — די נייע אָפּערעטקע אין טהאָמאַשעפסקיס טהעאַטער, „פאָרוו."", נ. י., 10 נאָוו. 1922.

טשערניאַק, עני

[פיינמאַן]

געבוירן 15 יולי 1896 אין אַ קליין שטעטל אין גראָדנער גוב., פּויליש־ליטע, ביי בעלהביתישע, פרומע עלטערן. אַלס קינד פון 10 יאָר איז טש., נאָכן טויט פון איר פאָטער, געקומען אין אַמעריקע צו איר שוועסטער און ברודער. דאָ געלערנט אין פּאָבליק־סקול און אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו זינגען און טאַנצן.

אין עלטער פון 16 יאָר אַוועק מיט אַ מיוזיקל שאָו קיין פילאַדעלפיע, איז אָבער באַלד אָפּגעפאָרן צו אַ מומען אין באָסטאָן, וואו זי האָט געאַרבעט אין אַ לײדיס־ווייסטס־שאַפּ און אַלס מיטגליד אין אָרטיקן „יעקב גאָרדין דראַמאַטיק קלאָב" דאָרט דעביוטירט אין דער טיטל־ראָל פון גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת". שפּעטער האָט טש. זיך מיטבאַטייליקט אין דער „אָסקאַר גרין סטאַק קאָמפּאַניע" (גרין, עני לובין, מאַקס באַדין, מאָריס באַלאַנאָוו א. א.) איבער דער פּראָווינץ און געשפּילט אין טעאַטער פּיפּעדיא פּלעי הויז אין באָסטאָן, וועלכעס זי האָט שפּעטער איבערגענומען צוזאַמען מיט איר מאַן יעקב טשערניאַק.

1929 — פירט טש. אַ נישט־יוניע טרופּע אין דער סביבה פון ניו־יאָרק, וואו זי איז די פּרעמיערשע און האָט אויך דאָרט אויפגעפירט איניקע פּיעסעס, וועלכע זי אַליין האָט געשריבן. 1930-33 — שפּילט טש. אין בראָנקסער מעקינלי סקווער־טעאַטער אין דער „קאָאָפּעראַטיווע אייראָפּעאישע טרופּע".

טש. איז אַ מיטגליד פון „אינדעפּענדענט היברו עקטאָרס ליג".

ש. ע.

יאַבלאָנסקי, אברהם־יצחק

[יאַבלאָנקאָ]

געבוירן 1888 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ באַזיצער פון אַ צעלניק־געוועלב, איז געשטאָרבן, ווען י. איז 6 יאָר אַלט געווען, האָט דער קליינער יתום כמעט אַליין זיך דערצויגן און געלערנט לייענען און שרייבן מיט **דער הילף פון אַ „זעלבסט־לערער"**.

נאָכן **באַטייליקן** זיך אין 1905 **אַלס** „אוריאל" אין אַ „ליבהאָבער"־אויפפירונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ" פאַר די **געליטענע** פון קעשעניעווער פאָגראָם, איז י. אַנגאַזשירט געוואָרן אין קאָמפּאַניעץ טרופּע, וואו ער האָט געשפּילט רעזאָנאָרן און אין 1906 — דראַמאַטישע ליבהאָבער־ראָלן, אונטער מייערסאָנס רעזשי. דערנאָך געשפּילט מיט אַדלער, קאַמינסקי און ראַפּעל אין גאָרדין־רעפּערטואַר. אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט קיין עסטרייך, האָט י. אָרגאַניזירט אין **קאָלאָמעער** קולטור־פאַראיין אַ דראַמאַטישע סעקציע, מיט וועלכער ער **האָט** אין משך פון **2** יאָר אויפגעפירט **דעם בעסערן** רעפּערטואַר צו 2 **פאָרשטעלונגען** אַ חודש, גאַסטראָלירנדיק מיט **דעם קרייז אויך איבער דער** גאַליצישער פּראָווינץ.

צוליבן וועלט־קריג געמוזט אויסוואַנדערן קיין בעהמען, דערנאָך קיין מעהרען **און אונגאַרן**, ביז ער קומט אין ווין, וואו ער טרעט אַריין אין „**די פרייע** יידישע **פאָלקס**־בינע" א"ל פון ברעכער און דייטש. נאָך **דער צעפאַלונג פון דער** טרופּע — אַריבער קיין פּאַריז, וואו ער **האָט** געשפּילט אין די דאָרטיקע יידישע טעאַטערס ביז 1930.

ש. ע.

יאַבלאָקאָוו, חיים

[יאַבלאָניק]

געבוירן 11 אויגוסט 1902 אין גראָדנע, פויליש־ליטע. געענדיקט אַ העברעאישע שול און געזונגען אַלס משורר ביים שטאָט־חזן ר' יאָשע סלאָנימער. דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט אַנדערע חזנים.

אין מלחמה־צייט נעמט אים אַריין דער טעאַטער־דירעקטאָר גוזיק אין זיין טרופּע, וואו י. דעביוטירט אין דער קינדער־ראָל „ישראליק" אין טאָמאַשעווסקיס „דאָס פּינטעלע ייד" (אין רוסיש, צוליבן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער), שפּעטער גייט ער איבער צו דערוואַקסענע ראָלן אין די טרופּעס פון ליפּאָווסקי און קאָמפּאַנעיעץ, איז 4 יאָר מיט דער „קאָוונער פאַראייניקטע טרופּע" און וואַנדערט דערנאָך מיט יידיש טעאַטער איבער לעטלאַנד, דייטשלאַנד און האָלאַנד.

אין 1924 געקומען אין אַמעריקע, שפּילט י. אין טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל און לאָס אַנדזשעלאָס, דעם סעזאָן 1927-8 — אין בראָנזווילער האָפּקינסאָן־טעאַטער, 1929-30 — אין ברוקלינער ליריק־טעאַטער,

1930-32 — אין שיקאַגער לאָנדייל־טעאַטער. **זומער 1931 גאַסטראָלירט אין פּאַריז צוזאַמען** מיט מישע פישזאָן.

דעם 24 פעברואַר 1931 **אָנגענומען** געוואָרן **אַלס מיטגליד אין דער** יידישער אַקטיאָרן־יוניע. 1932-33 — שפּילט י. אין **ברוקלינער** האָפּקינסאָן־טעאַטער.

י. איז פאַרהייראַט צו דזשאַנעט פליישמאַן, קאָמפּאָזיטאָרין און פּיאַניסטין אין יידיש טעאַטער.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י., **16** דעצ. 1927.

יאַגאָדאַ, זאַכאַר

געבוירן 10 סעפּטעמבער 1898 אין אָסטראָלענקאָ, לאָמזשער גובערניע, פוילן. פאָטער — אַ בלעכער. געלערנט זיך ביים פאָטער.

בעת דער וועלט־מלחמה געקומען אַלס היימלאָזער אין אָדעס און דאָ צום ערשטן מאָל באַזוכט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג („אַוורעמעלע פּראָוואָדניק", אויפגעפירט פון קאָריק), וועלכע ברענגט אים אַריין אין באַגייסטערונג פאַר טעאַטער־שפּילן. ער הויבט אָן אין שטוב נאָכקאָפּירן די אַקטיאָרן און „טרעט" אַרויס דערנאָך אָפט פאַר די געסט פון זיין בעל־הבית.

1917 געווען אַ סטאַטיסט אין ליבערטס טרופּע אין פּענזע, דערנאָך געווען ראָלן־איבערשרייבער אין ברייטמאַנס טרופּע אין אַסטראַכאַן. נאָכן אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר דעלעגירט געוואָרן אַלס סופלער אין לערמאַנס טרופּע אין דער פּראָווינץ, דערנאָך געווען סופלער ביי בראַנדעסקאָ אין פּאָלטאַווע, 1919 — סופלער ביי זאַסלאַווסקין, און ערשט אין טאַשקענט געהאַט די געלעגנהייט איינציקע מאָל צו שפּילן ביי באַטאַנסאָן־גראָסמאַן, שפּעטער ווידער געוואָרן סופלער און אין 1922 אַריינגעטראָטן אַלס אַקטיאָר אין יידישן טעאַטער „קונסט־ווינקל" אין אוקראַאינע. סוף 1925 — מיטגעפאָרן מיטן באַוועגלעכן טעאַטער „בעוקער", 1926 - אַריינגענומען געוואָרן אין כאַרקאָווער ערשטן יידישן מלוכה־טעאַטער, סוף 1928 — איבערגעגאַנגען אין קיעווער מלוכה־טעאַטער און דערנאָך אין כאַרקאָווער טעאַטער פאַר קליינע פאָרמען ביים „געזקולט".

ש. ע.

יאָוועליר, דזשין (בעלאַ)

געב. 31 מאַי 1904 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — די אַקטיאָרן קלמן יאָוועליר און יעטאַ רויך. געלערנט אין פּאָבליק־סקול, האַי־סקול און 3 סעמעסטערס באַקטעריאָלאָגיע אין קאַלעדזש. אַליין זיך געלערנט יידיש לייענען און שרייבן.

נאָך זייענדיק אין האַי־סקול האָט י. געשפּילט 4 חדשים לייכטע דראַמאַטישע ראָלן אין ענגליש אין גריניטש ווילעדזש (אין אָ'ניעלס 1־און־3־אַקטערס) און ערשט אין

1925 קעגן פּאַטערס ווילן, אָנגעהויבן שפּילן יידיש אין קאַליפאָרניע אין יעקב גאָלדשטיינס טרופּע. אַ סעזאָן שפּעטער האָט י. געשפּילט אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער און געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניע. 1926-8 — געשפּילט אין באָסטאָן ביי האָלענדער, 1928-9 — ביי א. ליטמאַן און ס. אויערבאַך אין דעטראָיט און 1929-30 — ביי ס. אויערבאַך און פישזאָן אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, 1930-31 — אין פילאַדעלפיע ביי ס. אויערבאַך און 1931-32 — אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער.

אַמפּלואַ — צווייטע ליבהאָבערין און דראַמאַטיסטין.

מ. ע.

יאָוועליר, קלמן

געב. 12 מאַי 1863 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע, ביי אָרימע עלטערן. צו 9 יאָר געזונגען ביים חזן ברוך שאָר און אַ קורצע צייט שפּעטער ביים חזן פון דער פאָרשטאָטישער שול, אהרן-שלום שירמאַן. דערנאָך געוואָרן אַ „פאָלקסזינגער" צוזאַמען מיט משה מרדכי, אהרן פאַרך, (עוזר מאַרשעלעקס ברודער), שפּעטער מיט די „בראָדער-זינגער" חיים בענדעל, קאָפּקע-דובינסקי, חיים-שמואל לוקאַטשער, אפרימל בראָדער, מענדעלע ראָטמאַן און מיט וועלוועל זבאַראַזשער. דערנאָך לאָזט זיך י. וואַנדערן צופוס איבער דער פּראָווינץ מיט חיים אַבראַמאָוויטש, איציק שיינער און הענעך לינעצקי, ביז זיי קומען אין טשערנאָוויץ, וואו זיי שפּילן שוין מער „טעאַטער-מעסיק". אין דער אויפפירונג פון „שמענדריק" שפּילט י. די ראָל פון „ברײַנע די אַרענדאַרקע". ווען די „טרופּע" דערוויסט זיך, אַז אין באָטאָשאַן שפּילט אַ יידיש טעאַטער, לאָזט זיך י. אַהין צוזאַמען מיט מענדעלע ראָטמאַן, און זיי ווערן אָנגענומען אין איציק-מענדל בערגמאַנס טרופּע (אברהם סימאָוויטש, ראָזע פרידמאַן, יונה און איטשע פערקויף, ליזאַ איינהאָרן א. א.). זיינע ערשטע ראָלן דאָ זיינען: די סאָלאָ פון „הייסע באָבקעלעך" אין „קאָלדוניאַ" און „פּאַליג" אין לאַטיינערס „דיבוק".

נאָך אַ קורצן טורנע איבער רומעניע און בוקאָווינע, מאַכנדיק זייער שלעכטע געשעפטן, איז די טרופּע צוריקגעקומען אין 1880 קיין טשערנאָוויץ, וואו ס'זיינען אָנגעקומען „פּראָפ." הורוויץ מיט זיין טאָכטער און איידעם בצלאל גיינבערג. י. גייט איבער אין זייער טרופּע, וואו ער האָט חתונה מיט דער פרימאַדאָנאַ יעטאַ רויך.

וואַנדערנדיק אַ קורצע צייט איבער גאַליציע אונטער וואָלגעשאַפענס קאָנצעסיע, באַקומט י. אַליין אַ קאָנצעסיע און ווערט דירעקטאָר, שפּילנדיק מיט זיין טרופּע 17 יאָר איבער גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַלעקסאַנדריע און קאַאיראָ. אין דערדאָזיקער טרופּע איז אויפגעצויגן געוואָרן אַ דור יונגע אַקטיאָרן. דאָרט האָבן אויך געשפּילט פון צייט צו צייט ז. און דיינע פיינמאַן, מאָגולעסקאָ, קאַליש און לאָבעל. במשך פון דער צייט האָט י. געשפּילט (1890-1) אין גימפּעלס טרופּע אונטער גאָלדפאַדענס רעזשי.

אין 1900 קומט הורוויץ קיין טשערנאָוויץ און פירט אַריבער י. מיט זיין טרופּע פון 21 מאַן קיין אַמעריקע. דאָ איז אין 1908 געשטאָרבן יעטאַ רויך, און י. האָט אין 1910 חתונה מיט בינע אַבראַמאָוויטש.

אין אַמעריקע שפּילט י. 5 יאָר אין ווינדזאָר-טעאַטער, דערנאָך ווערט ער אַ שותף מיט שפּאַכנער, קאַליש און פיינמאַן, דאַן שפּילט ער מיט אַדלער, קעסלער, קאַליש, מאָגולעסקאָ, דערנאָך ווערט ער אַ ליסער אין ליבערטי-טעאַטער, שפּעטער שפּילט ער מיט טאָמאַשעווסקין. 1913 — גאַסטראָלירט ער אין אַרגענטינע, 1921-28 — שפּילט ער אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער און 1929-30 — ווידער אין ניו-יאָרקער סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, 1931-32 — געשפּילט אין ליריק-טעאַטער און 1932 — אין געיטי-טעאַטער.

י.'ס טאָכטער, מינע יאָוועל, אַ קאַמער-זינגערין, איז אין 1927 געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, אַ צווייטע טאָכטער, דזשין, שפּילט אין יידישן טעאַטער.

ש. ע.

ש. י. דאָרפזאָן — אברהם גאָלדפאַדען אין רומעניע, „יידיש טעאַטער", ווין, 1 יאַנואַר 1927.

מ. אָשעראָוויטש — בינאַ אַבראַמאָוויטש האָט יאָוועלירן ניט געוואָלט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע. דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט מיט אים. „פאָרוו.", נ. י., 28 דעצ. 1930.

יאָושזאָן ב.

[משה יוסטמאַן]

געבוירן 1889 אין וואַרשע, פוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. ביז 18 יאָר געלערנט אין ישיבות און אַלס ישיבה-בחור דעביוטירט א'פ „בר נש" מיט קורצע סקיצן אין ש. י. יאַצקאַנס „אידישעס וואָכענבלאַט". דערנאָך אין אַנדערע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס, שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרב. אין „מאָמענט", זינט 1925 אַריבער אין „היינט". י. האָט אויך אַרויסגעגעבן איינעקע הומאָריסטישע דערציילונגען און אַ חסידישן ראָמאַן.

דעם 3 אַפּריל 1921 איז א'ר פון א. סאַמבערג אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער י.'ס און מ. קיפּניסעס קאָמעדיע „מיטן כח פון דבוק" [אַ פּאַראָדיע אויף אַנסקיס „דער דבוק"]

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." I, זז. 1215-16.

יאָזעפּזאָהן, לואי



געבוירן 14 פעברואַר 1879 אין באַקוי, רומעניע. עלטערן — קליינהענדלער. 1901 — געקומען אין אַמעריקע, געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ דראַמאַטיק-קלוב און זיך באַטייליקט אין פאָרשטעלונגען אין נעשאָנאַל-טעאַטער אויף דער בויערי (ניו-יאָרק)

1911 — געשפּילט אין שיקאַגע ביי פיליפּ און סאַלטשע ווייזענפריינד, 1915 — אין דעטראָיט, 1916 — בשותפות מיט יעקב קאַליך אָנגעפירט מיטן ליריק-טעאַטער אין

טאָראָנטאָ, 1918 – געווען מענעדזשער פון אַ יידיש טעאַטער אין מאָנטרעאַל און געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירנדיקע דוד קעסלער, ראָזאַ קאַרפּ, בערל בערנשטיין און לעאָן בלאַנק. 1922 — זיך באַזעצט אין דענווער (קאָלאָראַדאָ) און דאָרט ביז 1926 אָנגעפירט מיט אַ יידיש טעאַטער און מיט אַ מואווינג פּיקטשור-הויז.

זינט 1926 וואַנדערט ער אַרום מיט אַליין-צונויפגעשטעלטע קליינע טרופּעס איבער די קלענערע ישובים פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

י.׳ס 2 זין, סאַול און סעם, שפּילן אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

יאָזעפזאָן, סאַול

געבוירן 3 יוני 1908 אין באַלטימאָר, אַמעריקע. עלטערן — די אַקטיאָרן לואיס און עני יאָזעפזאָהן. אין עלטער פון 5 יאָר געזונגען אין כאָר אין דער אָפּערעטע „גבריאל" [„כינקע און פינקע"] אין שיקאַגאָ ביי פּיליפּ און סאַלטשע וויזענפריינד און אַזוי שוין פאַרבליבן שפּילן קינדער-ראָלן אין די טרופּעס, אין וועלכע זיינע עלטערן האָבן געשפּילט.

1927 — אָנגעהויבן שפּילן ראָלן פון דערוואַקסענע און דעביוטירט ביי באָריס טאָמאַשעווסקי אין קליוולאַנד, 1929 — אויפגעטראָטן אַלס בוף-קאָמיקער אין דעטראָיט; 1930-31 — אַרומגעפאָרן מיט דער „טשיין" פון דער אַקטיאָרן-יוניע, 1931-32 — געשפּילט אין עלווינגס מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער אין ניו-יאָרק און 1932-33 — אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער.

ש. ע.

יאָזעפזאָן, רייטשל

[זע לייבאָוויטש רייטשל].

יאָלעס-גימפּעל, מאַלווינאַ

געבוירן 3 יוני 1900 אין לעמבערג, גאַליציע. געענדיקט בירגער-שולע. 4-5 יאָר געזונגען אין אָרטיקן טעמפּל און דורכן כאָר-דיריגענט אָנגעקומען אין לעמבערגער יידישן טעאַטער (דיר. – גימפּעל), וואו זי שטייגט זייער שנעל ביז צו אַ פּרימאַדאָנע.

אַ חוץ אין לעמבערג האָט י. אויך געשפּילט אין גאַליציע און רומעניע און גאַסטראָלירט אין פּוילן (לאָדזש: אין „גרויסעס טעאַטער") און אויף די ראַנד-געביטן.

י. איז פאַרהייראַט מיט דר. מאָוריצי גימפּעל, אַ זון פון עמיל גימפּעל, דעם איצטיקן דיר. פון טעאַטער אין לעמבערג, וואו זי שפּילט ביז איצט.

לויט יואל שפּיגעל האָט י. געשפּילט אויך דראַמאַטישע ראָלן און האָט געזונגען אין טעאַטער-כאָר נאָך איידער זי איז אָנגעקומען אין טעמפּל-כאָר.

ש. ע. און מ. ע. פון יואל שפּיגעל.

יאַנאָווסקי, שאול-יוסף



געבוירן אַפּריל 1864 אין פּינסק, פּוילן. פאָטער — אַ חזן. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר און תלמוד-תורה זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין „גוישע למודים" און אונטער דעם איינפלוס פון זיין ברודער, יעקב-צבי, אַ העברעאישער לערער און שרייבער, פאַרלאָזט די גמרא און געוואָרן אַן עקסטערן, געלערנט ביי אומזיסטע לערער און אַליין געגעבן שטונדן.

1885 — אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז די ערשטע צייט געווען אַ שוואַרצער אַרבעטער; געוואַשן טעלער, געגייט זעק, 2 יאָר געווען אַ היטלמאַכער, דערנאָך אַריין אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, געוואָרן איינער פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן אין יידיש אַן אַנאַרכיסט און שפּעטער איינער פון די באַדייטנסטע יידישע וואָרט-פירער פון דער באַוועגונג ביז 1917.

י. האָט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן נאָך אין רוסלאַנד אין "Недѣля„, און אין אַמעריקע איז ער געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „די וואָרהייט", דערנאָך געווען אַן אַגענט פון זינגערס ניי-מאַשינען.

1890 — אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער איז געווען רעדנער און רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער-פריינד" און אַ געוויסע צייט אויך געאַרבעט אַלס שטעקלמאַכער.

1894 — צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבייטער שטימע", און ווען די צייטונג גייט אונטער, פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרשיידענע אַרבעטן, דערונטער אויך אַלס אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט.

1899 — געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער באַנייטער „פרייע אַרבייטער שטימע", וואו ער איז זייער אַקטיוו אַלס אַרטיקל-שרייבער, קריטיקער און איבערזעצער. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט י. געשאָנקען דעם יידישן טעאַטער אין זיינע כמעט וועכנטלעכע רעצענזיעס א׳פ „ד. ב.". אין זיינע זכרונות באַשרייבט ער די ווירקונג פון זיין קריטיק אויפן גאַנג און אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אין „פא׳ש" (11 נאָוו. 1905 — 20 יאַנואַר 1906) האָט י. פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג פון בערנאַרד שאָוס „מרס וואָררען׳ס פּראָפעסיע", וועלכע איז, אָן י.׳ס נאָמען אַלס איבערזעצער, דעם 25 סעפּטעמבער 1918 געשפּילט געוואָרן (אַר פון מאָריס שוואַרץ מיט חנה אַפּעל אַלס „מרס. וואָררען) אין אַ פרייער באַאַרבעטונג אין אוירווינג פּלייס-טעאַטער. צווישן זיינע פיל-פאַרעפנטלעכטע איבערזעצונגען אין בוך-פאָרם געפינט זיך אויך זיין איבערזעצונג פון הענריק איבסענס „דער פאָלקס-פיינד" [אַרויסגעגעבן פון

דער בראַשורען־גרופּע פון דער פּראָגרעסיוו לייברערי, ניו־יאָרק, 1906].

י. האָט אויך אין כתב־יד איבערזעצונגען פון אייזשען בריעס „פאַרבראַקירטע סחורה", „דריי שוועסטער" און בערנאַרדס שאָוס „קאַנדידאַ", „דער מאַן און די וואָפן" און „דער מענטש און דער איבערמענטש" (נישט פאַרענדיקט).

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1219־1224.

י. זאלאָט — איבסען'ס „פאָלקס פיינד" אין אידיש, „דער אַרבייטער", נ. י., 22 יוני 1907.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער „פא'ש", נ. י., 5 אָקטאָבער 1918.

יעקב מאַגידאָוו — „דער שפּיגעל פון דער איסט סייד", נ. י., 1923, זז. 211־15.

ש. יאַנאָווסקי — די ערשטע 20 יאָר „פרייע אַרבייטער שטימע", „פא'ש", נ. י., 26 יאַנואַר, 1 פעברואַר 1929.

יאַנאָווער, דוד

געבוירן 18 פעברואַר 1893 אין קאָרנין, קיעווער גוב., אוקראַאינע. אַלס קינד קומט ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין אַמעריקע דאָ ענדיקט ער פּאָבליק און האַי־סקול און באַטייליקט זיך אין די שול־פאָרשטעלונגען.

אין 1910 גרינדעט ער דעם „פּראָגרעסיוו ליטעראַרישער קלאָב" אין שיקאַגאָ און אַ יאָר שפּעטער טרעט ער אַריין אין קליוולאַנדער יידישן טעאַטער אונטער הערי בערנשטיינס דירעקציע, וואו ער סופלירט שפּילט קליינע ראָלן, פירט סצענאַריום און שרייבט ראָלן פאַר 6 דאָלאַר אַ וואָך.

י. פאָרט דאַן צוריק קיין שיקאַגאָ, וואו ער הויבט אָן אַרבעטן אין אַ סיגאַר־פאַבריק און ביינאַכט שפּילט ער אין וואָדעוויל. אין 1912 ווערט ער אָנגענומען צו פיליפּ וויזענפריינדן אין טרופּע אַלס אַקטיאָר. אין 1913 שפּילט ער אין דענווער (קאָלאָראַדאָ), דאָס זעלבע יאָר שפּילט ער ווידער אין פאַוויליאָן־טעאַטער אין שיקאַגאָ (דיר. — א. גערטנער).

אין 1915 שפּילט י. אַ קורצע צייט אויף דער ענגלישער בינע, דערנאָך ווידער יידיש אין פּאַלאַס־טעאַטער (סט. לואיס) און דאַן מיט אַ וואַנדער־טרופּע איבער אַמעריקע.

אין 1916 — שפּילט ער אין דעטראָיטער סוירקל־טעאַטער (דיר. — ה. קרים), 1917־9 — אין גערטנערס טרופּע שיקאַגאָ, 1919 — אין רויז טעאַטער אין מילוואָקי, 1920 — קליוולאַנד. גלאָוב־טעאַטער, (דיר. — קרים), 1921־22 — אין גליקמאַנס פּאַלאַס־טעאַטער אין שיקאַגאָ, 1923 — ווערט י. מיטגליד אין דער יוניע און שפּילט פון דאַמאָלט ביז 1927 אין אַרטש סט. טעאַטער, פילאַדעלפיע. 1927־9 — ביי געבילן אין ניו־יאָרקער פּיפּלס־טעאַטער, 1929־30 — אין שיקאַגאָ, 1930־31 — אין פילאַדעלפיע 1931־32 — אין ניו־יאָרקער גערמאַנס פאָלקס־טעאַטער און 1932־33 — אין פּראָספּעקט־טעאַטער.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מא זש", 27 יאַנ., 1928.

יאָנג, בערנאַרד

[בועז יונגוויץ]

געבוירן מערץ 1870 אין נאָווידוואָר, פּוילן. פאָטער — אַ פּאָדריאַטשיק, מוטער — אַן אשת־חיל, געקענט גמרא און פלעגט שבת נאָכמיטאָג פאַרהערן די קינדער אַ בלאַט גמרא. ביי זיי אין הויז פלעגן אויך אָפט פאַרקערן חזנים.

אין עלטער פון 12 יאָר געפאָרן לערנען ביים יאַנאָווער רב, דערנאָך צוריקגעקומען און געלערנט אַליין פאַר זיך אין בית־המדרש, געלייענט די העברעאישע השכלה־ליטעראַטור און ביי אַ לערער געלערנט רוסיש, פויליש און דייטש

אונטערן איינדרוק פון קלמן שולמאַנס „הריסת ביתר" באַזוכט אין 1887 אַ „בר־כוכבא"־אויפפירונג פון דער טרופּע טאַנצמאַן־ספּיוואַקאָווסקי אין עלדאָראַדאָ־טעאַטער און געוואָרן אַ שטאַרער טעאַטער־ליבהאָבער. אַ יאָר שפּעטער, אויסוואַנדערנדיק קיין לאָנדאָן, דאָרט געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער פון דער דאָרטיקער יידישער טרופּע (אַדלער, גראַדנער, מאַקס ראָזענטאַל, אַבא שיינגאָלד)

1889 — געקומען אין אַמעריקע און געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ דראַמאַטישן קלוב, וואו קאָפּל סענדער האָט אויפגעפירט אין טורן־האָל (4־טע סטריט) גאָלדפאַדענס „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ", אין וועלכן י. האָט דעביוטירט אַלס „באַרטעלאָ" און שפּעטער מיטגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ צו שפּילן אין דער פּיעסע.

1891 — אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר צו אַדלערן אין פּולס־טעאַטער און דאָרט שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו שפּילן „חריף" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר", דערנאָך געשפּילט ביי אַדלערן אין רומעניע אָפּערע־הויז און אין ווינדזאָר־טעאַטער, וואו ער איז געווען דער ערשטער „בר הינא" אין דעם דאַמאָלטיק גרויסן דערפאָלג פון דער אָפּערע „בית־דוד".

1900־09 — געשפּילט אין פּיפּלס־טעאַטער און שוי, פאַרנומען אַ באַדייטנדע פּאָזיציע אַלס שוישפּילער. 1909 — געוואָרן אַ שותּף אין טאַליאַ־טעאַטער (מיט קעסלערן), געשפּילט דאָ 2 סעזאָנען, דערנאָך מיט קעסלערן אין ברוקלינער ליריק־טעאַטער און אין 1911 דאָ אויפגעפירט זיין באַאַרבעטונג פון ה. מייזעלס פּיעסע „די ביגאַמיסטן" א'נ „זיין ווייבס מאַן".

1911 — געפאָרן קיין אייראָפּע, און נישט טאָרנדיק אַריינפאָרן אין רוסלאַנד, גאַסטראָלירט אין לעמבערג, טשערנאָוויץ, יאַסי, בוקאַרעסט, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „עץ הדעת". צוריקגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער, אַלס מיטשותּף, געהאָלפן אויפבויען דאָס סעקאָנד עוועניו־טעאַטער און דאָ געשפּילט דעם סעזאָן 1911־12.

זומער 1912 — געפאָרן מיט זיין פרוי קלאַראַ יאָנג קיין וואַרשע און דאָרט אויפגעפירט אין עליזעאום־טעאַטער אַנשל שאָרס און רומשינסקיס „דאָס מיידל פון דער וועסט" א נ „די אַמעריקאַנערין". צוריקגעקומען אין מיטן סעזאָן 1912־13, ציט זיך י. צוריק פון זיין חלק שותּפות אין סעקאָנד עוועניו־טעאַטער און פאָרט ווידער צוריק מיט קלאַראַ יאָנג קיין וואַרשע, וואו ער נעמט איבער דאָס קאַמינסקי־טעאַטער און פירט דאָ אויף ראַקאָוו און רומשינסקיס „חאַטשע אין אַמעריקע", פיליפּסעס „אַלמאַ וואו וואוינסטו" און

צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע די דייטשע אָפּערעטע „פּופּטשיק".

אַ געוויסע צייט גיט י. אויף זיין שפּילן און פאַרנעמט זיך אויס־שליסלעך מיט אויפפירן די פּיעסעס פאַר קלאַראַ יאָנג און מיט דער געשעפטלעכער זייט פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען.

אָנהויב 1915 געקומען אין אָדעס און אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין בולגאַראָוו־טעאַטער זיין באַאַרבעטונג פון דער אָפּערעטע „די דאַמע פון מאַקסים" א נ „מאַדאַם האָפּליאַ", אין זעלבן יאָר געמאַכט אַ טור איבער רומעניע, ווידער צוריקגעקומען אין אָדעס, איבערגענומען דאָס נאָווי־טעאַטער און סוף 1915 דאָ אויפגעפירט זיין אייגענע מוזיקאַלישע קאָמעדיע „דזשייקעלע בלאָפער" [„דזשעקעלע בלאָפער, קאָמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון בועז יונגוויטץ, פערלאַג ת. יאַקובסאָהן און מ. גאָלדבערג, וואַרשע, 1926", 51 ז. 160], וועלכע ווערט דאָ געשפּילט איבער 100 מאָל.

1916 — געשפּילט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און צו 4 וואָכן אין מאָסקווע און פּעטערבורג. צוריקגעפאָרן קיין אָדעס און דאָ אין אָנהויב 1917 אויפגעפירט יצחק קאַצענעלסאָנס מוזיקאַלישע קאָמעדיע „אַננאַ בלייב".

בעת דער מערץ־רעוואָלוציע געשפּילט, נאָך אַ לענגערן פאַרבאָט, אין קיעוו אין טעאַטער סאָלאָווצאָוו און דערנאָך איבער אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד.

סוף 1920 צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק און צוזאַמען מיט וויליאַם ראָלאַנד איבערגענומען אויפן סעזאָן 1921-22 דאָס ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער, וואוהין ער ברענגט קלאַראַ יאָנג פון רומעניע און פירט דאָ אויף דעם 1 אָקטאָבער 1921 צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע זיין קאָמעדיע „דזשייקעלע בלאָפער" (מוזיק — שלום סעקונדא), די אייראָפּעאישע אָפּערעטע „דאָס האָלאַנד ווייבכען" און די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „בערעלע טרעמפּ" פון ישראל ראָזענבערג (שפּעטער באַאַרבעט געוואָרן פון י.).

1922-23 — געשפּילט אין טאָראָנטאָ אין סטאַנדאַרד־טעאַטער. 1923-24 — געשפּילט אין יידישן קונסט־טעאַטער די ראָל פון „פּוילישן ייד" אין „שבתי צבי" און אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער פירט אויף אין קאַמינסקיס טעאַטער משה שאָרס אָפּערעטע „די רומענישע חתונה" אין אַן אייגענער באַאַרבעטונג, וועלכע איז פון דאַמאָלט אָן איינִיקע יאָר געווען אין רעפּערטואַר פון אַלע יידישע בינעס אין אַמעריקע.

1925 — אָנגעפירט מיט קלאַראַ יאָנגס גאַסטראָלן אין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט געשפּילט $2^1/_2$ יאָר. דורך דער צייט האָט י. אין אַפּריל 1927 אויפגעפירט אין טעאַטער אַקוואַריום אין מאָסקווע זיין אייגענע חסידישע אָפּערעטע „שאַ, דער רבי פאָרט" (מוזיק פון טרילינג און ראָזענטור). סעפּטעמבער 1928 - אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע און דאָרט אויפגעפירט מיט קלאַראַ יאָנג איינִיקע פּיעסעס, דערנאָך אַליין גאַסטראָלירט אין גאָרדיקס פּיעסעס.

1930-31 — געשפּילט אין באַלטימאָר, 1931-32 — אין באָסטאָן און סוף 1932 — אין טאָמאַשעווסקיס ברוקלינער געיטי־טעאַטער.

אין סעזאָן 1931-32 איז אין טאָראָנטאָ אויפגעפירט געוואָרן דורך מישע פישזאָן י.'ס קאָמעדיע אין 3 אַקטן „די יידישע קאָלאָניסטן פון רוסלאַנד".

אין 1914 האָט י. פאַרעפנטלעכט אין „דיא וואַרהייט" איינִיקע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און פוילן און אין

1928 אין אַרגענטינער „פנימער און פנים'לאַך" וועגן יידישן טעאַטער אין אוקראַאינע.

ש. ע.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", II, ז. 67.

מאַטיאַס רויז — קלאַראַ יאָנג אין „דזשייקעלע בלאָפער", „די צייט", נ.י., 7 אָקט. 1921.

מ. אָשעראָוויטש — בראַנזוויל און איהרע צוויי טהעאַטערס, „פאָרוו.", נ. י., 7 אָקט. 1921.

ב. גאָרין — קלאַראַ יאָנג אין ליבערטי טהעאַטער, „מאָיזש", נ. י., 10 אָקט. 1921.

וויליאַם עדלין — די עלעגאַנץ פון קלאַראַ יאָנג אין דער אָפּערעטע „דזשייקעלע בלאָפער", „דער טאָג", נ. י., 18 אָקט. 1921.

שמואל ראזשאנסקי — קלאַראַ יאָנגס דעביוט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר". „דזשעקעלע בלאָפער" פון בועז יאָנג. „אידישע צייטונג", ב'א, 17 סעפּט. 1928.

ש. ר. [ש. ראָזשאַנסקי] — „שאַ, דער רבי פאָרט!" „אידישע צייטונג", ב'א, 1 אָקט. 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — קלאַראַ יאָנג אַלס אַ בחור אַ כוואַט, „די פּרעסע", ב'א, 26 אָקט. 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — אַ שיין אויפגעפירטע פּיעסע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אָדעסאַ מאַמאַ" פון בועז יאָנג, „אידישע צייטונג", ב'א 28 אָקט. 1928.

ש. ר. — דער דעבוט פון בועז יאָנג, „אידישע צייטונג", ב'א, 5 אָקט. 1928.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — י. גאָרדינס עץ הדעת אין „עקסעלסיאָר" (דעבוט פון בועז יונגוויץ), „די פּרעסע", ב'א, 5 אָקט. 1928.

בועז יאָנג — ווי אַזוי מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער אין די שרעקלעכע טעג פון אוקראַאינע, „פנימער און פנים'לאַך", ב'א, 213, 1928.

ש. ר. — „מאַמזעל האָפּליאַ", מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון בועז יאָנג. „אידישע צייטונג", ב'א, 9 נאָוו. 1928.

אלחנן צייטלין — דער אויפטריט פון קלאַראַ יאָנג. „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 13 יאַנ. 1930.

מ. קיפּניס - -שאַ דער רבי פאָרט!", „היינט", וואַרשע, 22 יאַנואַר 1930.

ב. ק. [קאַרלינסקי] — קלאַראַ יאָנג אויף דער ביהנע, „דער מאָמענט", וואַרשע, 24 יאַנ. 1930.

טאַטיאַנאַ פ. [פוקס] — „שאַ, דער רבי פאָרט", די נייע פּיעסע מיט קלאַראַ יאָנג, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 24 מערץ 1930.

LE — קלאַראַ יאָנג אַלס רבילע, „ווילנער טאָג", 1 אַפּריל 1930.

א. וו. [וואַסערמאַן] — קלאַראַ יאָנג אין „דזשעקעלע בלאָפער", „ריגער טאָג", 4 מאַי 1930.

ק. [קיטיי] — קלאַראַ יאָנג אין „אָדעסאַ מאַמע", „פרימאָרגן", ריגע, 8 מאַי 1930.

— ן. — „אָדעסאַ-מאַמע" מיט קלאַראַ יאָנג, „ריגער טאָג", 8 מאַי 1930.

קיט — קלאַראַ יאָנג אין „שאַ, דער רבי פאָרט", „פרימ.", ריגע, 18 מאַי 1930.

מ. מאיריטעס — קלאַראַ יאָנג אין „שאַ, דער רבי פאָרט", „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 103, 1930.

י. יערוזאלימסקי — דזשעקעלע בלאָפער, „בעלגישער טאָג", 24 דעצעמב. 1930.

יאָנג, קלאַראַ

[חיה-ריסיע שפּיקאָליצער]

געבוירן אין זלאָטשעוו, מזרח-גאַליציע. דער זיידע — אַ סוחר, ביי וועמען דער זון, אַן איינציקער, אַ משכּיל, „האָט זיך געדרייט אין שטוב". איבערן זיידענס געוועלב איז געווען אַ זאַל, וואו פּוילישע ליבהאָבער-גרופּעס פלעגן אַרויסטרעטן און י. פלעגט אַלס קינד באַזוכן די פאָרשטעלונגען. אַלס 6-יאָריק קינד הערט זי דאָרט צום ערשטן מאָל אַ מוזיק-פּרובע פון דער גאַסטראָלירנדיקער יידישער טרופּע מיט רחל אַקסעלראָד בראש, און ווערט אַזוי באַגייסטערט, אַז זי גנבעט זיך אַריין אין טעאַטער צו דער פאָרשטעלונג, וועלכע פאַרשווינדט שוין נישט פון איר זכּרון.

נאָכן פאָטערס טויט האָט די פאַמיליע איינציקווייז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָ לערנט י. בייטאָג אין שול און מיט דער הילף פון אירער אַ קוזינע טרעט זי אַריין אין „גאָלדפאַדען דראַמאַטיק פאַראיין", וואו זי דעביוטירט אַלס די זינגערין פון „הייסע באבקעלעך" אין גאָלדפאַדענס „כּשוף-מאַכערין". באַלד דערויף טרעט זי אַרויס אין דער זעלבער פּיעסע אין דער ראָל „מירעלע".

פיינמאַן זעט זי דאָרט שפּילן, און ער נעמט זי אַריין אין זיין דראַמאַטישן פאַראיין. קורץ דערויף טרעט י. אַריין אין אַ וואַנדער-טרופּע (מר. און מרס. טאַנצמאַן, אבא שיינגאָלד, וואכטעל א. א.) און פאָרט מיט איר שפּילן אין באָסטאָן, פון דאָרט גייט זי איבער אין זאָלאָטאַרעווסקיס טרופּע אין מאָנטרעאַל און דעביוטירט אַלס „בנימין" אין לאַטיינערס „יוסף מיט די ברידער", דערנאָך אין טאָראָנטאָ און פון דאָרט אין פילאַדעלפיע צו מאָריס פינקעל.

1903 — אַנגאַזשירט געוואָרן אין פּיפּלס מוזיק-האָל, וואו זי טרעט אַרויס מיט די לידער „די דאַמע פון בראָדוויי", „פאַרשיידענע נאַציאָנען" און „ליבע מיינע" און האָט אַזאַ דערפאָלג, אַז אין זעלבן סעזאָן ווערט זי אַנגאַזשירט אין פּיפּלס-טעאַטער, וואו זי שפּילט קליינע ראָלן. 1909 — איבערגעגאַנגען אין טאַליאַ-טעאַטער, וואו איר מאַן בועז יאָנג איז געוואָרן שותּף מיט קעסלערן און דאָרט טרעט זי אַרויס צום ערשטן מאָל אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר („ציפּעניו" אין „גאָט, מענטש און טייוול", „צילע" אין „קרייצער סאָנאַטאָ" און „די שוועסטער" אין זודערמאַנס „די היימאַט" — בעת אסתּר-רחל קאַמינסקיס גאַסטראָלן), ווי אויך אין לאַטיינערס אָפּערעטע „דאָס יידישע האַרץ", אין וועלכער מאָגולעסקאָ האָט פאַר איר געשריבן דעם קופּלעט „איך האָב עס דאָ פּונקט ווי אין דער היים".

1910 — איז די טרופּע אַריבער אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, וואו עס ווערט אויפגעפירט בועז יאָנגס באַאַרבעטונג פון ה. מייזעלס „ביגאַמיסטן" א'נ „זיין ווייבס מאַן". דאָ טרעט י. אַרויס צום ערשטן מאָל אין אַ גרעסערער סוברעטין-ראָלע („בעלאַ") און פאָרט אָפּ זומער 1911 קיין לאָנדאָן, וואו, נאָך געוויסע שטערונגען מצד דער טרופּע, טרעט זי אויף אין „מיין ווייבס מאַן" און אין אברהם שאָמערס „אָלרייטניקעס" און געווינט באַלד שטאַרקע אָנערקענונג. שפּעטער גאַסטראָלירט זי אַ קורצע צייט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער (דיר. — י. זאַנדבערג) און דערנאָך 6 וואָכן אין דער אָפּערעטע „זיין ווייבס מאַן" אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער (דיר. — עפּעלבערג און ראַפּעל). נאָכן שפּילן נאָך אַ וואָך אין לאָנדאָן, קערט י. צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו זי שפּילט דעם סעזאָן 1911-12 אין סעקאָנד עוועניו-טעאַטער (מיט קעסלערן) אין די פּיעסעס „הערשענדע שקלאַפן" און „יעדע פרוי" (ראָל „יוגנט") און באַטייליקט זיך אין דער שרייבער-אויפפירונג פון דוד פּינסקיס „דער אוצר" (אויפגעפירט בלויז פון שרייבער און די אַקטיאָרן רודאָלף שילדקרויט, סאָלאָמאָן מאַנע און קלאַראַ יאָנג).

זומער 1912 האָט י. ווידער גאַסטראָלירט אין וואַרשע אין אַנשל שאָרס און רומשינסקיס „דאָס מיידל פון דער וועסט" א'נ „די אַמעריקאַנערין", ציענדיק אַ עולם אויך פון אַסימילירטע יידן און נישט-יידן. נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין אַמעריקע, ווידער געפאָרן קיין וואַרשע, וואו בועז יאָנג נעמט איבער קאַמינסקיס טעאַטער און פירט דאָרט אויף ראַקאָוו און רומשינסקיס „חאַנטשע אין אַמעריקע", פיליפּסעס „אַלמאַ וואו וואוינסטו?" און צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע די דייטשע אָפּערעטע „פּופּטשיק". אין די אַלע אָפּערעטעס שפּילט י. די הויפּטראָלן און רופט אַרויס גרויס אויפמערקזאַמקייט און אָנערקענונג מצד דעם פּובליקום און דער פּרעסע. אין 1914 גאַסטראָלירט י. ווידער אין לאָנדאָן און פאָרט דערנאָך קיין רוסלאַנד.

אָנהויב 1915 פירט אויף בועז יאָנג אין אָדעסער באָלגאַראָוו-טעאַטער זיין באַאַרבעטונג פון דער אָפּערעטע „די מאַדאַם האָפּליאַ". י. שפּילט די טיטל-ראָל און פאָרט דערנאָך קיין רומעניע, וואו זי מאַכט אַ טור איבערן לאַנד. צוריקגעקומען אין אָדעס, טרעט י. דאָ אויף סוף 1915 אין בועז יאָנגס מוזיקאַלישע קאָמעדיע „דזשייקעלע בלאָפער", אין וועלכער זי ווערט זייער פּאָפּולער. דערנאָך גאַסטראָלירט זי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, מאָסקווע און פּעטערבורג און קומט ווידער צוריק אין אָדעס, וואו זי טרעט אויף אין אָנהויב 1917 אין יצחק קאַצענעלסאָנס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „אַננאַ בלייב". דערנאָך האָט י. געשפּילט אין אַנדערע רוסישע שטעט, דערונטער אין קיעוו אין טעאַטער סאָלאָווצאָוו.

סוף 1920 — צוריקגעקומען אין אַמעריקע און דאָ דעם 1 אָקט. 1921 אויפגעטראָטן אין ליבערטי-טעאַטער צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע אין „דזשייקעלע בלאָפער", דערנאָך אין דער איראָפּעאישער אָפּערעטע „דאָס האָלאַנד-ווייבכען" און אין ישראל ראָזענבערגס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „בערעלע טרעמפּ". דעם 16 אָקט. 1922 — אויפגעטראָטן אין טאָמאַשעווסקיס „די גרינע קוזינע" און שפּעטער געשפּילט שטיינבערגס „כּייקע אין זיבעטן הימל". דעם 21 יאַנואַר 1923 — טרעט זי אויף אין פּראָספּעקט-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פון זאָלאָטאַרעווסקיס „ישיבה-בחור". מערץ 1924 — גאַסטראָלירט אין האָפּקינסאָן-און פּראָספּעקט-טעאַטער און סוף חודש אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, דערנאָך גאַסטראָלירט איבער פּוילן און אָפּגעפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואו זי האָט געשפּילט $2^1/_2$ יאָר, און אין אַפּריל 1927 אויפגעטראָטן אין מאָסקווער אַקוואַריום-טעאַטער אין בועז יאָנגס אָפּערעטע „שאַ, דער רבי פאָרט".

האַרבסט 1928 אָפּגעפאָרן קיין דרום-אַמעריקע און גאַסטראָלירט אַ קורצע צייט אין אַרגענטינע און בראַזיל, און צוריקגעקומען אין יאַנואַר 1929 אין אַמעריקע, פון וואו זי איז צוריקגעפאָרן קיין איראָפּע, און סוף פון זעלבן יאָר אויפגעטראָטן אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער אין „שאַ, דער רבי פאָרט" און נאָכן שפּילן דאָרט 3 חדשים, גאַסטראָלירט אין מערץ 1930 אין לאָדזש, אין אַפּריל 1930 — אין ווילנע, אין מאַי 1930 — אין ריגע (לעטלאַנד), יוני

און יולי 1930 — אין קאָוונע (ליטע), אויגוסט 1930 — איבער דער לעטישער פּראָווינץ, סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1930 - אין פּאַריז אין יענאַ-טעאַטער, דערנאָך איבער דער פראַנצויזישער פּראָווינץ, דעצעמבער 1930 — אין בעלגיע. 1931 - געשפּילט אַ קורצע צייט אין לאָנדאָן און צוריקגעקערט קיין אַמעריקע. וואו זי האָט גאַסטראָלירט אין באָסטאָן און איז דעם 30 נאָוועמבער 1931 אויפגעטראָטן אין פילאַדעלפיע לטובת דעם „טעאַטער-לעקסיקאָן" אַלס „קוני לעמעל", דערנאָך גאַסטראָלירט אייניקע וואָכן אין מעקסיקע און אין סעפּטעמבער 1932 געפאָרן אויף קאָנצערט-גאַסטראָלן קיין קובאַ.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 179.

מיכאל וייכערט — „טעאַטער און דראַמע", II, זז. 88-95.

ס. דינגאָל — ניו-יאָרקער אידישע „סטאַרס" אין לאָנדאָן, „פאָרוו." נ. י., 6 מאַי 1914.

מ ספּעקטאָר — „די יודישע סיברעטין", „אונזער לעבען", אָדעס, יאַנואַר 1915.

А. М. Финкель – Гопля !... „Почта", Одесса, 19 марта 1915.

C. Oscar – Clara Young, „Viitorul", Bucuresti, 3 aug. 1915.

I. Botosansky – Clara Young, „Hatikvah", Bucuresti, 15 sep. 1915.

Karnys – Ce Povesteste d-na Clara Young, „Rampa", Bucurestí, 10 oct 1915.

[–] ראַספּוטין און די אידישע אַקטריסע פון אַמעריקע, „דיא וואַרהייט", נ. י., 31 מערץ 1917.

מ. אָשעראָוויטש — אַ געשפּרעך מיט קלאַראַ יאָנג וועגען דעם אידישען טהעאַטער אין אוקראַאינאַ, „פאָרוו.", נ. י, 28 יולי 1921.

י. סלאָנים -- די אידישע סוברעטין וואָס האָט איינגענומען אייראָפּאַ צוריק אין אַמעריקאַ, „דער טאָג", נ. י., 29 יולי 1921.

מאַטיאַס רויז – קלאַראַ יאָנג אין „דזשייקעלע בלאָפער", „די צייט", נ.י., 7 אָקט. 1921.

מ. אָשעראָוויטש – בראַנזוויל און איהרע צוויי טהעאַטערס, „פאָרוו.", נ. י., 7 אָקט. 1921

ב. גאָרין – קלאַראַ יאָנג אין ליבערטי טהעאַטער. „מאָ"זש", נ. י, 10 אָקט. 1921.

וויליאַם עדלין – די עלעגאַנץ פון קלאַראַ יאָנג אין דער אָפּערעטאַ „דזשייקעלע בלאָפער", „דער טאָג", נ. י., 18 אָקט. 1921.

קלאַראַ יאָנג – די אידישע שוישפּילערין קלאַראַ יאָנג דערצעהלט אינטערעסאַנטע זאַכען וועגען ראַספּוטינ'ען, „פאָרוו.", נ י., 6 יוני 1922.

צ. ה. רובינשטיין – מאַדאַם קלאַראַ יאָנג אין דער „גרינער קוזינע", „דער טאָג", נ. י., 27 אָקט. 1922.

פ. מ. – קלאַראַ יאָנג, „ליט"בל", וואַרשע, 25-26. 1924.

[קלאַראַ יאָנג] – ווי אַזוי קלאַראַ יאָנג איז געוואָרן אַן אָפּערעטן אַקטריסע, דאָרט.

שרה רייזען – צו די גאַסטראָלן פון קלאַראַ יאָנג, „טאָג". ווילנע, 5 נאָוו. 1924.

בראָדערזינגער [משה בראָדערזאָן] – דער ליכטיקער מעטעאָר, „נ. פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 23 דעצ. 1924.

אַלעקסאַנדער יאַוויץ [ז. סעגאַלאָוויטש] – לכבוד אַ קינסטלערין, „לאָדזשער טאָגבל"ט", 4 דעצ. 1924.

קלאַראַ יאָנג — מיט פרץ'ן, „נ. פאָלקבלאַט", לאָדזש, 4 אַפּריל 1925.

А. Кугель – Гастроли Клары Юнг, „Красная Газета", 17 сент. 1926.

А. Кугель – Клара Юнг „Красная Газета вечер.", 24 сент. 1927.

אַב. קאַהאַן - דער אידישער און ניט-אידישער טעאַטער אין רוסלאַנד, „פאָרוו." נ. י., 18 דעצ. 1927.

א. וו לונאַטשאַרסקי – קלאַראַ יאָנג, „די פּרעסע", ב'א, 10 סעפּטעמב. 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – קלאַראַ יאָנג, „די פּרעסע", ב'א, 14 סעפּטעמבער 1928.

י. באָטאָשאַנסקי – דער דעבוט פון קלאַראַ יאָנג, „די פּרעסע", ב'א, 17 סעפּט. 1928.

שמואל ראזשאנסקי – קלאַראַ יאָנגס דעבוט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אידישע צייטונג", ב'א 17 סעפּט. 192?.

י. ב. – קלאַראַ יאָנג אַלס כאַנטשע אין אַמעריקע, „די פּרעסע", ב'א, 25 סעפּט. 1928.

ש. ר. [ש. ראָזשאַנסקי] – „שאַ, דער רבי פאָרט!" „אידישע צייטונג" ב'א, 1 אָקט. 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – קלאַראַ יאָנג אַלס אַ בחור אַ כוואַט, „די פּרעסע" ב'א, 28 אָקט 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי – אַ שיין אויפגעפירטע פּיעסע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אידישע צייטונג", ב'א, 28 אָקט. 1928.

А. Р. Кугель - „Профили театра", Москва, 1929.

מ ה. – [מנשה האַלפּערן] – קלאַראַ יאָנג, „אידישע פאָלקסצייט.", ריאָ, 11 יאַנ. 1929.

אלחנן צייטלין – קלאַראַ יאָנג, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 27 דעצ. 1929.

אלחנן צייטלין – דער אויפטריט פון קלאַראַ יאָנג, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 13 יאַנ. 1930.

מ. קיפּניס - „שאַ, דער רבי פאָרט!", „היינט". וואַרשע, 22 יאַנואַר 1930.

ב. ק. [קאַרלינסקי] – קלאַראַ יאָנג אויף דער ביהנע, „דער מאָמענט", וואַרשע, 24 יאַנ. 1930.

P. – קלאַראַ יאָנג, צו אירע אויפטריטן אין „פילהאַרמאָניע", „לאָדזשער טאָגבל"ט", 10 מערץ 1930.

טאַטיאַנאַ פ [פוקס] – „שאַ, דער רבי פאָרט". די נייע פּיעסע מיט קלאַראַ יאָנג, „נייער פאָלקסבלאַט". לאָדזש, 24 מערץ 1930.

LE - קלאַראַ יאָנג אַלס רבילע, „ווילנער טאָג", 1 אַפּריל 1930.

יצחק קאַצענעלסאָן - קלאַראַ יאָנג „לאָדזשער טאָגבל"ט", 4 אַפּריל 1930

בלייפעדער - קאָמפּראָמיטאַציע און רעאַביליטאַציע, „אוונט-קוריער", ווילנע, 23 אַפּריל 1930.

א. וו. [וואַסערמאַן] – קלאַראַ יאָנג אין „דזשעקעלע בלאָפער", „ריגער טאָג", 4 מאַי 1930.

א. וו. – דער 2-טער אויפטריט פון קלאַראַ יאָנג, „ריגער טאָג", 5 מאַי 1930.

ק. – קלאַראַ יאָנג אין „חנטשע אין אַמעריקע", „פרימאָרגן", ריגע, 6 מאַי 1930.

ק. [קיטיי] – קלאַראַ יאָנג אין „אָדעסאַ מאַמע", „פרימאָרגן", ריגע, 8 מאַי 1930.

— ן. — „אָדעסאַ-מאַמע" מיט קלאַראַ יאַנג, „ריגער טאָג", 8 מאַי 1930.

מ. קיטי — קלאַראַ יאַנג, „פרים.", ריגע, 9 מאַי 1930.

א. א גרוזענבערג — א. א. גרוזענבערג וועגן קלאַראַ יאַנג, „פרים.", ריגע, 15 מאַי 1930.

וו. לאַצקי-בערטאָלדי — וועגן קלאַראַ יאַנגס שמייכעלע, „פרים.", ריגע, 18 מאַי 1930.

קיט — קלאַראַ יאַנג אין „שאַ, דער רבי פאָרט", דאָרט.

א. ע. [אסתר עליאשעוו] — 1-טער אויפטריט פון קלאַראַ יאַנג אין קאָוונע, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 26 מאַי 1930.

ה. שק. — אויפטריט פון קלאַראַ יאַנג, „די איד. שטים.", קאָוונע, 26 מאַי 1930.

א. ע. — קלאַראַ יאַנג הויבט זיך אָן צו אַנטפּלעקן, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 28 מאַי 1930.

מ. מאַירישעס — גרעסטע רוסישע קריטיקער וועגן קלאַראַ יאַנג, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 30 מאַי, 1 יוני 1930.

א ע. — „אָדעסאַ-מאַמאַ", „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1 יוני 1930.

א. ע. — „די רומענישע חתונה", „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 6 יוני 1930.

מ מאַירישעס — קלאַראַ יאַנג אין „שאַ, דער רבי פאָרט", „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 20 יוני 1930.

מיכאַאיל יאַ — פאַר קלאַראַ יאַנג, „פרים.", ריגע, 5 סעפּט. 1930.

ספעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — קלאַראַ יאַנג צו איהר אויפטריט אין פאַריז, „פאַריזער היינט", 13 אָקט 1930.

י. יערוזאַלימסקי — דזשעקעלע בלאָפער, „בעלגישער טאָג", 24 דעצעמב. 1930.

קוני לעמעל דער צווייטער — איך לערען זיך שרייבען טעאַטער-רעצענזיעס..., „יודישע פרעסע", אַנטווערפּען-בריסל, 26 דעצ. 1930.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 389, 390, 391.

יאָנגמאַן, דזשייקאָב
[יעקב יונקמאַן]

געבוירן 17 דעצעמבער 1887 אין קרייצבורג, וויטעבסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ האָלץ-הענדלער. געלערנט אין חדר און ביי אַ לערער. נאָכן טויט פון זיין מוטער אַוועק אין 1902 קיין ריגע, וואו ער האָט 4 יאָר געאַרבעט אַלס אַן אַנגעשטעלטער אין אַ סיגאַר-געשעפט. 1906 — געקומען אין אַמעריקע. געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ שוך-געשעפט און זינט 1907 זיך פאַרנומען אַדמיניסטראַטיוו מיט יידיש טעאַטער אין לין, מאַס.

י. איז פיל יאָרן געווען דער אַגענט פון רעלקינס בוקינג-אָפיס פאַר יידיש טעאַטער אין די שטעט לין, לאָרענץ, פאָל-ריווער, וואוסטער, פּראָווידענס א. א. 1922-3 — געפירט בשותפות מיט יוליוס נאַטאַנסאָן און באַקסט דאָס גרענד-אָפּערע-הויז אין באָסטאָן. 1927-8 — געווען פאַרוואַלטער פון דער טרופּע אין טאָראָנטאָ. 1931-32 — טרופּע-פאַרוואַלטער אין באָסטאָן.

ש. ע.

יאָנגעלסאָן, נייט, (נתן)

געב. 1893 אין ריגע, לעטלאַנד. באַזוכט די אָרטיקע שטאַט-גימנאַזיע און א'פ „סאָוואָסקי" צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן דעם 28 סעפּט. 1909 אַלס „פּאָסטמייסטער" אין גאָגאָלס „רעוויזאָר" אין נעזלאָבינס שטאַט-טעאַטער, וואו ער בלייבט דעם גאַנצן סעזאָן. 1910-11 — שפּילט י. אין ביעלאַיעווס טרופּע אין ווילנע. 1911-12 — ביים זעלבן דירעקטאָר אין גראָדנע. אין מערץ 1912 טרעט אויף י. צום ערשטן מאָל אין יידיש אין שאַ־אַוונערס טרופּע אַלס „וולאַדימיר" אין גאָרדינס „חאַסיע די יתומה". אייניקע חדשים שפּילט ער אין די טרופּעס פון גענפּער, ליפּאָווסקי און קאָמפּאַנעיעץ איבער די שטעט און שטעטלעך פון קורלאַנד, קאָוונער און וויטעבסקער גובערניעס. זומער 1913 שפּילט ער אין לאָדזשער צירק אונטער דער דירעקציע פון יוליוס אַדלער און ליפּאָווסקי. אין משך פון דערדאָזיקער צייט שפּילט ער פאַר דער קינאָמאַטאָגראַפישער פירמע „מינטוס" דעם „ישיבה בחור".

אין 1914 קומט אָן י. אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער. דעם זעלבן זומער אין קעסלערס רוף-גאַרדען ניו-יאָרק, דעם קומענדן סעזאָן אין י. קעסלערס טרופּע אין שיקאַגאָ, דערנאָך אויף דער פּראָווינץ מיט מאָריס מאָריסאָן, סאַראַ אַדלער, און נאָכדעם 2 יאָר אַלס אַקטיאָר און געהילף-דירעקטאָר פון דער „סעלצניק מווינג פּיקטשור קאָמפּאַניע".

אין 1918 קערט זיך י. צוריק צו דער יידישער בינע, און איז ביז 1922 פאַרוואַלטער און דירעקטאָר פון באַלטימאָרער ליריק-טעאַטער. 1926 — געשפּילט ביי טאָמאַשעווסקי איבער דער פּראָווינץ, דערנאָך ביי דער „ווילנער טרופּע", בעת זייער ערשטן טורנע איבער אַמעריקע. זינט אָקטאָבער 1926 איז י. פאַרוואַלטער פון אַ קאָנצערט-ביוראָ אין באַלטימאָר.

ש. ע.

יאַנפּאָלסקי, ב.

געבוירן 1900 אין גלוכאָוו, טשערניג. גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַן אַרבעטער אין אַ קאַלך-ברענעריי. נאָכן פאַרענדיקן די 4-קלאַסיקע שטאַטישע שול, געוואָרן אַן עלעקטראָ-מאָנטער און אַלס אַזעלכער אין 1919 אָנגעקומען אין טעאַטער „רוסישע דראַמע" א'פ פון י. פ. טשערנישאָוו. באַלד אָבער טרעט י. אַריין אין דער דראַמאַטישער סטודיע פון רעזשיסער אַטיאַנאָוו און אַ יאָר שפּעטער באַטייליקט ער זיך שוין אין די גאַסטראָלן פון טעאַטער „רוסישע דראַמע" איבער אוקראַאינע, שפּילנדיק כאַראַקטער-ראָלן.

י. האָט אויך שטודירט אין אַ מוזיקאַלישן טעכניקום.

אין 1928 איז ער אַריינגעטראָטן אין „ווימט".

ש. ע.

יאַנקאָ, יאַשאַ

[מעיטעס]

געבוירן 1894 אין אָדעס, אוקראַאינע. ברודער פון די אַקטעריסעס נאַדיאַ דראַנאָוו און שרה קושטשינסקאַ. אין עלטער פון 14 יאָר איז י. אַריינגעטראָטן אין כאָר צו פּיש-זאָן און אין עלטער פון 18 יאָר אָנגעהויבן שפּילן כאַראַקטער-ראָלן. זינט דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פאַרבונדן מיט די יידישע מלוכה-טעאַטערס אָדער מיט חברים-טרופּעס איבער דרום-רוסלאַנד, אַלס שוישפּילער און פאַרוואַלטער.

מ. ע. פון נאַדיאַ דראַנאָוו.

יאָסילים, חיים

קיין שום ביאָגראַפישע דאַטען זיינען וועגן י. ביז איצט נישטאָ. פון שער-בלאַט פון זיין פּיעסע איז צו זען, אַז ער איז געווען אַ סטאָלער אין סאָקילען, וואָלין.

אין 1874 איז אין זשיטאָמיר דערשינען זיין

דער צווייטער אייזין באַנד [אייזנבאַן]
פון זארביניץ קיין יורקאץ

פון חיים יאָסילים, סטאָליר מסאָקילען,

דיערשטע טייל. זיטאָמיר 1874.

דער צווייטער טייל איז דאָרט דערשינען אין 1876.

די פּיעסע איז – לויט י. ד. בערקאָוויטש – „אַ באַשרייבונג פון קליינשטעטלדיקע בעלי-עגלות, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ „טראָסט" צו קעמפן קעגן דער אייזנבאַן. געשריבן אין אַ פּרימי-טיוון פאָלקסטימלעכן יידיש, אויסגעמישט מיט פאָלקס-ווערטלעך און הלצות",

ש. ניגער, וועלכער וויל אין דער פּיעסע זען די פאָרגעשיכטע פאַר עלעמענטן פון שלום-עליכמס הומאָר און ציטירט שטעלן פון דער פּיעסע מיט אירע טיפּן און ווערטלעך, כאַראַקטעריזירט אַזוי י.'ס שרייבן: „קיין אמתער הומאָריסט (אינם קינסטלערישן זינען פון וואָרט) איז חיים יאָסילים, דער פאַרפאַסער פון „אייזין באַנד", נישט געווען. אָבער עס איז אין אים און אין זיין יידיש און אין זיינע מעשות פאַראַן עפּעס פון יענער ליבע צו שפּילן זיך מיט ווערטער און פון יענער גילות צו טרייבן קאַטאָוועס, וועלכע איז, דאַכט זיך מיר, כאַראַקטעריסטיש פאַר וואָלינער פאָלקס-יידן".

ניגער פאַרצייכנט אויך נאָך אַ ביכל פון י.:

ברוך שפטרני

דיא שרעקלעכע נסיעה פון זארבינעיי קיין
באַרישאוו. אומיטען [אינמיטן] קליין
שטעטיל קליין סדום ס'ה 5 מייל –
האָט געווערט די נסיעה אַכט טעג רצוף.

דער וואָס האָט געמאַכט דעם צווייטן
אייזין באַנד, דער האָט דאָס ביכל אויך
געשריבען מיט זיין האַנד, נאָר אַז איר
ווילט וויסן ווי אַזוי הייסט דער מחבר –
ער הייסט ר' לייב דער שרייבער [?]
וואַרשא
ענה בדרך כח קצר ימי לפ"ק (1880).

„ברוך שפטרני" האָט דעם זעלבן מאָטיוו, וואָס דער „צווייטער אייזין באַנד", אָבער עס איז געשריבן נאָך לעבעדיקער און פרייליכער.

ש. ניגער – עלעמענטען פון שלום-עליכם-הומאָר פאַר שלום עליכמן, „דער פּנקס", ג. י., 1927, זז. 1-12.

נח פּרילוצקי – מכח די קוואַלן פון שלום-עליכמס הומאָר, „די יידישע וועלט", וואַרשע, 4, 1928.

ש. ניגער – פּאָלעמיק און וויסנשאַפט, „די יידישע וועלט", וואַרשע, 7, 1928.

יאָעליט, חוה

[גרינשפּאַן]

גבוירן אין אָרעיעוו, בעסאַראַביע. פון פריסטער יוגנט ליב געהאַט דעקלאַמירן און אין עלטער פון 7 יאָר זיך באַטייליקט אין רוסישע שול-פאָרשטעלונגען. צוליב שלעכ-טער מאַטעריעלער לאַגע נישט געענדיקט די גימנאַזיע און אין 1910 אָפּגעפאָרן צו אירע ברידער אין סיריע, וואו זי לערנט אין אַ דייטשער מיסיאָנערן-שול. אין 1911 אַוועק קיין יפו, וואו זי האָט געלערנט אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע „הרצליה" ביז 1914. אין פאַרלויף פון דער צייט באַטייליקט זיך אין עטלעכע קאָנצערטן און דערוויילט געוואָרן אין „ועדת החזיונות" פון דער גימנאַזיע. אין 1914 אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. סוף 1915 געוואָרן אין מאָסקווע אַ העברעאישע לערערין און באַזוכט די פּעטראָווסקער-ראָזאַמאָווסקער אַקאַדעמיע, צוגרייטנדיק זיך אַלס אַגראָנאָם און אינזשיניער.

אונטער דער השפעה פון דוד וואַרדי טרעט י. אַריין אין יאַנואַר 1919 אין „הבימה", און נאָך איר חתונה מיט אים, פאָרן זיי אַרום אין 1923 אויף „קאָנצערט-אָוונטן" איבער לעטלאַנד, עסטלאַנד, ליטע און פּאַלעסטינע. אַפּריל 1924 – אָנגעקומען אין ניו-יאָרק, וואו זי גיט איינִיקע „קאָנצערטן". שפּילט דערנאָך אַ קורצע צייט אין „אונזער ווינקל", פירט דורך מיט וואַרדין אַ קאָנצערט-טורנעע איבער קאַנאַדע, און נאָכן מיטבאַטייליקן זיך אין דער רעזשי פון דער ענגלישער „דבוק"-אויפפירונג, גרינדעט זי צוזאַמען מיט וואַרדין די „וואַרדי-יאָעליט-טעאַטער-סטודיע", וואו זי באַטייליקט זיך אַלס שוישפּילערין און לערערין. 1929-32 – אַרומגעפאָרן מיט „קאָנצערטן" איבער אַמעריקע.

ש. ע.

„וואַרדי-יאָעליט-סטודיע-בלעטלאַך", I.

יאַקאָב, מאָזעס (משה־יעקב)

[געב. בערך 1857 — געשט. פעברואַר 1932]

געבוירן בערך 1857 אין קראָקע, מערב־גאַליציע, וואו ער איז רעליגיע־לערער. אַ געוויסע צייט געווען צענזאָר פאַר יידיש אין קראָקאָווער באַצירק און דערפאַר באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער. 1919־23 — געווען דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין קראָקע, אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון לעאָפּאָלד יונגוירט.

י. איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער מיט זיין מאָדעל, וואָס האָט אין מיניאַטור־פאָרם פאַרגעשטעלט דעם בנין פון בית־המקדש.

פעברואַר 1932 איז י. געשטאָרבן אין קראָקע.

י.׳ס טאָכטער איז פאַרהייראַט מיטן אַקטיאָר אַדאָלף מעלצער.

ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

פּ. ח. — אַדאָלף מעלצער ז״ל, „דער מאָרגען״, לעמבערג, 8 אויגוסט 1929.

ז. שוחט — געשטאָרבן דער בויער פון בית המקדש אין קראָקע, „פאָרוו.״, נ. י., 12 מערץ 1932.

יאַקאָבי, פּראָפעסאָר

אונטערן דאָזיקן פּסעוודאָנים זיינען געשפּילט געוואָרן פּיעסעס פון פאַרשיידענע מחברים. אָפט פלעגן די טעאַטערס אָנגעבן דעמדאָזיקן נאָמען אויף אַ פּיעסע, כדי „אַרויסצורופן רעספּעקט״ ביים נאַאיוון, פּשוטן טעאַטער־עולם. אָפט האָט זיך אַ באַקאַנטער דראַמאַטורג געוואָלט אויסבאַהאַלטן מיט אַ שונד־פּיעסע, טיילמאָל ווידער האָט מען געשפּילט פּיעסעס אונטער דערדאָזיקער מחברשאַפט, כדי אויסצומיידן צאָלן האָנאָראַר. עס האָט אויך געטראָפן, אַז ווען ס׳איז אין אַ טרופּע אָנגעקומען אַן אומלעגאַל־איבערגעשריבענע פּיעסע פון אַן אַנאָנימען מחבר, האָט מען זי אַנאָנסירט אַלס ווערק פון „פּראָפעסאָר יאַקאָבי אויס לאָנדאָן״ אָדער סתם „יאַקאָבי״.

אַזוי איז דעם 11 דעצעמבער 1896 אין ניו־יאָרקער טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די געהיימניסע פון לאָנדאָן. איינע אָפּערן טראַגעדיע אין 5 אַקטן פון פּראָפ. יאַקאָבי פון לאָנדאָן״.

אין נאָוועמבער 1901 איז אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסע „אַמעריקע, פון פּראָפעסאָר יאַקאָבי״. ווי ב. גאָרין שטעלט פעסט האָט די פּיעסע געשריבן יעקב גאָרדין.

דעם 29 דעצעמבער 1905 איז אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער קאַליש־טעאַטער „ר׳ לייב ספרדי, אָדער, דער ייד אין סאָביעסקיס צייטן, היסטאָרישע אָפּער. פון פּראָפ. יאַקאָבי״ מיט זיגמונט פיינמאַן אין דער טיטל־ראָל. שפּעטער איז די־דאָזיקע פּיעסע געשפּילט געוואָרן א״נ „שבת קודש, פון זיגמונט פיינמאַן״ און איז אויך אונטערן דאָזיקן נאָמען דערשינען אין דרוק.

אין אָקטאָבער 1906 איז אין קאַליש־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די שטילע חתונה, לעבנסבילד אין 4 אַקטן פון פּראָפ. יאַקאָבי״.

דעם 27 דעצעמבער 1907 איז אין קאַליש־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די אלמנה, גרויסע קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן פון פּראָפ. יאַקאָבי אויס לאָנדאָן, מוזיק פון פּערל־מוטער און וואָהל״.

דעם 24 יאַנואַר 1908 אין אַדלערס גרענד־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך אַדלערן „דער שטורם אין דער פאַמיליע, פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן פון פּראָפ. יאַקאָבי, ליברעטאָ פון ש. שמולעוויטש, מוזיק פון ברודי״.

דעם 7 פעברואַר 1908 איז אין קאַליש־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די נקמה פון אַ פרוי, פון פּראָפ. יאַקאָבי, מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל״.

דעם 23 אויגוסט 1919 איז אין לעמבערג אויפגעפירט געוואָרן „די ווייסע שקלאַפין, פון פּראָפ. יאַקאָבי״, בעת די פּיעסע איז געשריבן געוואָרן פון איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקי. אין 1926 איז די פּיעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון ש. גאָלדפאַרב: „פּראָפעסאָר יאַקאָבי. די ווייסע שקלאַפין, דראַמע אין פיער אַקטן״ [48 ז. 16^0].

דעם 11 אַפּריל 1924 איז אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מיט פרענציס אַדלער „אַמעריקאַנער חתונות, אין 4 אַקטן פון יאַקאָבי. מוזיק פון יאָזעף ברודי״ [וואַרשיינלעך „דער שטורם אין דער פאַמיליע״].

ב. ג. [גאָרין] — אַמעריקע, „דער טהעאַטער זשורנאַל״, נ. י., 4, 1901.

אַב. קאַהאַן — „דער איד אין סאָביעסקי׳ס צייטען״ אין קאַליש טהעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י. 13 יאַנ. 1906.

יאקב בה׳ יחזקאל מפוזנן

אין טעאַטער־מוזיי ביי ייוו״אָ געפינט זיך אַן עקזעמפּלאַר פון

„עררעטטונג דער יודען דורך
אסתר אונד מרדכי
טרויאר שפיהל אונד פריידליכעס ענדע
אין פינף טייהלין, וועלכיס נימאהלט
אויף דעראגלייכן מאַניהרן, גידרוקט
אודער גישפיהלט ווארדן איזט אונד אוף
גפיהרט דורך דיא ביקענטי דרייא
פרימיעאורס דיזעס שפיהל געץ דוד
הירש אונד אויף איין רעכטי טעאַטער
מעסיגע מאַניהר אין גריכט מיט פר
ענדרונג דער רעהדינס אַהרט אויף איין
גאַנס נייאה מאַניהר אין דער ריינע
אויף ריכטיקע טייטשי שפּראַכע איבר
גיזעצעט, אונד קוריגירהט דורך יאקב
בה׳ יחזקאל מפוזנן״.

[„די רעטונג פון די יידן דורך אסתר און מרדכי״, אַ טרויער־שפּיל מיט אַ פריילעכן סוף אין 5 טיילן, וועלכע זיינען קיינמאָל אין דער פאָרם נישט געדרוקט אָדער געשפּילט געוואָרן. אויפגעפירט דורך די באַקאַנטע פּרעמיערן געץ, דוד און הירש און אויף אַן אמתן טעאַטער־אופן איינגעאָרדנט מיט שינויים אין אופן ריידן אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער אין דער ריינער, אמתער דייטשער

שפראַך איבערזעצט און קאָריגירט דורך יעקב, דער זון פון יחזקאל, פון פאָזן.]

קיין שום ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם איבערזעצער און באַארבעטער פון דער פיעסע זיינען אין ערגעץ נישטאָ. ווי ס׳איז צו זען פון שער־בלאַט איז די פיעסע געשפּילט געוואָרן מיט די שוישפּילער געץ, דוד און הירש אין דער שפּיץ.

די האַנדלענדע פּערזאָנען פון דער פיעסע זיינען [אין אונזער סטיל און אָרטאָגראַפיע]: אחשורוש — קעניג פון פרס און מדי, ושתי — ערשטע קעניגין און פרוי פון קעניג אחשורוש, המן — פירשט פון פערסיע און נאמן פון קעניג אחשורוש, שמשון — רייכסקאַנצלער פון דער פּערסישער מלוכה, בגתן און תרש — קאַמערהערן פון קעניג אחשורוש, מרדכי — אַ העברעאישער ייד, אסתר — זיין קוזינע און צווייטע קעניגין פון פערסיע, התך — דער קעניגינס קאַמערהער, אַן אַפּטייקער.

די שווייגנדיקע פּערזאָנען פון דער פּיעסע זיינען: אַן אָפיציר, דעם קעניגס לייב־וואַך און מאלאפיץ־פּערזאָן [תליון].

די פּיעסע האַלט 52 זייטן, 12° און איז געדרוקט אין אַמסטערדאַם אין דער דרוקעריי פון דער אלמנה און יתומים פּרופּס אין יאָר תק״ם (1780).

בן־יעקב און נאָך אים ב. גאָרין פאַרצייכנען על פי טעות די אויסגאַבע אַלס תק״ס (1800).

יצחק־אייזיק בן־יעקב — „אוצר הספרים“, ווילנא 1880.
ב. גאָרין — „געש איד. טעאַט.“, I, ז. 58.

יאַקובאָוויטש א. ל.

געבוירן אַרום 1880 אין סניאַדאָווא, לאָמזשער געגנט, פּוילן. געלערנט אין חדר און ישיבות, בפרט אין בריסק. שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג, געלערנט שפּראַכן און זיך באַקענט מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

אין 1902 דעביוטירט מיט דערציילונגען אין העברעאיש אין פּרישמאַנס „הדור“. שפּעטער צוליב מאַטעריעלע סבות, זיך געווידמעט צו העברעאישער און יידישער זשורנאַליסטיק, אָפּגעבנדיק זיך באַזונדערס מיט איבערזעצונגען.

אין י.׳ס איבערזעצונג זיינען דערשינען „טעאָדאָלינדא, אַ שפּאַס אין 1 אַקט פון י. ב. שווייצער, פערלאַג א. גיטלין, וואַרשא 1910“ [32 ז. 16°, איבערזעצער נישט אָנגעגעבן], „באַרטעל טוראזער, דראַמא אין 4 אַקטן פון פיליפּ לאַנגמאַן, איבערזעצט פון א שרייבמאַ“ [געדרוקט אין „ראָמאַן־צייטונג“, וואַרשע, נ׳ 9־1, 1907 אַ צווייטע איבערזעצונג פון אַננאַ מאַגיד איז דערשינען אין 1919 אין פּעטערבורג] און „אַ הענדשקע, אַ דראַמאַ אין דריי אַקטען פון ביערנסטיערנא בערנסאָן [געדרוקט אין אַן אַנאָנימער איבערזעצונג אין „ראָמאַן־צייטונג“, וואַרשע, נ׳ 27־19, 1908].

י. איז דער מאַן פון דער געוועזענער אַקטעריסע פאנינא, טאָכטער פון די פּיאָנערן פון יידישן טעאַטער אין פּוילן, ציפּקוס.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, I, זז. 36־1234.

יאַקובאָוויטש, אַננאַ

[חנה מייעראָוויטש]

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — באַזיצער פון אַ שפּייז־קראָם. געלערנט אין פאָלקס־שול און געזונגען אין קינדער־כאָר פון דער סינאַגאָגע. אין 1912 געוואָרן אַ כאָריסטקע אין קאַמינסקיס טעאַטער און שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע יוליוס אַדלער־ליפּאָווסקי אין ווילנע, וואו זי דעביוטירט אַלס „דייטשקע“ אין גאָרדינס „שחיטה“. ביי זשיטאָמירסקין אָנגעהויבן שפּילן פּרימאַדאָנע־ראָלן און נאָך דער חתונה מיט היימאַן יאַקובאָוויטש מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע.

מ. ע.

יאַקובאָוויטש, היימאַן (חיים־נתן)

געבוירן 11 יוני 1890 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ וועבער. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין יאַראָטשינסקיס שול. אַלס יינגל געזונגען אין כאָר פון דער סינאַגאָגע א״ל פון דיריגענט דארגוזשאַנסקי און אין דער פּריסטער יוגנט צוזאַמען מיטן פאָטער באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער, וואָס מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. אין עלטער פון 14 יאָר געפאָרן צו זיינעם אַ פעטער אין פּעטערסאָן (אַמעריקע), אָבער אַ יאָר שפּעטער קומט ער צוריק אין לאָדזש און טרעט אַריין צו ראַפּעלן אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער, וואו ער דעביוטירט אַלס „תלמי“ אין לאַטיינערס „אשה רעה“. נאָכן שפּילן דאָרט אַ סעזאָן, גייט י. איבער צו סאַבסיין אין ווילנע ($1^1/_2$ יאָר). דערנאָך ביי גוזיק (2 יאָר), 4 חדשים ביי פישזאָנען, אַ האַלב יאָר ביי זשיטאָמירסקין, שפּילט מיט יונגוויץ־יאָנג אין וואַרשע, פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד אַלס מיטדירעקטאָר מיט חיימאָוויטש, כאַראַז און סאַמבערג און שפּילט שפּעטער ביי ליפּאָווסקי אין ריגע און ווילנע. מלחמה־צייט געשפּילט אין לאָדזש אין וואָדעוויל־הייזער און דערנאָך געוואָרן אימפּרעסאַריאָ פון אַ וואַנדער־טרופּע איבער פּוילן, דייטשלאַנד, בעלגיע און האָלאַנד. שפּעטער גאַסטראָלירט אין פּאַריז ביי אַ פּאַראייניקטער חברים־טרופּע, 3 חדשים אין לאָנדאָן ביי דובאָווסקי, און אַפּריל 1921 אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער דעביוטירט אין אורווינג פּלייס־טעאַטער אין בוימוואָלס „וואָס ליבע קען“ („מאַדאַם פריילין“). דערנאָך געשפּילט טעאַטער און וואָדעוויל ביי טאָמאַשעווסקי, אַ סעזאָן אין קליוולאַנד און דעטראָיט, און ביז 1927 געפירט אַליין נישט־יוניע טרופּעס איבער דער פּראָווינץ. צוריקגעקערט קיין אייראָפּע, גאַסטראָלירט י. אין אַנטווערפּן, בערלין, פּאַריז, בערך 10 חדשים אין לאָדזש, סוף 1928 אין רומעניע, דערנאָך ווידער איבער מזרח־און מערב־אייראָפּע. 1932 — צוריקגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אויף דער פּראָווינץ.

מ. ע.

יאַקובאָוויטש, לאָלאַ

[סאלפיש]

געבוירן מאַי 1906 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ בילעטן־קאָנטראָלער אין יידישן טעאַטער און אַזוי נאָך איז י. נאָך אַלס קינד אַריינגעפירט געוואָרן אין טעאַטער, וואו זי האָט צו 6 יאָר געשפּילט אַ קינדער־ראָל מיט קלאַראַ יאָנג אין „זיין ווייבס מאַן", שפּעטער מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין „בלימעלע".

יונג איבערגעריסן דאָס לערנען ביי קרינסקין אין שול און געוואָרן אַ לאַטשן־נייטאָרין.

דורכן אַקטיאָר נאַרפּלוס אַריינגענומען געוואָרן אין אַ וואַנדער־טרופּע און ארומגעפאָרן איבער פּוילן. צוריקגעקומען אין וואַרשע, איז י. אַריינגעטראָטן אַלס סטאַטיסטקע אין דער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין זאַל פון האַנדווערקער־פאַראיין, באַלד אָבער אריבער אויף אַנגעזעענע סופּרעטן־ראָלן.

נאָכן שפּילן מיט אַ חברים־טרופּע אין ביאַליסטאָק, אָפּגעפאָרן קיין רומעניע, וואו זי שפּילט אין קאָמפּאַניעיקס טרופּע, שפּעטער צוריק אין פּוילן מיט צימבאַליסט־צוקער, יעקב זילבערט און בעטי קעניג, דערנאָך אין וואַרשעווער סקאַלאַ־טעאַטער מיט ליפּמאַן און אין קאַמינסקי־טעאַטער מיט נעלי קעסמאַן, פּסחקע בורשטיין און מנחם רובין.

מ. ע.

יאַקובאָוויטש, ליאַשאַ

געבוירן אין ברזשעזשין, ביי לאָדזש, פּוילן. צוליבן פאָטערס טויט אויפגעצויגן געוואָרן ביי אַ פעטער אין זגערזש, ביי לאָדזש, וואו זי האָט אַ געלעגנהייט צו זען שפּילן אַ יידישע טרופּע. ווען דער אַקטיאָר הערמאַן בערמאַן הערט זי צופעליק זינגען „הייסע באַבקעלעך", באַוועגט ער זי צו אַנטלויפן מיט זיין טרופּע און אַזוי דעביו־טירט י. דעם 12 סעפּטעמבער 1894 אין ליפּנע אין שליפערשטיינס פּיעסע „דאַראַ". פון דאָרט, אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, זיך געשלעפּט איבער פּוילן, דערנאָך געשפּילט אין קיעוו ביי קאַמינסקי און פישזאָן, און אין קרעמענטשוג ביי בערנשטיין, מיט וועלכן זי האָט חתונה און שפּילט שפּעטער ביי בערנשטיין־סעם אַדלער און אין אַנדערע טרו־פּעס איבער רוסלאַנד און פּויל.

1910 — האָט י. געשפּילט ביי איצקאָוויטש, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט, ארומגעוואַנדערט איבער בעסאַראַביע און פּוילן און אין 1923 געקומען מיט איר מאַן אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט צו־זאַמען מיט אים אין נישט־יוניע־טרופּעס.

ש. ע. פון שבתי איצקאָוויטש.

יאַקובאָוויטש, לייזער

[געב. . . . — געשט. . . .]

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. געווען אַ ווייך־זיפער. צוליב זיין שיינער שטים צוגעצויגן צום יידישן טעאַטער, האָט ער — לויט מ. ד. וואַקסמאַן — דער ערשטער געשפּילט „יואב הגדעוני" אין גאָלדפאַדענס „שולמית" א"ר פון מחבר.

נאָכן פּאַרוואַר צו שפּילן יידיש טעאַטער, האָט י. אויסגעוואַנ־דערט קיין ענגלאַנד, וואו ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער, בפרט אין דער ענגלישער פּראָווינץ.

אין די אַקטיאָרן־קרייז איז י. געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען „לייזער דיוק".

פון ענגלאַנד האָט י. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געשטאָרבן אין באָסטאָן.

מ. ע. פון מ. ד. וואַקסמאַן, יעקב קעצמאַן און באָריס טאָמאַשעווסקי.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 49.

יאַקובזאָן, [?]

געווען פּאַרוואַלטער אין „הירשביין־טרופּע".

דער אַקטיאָר ש. קוטנער דערציילט וועגן אים: „די הירשביין־טרופּע איז אייגנטלעך באַלד געווען אַ טויט־געבוירן קינד. זי האָט אָבער די גאַנצע צייט געהאַט ביי דער האַנט אַ לייב־דאָקטאָר, וואָס האָט מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען זי דערהאַלטן ביים לעבן. דאָס איז געווען דער פּאַרוואַלטער ה' יאַקובזאָן. אייגנטלעך איז דאָס געווען זיינער אַ פּסעוודאָנים, וואָרום יאַקוב־זאָן איז געווען פּאָליטיש „נישט כשר", און דאָס, וואָס ער האָט געגאָלטן אַלס פּאַרוואַלטער ביי אַ טרופּע, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין אויף דער פריי. אויב ער האָט דאָס אויך אויס־גענוצט ווייטער צו פירן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, איז קיינעם נישט געווען באַוואוסט. נאָר אַז ער איז געווען איבערגעגעבן דער טרופּע בלב ונפש, דאָס האָט מען געקאָנט לייכט זען. ביי יעדער קאַטאַסטראָפע פלעגט ער תיכף אָפּשלאָגן די שוועלן ביי די יידישע „פּני" און יעדעס מאָל האָט ער שוין אָפּגעזוכט אַ מעצענאַט, וואָס זאָל געבן די מעגלעכקייט נאָך אַ ביסל צו זשיפּען און ווייטער האָפן אויף בעסערע צייטן."

ז. זילבערצווייג — „טעאַטער זכרונות", ווילנע, 1928 זז. 87-88.

יאַראָסלאַווסקאַ, זלאַטע

געבוירן אין ווילנע, פּויליש־ליטע. אויפ־געצויגן געוואָרן ביים טעאַטער־דירעקטאָר נחום און דער אַקטריסע אסתר ליפּאָווסקי.

1914 — אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן מיט די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן טשאַרלס נאַ־טאַנסאָן, לעאָפּאָלד קאַנער א. א. וועלכע האָבן גאַסטראָלירט ביי ליפּאָווסקין אין ווילנע, בעת דער וועלט־מלחמה געווען מיט דער ליפּאָווסקי־משפּחה אין כאַרבין, סיביר, כאַרקאָוו, אָדעס און אַנדערע שטעט, וואו זי שפּילט שוין סובּרעטן־ראָלן.

נאָך איר חתונה אין קאָוונע איבערגעריסן אויף 3 יאָר דאָס שפּילן אויף דער בינע. 1923 — ווידער אָנגעהויבן שפּילן אין ווילנער פאָלקס-טעאַטער, דערנאָך אין לעמבערג, קראָקע, לובלין און אַנדערע שטעט אין פּוילן.

1928 — זיך באַזעצט אין קאָוונע, וואו זי שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

יאַריכאָווסקי, אליהו-זלמן

[געב. . . . 18 — געשט. [?]]

געבוירן . . . 18 אין לאָדזש אָדער פּיעטריקאָוו, פּוילן. פאָטער — אַ באַס-שפּילער אין קאַפּעלעס. שטודירט מוזיק און אין 1881 געווען דיריגענט אין ספּיוואַקאָווסקיס עלדאָראַדאָ-טעאַטער אין וואַרשע און דאָ שפּעטער פאַרפאַסט די מוזיק צו עפּעלבערגס „דוד אין דער וויסטע" און גאָלדפאַדענס „אחשורוש". 1889 — אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און דאָ געוואָרן דיריגענט אין דער יידישער טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אין האָלענדישן קלוב (זיין ברודער יידל, וועלכער האָט זיך גערופן פלאַש, איז געווען פאַכטער פונם זאַל). דאָ האָט י. פאַרפאַסט מוזיק צו „מאָנטאָ קריסטאָ" און אויך איבערזעצט ווערדיס „טראַוויאַטאַ", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן.

אין 1890 איז אין ווינקאָרט-האָל אויפגעפירט געוואָרן אַדאַם מעסקאָס פּיעסע „די יידישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינא" מיט מוזיק פון י.

1892 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז 2 יאָר געווען צוזאַמען מיט ראָזענבערגן דירעקטאָר אין פילאַדעלפיע. אין אַמעריקע האָט י. געשריבן מוזיק צו גאָרדינס „מירעלע אפרת", צו געבילס פּיעסעס „טאַטע, מאַמעס צרות", „דאָס פאַלשע ווייב", „דאָס יידישע האַרץ, אָדער די טענער פון כל נדרי".

1896 — איז אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אַדאַם מעסקאָס פּיעסע „מלכה שבא" מיט מוזיק פון י. און אין 1900 איז אויפגעפירט געוואָרן משה ריכטערס „הערצעלע מיוחס, אָדער, טייבעלע" מיט מוזיק פון י.

י. איז געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע.

מ. ע. פון מ. ד. וואַקסמאַן, פּ. שטויב, מאַקס געביל, ה. פיינשטיין, נ. בלומענטאַל און ש. ע. פון יוסף וויינשטאָק.

זלמן זילבערצווייג — וועגן אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן, „פּנקס", נ. י., 1, 1929, זז. 7-85.

יהואש

[שלמה בלומגאַרטען]

[געב. אַפּריל 1871 - געשט. 10 יאַנואַר 1927]



געבוירן אַפּריל 1871 אין ווירזשבאָלאָוו (איצט ווירבאַלין), סובאַלקער געגנט, פּוילן. פאָטער — אַ פרומער למדן און אַ משכיל, מוטער — די עקרת-הבית. ביז 13 יאָר געלערנט העברעאיש, גמרא און אין געהיים זיך אָפּגעגעבן מיט דער השכלה-ליטעראַטור. דערנאָך זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג.

1885 — האָט אים זיין פאָטער געשיקט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, אָבער נישט באַפרידיקט פון די למודים, האָט י. באַלד פאַרלאָזט די ישיבה און גענומען שטודירן פרעמדע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן. צו דער צייט געהערן אויך זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרובן אין יידיש.

1890 — אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האַלט זיך אָפּ כמעט איינגאַנצן פון שרייבן און ווערט אַ סוחר. 1900 — ערנסט קראַנק געוואָרן און אָפּגעפאָרן קיין דענווער (קאָלאָראַדאָ) אין סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזיכטיקע, וואו ער הויבט אָן ווידער שרייבן. שפּעטער באַזעצט ער זיך אין ניו-יאָרק און ווידמעט זיך אויסשליסלעך דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז פאַררעכנט אַלס איינער פון די באַדייטנסטע און וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער יידישער דיכטונג. י. האָט אויך איבערזעצט גאַנץ תנ"ך אין יידיש.

אין זיינע שריפטן זיינען אויך פאַרעפנטלעכט זיינע דראַמאַטישע פראַגמענטן „שאול" (אויפגעפירט געוואָרן אין 1918 דורך וואָלף מערקור אין לעמבערג מיט ישראל אַלטער אַלס „שאול" און דעם 7 מערץ 1924 געשפּילט דורך דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" אין ניו-יאָרק), „הורקנוס", „די מצורעים" און „שונמית" (סצענירט דורך יעקב פּ. אַדלער, מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי, געשפּילט דעם 20 דעצעמבער 1917 אין ניו-יאָרקער יידישן טעאַטער דורך סעראַ אַדלער, גוסטאַוו שאַכט א. א., און אין 1927 צום „יהואש-אָוונט" אין קאָרנעגי-האָל אין ניו-יאָרק דורך סטעלאַ אַדלער, י. בלייך א. א. א"ר פון יעקב מעסטעל). דער איינאַקטער איז אין 1919 אויך דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון העגרי ט. שניטקינד.

דעם 10 יאַנואַר 1927 איז י. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

י.'ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] שאול (אַ דראַמאַטישער פראַגמענט)

[2] הורקנוס
[געדרוקט אין „נייע שריפטען" פון יהואש, ערשטער באַנד. ניו-יאָרק, 1910]

[3] דיא מצורעים
[געדרוקט אין „נייע שריפטען" פון יהואש, צווייטער באַנד. ניו-יאָרק, 910]

[4] שונמית (ביבליש בילד)
[געדרוקט אין „זונן און נעבל", פערלאַג „יהואש", ניו-יאָרק, 1913].

י.'ס פּיעסעס געדרוקט אין ענגליש:

[1] The Shunamite
a one act biblical play
by Yehoash
authorized translation from the yiddish by Henry T. Schnittkind
in „The Stratford Yournal", 6, 1919.

[1a] in „Twenty Five Short Plays International"
selected and edited by Frank Shay, D. Appelton and Company, New-York — London, 1925.

ז. רייזין — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1244-53.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

יהודית

[רחל בערנשטיין]



געבוירן סוף 1869 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, אין דער פאַמיליע פון פאַרמעגלעכע קרעמער. אונטער דער השפעה פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געוואָרן אַן אייפריקע לייענערין פון דער רוסישער ליטעראַטור, שפּעטער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור, האָט אַליין אָנגעהויבן שרייבן יידיש און דעביוטירט 1907 מיט אַ קאַפּיטל זכרונות „אַ ווינטער-שבת" אין „דער פריינד", דערנאָך געשריבן לידער, אַ ראָמאַן א. א.

1909 — פאַרעפנטלעכט אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבען" (IV) דעם איינאַקטער „ביי דער אַרבייט" און אין 1911 — אין זעלבן זשורנאַל (VII-VIII) די דראַמאַטישע סצענע „אין אונזערע טעג".

1925 — איז דערשינען אין מינסק י.׳ס פּיעסע (פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג ערב דער ערשטער רעוואָלוציע) אין 3 אַקטן „דער ערשטער מאַי", מיט אַ הקדמה פון ב. אָרשאַנסקי און מיט נאָטען פון עטלעכע פאָלקס-און קאַמפּס-לידער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 1254.

ע. קאָרמאַן — „יידישע דיכטערינס אַנטאָלאָגיע", נ. י., 1928, ז. 345.

יודסאָן, שלמה

געבוירן 28 מערץ 1878 אין דערעטשין, גראָדנער געגנט, פּוילן. געלערנט אין דער זשעטלער ישיבהביים רב ר׳ משה-אייזיק. 1892 — אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין לאָדזש, וואו ער האָט געלערנט דייטש און זיך באַקענט מיט דער דייטשער ליטעראַטור.

1896 — אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין „הצפירה" א״פ ש. דאַטשקין און שפּעטער זיך באַטייליקט אין אַנדערע העברעאישע אויסגאַבן.

1898 — עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אין 1906 אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זינט 1913 איז י. רעדאַקציע-מיטגליד אין ניו-יאָרקער „מאָרגען-זשורנאַל" און זינט 1920 — מיטרעדאַקטאָר.

אין 1911 איז דערשינען אין ניו-יאָרק אין פאַרלאַג „מעהר ליכט" י.׳ס איבערזעצונג פון אפרים גאָטהאָלד לעסינגס „עמיליע גאַלאטי, טראַגעדיע אין 5 אַקטן" [109 ז. 16°].

י. האָט צוזאַמען מיט דר. מוקדוני און מ. עלקין געמאַכט הכנות אַרויסצוגעבן אַן „ענציקלאָפּעדיע פון יידישן טעאַטער" און צו דעם צוועק אַרויסגעגעבן אַנקעטע-בויגנס

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1265-66

ד. ב. — ביכער, „פא״ש", נ. י., 8 יולי 1911

יוּווילער, מאַרק

געבוירן 7 דעצ. 1904 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — הויזבאַזיצער. געלערנט אין אַ יידישער פאָלקסשול, דערנאָך יידישע למודים אין דער היים און אַלגעמיינע למודים אין דער מיטלשול פון פינקל.

1922 — געווען אַקטיוו אַלס מיטגליד אין דער בונדישער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע און געווען לערער אין די יידישע וועלטלעכע שולן אין וואַרשע, דערנאָך באַשטימט געוואָרן דורכן לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר פון צענטראַלן לעדער-פאַראיין און פון צענטראַלן דרוקער-פאַראיין.

סוף 1926 — באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פּוילן און אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז 1932. דורך דער צייט פון זיין אַמטירן דורכגעפירט די פּרובן פון אַ דירעקטאָריאַט פון אַקטיאָרן גופא און קאָאָפּעראַציע-טרופּעס, אָנגעפירט מיטן סכסוך און שפּעטער מיט דער ליקווידירונג פון אים צווישן דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע אין אַמעריקע און דעם יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פּוילן.

מ. ע.

א זעלצער — בריעף פון וואַרשע, „מאָז״ש", נ. י., 11 יולי 1932.

יוּלין, יהודה

[עטמאַן]



געבוירן 1888 אין ווילנע, פּויליש-ליטע, אין אַ סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר. נאָך בר-מצוה אַריינגעטראָטן אין אַ רוסישער רעאַל-שול און אין עלטער פון 17 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין רוסיש אין ווילנער שטאָט-טעאַטער א״ר פון וואָראָנטשערקאָלעוויצקי.

20 סעזאָנען האָט י. געשפּילט אויף דער רוסישער בינע אין צענטראַל-רוסלאַנד, האָבנדיק דערביי איינציקע מאָל די געלעגנהייט צו רעזשיסירן די יידישע פּיעסעס, וועלכע די רוסישע טרופּעס פלעגן אויפפירן.

בעת די הפסקות צווישן די סעזאָנען פלעגט י. אין ווילנע אָפּט זיך באַטייליקן אין יידישע פאָרשטעלונגען, פלעגט גרינדן יידישע דראַמאַטישע קרייזן און זיך אַזוי אַרום באַקענט מיטן יידישן רעפּערטואַר, פון וועלכן ער האָט אַ סך איבערזעצט אין רוסיש — ווי שלום-עליכמס „מזל-טוב" און „צעזייט און צעשפּרייט", פּרץ הירשביינס „אויף יענער זייט טייך", „די ערד", „דעמערונג" און „איינזאַמע וועלטן", יעקב גאָרדיןס „כאַסיע די יתומה" (געדרוקט אין פ״ג האַלפּערין, ווילנע 1911), „די שחיטה" (טולאַ 1911) און „די שבועה", אַנסקיס „דבוק", גאָלדפאַדענס „שולמית" א. א. כמעט אַלע איבערזעצונגען זיינען געשפּילט געוואָרן.

1923 — איז י. אַריבער צו דער יידישער בינע און אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון ווילנער פאַלאַס-טעאַטער, דערנאָך אין

פאָלקס-טעאַטער. זינט 1926 שפּילט י. אין ריגער „נייער יידישער טעאַטער", וואו ער האָט אויך אויפגעפירט אייניקע פּיעסעס.

י. האָט אויך איבערזעצט „יאָשקע מוזיקאַנט (דער זינגער פון זיין טרויער), אַ דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג פון אָסיפּ דימאָוו, פאַרלאַג „ביליקע ביכער", ריגע".

ש. ע.

ב. ג. – יהודה יולין, „פרימאָרגן", ריגע, 28 מערץ 1930.

„יונג-אַרגענטינע".

אויף דער איניציאַטיוו פון ל. מלאך, י. באָטאָשאַנסקי און נ. צוקער איז אין 1926 געגרינדעט געוואָרן די ליבהאָבער-געזעלשאַפט „יידישע בינע יונג-אַרגענטינע", וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצופירן פּיעסעס פון אַרגענטינער יידישע מחברים.

נאָך מערערע פאָרלעזונגען און לעקציעס פאַר די מיטגלידער. איז די טעאַטער-טעטיקייט געעפנט געוואָרן מיט דער אויפפירונג פון ל. מלאַכס „די לודמירער מויד". אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט כמעט בלויז אַרבעטער.

די 2-טע אויפפירונג איז געווען אַ „רייזענאַדע", איינגעאָרדנט פון ליטעראַטן-פאַראיין לכבוד אברהם רייזען. דער טעקסט פון דער פּיעסע איז געווען צונויפגעשטעלט פון י. באָטאָשאַנסקי, מיט צוגעגעבענע לידער פון מ. ד. גיסער. רעזשי – באָטאָשאַנסקי און נ. צוקער.

סוף 1927 נעמט איבער די ליטונג און רעזשי לעאָ האַלפּערן און די געזעלשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דראַמאַטישער שול, וועלכע ווערט געעפנט דעם 2 אָקטאָבער 1927. די למודים אין דער שול זיינען: דיקציע, שוישפּיל-קונסט, רעציטאַציע, פּאַנטאָמימע, פּלאַסטיק, געשיכטע פון ליטעראַטור, געזאַנג, גימנאַסטיק, טענץ און טעאַטער-טעכניק. לערער זיינען: דר. זשיטניצקי, י. באָטאָשאַנסקי, דר. ש. י יוריס, י. לינקאָווסקי, ש. ראָזשאַנסקי א. א

דעם 6 יוני 1928 קומט פאָר די ערשטע פאָרשטעלונג, צו וועלכער ס'ווערט אויפגעפירט ה. סעקלערס „דעם צדיקס נסיעה, אַ מעשהלע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, לויט דער אויפפאַסונג און אונטער דער רעזשי פון לעאָ האַלפּערן. דעקאָראַציעס, מאַסקעס, קאָסטיומען – מישע שוואַרץ, חסידישע מעלאָדיעס – א. דאַווידי, ספּעציעלע קאָמפּאָזיציעס – מיגעל גערבעראָוו". די פּיעסע ווערט געשפּילט 6 מאָל.

ביי דער געלעגנהייט פון אברהם מאָרעווסקיס גאַסטשפּילן אין בוענאָס-איירעס, האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט מיט אים אייניקע פאָרלעזונגען און אויך זיין אָפּשייד-אָוונט.

דעם 21 יוני 1929 ווערט אויפגעפירט ערנסט טאָלערס „דער איבערקער, באַאַרבעט און רעזשיסירט – לעאָ האַלפּערן, דעק. פון מ. שוואַרץ, מוזיק אַדאָפּטירט פון י. פּיכער". די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן 3 מאָל.

דעם 24 יולי 1929 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קליין-קונסט-אָוונט מיט אַ פּראָגראַם פון שלום-עליכם, דער טונקעלער, אברהם רייזען, י ל. פּרץ און מאַנועל זש. דיאַנאַ.

די דראַמ. שול איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך אַן אָפּצאָל פון די שילער, דורך אַ קליינער גרופּע סימפּאַטיקער און פון די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען. צוליב עקאָנאָמ'שע סיבות ציט זיך צוריק דער רעזשיסער לעאָ האַלפּערן און ס'טרעט אַריין אַלס רעזשיסער

איליאַ ריס, וועלכער פירט אויף דעם 1 פעברואַר 1930 מאַקסים גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט" (דעק – א. בירנבוים, כאָר-ליטונג – מ. גערבעראָוו). די פּיעסע ווערט געשפּילט 3 מאָל. נאָכן איינאָרדנען אייניקע קליין-קונסט-אָוונטן פירט אויף ריס שילערס „די רויבער", געשפּילט נאָר 1 מאָל.

צוליב עקאָנאָמישע סיבות ווערט די טעטיקייט איבערגעריסן אויף אַ געוויסער צייט און „יונג-אַרגענטינע" ווערט ווידער רעאָרגאַניזירט (אונטער דער ליטונג פון שמואל גלאַזערמאַן) פון אַ סטודיע אין אַ טרופּע, וועלכע פירט אויף שמואל גלאַזערמאַנס „הערשעל דער דערפינדער", אַדאָפּטירט פון ארמאנדא די סצעפּילאָס „די אייביקע באַוועגונג" (שפּאַניש).

פאַר דער 5 יאָריקער עקסיסטענץ האָט זיך אַ סך מאָל געביטן דער באַשטאַנד פון „יונג אַרגענטינע", אין וועלכער עס זיינען געווען אַקטיוו: יששכר וואראַן, שמואל זאָלאָטניצקי, הערמאַן לאסטער, (איצט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר), י מילשטיין, חיים סאָקאָלאָווסקי, אהרן פינטשוק, משה רעכעס. רחל וויינשטיין, פריידע לאָנדאָן, רבקה לאָנדאָן שפרה קליינבורד, חנה שיכמאַן, יהושע באָגאָפּאָלסקי, עטל קאָדונער, י. אויערבאַך, פּאָרטנאָי, פראדקין און גילטמאַן.

יעקב מעסטעל, וועלכער האָט אין 1931, אין בוענאָס איירעס, געזען די פאָרשטעלונג פון „הערשעל דער דערפינדער", באַצייכנט די אַרבעט פון דער גרופּע אַלס ערנסטן פּרוב. אין דער גרופּע זיינען פאַרהאַן אייניקע גאַנץ פעאיקע מיטגלידער, וועלכע נויטיקן זיך נאָר אין אַ פאַכמענישער אָנפירונג.

ש. ע. פון ש. זאָלאָטניצקי.

יעקב באָטאָשאַנסקי – דער דעבוט פון דער דראַמאַטישער שול „יונג אַרגענטינע", „די פּרעסע", ב"א, 8 יוני 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי – דער ערשטער אַרויסטריט פון „יונג-אַרגענטינע", „אידישע צייטונג", ב"א, 8 יוני 1928.

ה. זאכאק – צו אַ בעסער טעאַטער, „איד. צייט.", ב"א, 17 יוני 1928.

ש. פיינבערג – וועגן דעם „צדיקס נסיעה" און וועגן די פּרואוון פון „יונג אַרגענטינע", „די פּרעסע", ב"א, 18 יוני 1928.

א. א. פישער – אַ פירוש אויף מפרשים און פירושים, „ניילאַנד", ב"א, 3 1928.

א. וואַלדמאַן – „דעם צדיקס נסיעה" פון סעקלער, „איד. וועלט", ב"א, 40, 1928.

ה. עסטרין – אַ יאָר דראַמאַטישע שול „יונג אַרגענטינע", „ניילאַנד", ב"א, 4, 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי – אַ ברודער-האַנט צו „יונג-אַרגענטינע", „אידישע צייטונג", ב"א, 16 יולי 1928.

ש. ר. – „דער איבערקער', אויפגעפירט פון „יונג אַרגענטינע", „אידישע צייטונג", ב"א, 22 מאַי 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי – דער אויפטריט פון דער דראַמאַטישער שול „יונג אַרגענטינע" אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „די פּרעסע", ב"א, 22 מאַי 1929.

ה. ב. [ברוסילאָווסקי] – דער קינסטלערישער אָוונט פון „יונג אַרגענטינע", „אַרגענטינער טאָג", ב"א, 27 יולי 1929.

א. טעאַטראַל – וועגן דעם אויפטריט פון „יונג אַרגענטינע", „פּנים'ער און פּנים'לאַך". ב"א, 247, 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי – „אַפּן גרונט" פון מ. גאָרקי, אויפגעפירט דורך דער דראַמאַטישער שול „יונג-אַרגענטינע", „פּרעסע", ב"א, 3 פעברואַר 1930.

יונגווירט, לעאָפּאָלד (פּרץ)

געבוירן 15 אַפּריל 1891 אין קראָקע, מערב-גאַליציע. פּאָטער — אַ סוחר. אָנגעהויבן אין 1908 אין כאָר און גלייכצייטיק אין קלענערע כאַראַקטער-ראָלן ביים יידישן טעאַטער אין קראָקע און זינט 1911 אַריבער צו שפּילן גרעסערע ראָלן. שפּעטער געוועזן 3 יאָר דירעקטאָר אין קראָקע, דערנאָך אַקטיאָר און רעזשיסער אין טשערנאָוויץ, אייניקע יאָר געשפּילט ביי פּאַדזאַמטשע אין ווין, דערנאָך אין לאָנדאָן, פּאַריז, טשעכאָסלאָוואַקיע און אין 1928 געווען פּרעמיער פון עמיל פרידעסעס יידישער טרופּע אין ווין.

י. האָט געשריבן די פּיעסעס „די פאַלשע שבועה" און „דער רענעגאַט" און איבערזעצט „ווייבסטייוול", „מאָרפיום" און „שלאָס וועטערשטיין".

ש. ע.

יונגווירט, ערנעסטינע

[קערנער]

געבוירן 3 אַפּריל 1891 אין קראָקע, מערב-גאַליציע. נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר יונגווירט, אַריינגעטראָטן אין 1912 אין אַקסעלראַדס טרופּע אין קראָקע, שפּעטער אין טשערנאָוויץ און געשפּילט דערנאָך ביי זיגלער אין ווין. 1917 - געשפּילט אין קראָקע אונטער דער קאָנצעסיע פון אינוואַליד פּאָלמאַן. דערנאָך א"ד פון יאַקאָב, און 3-1921 — מיט באַראַטאָוו אין דער ווינער „פרייע יידישע פאָלקסבינע" און אין בוקאַרעסט.

צוליב קראַנקהייט האָט י. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און פירט אָן זינט דאַמאָלט מיט אַ וועשעריי אין קראָקע.

איר שוועסטער, פאַני, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע. פון לעאָן הערבסט.

יושקעוויטש, סעמיאָן

[געב. 1868 — געשט. 12 פעברואַר 1927]

געבוירן 1868 אין אָדעס, אוקראַאינע.

1893 — אַוועק קיין פּאַריז און דאָרט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. אין 1897 דעביוטירט אין רוסיש מיט דער דערציילונג „אַ שניידער" אין „Руское Богатство". 1902 — פאַרעפנטלעכט אין „Восходъ" זיין, נאָך אין די סטודענטישע יאָרן אָנגעשריבענע, דערציילונג „צעפּאַלונג".

אין משך פון זיין 30-יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט י. אָנגעשריבן בערך 25 בענדער נאָוועלן, ראָמאַנען און דראַמעס, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז דערשינען אין באַקאַנטן רוסישן פאַרלאַג „Знамя".

פון זיינע דראַמעס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1905 און וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אויף דער רוסישער און אייראָפּעאישער בינע, זיינען אייניקע ווערק אויך איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע. י. אַליין האָט קיין יידיש נישט געשריבן. אַ טייל פון זיינע פּיעסעס זיינען אָבער איבערזעצט געוואָרן אונטער זיין דיקטאַט.

י.'ס פּיעסע „דער הונגער" איז אין 1906 דערשינען אין מ. אַלגינס איבערזעצונג אין וואַרשעווער פאַרלאַג „די וועלט" און איז אָפט געשפּילט געוואָרן פון יידישן נישט-פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. דעם 3 אָקטאָבער 1918 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי (אין זיין „באַארבעטונג") אין ניו-יאָרקער נעשאַנאַל-טעאַטער.

י.'ס פּיעסע „דער קעניג, אָדער, דוד גראָסמאַן דער מיהלבעזיצער" איז אין 1907 דערשינען אין וואַרשע אין דער איבערזעצונג פון רענקאָף. די פּיעסע איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן פון פאַרשיידענע יידישע טרופּעס און דעם 19 אָקטאָבער 1908 איז זי אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי (אין זיין „באַארבעטונג") אין ניו-יאָרקער פּיפּלס-טעאַטער.

די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף העברעאיש אין ארץ-ישראל.

אין 1909 איז י.'ס פּיעסע „אין שטאָט", אין דער איבערזעצונג פון וואָלף זילבערבערג, אויפגעפירט געוואָרן אין דער „הירשביין-טרופּע". די פּיעסע איז שפּעטער אין אַנדערע איבערזעצונגען אויפגעפירט געוואָרן דורך פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס.

אין יוני 1915 איז די פּיעסע, אין מאַקס גאַבילס באַארבעטונג, אויפגעפירט געוואָרן אין גאַבילס טעאַטער אין ניו-יאָרק א'נ „דאָס גאַסן-מיידל, אָדער, דער ייד מיט די טשוועקעס".

אין 1910 איז אין אָדעס דערשינען י.'ס פּיעסע „די הייראַטס-קאָמעדיע" [אין אַן אַנאָנימער יידישער איבערזעצונג], וועלכע איז באַלד דערויף געשפּילט געוואָרן. דעם 6 נאָוועמבער 1925 איז די פּיעסע אין א. קאַרטאַזשינסקיס איבערזעצונג א'נ „דער לופט מענטש" אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער (רעזשי — ל. סניעגאָוו). אין 1925 איז די פּיעסע אין דער איבערזעצונג פון ל. קאַדיסאָן א'נ „דער לופט-מענטש" אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „ווילנער טרופּע" אין שיקאַגאָ. דעם 31 יאַנואַר 1929 איז די זעלבע פּיעסע א'נ „די קאָמעדיע פון הייראַט", אין דער איבערזעצונג פון וואָלף גאָלדפאַדען, אויפגעפירט געוואָרן דורכן איבערזעצער אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער.

אין פעברואַר 1913 איז אין גאַבילס קאָמעדיע-טעאַטער אין ניו-יאָרק אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס גאַביל (אין זיין באַארבעטונג) נ. ראַקאָווס איבערזעצונג פון י.'ס „מענטשן און חיות, לעבנס-דראַמע אין 4 אַקטן".

אין 1917 האָט „די ווילנער טרופּע" אויפגעפירט י.'ס פּיעסע „Miserere", וועלכע איז דערשינען אין דרוק אין אָדעס.

דעם 25 פעברואַר 1925 איז אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער א"ר פון לעאָניד סניעגאָוו אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" די פּיעסע א"נ „מיזערערע" (פאַרצווייפלונג).

אין 1918 איז אין „טעאַטער פאַר קינסטלערישע עסקיזן ביי דער קונסט-געזעלשאַפט איז ווילנע" אויפגעפירט געוואָרן שבתי בליאַכאָרס איבערזעצונג פון י.'ס איינאַקטער „זיין איידעם".

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט י. פאַרלאָזט ראַטנפאַרבאַנד

און איז איבער פּאַריז געקומען אין 1921 אין אַמעריקע, וואו עס איז דעם 17 פעברואַר אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן קונסט-טעאַטער (רעזשי – מאָריס שוואַרץ) זיין קאָמעדיע „די געשיכטע פון ה׳ סאָנקין" א׳נ „אַן אָרימאַנס ליבע" [איבערזעצט פון אברהם טייטעלבוים]. שפּעטער איז די פּיעסע א״נ „צוויי הונדערט טויזנט, קאָמעדיע אין 4 אַקטן", איבערזעצט דורך אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו, געשפּילט געוואָרן דורך זיי אין רוסלאַנד און דערנאָך א״נ „די געשיכטע פון ה׳ סאָנקין" אָדער „דעם אָרימאַנס מזל" אויפגעפירט געוואָרן (רעזשי – ז. טורקאָוו) דורכן וויק״ט אין וואַרשע.

די קאָמעדיע איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף העברעאיש אין ארץ-ישראל א״נ „מעשה באדון סונקין".

אין „צוקונפט" (נ. י., סעפּטעמבער 1921) האָט י. פאַרעפנטלעכט זיין איינאַקטער „ליידענשאַפטן".

אין 1925 איז אין געבילס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אין אברהם בלומס איבערזעצונג י.׳ס פּיעסע „טייוולס-געלט".

דעם 23 יאַנואַר 1926 איז אין יידישן קונסט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן (רעזשי – מאָריס שוואַרץ) י.׳ס „מענדל ספּיוואַק, דראַמע אין 3 אַקטן" (דעק – אַלעקס. טשערטאָוו).

דעם 22 נאָוועמבער 1928 איז אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך געביל י.׳ס פּיעסע „דער געלט-גאָט".

לויט ז. רייזען איז אין ניו-יאָרק נאָך אויפגעפירט געוואָרן י.׳ס פּיעסע „אין אַ רייך הויז".

נישט אויפגעפירט איז געבליבן י.׳ס פּיעסע „אַלע אין מאַסקעס חוץ איינער", איבערזעצט פון מענדל עלקין, וועלכע איז געווען צוגעגרייט פאַרן אירווינג פּליים-טעאַטער (מיט יעקב בן-עמי).

אין אָנהייב 1927 איז י. אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, וואו ער איז דעם 12 פעברואַר 1927 געשטאָרבן און געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם באַניע. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרן אַ מצבה לויט דער קאָמפּאָזיציע פון סקולפּטאָר אַראָנסאָן.

נאָך י.׳ס טויט האָט אין פּאַריז זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט אין דער יידישער איבערזעצונג פון רחל פייגענבערג אַרויסגעגעבן זיינע 3 בענדער דערציילונגען.

וו. גראָסמאַן כאַראַקטעריזירט אַזוי י.׳ס שאַפן: „אַ גלענצענדער קענער פון דער יידישער סביבה, וועלכע ער פלעגט שטענדיק באַשרייבן, האָט ער זי געזען דורך און דורך. קיין שום קליינקייט און קיין שום ניואַנס אין דער לעכערלעכקייט פון דעם זאַטן קליינבירגערטום, וואָס וויל קלעטערן אַלץ העכער און העכער, איז נישט געבליבן אומבאַמערקט פון זיין אויג. געזען און געפילט, אָפּגעלאַכט און, דאַכט זיך, אויך הנאה געהאַט פון די אָפּגעלאַכטע... אייגענע מענטשן".

גאַנץ אַנדערש כאַראַקטעריזירט אים זלמן רייזען: „אַליין אויסגעוואַקסן מחוץ דער ספערע פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, האָט י. אַ קנאַפּע פאַרשטענדניש פאַר דעמדאָזיקן לעבן, פאַר זיינע באַוועגונגען און רעגונגען, און דאָס מינע׳ט שטאַרק דעם קינסטלערישן ווערט פון זיינע ווערק, וועלכע זיינען אָפט צו סכעמאַטיש און צו טרוקן, טענדענציעס, מיט אַ נייגונג צו אויסערלעכע עפעקטן".

מ. אָשעראָוויטש כאַראַקטעריזירט אַזוי זיין שאַפן: „אַליין אַ רעאַליסט דורך און דורך, איז אים אויסגעקומען מאָדנע וואָס זיינע העלדן, די אָדעסער יידישע שניידער און שוסטערס און גלאַט אָרימע לייט,ריידן ביי אים רוסיש. האָט ער געפּרובט ברעכן די רוסישע שפּראַך צוליב זיי, האָט ער געפּרובט אַריינגעבן אין זיין רוסיש דעם גייסט און דעם טאָן פון יידיש, איז אָבער פון דעם אויך קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען – נישט פאַר דער רוסישער שפּראַך און נישט פאַר יושקעוויטשעס העלדן... האָבן רוסישע קריטיקער געהאַט טענות צו אים פאַרוואָס ער צעקאַלעטשעט אַזוי זייער רוסישע שפּראַך, און יידישע קריטיקער האָבן געהאַט טענות צו אים פאַרוואָס ער צעקאַלעטשעט אַזוי זייערע יידישע טיפּן".

ש. ע. פון נ. פראַנק.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", I, זז. 1270-72.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 280, 267.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] – אין טהעאַטער, „פּא״ש", נ. י., 31 אָקטאָבער 1908.

יעקב קירשענבוים – אין די ניו-יאָרקער טעאַטערס, „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 27 פעבר. 1913.

בעל-מחשבות — „געקליבענע שריפטען", ווילנע, 2-טער באַנד, זז. 101-103.

ד. ב. – אין טהעאַטער, „פּא״ש", נ. י., 12 יוני 1915.

אַב. קאַהאַן – יושקעוויטשעס „הונגער" אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 5 אָקט. 1918.

י. ענטין – יושקעוויטשעס „הונגער" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דיא וואַרהייט", נ. י. 7 אָקט. 1918.

ב. גאָרין – נייע שטיקער אויף דער אידישער ביהנע, „מאָ״זש", נ. י., 9 אָקט. 1918.

דוד וואַגנער - אידען אין דער רוסישער ליטעראַטור, „פאָרוו.". נ. י., 28 נאָוו. 1920.

אַב. קאַהאַן – סעמיאָן יושקעוויטש׳עס טאַלאַנט, „פאָרוו.", נ. י., 11 פעבר. 1921.

אַב. קאַהאַן – יושקעוויטש אין שוואַרץ׳ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 19 פעבר. 1921.

ב. גאָרין – אַן אָרימאַנס חלום, „מאָ״זש", נ. י., 21 פעבר. 1921.

הלל ראָגאָף – אַ גוטע פּיעסע, גוט געשפּיעלט אין שוואַרץ׳ס קונסט טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 11 נאָוו. 1925.

ל. קעסנער – „דער לופט מענש", „יידטגבל״ט", נ. י., 13 נאָוועמבער 1925.

אַלטער עפּשטיין – „דער לופט מענש", „טאָג", נ. י., 13 נאָוועמבער 1925.

דר. א. מוקדוני – דער לופט מענש, „מאָ״זש", נ. י., 13 נאָוועמבער 1925.

ביג בען [ב. פינקעל] – שוואַרץ און באַראַטאָוו אין דער בעסטער קאָמעדיע פון סיזאָן, „די נייע וואַרהייט", נ. י., 14 נאָוו. 1925.

ל. סאָקאָלאָווסקי – אַ טענה צו קעסנערן, „יידטגבל״ט", נ. י., 20 נאָוו. 1925.

אַב. קאַהאַן – יושקעוויטש׳עס „מענדעל ספּיוואַק" אין שוואַרץ׳ס קונסט-טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 28 דעצ. 1926.

א. גלאַנץ – די נייע פּיעסע אינם אידישען קונסט טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 30 דעצ. 1926.

דר. א. מוקדוני – מענדל ספּיוואַק, „מאָ״זש", נ. י., 31 דעצעמבער 1926.

מיכאל ווייכערט – „טעאַטער און דראַמע", וואַרשע, II, זז. 60-63.

יעקב קירשענבוים – אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 7 יאַנ. 1927.

ב. באַטווויניק — „מענדל ספיוואַק" אין שוואַרץ קונסט טעאַטער, „דער וועקער", נ. י., 15 יאַנ. 1927.

[–] – ביאָגראַפיע פון סעמיאָן יושקעוויטש, „פאַריזער היינט", 14 יאַנ. 1927.

וו. גראָסמאַן — סעמיאָן יושקעוויטש, דאָרט.

מ. אָשעראָוויטש — סעמיאָן יושקעוויטש דער באַרימטער אידיש-רוסישער שריפטשטעלער, „פאָרוו.", נ. י., 15 פעבר. 1927.

רחל פייגענבערג — שמעון יושקעוויטש, „ליט"בלט", וואַרשע, 19, 1927.

דר. י. קריטיקוס [קירשענבוים] — סעמיאָן יושקעוויטש טויט, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 25 פעברואַר 1927.

י. א. בערלאָוויטש [לייזעראָוויטש] — דער טויט פון באַריהמטען שריפטשטעלער יושקעוויטש אין פאַריז, „פאָרוו.", נ י., 26 פעבר. 1927.

סעמיאָן יושקעוויטש — פאַרוואָס האָב איך אָנגעהויבען שרייבען פון יודישען לעבען ? „לאָדזשגב"לט", 7 אַפּריל 1927.

ס. איוואַנאָוויטש — וואָס פאַר אַ סאָרט אידען האָט געשילדערט יושקעוויטש ?, „פאָרוו.", נ. י., 25 דעצ. 1927.

דר. משה לוסטיג — גאַסטראָלען „וויקט". „דעם אָרימאַנס מזל", קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון ש. יושקעוויטש, „מאָרגען", לעמבערג, 7 יאַנ. 1929.

„פאַריין יידישע בינע".

(אין מעלבורן, אויסטראַליע)

די געזעלשאַפט „פרייע יידישע בינע" אין מעלבורן, אויסטראַליע, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 דורך יעקב גינטער און ישעיה פאָדעמסקי (סעם פאָדעם). די מיטגלידער זיינען באַשטאַנען פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און סוחרים.

דער ציל פון דער געזעלשאַפט איז צו אַנטוויקלען דעם בינע-טאַלאַנט ביי די מיטגלידער און אַנטוויקלען דעם געשמאַק פון יידישן טעאַטער-פובליקום פאַרן ריינעם רעפּערטואַר.

די רוחים פון די אונטערנעמונגען זיינען געגאַנגען אויף צו פאַרשאַפן זיך דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, רעקוויזיט א. ד. ג.

דער אויפגעפירטער רעפּערטואַר איז געווען אַ געמישטער, אָנהייבנדיק פון זאָלאָטאַרעווסקיס „די ווייסע שקלאַפין", מאַרקאָוויטשעס „אַ מאַמעס טרערן", ז. ליבינס „געבראָכענע הערצער", יעקב גאָרדינס „שלמהקע שאַרלאַטאַן", „כאַסיע די יתומה", „די שחיטה" „גאָט, מענטש און טייוול" און „מירעלע אפרת", ביז „פון יענער וועלט" פון י. ד. בערקאָוויטש, „אונזער גלויבן" פון שלום אַש, „ברילִיאַנטן" פון דער טונקעלער און „דער גט", „דאָס גרויסע געווינס" און „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום-עליכם.

די סטאַבילע אַקטיווע שפּילער זיינען געווען : יעקב גינטער (רעזשיסער), ישעיה פאָדעמסקי (סופלער און שפּילער), ח. סעגאַל, ח. האָניג, פ. ראָזנער, ר. ראָזנער, יהודית סילמאַן, נינאַ ראָזענבערג, סאָלאָמאָן מענדעלסאָן, סעם אלוני, פייוול יעדוואַב, בערל ראָזענבערג און סייפּריס. אין געוויסע פאָרשטעלונגען האָבן זיך אויך באַטייליקט : יוסף וואהייט, אשר וואהייט, לייב זשאַבינסקי, ש. סילמאַן, ש. זאַקס, ב. ראָזען און פ. עלבוים. דעקאָראַציעס האָט געמאַכט בזשאצקי.

דער גרעסטער טייל פּיעסעס איז געשפּילט געוואָרן צו 2 מאָל.

ש. ע. פון ש. פאָדעמסקי.

„יידישע דראַמאַטישע שול"

אויף דער איניציאַטיוו פון דר. מ. ווייכערט איז אין 1922, מיט דער הילף פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין און דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט געוואָרן די „יידישע דראַמאַטישע שול" אין וואַרשע. בעת דער אַרטיסטן-פאַראיין האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן, האָט די יידישע שול-אָרגאַניזאַציע מאַטעריעל געשטיצט די דראַמאַטישע שול. לערער אין דער שול זיינען געווען : דר. מ. ווייכערט, ש קאַזשדאַן, ש. מענדעלסאָן, טאַציאַנאַ וויסאָצקאַ, דער מוזיקער הירשין און דר. פרענדלער. אין צווייטן למוד-יאָר זיינען צוגעצויגן געוואָרן דוד הערמאַן און דר. שיפּער. אַ געוויסע צייט האָבן אויך געלערנט די אַקטיאָרן וואָלף זילבערבערג, זיגמונט טורקאָוו און וו. גאָדיק.

חוץ דעם זיינען פאַרבעטן געוואָרן אַלס ספּעציעלע לעקטאָרן אויף גאַנצע ציקלען דער פּוילישער טעאַטער-טוער לימאַנאָווסקי און דער פּוילישער שוישפּילער אַלעקסאַנדער זעלוועראָוויטש.

אין פּראָגראַם פון דער שול זיינען אַריין : דיקציע, דעקלאַמאַציע, שפּיל, דראַמאַטורגיע, יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, ריטמיק און פּלאַסטיק און געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

די שול האָט עקסיסטירט 2 יאָר און אַרויסגעלאָזט אַ גרופּע פון 20 תלמידים. 12 פון די אַבסאָלווענטן זיינען דערנאָך געוואָרן מיטגלידער אין די בעסערע יידישע טרופּעס (דוד בירנבוים, זלמן הירשפעלד, סיני וויינשטאָק, אברהם וואָלפשטאַט, מאַנסדאָרף, מעלניק, פאָזנאַנסקי, פּאָטאַשינסקי, פערל קאָן, יעקב קורלענדער, בת-שבע קראַמאַרזש און מאַניע ראַפּעל) און 2 (ברייזבלאַט און מ. פערענסאָן) פירן אָן מיט דראַמאַטישע קרייזן.

אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן איז (צום ערשטן מאָל) אויפגעפירט געוואָרן פּרץ „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און „שוועסטער", פּרץ הירשביינס „גרינע פעלדער" און „אליהו הנביא", אַנסקיס „דבוק" און א"ר פון דר. ווייכערט פראַגמענטן פון טאָלערס „מאַסע מענטש". די גרופּע האָט געשפּילט אין וואַרשע און אין אַ ריי גרעסערע שטעט אין פּוילן.

די שול, וועלכע איז געווען קאָנצעסיאָנירט דורכן קונסט-דעפּאַרטאַמענט ביים פּוילישן בילדונגס-מיניסטעריום, האָט זיך פאַרמאַכט אין 1924 צוליב מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען.

דר. מיכאל ווייכערט — דריי יאָר יידישע טעאַטער-סטודיע, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 27 1932.

בער י. ראָזען — 10 יאָר יידישע דראַמאַטישע שול, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 7, 1933.

יידיש טעאַטער אין ארץ-ישראל.

דער אַקטיאָר יעקב זילבערט, וועלכער האָט בערך 1887 געשפּילט מיט אַ יידישער טרופּע אין קאַהירע, דערציילט, אַז ער האָט געפּרובט איינאָרדנען יידישע פאָרשטעלונגען אין יפו און ירושלים, אָבער פון אַלע זייטן האָט מען אים געוואָרנט, אַז מען וועט אים נישט דערלויבן צו שפּילן אויף יידיש און ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קאָנצערט אויף יידיש אין ירושלים.

אין 1891 האָט הערי קראָהן, קומענדיק פון אָדעס קיין יפו, אויפגעפירט דאָרט אין יידיש „שולמית" פון גאָלדפאַדען. די ערשטע יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונג אין ארץ-ישראל איז פאָרגעקומען אין

ערשטן אויפגעבויטן הויז פון דער דאַמאָלטיקער יפוער פאָרשטאָט (די איצטיקע תּל־אָביב). דער פּרוּב האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן און האָט זיך דעריבער מער נישט איבערחזרט.

זלמן זילבערצווייג שרייבט וועגן דעם: „דער „העברעאיזם" אין ארץ־ישראל אין זיין איצטיקן כאַראַקטער איז דאַמאָלט נאָך נישט געווען אַזוי קענטיק, אָבער דער שורש איז שוין געווען, די „חובבי ציון" האָבן, ווי געטרייע שומרים, אָפּגעהיט, אַז דער „זשאַרגאָן" זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן קיין ארץ־ישראל, און זיי, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דאָס פּובליקום פאַר אַ יידיש טעאַטער, האָבן עס דערפילט די ראָל פון דער רוסישער רעגירונג, און נישט דער־לויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער".

דר. הררי, איינער פון די גרינדער פון העברעאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל, גיט איבער, אַז נאָך בערך אין 1888 זאָל מען האָבן אויפגעפירט „שולמית" אין ירושלים און אין 1899, אין דער קאָ־לאָניע ראשון לציון, גאָלדפאַדענס „דר. יאָזעלמאַן" א"ר פון קליי־נער פון דער קאָלאָניע רחובות, וועלכער האָט אויך געשפּילט די טיטל־ראָל.

מ. גנעסין, מיטגרינדער פון העברעאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל, דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן דער גרינדונג פון העברעאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל, אַז נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1905, ווען אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן געמוזט עוקר זיין און יעדן מיטוואָך האָבן אָנגעהויבן אין א"י אָנצוקומען שיפן מיט אימיגראַנטן, „האָבן זיי אויך מיטגעבראַכט זייערע פּאַר־טיי־דיסקוסיעס און האָבן אויך נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען דעם שפּראַכן־קאַמף. ...די „טרופּע" [וועלכע האָט זיך געהאַלטן ביים גרינדן] האָט זיך פאַרשטאַרקט און די צאָל פון אירע קרעפטן איז גרעסער געוואָרן. און עס איז געפאַלן אַ נייע לאָזונג: מען זאָל אויך שפּילן יידיש. אָבער באַלד האָבן זיך געפונען די פאַנאַ־טיקער, און צווישן זיי דר. מעטמאַן־קאַהאַן, וועלכער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם „משוגענעם" געדאַנק וועגן גרינדן אין יפו אַ העברעאישע גימנאַזיע, און אויף וועלכן מען האָט דאַמאָלט גע־קוקט ווי אויף אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַנד און האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער און מען האָט פון זיי חוזק געמאַכט".

לויט ש. ערנסט האָט אַ גרופּע יידישע אַרטיסטן, וועלכע איז געקומען באַזוכן א"י און איז פאַרבליבן אָן געלט־מיטלען צוריק־צופאָרן, איינגעאָרדנט זומער 1909 אין האָטעל „בעלאַ וויסטאַ" אין יפו 2 יידישע פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע זיי האָבן אויפגע־פירט גאָלדפאַדענס „שולמית" און טשיריקאָווס „די יידן". דער זאַל איז געווען איבערפולט, אָבער די רבנים און כּלי־קודש פון ירושלים און יפו האָבן אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי פאַרווערן דאָס באַזוכן די פאָרשטעלונגען, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די ווייטערדיקע פאָרשט. זיינען איבערגעריסן געוואָרן.

לויט א. קאָסקאָוויעצקיס נאָטיצן פון דער העברעאישער פּרע־סע, האָבן די האַנטווערקער אין יפו אויפגעפירט י"ט שבט 1910 גאָלדפאַדענס „אחשורוש". סוף אדר 1910 האָט מען אויפגעפירט אין יפו די אָפּערעטע „בוסתנאי", אין וועלכער ס'האָבן מיטגע־שפּילט חנה גאָלדוויג („דאָראַ"), ווייסבאָרשט („לץ") און מ. אַלצ־מאַן („בוסתנאי"). פּסח 1910 האָט מען אין זאַל פון שיינבערג אין יפו געשפּילט יעקב גאָרדינס „יידישער קעניג ליר" מיט ה' ספּעקטאָראָוו („דוד משהלעס"), ווייסבאָרשט („שמאי") און חנה גאָלדוויג („טייבעלע") [„אַרכיוו געש. ייד. טעאַט. און דראַמע"].

נאָך אַ לענגערער הפסקה ווערט אין די זומער־חדשים פון 1914 אויפגעפירט דורך נחמן זיבעל אין אַראַבישן טעאַטער־זאַל אין יפו לערנערס באַאַרבעטונג פון סקריבס „זשידאָווקאַ".

אין מערץ 1919 ווערט אויפגעפירט דורכן שרייבער־לעגיאָנער הירש־לייב גאָרדאָן, אין אַמפיטעאַטער פון יידישן לעגיאָן, נעבן דער סטאַציע לוד, זיין איינאַקטער „דאָס אייביקע ליכט".

ערשט מיט דער איינוואַנדערונג פון דער אַזויגערופענער „4־טער עליה" (1923־26) איז אין 1924 ביי דער חיפהער אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי ציון געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז „אונזערווינקל", וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פלעגן דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט. דער קרייז האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט מיט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן אין יידיש, אין פּריוואַטע שטובן און פאַר געשלאָסענע קרייזן.

די אייגנטלעכע טעאַטער־טעטיקייט הויבט זיך אָן ערשט מיטן אָנקומען פון שמעוני (לייבל ראַבינאָוויטש) פון קאָוונע: אויף אַ טעראַסע פון אַ הויז איז איינגעאָרדנט געוואָרן די בינע, וואו ס'זיי־נען אין פעברואַר 1925 אויפגעפירט געוואָרן אַנסקיס איינאַקטערס. אָבער שוין צו דער צווייטער פאָרשטעלונג זיינען מיטגלידער פון „גדוד מגיני השפה" געקומען שטערן די פאָרשטעלונג. אַ פאָרמע־לער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען בעת דער פייערונג פון 50־יאָריקן יובליי פון יידישן טעאַטער.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען האָט דער דראַמ־קרייז אויפגעפירט 6 מאָל שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", צו 3 מאָל: „גנבים" פון בימקאָ, „פאָטער און זון", „קאָנספּעראַטיווע דירה" און „דער זיידע" פון אַנ־סקי און „דאָס אייביקע ליד" פון אַרנשטיין. צו איינצעלנע מאָל: „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום־עליכם, „דעם שמידס טעכטער" פון הירשביין, „שוועסטער און ברידער" פון אַרנשטיין, „אַגענטן", „מזל טוב", און „דער גט" פון שלום־עליכם, „ס'ברענט" און „נאָך דער קבורה" פון פּרץ און „מיטן שטראָם" פון שלום אַש. ס זיינען אויך אויפגעפירט געוואָרן אַן אינסצענירונג פון פּרץ „דאָס קראַנקע ייִנגל", פראַגמענטן פון הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע" און אייניקע ליטעראַרישע משפטים (אין גרים).

די מיטגלידער פון „אונזער ווינקל" זיינען געווען: מרדכי פּו־טערשניט (לאָדזש — איצט אין מאָנטרעאַל) בראָניאַ זעליקאָוויטש (לענטשיץ), יהושע שער (בעסאַראַביע), נאָטע אַש (ווילנע), יהודית (ליטע), יהודית וואָלקאָוויטש (קאַליש), מענדל צווילינגער (בראָד), פּאָזניאַק (גראָדנע), שמואל לעמער (טאַרנאָגראַד), קיילע עפּטער, יוסף ערליך (וואַרשע), העניגמאַן, אברהם וואָלקאָוויטש (קאַליש), לייזער גרינבערג חיה שרייער, קעסטענבוים (פּוילן), סאָניע שוחט (בערדיטשעוו), ישעיה זילבערבערג (רוסלאַנד). דער פירער פון דראַמקרייז און רעזשיסער שמעוני (קאָוונע) און אריה בינשטיין (דעקאָראַטאָר).

דורכדעם, וואָס די רעגירונג האָט געשלאָסן דעם קלוב, איז אי־בערגעריסן געוואָרן די טעטיקייט פון דעם דראַמקרייז.

אין 1925 איז אויך אין תּל־אביב געגרינדעט געוואָרן א"נ „אונ־זער ווינקל" אַ דראַמקרייז, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט מיט דעקלאַמאַציעס און פאָרלעזונגען אין יידיש. צו דער ערשטער פאָר־לעזונג איז אין אייגענעם באַראַק פון פּועלי ציוניסטישן קלוב אויפ־געפירט געוואָרן שלום־עליכמס „מזל טוב", אָבער בעת דער ווייטער־דיקער אויפפירונג פון בימקאָס „די גנבים" איז געקומען צו אַן ענלעכן סקאַנדאַל ווי אין חיפה. דאָך האָט דער קרייז דורכגעפירט

רייזען-פּרץ-שלום-עליכם-און יהואש-אָוונטן. אָבער די פּאָליציי האָט, צוליב בוי-טעמים, פאַרווערט צו שפּילן אין באַראַק און דורכדעם אַנולירט די טעטיקייט פון דראַמקרייז.

די מיטגלידער פון דראַמקרייז זיינען געווען: איטקין (וואַרשע), מאָריץ (גרודעק), פישער (גאַליציע), שמואל מעלער (וואַרשע) און רעשלבאַק (זשיכלין).

אין 1930 איז אין תּל-אביב דעמאָנסטרירט געוואָרן דער יידישער קלאַנג-פילם „די יידישע מאַמע" דער „גדוד מגיני השפה" האָט דורך טעראָריסטישע מיטלען געשטערט די דעמאָנסטרירונג, אַזוי, אַז מען האָט דעם פילם געמוזט אַראָפּנעמען.

ש. ע. פון ל. חיין

אשר הגלילי — טהעאַטער און מואווינג פּיקטשורס אין ארץ ישראל, „פאָרווערטס", נ. י. 25 מערץ 1921.

ל. חיין — די פּיאָנערן פון אַ יידיש טעאַטער אין פּאַלעסטינע, „די אַר-בעטער צייטונג", וואַרשע, 14, 1927.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 140-156.

יעקב זילבערט — יידיש טעאַטער אין ירושלים (געדרוקט אין „טעאַטער-זכרונות", רעד. — ז. זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 32-38).

מ. שאַפּיראָ — יענטע רעדט און שילט אויף העברעאיש „פאָרווערטס", נ. י., 24 פעבר. 1928.

מ. גנעסין [זכרונות] — „כּל נוע", תּל-אביב נ' 13, 11, 1932.

„יידישע טעאַטער-סטודיע".

אין 1929 האָט דר. מ. ווייכערט (נאָך זיין פּרוּב אין 1922-24) ווידער געעפנט אין וואַרשע אַ יידיש-דראַמאַטישן לער-אַנשטאַלט א"נ „יידישע דראַמאַטישע סטודיע" (שפּעטער „יידישע טעאַטער-סטודיע") מיט דער הילף פון ש. קאַזשדאַן, ש. מענדעלסאָן און דעם פאַרוואַלטער פון דער געזעלשאַפט „קולטור-ליגע", ש. אַבראַמ-סאָן. נאָך עטלעכע חדשים עקסיסטענץ האָט די „סטודיע" אָנגע-הויבן באַקומען אַ חודשדיקע סובסידיע פון דער „קולטור-ליגע" און פון 1 יאַנואַר 1931 איז זי אינגאַנצן אַריבער אין רשות פון דער „קולטור-ליגע".

לויטן סטאַטוט „פירט די סטודיע איר אַרבעט און דערציט שי-לער אין גייסט פון מאָדערנער יידישער מאַסן-קולטור און די פּרינ-ציפּן פון סאָציאַליסטישן וועלט-באַנעם, ...זי נעמט אַרום, ווי ווייט מעגלעך, די פולשטענדיקע טעאָרעטישע און פּראַקטישע סצע-נישע אויסבילדונג דורך סיסטעמאַטיש לערנען אַלע נויטיקע למודים".

אין אויגוסט 1931 איז דערשינען אַ בראָשור אין יידיש און פּוי-ליש [40 ז.] מיטן פּראָגראַם.

נעמענדיק אין אַכט דעם בילדונגס-מצב פון די שילער, זיינען אין פּראָגראַם פון דער סטודיע אַריינגענומען געוואָרן (אין אַ מיני-מאַלער מאָס) אויך אַלגעמיינע למודים, אָבער נאָר יענע, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט טעאַטראַלער שאַפונג.

פּראַקטישע טעאַטער-למודים האָט געלערנט דר. מ. ווייכערט. פון דער יידישער טעאַטער-וועלט איז צוגעצויגן געוואָרן אברהם מאָ-רעווסקי — פאַר מימיק, פאַר קערפּער-טעכניק און טאַנץ — לאה ראָטבוים, מוזיק און געזאַנג - העניך קאָן, יידיש און יידישע ליטעראַטור — ח. ש קאַזשדאַן און ש. מענדעלסאָן, געשיכטע פון יידישן טעאַטער — דר. יצחק שיפּער, געשיכטע פון דייטש, פראַנ-צויזיש, רוסיש און אַנדערע טעאַטערס — זיגמונט טאָנעצקי, אַלגע-מיינע און יידישע פאָנעטיק און דיאַלעקטאָלאָגיע — נח פּרילוצקי, צייכנען — ראובן שוואַרץ, גרימירן — גרישאַ ראָטשטיין, געשיכטע — דר. רפאל מאַלער, אַלגעמיינע אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע און היגיענע — דר. אַדאַם גראָבער, היגיענע פון שטים-אָרגאַן — דר מ. גאָלדינ-בערג, היגיענע פון מויל - י. ליפשיץ, היגיענע פון הויט און גע-שלעכטס-לעבן — דר. י. מילייקאָווסקי, פּלאַסטישע קונסט — נ. קאָ-זשען, דעקאָראַציע קאָסטיום, סצעניש ליכט און בינע-טעכניק — וו. וויינטרויב, פּסיכאָלאָגיע — ראָזע סימכאָוויטש, אַקוסטיק – ש. גינזבורג.

דר. מיכאל ווייכערט — דריי יאָר יידישע טעאַטער-סטודיע, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 27, 1932.

דר. מיכאל ווייכערט — פּראָגראַם און לעקטאָרן אין דער יידישער טעאַ-טער-סטודיע, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 29, 1932.

זיגמונט טאָנעצקי — [אַרטיקל אין „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע"] „ליט"בלט", וואַרשע, 34, 1932.

יידישע מלוכה-טעאַטערס.

אָדעסער.

באַלד נאָכדעם ווי די ראַטנמאַכט האָט פאַרנומען אָדעס, האָט זי דאָרט אָרגאַניזירט אַ יידיש מלוכה-טעאַטער. איינער פון די הויפּט-אָרגאַניזאַטאָרן פון טעאַטער איז געווען שכנא עפּשטיין. אַלס רעזשיסער איז באַשטימט געוואָרן י. בערטאָנאָוו. דער באַשטאַנד פון טעאַטער איז געווען אַן אַלטער: אַ טייל פון פישזאָנס טרופּע מיט מישע פישזאָן בראש, עטלעכע עלטערע אַקטיאָרן פון פאַרשיידענע אַלטע יידישע טעאַטערס און בערטאָנאָוו מיט זיין פרוי.

דאָס טעאַטער האָט עקסיסטירט ביז די ראַטנמאַכט האָט פאַר-לאָזט אָדעס. אין אָנהויב פון 1920, ווען די ראַטנמאַכט האָט זיך אומגעקערט קיין אָדעס, האָט דאָס טעאַטער באַנייט די טעטיקייט, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט: צוליב דעם הונגער זיינען די וויכטיקסטע אַקטיאָרן זיך צעלאָפן.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 107-117.

אוקראַאינער יידישער מלוכה-טעאַטער.

[זע מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַאינע].

ווייסרוסישער יידישער מלוכה-טעאַטער.

[זע דריטער באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"].

ווילנער יידישע מלוכה-טעאַטער.

אין ווינטער 1918 האָבן פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט גאַסטראָלירט אין וואַרשע און לאָדזש, זיך אָפּגעטיילט עלמית און אזרא און צוזאַמען מיט שערמאַן האָבן זיי גרופּירט אַרום זיך אין ווילנע (וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון דער ראַטנמאַכט) אַ גרופּע אַקטיאָרן און „ליבהאָבער" און געגרינדעט אין שטאָט-טעאַטער אַ טרופּע אויף פּריוואַטע יסודות. די טרופּע איז אין אָנהויב געשטיצט

געוואָרן — לויט אברהם טייטעלבוים — דורך דר. שאַבאַד, דר. וויגאָדסקי, ש. ניגער און ש. אַנ-סקי. באַלד אָבער נעמט איבער דער בילדונגס-קאָמיסאַריאַט פאַר ליטע די אָרגאַניזירונג פון דער טרופּע, וועלכע ווערט אַ מלוכהשע און אַלס קאָמיסאַר-אָנפירער ווערט באַשטימט ה׳ נעלסאָן [קאַצענעלסאָן].

דעם 15 פעברואַר 1919 איז פאָרגעקומען די דערעפנונג פון טעאַטער מיט דער אויפפירונג פון הירשביינס „די פוסטע קרעטשמע". דערביי זיינען פאָרגעקומען אָפיציעלע באַגריסונגען מצד דער רעגירונג.

דער ווייטערדיקער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון הירשביינס „די נבלה", אַנדרעיעווס „די טעג פון אונזער לעבן", אַשס „גאָט פון נקמה", פּרץ׳ס „עס ברענט" און „דער משוגעגער בטלן" און שניצלערס „אַנאַטאָל".

אַלס קאָמיסאַר איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן ב. אָרשאַנסקי און אין דער רעפּערטואַר-קאָמיסיע זיינען אַריין: ש. ניגער, א. ווייטער, ב. אָרשאַנסקי, א. אזרא און אברהם טייטעלבוים.

ס׳זיינען אויך אויפגעפירט געוואָרן אויף ספּעציעלע קינדער-פאָרשטעלונגען דראַמאַטיזירונגען פון פּרץ׳ס „דער דין-תורה מיטן ווינט" און „דער אַרענדאַר".

צו דער ערשטער פּרובע פון פּרץ׳ס „גאָלדענע קייט" (דעם 19 אַפּריל 1919) איז די שטאָט פאַרנומען געוואָרן פון פּוילן. די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוריקגעצויגן און דער טעאַטער אַלס מלוכהשע אינסטיטוציע איז אויפגעלעזט געוואָרן.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון מענער: אזרא, בולקין, המכבי, טייטעלבוים, שלמה קאָן, שערמאַן און שוואַרץ. דאַמען: אָרשאַנסקאַ, בראַז, בודינאַ, דאָרינאַ, עלמית און ריווקין.

לויט ב. אָרשאַנסקי איז דער רעזשיסער פון דער טרופּע געווען א. אזרא. מען האָט אויך אויפגעפירט הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל", און אין רעפּערטואַר-ראַט איז ניט געווען אַנ-סקי, נאָר ה׳ טאָמסינסקי.

אברהם טייטעלבוים — דער אידישער טהעאַטער אין ווילנא, וועלכען די סאָוויעטען-רעגירונג האָט אויסגעהאַלטען, „פאָרוו.", נ. י., 7 נאָוועמבער 1919.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 107-117.

כאַרקאָווער „קונסט-ווינקל".

אין 1919 איז א״נ „קונסט-ווינקל" געגרינדעט געוואָרן אין כאַרקאָוו אַ טרופּע אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון מ. ראַפּאַלסקי. שפּעטער האָט די טרופּע אַ קורצע צייט געוואַנדערט איבער דער פּראָווינץ און איז צעפאַלן געוואָרן אין מינסק, וואו ראַפּאַלסקי איז פאַרבעטן געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און קינסטלערישער לייטער פון דער יידישער סטודיע אין ווייסרוסלאַנד.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 107-117.

מאָסקווער יידישער מלוכה-טעאַטער.

(גאָסעקט, גאָסעט מימט)

[זע „מאָסקווער יידישער מלוכה-טעאַטער"].

פראָנט-טעאַטער.

סוף 1919 האָט ביי דער 16-טער רוסישער אַרמעע, וואָס האָט אָפּערירט אין ווייסרוסלאַנד, זיך געגרינדעט אַ יידישע טרופּע אונטער דער רעזשי פון י. בערטאַנאָוו. די טרופּע האָט געשפּילט פאַר די יידישע רויטאַרמעער און דערהויפּט פאַר די אַרבעטער און אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג פון די שטעטלעך, וואָס פלעגן פאַרנומען ווערן דורך די רויטע אַרמייען.

באַלד דערויף האָבן זיך געגרינדעט ענלעכע טרופּעס, וועלכע האָבן זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן. אַ טייל פון זיי האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן צוליב דעם, וואָס די ראַטנמאַכט האָט פאַרלאָזט די געגנטן, אַנדערע זיינען זיך צעפאַלן דערפאַר, וואָס אַ גרויסער טייל אַקטיאָרן איז צוליב דעם שרעקלעכן הונגער זיך צעלאָפן קיין אויסלאַנד.

לויט ב. אָרשאַנסקי איז די הויפּט-סבה פון דעם צעפאַל געווען דאָס, וואָס די אַלע טעאַטערס זיינען לויט זייער עצם אינהאַלט געווען אַ ל ט ע טעאַטערס. זיי האָבן כמעט נישט געהאַט קיין שום אידעע. קיינער פון זיי האָט זיך נישט פאַרטראַכט, אַז די רעוואָלוציע פאָדערט נייע פּיעסעס, אַ נייעם צוגאַנג צו קונסט, צו טעאַטער. זיי האָבן גענומען ווערן צו לאַסט דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און האָבן דעריבער פאַרלוירן זייער עקסיסטענץ.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 107-117.

קיעווער יידישער מלוכה-טעאַטער.

אין 1919 איז אין קיעוו געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער מלוכה-טעאַטער, אין וועלכן ס׳זיינען אַריין אסתר-רחל קאַמינסקאַ און אַ גרויסער טייל פון איר טרופּע, צווישן זיי יעקב ליבערט און ה. וויסמאַן. רעזשיסער פון דער טרופּע איז געווען י. ל. בוימוואָל.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 107-117.

ריגער יידישער מלוכה-טעאַטער.

(ריגער יידישער מעוטים-טעאַטער)

[זע דריטער באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"].

ים, א.

[יעקב-אברהם יערוכאָמאָוויטש — י. א. מעריסאָן]

געבוירן 6 מאַי 1866 אין יעוויע, ווילנער געגנט, פּויליש-ליטע. פאָטער — פון אַ רבנישער פאַמיליע, אַ למדן, געלעבט פון קרעמעריי און דערנאָך געוואָרן אַ מלמד. געלערנט אין חדר און צו 8 יאָר געשריבן העברעאישע שירים. געלערנט אין נאָוואָגראָדער ישיבה, דערנאָך אין קאָוונער בית-המדרש. אונטערן איינפלוס פון ליליענבלומס „חטאת נעורים" אָנגעהויבן שטרעבן צו בילדונג און וואַלגערנדיק זיך אַלס אָרים-בחור אין פאַרשיידענע שטעטלעך, פאַרבאָרגן געלערנט רוסיש און דייטש און געלייענט השכלה-ביכלעך. אַ געוויסע צייט געווען אַ מלמד אויפן ישוב און אויך העברעאישער לערער אין ווילנע און אַנדערע ליטווישע שטעט. שפּעטער

געוואָרן אַ חובב-ציון. אין 1887 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו, אָנגעמענדיק דעם נאָמען מעריסאָן, אַרבעט ער די ערשטע חדשים אַלס העמדל-נייער אין אַ פאַבריק און גיט דערנאָך העברעאישע און ענגלישע שטונדן. אין 1892 ענדיקט ער אַלס דר. מעדיצין אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט און פּ-אַקטיצירט זינט דאַמאָלט אַלס דאָקטאָר אין נ. י.

אַלס איינער פון די פירער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט י. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן אַלס נאָנטער מיטאַרבעטער און מיטגליד פון רעדאַקציע-קאָלעגיע אין „דיא וואַרהייט" (1899) און שפּעטער געוואָרן זייער אַקטיוו אַלס איינער פון די ערשטע שרייבער אין יידיש אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק.

א"פ א. ים האָט י. איבערזעצט איבסענס דראַמעס „העדדא גאַבלער" (פ"ג מייזעל עט קאָ., נ. י. 1910) און „די פרוי פון ים" [ביידע פיעסעס אַרויסגעגעבן דורך מייזעל-פאַרלאַג אין 1926 אין איבסענס „געזאַמלטע ווערק"].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 462-69.

יעגער, ראָזעטאַ

[פאעט]

געבוירן 28 מערץ 1896 אין וואַרשע, פוילן. זיידע — דער וואַרשעווער מאַרשאַלעק שלמה פּאַעט. פאָטער — אַ דעקאָראַטאָר. געלערנט אין שול און חדר. אַלס קינד געשפּילט מיט „ליבהאָבער" אין 1906 אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער. 1911 — געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע און געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע".

1915 — אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס יוגנטלעכע דראַמאַטיסטין אין מאָנטרעאַלער מאָנומענט נעשאָנאַל-טעאַטער (רעזשי — בענני אַדלער). 1915-16 — געשפּילט אין טאָראָנטער ליריק-טעאַטער, 1918-19 — אין באַלטימאָר און איבער דער פּראָווינץ. 1925 — חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר און מענעדזשער סאָול דיקשטיין און צוזאַמען מיט אים געשפּילט איבער דער פּראָווינץ. 1929 — אין פילאַדעלפיער [נישט-יוניע] גיבסאָן-טעאַטער, 1930-31 — אין סאָול דיקשטיינס פאָלקס-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, — 1931 אין דיקשטיינס פאָלקס-טעאַטער, אין ניו-יאָרקער ליבערטי און 1932 אין אָמפּיאָן-טעאַטער.

י. איז אַ מיטגליד אין אינדעפּענדענט היברו עקטאָרס ליג.

י.'ס טאָכטער פאָולינאַ שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע. דורך שרה קינדמאַן.

יעדוואַב, הערש

[געב. 1870 — געשט. 31 אָקטאָבער 1931]

געבוירן 1870 אין לאָדזש, פוילן. פון פאַך געווען אַ טעקסטיל-אַרבעטער (שערער). אין די יונגסטע יאָרן אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין „ליבהאָבער"-אויפפירונגען און שפּעטער באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן אַלס מאָנאָלאָגיסט פון שלום-עליכםס ווערק א. א.

1908-10 — זיך באַטייליקט אין די אויפפירונגען פון דער געזעלשאַפט „האַרפע" און שפּעטער פון „דראַמאַטישע קונסט", אַרויסגעוויזן פעאיקייטן פאַר כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן און גלייכצייטיק זיך אויסגעצייכנט אַלס „יעקל שאַפּשאַוויטש" אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה". 1912 — געווען רעזשיסער פון אַ דראַמאַטישן קרייז אין פּאַביאַניץ און זיך באַטייליקט אין די העברעאישע פאָרשטעלונגען פון דער לאָדזשער „הבימה העברית", שפּילנדיק אין העברעאיש די ראָל „וואַסערשטיין" אין דר. הערצלס „דאָס נייע געטאָ" אין פוילן און אויך אין ווין בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס.

1913 — אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. — אַדלער-סיעראַצקי) און דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיינע שוישפּילערישע פעאיקייטן. צו איינע פון זיינע בעסטע ראָלן געהערט „דזשאַן קוקס" אין „קין" פון אַל. דיומאַ.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה זיך ספּעציאַליזירט אויף פּאָליטישע מאָנאָלאָגן (געשריבן פון צבי כהן, י. מ. ניימאַן און ז. זילבערצווייג), וועלכע ער פלעגט פּערזאָניפיצירן אין גרים און דערמיט געהאַט אַ געוואַלטיקן דערפאָלג. דערנאָך געוואָרן אַ שותף צו דער קליין-קונסט-בינע מיט סאָלאָמאָן קוסטין און פסח בורשטין, מיט וועלכע ער מאַכט אַ טור איבער פוילן, וואָלין און גאַליציע. שפּעטער אַליין אויפגעטראָטן אין אייניקע גרעסערע שטעט פון מערב-אייראָפּע ווי בערלין, לייפּציג א. א.

י. האָט זיך אויך באַטייליקט אין לאָדזשער דייטשן טעאַטער (דיר. — וואָלטער וואַסערמאַן) אין דער פּיעסע „יעטכען געבערט", שפּילנדיק די ראָל פון „זיידע" אין אַ יידיש-דייטשן דיאַלעקט.

די לעצטע יאָרן האָט י. געמאַכט פאַרשיידענע, נישט-געלונגענע, פּרובן צו שפּילן אין פּראָווינץ, אָבער ער האָט מער נישט געקאָנט צוקומען אַלס מיטגליד אין די אָפיציעלע יידישע טרופּעס אין פוילן. דעם 31 אָקטאָבער 1931 איז י. געשטאָרבן אין לאָדזש.

אין נעקראָלאָג אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" ווערט וועגן י. געזאָגט: „עס האָט געווירקט זיין נאַטירלעכקייט, זיין פּשטות, זיין פאָלקסטימלעכקייט. געווען אַ צייט, ווען יעדוואַב איז געווען דער ליבלינג פון יידישן טעאַטער-עולם אין לאָדזש".

ראובן מאָרסאַלאָוו שרייבט וועגן אים: „ווער האָט זיך נישט דערקוויקט מיט זיין זיסן, פליסנדן הומאָר. מיט זיינע גלייכווערטלעך ? .. אָבער צו פרי הערט ער אויף [דער אַלטער יידישער אַקטיאָר] פאַר אונז צו עקסיסטירן, נאָך איידער ער ווערט רייף אין זיין באַרוף, ווערט ער באַטראַכט פון זיינע אייגענע חברים פאַר עובר בטל. די סביבה ווערט אַרום אים קעלטער, נישט באַגרייפנדיק, אַז ווען נישט די יעדוואַבס, וואָלטן זיי דאָס געדאַרפט

ליידן, וואָס יענע האָבן געליטן אויף זייער מאַרטירער-וועג, אויף דעם נע-ונד-וועג פון יידישן אַקטיאָר".

זלמן זילבערצוויג כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „יעדוואַב איז פאַר מיר מער ווי אַ בינע-אַקטיאָר. נישט דאָס איז געווען זיין ספּעציאַליטעט. ער איז געווען בטבע אַ לץ, אַ חוזק-מאַכער, אַ שפּאַס-טרייבער, אַ שאַלטיק, אַ מאָדערנער בדחן אָדער בכלל אַ מענטש, וואָס האָט געזען די וועלט מיט קאָמישע ברילן. אַזעלכע זיינען געווען מאָטקע חב"ד, הערשעלע אָסטראָפּאָליער. גאַנצע בערג מיט קאָמישע מעשות, לצנות, משונהדיקע איינפאַלן ווערן וועגן זיי דערציילט. ...דעם זעלבן כאַראַקטער טראָגן די מעשות, וועלכע מען דערציילט וועגן הערשל יעדוואַב. ...יעדוואַב איז בטבע געווען אַ פּחדן. ער האָט זיך תמיד געשראָקן, אַז ער האָט נישט יוצא געווען, אַז ער איז נישט גערעכט, אַז עפּעס טוט ער נישט ריכטיק. אמת, אַז מיטן מויל האָט ער עס נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער זיינע בלאָנדזשענדיקע אויגן האָבן דאָס געזאָגט אויף טריט און שריט און דערפאַר איז זיין נישט-זיכערער יאַנקל שאַפּשאָוויטש געווען אַזוי זיכער. ...יעדוואַב, וועלכער איז געווען אַ קנאַפּער ידען אין העברעאיש, האָט זיך אַזוי זיכער געפילט אין זיין העברעאישער ראָל אַלס „וואַסערשטיין" אין דר. הערצלס „דאָס נייע געטאָ", אַז ער האָט אַלעמען געבראַכט צום דערשטוינען. ער האָט ממש געלעבט אין דער ראָל פון דעמדאָזיקן מעקלער, ווידער אַן אומרואיקער, נישט זיכערער מענטש. דערנאָך איז געקומען די צייט, ווען יעדוואַב איז אַריין אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער און זיך נישט געפונען. ער האָט דאָ, כאָטש אַרומגערינגלט — צוליב דער מלחמה — מיט שוואַכע אַקטיאָרן, נישט באַוויזן אַרויפצושווימען אויף דער אויבערפלאַך. ער איז געבליבן אין אַנסאַמבל. ערשט דער פּאָליטישער מאָנאָלאָג, וועלכן ער האָט אַרויפגעבראַכט אין דער צייט פון דער דייטש-עסטרייכישער אָקופּאַציע, טאַקע קעגן די אָקופּאַנטן, האָט אים אַרויסגעצויגן אין פאָדערגרונט און יעדוואַב איז איי‌ניקע יאָרן געווען אַ שם-דבר אין דער יידישער טעאַטער-וועלט אין מזרח-און מערב-אייראָפּע".

נעקראָלאָג אין „לאָדזשער טאָגבלאַט", 1 נאָוועמבער 1931.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 7 נאָוו. 1930.

ראובן מאַרסאַלאָוו — ניטאָ מער הערשעל יעדוואַב!, „לאָדזשער טאָגבלאַט", 1 נאָוו. 1931.

זלמן זילבערצוויג — דער לאָדזשער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 25, 23 נאָוו. 1932, „די פּרעסע", ב"א, 23 דעצ. 1932.

יערמאָלינאַ-ווייסמאַן, ראָזאַ

[רחל יאַרמאָלינצער]

[געב. בערך 1850 — געשט. 10 אָקט. 1920]



געבוירן בערך 1850 אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסקער גוב., אוקראַאינע. די מוטער איז געווען אַ „באָבע", אַ ברודער, אָדער אַן אַנדערער נאָנטער קרוב — געווען אַ פּאָקוסניק. עס הייסט, אַז י. האָט געלערנט אַלס הייבאַם. באַזוכנדיק דאָס גאַסטראָלירנדיקע יידישע טעאַטער, איז איר נאָך פיל באַמיאונגען ענדלעך געלונגען צו ווערן אַ כאָריסטקע ביי סאַבסיי, שפּעטער ביי פישזאָן, וואו זי האָט באַלד זיך אויסגעצייכנט אויך אין קלענערע ראָלן. אַריבער אין דער טרופּע פון בערנשטיין, האָט זי חתונה מיט הערשל ווייסמאַן, מיט וועלכן זי טרעט אַריין אין קאָמפּאַניעס טרופּע, וואו זי שפּילט שוין די כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן.

איר אמתן תיקון האָט אָבער י. ערשט געפונען, ווען זי איז אַריינגעטראָטן אין דער „פּאַראייניקטער טרופּע" פון אברהם-יצחק און אסתר-רחל קאַמינסקי, וואו זי טרעט אַרויס אין די כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן פון גאָרדינס רעפּערטואַר און ווערט באַלד אָנערקענט פון דער יידישער טעאַטער-קריטיק אַלס די בעסטע אין איר זשאַנר.

דורך די מלחמה-געשעענישן פאַרוואָרפן אין רוסלאַנד, שפּילט י. 1917 אין פּעטערבורג און מאָסקווע מיט פישזאָנען, שפּעטער אין אַנדערע שטעט, און אין 1920 אין מינסקער „אונזער ווינקל", וואו זי פאַרנעמט, נישט געקוקט אויף איר הויכן עלטער, אַן אָנגעזעען אָרט.

דעם 10 אָקטאָבער 1920 איז י. געשטאָרבן אין מינסק.

דר. מוקדוני כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „דערפאַר איז געווען זיין [ווייסמאַנס] פרוי יערמאָלינאַ אַ פענאָמענאַלע ערשיינונג: אַ פינסטערע יידענע, אַ פולשטענדיקע אַנאַלפאַבעטין, מיט דער באַנעמונג פון אַ סעדעכע, פלעגט זי וואונדערלעך שפּילן די ראָלן פון בייזע, שעלטנדיקע, צאָרנדיקע און מיט קלעמעניש אָנגעלאָדענע יידישע ווייבער.

„משונהדיק הויך און מאָגער, העסלעך און כמעט אָפּשטויסנדיק, פלעגט זי אויף דער סצענע אין אירע ראָלן אימפּעטן, פלעגט זי אָנהייבן שיטן מיט דיבורים, פלעגט דאָס טעאַטער ממש גערירט ווערן פון בייזקייט און פלעגט פאַרפלייצט ווערן פון אַ מבול רשעותדיקע ווערטער".

מ. ע פון כינאַ בראַגינסקאַ, אבא קאָמפּאַנעיעץ און ש. ע. פין ל. דושמאַן.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער" (רעצענזיעס וועגן אויפפירונגען פין גאָרדין-רעפּערטואַר), ביאַליסטאָק 1921.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ז. 363.

יתום, לינקע (ליבע)

[געב. ... 18 — געשט. [?]]

געבוירן ... 18 אין לעמבערג גאַליציע. פאָטער — אַ מעקלער, אַ לופטמענטש. געווען כאָריסטקע אין גימפּעלס טרופּע, דערנאָך געשפּילט עפּיזאָדן-ראָלן און פאַרטראָטן פּרימאַדאָנעס. צוזאַמען מיט פּרל. סאווער אַוועק צו דער פּוילישער בינע.

י. איז שפּעטער פּאַראַליזירט געוואָרן און געשטאָרבן אין לעמבערג.

מ. ע פון יוליוס גוטמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 147.

כאַווינאַ, ליזאַ

[לאהקע חאַווין-מידע]

געבוירן 16 מערץ 1894 אין סלאָנים, גראָדנער גוב., פוילן. עלטערן — סוחרים, אויפגעקלערטע. געענדיקט 4 קלאַסן גימנאַזיע און געלערנט יידיש ביי אַ לערער. אין עלטער פון 14 יאָר צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"-פאָרשטעלונגען פאַר צדקה-צוועקן און אין 1913 אין מאיר שוואַרץ טרופע, דעביוטירנדיק אַלס „סערקעלע" אין שאָרס „אַ מענטש זאָל מען זיין".

זינט די לעצטע 10 יאָר שפּילט כ. אין אַרגענטינע.

ש. ע.

כאַזאַק, טוביע

געבוירן 7 נאָוועמבער 1887 אין וויטעבסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ זייגערמאַכער. געענדיקט אַ מיטלשול. זינט 1917 — זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"-פאָרשטעלונגען. 1922 — אָנגעקומען אין מימ"ט און מיטגעמאַכט דעם טורנעע איבער מערב-אייראָפּע.

כ. האָט אויך זיך באַטייליקט אַלס „קימאַק" אין פילם „יידישע גליקן" נאָך שלום-עליכם (רעזשי — אל. גראַנאָווסקי).

ש. ע.

כאַליף, א.

געבוירן 1900 אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. ביז 8 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך 4 יאָר אין דער „ערשטע רעגירונגס-שול". באַזוכט אָפט דאָס רוסישע טעאַטער און דערנאָך זיך באַקענט מיט אַ קרייז „ליבהאָבער", אויפגעטראָטן אַלס „ברונין" אין ראַקאָווס „דער תלמוד-חכם", שפּעטער געוואָרן דער אָנפירער פון דאָזיקן קרייז און אַרויסגעטראָטן אין די הויפּטראָלן פון „תלמוד-חכם", „ישיבה בחור", „הערצעלע מיוחס" א. ד. ג.

1917 — פאַרטראָטן אַן אַקטיאָר אַלס „פאַרמער" אין שאָרס „די אַמעריקאַנערין" ביי ראַפּעלן אין טרופּע און שוין דאָרט פאַרבליבן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. 1918-19 — געשפּילט אין אַ מיניאַטור-טעאַטער א"א פון קייזעראָוויטש און סאַדיגורסקי און זומער 1919 מיט דערדאָזיקער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין אָדעסער יידישן מלוכה-טעאַטער א"א פון בערטאנאָוו, דאָרט געשפּילט ביז אָנהויב 1921 און דערנאָך געמאַכט אַ טורנעע מיט אַ טייל פון דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ. אַ געוויסע צייט איז כ. אַרויסגעטראָטן פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, געוועזן אָנפירער פון אַ דראַמקרייז ביים קלוב פון געוו. „פּועלי ציון", אַוועקגעפאָרן קיין נאָוואָ-ראָסיסק און דאָרט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם און גלייכצייטיק אָנגעפירט מיט אַ יידישן דראַמקרייז.

1923 — געשפּילט אין דער יידישער טרופּע פון טשעטשעלניצקי און דערנאָך זיך באַטייליקט אין אַ טורנעע מיט דער טרופּע. 1924 — געשפּילט אין „קונסט-ווינקל", 1925-26 — אַרומגעפאָרן מיט אַ קאָלעקטיוו, 1926-27 — מיט קלאַראַ יאָנג, 1927-28 — מיט יוליוס אַדלער, 1928-29 — מיטן אָדעסער קאָלעקטיוו איבער דער פּראָווינץ אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער און דערנאָך אין באַוועגלעכן טעאַטער פון קליינע פאָרמען ביים „געזקולט" אין כאַרקאָוו.

ש. ע.

כאַראַז, לעאָן

געבוירן 31 יולי 1886 אין קלעוואַן, פוילן. פאָטער — אַ טריסקער חסיד, אַ פוטערוואַרג-הענדלער. געלערנט אין חדרים און אין בית-המדרש.

אין 1903 געזען צום ערשטן מאָל יידיש טעאַטער אין ראָוונע („שולמית" אין קאַמינסקיס טרופּע), באַזוכט ער אָפט די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס, ביז ער טרעט אַריין אין 1906 אין גוזיקס טרופּע, דעביוטירנדיק אין „מישקע און מאָשקע". נאָכן שפּילן די פּיעסע אייניקע וואָכן איז כ. אַריבער אויף דראַמאַטישע ראָלן און אַריינגעטראָטן אין לובני (פּאָלטאַווער גוב.) צו גענפּערן, מיט וועמענס טרופּע ער איז אַרומגעפאָרן 5 יאָר איבער רוסלאַנד און ליטע. דאָ אַנגאַזשירט אים אסתּר-רחל קאַמינסקאַ אין איר וואַרשעווער טרופּע. אָבער כ. איז נישט נושא חן ביים פּובליקום, פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד אין די דאָרטיקע טרופּעס און אַ קורצע צייט שפּעטער אַנגאַזשירט אים ווידער א. ר. קאַמינסקאַ צו זיך קיין וואַרשע.

1913 – געשפּילט אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער" (דיר. — י. זאַנדבערג). דאָ ווערט כ. אויפן „דירעקטאָרס באַפעל" אַ קאָמיקער און ווערט באַלד איינער פון די פּאָפּולערסטע שוישפּילער אין פוילן. אין מלחמה-צייט איז כ. איינער פון די גרינדער און הויפּטשפּילער פון דער טרופּע אין צענטראַל-טעאַטער אין וואַרשע און קרעאירט אַ ריי כאַראַקטער-ראָלן פון דער אייראָפּעאישער אָפּערעטע.

1921 — ווערט כ. דורך טאָמאַשעווסקין געבראַכט קיין אַמעריקע און טרעט אויף אין מערץ 1921 אין נעשאָנאַל-טעאַטער, שפּילט שפּעטער אין ליבערטי-טעאַטער, דערנאָך אין באָסטאָן און אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, 1928-29 — אין ניו-יאָרקער סעקאָנד עוועניו-טעאַטער (מיט מאַלי פּיקאָן) און 1929-30 — אין באָסטאָן ביי האָלענדער. דאָ ציט ער זיך צוריק אויף אַ געוויסער צייט פון דער בינע, גיט זיך אָפּ מיט מסחר, אָבער צום סעזאָן 1932-33 שפּילט ער ווידער אין דעטראָיטער יידישן טעאַטער (דיר. — א. ליטמאַן — הערי לאַנדמאַן).

מ. ע.

מ. גרים — טעאַטער נאָטיצען, „פא"ש", נ. י., 1 אַפּריל 1921.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנימער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י., 7 יאַנ. 1927.

כהן, צבי

געבוירן 8 יולי 1885 אין לאָוויטש, וואַרשעווער געגנט, פוילן, אין אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. אין דער יוגנט געשמט פאַר אַן עילוי. געלערנט ביים סאָכאַטשעווער גאון ר׳ אברהם באָרנשטיין. צו 17 יאָר באַקומען היתר הוראה, שפּעטער אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש. צוליב די רדיפות פון די חסידים געוואַנדערט איבער רוסלאַנד אַלס העברעאישער לערער. די ערשטע בעלעטריסטישע זאַכן געדרוקט אין „הד הזמן", „המעורר", „הצפירה" און אין יידיש אין „דער פריינד".

אין 1907 זיך באַזעצט אין לאָדזש און געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „לאָדזער נאַכריכטען", דערנאָך פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" און דאָ אָפט געשריבן וועגן יידישן טעאַטער. אין זומער ... האָט יוליוס אַדלערס טרופּע אויפגעפירט כ.׳ס איינאַקטער „שוויגערס". דעם 26 יוני 1915 איז אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. — אַדלער-סיעראָצקי) אויפגעפירט געוואָרן סעם ליודנערס דראַמאַטיזאַציע פון כ׳ס ראָמאַן „לאָדזש אין קריג, אָדער, דער לאָדזער זאַפּאַסנער סאָלדאַט אברהם מילנער". סעזאָן 1915-16 האָט כ. געשריבן די פּאָליטישע מאָנאָלאָגן, וועלכע דער אַקטיאָר הערשל יצדוואַב האָט פאָרגעלייענט אין גרים

נאָך דער וועלט-מלחמה אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען זשורנאַליסטיש טעטיק, האָט געשריבן טעאַטער-רעצענזיעס אין ניו-יאָרקער „יידישעס טאַגעבלאַט" און איבערזעצט עזיז דאמעטס דראַמע „יוסף טרומפּעלדאָר [יוסף טרומפּעלדאָר, טראַגעדיע אין 3 אַקטן פון עזיז דאמעט, אידיש: צבי כהן. געדרוקט נאָר די ערשטע 2 אַקטן אין „דער אַמעריקאַנער" 18-20, 22-24, 26, 1928. די זעלבע פּיעסע, אין דער איבערזעצונג פון יצחק בוכנער, איז געווען געדרוקט אין „אַלט-ניילאַנד", וואַרשע 1925, 0-4]. שפּעטער האָט כ. די זעלבע פּיעסע באַאַרבעט (מיט דער הסכמה פון מחבר) אַלס זייערע אַ שותּפותדיקע.

כ. האָט אין כתב-יד אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטן „דער שיינער וועג" און „דער קאָצקער רבי", אַ דראַמע אין 3 אַקטן און 12 בילדער.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 12-13.

כץ, איזאַק

דעם 14 יאַנואַר 1895 איז זיין פּיעסע, „אליהו הנביא, אָדער, אַריסתּבלוס מלך יהודה", היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און אַ פּראָלאָג, געשריבן אין גראַמען, אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל דורך דער יאָווילער-טרופּע אין בוקאַרעסט.

דער אַנאָנימער רעצענזענט פון בוקאַרעסטער „פאָלקסבלאַט" שרייבט וועגן דער פּיעסע און מחבר: „וויר מוזן אַבער דעם יונגען אויטאָר, וועלכער האַט נאָך קיין גרינדלעכע ערפאַרונג און רייפע בינע-קענטניש, מאַנכע פעלער פערצייען, זאָנסט ווירט זיך אונזער קריטיק שטאַרק אין דער לענגע ציהען, אונד דאַפיר האַבען וויר היר קיין פּלאַץ. זאָפיל מוזן וויר אַבער צוגעבן דאס דער יונגער פערפאַסער האט טאַלאַנט, און האַט צום ערשטן מאל געצייגט, דאס מען קאן שטיקע אויס אונזערער אייגענע געשיכטע אין איינער בעסערער אויפאַסונג און אין איינער ריינערן שפּראַכע שרייבן. ...צו דיזער האָפנונג באַרעכטיקט אונז ה׳ כץ, וועלכער ווירט דער יידישער טעאַטער-קונסט איינע אַנדערע ריכטונג געבן און די לעכערלעכע ווילדע פּיעסעס ווי „דאָס צענטע געבאָט" [„לא תחמוד" פון אברהם גאָלדפאַדען], „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה" [פון יאָזעף לאַטיינער], „משיחס צייטן" [פון אברהם גאָלדפאַדען] וכדומה פון דער בינע פאַרטרייבן".

ווי קלמן יאָווילער גיט איבער, איז דער מחבר פון דער אָפּערעטע געווען אַן אָרטיקער אינטעליגענטער יונגערמאַן. די מוזיק צו דער אָפּערעטע, וועלכע איז נאָר געשפּילט געוואָרן איינציקע מאָל, איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַרנאָלד פערלמוטער. אין דער אויפפירונג האָבן זיך באַטייליקט: קלמן יאָווילער, יעטאַ רויך, שמואל-בער פערקויף, א. שראַגע, יקותיאל מאַרגולעס און א. גילטמאַן.

וועגן אויפפירונגען פון כ.׳ס אַנדערע פּיעסעס איז אין ערגעץ נישט פאַראַן קיין שום ידיעה.

מ. ע. פון קלמן יאָווילער.

[—] — טהעאַטער-קריטיק, „דאָס פאָלקסבלאַט", בוקאַרעסט, 90, 1895.

כריסטעסקאָ פּראָפּירא קאָנסטאַנטינאָוואַ

[קריסטערמאַן]

[געב. 1880 — געשט. 5 אַפּריל 1931]

געבוירן 1880 אין בוקאַרעסט, רומעניע, אין אַ קריסטלעכער משפּחה. פאָטער — אַ באַן-אַרבעטער. ביז 15 יאָר געלערנט אין שול. דערנאָך צוליב איר שיינער שטים, אַריינגעטראָטן אין כאָר פון דער רומענישער אָפּערעטעס-טרופּע פון ניקאָלעסקו, 3 יאָר שפּעטער איבערגעגאַנגען אויף סוברעטין-און פּרימאַדאָנע-ראָלן און אַרומגעוואַנדערט מיט דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, וואו זי האָט חתונה מיטן רומענישן אַקטיאָר אַלעקסאַנדער בידעסקאָ, מיט וועלכן זי שפּילט צוזאַמען אויף דער רומענישער בינע ביז 1905, ווען זיי פאָרן קיין רוסלאַנד מיט דער רומענישער טרופּע א"א פון באַבעסקו. דאָ זעט זיי שפּילן דער אַדמיניסטראַטאָר פון אַ יידישער טרופּע קאַגאַן-שאַץ און ער פועלט ביי זיי (וועלכע קענען גוט דייטש), אַז זיי זאָלן איבערגיין צו דער יידישער בינע. זינט דאַמאָלט פאָרט אַרום כ. איבער דער רוסישער פּראָווינץ און גאַסטראָלירט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אַלס פּרימאַדאָנע, אויסצייכנענדיק זיך באַזונדערס אין גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס.

1913 — צעגייט זיך כ. מיט איר מאַן, וועלכער האָט זיך מגייר געווען א"נ וואַנדערגאָלד, און פאָרט אַרום אַליין מיט פאַרשיידענע יידישע וואַנדער-קאָלעקטיוון איבער רוסלאַנד, אוקראַאינע, פוילן, שפּילנדיק אין די טרופּעס פון יוליוס אַדלער, אסתּר-רחל קאַמינסקאַ, ראַפאַל. פישזאָן סעם אַדלער א. א.

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד, שפּילט כ. אין פאַרשיידענע וו נדער-טרופּעס. 1924-27 – געשפּילט א״א פון אַלבערט סטאַלעסקאַ אין די סאַמע פּאַרוואָרפנסטע ערטער פון אוקראַאינע און שפּעטער, ביז 1931, אין אַ וואַנדער-קאָלעקטיוו א״א פון פּעדערעסקאַ.

נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז כ. דעם 5 אַפּריל 1931 געשטאָרבן אין שרעקלעכער נויט און עלנט אין כמעלניק, וויניצער געגנט. אויף איר בקשה צום אַקטיאָר פּעדערעסקאַ, איז זי געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן יידישן בית-עולם, כדי – לויט איר רייד – יידישע וואַנדערנדע אַקטיאָרן זאָלן אַמאָל באַזוכן איר קבר.

מ. ע. פון פּעדערעסקאַ און ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

לאָבעל, מאַלווינאַ

[טרייסלער]

געבוירן 26 מאַי 1878 אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פאָטער – דער טעאַטער-דירעקטאָר און שוישפּילער חיים-בנימין טרייסלער.

אין עלטער פון 6 יאָר אויפגעטראָטן אין דער קינדער-ראָל „יואש״ אין דער אָפּערעטע „עתליהו״ אין איר פאָטערס טרופּע אין קאָלאָמעאַ. צוזאַמען מיט איר פאָטערס טרופּע פאָרט זי אַרום איבער גאַליציע און אונגאַרן. אין עלטער פון 12 יאָר קומט ל. אין רומעניע, וואו זי שפּילט 3 יאָר מיט גאָלדפאַדענען זיין רעפּערטואַר, אויפטרעטנדיק אַלס די ערשטע „שרה״ אין „עקדת יצחק״.

אין די ערשטע יאָרן פון 20-טן יאָרהונדערט איז ל. אָנגעקומען מיט איר פאָטערס טרופּע אין לאָנדאָן, וואו זיי האָבן געשפּילט אַ קורצע צייט און זיינען פון דאָרט געפאָרן קיין קאַנאַדע און דערנאָך קיין ניו-יאָרק.

דאָ איז ל. אָנגעקומען אַלס דראַמאַטישע שוישפּילערין אין פּיפּלס-טעאַטער און 4 יאָר געשפּילט א״ד פון אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקי, דערנאָך 12 יאָר מיט קעסלערן און אַ געוויסע צייט מיט מאָריסאָנען.

זייענדיק אין לאָנדאָן, האָט ל. די געלעגנהייט צו שפּילן ענגליש אין קאָלאָסעאום-טעאַטער, און שפּעטער, אין אַמעריקע, איז ל. אויפגעטראָטן אויף דייטש (דעם 7 מאַי 1912 אַלס „מאַדאַם איקס״ מיט אַ דייטשער טרופּע) אין ניו-יאָרקער אירווינג פּלייס-טעאַטער.

אין 1912 האָט ל. מיט אַ זייער גרויסן דערפאָלג גאַסטראָלירט אין פּוילן, רוסלאַנד און רומעניע, וואו זי האָט צום ערשטן מאָל אויף דער אייראָפּעאישער יידישער בינע אויפגעפירט ביסאָנס „מאַדאַם איקס״ און וואַלטער בראַונס „יעדע פרוי״. זומער 1914 – באַזוכט ל. נאָך אַמאָל אייראָפּע, דערונטער אויך לאָנדאָן, ווידער מיט דערפאָלג.

זומער 1916 איז ל. אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו זי האָט אין בוענאָס איירעס, אין טעאַטער אָלימפּיאַ, געשפּילט צוזאַמען מיט סעמיועל גאָלדענבורג. באַלד נאָכדעם קערט זי צוריק קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט ביז 1931, ווען זי ציט זיך צוריק פון דער בינע.

ל.׳ס שוועסטערס, ראָזע גרינפעלד און בעטי דזשייקאָבס, שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ל.׳ס איינציקע טאָכטער, אידיט בראַודער, שפּילט אויף דער ענגלישער בינע.

ש. ע.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 201, 153, 142.
מאַלווינאַ לאָבעל – מרס. לאָבעל ווינשט זיך צו פאַרהערען מיט מאַדאַם קאַמינסקי, „פּאָרוו.״, נ. י., 4 סעפּט. 1909.
י. קריטיקוס [קירשענבוים] – מאָריסאָן און מאַלווינאַ לאָבעל, „דער קענעדער אַדלער״, מאָנטרעאַל, 3 מערץ 1910.
ס. דינגאָל – ניו-יאָרקער אידישע סטאַרס אין לאָנדאָן, „פאָרוו.״, נ. י., 6 מאַי 1914.
יעקב קירשענבוים – קונסט און קינסטלער, „די אידישע וועלט״, קליוולאַנד, 24 יוני 1915.
אוריאל מזיק – בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „טאָג״, נ. י., 20 אָקט. 1917.
נח פּרילוצקי – „יידיש טעאַטער״, ביאַליסטאָק, 1921, II, זז. 57-62.
דוד פרישמאַן – „געשטאַלטן״, ווארשע, 1930, זז. 219-223.

לאָבעל, סאָלאָמאָן

[לייבעל]

[געב. . . . 18 – געשט. 1901]

געבוירן . . . 18 אין יאַסי, רומעניע, אין דער פאַרמעגלעכער פאַמיליע לייבעל. געווען אַ פאַרזיכערונגס-אַגענט. נאָך דער חתונה מיט דער אַקטריסע מאַלווינאַ טרייסלער געוואָרן אַ פאַרוואַלטער פון יידישע טרופּעס, ביי וועלכע ער פלעגט אויך טיילמאָל סופלירן.

אין 1901 איז ל. געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד.

מ. ע. פון מאַלווינאַ לאָבעל און עמנואל טשיזשיק

לאַנגער, אהרן

געבוירן 1869 אין בראָד, גאַליציע. פאָטער – אַן אָרימער היטל-מאַכער. געווען אַ משורר ביי אַ חזן. 1888 – דעביוטירט אַלס „פּרימאַדאָנע״ אין דער פּראָווינץ-טרופּע פון משה גאָלדוואורם, דערנאָך אַריין צו גימפּעל אין לעמבערג. שפּעטער איז צו דער טרופּע צוגעקומען אברהם גאָלדפאַדען און ל. האָט די געלעגנהייט צו שפּילן אין גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר („פּרץ״ אין „לא תחמוד״, „האָצמאַך״ אין „די כשוף-מאַכערין״, „קלמן

שדכן" און „קוני לעמעל" אין „דיביידע קוני לעמעלס") ווי אויך „פּאַלעק" אין לאַטיינערס „דבוק".

1896 – געשפּילט איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ א'ד פון אברהם אַקסעלראַד און איציק-מענדל בערגמאַן, דערנאָך בערך 2 יאָר אין אונגאַרן, איבערהויפּט אין בודאַפּעסט (א"פ „פּאָלנישע געזעלשאַפט" אין קאַפּע פון שנעקענדאָרף), אויך אין טעמאשוואר און גראָסוואַרדאַין.

1898 - געשפּילט אין יאַסי (רומעניע), דערנאָך צוריקגעקערט קיין בודאַפּעסט און אין זעלבן סעזאָן נאָך געשפּילט אין בוקאָווינע. 1899 – צוריק אין גאַליציע און פון דאָ פאָרט ער צו זיין שוואָגער, דער טעאַטער-דירעקטאָר דוד סאַבסיי, ביי וועמען ער שפּילט אין בעסאַראַביע און דערנאָך 8-10 יאָר אין אָדעס, וואו ער איז אויך רעזשיסער פון דער טרופּע, ביז ער טיילט זיך אָפּ פון סאַבסיין און אָרגאַניזירט אַ טרופּע מיט ש. קרויזע (און די פּרימאַדאָנע מרים גורעוויטש), וועלכע שפּילט 2 חדשים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין 1911 – אייניקע חדשים אין בוקאַרעסט. נאָכן אָפּפאָרן פון קרויזע-גורעוויטש קיין אַמעריקע, פירט אָן ל. אַליין מיט דער טרופּע, מיט וועלכער ער שפּילט אין בראַאילא, ווידער אין בוקאַרעסט, גאַסטראָלירט אין עסטרייך און אין 1912 עמיגרירט ער קיין אַרגענטינע.

אין אַרגענטינע האָט ל. געשפּילט מיט ב. אַבראַמאָוויטש, ה' און פּ' גוטענטאַג, קלמן יאָוועליר און מאָריס מאָשקאָוויטש, פאַרנעמענדיק אַן אָנגעזען אָרט אין דער טרופּע אַלס כאַראַקטער-שוישפּילער. זינט 1926 האָט ל. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע, אַ געוויסע צייט געהאַלטן אַ רעסטאָראַן און טרעט אויף נאָר פון צייט צו צייט פאַר וואוילטעטיקע צוועקן

ל.'ס הויפּטזשאַנער איז געווען: קאָמישע כאַראַקטער-ראָלן.

1 יאַנואַר 1930 – 16 יאַנואַר 1931 – האָט ל. פאַרעפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג" (ב'א) זיינע זכרונות א'נ „זכרונות פון אַ בוענאָס-איירעסער אַקטיאָר. 40 יאָר אידיש טעאַטער", וואָס אַנטהאַלטן [45 קאַפּיטלען] אַ שטיק געשיכטע פון וואַנדער-לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן איבער מזרח-איירָאָפּע בעתן אַנטשטיין פון ידישן טעאַטער אין יענע לענדער.

ש. ע. פון יעקב באָטאָשאַנסקי און מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

אהרן לאַגער – זכרונות פון אַ בוענאָס-איירעסער אַקטיאָר, „אידישע צייטונג", ב'א, 1 יאַנואַר 1930 – 16 יאַנואַר 1931.

לאָהנפעלד, סעמיועל

געבוירן 1878 אין פּינסק, פּוילן. עלטערן – באַזיצער פון אַ פּאַפּיראָסן-פאַבריקל. אין 1889 געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו ל. לערנט אין פּאָבליק-סקול און אין עלטער פון 16 יאָר אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין אַ שטיקעריי.

נאָכן באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער באַקומען חשק צו דער בינע און געגרינדעט אַ דראַמאַטיק-קלוב, מיט וועלכן ער פירט אויף „דאָס פּוילישע יינגל", שפּילנדיק די ראָל „קלמן קראָטש" און דערנאָך אַנדערע פּיעסעס אין ניו-יאָרק און אין דער פּראָווינץ, פאַרוואַרפנדיק זיין פאַך.

פּראָפעסיאָנעל אָנגעהויבן שפּילן אין שיקאַגאָ, דערנאָך געשפּילט אין קליוולאַנד און ראטשעסטער (ביי דער פאַמיליע שיינגאָלד) און סביבה. דאַן עפנט ל. אין ניו-יאָרק (אויף עלדריטש סטריט 133) דעם יידישן אַטלאַנטיק גאַרדען וואָדעוויל, וואו דער איינטריט איז פריי (מען האָט בלויז געדאַרפט טרינקען משקה) און ערשט שפּעטער איז דער פּרייז פון בילעטן פאַר פרייטאָג, שבת און זונטאָג באַשטימט געוואָרן אויף 15 און 25 סענט. דערנאָך עפנט ער דעם קעסלער רוף-גאַרדען (אויפן דאַך פון סעקאָנד עוועניו-טעאַטער), וואו דעם ערשטן סעזאָן (זומער) ווערט געשפּילט יידישער וואָדעוויל און פון צווייטן סעזאָן אָן ווערט אין משך פון 7 זומער-סעזאָנען געשפּילט לעגיטים יידיש טעאַטער. ווערנדיק דירעקטאָר פאַרן זומער אויך פון נעשאָנאַל-טעאַטער, איז ל. גלייכצייטיק דער אייגנטימער פון אַ מואווינג פּיקטשור-הויז אויף סעקאָנד-עוועניו, דערנאָך אין משך פון 5 יאָר אַ מיטשותף, מענעדזשער און אַקטיאָר אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער און זומער (אין משך פון 12 וואָכן) מענעדזשער פון אַ טרופּע אין געבילס בויערי-טעאַטער. איבערגענומען דעם ליס [פּאַכט] פון געבילס טעאַטער, ווערט ל. דאָרט מענעדזשער, פירט אָן דערנאָך צייטווייליק מיט האָפּקינסאָן-טעאַטער, און ווערט שפּעטער שותף, מענעדזשער און אַקטיאָר אין אוירווינג פּלייס-טעאַטער.

די לעצטע יאָרן האָט ל. זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע (אויף וועלכער ער פלעגט פריער אויפטרעטן אין די גרעסטע ראָלן, ווי „שיילאָק" א. א.), און געהאַט דעם „ליס" פון ליריק-טעאַטער אין ברוקלין (וואו עס האָט 1931-2 געשפּילט אַ טרופּע פון דער „עקטאָר-ליג"). 1932-33 – האָט דאָרט ווידער געשפּילט אַ טרופּע פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

ל.'ס טאָכטער, לילי, האָט געשפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע. און מ. ע. פון שרה קינדמאַן.

וולאַדימיר גראָסמאַן – שיילאָק אָדער אייפל-טורם אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, „טאָג", נ. י., 25 יאַנואַר 1924.

מ. אָשעראָוויטש – „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ' י', 1930, זז. 182-184.

עמיליע אַדלער – דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטעריסע, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 22 אויגוסט 1930.

לאַוויץ, פּעפּי
[פּלפּול]

געבוירן 29 מערץ 1880 אין לעמבערג, גאַליציע. עלטערן – געהאַלטן קאָסטיומען פאַר בעלער און טעאַטער און האָבן אויך געהאַט ביי זיך אַלס שכנים די אַקטיאָרן-פאַמיליע טרייטלער. אָנגעהויבן אין קינדער-ראָלן ביי גימפּעלן, דערנאָך געשפּילט דאָס „מלאכל" בעת גאָלדפאַדען פירט אויף „לא תחמוד", און ווען די פּרימאַדאָנע אַננאַ בריה פאַרלאָזט די טרופּע, טוט מען אָן ל. אַ לאַנג קלייד און זי טרעט אויף אַלס „נעמי" אין „פּרינץ אַלעקסאַנדער". פון דאַמאָלט אָן איז ל. געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע. אַנשל שאָר אַנגאַזשירט זי דאַן קיין טשערנאָוויץ צו אברהם אַקסעלראַד, וואו זי שפּילט אַ יאָר, דערנאָך אַ האַלב יאָר

אין בודאַפּעסט אונטער חנא וואָלפסטאַלס דירעקציע, שפּילנדיק דריי חדשים כסדר „שולמית". שפּעטער שפּילט ל. אַ האַלב יאָר אין בערלין און פון דאָרט ווערט זי אַנגאַזשירט צו עדעלשטיין-טאָמאַשעווסקי אין ניו-יאָרקער פּיפּלס-טעאַטער, וואו זי שפּילט אַ יאָר, דערנאָך אַ סעזאָן אין שיקאַגאָ אַלס דראַמאַטיסטין, 3 סעזאָנען אין ניו-יאָרקער גרענד-טעאַטער מיט אַדלער, קעסלער, קאַליש און סעראַ אַדלער, אַ יאָר מיט אַדלערן איבער דער פּראָווינץ, 6 יאָר אין שיקאַגאָ, און ווידער מיט קעסלערן אין נ"י און אין טאַליאַ-טעאַטער מיט אַדלער, מאָשקאָוויטש און מאָגולעסקאָ, אַ סעזאָן אין דעטראָיט, 4 סעזאָנען ביי געביל, 1 סעזאָן מיט דושעני וואליער, 3 סעזאָנען אין אירווינג פּלייס טעאַטער מיט זאַץ און גאָלדענבורג און 1926-29 — אין נעשאָנאַל-טעאַטער. זינט דאַמאָלט האָט ל. זייער ווייניק געשפּילט, אַ חוץ אין די פאָרשטעלונגען פון דער אַדלער-פאַמיליע.

ל.'ס שוועסטער איז די אַקטריסע מינע בירנבוים.

מ. ע.

לאַווענדאַ, פּנחס

געבוירן 1898 אין לאָדזש, פּוילן, ביי בעל-הביתישע עלטערן. געקריגן אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג.

אַלס זיבניאָריק חדר-יינגל געזונגען ביי אַ חזן אַלס „אַלט". אַלס צוועלפיאָריקער געזען אין לאָדזש אין זאַנדבערגס טעאַטער „בר כוכבא", קויפט ער די פּיעסע און אויף פּורים פירט ער זי אויף, שפּילנדיק אַליין די ראָלע „בר כוכבא".

אין 1916 אַוועק קיין דייטשלאַנד און אין בערלין, אין אַ דאָרטיקער יידישער טרופּע, אָנגעהויבן שפּילן יוגנטלעכע ליבהאָבער-ראָלן.

אין 1926 צוריקגעקומען אין פּוילן, וואו ער טרעט אויף אין „דער ישיבה-בחור", „די רומענישע חתונה" א. א.

1927 — געשפּילט אין אַרגענטינע און דאָ האָט ל. געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן די ראָל „יאַגאַ" מיטן גאַסטראָלירנדיקן יוליוס אַדלער אין שעקספּירס „אָטעלאָ".

אין אָקטאָבער 1928 געקומען אין אַמעריקע און דעם 16 אָקטאָבער 1928 דעביוטירט אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער אין י. ראָזענבערגס „דער גרינער חתן". ל. איז באַלד פּאָפּולער געוואָרן אַלס זינגער און אין קאָנקורס וועגן באַליבטסטן זינגער אויף דער יידישער בינע, וואָס די צייטונג „טאָג" אָרדנט איין, האָט ער, 10 טאָג נאָך זיין קומען אין אַמעריקע, באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען (19.533).

סעזאָן 1928-29 — געשפּילט אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דערנאָך געזונגען פאַר ראַדיאָ-קאָנצערטן. דעם 17 מערץ 1931 אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע. שפּילט ל. דעם סעזאָן 1931-32 אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער און דערנאָך ווידער געזונגען פאַר ראַדיאָ-קאָנצערטן.

מ. ע.

ב. י. גאָלדשטיין — אַ נייער שטערן, „פאָ"ש", נ. י., 26 אָקטאָבער 1928.

א. פרומקין — אַ נייער זינגער אין נעשאָנאַל-טעאַטער, „מאָ"זש", נ. י., 26 אָקטאָבער 1928.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ"זש", נ. י., 14 דעצ. 1928.

לאַזאַר-אינגאַרד, חנה

[ראַקאָווער]

געבוירן אין קראָקע, גאַליציע. סטודענטין פון קראָקעווער אוניווערזיטעט. געענדיקט די קראָקעווער פּוילישע דראַמאַטישע שול.

1926 — געשפּילט אין „קראָקעווער יידיש דראַמאַטיש טעאַטער" א'א פון יאָנאַס טורקאָוו. 1927 — אין זעלבן טעאַטער א'א פון אברהם מאָרעווסקי.

צוליב איר נישט וועלן פאַרלאָזן קראָקע איבערגעריסן איר פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער.

ל. איז די פרוי פון רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער פּויליש-יידישער צייטונג „נאָווי דזשענניק".

ש. ע. פון יאָנאַס טורקאָוו.

לאַזאַראָוו, עליאַס

[אליעזר שאַפּיר]

געבוירן 10 דעצעמבער 1896 אין קיעוו, אוקראַאינע. פאָטער — דיריגענט אין דער אָרטיקער אָפּערע. געענדיקט מלוכה-גימנאַזיע. יידישע למודים געלערנט פּריוואַט און דערנאָך שטודירט די דראַמאַטישע קונסט אין דער שול פון מאָסקווער קונסט-טעאַטער.

1914-20 — געווען אין דער טרופּע פון קאָרש-טעאַטער.

1921 — עמיגרירט קיין כינע, וואו ער שפּילט אין 1922 יידיש טעאַטער (דעביוטירנדיק אַלס „שמואל יאָסל" אין גאָרדינס „די שחיטה"), דערנאָך אין די יאַפּאַנישע שטעט טאָקיאָ און יאָקאָהאַמאַ.

1925 - געקומען אין אַמעריקע און אַרומגעפאָרן מיט אַ קליינער אייגענער טרופּע אַרום ברעג פון פּאַסיפיק און ביי געוויסע געלעגנהייטן אויך אויפגעטראָטן אין מזרח און מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

יש ע.

לאַזאַראָוו, פייגע

[קריניצאַיאַ]

געבוירן אין ברוסילעוו, אוקראַאינע.

1901 — געקומען אין אַמעריקע אַלס קינד. איר בינע-טעטיקייט אָנגעהויבן אַלס כאָריסטקע אין נואַרקער מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער, דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע, וואו זי ווערט אין 1917 פּרימאַדאָנע אין לאָס אַנדזשעלעסער יידישן טעאַטער. דאָ האָט ל. די געלעגנהייט צו שפּילן

מיט דוד לעווענסאָן און יעקב פרענק׳ און דערנאָך שפּילט זי אין דער טרופּע פון איר מאַן עליאַס לאַזאַראָוו.

ש. ע. פון עליאַס לאַזאַראָוו.

לאַטאָוויטש, בערטאַ

[ביילע גורעוויטש]

געבוירן 1890 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. שוועסטער פון דער אַקטריסע מרים גורעוויטש. געענדיקט אַ פאָלקס-שול. אין 1907 אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסטקע צו לייזער בערנשטיין אין לובלין, 1909 - געשפּילט ראָלן ביי לאַנצמאַן אין קאַליש דערנאָך ביי סאַבסיי אין ווילנע און אין 1911 ביי סעם אַדלער, וואו זי שפּילט 3 יאָר.

1914 — פּרימאַדאָנע ביי ראַטשיינען, דערנאָך ביי קרויזע אין אָדעס, שפּעטער אין טערקיי און רומעניע און ווידער אין רוסלאַנד, שפּילנדיק סוברעטינס ביי פישזאָנען און אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס.

אין 1921, צוזאַמען מיט איר מאַן, יצחק לאַטאָוויטש, געקומען אין פּוילן, וואו זי שפּילט זינט דאַמאָלט אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ש. ע.

לאַטאָוויטש, יצחק



געבוירן 1889 אין פּיאַסעטשנאַ, ביי וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ שוחט. באַקומען היימישע בילדונג. געלערנט אין וואַרשע אין אַן אַרבעטס-שול, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט שטוקאַטורן פאַרן יידישן טעאַטער (זשאַרדען ד׳היווער) און אויף אַזאַ אופן געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער טרופּע.

דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן חשק צו דער בינע, פאַרבינדט זיך ל. מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער" און שפּילט מיט זיי (1906) אין באַגאַטעלאַ-טעאַטער „חיים-יואל" אין ריכטערס „הערצעלע מיוחס". צוליב משפּחה-סיבות אַנטלויפט ל. קיין בעסאַראַביע און טרעט דאָרט אַריין אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין גוזיקס טרופּע, וואו ער שפּילט 4 יאָר. דערנאָך שפּילט ער 3 יאָר ביי יוליוס אַדלער און ווערט שפּעטער, צוזאַמען מיט ווינאַקור, דירעקטאָר פון אַ וואַנדער-טרופּע איבער רוסלאַנד. 1921 — צוריקגעקומען אין פּוילן און זינט דאַמאָלט געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס.

ל.׳ס טאָכטער, ענני ליטאַן, פון זיין ערשטער פרוי נאַטאַליאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

לאַטיינער, איזעלאַ

[גיטעלע פינקעלשטיין]

[געב. 1860 — געשט. 30 דעצ. 1909]

געבוירן 1860 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ מעקלער. געלערנט אין רומענישע תלמוד-תורות און דורך פּריוואַטע למודים זיך דערוואָרבן די ידיעה פון אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

יונג חתונה געהאַט מיטן פּיעסעס-שרייבער יאָזעף לאַטיינער און צוזאַמען מיט אים געקומען אין 1884 אין אַמעריקע.

דעם 26 יאַנואַר 1894 איז דורך באָריס טאָמאַשעווסקין אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ-טעאַטער ל.׳ס און איר מאַנס דראַמאַטיזירונג פון „די הוגענאָטן, אָדער, די בלוטיקע האָכצייט".

אין 1896 איז — לויט ב גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס איבערזעצונג פון שילערס „ווילהעלם טעל".

דעם 30 דעצעמבער 1909 איז ל. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

מ. ע. פון איר מאַן יאָזעף לאַטיינער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 268.

לאַטיינער, יאָזעף

געבוירן 25 דעצעמבער 1853 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ שניידער, איינגעוואַנדערט פון רוסלאַנד. מוטער — געבוירן אין רומעניע. לויט יצחק ליבערעסקאָ האָט ל., כדי אויסצומיידן מיליטער-דינסט, געקויפט ביי אַן עסטרייכישן בירגער אַ פּאַס אויפן פאַמיליע-נאָמען „לאַטיינער". לויט שלום פּערלמוטער האָט ל., צוליב דעם זעלבן צוועק, זיך געלאָזט אַדאָפּטירן פון אַ געוויסער „מלכה די רופאטע" [לאַטיינער] אין יאַסי, וועמענס זון איז געגאַנגען, פאַר אַ מאַטעריעלער באַלוינונג, דינען אין מיליטער אַנשטאַט אים.

ל. האָט אין דער יוגנט זיך אויסגעצייכנט אַלס מתמיד אין ישיבה פון ר׳ יחיאל מיכל ר׳מ אין יאַסי. ער האָט אָבער גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט השכלה; געלערנט תנ״ך מיט מענדעלסאָנס ביאור, געלייענט השכלה-ספרים און דער שריפטשטעלער און געלערנטער מתתיהו-שמחה ראַבינער האָט מקרב געווען דעם יונגן משכיל, וועלכער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט אַ שם פאַר אַן „אפיקורס". ביי ראַבינערן אין שטוב האָט ל. זיך געלערנט העברעאיש דייטש און פראַנצויזיש.

ווי ל. גיט איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע [געשריבן צו אונז] איז ער, אין עלטער פון 23 יאָר, „אַרויס פון דער ישיבה, אָנגעשטאָפּט מיט ש״ס ופוסקים, אָבער אויך אַ באַלעזענער אין פאַרשיידענע ספרי השכלה, וועלכע איך האָב נאָך אין דער ישיבה געלעזן פלייסיק אין געהיים".

1876 — בעת אברהם גאָלדפאַדען איז געקומען אין יאַסי און פאַרבראַכט ביי יצחק ליבערעסקאָ, איז צווישן די פאַרזאַמלטע משכילים אויך געווען לאַטיינער און ווי ער גיט אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט גאָלדפאַדען דורך זיין איניציאַטיוו אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער בינע: „אין אַ געשפּרעך מיט גאָלדפאַדענען פרעג

איך אים אַמאָל פאַרוואָס לאָזט איר די לצים [די פאָלקס־זינגער גראַדנער, שכר גאָלדשטיין און פינקעל] ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער? ווען זיי זינגען אייערע לידער, פאַרוואָס זאָלן זיי אויך נישט האָבן אייער פּראָזע? און דער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ און נאָך אַ קורצער צייט האָט ער פון זיין ליד „די באָבע מיט דעם אייניקל" געמאַכט אַ טעאַטער־שטיק". [גאָלדפאַדען אַליין דערמאָנט נישט וועגן דעם אין זיינע זכרונות]. און ווייטער שרייבט ל.: „פאַר מיר איז „די באָבע מיטן אייניקל" געווען דאָס ערשטע טעאַטער־שטיק, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען, ווייל אין רומענישן טעאַטער האָב איך נישט געוואַגט מיך צו ווייזן מיט מיינע לאַנגע פאות און לאַנגן קאַפּטן. און דאָך איז מיר די טעאַטער־טעכניק נישט געווען פרעמד, ווייל איך האָב געלעזן פילע דייטשע און אויך פראַנצעזישע ווערקע. און עס האָט מיך נישט געלאָזט רוען איך זאָל אויך מיין פעאיקייט שטעלן אויף דער פּרובע. דער צופאַל איז מיר געקומען צו הילף. אין שטאָט האָט דאַמאָלט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה וועגן טאַקסע און אַנדערע קהלשע זאַכן. צוויי פאַרטייען זיינען געווען די מלחמה־פירער: די פרומע יידן מיט די דייטשע יהודים. גערופן האָט מען די צוויי פאַרטייען „קנאָפּל און פאַנטאָפל". דאַרף זיך טרעפן אַז אַ יונגערמאַן פון די „קנאָפּל" זאָל זיך פאַרליבן אין אַ מיידל פון די „פאַנטאָפל". ביידערליי פאַמיליען זיינען געווען פאַרמעגלעכע און גרויסע דעה־זאָגער און זיינען זיך געווען שונאים אויף דעם לעבן, און זייערע קינדערלעך נעבעך זיינען איינע אין ס'אַנדערע געווען שטערבלעך פאַרליבט. אַ פּאַסירונג ווי אין „ראָמעאָ און דזשולעט". צום גליק האָט זיך דער ראָמאַן נישט געענדיקט אַזוי טרויעריק ווי ביי שעקספּיר. און אַט פון דער פּאַסירונג האָב איך, מיט דער הילף פון אַ דייטשן סקעטש מיט דעם נאָמען „נאַטאַן שלומיאל", אויסגעאַרבעט אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן, באַטיטלט „קנאָפּל און פאַנטאָפל, אָדער, די 2 שמואל־שמעלקעס" [יוסף לאַטיינערס אויטאָביאָגראַפיע].

יצחק ליבּרעסקאָ אין זיינע זכרונות גיט איבער וועגן דעם: „צווישן די משכילים, וואָס פלעגן צו מיר אַריינקומען, זיינען געווען צוויי פּערזאָן, יוסף כתבן און יצחק גאָלדענטאַל, וואָס זיינען דאַמאָלט נאָך געווען סטודענטן און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערן אַ גוטן פריינט לאַטיינער... זיין מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקענט שרייבן און לייענען דייטש. ער פלעגט יעדעס מאָל מיט זיך מיטברענגען דייטשישע ווערק און זיי פאָרלייענען. איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ דייטשיש ביכל „נאַטהאַן שלומיאל", און ווען ער האָט עס פאָרגעלייענט, זיינען מיר שיער צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער. פון יעדער שורה האָבן מיר געמוזט קייכן, אַזוי פיל הומאָר און קאָמישעס איז דאָרט געווען. עס איז אונז אַזוי געפעלן, אַז מיר האָבן געבעטן לאַטיינערן, אַז ער זאָל עס נאָך אַמאָל פאַר אונז פאָרלייענען. מיין פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן טעאַטער־מבין, האָט זיך דאַן אָנגערופן צו לאַטיינערן: „לאַטיינער, עס וואָלט גלייך געווען צו מאַכן דערפון אַ יידישע פּיעסע". לאַטיינערן איז דער פּלאַן געפעלן און טאַקע ביי מיר אין שטוב האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און געמאַכט דערפון „די צוויי שמואל־שמעלקעס". עס איז גוט אַרויס און די טרופּע האָט עס גענומען שפּילן און עס איז געווען אַ גוטער דערפאָלג. אַזוי ווי דורך דער פּיעסע איז ער געוואָרן מחותן מיט די אַקטיאָרן, און אַ יודע ספר איז ער געווען, איז ער געוואָרן דער סופלער פון דער טרופּע און אויך זייער פאַרפאַסער".

ל.'ס ערשטע קאָמעדיע איז אויפגעפירט געוואָרן נאָך אין 1876 אין יאַסי. ל. שרייבט: „די צוויי סטאַרס, פינקעל און גראַדנער, האָבן מיך איבערראַשט מיט אַ האָנאָראַר פון 12 פראַנק, אָבער נישט קיין זילבערנע פראַנק, נאָר 12 בילעטן – אַ פראַנק אַ שטיק. דאָס איז געווען אַ פּאָר שטונדן פאַר דעם אָנפאַנג [פון דער פאָרשטעלונג]. וואָס צו טאָן מיט די בילעטן, האָב איך נישט געוואוסט, האָט זיך דער קאַסירער אויף מיר מרחם געווען און זיי אָפּגעקויפט ביי מיר פאַר 8 פראַנק אויף שפּעקולאַציע. דאָס איז געווען מיין ערשטער האָנאָראַר פאַר מיין ערשטער פּיעסע".

דער זעלבער סוזשעט פון דער קאָמעדיע איז אויך אויסגענוצט געוואָרן פון גאָלדפאַדענען פאַר זיין קאָמעדיע „די צוויי קוני לעמעלס", און ל. באַשולדיקט גאָלדפאַדענען, אַז ער האָט זיין פּיעסע אַביסל באַאַרבעט, זי צענזורירט אויף זיין [ג'ס] נאָמען און דערמיט צוגענומען ביי אים די מעגלעכקייט, ער זאָל זי קאָנען אויפפירן אין רוסלאַנד אין זיין וואַריאַנט. אַזוי ווי רוסלאַנד איז באַלד געוואָרן דער וויכטיקסטער פּונקט פאַרן יידישן טעאַטער, האָבן די אַקטיאָרן זיך איינגעשפּילט אין גאָלדפאַדענס טעקסט און ל.'ס טעקסט איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן.

אין דער צייט, וואָס ל. איז געווען סופלער אין דער יאַסער טרופּע, האָט ער אויך איבערזעצט אַ פּיעסע פון רומענישן „לומפּאַציוס וואַגאַבונדוס", וועלכע גראַדנער פלעגט זייער אָפט שפּילן, אָנגעבנדיק זיך אַלס מחבר פון דער פּיעסע.

צוליב דעם אויסבראָך פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה [1877] איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין רומעניע ביי אַ געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג באַדייטנד פאַרבעסערט געוואָרן. עס האָבן זיך באַלד געגרינדעט צוויי טרופּעס, און אין איין טרופּע האָט מאָגולעסקאָ אויפגעפירט ל.'ס צווייטע פּיעסע „יענטע פּיפּערנאָטער", אַ קאָמעדיע, אין וועלכער מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט די טיטלראָל און זיך דערמיט דערוואָרבן גרויסע אָנהענגערשאַפט ביים טעאַטער־עולם.

ל.'ס דריטע פּיעסע איז געווען די קאָמעדיע „דער דבוק", וועלכע איז שפּעטער יאָרן־לאַנג געשפּילט געוואָרן.

די פערטע פּיעסע פון ל. איז געווען אַן אָפּערעטע „די ליבע פון ירושלים", סוזשעט גענומען פון ווערבעלס „עדים נאמנים אָדער, חולדא ובור", מיט מוזיק פון גבריאל פּינקעלשטיין. דער זעלבער סוזשעט איז אויך באַאַרבעט געוואָרן פון אברהם גאָלדפאַדען פאַר זיין אָפּערעטע „שולמית, אָדער, די טאָכטער פון ציון".

כדי פּטור צו ווערן פון אַ קאָנקורענט, האָט גאָלדפאַדען צוגענומען ל.'ן צו זיך אין טרופּע: „אַזוי ווי די הויפּטראָל – שרייבט ליבּרעסקאָ – האָט דאַמאָלט געשפּילט אין דער טרופּע דער מחבר, איז געווען קלאָר, אַז אויב מען וועט ביי דער טרופּע צונעמען איר מחבר, וועט זי זיך לאַנג נישט האַלטן, און גאָלדפאַדען האָט זיך טאַקע געווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל זען לאַטיינערן איבערצונעמען צו אונז. איך בין אַוועק צו לאַטיינערן און כ'האָב מיט אים איינגעטענהט, אַז ער וועט זיין ביי אונז סופלער און באַקומען אַ גוט געהאַלט. לאַטיינער האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז באמת אַ גוטער שידוך, וואָרום מסתמא וועט גאָלדפאַדען שפּילן זיינע פּיעסעס אויך, האָט ער מיך געפאָלגט. ער האָט אַרויסגענומען אַלע זיינע פּיעסעס און אויפן קעסטל, אין וועלכן זיי זיינען געווײנלעך געלעגן, האָט ער אַרויפגעשטעלט אַ ליכט. קיינעם פון דער טרופּע איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער האָט די פּיעסעס אַרויסגענומען, אָבער אין דער אמתן האָט דאָס ליכט באַדייט, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר דער טרופּע, און ער שטעלט דעריבער אַ

ליכט ווי ביי אַ מת. לאַטיינער צוזאַמען מיט מיר זיינען דאַן אַוועקגעפאָרן קיין זשורזשאַוואַ ביי דער בולגאַרישער גרענעץ און עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי גאָלדפאַדען האָט גערעכנט: די טרופּע איז זיך צעפאַלן און זיי זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן. ערשט דאַמאָלט בין איך מיט לאַטיינערן צוריקגעקומען. לאַטיינער איז אָבער באַלד געוואָרן אומצופרידן. ער האָט געמיינט, אַז גאָלדפאַדען וועט שפּילן זיינע פּיעסעס, אָבער גאָלדפאַדען האָט נישט געוואָלט שפּילן לאַטיינערס קיין פּיעסע, איז לאַטיינער אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַנגער נאָז און ווען איך בין גראָד צו דער צייט אַרויס פון גאָלדפאַדענס טרופּע, איז ער אויך אַרויס און צוריק אַריין אין זיין טרופּע, וואָס האָט זיך באַלד ווידער צונויפגעשטעלט".

איצט האָט שוין ל. געהאַט נאָך אַ גרעסערן אינטערעס צו קומען אין אָדעס און דאָרט קאָנקורירן מיט גאָלדפאַדענען און אַזוי איז ער טאַקע (1880) געקומען מיט אַ טרופּע (מאָגולעסקאָ — דירעקטאָר, אבא און חיה-שרה שיינגאָלד, משה און אסתּר זילבערמאַן, וואָלף עדעלמאַן, משה טייך, ראָזאַ אַקסעלראַד, פּאַולינאַ עדעלשטיין און סאַבינאַ לאַקסער) און געשפּילט אין מאַרינסקי טעאַטער, וואו עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס פּיעסעס. שפּעטער איז די טרופּע אַריבער אונטער דער דירעקציע פון לערנער, וועלכער האָט אויך געשריבן פּיעסעס פאַר דער טרופּע.

אין אָדעס האָט ל. אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „דער מאַמעס טעכטערל", אָבער באַלד ווי מען האָט זי אָנגעהויבן שפּילן (1881) איז, צוליב דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דער צווייטער, פאַרווערט געוואָרן צו שפּילן יידיש טעאַטער. די גזרה און שפּעטער דער פּאָגראָם אויף יידן האָט באַדייטנד אָפּגעשוואַכט די פרעקווענץ פון די באַזוכער און די טרופּע איז מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן צוריקגעפאָרן קיין רומעניע, וואו זי האָט אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך ביז איינצלנע מיטגלידער פון דער טרופּע, צווישן זיי אויך ל., האָבן (1883) אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן. אָבער נישט קאָנענדיק דערציען קיין פּרנסה פון יידישן טעאַטער, וואַנדערט אויס ל. (1884) מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן (משה און אסתּר זילבערמאַן, מאָריס און סאָניע היינע-חיימאָוויטש, באַראָדקין און פּרוי, וואַכטעל, פרידמאַן און קוראַזש) קיין אַמעריקע, וואו זיי הייבן אָן שפּילן דעם 23 מאַי 1884 אין טורן-האַל אין ניו-יאָרק (113 בויערי) און פון סוכּות 1884 גייט איבער די טרופּע אין געוועזענעם פּאָלקס גאַרדען-האַל, וועלכן זי ענדערט אויף „אָריענטאַל טעאַטער" (צוליב דער שכנותדיקער אָריענטאַל באַנק).

ב. גאָרין דערציילט וועגן דעם דאַמאָלטיקן מצב פון יידישן טעאָטער: „די נייע קאָמפּאַניע איז שוין געקומען אַהער אַ פאַרטיקע, אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט פון דער אַלטער היים און האָט אַפילו מיטגעבראַכט אַ סופלער. לאַטיינער האָט דאַמאָלט סופלירט און שפּעטער איז ער געוואָרן דער אויטאָר ביי דער קאָמפּאַניע. שטיקער האָט מען אויך געשפּילט אַלטע פון דער היים און אַפילו דאָס פּובליקום קאָן מען זאָגן, איז אויך געווען פון דער אַלטער היים. די דייטשע יהודים, וואָס זיינען דאָ שוין געווען תּושבים, האָבן אין יידישן טעאַטער נישט פאַרשמעקט [אַריינגעשמעקט]. אַנדערע יידן, וואָס זיינען געקומען פאַר די פּאָגראָמען, האָבן זיך דאַמאָלט גיכער אַמעריקאַניזירט און זיי זיינען אין יידישן טעאַטער נישט געגאַנגען. די טעאַטער-באַזוכער זיינען געווען גרינע, גראָד ווי די אַקטיאָרן, און מען האָט זיי נישט געקאָנט ווייזן אויף קיין זאַך [פון אַמעריקאַניש-יידישן לעבן], וואָס זאָל האָבן אין זיך עפּעס אַמעריקאַנישעס" — אָבער — „די ערשטע שטיקער זיינען נאָך אַלעמען געווען נישט פיל און יעדער טעאַטער-באַזוכער האָט זיי שוין געקענט באַלד נישט ערגער פון די אַקטיאָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאָדערונג אויף נייע שטיקער".

דאָ שרייבט אָן ל. זיין פּיעסע „אסתּר און המן", און באַלד „יוסף און זיינע ברידער", מוזיק פון מאַקס אַוראַמאָוויטש, — ביידע געשפּילט אין 1884.

די פּיעסע „יוסף און זיינע ברידער" איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און דאָרט אויפגעפירט געוואָרן מיט מוזיק פון פּרץ סאַנדלער. זי איז אויך, אָן וויסן פון מחבר, מיט אַ נישטגענויעם טעקסט, געדרוקט געוואָרן אין פּשעמישל, גאַליציע [יוסף אין עגיפּטן, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן און 8 בילדער פון יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פון סאַנדלער, פערלאַג פון אמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג פּשעמישל 1913].

„נישט ווילנדיק מוז מען אַ שמייכל טאָן — שרייבט ב. גאָרין — ווען מען דערהערט דעם טיטל פון די צוויי נייע שטיקער. אין יענער צייט איז די יידישע בינע אַלט געווען סך-הכּל פינף-זעקס יאָר. אין די קורצע פינף-זעקס יאָר האָט די יידישע בינע דורכגעמאַכט אַזויפיל ווי עס האָט אַנדערע בינע[ס]ן גענומען לאַנגע יאָרהונדערטע[ר] דורכצומאַכן. מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָט מען געשפּילט יידישע שטיקער, וואָס האָבן געטראָגן כּמעט די זעלביקע נעמען [מכירת-יוסף און פּורים-שפּילן] און נאָכדעם ווי די יידישע בינע האָט דורכגעמאַכט אין די פינף-זעקס יאָר נאָכן רוסיש-טערקישן קריג אַזאַ גאַלאָפּירנדע קאַריערע, [אין רוסלאַנד, וואו גאָלדפאַדען האָט שוין אויפגעפירט זיינע פּיעסעס „שולמית" און „בר כּוכבא", לערנער זיין איבערזעצונג פון „אוריאל אקאָסטאַ", שמ״ר — זיינע פּיעסעס און ליליענבלום — זיינע פּיעסעס], זיינען דאָ געשאַפן געוואָרן די צוויי „נייע" שטיקער „אסתּר און המן" און „יוסף מיט זיינע ברידער". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז מען האָט אָנגעהויבן דאָ נישט נאָר מיט די ערשטע שטיקער, נאָר מיט פאַר-די — ערשטע. איבריקנס, זיינען דידאָזיקע שטיקער געווען יידישע, נישט קיין איבערגעמאַכטע פון גוישע מיט יידישע נעמען און זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. אפילו דייטשע יאַהודים האָבן זיך פאַראינטערעסירט אין דידאָזיקע שטיקער און אַרום טעאַטער פלעגן שטיין קאַרעטען אַזוי ווי אַרום בראָדווייער טעאַטערס. נישט פריער און נישט שפּעטער האָט מען אַזאַ ערשיינונג געזען אַרום די יידישע טעאַטערס, ווען מען זאָל נישט רעכנען די קאַרעטען, וואָס אַ פּאָר דירעקטאָרן האָבן זיך איינגעשאַפט. אַרום דער צייט האָט יאָזעף לאַטיינער געשאַפן דאָס ערשטע ווערק, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן לאַנד, וואו די יידישע איינוואַנדערער און די יידישע בינע האָבן געזוכט אַ היים. די פּיעסע האָט געהייסן „די עמיגראַציע נאָך אַמעריקע" — מיט דעם שטיק איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פאַרזוך צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס און פון דאַמאָלט אָן גייט די יידישע בינע אין אַמעריקע מיט איר אייגענעם וועג".

בערך 1884-5 ווערן אויפגעפירט ל.'ס פּיעסעס „די געהיימניסע פון ניו-יאָרק", „דוד בן ישי" און „די עמיגראַציאָן נאָך אַמעריקע".

אין 1886 ברענגט מאָגולעסקאָ אַ נייע טרופּע פון אייראָפּע (דוד קעסלער, לעאָן בלאַנק, בינע און מענדל אַבראַמאָוויטש, זיגמונט מאָגולעסקאָ, ז. פיינמאַן, מ. פינקעל, ישראל און סאַבינע

ווייַנבלאַט, ל. שוואַרץ, סימאָוויטש, אַנעטאַ פּינקעל, פּאַולינאַ עדעלשטיין, גבריאל פּינקעלשטיין, פּרל. פּינקעלשטיין).

וועגן דער ענדערונג, וואָס טרעט דערמיט אַריין אין יידישן טעאַטער, שרייבט ב. גאָרין: „מיטן אָנקומען פון דער צווייטער טרופּע מיט אַ צווייטן דראַמען-שרייבער [„פּראָפעסאָר" הורוויטש, וועלכער איז געקומען אַביסל שפּעטער], האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ, און אַ פּאַרפאַסער, וואָס האָט זיך געוואָלט האַלטן ביי דער בינע, האָט געדאַרפט קאָנען שיטן שטיקער פון אַרבל. דער פּאַרפאַסער אין דעם נייע[ם]ן לאַנד האָט זיך געמוזט האַלטן ביים אַמעריקאַנער פּרינציפּ „האָרי אָפּ" (איַיל זיך צו), און אַז מען האָט נישט פאַרשטאַנען ווי עס צו טאָן, איז מען אַרונטער פון בענקל, און הגם אין דער צייט איז שוין די אַרבעט פון דעם יידישן דראַמען-שרייבער פאַרגרינגערט געוואָרן און ער האָט שוין נישט געדאַרפט אַליין שרייבן דאָס שטיק און אַליין שאַפן די מוזיק און אַליין פאַרפאַסן די לידלעך, און עס זיינען שוין געווען באַזונדערע מענטשן, וואָס האָבן באַזאָרגט די באַזונדערע טיילן פון דער אָפּערעטע, האָט זיך לאַטיינער פאַרלוירן אין די ערשטע פּאָר יאָר, וואָס אַ צווייטער טעאַטער האָט זיך געעפנט. ער האָט אַליין גאָרנישט געקאָנט שאַפן, און אפילו באָרגן אַ פרעמדן סוזשעט און געבן אים מער אָדער וויניקער אַ יידישן פּנים, איז פאַר אים געווען אַ שווערע אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט צייט. לאַטיינער האָט נישט געהאַט דעם טאַלאַנט צו שילדערן כאַראַקטערן און ער איז נישט געבענטשט געוואָרן מיטן אויג, וואָס קאָן אַריינקוקן אין אַ מענטשנס האַרצן. אים האָט אויך געפעלט פאַנטאַזיע, וואָס פאָדער[ט]ן זיך פאַר סצענסאַציאָנעלע שטיקער. ער איז געווען נישט-מער ווי אַ בעל-מלאכה פון דער בינע און ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען דאַרף מאַכן אַ שטיק, וואָס [עס] זיינען די נויטיקע עלעמענטן און ווי מען דאַרף זיי אַריינשטעלן און ווי אַזוי צו שטעלן צופרידן די אַקטיאָרן, וואָס שפּילן אין דעם שטיק. ווען ער האָט פאַר זיך אַ פרעמדע שטיק, קאָן ער אויסקלייבן די נויטיקע עלעמענטן און צוזאַמענשטעלן זי פאַר די באַזוכער פון זיין טעאַטער. אויבערפלעכלעך קאָן אויסוויַיזן, אַז ער, ווי אויך די אַנדערע אויטאָרן פון דעם חדר, האָבן זיך דערין נישט אונטערשיידט פון גאָלדפאַדען, ווייל יענער האָט אויך גענומען פרעמדע שטיקער און זיי איבערגעמאַכט פאַרן יידישן פּובליקום. נאָר עס איז גענוג עטוואָס אַ טיפערן בליק צו זען דעם גרויסן אונטערשייד. גאָלדפאַדען איז געווען געבענטשט מיט טאַלאַנט און דער שטעמפּל פון זיין טאַלאַנט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די שטיקער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט. און ווי גרויס דער אונטערשייד איז, קאָן מען זען דערפון, וואָס לאַטיינער האָט אָנגעשריבן „שמואל שמעלקעס" און גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן „ביידע קוני לעמעלס". לאַטיינער האָט אָנגעשריבן „די ליבע פון ירושלים" און גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן „שולמית", און הגם לאַטיינער האָט ביידע שטיקער אָנגעשריבן פאַר גאָלדפאַדען און האָט אַ צייט לאַנג אין אַמעריקע געהאַלטן דעם טעאַטער אין זיינע הענט און גאָלדפאַדען האָט דאָרטן קיין דריסת הרגל נישט געהאַט, שפּילט מען נאָך עד היום גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל" און גאָלדפאַדענס „שולמית", און לאַטיינערס „שמואל שמעלקעס" און „די ליבע פון ירושלים" זיינען געווען טויט באַלד ווי מען האָט זיי די ערשטע צייט אָפּגעשפּילט. אַ חוץ דעם, האָט זיך ביי גאָלדפאַדען דער טאַלאַנט אַנטוויקלט און וואָס ווייטער זיינען זיינע שטיקער אַרויסגעקומען בעסער, פיינער, איידעלער, בשעת לאַטיינער איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט, און זיינע שפּעטערדיקע שטיקער ווייזן נישט קיין פאַרבעסערונג. פאַרקערט, אין די ערשטע יאָרן, סיי אין רומעניען, סיי אין אַמעריקע, האָבן זיינע שטיקער געהאַט לכל הפּחות איינפאַכקייט און וואָס ווייטער ווערט אפילו דידאָזיקע איינפאַכקייט פאַרשוואונדן. ווען לאַטיינער האָט זיך געכאַפּט, אַז די אַרבעט צו פאַריידישן פּיעסעס איז נישט אַזאַ מאַרודנע, נאָר אויך זייער אַ שווערע, און דער טעאַטער קאָן נישט וואַרטן, האָט ער פּשוט גענומען פרעמדע שטיקער, האָט אויסגעשניטן פון זיי דאָס לייב און לעבן, כדי צו מאַכן אַ פּלאַץ פאַר לידלעך און האָפּקעס און פאַר אַ קאָמישן עלעמענט, איבערגעביטן די גוישע נעמען אויף יידישע און דערלאַנגט זיי דעם יידישן פּובליקום". און ווייטער: „די קאָנקורענץ צווישן די צוויי טעאַטערס איז אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז אַ טעאַטער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט די קרעפטן, וואָס ער איז באַזעסן, נאָר יעדער האָט געזוכט אויסצוכאַפּן די שטיקער פון דעם אַנדערן, און אַזוי ווי די שטיקער האָט מען נישט געקאָנט אויסכאַפּן, ווייל יעדער טעאַטער האָט געהאַט זיין פאַרפאַסער, האָט מען געזוכט אויסצוכאַפּן דעם אינהאַלט פון אַ שטיק. מיר זעען, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס די רומעניע אָפּערע הויז פירט אויף די אָפּערע[?] „שלמה המלך" פון מ. הורוויטש, פירט מען אויף [1887] אין אָריענטאַל-טעאַטער די אָפּער[עטע] „משפּט שלמה" פון י. לאַטיינער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין בלינדער צופאַל, נאָר אַ געוויסע טאַקטיק, ביי וועלכער די יידישע טעאַטערס האָבן זיך געהאַלטן אַ לאַנגע צייט".

אין סעפּטעמבער 1888 ווערט אויפגעפירט אין פּולס-טעאַטער ל.׳ס „די עמיגראַנטן אויס רוסלאַנד", דעם 19 סעפּטעמבער 1888 – אין אָריענטאַל-טעאַטער זיין „דער אַנטיסעמיט, אָדער, די יידן-לאַגע אין רומעניען" און דעם 22 אָקטאָבער 1888 ווערט אין אָריענטאַל-טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס „יהודה המכבי. אָדער, קעניג אנטיוכוס אין ירושלים, אָפּערע[טע] אין 5 אַקטן, מוזיק פון קוראַנטמאַן".

לויט ב. גאָרין איז אין 1888 אויך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „איזראַעלס קינדער, אָדער, אונטערן שוץ פון מאָזעס מאָנטעפיאָרע".

אַ טעאַטער-באַזוכער אין אַמעריקע שילדערט זיינע איינדרוקן וועגן ל.׳ס פּיעסעס אין אָדעסער זאַמלבוך „דער פאָלקס-פריינד", וואָס איז אין 1894 דערשינען א״ר פון נ. ראָזנבלום: „ווען ער [ל.] נעמט זיך היסטאָרישעס אַרבעטן, ווערט ביי אים אַ פאַרבייטעניש, אַ פאַרדרייעניש, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען! פּערזאָנען, וואָס האָבן קיין שייכות איינער צום צווייטן, ווערן ביי אים לייבלעכע שמעלקעס; העלדן, וואָס האָבן געלעבט פריער אָדער שפּעטער מיט איניקע הונדעדט יאָר פון דעם פּעריאָד, אין וועלכן זיין געשיכטע קומט פאָר, שטייען ביי אים אויף צו תחית-המתים און שפּילן הויפּטראָלן אויף זיין הבמה; אָדער גאַנץ פרעמדע ווערן ביי אים מחותנים, מאַמעס מיט קינדער, באָבעס מיט אייניקלעך ... אָט למשל אין זיין היסטאָרישער דראַמע „יהודה המכבי", האָט ער פאַרשלייערט די פּרוי פון די זיבן קינדער, וואָס זיינען נהרג געוואָרן אויף קדוש השם ביים חורבן בית-שני, פאַר יהודהס אַ מוטער, און מתתיהון האָט ער מזכּה געווען מיט נאָך צוויי בנים, און יהודהן מיט צוויי ברידערלעך (מתתיהו האָט בלויז געהאַט 5 זין). עס וואָלט אַ יושר געווען, אַז ה׳ לאַטיינער זאָל זיך וויניקסטן באַקענען מיט דער געשיכטע פון דעם פּעריאָד, פון וועלכן ער שרייבט זיין פּיעסע. דערפאַר אָבער, ווען ה׳ לאַטיינער שרייבט אַ פּיעסע פונם לעבן גענומען, איז זי נישט שלעכט".

זייער אַקטיוו איז אויך ל. אין די יאָרן 1889 און 1890. אַזוי איז אין יאַנואַר 1889 אויפגעפירט געוואָרן אין פּאָלס-טעאַטער זיין פּיעסע „די גרינהאָרנס“ [„מאָשקע“ – מאָריס פינקעל, „מישקע“ – פּאַולינאַ עדעלשטיין], וועלכע איז יאָרן לאַנג געבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און איז אויך שפּעטער געשפּילט געוואָרן זייער אָפט אין אייראָפּע א"נ „מישקע און מאָשקע“, אויך א"נ „די אייראָפּעער אין אַמעריקע“, און איז, אָן וויסן פון מחבר, אין נישט-קאָמפּלעטער פאָרם, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אייראָפּע [יוסף לאַטיינער. מישקע און מאָשקע, אָדער, אייראָפּעער אין אַמעריקע, אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטן, וואַרשע – תרע"א [1911], הויפּט פערקויף אין פערלאַג „קולטור“, וואַרשא].



דער מאַנוסקריפּט פון ל.׳ס אויטאָביאָגראַפיע — אין אונזער באַזיץ.

דעם 22 מאַי 1889 איז אין פּאָלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „דאָס 5-טע געבאָט, אָדער, כבוד אב“, וועלכע איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

דעם 9 אָקטאָבער 1889 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין „חוה, אָדער, די שלאַנג אַלס הויז-פריינט“.

דעם 1 יאַנואַר 1890 איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „חורבן ירושלים, היסטאָרישע אָפּערע[טע], מוזיק פון מינקאָווסקי“. די פּיעסע איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע מיט מוזיק פון לעאָ ליאָוו און יצחק שליאָסבערג, איז זייער לאַנג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָן וויסן פון מחבר [חורבן ירושלים, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען פון יוסף לאַטיינער, יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק №13, וואַרשא, תרס"ח]

דעם 20 יוני 1890 איז אין רומעניע אָפּערע הויז אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „שלמה עהרליך, אָדער, לא תגנוב“, דעם 29 סעפּטעמבער 1890 – „יהודית און אלאפערנוס, מוזיק פון מאַקס אַוראַמאָוויטש“, וועלכע איז שפּעטער זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, באַזונדערס אין גאַליציע און דעם 14 נאָוועמבער 1890 – „דער שטריק אויף דעם האַלז, אָדער, די בלינדע גערעכטיקייט, מוזיק פון מאַקס אַוראַמאָוויטש“.

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1890 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסעס „דניאל אין לייבענגרוב“, וואָס איז דערנאָך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און „די שניידערין“.

אין 1891 ווערט אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסע „גלות רוסלאַנד“. מאָריס ראָזענפעלד פּראָטעסטירט אין איניקע אַרטיקלען אין „דער פאָלקס אַדוואָקאַט“ קעגן ל.׳ן פאַר אַריינפירן אין דער פּיעסע זיין ליד „אַ פונק יידישקייט“ א"נ „דאָס פּינטעלע ייד“ און דערצו נאָך אין אַ באַאַרבעטער, צעקאַלעטשעטער פאָרם.

וועגן דער פּיעסע גופא און איר אויפפירונג דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אַ שפּאַסיקן טאָן: „די מעשה פון „גלות רוסלאַנד“ איז געווען זייער אַ וואַזשנע: אין רוסלאַנד וואוינט אַ ייד און האָט אַ זון אָסיפּ. אויף יידיש הייסט ער „יאָזעף“, נאָר אויף גוייש — אָסיפּ. אָט דער יאָזעף איז אַ ניהיליסט פּראָ-פּראָפּעסיע און אַלס ניהיליסט האָט יאָזעף ליב – אַ יידענע? נאָ, נעוועד [ניין, — חלילה וחס] דווקא אַ גויע. מיכאַילאָוואַ איז איר נאָמען. איז מאי קאַ משמע לן, וואָס זשע וויל ער, דער יאָזעף, דער ניהיליסט? ער וויל אַ דזשאָב [אַ שטיקל אַרבעט], וויל ער. שיקן דעם קיסר אויף יענער וועלט. אפילו זייער נאָבל פון זיין זייט. נאָר וואָס דען, די טאָוואַרישטשעס [חברים], די ניהיליסטן הייסט עס, דאַרפן דאָך אויך שפּילן אין איין אַקט, זיי זיינען דאָך עפּעס די גלאַוונע באָיעס [הויפּט-קנאַקערס], קלייבן זיי זיך אויס שלישי, דאָס הייסט, דעם דריטן אַקט, און זאָגן אַזוי: סעי, באָיטשלע [הער, בחור], ווילסט דערשטיקן ניקאָלאַיקען? אָ'רייט, קאָם אָן [גוט. פיין], נאָר טאָמער ביסטו גאָר אַ שפּיאָן? הע, טאָ וואַרט, מיר [וועלן] זיך פאַרשטעלן. קומט פאָר אַ קלאָמפּערשטיקער „קראָזשנאָי סוד“ [קרייז-געריכט] און מען פאַרמשפּט דעם יאָזעפן נעבעך צו דער תליה, אָבער יאָזעף גיט נישט אויס זיינע טאָוואַרישטשעס, ער איז געטריי זיין שטערבן, און ווען עס ליגט אים שוין דער שטריק אויפן האַלז און דאָס ווערטע פּובליקום האָט שוין די געוויסע פאָרציע „סנימפּאַטיע“ פאַרן העלד, זעט מען דאָך שוין, אַז יאָזעף איז אַ יאַט פון די יאַטן, אַן אמתער ניהיליסט, ערלויבט מען אים צו מאַכן דעם דזשאָב און זאַטשמעליען [טויטן] ניקאָלאַיקען, דאָס הייסט, אַלעקסאַנדערן. אָבער קיין לייכטער דזשאָב איז עס נישט און יאָזעף פאַלט אַריין אין טראָבל [צרות], ער מוז זיך שלאָגן מיט עפּעס אַ פּריסטאַוו און דער סוף איז, אַז אין פערטן אַקט ענדיקט זיך „גלות רוסלאַנד“, נאָר מיט וואָס עס ענדיקט זיך — ווייס איך נישט. קאַרפּ האָט געשפּילט דעם ליידנדן פּאַה-טהער, סאָפיע קאַרפּ, אין אָפּוועקסלונג מיט מאַדאַם ליפּצין, האָט געשפּילט די גויע מיכאַילאָוואַ, טאָמאַשעווסקי אַלס דער אומשטערבלעכער יאָזעף, פינקעל אַלס יאָזעפס פעטער (יאָזעף האָט געהאַט אַ פעטער), בינע אַבראַמזאָן [אַבראַמאָוויטש] אַלס יאָזעפס מומע (יאָזעף האָט געהאַט אַ מומע) און אבא שיינגאָלד אַלס דער געוויסער פּריסטאַוו. אַזוי ווי יאָזעף איז געווען אָרים אין משפחה, האָב איך נישט געהאַט קיין ראָלע אין דער פּיעסע. דערפאַר אָבער איז מיר די פּיעסע געווען זייער געפעלן, ווייל די איינגאַמעס זיי-

נען געווען גרויסע און אונזערע „מאַרקען" זיינען געשטיגן ביז דרייסיק סענט און העכער. ...די פיעסע „גלות רוסלאַנד" איז געלאָפן אַ שטיק צייט. מיר האָבן שוין פאַרדינט און אַזוי אַריינגעשפּילט טיף אין סעזאָן. דער נאָמען טאָמאַשעווסקי איז געוואָרן מער און מער פּאָפּולער אין ניו-יאָרק. יאָזעף לאַטיינער איז געווען זייער פּראָדוקטיוו, אַ שנעלער דראַמאַטורג, און אַז מען האָט נויטיק געהאַט אַ נייע פּיעסע, איז געווען גענוג אַ פּיפּס פון מענעדזשער — און לאַטיינער האָט באַלד געמאַכט אַ פּיעסעלע. דאָס נייע מייסטערווערקל האָט לאַטיינער געשריבן ספּעציעל פאַר מיין מאַן און פאַר מיר, צוויי שיינע ראָלן פאַר אונז ביידע. די פּיעסע האָט געהייסן „עזרא, אָדער, דער עוויגער יודע" [1891]. . . . אָט צוליב אָט דעם העלד „עזרא" איז געוואָרן אַ שטרייק ביי אונז אין טעאַטער. די אַקטיאָרן האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז טאָמאַשעווסקי זאָל קריגן איין גרויסע ראָלע נאָך דער צווייטער. „אַלע יאָזעפס", דאָס הייסט, אַלע העלדן וועט טאָמאַשעווסקי שפּילן? ניין — שטרייק!".

כדי אויסצומיידן אַ שטרייק האָט טאָמאַשעווסקי — ווי בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט — איבערגענומען צו שפּילן דעם אינטריגאַנט פאַן שווינייענסקי, און ביי דער סצענע „וואו פאַן שווינייענסקי דאַרף פאַרן קעניג פאַרדאַמען די יידן און מען דאַרף אים אויספייפן ווי המנען, קערט טאָמאַשעווסקי איבער די „פּראָזע" און האַלט אַ פייערדיקן מאָנאָלאָג, לויבנדיק די „אַרמע יודען" און דאָס פּובליקום שטורעמט דאָס טעאַטער, מען צאַפּלאָדירט אים אָן אַן אויפהער. ער „דעקט" צו אַלע שוישפּילער אויפן סצענע, כאָטש ער שפּילט דעם אינטריגאַנט ...וואָס טוט נישט אַן אַקטיאָר צוליב אַן אַפּלויז?".

די פּיעסע איז אויך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און איז אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק [עזרא, דער עוויגער יודע, אָפּערעטע אין 4 אַקטען אונד 10 בילדער פאָן יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פאָן מאַקס אַבראַמאָוויטש, פּשעמישל, תרס"ח, אייגענטהום אונד פערלאַג פאָן אַמקרויט עט פריינט, בוכהאַנדלונג, פּשעמישל].

טאָמאַשעווסקי האַלט שוין איצט שטאַרק פון ל.'ס פּיעסעס און פירט אויף אין 1891 ל'ס „אשת חיל, אָדער, די איינגעשפּאַרטע פּרינצעסין פון יהודה". וועגן דער פּיעסע און דער אויפירונג דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע געשיכטע, אָט די „אשת חיל". עס איז ווערט אַ מאַסיגע טיקעט [אַ בילעט צו אַ נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונג] דאָס איבערצודערציילן. אַ קעניג האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער, און וויבאַלד דער קעניג איז אַ קעניג איז די טאָכטער אַ פּרינצעסין און אַ פּרינצעסין איז כסדר אַן איינגעשפּאַרטע. וויל דער קעניג אַז די פּרינצעסין, זאָל „הייראַטן" מיט אַ פּרינץ, און זי, די פּרינצעסין הייסט עס, וויל נישט. אָט וועט זי גיין תשובה האָבן, ווען זי איז אַן „איינגעשפּאַרטע פּרינצעסין". טאַקע צו וועלכע צרות דאַרף זי אַ פּראָסטן פּרינץ. וויל זי נישט „הייראַטן" און „לויפט פאָרט אין די געבירגע", צווישן די בערג הייסט עס. דאָרט, אין די געבירגע, איז שוין דאָ דער נויטיקער „יאָזעף", וואָס איז זייער אַ רייכער אָרעמאַן, און אונזער פּרינצעסין פאַרליבט זיך אין אים אויף צוגאַמת'ן... נעמט יאָזעף אַ פּאָר ווערבלודן [קעמלען], כאַפּט זיך מיט זיין פּרינצעסין אַרויף אויף אָט די האָרבאַטע ווערבלודן און זיי רייטן אַוועק פון די געבירגע. ענדלעך זיינען זיי געקומען אַ היים צו יאָזעפן מיט זיין אַלטער מאַמע, אין אַן איינגעדאַרט שטיבעלע און עס ווייזט זיך אַרויס — וואָס ווייזט זיך אַרויס? אָט וואָס: די אַלטיטשקע מאַמע יאָזעפס איז גאָר אַ קעניגין און יאָזעף אַליין איז גאָר אַ פּרינץ. נאָר דאָס האָבן זיי ספּעשעל, עקסטראַ זיך פאַרשטעלט פאַר אָרעמע, כדי צו געווינען די ליבע פון דער „אשת חיל, אָדער, די איינגעשפּאַרטע פּרינצעסין". מער איינצעלהייטן פון „אשת חיל" געדענק איך נישט. איך געדענק אָבער, אַז איך האָב געשפּילט די אַלטיטשקע און מיין מאַן האָט געשפּילט אַלס מיין זון, דעם אייביקן יאָזעף, דעם פּרינץ, און ער האָט געקריגן אַ סך פּאַטריאָטן".

די פּיעסע איז שפּעטער אויך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

טאָמאַשעווסקי האָט דורך דער צייט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד", אָבער צוליב מאַטעריעלע סיבות קערט ער זיך צוריק צו ל.'ס פּיעסעס. בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט וועגן דעם: „מיר קערן זיך אום פון גאָרדין צו לאַטיינער... מיר פירן אויף [1892] אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דינהלע, אָדער, אַ גאַסט פון יענער וועלט" פון יאָזעף לאַטיינער. ביי דער קאַסע איז באַלד געוואָרן מזל ברכה. כ'ווייס נישט צי „דינהלע" צי „דער גאַסט פון יענער וועלט" האָט געבראַכט דאָס פּובליקום אין טעאַטער. כ'ווייס נאָר, אַז מען איז געקומען — און די מאַרקן אונזערע זיינען געשטיגן. דער סוזשעט פון „דינהלע" איז געווען זייער אַ פאַרפּלאָנטערטער אָבער דער „העלד" איז געווען אַ „העלד" און די „העלדיכע" אויך דאָס נעמלעכע און עפּעס אַ „יאָזעף" איז אויך געווען אין דער משפּחה. מיין טאָכטערל, אסתר, האָט אויך מיטגעשפּילט אין דיזער פּיעסע. מיר אַליין איז אַפילו געווען פריקרע צו „קייען" די פּראָזע פון „דינהלע" נאָכדעם ווי איך האָב שוין פאַרזוכט אַזאַ פּראָזע ווי אין גאָרדינס „פּאָגראָם" און ספּעציעל מיין באַליבטע ראָלע „מאַניטשקע", וואָס כ'האָב געשפּילט אין „פּאָגראָם", אָבער אַן אַקטיאָר איז ווי אַ רייזענדער: מען מוז עסן אין פאַרשיידענע רעסטאָראַציעס. מיר זיינען שוין אַריבער אַ היבשע טייל פונם סיזאָן ביי אונז אין רומעניע אָפּערע הויז, די געשעפטן גייען נישט שלעכט און מיר שפּילן טעאַטער".

די פּיעסע אונטערן נאָמען „אַ גאַסט פון יענער וועלט" איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

ב גאָרי, שרייבט וועגן יענעם פּעריאָד: „גאָרדין איז דערווייל געווען נישט מער ווי אַ גאַסט אין טעאַטער און אַלץ וואָס אים איז געלונגען ביז יעצט צו דערווייזן, איז געווען, אַז מען זאָל אויף אים נישט קוקן ווי אויף אַ „יאָלד" און מען זאָל אים נעמען ערנסט. די גרענדע אין טעאַטער פירן די פריערדיקע פאַרפאַסערס און אין קאַסע שיט זיך גאָלד פון לאַטיינערס און הורוויטשעס שטיקער. לאַטיינער האָט אונטער דער צייט אָנגעשריבן „קרחס אוצרות", „אלכסנדר", „בת שבע" און „בלימעלע" און יעדע פון זיי איז געווען אַן אוצר פאַרן טעאַטער. . .האָט מען זיך צוגעקוקט צו דער שמחה אויף דער יידישער בינע, האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט זאָגן, אַז אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן, נישט אין די גאַנגבאַרע שטיקער און נישט אין דעם „קרעפּטיקן" שפּילן האָט מען עס געקאָנט מערקן. עס האָט פון אויבן אויסגעזען, אַז אַלץ איז ווי געווען און קיין ענדערונג איז נישט פאָרגעקומען.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָר געווען איבערפלעכלעך און אונטן איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע רעוואָלוציע די גאַנצע צייט״.

אין דער צייט האָט יעקב פּ. אַדלער געבראַכט אין זיין יוניאָן־טעאַטער נייע אַקטיאָרן פון אייראָפּע. די קאָנקורענץ ברענגט דערצו, אַז טאָמאַשעווסקי באַשליסט איבערצוגיין אין אַ שענער טעאַטער: ער טרעט אַריין אין טאַליאַ־טעאַטער און — לויט בעסי טאָמאַשעווסקי — „באַלד אָרדערט מען ביי לאַטיינערן אַ „באָמבע״, דאָס הייסט, אַזאַ מין פּיעסע, מיט וועלכער מיר זאָלן קאָנען איינגעמען אַלע פעסטונגען, ספּעציעל די שרעקלעכע פעסטונג, וואָס רופט זיך „באַקס אָפיס״ [קאַסע], ווייל פון באַקס אָפיס קומען די „טולערס״ . . . קורץ נאָכדעם [ווי מען האָט געשפּילט רעפּערטואַר] האָבן מיר [1892] אויפגעפירט די „באָמבע״, וואָס האָט איינגענומען די קאַסע מיט שטורם און האָט מיין מאַן באַרימט געמאַכט. דאָס איז געווען די פּיעסע „אַלעקסאַנדער, אָדער, קרוינפּרינץ פון ירושלים״ פון יאָזעף לאַטיינער. דיזע פּיעסע איז ביז היינטיקן טאָג [1916] געבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער און שטענדיק איז דאָ אַן עולם וואָס קומט עס זען.

„דער אינהאַלט איז „כמעט״ אַ פאַנטאַסטישער; אין „נעיבערהוד״ [סביבה] פון ירושלים, דאָרט ערגעץ אין יענע געגנטן, וואוינט אַ ייד, מנחם, וואָס האָדעוועט אַ האָדעוואַנקע, אַ מיידל מיטן נאָמען נעמי. גייט זיך איינמאָל דורך אין יענער געגנט עפּעס איינער אַ שיסער, וואָס שיסט, דאָס הייסט אַ יעגער, און די מיידל נעמי ווערט געשאָסן, נישט מיט אַ קויל פון זיין ביקס[?], נאָר פון זיין ליבע. אַלעקסאַנדער האָט געהייסן דיזער שיסער. און אַלעקסאַנדער מיט נעמין האָבן זיך שוין ליב. מנחם דער ייד האָט אַ דינסט, וואָס הייסט זילפּה (איך אַליין טאַקע) און אַ משרת, וואָס הייסט נפתלי. דאָסראָזיקע פּאָרל איז דער קאָמישער דעפּאַרטמענט [אָפּטייל]. קומט אָן צו לויפן עפּעס איינער אַן אַרחימאַץ פון די אַרחימאַצקעס און רופט אַוועק דעם פויגל־שיסער, דעם יעגער הייסט עס, צו טאָן זיין פליכט, צו פּרינצעווען אין ירושלים. דערוויסט מען זיך, אַז דער שיסער איז קיין אַנדערער ווי דער קרוינפּרינץ פון ירושלים און ער הייסט אַלעקסאַנדער, נישט יאָזעף. שווערט ער אייביקע ליבע צו נעמין, זי אים אויך דאָס נעמלעכע און שוין אין זעקס חדשים אַרום פאָרן אַלע אַוועק קיין ירושלים, לויט דעם אָפּמאַך פון פּרינץ מיט נעמין, אָבער דער פּרינץ האָט אַ פאַרדאַכט. אַז נעמי איז אים אומטריי געוואָרן און „ער שמייסט זי פאָרט״ [שטויסט זי אָפּ]. קריגט זי היסטעריקע, פאַלט חלשות און אַז זי חלשט אָפּ, ווערט זי שטום און ס׳איז אויף איר אַ גאָטס רחמנות. דאָ קומט צו לויפן די גוטע דינסט זילפּה דירעקט צום פּרינץ און זאָגט אים, אַז דאָס, וואָס ער דענקט, איז אַ בלאָף [ליגן], נעמי איז אים טאַקע געבליבן געטריי — און ער וויל שוין מוחל זיין נעמין, אָבער זי איז שוין שטום און ס׳איז פאַרפאַלן. ווערט אַלעקסאַנדער שטאַרק אין כעס און קערט מער פאַר [ס׳אינטערעסירט אים מער] גאָרנישט. ער גיט אָפּ זיין מוטער, דער קעניגן, זיין „קראָנע מיטן צעפּטער״ און האַלט אַ פייערדיקן מאָנאָלאָג. .. דער עולם וויינט און ס׳פאַלט דער קוירטן [פאָרהאַנג]. ברעכט פלוצלינג אויס ערגעץ אַ מלחמה און דער פּרינץ כאַפּט זיך אַרויף אויף זיין ווייסן פערד, כאָלנע [פולע] מוניציע, דאָס הייסט, גרייט צו גיין אין שלאַכט, און דאָס פּובליקום קוועלט אָן — פונם פערד. ערשט שפּעטער ווייזט זיך אַרויס, אַז נעמי איז גאָר אַן אמתע פּרינצעסין און זי ווערט אויך צוריק ריידעוודיק און אַלעקסאַנדער איז דאַן דער גליקלעכסטער פּרינץ. . . . דעם גרעסטן ערפאָלג אין דער פּיעסע האָט געהאַט מיין מאַן. די ראָלע „אַלעקסאַנדער״ האָט אים פאַרשאַפט פילע אָנהענגער. ער איז ערשינען אַלס פּרינץ, אַ סך שענער ווי אַ פּרינץ, איינפאַך דאָס [די] שיינקייט אַליין! זאָגאַר מענער האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון זיין שיינקייט אין דער ראָלע״.

אין זעלבן סעזאָן [1892] איז נאָך אויפגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין ל.׳ס „קורחס אוצרות, אָדער, מאמאָן דער געלדגאָט״, „אַ מין — לויט בעסי טאָמאַשעווסקי — יידישער „פאַוסט״ להבדיל, נאָך מיט אַ מוסר השכל, אַז געלט פירט אַראָפּ פון דרך הישר און אַזוי ווייטער״.

די פּיעסע איז שפּעטער זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע פון אייראָפּע און איז אויך דאָרט דערשינען אין דרוק אָן וויסן פון מחבר [מאמאָן דער געלד־גאָט, אָדער, קורח׳ס אוצרות, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פאָן פרידזעל, פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוכהאַנדלונג, קראָקע, פאָדגורזע, תרס״ד].

דער סעזאָן 1892־3 איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט ל.׳ס „בת שבע״, וועלכע איז אויך שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, טיילמאָל אונטערן אָריגינעלן נאָמען, טיילמאָל אונטערן נאָמען „דאָס ווינשפינגערל״ און איז דאָרט דערשינען, אָן וויסן פון מחבר [בת שבע, אָדער, דאָס ווינשפינגערל, אַ פאַנטאַסטישע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון יוסף לאַטיינער, פערלאַג פון אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פּשעמישל, 1911].

אין 1893 איז אויך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „קעניג און בויער״ [מוזיק פון מינקאָווסקי].

לויט פיליפּ קראַנץ איז די פּיעסע איבערגעניצעוועט געוואָרן פון דער דייטשער פאַנטאַסטישער פּיעסע „אָלאַף״ און מינקאָווסקיס מוזיק איז באמת צונויפגעשלעפט פון „קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ״. „לאַקמע״ א. א.

לויט בעסי טאָמאַשעווסקי איז די פּיעסע, צוליב דער שכנותדיקער קאָנקורענץ פון ווינדזאָר־טעאַטער, געווען אַ גרויסער דורכפאַל.

דעם 26 יאַנואַר 1894 פירט אויף באָריס טאָמאַשעווסקי אין טאַליאַ־טעאַטער ל.׳ס און פרוי לאַטיינערס באַאַרבעטונג פון „די הוגענאָטן, אָדער, די בלוטיקע האָכצייט״.

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1894 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „בן יעקב, אָדער, גלות שפּאַניען״ און „אשה רעה״.

די פּיעסע „אשה רעה״ איז אויך שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, וואו זי איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט. אין זיינער אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג אין וואַרשע, ווייזט אָן יעקב דינעזאָן, אַז די פּיעסע איז אַ פאַרקריפּלטע באַאַרבעטונג און „פאַריידישונג״ פון דער טראַגעדיע „בעליזאַר״ פון פאָן שענק.

די פּיעסע איז אָן וויסן פון מחבר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין גאַליציע [אשה רעה (די שלעכטע פרויא) אָפּערעטע אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער, פאָדגורזע, תרס״ד, פערלאַג פאָן בנימין מונק בוכהאַנדלונג אין לעמבערג].

דעם 18 אָקטאָבער 1894 איז אין ווינדזאָר־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „בליהמעלע די פּערלע פון וואַרשוי, אָדער, גראַף און יודע״.

די פּיעסע האָט זיך אַ לענגערע צייט געהאַלטן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע ווי אויך אין אייראָפּע, וואו זי

איז אויך געשפּילט געוואָרן א״נ „עלילת דם״ און איז, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין קראָקע [בליהמעלע, אָדער, די פּערלע פאָן וואַרשא (עלילת דם) אָפּערעטטע אין 5 אַקטען פאָן לאַטיינער, מוזיק פאָן אַבראַמאָוויטש, פאָדגורזע, תרס״ג, פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוכהאַנדלונג אין קראַקויא].

אין 1895 זיינען — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „צאַר איוואַן גראָזני״, „די שיינע אסתר, אָדער, דער בן־מלך״, „אפרים ומנשה, אָדער, די ליבע פון ציון״ און „די פאַרבלאָנדזשע־טע נשמה״.

די פּיעסע „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״ איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע א׳נ „שרה שיינדעל״ און איז דאָרט אויך דערשינען, אָן וויסן פון מחבר, אונטערן זעלבן נאָמען [שרה שיינדעל, לעבענס בילד מיט געזאַנג און טענץ פון יאָזעף לאַטיינער. הערויס געגעבען פון י. לידסקי, וואַרשא תרס״ב]. דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז, אַז כאָטש דער אַרויסגעבער האָט די פּיעסע פאַרעפנטלעכט אָן וויסן פון מחבר און אים נישט האָנאָ־רירט, האָט ער געפונען פאַר נויטיק אויפצודרוקן אויפן שער־בלאַט פון דער פּיעסע, אַז „נאָכדרוק, די פּיעסע, אינגאַנצן ווי אויך אין טהיילען, ווי די פראָזא און אַזוי אויך די לידער איז שטרענג פערבאָטען״.

וועגן דער פּיעסע שרייבט ב. גאָרין: „אין גרונד איז לאַטיינערס אַ שטיק, פון דער שפּעטערער צייט, דאָס רוב גאָר נישט קיין דראַ־מע. דאָס שטיק איז אַ ראָמאַן, נאָר אָנשטאָט קאַפּיטלעך, איז [עס] איינגעטיילט אין אַקטן אָדער בילדער. דער סוזשעט איז אַזוי פאַר־וויקלט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט ווי אין די גרויסע שונד־ראָמאַ־נען, מיט אַ צופאַרבונג פון עפּעס אַ געהיימניס. נעמט „די פאַר־בלאָנדזשעטע נשמה״, למשל, דאָרט ווערט דערציילט אַ מעשה מיט אַ רייכן יידן, וואָס קומט צו פאָרן פון אַמעריקע צו זיין ברודער דעם רב אין גאַליציען. דער רב האָט צוויי קינדער, אַ בחור מיט אַ מיידל, איז דער בחור פאַרליבט אין אַ היינט־מאָדישע מיידל, פון וועלכער דער רב וויל נישט הערן און זען. פונקט ווי אין די שונדישע ראָמאַנען קלעבט זיך צו דער מיידל איין צרה נאָך דער צווייטער און עס דערגרייכט שוין אַזוי, אַז אין דער גאַנצער שטאָט מיידט מען איר אויס. צום סוף לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די מיידל איז דעם רייכן אַמעריקאנער ברודערס אַ טאָכטער, וועלכע האָט געזאָלט דערטרונקען ווערן אין ים און איז דורך אַ נס נישט דער־טרונקען געוואָרן און נישט ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ לע־בעדיקע טאָכטער און נישט זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַ לעבע־דיקן טאַטען״.

דעם 13 יאַנואַר 1896 ווערט אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס „דער קאָמעדיאַנט, אָדער, אַ שאַנד פלעק אין דער משפחה, מוזיק פון פרידזעל״, און דעם 21 סעפּטעמבער 1898 אין ווינדזאָר־טעאַטער — „קידוש השם, אָדער, דער יידישער מיניסטער, אָפּע־רע[טע], מוזיק פון [יעקב־קאָפּל] סענדלער״.

אין 1896 איז אויך געשפּילט געוואָרן ל.׳ס און זיין פרויס „פרייע״ איבערזעצונג פון שילערס „ווילהעלם טעל״.

לויט ב. גאָרין איז אין 1896 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיע־סע „דער אוצר״.

דעם 11 אָקטאָבער 1897 ווערט אין ווינדזאָר־טעאַטער אויפ־געפירט ל.׳ס „דער שטערן פון פּראָג, אָדער, דער טרוים — אַ נבואה״.

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1897 אויך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „קיסר נירון, אָדער, דער שטאַמפּאַטער פון מאיר בעל הנס״ און „דודס פידעלע, אָדער, די צויבערקראַפט פון מוזיק״.

די פּיעסע, וועלכע איז — לויט באָריס טאָמאַשעווסקי — אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דער דייטשער פּיעסע „דער גייגער״ — איז אַ לאַנגע צייט געווען אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמע־ריקע און אויך אין אייראָפּע, וואו זי איז שפּעטער דערשינען, אָן וויסן פון מחבר [דוד׳ס פידעלע (דאַווידס גייגע), לעבענס־בילד אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער, פאָדגורזע, תרס״ד, פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוהאַנדלונג אין קראַקויא].

ווי באָריס טאָמאַשעווסקי גיט איבער, איז בעלאַסקאָס ענגלישע פּיעסע „מוזיק מאַסטער״, וועלכע ער האָט אויפגעפירט מיט דייוויד וואָרפיעלד אין דער טיטל־ראָל, אַנטנומען פון ל.׳ס „דודס פידעלע״.

דעם 1 יאַנואַר 1898 איז אין ווינדזאָר־טעאַטער אויפגעפירט גע־וואָרן צו באָריס טאָמאַשעווסקיס בענעפיס ל.׳ס באַאַרבעטונג פון אַלעקסאַנדער דיומאַס „קין, אָדער, ליבע אונד ליידנשאַפט״.

דעם 30 סעפּטעמבער 1898 ווערט אין ווינדזאָר־טעאַטער אויפ־געפירט ל.׳ס „די יידישע וועלט, מוזיק פון פרידזעל״.

לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן יאָר נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „הלל, אָדער די מלחמה מיטן יצר הרע״.

אין 1899 איז אין ווינדזאָר־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין ל.׳ס „יידעלע, אָדער, דער אמת און דער שקר״. די פּיעסע איז שפּעטער א׳נ „יידעלע דער בלינדער״ זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין אייראָפּע, וואו זי איז אויך דערשינען, אָן וויסן פון מחבר [יודאַלע דער בלינדער, אָדער, אמת ושקר, פאָלקסשטיק אין 4 אַקטען פון יוסף לאַטיינער, מוזיק פון וואַרעל [וואָהל], פערלאַג אַמקרויט עט פריינט, בוכהאַנד־לונג, פּשעמישל, 1908].

אין 1899 איז אויך דורך טאָמאַשעווסקין אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „פיר הונדערט יאָר, אָדער, דער פרינץ און דער חכם״.

לויט ב. גאָרין איז אין 1899 אויך געשפּילט געוואָרן ל.׳ס פּיע־סע „חכמת שלמה, אָדער רב תנחום און דער אשמדאי״.

אין 1900 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „יהודית די צווייטע״.

אין 1901 איז אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס איינאַקטער „דער מאַן אונטערן טיש״, וועלכער איז שפּעטער זייער אָפט געשפּילט גע־וואָרן אין אייראָפּע און איז אויך דאָרט דערשינען, אָן וויסן פון מחבר [דער מאַן אונטערן טיש, וואָדעוויל אין איין אַקט, פאַרפאַסט פון י. לאַטיינער. וואַרשא, תרס״ח].

דאָס איז דער זעלבער וואָדעוויל, וואָס די בראָדערזינגער פלעגן „פאָרשטעלן״ א׳נ „דער קראָקעווער״.

אין נאָוועמבער 1901 איז אויך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „גבריאל, אָדער, די ליבע פון אַ יידישער פרוי״. די פּיעסע, וועלכע איז — לויט ב. גאָרין — אַ באַאַרבעטונג פון דער דייטשער פּיעסע „וואָס איינע פרוי קאַן״, און איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין אַמע־ריקע א׳נ „גבריאל דער מאַלער״, האָט זיך דערוואָרבן אַ ספּעציע־לע פּאָפּולאַריטעט אין אייראָפּע, וואו זי איז געשפּילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע אויפן נאָמען פון אירע צוויי קאָמישע טיפּן „חינקע און פּינקע״. אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע איז די פּיעסע יאָרן־לאַנג געווען אַ שלאָגער און זי איז פון דער קריטיק געקרוינט געוואָרן אַלס די מוסטער פון שונד

אויף דער יידישער בינע דער סינאָנים פון „חינקע פינקע“ אַלשונד איז פונקט ווי „דאָס פינטעלע ייד“ אַריינגענומען געוואָרן אין דער יידישער טעאַטער־קריטיק און טעאַטער־ליטעראַטור. די פיעסע איז, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין פוילן [חינקע פינקע, אָדער, גבריאל דער מאַלער, יודישע טהעאַטער־ביבליאָטעק וואַרשא 1907].

מערץ 1902 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פיעסע „גאָלדעלע, פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, 12 בילדער“.

די לאַגע אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט זיך דערווייל שטאַרק געענדערט. הורוויטש און לאַטיינער און אויך זייערע נאָכגייער זיינען שוין נישט מער די אַליין־הערשער אויף דער בינע: סיי גאָרדין, סיי קאָברין אָדער ליבין און אַנדערע שרייבער האָבן זיך שוין אָפט באַוויזן אויף דער יידישער בינע מיט זייערע פיעסעס. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז „עטלעכע וואָס זיינען געוואָרן — לויט ב. גאָרין — געטראָפן פון דער נייער אָרדנונג אויף דער בינע, האָבן זיך געזוכט צו ראַטעווען דערמיט, וואָס זיי האָבן באַאיינפלוסט אַ געוויסן אויפגעקומענעם רוסישן יידן, מר. הערי פישעל, ער זאָל פאַר זיי בויען אַ טעאַטער אין סאַמע האַרצן פון יידישן קוואַרטאַל. צווישן זיי זיינען געווען: מאָריס פינקעל, סאָפיע קאַרפ, יאָזעף לאַטיינער, דער קאַפּעלמייסטער פרידזעל [? לואיס גאָטליב] און זיי האָבן אויך צוגעצויגן דעם קאָמיקער ב. בערנשטיין. דעם טעאַטער האָט מען אויסגעבויט אויף גרענד־סטריט און מען האָט דעריבער אים אַ נאָמען געגעבן גרענד־טעאַטער. דאָס איז געווען דער ערשטער טעאַטער. וואָס איז געבויט געוואָרן לכתחילה פאַר אַ יידישע[ר] טרופע און פאַר אַ יידישן פובליקום. ער איז געעפנט געוואָרן מיט גרויס פאַראַד [דעם 5 פעברואַר] אין דעם יאָר 1903. אין דעם טעאַטער האָט די קאָמפּאַניע געזוכט צו באַשיצן זיך קעגן דעם נייעם שטראָם, וואָס האָט שוין פאַרפלייצט די בינע. לאַטיינער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ היסטאָרישער אָפּערעטע „ציון, אָדער, על נהרות בבל“, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אונטערשיידט פון זיינע אַמאָליקע שטיקער. ווי עס ווייזט אויס האָט ער, ווי די מיטגלידער פון זיין קאָמפּאַניע, נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער עולם איז אויסגעוואַקסן פון דעם פורים־שפיל, און ער איז געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען די דירעקטאָרן, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן די שאַבלאָנע שו־קער פון די אַכציקער יאָרן. אין אַן אייגענעם טעאַטער און אַליין אַ דירעקטאָר, וועט ער ווייזן, אַז דער געשמאַק ביים עולם איז דער זעלביקער. אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די קאָמפּאַניע האָט איינגעזען, אַז קעגן שטראָם קאָן מען נישט גיין. דער פועל יוצא פון דער שלימזלדיקער אונטערנעמונג איז געווען, אַז די קאָמפּאַניע האָט נישט אויסגעהאַלטן“.

ל.׳ס פיעסע „ציון, אָדער, על נהרות בבל“ מיט מוזיק פון פרידזעל, איז שפּעטער אויך אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, וואו זי איז אויך, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין גאַליציע [על נהרות בבל, ביבלישעס מוזיק־דראַמאַ אין 4 אַקטען זאַמט עפּילאָג פאָן י. לאַטיינער פערלאַג פון אַמקרויט עט פריינד, פשעמישל 1909].

דעם 10 אַפּריל 1903 איז אין גרענד־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „דער ייד אין רומעניע (צייטבילד אין 4 אַקטן), מוזיק פון פרידזעל“, וועלכע האָט זיך אויך לאַנג נישט געהאַלטן אויף דער בינע. די פיעסע איז — לויט ש. פּערלמוטער — אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דר. מאַקס נאָרדויס דראַמע „דאָקטאָר קאָן“ און איז א׳נ „די משומדת“ זייער אָפט געשפילט געוואָרן אין אייראָפּע.

דעם 25 דעצעמבער 1903 ווערט אין זעלבן טעאַטער א״ר פון עליאַס ראָטשטיין אויפגעפירט ל.׳ס „די סדר נאַכט, אָדער, דער בלבול דם, מוזיק פון פרידזעל“.

די פיעסע איז שפּעטער זייער אָפט געשפילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און איז, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען אין דרוק [די סדר נאַכט, אַ לעבענס־בילד אין 4 אַקטען און 12 בילדער פון יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פון פריסעל [פרידזעל], פערלאַג פאָן אַמקרויט עט פריינד, פשעמישל 1908].

לויט ב. גאָרין איז אין 1904 אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס קאָמעדיע „דער שטן אין גן עדן, אָדער, די שוויגער צו גאַסט“. די פיעסע איז אויך שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע וואו זי איז געשפילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע און איז אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, דערשינען [דער שטן אין גן־עדן, פאָלקס־שטיק מיט געזאַנג און טאַנץ אין 4 אַקטען פון יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פון וואָהל, פערלאַג פון דוד ראָטה, בוכהאַנדלונג אין לעמבערג, תרס״ט].

אין 1904 איז אויך — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פיעסע „יהודית, אָדער, דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע“.

דעם 20 אַפּריל 1905 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי ל.׳ס „דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט, אָדער, דער גרינער זינגער, ניו־יאָרקער לעבנסבילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון פרידזעל“.

לויט יעקב מעסטעל איז די פיעסע, א׳נ „דער דעזערטיר“, געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אייראָפּע.

דעם 21 דעצעמבער 1905 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „פּאָטער־ליבע, אַ קאָמעדיע־דראַמע אין 4 אַקטן“.

לויט ב. גאָרין איז אין 1905 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פיעסע „דער אָרעמער מי יאַנער“ [ל. רופט די פיעסע „דער מיליאָנער אין דער בעטלער“].

דעם 10 אַפּריל 1906 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקין ל.׳ס „די גאָלדענע חתונה, אָדער, דער אַמעריקאַנער, קאָמעדיע־דראַמע אין 4 אַקטן“. די פיעסע איז שפּעטער אויך זייער אָפט געשפילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און געפינט זיך נאָך היינט אין רעפּערטואַר פון די פּראָווינץ־טעאַטערס.

דעם 3 אָקטאָבער 1906 איז דורך באָריס טאָמאַשעווסקין אויפגעפירט געוואָרן אין פיפלס־טעאַטער ל.׳ס „מאַן און ווייב, פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן מיט געזאַנג און טענץ, מוזיק פון מאָגולעסקאָ און פרידזעל“.

דעם 1 יאַנואַר 1907 איז אין פיפלס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין ל.׳ס „חתן כלה, אָדער, דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען, קופּלעטן פון מאָגולעסקאָ, מוזיק פון פרידזעל“.

דעם 20 סעפּטעמבער 1907 ווערט דורך טאָמאַשעווסקין אויפגעפירט אין פיפלס־טעאַטער ל.׳ס „מיין ווייבס פריינט, אָדער, פוקד עון אבות על בנים“. די פיעסע איז אויך טיילמאָל געשפילט געוואָרן א׳נ „שלמה חכם“.

די פיעסע איז בעת דער וועלט־מלחמה געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז זייער אָפט געשפילט געוואָרן א׳נ „שלמהקע און ריקל“ און איז אין 1926 דערשינען אין וואַרשע, אָן ל.׳ס

ווּיסן, מיט טאָמאַשעווסקין אַלס מחבר [שלמקע און ריקעל, קאָמישע אָפּערעטקע אין 4 אַקטן פון טאָמאַשעווסקי, פאַרלאַג ע. גיטלין, וואַרשע, 1926, 48 ז. 16°].

אין 1908 איז — לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „דניאל, אָדער, די טאָכטער פון ירושלים, ביבלישע אָפּער[עטע]“.

דעם 9 אָקטאָבער 1908 ווערט אין קעסלערס טאַליאַ-טעאַטער אויפגעפירט דורך קעסלערן ל.׳ס „דאָס יידישע האַרץ, מוזיק פון מאָגולעסקאָ און ברוידי“, וועלכע שאַפט אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „אויפן גורל פון קעסלערן איז אויסגעפאַלן צו פּייערן דער ערשטער דעם זיג פון שונד איבער דער בעסערע[ר] דראַמע. בשעת מען האָט אין פּיפּלס-טעאַטער געשפּילט גאָרדינס לעצטע דראַמע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“, האָט קעסלער אויפגעפירט אין טאַליאַ-טעאַטער „דאָס יידישע האַרץ“ פון י. לאַטיינער. און קעגן אַלע דערוואַרטונגען האָט דאָס לעצטע שטיק שטאַרק אויסגענומען. די דירעקטאָרן האָבן פּשוט זייערע אויגן נישט געגלייבט, נאָר וואָס אַ וואָך ווייטער האָט זיי די קאַסע אַלץ מער איבערצייגט אין דעם אומגעהערטן דערפאָלג. אין טעאַטער האָט מען עס צוגעשריבן די פאַרדינסטן פון די גרעסערע אַקטיאָרן. די פּרעסע האָט דעם דערפאָלג צוגעשריבן מאָגולעסקאָס פּיסל ...און קיינער האָט זיך בשעת מעשה נישט געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָס איז אַ רבנן קדיש נאָך דער בעסערער דראַמע“.

„דאָס יידישע האַרץ“ איז אויך באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין אייראָפּע איז אויך די פּיעסע, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן [פערלאַג „קונסט“ וואַרשע. דאָס יידישע האַרץ, אַ קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן און 7 בילדער, פון לאַטיינער, וואַרשע תרע׳א]

דעם 6 נאָוועמבער 1908 פירט אויף טאָמאַשעווסקי אין פּיפּלס-טעאַטער ל.׳ס „דער גנב, אָדער, דער יידישער בירגערמייסטער, אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן, - מוזיק פון פרידזעל“.

פון איצט אָן קומען כסדר הפסקות אין ל.׳ס דראַמאַטורגישער טעטיקייט. ערשט אין אָקטאָבער 1910 ווערט אויפגעפירט דורך קעסלערן ל.׳ס פּיעסע „יום החופּה“ וואָז איז שפּעטער אויך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, און ערשט דעם 25 סעפּטעמבער 1912 אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער — „איר ודוי“.

אין 1913 ווערן - לויט ב. גאָרין — אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסעס „אַ יאָר נאָך דער חתונה“ און „אַ מוטער האַרץ“. ביידע פּיעסעס זיינען שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און זיינען דאָרט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע.

דעם 26 יוני 1914 פירט אויף סעם שנייער אויף קעסלערס רוף-גאַרדן ל.׳ס פּיעסע „אַ מאַמע פון יענער וועלט“.

דעם 8 יאַנואַר 1915 ווערט אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס „דער פאַלשער שריט, מוזיק. דראַמע אין 4 אַקטן, מוזיק פון ברוידי און פרידזעל“.

דעם 3 מערץ 1916 איז אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳ר פון מאָריס מאָריסאָן אויפגעפירט געוואָרן ל. ס „אַ קרבן פון ליבע, לעבנסבילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון ברוידי און פרידזעל“.

אין מערץ 1916 איז אויך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „דער אומשולדיקער קרבן“. די פּיעסע איז נאָך דער וועלט-מלחמה געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און געשפּילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע. זי איז אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטער אַן אַנדערן נאָמען און אַנאָנים [אַ ווייב אָהן לשון, אָדער, דער אונשולדיגער קרבן, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען, פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1927].

דעם 20 סעפּטעמבער 1917 איז אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך קעסלערן ל.׳ס „דער אמתער פּרינץ, אַ קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן“.

דעם 11 אָקטאָבער 1918 איז אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין ל.׳ס „די מחותנים, אָדער, דאָס שפּיל פון לעבן, פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי“.

דעם 15 סעפּטעמבער 1921 איז אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס ראָזענטאַלן ל.׳ס „דעם צדיקס משפּחה, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן, מוזיק פון יאָזעף ברוידי“.

דעם 12 יאַנואַר 1923 איז אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס ראָזענטאַלן אין פּיפּלס-טעאַטער ל.׳ס „שלום בית, דראַמע אין 4 אַקטן, מוזיק פון יאָזעף ברוידי“.

דעם 19 פעברואַר 1925 איז אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן, מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטל-ראָל, ל.׳ס „דאָס ציגיינער-מיידל, סטיליזירט און אויפגעפירט פון יעקב קאַליך, מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי“.

דעם 30 דעצעמבער 1927 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך א. לעבעדיעוון די אָפּערעטע „אַ גן-עדן פאַר צווי, פון וויליאַם סיגעל און יאָזעף לאַטיינער, ליריקס פון דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק פון א. אָלשאַנעצקי“.

דעם 23 מערץ 1928 איז אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מיט מאַלי פּיקאָן אין דער הויפּטראָל „מזל ברכה, פאַנטאַסטישע אָפּערעטע פון יאָזעף לאַטיינער, רעזשי - יעקב קאַליך, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי, טענץ איינשטודירט — מעקס שעק“.

דעם 7 מערץ 1930 איז אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטל-ראָל „די קאָמעדיאַנטקע, אַ שטיק ביאָגראַפיע פון מאַלי פּיקאָנס לעבן, ליברעטאָ פון יאָזעף לאַטיינער, באַאַרבעט פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — מאַלי פּיקאָן און הערי לעווין, רעזשי — יעקב קאַליך, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי“.

צוליב דעם, וואָס ל.׳ס פּיעסעס זיינען געדרוקט געוואָרן אָן זיין קאָנטראָל זיינען זיי, ווי ער פאַרקלאָגט זיך, אַלע צעקריפּלט, געוויסע שטעלן פעלן אינגאַנצן אָדער זיינען איבערגעדרייט, אַנדערע שטעלן פון טעקסט געהערן גאָר צו פּיעסעס פון אַנדערע מחברים.

עס זיינען אויך דערשינען איניקע פּיעסעס אויף ל.׳ס נאָמען, וועלכע געהערן גאָר צו אַנדערע שרייבער: אַזוי איז די געדרוקטע פּיעסע „שלמה גאָרגעל, אָפּערעטטע אין 4 אַקטען, 9 בילדער, פון י. לאַטיינער, יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק №6, וואַרשע 1907“ — באמת די פּיעסע „הדסה“ פון מ. הורוויטש, און די געדרוקטע פּיעסע „דאָס יודישע קינד, אַ קאָמישע אָפּערעטע פון י. לאַטיינער, הויפּט-פערקויף אין פערלאַג „קולטור“, וואַרשע דזיקע 13 1911“ — איז באמת אָנגעשריבן געוואָרן פון שמ״ר-שייקעוויטש און איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע אין דער באַאַרבעטונג פון ראובן ווייסמאַן.

לויט יעקב מעסטעל זיינען אויך פיל טעאַטער-שטיקער פון אַנ-

דערע מחברים געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען פון יאָזעף לאַטיינער. מעסטעל דערקלערט עס אויף אַזאַ אופן: די נישט-לעגאַל אַריבערגעשמוגלטע יידישע פּיעסעס פון אַמעריקע זיינען, אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם, אָנגעקומען אין אייראָפּע אָן דעם נאָמען פון מחבר (וועלכן די איבערשרייבער האָבן אין איילעניש און צוליב אַנדערע פאַרשטענדלעכע סיבות – מיט כונה דורכגעלאָזן אין זייערע אויפגעכאַפּטע קאָפּיעס). און אַזוי ווי לאַטיינער איז געווען אפשר דער איינציקער נאָמען פון אַ יידישן פּיעסעס-שרייבער, וועלכער איז דאַמאָלט גאָר נאָנט געווען צו די יידישע אַקטיאָרן אין אייראָפּע, האָט מען אויף יעדער אַריבערגענומענער פּיעסע אַרויפגעשטעלט יאָזעף לאַטיינער אַלס מחבר.

אַב. קאַהאַן, שרייבנדיק איבער ל. אַלס דראַמאַטורג, דריקט זיך אויס: „יאָזעף לאַטיינער האָט מיט הורוויצן קאָנקורירט און עס זיינען געווען צייטן ווען לאַטיינערס אַ פּיעסע איז געגאַנגען פילע וואָכן און האָט דער אָריענטאַל קאָמפּאַניע אַריינגעבראַכט גרויסע סומען, ווערנד הורוויצעס פּיעסען זיינען דורכגעפאַלן. ...זיין הויפּט-קאָנקורענט, יאָזעף לאַטיינער, פלעגט אויך נעמען



שער-בלעטער פון ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס.

זיינע סוזשעטן פון פאַרטיקע ווערק, אָבער ער פלעגט זיך וויניקסטענס געבן די מי זיי צו באַאַרבעטן לויט זיין פאַרשטאַנד".

פיל שטרענגער צו ל. איז ב. גאָרין: „ה' יאָזעף לאַטיינער איז איינער פון יענע פּעאיקערע, וואָס האָט געכאַפּט דעם שניט ווי אויסצוקנעטן שטיקער, אַז זיי זאָלן געפעלן ווערן דעם עולם. ער האָט פון „קולטור"-שטיקער נישט געטרוימט, ער האָט גאָר פאַרשטאַנען, אַז ער קען די מלאכה נישט ערגער פון די, וואָס האָבן ג.-קנאָטן די ערשטע צייט שטיקער פאַר דער יידישער בינע און ער האָט זיך צו דער מלאכה גענומען. . . . יאָזעף לאַטיינער [באַזיצט] נישט קיין שאַפנדן גייסט. אַלעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז אַריבערגעשלעפּט פון פרעמדע קוועלן, און אָנגעשריבן האָ[ט] ער זייער אַ סך. ...אין די שטיקער זיינע איז ער אַוועק ווייטער פון גאָלדפאַדענס ערשטע בורלעסקעס. זיינער אַ פּלאַט [סוזשעט] איז פאַרפּלאָנטערט, שטאַרק פאַרקריפּלט און פאַרדרייט. מען קאָן אָפט געפינען עטלעכע גוישע שטיקער אין זיינער [זיין] איינער[ם]. די שטיקער זיינען אַלע כמעט מעלאָדראַמעס. דאָס

הייסט, דאָ איז פאַרהאַן אַביסל צום לאַכן, אַביסל טרויעריקעס; דאָ זיינען אַריינגעפלאָכטן פּזמונימלעך און טענצלעך. די קופּלעטן האָבן דאָס רוב קיין טעם נישט און די גאַנצע „מתיקות" באַשטייט אין די נגונימלעך. דער פּאַיאַץ גייט האַנט אין האַנט מיטן בן-מלך, און וואו איינער רעדט אַ וואָרט, פאַלט דער אַנדערער אַריין מיט אַ וויץ. איבערהויפּט איז דאָס לעבן, וואָס מען קאָן זען אין דיזע שטיקער, זייער אַ מערקווירדיקע, און ווען מיר זיצן אין טעאַטער, שיינט אונז, אַז מען האָט אונז אַריבערגעפירט בשלום דעם טייך סמבטיון און מיר געפינען זיך הינטער די הרי חושך, אַזוי פרעמד איז אונז די שפּראַך, די געפילן, דער אַרט ריידן, די מנהגים. אַ מלך און אַ פּאַסטוך שטייען גענזעלשאַפטלעך אויף איין מדרגה, דער האַר און קנעכט עסן פון איין שיסל; אַלעמען שיינט אָפּצוגיין די זיבעטע קלעפּקע און אין דיזער אַטמאָספערע געפינט זיך דער אויטאָר מיטן פּובליקום גאַנץ היימיש.

„...אין ה' לאַטיינערס אַ שטיק זיינען די פּערזאָנען אַריינגעקלאַפּט ווי מיט צוועקעס. יעדע פון זיי האַנדלט אַזוי ווי זי וואָלט קיין שיכות נישט געהאַט מיט די איבריקע. ...אין ה' לאַטיינערס שטיקער גייען זיך די פּערזאָנען איינע די אַנדערע כלל ופּלל גאָרנישט אָן. איין האַנדלונג ציט אין מי ישוה לך און די צווייטע אין מי ידמה לך. איין פּערזאָן זאָגט טאָג, קומט די צווייטע און זאָגט נאַכט, און גייט טוט זיי עפּעס! און דעריבער איז עס אים אַזוי לייכט צו נעמען איין אַקט פון איין שטיק, אַ צווייטן פון אַ צווייטע שטיק, אַ דריטן פון אַ דריטע און מאַכן פון דעם אַ פּיעסע. ...ווען מיר וועלן אַנאַליזירן ווי אַזוי דער פאַרפאַסער לאַטיינער האָט דאָס שטיק [„דאָס יידישע האַרץ"] געמאַכט, וועלן מיר געפינען דעם שליסל צו אַלע זיינע ווערק, צו דער גאַנצער מלאכה פון מאַכן פּיעסען ווי ער און זיינע חברים האָבן עס פאַרשטאַנען. דער עיקר פון דער פּיעסע, דאָס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער פּיעסע, איז אינגאַנצן גוייש, נאָר אַזוי ווי עס טויג נישט צו געבן אַ גויישע זאַך פאַר אַ יידישן פּובליקום און דער פאַרפאַסער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו פאַריידישן דאָס שטיק, האָט ער נאָר משנה השם געווען, איבערגעביטן דעם נאָמען פון דעם שטיק, און פון אַזאַ לייכטער אָפּעראַציע איז דאָס גויישע שטיק אין איין מינוט געוואָרן „דאָס יידישע הארץ". אַזאַ אַרבעט איז גאָר אַ גרינגע, דערצו פּאָ-

דערס זיך נישט קיין טאַלאַנט, קיין גזירה, קיין בינענקאַנטשאַפט. אַלץ, וואָס מען דאַרף, איז צו געפינען אַ פּאַרטיקן שטיק און געבן אים אַן עכט יידישן נאָמען. נאָר דאָס איז ערשט אַ טייל פון דער מלאכה. אַזאַ שטיק וואָלט געווען פונקט דער היפּך פון די שטיקער, וואָס לאַטיינער שרייבט פאַרן יידישן פּובליקום. לאַטיינער וואָלט נישט געווען לאַטיינער, ווען ער זאָל זיך באַגנוגענען דערמיט וואָס ער נעמט אַ פאַרטיקע גויישע שטיק ווי עס שטייט און גייט און בייט נאָר איבער דעם נאָמען פון דער פּיעסע און די נעמען פון די העלדן. ער ברענגט אַריין אין אַזאַ שטיק אַ צווייטן עלעמענט און דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערע קאָמעדיע אָדער פאַרס אָדער בורלעסק, וואָס האָט מיט דער דראַמע קיין שום שייכות נישט. די קאָמעדיע ווידער קאָן זיין אַ גאַנצע קאָמעדיע, אַ גויישע, אָדער דעם פאַרפאַסערס אַן אייגענע שאַפונג. אויב דער קאָמישער עלעמענט האָט אַ גאַנצע האַנדלונג, מעג מען זיין זיכער, אַז דאָס איז גענומען פון וועלכן ס'איז פאַרס, וואָס מען האָט געשפּילט ביי די גויים און ניין מאָל פון צען וועט מען אַזאַ געפינען. נאָר אויב דער קאָמישער עלעמענט באַשטייט נאָר פון נאַרעש מאַכן זיך, איז דאָס זיכער אָריגינעל.

„„דער געדאַנק אַריינצושטוקעווען אַ גאַנצן פאַרס אין דער דראַמע באַלאַנגט צו לאַטיינערן. דאָס איז זיין אויפטו. דער חשבון דערביי איז אַזאַ: מען ווייסט נישט, וואָס אַן עולם קאָן געפעלן ווערן. אַ מאָל וויל ער עפּעס ערנסטעס, עפּעס זאָל אים אַ ציטאָן אין האַרצן, און אַמאָל וויל ער מען זאָל אים קיצלען, כדי ער זאָל זיך גוט אויסלאַכן. און אַמאָל וויל ער אַ שטיקל נגינה, און אום צו זיין זיכער דאַרף מען אים געבן אי אַ דראַמע, אי אַ קאָמעדיע, אי אַן אָפּערעטע. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז הגם אין אַלע פּיעסען אויף דער יידישער בינע מישט זיך דער קאָמישער עלעמענט מיטן דראַמאַטישן, איז דאָרטן אָבער נישטאָ אַזאַ מין קאָמבינאַציע פון אַ גאַנץ באַזונדערע[ר] דראַמע און אַ גאַנץ באַזונדערער קאָמעדיע. דידאָזיקע קאָמבינאַציע איז אינגאַנצן לאַטיינערס אויפטו. די מלאכה פון דעם פאַרפאַסער דאַרף זיך אַרויסווייזן אין דעם ווי אַזוי צוזאַמענצומישן צוויי באַזונדערע שטיקער, וואָס האָבן נישט קיין שייכות איינע צו דער אַנדערער. נאָר אָט די שייכות פאַרשטייט נישט י. לאַטיינער. ער פאַרשטייט נישט צו וואָס דאַרף זיין אַ שייכות פון איין סוזשעט מיטן צווייטן. ער פאַרשטייט נישט צו וואָס דאַרף זיין אַ שייכות פון איין אַקט צום צווייטן, פון איין פּערזאָן צו דער צווייטער, פון פּערזאָן צום אָרט, צו דער צייט. זיין אויפפאַסונג פון אַ שטיק איז, אַז עס דאַרף אַנטהאַלטן שטאָף, וואָס זאָל אַמאָל אַרויסרופן ביים עולם אַ קעלט איבערן לייב און אַמאָל זאָל ער אים מאַכן לאַכן. ווי אַזוי מען דערוויזט עס, גייט קיינעם נישט אָן. ער זעט נאָר פאַר זיך די בינע און דאָס פּובליקום.

„„אין זיינע שטיקער קאָן מען לייכט באַמערקן צוויי פאַרשיידענע רינעס — איינע אַ דראַמאַטישע און די צווייטע אַ קאָמישע. די דראַמאַטישע רינע שלעפּט מיט זיך דעם העלד און די העלדין. דיזע פיגורן זיינען געוויינלעך געקנאָטן פון אַ העכערע[ר] מאַטעריע. ...און דערפאַר טאַקע האָבן זיי ביידע, סיי דער העלד און סיי די העלדין, גאָר אַן אַנדער לשון ווי עס פּאַסט פיר אַזעלכע מענטשן. געוויינלעך איז דער לשון זייערער טייטש, הגם אַלע זייערע אַרומיקע, צווישן וועלכע זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט און ערצויגן געוואָרן, ריידן נאָר מאַמע-לשון. ...דער דראַמאַטישער עלעמענט איז דאָס רוב אַריבערגעטראָגן פון גויישע שטיקער. וואָס דער אויטאָר האָט דאָ צו טאָן איז, איבערצובייטן די נעמען און צוזאַלצן און צופעפערן אין די געדיכטע סצענעס נאָך דעם געשמאַק פון דעם פּראָסטן פּובליקום. די טייטש, וואָס די העלדן ריידן, שטאַמט וואַרשיינלעך טיילווייז דערפון, וואָס ה' לאַטיינער שלעפּט די העלדן פון דייטשע שטיקער און טיילווייז פון אַ פאַלשן באַגריף וועגן העכערע ברואים. די צווייטע רינע איז אַ קאָמישע. דיזע רינע שלעפּט מיט זיך די קאָמישע פּערזאָנען. ...דיזע פּערזאָנען זיינען שוין געשאַפן פון דעם אויטאָר אַליין און זייער לשון איז שוין טאַקע אַ ריין מאַמע-לשון. די הויפּט-קאָמישע פּערזאָנען זיינען כמעט אַלע געגאָסן נאָך דער פורעם פון שמענדריק, אַ לייכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן, און זיי ערשיינען כמעט אין יעדע[ן] שטיק, וואָס ה' לאַטיינער האָט אָנגעשריבן. געוויינלעך האָבן זיי עפּעס אַ מום, ענטוועדער אַ קערפּערלעכן אָדער אַ גייסטיקן, צעטיילן זיך אויף צוויי מינים: שלעכטע און גוטע מענטשן. זייער אַרבעט איז צו דינען אין דעם הויז, וואו דער העלד אָדער העלדין געפינט זיך, און אַזוי ווי דער פאַרפאַסער האָט זיי שוין אויסגעגראָבן ערגעץ הינטער די הרי חושך, האָט ער שוין געזאָרגט צו ברענגען מיט זיך אַ פּאָרל, אַ זכר מיט אַ נקבה אום אָנצוהאַלטן זייער מין. ... לאַטיינערס קאָמיזם באַשטייט נישט פון לעכערלעכע סיטואַציאָנען, זיין קאָמיזם באַשטייט אין זיין הינקעוואַטע, כאַמעוואַטע, היקעוואַטע, שפּעטלאָווע א. ד. ג. ...אין אַ צוזאַמענמישעניש פון ווערטער, וועלכע קלעבן זיך נישט איינע צו די אַנדערע. ...אָדער אין אַ געשפּרעך, וואָס זאָל דורך זיין אומגעלומפּערטקייט, נישט-געשטויגנקייט און נישט-געפלויגנקייט אַרויסווייזן אידיאָטסטוואָ".

זלמן רייזען שרייבט: „אין זכות פון דידאָזיקע צוויי גרויס-ליוועראַנטן [לאַטיינער און הורוויטש] האָט זיך דער טעאַטער געהאַלטן, באַקומענדיק אָבער דעם ספּעציעלן סטעמפּל פון וועלכן ער האָט זיך שוין אַזוי לייכט נישט געקאָנט באַפרייען. ...אין זיינע ערשטע טעאַטער-שטיק שטאַרק פאַרדייטשמערישט (לויט זיינע ווערטער — אויס צופּאַסונג צו די דייטשע און אונגאַרישע יידן), האָט ער שפּעטער אָנגעהויבן צו געברויכן אַ ריינערע [יידישע] שפּראַך".

יעקב מעסטעל באַמערקט: די געבראַכטע מיינונגען וועגן ל. זיינען, לויט אונזער וויסן, צו איינזייטיק. ביז איצט איז אָבער נאָך נישט דערשינען אַ מאָנאָגראַפישע אַרבעט איבער ל., וועלכע זאָל אָנווייזן אויפן באַדייט פון ל.'ס פּיעסעס סיי פאַרן פינאַנציעלן וואוקס פון יידישן טעאַטער, סיי פאַר דער טעכניק פון דער יידישער בינע, און צוליב וואָס זיינע פּיעסעס זיינען אין זייער צייט געווען אַזוי פּאָפּולער.

ל.'ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] בליהמעלע
אָדער דיא פּערלע פאָן וואַרשא
(עלילת דם)
אָפּערעטע אין 5 אַקטען פאָן לאַטיינער, מוזיק פאָן אַבראַמאָוויטש
לאַטיינער'ס טהעאַטערשטיקע פּאָדגורזע, תרס"ג [1903]
פערלאַג פון בנימין מונק בוכהאַנדלונג אין קראַקויא
[63 ז. 16°]

[2] אשה רעה (דיא שלעכטע פרויא)
אָפּערעטטע אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער
פּאָדגורזע תרס"ד [1904]

פערלאַג פון בנימין מונק בוכהאַנדלונג אין לעמבערג
[71 ז. 16°]

[2א] Verlag von D. Roth, Lemberg, 1907

[3] דוד׳ס פיעדעלע (דאַווידס גייגע)
לעבענס-בילד אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער
פאָדגורזע, תרס״ד [1904]
דרוק פאָן ש. ל. דייטשער
פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוכהאַנדלונג אין קראַקויא
[66 ז. 16°]

[4] מאמאָן דער געלד-גאָט
אָדער קורח׳ס אוצרות
היסטאָרישע אָפערעטע אין 4 אַקטען פאָן יאָזעף לאַטיינער
מוזיק פאָן פרידזעל
פערלאַג פאָן אהרן פויסט, בוכהאַנדלונג, קראַקא
פאָדגורזע תרס״ד
[1904 60 ז. 16°]

[5] חינקע פינקע
אָדער
גבריאל דער מאַלער
פון יוסף לאַטיינער
יודישע טהעאַטער ביבליאָטעק
ווארשא 1907 [61 ז. 16°]

[6] דער מאַן אונטערן טיש
אַ וואָדעוויל אין איין אַקט
פערפאַסט פון י. לאַטיינער
וואַרשא תרס״ח, 1907, [16 ז. 16°]

[6א] וואַרשא 1911. תרע״א.

[7] פערלאַג די „יודישע ביהנע״
שרה שיינדעל
לעבענס בילד מיט געזאַנג און טענץ
פון יאָזעף לאַטיינער.
הערויס געגעבען פון י. לידסקי.
נאַכדרוק, דיא פיעסע, אינגאַנצען ווי אויך אין טהיילען, ווי
די פראָזא און אַזוי אויך די לידער איז שטרענג פערבאָטען.
הערויסגעבער.
וואַרשא תרס״ז [1907, 60 ז. 16°]
[די פיעסע הייסט ביים מחבר „די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״]

[8] חרבן ירושלים
היסטאָרישע אָפערעטע אין 5 אַקטען פון יוסף לאַטיינער
יודישע טהעאַטער-ביבליאָטעק №13.
וואַרשא תרס״ח [1908, 47 ז. 16°].

[9] יודעלע דער בלינדער
אָדער אמת ושקר
פאָלקסשטיק אין 4 אַקטען פון יוסף לאַטיינער
מוזיק פון ווארעל [וואָהל].
פערלאַג אַמקרויט עט פריינד בוכהאַנדלונג פשעמישל 1908
[64 ז. 16°]

[10] דיא סדר נאַכט
אַ לעבענסבילד אין 4 אַקטען און 12 בילדער פון יאָזעף לאַטיינער
מוזיק פון פריסעל [פרידזעל]

פערלאַג פאָן אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פשעמישל 1908
[68 ז. 16°]

[11] עזרא דער עוויגע יודע
אָפערעטע אין 4 אַקטען אונד 10 בילדער
פאָן יאָזעף לאַטיינער
מוזיק פאָן מאַקס אַבראַמאָוויטש, פשעמישל, תרס״ח
אייגענטהום אונד פערלאַג פאָן אַמקרויט עט פריינד,
בוכהאַנדלונג, פשעמישל [68 ז. 16°]

[12] על נהרות בבל
ביבלישעס מוזיקדראַמאַ אין 4 אַקטען זאַמט עפילאָג
פאָן י. לאַטיינער
פערלאַג פון אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג,
פשעמישל 1909 [59 ז. 16°]

[13] דער שטן אין גן-עדן
פאָלקסשטיק מיט געזאַנג און טאַנץ אין 4 אַקטען
פאָן יאָזעף לאַטיינער, מוזיק פון וואָהל.
פערלאַג פון דוד ראָטה בוכהאַנדלונג אין לעמבערג, תרס״ט
[1909, 56 ז. 16°]

[14] בת שבע אָדער דאָס ווינשפינגערל
אַ פאַנטאַסטישע אָפערעטע אין 4 אַקטען
פון יוסף לאַטיינער
פערלאַג פון אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פשעמישל,
1911 [67 ז. 16°]

[15] פערלאַג „קונסט״ וואַרשא
דאָס יודישע הערץ
אַ קאָמישע אָפערעטע אין 4 אַקטען און 7 בילדער פאָן י. לאַטיינער
וואַרשא, תרע״א [1911, 71 ז. 16°]

[15א] וואַרשא 1913.

[16] יוסף לאַטיינער
מישקע און מאַשקע
אָדער
אייראָפּעער אין אַמעריקע
[די גרינהאָרנס]
אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטען, וואַרשא תרע״א [1911]
הויפט פערקויף אין פערלאַג „קולטור״ וואַרשא [38 ז. 16°]

[17] יוסף אין עגיפּטען
היסטאָרישע אָפערעטע אין 5 אַקטען און 8 בילדער מוזיק פון סאַנדלער
פון יאָזעף לאַטיינער
פערלאַג פון אַמקרויט עט פריינד, בוכהאַנדלונג, פשעמישל 1913
[44 ז. 16°]

[18] פאַרלאַג „טעאַטער-ביבליאָטעק״
שלמקע און ריקעל
קאָמישע אָפערעטקע אין 4 אַקט פון טאָמאַשעווסקי
[„מיין ווייבס פריינד״ פון י. לאַטיינער]
פאַרלאַג ע. גיטלין, וואַרשע 1926 [48 ז. 16°]

[19] אַ ווייב אָהן לשון
אָדער

דער אונשולדיגער קרבן
מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן
[פון י. לאַטיינער]
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1927 [40 ז.16°]

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.‟ II, זז. 48-54.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.‟, I, זז. 242, 221-22, 192-200, II, זז. 280, 267-68, 203, 169-170, 125, 75-82, 30-33.

טהעאַטער-רעפּאָרטער — טהעאַטער אונד קונסט, „דער פאָלקס אַדוואָקאַט‟, נ. י., 26 סעפּט. 1888.

[—] — טהעאַטער אונד קונסט, „דער פאָלקס אַדוואָקאַט‟, נ. י., 24 מאַי 1889.

John Paley — שלמה'לע עהרליך אָדער לא תגנוב, „דער פאָלקס אַדוואָקאַט‟, נ. י., 27 יוני 1890.

John Paley — יהודית און האָלאָפערנעס, „דער פאָלקס אַדוואָקאַט‟, נ. י., 10 אָקט. 1890.

מאָררים ראָזענפעלד — חוצפה פון אַ טהעאַטער-שרייבער, „דער פאָלקס אַדוואָקאַט‟, נ. י., 17, 10 מערץ 1892.

מ. זייפערט - „דיא געשיכטע פון יודישען טהעאַטער‟ (געדרוקט אין „יא אידישע ביהנע‟, רעד. — ה. י. מיניקעס, נ. י., 1897).

אַ שוישפּיעלער — גבריאל „דער טהעאַטער זשורנאַל‟, נ. י., נ' 4 1901.

ב. גאָרין — גאָלדעלע, „דער טהעאַטער זשורנאַל‟, נ. י. נ' 13, 1902.

ב. גאָרין — „אידישע דראַמאַטורגען‟, „דער טהעאַטער זשורנאַל‟, נ. י., נ' 12-14, 1902.

א. גאָניקמאַן — דריי נייע פּיעסען, „דער טהעאַטער זשורנאַל‟, נ. י., 15 פעברואַר 1903.

ז. קאָרנבליטה — „דער איד אין רומעניען‟, „פאָרוו.‟, נ. י., 2 מאַי 1903.

א. ק. [קאַהאַן] — ליטיינער'ס אַ נייע פּיעסע אין פּיפּעלס טהעאַטער, „פאָרוו.‟, נ. י., 23 סעפּט. 1907.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 28 סעפּטעמבער 1907.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 17 אָקטאָבער 1908.

י. מעטעל — דער שטן אין גן-עדן, „טאָגבלאַט‟, לעמבערג, 13 נאָוו. 1908.

Hutchins Hapgood — „The Spirit Of The Ghetto", New York, Funk & Waghalls Comp., 1909, pp. 113-176.

מאָררים ראָזענפעלד — דיא „באַרישע וואָך‟ אין קעסלער'ס ליריק טהעאַטער, „פאָרוו.‟, נ. י., 23 אָקט. 1910.

מ. קיפּניס — אַ טרייסט-בריעף פון לאַטיינער'ן צו די וואַרשעווער יודישע טעאַטער-דירעקטאָרן, „דער שטראַהל‟, וואַרשע, 3 פעברואַר 1910.

גרשם באדער — געוועזענע, „טהעאַטער און מאָווינג פּיקטשורס‟, נ. י., נ' 5, 1913.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — וויא אַזוי מען גנב'עט אַ גע'גנב'עטע פּיעסע, „פאָרוו.‟, נ. י., 1 פעברואַר 1914.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 13 מערץ 1915.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע‟, נ. י., 1916, זז. 255, 236, 221, 186-216.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 18 מערץ 1916.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 13 אָקט. 1917.

ב. גאָרין — דאָס שפּיעל פון לעבען, „מאָז'ש‟, נ. י., 16 אָקטאָבער 1918.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא'ש‟, נ. י., 2 נאָוו. 1918.

אַקסעל [אַלטער עפּשטיין] — „דעם צדיק'ס משפחה‟, „פּא'ש‟, נ. י., 21 אָקט. 1921.

ישראל דער יענקי [פרידמאַן] — דעם צדיק'ס משפחה, „יידטגבל'ט‟, נ. י., 31 אָקט. 1921.

ל. קעסנער — „די ציגיינער מיידעל‟ אין קעסלער טעאַטער, „יידטגבל'ט‟, נ. י., 23 פעברואַר 1925.

ב. י. גאָלדשטיין — רומשינסקי'ס אָפּערעטא און ליבינ'ס קאָמעדיע, „דער טאָג‟, נ. י., 27 פעברואַר 1925.

אַב. קאַהאַן — „די ציגיינער מיידעל‟, אַן אָפּערעטא אין סעקאָנד עוועניו טהעאַטער, „פאָרוו.‟, נ. י., 13 מערץ 1925.

רעגידעבל — „דאָס ציגיינער מיידעל‟, „דער גרויסער קונדס‟, נ. י., 27 מערץ 1925.

יעקב דינעזאָן — „זכרונות און בילדער‟, וואַרשע, זז. 236-45.

באָריס טאָמאַשעפסקי — באָריס טאָמאַשעפסקיס זכרונות פון אידישען טעאַטער, „קאַליפאָרניער אידישע שטימע‟, לאָס אַנדזשעלאָס, 18, 11 יאַנ. 1926.

נ. אויסלענדער — או. פינקל, — „א. גאָלדפאַדן‟, מינסק, 1926, זז. 51-52.

אב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבן‟, נ. י., 1926, II, זז. 385-389.

שלום פּערלמוטער — יאָזעף לאַטיינער, „די אידישע וועלט‟, קליוולאַנד, 7 מערץ 1927 („אידישע דראַמאַטורגען‟, דאָרט, 25 נאָוו. 1928).

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג‟, ווילנע, 1928, זז. 37-49.

דר. א. מוקדוני — אַ דראַמע און אַן „אָפּערעטא‟, „מאָז'ש‟, נ. י., 6 יאַנואַר 1928.

א. גלאַנץ — „אַ גן-עדן פאַר צוויי‟, „דער טאָג‟, נ. י., 13 יאַנ. 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּא'ש‟, נ. י., נ' 21, 1928.

אב. קאַהאַן — די נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.‟, נ. י., 12 יאַנואַר 1928.

דר. א. מוקדוני — אין צוויי טעאַטערס, „מאָז'ש‟, נ. י., 30 מערץ 1928.

א. גלאַנץ — מאַלי פּיקאָן אין „מזל ברכה‟ פינקעלט מיט נייעם אויפטו און טאַלאַנט, „דער טאָג‟, נ. י., 30 מערץ 1928.

ישראל דער יענקי — [רעצענזיע] „יידטגבל'ט‟, נ. י., 4 אַפּריל 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּא'ש‟, נ. י., 6 אַפּריל 1928.

ס. רעגענסבורג — „אַ גן-עדן פאַר צוויי‟, „די אידישע וועלט‟, פילאַדעלפיע, 7 דעצ. 1928.

לעאָן בלאַנק — זיגמונד מאָגולעסקאָ — דער גרעסטער שוישפּילער אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.‟, נ. י., 15 דעצ. 1928.

ד. קאַפּלאַן — „די קאָמעדיאַנטקע‟ אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.‟, נ. י., 14 מערץ 1930.

וויליאַם עדלין — „די קאָמעדיאַנטקע‟ אינ'ם סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „דער טאָג‟, נ. י., 14 מערץ 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּא'ש‟, נ. י., 4 אַפּריל 1930.

י. ש. [שאַצקי] — אַ באַריכט וועגן יידישן טעאַטער אין ניו יאָרק פון 1894, „אַרכיוו‟, ווילנע, 1930, זז. 446-47.

ז. זילבערצווייג — אַ בלעטל הפקרות פון אונזערע פאַרלאַגן, „שיקאַגאָ‟, שיקאַגאָ, יולי 1931.

לאַבטינגער, העניי

געבוירן 18 יאַנואַר 1888 אין שידלאָוויעץ, פוילן. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין חדר און אין בית-המדרש, גלייכצייטיק אין אַ פאָלקס-שול. געזונגען ביי אַ חזן און געשריבן לידלעך אויף אַקטועלע טעמעס, וועלכע ער פלעגט אַליין זינגען אָדער געבן צו בדחנים, וואָס פלעגן „זיי פאָרשטעלן" אויף חתונות. אין עלטער פון 14 יאָר געגרינדעט אַ קרייז פון „ליבהאָבער" און מיט זיי געשפילט „בר כוכבא". די פאָרשטעלונג און די ווייטערדיקע פּרובעס פון דעם קרייז רופן אַרויס געוואַלדיקע תרעומות פון שטעטל קעגן אים און ער מוז, נאָך אַ פּאָגראָם ביי זיי אין שטוב, אַנטלויפן קיין לאָדזש, וואו ער איז אין 1903 אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט אין ספּיוואַקאָווסקי-פישזאָן-טרופּע, פאַרנעמענדיק זיך גלייכצייטיק מיט טישלעריי. 1904 — דעביוטירט אַלס „סעלים" אין לאַטיינערס „אשה רעה". דערנאָך אַריינגעטראָטן אין שאַראַוונערס טרופּע וואו ער שפּילט אַ יאָר שוין אַלס ליבהאָבער. 1905 — געשפּילט 3 חדשים ביי גוזיק, דערנאָך 6 חדשים אין אַ חברים-טרופּע, אַ יאָר אין לאַנצמאַנס טרופּע, ווידער אין אַ חברים-טרופּע, פון וועלכער ל. ווערט שפּעטער (אויף 4 חדשים) דירעקטאָר, דערנאָך ווידער אַ האַלב יאָר אין אַ חברים-טרופּע. דאַן פאָרט ל. קיין אויסלאַנד און שפּילט יידיש טעאַטער אין ווין און פאַריז.

נאָכן פּריזיוו געשפּילט אין שאַראַוונערס טרופּע, דערנאָך ווידער אין דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, בודאַפּעסט, פאַריז, שווייץ (מיט יעקב ספּיוואַקאָווסקי) און ווידער פאַריז. אין מלחמה-צייט מיט אייזיקאָוויטשן אין פוילן.

פון 1915 ביז 1919 — דירעקטאָר פון אַ טרופּע אין די דייטשע און עסטרייכישע אָקופּירטע געביטן פון פוילן, דאַן געשפּילט 10 חדשים אין בודאַפּעסט בערך אַזאַ צייט אין לאָדזש, וואו ער ווערט דערנאָך אויף אַ יאָר מיטדירעקטאָר מיט מ. ד. וואַקסמאַן פון סקאַלאַ-טעאַטער.

פון לאָדז פאָרט ל. אַרויס מיט אַ גרויסער פאַראיינס-טרופּע קיין ביאַליסטאָק, וואו זיי שפּילן 4 חדשים.

איצט קערט ל. צוריק קיין פאַריז, וואו ער הייבט אָן אָנצופירן מיטן דאָרטיקן יידישן טעאַטער, אויסזוכנדיק נייע טעאַטער-בנינים, צוגעפּאַסט צו די יידישע קיבוצים פון פאַריז.

1931 — געעפנט דאָס טעאַטער אַמביגי, דערנאָך אָנגעהויבן אָנצופירן מיט יידישע טרופּעס איבער דער פראַנצויזישער פּראָווינץ. 1931-32 — געעפנט דאָס טעאַטער מוסואַליטע. אין די טרופּעס, וועלכע ל. שטעלט צונויף, האָבן אויך גאַסטראָלירט יוליוס אַדלער, רודאָלף זאַסלאַווסקי, מאַלי פּיקאָן, נעלי קעסמאַן, זיגמונט טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ און מישע פישזאָן.

ל. שפּילט אַליין זייער אָפט אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער אין די טרופּעס, וועלכע ער אָרגאַניזירט.

ל. באַזיצט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון יידישן געדרוקטן און געשריבענעם טעאַטער-רעפּערטואַר און האָט אַליין אָנגעשריבן די פּיעסעס: „אונטער דער מאַסקע", „דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער", „פאַר איר קינד", „מענדעל ביילים", „שלום שוואַרצבאַרד" (אויפגעפירט אין ניו-יאָרק דורך יעקב זילבערט אַלס זיין פּיעסע), „דאָס נייע רוסלאַנד", „דער משוגענער פּאָעט" ווי אויך איינציקע איינאַקטערס, און איבערזעצט „ווען דער טייוול לאַכט" און „דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", וועלכע זיינען אַלע געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין פראַנקרייך.

מ. און ש. ע.

לאַמפּע, מאָריס

געבוירן 1895 אין וואַרשע פוילן, ביי חסידיש-פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין חדר. צו 13 יאָר געענדיקט פאָלקסשול און אָנגעהויבן לערנען אין אַ האַנדלס-שול. באַלד נאָך די ערשטע באַזוכן אין פוילישן און יידישן טעאַטער, געוואָרן פאַרכאַפּט פון טעאַטער-שפּיל און געוואָרן אַ יוצא ונכנס הינטער די קוליסן פון יידישן טעאַטער. די עלטערן נעמען אים אַרויס צוליב דעם פון שול און גיבן אים אַריין אַלס פאַרקויפער אין אַ טוך-געשעפט. אָבער אויך דאָרט פאַרנאַכלעסיקט ל. דעם פּאָסטן, ווייל עס ציט אים צו דער בינע און לויט דער רעקאָמענדאַציע פון זיינע באַקאַנטע אַקטיאָרן פאָרט ער קיין פלאָצק, וואו ער שפּילט אין ציפּקוסעס פּראָווינץ-טרופּע און דעביוטירט דאָרט אַלס „ישראליק" אין טאָמאַשעווסקיס „פינטעלע ייד". נאָכן אַרומשלעפּן זיך אַ געוויסע צייט מיט דער טרופּע איבער דער פוילישער פּראָווינץ, גייט ל. איבער אין די וואַנדער-טרופּעס פון לערמאַנקע, מישוראַט, שאַראַוונער, קאַניעווסקי-כאַרלאַמפּ, ביז דער מלחמה-אויסבראָך טרעפט אים אין וויטעבסק אין דער טרופּע זשאָרזש און בעקער.

צוריקגעבראַכט געוואָרן דורך די עלטערן אין פוילן, האָט דאָ ל. פאַרבראַכט ביז 1917, פאָרנדיק דורך דער צייט איבער דער פּראָווינץ, פאַר וועלכער ער האָט אַליין אָרגאַניזירט טרופּעס. 1918 — אַוועק קיין ראַטנפאַרפאַנד און דאָרט אַריבער צום ליטעראַרישן רעפּערטואַר, שפּילנדיק אין מאָסקווע ביי זשיטאָמירסקי, אָבער אַן אַנטוישטער טרעט ער באַלד אַריין אין האָמלער „אונזער ווינקל", וואו ער שפּילט איינציקע יאָר.

1923 — אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטיש טעאַטער, וואו ער פירט אויף סאַטירעס פון סאָוויעטישן לעבן. 1924 — ביי בראַנדעסקאָ אין מאָסקווע, דערנאָך אין מינסק און פון דאָ פאַרבעטן געוואָרן אַלס קינסטלערישער אָנפירער פון אַ דראַמסטודיע אין וויטעבסק, וואו ער פירט אויף שלום-עליכמס „סטעמפּעניו" און „צוויי הונדערט טויזנט", דערנאָך געשטעלט די זעלבע פּיעסע מיט אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע און מיט איר געשפּילט דעם זומער-סעזאָן אין מאָסקווע און ווינטער-סעזאָן אַרומגעפאָרן מיט זאַסלאַווסקין.

איצט ווערט ל. פאַרבעטן אַלס אָנפירער פון אַ טרופּע אין אָדעס, וואו ער פירט אויף אַשס „אָנקל מאָזעס" און די פּיעסע „דער אורטייל". פון דאָרט געפאָרן קיין קיעוו, וואו ער שפּילט מיט אַ טייל פון דער טרופּע פון „קונסט ווינקל" שלום-עליכמס „טוביה דער מילכיקער" און דערנאָך געפאָרן קיין פאַריז צו יאָזעף קעסלער, וואו ער שפּילט 5 חדשים, אויפפירנדיק אַ ריי שלום-עליכם-פּיעסעס. 1929 — גאַסטראָלירט אין בעלגיע און פון דאָרט געקומען אין פוילן, וואו ער פירט אויף אַ טייל פון זיין אַלטן רעפּער-

טואַר און אויך אייניקע נייע פּיעסעס (דערונטער שלום-עליכםס „גאָלדגרעבער").

1932 — גאַסטראָלירט אין רומעניע, עסטרייך און צוריקגעקומען אין פּוילן.

ש. ע.

ט. — 200 טויזנט פון שלום עליכם. רעזשי מאָריס ליאַמפּע, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּען, 19, 1929.

יצחק קאַצענעלסאָן — שלום עליכם און דער אַקטיאָר לאַמפּע, „לאָדז. טאַגב.", 9 אויגוסט 1929.

י. ג. ש-סאַפּיר — מאָריס ליאַמפּע אין „טביה דעם מילכיקן", „נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 9 דעצ. 1929.

חנן [פּסח קאַפּלאַן] — די גאָלדגרעבער, געשפּילט דורך דער יידישער טרופּע מיט מאָריס ליאַמפּע, „נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 17 פעברואַר 1930.

טעאַטער-מענש [ח. י. בריסטאָווסקי] — „מיטן רבינס כוח" פון לפּידות, אויפגעפירט דורך מאָריס ליאַמפּע, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 28 מאַי 1930.

הענעך קאָן — „מיטן רבינס כוח", צו די גאַסטראָלן פון מאָריס לאַמפּע, „אילוסטר. פויל. מאַנטשעסטער", לאָדזש, יוני 1930

קאַדען — „טביה דער מילכיקער", אויפגעפירט פון מאָריס ליאַמפּע, „אונזער לעבן", לודמיר 43, 1930.

א. גראַפּמאַן — מאָריס ליאַמפּע אין שלום-עליכם׳ס „טביה", „מאָמענט", וואַרשע, 10 אויגוסט 1930

נ [ניסענבוים] — „200.000" פון שלום עליכם, אויפגעפירט פון מאָריס ליאַמפּע, „לובלינער טאָגבלאַט", 25 נאָוו. 1930.

נ. מ. [מייזעל] — גאַסטשפּילן פון שושנה און מאָריס לאַמפּע, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 34, 1932.

לאַנג, ה.

געבוירן 14 דעצעמבער 1888 אין שקוד, קאָוונער גוב. ליטע. פאָטער — אַ קרעמער. ביז 16 יאָר געלערנט אין ישיבות, געווען באַקאַנט אין דער סלוצקער ישיבה אַלס „דער שקודער מתמיד".

1904 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז צוערשט אַן אַרבעטער און דערנאָך אַ טוער אין דער יוניע-באַוועגונג, שפּעטער אָנגעהויבן שרייבן איבער די פראַגען פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און זינט 1917 איז ער אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס".

אַלס עסקן אין די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" איז ל.׳ן אויסגעקומען צו זיין אַן אָפטער בורר צווישן די פאַרשיידענע אָנגעשלאָסענע יידישע טעאַטער-יוניעס און אויך צווישן די יוניעס און די בעלי-הבתים פון די יידישע טעאַטערס. אַלס רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער-אָפּטיילונג אין „פאָרווערטס" האָט ל. פיל מיטגעהאָלפן ביים פאַראייניקן די אַקטיאָרן-יוניעס (לאָקאַל 5 און לאָקאַל 1) און געווען אַקטיוו אין דער אַקציע אָפּצושאַפן די פאַרשיידענע סעקציעס פון די אַקטיאָרן-יוניעס.

דעם 29 אָקטאָבער 1931 איז אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן [דאָס ערשטע מאָל א׳נ „אָרעם און רייך"] די „אומגליקלעכע כלה פון סאָפאָלק סטריט, באַרימטער „פאָרווערטס" — ראָמאַן פון איוואַ לאַזאַרוס [ה. לאַנג], דראַמאַטיזירט פון ה. לאַנג און ל. קרישטאַל, אויפגעפירט פון נייטאַן גאָלדבערג". די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן עטלעכע און צוואַנציק וואָכן.

דעם 15 דעצעמבער 1932 איז אין פּראָספּעקט-טעאַטער א"ר פון דזשעני גאָלדשטיין און לוסי לאַנג אויפגעפירט געוואָרן „דער קאַמף פאַר אַ מאַמע פון איוואַ לאַזאַרוס [ה. לאַנג] דראַמאַטיזירט פון ה. לאַנג".

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 56-57.

הלל ראָגאָף — „די אומגליקלעכע כלה פון סאָפאָלק סטריט" אויף דער ביהנע אין פּראָספּעקט טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 3 נאָוועמבער 1931.

[—] — סצענעס און בילדער צווישן עולם אין פּראָספּעקט טעאַטער ביי די פאָרשטעלונגען פון „פאָרווערטס" ראָמאַן „די אומגליקלעכע כלה פון סאָפאָלק סטריט", „פאָרוו.", נ. י., 6 נאָוו. 1931.

נ. ב. לינדער — די נייע פּיעסע אין בראָנקס. פּראָספּעקט טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 6 נאָוו. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — מ ראַטעוועט די עוועניו, „פאַ׳ש", נ. י., 22 יאַנואַר 1932.

וויליאַם עדלין — דזשעני גאָלדשטיין אין אַ שעהנער פּיעסע „טאָג", נ. י., 23 דעצ. 1932.

הלל ראָגאָף — ה. לאַנג׳ס „דער קאַמף פאַר אַ מאַמע" אין פּראָספּעקט טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 23 דעצ. 1932.

Samuel Kreiter — Family Drama Pleases Crowd At The Prospect, „Daily News", N. Y., 3 Jan. 1933.

לאַנגנער, קלאַראַ

געבוירן 1886 אין סקאַמאַראַק, אַ דערפל נעבן בוטשאַטש, גאַליציע, ביי זייער פרומע עלטערן. פאָטער — אַ נאמן אין אַ בראָנפן-ברענעריי, באַקומט שפּעטער אַ שטעל אין שטעטל מאָנאַסטערזשיסק, וואו ל. לערנט אין חדר און ענדיקט שפּעטער 4 קלאַסן פאָלקסשול. צוליבן פאָטערס טויט געווען געצוואונגען צו זוכן פּרנסה און געוואָרן אַ לערן-מיידל ביי אַ שניידערין.

1903 — געבראַכט געוואָרן דורכן ברודער קיין ניו-יאָרק, וואו זי אַרבעט ביי פרויען-קליידער און איז אַן אָפטע באַזוכערין פון יידישן טעאַטער. 1907 — אָפּגעפאָרן קיין טאָראָנטאָ, וואו זי טרעט אַריין אין דאָרטיקן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב" און פאַרטרעט אויך טיילמאָל ראָלן אין די גאַסטראָלירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס. דאָ ווערט זי אַנגאַזשירט פון מייקעלסאָנען פאַר זיין טרופּע אין בופאַלאָ (מייקעלסאָן, האָלענדער, אבא שיינאָלד א. א.) און שפּילט דערנאָך אין אַ טאָראָנ-

טער טרופּע (פישל זיניער, יעקב גאָלדשטיין א. א.), וועלכע גאַסטראָלירט אויך אין מאָנטרעאָל.

צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק קאָן ל., אַלס נישט־יוניע מיטגליד, נישט צוקומען צו דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער בינע, שפּילט נאָר אין „ליטעראַריש דראַמאַטישן קלאָב" און דערנאָך אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב", וואו (צוזאַמען מיט טענענהאָלץ, דובינסקי, וויסבערג, גאָלדשמידט און הענריעטע שניצער) זי טרעט אויף אין פּרעס אײנאַקטערס און אין די פּיעסעס פון הירשביין, זודערמאַן, הויפּטמאַן א. א. ערשט ווען לואיס שניצער עפנט דאָס 27־טע סטריט טעאַטער, ווערט זי דאָרט אַנגאַזשירט און שפּילט 2 סעזאָנען האָבנדיק די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן צוזאַמען מיט בן־עמי און שילדקרויט, שפּעטער שפּילט זי אין זעלבן טעאַטער (אָנפירונג — שוואַרץ) קלענערע ראָלן ביז 1924.

1925 — געשפּילט אין שילדקרויט־טעאַטער און אין זעלבן יאָר אַריבער צו דער ענגלישער בינע און געשפּילט ביי סעם ה. העריס אין דער פּיעסע „ווי אַמעריקענס" (מיט מוני וויזענפריינד), 1926־27 — מיט וויזענפריינדן אין, דער פּיעסע „די פּאָר וואָלס", 1927־28 — מיט דזשאָרזש דזשעסל אין „וואָר סאָנג" און 1929 — געשפּילט מיט לואי האָלץ איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ אין שטיק „בוהלי אָף בראָדוויי".

1930 — האָט ל. געשפּילט אין יידיש אין מאַרק שווײדס קונסט־טעאַטער אין בראָנקס און דערנאָך ווידער איבערגעגאַנגען צו דער ענגלישער בינע אַלס „די יידישע מאַמע" אין דער פּיעסע „קאַנצלער עט לאָ" (מיט מוני וויזענפריינד) פון עלמאַר רייס.

אַפּריל 1929 האָט ל. געשפּילט די ראָל פון דער יידישער מוטער אין קלאַנג־פילם „לאסאקעט".

ש. ע.

Alan Dale Finds – „We Americans", „New York American", 14 Oct. 1926.

Mildred Shlickerman – Behind The Footlights With Clara Langsner, „The Jewish Tribune", N. Y., 2 Dec. 1927.

Magda West – „Jewish Duse" Stars As Mother, „Sunday Times", Chicago, 5 June 1932.

לאַנדאָ, יחיאל

געבוירן 1878 אין אוזשריב, ראַדאָמער גוב., פּוילן.

1896 — עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו ער הייבט אָן אין 1903 צו שפּילן יידיש טעאַטער. נאָכן שפּילן 7 יאָר אין פאַרשיידענע טרופּעס, ציט ער זיך צוריק פון דער בינע און עפנט אַ רעסטאָראַן, וואו ס׳פאַרקערן יידישע אַקטיאָרן, שרייבער און טעאַטער־פריינט.

ל.׳ס טאָכטער, שרה, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

לאַנדאָ, שרה

געבוירן 20 מערץ 1909 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — אַן אַקטיאָר און שפּעטער אַ רעסטאָראַן־באַזיצער. אין עלטער פון 14 יאָר דעבויטירט מיט דיינע פיינמאַן אַלס „יונגל" אין דער פּיעסע „ליבע און ליידנשאַפט" און זינט דאַמאָלט פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין יידישע פאָרשטעלונגען.

זינט 1925 אַריינגעטראָטן אין פּראָפעסיאָנעל יידישן טעאַטער, צוערשט ביי בלומענטאַלן אין לאָנדאָן, דערנאָך געשפּילט מיט יאָזעף קעסלער אין וואַרשע. 1927־29 — געשפּילט אין לאָנדאָנער יידישן פּאַוויליאָן־טעאַטער ביי קעסלערן, 1930 — אין דרום־אַפריקע און דערנאָך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

מ. ע.

שרה לאַנדאָ — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער ביהנע? „די פּאָסט", לאָנדאָן, 30 דעצ. 1927.

לאָנדאָן, בצלאל

געבוירן 1900 אין אָדעס, אוקראַאינע. שוין אין עלטער פון 10־11 יאָר געמאַכט „צירק־קונצן". נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע, אַריינגעטראָטן אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע „אָוונטן". געלערנט אין דער רוסישער דראַמאַטישער סטודיע פון לאָרענצא און דערנאָך געענדיקט די רוסישע דראַמאַטישע שול.

1920 — אַריינגעטראָטן אין רוסישן טעאַטער „קראַסני פאַקל", 1921־23 - געווען טעטיק אין רוסישן טעאַטער „מאַסאַדראַם", 1923 - אויפן וועג קיין אַמעריקע — געשפּילט 2 יאָר יידיש אין האַוואַנאַ (קובאַ). זינט 1925 — אין ארץ־ישראל, וואו ער באַטייליקט זיך צוערשט אין „תיאטרון עברי", דערנאָך „תיאטרון אמנותי", דאַן „תיאטרון לאומי" און דערנאָך אין די קליינקונסט־בינעס „קומקום" און „המטאטא".

ש. ע.

לאַנדוואָרטה, הענרי מאָריס דר.

[משה־חיים לאַנדווירט]

געבוירן 1 אַפּריל 1886 אין אַנדריכאָוו, גאַליציע. געלערנט אין חדרים אין אָשפּיצין און גמרא ביי ספּעציעלע מלמדים. געענדיקט די פאָלקסשול און דערנאָך אַבסאָלווירט אין ווין די געווערבע־האָכשולע. 1904 — געקומען אין פּאַריז, וואו ער שטודירט גלייכצייטיק מאָלעריי און מעדיצין.

1909 — געקומען אין קאַנאַדע און אַ יאָר שפּעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער גרינדעט די צייטשריפט „דער סאָציאַ־

לער קריעג״, דערנאָך אַרבעט ער מיט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. 1913 — פאַרעפנטלעכט ער אין „אונזער געזונד״ זיין „ערשטע יידישע סטענאָגראַפיע״.

ל. האָט אין די צייטשריפטן טיילמאָל אויך געשריבן וועג יידישן טעאַטער און אויך פון צייט צו צייט געהאַלטן פאָרלעזונגען אויף דער טעמאַ.

1915 — פאַרעפנטלעכט אין שיקאַגאָ זיין 4־אַקטיקע דראַמע „אידעאַל און לײדען״ און אין 1916 געשריבן אין ענגליש אַן איינאַקטער „אַ געבעט פאַר שלום״, וואָס איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן. אין זעלבן יאָר האָט ל. אָנגעשריבן אין יידיש אַן אָפּערע „דער לעצטער קאַמף״. 1929 — אַרויסגעגעבן אין ענגליש אַ בוך לידער אויף יידישע טעמאַס.

ל. פּראַקטיצירט איצט אַלס דר. מעדיצין אין סאַן פראַנציסקאָ.

ש. ע.

לאַנדוי, זישע

געבוירן 1889 אין פלאָצק, פוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג אין חדר און ביי מלמדים, שפּעטער געלערנט פויליש און וועלטלעכע למודים ביי אַ קריסטלעכן לערער.

1906 — אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק און דאָ דעביוטירט אַ פּ יהודה אין „פאָרווערטס״ און שפּעטער געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן. ל. איז איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער אין דער גרופּע „יונגע״.

צווישן אַנדערע ביכער האָט ל. אויך פאַרעפנטלעכט „דער בלויער נאַכטיגאַל, אַ שפּיל אין 3 סצענעס, פ״ג אַמעריקאַ, נ. י., 1923״.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ II, זז. 62-64.

לאַנדוי, חוה

געבוירן 1886 אין בלאשקי, פוילן, ביי חסידישע עלטערן. איר בינע־קאַריערע האָט ל. אָנגעהויבן אין מינסק ביי מ. ח. טיטעלמאַן, דערנאָך געשפּילט אין לאָדזש ביי זאַנדבערג א״נ גאָדלעוויטש. שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס איבער מזרח־און מערב־אייראָפּע.

ש. ע. פון אַדאָלף לעהרער.

לאַנדוי, יהודה־לייב דר.

געבוירן 4 מאַי 1866 אין זאָלאָזצע, ביי בראָדי, גאַליציע כּאָטער - געדרוקט אייגענע העבּרעאישע שירים. געלערנט ביי ר׳ מנחם־יצחק פישמאַן, דער מחבר פון „קשר שבנא״ און „מפּלת סיסרא״, אין לעמבערגער קלויז, ביים זיידען (דער גראַבאָוויצער רב) אין ישיבה, פאַר זיך און אין סאַדיגורער קלויז. 1891 — געענדיקט גימנאַזיע און 1898 — דעם אוניווערזיטעט מיטן טיטל דר. גלייכצייטיק אויך בקומען התרת הוראה פון בית המדרש לרבנים אונטערן רעקטאָראַט פון אריה שוואַרץ, אייזיק־הירש ווייס און מאיר איש־שלום. 1901 — אָנגעקומען אַלס ראַבינער אין מאַנטשעסטער און זינט 1903 — ראַבינער אין יאָהאַניסבורג (דרום־אַפריקע).

זינט 1879 געשריבן שירים, מאמרים און סקיצן אין פאַרשיידענע העבּרעאישע צייטשריפטן פון זיינע פּיעסעס אין העבּרעאיש זיינען דערשינען אין דרוק: „בר כוכבא״ (לעמבערג, תרמ״ד), „אחרית ירושלים״ (לעמבערג, תרמ״ו), „הורדוס״ (לעמבערג, תרמ״ח), „יש תקוה״ (קראָקע, 1893), וואָס איז באַלד דערויף אויפגעפירט געוואָרן אין בראָדי, „דם תחת דם״ (קראָקע, תרנ״ז), „דון יצחק אברבנאל״ (ניו־יאָרק, תרע״ט), „ישראל בעש״ט״ (יאָהאַניסבורג, תרפ״ג) און „לפנים או לאחור״ (ירושלים) [1913 ?].

יידיש אָנגעהויבן שרייבן נאָך אַלס יינגל, און אונטערן רושם פון גאָלדפאַדענס שפּילן אין לעמבערג, באַאַרבעט אויף יידיש זיין העבּרעאישע פּיעסע „הורדוס״ א״נ „הורדוס און מרים״, וועלכע איז אין 1890 געשפּילט געוואָרן דורך גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג (מיט בערטאַ קאַליש און זעליג שאָר אין די טיטל־ראָלן). די פּיעסע איז — לויט בערטאַ קאַליש — אין יענער צייט געווען דער גרעסטער דערפאָלג נאָך „שולמית״ און מען האָט זי יאָרן לאַנג געשפּילט אויף דער יידישער בינע אין גאַליציע. די פּיעסע איז אויך דערשינען אין דרוק „קעניג הורדוס, אַ היסטאָרישע דראַמע אין 5 אַקטען פערפאַסט און געדרוקט העבּרעאיש אים יאהרע 1887, און יעצט איבערזעצט אין זאַרגאָן פון דר. י. ל. לנדא, לאָנדאָן 1901״ [49 ז. 16ּ]. אויף אַ צווייט זייטל איז נאָך צוגעגעבן: „בעהאַנדעלט איינע פון דיא גרעסטע פעריאָדען אין דער אידישער געשיכטע אין דער צייט פון דעם גרויסען קעניג הורדוס. פערפאַסט פון דעם בעוואוסטען דיכטער ראַבינער דר. י. ל. לנדא און הערויסגעגעבען פון ר. מאזין״, מיט אַ בריוו פון מחבר צום פאַרלעגער אַלס הקדמה. די פּיעסע איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער״ אין קליוולאַנד, אַמעריקע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 65-68

בערטאַ קאַליש — [זכרונות] — „דער טאָג״, נ. י., 20 מאַי 1925.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 263.

הרב פּראָפ. דר. יהודה לייב לנדאָ — אַ בינטעל זכרונות אויס דעם אַלטען גאַליציען, „דער מאָרגען״, לעמבערג, 750, 1929.

לאַנדוי־קלעקוי, משה

[געב. ...186 — געשט. 1914]

געבוירן ...186 אין וולאָצלאַוועק, פּוילן. עלטערער ברודער פֿון שמואל לאַנדוי. צוגעצויגן געוואָרן צום יידישן טעאַטער בעת די גאַסטראָלן פֿון יעקב פּ. אַדלער אין פּוילן. לויט אַן אַפֿיש [אין אַרכיוו פֿון יידישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אין פּוילן] איז צו זען, אַז דעם 9 סעפּטעמבער 1888 האָט ל. געשפּילט אין וואַרשעווער טעאַטער „בוף“ אַלס „קאָמיסאַר“ אין שייקעוויטשעס פּיעסע „דער טרייפֿניאַק“ (די טרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַדלער, פֿישקינד, טאַנצמאַן, טאַבאַטשניקאָוו א. א.). אַפּנים, אַז פֿון קליינע ראָלן איז ל. באַלד אַריבער צו גרעסערע געזאַנג־ראָלן, ווייל לויט אַ צווייטן אַפֿיש [אין זעלבן אַרכיוו] פֿון 21 מערץ 1889 אין סאָסנאָוויץ שפּילט שוין ל. די טיטל־ראָל „בר כּוכבא“ (מיט טאַנצמאַן און שליפּערשטיין).

פֿון יידישן טעאַטער גייט ל. איבער אין דער פּוילישער אָפּערעטע פֿון קאָשטשעלסקי אין לאָדזשער וויקטאָריאַ־טעאַטער. דאָ טרעט ער אַרויס א׳נ ראָמאַן קלעקוי. דערנאָך פֿאָרט ער קיין וואַרשע, וואו ס׳הערט אים זינגען פּראָפֿ. האָרבאָווסקי און נעמט אים באַלד אַריין צו זיך אין קאָנסערוואַטאָריע. ל. טרעט איינגיכן אַרויס אין וואַרשע אין דער פּוילישער אָפּערע אין אַזעלכע ראָלן ווי „אַמאָנאַטרא“ אין „אַאידאַ“ א. ד. ג

כּדי אויסצומיידן שמד, פֿאַרלאָזט ל. די פּוילישע אָפּערע, פֿאָרט אָפּ קיין איטאַליע און טרעט אַריין אין דער מילאַנער אָפּערע. דערנאָך שפּילט ער אין פֿאַרשיידענע אָפּערע־טעאַטערס אין אייראָפּע, ביז לסוף פֿאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע.

אין 1914 איז ל. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

פֿון זיין ברודער שמואל לאַנדוי.

לאַנדוי־קלעקוי, שמואל

געבוירן 9 אויגוסט 1882 אין וולאָצלאַוועק, פּוילן. עלטערן - סוחרים. געענדיקט אַ פּראָגימנאַזיע און נאָך אַלס שילער געשפּילט פּויליש מיט „ליבהאָבער“. אין 1900 א׳פּ „סטאַלסקי“ אַריינגעטראָטן אין אַ פּוילישער אָפּערעטעס־טרופּע אין לאָדזש. שפּעטער אַריבער שפּילן אויף דייטש אין דאָרטיקן דייטשן טעאַטער (דיר. — ראָזענטאַל). פֿון דאָרט צוריק אויף דער פּוילישער בינע (דיר. — מאַרעצקי) און דערנאָך אין גרובינסקיס אָפּערעטעס־דראַמאַטישער טרופּע אין וואַרשע.

1905 — געשפּילט אין וואַרשעווער לודאָווי־טעאַטער (דיר. — מישקאָווסקי) און נאָכדעם אין דער פּוילישער אָפּערע, וואו ער זינגט אייניקע הויפּט־ראָלן. דערנאָך גייט ל. איבער אין יידישן טעאַטער („נאָווי“ אין וואַרשע אויף קרולעווסקאַ גאַס), וואו ער דעביוטירט אין „יהודה און איזראַעל“. זינט דאַמאָלט שפּילט ל, מיט געוויסע הפסקות, אויף דער יידישער בינע אין די אָנגעזענסטע

טרופּעס: ביי קאַמינסקי, אין לאָדזשער גרויסעס טעאַטער (דיר. — י. זאַנדבערג), אין צענטראַל־טעאַטער אין וואַרשע, וואו ער רעזשיסירט אויך די פּיעסעס „דר. שטיגליץ“ און (צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוו) „מאָטקע גנבֿ“ פֿון שלום אַש, שפּעטער אין „וויקט“, דערנאָך אין אַנדערע יידישע טרופּעס אין פּוילן.

ל. האָט שטודירט רעזשי און טעאַטער־קונסט ביי זשעלאַזאָווסקי און גרובינסקי.

ער איז איינקע מאָל געווען פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון יידישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אין פּוילן און אַ געוויסע צייט איר וויצע־פֿאָרזיצער.

ל. האָט איבערזעצט אויף יידיש קראַשעווסקיס „ציגאַנקאַ אַזאַ“, „דאָס בינטל משוגעים“ פֿין לויפּס, „פּעטרא קאַרוזאַ“ פֿון ראָבערטאָ בראַקאַ און „די צוויי טויבע“ פֿון מאָאַנאַ. אַלע זיינען געשפּילט געוואָרן.

ל׳ס ברודער, משה, איז געווען אַן אָפּערעס־זינגער און אַ געוויסע צייט געשפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

ווער זיינען אונזערע שוישפּילער? „טא״ק“, לאָדזש, 4, 1922.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921 [אין די רעצענזיעס].

שמואל לאַנדוי — ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר, „טעאַטער“, וואַרשע, 2, 1925.

י. ב. ט. — יידישע אַקטיאָרן וועגן זיך, „ליטבל״ט“, וואַרשע 124, 1926.

מ. ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע“, וואַרשע, 1926, II זז. 12־13.

לאַנדמאַן, דר.

דעם 12 אָקטאָבער 1917 איז אין אַדלערס גרענד־טעאַטער אין ניו־יאָרק אויפֿגעפֿירט געוואָרן „דער גרויסער קאַמף פֿון דר. לאַנדמאַן, אויפֿגעפֿירט דורך יעקב פּ. אַדלער“ מיט אַדלערן אין דער ראָל „דוד בוכמאַן“.

וועגן דער פּיעסע זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן רעצענזיעס כּמעט אין דער גאַנצער יידיש־אַמעריקאַנער פּרעסע.

י. ענטין — דער „גרויסער קאַמף“ אין אַדלערס גרענד טהעאַטער, „די וואַרהייט“, נ. י., 17 אָקט. 1917.

משה נאַדיר — טהעאַטעריי, „דער גרויסער קונדס“, נ. י., 19 אָקטאָבער 1917.

דר. וואָרטסמאַן — „דער גרויסער קאַמפּף“, „דער טאָג“, נ. י., 20 אָקט. 1917.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא׳ש“, נ. י., 3 נאָוועמבער 1917.

לאַנדמאַן, הערי

געבוירן 13 מאַי 1889 אין דונאַיעוו, גאַליציע. פֿאָטער — אַ תּבֿואה־סוחר. געלערנט אין חדר און ביים רבֿ. געענדיקט אַ פֿאָלקסשול. באַטייליקט זיך אין די „פּורים־שפּילן“ אין שטעטל, שפּעטער געהאַנדלט אויפֿן דאָרף.

1907 — צוליב מיליטער־סבּות — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט די ערשטע צייט אין אַ שאַפּ, דערנאָך פֿאַר

זיך, פרובט שרייבן און דרוקט אייניקע זאַכן אין „קונדס".

1909 – אַריינגעטראָטן אין „די ליטעראַרישע פאָלקס-בינע", וואו ער ווערט רעזשיסער, שפּילט די הויפּט-ראָלן אין די פּיעסעס, על פּי רוב הירשבייןס, און ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק. אָבער אַליין נישט האָבנדיק קיין אמונה אין זיין שפּילן, ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער.

1916 – אַ מיטשותּף (מיט דזשייקאָבס און הערי קאָן) אין ברוקלינער נאָוועלטי-טעאַטער, וואָס שליסט זיך נאָך 6-7 חדשים און זינט 1931 – מיטמענעדזשער פון יידישן טעאַטער אין דעטראָיט.

ל. איז געווען עקזעקוטיוו-מיטגליד אין דער יידישער וואָדעווילוניע (לאָקאַל 5) און האָט מיטגעהאָלפן צו דער פאַראייניקונג פוןביידע יוניעס.

ל. האָט (צוזאַמען מיט יוליוס מייקעלזאָן) געשריבן די מעלאָדראַמעס „די אָפּגענאַרטע פרוי" (אויפגעפירט אין האַרלעמער לענאָקס-טעאַטער) און „דער שטומער עדות" (אויפגעפירט אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער).

מ. ע.

לאַנדכמאַן, ווילע

געבוירן 18 נאָוועמבער 1886 אין בענדין, פוילן. פאָטער – אַ שניידער. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר און דערנאָך געלערנט זיך ביי אַ שטובן-מאָלער. 1905 – געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און גלייכצייטיק אָנגעפירט, רעזשיסירט און געשפּילט מיט די פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן אין סאָסנאָוויץ און אין אָרטיקן „הזמיר".

1919 – אויסגעוואַנדערט קיין מעץ, עלזאַס-לאָטרינגען, און דאָ געגרינדעט דעם יידישן קולטור-פאַראיין ווי אויך אַ דראַמאַטישן קרייז ביים פאַראיין, מיטגעשפּילט און געווען בינע-פאַרוואַלטער אין די פאַרשיידענע גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס און געגרינדעט, צוזאַמען מיט קרויזע און קעסלער, די טעאַטער-געזעלשאַפט „הבימה", וואו ער איז דערנאָך געווען פּרעזידענט.

ש. ע.

לאַנדעס, לעאָנאַרד דר.

האָט אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע בראָשורן און ביכלעך וועגן געשלעכטס-ענינים מיט עצות קעגן שוואַנגערשאַפט א. ד. ג.

אויסנוצנדיק די שווערע מאַטעריעלע לאַגע, אין וועלכער אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך געפונען אין זיינע לעצטע יאָרן אין אַמעריקע, האָט ל. ביי אים געפּועלט אָנצושרייבן אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו, וועלכן ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַלס אַנאָנס אין דער יידישער פּרעסע און אים אויך געדרוקט אַלס פאָרוואָרט צו זיינע ביכלעך וועגן סעקסועלע ענינים.

ל. האָט פאַרעפנטלעכט זיינס אַ באַאַרבעטונג פון בריעס „לע אַווירע" א׳נ „דעמעדזשד גודס, דיא איבעראַרבייטונג פון יודזשין ברויע׳ס וואנדער דראַמע, צוגעפּאַסט צו אידישען לעבען פון דר. לעאָנאַרד לאַנדעס" [ניו-יאָרק, 1915, 73 ז. 16°]. די זעלבע פּיעסע איז אין 1913 אויך דערשינען אין דער יידישער איבערזעצונג פון דר. ב. ליבער א׳נ „די בעשעדיגטע".

ל. האָט אויך פאַרעפנטלעכט: „דר. לואיס, דראַמא אין איין אַקט פון דר. לעאָנאַרד לאַנדעס, איינלייטונג צו דער פּיעסע „דעמעדזשד גודס" [ניו-יאָרק, 1915, 30 ז. 24°].

[–] ענדליך פּטור געוואָרען פונם פעיקיר דר. לאַנדעס, „פאָרוו.", נ. י., 25 פעברואַר 1927.

משה שטאַרקמאַן – מאַטעריאַלן פאַר אברהם גאָלדפאַדענס ביאָגראַפיע, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, ז. 275.

זלמן זילבערצווייג – א. גאָלדפאַדענס לעצטע טעג אין אַמעריקע, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 7 אַפּריל 1933.

לאַנצמאַן, זקן זרח-פּלטיאל

געבוירן 1866 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער – אַ רייזענדער פאַר אַ האָלץ-פירמע. געלערנט אין חדרים און אין אַ פּוילישער שול. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים און אַ נייגונג צו נגינה, איז ל. געוואָרן אַ זינגער אויף בריתן און חתונות און דערנאָך אַ יידישער פאָלקס-זינגער. שפּעטער אַריינגעטראָטן אַלס זינגער און טענצער אין אַן אוקראַאינישער טרופּע און פון דאָרט איבערגעגאַנגען אַלס כאָריסט און טענצער אין די יידישע טרופּעס פון פישזאָן און ספּיוואַקאָווסקי.

1905 – אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אין כאַראַקטער-ראָלן אין ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלערס טרופּע אין פּעטערבורג, דערנאָך געשפּילט מיט דער טרופּע אין וואַרשע, שפּעטער ביי קאַמינסקין און אייניקע יאָר ביי זאַנדבערגן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, דערנאָך אַליין אָנגעפירט מיט טרופּעס איבער׳ן דער פּוילישער פּראָווינץ, ביז צו דער וועלט-מלחמה, ווען ער באַזעצט זיך אין רוסלאַנד, וואו ער טרעט שוין זעלטן אַרויס אויף דער בינע, זייענדיק אַ געוויסע צייט דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין אירקוטסק, סיביר.

מ. ע. פון פעלאַ לאַנצמאַן.

לאַנצמאַן, פעלאַ

[זע שומסקאַ פעלאַ]

לאַסטער, הערמאַן



געבוירן אין סטעצאָוו, גאַליציע. געלערנט אין חדר און אין „באַראָן הירש"-פאָלקס-שול אין האָראָדענקאָ און אויך ביי פּריוואַטע לערער.

1915-18 – עוואַקוירט געוואָרן מיט דער פאַמיליע קיין בעהמען, וואו ער לערנט ווייטער. 1918 – צוריקגעקומען און געוואָרן „אַ גרענעץ-סוחר". 1923 – עמיגרירט קיין אַרגענטינע, וואו ער אַרבעט אייניקע יאָר ביי אַ סטאָלער. 1925 – אַלס אַקטיווער

מיטגליד אין גאַליציאַנער לאַנדסלייט־פאַראיין, מיטגעגרינדעט דאָרט אַ קולטור־קאָמיסיע און אַ דראַמקרייז, וואו ער דעביוטירט אַלס „חיים־לייב" אין שלום־עליכמס „אַ דאָקטאָר", דערנאָך געשפּילט אין אַנדערע איינאַקטערס און זיך באַטייליקט אין אַנדערע דראַמ־קרייזן. שפּעטער אַ מיטגרינדער פון דער דראַמשול „יונג אַרגענטינע", וואו ער איז סעקרעטאַר א׳פּ ה. לאַמעד און שילער־שוישפּילער א׳פּ ל. הערמאַן.

אַלס פּראָפעסיאָנאַל דעביוטירט א׳ד פון א. מידע בעת די גאַסטראָלן פון מאָריס שוואַרץ און זינט דאַמאָלט שוין פאַרבליבן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין אַרגענטינער יידישן טעאַטער, וואו ער באַטייליקט זיך אויך אין דעם טורנעע איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ בעת די גאַסטראָלן פון יעקב בן־עמי און יעקב מעסטעל.

ש. ע.

לאַסקאַ, בראָניאַ

געבוירן 3 אויגוסט 1894 אין לאָדזש, פּוילן. באַקומען אַן אָרטאָדאָקסישע דערציאונג, געלערנט אין יאַראָטשינסקיס שול און אין פּאָזנאַנסקיס אָוונט־שול.

אונטערן איינפלוס פון איר שוועסטערס שפּילן אויף דער דייטשער בינע אין לאָדזש, געוואָרן צו 15 יאָר אַ כאָריסטקע אין יידישן טעאַטער. נאָך אַ קורצער צייט פאָרט זי אַרויס קיין פּינסק, וואו זי ווערט פּרימאַדאָנע אין פּיוווישאָווס טרופּע. צוריקגעקומען אין לאָדזש, טרעט זי אַריין אין אָרטיקן יידישן טעאַטער (דיר. — י. זאַנדבערג) און האָט דאָ די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירנדיקע אַמעריקאַנער־יידישע אַקטיאָרן מאַלווינע לאָבעל, עליאַס ראָטשטיין, לעאָפּאָלד קאַנער, קלאַראַ יאָנג און די ענגליש־יידישע אַקטיאָרן שערמאַן, וואַקסמאַן און פּעני וואַדיאַ עפּשטיין.

1914 — געשפּילט אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער (דיר. — אַדלער־סיעראָצקי), 1916 — אין וואַרשעווער יידישע טעאַטערס, 1917 — געפאָרן קיין אוקראַאינע און דאָרט געשפּילט ביי קלאַראַ יאָנג, 1919־22 — געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין, 1922 — אַריינגעטראָטן אין „קונסט־ווינקל", וואו זי שפּילט ביז 1927, 1928 — געשפּילט מיטן גאַסטראָלירנדיקן יוליוס אַדלער און 1929 — אין אַלאוקראַאינישן מלוכה־טעאַטער פון קליינע פאָרמען „געזקולט" אין כאַרקאָוו. זינט 1930 זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און זיך אָפּגעגעבן מיט דראַמאַרבעט אין קלובן.

ל. האָט געענדיקט די קיעווער 3־יאָריקע מלוכה־קורסן פאַר פרעמדע לשונות אַלס איבערזעצערין און האַנדלס־קאָרעספּאָנדענט, דעם קיעווער דראַמאַטישן אינסטיטוט א״נ ליסענקאָ און איבערגרייט־קורסן פאַר קלוב־רעזשיסאָרן פון דראַמ. אַרבעט.

אין 1910 האָט ל. אַריינגעזונגען אין גראַמאָפאָנען אין לאָדזש און אין 1912 אין ווילנע.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

לאַסקאָווסקי, פיליפּ

געבוירן 17 יולי 1889 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ ראַדזימינער חסיד, אַ וואַלד־סוחר. געלערנט ביי מלמדים און לערער אין דער היים און אַלס ייִנגל געזונגען ביי אַ חזן.

ל.׳ס ברודער — אַ מוזיק־פּראָפעסאָר — נעמט אים אונטער זיין השגחה און לערנט אים שפּילן, מיטן פּלאַן צוצוגרייטן אַלס מיליטער־קאַפּעלמייסטער, און צוליב פּראַקטיק גיט ער אים די מעגלעכקייט, אין עלטער פון 13 יאָר, איינצושטודירן די אָפּערעטע „בוסתנאי" ביי קאַמינסקי. ל. בלייבט דערויף 2 יאָר כאָר־דיריגענט, דערנאָך האָט ער די געלעגנהייט צו שפּילן מיט שטראַספּאָגעלן אַלס „אורח" אין איינאַקטער „דער מאַן אונטערן טיש" און פאַרבלייבט שוין אַלס אַקטיאָר ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, אַרומפאָרנדיק מיט פאַרשיידענע יידישע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד.

בעת די דייטשע אַרמיי פאַרכאַפּט וואַרשע און עס ווערט דאָרט אָרגאַניזירט דאָס „צענטראַל"־טעאַטער, טרעט ל. דאָרט אַריין אַלס אַקטיאָר און באַטייליקט זיך אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער אין די דאַמאָלט אויפגעפירטע אייראָפּעאישע אָפּערעטעס. אייניקע פון זיי, ווי „די קינאָ קעניגין", „דער וועג צום גליק" און די „טאָלע קאָמטעסע", איבערזעצט ל. פון דייטש אין יידיש.

ערב דער וועלט־מלחמה פאַרפאַסט ל. זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע צו נאָזשיקס אָפּערעטע „דוואָשע די סופּראַזשיסטקע", וועלכע ווערט געשפּילט איבער רוסלאַנד און פּוילן. דערנאָך שרייבט ער (צוזאַמען מיט בעלזאַצקי) די מוזיק צו י. ל. וואָהלמאַנס אָפּערעטע „דער שטרויענער אלמן" און צו דער אָפּערעטע „די וואַרשעווער יוגנט".

צוליב מיליטער־סיבות פאַרלאָזט פּוילן און 1921 געקומען אין אַמעריקע, וואו ער ציט זיך צוריק פון שפּילן אויף דער בינע און גיט זיך אָפּ מיט דיריגירן אין יידישן טעאַטער, שרייבן קאָמפּאָזיציעס צו די לידער אין די אויפגעפירטע מעלאָדראַמעס און קאָמפּאָזיציעס צו פולע אָפּערעטעס.

ל. האָט צ׳א געשריבן די מוזיק צו די אויפגעפירטע אָפּערעטעס: „דער גרינער מלמד", „די גרינע קוזינע", „בר מצוה" און „חד גדיא" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, „אין רבינ׳ס הויף" פון נעסטאָר, „דער מאַמעס געליבטער" פון ה. קאַלמאַנאָוויטש, „אברהמלע מלמד" און „פאַרלאַנגט אַ חתן" פון ס. ה. קאָן און „די קעניגין פון מיין האַרץ" פון סיגעל.

1929־30 — איז ל. געווען דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין פּראָספּעקט־טעאַטער, 1930־31 — אין האָפּקינסאָן־טעאַטער און דערנאָך אין וויניפּעג (קאַנאַדע). 1931־32 — אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט־טעאַטער און 1932־33 — אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער.

מ. ע.

לאַסקי, מאַקס

געבוירן 1895 אין וואַרשע פּוילן. פּאַטער — אַ שמש. געלערנט אין חדר. אַלס קינד מיטגעשפּילט אין דער „קינדער-טרופּע“ אין מוראַנאָווער טעאַטער.

1907 — געקומען צו אַ שוועסטער אין אַמעריקע, געלערנט אין אָוונט-שול און געוואָרן אַ שטוב-מאָלער. צוליב נייגונג צו דער בינע געוואָרן אַ מיטגרינדער פון „היברו דראַמאַטיק קלאָב“, וואו ער דעביוטירט אַלס „יעקב ענמאַן“ אין דימאָווס „שמע ישראל“. נאָכן שפּילן דאָרט 4 יאָר, אַרומגעפאָרן בערך 3-4 יאָר אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר מיט שייקעוויטשן איבער דער פּראָווינץ.

שפּעטער איז ל. צוריק געוואָרן אַ מאָלער, געדינט אין קריגס-צייט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און נאָכדעם אַרומגעפאָרן שפּילן יידיש טעאַטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און געווען מיטגרינדער פון דער „אייראָפּעאישע קאָאָפּעראַטיווע יידישע טרופּע“, וועלכע האָט אין אָנהייב געשפּילט אין ניו דזשוירסי, דערנאָך אין ניו-יאָרקער גרענד-טעאַטער, אין קאַרוזאָ (ליפּצין) טעאַטער און זינט 1931 אין בראָנקסער מעקינלי-סקווער-טעאַטער.

מ. ע.

לאַפּיס-וואָלקענשטיין, ריווקע

[ריטע לילינאַ]



געבוירן 21 סעפּטעמבער 1890 אין גלוכאָוו, טשערניג. גוב. אוקראַאינע. פאָטער — אָנגעשטעלטער. געענדיקט גימנאַזיע איז ל. אַרויסגעפאָרן קיין ריגע, וואו זי האָט געאַרבעט אַלס געהילף-פּראָוויזאָר אין אַן אַפּטייק.

1909 — אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ריגע, צוליב וואוינרעכט, און איבערגעוואַנדערט קיין אָלטשעווסק (דאָנבאַס) צו אירער אַ שוועסטער, מיט וועלכער זי באַזוכט אָפט די פאָרשטעלונגען פון מישוראַטס גאַסטראָלירנדיקער טרופּע. באַקומען אַ נייגונג צו דער בינע, נעמט זי אָן מישוראַטס פאָרשלאַג און טרעט אַריין צו אים אין כאָר און אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט זי די פּרימאַדאָנע פון דער טרופּע.

במשך פון 20 יאָר שפּילט ל. אין פאַרשיידענע טרופּעס און איז די ערשטע אויפצוטרעטן אין שטח פון רוסלאַנד אין די הויפּטראָלן פון אַ ריי אייראָפּעאישע אָפּערעטעס ווי „סילוואַ“, („טשאַרדאַש-פירשטין“), „באַיאַדערע“, „קאָלאָמבינאַ“, „שושנה“, „די פריילעכע אַלמנה“, „גראַף לוקסעמבורג“, „די געהיימניס פון האַרעם“ א. א.

ל. איז די פרוי פון טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ וואָלקענשטיין און וואוינט לעצטנס אין קיעוו, וואו זי טרעט אַרויס נאָר פון צייט צו צייט אויף קאָנצערטן מיט יידישע פאָלקס-לידער.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

לאַקס, אַברהם

געבוירן 16 אויגוסט 1899 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ העברעאישער לערער. געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ 4 קלאַסיקע שטאָטישע שול. ביז 15 יאָר געזונגען אין כאָר פון נאָזשיקס שול. צוליב מאַטעריעלע סיבות אַריינגעטראָטן אין קריגס-צייט אַלס קופּלעטיסט אין די וואָדעוויל-הייזער און פון דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער לובלינער יידישער טרופּע פון שלמה הערשקאָוויטש.

1922 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ געשפּילט אַלס פּאַטקאָמיקער איניקע סעזאָנען ביי משה שאָר, 1927-28 — אין דעטראָיט ביי ליטמאַן, 1928-29 — ביי גליקמאַן (שיקאַגאָ), 1929-30 — אין לי ריק (ניו-יאָרק), 1930-31 — אין „טשיין“ (באָסטאָן, מיט נייטאַן גאָלדבערג), 1931-32 — אין ברוקלינער אַמפּיאָן-טעאַטער, 1932-33 — אין קאַנאַדע.

דעם 31 מערץ 1931 איז ל. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניאָן.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים׳ער אויף דער אידישער ביהנע, „מאָז׳ש“, ג. י., 31 יאַנ. 1930.

לאַקס, יצחק

[געב. 2 אָקט. 1888 — געשט. 6 סעפּט. 1930]

געבוירן 2 אָקטאָבער 1888 אין ליפּנאָ, פּלאָצקער גוב., פוילן, ביי חסידישע עלטערן. געלערנט גמרא און באַקומען וועלטלעכע בילדונג, דערנאָך שטודירט מאָלעריי. 1903, צוליבן אַריינוואַרפן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איבערגעריסן דאָס שטודיום און איניקע יאָר אַרומגעוואַנדערט איבער מערב-אייראָפּע. 1911 — דעביוטירט מיט סקיצן און דראַמאַטישע סצענעס אין דער ניו-יאָרקער „פרייע אַרבייטער שטימע“, רייזענס „נייע לאַנד“, „די וועלט“ און „אַרבייטער-פריינד“ אין לאָנדאָן.

ל. באַטייליקט זיך אין דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“ אין פּאַריז און דערנאָך ווערט ער אַ מיטגרינדער אין „ליטעראַריש-דראַמאַטישער פאַראיין“, וואו ער סופלירט אויך. 1912 — געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער אין דער טרופּע פון דזשעני קייזער, אייזיקאָוויטש א. א. 1913 — מיטגעווירקט 6 חדשים אין יעקב ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע אין שווייץ, דערנאָך ווידער אין פּאַריז ביי מאָריס אַקסעלראַד, פאַר וועמענס טרופּע ער זעצט איבער זאָלאַס „טערעזאַ ראַקען“ און הייערמאַנסעס „געטאָ“, וועלכע ווערן אויפגעפירט.

נאָך אַ קורצער הפסקה, צוליב דער מלחמה ווערט דאָס יידישע טעאַטער אין פּאַריז געעפנט אין 1915 מיט ל.׳ס אַדאָפּטירטער פּיעסע „די אומשולדיקע ליידן“ (לויט אָסטראָווסקיס „בעז ווינע ווינאָוואַ-

טי״). 1918 — פירט אויף ל. מיט „ליבהאָבער״ זיין דראַמע „די ליבע״, דערנאָך ראַסינס „אסתר״ אין אַ יידישער איבערזעצונג.

אויף אַ קורצער צייט ציט זיך ל. צוריק פון טעאַטער און ווידמעט זיך צו זשורנאַליסטיק 1923 - זייענדיק סופלער אין בלומענטאַלס טרופע — רעדאַקטירט ער דאָרט די קליינע טעאַטער־שריפט „אונזער טעאַטער״ — „אונזער לעבן״ [פאַריז, 27 נומערן, 19 סעפט. 1923 — 21 אַפריל 1924], שפּעטער — סופלער אין בורשטיינס טרופּע — אָרגאַניזירט און רעדאַקטירט ער דאָס וואָכנבלאַט „פאַריזער בינע״ און דערנאָך אַ קורצע צייט די חודש־זשורנאַלן „דער טעמפּל״ און „דער געדאַנק״.

1925 — פירט ל. אויף אין גלאָקן־טעאַטער זיין דראַמאַטיזירונג פון הוגאָס „דער גבור אין קייטן״ און אין 1926 אין טעאַטער „די טאַמפּל״ זיין אייגענע דראַמע „אייגן בלוט״.

ל. איז די לעצטע יאָרן געווען סופלער אין די יידישע טרופּעס אין פאַריז

דעם 6 סעפּטעמבער 1930 איז ל. געשטאָרבן אין פאַריז.

ש. ע.

נ. פראַנק — יצחק לאַקס, „פאַריזער היינט״, פאַריז, 8 סעפּטעמבער 1930.

[—] — די לויה פון אַן איינזאַמען מענשען, „פאַריזער היינט״, פאַריז, 10 סעפּט. 1930.

לאַקסער, סאַבינאַ (שרה)

[געב. 1871 — געשט. 18 אַפּריל 1927]

געבוירן 1871 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — באַזיצער פון אַן אַנגראָ־קאָלאָניאַל־געשעפט. באַזיצנדיק טאַנץ־פעאיקייטן ווערט זי, אַלס קינד, אַריינגעפירט פון שכנותדיקן אַקטיאָר מאָגולעסקאָ צו גאָלדפאַדענען, וועלכער נעמט זי צו דערציען, לאָזט זי שטודירן פּיאַנאָ און נעמט זי אויך מיט אויף זיין טורנעע קיין רוסלאַנד, וואו זי באַטייליקט זיך אין 1879 אין די דיוועטיסמענטן נאָך די פאָרשטעלונגען.

אויף דער איניציאַטיוו פון איר פעטער טרעט זי אַריין אין אַ דראַמאַטישער שול, וואו זי לערנט 4 יאָר. אירע ערשטע בינע־אויפטריטן אַלס יוגנטלעכע ליבהאָבערין מאַכט ל. אין לאָובע און פאָרט אַרום איניקע יאָר איבער עסטרייך און דייטשלאַנד, שפּילנדיק אין דער דייטשער שפּראַך.

צוריקגעקומען אין רומעניע, טרעט ל. אויף, אונטער איר אייגענעם נאָמען, אויף דער רומענישער בינע און ווערט אַנגאַזשירט אין קעניגלעכן טעאַטער אין יאַסי, אָבער נאָכן שפּילן דאָרט 9־8 יאָר אַלס דראַמאַטיסטין פאַרלאָזט זי, צוליב אַנטיסעמיטיזם, די רומענישע בינע.

בערך 1903 ווערט ל., דורך עדעלשטיינען, געבראַכט אין אַמעריקע אַלס פּאַרטנערין צו מאָריס מאָריסאָן, אָבער אַזוי ווי די אַקטיאָרן־יוניע דערלויבט איר נישט אויפצוטרעטן אין ניו־יאָרק, פאָרט זי קיין באָסטאָן, וואו זי טרעט אַרויס ביי זילבערטן אַלס דראַמאַטיסטן און שפּילט דאָרט מיט גרויס דערפאָלג. אויפן צווייטן סעזאָן, בלייבנדיק אין זעלבן טעאַטער, האָט ל. חתונה מיטן קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט יאָזעף רומשינסקי און ווערט אַנגאַזשירט אַלס דראַמאַטיסטין צו טאָמאַשעווסקין אין ניו־יאָרקער פּיפּלס־טעאַטער. דאָ שפּילט זי 3־2 סעזאָנען און האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט קעסלערן די ראָלן פון דער אָפּוועזנדער בערטאַ קאַליש („סאַפאָ״ און „עטי״ אין „קרייצער סאָנאַטאַ״) און צוזאַמען מיט קעסלערן אין דוד פּינסקיס „יעדער מיט זיין גאָט״.

ל. איז אויך אויפגעטראָטן אין די פּיעסעס „דער אמת״ פון זאָלאַטאַרעווסקי און אין ראַקאָווס „די משומדת״, וועלכע זיינען ספּעציעל פאַר איר געשריבן געוואָרן

צוליב דער דערציאונג פון איר קינד, האָט ל. אויף 10 יאָר זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און איז דערנאָך אַרויסגעטראָטן אין ראָלן פון גראַנד־דאַמען ביי טאָמאַשעווסקין אין נעשאָנאַל־טעאַטער און סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

דעם 18 אַפּריל 1927 איז ל., נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געקומען צו איר אייביקער רו אויפן הר־ציון־בית־עולם.

ל.׳ס זון, מאָרי רומשינסקי, איז אַ פּיאַניסט אין יידישן טעאַטער און שרייבט פון צייט צו צייט קאָמפּאָזיציעס.

לויט יאָזעף רומשינסקי האָט ל. באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט איר קלאָרער דיקציע אין אַלע שפּראַכן, אין וועלכע זי האָט געשפּילט.

ב. באָטווינִיק כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „שיין, איידל, אינטעליגענט, קלוג, מענטשלעך פילנד און ווירדיק האָט זי אויסגעזען. האָט זי זיך אַזוי באַנומען סיי אין פּריוואַטן לעבן, סיי אויף דער בינע. אין אירע באַנעמונגען, אין איר אויסזען, אין איר שטימע, האָט זיך געפילט די שטילע ווירדיקייט פון אַ פּרינצעסין, איר איז שטענדיק געווען דערווידער די וואולגאַריטעט פון מאַנכע אַקטריסעס אויף דער בינע און אין פּריוואַטן לעבן״.

מ. ע. פון יאָזעף רומשינסקי.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, I, ז. 200.

ב. וויינשטיין — אַ קליינע מיידעלע טרעט אויף מיט אברהם גאָלדפאַדען אין אָדעס, „פאָרוו.״, נ. י., 18 אַפּריל 1924.

ב. באָטווינִיק — פּרינצעסין אָפעליאַ איז אַוועק פון יידישן טעאַטער, „דער וועקער״, נ. י., 21 מאַי 1927.

לאַרעס, יהודית

[רבקה חאַנענזאָהן]

[געב. 1882 — געשט. 24 יולי 1926]

געבוירן 1882 אין ווילנע, פויליש־ליטע, וואו זי האָט געענדיקט די מאַרינסקאַיאַ גימנאַזיע און אַריינגעטראָטן אין אַ רוסישער וואַנדער־טרופּע, מיט וועלכער זי האָט געשפּילט איניקע יאָר ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, ווען די טעאַטערס האָבן אויפגעהערט שפּילן. דאַמאָלט האָט ל. צוריקגעקערט קיין ווילנע און זיך אָנגעשלאָסן אין „פאד׳א״ (די שפּעטערדיקע „ווילנער טרופּע״), וועלכע האָט זיך נאָר וואָס געגרינדעט, און איז באַלד געוואָרן איינע פון אירע איבערגעגעבנסטע מיטגלידער.

צוליב איר שלעכטער יידישער אויסשפּראַך האָט מען איר די ערשטע צייט געמוזט געבן נאָר קליינע עפּיזאָדן־ראָלן, אָבער מיט דער פאַרבעסערונג פון דער אויסשפּראַך איז זי באַלד איבערגעגאַנגען צו גרעסערע ראָלן.

ל. איז — לויט ל. קאַדיסאָן — געווען די „פאַנאַטיקערין" פון דער טרופּע: 10 יאָר אומדערמידלעכע אַרבעט האָט ל. אָפּגעגעבן פאַרן טעאַטער און האָט, כּדי מיטצומאַכן דאָס וואַנדער־לעבן פון דער טרופּע, פאַרלאָזט איר פאַמיליע־לעבן און מיטגעמאַכט דעם טורנע איבער ליטע, פוילן און רומעניע, און וואַנדערנדיק איבער טראַנסילוואַניע, איז זי קראַנק געוואָרן. די טרופּע, וועלכע האָט געמוזט ווייטער פאָרן שפּילן, האָט איבערגעלאָזט די קראַנקע, אין באַגלייטונג פון לובאַ קאַדיסאָן, אין שטעטל אראד (טראַנסילוואַניע), וואו זי איז דעם 24 יולי 1926 געשטאָרבן. „די ווילנער טרופּע" האָט איר דאָרט געשטעלט אַ מצבה.

ל.׳ס בעסטע ראָלן זיינען געווען: „פריידע" אין אַנ־סקיס „דבוק", „די רביצין" אין אַנ-סקי־קאַציזנעס „טאָג און נאַכט", „כיענע" אין הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע", „פרומע" אין קאָבּרינס „דער דאָרפסיונג", „קנערציע" אין הייערמאַנסעס „פאַרלוירענע האָפענונג", „אסתּר" אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", „די מומע" אין פּינסקיס „יאַנקל דער שמיד", „די הינער־פאַרקויפערין" אין דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער" און „נאַסטיאַ" אין גאָרקיס „אָפּגרונד".

וועגן דערדאָזיקער ראָל האָט ל. אַמאָל דערקלערט פאַר אַ רעפּאָרטער פון ווילנער „טאָג": „איך האָב ליב די ראָל פון „נאַסטיאַ", ווייל די העלדין איז אַ געפּייניקטע נשמה. פון תּמיד אָן האָב איך געהאַט די ליידנשאַפט פאַר אַזעלכע ראָלן און כ׳קאָן זאָגן, אַז וואָס אַמאָל איז דידאָזיקע ליידנשאַפט ביי מיר אַלץ גרעסער".

דער קריטיקער פון וואַרשעווער „היינט" שרייבט וועגן ל.: „די פיגורן, וואָס לאַרעס האָט געשאַפן זיינען געווען ווי אויסגעהאַמערט. אירע יידישע מאַמעס אין „דבוק" און אין הירשביינס שטיק האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן חן. אירע מוטערס זיינען געווען פול מיט רירנדער שיינקייט. זי האָט נישט געבליצט אויף דער בינע. זי איז אָבער תּמיד געווען איינע פון די זיילן. דאָס טעאַטער האָט זיך אויף איר געשטיצט. עס איז כּמעט נישט געווען דער פאַל, אַז זי זאָל אַ ראָל פאַרפלאַכן. די בינע איז געווען איר לעבן. אַ דאַנק איר אינטעליגענץ און רוטין האָט זי אין אַלע ראָלעס געשאַפן עטוואָס, וואָס איז געווען טריי און ערלעך".

מ. ע. פון ל. קאַדיסאָן.

[—] — געשטאָרבן די אַקטריסע פון דער ווילנער טרופּע, „ביי"ער היינט", וואַרשע, 26 יולי 1926.

אברהם מאָרעווסקי — לאַרעס — אין שאָטן פון פאַרגאַנגענהייט, „ווילנער טאָג", 30 יולי 1926.

יהודית לאַרעס (נעקראָלאָג), „אַרבעטער־צייטונג", טשערנאָוויץ, 30 יולי 1926.

קטגור — דער טויט פון יהודה [יהודית] לאַרעס, „ווילנער טאָג", 8 אויגוסט 1926.

דוד ליכט — ביים קבר פון יהודית לאַרעס, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 50, 1929.

יעקב שטיינבערג — יהודית לאַרעס, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 32 1931.

לאַשקאָווסקאַ, רעגינאַ

געבוירן 1889 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שניידער־מייסטער. ל.׳ס ברידער האָבן געזונגען אין כאָר־שול ביים חזן באַכמאַן און פלעגן ביי זיך אין שטוב איינאָרדנען יעדן שבת „קינדער־פאָרשטעלונגען", אין וועלכע ל. האָט זיך אויך באַטייליקט.

1905 — דורך דער איניציאַטיוו פון איר חברטע, די דאַמאָלטיקע כאָריסטקע און שפּעטערדיקע אַקטריסע נאַדיאַ דראַנאָוו, אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש אַלס כאָריסטקע צו קאַמינסקין און פון דאָרט געוואַנדערט אַלס כאָריסטקע איבער אַנדערע טרופּעס, פאַרטרעטנדיק פון צייט צו צייט די פּרימאַדאָנעס.

1910 — אַריינגעטראָטן אין דער לאָדזשער „פאַראייניקטע טרופּע" (מרים טריליניג, טיטעלמאַן, פעלאַ לאַנצמאַן, מאַלווינאַ סיערצקאַ, זשעלאַזא א. א.) און דעביוטירט אַלס „פייגעלע" אין טאָמאַשעווסקיס „די יידישע נשמה" און „חנהלע" אין שאָרס „אַ מענטש זאָל מען זיין".

1911 — חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר שלמה הערשקאָוויטש און מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע־עטאַפּ, וואָס ער, איבערגייענדיק פרייער פון פּרימאַדאָנע צו סובּרעטין־ראָלן און דערנאָך צו „קאָמישע אַלטע".

ש. ע.

לואי, דוד

געבוירן 17 סעפּטעמבער 1887 אין וואַרשע, פוילן. עלטערן — הויז־באַזיצער. געלערנט אין חדר, אין מייזלערס שול און מיטגעמאַכט 1 קורס אין וואַוועלבערגס פּאָליטעכניקום. נאָך אין דער שול זיך באַטייליקט אין רוסישע און פּוילישע שול־פאָרשטעלונגען.

אַלס מיטגליד פון דער יידישער סעקציע ביי פּ. פּ. ס. געפירט אין שול אַ שטרייק קעגן אַ לערער און שפּעטער, צוליב פּאָליטישע סיבות, געווען אַרעסטירט $1^1/_2$ יאָר אין פּאַוויאַק. נאָך דער באַפרייאונג אַוועק קיין בערלין, וואו ער באַקענט זיך מיט יידישע „ליבהאָבער" און דעביוטירט מיט זיי אַלס „יעקל בעל־עגלה" אין ריכטערס „הערצעלע מיוחס", דערנאָך שפּילט ער מיט זיי אין אַנדערע פּיעסעס אין בערלין און אין אַנדערע דייטשע שטעט.

צוריקגעקומען אומלעגאַל אין פּוילן, פירט ער אָן אַ שטרייק אין יידישן טעאַטער, קומט אַזוי נאָך אין קאָנטאַקט מיטן יידישן אַקטיאָר, און נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט מיט „ליבהאָבער", טרעט ער אַריין פּראָפעסיאָנעל צו קאָמפּאַניעצן, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים. שפּעטער פאָרט ער אַרום מיט בערנשטיינס פּראָווינץ־טרופּע, שפּילט דערנאָך אייניקע יאָר ווידער ביי קאָמפּאַניעצן אין וואַרשע און טרעט אַריין אין קאַמינסקיס טרופּע, וואו ער שפּילט 13 יאָר מיט אסתּר־רחל קאַמינסקאַ אין איר גאַנצן רעפּערטואַר איבער פּוילן

און רוסלאַנד. נאָך איר טויט איז ל. אַרומגעפאָרן מיט אידאַ קאַ-מינסקאַ-זיגמונט טורקאָווס טרופּע און לעצטנס שפּילט ער אין חברים-טרופּעס אין וואַרשע.

ל. האָט אויך אייניקע וואָכן, צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוו און יוכבד זילבערג, געשפּילט יידישע איינאַקטערס אין פּויליש (בעת ווילנע איז צוריק פאַרנומען געוואָרן דורך פּוילן), און האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „ל'ו" (רעזשי — יאָנאַס טורקאָוו).

מ. ע.

לובאָצקי, יעקב

געבוירן 15 דעצעמבער 1892 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. געלערנט אין חדר און דערנאָך געענדיקט כהנס גימנאַזיע.

נאָך אין גימנאַזיע זיך באַטייליקט אין די שילער-פאָרשטעלונגען אויף רוסיש און אַרויס-ווייזנדיק פעאיקייטן, איז ער אַריינגעטראָטן אויף די דראַמאַטישע קורסן פון רוסישן רע-זשיסער כטראַגאַנאָוו-באָבראָוו, וועלכע ער ענדיקט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער סאָניע (שפּעטער — עלמית), דערנאָך זיך באַטיי-ליקט אין פאַרשיידענע יידישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען.

פון ווילנע געפאָרן קיין לייפּציג שטודירן מעדיצין און דאָרט געענדיקט $5^1/_2$ סעמעסטער. אין לייפּציג גרינדעט ל. אַ דראַמאַטישן קרייז ביים אָרטיקן יידישן אַקאַדעמישן קולטור-פאַראיין.

נאָכן באַטייליקן זיך איבער 3 יאָר אין דער וועלט-מלחמה, צו-ריקגעקומען אין ווילנע און, צום ערשטן מאָל, זיך באַטייליקט פּראָפעסיאָנעל אין „ווילנער יידישן מלוכה-טעאַטער". 1919 — אַריינגעטראָטן אין טעאַטער ביי דער „ווילנער יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט" און אין 1922 איבערגעגאַנגען אין דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער מאַכט דעם טורנע איבער מערב-איי-ראָפּע. 1924-1927 — געשפּילט מיט דער „ווילנער טרופּע" אין אַמעריקע און אין 1930 אַ קורצע צייט געשפּילט מיט אזרא-עלמית אין בעלגיע.

מ. ע.

לובאַרטאָווסקאַ, צלבה

געבוירן 4 פעברואַר 1878 אין לאָדוש, פּוילן. פאָטער — אַ שניידער, אַ מנגן, וועל-כער פלעגט איינשטודירן מיט זיינע צוויי טעכטער פאַרשיידענע נגונים.

דורכן אַקטיאָר דוד פאַכלער, וועלכער הערט זי זינגען, ווערט ל. אַריינגענומען אין כאָר פון דער טרופּע, וועלכע שפּילט אין בזשעזשין. דערנאָך טרעט ל. אַריין אין כאָר פון דער טרופּע קאַמינסקי, הערמאַן בערמאַן און טרילינג, וועלכע האָט גע-שפּילט אין לאָדזש אין אַ קליין גערטנדל מיט אַן אָפענער בינע (אויף קאָנסטאַנטינער גאַס) און דאָ באַקומט זי אויך קליינע ראָלן.

איצט פאָרט ל. אַרויס אויף דער פּראָווינץ מיט אַ טרופּע (טשיזשיק, טראָנטשיק, בליפעלד, פּיורניק), וועלכע שפּילט איבער פאַרשיידענע שטעט פון פּוילן אין די שאַפּעס פון די בייערלעשער שטאָלן א. ד. ג., שפּעטער פאָרט זי אַרום מיט דער טרופּע פון ראָזע ארנשטיין (יאַבלאָנסקי, שליפּערשטיין, גרינשטיין, גליקמאַן, קייזעראָוויטש א. א.) און מיט דער טרופּע א'פ פון יוליוס אָסקאַר (קוטנער, יאַקובאָוויטש, גליקמאַן א. א.), שפּילנדיק צווייטע ראָלן אין אָפּערעטעס-רעפּערטואַר. ערשט אין אַ פּראָווינץ-טרופּע (ל. ראַ-בינאָוויטש, רעגינאַ לובאַרטאָווסקאַ, מאַקס ברין, ר. מיאַדאָוניק, יעקב פּערלמאַן א. א.), וועלכע שפּילט אין בענדין, גייט ל. איבער אויף פּרימאַדאָנע-ראָלן.

1905 — צעפאַלט זיך די טרופּע און ל. טרעט אַריין אין לאָדושער אַפּאָלאָ-טעאַטער (יוליוס אַדלער, טיטעלמאַן, זילבערקאַסטן, ראַבי-נאָוויטש א. א.), דערנאָך פאָרט זי אַרום אייניקע יאָר מיט פאַר-שיידענע טרופּעס איבער רוסלאַנד, ווייסרוסלאַנד און אוקראַאינע און קומט צוריק אין לאָדזש, וואו זי טרעט אַרויס אין איינאַקטערס (מיט לינדענפעלד, אַנשל גאָלדבערג, מינצעס, בראָנעצקי א א.) אין די קינאָ-טעאַטערס און וואָדעוויל-הייזער.

בעת דער וועלט-מלחמה געשפּילט ביי אַדלער-סיעראָצקי אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער און, צוליב קראַנקהייט, געוואָרן אַן עמעריטקע ביים יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין וואַרשע. נישט קאָ-נענדיק אָבער זיך אָפּרייסן פון טעאַטער, איז ל. די לעצטע יאָרן אַ גאַרדעראָבערין אין יידישן טעאַטער אין לאָדזש.

ל.'ס שוועסטער איז געווען די יידישע אַקטריסע רעגינאַ לו-באַרטאָווסקאַ

ש. ע.

לובאַרטאָווסקאַ, רעגינאַ (רבקה)

[געב. 4 יוני 1886 — געשט. 8 יולי 1932]

געבוירן 4 יוני 1886 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין דער היים. דורך איר שוועסטער און ברודער, וועלכע האָבן געשפּילט טעאַטער, מיטגענו-מען געוואָרן אין 1903 קיין זדונסקאַ-וואָליאַ, וואו זי שפּילט „סעראַפינאַ" אין „בר כוכבא" און, צוליב די שלעכטע געשעפטן, גייט זי פון דאָרט אַהיים צופוס. 2 יאָר אַרבעט זי אַלס שטאָפּערקע אין אַ פאַבריק און ווערט דערנאָך אַריינגענומען אין כאָר צו זאַנד-בערגן, אָבער אַ האַלב יאָר שפּעטער (1905) אָרגאַניזירט זיך דער כאָר אַלס טרופּע און פאָרט אַרויס קיין בענדין שפּילן. אין ראַדאָם פאַראייניקט זיך די דאָזיקע טרופּע מיט אַ צווייטער טרופּע, וועלכע באַשטייט פון מיטגלידער פון וואַרשעווער יידישן טעאַטער-כאָר (לאָשע קוטנער — שפּעטער גערמאַן, חנה פאָדערמאַן, מלכה ריטען, דינה שאַיעוויטש, מישע גערמאַן, מ. בולמאַן, מאַקס ברין און פלאַום) און פאָרן צוזאַמען קיין לאָמזשע, וואו ל. טרעט שוין אַרויס אין די ערשטע ראָלן פון גאָרדין-ר. פּערטואַר.

דאָ האָט ל. חתונה מיטן אַקטיאָר לעאָן ראַבינאָוויטש. 1907 — געשפּילט אין ביאַליסטאָק און שפּעטער געמאַכט אַ טורנע איבער פּוילן און וואָלין און אין ביאַליסטאָק אויפגעטראָטן אין אַמעריקאַנער

רעפּערטואַר, וועלכן יוליוס אַדלער האָט געבראַכט. שפּעטער אַריבער אין דער טרופּע פון ספּיוואַקאָווסקי און אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד, אוקראַאינע, לעטלאַנד און קורלאַנד. פון האָמעל אַריבער צו גנעפּער אין ווילנע און דערנאָך געשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג אין יעקאַטערינאָסלאַוו. צוליב פאַמיליע סבות אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש און דאָ אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון אַדלער-סיעראַצקי, וואו זי שפּילט ביז 1920 און זינט דאַמאָלט איבער פאַרשיידענע טרופּעס אין פוילן צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, דעם סופלער בלאַט.

דעם 8 יולי 1932 איז ל. געשטאָרבן אין לאָדזש.

ש. ע.

וו. נייהויז — רעגינאַ ליובאַרטאָווסקאַ, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 10 יולי 1932.

לובין, הערי

[הערשל לויגזאַלץ]

געבוירן 5 מערץ 1904 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַ מוזיקער אין יידישן טעאַטער. געענדיקט פּאָבליק-און האַי-סקול און יידיש געלערנט ביי אַ רבי.

אין עלטער פון 13 יאָר טיילמאָל געשפּילט אין אָרקעסטער פון די יידישע טעאַטערס, 2 יאָר שפּעטער געוואָרן דער סטאַבילער פּיאַנאָ-אַקאָמפּאַניאַטאָר ביי געבילן אין טעאַטער און שפּעטער אַריבער אין אַנדערע יידישע טעאַטערס, וואו ער פאַרפאַסט מוזיק צו די לידער, וועלכע ווערן געזונגען אין מעלאָדראַמעס. שפּעטער האָט ל. פאַרפאַסט די מוזיק צו די אָפּערעטעס „פרעמדע קליידער" פון ל. פריימאַן און „דער פריילעכער חזן" פון משה ריכטער (ביידע אויפגעפירט פון לודוויג זאַץ).

די לעצטע יאָרן איז ל. ווייטער טעטיק אין אָרקעסטער פון די יידישע טעאַטערס און שרייבט קאָמפּאָזיציעס צו איינצלנע לידער, פון וועלכע אייניקע זיינען געדרוקט. די פּאָפּולערסטע פון זיי איז „די אייביקע מאַמע", געזונגען פון לוסי גערמאַן.

דעם 10 סעפּטעמבער 1931 איז אין סעלווין-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן אין ענגליש באָריס טאָמאַשעווסקיס אָפּערעטע „די חזנטע" א'נ „טהי זינגינג ראַביי" מיט ל.'ס און יאָזעף רומשינסקיס מוזיק.

מ. ע.

לובין, עני

[הענדזשיאַ לובניאַק]

געבוירן 14 מאַי 1897 אין לאָדזש, פוילן. פאָטער — אַ וועבער. געלערנט אין אַ פאָלקסשול און יידיש ביי אַ רבי. דורך איר ברודער, וועלכער איז געווען זייער נאָענט מיט יידישע אַקטיאָרן, און איז אַרויסגעטראָטן אַלס „פּאַפּוס" בעת שליפּערשטיינס שפּילן אין לאָדזש, איז ל. געקומען אין קאָנטאַקט מיטן טעאַטער און האָט נאָך אַלס קינד געטאַנצט אין לאָדזשער „גרויסס טעאַטער" ביי זאַנדבערג אין דער פּיעסע „די גרינהאָרנס".

1914 — עמיגרירט קיין אַמעריקאַ און טרעט אַריין אַלס כאָריסטקע אין האָפּ-טעאַטער אין באָסטאָן, און נאָכדעם ווי זי באַקענט זיך מיטן אַקטיאָר מאַקס באַדין, גייט זי איבער אין אַ צווייט טעאַטער, וואו זי דעביוטירט אַלס „בנימין" אין „יוסף מיט די ברידער". נאָך דער חתונה מיט באַדין, וועלכער שרייבט פאַר איר ספּעציעלע ליריקס, שפּילן זיי צוזאַמען אַ קורצע צייט אויף דער פּראָווינץ. שפּעטער טרעט אויף ל. אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער אַלס סוברעטין און בלייבט שוין ביים דאָזיקן זשאַנר.

1927-30 — האָט ל. געשפּילט אין ראָלאַנד-טעאַטער און זינט דאַמאָלט שפּילט זי בלויז צו קורצע טערמינען אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און איבער דער פּראָווינץ.

1916 — האָט ל. געשפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל.

ש. ע.

לובריצקי, אייזיק-יאַנקעל

[געב. בערך 1859 -- געשט. 2 דעצ. 1928]

געבוירן בערך 1859 איןווישעגראָד, פּלאָצקער גוב., פוילן. לויט לעאָן גאָטליב פּלעגט ל. אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך אַלס בדחן און געווען פּאָפּולער אַלס „ווישעגראָדער בדחן". שוין אַלס פאַרהייראַטער עמיגרירט מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן, וואו ער איז אין אָנהייב ווייטער געווען בדחן. דאָ זאָל ער אויך האָבן אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער און געשריבן אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע. שפּעטער איז ל. געוואָרן סופלער אין יידישן פּאַוויליאָן-טעאַטער און זיינע קינדער פלעגן שפּילן קינדער-ראָלן אין די אָרטיקע יידישע טרופּעס.

1908 — געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע און דאָ די ערשטע צייט געווען סופלער אין יידישן טעאַטער, דערנאָך אָפּגעגעבן זיך מיט איבערשרייבן ראָלן.

דעם 2 דעצעמבער 1928 איז ל. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם פון די יידישע טעאַטריקל-עליינס.

פון ל.'ס קינדער זענען פעני, גאָלדע און דעיוו יידישע אַקטיאָרן.

מ. ע. פון פעני לובריצקי און לעאָן גאָטליב.

לובריצקי, גאָלדע

געבוירן 26 דעצעמבער 1899 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — סופלער אין יידישן טעאַטער. ביז 8 יאָר געלערנט אין שול, דערנאָך אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן מיט אַדלערן, דעביוטירנדיק אַלס „בענדזאַשמינס קינד" אין ליבינס „געבראָכענע הערצער".

1908 — געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו זי ווערט באַלד פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער.

ל.׳ס ערשטע דערוואַקסענע ראָל איז געווען אין קאָרנבליטס „צו שפעט“ מיט מאָשקאָוויטש. זינט דאַמאָלט האָט ל. די געלעגנהייט צו שפילן מיט קעסלער, אַדלער, בעסי טאָמאַשעווסקי, מאַקס ראָזענטאַל און זאַץ. 1926-30 — שפילט זי ביי געביל, 1930-31 — אין פאָלקס-טעאַטער (ביי גערמאַן), 1931-32 — אין פאָבליק-טעאַטער (מיט זאַץ און טאָמאַשעווסקי) 1932-33 -- אין ליבערטי (מיט גערמאַן) און נעשאָנאַל-טעאַטער (מיט גאָלדענבורג).

ל. איז די פרוי פון אַקטיאָר אורווינג גראָסמאַן.

ל.׳ס שוועסטער פעני און ברודער דעיוו שפילן אויף דער יידישער בינע.

מ. ע. און מ. ע. פון פעני לובריצקי.

מ. אָשעראָוויטש — כלה-מיידלעך אין לעבען, קינדער אויף דער ביהנע, „פאָרוו.“, נ. י., 14 יאַנ. 1921.

א. פרומקין — די קינדער-ראָליסטען אויף דער אידישער ביהנע, „מאָז׳ש“, נ. י., 7 דעצ. 1928.

לובריצקי, דעיוו (דוד)

געבוירן 21 מערץ 1904 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. ברודער פון פעני און גאָלדע. אין עלטער פון 5 יאָר געקומען אין אַמעריקע צו זיין פאָטער. געלערנט אין פאָבליק-סקול, 3 יאָר אין האַי-סקול און יידיש ביי אַ רבי און ביי זיין פאָטער.

אַלס קינד פון 9 יאָר אָנגעהויבן שפילן קינדער-ראָלן ביי דוד קעסלער, דערנאָך געשפילט מיט בעסי און באָריס טאָמאַשעווסקי און צוגלייך (ביזן עלטער פון 15 יאָר) געזונגען ביי חזנים און (צוזאַמען מיט זיין שוועסטער פעני) געזונגען פאַרן גראַמאָפאָן. געוואָרן אַ פאַרקויפער אין אַ וועש-געשעפט, האָט ל. 6 יאָר זיך נישט פאַרנומען מיט טעאַטער, אַרויסטרעטנדיק בלויז פון צייט צו צייט אויף קאָנצערטן, אָדער אַלס אַ סאָשעל-דירעקטאָר [אַמוזירער] אין אַ זומער-פלאַץ. ערשט איזידאָר האָלענדער באַוועגט אים צו ווערן אַ פראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און ער טרעט אַריין אין האָלענדערס טרופּע, וועלכע שפילט דעם סעזאָן 1926-27 אין טאָראָנטאָ און דעם צווייטן סעזאָן (1927-28) אין באָסטאָן. 1928-29 — שפילט ל. אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער. 1929-30 — אין זאַקס פאָלקס-טעאַטער און אויפן זומער 1930 מאַכט ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי דיינע גאָלדבערג, אַ קורצן טורנע איבער אייראָפּע.

1930-31 — שפּילט ל. אין ניו-יאָרקער פאָבליק-טעאַטער, 1931-32 — אין שיקאַגאָ און 1932-33 — אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער.

אַמפּלואַ — פאַט-קאָמיקער.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פנים׳ער אויף דער אידישער ביהנע, „מאָ״זש“, נ. י., 24 יאַנואַר 1930.

לובריצקי, פעני

געבוירן 7 מערץ 1896 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — סופלער אין יידישן טעאַטער. אַלס קינד פון 5 יאָר אויפגעטראָטן אין דער קינדער-ראָל פון „חנהלע די נייטאָרין“ מיט רחל אַקסעלראָד און זינט דאַמאָלט כסדר געשפילט קינדער-ראָלן.

1908 — געקומען אין אַמעריקע צוזאַמען מיט איר פאַמיליע און אויך דאָ ווייטער געשפילט קינדער-ראָלן מיט קעסלערן אין גאָרדין-רעפּערטואַר.

ל.׳ס ערשטע וויכטיקע ראָל איז געווען אין 1912 אין ליבינס „בלינדע אייפערזוכט“ און זינט דאַמאָלט איז זי אַריבער צו שפילן יונגע דראַמאַטישע ראָלן.

1919 — צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אַלס סובּרעטין אין באַדער-רומשינסקיס אָפּערעטע „דעם רבינס ניגון“ אין סעקאָנד-עווענױ-טעאַטער, וואו זי בלייבט שפילן ביז 1926. 1926-7 — אין נעשאָנאַל-טעאַטער. 1927-29 - אין פאָבליק-טעאַטער, 1929-30 — אין זאַקס פאָלקס-טעאַטער, זומער 1930 גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן און וואַרשע מיט זאַצן. 1930-31 — מיט געביל אין באָסטאָן, דערנאָך אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער (דיר. — אַנשל שאָר), 1931-32 — אין ראָלאַנד-טעאַטער און 1932-33 — אין בראָנקסער פראָספעקט-טעאַטער (דיר. — דזשעני גאָלדשטיין).

ל.׳ס שוועסטער גאָלדע און ברודער דעיוו שפילן אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלערעיע פון אונזערע אידישע שוישפּיעלער, „דער טאָג“, 9 פעברואַר 1918.

מ, אָשעראָוויטש — כלה-מיידלעך אין לעבען, קינדער אויף דער ביהנע, „פאָרוו.“ נ. י., 14 יאַנואַר 1921.

א פרומקין — די קינדער-ראָליסטען אויף דער אידישער ביהנע, „מאָ״זש“, נ. י., 7 דעצ. 1928.

לודוויק, סעם

[געב. 14 דעצ. 1858 — געשט. אַפּריל 1933]

געבוירן 14 דעצעמבער 1858 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ בערשטן-מאַכער. געענדיקט אַ 4-קלאַסיקע פאָלקסשול און באַזונדער געלערנט יידישע למודים. אין עלטער פון 14 יאָר אַריינגעטראָטן אַרבעטן צו אַ גאָלדשמיד, און ווען די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין גאַלאַץ (רומעניע), פאַרנעמט זיך ל אויך דאָרט מיטן זעלבן פאַך. ווען ס׳קומט דאָ וועלוול זבאַראַזשער, וואַרפט ל. זיין פאַך און לאָזט זיך אַרויס מיט אים אַלס זינגער קיין בראילא פון דאָרט פאָרט ל. קיי לעמבערג, טרעט דאָרט אַרויס צוזאַמען מיט די „בראָדער-זינגער“ (קאָפּקע-דובינסקי, ח״ים-שמואל לוקאַטשער, חיים אַבראַמאָוויטש א. א.) און פאָרט צוריק קיין רומעניע, וואו ער טרעט

אַרויס צוזאַמען מיט דוד הירש, יאָסל גראָפּער, יעקב ליטמאַן און לעאָפּאָלד קאַנער.

ל.׳ס נאָמען דערגרייכט קיין אַמעריקע און ער ווערט אַהין אַנגאַזשירט אין קאָפּעלמאַנס וואַריעטע, דערנאָך אין טאַליאַ־מוזיק־האָל.

ל. האָט מיטגעהאָלפן גרינדן די וואַריעטע־יוניע (לאָקאַל 5) און נאָכן שפּילן איייניקע יאָר אין ניו־יאָרק צוריקגעפאָרן קיין רומעניע. פון דאָרט פאָרט ל. קיין עגיפּטען, וואו ער שפּילט 8 חדשים יידיש טעאַטער מיט יוזשע אַדלער, אייניקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן און „ליבהאָבער". דערנאָך טרעט ער אַרויס אַלס פאָלקס־זינגער אין ווין אין גאָרטן „ביים גאָלדענעם ווידער".

מלחמה־צייט עפנט ל. אַ דעליקאַטעסן־געשעפט און רעסטאָראַן אין ווין פאָרט דערנאָך קיין בוקאַרעסט, וואו ער ווערט אינטערנירט און נאָכן באַפרייט ווערן (נאָך דער מלחמה) ווערט ער אַנגאַזשירט אַלס אָנגעשטעלטער ביי דער פריימו־ערער־לאָזשע, נישט אַרויסטרעטנדיק מער אויף דער בינע (אַ חוץ בעת דער „לעקסיקאָן"־פייערונג אין 1928 אין בוקאַרעסט).

אַפּריל 1933 איז ל. געשטאָרבן אין בוקאַרעסט.

ש. ע.

מ. ע. פון פּעטער אַמאַטין.

זלמן זילבערצווייג — וואָס האָב איך אויפגעטון אין רומעניע פאַרן לעקסיקאָן פון אידישן טעאַטער? „אונזער צייט", קעשעניעוו, 1 סעפּטעמבער 1928.

לויטער, עפראַים

געבוירן 1889 אין בערדיטשעוו, אוקראַינע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדרים, ביי פּריוואַטע לערער און אין אַ ווילנער גימנאַזיע. נאָך אין די גימנאַזיע־יאָרן זיך באַטייליקט אין די אַרבעטן פון די אָנגעזעענסטע יידישע דראַמקרייזן.

1909־12 — געשריבן רעצענזיעס אין די ווילנער יידישע צייטונגען א׳פ א. יאסני, א. באַדער א. א. אין זמ׳ה „קנאָספּען" (ווילנע 1911) פאַרעפנטלעכט די דערציילונג „די ליכט איז אויסגעגאַנגען".

1912 — זיך באַטייליקט אין קאָמיטעט צו גרינדן אַ יידיש־קינסטלערישן טעאַטער (פּרץ, אַש א. א.).

בעתן מלחמה־דינסט זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט אַרום סאָלדאַטישן און אָפיצירישן טעאַטער און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווידער געוואָרן אַקטיוו אויפן געביט פון יידישן טעאַטער.

1917־18 — געווען איינער פון די אָנפירער פון דער ערשטער יידישער סטודיע ביי דער מאָסקווער יידישער ליטעראַריש־קינסטלערישער געזעלשאַפט א׳נ פון י. ל. פּרץ.

1918 - געלייענט אין דער יידישער אָפּטיילונג ביים אָדעסער פאָלקס־אוניווערזיטעט אַ ציקל לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

פון 8 אַפּריל 1919 ביזן 1 יוני 1924 — איינער פון די אָנפירער, לערער און רעזשיסער פון דער טעאַטער־סטודיע „קולטור־ליגע" (קיעוו־מאָסקווע), וואו ער פירט אויף ב. שטיימאַנס „משיח בן יוסף", גלייכצייטיק אַרבעט ער אַלס פאַרוואַלטער פון דער יידישער אונטער־סעקציע ביי דער היסטאָריש־טעאָרעטישער סעקציע פון אַלאוקראַאינישן טעאַטער־קאָמיטעט (1919) און אַלס הויפּט־רעזשיסער פון ערשטן יידישן מלוכהשן טעאַטער (קיעוו) אין 1920־21.

1921־22 — שטודירט אויפן 4־טן קורס פון „מעלוכישן העכסטן רעזשיסאָרישן וואַרשטאַט" (מאָסקווע) א׳א פון וו. מייערכאָלד און גלייכצייטיק אויך אין דער סטודיע „קולטור־ליגע" אין קלאַס א׳א פון י. ב. וואַכטאַנגאָוו, אויסערדעם גענומען ספּעציעלע קורסן ביי אָנגעזעענע מאָסקווער טעאַטער־ספּעציאַליסטן.

1924 — הויפּט־רעזשיסער פון באַקוער אַרבעטער־טעאַטער, וואו ער פירט אויף אין רוסיש „די אונטערצינדער" פון לונאַטשאַרסקי, „פיגאַראָס חתונה", „1881 יאָר", „מאַריאַ טאָדאָר" פון וויקטאָר הוגאָ, „דער יום־טוב פון הייליקן מאָרגן", און מיט דער באַקוער יידישער סטודיע אקסענפעלדס סאַטירע „די געגנאַרטע וועלט".

1925־28 — קינסטלערישער אָנפירער און הויפּט־רעזשיסער פון „מעלוכישן יידישן טעאַטער אין אוקראַאינע" (כאַרקאָוו), וועלכן ער האָט געגרינדעט. אין משך פון זיין טעטיקייט אין דעם טעאַטער האָט ל. געשטעלט:

דעם 6 דעצעמבער 1925 — „פּורים־שפּיל, אַ יידישער באַלאַגאַן אין 3 אַקטן, באַאַרבעטונג פון די טעקסטן, מאָנטאַזש, אינטערמעדיעס און רעזשי פון עפראַים לויטער".

אין סעזאָן 1925־26 — „אין ברען, אַ רעוואָלוציאָנערע כראָניק אין 4 אַקטן און 10 בילדער פון ב. מייעראָוויטש (דאַניעל) און עפראַים לויטער. רעזשי - עפראַים לויטער".

אין זעלבן סעזאָן — „שאַבסי צווי, אַ טראַגעדיע פון אַן אָפּגענאַרט פאָלק אין 4 אַקטן, סצענאַרי־מאָנטאַזש — עפראַים לויטער [גענומען פון יערזשי זשולאַווסקיס און שלום אַשס פּיעסעס „שבתי צבי" און יעקב וואַסערמאַנס „די צירענדאָרפער יידן"], רעזשי — וו. מ. סמישליאַיעוו און (פאַרענדיקט) עפראַים לויטער".

אין זעלבן סעזאָן „די צוויי קוני לעמעלעך, פאָלקס־פאַרס אין 8 עפּיזאָדן ליטמאָנטאַזש און רעזשי - עפראַים לויטער" [מאָנטירט פון גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמעל" און „קבצנזאָן און הונגערמאַן" מיט אַ נייעם העלד „מאָטל"].

אין אָקטאָבער 1926 — אויפגעפירט „קוימענקערער" פון נ. פּידל און י. פעפער [אַ נייע וואַריאַציע פון יעקב גאָרדינס „כאַסיע די יתומה"].

אין סעזאָן 1926־27 — אויפגעפירט „זאַגמוק" פון אַנאַט. גליעבאָוו.

אין סעזאָן 1927־28 — אויפגעפירט פינינבערגס „יונגען".

אין זעלבן סעזאָן — „באַלטויוועס, מאָנטאַזש פונם טעקס׳ לויט מענדעלע מוכער ספרים [„טאַקסע" און „פּריזיוו"] און רעזשי פון עפראַים לויטער".

וועגן דער פּיעסע שרייבט י. ליובאָמירסקי: „דער ספּעקטאַקל „בעלי טובות" האָט געקריגן אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג (צוזאַמען מיט נאָך איין ספּעקטאַקל „דער קוימענקערער") און האָט ביז גאָר פאַרשאַרפט די פראַגע וועגן דער ווייטערדיקער אָנפירונג אינם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער. מע האָט דעם ספּעקטאַקל „בעלי טובות" אין עטלעכע טעג אַרום אַראָפּגענומען פונם רעפּערטואַר. דערדאָזיקער ספּעקטאַקל האָט געשפּילט אַ באַשליסנדיקע ראָלע בנוגע דעם ווייטערדיקן פאַרבלייבן פון עפ. לויטער אינם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער".

אויפן צווייטן יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר, מאַי 1928, האָט ל. באַקומען אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פאַר זיין טעטיקייט אַלס קינסט־

לערישער אָנפירער פון דעם טעאַטער און ער האָט דעריבער דעמיס׳אָנירט.

1928-29 — אויפגעפירט אין רוסישן „מאָסקווער טעאַטער אימפּראָוויזאַציע״ „די וועלפּישע גריבער״ לויטן סצענאַרי פון סערגיי גאַראָדעצקי און — אויף דער באַשטעלונג פון „סאָווקינאָ״ — אָנגעשריבן (צוזאַמען מיט א. קריין) אַ סצענאַרי אויף דער טעמאַ פון אַנטיסעמיטיזם אין „פאַרגעדענקט זייערע פּנימער״. ל. האָט צו יענער צייט אויך אָנגעשריבן אַ רוסישע פּיעסע „אַ קאָמונאַרס אַן אייניקל״ לויט דער דערציילונג פון א. דראָזדאָוו, וועלכע ווערט זינט דאַמאָלט געשפּילט אין די יוגנט-טעאַטערס פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין מאַי 1929 ווערט ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון ל. געגרינדעט די סטודיע פון מאָסקווער מלוכהשן יידישן טעאַטער, וואָס איז דערנאָך רעאָרגאַניזירט געוואָרן אַלס מלוכהש יידיש טעאַטראַל טעכניקום ביים מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, מיט וועלכן ל. פירט אָן צוזאַמען מיטן פאַרדינסטפולן אַרטיסט ס. מ. מיכאָעלס.

אין טעכניקום פירט ל. אַ קורס פון סצענישער קונסט און פירט אויף אייניקע ווערק מיט די סטודענטן פון די עלטערע קורסן.

1929 — אָקטאָבער 1931 האָט ל. אויך אָנגעפירט מיטן מאָסקווער יידישן „טראַם״ (טעאַטער פון אַרבעטער-יוגנט), וואו ער האָט אויפגעפירט אַ פּיעסע אין 4 אַקטן „צו הונדערטער פאַבריקן״ פון י. ראַווין און עפראַים לויטער ווי אויך אייניקע קלענערע זאַכן.

ל. האָט אויך אָנגעשריבן די פּיעסעס „סטעמפּעניו״ לויט שלום-עליכם (1919), „מנחם מענדל״ (1920) און אַ ריי אינסצענירונגען פון י. ל. פּרץ („בערל שניידער-אָוונטן״).

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ II, זז. 93-94.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטר אינ אוקראַאינע״, כאַרקאָוו, 1931.

לומעט, ברוך

געבוירן 22 מאַי 1898 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ חזן אין אַ קליין שולכל, וואו ל. איז משורר. נאָכן פאָטערס טויט געזונגען אַלס קינדער-קופּלעטיסט אין פאַרשיידענע פּוילישע וואָדעוויל-הייזער און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישער סעקציע א׳ר פון דוד הערמאַן, וועלכער פאַראינטערעסירט זיך מיט אים און לערנט אים די דראַמאַטישע קונסט. אין דער זעלבער צייט לערנט ל. טעאָריע פון מוזיק ביים דיריגענט דאַווידאָוויטש. דערנאָך שפּילט ער אין דער דראַמאַטישער סטודיע פון דוד הערמאַן. 1920 - אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און אויפן וועג געשפּילט יידיש טעאַטער אין בערלין, האַמבורג און לאָנדאָן.

אין אַמעריקע האָט ל. געשפּילט אַ קורצע צייט אין פילאַדעלפיע, דערנאָך אַ קורצע צייט אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער און 1928-29 — אָנגעפירט מיט אַ דראַמסטודיע אין פילאַדעלפיע. זינט דאַמאָלט האָט ל. פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט דראַמאַטישע אָוונטן, ביי וועלכע ער פירט אַליין אויס ס׳רוב אייגענע דראַמאַטיזירונגען מיט אייגענער מוזיק („דער משוגענער בטלן״, „שיר השירים״, ערשטער אַקט פון „די גאָלדענע קייט״ און „ביי דעם פרעמדן חופּה-קלייד״ פון י. ל. פּרץ, „דער רויטער פּאָדים״, אַ סאָציאַלע פּאָעמע פון די ווערק פון מאָריס ווינטשעווסקי, י. באָווּשאָווער, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, אברהם רייזען א. א., „צוועלף״ פון א. בלאָק, „פישקע דער קרומער״ פון מענדעלע מוכר ספרים, „מנחם מענדל״ פון שלום עליכם).

1930-31 — האָט ל. געשפּילט אין יידישן קונסט-טעאַטער אין שלום אַשס „אָנקל מאָזעס״ („דער רב״).

דעם 6 פעברואַר 1930 איז אין פילאַדעלפיער אַרטש. סטריט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן (דורך פסח בורשטין) ל.׳ס און פ. שטיינס אָפּערעטע „דער גאַסן-קאָמעדיאַנט״, מוזיק פון מושניצקי.

אין די זומער-סעזאָנען 1930-32 האָט ל. אָנגעפירט מיט די קינדער-קעמפּס ביים יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד און האָט מיט די דאָרטיקע קינדער אויפגעפירט אייניקע קינדער-פּיעסעס אין זיין דראַמאַטיזירונג אָדער געשריבן פון אים. אַ טייל פון די דאָזיקע פּיעסעס איז אין 1932 דערשינען אין אַ בוך: „טעאַטער פאַר קינדער, פון ברוך לומעט, אי׳ וסטרירט פון ש. ראַסקין, יאָסל קאָטלער, ל. שערקער, נאָטע קאָזלאָווסק״ („די זיבן גוטע יאָר״, אַ שפּיל אין פינף בילדער, פריי דראַמאַטיזירט לויט י. ל. פּרץ, „וואָס די לבנה פאַרציילט״, לויט י. ל. פּרץ, אין 3 סצענעס, „דער מגיד מיטן קעלבל״, שאַרזש, לויט אַ כעלעמער מעשה, „צוויי מלאכים״, אַ פאַנטאַסטישע שפּיל אין 2 טיילן, לויט אַ מעשהלע פון יהואש, „גרוי און גרין״, אַ שפּיל אין 3 בילדער, לויט אַ מעשהלע פון יעקב פאַט, פריי דראַמאַטיזירט) [197 זז. אַלבאָם-פאָרמאַט].

ש. ע.

א. ע. מאַנדעלבוים — בערעך לומעט אין קאַפּיטלאַך פערעץ, „די יוגענד״ נ. י., מערץ 1927.

ל. פ—ן — אַן עכט קינסטלערישער אָוונט פון יונגע קינסטלער, „טאָג״, נ. י., 28 פעברואַר 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — נאָך דריי וואָכען זען, הערן און שווייגן, „פאַ״ש״, נ. י., 20 מערץ 1931.

נ. ב. לינדער — 3 אינטערעסאַנטע אָוונטן אין איין סוף-וואָך, „טאָג״, נ. י., 13 פעב׳ 1932.

[יצחק ליבמאַן] - דער יחוס פון קליין-קינסט, „אינזער פאָלק״, נ. י., 26 פעבר. 1932.

לופּטיג, שלמה

[געב. 1880 — געשט. .. 19]

געבוירן 1880 אין כשאַנאָוו, גאַליציע. פון דער פריסטער יוגנט געשפּילט אין יידישן טעאַטער אין גאַליציע אַלס כאַראַקטער-שוישפּילער.

לויט יעקב מעסטעל, וועלכן ס׳איז אויסנעקומען צו שפּילן מיט ל. אין טשערנאָוויץ און אַנדערע פּראָווינץ-שטעט, איז ל. געבוירן געוואָרן פריער ווי 1880. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, זייער

מאָגער, מיט אַ קנאָכיק־פּנים און אַ שוואַך שטימעלע און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לונגען־קראַנקן. נישט קיין גרויסער טאַלאַנט, האָט ל. אָבער זייער ערנסט גענומען זיין באַרוף און תמיד ציכטיק און צוגעגרייט געשפּילט זיינע ראָלן,

אין ...19 איז ל. געשטאָרבן אין גאַליציע.

מ. ע. פון יוליוס גוטמאַן און יעקב מעסטעל.

לוקאָווסקי, הערש

געבוירן 25 דעצעמבער 1896 אין סטאַראָדוב, האָמלער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער – אַ שדכן, פלעגט זיך אָפט באַטייליקן אין פּורים־שפּילן. אין דער פאַמיליע זיינען פאַרהאַן יידישע אַקטיאָרן. געלערנט אין חדר, פּריוואַט – רוסיש און געענדיקט 3 קלאַסן פון אַ יידישער שול.

פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו דער בינע. זינט 1919 אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אין דראַמקרייזן, וועלכע ער גרינדעט.

1921 – אַריינגעטראָטן אין דער שול פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער פון דאָרט אַריבערגעגאַנגען אין באַשטאַנד פון דער טרופּע פון מימ׳ט.

ל. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פילמען „לופט־מענטש" און „יידישע גליקן" לויט שלום־עליכם, רעזשי – א. גראַנאָווסקי.

ש. ע.

לוקאַטשער, חיים־שמואל

[זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", I, ז. 231]

לוריע, אַרן



געבוירן 8 אָקטאָבער 1882 אין אָפּאָלע, לובלינער גוב., פּוי ן. פאָטער – אַ מיליטער־שניידער. געלערנט אין חדר און אין שטאָטשול, גלייכצייטיק געהאָלפן דעם פאָטער אין דער אַרבעט. אין עלטער פון 17 יאָר אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע אַלס שניידער און דאָ געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער, וואו ער פלעגט סטאַטיסטירן און טוען טעכנישע אַרבעטן. אַלס טענאָר פלעגט ל. אויך זינגען ביים חזן רויטמאַן אין שפּעטער אין סינאַגאָגע ביי סיראָטאַן.

אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין קיעוו, איז ל. אין 1907 דאָרט אַריינגעטראָטן אַלס טעכנישער מיטאַרבעטער אין סעם אַדלער־ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע, דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער כאָריסט און אַלס אַזעלכער געווען טעטיק אין פאַרשיידענע טרופּעס, וואו ער פלעגט אויך פון צייט צו צייט שפּילן קלענערע ראָלן, ביז ער איז אין 1917 אָנגעקומען אין קאָמפּאַניעצס טרופּע אין וואַרשע, וואו ער שפּילט שוין אָנגעזעענע ראָלן. 1918 – אָפּגעפאָרן קיין

ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער איז ביז איצט טעטיק אַלס אַקטיאָר און געהילף־רעזשיסער אין פאַרשיידענע וואַנדער־קאָלעקטיוון.

ל.׳ס זון, באָריע, שפּילט אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער פאַר קינדער.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

ליאָוו, לעאָ (משה־לייב)

געבוירן 15 יאַנואַר 1878 אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גוב., פּויליש־ליטע. עלטערן – סוחרים. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציאונג. שוין צו 8 יאָר אַרויסג וויזן נייגונגען צו מוזיק, צו 12 יאָר געדאַוונט פאַרן עמוד אַלס „וואונדער־קינד" און אין עלטער פון 15 יאָר דיריגירט מיט אַ גרויסן כאָר אין ווילנער שטאָטשול.

אַלס סטודענט פון וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע געקומען זומער אויף אורלויב אין קיעוו און דאָרט געווען כאָר־מייסטער פון אַ רוסישער אָפּערעטעס־טרופּע און אויך אין פישזאָנס יידישער טרופּע. אין עלטער פון 22 יאָר אַבסאָלווירט די קאָנסערוואַטאָריע, געוואָרן מיליטער־קאַפּעלמייסטער, דערנאָך דיריגענט אין פאַרשיידענע נישט־יידישע און יידישע טרופּעס. אין דער צייט אָנגעשריבן, צוזאַמען מיט יצחק שלאָסבערג, די מוזיק צו לאַטיינערס „חורבן ירושלים". זייענדיק ביי קאָמפּאַניעצן אין טרופּע, האָט ל. אויך געפּרובט זיך אַלס אַקטיאָר, און בעת מען פלעגט שפּילן דראַמעס און ער פלעגט נישט דיריגירן, פלעגט ער זיך באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען.

דערנאָך ווערט ל. אָנגאַזשירט אין דער ווילנער גרויסער שול אַלס שטענדיקער דיריגענט ביים חזן גרשון סיראָטאַ. דאָ שרייבט ל. סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס פאַר סאָלאָ און כאָר, וועלכע זיינען אַריין אין רעפּערטואַר פון סיראָטאַ און אַנדערע חזנים.

1902 – האָט ל. איינגעאָרדנט זיין ערשטן רעליגיעזן קאָנצערט אין ווילנע, דערנאָך אויפגעטראָטן מיט ענלעכע קאָנצערטן אין מינסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און אַנדערע שטעט מיט סיראָטאַן אַלס סאָליסט.

1905 – איז ל. מוזיק־דיריגענט אין בוקאַרעסטער רעפאָרם־טעמפּל, וואו ער פירט איין אַ נייעם רעפּערטואַר מיט אַ מער יידיש־טראַדיציאָנעלן אינהאַלט און שרייבט פּרעלודיומס פאַרן אָרגל. דאָ שטודירט ער אויך מוזיק איין־קע יאָר ביי קאָהען־לינאַרו, שרייבט סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס און גיט אַ ריי קאָנצערטן פון סינאַגאָגאַלער און קלאַסישער מוזיק.

1908 – ווערט ל. הויפּט כאָר־דיריגענט אין וואַרשעווער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, וואו ער בילדעט אויס אַ כאָר, וועלכער דערוואַרבט זיך גרויס פּאָפּולאַריטעט. אין משך פון זיין 12־יאָריקער טעטיקייט אין וואַרשע (ביז 1920), האָט ל. געשאַפן פיל וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע קאָמפּאָזיציעס און פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פאָלקס־מוזיק, אַרויכטרעטנדיק אַלס מוזיק־דירעקטאָר פון אָרטיקן „הזמיר" אויף די פאַמיליען־אָוונטן אין ספּעציעלע פּראָגראַמען פון פאָלקסלידער, געהאַלטן לעקציעס איבער פאָלקס־מוזיק און געשריבן מוזיק צו די טעקסטן פון יידישע דיכטער,

דערונטער צו „אַ פורים־ליד" פון ש. פרוג, וועלכעס איז אין 1910 אויפגעפירט געוואָרן אין ווילנע אויף אַן עטנאָגראַפישן קאָנצערט.

ל. איז אויך אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און געזאַמלט פאָלקסלידער, חסידישע ניגונים זיי באַאַרבעט, און אַ טייל פון זיי, ווי אויך אָריגינעלע ניגונים, פאַרעפנטלעכט אין פאַרלאַג „ניגון".

1913 — איז ל. געפאָרן מיט סיראָטאַן אויף אַ קאָנצערט־טורנעע איבער אַמעריקע (16 וואָכן), און ווען ער איז צוריקגעקומען אין וואַרשע, האָט ער געשריבן מוזיק צו לייכטע פאָלקסלידער, איבערזעצונגען פון קינדער־לידער, לידער פון פרץ און אַנדערע יידישע שרייבער פאַר די יידישע קינדער־היימען א׳א פון פרץ און דינעזאָן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ל. ווידער געגרינדעט אַ כאָר, מיט וועלכן ער האָט געגעבן קאָנצערטן, דערנאָך איז ער געוואָרן דיריגענט פון בונדישן כאָר ביים גראָסער־קלוב אין וואַרשע, פאַר וועלכן ער האָט באַאַרבעט אַרבעטער־און רעוואָלוציאָנערע לידער.

1920 — ווידער געקומען אין אַמעריקע מיטן חזן מרדכי הערשמאַן אַלס סאָליסט, דערנאָך איינגעאָרדנט קאָנצערטן פון וועלטלעכער, סינאַגאָגאַלער, יידישער פאָלקס־מוזיק און אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס.

צוגעצויגן דורך באָריס טאָמאַשעווסקין צום יידישן טעאַטער, האָט ל. אָנגעשריבן די מוזיק צו טאָמאַשעווסקיס ליברעטאָ „דאָס מוזיקאַלישע שטעטל", וואָס איז דעם 24 דעצעמבער 1920 אויפגעפירט געוואָרן אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל־טעאַטער.

דערנאָך איז ל. געוואָרן דיריגענט אין פּעטערסאָנער יידישן געזאַנגס־פאַראיין, וואו ער האָט אַ חוץ יידישע פאָלקסלידער, אויך איינשטודירט פראַגמענטן פון אָראַטאָריעס. שפּעטער אָרגאַניזירט ל. אַ כאָר ביים נאַציאָנאַלן יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק, רעאָרגאַניזירט דעם בראָנזווילער שובערט־געזאַנג־פאַראיין און ווערט מוזיק־לערער אין יידישן לערער־סעמינאַר.

אַלס געזאַנגס־לערער אין די אַרבעטער רינג־שולן, האָט ל. דאָרט אויפגעפירט (יוני 1924) די קינדער־אָפּערעטע „די באַפרייאונג פון פרילינג" פון גיליגיטש, צו וועלכער ער האָט געשריבן מוזיק.

אין מערץ 1929 איז אין מאַנהעטן אָפּערע־הויז אויפגעפירט געוואָרן צום 10 יאָריקן יובליי פון די אַרבעטער־רינג־שולן, אויסגעפירט דורך די קינדער מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, „דער לידער־קראַנץ פון קינדער שפּיל־פּלאַץ ביז די באַריקאַדן, געפלאָכטן פון פאָלקסלידער, אַרבעטער־און קאַמף־לידער", ליברעטאָ און מוזיק פון ל.

דעם 15 פעברואַר 1930 האָט ל. אויפגעפירט מיטן כאָר פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד הענדעלס אָראַטאָריע „יהודה המכבי" (יידיש — מלכּה לאָקער).

1931 — האָט ל. באַזוכט ארץ־ישראל און דאָרט אָנגעפירט מיט קאָנצערטן מיט אַ פאַרגרעסערטן אָפּערע־כאָר.

ל. איז איצט כאָר־דיריגענט אין בית־אל־טעמפּל אין באָראָ־פּאַרק אין ניו־יאָרק.

ש. ע.

אַב. קאַהאַן — ליאָוו׳ס אָפּערעטע אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טהעאַטער, „פאָרווערטס", נ. י., 4 יאַנואַר 1921.

אהרן ה. ראָזען — ליאָוו׳ס „מוזיקאַלישע שטעדטעל" אין טהאָמאַשעווסקי׳ס טעאַטער, „יידטגבל׳ט", נ. י., 5 יאַנואַר 1921.

י. ענטין — „דאָס מוזיקאַלישע שטעטעל" אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, „די צייט", נ. י., 5 יאַנואַר 1921.

וו. עדלין — לעאָ ליאָוו׳ס אָפּערעטע אין טאָמאַשעווסקי׳ס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 5 יאַנואַר 1921.

מאָריס בארקין — וועגען דאָס „מוזיקאַלישע שטעטעל", „פא׳ש", נ. י., 29 יאַנואַר 1921.

פ. געליבטער — די באַפרייאונג פון פרילינג, „פאָרוו.", נ. י. 20 יוני 1924.

דר. א. מוקדוני — דעם פריהלינגס באַפרייאונג „מאָ״זש", נ. י., 20 יוני 1924.

רעי ראַטקין — דער מוזיקאַלישער אויפטו פון די אידישע קינדערלעך, „טאָג", נ. י., 20 יוני 1924.

Gdal Salesky – „Famus Musicians Of A Wandering Race", Bloch Publishing Co, N. Y., 1927.

„Who Is Who In Music" – Chief Editor : Dr Sigmund Spaeth, Chicago, 1929.

ל. פאָגעלמאַן — צעהן־יאָהריגער יובילעאום־קאָנצערט פון די אַרבייטרינג שולען אין מאנהעטן אָפּערע הויז, „פאָרוו.", נ. י., 8 מערץ 1929.

צ. ה. רובינשטיין — ווען אונזער קליינוואַרג צעזינגט זיך, „טאָג", נ. י., 8 מערץ 1929.

מ. שערמאַן — אונטער דעם דיריגיר שטעקעלע פון לעאָ ליאָוו, „די אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 27 סעפּט. 1929.

ש. — אַ שמועס מיטן מוזיקער ליאָ ליאָוו „ליטבל׳ט", וואַרשע, 24, 1930.

ליאַמפּערט, שמואל

געבוירן 14 סעפּטעמבער 1888 אין קאָריטשין, ביאַליסטאָקער געגנט, פּוילן. פאָטער — אַ פאַקנטרעגער פון ספרים. געלערנט אין חדר און ישיבה און פּריוואַט אויך אַלגעמיינע למודים. אונטער דער ווירקונג פון די מעשה־ביכלעך, וועלכע ער פלעגט זיך אָנלייענען בעת דער פאָטער פלעגט אַהיימקומען אויף יום־טוב, געפּרובט שוין צו 11 יאָר אָנשרייבן אַ מעשה מיט גזלנים. שפּעטער געשריבן בילדלעך, דערציילונגען און לידער.

1910 - דעביוטירט מיט אַ קליינער דערציילונג אין „לעבען און וויסענשאַפט", דערנאָך פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און אַ ראָמאַן אין פאַרשיידענע אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

אין 1921 זיינען אין ביאַליסטאָק דערשינען ל.׳ס „פאַמיליען־ליידן, דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַן עפּילאָג" [55 ז. 16°] און „די נקמה, דראַמע אין 3 אַקטן" [47 ז. 16°], וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך „ליבהאָבער" אין ביאַליסטאָק, וואו ל. אַרבעט אַלס פאַרבער פון פויערישע אויסאַרבעטונגען.

ש. ע. פון זלמן רייזען.

ליבגאָלד, באַסיע

געבוירן אין פּשעמישל, גאַליציע. אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע אַלס כאָריסטקע אין דער גאַליציאַנער פּראָווינץ. נאָך דער חתונה מיטן זלמן ליבגאָלד געוואָרן אַ סובּרעטין, שפּעטער אַ פּרימאַדאָנע און לסוף איבערגעגאַנגען צו כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן אין דער יידישער טרופּע א׳א פון פּראַנצאָס אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

ל.׳ס זון, לייבעלע, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע. פון יוליוס גוטמאַן, שמאי אוריך און קאַרל וויינבערג.

ליבגאָלד, זלמן

געבוירן 1873 אין קראָקע, גאַליציע. פאָטער — אַ הענדלער מיט אייער, אַ רייכער הויז־באַזיצער. צוגעצויגן געוואָרן צו דער יידישער בינע אין 1900 דורך זיין יינגערן ברודער זעליג. געשפּילט כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן. געווען באַקאַנט צווישן די גאַליציאַנער יידישע אַקטיאָרן א׳נ „שעטניאַק”.

ל. האָט געשפּילט אין די טרופּעס פון אברהם אַקסעלראַד, גלימער, גימפּעל, בער האַרט, עבעל און אין רומעניע ביי אשכנזי.

ל. האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און האָט אַ קראָם אין קראָקע.

ל.׳ס זון, לייבעלע, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

באַדערס קאַלענדאַר.

מ. ע. פון שמאי אוריך און קאַרל וויינבערג.

ליבגאָלד, זעליג

[געב. בערך 1875 — געשט. בערך 1908]

געבוירן בערך 1875 אין קראָקע גאַליציע. פאָטער — אַ הענדלער מיט אייער. אַ רייכער הויז־באַזיצער. געווען אַ בוכהאַלטער. געשפּילט מיט „ליבהאָבער”, צווישן זיי סטעפאַניאַ שטייף (שפּעטער זיין פרוי און דערנאָך די פרוי פון אַקטיאָר נאָרבערט גלימער), מיט וועלכער ער איז דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר ביי אברהם אַקסעלראַד אין טשערנאָוויץ.

ל. איז געווען אַ כאַראַקטער־שוישפּילער. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען געשעפטס־פירער אין טאַנענצאַפּס טרופּע.

בערך 1908 איז ל., אַ קאָקאַאיניסט, געשטאָרבן אין סניאַטין (גאַליציע), וואו ער האָט געשפּילט אין אַ פּראָווינץ־טרופּע.

מ. ע. פון מ. ב. סאַמואילאָוו, שמאי אוריך און קאַרל וויינבערג.

ליבין, ז.

[ישראל־זלמן הורוויטש]

געבוירן נאָוועמבער 1872 אין האָרקי, מאָהילעווער גוב., פּאָדאָל. פאָטער — אַ מלמד. געלערנט אין חדרים, ביים ברודער, דר. חיים־דוב הורוויטש („אַ סוחר”), און פּריוואַט ביי לערער. שוין אין די יונגסטע יאָרן תּאַרקערט אין לינק־דעמאָקראַטישע קרייזן. 1885 - אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין אַן אַפּטייק. 1891 — עמיגרירט קיין לאָנדאָן, דאָרט זיך אויסגעלערנט קירזשנעריי און 6 חדשים שפּעטער אָנגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט איי־יקע יאָר ביים דאָזיקן פאַך, דערנאָך געוואָרן אַ צייטונגס־פאַרקויפער און 1903 — געוואָרן אַ צושטעלער פון צייטונגען צו די פאַרקויף־פלעצער.

נאָך אין פרילינג 1892 דעביוטירט אין „אַרבייטער צייטונג” (א׳ר פון אַב. קאַהאַן) א׳פ ז. ליבין מיט דער סקיצע „אַ זיפץ פון אַ אַרבייטער־האַרץ”. אַלס אָפטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער, גענומען שרייבן פּיעסעס און דעביוטירט דעם 25 דעצעמבער 1900 אין טאַליאַ־טעאַטער מיט דער פּיעסע „די פאַרשפּעטיקטע חופּה, קאָמעדיע אין 4 אַקטן”, מיטן אָנטייל פון בערטאַ קאַליש, דוד קעסלער, מאָריס מאָשקאָוויטש, זיגמונט מאָגולעסקאָ א. א. [וועגן דער פּיעסע זז ל.׳ס אַרטיקל „מיין ערשטע פּיעסע” אין „טהעאַטער־וועלט”, נ. י., 1 נאָוו. 1908].

פעברואַר 1901 ווערט אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסע „דער אומזיסטער קרבן, אָדער, דוד און זיינע טעכטער”, וועלכע ווערט דעם 12 יאַנואַר 1912 באַנייט אין אַגעדס קלינטאָן־טעאַטער א׳נ „דוד און זיין טאָכטער”. (זע ל.׳ס אַרטיקלען „פאַרדינטע אַפּלאָדיסמענטן” און „איך און ליבין” אין זיינע שריפטן).

דעם 16 מאַי 1902 ווערט אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט (מיט בערטאַ קאַליש) ל.׳ס פּיעסע אין 4 אַקטן „דער געבראָכענער נדר”.

דעם 13 פעברואַר 1903, אין טאַליאַ־טעאַטער — „העלענע, אָדער, די יידישע מעדעאַ”, מיט בערטאַ קאַליש אין דער טיטל־ראָל, וואָס ווערט דעם 11 מאַי 1923 ווידער באַנייט אין אירווינג־פּלייס־טעאַטער מיט בערטאַ קאַלישס ווידער אויפטרעטן אויף דער יידישער בינע. די זעלבע פּיעסע איז אויך, מיט קליינע ענדערונגען, אויפגעפירט געוואָרן דעם 7 מערץ 1913 אין ליפּצין־טעאַטער א׳נ „אַ מאַמעס נקמה” מיט קעני ליפּצין אין דער טיטל־ראָל.

דעם 1 מאַי 1903 ווערט דורך דוד קעסלער אויפגעפירט אין טאַליאַ־טעאַטער ל.׳ס פּיעסע „דער ערשטער מאַי”. אין זיין דערקלערונג (געדרוקט אין „פאָרווערטס” פון 7 מאַי 1903) ווייזט אָן דער מחבר, אַז די אַקטיאָרן, באַזונדערס קעסלער, האָבן אַזוי „באַאַרבעט” די פּיעסע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון איר.

דעם 18 סעפּטעמבער 1903 ווערט אין גרענד־טעאַטער, מיט סאַראַ און יעקב פּ. אַדלער אין די הויפּטראָלן, אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסע „געבראָכענע הערצער, אָדער, ליבע און פליכט”. די פּיעסע איז יאָרן לאַנג א׳נ „געבראָכענע הערצער”, געווען אין רעפּערטואַר פון יידיש. טעאַטער אין אַמעריקע און שפּעטער אויך אין אייראָפּע, וואו זי איז געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער

און איז אויך, אָן וויסן פון מחבר, אין אַ נישט-קאָמפּלעקטער פאָרם, געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע [„די געבראָכענע הערצער, דראַמא אין 4 אַקטען פון ז. ליבין, וואַרשא תרס״ח [1908], פערלאַג די „יודישע בינע״, 70 ז. 16°]. די פּיעסע איז אויך (אונטער דער פאַרוואַלטונג פון לואיס ג. יאפּע) פאַרפילמט געוואָרן (מיטן אָנטייל פון מיס לי, מאָריס שוואַרץ, חנה אַפּעל, וואָלף גאָלדפאַדען און איזידאָר קעשיער) און איז דעם 1 מערץ 1926 געוויזן געוואָרן אין ניו-יאָרק.

סוף 1903 — פאַרלאָזט ל. זיין האַנדלען מיט צייטונגען און הייבט אָן ציען זיין חיונה אַלס שרייבער און אַלס רעדאַקציע-מיטגליד אין „פאָרווערטס״.

אין 1904 איז דורך אַדלערן אויפגעפירט געוואָרן אין גרענד-טעאַטער ל.׳ס פּיעסע „דאָס יידישע בלוט״, וואָס איז באַלד אַראָפּ פון אַפיש.

דעם 23 סעפּטעמבער 1904, אין גרענד-טעאַטער — „די צוויי דורות, אָדער, פאַמיליען-טרערן, מוזיק פון ברוידי, סצענירט פון ה׳ אַדלער, אויפגעפירט פון ה׳ קעסלער״. אויך די פּיעסע האָט נישט געהאַט קיין אריכת-ימים.

דעם 20 דעצעמבער 1904 דורך אַדלערן אין גרענד-טעאַטער — „דער שלעכטער וועג, אָדער, עפּטער דהי באָל, דראַמע אין 4 אַקטן, מוזיק פון ברוידי.״

דעם 26 נאָוועמבער 1905, אין טאַליאַ-טעאַטער — „די ווילדע״, וואָס איז שפּעטער, אָן וויסן פון מחבר, געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע דורך דיינע פיינמאַן, און דערנאָך דורך אסתר-רחל קאַמינסקאַ. די פּיעסע איז אויך פאַרפילמט געוואָרן אין רוסלאַנד (מיטן אָנטייל פון אסתר-רחל קאַמינסקאַ, יעקב ליבערט א. א.).

דעם 29 סעפּטעמבער 1906, אין טאַליאַ-טעאַטער — „די פרעמדע״, וועלכער איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, אָן וויסן פון מחבר, א׳נ „יואלקע עקספּרעסמאַן״ (מיט יעקב ליבערט אין דער טיטל-ראָל און אסתר-רחל קאַמינסקאַ אַלס „די פרעמדע״).

דעם 29 נאָוועמבער 1906, אין פּיפּלס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך באָריס טאָמאַשעווסקי — „דער טרוימער, אָדער, די צעריסענע הערצער״.

דעם 28 דעצעמבער 1906, אין קאַליש-טעאַטער, מיט פערנאַנדא איילעסקאָ אין דער הויפּטראָל — „איר פאַרגאַנגענהייט״, וואָס איז שפּעטער געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע דורך דיינע פיינמאַן.

אין 1907, אין גרענד-טעאַטער — „די שכנים, אָדער, וואָס אַ מאַמע קען״ (מיט סערא און יעקב פּ. אַדלער, בערל בערנשטיין א. א.).

דעם 20 סעפּטעמבער 1907, אין אַדלערס טעאַטער, אויפגעפירט דורך אַדלערן — „דער אייביקער ייד״ [אַנאָנסירט דורכן טעאַטער א׳נ „דער עוויגע יודע״].

דעם 21 נאָוועמבער 1907, אין פּיפּלס-טעאַטער, א׳ר פון באָריס טאָמאַשעווסקי (מיט בעסי טאָמאַשעווסקי אין דער טיטל-ראָל) — „דאָס לוסטיקע ווייבעלע, אָדער, די שטיפערקע״.

דעם 9 אָקטאָבער 1908, אין גרענד-טעאַטער — „דער אורטייל, סצענירט און אויפגעפירט פון יעקב פּ. אַדלער״.

אין אָקטאָבער 1909, דורך קעסלערן אין טאַליאַ-טעאַטער — „מענטשן אָן גלויבן״ („משה דוד באַכראַך״ — קעסלער, „ראָזעטאַ״ — אסתר-רחל קאַמינסקאַ).

אין יאַנואַר 1910, דורך אַדלערן אין אַקאַדעמיע אָף מוזיק — „גאָטס שטראָף״ (מוזיק — י. רומשינסקי), מיט וועלכער אַדלער, נישט האָבנדיק קיין סטאַביל טעאַטער אין ניו-יאָרק, גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ און קאַנאַדע. די פּיעסע איז געבליבן אין אַדלערס רעפּערטואַר און איז אויך שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך אַנדערע אַקטיאָרן אין אַמעריקע

בעת די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע, איז דאָרט דערשינען אַ ספּעציעלע בראָשור „דיא ערצעהלונג פון דער בעריהמטער דראַמא גאָט׳ס שטראָף פון ז. ליבין״ [דער יידישער טעקסט אַנטהאַלט בלויז דאָס פּראָגראַם און אַ לויב-אַרטיקל וועגן יעקב פּ. אַדלערן. דער ענגלישער טעקסט ברענגט דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע].

די פּיעסע איז דורך אסתר-רחל קאַמינסקאַ געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע, וואו זי האָט זיך געהאַלטן אַ לענגערע צייט אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע.

דעם 30 סעפּטעמבער 1910, אין אַדלערס טאַליאַ-טעאַטער, אויפגעפירט דורך אַדלערן — „דער יום-הדין״ (מוזיק — י. רומשינסקי)

דעם 23 דעצעמבער 1910, אין אַטלאַנטיק-גאַרדען — „דער אָפּגרונט, רעאַליסטישע דראַמע אין 3 אַקטן״.

דעם זעלבן טאָג (23 דעצ. 1910) ווערט דורך טאָמאַשעווסקין אין זיין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסע „גערעכטיקייט״ וועלכע איז אין 1913 געשפּילט געוואָרן דורך טאָמאַשעווסקין בעת זיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע.

דעם 27 אָקטאָבער 1911, מיט רודאָלף שילדקרויט אין דער טיטל-ראָל און א׳ר פון באָריס טאָמאַשעווסקי (אין פּיפּלס-טעאַטער) — „דער געדאַנקן-לעזער״.

דעם 30 נאָוועמבער 1911 אין פּיפּלס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך טאָמאַשעווסקין — „בלינדע ליבע, דראַמע אין 4 אַקטן״, וואָס איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און איז דאָרט געשפּילט געוואָרן א׳נ „בלינד אויס ליבע״.

דעם 22 פעברואַר 1912, אויפגעפירט דורך טאָמאַשעווסקין אין זיין פּיפּלס-טעאַטער - „פרעמדע קינדער״, וואָס ווערט קורץ דערויף געבראַכט קיין אייראָפּע און דאָרט געשפּילט דורך דער קאַמינסקי-טרופּע. די זעלבע פּיעסע איז דעם 21 יאַנואַר 1921 אויפגעפירט געוואָרן אין לענאָקס-טעאַטער דורך נ. גאָלדבערג א׳נ „פרעמדע יתומים״.

דעם 15 אויגוסט 1912, אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳ר פון דוד קעסלער — „מענער און פרויען, דראַמע אין 4 אַקטן״, דעם 5 סעפּטעמבער 1913 (מיט קעסלערן אין דער טיטל-ראָל) - „דער איביקער מענטש״, וואָס איז אין 1928 געבראַכט און געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע דורך בעני אַדלער.

אין אָקטאָבער 1913 (קעסלער אין דער ראָל „נחום העלפמאַן״) — „טאָג און נאַכט״.

דעם 24 דעצעמבער 1913, אין אַדלערס דואי-טעאַטער (מיט סערא און יעקב פּ. אַדלער אין די הויפּטראָלן) — „די לעצטע שטונדע״, וואָס איז ווידער באַנייט געוואָרן אין 1925 אין בראָנקס.

דעם 6 מערץ 1914, אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, א׳ר פון קעסלערן (מיט אים אין דער טיטל-ראָל) — „דער קריפּל״, וואָס איז שפּעטער אויך געבראַכט און אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע. דעם 21 סעפּטעמבער 1914 — „די מאַכט פון ליידנשאַפט, דראַמע אין 4 אַקטן״, דעם 26 נאָוועמבער

1914 — „בלינדע אייפערזוכט, אָדער, גלויב דיין פרוי, דראַמע אין 4 אַקטן, פּראָלאָג און עפּילאָג", וואָס איז דעם 12 מערץ 1926 באַנייט געוואָרן א׳נ „גלייב דיין פרוי" דורך סעמועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער אין אַמפּיאָן-טעאַטער. דעם 26 פעברואַר 1915 די פּיעסע אין 4 אַקטן „זיין ערשטע כלה" („אַלעקס" — קעסלער, „פריידל" — מאַלווינע לאָבעל) און דעם 29 סעפּטעמבער 1915 — „ליבע, זינד און אומשולד, לעבנסבילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון ברוידי און פרידזעל" („אַלבערט לעווין" — קעסלער).

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1915 נאָך אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „דער פאַלשער שריט" [לויט שלום פּערלמוטער איז די פּיעסע לאַטיינערס] און „די פאַרפירטע". [דער מחבר געדענקט נישט אַ פּיעסע זיינע מיט אַזאַ נאָמען. וואָרשיינלעך האַנדלט זיך וועגן אַ פריערדיקער פּיעסע מיט אַ נייעם נאָמען].

דעם 21 יאַנואַר 1916 איז אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון אַנשל שאָר ל.׳ס „דאָס האַרץ פון אַ פרוי, דראַמע אין פיר אַקטן, מוזיק פון ברוידי און פרידזעל", וואָס איז מיט אַ קורצער צייט פריער געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע מיט לודוויג זאַץ און צילי אַדלער.

דעם 15 סעפּטעמבער 1916, אין בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון מאַקס ראָזענטאַל — „די גרויסע פראַגע", וועלכע איז מיט עטלעכע וואָכן פריער אויסגעפּרובט געוואָרן אין באָסטאָן. די זעלבע פּיעסע איז אין זעלבן יאָר נאָך פריער געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע א׳ר פון אַנשל שאָר (מיטן אָנטייל פון יעקב פּ. אַדלער און לודוויג זאַץ). דעם 26 מערץ 1926 איז די זעלבע פּיעסע א׳נ „דאַרף מען האָבן קינדער?, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן", אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב קאָהן אין האַרלעמער לענאָקס-טעאַטער.

דער 18 סעפּטעמבער 1916, אין בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון מאַקס ראָזענטאַל — „די צוויי מאַמעס, לעבנס-בילד אין 4 אַקטן מיט געזאַנג, מוזיק פון פרידזעל". די פּיעסע איז דורך ל. דראַמאַטיזירט געוואָרן פון זיין ראָמאַן „אַ פרוי אָן אַ נאָמען", וואָס האָט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס". צוליבן גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע איז איר סוזשעט ווידער באַאַרבעט געוואָרן אַלס ראָמאַן וואָס האָט זיך געדרוקט א׳נ „דיא צוויי מאַמעס, ראָמאַן, בעאַרבייט פון ז. ליבינ׳ס דראַמע אין בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס-טעאַטער, פון הערמאַן שפּיעגעלבערג" אין טעגלעכע פאָרטזעצונגען אין ניו-יאָרקער „מאָרגען זשורנאַל", אָנהייבנדיק פון יאַנואַר 1917.

דעם 31 אויגוסט 1917 איז אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „דער איינציקער עדות, דראַמע אין 4 אַקטן, אויפגעפירט פון באָריס און הערי טאָמאַשעווסקי". די פּיעסע איז אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אין נאָוועמבער 1919 איז די פּיעסע, מיט אייניקע ענדערונגען, אויפגעפירט געוואָרן אויף דער ענגלישער בינע אין ניו-יאָרק א׳נ „די אַננאָוען וואומען" [„די אומבאַקאַנטע פרוי"] פון סטענלי לואיס [ל.׳ס ענגלישער פען-נאָמען], מיט דער ענגלישער אַקטריסע ראַמבאָ אין דער הויפּטראָל.

דעם 14 סעפּטעמבער 1917 איז דורך קעסלערן אויפגעפירט געוואָרן אין זיין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער ל.׳ס 4-אַקטיקע פּיעסע „דער נייער מענטש" (מיטן אָנטייל פון קעסלער, מאַשקאָוויטש, בערנשטיין און צילי אַדלער).

דעם 20 דעצעמבער 1917, אין פּיפּלס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך ס. ראָזענשטיין — „די היינטיגע פרוי, קאָמעדי-דראַמע אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג, מוזיק — לואיס פרידזעל" (מיט בעסי טאָמאַשעווסקי אין דער טיטל-ראָל). די פּיעסע איז מיט דערפאָלג געשפּילט געוואָרן מערערע וואָכן און איז שפּעטער פון מחבר באַאַרבעט געוואָרן אַלס ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען, געדרוקט אין „דיא וואַרהייט", אָנהייבנדיק דעם 19 יאַנואַר 1918.

די זעלבע פּיעסע איז מיט אַ קורצער צייט פאַר איר אויפפירונג אין ניו-יאָרק אויפגעפירט געוואָרן אין פילאַדעלפיע דורך אַנשל שאָר מיט מאַקס און סאַבינאַ ראָזענטאַל אין די הויפּטראָל.

דעם 16 פעברואַר 1918 איז א׳ר פון אַדלערן אויפגעפירט געוואָרן אין זיין גרענד-טעאַטער ל.׳ס „פאַרברעכן און ליבע, דראַמע אין 4 אַקטן" (מיט סעראַ אַדלער אַלס „בערטאַ").

דעם 29 אויגוסט 1918 איז דורך מאָריס שוואַרץ, צו דער דערעפענונג פון זיין אירווינג-פּלייס-טעאַטער, אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „דער מאַן און זיין שאָטן" (מוזיק — יאָזעף ברוידי) מיט מאָריס שוואַרץ און צילי אַדלער אין די הויפּטראָלן.

דעם 28 פעברואַר 1919, אין פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון דוד קעסלער — „די פאַרלוירענע האָפנונג" („אַלעקס ווערטהיימער" — קעסלער), וואָס איז דעם 27 דעצעמבער 1923 א׳נ „פאַרלוירענע ליבע" באַנייט געוואָרן דורך לעאָן בלאַנק אין ליבערטי-טעאַטער.

דעם 5 סעפּטעמבער 1919, אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, אויפגעפירט דורך סעמועל גאָלדענבורג — „דעם שניידערס טעכטער, קאָמעדיע-דראַמע, פאָלקסלידער און ספּעציעלע מוזיק פון י. רומשינסקי", וועלכע האָט אַרויסגערופן אין דער פּרעסע אַ דיסקוסיע צווישן ל. און מ. אַשעראָוויטש.

דעם 10 דעצעמבער 1920, אויפגעפירט דורך ז. וויינטרויב אין ליבערטי-טעאַטער - „עליס איילאַנד. רעאַליסטישע דראַמע".

דעם 17 נאָוו. 1921, אין פּיפּלס-טעאַטער, א׳ר פון מאַקס ראָזענטאַל — די 4-אַקטיקע פּיעסע „גאָט פון רחמנות" (מוזיק פון יאָזעף ברוידי) מיטן אָנטייל פון גאָלדענבורג, זאַץ, ראָזענטאַל און בערטאַ גערסטין.

דעם 2 אָקטאָבער 1922, אויפגעפירט דורך לודוויג זאַץ (מיט אים אין דער טיטל-ראָל) אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער — „קבצן וואו קריכסטו?, טראַגי-קאָמעדיע אין 4 אַקטן", וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג אייניקע וואָכן כסדר און איז ביז איצט פאַרבליבן אין זאַצס רעפּערטואַר.

דעם 21 דעצעמבער 1922 אין ראָיאַל-יוניאָן-טעאַטער (מיט מאַלווינאַ לאָבעל אין דער הויפּטראָל) — „מיידעלשע חשבונות, לעבנס-בילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון פּרץ סאַנדלער".

אין „צוקונפט" (נ׳ 6-9, 1922) האָט ל. פאַרעפנטלעכט זיין „די מיידעל, וועלכע קיינער באַמערקט ניט, דראַמא [אין 4 בילדער מיט אַ עפּילאָג]", וואָס איז קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן.

דעם 30 מערץ 1923, אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך ס. טאָביאַס [טאַבאַטשניקאָוו] — „דזשאָנק פּעדלערס, קאָמעדיע-דראַמע" (מיט זאַץ און פּיטער גראַף אין די הויפּטראָלן).

דעם 26 אָקטאָבער 1923, אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער — די פאַנטאַסטישע קאָמעדיע „שלעכט אָן געלט" (מיט גאָלדענבורג און מוני ווייזענפריינד אין די הויפּטראָלן).

דעם 13 פעברואַר 1925, אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער א׳ר פון מאַקס ראָזענטאַל (מיט זאַץ אין דער הויפּטראָל) — די 4-אַקטיקע קאָמעדיע „גרינע יענקיס".

דעם 16 פעברואַר 1925, אויפגעפירט דורך סעמ. גאָלדענבורגן אין פּראָספּעקט-טעאַטער — „דער בוים פון ליבע“ (מיט צילי אַדלער), וואָס איז נאָך זיי מיט אַ קורצער צייט פריער געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע. די זעלבע פּיעסע איז דורך גאָלדענבורגן אויפגעפירט געוואָרן דעם 8 יאַנואַר 1926 אין אַמפּיאָן טעאַטער אונטער „שאָטנס פון ליבע“ און דעם 12 מערץ 1926 אין לענאָקס-טעאַטער א׳נ „גנבעטע ליבע“.

דעם 5 פעברואַר 1926 ווערט אין מעקינלי-טעאַטער אויפגעפירט דורך יאָזעף קעסלער ל.׳ס דראַמע אין 4 אַקטן „קינדער פון דער ערד“ (מיט יאָזעף קעסלער, העני יעטאַ שניצער, ליזאַ זילבערט), וועלכער שפּילט זי אויך אין 1928 אין אייראָפּע.

דעם 12 פעברואַר 1926, אין אַמפּיאָן-טעאַטער, אויפגעפירט דורך סעמ. גאָלדענבורג — „דער הפקר-יונג“.

דעם 27 סעפּטעמבער 1927, א׳ר פון חיים שניער (מיט אים, בעלאַ בעלערינאַ און באָריס אויערבאַך אין די הויפּטראָלן) אין האָפּקינסאָן-טעאַטער — „קינדער פאַרגעסן נישט“ (מוזיק — יאָזעף ברוידי). די פּיעסע, וועלכע איז דאָ געשפּילט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג, איז אין 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן דורך יאָזעף קעסלער און אין וואַרשע דורך ח. שנייער. די זעלבע פּיעסע איז דעם 23 נאָוועמבער 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער פּאָבליק-טעאַטער (מיט בלאַנק, זאַץ און עני מעלצער אין די הויפּטראָלן) וואו זי איז אויך געשפּילט געוואָרן מערערע וואָכן.

דעם 15 סעפּטעמבער 1928, אין פאָלקס-טעאַטער א׳ר פון מישע גערמאַן — „נייע נגידים, קאָמעדיע-דראַמע, ליריקס - ישראל ראָזנבערג, מוזיק - הערי לובין“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן מערערע וואָכן.

דעם 13 סעפּטעמבער 1931, אין מאָנטרעאַל א׳ר פון חיים שנייער — „געקאָנט זיין גליקלעך“, וועלכע ווערט באַלד אַראָפּגענומען פון דער בינע. די זעלבע פּיעסע ווערט דעם 23 אָקטאָבער 1931 א׳נ „שטאָלצע מיידלעך“, דראַמע אין 3 אַקטן, 5 בילדער מיט פּראָלאָג און עפּילאָג“ אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער אָדעאָן-טעאַטער, באַלד דערויף אין פילאַדעלפיע א׳נ „געזינדיקט און באַצאָלט“ און דעם 24 דעצעמבער 1931 ווערט זי א׳ר פון מישע גערמאַן אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער א׳נ „סאָפּיאַס חופה-נאַכט“ (מיט לוכי און מישע גערמאַן, מנשה סקולניק און איזידאָר קעשיער), וואו זי ווערט געשפּילט מערערע וואָכן.

פון ל.׳ס געשפּילטע פּיעסעס איז נאָר „געבראָכענע הערצער“ געדרוקט געוואָרן אין בוך-פאָרם, איין פּיעסע און אייניקע איינאַקטערס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „צוקונפט“, צווישן זיי דער איינאַקטער „קאָלעגען“, וואָס איז דערשינען אין 2 ענגלישע איבערזעצונגען און פיל איינאַקטערס אין „פאָרווערטס“, פון וועלכע אייניקע זיינען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין ל.׳ס געקליבענע שריפטן.

מאַנוסקריפּטן פון ל.׳ס פּיעסעס „די פרעמדע“ און „דאָס דאָרפס-מיידל“ געפינען זיך אין נחום ליפּאָווסקיס אַרכיוו אין „טעאַטער-מוזיי ביים ייוואָ“. מאַנוסקריפּטן פון ל.׳ס אַנדערע פּיעסעס געפינען זיך ביי שלום פּערלמוטער.

ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] פסח אין ניו-יאָרק,
אַ סצענע אין איין אַקט פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 11, 12 אַפּריל 1903.

[2] געכאַפּט, אָדער, נאַרישע אייפערזוכט,
טראַגישע פאַמיליען סצענע אין איין אַקט, פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 29 אַפּריל 1905

[3] די בעזדעטניקעס
(אַ סצענע) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 10 נאָוו. 1906
[איבערגעדרוקט אין „געקליבענע שריפטען“ פון ז. ליבין,
היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, ניו יאָרק 1910]

[4] דער גנב
(אַ סצענע) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 1 אַפּריל 1908
[איבערגעדרוקט דאָרט]

[5] דער וואָרטסמאַן
(אַ סצענע) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 8 אַפּריל 1908

[6] דער רעדאַקטאָר
(אַן איינאַקטער) פון ז. ליבין
„פאָרווערטס“, נ. י., 9 מאַי 1908

[7] די געבראָכענע הערצער
דראַמאַ אין 4 אַקטען פון ז. ליבין
וואַרשא תרס״ח [1908], פערלאַג די „יודישע ביהנע“,
[70 ז, 16°]

[7א] וואַרשאַ 1914.

[8] דער בעקער סטרייק
(אַ בילד אין איין אַקט) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 16 יוני 1909.

[9] די ליעבעס-בריעף
(דראַמאַטישע סיטואַציאָן) פון ז. ליבין.
„פאָרווערטס“, נ. י., 22, 23, 24 אָקטאָבער 1910

[10] די קאָלעגען
(אַ קאָמיש-טראַגישע סצענע)
[געדרוקט אין „צוקונפט“ און איבערגעדרוקט אין „געקליבענע שריפטען“ פון ז. ליבין, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, נ. י. 1910]

[11] דער מאָטאָרמאַן
(איין אַקטער)
[געדרוקט אין „צוקונפט“ און איבערגעדרוקט אין „געקליבענע שריפטען“ פון ז. ליבין, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני. ניו-יאָרק 1910]

[12] זאַלץ אין די וואַסער
(אַ דראַמאַ אין איין אַקט)
[ז. ליבין, געזאַמעלטע ווערק IV, נ. י. 1916]

[13] די פופציג יעהריגע באַפרייאונג
סצענע אין איין אַקט
[ז. ליבין, געזאַמעלטע ווערק. IV, נ. י. 1916]

[14] טרייהייט פון אַ פרוי
[דאָרט]
[די 3 לעצטע איינאַקטערס זיינען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס“]

[15] אַן אַדווערטייזמענט וואָס האָט געהאָלפען
(איין-אַקטער) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס“, נ. י., 15 דעצ. 1918.

[16] ז. ליבין
די מיידעל, וועלכע קיינער באַמערקט ניט
דראַמאַ [אין 4 בילדער מיט אַן עפּילאָג]
[„צוקונפט", נ. י., 6-9, 1922]

[17] ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט
(אַן איין אַקטער), פון ז. ליבין
„פאָרווערטס", נ. י., 26 יאַנואַר 1924

[18] די צואה
(הומאָרעסקע) פון ז. ליבין.
„פאָרווערטס", נ. י., 22 יוני 1924

[19] זיין ווייב'ס צייהנער
(שפּאַסיגע סצענע) פון ז. ליבין.
„פאָרווערטס", נ. י., 13 מאַי 1926

[20] די מיידעל וועלכע שרייט ניט,
אַ פּאַסירונג פון די היינטיגע צייטען, פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס", נ. י., 20 מאַי 1926.

[21] אַ זעכצעהן יאָהריגע מיידעלע
(סצענע) פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס", נ. י., 3 יולי 1926

[22] אַ שעהנער טאָג,
דראַמע אין איין אַקט פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס", נ. י., 25 מאַי 1929.

[23] אַ פאַרברענטע שטיק פאַרגאַנגענהייט
[איינאַקטער] פון ז. ליבין,
„פאָרווערטס", נ. י., 13 יוני 1929.

ל.'ס געדרוקטע פּיעסעס אין ענגליש:

[1] COLLEAGUES, by Zalmon Libin (Translated by Gustav Blum), „East and West", N. Y. 8, 1915.

[1a] COLLEAGUES, a Tragi-Comedy by Z. Libin Translated by Bessie F. White, „Nine One Act Plays From The Yiddish", Boston [1932], John W. Luce and Company.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II, זז. 113-116.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 280, 268, 208-210.

י. ענטין — דיא אויסזיכטען פון אונזער ביהנע, „פאָרוו.", נ. י., 1 מערץ 1901.

י. ענטין — דער געבראָכענער נדר, „פא'ש", נ. י., 30 מאַי 1902.

א. גאָניקמאַן — דריי נייע פּיעסען, „טהעאַטער זשורנאַל", נ. י., 15 פעברואַר 1903.

ז. קאָרנבליטה — העגעלע אָדער דיא אידישע מעדעאַ, „פאָרוו.", נ. י., 16, 17 פעברואַר 1903.

ז. ליבין — טהעאַטער-קריטיק, „פאָרוו.", נ. י., 21 פעברואַר 1903.

ז. ליבין — אַן ערקלעהרונג, „פאָרוו.", נ. י., 3 מאַי 1903.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — צובראָכענע הערצער, „פא'ש", נ. י., 3 אָקט. 1903.

מ. ציפין — בריעף צום רעדאַקטאָר, „פא'ש", נ. י., 10 אָקטאָבער 1903.

ד. ב. — אין די טהעאַטערס, „פא'ש", נ. י., 1 אָקט. 1904.

ח. אַלעקסאַנדראָוו — צוויי דורות, „דער אַרבייטער", נ. י., 22 אָקט. 1904.

ד. ב. — אין די טהעאַטערס, „פאַ'ש", נ. י., 21 יאַנ. 1905.

אב. קאַהאַן — ליבינ'ס נייע פּיעסע אין טהאַליאַ טעאַטר, „פאָרוו.", נ. י., 29 נאָוו. 1905.

ד. ב. — אין די טהעאַטערס, „פא'ש", נ. י., 2 דעצ. 1905.

[—] — ליבין'ס „דיא פרעמדע" אין טהאַליאַ טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 22 סעפּט. 1906.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 29 סעפּט. 1906.

י. ענטין — ז. ליבינ'ס פרעמדע אין טהאַליאַ טעאַטער, „דא'ק", 30 1906.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 8 דעצ. 1906.

א. ק. [קאַהאַן] — ליבין'ס נייע פּיעסע אין פּיפּעל'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 14 דעצ. 1906.

י. ענטין — דער טרוימער, „דא'ק", 39, 1906.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", ז. 287

ידידיה מרגלית — פערנאַנדא עליסקו אין איהר פערגאַנגענהייט, „דער אַרבייטער", נ. י., 17 יאַנ. 1907.

י. ענטין — איר פערגאַנגענהייט, „דאק", 43, 1907.

אב. קאַהאַן — טהעאַטער קריטיק, „פאָרוו.", נ. י., 23 יאַנ. 1907.

א. ק. — ליבין'ס נייע פּיעסע אין אַדלער'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 24 סעפּט. 1907.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 28 סעפּט. 1907.

אב. קאַהאַן — „די לוסטיגע ווייבעל" אין פּיפּעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 27 נאָוו. 1907.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא"ש", נ. י., 7 דעצ. 1907.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י. 24 אָקט. 1908.

ז. ליבין — מיין ערשטע פּיעסע, „דיא טהעאַטער וועלט", נ. י., 1 נאָוו. 1908.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 30 אָקט. 1909.

דר. א. מוקדוני — די פרעמדע, „דער שטראַהל", וואַרשע, ב' 1, 1910.

אב. קאַהאַן — ליבין'ס נייע פּיעסע אין אַדלער'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 12 יאַנואַר 1910.

יעקב גאָרדין — „אַלע שריפטען פון יעקב גאָרדין", נ. י., 1910, III, זז. 167-170.

ז. קאָרנבליטה — „גאָטס שטראָף" פון ז. ליבין, „דיא אידישע ביהנע", נ. י., 14 יאַנ. 1910.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 15 יאַנ. 1910.

אב. קאַהאַן — ליבין'ס „יום הדין" אין אַדלער'ס טהאַליאַ טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 5, 6 אָקט. 1910.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 8 אָקט. 1910.

א. ק. — ז. ליבין'ס צוויי נייע פּיעסען, „פאָרוו.", נ. י., 12 יאַנואַר 1911.

ישראל דער יענקי [פרידמאַן] — „גערעכטיקייט" אויף'ן סטיידזש, „די אידישע גאַזעטטען", נ. י., 6 יאַנ. 1911.

וו. עדלין — אין דער וועלט פון דראַמא און מוזיק, „מא'זש", נ. י., 30 אָקט. 1911.

אב. קאַהאַן — ז. ליבין'ס „געדאַנקען-לעזער" אין פּיפּעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 31 אָקט. 1911.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 4 נאָוו. 1911.

ל. ע מיללער — ז. ליבינ'ס „גערדאַנקען לעזער", „דיא ווארהייט", נ. י., 1 נאָוו. 1911.

וו. עדלין — אין דער וועלט פון דראַמא און מוזיק, „מאז'ש", נ. י., 4 דעצ. 1911.

מ. באַראַנאָוו — „בלינדע ליבע", „פאָרוו.", נ. י., 6 דעצעמבער 1911.

א. גאָניקמאַן — „דיא בלינדע ליעבע" און „אלמא'ס" אדרעס, „דיא וואר-הייט", נ. י., 6 דעצ. 1911.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 16 דעצ 1911.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 2 מערץ 1912.

אב. קאַהאַן — ז. ליבינ'ס נייע פיעסע אין פיפעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י. 7 מערץ 1912.

ב. פייגענבוים — „אַ מאַמעס נקמה", „פאָרוו.", נ. י., 29 מערץ 1913.

י. ס. [סלאָנים] — ליבינס נייע דראַמע, „דיא ווארהייט", נ. י., 1 נאָוו. 1913.

[—] — אין און אַרום טעאַטער, „יידטגבל'ט", נ. י., 13 מערץ 1914.

ב. גאָרין — וואָס עס הערט זיך אין טהעאַטער, „מאז'ש, נ. י., 16 מערץ 1914.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 21 מערץ 1914.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 3 אָקט. 1914.

אַלגין — ז. ליבינ'ס נייע פיעסע „בלינדע אייפערזוכט" אין קעסלער'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 8 דעצ. 1914.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 9 יאַנ. 1915.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 13 מערץ 1915.

הלל ראָגאָף — דאָס הארץ פון אַ פרוי, „פאָרוו.", נ. י., 20 פעברואַר 1916.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 4 מערץ 1916.

אב. קאַהאַן — ז. ליבינ'ס „די גרויסע פראַגע" אין פיפעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 26 סעפט. 1916.

אב. קאַהאַן — ז. ליבינ'ס „צוויי מאַמעס" אין פיפעלס טהעאַטער „פאָרוו.", נ. י., 24 אָקט 1916.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 28 אָקט. 1916.

דר. י. ז. שובין — „דער איינציגער עדות", „טאָג", נ. י., 8 סעפט. 1917.

הלל ראָגאָף — „דער איינציגער עדות", „פאָרוו.", נ. י., 11 סעפט. 1917.

ב. גאָרין — דיא נייע פיעסען אין אידישען טהעאַטער, „מאז'ש", נ. י., 13 סעפט. 1917.

ד. ב. אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 15 סעפט. 1917.

י. ענטין — ריכטער'ס „אידישער שטאָלץ" און ליבינ'ס „נייער מענטש", „דיא ווארהייט", נ. י., 20 סעפט. 1917.

אב. קאַהאַן — ליבינ'ס אַ נייע שפּאַס-פיעסע אין פיפעל'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 25 דעצ. 1917.

י. ענטין — ליבינ'ס „היינטיגע פרוי" אין פיפעלס טהעאַטער, „דיא ווארהייט", נ. י., 29 דעצ. 1917.

ישראל דער יענקי — די היינטיגע פרוי, „יידטגבל'ט", נ. י., 11 יאַנ. 1918.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 2 פעבר. 1918.

י. ענטין — די ערעפענונג פון אוירווינג פלייס טעאַטער, „דיא ווארהייט", נ. י., 3 סעפט. 1918.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", ז. 301.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 7 סעפט. 1918.

הלל ראָגאָף — דער מענש און זיין שאָטען, „פאָרוו.", נ. י., 11 סעפט. 1918.

אוריאל מזיק [אַלטער עפשטיין] — אין אוירווינג פלייס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 28 סעפט. 1918.

הלל ראָגאָף — ליבינ'ס אַ נייע פיעסע אין פיפעל'ס טהעאַטער, „פאָרוו", נ. י., 14 מערץ 1919.

א. פ. — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 15 מערץ 1919.

הלל ראָגאָף — ז. ליבין'ס „דעם שניידערס טעכטער" אין סעקאָנד עווע-ניו טהעאַטער, „פאָרוו", נ. י., 17 סעפט. 1919.

דער קריטיקער — אין דער טעאַטער וועלט, „גערעכטיגקייט", נ. י., 37, 1919.

ז. ליבין — ז. ליבין וויצעלט זיך איבער איצטיגען צושטאַנד פון אי-דישע טעאַטערס און די פיעסען, „פאָרוו.", נ. י., 7 דעצ. 1920.

מ. אַשעראָוויטש — דער אידישער דראַמאַטורגען-טראַסט. „פא'ש", נ. י., 18 דעצ. 1920.

אהרן ראַזען — „גאָט פון רחמנות" אין פיפעלס. „יידטגבל'ט". נ. י. 25 נאָוו. 1921.

אַקסעל — „גאָטס רחמנות", „פא'ש", נ. י., 25 נאָוו. 1921.

הלל ראָגאָף — „גאָט פון רחמנות" — ליבינ'ס נייע פיעסע אין פיפעלס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 10 אָקט. 1922.

אַב. קאַהאַן - ליבין'ס אַ קאָמעדיע אין אוירווינג פלייס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 10 אָקט. 1922.

אַקסעל — „קבצן וואו קריכסטו", „פא'ש", נ. י., 13 אָקט. 1922

מ. אַשעראָוויטש — ז. ליבין'ס אַ נייע פיעסע אין דעם ראַיאַל יוניאָן טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 9 יאַנ. 1923.

אַקסעל — „מיידעלשע חשבונות", „פא'ש", נ. י., 12 יאַנואַר 1923.

ב. י. גאָלדשטיין — „דזשאַנק פעדלער" אין אוירווינג פלייס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 6 אַפּריל 1923.

דוד וואַרשאַווסקי [ש. ערדבערג] — „דזשאַנק פעדלערס" אין אוירווינג פלייס טעאַטער, „יידטגבל'ט", נ. י, 6 אַפּריל 1923.

אַב. קאַהאַן — „דזשאַנק פעדלערס", „פאָרוו.", נ. י., 11 אַפּריל 1923.

ליליפוט — דער טאַטע האָט דער מאַמען גענומען און אַלץ ענדיקט זיך כשורה. ליבינס „דזשאַנק פעדלערס" אין אוירווינג פלייס טעאַטער, „פריי-הייט", נ. י., 12 אַפּריל 1923.

הלל ראָגאָף — ליבינ'ס נייע פיעסע אין אוירווינג פלייס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 נאָוו. 1923.

נח לאָנדאָן — געלט און יוגנט (וועגן ליבינס קאָמעדיע אין אוירווינג פלייס טעאַטער. „שלעכט אָן געלט"), „פרייהייט", נ. י., 2 נאָוועמבער 1923.

ל. קרישטאַל — פאַרביטענע ראָלען, „פא'ש", נ. י., 20 פעבר. 1925.

ל. ס. ביעלי — „די גרינע יענקיס" אין אוירווינג פלייס, „יידטגבל'ט", נ. י., 20 פעבר. 1925.

ב. י. גאָלדשטיין — רומשינסקי'ס אָפּערעטאָ און ליבינ'ס קאָמעדיע, „טאָג", נ. י., 27 פעבר. 1925.

אַב. קאַהאַן — צוויי געראָטענע פיעסען, איינע אַן ערנסטע ; די צווייטע אַ לאַך-פעקטאַרי, „פאָרוו", נ. י., 27 פעבר. 1925.

בן-יעקב — ליבינ'ס אַ נייע פיעסע, „פרייהייט", נ. י., 27 פעבר. 1925.

דר. א. מוקדוני — גרינע יענקיס, „מאז'ש", נ. י., 3 מערץ 1925.

אַלטער עפשטיין — אין צוויי בראָנקסער אידישע טעאַטערס, „טאָג", נ. י., 11 דעצ. 1925.

מ. אַשעראָוויטש — ז. ליבין׳ס אַ נייע פּיעסע אין אַמפּיאָן-טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 19 יאַנ. 1926.

אַב. קאַהאַן — אַ דראַמע פון ז. ליבין אין דעם מעקינלי סקוועור טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 12 פעבר. 1926.

י. ראַבינאָוויטש — „שאָטענס פון ליבע", דראַמאַ אין 4 אַקטען פון ז, ליבין, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאַל 26 מאַי 1926.

אַ טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] — צו דער אויפפירונג פון „אַ קרבן פון אַ שוועסטער" פון ז. ליבין אין קאַמינסקי׳ס טעאַטער, „פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 8 יוני 1926.

מ. קיפּניס — „אַ קרבן פון אַ שוועסטער", קאָמעדיע אין 4 אַקטען פון ז. ליבין אין קאַמינסקיס, „היינט", וואַרשע, 11 יוני 1926.

ש. איזידאָר — ש. קוטנער אין ז. ליבינס „אַ קרבן פון אַ שוועסטער", „יידישער קוריער", ביאַליסטאָק, נ׳ 1, 1926.

ה. מ. קירשענבוים — דאָס ליעד פון יוגענט, „יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 15 מערץ 1927.

הלל ראָגאָף — ליבינ׳ס „שאָטען פון ליעבע", „פאָרוו.", נ. י., 18 מערץ 1927.

ל. פאָגעלמאַן — ליבין׳ס נייע פּיעסע אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 3 אָקט. 1927.

מאָרריס מייער — „קינדער פון דער ערד" פון ז. ליבין, אויפגעפירט פון יאָזעף קעסלער, „די צייט", לאָנדאָן. 9 יאַנ. 1928

קריטיקוס [מ. מייער] — פרעמדע קינדער פון ז. ליבין, אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער, „צייט", לאָנדאָן, 27 אַפּריל 1928

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — „איך וויל ניט זיין קיין גביר" פון ז. ליבין, אויפגעפירט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אידישע צייטונג", ב׳א, 5 יולי 1928.

ש. ר. — „שלעכט אָן געלט" פון ז. ליבין, אויפגעפירט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „איד. צייט.", ב׳א, 5 אויגוסט 1928.

אַב. קאַהאַן — „נייע נגידים", „פאָרוו.", נ י. 18 סעפּטעמבער 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא ש", נ. י. 5 אָקט. 1928.

קריטיקוס — „קבצן וואו קריכסטו ?" פון ז. ליבין, אויפגעפירט פון י. קעסלער, „צייט", לאָנדאָן, 9 דעצ. 1928.

ש. ר. — די פּרעמיערע אין „אַרגענטינע". „קינדער פאַרגעסן ניט", „איד. צייט.", ב׳א, 12 מאַי 1929.

קריטיקוס — די ערעפנונג פון פּאַוויליאָן טעאַטער. יאָזעף קעסלער פירט אויף ז. ליבינס „קינדער פאַרגעסן ניט", „צייט", לאָנדאָן 4 סעפּטעמבער 1929.

ש. פּאַן [שאַיאַק] — די ערעפענונגס-פאָרשטעלונג אין פּאַוויליאָן טעאַטער (ז. ליבינס „קינדער פאַרגעסן ניט") „פּאָסט", לאָנדאָן, 6 סעפּטעמבער 1929.

ב. ק—ס [קאַרלינסקי] — ז. ליבין — קינדער פאַרגעסן נישט, גאַסטראָלן פין בעלאַ בעלערינאַ און חיים שניאור, „מאָמענט", וואַרשע, 13 אָקט 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי — „די גרויסע פּראַגע" פון ז. ליבין אויפגעפירט פין מנשה סקולניק אין טעאַטער עקסעלסיאָר, „איד. צייט", ב׳א, 8 דעצ. 1929.

טעאַטער-מענש — „איר פאַרשפּלט לעבן" אין 4 אַקטן פין ז ליבין, צו די גאַסטראָלען פון בעלאַ בעלערינאַ און חיים שניאור „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 6 יאַנ 1930

מ. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ. י., 1930, זז. 108-109.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „ארכיוו", ווילנע, 1930, ז. 278.

דר. משה לוסטיג — „קינדער פאַרגעסן ניט" פון ז. ליבין, גאַסט-אויפטריט בעלאַרינאַ, שניאור, אויערבאַך, „מאָרגן", לעמבערג, 21 מאַי 1930.

י. ראַבינאָוויטש — אַ הקדמה צו אַ טעאַטער-רעצענזיע, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאַל, 17 סעפּט. 1931

י. אָשעראָוויטש — „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ. י., 1931, ז. 227.

נ. ב. לינדער — „סאָפּיאַס חופּה-נאַכט" אין פאָלקס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 1 יאַנ. 1932.

ליבליך, מאָריץ (יצחק-משה)

[געב. ...18 — געשט. 15 אָקטאָבער 1913]

געבוירן ...18 אין פאָלטיטשען אָדער בוקאַרעסט, רומעניע. פאָטער — אַ באַזיצער פון וויין-קעלערס אין בוקאַרעסט. ל. האָט זיך אין דער פריסטער יוגנט גענומען צו זיין פאָטערס באַשעפטיקונג און זינט 1879 אויך געוואָרן דער באַזיצער פון גאָרטן „זשיגניצא", וואו מ׳פלעגט פון צייט צו צייט שפּילן יידיש טעאַטער.

ל. האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין בוקאַרעסט און זיך באַזונדערס באַמיט, אַז אין די טרופּעס, וועלכע פלעגן שפּילן אין זשיגניצא אונטער זיין דירעקציע, זאָלן אויפגעפירט ווערן גאָלדפאַדענס פּיעסעס. אין דער שפּיץ פון דידאָזיקע טרופּעס זיינען געשטאַנען אברהם גאָלדפאַדען, קלמן יאָוועליר, בערטאַ קאַליש, אַנעטאַ פינקעל און מאַלווינע לאָבעל.

דעם 15 אָקטאָבער 1913 איז ל. פּלוצלינג געשטאָרבן אין בוקאַרעסט און קורץ נאָכדעם איז די זשיגניצא איבערגעגאַנגען אין רשות פון זיין קרוב, דעם אַקטיאָר איציקל גאָלדענבערג.

בערטאַ קאַליש כאַראַקטעריזירט אַזוי ל.׳ן אין אירע „זכרונות":
„דערדאָזיקער מענטש האָט ליב געהאַט יידיש טעאַטער מיטן גאַנצן האַרץ, און כאָטש עס האָט אים געפעלט דער ענטוזיאַזם פון גימפּעלן, איז ער דאָך געווען גאָר ערפאָלגרייך אין בוקאַרעסטער טעאַטער. . . . ער איז געווען רייך און געהאַט איינפלוס אין שטאָט. אין זיין טעאַטער פלעגן קומען פירשטן און גראַפן און ער האָט געקאָנט מיט זיי פאַרברענגען ווי מיט אייגענע. אַלע האָבן געהאַט דרך-ארץ פאַר אים. ער איז געווען אַ מאָדנע נאַטור. איינגעהאַלטן, שטאַרק און כאָטש מער כיטרע ווי קלוג, האָט ער אָבער שטענדיק געהאַנדלט מיט טאַקט. ליבליך האָט געפירט גרויסע געשעפטן. אָבער קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַרימט מיט זיין עשירות. ער האָט געלעבט אַ פול לעבן און אַלע מאָל האָט ער זיך באַצויגן מיט ווירדע צו זיינע מיט-מענטשן"

מ. ע. פון איציקל גאָלדענבערג.

בערטא קאַליש — [זכרונות] „דער טאָג", נ. י., 30 מאַי, 6 יוני 1925.

ליבמאַן, פּאַול

[איצקאָווסקי]

געבוירן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַ־אינע. פאָטער — אַ סוחר פון מלבושים. גע־לערנט אין חדר און געענדיקט אַ שול. גע־זונגען אַלס משורר ביים חזן לאַנדמאַן און אין 1909 דעביוטירט מיט „ליבהאָבער" אַלס „יאַפע" אין גאָרדינס „יידישער קע־ניג ליר", דערנאָך געשפּילט „בר כוכבא" א. א. שפּעטער אַריינגעטראָטן אַלס כאָ־ריסט אין ראַפּעלס טרופּע, דערנאָך אין דער רוסישער אָפּערעטע, ביז ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר און געשפּילט אין די טרו־פּעס פון קלאַראַ יאַנג, טרילינג און קאַזשדאַן און געוואַנדערט אי־בער אוקראַאינע און קרים. 1920 — געשפּילט יידיש טעאַטער אין טערקיי און אין 1921 אָנגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אייניקע פאַרשטעלונגען מיט י. טאַנצמאַן און בעני אַדלער, ציט זיך באַלד צוריק פון טעאַטער און עפנט אַ געשעפט פון מלבושים.

מ. ע.

ליבער, בנציון דר.



געבוירן 6 נאָוועמבער 1875 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — יצחק ליבערסקאָ, איני־ציאַטאָר פון גאָלדפאַדען־טעאַטער. געלערנט אין אַ פאָלקס־שול, דערנאָך אין גימנאַזיע אין פּאַריז און מאַטורירט אין בוקאַרעסט.

שוין אין עלטער פון 15 יאָר געשריבן נאָוועלען און אַרטיקלען, דערנאָך זיך באַ־טייליקט אין דער רומענישער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג און פּרעסע. שפּעטער שטודירט אין ווין מעדיצין און נאָך אַ נסיעה איבער אייראָפּעאישע צענטערס זיך באַזעצט אין אַמעריקע, וואו ער שטודירט געזעלשאַפטלעכע היגיענע אוןווידמעט זיך דערנאָך דעמ־דאָזיקן ענין, ווי אויך דעם וועגעטאַריזם, פרייע דערציאונג א. א.

ל. פאַרנעמט זיך אויך פון צייט צו צייט מיט קונסט־פראַגן.

אין 1913 איז אין ניו־יאָרק דערשינען זיין 4־אַקטיק טעאַטער־שטיק „דער זומפּ" [63 ז. 16°]. אין זיין זשורנאַל „אונזער געזונד" [5־2, 1913] האָט ל. פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג פון בריעס „די בעשעדיגטע", וואָס איז באַלד דערויף דערשינען אין אַ סע־פּאַראַטער אויסגאַבע [60 ז. 16°] און איז דעם 4 אָקטאָבער 1913 אויפגעפירט געוואָרן דורכן היברו דראַמאַטיק ליג אין ניו־יאָרק. אין זעלבן זשורנאַל (נאָוועמבער 1913) האָט ל. אויך אָנגעהויבן צו דרוקן אין זיין אַנאָנימער איבערזעצונג אַרטור שניצלערס „רייגען" א"ג „דער טאַנץ", אָבער באַלד אין דער צווייטער פאָרטזעצונג באַגנוגנט ער זיך מיט איבערדרוקן די וואַרשעווער געדרוקטע אי־בערזעצונג פון מיקראָקאָסמאָס מיט זיינע קליינע ענדערונגען אין דער איבערזעצונג [געדרוקט נאָר 4 דיאַלאָגן אין די נומערן פון נאָוועמבער 1913 ביז מאַי 1914]

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 119־117.

ליבערט, יאַנקעוו

געבוירן 1874 אין וואַרשע, פוילן, ביי אָרימע עלטערן — קליינהענדלער. געלערנט בלויז 3 יאָר אין חדרים און שוין אַלס קינד פון 10 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן אין לער אין אַ יידישער דרוקעריי. גלייכצייטיק געווען משורר ביי אַ חזן און (1885) זיך באַטייליקט אין „קנאַבן־כאָר" אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין וואַרשע.

ל. ווערט זייער פאַרכאַפּט פון טעאַטער און קאָפּירט נאָך אין שטוב די אַקטיאָרן. גאָלדפאַדען באַמערקט דאָס און גיט אים צו שפּילן ראָלן צוגעפּאַסט צו זיין עלטער און ל. הערט אויף זיך באַשעפטיקן מיט זיין פאַך און פאַרברענגט זיין גאַנצע צייט אויף און אַרום דער בינע.

1887 — בעתן פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער, טרעט ער אַריין אַר־בעטן אין אַ פּוילישער דרוקעריי, פון וועלכער דער באַזיצער איז אַן אַקטיאָר פון די פּוילישע רעגירונגס־טעאַטערס, און ל. לערנט זיך ביי אים פּויליש און אויך טעאַטער־טעכניק.

אין עלטער פון 17 יאָר זיך באַקענט מיט אסתּר־רחל האַלפּערן [שפּעטער קאַמינסקאַ] און צוזאַמען מיט נאָך חברים געגרינדעט אין וואַרשע אַ יידיש דראַמאַטיש קרייזל, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שטערונגען מצד דער רוסישער פּאָליציי.

1892 — אַ דאַנק דער באַמיאונג פון דער רוסישער טעאַטער־דירעקטאָרשע אַלגינסקאַ — באַקומען די דערלויבניש צו שפּילן אין וואַרשע אויף „יידיש־דייטש" צוזאַמען מיט דער רוסישער טרופּע, אָבער די טרופּע עקסיסטירט נישט לאַנג און אין 1893 — בעת ס'ווערט פאַרווערט צו שפּילן אפילו „יידיש־דייטש" — ווערט ל. אַנגאַזשירט צו אברהם פישזאָן, מיט וועמענס טרופּע ער פאָרט אַרום 11 יאָר איבער שטעט און שטעטלעך פון גרויסרוסלאַנד, אַריבערטראָגנדיק נגישות און צרות פון דער רוסישער מאַכט און הונגער צוליב די אָפטע שוואַכע באַזוכן אין געוויסע שטעט און עקספּלואַטאַציע מצד דעם אונטערנעמער.

1905 — געקומען אין וואַרשע און צוזאַמען מיט אסתּר־רחל קאַ־מינסקאַ אָפּגעטיילט די דראַמע פון דער אָפּערעטע, געשפּילט מיט איר אַ געוויסע צייט צוזאַמען אין וואַרשע אין דער דראַמע און דערנאָך געמאַכט אַ טורנעע איבער די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד, שפּעטער איז ל. איינער פון די וויכטיקסטע כּחות פון דער „פּאַר־אייניקטע טרופּע", וואו ער שפּילט די הויפּטראָלן אין גאָרדין־ליבין־קאָברין־רעפּערטואַר און צייכנט זיך אויך אויס אין „ראַנקען" אין איבסענ'ס „נאָראַ" און „שוואַרץ" אין זודערמאַנס „היימאַט".

1911 — אַרומגעפאָרן מיט דער דראַמאַטישער טרופּע איבער וואָלגאַ סיביר און אַנדערע טיילן פון מזרח־רוסלאַנד. 1912 — אָנגעפירט (צוזאַמען מיט פּרץ סאַנדלער און ה. עפּעלבערג) מיטן עליזעאום־טעאַטער אין וואַרשע, וואו ס'ווערן צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אייראָפּעאישע אָפּערעטעס אין דער יידישער שפּ־אַך.

1917 — בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אַרומגעפאָרן איבער אוקראַאינע און מיטגעהאָלפן גרינדן דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אין קיעוו 1920 — געשפּילט מיט אַ קאָלעקטיוו אין קאַווקאַז.

1930 — אַריינגעטראָטן אין יידישן באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער.

ל. האָט באַקומען פון דער ראַטן-רעגירונג דעם טיטל „פאַרדינסט-פולער אַרטיסט" און ווערט יעדעס יאָר פרעמירט מיט אַ געלט-סומע ווי אויך מיט 2 חדשים אורלויב.

ש. ע.

דר. א. מוקדוני — יעקב ליבערט, „דער שטראַהל", וואַרשע, נ' 3, 1910.

נח פרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק 1921, זז. 7-11.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 362-368.

ליבערט, מענוכאַ

געבוירן 1892 אין אָדעס, אוקראַאינע. געלערנט אין גימנאַזיע און נאָך אַלס קינד אָפט באַזוכט טעאַטער און פאַנטאַזירט צו ווערן אַן אַקטריסע. צוליב דעם צוועק באַזוכט זי שפּעטער די דראַמאַטישע אָוונט-קורס פון דער אַקטריסע מאָרסקאָי.

1909 — זיך באַקענט מיטן אַקטיאָר יעקב ליבערט, מיט וועלכן זי האָט חתונה און באַקומט אויף אַזאַ אופן אַ לייכטערן צוטריט צו דער יידישער בינע, וואו זי הייבט אָן שפּילן אַלס סובּרעטין און שפּעטער כאַראַקטער-ראָלן, מיטמאַכנדיק דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

ש. ע.

ליבערמאַן, אברהם

געבוירן 28 יאַנואַר 1895 אין פוילן. געענדיקט אַ 4-קלאַסיקע פאָלקס-שול. אויס ליבע צו דער בינע אַריינגעטראָטן אין גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג, וואו ער דעביוטירט דעם 20 מערץ 1913. דערנאָך געשפּילט אין טשערנאָוויץ ביי אַקסעלראד און שפּעטער אין ווין און אין פאַרשיידענע חברים-טרופּעס אין פוילן.

מ. ע.

ליבערמאַן, משה

געבוירן אין הוש, רומעניע. אַלס קינד געקומען אין בעסאַראַביע און דאָרט געלערנט אונטער דער השגחה פון שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג. שפּעטער געאַרבעט ביי אים אין „היום". געענדיקט אַ רעאַל-שול און 10 יאָר געווען לערער אין אָדעס ווי אויך געאַרבעט אַלס עלעקטראָ-טעכניק-לערער אין „טרוד".

אין 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע און אָנגעהויבן סופלירן ביי דער

גרופּע „ליבהאָבער" א'נ פון אברהם גאָלדפאַדען, דערנאָך אין גאָרדין-קלוב און שפּעטער אין די פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס, וועלכע האָבן געשפּילט אין בוענאָס-איירעס.

ל. האָט אויך מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אָרטיקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

ש. ע.

ליברעסקאָ, יצחק

[ליבער]

[געב. 19 נאָוו. 1850 — געשט. 11 יוני 1930]

געבוירן 19 נאָוו. [לויט זיינע זכרונות — 30 נאָוו. א. ס.] 1850 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אויבער-שמש. געלערנט אין חדר, בית-המדרש און אין ישיבה. ערשט נאָך דער חתונה (1869) זיך אויסגעלערנט אונטערשרייבן אויף לאַטיין. אַ פרומער, רופט ביי אים אַרויס לינעצקיס „פוילישע יינגל" ספקות.

ל. ווערט שמש אין דער שול פון די אויפגעקלערטע און געלט-אויפזעער איבער די שולן פון דער חברה. אונטערן איינפלוס פון העברעאישע און יידישע השכלה-ספרים ווערט ל. אַן „אפיקורס". אין 1873 ווערט ער שמש אין טעמפּל ביי ניישאַץ, וועלכער ענדערט ל.'ס פאַמיליע-נאָמען אויף ליברעסקאָ.

אין 1877, בעת דער בערלינער קאָנפערענץ וועגן די יידן אין רומעניע, ווערט ל. דער פאָסט-פאַרבינדער צווישן דער רומענישער דעלעגאַציע און דעם אָרטיקן „ציון"-פאַרבאַנד. ביסלעכווייז ווערט ביי ל. אין שטוב דער שטאָטישער „לייען-זאַל", וואו ס'פאַרקערן די אָרטיקע משכילים און ל. ווערט אויך דער נישט-האָנאָרירטער אַגענט פון דער העברעאישער פּעריאָדישער פּרעסע און פון גאָלדפאַדענס „בוקאָווינער איזראַעליטישע פאַמיליענבלאַט".

נאָך אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט גאָלדפאַדען, ברענגט אים ל. אין 1876 אין יאַסי און העלפט מיטגרינדן אַ פאַראיין „חוטי הזהב" (גאָלדענפאָדים), וועלכער פּראָקלאַמירט גאָלדפאַדענען פאַר ערן-פּרעזידענט. דער פאַראיין גיסט זיך באַלד צונויף מיטן פאַראיין „לבנון".

דורך דער איניציאַטיוו פון ל. טרעט גאָלדפאַדען אויף ביי שמעון מאַרקס אין גאָרטן און ל. איז טעטיק ביי די ערשטע הכנות צו גרינדן אַ סטאַביל יידיש טעאַטער, העלפט צונויפשטעלן טרופּעס און איינאָרדנען די ערשטע פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער.

ווען אין יאַסי אָרגאַניזירט זיך (1878) אַ טרופּע אין פאָמול ווערדי א'פ פון יאָזעף לאַטיינער, דראַמאַטיזירט ל. אייזיק-מאיר דיקס מעשה „די צוויי קליינע קאַטערינטשיקעס" אַלס פּיעסע אין 4 אַקטן א'נ „די דערפילטע ליבע", וועלכע ווערט דאָרט אויפגעפירט.

צוליב דער רוסיש-טערקישער מלחמה הייבט אָן אין יאַסי דערשיינען אַ צייטונג, פון וועלכער ל. ווערט דער הויפּט-אַגענט. ער וואַרפט דאָס שמשות, און — אויף דער ביטע פון גאָלדפאַדענען — ווערט ער ביי אים פאַרוואַלטער פון דער טרופּע. באַלד אָבער

ווערט ער אַ הויזירער אין בוקאַרעסט און דערנאָך טרעט ער ווידער אַריין צו גאָלדפאַדענען און אָרדנט איין די ערשטע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין אָדעס.

בעתן ערשטן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, פירט אָן ל. מיט גאָלדפאַדענס טרופע אין רומעניע, דערנאָך פאַרוואַלטעט ער ווידער מיט דער טרופע אין רוסלאַנד. נאָך אַ נישט־געלונגענעם פרוב צו פאַרוואַלטן ביי נחלי גאָלדפאַדען, שטעלט ל. צונויף (מיט לאַטיינער, מאָגולעסקאָ און ספיוואַקאָווסקי) אַ טרופע פאַר אָדעס, אָבער ער ציט זיך באַלד צוריק, גרינדעט ווידער אַ טרופע פון גאָלדפאַדענס געוועזענע אַקטיאָרן פאַר רומעניע.

אין 1879 האָט ל. אַרויסגעגעבן אין אָדעס גאָלדפאַדענס פיעסע „די באָבע מיט׳ן איינִיקעל, אין דרייא אַקטען מיט געזאַנג" און (צוזאַמען מיט ע. מ ווערבעל) גאָלדפאַדענס „שמענדעריק".

דורך די געדרוקטע טעקסטן איז פאַרלייכטערט געוואָרן די גרינדונג פון נייע טרופעס, וואָס איז פריער געווען פאַרשווערט צוליבן מאַנגל אין רעפערטואַר.

אין 1880 איז ל. אָפּגעפאָרן מיט אַ טרופע קיין גאַליציע און צום ערשטן מאָל געשפילט יידיש טעאַטער אין לעמבערג. בלייבנדיק אָן רעפערטואַר, פאָרט ל. קיין אָדעס, כדי פון דאָרט צו ברענגען נייע פיעסעס, קומט צוריק מיטן סופלער לעאָן בערגער אין גאַליציע, און זיי גרינדן אין בראָדי אַ נייע טרופע (מיטן בראָדערזינגער חיים־שמואל לוקאַטשער אין דער שפיץ) מיט וועלכער ל. שטודירט איין גאָלדפאַדענס „די שטומע כלה".

די טרופע א׳פ „רומעניש־יידיש טעאַטער אונטער דער דירעקציאָן פון איזאַק ליבערסקאָ און לעאָן בערגער" פירט דאָ אויף איר גאַנצן רעפערטואַר, וואָס באַשטייט פון גאָלדפאַדענס 6 פיעסעס, און מוז ווייטער וואַנדערן.

סוף דעצעמבער 1880 איז ל. אָנגעקומען אין בערלין און באַלד דאָרט געבראַכט די טרופע, וועלכע האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אַ וואַריעטע אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ א׳נ „דייטש־יידישעס טעאַטער". אָבער שוין ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „רעקרוטן" איז אין טעאַטער אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל (מצד דייטשע אַנטיסעמיטן) און די פאָרשטעלונג איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט ל.׳ס מיטווירקונג אין יידישן טעאַטער. ל. האָט שפּעטער אַרומגעוואַנדערט איבער אייראָפּע, געטאָן פאַרשיידענע מלאכות און זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מסחרים, ביז ער איז אין 1901 געקומען אין ניו־יאָרק און אויך דאָ געבליבן דערווייטערט פון יידישן טעאַטער.

אברהם גאָלדפאַדען דערמאָנט זייער אָפט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע ל.׳ס פאַרדינסטן אַלס זיין מיטהעלפער און סעקרעטאַר.

אין נאָוועמבער 1926 האָט ל. איבערגעגעבן מינדלעך זלמן זילבערצווייגן זיינע זכרונות פון יידישן טעאַטער, וועלכע זילבערצווייג האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך „הינטערן פאָרהאַנג" (ווילנע, 1928) א׳נ „די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ, דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדענס טעאַטער" (117 זז.).

אין זיין הקדמה צו די זכרונות שרייבט זלמן זילבערצווייג: „. . . ווי גאַנץ אָפט ביי אַלטע לייט, געדענקט ער גענוי מיט די קלענסטע פרטים אַלץ, וואָס ער דערציילט און אויף וויפיל איך האָב טייל זאַכן פאַרגליכן אין שפּעטערדיקע שמועסן מיט עלטערע אַקטיאָרן און מיטן באַקאַנטן אָפּערעטעס־שרייבער יאָזעף לאַטיינער, וואָס האָט אויך געלעבט אין יענער עפּאָכע, האָט אַלץ גענוי געשטימט, אַזוי, אַז איך קאָן מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן אויף ליבערסקאָס זכרונות, אַז זיי זיינען ריינע געשיכטע, אויף וויפיל סוביעקטיווע זכרונות, הגם געהאַלטו ווי אָביעקטיוו, קאָנען עס בכלל זיין. — און שפּעטער — „...בסך הכל האָט ער אין משך פון 25 יאָר באַזוכט [דאָס יידישע טעאַטער] 3 מאָל. דער גאַנצער נייער דור יידישע אַקטיאָרן קען אים לחלוטין נישט און ער האָט אויך נישט קיין חשק קיינעם צו קענען. . . . ליבערסקאָ לייענט זייער פיל און ער האָט אַ גרויסע הנאה צו לייענען טאַקע וועגן יידישן טעאַטער. פון זיינע מעמואַרן איז צו זען, אַז ער האָט נישט קיין כוונות קעגן גאָלדפאַדענען, הגם ער שילדערט אים גאַנץ אָפט נישט אין קיין שיין ליכט. ליבערסקאָ האָט אויך נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין גאָלדפאַדענס לויה, ווייל ער האָט אים פיינט געהאַט. דידאָזיקע שנאה שטאַמט נישט צוליב אַמביציע, צוליב כבוד, נאָר צוליב דעם אונטערשייד פון זייערע כאַראַקטערן". און אין זיין נעקראָלאָג וועגן ל. שרייבט ז. זילבערצווייג: „...דאַמאָלט אָבער, אין 1876, ווען אברהם גאָלדפאַדען אַליין איז געווען רעדאַקטאָר און פאָלקס־דיכטער, האָט זיך גענויטיקט אַ מענטש מיט ענערגיע, מיט התלהבות, אַרויסצורופן אין לעבן דעם עמבריאָם פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט גענעסטיקט אין אברהם גאָלדפאַדען. יצחק ליבערסקאָ איז עס געווען. ער האָט אויסער דעם דורכגעשלאָגן דעם וועג, אויף וועלכן גאָלדפאַדען האָט געדאַרפט גיין, ער האָט באַזייטיקט די שטיינער אין וועג. ער האָט דורך זיין אינעווייניקסטן פייער ווי מיט אַ פאַקל באַלויכטן דעם וועג פאָראויס פאַר גאָלדפאַדענען. פאַרבינדונגען מיטן „ציון"־פאַראיין אין רומעניע צו שאַפן אַ פובליקום אין רומעניע, הלוואות ביי פריוואַט־פערזאָנען, אָנפירן מיט דער טרופע אין שווערע מאָמענטן, דערליידיקן אינעווייניקסטע סכסוכים, אַרויסברענגען אַקטיאָרן און אויפפירן אַ פיעסע און אפילו באַרואיקן די אָפט אייפערזיכטיקע פרוי גאָלדפאַדען — אַלץ דאָס געהערט צו ליבערסקאָס „אַמפלואַ", און דער לוין — אָפטער, זייער אָפטער הונגער".

דר. א. מוקדוני שרייבט וועגן ליבערסקאָס זכרונות: „דעם ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו לייענען זכרונות וועגן יידישן טעאַטער, וועלכע זיינען אַזוי קלאָר, אַזוי גענוי־שאַרף, אַזוי דייטלעך און אַזוי אמת ווי די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ. .. ווען איר לייענט די זכרונות פון גאָלדפאַדען און נאָך זיי באַלד די זכרונות פון י. ליבערסקאָ, ווערט אייך קלאָר פיל זאַכן, איר דערזעט פיל ערשיינונגען אין זייער ריכטיקן ליכט. ...יצחק ליבערסקאָ איז נישט זייער לייטזעליק צו אברהם גאָלדפאַדען, עפּעס איז געבליבן פאַרוואַלגערט אַ שטיקל רוגזה אין זיין האַרץ און זי איז געבליבן פריש נאָך גאַנצע פופציק יאָר, אָבער קיינער האָט נאָך אונז נישט איבערגעגעבן אַזעלכע בולטע, אַזעלכע קלאָרע און פאַרביקע שטריכן פון גאָלדפאַדענס פערזענלעכקייט. קיינער האָט נישט אַזוי זיכער און אַזוי זאַפטיק געשילדערט גאָלדפאַדענען אין זיין טעטיקייט אַלס דראַמאַטורג, טעאַטער־בעל־הבית און בכלל אַלס טעאַטער־מענטש. ...אין יצחק ליבערסקאָס „זכרונות" איז דאָ די רייכסטע שילדערונג פון דעם יידישן טעאַטער־לעבן ביי זיין אויפקום, פראַכטפולע כאַראַקטעריסטיקעס פון גאָלדפאַדענס שוישפילער, פון דעם פובליקום און בכלל אַ שפעדיקע שילדערונג פון דער באַציאונג פון די דאַמאָלטדיקע יידן צום יידישן טעאַטער און די באַציאונג פון טעאַטער צום פובליקום. . . יצחק ליבערסקאָס זכרונות זיינען ממש אַן אוצר פאַר אַ געשיכטע־שרייבער פון דעם

יידישן טעאַטער. אַ חוץ דעם זיינען זיי אַ פאַרכאַפּנדיקער לעזע־שטאָף פאַר יעדן לעזער".

ל. האָט אויך אָנגעשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט זיין זון, דעם שרייבער, דר. בנציון ליבער.

ל.׳ס איידעם איז דער ענגליש־יידישער שרייבער בערקאָוויטשי.

דעם 11 יוני 1930 איז ל. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און איז, לויט זיין וואונטש, קרעמירט געוואָרן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 239, 238, 221, 209, 208, 203.

„גאָלדפאַדען־בוך", נ. י., 1926, ז. 80.

זלמן זילבערצוויייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928 (די זכרונות פון יצחק ליבערסקאָ, דער איניציאַטאָר פון גאָלדפאַדען טעאַטער), זז. 117-1.

זלמן זילבערצווייג — צופעליקייטן ביים יידישן טעאַטער, וואָס זענען גע־וואָרן וויכטיקע פאַקטאָרן, „אַרבעטער־צייטונג", טשערנאָוויץ, 19 אָקט. 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — צווישן ביכער און מחברים, „פּרעסע", ב׳א, 13 פעברואַר 1929.

דר. א. מוקדוני — אַ בינטעל ביכער, „מאָז׳ש", 13 אָקט. 1929.

אלחנן צייטלין — אינטערעסאַנטע גאָלדפאַדען־און גאָרדין־מאַטעריאַלן, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 41, 1929.

א. אַלמי — טעאַטער־זכרונות און אַנעקדאָטן, „פא׳ש", נ. י., 17 מערץ 1930.

מ. אָשעראָוויטש — געשטאָרבן יצחק ליבערסקאָ, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם אידישן טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י, 13 יוני 1930.

נ. ב. לינדער — ביי דעם אָפענעם קבר פון יצחק ליבערסקו, דעם פאַקטישען גרינדער פון אידישען טעאַטער, „טאָג", נ. י., 13 יוני 1930.

[—] — יצחק ליבערסקאָ, פּיאָנער פון אידישען טהעאַטער, געשטאָרבען „מאָז׳ש", נ. י., 13 יוני 1930.

זלמן זילבערצווייג — דער לעצטער פון אַן עפּאָכע, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 32, 1930, „פא׳ש", נ. י., 8 אויגוסט 1930.

„לידאַ"

[לאָדזער יידישע דראַמאַטישע אַקטיאָרן]

געגרינדעט געוואָרן אין 1912 אין לאָדזש, פּוילן, דורך זלמן זילבערצווייג. באַשטאַנען פון אַ גרופּע „ליבהאָבער", וועלכע פלעגן אויך צוציען צו זייערע פאָרשטעלונגען פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. בעת דער קריגס־צייט איז „לידאַ" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָפעסיאָנעלער וואַנדער־טרופּע, וואָס האָט געשפּילט יידיש און העברעאיש.

דעם 9 נאָוועמבער 1912 איז אין לאָ־דזשער „הזמיר" א׳ר פון ז. זילבערצווייג אויפגעפירט געוואָרן „אַ מאַמע, טראַגעדיע אין 3 אַקטן פון מ. קאָזניצקי, איבערזעצט דורך ז. זילבערצווייג" און „דער שלאָפלאָ־זער" פון מ. פראַנקענטאַל.

דעם 16 אויגוסט 1913 איז אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער א׳ר פון ז. זילבערצווייג אויפגעפירט געוואָרן אין זיין איבערזעצונג סווען לאַנגעס 3־אַקטיקע טראַגי־קאָמעדיע „שמשון און דלילה" („פּע־טער" - זלמן זילבערצווייג, „דאגמאַ" — גיטל זאַריצקאַ).

אין אויגוסט 1913 איז אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער א׳ר פון ה. יעדוואַב אויפגעפירט געוואָרן אין יואל ענטינס איבערזעצונג איבסענס „די גייסטער" („מאַדאַם אַלווינג" — לאה נעמי, „רעגי־נאַ" — גיטל זאַריצקאַ, „אָסוואַלד" — זלמן זילבערצווייג, „פּאַסטאָר מאנדערס" — לייב נירענבערג, „יאַקאָב ענגסטראַנד" — ה. יעדוואַב).

דעם 10 פעברואַר 1915 אין לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער א׳ר פון בעני ראָזענבוים אויפגעפירט געוואָרן לעאָן קאָבריןס 4־אַקטיקע דראַמע „דער דאָרפסיונג" (יאַנקעל בוילע) מיט ז. זילבערצווייג („יאַנקל בוילע") און מרים („נאַטאַשאַ"). די פּיעסע איז דערנאָך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

דעם 20 מאַי 1915 איז אין לאָדזשער „טאַליאַ"־טעאַטער א׳ר פון בעני ראָזענבוים אויפגעפירט געוואָרן דר. א. מאַרקאָווס איבערזע־צונג פון ל. טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש".

דעם 26 יאַנואַר 1918 איז אין זגערזש א׳ר פון מחבר אויפגעפירט געוואָרן זלמן זילבערצווייגס פּיעסע „אַ לעבן אָן ליבע".

אויסערדעם זיינען אויפגעפירט געוואָרן „כאַסיע די יתומה" פון גאָרדין, „זשידאָווקאַ" פון סקריב און די איינאַקטערס „די עצה" און „אַגענטן" פון שלום־עליכם, „אַקטיאָר" פון פּאַולאַ ר., „דער משוגענער אין שפּיטאָל" פון נ. דראַנאָוו, „מיין ווייבס משוגעת" פון מאַרק אַרנשטיין, „די צוויי טויבע" (באַאַרבעט פון נ. און ז. זיל־בערצווייג), „הערקולעס" פון בעלי (איבערזעצט פון ז. זילבערצווייג) און „אַהאַסוועד" פון הערמאַן הייערמאַנס (איב. י. ל. כהן).

פון העברעאישן רעפּערטואַר איז געשפּילט געוואָרן: „האנוסים בספרד" פון אליהב, „המשוגע בבית החולים" פון נ. דראַנאָוו, (איב. נתן זילבערצווייג), „היהודי הנצחי" פון הערמאַן הייערמאַנס, (איב. זלמן זילבערצווייג), „העצה" פון שלום־עליכם, (איבערזעצט מ. עפרוני), „הבטלן המשוגע" פון י. ל. פרץ, „דוד מלך ישראל" פון צבי בן־יעקב [זילבערצווייג] און „הסוכנים" פון שלום־עליכם, (איב. צבי בן־יעקב).

באַטייליקט זיך אין די יידישע און העברעאישע פאָרשטעלונגען האָבן: מענער — וואָלף אַמזעל, צבי ברעסלער, יוסף בעכער (כוס), יעקב גאָלדשטיין, מ. גורעוויטש, יוסף גרינבערג, מלך דאָרפיין, משה־דוד האַמבורסקי, זאַפראַן, זלמן זילבערצווייג, נתן זילבער־צווייג, מיכאל זשוקאָבאָרסקי, טענענבוים, ב. יאָסעלעוויטש, הערשל יעדוואַב, יהודה מירטענבוים, יהודה מאַרכעווקאַ, רפאל מאַלעגאָלד, ל. נירענבערג, חיים ערדבערג, משה פאַסטערנאַק, גוסטאַוו קאָרן, רעזניק, בעני ראָזענבוים, יצחק ראָזענבלאַט און דוד שערמאַן. פרויען — צעשאַ אייזען,ביילע אַריעל, בראַגינסקאַ, בראָניאַ גאָטליבאָווסקאַ־גאָטליב, גיטל זאַריצקאַ, זאַנדער־זאַיאָנטשקאָווסקאַ,

מרים [זילבערצווייג], עטל מאַרכעווקאַ, אננאַ נאַטאַן, לאה נעמי און שוויאַטלאַ.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 170-207.

M. P. [Platt] – Hebräisher Abend, „Deutsche Lodzer Zeitung", 5 Mai 1915.

M. P. – „Thalia"-Theater, „Deutsche Lodzer Zeitung", 22 Mai 1915.

לידין, ב.

[אליהו-ברוך ליווראַנט]

געבוירן 1893 אין פּאַרטשעוו, פריער שעדלעצער, איצט לובלינער געגנט, פוילן. פאָטער — „אַ ווינקל-אַדוואָקאַט". געלערנט ביי מלמדים און דערנאָך אין בית-המדרש. פון דער פריסטער יוגנט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות (קאַמאַשן, בייטלען, זייגערס, היטלען, קעמלעך א. א.). אומצופרידן פון דער שטוב, וואו ער האָט נישט געהאַט קיין שלום-בית מיט דער שטיפמוטער, און אויך פון זיינע אַרבעטס-פּלעצער, אַנטלויפט ער אָפט צו קרובים אין אַנדערע שטעט און אַרבעט אין אַ ביר-ברויעריי ביי זיינעם אַ פעטער אין לובלין, אין אַ געשעפט אין וואַרשע און בעתן מלחמה-אויסברוך אין אַ רעסטאָראַן-האָטעל אין בריסק. דאָ ווערט ל. גענומען אין מיליטער-דינסט און נאָכן באַפרייט ווערן אין 1917 דעביוטירט ער ביי אַ גרופּע „ליבהאָבער" אַלס „ברונין" אין ראַקאָווס „דער תלמיד-חכם", דערנאָך פירט ער דאָ אויף „כאַסיע די יתומה" מיט ש"ה רייזען און שרייבט אויך גלייכצייטיק אין אָרטיקן „דער וועקער".

אַרומפאָרנדיק אַלס אַ סוחר פון פאַרשיידענע אַרטיקלען איבער רוסלאַנד, קומט ער אָן אין אומאַן אויף אַ פּאָסטן אין אַן אָפּטיילונג פון אַרבעטער-קאָמיסאַריאַט, וואו ער גרינדעט ביי דער אָרטיקער „קולטור-ליגע" אַ דראַמסעקציע, אין וועלכער ער שפילט און רעזשיסירט.

1920 — אויסגעוואַנדערט קיין רומעניע און אָנגעהויבן צו שפּילן מיט די „ליבהאָבער" אין בעלץ, דאָ ווערט ער אַנגאַזשירט פון אַקטיאָר פישל קאַנאַפּאָוו און זינט פעברואַר 1922 ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר. נאָכן שפילן אַ יאָר ביי קאַנאַפּאָוון, וואו ער האָט די געלעגנהייט צו שפילן מיט די גאַסטראָלירנדיקע יעקב קאַליך און מאַלי פּיקאָן, טרעט ער אַריין אין דער טרופּע פון וויערא קאַניעווסקאַ-ברייטמאַן, מיט וועלכער ער שפּילט אַ סעזאָן, דערנאָך אַ געוויסע צייט מיט דינה קעניג. 1925 — געשפּילט אין דער טרופּע, וועלכע שלום ברין האָט צונויפגעשטעלט מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ, שפּעטער מיט פּראָווינץ-טרופּעס, 1927 — אַ קורצע צייט אין דער „ווילנער אָפּערעטעס-טרופּע", דערנאָך מיט אַ טייל פון דער טרופּע איבער טראַנסילוואַניע, פון מאַי 1927 געשפּילט אייניקע חדשים מיט באַראַטאָוו אין דער בוקאַרעסטער זשיגניצאַ און סעפּטעמבער 1927 אַריינגעטראָטן אין דער זיגלער-טרופּע, מיט וועלכער ער מאַכט מיט פאַרשיידענע וואַנדערונגען איבער מזרח- און מערב-אייראָפּע.

ש. ע.

לידנער, סעם (שמואל)

געבוירן 1885 אין וואָלבראָם, פוילן, ביי זייער פרומע עלטערן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין לאָדזש.

אַלס בן-יחיד האָבן די עלטערן געוואָלט פון אים מאַכן אַ כלי-קודש און ל. האָט דעריבער געלערנט ביי די אָנגעזעענסטע מלמדים און אין ישיבות. ווערנדיק אין וואַרשע צוגעצויגן פון גרויסשטאָטישן לעבן, רייסט זיך ל. אַרויס פון לערנען און הייבט אָן אַרבעטן ביי אַ טאָקאַר. ער ווערט אָבער אין דעם געשטערט פון זיין פאָטער, פאָרט צוריק קיין לאָדזש ווייטער לערנען אין דאָרטיקן אַלטשטאָטישן בית-המדרש. צופעליק באַזוכט ער דאָס דייטשע טעאַטער, באַקומט חשק צו דער בינע און ווערט באַלד אַן אָפטער באַזוכער אין אַ יידישער גאַסטראָלירנדיקער טרופּע, וואו ער ווערט אויך אַ סטאַטיסט און פאָרט דערנאָך מיט נאָך אייניקע סטאַטיסטן שפּילן אין אַ קליין שטעטל, וואו ער סופלירט די פאָרשטעלונג

אין 1904 — אַלס יודע-ספר — געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער אין אַ פּראָווינץ-טרופּע, וועלכע שטעלט זיך צונויף פון די כאָריסטן פון לאָדזשער יידישן טעאַטער, און זינט דאַמאָלט סופלירט ער אין אַלע יידישע טרופּעס פון פוילן, ליטע, רוסלאַנד, קורלאַנד, בעסאַראַביע און אוקראַאינע, באַזוכנדיק איבער 800 שטעט און שטעטלעך. אַ רשימה פון דידאָזיקע ערטער צוזאַמען מיט אַ רשימה פון איבער 700 אַקטיאָרן, וועלכע ער האָט סופלירט, האָט ל. איבערגעגעבן דעם טעאַטער-מוזיי ביי ייוואָ.

ל. האָט אויך געשריבן אייניקע איינאַקטערס און דראַמאַטיזירט צבי כהנס ראָמאַן „לאָדזש אין קריג, אָדער, דער לאָדזשער זאַפּאַסנער סאָלדאַט אברהם מילנער", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 26 יוני 1915 אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. — אַדלער-סיעראָצקי).

אייניקע יידישע פּיעסעס, וועלכע זיינען, אָן וויסן פון זייערע מחברים, דערשינען אין פוילן (דערונטער ז. ליבינס „געבראָכענע הערצער") זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק דורך ל., וועלכער האָט זיי אויך רעדאַקטירט.

ש. ע.

ליווי, יוליוס

אַן אַדוואָקאַט אין ניו-יאָרק, אַמעריקע.

אין 1886, בעת דראָזדאָוויטש און ראָזענגאַרטען האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע די יידישע טרופּע פון מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, קעסלער, עדעלשטיין א. א., איז אויסגעבראָכן צווישן זיי און דער טרופּע אַ סכסוך וועגן דער פראַגע, אין וועלכער שטאָט זיי זאָלן שפּילן די דירעקטאָרן האָבן געוואָלט פירן די אַקטיאָרן אין דער פּראָווינץ, צו וואָס די אַקטיאָרן האָבן נישט מסכים געווען.

וועגן דעם שרייבט ב. גאָרין: „הגם אַ לאַנגע צייט איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך פאַר אַקטיאָרן צו ברעכן קאָנטראַקטן, דאָך דאַרף מען זיך אָנשטויסן, אַז די „גרינע" קאָמפּאַניע [טרופּע] וואָלט די ערשטע וואָכן אין אַמעריקע מורא געהאַט צו טאָן אַזאַ זאַך, ווען עס זאָלן זיך נישט געפינען גוטע מענטשן און צוגעבן זיי

מוט. עס האָבן זיך דאָ געפונען בעלנים מיט מער געלט, וואָס זיינען געווען גרייט צו ווערן דירעקטאָרן פון דער קאָמפּאַניע. איינער מיטן נאָמען שרייבער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קאַפע אין דעם יידישן קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק, האָט צונויפגעפירט דעם אַד־וואָקאַט ליוויי, דעם גלאָז־הענדלער ראָט און דעם הענדלער מיט הייזער און לאַנד גאָלדמאַן מיט מאַגולעסקאָ און זיין קאָמפּאַניע, און די ערשטע דריי האָבן זיך אונטערגענומען צו קריגן אַ טעאַטער אין דעם יידישן קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק און אַריינלייגן אַזוי־פיל געלט ווי עס וועט זיין נויטיק. מיט אַן אַדוואָקאַט אַלס איינער פון די דירעקטאָרן, האָט זיך די גרינע קאָמפּאַניע געפילט מוטיק גע־נוג צו ברעכן דעם קאָנטראַקט מיט די שיקאַגער דירעקטאָרן. די לעצטע האָבן נישט געשוויגן, און ווען מאַגולעסקאָ מיט זיין קאָמ־פּאַניע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ, האָבן זיי אַרויסגענומען פון געריכט אַ באַפעל, אַז איידער וואָס־ווען טאָר די קאָמפּאַניע אין ניו־יאָרק נישט שפּילן. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן אַ וואָך זעקס און אונטער דער צייט איז די קאָמפּאַניע געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר די שיקאַגער די־רעקטאָרן האָבן דעם פּראָצעס פאַרלוירן און מאַגולעסקאָ מיט זיין קאָמפּאַניע זיינען געבליבן אין ניו־יאָרק. ליוויי, ראָט און גאָלד־מאַן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַ טעאַטער און באַלד האָבן זיי אי־בערגענומען דעם נעשאָנאַל טעאַטער [אויף דער בויערי]. מען זאָגט, אַז זיי האָבן באַצאָלט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר פאַר שליסל־געלט און האָבן איבערגעביטן דעם נאָמען אויף „רומעניע אָפּערע הויז".

לויט אַדוו. סאַראַסאָן האָט ל. אין משך פון די 6 חדשים, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיטן טעאַטער, געהאַט אַ גרויסן דעפיציט און דערפאַר זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער און זיך ווייטער געווידמעט דער אַדוואָקאַטור.

מ. ע. פון אַדוו. סאַראַסאָן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 40-41.

ליוויי, מאַקס

אַן אייגנטימער פון אַ שענק אין ניו־יאָרק. פלעגט זיך רופן לעווי. אין 1892 געוואָרן (צוזאַמען מיט משה הייניע־חיימאָוויטש און אַדאָלף פרינץ) דירעקטאָר פון טאַליאַ־טעאַטער, וואו טאָמאַשעווסקי איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אַלס „ליבהאָבער" און געהאַלטן דאָס טעאַטער 3 יאָר. שפּעטער זיך לחלוטין צוריקגעצויגן און גע־עפנט אַ האָטעל אין ראָקאַוויי ביטש.

מ. ע. פון אַדוו. סאַראַסאָן.

ליטאַן, עני

[חנה ליפמאַן]

געבוירן 1912. עלטערן — די יידישע אַק־טיאָרן יצחק לאַטאָוויטש און נאַטאַליאַ (שפּע־טער) ליפמאַן.

געלערנט אין גימנאַזיע און דערנאָך דע־ביוטירט אין דער טרופּע פון משה ליפמאַן, וועלכער האָט זי אַדאָפּטירט נאָך זיין חתונה מיט איר מוטער.

1929 — געשפּילט אין רומעניע א"ד פון לידיאַ פּאָטאָצקאַ, דער־נאָך אין איר פּאָטערס טרופּע אין וואַרשע, קראָקע און לאָדזש.

ש. ע.

ליטוואַקאָוו, מוישע



געבוירן בערך 1875 אין טשערקאַס, קיעווער גוב., אוקראַינע. פאָטער — אַ מלמד. ביז 17 יאָר געלערנט תלמוד, דער־נאָך אַלס עקסטערן געענדיקט גימנאַזיע. פון 1902 ביז 1905 שטודירט אין פּאַריז.

אָנגעהויבן זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אַלס ציוניסט פון אחד־העמס שיטה, איז ל. געווען דערנאָך איינער פון די ערשטע טוער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם („פּ"צ" אָדער „אַרבעטער־ציוניסטן"). אין 1903 געהערט צו דער גרופּע ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די קאָנפערענץ פון „וואָזראָזשדעניע", שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער פּאַרטיי ס"ס (ציוניסט־סאָציאַליסטן), וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט פון „וואָזראָזשדע־ניע". בעת דער וועלט־מלחמה גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער הילפס־אַרבעט, זיך באַטייליקט אויף דער הילפס־באַראַטונג אין פּע־טערבורג (1916). נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע — איינער פון די גרינדער און פירער פון דער פּאַרטיי „פּאַראייניקטע". אין מאַי 1919 דורכגעפירט די שפּאַלטונג אין זיין פּאַרטיי און אַלס פירער פון איר אָפּגעשפּאָלטענעם פליגל צונויפגעגאָסן אים מיטן קאָמו־נ סטישן בונד (קאָמבונד) אין איין אָרגאַניזאַציע (קאָמפאַרבאַנד) און זינט דעמאָלט פאַרבליבן איינער פון די באַדייטנסטע יידישע קאָמוניסטישע פירער אין ראַטנפאַרבאַנד און רעדאַקטאָר פון „עמעס".

ל. האָט תמיד זיך באַטייליקט אַלס מיטאַרבעטער און אָפט אַלס רעדאַקטאָר אין די פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פּאַרטייען, צו וועלכע ער האָט געהערט.

דעביוטירט ליטעראַריש אויף העברעאיש האָט ל. שפּעטער אַנט־וויקלט אַ ברייטע ליטעראַריש־קריטישע טעטיקייט אין פאַרשיידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. געוויסע אַרבעטן זיינע זיינען אויך דערשינען אין סעפּאַראַטע ביכער.

ל. איז ענג פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ סעריע פון זיינע קריטיק־אָפּשאַצונגען וועגן די אויפפירונגען פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע, האָט ל. אַרויסגעגעבן אין אַ בוך: „פינף יאָר מעלוכישער יידישער קאַמער טעאַטער (1924-1929)" (פ"ג „שול און בוך", מאָסקווע 1924). [144 ז. 16°].

דעם 9 אַפּריל 1922 איז דורך מימט אויפגעפירט געוואָרן ל."ס איבערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II, זז. 135-141.

דוניעץ — אַ בוך וועגן אידישן קאַמער־טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 26 דעצ. 1924.

נ. וואַרשאַווסקי — די פיהרער פון דער „יעווסעקציע", „היינט", וואַר־שע, 6 מאַי 1927.

יעקב מעסטעל — פיר יידישע טעאַטער־ביכער, „אַרכיוו", ווילנע 1930, זז. 489-91.

ליטווינאַ-ווייסהאָף, בערטאַ

געבוירן 28 דעצעמבער 1897 אין סימפּעראָפּאָל, קרים, אין אַ בעל-הביתישער פאַמיליע. געענדיקט אַ רוסישע פאָלקס-שול. 1916 — אַריינגעטראָטן אין אַ „ליבהאָבער"-קרייז א'א פון אַקטיאָר גרישע עפּשטיין, 1917 — אין דער סטודיע ביים כאַרקאָווער „אונזער ווינקל" און שפּעטער אין טעאַטער גופא.

1921 - אָנגעקומען אין ווילנע, וואו זי האָט חתונה מיט יוסף ווייסהאָף. דאָ שפּילט זי 7 יאָר. האָבנדיק דורך דער צייט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אסתּר-רחל קאַמינסקאַ זיגמונט טורקאָוו, יוליוס אַדלער, רודאָלף זאַסלאַווסקי, א. סאַמבערג און שלמה קוטנער. 1927-28 — אַרומגעפאָרן איבער פּוילן מיט באַראַטאָוו און פּאָטאָצקאַ, 1928-31 — מיט דער טרופּע קאַדיש-חאַש, 1931-32 — געשפּילט אין ריגע און 1932-33 — אין ביאַליסטאָק.

ש. ע.

ליטווינאָוו, ל.

[לייב גורעוויטש]

געבוירן 28 מערץ 1899 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ פּויער, דערנאָך אַן אָנגעשטעלטער אין אַ וואַלד-מסחר און איצט אין בירא-בידזשאַן. מוטער — אַ בעקערין. געענדיקט 8 קלאַסן גימנאַזיע.

1917 — געשפּילט אויף רוסיש אין דראַמקרייזן אין באַלאַשאָוו, סאַראַטאָווער גוב., און דאָ קוראַזשירט געוואָרן צו דער בינע פון רוסישן אַקטיאָר קאַסאַראָוו. 1918 — אויך געשפּילט מיט „ליבהאָבער" אויף יידיש („לייזער בדחן" אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול"), 1919 — אָרגאַניזירט אין מינסק אַ גרויסן קולטור-קרייז א'נ פון טורגעניעוו און אויפגעפירט אין רוסיש פּיעסעס אין דער דראַמאַטישער אָפּטיילונג. 1920 — אָרגאַניזירט אין יעקאַטערינבורג אַ רוסישע דראַמאַטישע סטודיע פון אַרבעטער און מיט איר אויפגעפירט אייניקע פּיעסעס, 1921 — אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט אַ רוסישער סטודיע אין מינסק, אָנגעפירט מיט דער דראַמסטודיע ראַבפּאַק אין מינסק און אין דער רויטער אַרמיי. 1922 - געשפּילט אין מינסק אין ראַפּאַלסקיס יידישער סטודיע, 1923 — אויפגעפירט אין מינסקער צענטראַלן אַרבעטער-קלוב א'נ פון גראָסער אַ בופּאַנאַדע „אויפן הימל אַ יריד", 1924 — אויפגעפירט דאָרט זיין און א. כ. אַווינס פּיעסע „צען טעג אין טרעסט" [ליטווינאָוו און אווין — 10 טעג אין טרעסט. אַ קינאָ-סאַטירע אין 19 עפּיזאָדן. אויסגאַבע פון צענטראַל-ראַט פון די פּראָפפאַריינען אין ווייסרוסלאַנד, מינסק, 1925, פּרייז 65 קאָפּ., 47 זז. 16°].

1923 - אַריינגעטראָטן אין דער יידישער מלוכה-סטודיע ביים ווייסרוסישן טעאַטער-אינסטיטוט אין מאָסקווע, פון וועלכער ס'איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער „יידמעט". דאָ איז ל. אויסער אַקטיאָר אויך אַסיסטענט-רעזשיסער אין „סקאַפּען", „שיילאָק" און „קאַסריל‌עווקע" און פירט אויף אין 1927 זיין באַאַרבעטונג און מאָנטאַזש פון לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסן-קוואַל".

זומער 1928 אָרגאַניזירט מיט יוגנט-אַרבעטער אַ יידיש וואַנדער-טעאַטער און דאָרט אויפגעפירט גאָרדאָנס „צעבראָכענע צאַמען".

ל. האָט אין 1918 פאַרוואַלטעט מיט דער טעאַטראַלער אָפּטיילונג ביים קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקסבילדונג פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, 1920 — פאַרוואַלטער מיט דער קונסט-אָפּטיילונג ביים יעקאַטערינבורגער גובערנאַלן בילדונגס-אָפּטייל.

ל. האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען אויף טעאַטער-טעמעס אין „שטערן" (מינסק), „אָקטאָבער" (מינסק), אין דער רוסישער האָמלער צייטונג „פּאָלעסקאַיאַ פּראַוודאַ", ווי אויך אין זשורנאַל „שטערן" אַן אַרטיקל צו דער געשיכטע פון ווייסרוסישן-יידישן מלוכה-טעאַטער.

ש. ע.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 167-172, 99.

ליטמאַן, אברהם

געבוירן 1 דעצעמבער 1880 אין באָריסאָוו, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ האָלץ-סוחר. געלערנט אין חדר, מינסקער ישיבה און צוליב דעם, וואָס זיין פאָטער איז אים יונג אָפּגעשטאָרבן, און די מוטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוואַרץ-קינסטלער, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, מוז זיך ל. דערנערן פון לערנען שרייבן קינדער.

אין יוני 1895 איז ל. צוזאַמען מיט זיינע שוועסטערן געקומען אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אַרבעטן אין אַ העמדער-שאַפּ, לערנט אין אָוונט-סקול און באַזוכט צום ערשטן מאָל דאָס יידישע טעאַטער. זעענדיק שפּילן מאָגולעסקאָן און חיימאָוויטשן, ווערט ל. אַזוי באַגייסטערט פאַר טעאַטער, אַז ער הייבט אָן פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט, ווערט אַ שטענדיקער טעאַטער-באַזוכער און אַ סטאַטיסט.

אין 1896 אָרגאַניזירט ל. די סטאַטיסטן אַלס אַ דראַמאַטיק-קלוב א'נ „סטאַר דראַמאַטיק קלאָב", וועלכע פירן אויף אין מאַנהעטן-ליסעאום אַ פּיעסע, געשריבן פון 2 קלוב-מיטגלידער. די פאָרשטעלונגען קומען פאָר 5-6 מאָל אַ יאָר און ל. איז דערביי דער געשעפטן-פירער און סעקרעטאַר אַזוי פירט אָן און שפּילט ל. אייניקע יאָר מיט „ליבהאָבער"-פאָרשטעלונגען.

1900 — פאָרט ל. צוזאַמען מיט מעי סיימאָן, היימאַן ראַפּאַפּאָרט א. א. קיין בופאַלאָ, וואו זיי שפּילן אַ לענגערע צייט אין טורן-האָל א'ד פון שפּעטערדיקן אַדוואָקאַט קרילאָוו, און דערנאָך אין ראַטשעסטער, וואו זיי מוזן בייטאָג אַרבעטן אין אַ שאַפּ פון מענער-רעק, כדי צו האָבן אויף חיונה. צו דער טרופּע שטייען צו בערל בערנאַרדי, בעני און יאָזעף שיינגאָלד און אסתּר וואַקסמאַן, און ל. ווערט פאַרוואַלטער פון דער טרופּע וועלכע שפּילט דאָרט אַ סעזאָן.

צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, טרעט ל. ווידער אַריין אַרבעטן אין אַ העמדער-שאַפּ און פּאָרט אַרום מיט „ליבהאָבער" איבער דער סביבה פון ניו-יאָרק, וואו זיי שפּילן יעדן זונטאָג בייטאָג א״א פון ל. 1903 — פּאָרט די זעלבע טרופּע אַרום 2 יאָר איבער אַמע-ריקע, אַרבעטנדיק אָפּט בייטאָג אין שעפּער. צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק טרעט ל. אַריין אַלס פּראַקטיקאַל-סעקרעטאַר און דערנאָך אַלס פינאַנס-סעקרעטאַר אין דער אַקטיאָרן-יוניאָן לאָקאַל 18 (2), וועלכע פירט אַ קאַמף קעגן דער צווייטער אַקטיאָרן-יוניע. נאָכן אַמטירן 8 יאָר אין דער יוניע, לאָקאַל 18, און אָנפירן מיט פּאַר-שטעלונגען אויף דער פּראָווינץ, אויך אויפטרעטנדיק אין 1908 אין וואָדעוויל, נעמט ל. איבער (1912-13) צוזאַמען מיט סעם אויערבאַך און מאָריס ווייסמאַן דאָס טעאַטער אין טאָראָנטאָ, 1913-14 — (צו-זאַמען מיט אויערבאַך און מאָריס קראָנער) געמענעדזשט דאָס טאָראָנטער טעאַטער און (צוזאַמען מיט אויערבאַך) דאָס ליסעאום-טעאַטער אין ניו-יאָרק. 1914 — מענעדזשער (צוזאַמען מיט דוד לעווינסאָן און יעטאַ בלאָק) אין טאָראָנטאָ, אָבער צוליבן מלחמה-אויסבראָך איבערגעריסן, נאָך 7 וואָכן, די פאָרשטעלונגען. 1915-16 — מענעדזשער ביי יאָזעף שיינגאָלד אין נואַרק. דערנאָך אַ צייט אַגענט פון זינגערס ניי-מאַשינען און פון לעבנסמיטל-פאַר-זיכערונג.

1918-20 — פירט ל. אָן אַ קורצע צייט מיט אַ טרופּע אין טאָ-ראָנטאָ, דאַן גרינדעט ער אַ קאָאָפּעראַציע צו בויען אַ יידישן טעאַטער-בנין, ווערט מענעדזשער פון דער טרופּע אין ניי-אויפגע-בויטן סטאַנדאַרט-טעאַטער, אָבער נאָך אייניקע חדשים טרעט ער פון דאָרט אַרויס און נעמט ווידער איבער דאָס פריערדיקע טעאַטער מיט אַ יידישער וואַריעטע-טרופּע, דאַן פירט ער אָן מיט אַ „טשיין" פון 3 טרופּעס אין דעטראָיט-בופאַלאָ-טאָראָנטאָ, און דערנאָך 3 יאָר (צוזאַמען מיט משה שאָר און מישע פישזאָן) אָנגעפירט מיטן סוירקל-טעאַטער אין דעטראָיט.

נאָכן אָנפירן אַליין אַ יאָר מיט דער דירעקציע אין מאַדזשעסטיק-טעאַטער אין דעטראָיט, געלונגט ל.׳ן, דורך אַ פּריוואַט-פּערזאָן, אויפ-צובויען דעם 7 סעפּטעמבער 1927 „ליטמאַנס פּיפּלס-טעאַטער" (דעטראָיט, 12 און סוּאָרד סטריט), וואו ל. איז 1928-29 געווען (צוזאַמען מיט סעם אויערבאַך) דירעקטאָר, 1929-30 — אַליין די-רעקטאָר, 1930-31 — מיטדירעקטאָר, 1931-32 — מיט פּסחקע בורשטיין, מישע פישזאָן און בנימין בלאַנק און 1932-33 מיט הערי לאַנדמאַן.

דעם 2 דעצעמבער 1930 איז אין ל.׳ס טעאַטער פּאָרגעקומען אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן די פייערונג פון זיין 50-טן געבורטס-טאָג.

זינט 1912 האָט זיך ל. צוריקגעצויגן פון שפּילן אויף דער בינע.

מ. ע.

ג. ברענוויס [ש. וויינבערג] — אברהם ליטמאַן, צו זיין פופציק יעה-ריגען יובילעאום, „פּאָרוו.", דעטראָיט, 29 נאָוו. 1930.

ליטמאַן, יעטאַ

[זילבערמאַן]

געבוירן 18 דעצעמבער 1884 אין זלאָ-טשעוו, גאַליציע. עלטערן — בעקערס. צו-ליב פאַמיליע-סיבות אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע צו איר ברודער, אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן, וואו זי אַרבעט אויך אַ קורצע צייט. דורך דער איניציאַטיוו פון סעם לודוויק אָנגעקומען אין יידישן וואָדעוויל-טעאַטער, דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט לעגיטים טעאַטער. שפּעטער חתונה געהאַט מיט אברהם ליטמאַן און כסדר געשפּילט מיט אים אין די טרופּעס וועלכע ער האָט געפירט אָדער פאַרוואַלטעט.

ל. איז פון סובּרעטינס איבערגעגאַנגען צו כאַראַקטער-און מוטער-ראָלן. זינט 1922 פאַרלאָזט די בינע און טרעט אויף נאָר אין ספּע-ציעלע פאַלן.

מ. ע.

ליטמאַן, יעקב

[געב. ...18 — געשט. 8 מאַי 1917]

געבוירן אין הערצאַ, רומעניע.

לויט ז. העלמאַן: געווען מוזיקאַליש און געשפּילט אויף אייניקע אינסטרומענטן. לויט משה שאָר זאָל ל.׳ס מוזיקאַלישער סטאַזש באַשטיין פון שפּילן בעתן מיליטער-דינסט אין מיליטערישן אָרקעסטער. געווען אַ פאָלקסזינגער און וואַריעטע-אַקטיאָר צוזאַ-מען מיט זיין פרוי פּעפּי אין רומעניע גאַ-ליציע, עסטרייך און אונגאַרן, פלעגט אויך טיילמאָל דיריזשירן מיטן אָרקעסטער.

ל. איז דעם 8 מאַי 1917 געשטאָרבן אין יאַסי.

מ. ע. פון ז. העלמאַן, משה שאָר און סעם לודוויק.

ליטמאַן, פּעפּי

[פּעשע קאַהאַנע]

[געב. בערך 1874 - געשט. 13 סעפּט. 1930]

געבוירן בערך 1874 אין טאַרנאָפּאָל, מזרח-גאַליציע, ביי אָרימע עלטערן. אין דער יוגנט געווען אַ דינסט אין שטוב פון די עלטערן פון שפּעטערדיקן אַקטיאָר מאַקס באַדין. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, ווערט זי צוגעצויגן פון די בראָדערזינגער אַרויס-צוטרעטן מיט זיי אין די שענקען און אכסניות און וואַנדערט מיט זיי איבער גאַ-ליציע און רומעניע. ביז זי באַקענט זיך

מיטן דיריגענט יענקל ליטמאַן, מיט וועלכן זי האָט חתונה אין טשערנאָוויץ.

ליטמאַן שטודירט איין מיט איר עטלעכע לידלעך און קופּלעטן, מיט וועלכע זי „נעמט דעם עולם". אין משך פון אַ קורצער צייט ווערט זי אַ שם־דבר ביים פּובליקום און ווערט גערן געשטעלט אין דער שפּיץ פון די וואַנדערנדע יידישע וואָדעוויל־טרופּעס.

ל. פלעגט זייער אָפט אַרויסטרעטן אין די דייטשע קור־ערטער, וואו איר שפּילן האָט זיך אויסגעדריקט אין זינגען די קופּלעטן „ישמח משה" און „דעם רבינס הבדלה", וועלכע זי פלעגט אינטערפּרעטירן אויף אַן אָריגינעלן (זייער אָפט צוויי־דייטיקן) אופן. אירע קופּלעטן פלעגן נאָכגעזונגען ווערן סיי פון יידן, סיי פון נישט־יידן. זי איז געווען אויך זייער פּאָפּולער אין אונגאַרן ביים נישט־יידישן טעאַטער־עולם א'נ „די פּעפּציאַ".

קורץ פאַר דער וועלט־מלחמה איז ל. געקומען אין וואַרשע און אויפגעטראָטן אין יוליוס אַדלערס באַאַרבעטע אָפּערעטע „איציקל וויל חתונה האָבן" [לויט אַדאַם מעסקאָס „דער כלהס חלום"], מיט יאָס זי האָט ממש אויפגעשטורעמט דאָס אָרטיקע טעאַטער־פּובליקום. צוליב דער אויסגעבראָכענער מלחמה פאָרט זי אָפּ קיין רוסלאַנד. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט ל. געשפּילט אין אָדעס, וואו זי איז געווען באַליבט ביי דער יידישער מאַסע און אויך פּאָפּולער אין די דאָרטיקע ליטעראַרישע קרייזן. מען האָט זי זייער אָפט געקאָנט זען אַלס גאַסט ביי דוד פרישמאַן און ביי מענדעלע מוכר ספרים, וועלכע האָבן זי זייער גערן געהאַט פאַר אירע לידלעך.

1917 — האָט ל. געשפּילט אין יאַסי און איז אין זעלבן יאָר צוריקגעקומען אין אָדעס, וואו זי איז אויפגעטראָטן אין גרויסן טעאַטער. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז איר פאַרווערט געוואָר צו שפּילן איר רעפּערטואַר, אָבער דער פאַרבאָט איז שפּעטער אָפּגעשאַפט געוואָרן.

1928 — איז ל. צוריקגעקומען אין פּוילן, וואו זי איז אויפגעטראָטן שוין מיט אַ קנאַפּערן דערפאָלג. באַלד דערויף איז זי אָפּגעפאָרן קיין ווין, דאָרט געשפּילט, דערנאָך אין קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד און איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, און דערנאָך ווידער קיין ווין. דאָ איז זי, אין גרויס נויט, קראַנק געוואָרן, איז געלעגן אַ געוויסע צייט אין ראָטשילד־שפּיטאָל און איז דאָרט דעם 13 סעפּטעמבער 1930 געשטאָרבן.

די לויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן ווינער יידישן אַרטיסט־פאַראיין און די קהלה האָט איר געגעבן אומזיסטע קרקע.

דר. מ. ווייכערט כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „פּעפּי ליטמאַן איז נישט געווען קיין „שוישפּילערין". זי איז זעלטן אַרויסגעטראָטן אין אַ טעאַטער, און אויב זי פלעגט זיך יאָ אַמאָל באַווייזן אויף אַ גרעסערע סצענע, איז דאָס געווען בלית ברירה. איר אייגנטלעכע דאָמענע איז געווען נישט דאָס טעאַטער, נאָר דער זאַל אָדער גאָרטן, נישט „די ברעטער", נאָר „דאָס איבערברעטל". איבערגעטאָן פאַר אַ חסיד, אין אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש איבער די געקרייזלטע פאות אַרום דעם רונדן פולן פרויען־געזיכט, אין אַ ברייטער, צעשפּיליעטער קאַפּאָטע, קורצע פלודערן, ווייסע זאָקן און שטעק־שיך, מיט ביידע הענט אונטער די פאות אָדער אין די זייטן, פלעגט זי צוגלייך מיטן לידל אַרויסשיסן פון הינטער דער קוליסע, און אין דער זעלבער רגע, האָט ווי אַ בליץ אָנגעצונדן דאָס פּובליקום אין זאַל און אַלע — משרת און סוחר, שניידער און דאָקטאָר, דינסט־מויד און מאַדאַם — האָבן זיך אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע און מיט איר צוזאַמען ווייטער געזונגען. אַ שטים האָט פּעפּי ליטמאַן געהאַט אַ מאַ:סבילישע, אַ טיפע און אַ הייזעריקע. אָבער ווער עס האָט איינמאָל געהערט איר „ישמחו" — האָט אים שוין קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן.

„„פּעפּי ליטמאַן איז קיין „שוישפּילערין" נישט געווען, זי האָט נישט געהאַט קיין לעגיטימאַציע פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און האָט קיין „שקאָלעס" נישט „געקאָנטשעט", אָבער פון יידיש טעאַטער האָט זי אין זיך מער פאַרמאָגט ווי היינטיקע צוויי פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס צוזאַמענגענומען. זי האָט געשעפּט פון דעם אייגענעם קוואַל פון פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־סענטימענט, פון וועלכן גאָלדפאַדען און גראַדנער האָבן גענומען. זי האָט געהאַט סצענישן טעמפּעראַמענט, אַקטיאָריש בלוט, יידישן ברען".

ש. האָכבערג כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „פּעפּי ליטמאַן האָט מיט איר לוסטיקן שפּילן און באַזונדערס מיט איר פאָלקסטימלעכן זינגען, טראָגנדיק אויף דער סצענע מענער־הויזן מיט דעם גאַליצישן חסידישן קאַפּעלושל, כמעט שטענדיק גערופן אַ געמיטלעכע שטימונג ביים יידישן עולם. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט נישט באַזעסן קיין בילדונג, האָט זי אין דער געזעלשאַפט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבילדעטער פרוי, אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט פּראַקטיש גערעדט אויף אייניקע שפּראַכן פּעפּי ליטמאַן, זיך נישט רעכנענדיק מיט דער סביבה פונם אַרטיסטישן לעבן, איז געווען רעליגיעז געשטימט, וואָס [עס] באַווייזט דאָס אָפּהיטן פרייטאָג צו נאַכט דאָס ליכטבענטשן, אויסמיידן צו עסן טרפות און אָפּהיטן רעליגיעזע מנהגים, וואָס זיינען נוגע אַ יידישער פרוי".

לויט יעקב מעסטעל וועלכער האָט געקענט ל. פּערזענלעך און אָפט זיך באַגעגנט מיט איר וואַנדערנדיקער וואָדעוויל־טרופּע, איז ל. געווען כמעט די איינציקע כאַראַקטעריסטיש־יידישע „שאַנסאָנעטקע אין חסידישע הויזן". אין די פּראָזע־סקעטשעס פלעגט איר קורצע, דיקלעכע פיגור אויסקוקן פּלומפּ, אפילו אומבאַהאָלפן. איז זי אָבער אַרויס אויף דער בינע אַלס „חסיד", פלעגט אין איר פלאַקערן יעדער נערוו, איר טיפער, אַביסל באַלייגטער אַלטאָ, פלעגט גלעטן ווי אַ ווייכער וויאָלענטשעל און מיט איר „חנודיקער וואולגאַריטעט" פלעגט זי אָנצינדן דעם עולם.

פּאַקטיש פלעגט ל., און נישט איר מאַן, זיין די באַלעבאָסטע פון איר וואָדעוויל. זי איז אויך געווען די ערשטע צו אַנגאַזשירן אין איר אַנסאַמבל פרעמד־שפּראַכיקע שאַנסאָנעטקעס, אָפּהענגיק פון לאָקאַלע פאָדערונגען: אין גאַליציע און בוקאָווינע — דייטשע און פּוילישע, אין אונגאַרן — דייטשע און אונגאַרישע א. א. וו., און מיט זיי פלעגט זי אויך אָפט שפּילן „צוגעשניטענע טעאַטער־פּיעסעס" („קעסטעלאַך").

ש ע. פון יעקב מעסטעל.

מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע", II, זז. 43־41.

א. מייזעלס — פּעפּי ליטמאַן געשטאָרבן, „לאָדזשטגבל'ט", 17 סעפּט. 1930.

ש. חיות — אין פרעמדע תכריכים, „אונזער צייט", קעשעניעוו, 22 סעפּט. 1930.

אלחנן צייטלין — אויפן קבר פון פּעפּי ליטמאַן, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 10 אָקט. 1930.

ש. דאָרפזאָן — באַרימטע אידישע אַקטריסע פּעפּי ליטמאַן איז געשטאָרבן אין ווין, „פאָרוו.", נ. י., 24 אָקט. 1930.

ש. האַכבערג — די טראַגעדיע פעפּי ליטמאַן, „לאַדזשגבל׳ט“, 6 אַקט, „פאַסט“, לאַנדאָן, 12 אָקטאָבער, „די פּרעסע“, ב״א, 14 נאָוועמבער 1930.

לינאַ ליפּמאַן — אַ בריף אין רעדאַקציע „מאָמענט“, וואַרשע, 23 יאַנ. 1931.

ליבאָוויטש, דוד

געבוירן 7 דעצעמבער 1892 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין אַ יידיש-רומענישער שול ביים לערער ז. העלמאַן (הזמן), וועלכער, אַלס געוועזענער שוישפּילער, האָט אין אים איינגעוואָרצלט אַ ליבע צום יידישן וואָרט און אים אויך געפירט אין יידישן טעאַטער. געפּרובט זיין אַ סוחר, אָבער לסוף, נאָכן אַרויסטרעטן אויף וואוילטעטיקע אָוונטן מיט יידישע קאָנצערטן, געוואָרן אין 1912 אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין דער טרופּע פון פינקו פרידמאַן און אַדאָלף סעגאַל.

1917 — אַריבער קיין רוסלאַנד און דאָרט געשפּילט אייניקע יאָר. 1920 — צוריקגעקומען אין רומעניע און געוואָרן אַ פאָלקס-זינגער איבער שענקן און קאַפע-הייזער.

ש. ע.

ליבאָוויטש, רייטשעל

געבוירן 1885 אין בוקאַרעסט, רומעניע. אין עלטער פון 15 יאָר געפאָרן קיין בוקאָווינע. דאָרט זיך באַפריינדעט מיט מאַלווינע טרייטלער (שפּעטער — לאָבעל), די טאָכטער פון דעם דאָרט גאַסט-ראָלירנדיקן יידישן טעאַטער-דירעקטאָר און דורך איר צוגעצויגן געוואָרן צו דער בינע. אַ דאַנק דער שיינער שטים און פיגור געוואָרן אַ סובּרעטין. שפּעטער פאָרט ל. מיט דער טרופּע קיין לאָנדאָן, וואו זי גייט איבער צו ערנסטע ראָלן. דאָ האָט זי חתונה מיטן אַקטיאָר יאָזעפסאָן, שפּילט פון דאַמאָלט אָן אונטער איר נייעם פאַמיליע-נאָמען, און פאָרט מיט איר מאַן קיין אַרגענטינע, וואו זיי שפּילן אייניקע סעזאָנען. פון דאָרט קערן זיי צוריק קיין לאָנדאָן און פּאַריז, און נאָך איר מאַנס טויט באַזעצט זיך ל. אין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט דראַמאַטישע ראָלן אונטער דער דירעקציע פון מאָריס מאָשקאָוויטש, זיגמונט פיינמאַן, טשאַרלס נאַטאַנסאָן און יאָזעף קעסלער.

ש. ע.

לייבל, דניאל

געבוירן 20 נאָוועמבער 1891 אין דעמביץ, מזרח-גאַליציע, אַלס זון פון אַ חובבי-ציון און משכיל. פון 4 ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר אין דעמביץ און טאַרנאָוו, וואו די פאַמיליע איז אויסגעצויגן אין 1899. דאָ האָט ל. אויך געענדיקט 2 קלאַסן פון דער פּוילישער פאָלקס-שול, פּריוואַט געלערנט העבּרעאיש און אַלגעמיינע למודים. 1909 — אָנגעקומען אין 5-טן קלאַס גימנאַזיע, אָבער אין אַ יאָר אַרום אויסגעשלאָסן געוואָרן צוליב פּאָליטישע טעמים און ערשט אין 1914 מאַטורירט אַלס עקסטערן און אָנגעהויבן שטודירן יוריספּרודענץ אין ווינער אוניווערזיטעט, אָבער אינגיכן געוואָרפן די למודים און דערנאָך געדינט 2 יאָר אין עסטרייכישן מיליטער.

נאָך אַלס ייִנגל זיך דערנענטערט צו די פּ״צ-קרייזן, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאַרטיי, איבערהויפּט בעת די עסטרייכישע וואַלן אין 1910, ווען מען האָט געפירט אַ קאַמף פאַר יידישיזם.

צו 16 יאָר שוין געשריבן לידער און זיך פאַרנומען מיט יידישער און העבּרעאישער פילאָלאָגיע, דעביוטירט ערשט אין 1913 מיט אַן אַרטיקל אין „יודישער אַרבייטער“ (ווין). מערץ 1919 — זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער אַרבעט מיט, אויך א״פ, אין אַלע פּ״צ-אויסגאַבן, פון וועלכע אייניקע רעדאַקטירט ער ל. האָט אויך געשריבן פיל אַרטיקלען וועגן יידישער שפּראַך, אָרטאָגראַפיע און ליטעראַטור און איז געווען לערער אויף די לערער-קורסן און אין לערער-סעמינאַר פון ציש״א. צוליב אַ פּרעסע-פּראָצעס פאַרלאָזט ער אין 1924 פּוילן און נאָכן אויפהאַלטן זיך 8 חדשים אין בערלין, באַזעצט ער זיך אין ארץ-ישראל, וואו ער איז קאָרעקטאָר אין „דבר“ (דער העבּרעאישער אָרגאַן פון „הסתדרות“). ל. איז גלייכצייטיק איינער פון די אָנפירער פון די לינקע פּ״צ אין א״י און איז אויך דאָרט אַקטיוו אין קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך.

אין „יודישער אַרבייטער“ (ווין, 1918) האָט ל. פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג דעם ערשטן אַקט פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס דראַמאַטישער פּאָעמע „פּראָמעטעאוס און סיזיף“, וואָס איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן דורך „ליבהאָבער“ אין טאַרנאָוו.

אין 1921 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „די צייט“ דערשינען ל.׳ס איבערזעצונג פון סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקיס דראַמע „דניאל“, וועלכע איז אין יאַנואַר 1927 [צום ערשטן מאָל בכלל אויף אַ בינע] אויפגעפירט געוואָרן אין קראָקעווער יידישן טעאַטער א״ר פון אַנטאָני פּיעקאַרסקי.

אין 1922 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „אַרבעטער-היים“ דערשינען ל׳ס איבערזעצונג פון סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקיס טראַגעדיע „די ריכטער“, וואָס איז אין יאַנואַר 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין קראָקעווער יידישן טעאַטער.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 192-194.

שלום פּריינט — דאָס ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער אין פּוילן, „יידיש טעאַטער“, וואַרשע, 2, 927, זז. 226-27, 219.

ליבנער, דזש. (שניאור-זלמן)

געבוירן 28 סעפּטעמבער 1883 אין פאַנטשע, רומעניע. פאָטער — אַ שוחט. געלערנט אין חדר, פאָלקס-שול און גימנאַזיע. צו 18 יאָר אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער רומענישער פּרעסע. 1903 — געקומען אין אַמעריקע און זיך געווידמעט דער יידישער זשורנאַליסטיק.

אין 1904 איז אין וועסט סייד אודיטאָריום אין שיקאַגאָ אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס איבערזעצונג פון ראַנעטי ראָמאַנס „מנשה“ (מיט סאַול בראַגדעס, פעפּי לאַוויץ, דוד הירש, העברי שאַר, מאַטילדאַ פינקעלשטיין, מר. מילער, יוסף און בעסי דזשייקאָבסאָן).

די פיעסע אין ל.׳ס איבערזעצונג איז גלייכצייטיק געדרוקט גע־וואָרן אין דער צייטונג „דער טעגליכער אידישער קוריער“ מיט אַ הקדמה פון לעאָן זאָלאָטקאָף.

ל. איז ביז 1933 געווען דער רעדאַקטאָר פון „דער אידישער קוריער“ אין שיקאַגאָ און דאָ אָפּט געשריבן וועגן יידישן טעאַטער.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 194-95.

לייוויק, ה.

[לייוויק האַלפּער]



געבוירן 1888 אין איהומען, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ לערער פאַר לייענען און שרייבן יידיש, מוטער — אַ בעקערין. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַוועקגעפאָרן אין בערעזינער ישיבה, פון דאָרט אין מינסקער ישיבה און געלערנט אין דער „טאָטערשער קלויז“, גרייטנדיק זיך צו ווערן אַ רב.

אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן צו לייענען העברעאישע ביכלעך, געוואָרן אַן אפיקורס און פאַר לייענען אברהם מאַפּוס „אהבת ציון“ אויסגע־שלאָסן געוואָרן פון ישיבה. דערנאָך איז ל. אַריין אין דער יידי־שער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג און 2 יאָר געאַרבעט אין „בונד“.

נאָך אַלס ישיבה-בחור אָנגעהויבן שרייבן העברעאישע שירים, האָט ער ערשט אין די קרייזן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור. צו יענער צייט געהערן זיינע ערשטע לידער אין יידיש.

1906 — פאַרמשפּט געוואָרן אויף 4 יאָר קאַטאָרגע פאַרן געהערן צום „בונד“ און אָפּגעזעסן אין דער מאָסקווער טורמע „בוטירקי“, פון וואו עס שטאַמען זיינע ערשטע געדרוקטע לידער („צייט-גייסט“, נ. י., 1907).

אָפּגעקומען דעם טערמין קאַטאָרגע, איז ל. אין 1912 פאַרשיקט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעך קיין סיביר, וואו ער האָט אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין אַ דערפל פון אירקוטסקער גובערניע. סוף 1913 — אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג און אָנגעקומען אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט יאָרנלאַנג, אויך נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען באַ־רימט אַלס דיכטער, געאַרבעט אַלס טאַפּעטנקלעבער און שטובן־מאָלער.

אין ניו-יאָרק האָט ל. זיך דערנענטערט צו דער גרופּע „יונגע“ און גענומען אַ זייער נאָענטן אָנטייל אין זייערע זאַמלביכער, גלייכ־צייטיק אָבער פאַרעפנטלעכט לידער אין „פּאַ״ש“, „פאָרווערטס“, „טאָג“, „צייט“ און „צוקונפט“.

דעביוטירט מיט זיין ערשטן בוך לידער אין 1919, האָט ער אָבער אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט צו זיך געצויגן ערשט מיט זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם“. זינט דאַמאָלט האָט ער גענומען אָפט שרייבן אויך פאַר דער בינע.

ל.׳ס ערשט געשפּילטע פיעסע איז געווען „שמאַטעס, דראַמע אין 4 אַקטן“ אויפגעפירט דעם 6 דעצעמבער 1921 דורך מאָריס שוואַרץ אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„מרדכי מאזא“ — מאָריס שוואַרץ
„אליהו“ — מאַרק שווייד
„רחל-לאה“ — בינע אַבראַמאָוויטש
„ערשטע טאָכטער“ — חנה אַפּעל
„צווייטע טאָכטער“ — בעסי מאָגולעסקאָ
„אַלטער לעווי“ — היימאַן מייזעל
„חברי“ — צבי סקולער
„אברהם מאליץ“ — יחיאל גאָלדשמידט
„אַן אַרבעטער“ — יוליוס אַדלער

זינט דאַמאָלט בלייבט די פיעסע אין שטענדיקן רעפּערטואַר ביים ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער. די אויפפירונג מאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז דער „פאָרווערטס“ פאַרעפנטלעכט באַלד די פיעסע (12-18 פעברואַר 1922). אין בוך-פאָרם איז די פיעסע דער־שינען אין 1928 אין ווילנע.

אין מאַי 1922 ווערט די פיעסע אויפגעפירט דורך יצחק דייטש אין ווינער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע“.

אין 1922 ווערט די פיעסע אויפגעפירט אין וואַרשע א״ר פון ל. קאַדיסאָן (מיט אברהם מאָרעווסקי אין דער ראָל „מרדכי מאזא“) דורך דער „ווילנער טרופּע“.

דעם 23 סעפּטעמבער 1922 איז אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער א״ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פיעסע „אַנדערש, דראַמע אין 3 אַקטן און 5 בילדער“ מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„מאַרקוס“ — מאָריס שוואַרץ
„בערטאַ“ — בערטאַ גערסטען
„אַלטע“ — בינע אַבראַמאָוויטש
„לוריע“ — מישע גערמאַן
„לוריעס כלה“ — לוסי גערמאַן
„קאַהאַן“ — מוני וויזענפריינד
„דר. שטיין“ — יצחק האַניגמאַן
„דזשייקאָבס“ — גרשון רובין
„זיין פרוי“ — פעני גאָלדבערג

די פיעסע איז מער נישט געשפּילט געוואָרן אויף קיין שום בינע און איז אויך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דעם 22 נאָוועמבער 1923 איז אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טע־אַטער א״ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „בעט־לער, אַ פיעסע אין 4 אַקטן פון ה. לייוויק, דעק. — סעם אָסטראָוו־סקי“, מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„חיים“ — וואָלף גאָלדפאַדען
„מלך“ — מאָריס שוואַרץ
„מיכה“ — י. דובינסקי
„זרח“ — מאַרק שווייד
„טויבשטומער“ — יוליוס אַדלער
„יונה קאַסאָקע“ — איזידאָר קעשיער
„דאָקטאָר“ — [?]

„הינדע״ — בינע אַבראַמאָוויטש
„מירל״ — בערטאַ גערסטען
„יעטאַ״ — נ. אָרזשעווסקאַ
„אַ קול פון צימער״ - *.*
„ערשטע פרוי״ — לאה מעלצער
„צווייטע פרוי״ — [?]
„ערשטע קוליע״ — יעקב מעסטעל
„צווייטע קוליע״ — א. ווינאָגראַדאָוו
„ייד מיט דער באָרד״ — בועז יאַנג
„פאַלשער בלינדער״ — לעאָן זיידענבערג
„דער זקן״ — מ. שטראַסבערג
„פאַרזאָרגטער ייד״ — אברהם קובאַנסקי

דעם 5 מאַי 1928 איז די פיעסע א׳נ „די אָרעמע מלוכה״ אויפ־געפירט געוואָרן א׳ר פון ב. באָריסאָוו דורכן „דראַמאַטישן ווינקל״ אין ווילנע (זאַל „מכבי״).

אין 1929 איז די פיעסע אויפגעפירט געוואָרן אונטערן זעלבן נאָמען דורך דער דראַמסעקציע ביים קולטור־צענטר מאָריס ווינ־טשעווסקי אין מאָנטיווידעאַ (אורוגוויי).

אין מאַי 1931 איז די פיעסע אויפגעפירט געוואָרן דורכן דראַ־מאַטישן קרייז אין קליוולאַנד (אַמעריקע).

דעם 27 פעברואַר 1932 איז די פיעסע „אָרעמע מלוכה, פיעסע אין 4 אַקטן פון ה. לייוויק, אינסצענירונג און רעזשי יעקב ראָט־בוים, דעק. — אַנדזשעי פּראָנאַשקאָ״ אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער.

אין 1932 איז די פיעסע אויפגעפירט געוואָרן [דעק. — מיכאַאיל יאָ] אין ריגע דורכן אָרטיקן יידישן אַרבעטער־טעאַטער.

אין 1927 איז די פיעסע דערשינען אין אייראָפּע: „ה. לייוויק. אָרעמע מלוכה. דראַמע אין פיר אַקטן. ווילנע 1927. ווילנער פאַר־לאַג פון ב. קלעצקין״ [141 ז. 16°].

ל.׳ס „גולם״ האָט זיין ערשטע אויפפירונג געהאַט אין ה ע ב ר ע א י ש: „הגולם, פואמה דרמטית בשלש מערכות ופרולוג״ [העברעאישע איבערזעצונג פון בנימין כספי], אויפגעפירט דעם 25 דעצעמבער 1925 אין מאָסקווע דורך דער „הבימה״ א׳ר פון ב. י. ווערשילאָוו, דעקאָראַציעס — אַ. נעווינסקי, מוזיק — מ. מילנער. די הויפּטראָלן האָבן געשפילט: „גולם״ - א. מעסקין, „מה״רל״ — דובלירט: ב. טשעמערינסקי און א. פּרודקין, „טאַ־דעאוש״ — י. בערטאָנאָוו, „תנחום״ — דובלירט: בן־חיים און בן־ארי.

די ערשטע נישט־פּראָפעסיאָנעלע אויפפירונג פון ל.׳ס „גולם״ אויף יידיש איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1927 דורך דער סטודיע „פרייקונסט״ אין מאָסקווע (ראַטנפאַרבאַנד) א׳ר פון ווערשילאָוו („גולם״ - גלאַסקאָ, „תנחום״ — דאָבראָווינסקי).

די צווייטע פּראָפעסיאָנעלע אויפפירונג פון „גולם״ איז פאָרגע־קומען אין דער פ ו י ל י ש ע ר שפּראַך דעם 6 יאַנואַר 1928 אין לובלינער שטאָט־טעאַטער (דירעקטאָר - יוזעף גראָדניצקי): „גולם, לעגענדע וועגן אַ מענטש פון ליים אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג פון ה. לייוויק, פוילישער טעקסט - אַנדזשעי מאַרעק [מאַרק אַרנשטיין] א׳ר פון אַנדזשעי מאַרעק״. די הויפּטראָלן האָבן געשפילט: „גולם״ — סט. דאָמבראָווסקי, „מה״רל״ — ב. ראָסלאַן, „דבורהלע״ — סקרזשידלאָווסקאַ. די פוילישע לובלינער פּרעסע ווי „Express Lubelski“, „Ziemia Lubelska“, „A. B. C.“ נעמען אויף באַגייסטערט די פיעסע, דאָס שפּילן און די אויפפי־רונג. דערפאַר אָבער הייבט אָן אַ געוואַלטיקע אַנטיסעמיטישע העצע דער אָרטיקער אַנטיסעמיטישער אָרגאַן „Głos Lubelski“.

די אייגנטלעכע גרויסע אויפפירונג פון דער פיעסע אין דער פוילישער שפּראַך קומט פאָר ערשט דעם 31 מאַי 1928 אין וואַר־שעווער צירק דורך אַ. מאַרעק. דאָ ווערן די פּראָיעקטן פון דער אַרכיטעקטור, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען געצייכנט פון אַנדזשעי פּראָנאַשקא און ש. סירקוס, מוזיק — יעקב הירשפעלד, כאָר פון דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע און געזאַנג — ד. איי־זענשטאַט. אין די הויפּטראָלן: „מה״רל״ — קאַראָל אַדווענטאָוויטש, „גולם״ - קאַזשימערזש קיאָווסקי, „תנחום״ — אַלפרעד לאָדושינ־סקי, „טאַדעאוש״ — יאַן פּאַוולאָווסקי.

די פיעסע ווערט געשפילט 26 מאָל, אָפט ביי אַ פולגעפּאַקטן צירק (2500 פּלעצער).

די דריטע פוילישע אויפפירונג דורך א מאַרעק איז פאָרגעקו־מען דעם 27 יוני 1928 אין לאָדזשער שטאָטישן טעאַטער, וואו די פיעסע ווערט געשפילט אַ לענגערע צייט מיט אַ גרויסן דערפאָלג. שפּעטער איז די פיעסע אויף פויליש אויך געשפילט געוואָרן אין די שטאָטישע טעאַטערס פון גראָדנע און ביאַליסטאָק.

הגם יעקב בן־עמי האָט נאָך אין 1921 אָפּגעקויפט דאָס אויפפי־רונגס־רעכט פון „גולם״, איז די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע י י ד י ש ע אויפפירונג פון „גולם״ ערשט פאָרגעקומען א׳ר און אינסצעניזאַציע פון מאַרק אַרנשטיין (דעק. — טש. גאָלדהובער) דעם 2 פעברואַר 1929 אין קראָקעווער יידישן טעאַטער דורכן „ווילנער אַנסאַמבל״ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„מה״רל״ — ק. קאַדיש
„רביצין״ - ב. ליטווינאַ
„דבורהלע״ — ז. יאַראָסלאַווסקי
„גולם״ — א. גראָדנער
„תנחום״ — י. חאַש
„רב באַסעווי״ — ל. שריפטזעצער
„אַלטער בעטלער״ — ברוידא
„יונגער בעטלער״ - פלוים
„טאַדעאוש״ — ל. שריפטזעצער
„מאָנאַך״ - ש. אָרליוק
„אַלטע בעטלערקע״ - פלוים
„שמש״ — ק. ברוידא
„דער דריטער״ — ש. אָרליוק.

די טרופּע האָט שפּעטער געשפילט די פיעסע איבער פוילן, דע־רונטער אויך אין וואַרשע.

בערך אין דער זעלבער צייט ווערט די פיעסע (אין 5 בילדער, רעזשי און אינסצעניזאַציע פון דוד הערמאַן) אויפגעפירט אין סטאַ־ניסלאַוואָוו דורכן אָרטיקן „מוזיק־דראַמ. גאָלדפאַדען־פאַראיין״. (מוז. לייט. — ז. גאָלדפאַרב, קאָסטיומען און דעקאָר. — מ. וואַלדמאַן).

דעם 22 אויגוסט 1930 ווערט די פיעסע א׳ר פון דוד הערמאַן אויפגעפירט אין לאָדזשער שטאָט־טעאַטער דורך דער „ווילנער טרופּע״ (קאָסטיומען און דעק. — וו. וויינטרויב, מוזיק — ה. קאָן, כאָרעאָגראַפיע — לאה ראָטבוים). אין די הויפּטראָלן: „גולם״ — דוד שאַפּיראָ, „מה״רל״ - י. ווייסליץ, „תנחום״ — יוסף קאַמיען,

„טאַדעאוש" – שמחה נאַטאַן, „רביצין" — דבורה גאמארסקאַ, „דבורהלע" – אסתר גאָלדענבערג.

דעם 20 סעפּטעמבער 1930 האָט זיך געעפנט דער סעזאָן פון ריגער יידישן מעוטים־טעאַטער מיט ל.׳ס „גולם". אויפגעפירט דורך מאַרק אַרנשטיין (דעק. — הערצמאַרק. מוזיק־אילוסטראַציע — זונענשטראַל).

דעם 7 מאַי 1929 איז אין שיקאַגער גודמאַן־טעאַטער [אין דער איבערזעצונג פון י. אויגענליכט] אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „גולם" אין דער ע נ ג ל י ש ע ר שפּראַך. אין די הויפּטראָלן: „גולם" — מייקל בעראו, „תנחום" — אַרט. סמיט, „דבורה" — דזשין מעדיסאָן.

אין אַפּריל 1930 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין יידיש דורך דער דראַמאַטישער סעקציע ביי דער יידישער גימנאַזיע אין ריגע. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען צום 10 יאָריקן יובל פון דער שול און רעזשיסירט געוואָרן פון שילער טומאַרינסאָן, וועלכער האָט געשפּילט די טיטל־ראָל און האָט אויך געצייכנט די סקיצן פאַר די דעקאָראַציעס.

דעם 5 נאָוועמבער 1931 איז אין ניו־יאָרק דורכן יידישן „אַנסאַמבל קונסט־טעאַטער" א׳ר פון עגאָן ברעכער פאָרגעקומען די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע אויפפירונג פון ל.׳ס „דער גולם, אַ דראַמאַטישע לעגענדע אין 4 אַקטן און 7 סצענעס, דעקאָר. — י. פאָשקאָ, מוזיק — יוסף אחרון" [די פּיעסע איז צו דעם צוועק ספּעציעל באַאַרבעט געוואָרן דורכן מחבר].

דאָס פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון:

„טאַדעאוש" — לעאָניד סניעגאָוו
„מאָנאַך" — וואָלף באַרזעל
„מה"רל" — לאַזאַר פריד
„שמש" — יעקב מעסטעל
„דער גולם" — אַלעקסאַנדער גראַנאַך
„דבורהלע" — דזשוליאַ אַדלער
„תנחום" — אליהו טענענהאָלץ
„קראַנקער" — יהודה בלייך
„רויטער בעטלער" – מיכל ראָזענבערג
„בלינדער בעטלער" — יצחק רויטבלום
„הויכער בעטלער" - הערשעל זאָהן

דעם 16 אַפּריל 1932 איז אין „ליבהאָבער"־קרייז ביים שיקאַגער דזשואיש פּיפּלס־אינסטיטוט אויפגעפירט געוואָרן אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון דר. י. אויגענליכט ל.׳ס „גולם" אין 7 סצענעס א׳ר פון טשאַרלס פרימאַן [„גולם" — דזשאָזעף קאַספּער, „מה"רל" — טשאַרלס פרימאַן].

אין 1921 איז די פּיעסע צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרק „דער גולם, אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין 8 בילדער אין פּערזען, געבויט אויף דער לעגענדע פון פּראַגער מה"רל און זיין גולם" [פ׳ג „אַמעריקע", 250 ז. 16°]. אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פאַר פּוילן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פ׳ג „קולטור־ליגע", וואַרשע 1922, דערנאָך איז די פּיעסע אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן (דערונטער — דריטע אויפלאַגע 1927) אין פ׳ג פון ב. קלעצקין, ווילנע.

ל.׳ס „גולם" איז אויך דערשינען אין ענגליש אין דער איבערזעצונג פון י. אויגענליכט („Poet Lore" 1928) און אין 1933 זיינען אין באָסטאָן די ערשטע 2 סצענעס דערשינען אין אַ נייער איבערזעצונג פון בעסיע פ. ווהייט אין זמ"ב. „Nine One Act Plays".

וועגן דער פּיעסע זיינען אויך דערשינען ספּעציעלע 4 בראָשורן: „לעאָ פינקעלשטיין, צווישן די שורות פון לייוויקס „גולם", וואַרשע 1925" [37 ז. 16°], „ב. סמאָליאַר. ווי לייוויק איז געקומען צו זיין גולם. פ׳ג „שוויגן"." [ניו־יאָרק, 1925, 15 ז. 32°], „אהרן בעקערמאַן, גולם אַלס וועלט־דערלייזער. פ׳ג ש. גאָלדפאַרב. וואַרשע 1926" [32 ז. 16°]. און „ה. לייוויקס גולם פון דר. ש. סיימאָן. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג אידיש לעבען, ניו־יאָרק" [1927. 31 ז. 16°].

אין ווינטער 1925־26 איז אין זמ׳ב „שריפטן" דערשינען אין ניו־יאָרק ל.׳ס פּיראַקטיקע דראַמע „באַנקראָט", וועלכע איז אין 1927 דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע אין ווילנע. די פּיעסע איז אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער נישט געשפּילט געוואָרן.

דעם 14 יאַנואַר 1928 איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער" א׳ר פון ב. באָריסאָוו אין ווילנע.

דעם 9 דעצעמבער 1926 איז אין ניו־יאָרקער אירווינג־פּלייס־טעאַטער א׳ר פון יעקב בן־עמי [און יעקב מעסטעל] אויפגעפירט געוואָרן ל׳ס פּיעסע „שאָפּ" מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„וואולף" — יעקב בן־עמי
„גילד" — מאַקס ראָזענטאַל
„לייזער" — גרשון רובין
„היימי" — רובין הערש
„פיליפּ" — ראובן ווענדראָף
„לייבל" — ס. טרייבוש
„באַרקאַן" — אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו
„ליפּמאַן" — יחיאל גאָלדשמידט
„בער" — לעאָניד סניעגאָוו
„שלמה־חיים" — יעקב מעסטעל
„מינע" — לידיאַ פּאָטאָצקאַ
„ראיע" סאַבינאַ ראָזענטאַל
„גוירדי" — העלען זשעלינסקאַ
„ערשטער אָפּערייטאָר" – אביגדור פּעקער
„צווייטער אָפּערייטאָר" – ש. טאַבאַטשניקאָוו
„קיידי" — בעסי בודניק
„סיידי" — סטעלאַ אַדלער
„יינגערמאַן" — ה׳ מאַלינאָווסקי
„יינגע ווייבל" — סלאַוואַ עסטרין.

דעם 23 דעצעמבער 1927 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין איירָאָפּע (ווילנע, פאָלקס־טעאַטער) א׳ר פון רודאָלף זאַסלאַווסקי מיט אים אין דער ראָל „וואולף".

דעם 16 אויגוסט 1932 איז די פּיעסע אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. שליאָנסקי א׳ר פון משה הלוי אויפגעפירט געוואָרן דורכן „אהל" אין ארץ־ישראל.

אין 1927 איז די פּיעסע „שאָפּ" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „דער האַמער" און אין 1928 איז זי דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע אין ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג.

דעם 6 יוני 1928 איז אין קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „הירש לעקערט״ (רעזשי — משה ליפמאַן, דעקאָר. — י. ברוינער און ז. שליוואָניאַק, מוזיק — י. שלאָסבערג) מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„הירש לעקערט״ — משה ליפמאַן
„זיין פרוי״ — נאַטאַליאַ ליפמאַן
„זיין מאַמע״ — מאַניע קייזעראָוויטש
„זיין פעטער״ — מאירווינדער
„ר׳ זאליע״ — הערמאַן פישער
„מענדל״ - דוד לעדערמאַן
„איסאַק״ — דוד קייזעראָוויטש
„אוסישקין״ — זישע קאַץ
„רחל״ — עני ליטאַן
„רייזל״ — דינה האַלפערן
„יאָשקע בויגער״ - דור לואי
„פייוול שלאָסער״ - פסח קערמאַן
„רחמיאל בעל-עגלה״ — פישמאַן
„פאָן וואַל״ דוד לואי
„ראַבינער״ — הערמאַן פישער
„געשמיסענער״ — זישע קאַץ
„באַלעבאָסטע פון אַ טיי-שטיבל״ — באַרסקאַ-פישער

אין 1928 איז די פיעסע אויפגעפירט געוואָרן דורכן דראַמקרייז ביים קולטור-הויז אין אָדעס (אוקראַאינע), אין אַפּריל 1929 — דורכן קאָלעקטיוו „פרייהייט״ אין מאָסקווע (ראַטנפאַרבאַנד), אין מאַי 1929 — אין דראַמקרייז פון אַרבעטער-קלוב „אַוואַנגאַרד״ אין בוענאָס-איירעס (אַרגענטינע), אין אָקטאָבער 1929 — דורכן דראַמקרייז פונם קלוב „דריטער אינטערנאַציאָנאַל״ אין כאַרקאָוו (אוקראַאינע), אין 1930 — דורכן דראַמקרייז ביים ספּאָרט-קלוב „צוקונפט״ אין סאַן פּאַול (בראַזיליע) און אין מאַי 1932 איז א׳ר פון יעקב בן-עמי אויפגעפירט געוואָרן אין מעקאַ-טעמפּל אין ניו-יאָרק (אַמעריקע) דער לעצטער אַקט פון דער פיעסע.

אין נאָוועמבער-דעצעמבער 1927 איז די פיעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו-יאָרקער זשורנאַל „דער האַמער״ און אין 1931 אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע: „ה. לייוויק. הירש לעקערט, דראַמאַטישע פאָעמע אין זעקס בילדער. ווילנע 1931, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין״ [113 ז. 16°].

דעם 21 פעברואַר 1930 איז אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פיעסע „קייטן, דראַמע אין דריי אַקטן פון ה. לייוויק. דעקאָר. — טש. סטילוועל״ מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„לעווינע״ — מאָריס שוואַרץ
„יוסף״ - לאַזאַר פריד
„פרץ״ — משה שטראַסבערג
„גריגאָרי״ - יעקב מעסטעל
„סאָלאָמאָן״ — פנחס שערמאַן
„פעטער״ — באָריס ווײַנער
„נוקי״ — מאַרק שווייד
„זינגער״ — מיכל גיבסאָן
„דניאל״ — יוסף גרינבערג

„זאַזולי״ — איזידאָר קעשיער
„דער זיידע״ - גרשון רובין
„קאַוועזניקאָוו״ - ה. וואָלקאָוו
„דרוזשינין״ — לואיס ווייסבערג
„דער טורמע-דאָקטאָר״ — בן-ציון קאַץ
„ערשטער וועכטער״ — ש. לערער
„צווייטער וועכטער״ - רובין פרענק
„דער שמיד״ — ע. קאַגאַר
„ערשטער אַרבעטער״ - נתן מעטאַליק
„צווייטער אַרבעטער״ — הירש זאָן

דעם 7 מאַי 1932 איז דורך דער דראַמאַטישער סעקציע ביי „צוקונפט״ אין וואַרשע (פוילן) אויפגעפירט געוואָרן אין טעאַטער אַטענעאום ל.׳ס פיעסע א׳נ „אין תפיסה, דראַמאַטישע שפּיל אין 2 אַקטן לויט ה. לייוויק׳ס „קייטן״. דעם 5 אויגוסט 1932 איז ל.׳ס פיעסע „קייטן״ אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון ח. בוזגאַן אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער.

דעם 16 סעפּטעמבער 1931 איז די פיעסע אויפגעפירט געוואָרן אויף העברעאיש דורך דער „הבימה״ אין זאַל מוגראַבי אין תל-אביב (ארץ-ישראל): „כבלים, דרמה בשלש מערכות מאת ה. לייוויק, עברית צ. ויאָסלבסקי, ההצגה — ב. צ׳מרינסקי, הצייר — מ. שמידט״.

אין 1930 איז די פיעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט „די וואָך״ (23-25) און אין 1931 אין ווילנע אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע: „ה. לייוויק. קייטן. דראַמע אין דריי אַקטן, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין״ [101 ז. 16°].

1925 — האָט ל. געמאַכט אַ נסיעה איבער אייראָפּע און איז אומעטום, סיי אין די יידישע קאָלאָניעס פון פּאַריז, בערלין, סיי אין אַלע גרעסערע שטעט פון פוילן און איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער אָנערקענונג, אַרויסרופנדיק אין דער פּרעסע אַ גאַנצע ליטעראַטור איבער זיין לעבן און שאַפן. אָנהייב 1926 קערט ל. צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט אַריין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג „פרייהייט״, און בלייבט דאָרט ביז צו די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ-ישראל (1929), ווען ער רייסט איבער זיין מיטאַרבעט אין דער צייטונג.

1932 — איז ל. קראַנק געוואָרן און געמוזט צוליב דעם אָפּפאָרן אויף אייניקע חדשים אין ספּיוואַק-סאַנאַטאָריע אין דענווער (קאָלאָראַדאָ). דאָ פאַרענדיקט ל. זיין נייע דראַמאַטישע פאָעמע „דער גולם חלום׳ט״, פון וועלכער ער האָט נאָך אין מאַי 1931 פאַרעפנטלעכט אַ פראַגמענט אין נ. י. „צוקונפט״ און שרייבט אויך אָן זיינע נייע פיעסעס „דער פאָעט ווערט בלינד״ און „עקדת יצחק״.

ל.׳ס געדרוקטע פיעסעס אין יידיש:

[1] ה. לייוויק
דער גולם
אַ דראַמאַטישע פאָעמע אין 8 בילדער אין פערזען.
געבויט אויף דער לעגענדע פון פּראָגער מה״רל און זיין גולם
פ׳ג אַמעריקע ניו-יאָרק 1921 [250 ז. 16°]

[1א] ה. לייוויק.
דער גולם

דראַמאַטישע פּאָעמע אין אַכט בילדער
פאַרלאַג קולטור-ליגע וואַרשע 1922 [234 ז. 16°]

[1ב] דריטע אויפלאַגע
ווילנע 1927
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [254 ז. 16°]

[2] שמאַטעס
(דראַמאַ אין פיער אַקטען)
פון ה. לייוויק
[„פאָרווערטס", נ. י., 12-18 פעברואַר 1922]

[2א] דראַמע אין פיר אַקטן
ווילנע 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [128 ז. 16°]

[3] ה. לייוויק
באַנקראָט
דראַמע אין פיר אַקטן
[„שריפטן", נ. י.. ווינטער 1925-26]

[3א] דראַמע אין דריי אַקטן און פיר בילדער
1927
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [170 ז. 16°]

[4] ה. לייוויק
שאָפּ
דראַמע אין פיר אַקטן
[„דער האַמער", נ. י., 1-2 1927]

[4א] ווילנע 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [138 ז. 16°]

[5] ה. לייוויק
אָרעמע מלוכה
דראַמע אין פיר אַקטן
ווילנע — 1927
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [144 ז. 16°]

[6] ה. לייוויק
הירש לעקערט
דראַמאַטישע פּאָעמע אין זעקס בילדער
[דער האַמער", נ. י., נאָוועמבער-דעצעמבער 1927]

[6א] ווילנע 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [113 ז. 16°]

[7] ה. לייוויק
קייטן
דראַמע אין דריי אַקטן
„די וואָך", נ. י., 23-26, 1930

[7א] ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין [101 ז. 16°]

[8] ה לייוויק
דער גולם חלומ'ט
פראַגמענט פון אַ דראַמאַטישער פּאָעמע
[„צוקונפט", נ. י., מאַי 1932].

ל.'ס געדרוקטע פיעסעס אין ענגליש:

[1] „The Golem", a dramatic Poem in eight scenes by H. Levick – Authorized Translation from the Yiddish by J. C. Augenlicht, „Poet Lore", Volume XXXVIII, Boston, 1928, pp 159-289.

[1a] The Golem by H. Leivick
Translated by Bessie T. White.
[נאָר די ערשטע 2 סצענעס אין בוך:]
„Nine One-Act Plays From The Yiddish"
Boston. John W. Luce and Company [1933].

ל.'ס פיעסע געדרוקט אין פויליש:

H. Levick, „Golem",
[פראַגמענטישע אַנאָנימע איבערזעצונג]
„Nowy Dziennik", Kraków, Lipiec-Grudzień 1924.

ש ע. פון מאַרק אַרנשטיין און יעקב מעסטעל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 196-202.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 280.

הלל ראָגאָף — „דער גולם", „פאָרוו.", נ. י., 5 יוני 1921.

אב. קאהאַן — אַ שטיק לעבען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.", נ. י., 14 דעצ. 1921.

ב. גאָרין — „שמאַטעס", „מאָז'ש", נ. י., 14 דעצ. 1921.

אב. קאַהאַן — בריעף צום „פאָרווערטס" וועגען אַ פיעסע, „פאָרוו.", נ. י., 5 יאַנואַר 1922.

אַקסעל [א. עפּשטיין] — „שמאַטעס", „פּא'ש", נ. י., 24 פעבר., 3 מערץ 1922.

מ. באַראַנאָוו — **אין אידישען** טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 20 מערץ 1922.

אב. קאַהאַן — וועגען דעם אידישען טעאַטער בכלל, „פאָרוו.", נ. י., 25 מערץ 1922.

מאָסקויף [מ. א. פוקס] — נייע טהעאַטער-סקאַנדאַלען, „פאָרוו.", נ. י., 17 מאַי 1922.

מ. ב-ט [בליישטיפט] — די גאַסטראָלען פון דער ווילנער טרופּע, „לאָדזשגבל'ט", יוני 1922.

פנחט קאַץ — שלום אַש'ס „מאָטקע גנב" און לייוויק'ס „שמאַטעס" אין וואַרשעווער אידישען טעאַטער, „פאָרוו., נ. י., 1 יולי 1922.

אב. קאַהאַן — לייוויק'ס צווייטע פיעסע, „פאָרוו.", נ. י., 27 סעפּט. 1922.

ס. דינגאָל — ה. לייוויק'ס נייע פיעסע „אַנדערש" אין אידישען קונסט-טעאַטער, „טאָג", נ. י., 29 סעפּט. 1922.

שמואל ניגער — דאָס ליד „אַנדערש", „דער טאָג", נ. י., 1 אָקטאָבער 1922.

בעל-מחשבות — ה. לייוויקס „גולם", „אידישע צייטונג", ב'א 4 נאָוו. 1923.

דר. אַלעקסאַנדער מוקדוני — אַ וועלט אָן אַ טראָפּען וואַסער, „פּא'ש", נ. י., 23 נאָוו. 1923.

ליליפּוט — „אַ שטראַל פון ליכט אויפן אָפּגרונט פון לעבן", „פרייהייט", נ. י., 24 נאָוו. 1923.

וולאַדימיר גראָסמאַן — „בעטלער", „דער טאָג", נ. י., 26 נאָוועמבער 1923.

דר. א. מיקדוני — אַ שפּיל אונטער אַ שלייער (ה. לייוויק'ס „בעטלער"), „מאָ'זש", נ. י., 30 נאָוו. 1923.

אַב. קאַהאַן — אַ נייע פיעסע פון לייוויק אין שוואַרץ'ס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 4 דעצ. 1923.

ש. ניגער — „בעטלער“ און „די אָרימע מלוכה“, „טאָג“, נ. י., 9 דעצ. 1923.

אַלטער עפּשטיין (אַקסעל) – בעטלער, „פּאָ׳ש“, נ. י., 14 דעצעמבער 1923.

מ. ע. — „בעטלער“ (די אָרימע מלוכה), „טעאַליט“, נ. י., 3 יאַנואַר 1924.

לעאָ פינקעלשטיין — „צווישן די שורות פון לייוויקס „גולם“, וואַרשע 1925 37 ז.

ב. סמאָליאַר – ווי לייוויק איז געקומען צו זיין „גולם“, פ׳ג „צווייגן“, [ניו־יאָרק, 1925, 15 ז. 32○].

אהרן בעקערמאַן – „גולם אַלס וועלט-דערלייזער“ פ׳ג ש. גאָלדפאַרב וואַרשע, 1926, 32 ז.

ב. [בוכוואַלד] – אַ דראַמע פון ירידה און שרעק, „פרייהייט“, נ. י, 26 מערץ 1926.

מ. רינג – גוואַלד ס׳איז מיינס און גוואַלד, ס׳איז ניט מיינס, „פריי־הייט“, נ. י., 9 אַפּריל 1926.

י. פ. — אין מאָסקווער העברעאישן טעאַטער „הבימה“, „ליטבל׳ט“ ,וואַר-שע, 90, 1926.

ב. טשעמערינסקי – ה. לייוויק אין „הבימה“, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 98, 1926.

דר. מ. ווייכערט – „הגולם“ אין „הבימה“, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 101, 1926.

אַב. קאַהאַן – אַ נייע פּיעסע אין אורווינג טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י, 7 דעצ. 1926.

נ. בוכוואַלד – לייוויק׳ס סאָציאַלע דראַמע אין אַן אומגעווינלעכער אויפפירונג, „פרייהייט“, נ. י., 8 דעצ. 1926.

א. גלאַנץ – „שאָפּ“, „דער טאָג“, נ. י., 10 דעצ. 1926.

דר. א. מוקדוני – ה. לייוויק׳ס נייע דראַמע, „מאָ׳זש“, נ. י., 10 דעצ. 1926.

דר. י. קריטיקוס [יעקב קירשענבוים] – אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י. 17 דעצ. 1926.

ב. באָטווינִיק – לייוויק׳ס „שאָפּ“, אין אורווינג פּלייס טעאַטער, „דער וועקער“. נ. י., 25 דעצ 1926.

מ. י. א. – אין טעאַטער, „דער האַמער“, יאַנואַר 1927.

דר. יעקב שאַצקי – „שאָפּ“ פון ה. לייוויק, „פּאָ׳ש“, נ. י., נ׳ 7, 1927.

אבא ליליען – דער שאָפּ פון אַלע שעפער – אַן אָנגעשטעלטע כּלי פון לעבעדיגע מענשען-שרייפלעך, „אידישע וועלט“, פיל., 20 אַפּריל 1927.

קיט – שמאַטעס פון ה, לייוויק, „פרימאָרגן“, ריגע, 14 יאַנואַר 1927.

א—ווע [וועוויאָרקע] — דער „גוילעם“ אין דער סטודיע „פרייקונסט“, „עמעס“, מאָסקווע 20 אַפּריל 1927.

„ה. לייוויקס גולם“ פון דר. ש. סיימאָן, אַרויסגעגעבען פון פאַרלאַג אי־דיש לעבען, ניו-יאָרק [1927, 13 ז. 16○].

דר. א. מוקדוני – ה. לייוויקס „גולם“ ביי הבימה, „מאָ׳זש“, נ. י., 4 פעבר. 1927.

הלל ראָגאָף – די „הבימה“ גיט אַ פּראַכטפולע אויפפירונג פון דעם „גולם“, „פאָרוו.“, נ. י., 4 פעבר. 1927.

א. גלאַנץ – לייוויקס „גולם“ ביי דער הבימה, „טאָג“, נ. י., 4 פעבר. 1927.

לעאָן וויעזענפעלד – לייוויקס „גולם“ ווי די „הבימה“ שפּיעלט איהר, „יודישער רעקאָרד“, 5 יוני 1927.

דוד מאַניעוויטש – ה. לייוויקס „הירש לעקערט“, „פרייהייט“, נ. י., 23 אָקט. 1927.

ז. ר. [רייזען] – לייוויקס שאָפּ אין יידישן פאָלקס-טעאַטער, „ווילנער טאָג“, 26 דעצ. 1927.

א. י. גראָדזענסקי — „שאָפּ“ אין פאָלקסטעאַטער, „אָוונט קוריער“, וויל־נע, 26 דעצ. 1927.

E. BZ. – Habima, „Karlsruher Mittagsblatt”, 21 Oct. 1927.

י. ניסענבוים — לייוויקס גולם ווערט אויפגעפיהרט אין שטאָדטישען פּוי-לישען טעאַטער אין לובלין. אַ שמועס מיט׳ן אינסצעניזאטאָר און רעזשיסער, דעם בעקאַנטען יודיש־פּוילישען דראַמאטורג מאַרק אַרנשטיין, „לובלינער טאָגבלאַט“, 30 דעצ. 1927.

י. ניסענבוים — ערב דער אויפפירונג פון „גולם“ אין שטאָדטישען פּוילישען טעאַטער, „לובלינער טאָגבלאַט“, 4 יאַנואַר 1928.

Zct – Przed premierą w Teatrze Miejskim „Golem”, „Ziemia Lubelska”, 4/1 1928.

X - דעם ה׳ קאַנאַראָווסקי האָט זיך געמאַכט אַ „שטיקל מלאכה“. „גלאָס לובעלסקי“ אָנגעהויבן אַ העצע געגען „גולם“. „לובלינער טאָגבלאַט“, 4 יאַנ. 1928.

X – אַרום דער אויפפירונג פון גולם אויף דער פּוילישער ביהנע, ווי־דער אַ העצע אַרטיקעל פון „גלאָס“, „לובלינער טאָגבלאַט“, 5 יאַנואַר 1928.

י. ניסענבוים — „דער גולם“. איבערזעצט, אינסצעניזירט און רעזשי־סירט אַנדזשיי מאַרעק. אויפגעפירט אין שטאָטישען טעאַטער. „לובלינער טאָגבלאַט“, 8 יאַנ. 1928.

W. G. – Z teatru lubelskiego, Golem. „Express Lubelski”, 8/1 1928

ש. י. סטופּניצקי – דאָס פּראָבלעם פון „גולם“. „לובלינער טאָגבלאַט“, 13 יאַנ. 1928.

י. ניסענבוים – נאָך דער פּרעמיערע פון „גולם“, „לובלינער טאָגבלאַט“, 13 יאַנ. 1928.

ב. ש. [בעלאַ שפּיראָ] — דער „גולם“ אין שטעדטישען טעאַטער, „לוב־לינער שטימע“, 1, 1928.

[–] – די אויפפירונג פון ה. לייוויקס גולם אין לובלינער פּוילישן שטאָט־טעאַטער, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 3, 1928.

Lublinianin - „Golem“ na scenie polskiej w Lublinie, „Nasz Przegląd“, Warszawa, 25/1 1928.

HB – Habima im Schauspielhaus, „Münchener Zeit.”, 1 Febr. 1928.

בן ציון ידידיה – הגולם, „דאר היום“, ירושלים, 3 אַפּריל 1928.

אַלטער קאַציזנע — דער „גולם“ און קיעפּוראַ, „אילוסטרירטע וואָך“, וואַרשע, נ׳ 2, 1928.

יהושע פּערלע – קדוש השם און די קריטיקס, „אילוסטרירטע וואָך“, וואַרשע, נ׳ 2, 1928.

K. — Nowoczesne widowisko teatralne. Golem w cyrku warszawskim. Rozmowa z Andrzejem Markiem, „Epoka“, Warszawa, 20/5 1928.

B. R. – Golem w cyrku, „Nasz Przegląd“, Warszawa, 23 maja 1928.

יעקב באַטאָשאַנסקי – דער אמתער אמת וועגן ה. לייוויקס שמאַטעס און א. מאָרעווסקיס דעבוט, „די פרעסע", ב"א, 10 אַפּריל 1928.

[–] – Narodziny Golema w świetle legendy, „Nasz Przegląd", Warszawa, 25 maja 1928.

[–] – אַ יודישער מעצענאַט העלפט אויפפיהרען דעם „גולם" אויף פּויליש, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 28 מאַי 1928.

Boy-Żelinski — „Golem", misterjum dramaticzne, „Kurjer Poranny", Warszawa, 30/5 1928.

Saul Wagman - „Golem" w cyrku, „Nasz Przegląd", Warszawa, 31 maja 1928.

A. Chor — Golem, místerjum dramatyczne według poematu H. Leiwika, opracował Andrzej Marek, „Kurjer Polski", Warsawa, 31 maja 1928.

ש. י. סטופּניצקי – „פאַוסט" און „גולם", „מאָמענט", וואַרשע, 1 יוני 1928.

י. מ. ניימאַן – „דער גולם" פּאַ פּאָלסקו, „היינט", וואַרשע, 1 יוני 1928.

אלחנן צייטלין – „דער גולם", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 3, 1 יוני 1928.

ש. ל. שניידערמאַן – וועגן דער פּוילישער אויפפירונג פון לייוויקס „גולם", „אַרבעטער צייטונג", וואַרשע, 1 יוני 1928.

טאַטיאַנאַ פ. – לייוויק'ס „גולם" אויף פּויליש, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 1 יוני 1928.

W. Zawistowski – „Golem", w cyrku warszawskim, „Kurjer Poranny", Warszawa, 2/6 1928.

ק. [קאַרלינסקי] – „Golem" דראַמאַטישע מיסטעריע. פּוילישע פּאַראַפראַזע פון אַנדזשעי מארעק. אויפגעפירט אין צירק. „מאָמענט", וואַרשע, 3 יוני 1928.

מ. ערליך-דובנאָוו – די אויפפירונג פון „גולם" אין צירק, „נייע פאָלקסצייט.", וואַרשע, 5 יוני 1928.

משה פּאָליאַקעוויטש – דער „גולם" פון ה. לייוויק אויף דער וואַרשעווער צירק-אַרענע, „דער מאָרגן", לעמבערג, 5 יוני 1928.

י. וורשאוויק – „הגולם" על הבמה הפולנית, „הצפירה", וואַרשע, 5 יוני 1928.

Jòzef Witlin – Golem w cyrku warszawskim, „Robotnik", Warszawa, 5/6 1928.

Mieczysław Walis — Dekoracje do Golema, „Robotnik", Warszawa, 5/6 1928.

M. Cent. — Muzyka żydowska, śpiew i muzyka w „Golemie", „Nasz Przegląd", Warszawa, 7/6 1928.

אלחנן צייטלין – די משיח-אידעע און די גולם-לעגענדע, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 8 יוני 1928.

[–] – Prasa polska o inscenizacji „Golema", „Nasz Przegląd", Warszawa, 10/6 1928..

ש. ל. שניידערמאַן – ביי קאַראָל אַדוועַנטאָוויטש, „ליטבל'ט", וואַרשע, 23, 1928.

נ. מ. [מייזעל] – ה. לייוויקס „הערש לעקערט" אין קאַמינסקיס טעאַטער, „ליטבל'ט", וואַרשע, 24, 1928.

פ. מ. – הירש לעקערט אויף דער בינע, „יוגנט-וועקער", וואַרשע, 2, 1928.

למד-קוף [לאַזאַר קאַהאַן] – ה. לייוויקס „הירש לעקערט", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 10 יוני 1928.

אַ טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] – אַמאָל איז געווען אַ שוסטער... „נייע פאָלקסצייט.", וואַרשע, 10 יוני 1928.

[–] – Der Golem (Warschauer Brief), „Freei Presse", Lodz, 14/6 1928.

– – – ה. לייוויק: הירש לעקערט. טעאַטער קאַמינסקי, „דער מאָמענט", וואַרשע, 15 יוני 1928.

זר. [זרבבל] – לייוויקס „הירש לעקערט" אין טעאַטער קאַמינסקי, „אַרבעטער-צייטונג", וואַרשע, נ' 25, 1928.

י. מ. ניימאַן – „הירש לעקערט" פון ה. לייוויק אויפגעפירט אין קאַמינסקיס טעאַטער, „היינט", וואַרשע, 15 יוני 1928.

[ליכטענ]שטיין – „דער גולם" פון ה. לייוויק, „לאָדזשער וועקער", נ' 30, 29, 1928.

פ. טאַטיאַנאַ – ערב דער גרויסער טעאַטער-סענסאַציע אין לאָדז, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 22 יוני 1928.

קר. [מ. קרעניצקי] – אין וואַרשאַ איז געווען אַנ'עקספּערימענט, די אמת'ע אויפפיהרונג פון „גולם" וועט פאָרקומען אין לאָדז, „לאָדזטגבלט", 26 יוני 1928.

[–] – Beim Golem-Gestalter, „Freie Presse", Lodz, 26/6 1928.

AR – Legenda o Golemie, „Republika", Łódż, 28/6 1928.

A. P. – „Golem", die Erstaufführung der „Legende vom Menschen aus Lehm" im Stadttheater, „Neue Lodzer Zeitung", 29/6 1928

טאַטיאַנאַ דאַן – לייוויקס „גולם" אין לאָדזער שטאָטישען פּוילישען טעאַטער, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 29 יוני 1928.

מ. ה. – לייוויקס גולם אין שטאָטישען טעאַטער, „לאָדזשער אַרבעטער", נ' 27, 1928.

דר. וו. פאַלעק – דער „גולם", אויפגעפירט אין לאָדזשער שטאָטישען טעאַטער, „לאָדזטגבל'ט", 1 יולי 1928.

בן-זאב [יוסף לעווי] – טעאַטער-פאָרשטעלונגען אַלס מיטעל צו פּויליש-אידישער פאַרשטענדיגונג, „היינט", וואַרשע, 8 יולי 1928.

יואל מאַסטבוים – יידישע ווערק אויף דער פּוילישער בינע, „לאָדזטגבל'ט", 10 יולי 1928.

Zygmunt Tonecki — Le théatre an cirque, „Reveu Internationale du Théatre", jullet-aout., 1928.

חנן [פּסח קאַפּלאַן] – לייוויקס „הירש לעקערט" געשפּילט דורכן וואַרשעווער אַרטיסטן-ווינקל, „נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 26 אויגוסט 1928.

י. נ–ם [ניסענבוים] – הירש לעקערט פון ה. לייוויק, „לובלינער טאָגבלאַט", 18 סעפּט. 1928.

י. לינקאָווסקי – שמאַטעס פון ה. לייוויק, „רויטער שטערן", ב"א, נ' 19, 1928.

אהרן צייטלין - וועגן צוויי דראַמעס, „די יידישע וועלט", וואַרשע, V, 1928.

מיכאל וויכערט – ה. לייוויקס „שמאַטעס", „די יידישע וועלט", וואַרשע, 1928.

כ. גארמיזע – „הירש לעקערט" (פון ה. לייוויק) אין דער שטעלונג פון דראַמקרייז באַם קולטור-הויז, „אָדעסער אַרבעטער", נ' 11, 1928.

ש. ליעוו – קינסטלערישער תיקון פון אַ רעוואָלוציאָנערן העלד, „דער האַמער", נ. י., אויגוסט, 1928.

ב. ש. — „הירש לעקערט" פון ה. לייוויק, אויסגעפירט דורכן „וואַרשע־ווער אַרטיסטן־ווינקל", „לובלינער שטימע", נ' 37, 1928.

G. Was – „Golem" – legenda w 3-ch aktach, „Głos Polski", Łòdż, 29/6 1928.

M. K. [Kanfer] – Na powitanie Marka Arnszteina, na margin. odczytu o Golemie, „Nowy Dziennik", Kraków, 28/1 1929.

[–] – Golem w krakowskim teatrze żydowskim, „Nowy Dziennik", Kraków, 31/1 1929.

Andrzej Marek – Narodziny Golema w świetle legendy, „Nowy Dziennik", Kraków, 1, 2/2 1929.

M. Kanfer – Teater żydowski w Krakowie, „Nowy Dziennik", Kraków, 7/2 1929.

RZ — [רעצענזיע] „Ilustrowany Kuryer Codzienny", Kraków, 12/2 1929.

משה בלעכער — מאַרק אַרנשטיינס אויפפירונג פון לייוויקס „גולם" אויף יידיש, „טעאַטער־צייטונג", וואַרשע, נ' 4-5, 1929.

אַ טעאַטראַל — דער גולם פון לייוויק, אויסגעפיהרט דורכן ווילנער אַנסאַמבל, „טשענסטאָכאָווער צייטונג", נ' 12, 1929.

וו. — דער „גולם" פון ה. לייוויק, „די צייט", טשענסטאָכאָוו, נ' 10, 1929.

א. וויעוויאָרקע — „הירש לעקערט", „עמעס", מאָסקווע, 19 אַפּריל 1929.

צ. ה. רובינשטיין — לייוויקס „גולם" אויף ענגליש אין שיקאַגאָ, „דער טאָג", נ. י., 15 מאַי 1929.

י. ניסענבוים — „דער גולם", „לובלינער טאָגבלאַט", 20, 21, 22 מאַי 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי — די מאַסע, „די פּרעסע", ב'א, 28 מאַי 1929.

אלחנן צייטלין — לייוויקס „גולם" אין דער אויפפירונג פון „ווילנער אַנסאַמבל", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 2 יולי 929 .

א. פויגעל [י. מ. ניימאַן] — „דער גולם" אויסגעפירט אין קאַמינסקיס טעאַטער, „היינט", וואַרשע, 3 יולי 1929.

דר. י. האַלפּערן — לייוויקס „גולם" אין קאַמינסקיס טעאַטער, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 3 יולי 1929.

ב. קאַרליניוס — „איך דענק — אַ סימן אַז איך לעב", „דער מאָמענט", וואַרשע, 5 יולי 1929.

ש. דרייער — דער „גולם" פון ה. לייוויק אין פאָלקס־טעאַטער, „ווילנער טאָג", 14 יולי 1929.

א. י. גראָדזענסקי — לייוויקס „גולם" אין פאָלקס־טעאַטער, „אָוונט־קוריער", ווילנע, 19 יולי 1929.

מ. — „הירש לעקערט" (פון ה. לייוויק), „יונגע גוואַרדיע", כאַרקאָוו, נ' 43, 1929.

ה. באַרו — „הירש לעקערט" (פון ה. לייוויק). דראַמקרייז „3־טער אינטערנאַציאָנאַל", „פּרעסע", ב'א, 21 נאָוו. 1929.

Bello — די אָרעמע „מלוכה" (אויסגעפירט פון דער דראַמסעקציע באַם קולטור צענטער מאָריס ווינטשעווסקי), „אונזער לעבן", מאָנטעווידעאָ, נ' 177, 1929.

ד. קאַפּלאַן — לייוויק'ס נייע דראַמע „קייטען" אין מאָריס שוואַרץ'ס קונסט־טעאַטער, „פאָרווערטס", נ. י., 27 פעבר. 1930.

וויליאַם עדלין — צוויי נייע פּיעסען — אַ טראַגעדיע און אַ קאָמעדיע, „דער טאָג", נ. י., 28 פעבר. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּא'ש", נ. י., 7 מערץ 1930.

מנחם — לייוויק'ס „קייטן", „די וואָך", נ. י, 22 1930,

מייער — הירש לעקערט (פון ה. לייוויק), אויפגעפירט דורך דעם דראַמקרייז באַם ספּאָרט־קלוב „צוקונפט" אין סאַן פּאַולאָ, „אָנהויב", ריאָ, נ' 20, 1930.

[–] — אונזער יום־טוב אין מעקאַ טעמפּל, „די וואָך", נ. י., 21, 1930.

חנן — לייוויקס „גולם" אין פּאַלאַס, „נייע לעבן", ביאַליסטאָק 14 אַפּריל 1928.

אבידאני — דער „גולם". אויפפירונג פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביי דער יידישער גימנאַזיע אין ריגע, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 3 מאַי 1930.

ה. שק. — „גולם", — פון לייוויק, „אידישע שטימע", קאָוונע, 28 יולי 1930.

אלחנן צייטלין — „דער גולם", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 26 אויגוסט 1930.

י. ש־ן [שולמאַן] — לייוויקס „גולם" אין דער אויפפירונג פון דוד הערמאַן ביי די „ווילנער", „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 27 אויגוסט 1930.

ע. נאָרדמאַן — דער „גולם" פון לייוויק אין דער אויפפירונג פון די ווילנער אונטער דוד הערמאַנס רעזשי, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 28 אויג. 1930.

דר. וו. פאַלעק — „דער גולם" פון ה. לייוויק אויפגעפירט דורך דער ווילנער טרופּע, „לאָדזשטאָגבל'ט", 29 אויגוסט 1930.

חיים לייב פוקס — לייוויקס „גולם" ביי די „ווילנער" אין לאָדז, „לאָדזשער וועקער", נ' 36, 1930, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 3 סעפּט. 1930.

Ad. Sz. — Golem, „Republika", Łódż, 27/8 1930

Riz - Zweimal „Der Golem", „Lodzer Volkszeitung", 27 August 1930.

St. Gelski — „Golem" Lejwika, „Głos Poranny", Łódź, 28/7 1930.

Dr. W. Fallek - „Golem" Lejwika u wileńczyków w łódzkim Teatrze Miejskim, „Nowy Dziennik", Kraków, 8/9 1930.

מ. וו. — „דער גולם" פון ה. לייוויק, „לאָדזשער אַרבעטער", נ 32, 1930.

נחמן מייזיל — ה. לייוויקס „גולם" ביי דער ווילנער טרופּע, „ליטבל'ט", וואַרשע, 35, 1930.

אַ פויגעל — דער „גולם" ביי די ווילנער, אויפגעפירט אין לאָדזשער שטאָטישען טעאַטער. רעזשי דוד הערמאַן, „היינט", וואַרשע, 29 אויגוסט 1930.

קאַרליניוס — צום פערטען מאָל — „גולם", „מאָמענט", וואַרשע, 29 אויגוסט 1930.

נח פּרילוצקי — „דער גולם" ביי „די ווילנער", „מאָמענט", וואַרשע, 13 אָקט. 1930.

ג. ראַטנער — דער „גולם" ביי די „ווילנער", „אַרבעטער־צייטונג", וואַרשע, נ' 37, 1930.

ש. דרייער — דער „גולם" ביי די ווילנער, „ווילנער טאָג", 30 אָקט. 1930.

א י. גראָדזענסקי — ביי די „ווילנער", „אָוונט־קוריער", ווילנע, 31 אָקט. 1930.

מיכאַיל יאָ – מיסטעריע פון ה. לייוויק (גולם) אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, אינסצענירט פון מאַרק אַרנשטיין, „פרימאָרגן", ריגע, 22 סעפּט. 1930.

אהרן מאַרק — ד. הערמאַנס אינסצעניזאַציע פון לייוויקס „גולם", „ווילנער טאָג", 7 נאָוו. 1930.

א. וו. [וואַטערמאַן] – דערעפנונגס-פאָרשטעלונג אין איד. מעוטים-טעאַטער, „גולם" פון ה. לייוויק. רעזשי מ. אַרנשטיין. „בייער פּרייטיק", ריגע, נ' 100, 1930.

ת [עדות] – נאָטיצן און איינדרוקן, „בייער פרייטיק", ריגע, נ' 100, 1930.

א. גלאַנץ – גאָרנישט האָבען — אַלץ האָבען, „טאָג", נ. י., 30 נאָוו. 1930.

אסתּר יעסעלסאָן – „קייטן" פון ה. לייוויק, „פרייע שריפטן".

ל. עסטערמאַן [וויזענפעלד] – לייוויק׳ס „אָרימע מלוכה" געשפּילט פון אַמאַטאָרען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 10 מאַי 1931.

א. מ־ן — לייוויק׳ס „בעטלער", „דער אידישער קוריער", שיקאַגאָ, 5 יוני 1931.

נ. וויינינג – לייוויקס אַמעריקאַנישע טראגעדיע, „ליטבל ט", וואַרשע, 50, 1931.

א. ענברי – הצגת „כבלים" ב„הבימה", „כל נוע", תל־אביב, 1 יאַנואַר 1932.

י. ל. וואָהלמאַן – ביי דער הבימה טרופּע, „דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 3 פעברואַר 1932.

י. ל. וואָהלמאַן — גרוסן פון ארץ ישראל, „דער טאָג", נ. י., 10 מערץ 1932.

י. פּאַט — אַ רעוואָלוציע אין דער „אָרעמער מלוכה", „וואָכנשריפט", וואַרשע, 11 מערץ 1932.

אברהם בליי – העברעאישע פאָרשטעלונגען אין תל-אביב, „די אידישע וועלט" פילאַדעלפיע, 24 מערץ 1932.

נ. מייזיל – ה. לייוויקס „אָרעמע מלוכה" אין וואַרש. דראַמ. טעאַטער, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 10, 1932.

ש. ניגער – הירש לעקערט און דאָס פאָלקסליד „טאָג", נ. י., 7 מאַי 1932.

ה. לייוויק — דרייסיק יאָר הירש לעקערט, „יידיש", נ. י., 5, 1932.

מ. אָלגין – [אַרטיקל] „מ׳פ", נ. י., 16 יוני.

ה. לייוויק – פּאָלעמיש, „יידיש", נ. י., 7, 1932.

מ. אָלגין – לייוויק׳ס קאָמפּלימענט, „מ׳פ", נ. י., 27 יוני 1932.

יצחק גורמן – „כבלים" ב„הבימה", „כתובים", תל־אביב, ה-ו, 1932.

יעקב פיכמן – „כבלים", „מאזנים", תל-אביב, לא, לב, 1932.

Л. Шнейдерманъ – Новая постановка, „Разсвѣтъ", Парижъ, 1, 1932.

י. ל. וואָהלמאַן – „שאַפּ", „כל נוע", תל-אביב, 12 אויגוסט 1932.

א. ש. יוריס — ה. לייוויקס „קייטן" אין דער „הבימה", „ליטבל׳ט", וואַרשע, 3, 1932.

א. ש. יוריס — ה. לייוויקס „שאַפּ" אין העברעאישן „אהל", „ליטבל׳ט", וואַרשע, 33, 1932.

אַווראָם בליי – לייוויקס „שאַפּ" אויף דער העברעאישער בינע, „די פרעסע", ב׳א, 4 סעפּט. 1932.

לייפּציקער, מאַרק

געבוירן 27 סעפּטעמבער 1897 אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדרים, ישיבות א. ד. ג. מיט שוועריקייטן דערלויבט צו לערנען ביי אַ לערער למודי־חוץ. דורך זיין קוזין, דעם אַקטיאָר חיים גרינשפּאַן, געוואָרן באַקאַנט מיטן יידישן טעאַטער און באַקומען דערצו אַ שטאַרקן פאַרלאַנג. זיך באַטייליקט אין דראַמקרייז ביים וואַרשעווער „הזמיר" און דערנאָך אַרומגעוואַנדערט 2 יאָר אַלס סופלער מיטן אַקטיאָר נתן גאָלדבערג איבער פּוילן. צוליב דער וועלט־מלחמה געשטערט געוואָרן אין שפּילן יידיש און געשטעלט פאָרשטעלונגען אין טאַנץ־און חתונה-זאַלן אונטער דער מאַסקע פון טאַנץ־אָוונטן און חתונות.

סוף 1914 — אַוועק קיין מינסק און דאָרט מיט אַקטיאָרן און „ליבהאָבער" צונויפגעשטעלט אַ קאָלעקטיוו און געשפּילט די שבת־נאָכמיטאָגס, אָפּגעבנדיק 50% פאַרן רוסישן רויטן קרייץ. נאָכן שפּילן אייניקע מאָל, ווערט בכלל פאַרווערט צו שפּילן. 1915 – צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע און דאָרט סופלירט אין „אַרטיסטיש ווינקעלע" ביים „הזמיר". דערנאָך געפאָרן אין אַ טורנע מיט אסתּר־רחל קאַמינסקאַ איבער פּוילן און אוקראַאינאַ. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון רודאָלף זאַסלאַווסקי און לוקסעמבורג. 1920 — זיך באַטייליקט אין פּאָלטאַווער „קונסט־ווינקל", וועלכער טראָגט זיך אַריבער אין 1921 קיין קרעמענטשוג און דערנאָך אין כאַרקאָוו. זינט 1922 באַזעצט זיך דאָס טעאַטער אין קיעוו, וואו ל. איז מיטבאַטייליקט ביז 1928 אַלס אָוונט-רעזשיסער.

1929 – אַריבער אַלס בינע-פאַרוואַלטער אין אַלאוקראַאינישן מלוכה־טעאַטער פאַר קליינע פאָרמען „געזקולט", וואו ע־ אַרבעט ביז 1930. שפּעטער געאַרבעט אין קיעווער קינאָ־פאַבריק, וואו ער גייט דורך אַ 6־חדשימדיקן קורס אין דער קינאָ־לאַבאָראַטאָריע.

1931 – געאַרבעט 8 חדשים אַלס בינע־אינספּעקטאָר אין „1-טן אַלפאַרבאַנדישן פּוילישן טעאַטער" אין קיעוו, דערנאָך געאַרבעט אָרגאַני־זאַציאָנעל און אַדמיניסטראַטיוו אין „פּעדאַגאָגישער יידיש־אוקראַאינישער מלוכה־טעאַטער פאַר קינדער" אין קיעוו, וואָס האָט באַדינט די ראַטן-שולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, יידישע טעכניקומס, פּראָפשולן א. ד. ג.

ל. האָט אויך אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דראַמאַרבעט אין יידישע אַרבעטער־קלובן און אוקראַאינע און האָט זיך באַטייליקט אין אייניקע רוסישע פילמען.

ל. איז אַ מיטגרינדער און אַקטיווער זאַמלער פאַר דער טעאַטער־אָפּ־טיילונג ביים „מענדעלע־מוזיי" אין אָדעס.

ל. איז אַ מיטאַרבעטער (יידישע טעאַטער־אָפּטיילונג) פון דער „אַלאוקראַאינישער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע" („ארע") און דער קאָרעספּאָנדענט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" פאַר ראַטנפאַרבאַנד.

ש. ע.

ליכט, דוד

[דניאל פרענקל]

געבוירן 7 מערץ 1904 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַ קאָלאָניאַל־געוועלב. געענדיקט פאָלקס־שול און 5 קלאַסן גימנאַזיע. נאָך אַלס קינד זיך באַטייליקט אין קינדער־פאָרשטעלונגען.

אין 1921 געגרינדעט צוזאַמען מיט נאָך אייניקע יונגעלייט אַ דראַמקרייז א׳נ „מענדעלע" און אויפגעפירט אין לעמבערג און סביבה ליטעראַרישע איינאַקטערס.

1925 — אַריינגעטראָטן אין דער פוילישער דראַמ. שול ביי דער לעמבערגער קאָנסערוואַטאָריע און זי געענדיקט אין 1927, אַרבעטנדיק גלייכצייטיק אין יידישן דראַמאַטישן „יעקב גאָרדין־פאַראיין" און אָנפירנדיק מיטן דראַמ. „י. ל. פרץ־קלוב".

1927 — געפרובט גרינדן מיט די יידישע שילער און אַבסאָלווענטן פון דער פוילישער דראַמ. שול אַ יידישע סטודיע, אָבער נישט דורכגעפירט און אַריינגעטראָטן אין דער גאַסטראָלירנדער „ווילנער טרופע", וואו ער שפילט ביז איצט.

ש. ע.

ליכט, סידני

געבוירן 1884 אין טאָמאַשאָוו, לוב. גוב., פוילן, ביי זייער פרומע עלטערן. 3 יאָר שפעטער טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין טישאָוויץ, וואו ער לערנט אין חדרים און אַלס אויטאָדידאַקט די רוסישע, פוילישע און דייטשע שפראַך. אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעהויבן שרייבן שירים אין העברעאיש. חתונה געהאַט אין 1901, שטודירט ער ווייטער שפראַכן און לייענט העברעאישע ליטעראַטור, צוליב וואָס ס׳קומט צו אַ סכסוך צווישן אים און זיינע שוויגערעלטערן און ער פאָרט אָפ אין 1903 קיין וואַרשע. פון דאָרט וואַנדערט ער איבער פוילן ביז ער ווערט אין דאָמבראָווע אַ לערער ביי אַ גביר אין שטוב. דאָ הייבט אָן ל. שרייבן אין יידיש.

1905 — עמיגרירט קיין אַמעריקע וואו ער איז אַן אָפטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער און שרייבט פיעסעס. 1910 — צוריקגעקערט קיין פוילן און איז אין 1913 ווידער געקומען אין אַמעריקע. 1914 — אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן סקיצן אין „פא׳ש" און דערנאָך אין „קונדס" און „וואַרהייט" אונטער זיין אייגענעם נאָמען און א׳פ „יוסעלע סענדערס זוהן". „יוסעלע טישוויצערס זוהן" און „ליכטיגער".

ל. האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך („הומאָריסטישע שריפטען", פערלאַג „פראָגרעס", נ. י., 1917) מיט מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, הומאָרעסקן, לידער און די איינאַקטערס: „ער שטעהט אין שידוכים" (אַ טראַגי־קאָמעדיע אין איין אַקט), „פאַציענטן" (אַ טראַגי־קאָמישע בילד אין איין אַקט) „פערביטען דאָס קינד" (אַ טראַגי־קאָמעדיע אין איין אַקט) „הייסע חוואַליעס" (אַ קאָמעדיע אין איין אַקט) און „די איבערגעבליבענע" (אַ צייט־איינאַקטער).

סידני ליכט — „הומאָריסטישע שריפטען", נ. י., 1917, זז. 310-16.

ליכטענשטיין, משה

געבוירן 1889 אין טוקום, לעטלאַנד. געלערנט אין חדר, דערנאָך ביים פעטער, דער טוקומער רב, און געענדיקט 6 קלאַסן פראָגימנאַזיע. זעענדיק אייניקע יידישע פאָרשטעלונגען אין טוקום, באַקומען אַ שטאַרקע נייגונג צו דער בינע און געפרובט, אָן דערפאָלג, אָנקומען אין סעם־אַדלער־ספיוואַקאָווסקיס טרופע אין ריגע. נאָך אייניקע פרובן ביי אַ „ליבהאָבער"־קרייז אין ווילנע, אַריינגעטראָטן אין בערנשטיינס טרופע אַלס סופלער און באַלד אַריבער אויף שפילן ראָלן. 1908 — געשפילט ביי סאַבסיי אין ריגע, דערנאָך אַוועק קיין ווילנע, דאָרט שטודירט אין אַ רוסישער דראַמאַטישער שול און געשפילט אין רוסישן טעאַטער.

1910 — געשפילט ביי פישזאָן, דערנאָך געמאַכט אַ טורנעע מיט שאַראַוונערן איבער קאָוונער גובערניע און אַריינגעטראָטן צו ליפאָווסקין אין באָברויסק, 1913 — געשפילט ביי ליפאָווסקי אין ווילנע און געווען דער ערשטער צו שפילן „טודרוס" אין פרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל" אונטער דער רעזשי פון מחבר, זומער פון זעלבן יאָר האָט ל. געשפילט ביי יוליוס אַדלער־ליפאָווסקי אין לאָדזשער צירק און זיך באַטייליקט אין דער ערשטער „האַמלעט"־אויפפירונג אויף דער יידישער בינע אין אייראָפע.

1915 — אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע יידישע טרופעס איבער רוסלאַנד, ביז בעתן פאַרבאָט צו שפילן יידיש טרעט ער אַריין אין די טרופעס, וועלכע שפילן דעם יידישן רעפּערטואַר אין רוסישע איבערזעצונגען. 1916 — געשפילט און רעזשיסירט אין באַקו, אַסטראַכאַן, ניזשני־נאָווגאָראָד און סאַמאַראַ. 1917 — אין אָריאָל, 1918 — אין האָמעל, 1919 — אין פּאָלטאַווע אין דער דראַמאַטישער טרופע פון „נאַראָבראַז" (פאָלקסבילדונג) און דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו שפילן מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַ און איר טרופע, דערנאָך פאַרבליבן אונטער דער ממשלה פון דעניקין, און צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש, ווידער געווען געצוואונגען צו שפילן רוסיש.

1920 — געשפילט אין קרעמענטשוג, דערנאָך ביי זאַסלאַווסקין אין פּאָלטאַווע, 1921 — צוזאַמען מיט מנחם רובין אָנגעפירט אַ יידישע טרופע אין האָמעל, 1922-23 — געשפילט מיט זאַסלאַווסקיס טרופע אין לענינגראַד, 1923 — געשטאַנען אין דער שפיץ פון אַ יידיש דראַמאַטיש טעאַטער אין סימפעראָפאָל, ווידער אַריבער צו זאַסלאַווסקין, דערנאָך אָנגעפירט מיט דראַמקרייזן און אַריינגעטראָטן אין מאָסקווער טעאַטער „פרייקונסט".

1912 — זיך באַטייליקט אין אייניקע קינאָ־אויפנאַמעס און נאָך דער וועלט־מלחמה געפילמט אין מאָסקווע אין „דאָן דיעגאָ", „פּאַלאַגעראַ", „אָפּיום", „לעדיאַנאָי דאָם".

ש. ע. פון לעאָן דושמאַן.

ליליען, איזידאָר

געבוירן 7 סעפּטעמבער 1882 אין רזשעשוב (ריישע), גאַליציע, ביי אָרימע עלטערן. אַלס קינד פון 10 יאָר געקומען אין אַמעריקע און אין עלטער פון 16 יאָר אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישן פאַראיין און אַ יאָר שפּעטער אין אַ יידיש וואָדעוויל-הויז, וואו ער צייכנט זיך אויס נישט נאָר אַלס אַקטיאָר, נאָר אויך אַלס פאַרפאַסער פון 1-און 3-אַקטיקע סקעטשעס, פאַר וועלכע ער שרייבט גלייכצייטיק די ליריקס.

בערך 1905 הייבט אָן ל. שרייבן רעגולערע פּיעסעס און אין זעלבן יאָר ווערט אויפגעפירט אין קאָפּעלמאַנס טאַליאַ-מוזיק-האָל ל.׳ס 3-אַקטיקע פּיעסע „דער בן סורר ומורה״.

אין 1908 ווערן אין יוניאָן-וואָדעוויל-הויז אויפגעפירט ל.׳ס פּיעסעס „ניו-יאָרק פאַרטאָגס״, (וואָס איז דעם 16 מערץ 1928 געשפּילט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער א׳נ „אין האַרץ פון ניו-יאָרק״), „די זילבערנע האָכצייט״ און „אַמעריקאַנער קינדער״, וואָס איז דעם 13 אַפּריל 1917 געשפּילט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער א׳נ „די צעבראָכענע היים״ און דעם 20 אָקטאָבער 1923 אין זעלבן טעאַטער א׳נ „קייטן פון ליבע״. די זעלבע פּיעסע איז אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן געשפּילט געוואָרן א׳נ „דעם חזנס טאָכטער״.

אין 1910 זיינען אין איסט-סייד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיינע פּיעסעס: „שיינע קליידער״, „מאָרד ערשטער גראַד״ (געשפּילט געוואָרן דעם 26 נאָוועמבער 1926 אין ליריק-טעאַטער א׳נ „לייכטזיניקע מיידלעך״), „ליבע און מיליאָנען״, „קול שדי״ און „מאַן, פרוי און פריינט״ (געשפּילט געוואָרן אויך דעם 2 יולי 1916 אין ליריק-טעאַטער א׳נ „זינדיקע נשמות״).

אין 1911 ווערט אויפגעפירט זיין קאָמעדיע „גימפּל ביינוש דער שדכן״.

דעם 29 אָקטאָבער 1915 — אין איסט-סייד-טעאַטער — זיין 5-אַקטיקע פּיעסע „מיט 8 יאָר צוריק״ (געשפּילט געוואָרן דעם 29 נאָוועמבער 1928 אין ליריק-טעאַטער אין אַ נייער באַאַרבעטונג א׳נ „צעשטערטע חלומות״) און אין נואַרק זיין קאָמעדיע „מיין קוזינע לינאַ״, וועלכע איז דעם 13 אָקטאָבער 1916 געשפּילט געוואָרן אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער א׳נ „שכל דאַרף מען האָבן״ און דעם 27 סעפּטעמבער 1927 אין מעקינלי-טעאַטער א׳נ „לינאַ פון פּאַלעסטינאַ, ליברעטאָ פון איזידאָר ליליען, מוזיק פון בנימין בלאַנק״.

דעם 15 דעצעמבער 1916 איז אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „זיין לעצטער אורטייל״ (איז נאָך פריער געשפּילט געוואָרן דורך סעם שנייער אויף קעסלערס רוף-גאַרדן).

דעם 12 יאַנואַר 1917 האָט ער אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט זיין 4-אַקטיקע פּיעסע „זיין ערשטע געליבטע״, דעם 2 מערץ 1917, אין זעלבן טעאַטער — די 4-אַקטיקע דראַמע מיט אַ פּראָלאָג „פאַר זיין מוטערס זינד״ (וואָס איז דעם 27 נאָוועמבער 1924 ווידער אויפגעפירט געוואָרן אין זעלבן טעאַטער א׳נ „דער גאַסן-יונג״), דעם 15 סעפּטעמבער 1917, אין זעלבן טעאַטער — זיין 4-אַקטיקע פּיעסע „אַ פּרויס זינד״ און דעם 14 דעצעמבער 1917 (אויפגעפירט דורך נ. גאָלדבערג), אין לענאָקס-טעאַטער ל.׳ס „2 שוועסטערן״,

וואָס איז דעם 31 יאַנואַר 1919 אויפגעפירט געוואָרן דורכן מחבר אין ליריק-טעאַטער א׳נ „ווען בלינדע זעען, אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג״.

דעם 3 מאַי 1918 ווערט אין געבילס-טעאַטער אויפגעפירט ל.׳ס „דער פּרייז פאַר אַ מיידלס גוד-טיים, לעבנסבילד אין 4 אַקטן״ וואָס איז אויך געשפּילט געוואָרן א׳נ „אַ קינד אָן אַ היים״.

דעם 22 מערץ 1919, אין ליריק-טעאַטער, אויפגעפירט דורכן מחבר — זיין פּיעסע „אַ מיידלס גוטע האַרץ״ און דעם 27 סעפּטעמבער 1919 — „דאָס האַרץ פון אַ קינד, לעבנסבילד אין 4 אַקטן״, וואָס איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער אין מעקינלי-טעאַטער א׳נ „ערלעכע גנבים״ און איז אויך דעם 13 אָקטאָבער 1922 אויפגעפירט געוואָרן אין האָפּקינסאָן-טעאַטער א׳נ „דאָס האַרץ פון אַ טאַטען״.

אַ באַדייטנד אָרט אין ל.׳ס דראַמאַטורגישער קאַריערע פאַרנעמט זיין פּיעסע „דאָס שטיפקינד פון דער וועלט, אַלעגאָרישע מוזיקאַלישע דראַמע אין 4 אַקטן״, וואָס איז דעם 26 דעצעמבער 1919 [אַ נאַכט פריער דאָרט געשפּילט אונטער אַן אַנדערן נאָמען] אויפגעפירט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער, און איז דעם 2 סעפּטעמבער 1920 אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמועל גאָלדענבורג (מיט מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי) אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער. די דאָזיקע פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט און האָט צום ערשטן מאָל צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק צו ל.׳ס דראַמאַטורגישער טעטיקייט.

אַן ענלעכן גורל האָט געהאַט ל.׳ס „גערעכטיקייט פאַרן ייד, אַלעגאָרישע פּיעסע אין 4 אַקטן, מוזיק פון הערמאַן וואָהל״, אויפגעפירט דעם 3 אַפּריל 1920 אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער מיט יעקב פּ. אַדלער אין דער ראָל „פּירשט ישראל״. די זעלבע פּיעסע איז א׳נ „פּרינץ ישראל״ מיט יאָזעף שיינגאָלד אין דער הויפּטראָל אויפגעפירט געוואָרן דעם 12 פעברואַר 1926 אין ליריק-טעאַטער. די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע טרופּעס א׳נ „יעדער ייד״.

דעם 10 סעפּטעמבער 1920 איז אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, א׳ר פון טאָמאַשעווסקי, אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „מיין טאַטענס ווייב, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, מוזיק פון ל. פרידזעל״. די זעלבע קאָמעדיע איז אין אַ באַאַרבעטער פאָרם אויפגעפירט געוואָרן דורכן מחבר דעם 16 אַפּריל 1927 אין ליריק-טעאַטער א׳נ „העלאָ מאַמאַ״, איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן א׳נ „מזל טוב מאַמאַ״ און איז דעם 11 יאַנואַר 1932 (אין אַ באַנייטער באַאַרבעטונג) אויפגעפירט געוואָר דורך מנשה סקולניק אין האָפּקינסאָן-טעאַטער א׳נ „האָטעל לעפקאָוויטש״.

דעם 26 נאָוועמבער 1920 איז אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורכן מחבר זיין „מאַמע, קום אַ היים, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן״ און דעם 26 דעצעמבער 1920 — זיין פּיעסע „פאַרטריבן פון גן-עדן״.

דעם 23 אַפּריל 1921 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס מעלאָדראַמע „אַ ליבעס נעסט״, דעם 24 נאָוועמבער, אין באָסטאָן — די קאָמעדיע „געקלינט און געפּרעסט״, וואָס איז דעם 25 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער דורכן מחבר א׳נ „גאַליציאַנער און ליטוואַקעס, לאַך-קאָמעדיע אין 4 אַקטן״, און דעם 23 דעצעמבער 1921 אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער — „דער רבי האָט געהייסן פריילעך

זיין, ליברעטאָ אין 3 אַקטן פון א. ליליען, באַאַרבעט און אויפגעפירט פון סעמיועל ראָזענשטיין, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי".

אין יאַנואַר 1922 איז אין באָסטאָנער גרענד־אָפּערע־הויז אויפגעפירט געוואָרן זיין „יעדעס מיידל, אַלעגאָרישע דראַמע מיט מוזיק אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג", וואָס איז דעם 3 נאָוועמבער 1922 אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס געביל אין זיין 116-סטריט־טעאַטער. צו דער פּיעסע איז צוגעגעבן געוואָרן מוזיק פון ל. פרידזעל און די הויפּטראָלן האָבן געשפּילט דזשעני גאָלדשטיין און מאַקס געביל. די זעלבע פּיעסע איז דעם 25 נאָוועמבער 1927 געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרקער ליריק־טעאַטער א'נ „דער וועג פון יעדעס מיידל".

דעם 29 דעצעמבער 1922 איז דורך לואיס קרעמער אויפגעפירט געוואָרן אין האָפּקינסאָן־טעאַטער ל.'ס 4־אַקטיקע דראַמע „דער שקלאַף פון דער וועלט".

דעם 16 פעברואַר 1923 איז אין האָפּקינסאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין 4־אַקטיקע פּיעסע „אַ מיידלס זיסער חלום" (וואָס איז אויך געשפּילט געוואָרן א'נ „פאַר דער חופּה" און „פאַרלוירן און געפונען"). דעם 13 אַפּריל 1923, אין לענאָקס־טעאַטער (מיט סען קלער אין דער טיטל־ראָל), — „אַ כּלה אָן אַ חתן" (מוזיק פון א. פּערלמוטער), וואָס איז דעם 8 פעברואַר 1929 אין אַ געענדערטער פאָרם געשפּילט געוואָרן אין ליריק־טעאַטער א'נ „חתן־כּלה מזל טוב" (מוזיק — בנימין בלאַנק), דעם 11 סעפּטעמבער 1923, אין ליריק־טעאַטער ל.'ס מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע „דאָס לאַנד פון האָפענונג" און דעם 25 דעצעמבער 1923, אין ליריק־טעאַטער, ל.'ס און ישראל ראָזענבערגס „יעקבס קינדער, מוזיקאַליש פאָלקסשטיק אין 4 אַקטן".

דעם 15 פעברואַר 1924 איז אין ליריק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס קאָמעדיע „סיידי וואו קריכסטו" (וואָס איז אַ לענגערע צייט געבליבן אין רעפּערטואַר, און איז דעם 31 אָקטאָבער 1924 אויפגעפירט געוואָרן אין לענאָקס־טעאַטער, מיט מוזיק פון א. אָלשאַנעצקי און סע:־קלער אין דער טיטל־ראָל), דעם 19 אַפּריל 1924 — די 4־אַקטיקע מעלאָדראַמע „גאָלדענע ליבע" (וואָס איז דעם 3 פעברואַר 1928 געשפּילט געוואָרן אין זעלבן טעאַטער א'נ „ליבע צו פאַרקויפן"), דעם 29 סעפּטעמבער 1924 — „פאַלשע געטער, לעבנסבילד אין 4 אַקטן, מוזיק פון א. פּערלמוטער" (וואָס איז דעם 1 מאַי 1925 געשפּילט געוואָרן אין לענאָקס־טעאַטער א'נ „ליידיס פון דער נאַכט"), דעם 26 דעצעמבער 1924 — די אָפּערעטע „פּאַלעסטינער ליבע" מיט מוזיק פון א. פּערלמוטער און דעם 31 דעצעמבער 1924, אין לענאָקס־טעאַטער, אויפגעפירט דורך נ. גאָלדבערג — די מעלאָדראַמע „אַ גרינג לעבן".

אין 1925 איז אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס פּיעסע „די רויטע מאַסקע" און דעם 18 דעצעמבער 1925, אין ליריק־טעאַטער, אויפגעפירט דורכן מחבר (מיט יאָזעף שיינגאָלד אין דער הויפּטראָל), זיין אָפּערעטע „מיט דעם רבינס כּח" (מוזיק פון א. פּערלמוטער). די אָפּערעטע איז דערנאָך זייער אָפט געשפּילט געוואָרן איבער דער יידישער בינע אין אַמעריקע און אייראָפּע.

דעם 21 אָקטאָבער 1926 איז אין ליריק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „וואו איז מיין ווייב?", וואָס איז דעם 2 מערץ 1927 ווידער אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמועל גאָלדענבורג אין נעשאָנאַל־טעאַטער א'נ „דאָס יידל פון דער סאוט" (מוזיק — א. אָלשאַנעצקי), און דעם 10 דעצעמבער 1926, אין ליריק־טעאַטער — די

דראַמע „געגנבעטע ליבע", וואָס איז שפּעטער, מיט צוגעגעבענער מוזיק אויפגעפירט געוואָרן א'נ „סאָלדאַטן־ליבע".

דעם 14 יאַנואַר 1927 איז אין ליריק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין אָפּערעטע „חלומות פון ליבע", וואָס איז דעם 4 פעברואַר א'נ „דאָס ליד פון יוגנט" (מוזיק פון א. פּערלמוטער) אויפגעפירט געוואָרן דורך נ. גאָלדבערג אין לענאָקס־טעאַטער. די אָפּערעטע איז אָן וויסן פון מחבר געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז מיט אַ גרויסן דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע.

דעם 18 מערץ 1927 איז אין ליריק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס לעבנסבילד „פרויען פון דער נאַכט", דעם 10 אָקטאָבער 1927 — זיין אָפּערעטע „איך האָב דיך ליב", שפּעטער געשפּילט א'נ „דאָס מיידל וואָס איך האָב ליב" (מוזיק פון ליליען און גרעכטמאַן) און דעם 23 דעצעמבער 1927 — די אָפּערעטע „דאָס שיינסטע מיידל".

דעם 23 פעברואַר 1928 איז אין ליריק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס מעלאָדראַמע „אַ מיידל פון דער אונטערוועלט", דעם 5 אָקטאָבער 1928 — די אָפּערעטע „אַ מלכּה אָן אַ מלך" (מוזיק — בנימין בלאַנק, מיט בעטי פרענק אין דער טיטל־ראָל) און דעם 7 נאָוועמבער 1928 — „לעבעדיקע סחורה" (מוזיק — בנימין בלאַנק).

דעם 5 אָקטאָבער 1929 איז אין ליבערטי־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס אָפּערעטע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג „די יידן אין פּאַלעסטינע" (מוזיק — סעם גרעכטמאַן) און דעם 15 נאָוועמבער 1929 — זיין לעבנסבילד „אַמעריקאַנער יוגנט" (געשפּילט אויך א'נ „דער יידישער פּרייז־פייטער").

דעם 29 אָקטאָבער 1930 איז דורך לודוויג זאַץ אויפגעפירט געוואָרן אין פּאָבליק־טעאַטער ל.'ס קאָמעדיע „דער טראָמבעניק" (מוזיק — א. עלשטיין), וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך זאַץ אין אייראָפּע א'נ „דער ליידיקגייער" און אין 1932 דורך היימי דזשייקאָבסאָן אין ליריק־טעאַטער א'נ „דעם ליידיקגייערס כּלה".

דעם 30 אויגוסט 1932 איז אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אויף די „פאָרווערטס וואַקיישאָן פּאַליעס" אויפגעפירט געוואָרן ל.'ס שאַרזש אין 2 אַקטן „שולמית פון מאָנטיסעלאָ" (מוזיק פון גאָלדפאַדען און רומשינסקי).

ל. האָט נאָך אָנגעשריבן אַנדערע פּיעסעס, וועלכע זיינען ביז איצט נישט געשפּילט געוואָרן, דערונטער אַן אַלעגאָרישע סאַטירע אין 2 אַקטן פון יידישן טעאַטער־לעבן „טעאַטער־איינאַמע און אויסגאַבע". ער האָט אויך פאַרפאַסט און קאָמפּאָנירט כּמעט אַלע מוזיק־נומערן צו זיינע מוזיקאַלישע פּיעסעס, האָט אָנגעשריבן הונדערטער לידער („ליריקס"), וועלכע זיינען געזונגען אין די אָפּערעטעס פון אַנדערע מחברים. אַ גרויסער טייל פון ל.'ס לידער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די מוזיק־נומערן פון די דערפאָלגרייכע אָפּערעטעס, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון די טעאַטער־אונטערנעמערס.

ל. שפּילט ביז היינט אויף דער בינע אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער.
ל. איז אויך איניקע יאָר געווען מיטדירעקטאָר און דערנאָך דירעקטאָר פון ליריק־טעאַטער אין וויליאַמסבורג (ניו־יאָרק), וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ליליענס ליריק טעאַטער".

אָנהייב סעזאָן 1929-30 האָט ל. געפירט אַ דירעקציע צוזאַמען מיט לואיס ווייס אין ליבערטי־טעאַטער און איז אין דעצעמבער

1929 אַרויסגעטראָטן אין יידישן וואָדעוויל אין מעקינלי-טעאַטער. זינט דאַמאָלט האָט ל. געשפּילט אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און פּראָווינץ.

קיין איין פּיעסע פון ל. איז ביז איצט נישט אַרויס אין דרוק.

מ. און ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 154.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 281.

[—] — אַ ליריקער פון אידישען טעאַטער, „טאָג", נ. י., 1 יוני 1918.

הלל ראָגאָף — דאָס שטיעף-קינד פון דער וועלט אין ליריק-טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 16 יאַנ. 1920.

אוריאל מזיק [אַלטער עפּשטיין] — „דאָס שטיף-קינד פון דער וועלט" אין ליריק-טעאַטער, „טאָג", נ. י., 16 יאַנ 1920.

אוריאל מזיק — „פאַרטריבען פון גן-עדן" אין ליריק-טעאַטער, „טאָג", נ. י., 14 יאַנ. 1921.

אב. קאַהאַן — „דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין", „פאָרוו.", נ. י., 11 יאַנ. 1922.

ב. י. גאָלדשטיין — אין די ברוקלינער יידישע טעאַטערס, „טאָג", נ י., 14 סעפּט. 1923.

עוזיאל פליישמאַן — אין ברוקלינער טעאַטערס, „טאָג" נ. י., 22 פעבר. 1924.

באָריס לערנער — שפּאַנענדע מעלאָדראַמע אין ליריק-טעאַטער, „טאָג", נ. י., 10 אָקטאָבער 1924.

ח. עהרענרייך — ווער פאַרפאַסט די לידלאַך פאַר דער אידישער ביהנע? „פאָרוו." נ. י., 2 אָקט. 1925.

הלל ראָגאָף — לענאָקס, מעקינלי סקווער און ליריק, „פאָרוו.", נ. י., 30 אָקט. 1925.

ביג בען [ב. פינקעל] — „דזשאו" קעסלער שפּילט אַביסל „האַמלעט" אין ליליענס אַ פּיעסע, „די נייע וואַרהייט", נ. י., 7 אָקט. 1925.

ישראל דער יענקי [פרידמאַן] — „וואו איז מיין ווייב?", „יידטגבל'ט", נ. י, 29 אָקט. 1926.

י. ק-ם [קירשענבוים] — „וואו איז מיין ווייב?", „מאָז'ש", נ. י., 12 נאָוו. 1926.

דר. קריטיקוס [קירשענבוים] — אין דער וועלט פון ליטעראַטור, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 4 פעבר. 1927.

ל. פלאַמשיין — „חלומות פון ליבע" אין ליריק טעאַטער, „טאָג", נ. י., 11 פעבר. 1927.

דוד איידעלסבערג — „חלומות פון ליבע", „יידטגבל'ט", נ. י., 13 פעבר. 1927.

ה. ר. [ראָגאָף] — „דאָס ליד פון יוגענד", אַן אָפּערעטע אין לענאָקס טעאַטער, „פאָרוו.", נ י., 25 פעבר. 1927.

יעקב קירשענבוים — „איך האָב דיך ליב", „מאָז'ש", נ. י., 21 אָקט. 1927.

ל. פאָגעלמאַן — „איך האָב דיך ליב" — אַ נייע אָפּערעטע אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 21 אָקט. 1927.

הלל ראָגאָף — אין ליבערטי טעאַטער און אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 דעצ. 1927.

דוד אייבראַמס — אַ לעבעדיקע אָפּערעטקע אין ליריק-טעאַטער, „פריי-הייט", נ. י., 30 דעצ 1927.

ל. פאָגעלמאַן — אַ נייע פּיעסע אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י, 6 יאַנ. 1928.

ש. פאַן [שאַיאַק] — „פּאַלעסטינער ליבע" פון איזידאָר ליליען, „די פּאָסט", לאָנדאָן, 13 אַפּריל 1928.

קריטיקוס [מאָריס מייער] — „פּאַלעסטינער ליבע" פון ליליען, „צייט", לאָנדאָן, 13 אַפּריל 1928.

ציגנגענטאַנג [י. באָטאָשאַנסקי] — „מיטן רבינס כוח", „די פּרעסע", ב"א, 17 יאַנ. 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — „מיטן רבינס כח" פון ליליען, „איד. צייט", ב"א, 17 יוני 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „אַ מלכה אָהן אַ מלך", — די נייע אָפּערעטע אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 19 אָקט. 1928.

יעקב קירשענבוים — „אַ מלכה אָהן אַ מלך", „מאָז'ש", נ. י., 19 אָקט. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „לעבעדיגע סחורה" — אַ נייע פּיעסע אין ליריק טעאַ-טער, „פאָרוו.", נ. י., 23 נאָוו. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — די נייע אָפּערעטע אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 22 פעבר. 1929.

ל. פלאַמשיין — ליליען'ס גע'גנבע'טע ליבע אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „טאָג", נ. י., 9 אָקט. 1931.

חיים עהרענרייך — רייזיקער עולם פּאַקט אָן סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 31 אויגוסט 1932.

ש. זאַמד — נייע אָפּערעטע „דאָס מיידעל וואָס איך האָב ליב", אין לאָנדייל, „פאָרוו.", שיקאַגאָ, 28 אָקט. 1932.

ל. פאָגעלמאַן — צוויי נייע פּיעסען אין ליריק און אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 11 נאָוו. 1932.

נ. ב. לינדער — „דעם ליידיק-געהער'ס כלה" אין ליריק טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 11 נאָוו. 1932.

ליליענבלום, משה-לייב

[געב. 3 נאָוו. 1843 [1844] — געשט. 12 פעבר. 1910]



געבוירן 3 נאָוועמבער 1843 [לויט ש. ראָזענפעלד — 1844] אין קיידאַן, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ באָנדער, אַ גרויסער אביון, איז אָבער אויך געווען אַ יודע ספר און זייער פרום. אין עלטער פון 5 יאָר אָנגעהויבן לערנען אין חדר ביים זיידען, צו 6 יאָר שוין געווען אַ בקי אין נביאים ראשונים, צו 9 יאָר שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא פאַר זיך.

נאָך אַלס ייִנגל שוין געשריבן שירים, איבערהויפּט לאַנגע פּיוטים לויטן א'ב און מיט אַקראָסטיכאַנען. צו 14 יאָר געוואָרן אַ חתן מיט אַן 11-יאָריק מיידל, אַ טאָכטער פון אַ קצב אין ווילקאָמיר, 2 יאָר שפּעטער מיט איר חתונה געהאַט און זיך באַזעצט ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. צו יענער צייט זיך באַקענט מיט חקירה-ספרים און אויס מורא, אַז ער זאָל נישט ווערן אַן אפיקורס, זיך אַריינגעלאָזט אין איבערגעטריבענער פרומקייט, אין דבקות און פּלפּול. צו 20 יאָר אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט מליצה-ספרים, אָבער נאָך אַלץ געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט אין טלית און תפילין. אין דער זעלבער צייט אָנגעשריבן וועגן פוילישן אויפשטאַנד אַ סגולה מיטן לשון פון תנ'ך מיט נקודות און מיט טראָפּ.

1865 אַראָפּ פון קעסט, האָט ל., צוליב חיונה, געמאַכט אַ ישיבה, וואו ער לערנט גמרא מיט בחורים, אָבער צוליב זיין גרינדן אַ ביבליאָטעק אין שטאָט און צוליב זיינע אַרטיקלען אין „המליץ". שיקט מען קעגן אים מסירות צו דער רעגירונג, און ווען ער פאַרעפנטלעכט אין ווינטער 1866-67 אין „המליץ" אַרטיקלען וועגן רעפאָרמירן דעם שלחן־ערוך, ווערט ער מיט זיין גאַנצער משפחה באַיקאָטירט, און ער מוז פאַרלאָזן ווילקאָמיר. דעם 3 אָקטאָבער 1869 קומט אָן ל. אין אָדעס, וואו ער גיט זיך אָפּ ווייטער מיט שרייבן.

1871 — הייבט זיך אָן ל.'ס פּובליציסטישע טעטיקייט אין יידיש און אויף צעדערבוימס איניציאַטיוו ווערט ער אַ מיטרעדאַקטאָר פון „קול מבשר".

1876 – האָט ל. אַרויסגעגעבן זיין אויטאָביאָגראַפיע „חטאת נעורים", אַ בוך, אויף וועלכן ס'זיינען אויפגעצויגן געוואָרן כמעט אַלע שפּעטערדיקע יידישע שריפטשטעלער און עסקנים. אין 1878 פאַרעפנטלעכט ל. אין סאָציאַליסטישן זשורנאַל „אספת חכמים" אַ סאַטירע „משנת אלישע בן אבויה", אין וועלכער ער ברענגט צום אויסדרוק, (אין דער פאָרם פון אַ פּאַראָדיע אויפן לשון פון דער משנה), זיינע סאָציאַליסטישע אידעען. אָבער אין 1881, בעת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווערט ער אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון ישוב א"י.

ל. האָט אויך געפּרובט זיינע כוחות פאַר דער יידישער בינע און אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דוואָיעזשאָניעץ" [„דער ביגאַמיסט"], וועלכע איז אין די 80־ער יאָרן פון 20 י"ה אויפגעפירט געוואָרן. וועגן דער פּיעסע און דער אויפפירונג דערציילט יעקב פּ. אַדלער אין זיינע זכרונות: „אין יעליסאַוועטגראַד איז רייכער געוואָרן דער רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל אין זיין קורצער געשיכטע זיינען אונז [דער טרופּע פון ראָזענבערג און נפתלי גאָלדפאַדען] צוגעקומען פּיעסעס נישט דוקא פון גאָלדפאַדענען. ראשית האָבן מיר געקריגן אַ פּיעסע פון דעם באַרימטן העברעאישן פּובליציסט, משכיל, אפיקורס און (שפּעטער) פּאָטער פון רוסישן ציוניזם, משה לייב ליליענבלום. כאָטש ער האָט, ווי אַלע משכילים, נישט געהאַט צו גרויסע סימפּאַטיע פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט, און, פאַרשטייט זיך, אויך נישט פאַר דעם יידישן מאַמע־לשון, ווער רעדט נאָך פאַר דעם דאַמאָלט ווירקלעך אָרימען יידישן טעאַטער, פונדעסטוועגן האָט אונזער טרופּע פון אים געקריגן אַ פּיעסע „דער דוואָיעזשאָניעץ" (דער צוויי־ווייבערניק, דער ביגאַמיסט). אַזוי האָט ליליענבלומס ערשטע טעאַטער־שטיק געהייסן". אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט יעקב פּ. אַדלער: „באַקענט מיט אים [ל.] האָב איך מיך דורך דער יידישער פּיעסע, וואָס ער האָט דאַמאָלט געוואָלט שטעלן אין אָדעס, „דער דאָפּל־ווייבערניק" אָדער „דוואָיעזשאָניעץ". דאָס איז אַ פּיעסע, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון די שקלאַפן־הענדלער און ליליענבלום האָט זי פאַרפאַסט נישט אָן אַ ציל. צו יענער צייט האָט אין אָדעס און אין אַנדערע דרום־רוסישע שטעט געבושעוועט אַ מין מגפה פון יידישע שקלאַפן־הענדלער, וועלכע פלעגן פאַרנאַרן יידישע טעכטער און זיי פאַרקויפן צו שאַנדע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ליליענבלום איז מיט זיין פּיעסע אויסן געווען די יידישע מאַסן קעגן דעמדאָזיקן אומגליק צו וואָרנען. די פּיעסע האָט געמאַכט אַ רושם, אָבער קיין דערפאָלג איז זי דאָך נישט געווען, כאָטש דער גאָטועליקער מאָגולעסקאָ האָט אין איר געשפּילט די הויפּטראָל (דוקא אַ טראַגישע). דער שטילער איידעלער ליליענבלום האָט אָבער דעם דורכפאַל פון זיין פּיעסע אָנגענומען פאַר ליב און קעגן דעם אפילו נישט געגעבן קיין מורמל".

אַ גאַנץ אַנדער בילד וועגן דער אויפפירונג, גיט ב. גאָרין אין זיין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער": „פון דעם רוסישן נאָמען האָט מען געדאַרפט שליסן, אַז דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג, נאָר די אַקטיאָרן, וואָס געדענקען נאָך די צייט ווען מען האָט די־דאָזיקע שטיק אויפגעפירט, זיינען אונטער דעם איינדרוק, אַז עס איז געווען אַן אָריגינעלע פּיעסע און עס איז אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס ליליענבלום האָט געמוזט אָנקומען צו אַזאַ רוסישן וואָרט, וואָס איז נישט אין געברויך ביי די יידן אין רוסלאַנד. ביי דער ערשטער אויפפירונג פון דער דערמאָנטער פּיעסע איז ליליענבלום געווען הינטער די קוליסן אין טעאַטער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער פאָרשטעלונג פון הינטער אַ קוליסע מיט אַ גרויסער געשפּאַנטקייט. עס האָבן זיך געקייקלט טרערן פון זיינע אויגן ווען עס איז צוגעקומען צום קלימאַקס אין דריטן אַקט. נאָר דאָ האָט ער פלוצלים דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים בעת מעשה אַביסל צעמישט. פאַרן שלוס אַקט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס איז אים געווען אינגאַנצן פרעמד. ער האָט אויף דער ערשטער מינוט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס און פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעשטויסן, וואָס דאָס איז. די צוויי קאָמיקער, וואָס האָבן געשפּילט אין דעם שטיק, מאָגולעסקאָ און ווײַנבלאַט, האָבן, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביים פאַרפאַסער, אַליין אַריינגעשטוקעוועט אַ קאָמישע סצענע, וואָס האָט זיך לחלוטין צו דער פּיעסע נישט געפּאַסט. ליליענבלום האָט זיך דערפילט דערפון אַזוי נישט גוט, אַז ער האָט אַוועקגעחלשט אויפן אָרט".

אין זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר ישוב ארץ־ישראל האָט ל. אויך געוואָלט אויסנוצן די בינע און האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „זרבבל, אָדער, שיבת ציון, אַ דראַמע אין פינף אַקטען, פערפאַסט פון משה לייב ליליענבלום, אָדעססא 1887" [55 זז.], וועלכע איז צוגעגעבן געוואָרן אַלס ביילאַגע צו זיין זמ"ב „דער יודישער וועקקער".

באַלד נאָך איר דערשיינען איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן דורך צעזאַר גרינבערג, וועלכער האָט זי באַאַרבעט און צוגעגעבן זיינע לידער און מוזיק. אַ יאָר דערנאָך [1888] איז זי אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אויפגעפירט געוואָרן דורך די שילער פון דער לעמעל־שול אין ירושלים, וואָס דאָס ווערט באַטראַכט אַלס די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג אין ארץ־ישראל.

לויט ש. מייזעלס זיינען ביידע ל.'ס פּיעסעס אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, נישט דורך גאָלדפאַדענס טרופּע, נאָר דורך לערנערס. מייזעלס איבערזעצט אויך על פּי טעות דעם נאָמען „דוואָיעזשאָניעץ" אַלס „די צווייטע חתונה".

ב. גאָרין רעגיסטרירט אויך אויף ל.'ס נאָמען די פּיעסע „דער שקאָנטיסט", בעת די פּיעסע „דער שקאָנטיסט" אָדער „דער דיסקאָנטיסט" אָדער „דער פּראָצענטניק" געהערט גאָר צו שמר־שייקעוויטש.

נאָך יעקב גאָרדינס טויט איז ל. אַרויסגעטראָטן אין פּעטערבורגער „דער פריינד" מיט אַ שאַרפן אָנגריף קעגן ג., דערמאַ־

נענדיק אים זיין פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דער געזעלשאַפֿט „ביבלישע ברודערשאַפֿט". אַן אַפּאָלאָגישע שטעלונג פֿאַר גאָרדינען פֿאַרנעמט אין דעם ענין נח פּרילוצקי אין זיין אַרטיקל „מ. ליליענבלום און יעקב גאָרדין".

ש. ל. ציטראָן גיט אָן אין זיינע זכרונות, אַז ל. האָט אין לעווינס „פֿאָלקסצייטונג" געשריבן וועגן יידישן טעאַטער אין אָדעס.

דעם 12 פעברואַר 1910 איז ל. געשטאָרבן אין אָדעס.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 154-62.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 31-32, II, ז. 245.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", I, זז. 98-101, 46.

ש. ראָזענפעלד — „אידישע געשיכטע", ניו-יאָרק, 1928, צווייטער טייל, זז. 282-308.

ש ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות", III, ז. 155.

ליליפּוט

[גבריאל-הירש קרעטשמער]

געבוירן 15 מאַי 1883 אין ריגע, לעטלאַנד. באַזוכט אַ פּריוואַט-שול און געלערנט העברעאיש ביים פֿאָטער. אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעהויבן שרייבן א'פ „דער בלאַנדער ייד" אין די אָרטיקע דייטשע צייטונגען. יונג אַריינגעטראָטן אין דער בונדישער באַוועגונג און אַרומגעפֿאָרן אַלס פּאַרטיי-מאַן איבער ליטע און פּוילן. איינינקע יאָר אויך געזעסן אין טורמעס. 1905 — אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין יידיש אין דער בונדישער פּרעסע.

סוף 1906 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט ל. זיך באַטייליקט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע (פון דוד פּינסקיס „אַרבייטער" ביז צום „פאָרווערטס", דערנאָך די קאָמוניסטישע „פרייהייט" און צוריק צום „פאָרווערטס").

ל. האָט איבערזעצט אָסטראָווסקיס דראַמע „דיקאַרקאַ" [די ווילדע], וועלכע איז דעם 29 מאַי 1919 אויפגעפירט געוואָרן אונטער דער רעזשי פון אָסיף דימאָוו אין טאָמאַשעווסקיס נעשאַנאַל-טעאַטער מיט בעסי טאָמאַשעווסקי אין דער טיטל-ראָל, און ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן" [„דער בלוטיקער געלעכטער (הינקעמאַן) אַ טראַגעדיע אין 3 אַקטן און 7 סצענעס פון ערנסט טאָלער, מיט אַ פאָרוואָרט פון פּראָפעסאָר פ. קאַגאַן, אידיש פון ליליפּוט, ניו-יאָרק „פרייהייט", 1924" [80 ז. 12°], וועלכע איז דעם 14 פעבר. 1924 אויפגעפירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרץ אין יידישן קונסט-טעאַטער.

ל. האָט אויך אין „דיא וואַרהייט" און אין „פרייהייט" געדרוקט רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", III, זז. 777-79.

לילית, אַליאַ

[אַליאַ צעדערבוים]

געבוירן 15 נאָוועמבער 1906 אין וואַרשע, פּוילן. פֿאָטער — אַ הויז-באַזיצער. שטאַמט אָפּ פון עקיבא אייגער און איז אַ קרוב פון אַלכּסנדר צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ". געענדיקט די פּילאָלאָגישע גימנאַזיע פון פּאָזנער אין וואַרשע. געווען אַ מיטגליד אין די אַרטיסטישע קאָמיסיעס אין דער גימנאַזיע און זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען אין געזאַנגס-ראָלן, זיך אַליין אַקאָמפּאַנירנדיק. שפּעטער זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען פון „מכבי" און „ספּאָרט-יוגנט".

אַרויסטרעטנדיק אויף אַ קאָנצערט אין 1925 אין אָטוואָצק, געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַקטיאָר באַראַנסקי פון „קווי פּראָ קוואָ" און דאָרט אַריינגעטראָטן א'נ צעדעראַווסקאַ, אויפטרעטנדיק אין סאָלאָס און דועטן מיט האַנוש און מאַכאָווסקי.

דעם 2 פעברואַר 1926 אָנגעהויבן שפּילן א'נ „אַליאַ לילית" אין דער יידישער קליין-קונסט-בינע „אַזאַזעל", פון וועלכער זי איז אַ מיטגרינדערין.

נאָכן שפּילן אַ סעזאָן אין וואַרשע, געמאַכט מיט דער טרופּע אַ טורנע איבער די גרעסערע שטעט פון פּוילן, דערנאָך ווידער געשפּילט אין וואַרשע, פאַרלאָזט „אַזאַזעל" און אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אין פּוילן מיט זעלבסטשטענדיקע קאָנצערטן (צוזאַמען מיט וולאַדיסלאַוו גאַדיק). 1930 — צוריקגעקערט אין וואַרשע, טרעט זי ווידער אַרויס מיט אייגענע קאָנצערטן און נאָך אַ נייעם טורנע איבער פּוילן, פאָרט זי אָפּ צוזאַמען מיט גאַדיקן, קיין מערב-אייראָפּע, וואו זיי טרעטן אַרויס אויף קאָנצערטן (אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיט באָריס טאָמאַשעווסקי און רות רענע) אין טשעכאָ-סלאָוואַקיע, עסטרייך, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און ענגלאַנד.

1931 — געקומען אין אַמעריקע און אין מערץ 1931 אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָנצערט אין ניו-יאָרק. נאָך אַ ריי קאָנצערטן אין ניו-יאָרק און נאָך איינינקע שטעט אין אַמעריקע, ווערט ל. (צוזאַמען מיט ווילי גאַדיק) אַנגאַזשירט אין ניו-יאָרקער קעסלערס סעקאָנד-עווענוי-טעאַטער, וואו זי טרעט אויף דעם 12 סעפּטעמבער 1931 אין דער טיטל-ראָל פון „דאָס מיידל פון וואַרשע" (ליברעטאָ פון מנחם און בנימין רעסלער, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי) און דערנאָך אין גאָטעספעלדס מוזיקאַלישער קאָמעדיע „פּלעזשור" (מוזיק — י. רומשינסקי).

אַרויסגעטראָטן פון טעאַטער, קערט ל. צוריק אויף אַ קורצער צייט צו אירע קליין-קונסט-קאָנצערטן אויף דער יידישער בינע, ווערט אָבער באַלד אַנגאַזשירט אַלס גאַסטראָלירנדיקע קאָנצערטיסטין (אין דער ענגלישער שפּראַך) אין ענגלישן וואָדעוויל צירקל ר. ק. אָ., אין וועלכן זי שפּילט איינינקע חדשים איבער אַמעריקע און פאָרט אָפּ קיין אייראָפּע גאַסטראָלירן אויף דער דאָרטיקער יידישער בינע.

מ. ע.

טעאַטריקאָן — האָפּלאַ מיר לעבן, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 21 אויגוסט 1929.

אלחנן צייטלין — די פּרעמיערע אין „סקאַלאַ“. „אַ מויד אַ צימעס“, „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע, 2 פעבר. 1930.

אלחנן צייטלין — „מ פייפט אויפן קריזיס“ אין „סקאַלאַ“-טעאַטער, „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע, 21 מערץ 1930.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — וו גאָדיק און אַליאַ לילית, „פּאַריזער היינט“, 20 אָקט. 1930.

קריטיקוס [מאָריס מייער] — חנוודיקע און קינסטלערישע לוסטיקייט, „צייט“ לאָנדאָן, 23 נאָוו. 1930.

קריטיקוס — אַלאַ לילית און גאָדיקס אונפאַרגעסליכער קאָנצערט, „צייט“, לאָנדאָן, 16 דעצ. 1930.

דער זקן — „אַזאַזעל“ אין בעלגיען, „יידישע פּרעסע“, אַנטווערפּען, נ. 26, 1930.

נ. ב. לינדער — ערשטער אויפטריט פון 2 נייע אַרטיסטן זונטאָג, „טאָג“ נ. י., 6 מערץ 1931.

אב. קאַהאַן — אַ קאָנצערט פון לילית און גאָדיק, „פאָרווּ.“, נ. י., 6 מערץ 1931.

דר. א. מוקדוני — דער ערשטער אויפטריט פון אַלאַ לילית און ווילי גאָדיק, „מאָז ש“, נ. י., 13 מערץ 1931.

ב ש-ן — אין דער מוזיק וועלט „מאָז'ש“, נ. י. 13 מערץ 1931.

נ. ב. — [בוכוואַלד] - צוויי פּיעסען, „מאָרגן פרייהייט“, נ. י., 13 מערץ 1931

ח עהרענרייך — דער ערשטער קאָנצערט פון אַלאַ לילית און ווילי גאָדיק, „פאָרווּ.“, נ. י., 13 מערץ 1931.

וויליאַם עדלין — דאָס אידישע פאָלקס-ליד אויף דער ביהנע, „טאָג“, נ. י., 13 מערץ 1931.

Max Karper – Lilith – Godick open their season, „New York American“, N. Y. 19 march 1931.

אַלף-אַלף [אויערבאַך] — אַלאַ לילית און ווילי גאָדיק, „מאָז'ש“, נ. י., 1 אַפּריל 1931.

מ. זוואַניצער [דאַנציס] — אַליאַ לילית און ווילי גאָדיק אויף בראָדוויי, „טאָג“, נ. י. 4 אַפּריל 1931.

יעקב קירשענבוים — פאָלקס-זינגער וואָס דערפרעהען אידישע טעאַטער באַזוכער, „קאַנאַדער אַדלער“, מאָנטרעאַל, 23 אַפּריל 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — צי ווייסט איר אַז —, „פאָ'ש“, נ. י., 10 יולי 1931.

הלל ראָגאָף — אַלאַ לילית — די נייע אָפּערעטען סטאַר אויף סעקאָנד עוועניו, „פאָרווּ.“, נ. י. 18 סעפּט. 1931.

רעי ראַסקין — דאָס מיידל פון וואַרשע, „אונזער פאָלק“, נ. י., 23 סעפּט. 1931.

וויליאַם עדלין — אידיש טעאַטער — און אידיש אויף דער עוועניו, „טאָג“, נ. י., 25 סעפּט. 1931.

אַלף-אַלף — אַלאַ לילית אין אַן אָפּערעטע, „מאָז'ש“, נ. י, 25 סעפּט. 1931.

נ. בוכוואַלד — מנחם וויל שונדעווען און קאָן ניט, „מאָרגן-פרייהייט“, נ. י., 2 אָקט. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — אין צוויי טעאַטערס, „פאָ'ש“, נ. י., 9 אָקטאָבער 1931.

מ. אַשעראָוויטש — אַלאַ לילית — „דאָס מיידל פון וואַרשע“, „דער וועקער“, נ. י., 31 אָקט. 1931.

לימאַן, בינאַמין

געבוירן יולי 1900 אין אראַן, נישט ווייט פון ווילנע, פּויליש-ליטע. אַלס קינד פון $6^1/_2$ יאָר אַריבער מיט דער פאַמיליע קיין ווילנע, וואו דער פאָטער אַרבעט אַלס קאַסירער אין דער קאָראַבקע. געלערנט אין חדר, אין תלמוד-תורה און דערנאָך געענדיקט 5 קלאַסן פון אַן אָנפאַנגס-שול.

אין עלטער פון 11 יאָר געזען ביי גענפערן שפּילן „שולמית“ און פון דאַמאָלט אָן געוואָרן אַן אייפעריקער באַזוכער פון יידישן טעאַטער און אַ שטענדיקער באַגלייטער פון די אַקטיאָרן.

צוזאַמען מיט שטיין (שפּעטער — דער אַקטיאָר יוסף קאַמיען) און בולקין (שפּעטער — דער אַקטיאָר יוסף בולאָף) געגרינדעט אַ דראַמקרייז אין רוסיש און געשפּילט אין ווין-קעלער פון די עלטערן פון בנימין עפּשטיין (וועלכער איז שפּעטער אויך געוואָרן אַן אַקטיאָר) פּיעסעס, באַאַרבעט דורך בולקינען. שפּעטער איז ל. געווען אַ סטאַטיסט אין יידישן און רוסישן טעאַטער (אין משך פון 1915-17 באַקומט דער דראַמקרייז אַ נאָמען אין שטאָט און זיינע פאָרשטעלונגען קומען שוין פאָר אָפטער אין גרעסערע זאַלן. די הכנסה פון די פאָרשטעלונגען גייט פאָר וואוילטעטיקע צוועקן).

1920 — אַוועק קיין וויטעבסק, וואו ער שפּילט ווייטער אין אַ יידישן דראַמקרייז און גייט איבער אין מינדלינס טרופּע, וועלכע שפּילט אַן ערנסטן רעפּערטואַר. 1922 — אַרומגעפאָרן מיט וואַנדער-טרופּעס, געשפּילט דעם שונד-רעפּערטואַר און אויף אַ קורצער צייט געוואָרן סופלער. דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט ג. בעקער, זאַלקאַווער, בראַנדעסקאַ און לסוף זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער און געוואָרן אַן אַנגעשטעלטער.

1924 — אַריינגעטראָטן אין דער יידישער מלוכה סטודיע פון ווייסרוסלאַנד, וועלכע איז זינט אָקטאָבער 1926 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווייסרוסלענדישן יידישן מלוכה-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז היינט.

ש. ע.

לינדענפעלד, שלמה



געבוירן 30 אָקטאָבער 1878 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַדמיניסטראַטאָר פון הייזער. געלערנט אין חדר און אין אַ רוסישער האַנדלס-שול. געזונגען ביים בעל-תפילה אריה-לייב שטרייכער און שפּעטער אַ יי־געצויגן געוואָרן אין שעדלעץ אין כאָר פון דער דאָרט שפּילנדער טרופּע (זשעלאַזאַ, געלאַדע, סיצקער, סטרעלסקאַ א. א.), וואו ער באַקומט איינגיכן צו שפּילן קליינע ראָלן. דערנאָך איבערגעגאַנגען אין דער טרופּע פון ראַבינאָוויטש און צוליבן פאַרבאָט צו שפּילן יידיש, געצוואונגען (אין ביאַליסטאָק) צו גיין אַלס זינגער (צוזאַמען

מיט ראַבינאָוויטש, זשעלאַזא און משה שפּיראָ) אויף חתונות און פאַרווײַלונגען.

אָנגעקומען אין וואַרשע, איז ער ווידער (צוזאַמען מיט זשעלאַזא א. א.) געווען בדחן אויף חתונות, און ערשט ווען ס'קומט אָן בערנשטיינס טרופּע, טרעט ער דאָרט אַרײַן אַלס כאַראַקטער־ראָליסט און גייט איבער דערנאָך אין די חברים־טרופּעס פון לערמאַן, בערנשטיין און בעקער. צוריקגעקומען אין וואַרשע, טרעט ער אַרײַן צו ראַפּעלן, וואו ער שפּילט און איז געהילף־רעזשיסער. פון דאָ פאָרט ער קיין פּאַריז, וואו ער שפּילט אין אַ יידישן וואַריעטע. צוריקגעקומען ווידער אין וואַרשע, זינגט ער (אָפט צוזאַמען מיט הערמאַן פײַנשטיין) פיל קופּלעטן פאַרן גראַמאָפאָן און פאָרט אָפּ קיין לאָדזש, וואו ער שפּילט אין וואָדעוויל („אַרקאַדיאַ", פּיעטריקאָווער 22), אויפפירנדיק זײַנע איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון פּוילישע און דייטשע פאַרסן און קאָמעדיעס, דערנאָך אַלס קופּלעטיסט אין בענדין. פון דאָ פאָרט ער קיין אַנטווערפּן, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט ספּיוואַקאָווסקין.

1913 — ווידער געשפּילט אין לאָדזשער וואַריעטע־הייזער. 1914 — אַרויסגעטראָטן אויף „קאָנצערטן" אין וואַרשע, 1915־17 — געשפּילט וואָדעוויל אין וואַרשעווער „ווענוס" און אַנדערע ערטער, שפּעטער אין ביאַליסטאָק, דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט היימאַן און אַננאַ יאַקובאָוויטש און אָפּגעפאָרן קיין פּאָלטאַווע, וואו ער שפּילט אייניקע חדשים אין דער טרופּע קאַניעווסקי־ברייטמאַן שפּעטער אין בעקערס טרופּע. אַ געוויסע צייט האָט ל. אויך געאַרבעט אַלס איבערשרייבער ביי טעלעפאָנאָגראַמען און דערנאָך אַ יאָר צייט געשפּילט מיט אַדאָלף סעגאַל אין בערדיטשעוו.

צוריקגעקומען אין פּוילן, איז ל. מער נישט צוריק צו דער בינע, נאָר געוואָרן אַ בדחן און פאַרווײַלער אויף שמחות.

ל. האָט פאַרעפנטלעכט אויף זײַן נאָמען און מיט זײַנע איניציאַלן „ש. ל." אַ סך לידער און קופּלעטן אויף פּאָפּולערע ניגונים. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אין דרוק: „ש. לינדענפעלד. דער געפערליכער לאָקאַטאָר, פאַרס אין איין אַקט, פערלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1927" [16 ז. 16°. פרייע איבערזעצונג פון פּוילישן פאַרס „דער שטילער לאָקאַטאָר"], „ש. לינדענפעלד. דער פעטער פון פּראָווינץ, אָדער, פּסט! פּסט!, פאַרס אין איין אַקט. פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1927" [16 ז. 16°, איבערזעצונג פון ג. טימאָריס „דער פּאַציענט פון פּראָווינץ"], „אַ כלה אויף פּראָבע, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, בעאַרבייט פון ש. לינדענפעלד" [געדרוקט אין „3 נייע איינאַקטערס", וואַרשע, 1927], „חנטשע־גנענדיל ביים דאָקטאָר, הומאָרעסקע אין איין אַקט, בעאַרבייט פון ש. לינדענפעלד" [געדרוקט אין „3 נייע איינאַקטערס", וואַרשע, 1927] און „דער שווער אַלס איידעם, אַ קאָמישע פאַרס־קאָמעדיע אין איין אַקט, איבערזעצט און בעאַרבייט פון ש. לינדענפעלד. פערלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1928" [16 ז. 16°].

אין פאַרלאַג „מעלאָדיע" (וואַרשע) זײַנען דערשינען פאָלגנדיקע ל.'ס לידער, ווי אויך דורך אים איבערזעצטע און באַאַרבעטע: „די לוסטיקע מינוט", „דאָס שפּיזע־צעטל" (1909) „היץ, האַץ, האָץ" (1910), „איך האָב אַ כלה", „איך באָרג נישט קיינעם" (1912), „די הבדלה", „די לאָדקעלעך", „ווען איך טרעף דיך אַליין בייַנאַכט", „משיח אויף דעם אויטאָמאָביל" (1916), „דודל איז פּאָפּולער", „דאָס יינגל מיט אַ פּאַס" (1918), „גוואַלד, וואו נעמט מען אַ דירה?" (1924), „צום דאַשעק", „וואָס זאָגט איר אויף מיין מזל?", „דאַנקי, מאָנקי ביזנעס", „יום טוב אין דער וואָכן", „נערווען, נערווען" „די וועלט האָט זיך איבערגעקערט" (1926) און „גוואַלד, וואו נעמט מען קוילן?" (געדרוקט אין „35 לעצטע טעאַטער לידער", וואַרשע, 1930).

מ. ע.

לינדער, נ. ב.

[נתן בלינדער]

געבוירן 26 מאַי 1885 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ פאַרמעגלעכער סוחר. באַקומען אַ משכּיליש־יידישע דערציאונג, שפּעטער שטודירט אין וואַרשע און אין לאָדוש.

1904 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אין 1906 דעביוטירט מיט דערציילונגען אין „פאַ'ש", דערנאָך אין „דיא וואַרהייט" און שפּעטער געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר פון „די גלייכהייט".

אין אַמעריקע האָט ל. שטודירט 2 יאָר יוס. אין 1921 איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־אָפּטיילונג אין „די צייט" דערנאָך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „דער טאָג", וואו ער שרייבט זייער אָפט וועגן יידישן טעאַטער (רעצענזיעס, אַרטיקלען, אינטערוויוען, איבערזיכטן און נייעס).

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", I, ז. 307-08.

ליניעצקי, יצחק־יואל

[געב. 8 סעפּט. 1839 — געשט. 23 סעפּט. 1915]

געבוירן 8 סעפּטעמבער (30 אויגוסט, א. ס.) 1839 אין וויניצע, פּאָדאָליע. זיין פאָטער — דער רב, אַ פאַרברענטער חסיד און מקובל — האָט אים געגעבן אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג פון חסידישן גייסט. פון קינדהייט אָן האָט ל. אַרויסגעוויזן זעלטענע פעאיקייטן. שוין צו 4 יאָר געשמט אין שטאָט אַלס אַ שיין זינגערל און צו 6 יאָר געלערנט ביי אַ גמרא־מלמד. דערצויגן אונטער דער השגחה פון די קלויזנער יראים, וועלכע האָבן אים זייער געפייניקט, איז אין אים דערוועקט געוואָרן אַ פּראָטעסט־געפיל קעגן חסידות און דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט שטעטישע האָט ער זיך בסוד סודות אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט השכלה.

כדי אַ סוף צו מאַכן צו זיין אפּיקורסות האָט אים זיין פאָטער חתונה געמאַכט אין עלטער פון 14 יאָר מיט אַ 12־יאָריק מיידל און צווינגט אים באַלד זיך צו גטן און חתונה האָבן מיט אַ טויבער, האַלב־אידיאָטישער פרוי. דידאָזיקע געוואַלטטאַטן האָבן אויפן 16 יאָריקן ל. געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און ער טרעט אַרויס אין אַן

אַפּענעם קאַמף קעגן ווילדן פאַנאַטיזם כדי אים צו מאַכן אומשעדלעך, פרובן די חסידים אים אַריינוואַרפן אין אַ טייך.

1858 — אַנטלויפט ל. קיין אָדעס, וואו ער גיט העברעאישע שטונדן און פירט אַנדערטהאַלבן יאָר אַ קינדערשול אין העברעאיש און גלייכצייטיק לערנט ער זיך דייטש. 1862 — אַריינגעטראָטן אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול, וועלכע ער פאַרלאָזט אָבער אַ יאָר שפּעטער.

צו יענער צייט הייבט זיך אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש, וועלכע דערגרייכט דעם הויכפּונקט מיט זיין ווערק „דאָס פּוילישע יינגל", וואָס האָט ממש אויפגעשטורעמט די דאַמאָלטיקע יידישע וועלט מיט איר שאַרפער סאַטירע. „פּראָפ." מ. הורוויטש דראַמאַטיזירט די דערציילונג און פירט זי אויף נאָך פּסח 1878 אין בוקאַרעסט.

אברהם גאָלדפאַדען, וועלכער האָט באַטראַכט אַלס זיינעם אַ קאָנקורענט „פּראָפ." הורוויטש, דערציילט אין זיינע זכרונות: „נאָך פּסח אין דעם יאָר 1877, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם ערשטן ווינטער אין בוקאַרעסט, איז איינמאָל ביי אַ פּראָבע צו מיר צוגעקומען [דער אַקטיאָר] ישראל גראַדנער און האָט מיר ווי איינגערוימט אַ סוד, אַז ס'איז דאָ אַ מענטש, וואָס האָט אַ נייע פּיעסע און וויל זי מיר געבן, אַז איך זאָל זי אויפפירן אויף דער בינע. ער האָט מיר דעם מענטש פאָרגעשטעלט און איך האָב אים באַשטימט אַ צייט, ווען ער זאָל קומען צו מיר אַהיים די פּיעסע פאָרצולעזן. אויף דעם צווייטן טאָג איז גראַדנערווירקלעך געקומען מיט דעם מענטשן, וועלכער האָט מיר פאָרגעלעזן אַ דריי-אַקטיק שטיק מיט דעם נאָמען „דאָס פּוילישע יינגל". פון אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז דאָס אומשטערבלעכע מייסטערווערק פון דעם באַקאַנטן סאַטיריקער יצחק-יואל ליניעצקי — נאָר ניין, דאָס איז געווען אַ מין נאַרישער וואָדעוויל אין 3 אַקטן, אַ מין אַרט ווי „שמענדריק". איך וואָלט דאָס צו יענער צייט געווען אויפגעפירט, נאָר דער סוד, וואָס דער מחבר האָט מיר איבערגעגעבן, האָט מיר פאַרבאָטן דאָס שטיק אָנצונעמען. דער מחבר פון דעם שטיק איז געווען אַ מיסיאָנער און אַלס אַזעלכער באַקאַנט אין בוקאַרעסט".

נאָך אין 1874 האָט ל. אין זיין בוך [איבערגעדרוקט 1875 אין זשיטאָמיר און 1876 אין וואַרשע] „דאָס משלחת, קאַרטינעס פּיג'ם יודישען לעבען. פּין עלי קצין הצחקיאולי. מחבר פּינ'ם פּוילישין יונגעל", אָפּגעדרוקט אייניקע סקיצן אין אַ דיאַלאָג-פאָרם. באַזונדערס אָבער טראָגן אַ טעאַטראַלן כאַראַקטער „די וויבאָרעס", אין צוויי אַקטן (זז. 94-81).

אין 1875 פאָרט ל. אַרום מיט גאָלדפאַדענען איבער אָדעס, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו און וויניציע צו זאַמלען אַבאָנענטן פאַר אַ וואָכנבלאַט און נאָך אַ דרײַמאָלגרייכער אַקציע, פאָרן זיי ביידע קיין לעמבערג, וואו זיי הייבן אָן אַרויסצוגעבן (דעם 23 יולי 1875) אַ „צייטונג-בלאַט פאַר כל ישראל" א'נ „ישראליק".

מ. גריידענבערג, ל.'ס טאָכטער, דערציילט וועגן דעם אין די זכרונות וועגן איר פאָטער, אַז 3 חדשים שפּעטער האָבן ביידע שותפים אַראָפּגעבראַכט קיין לעמבערג זייערע פאַמיליעס. גאָלדפאַדען איז ווייטער אַרומגעפאָרן אין רוסלאַנד זאַמלען אַבאָנענטן. „ליניעצקי האָט געפירט די צייטונג, אָבער גיך האָבן זיך אָנגעהויבן רייבונגען צווישן די רעדאַקטאָרן אויפן ליטעראַרישן באָדן. ליניעצקי פלעגט אָפט שאַרף קריטיקירן די חסרונות פון גאָלדפאַדענס ליטעראַרישע אַרבעטן, און אין זיין אָפנהאַרציקייט גאַנץ ענערגיש רעדאַגירן און ענדערן גאָלדפאַדענס אַרבעטן. דער סוף איז געווען, אַז גאָלדפאַדען איז איינמאָל אַוועקגעפאָרן אין רוסלאַנד אויפן נעקסטן אַבאָנענטן-טור און שוין מער אין לעמבערג נישט צוריקגעקומען. מיט דער הילף פון צעדערבוימען, וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען, האָט גאָלדפאַדען געפועלט דעם פאַרבאָט אַריינצופירן דעם „ישראליק" אין רוסלאַנד. דאָס האָט געבראַכט צום קראַך פון דער צייטונג, וואָס איז אויסגערעכנט געווען כמעט אויסשליסלעך אויף רוסלאַנד. ליניעצקי האָט זיך געפונען אין אַ קריטישער לאַגע. קוים מיט צרות קלייבט ער זיך אַריבער צוריק קיין אָדעס".

אין אָדעס ווערט ל. ווידער גוט-פריינט מיט גאָלדפאַדענען און זעצט פאַר אים איבער — לויט מ. גריידענבערג — לעסינגס „נתן החכם."

וועגן ל.'ס פאַרבינדונג מיטן אָדעסער יידישן טעאַטער שרייבט ב. גאָרין: „אַן אָפטער באַזוכער איז אויך געווען יצחק יואל ליניעצקי, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר פריער אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט גאָלדפאַדען אַ צייטונג. זיי [ל. און מ. ל. ליליענבלום] זיינען געקומען נישט נאָר זען ווי מען שפּילט יידיש טעאַטער, נאָר טאַקע מיט אַ הייסן באַגער צו העלפן פאָרמירן [רעפאָרמירן?] די יידישע בינע און מאַכן פון דעם יידישן טעאַטער אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציאָן. ... דער יידישער טעאַטער אין אָדעס האָט אויך ביי ליניעצקין אַרויסגערופן אַ חשק צו נעמען זיך צו דער דראַמע. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גוטן חוש פאַר הומאָר, האָט מען פון אים ערוואַרט אַ צאַפּלדיקע קאָמעדיע. דער פאַקט, אַז אין רומעניען האָט הורוויטש דראַמאַטיזירט זיין „פּוילישן יינגל", האָט אים געוויזן, אַז ער קאָן שאַפן אָריגינעלעס פאַר דער בינע און ער האָט זיך טאַקע גענומען צו אַ פּיעסע, וועלכע איז פאַרטיק געוואָרן ווען גאָלדפאַדען האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס. גאָלדפאַדען און די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געקומען הערן ליניעצקיס נייעסטע שאַפונג. ליניעצקי האָט געלייענט און גאָלדפאַדן און די אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַלטן אין די זייטן פון לאַכן. פּלוצים האָט זיך ליניעצקי איבערגעהאַקט אינמיטן. ער איז געקומען צו אַ שטעלע וואָס הייסט אויף דעם לשון פון דער בינע „אַפּאַרט" אָדער „בייזייט". ...עס איז גראָד אויסגעקומען, אַז די רייד, וואָס זיינען געווען באַצייכנט אַפּאַרט, האָבן אויסגעזאָגט אַ סוד, וואָס די אַנדערע פּערזאָנען אויף דער בינע האָבן בשום אופן נישט געטאָרט וויסן, און ווען זיי ווערן דערפון געוואָר, האָט די גאַנצע ווייטערע האַנדלונג קיין שום ממשות נישט און קריגט אַ פּנים פון חוזק. דער אַבסורד דערפון האָט אַזוי אַ קיצל געטאָן דעם הומאָריסט, אַז ליניעקצי האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און אויסגערופן: — „צו אַלדע רוחות! דאָס איז דאָך נאַריש. אין אַלע ווינקעלעך פון טעאַטער וועט מען הערן וואָס ער זאָגט, נאָר די, וואָס שטייען נעבן אים, דאַרפן אויף דער מינוט טויב און בלינד ווערן און קיין זאַך נישט הערן און קיין זאַך נישט זען. פוי!". ער האָט אַנטשלאָסן פאַרמאַכט די העפט און נישט געוואָלט לייענען ווייטער. און [ווי]פיל גאָלדפאַדען איז צו אים נישט צוגעשטאַנען און ערקלערט אים, אַז דאָס איז נישט גוט אַזוי, אַז דאָס איז די ליסענץ פון דעם דראַמאַטורג און אַז אַנדערש קאָן גאָר נישט זיין, האָט נישט געהאָלפן. וואָס איז געוואָרן פון יענע שטיק איז נישט באַוואוסט. זי איז קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן, און שפּעטער האָט ער זיין חשק צו דראַמאַ געשטילט דערמיט, וואָס ער האָט איבערזעצט לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע" [„נתן החכם,

איינע דראַמאַטישע אונטערהאַנדלונג איבער אמונה און רעליגיאָן אין 5 ערשיינונגען. פערפאַסט אין דייטשען פין דעם בעריהמטען פהילאָזאָף אונ דיכטער גאָטטהאלד אפרים לעססינג. פריי איבערזעטצט אונ בעאַרבייטעט אינ׳ם יודישען זשאַרגאָן פין יצחק יואל ליניעצקי. אָדעססא 1884״. 80 ז. 16°]״.

לויט מ. גריידענבערג האָט ל. אויך איבערגעאַרבעט אַ קליינע דייטשע [שילערס?] קאָמעדיע „דער נעפע אַלס אָנקל״.

ס׳איז אויך כדאי צו פאַרצייכנען, אַז ל.׳ס לידער זיינען אין אָנהייב פון די זיבציקער יאָרן געזונגען געוואָרן פון די בראָדערזינגער. וועגן דעם באַמערקט י. רימיניק: „מען קאָן אויך נישט פאַרבייגיין אינגאַנצן ליניעצקיס טעטיקייט אַלס פאָלקס-דיכטער. מיר קאָנען אים, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגלייכן מיט אַ מיכל גאָרדאָן אָדער וועלוול זבאַרזשער. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אַ היבשער טייל פון זיין ביין „מאַרשאַלעק״ איז געזונגען געוואָרן אין די ברייטע פאָלקס-שיכטן״.

וועגן ל.׳ס מוזיקאַלישע פעאיקייטן שרייבט ל׳ס טאָכטער: „ער איז געווען אַ גוטער דעקלאַמאַטאָר, האָט געהאַט אַ גוטן געהער און אַ שיינע שטימע. ער פלעגט אַליין פאַרפאַסן מעלאָדיעס צו זיינע לידער. נאָטען האָט ער זיך אויסגעלערנט ערשט צו 60 יאָר. ער האָט דאַן פאַרשריבן אין אַן אַלבאָם דעם טעקסט און די מעלאָדיעס צו זיינע לידער. דער אַלבאָם א׳ט „די יידישע לירע״ איז אויפגעהיט אין אָדעסער מוזיי פון דער יידישער קולטור״. און ר. גראַנאָווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות: „אַז ער [ל.] האָט פאַרגעלייענט זיינע ווערק אַרטיסטיש. ער פלעגט אַלע מאָל ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן גאָלדפאַדענען און אָפט זינגען זיינע לידער פון „שולמית״, און אַז איינמאָל, ריידנדיק וועגן דעם, וואָס טאַלאַנטירטע יידישע אַקטיאָרן זינגען אין די אָדעסער ווייַנקעלערס, האָט אים ל. געזאָגט: „זאָלסט געווען קומען מיט צוואַנציק יאָר פריער קיין אָדעס, וואָלסטו אין די זעלביקע קעלערס געווען געטראָפן מיך און גאָלדפאַדענען [?] זינגען אונזערע בעסטע לידער. מיר האָבן ביידע געזונגען אין די קעלערס אַ סך טאַלאַנטן ווערן ביי יידן פאַרלוירן״.

אויף דער עלטער איז ל. פטור געוואָרן פון דער ביטערער מאַטעריעלער נויט: ער איז אויסגעהאַלטן געוואָרן בכבוד פון זיינעם אַ זון, אַן אַרכיטעקט, און האָט פון צייט צו צייט אָפגעדרוקט קלייניקייטן אין די יידישע צייטונגען אין אָדעס, וואו ער איז געשטאָרבן דעם 23 סעפטעמבער 1915.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 165-174.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, I, זז. 241-33 147.

ש. ניגער — עלעמענטן פון שלום-עליכם-הומאָר פאַר שלום-עליכמן, „פנקס״, נ. י., 1927-28, ז. 10.

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, דאָרט, זז. 212-216, 145-147.

ב. [ר.] גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי — אינטערעסאַנטע כאַראַקטער שטריכען, „פאָרוו.״, נ. י., 25 נאָוו. 1928.

ש. באָראָוואָי — אַן אומבאַקאַנטע איבערזעצונג פון לינעצקיס „פוילישן יינגל״, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך״, ראַטנפאַרבאַנד, 1930, זז. 520-21.

א. ר. מלאכי — אַ העברעאישע איבערזעצונג פון לינעצקיס „פוילישן יינגל״, „ייוואָ-בלעטער״, ווילנע, 1931, זז. 282-3.

י. ש. — נאָטיצן וועגן לינעצקין, דאָרט זז. 270-71.

י. רימיניק — צו דער געשיכטע פונעם „פוילישן יינגל״, „צייטשריפט״, מינסק, באַנד 5, 1931, זז. 186, 183.

מ. גריידענבערג — פאַרצייכענונגען וועגן מיין פאָטער, דאָרט, זז. 201-207.

לינעצקי

[געב. בערך 1885 — געשט. 1920]

געבוירן בערך 1885 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע, אין אַן אָרימער פאַמיליע. געענדיקט אַ שול, דערנאָך געוואָרן אַ בלעכער. אין 1908 אַריינגעטראָטן אין דער יידישער טרופּע פון מישוראַט, דערנאָך איבערגעגאַנגען צו שפּילן צו ראָטשטיין און אַנדערע וואַנדער-טרופּעס. 1912-14 — געשפּילט ביי עסקינען.

1920 — מאָביליזירט געוואָרן פון די דעניקינצעס קיין נאָוואָטשערקאַס און דאָ, געצוואונגען צו שווערער אַרבעט, האָט ער אויסגעהויכט די נשמה אונטער די קלעפּ פון די פייניקער.

ל. איז — לויט גרינשטיין — געווען זייער אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר. זיינע כאַראַקטער-טיפּן, וועלכע ער האָט געשאַפן, זיינען קאָפּירט געוואָרן פון אַנדערע אַקטיאָרן.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

לינק, אַדאָלף

אַ דייטשער שוישפּילער.

ל. האָט דעם 14 יאַנואַר 1918 דעביוטירט אין יידיש אַלס „פּאַטער בוימאַרט״ אין דער אויפפירונג פון הויפּטמאַנס „די וועבער״ אין אַדלערס גרענד-טעאַטער.

י. ענטין — אין און אַרום טהעאַטער, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 20 יאַנ. 1918.

ליסאַק, מאַלקע

געבוירן 1900 אין קראַשנעוויץ, פּוילן עלטערן — סוחרים. פון קינדווייז אָן געווען פאַראינטערעסירט אין ליטעראַטור. נאָך אַלס קינד פון 11 יאָר אָנגעשריבן אַ פּיעסע אויף פּויליש און זי געשפּילט מיט קינדער. ל. לייענט זייער פיל אין פרעמדע שפּראַכן און אין 1915 שרייבט זי אָן אַ דראַמע „איינגעפאַלענע ווענט״.

נאָך אַ רייזע איבער שווייץ, קומט זי אָן אין 1921 אין ראַטנפאַרבאַנד, וואו זי באַזעצט זיך און דעביוטירט אין 1925 מיט אַ דערציילונג אין „יונגוואַלד״.

אין 1923 איז אין מאָסקווע דערשינען צוזאַמען מיט נאָך 2 דערציילונגען ל.׳ס דרייאַקטער „וועלט-ווינקל״.

ש. ע. פון זלמן רייזען.

ליפּאָוויעצקי, אבֿרהם

[געב. 1865 — געשט. 1921]



געבוירן 1865 אין דער קאָלאָניע סאַגייַדאַק, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ חזן. אין 1887 געקומען מיט זיין פֿאָטער קיין אָדעס און דאָ געווען אַ משורר אין שולן און דערנאָך געוואָרן אַ פֿאָלקס־זינגער אין די וויין־קעלערס צוזאַמען מיט סאַבסיין. שפּעטער צוגענומען געוואָרן צו קאָמפּאַניעצן אין טרופּע און דעביוטירט אַלס „האָצמאַך" אין „קאָלדוניאַ" און דערנאָך איבערגעגאַנגען אין די טרופּעס פֿון פּישזאָן, ספּיוואַקאָווסקי, סאַבסיי און געגפּער. על פּי רוב געשפּילט אין אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס און ביי גענפּערן זיך באַטייליקט אין גאָרדין־רעפּערטואַר.

1921 — איז ל. געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג אין ייִדישן טעאַטער אין אָדעס.

ל.׳ס טאָכטער, מרים, שפּילט אויף דער ייִדישער בינע און איז די פֿרוי פֿון אַקטיאָר פּישל קאַנאַפּאָוו.

ש. ע. פֿון פּ. קאַנאַפּאָוו.

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פּנקס", נ. י., 1927־28, ז. 216.

ליפּאָוויעצקי, מרים

[זע קאַנאַפּאָף מרים]

ליפּאָווסקאַ, אסתּר

[גלאַזער, וואָלסקאַ]

געבוירן 14 פֿעברואַר (אסתּר־תּענית) 1889 אין סאַמאַראַ, רוסלאַנד. פֿאָטער — אַ שניידער. אַלס קינד פֿון 7 יאָר איבערגעוואַנדערט מיט די עלטערן אין שטעטל זדונסקאַ־וואָליאַ (פּוילן), וואו זי לערנט זיך ייִדיש ביי איר פֿאָטער. נאָך אַלס קינד געאַרבעט ביי זאָקן, דערנאָך אין אַ טעקסטיל־פֿאַבריק אַלס שפּולערין, שפּעטער איבערגעפֿאָרן קיין לאָדזש, וואו זי אַרבעט אַלס שטאָפּערין און ציט צו אין פֿאַבריק אויפֿמערקזאַמקייט מיט איר שיינער שטים. זי באַטייליקט זיך אויך פֿרייטאָג צו נאַכטסן אין די „שפּילן", וואָס עס אָרדנען איין באַקאַנטע אַרבעטער, נעמט אָנטייל פּורים אין די איינגעאָרדנטע פּורים־שפּילן, לסוף טרעט זי [1904] אַריין אַלס כאָריסטקע צו ש. קרויזען אין טרופּע, מיט וועלכער זי וואַנדערט איבער פּוילן און רוסלאַנד ביז זי גייט איבער, צוזאַמען מיט זשעלאַזאָ, אַלס כאָריסטקע און עפּיזאָדן־ראָליסטין צו פּישזאָנען אין טרופּע און מאַכט מיט דעם וואַנדער־וועג פֿון דאַמאָלטיקן ייִדישן אַקטיאָר אין רוסלאַנד: זי באַטייליקט זיך אונטער איר מיידלשן נאָמען, גלאַזער, אַלס כאָריסטקע און אַקטעריסע אין די טרופּעס פֿון מייערסאָן, שוואַרצבאַרד, זשעלאַזאָ, בערנשטיין, זשיטאָמירסקי, סעם אַדלער, זאַנדבערג, געגפּער, סאַבסיי און קאָמפּאַניעץ אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער, וואו זי טרעט אַרויס אין איר ערשטער גרעסערער ראָל („ביינושל" אין טאָמאַשעווסקיס אָפּערעטע „דאָס פֿינטעלע ייִד"). פֿון דאָ גייט זי איבער אין דער לאָדזשער „פֿאַראייניקטע טרופּע" א׳ל פֿון טיטעלמאַן, וואו זי האָט די געלעגנהייט די ערשטע צו קרעאירן די ראָל „די טאָכטער" אין יצחק קאַצענעלזאָנס „קאַריקאַטורן". שפּעטער טרעט זי אַריין אין דער „פֿאַראייניקטע טרופּע" מיט א. ר. קאַמינסקאַ אין דער שפּיץ און באַטייליקט זיך אין טורנעע איבער די הויפּטשטעט פֿון דאַמאָלטיקן רוסלאַנד.

נאָך איר חתונה מיטן טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי טרעט ל. אַריין (א׳פּ וואָלסקאַ און שפּעטער ליפּאָווסקאַ) אין איר מאַנס טרופּע, אין וועלכער זי שפּילט שוין די ערשטע סובּרעטין־און פּרימאַדאָנע־ראָלן אין דער אָפּערעטע און ערשטע דראַמאַטיסטין אין דער דראַמע. אַזוי קרעאירט זי דאָ די ערשטע די ראָלן „צירל" אין הירשביינס „אַ פֿאַרוואָרפֿענער ווינקל" און „דאגמאַ" אין סווען לאַנגעס „שמשון און דלילה" (איב. ז. זילבערצווייג).

1927־28 — שפּילט ל. אין די טרופּעס א׳א פֿון זאַסלאַווסקי און שפּעטער פֿון קאַדיש־כאַש און נאָך איר מאַנס טויט באַטייליקט זי זיך אין די חברים־טרופּעס א׳א פֿון פּאָטאָצקאַ, באַראַטאָוו און ליפּמאַן, מיט וועלכע זי וואַנדערט איבער פּוילן.

ל. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פֿילם־בילדער „כאַסיע די יתומה" לויט יעקב גאָרדין (ראָל „כאַסיע") און „דער ישיבֿה בחור" לויט א. זאָלאָטאַרעווסקי (ראָל „אסתּרקע") און האָט צוזאַמען מיט ה. ווייסמאַן אַריינגעזונגען ייִדישע קופּלעטן אין גראַמאָפֿאָן.

ל.׳ס זון פֿון אַקטיאָר ל. זשעלאַזאָ, שמחה (סאַשאַ) ליפּאָווסקי, שפּילט אויף דער ייִדישער בינע, שרייבט קאָמפּאָזיציעס און האָט אויסגעפּאַרטיקט אַ קאַלענדאַר אויף אַ צייט פֿון 5000 יאָר.

מ. ע.

ליפּאָווסקי, נחום

[געב. 1874 געשט. 24 דעצ. 1928]

געבוירן 1874 אין נעסוויזש פּויליש־ליטע, ביי אָרטאָדאָקסישע עלטערן. געבליבן צו 9 יאָר אַ קיילעכדיקער יתום, וואַנדערט ער אַרום 3 יאָר, ביז ער קומט אָן אין ווילנע, וואו ער לערנט אין תּלמוד־תּורות און ישיבֿות און שפּעטער וועלטלעכע למודים. געקומען אין מאָסקווע, טרעט ער אַריין אויף די דראַמאַטישע קורסן אין „פֿילהאַרמאָניע" א׳ל פֿון שעסטאַקאָוו און אַרבעט שפּעטער אַלס סטאַטיסט אין מאָסקווער קליינעם טעאַטער.

1891 — טרעט ל. אַריין אין אַ ייִדישער וואַנדער־טרופּע, אָבער זיין אמתע בינע־קאַריערע הייבט זיך אָן ערשט אין 1892 אין א. י. קאַמינסקיס טרופּע. הגם ער צייכנט זיך אויס אין די ראָלן, וועלכע ער שפּילט, ווייזט ער אָבער אַרויס צוגלייך פֿעאיקייטן אַלס פֿאַרוואַלטער און געשעפֿט־פֿירער אוןווידמעט זיך צו דעם זינט 1893. נאָכן מיליטער־דינסט טרעט ער אַריין אין 1895 אין דער

רוסישער טרופּע פון נעזלאָבין, מיט וועלכער ער שפּילט אין ווילנע. זינט 1900 אָרגאַניזירט ער אַליין אָדער בשותּפות מיט קאַמינסקי, קאָמפּאַניעץ, גוזיק, יוליוס אַדלער אָדער רודאָלף זאַסלאַווסקי פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס איבער דער רוסישער מלוכה.

אין 1904 האָט ל. אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און געוואָרן ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטער פון אַ דייטש טעאַטער אין דאַרמשטאַט (דייטשלאַנד), וואו ער איז גלייכצייטיק אויך געווען פרייער צוהערער אין דאָרטיקן פּאָליטעכניקום. דאָ האָט פּראָפעסאָר ווערטהיים אַנטדעקט ל.׳ס פענאָמענאַלע פעאיקייטן צו געדענקען פאַרשיידענע ענינים, האָט מיט אים געמאַכט אייניקע עקספּערימענטן און אים געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי צו אַנטוויקלען זיין זכּרון. דאַמאָלט האָט ל. אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן פון צייט צו צייט מיט עקספּערימענטן אויף דעם געביט, באַלד אָבער קערט ער צוריק קיין רוסלאַנד, און זייענדיק אין די בעסטע באַציאונגען מיט „נאַטשאַלסטוואָ״, האָט ער, דער איינציקער — אַ דאַנק דער מיטהילף פון אָנגעזעענע רוסישע אַקטיאָרן — באַקומען דעם 20 יוני 1903 די דערלויבניש צו שפּילן טעאַטער אין דער י י ד י ש ע ר שפּראַך אין רוסלאַנד.



פּאַטאָסטאַט פון דער דערלויבניש — אָריגינאַל אין ייוו״א.

וועגן יענעם פּעריאָד אין ל.׳ס לעבן דערציילט עמיליע אַדלער אין אירע זכרונות: „ליפּאָווסקי, כאָטש אַ יידישער טעאַטער־דירעקטאָר, איז אין יענער צייט געווען ווייט פון יידישקייט. ער פלעגט תּמיד פאַר אונז נאָר דערציילן מעשׂיות און עפּיזאָדן פון רוסישע און מאַלאָ־רוסישע שרייבער און אַקטיאָרן. ער איז געווען אַזוי צוגעוועגט, ממש פאַרליבט אין יענער סביבה, אַז ער פלעגט זיך אפילו קליידן מאַלאָ־רוסיש און האָט געטראָגן אוקראַאינישע וואָנצעס. אַזוי איז ליפּאָווסקי געווען זייער אַ האַרציקער, אַ גוטער חבר און האָט געהאַט אַ קאָלעגיאַלע באַציאונג צו אַקטיאָרן״.

אין 1908 האָט ל. געגרינדעט אין ווילנע דאָס ערשטע „יידישע פאָלקס־טעאַטער״ מיט ביליקע פּרייזן. אין די טרופּעס, וועלכע האָבן געשפּילט אין דאָזיקן טעאַטער און אין די אַנדערע טרופּעס, וואָס זיינען געווען אונטער זיין דירעקציע, האָט ל. זייער אָפט צוגעצויגן די אָנגעזעענסטע כּחות פון דער יידישער בינע אין רוסלאַנד. דאָס טעאַטער אין ווילנע האָט עקסיסטירט ביז צו דער וועלט־מלחמה, ווען ס׳איז פאַרווערט געוואָרן צו שפּילן יידיש אַלס אַ „פיינטלעכע שפּראַך״. ל. האָט דאַמאָלט איבערגעפירט זיין טרופּע קיין כאַרבין, וואו ס׳איז יאָ דערלויבט געווען צו שפּילן, און דערנאָך קיין כאַרקאָוו, וואו זי האָט געשפּילט ביז צו דער רעוואָלוציע.

בעת דער וועלט־מלחמה איז ל. געווען אַ באַאַמטער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס פון דער ליטווישער רעגירונג און אַ מיטגליד פון קאָמיטעט צו העלפן די הונגעריקע קינסטלער און וויסנשאַפטלער אין רוסלאַנד און אַ געוויסע צייט זיך אויך באַטייליקט אין דער נאָך־מלחמה־אַקציע פון אַמעריקאַנער רויטן קרייץ.

1918 איז ל. צוריקגעקערט אין ווילנע און ווידער באַנייט די טעטיקייט פון פאָלקס־טעאַטער, אין וועלכן מאָרעווסקי האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט אויף דער יידישער בינע. די טרופּע איז געבליבן ביז 1920, ווען זי איז אַריבער קיין קאָוונע און פון דאָרט קיין מעמעל.

איצט הייבט אָן ל. זיך אָפּצוגעבן מער מיט עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אַלס בעל־זכּרון. אַ חוץ אָפטע אַרויסטריטן אַלס שוואַרץ־קינסטלער, פאָרשטעלנדיק אויף אַ טראַנספאָרמאַציע־אופן די טיפן פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן ווי איבסען, הערצל, טאָלסטאָי, נאָרדוי, משה מאָנטעפיאָרע א. א., האָט ער אויך גענומען דעמאָנסטרירן מיט באַרעכנען אויף שנעל געשטעלטע לאָגאַריטמען. גלייכצייטיק אַרבעט ער אויס דעם פּלאַן פון אַן אייביקן לוח. אַ טייל פון דער אַרבעט (אַ לוח אויף 200 יאָר פון 1826 ביז 2025) האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער אילוסטרירטער ביילאַגע פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ פון 28 דעצעמבער 1924.

ל. איז אויפגעטראָטן אין 42 אוניווערזיטעטן פון אייראָפּע און אַמעריקע, וואוהין ער פאָרט אַריבער אין 1924, דעמאָנסטרירט זיינע מנעמאַנישע פעאיקייטן און באַקומט אַטעסטאַטן פון באַרימטע פּראָפעסאָרן און געלערטע.

צוריקגעקומען אַהיים, איז ל. קראַנק געוואָרן אויף אַ האַרץ־פעלער און בראָנכיט. אָבער דאָס שטעלט אים נישט אָפּ צו נעמען אָנטייל אין יידישן קולטורעלן לעבן. ער אַרבעט אויך ווידער אויס אַ נייעם קאַלענדאַר אויף 413 יאָר (פון 6 אויגוסט 1914). געווידמעט דעם סדר־היחוסין פון פּוילישן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

אין 1925 האָט ער ווידער באַנייט דאָס יידישע פאָלקס־טעאַטער, איבער וועלכן ל.׳ס נאָמען איז פאַרבליבן אַלס דער גרינדער פון דעם טעאַטער.

דעם 24 דעצעמבער 1928 איז ל. געשטאָרבן אין ווילנע, זיין לויה איז געווען זייער אַן אימפּאָזאַנטע.

ל.׳ס פרוי איז די שוישפּילערין אסתּר ליפּאָווסקאַ (גלאַזער־וואָלסקאַ). ל.׳ס אַדאָפּטירטער זון, סאַשאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע, שרייבט קאָמפּאָזיציעס און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַלענדאַר אויף 5000 יאָר.

אויף ל.׳ס נאָמען אַלס איבערזעצער און באַאַרבעטער זיינען אויך דערשינען אין ווילנע (פריער אין וואָכנבלאַט „דער טאָג״ און שפּעטער אין סעפּאַראַטע אויסגאַבעס) 5 איינאַקטערס: „זי האָט בע־

זיצגט אַ שפּאַס אין איין אַקט פון א. אָרן, באַאַרבעט פון נחום ליפּאָווסקי. ווילנא" [געדרוקט אין 1913 אין „טאָג", באַאַרבעט דורך א. י. ג-ט [גאָלדשמידט]] „די דאַמען-שפּילקע, פאַרס אין איין אַקט, באַאַרבעט פון נחום ליפּאָווסקי, ווילנא" [אויך פריער געדרוקט אין גאָלדשמידטס איבערזעצונג אונטער זיין נאָמען], „דער דאַמען-שניידער, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט, צוזאַמענגעשטעלט דורך נחום ליפּאָווסקי, ווילנא„ [פריער געווען געדרוקט אין בן-ציון מאַכטייס אַנאָנימער איבערזעצונג], „אַן אַדוואָקאַט אויף אַ האַלבע שעה, אַ קאָמעדיע אין איין אַקט פון נחום ליפּאָווסקי" [פרייע איבערזעצונג פון מאַקס בערנשטיינס „בלוי", פריער געדרוקט אין בן-ציון מאַכטייס אַנאָנימער איבערזעצונג] און „מיט אַ געלעגנהייט, אַ העכסט אינטערעסאַנטער קאָמישער שפּאַס (פון וועבער און ווידעל), צוזאַמענגעשטעלט פון נחום ליפּאָווסקי" [פריער געדרוקט אין דער באַאַרבעטונג פון א. י. ג-ט.].

ל. האָט אַ גרויסן טייל פון זיין טעאַטער-אַרכיוו מיט פיל וויכטיקע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד איבערגעגעבן אַלס מתנה אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו׳א אין ווילנע. נאָך זיין טויט זיינען די איבריקע טיילן פון זיין רייכן טעאַטער-אַרכיוו איבערגעגעבן געוואָרן דורך זיין זון, סאַשאַ, צו ייוו׳א.

אין דאָזיקן אַרכיוו געפינען זיך אויך די מאַנוסקריפּטן פון פאָלגנדיקע פּיעסעס: „דאָס פרייע פייגעלע", קאָמעדיע-שפּאַס אין 3 אַקטן פון י. פ. קאַרפּאָוו, איבערזעצט דורך נחום ליפּאָווסקי (צענזורקע פון 5 יולי 1914), „פאַר דער מוטערס ערע, אָדער, די צווייטע יוגנט", דראַמע אין 4 אַקטן פון פ. מ. ניעווזשין, איבערזעצט – נחום ליפּאָווסקי, „די שטיפערין, אָדער, די לוסטיקע פאַריזשאַנקע", קאָמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון נ. ליפּאָווסקי (צענזורקע פון 24 יאַנואַר 1915) [באמת אַן איבערזעצונג פון „שושנה די צנועה"], „די פריילעכע לאָזשע", פאַרס-אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון נחום ליפּאָווסקי, „די אָפּגענאַרטע דאַמען, אָדער, לאָזשע נומער 6", אַ קאָמעדיע-פאַרס אין 3 אַקטן, איבערגעאַרבעט דורך נחום ליפּאָווסקי (צענזורקע פון 20 יוני 1914) און „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע, אָדער, אַ מאָדנער גאַסט", קאָמעדיע אין 4 אַקטן מיט געזאַנג און טאַנץ, איבערזעצט נ. ס. ליפּאָווסקי.

כמעט די אַלע פּיעסעס זיינען נאָר פאַררופן געוואָרן אויף ל.׳ס נאָמען צוליב צענזור-טעמים אָדער צוליב געוויסע פינאַנסיעלע טעמים, נאָר זיינען באמת געשריבן, איבערזעצט אָדער באַאַרבעט געוואָרן דורך אַנדערע.

ווי אסתר און סאַשאַ ליפּאָווסקי דערקלערן פלעגט ל. זייער אָפט איבערזעצן פּיעסעס מיט דער הילף פון אַ סעקרעטאַר, דיקטירנדיק אים דעם יידישן טעקסט.

זלמן זילבערצווייג שרייבט וועגן ל.׳ן: „ביז צו דער מלחמה האָט ליפּאָווסקי געפירט טרופּעס. זיין נאָמען איז געווען אַ פירמע. וואו ער איז געקומען, האָט מען צו אים געהאַט גרויס צוטרוי, ווייל נישט שפּילנדיק אַליין קיין טעאַטער, האָט ער נישט געהאַט קיין געפילן פון קנאה אויף אַקטיאָרן און פלעגט תמיד צונויפשטעלן טרופּעס פון די שטאַרקסטע אַרטיסטישע כחות אין רוסלאַנד. דערביי פלעגט ער תמיד נישט געבן די אויבערהאַנט דער אָפּערעטע. אונטער זיין דירעקציע האָט פּרץ הירשביין אויפגעפירט צום ערשטן מאָל „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל" און זאַסלאַווסקי שעקספּירס „האַמלעט" אויף יידיש און אַנדערע פּיעסעס פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר. צו זיין כבוד קאָן אויך געזאָגט ווערן, אַז אונטער זיין דירעקציע האָט מען קיינמאָל נישט אויפגעפירט נישט „כינקע פינקע" און נישט „דאָס פינטעלע ייד"... ער האָט זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרעקשנט, אַז דידאָזיקע שונד-מאַכערייקעס וועלן אויף די ברעטער פון דעם טעאַטער, וואָס ער שטייט אין זיין שפּיץ, נישט אויפגעפירט ווערן, און ער האָט זיינס דורכגעפירט".

ש. ד. [דרייער] שרייבט וועגן ל.׳ס טעטיקייט: „מיט זעלטענעם מוט, מיט געוואַלטיקער עקשנות האָט ער געשלעפּט דעם שווערן וואָגן פון דער יידישער בינע און אים אַרויפגעשלעפּט אויפן ברייטן שליאַך פון מאָדערנער קונסט. ער האָט אָפּגעשריען די גזרות אויף יידישער שפּראַך, וועלכע האָט זיך אויף דער יידישער בינע געמוזט פאַרשלייערן פאַר אַ דייטשקע. ער האָט געשאַפן אין די פינסטערע יאָרן פון רעאַקציע און נגישות אַ שטענדיקע יידישע טרופּע – דעם יידישן פאָלקס-טעאַטער. ער האָט מיט הוילע הענט אויפגעקלאַפּט אַ מקום מקלט פאַר דער יידישער טעאַטער-מוזע אין ווילנע, דעם פאָלקס-טעאַטער, וואָס איז, ביי אַלע זיינע חסרונות, די לעצטע פאַר יאָר געווען אַ גאַסטפריינטלעכע היים פאַר יידישע קינסטלער פון גאָר דער וועלט".

ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] זי האָט בעזיעגט
אַ שפּאַס אין איין אַקט פון א. אָרן,
באַאַרבעט פון נחום ליפּאָווסקי
ווילנע [...191, 22 ז. 16°]

[2] די דאַמען-שפּילקע
פאַרס אין איין אַקט [פון ?], באַאַרבעט פון נחום ליפּאָווסקי
ווילנא [...191, 16 ז. 16°]

[3] דער דאַמען-שניידער
אַ קאָמעדיע אין איין אַקט [פון ?]
צוזאַמענגעשטעלט דורך נחום ליפּאָווסקי
ווילנא [...191, 10 ז. 16°]

[4] אַנ׳ אַדוואָקאַט אויף אַ האַלבע שעה
אַ קאָמעדיע אין איין אַקט,
טעאַטער מיניאַטור פון נחום ליפּאָווסקי
[אַ פרייע איבערזעצונג פון מאַקס בערנשטיינס קאָמעדיע „בלוי"]
ווילנא [...191, 23 ז. 16°]

[5] מיט אַ געלעגנהייט
אַ העכסט אינטערעסאַנטער קאָמישער שפּאַס (פון וועבער און ווידיל), צוזאַמענגעשטעלט פון נחום ליפּאָווסקי
ווילנא [...191, 18 ז. 16°]

מ. ע. פון א. י. גאָלדשמידט, אסתר און סאַשאַ ליפּאָווסקי.

סידני גאָרדאָן [ח. עהרענרייך] – אַ איד וועלכער ווייזט וואונדער מיט זיין זכרון, „פאָרוו.", נ. י., 7 מאַי 1924.

ט – דער אייביגער קאַלענדאַר פון נחום ליפּאָווסקי אַלס מתנה פאַר׳ן מאַרשאַל פּילסודסקי, „דער מאָמענט", וואַרשע, 10 אַפּריל 1927.

א. י. [גראָדזענסקי] – נחום ליפּאָווסקי, „אָוונט-קוריער", ווילנע, 24 דעצ. 1928.

ש. ד. [דרייער] – אַ לעבן פון אַ קינסטלער, „ווילנער טאָג", 25 דעצ. 1928.

ל. ס-קי [סטאַצקי] — געשטאָרבן נחום ליפּאָווסקי, „צייט“, ווילנע, 25 דעצ. 1928.

לאַזאַר קאַהאַן — נחום ליפּאָווסקי, „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע, 25 דעצ. 1928.

הירש אַבראַמאָוויטש — ליפּאָווסקי און דער פאָלקס-טעאַטער, „ווילנער טאָג“, 26 דעצ 1928.

זלמן זילבערצווייג — נחום ליפּאָווסקי, „לאָדזער טאַגעבלאַט“, 27 דעצ. 1928.

י. גרודבערג — נחום ליפּאָווסקי ז״ל, „דער מאָרגען“, לעמבערג, 28 דעצ. 1928.

י. מ. וואַרשאַווסקי — צום טויט פון נחום ליפּאָווסקי, „פּרעסע“, ב״א, 29 דעצ. 1928.

בעלאַ מייזעל — נחום ליפּאָווסקי, „נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש, 30 דעצ 1928.

אבא שיין — נחום ליפּאָווסקי — דער מערקווירדיקער מענטש און טעאַטער-טוער, „אידישע צייטונג“, ב״א, 31 דעצ. 1928.

א, מאָרעווסקי — נ. ליפּאָווסקי — אַ מאָדנער מענטש, „ווילנער טאָג“, 22 יאַנואַר 1929.

הירש אַבראַמאָוויטש — נחום ליפּאָווסקי — דער ליידנשאַפטלעכער טעאַטער-מענטש, „צייט“, ווילנע, 10, 13 יאַנואַר 1930, „פרימאָרגן“, ריגע, 3 מאַרט 1930.

זלמן זילבערצווייג — קליינע נאָטיצן וועגן ליטעראַריש-קינסטלערישע ענינים, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 24 1930.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבן פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 29 אויגוסט 1930.

זלמן זילבערצוויג — קליינע נאָטיצן וועגן יידישן טעאַטער, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 42, 1933.

ליפּאָווסקי, סאַשאַ

[שמחה זשעלאַזאָ]

געבוירן אַפּריל 1908 אין זדונסקאַ-וואָליאַ, פּוילן. פאָטער — דער אַקטיאָר לייזער זשעלאַזאָ, מוטער — די אַקטעריסע — אסתּר גלאַזער-וואָלסקאַ (שפּעטער — ליפּאָווסקאַ). צו 5 יאָר אַדאָפּטירט געוואָרן פון דעם יידישן טעאַטער-דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי. 18-1916 — געלערנט אין ווילנער העברעאישער גימנאַזיע, וואו ער באַטייליקט זיך אויך אין דער שילער-פאָרשטעלונג פון „חנה ושבעת בניה“, שפּעטער שטודירט קלאַוויר-שפּילן.

1920 — אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט זיינע עלטערן קיין קאָוונע, וואו ער שפּילט פון צייט צו צייט קליינע ראָלן אין זיין פאָטערס טרופּעס. דאָ ווערט ער אויך הויפּט-אינסטרוקטאָר פון „מכבי“ און רעזשיסער פון ליבהאָבער-אויפפירונגען. אין קאָוונע ענדיקט אויך ל. אַ רוסישע גימנאַזיע.

1923 — צוריקגעקומען אין ווילנע און געוואָרן אַ ראש קבוצה פון „השומר הצעיר“, דערנאָך אַ קורצע צייט געשפּילט יידיש, רעזשיסירט אַ רוסישע פאָרשטעלונג און געאַרבעט אַלס געהילף-

ליוועראַנט ביים אויפבויען דאָס יידישע פאָלקס-טעאַטער אין ווילנע.

איצט פאָרט ל. אַרום אַלס פּראָפעסיאָנעלער פּאַט-קאָמיקער איבער פּראָווינץ-טרופּעס, שפּילט דערנאָך מיט מ. ליפּמאַן אין ווילנער פאָלקס-טעאַטער, שפּעטער מיט קלאַראַ יאָנג און מיט מאָריס ליאַמפּע. אַ קורצע צייט אַרבעט ל. אַלס בוכהאַלטער אין אַ האָלץ-אונטערנעמונג.

מאַי 1929 טרעט אַריין ל. אין „ווילנער טרופּע“ (קראָקע), דערנאָך שפּילט ער ווידער פּאַט-ראָלן ביי פּישל קאַנאַפּאָוו אין ווילנע און ווערט שפּעטער באַשטימט פון טעאַטער-דירעקטאָריאַט אַלס געשעפטס-פירער אין זאַסלאַווסקיס טרופּע. 1931 — אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין יידישן אַרטיסטן-פאַראיין און געשפּילט דעם סעזאָן אין ווילנער פאָלקס-טעאַטער. סוף 1931 — באַזוכט דעם יידישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט אין ווילנע (דיר. — ר. רובינשטיין), וואו ער לערנט טעאָרעטישע למודים און ווערט פאַר 33-1932 — אַנגאַזשירט צו מ. ליפּמאַן (פריער אין קראָקע, דערנאָך אין לאָדזש).

ל. רעזשיסירט אָפט איינאַקטערס מיט „ליבהאָבער“ אין דער עספּעראַנטאָ-שפּראַך.

ל. האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַלענדאַר אויף 5000 יאָר.

ל.׳ס פרוי סאָניאַ (שרה מינץ) און קינד, צילע, שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

ליפּינסקי, יצחק

געבוירן 4 יולי 1893 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ סוחר פון איינבינדער-מאַשינען. געלערנט אין חדר און אין רעאַל-שול. אַלס קינד געזונגען ביים חזן שערמאַן, און אין עלטער פון 10 יאָר געשפּילט אויף פּויליש אין דער שול. אַלס 12 יאָריקער מיטגעשפּילט אין דער יידישער קינדער-טרופּע אין מוראַנאָווער יידישן טעאַטער און באַלד דערנאָך אַרויסגעפאָרן מיט דער קינדער-טרופּע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער דירעקציע און רעזשי פון גוסטאַוו שוואַרצבאַרד.

אַלס דערוואַקסענער דעביוטירט אין לערמאַנקעס טרופּע אין מוראַוויאָוו, מאָהילעווער גוב., אַלס „מיכאל שדכן“ אין ריכטערס „הערצעלע מיוחס“ און געבליבן שפּילן 1 יאָר אין דער טרופּע, פון דאָרט אַריבער אין זשיטאָמירסקיס טרופּע, וואו ער שפּילט 2 יאָר, דערנאָך 3 יאָר מיט שוואַרצבאַרדן איבער פּוילן און רוסלאַנד, אַ סעזאָן ביי מ. ד. וואַקסמאַן אין לאָדזש, אַ קורצע צייט מיט דער קאַמינסקי-טרופּע אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער און 4 יאָר אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער אין דער עפּאָכע פון דער איבערזעצטער אייראָפּעאישער אָפּערעטע.

1920 — געקומען אין אַמעריקע און געשפּילט צו אייניקע וואָכן אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער און אין פילאַדעלפיע ביי אַנשל שאָר, דערנאָך צו סעזאָנען אין פּיפּלס-טעאַטער (מיט גאָלדענבורג און זאַק), טאָראָנטאָ, קליוולאַנד, ברוקלינער ליבערטי (מיט מיכאַ-

לעסקאָן), 2 סעזאָנען מיט גערמאַן אין האָפּקינסאָן טעאַטער און אַ סעזאָן מיט גערמאַן אין שיקאַגע. 1931-32 — אין טאָראָנטאָ און 1932-33 — אין האָפּקינסאָן-טעאַטער (מיט מנשה סקולניק).

ל. איז אַ שוואָגער פון די אַקטיאָרן גערמאַן און סקולניק.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים׳ער אויף אונזער ביהנע, „מאָז׳ש״, נ. י., 7 דעצ. 1928.

ליפּמאַן, משה



געבוירן 20 פעברואַר 1893 אין אַפּט, ראַדאָמער גוב., פּוילן, ביי חסידישע על-טערן. אַלס ייִנגל פון 7 יאָר געקומען אין וואַרשע, וואו ער לערנט אין פאַרשיידענע חדרים. אין עלטער פון 12 יאָר אָנגעקומען אַרבעטן ביי אַ זייגערמאַכער.

1907 — אָנגעהויבן באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער און געוואָרן באַגייסטערט פון די דאַמאָלטיקע קאָסטיומירטע היסטאָרישע אָפּע-רעטעס אַזוי, אַז באַלד טרעט ער אַריין אין אַ „ליבהאָבער״-גרופּע און פאָרט מיט איר אַרויס שפּילן אין דער פּראָווינץ.

1909 — אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר צו סעם אַדלער אין וואַרשע, דערנאָך צו קאָמפּאַניעס, שפּעטער אַרומגע-פאָרן איבער פּוילן און רוסלאַנד. 1912 — געשפּילט ביי אַדלער-ליפּאָווסקי אין לאָדזשער צירק, און מיט זיי אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד. 1913-14 — אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. — אַדלער-סיעראָצקי).

בעתן מלחמה-אויסבראָך אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט געשפּילט יידיש טעאַטער אין די ווייטסטע געגנטן פון רוסלאַנד ביז סיביר.

1918 — מיטגרינדער פון ערשטן יידישן מלוכה-טעאַטער אין אָדעס און בעת אַ קאָנקורס געשפּילט די ראָל „דוד גראָסמאַן״ אין סעמיאָן יושקעוויטשעס „דער קעניג״.

1920 — צוריקגעקומען אין פּוילן און געמאַכט אַ טורנע איבער גאַליציע. 1921 — אַריינגעטראָטן אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַ-טער, וואו ער ווערט איינער פון די אָנפירער און פירט דאָ אויף „פּישקע דער קרומער״ פון מענדעלע מוכר ספרים (דראַמאַטיזירט פון יעקב וואַקסמאַן), „יחוס״ פון שלום אַש, „דער שוואַרצער פּלעק״ פון קאַדעלבערג (ל.׳ס איבערזעצונג), „דער גבור אין קייטן״ נאָך הוגאָ, „מאָשקע חזיר״ פון י. ד. בערקאָוויטש, „גוואַלד ווען שטאַרבט ער ? !״ פון חנא גאָטעספעלד און גאָלדפאַדענס „כשוף-מאַכערין״.

1926 — אָנגעפירט מיטן לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער, 1927 — גאַסטראָלירט אין דרום-אַפריקע און 1928 אָנגעפירט מיטן קאַמינסקי-טעאַטער אין וואַרשע, וואו ער פירט אויף דעם 6 יוני 1928 ה. לייוויקס „הירש לעקערט״.

1929-30 — גאַסטראָלירט מיט אַן אייגענער טרופּע איבער רו-מעניע. 1930 — אָנגעפירט מיטן וואַרשעווער סקאַלאַ-טעאַטער, וואו ער פירט אויף „ציאַנקאַלי״ פון פרידריך וואָלף (איב. — יעקב וואַקסמאַן) און 1932 — אָנגעפירט מיט אַ טרופּע אין קראָקע, וואו ער פירט אויף (ביי דער געלעגנהייט פון דער וויספּיאַנסקי-פייע-רונג) וויספּיאַנסקיס „דניאל״ און „ריכטער״.

ל. האָט אויך אָנגעשריבן אַ רעפּאָרטאַזש-פּיעסע „די צען פון פּאַוויאַק״, וועלכע ער האָט אויפגעפירט.

ש. ע.

[—] — ווער זיינען אונדזערע שוישפּילער ? „טעאַטער און קונסט״, לאָדזש, 2, 1922.

רעפּאָרטער — די טרופּע ליפּמאַן, „טשערנאָוויצער בלעטער״, 55, 1930.

ליפּמאַן, נאַטאַליאַ

[נייטשע עלבוים]

געבוירן 1890 אין קעלץ, פּוילן. פאָטער — אַ לערער אין דער אָרטיקער גימנאַזיע.

1906 — דעביוטירט מיט „ליבהאָבער״ אַלס „די באַרמהערציקע שוועסטער״ אין דוד פּינסקיס „די פאַמיליע צבי״ און זינט דאַמאָלט געשטרעבט צו ווערן אַ פּראָפע-סיאָנעלע אַקטריסע.

1910 — אַריינגעטראָטן אין גוזיקס טרו-פּע און אַרומגעפאָרן מיט איר איבער רוס-לאַנד. בעת דער מלחמה געשפּילט אין כאַר-קאָווער „אונזער ווינקל״.

נאָך דער חתונה מיט משה ליפּמאַן, מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

ל.׳ס טאָכטער, חנה, פון איר ערשטן מאַן יצחק לאַטאָוויטש, שפּילט אויף דער יידישער בינע א׳נ עני ליטאַן.

ש. ע.

[—] — ווער זיינען אונדזערע שוישפּילער, „טעאַטער און קונסט״, לאָדזש, 1922

ליפּסאָן, מ.

[מרדכי יאַוואָראָווסקי]

געבוירן 7 אַפּריל 1885 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. ביז 15 יאָר גע-לערנט אין מאָדערניזירטע חדרים, דערנאָך אין ראַדיגער ישיבה. 1905 — אַוועק קיין אַנטווערפּען, וואו ער איז געווען אַ העברעאי-שער לערער, דערנאָך געאַרבעט אין דער דימענט-אינדוסטריע און זיך אויך באַשעפטיקט מיטן דימענטן-האַנדל.

דעביוטירט 1907 אויף העברעאיש. 1912 — אָנגעהויבן שרייבן יידיש. 1913 — געקומען אין אַמעריקע, וואו ער שרייבט יידיש און העברעאיש און זעצט איבער אין העברעאיש איייניקע באַדייטנדע ווערק פון יידישע שרייבער. ל. האָט אויך אַרויסגעגעבן 2 בענדער פון ווערטלעך און וויצן א׳נ „דאָס פאָלק דערציילט״.

זינט 1930 זיך באַזעצט אין ארץ-ישראל.

אין „ליטעראַרישע בלעטער״ (וואַרשע, 35-39, 1932) פאַרעפנט-

לעכט „דער סגי נהור" (דראַמאַטישער פראַגמענט אין צוויי בילדער), וואָס רופט אַרויס אַ דיסקוסיע צוליב די באַנוצטע אַנגלאַציזמען.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 175-176.

א. אַלמי — וועגן אַנגלאַציזמען אין יידיש, „ליטבל'ט", וואַרשע, 50, 1932.

מ. ליפסאָן — וועגן מיין שפּראַך וואַנדאַליזם „ליטבל'ט", וואַרשע, 5, 1933.

ליפּצין, וואָלאָדיאַ

[געב. ...18 — געשט. .. 188]

לויט דיינע פיינמאַן איז ל. געוועזן אַן אָדעסער. אַפּנים, אַז נאָך אין רוסלאַנד האָט ער חתונה געהאַט מיט קעני סאָניעס און סופלירט אין די טרופּעס, וואו זי האָט געשפּילט. צוזאַמען מיט זיין פרוי איז ער אין 1884, נאָכן פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און 1887 קיין אַמעריקע, וואו ער איז קורץ דערויף געשטאָרבן.

מ. ע. פון דיינע פיינמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 52 49.

מ. זייפערט — לתולדות התיאטרון היהודי, „לוח אחיעבר", נ. י., תרפ"א, זז. 137-38.

ליפּצין, סיליע

[פעקער]

געבוירן 15 סעפּטעמבער 1900 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — אַ מוזיקער אין יידישן טעאַטער, געלערנט אין אַ פּאָבליקסקול און יידיש ביי אַ מלמד. ביז 14 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן מיט פיינמאַן און מ. ד. וואַקסמאַן. אין עלטער פון 10 יאָר געשפּילט אין אַ וואָדעוויל-הויז דעם לעצטן אַקט פון גאָרדינס „כאַסיע די יתומה".

אַלס דערוואַקסענע דעביוטירט אין דער ראָל „פּרינצעסין" אין דער פּיעסע „די יידן פון מאַראָקאָ" אין פּאַוויליאָן-טעאַטער, וואו זי שפּילט אַ סעזאָן, דערנאָך אין פּאַריז מיט זילבערט און פון דאָרט געקומען אין אַמעריקע.

דאָ געשפּילט $1^1/_2$ יאָר מיט לאָבעל, מאָשקאָוויטש און שוואַרץ אין טעאַטער אויף דער דריטער עוועניו אין ניו-יאָרק, דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט געשפּילט 4 יאָר, אָפט מיט מאָשקאָוויטשן. צוריקגעקומען אין אַמעריקע, פאָרט אַרום ל. איבער דער פּראָווינץ, וואו זי האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט סעראַ אַדלער און רודאָלף שילדקרויט, דערנאָך שפּילט זי אין אירווינג-פּלייס-טעאַטער און ערשט נאָך אַ דריימאָליקער פּרובע ווערט זי אָנגענומען אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע. שפּעטער שפּילט זי אַ סעזאָן ביי עלווינג אין ניו-יאָרק און אַ סעזאָן אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער, פאָרט דערנאָך קיין אייראָפּע, גאַסטראָלירט אין פּאַריז און לאָנדאָן און נאָכן צוריקקומען אין אַמעריקע — אין פאַרשיידענע טרופּעס, דערונטער אין אָדעאָן-טעאַטער אין ניו-יאָרק (דיר. — משה ריכטער).

ל. האָט אין לאָנדאָן זיך אויך באַטייליקט אין קליינע ראָלן אין פילם.

מ. ע.

ליפּצין, קעני

[קריינע סאָניעס, סאַכאַר]

[געב. בערך 1856 — געשט. 28 סעפּט. 1918]

געבוירן בערך 1856 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע. פאָטער — שכר, אַ פירער פון דיליזשאַנסן. אַלס 10 יאָריק קינד פאַרלוירן די מוטער און זי האָט זיך געוואָלט אויף ביי אַ שטיפמוטער אין דאָרף סטאַנישעווקע, ביי זשיטאָמיר. וואו עס קומט איר אויס צו ליידן און ווערט נאָך אַלס קינד אָפּגעגעבן צו אַ וועש-נייערין.

לויט ב. גאָרין האָט גאָרדין אַריינגענומען פּרטים פון איר לעבן אין זיין דראַמע „כאַסיע די יתומה".

ל. אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: „איר האָט דאָך געזען גאָרדיקס „די יתומה" — ט'האָט איר מיין ביאָגראַפיע. „חאַסיע" דאָס בין איך טאַקע, איך אַליין, דאָס האָב איך דערציילט גאָרדינען דעם סוזשעט פאַר דער „יתומה", דאָס איז מיין אייגן לעבן, כאָטש מיין טאַטע איז נישט געווען קיין „מאָטקע שטרייכל". ...אָבער מיין שטיף-מאַמע, אוי, אוי, איז דאָס געווען אַ שטיף-מאַמע".

לויט נישט-קאָנטראָלירטע ידיעות האָט מען ל., קעגן איר ווילן, חתונה געמאַכט מיט אַן אָנגעשטעלטן ביי איר פאָטער, אָבער נאָך 6 חדשים אַנטלויפט זי אין שטעטל סמילע און דאָרט ווערט זי אַ נייטאָרין.

לויט ל. עלבע האָט ל. נאָך אין זשיטאָמיר, בעת איר באַזוכן די פאָרשטעלונגען פון דער רוסישער טרופּע מיט סאַווינאַ בראש, באַקומען אַ נייגונג צו דער בינע.

בערך 1881, ווען אין סמילע האָט גאַסטראָלירט אַ יידישע טרופּע, וועלכע ל. האָט אָפט באַזוכט, ווערט זי דאָרט אַריינגענומען אַלס מיטגליד.

ווי יעקב קאַצמאַן גיט איבער, האָט ישראל ראָזענבערג זי צופעליק געהערט זינגען און ער האָט זי צוגענומען אַלס כאָריסטקע. אברהם פישקינד גיט איבער, אַז אין סמילע האָט ל. גאָרנישט מיטגעווירקט, און ערשט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די טרופּע האָט שוין געשפּילט אין אַ שכנותדיקער שטאָט, איז ל. דאָרט אָנגעקומען און אַריינגעטראָטן אין כאָר. איר נאָמען איז אפילו נישט געווען אָנגעגעבן אויפן אַפיש. וויטאַלי מאַלינאַ געדענקט זי נאָך אין זעלבן יאָר זינגען „הייסע באָבקעלעך" אין גאָלדפאַדענס „קאָלדוניאַ" אין ביעלאָצערקאָוו. ראובן ווייסמאַן האָט געטראָפן ל. אין 1881-82 אין קרעמענטשוג באַדינען די אַקטיאָרן און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו שפּילן עטלעכע ווערטער. לויט ב. גאָרין איז ל. באַלד צוגענומען געוואָרן אַלס אַקטריסע, און וועגן איר צוטרעטן צו

דער בינע, שרייבט ער אין זיין „געשיכטע פון אידישען טעאַטער״ : „ווען די דערמאָנטע טרופּע [נפתלי גאָלדפאַדען, קראַג, ישראל ראָזענבערג, קאַצמאַן, סאָניע אָבערלענדער, סאַבסיי, יעקב פּ. אַדלער און אברהם פישקינד] איז אָנגעקומען קיין סמילע, האָט אויסגעפעלט אַן אַקטעריסע. ביז איצט האָט אין דער קאָמפּאַניע געשפּילט פריילין דאַיצן (שפּעטער מרס. קאַצמאַן), נאָר דעם פאָטער איז נישט געפעלן געוועזן, וואָס זי פאָרט אַרום מיט אַקטיאָרן, און ער איז געקומען און אַוועקגענומען איר. נאָר אפילו אין אַזאַ קליינעם שטעטל ווי סמילע האָט מען נישט לאַנג געדאַרפט זוכן אַ נייע קראַפט. דאָ האָט די קאָמפּאַניע געטראָפן פריילין סאָניעס און זי איז אַרויף אויף דער בינע. פריילין סאָניעס איז קיין אַנדערע ווי די שפּעטער געוואָרענע באַוואוסטע שוישפּילערין קעני ליפּצין״.

גאָרין, באַהאַנדלענדיק דעם דאַמאָלטיקן מצב פון יידישן טעאַטער און דעם צופלוס פון אַקטיאָרן, קומט דעריבער צום באַשלוס : „ווי עס זעט אויס איז אַלץ וואָס האָט זיך געפאָדערט איז געווען צו געבן נאָר אַ רוף און פאַרטיקע אַקטיאָרן זיינען ווי דורך אַ כשוף פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסן. אין די שטעט, וואו מען האָט נאָך קיין טעאַטער נישט געזעען, האָט מען שוין געזונגען פיל טעאַטער-לידלעך מיטן אמתן טראָפּ און מיט די ריכטיקע העויות פון טעאַטער און דאָס זיינען געווען נישט נאָר פאָלקס-זינגער נאָר אויך יונגע פועלים, וואָס האָבן שוין געטראָפן דעם וועג אין אַ קעלער. אַלע אַזעלכע, אויב זיי האָבן נאָר געהאַט שטימען, זיינען געווען פיקס און פאַרטיק פאַר דער בינע און מען האָט זיי נאָר געדאַרפט ווייזן דעם שניט און זיי זיינען געוואָרן פאַרטיקע אַקטיאָרן. ...קיין מניעה פון שפּילער איז נישט געווען. ...עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער מאָסשטאַב פון שפּילן איז געווען זייער אַ נידריקער — און די וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבן-אָן אויף דער בינע, זיינען געווען אויך נישט מער ווי אָנפאַנגער. און דערדאָזיקער צושטאַנד האָט גרינג געמאַכט פאַר יעדן, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר, אַרויפצוגיין אויף דער בינע״.

דאָס שטימט אומגעפער מיט יעקב פּ. אַדלערס זכרונות : „פלוצים ווי ראָזענבערג גייט אַזוי פאַרביי אַ נייטאָרינס הויז, שיסט פון אָפענעם פענסטער אַרויס אַ מיידלס געזאַנג, געמישט אויף יידיש מיט רוסיש, און די שטימע קלינגט שטאַרק, פריש און פייעריק, בלייבט ער שטיין, עפנט אויף מויל און אויערן און האָרכט פאַרגאַפט. און אַז דאָס פריש-אָנגענעמע געזאַנג ענדיקט זיך, גייט ער אַריין אינעווייניק — און וואָס זאָל איך אייך לאַנג בריינען ? באַלד קומט ער צו אונז צו לויפן מיט דער גליקלעכער בשורה, אַז ס׳איז דאָ, ס׳איז דאָ אַ פרימאַדאָנע, און כך הוה אויף מאָרגן קומט טאַקע צו אונז אַליין די אָרימע נייטאָרין קעניע סאָכאַר, איצט באַרימט אַלס קעני ליפּצין. קוקן מיר זי אָן און נעמען זי אויפן פאַרהער און איבערצייגן זיך באַלד, אַז ראָזענבערג האָט קיין טעות נישט געהאַט. קעניע סאָכאַר איז געווען אַ מיידל אַ ברען, יונג, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אַ שטאַרקער קלאָרער שפּראַך, מיט אַ פאַרטיקן, אומצווייפלהאַפטן טאַלאַנט, כאָטש נעם באַלד און טרעט אויף אויף דער סצענע״.

עלבע גיט איבער, אַז ל.׳ס ערשטע ראָל איז געווען „קאַראָלינאַ״ אין גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמעל״ אין 1882 אין ראָסטאָוו ביים דאָן.

צוויי יאָר האָט ל. געשפּילט אין פאַרשיידענע שטעט אין רוסלאַנד : יעקאַטערינאָסלאַוו, קרעמענטשוג, אָדעס, יעליסאַוועטגראַד, לאָדזש א. א. [אין יעקב פּ. אַדלערס זכרונות טרעפן מיר געשילדערט אַ מערקווירדיקע סצענע צווישן ל. און איר פאָטער נאָכדעם ווי ער האָט זי געטראָפן אַלס אַקטעריסע]. אויפגעטראָטן איז ל. אין די גאָלדפאַדען-לאַטיינער-אָפּערעטעס און אין דאַמאָלטיקן מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר.

ווען דאָס שפּילן יידיש איז פאַרווערט געוואָרן אין רוסלאַנד, איז ל. אויסגעוואַנדערט אין 1884 קיין לאָנדאָן, וואו איר ערשטער אויפטריט איז סאָניס, איז געווען אין אַ ראָל פון עטלעכע ווערטער אין דער פּיעסע „דאָן אַבאַרבאַנעל״, דערנאָך שפּילט זי „די בלינדע מאַמע״ אין „אוריאל אַקאָסטאַ״. צוערשט האָט זי געשפּילט אין סעטלאַנד האָל אין ווייַנקאורט און ערשט פון נאָוועמבער 1884 האָט זי געשפּילט מיט אַדלערן אין רוסיש-יידישן אַרבעטער-קלוב און אינסטיטוט (10 האַנדס-ריטש) וואו זי טרעט אויף אַלץ „די טאָכטער״ אין שמ׳רס פּיעסע „דער לעבעדיקער טויטער, אָדער, אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ״, „זשאַנעטע״ אין דער קאָמעדיע „דער פאַלשער מלמד״ און אין דער הויפּטראָלע פון „אסתר פון עין גדי״. אַ קורצע צייט שפּילט זי אויף דער ענגלישער פּראָווינץ און דעם 4 נאָוועמבער 1885 טרעט זי ווידער אויף אין לאָנדאָן אין דער הויפּטראָל פון „משוגענע אויס ליבע״ פון באַזעלינסקי. איצט טרעט זי שוין אַרויס אונטערן נאָמען ליפּצין, דער פאַמיליע-נאָמען פון איר מאַן, דער סופלער וואָלאָדיאַ ליפּצין. דעם 7 נאָוועמבער 1885 טרעט ל. אַרויס אַלס „שולמית״, דעם 6 יוני 1886 שפּילט זי „יהודית״ אין „אוריאל אַקאָסטאַ״ און דעם 29 נאָוועמבער 1886 טרעט זי אויף אַלס „דעבאָראַ״ אין מאָזענטאַלס פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען.

אין לאָנדאָן האָט ל. געשפּילט מיט די אַקטיאָרן דזשעני קייזער, דיינע שטעטין [שפּעטער — פיינמאַן], יעקב קאַצמאַן, לייבוש גאָלד, מאַקס ראָזענטאַל, ישראל און אַנעטאַ גראַדנער, אברהם בוים, שענקמאַן און אַדלער, און איז נאָך דער פּיקטיוּוער שרפה אין פּרינצעס-קלאָב אין מערץ 1887 צוזאַמען מיט אַדלער, וואָלאָדיאַ ליפּצין, לייבוש גאָלד, פייוועלע פרידמאַן, הערמאַן פידלער, א. בוים, אָבערלענדער א. א. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

מ. זייפערט דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ל. איז צוערשט אויפגעטראָטן אין ניו-יאָרק און דערנאָך איז זי געפאָרן קיין שיקאַגאָ. ער גיט איבער, אַז מאָריס פינקעל האָט אים דערקלערט, אַז מען קאָן זיין פּיעסע [„דער שלאָסער״] נישט שפּילן, ווייל צו איר פאָדערט זיך אַ פרוי אין דער הויפּטראָל, און ערשט אין 3 וואָכן אַרום, ווען מ׳ ליפּצין וועט קומען, וועט מען קאָנען אויפפירן די פּיעסע. זייפערט שילדערט זיין באַקאַנטשאַפט מיט ל. אויף אַזאַ אופן [אין אונזער איבערזעצונג] : „אין אַ חודש אַרום איז די „באַרימטע קינסטלערין״ געקומען פון לאָנדאָן. צומאָרגנס אין אָוונט האָט מיך דער רעזשיסער פאַר איר פאָרגעשטעלט. ווען כ׳האָב מיט איר גערעדט און זי אָנגעקוקט, האָב איך פאַרלוירן די האָפנונג, אַז מיין פּיעסע וועט האָבן דערפאָלג. די הויפּט-פרוי-ראָליסטין אין מיין פּיעסע האָט געדאַרפט זיין נישט נאָר יונג, נאָר אויך שיין, וואָס נאָר אַ דאַנק דעם צויבער פון איר שיינקייט און חן פאַנגט זי דאָס האַרץ פון איר מאַן. אויף דער „באַרימטער קינסטלערין״, כאָטש זי איז אַמאָל געווען אַ שיינע פרוי, האָבן זיך שוין אָבער אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון אַלטקייט און איר פּנים איז שוין געווען געראָנצלט פון אַ סך קנייטשן. אָבער פינקעל האָט מיך באַרואיקט, אַז די שמינקע און פאַרב באַווייזן וואונדער. זיי

ענדערן אַ מיאוסע אויף אַ שיינהייט און אַן אַלטע אויף אַ יונגע.

צומאָרגנס אין אָוונט האָב איך נאָך אַמאָל געטראָפן די „באַרימטע קינסטלערין" אין טעאַטער און אין פאַרלויף פון אונזער שמועס, האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז אייניקע אַקטיאָרן האָבן איר געזאָגט, אַז מיין פיעסע טויג נישט און זי האָט נישט אין איר זיך מיט וואָס אויסצוצייכנען, דעריבער בעט זי מיך, אַז כ׳זאָל מאָרגן קומען צו איר אין שטוב און פאָרלייענען די פיעסע פאַר איר.

ווען כ׳בין געקומען צו איר, האָב איך דאָרט געטראָפן אויך איר מאַן, מר. ליפּצין, און כ׳האָב פאַר זיי ביידען פאָרגעלייענט מיין פּיעסע. מר. ליפּצין האָט זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיין פיעסע און פון אויסדרוק פון זיין פנים האָב איך דערקענט, אַז מיין פיעסע אינטערעסירט אים. אָבער „די באַרימטע קינסטלערין" האָט אָפּט איבערגעריסן דאָס לייענען מיט אַ מאַסע מערקווירדיקע פראַגן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער פיעסע, אָבער מיט וועלכע זי האָט זיך געוואָלט וויזן פאַר מיר אַלס אַ קענערקע אין אַלע צווייגן פון דער דראַמאַטורגיע. נאָכן ענדיקן לייענען האָט זי מיר מיט דאַנק געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— אייער פיעסע איז פיין און גוט פון אָנהייב ביזן סוף און מיין ראָלע געפעלט מיר זייער. איך וועל זיך מיט אַלע קרעפטן באַמיען, אַז די פיעסע זאָל האָבן אַ דערפאָלג און מאַכן אַן איינדרוק.

אָבער די לויב־געזאַנגען פון דער „באַרימטער קינסטלערין" האָבן נישט געהאָלפן דערצו, אַז מיין פיעסע זאָל האָבן דערפאָלג. עפעס אַן אינערלעכער געפיל האָט מיר פאָראויסגעזען דעם דורכפאַל. און דערדאָזיקער געפיל איז ביי מיר געוועזן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. אַלע אַקטיאָרן האָבן גלייכגילטיק געלערנט זייערע ראָלן, אַ חוץ איינער, וואָס האָט געלערנט די ראָל זייער אויפמערקזאַם און מיט אינטערעס, אָבער איך האָב מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז איין שוואַלב וועט ברענגען זומער. און וואָס נוגע די „באַרימטע קינסטלערין" האָב איך פאָראויס פאַרשטאַנען, אַז זי וועט מיטהעלפן צום דורכפאַל פון מיין פיעסע. 12 טעג האָט זי געלערנט איר ראָל און האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין דער אידעע פון מיין פיעסע. עס האָבן נישט געהאָלפן די פילע דערקלערונגען, וואָס איך האָב איר געגעבן וועגן יעדן ענין און אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר דער פיעסע, וועלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט געהאַלטן אין איין מעקן אָן מיין וויסן און אָן מיין דערלויבניש.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין פיעסע איז שרעקלעך דורכגעפאַלן און צוזאַמען מיט דער פיעסע אויך „די באַרימטע קינסטלערין". זי איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער טרופּע און איז געוועזן געצוואונגען צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק און פאָרן קיין שיקאַגאָ דאָרט פּרובן איר מזל אַלס קינסטלערין".

[זייפערטס עפּיזאָד שטימט נישט מיט דערווירקלעכקייט, ווייל ל. איז געקומען אין 1887 און באַלד נאָכדעם געשפּילט, בעת זיין פּיעסע „דער שלאָסער" איז אויפגעפירט געוואָרן ערשט אין 1890. אויך לעאָן בלאַנק, וועלכער האָט דעביוטירט אין דער צייט ווען ל. האָט געשפּילט, דערקלערט, אַז ל. איז צוערשט אויפגעטראָטן אין ניו־יאָרק אין „דעבאָראַ".]

אין שיקאַגאָ איז ל. אויפגעטראָטן אין זעלבן רעפּערטואַר, וואָס זי האָט געשפּילט אין לאָנדאָן. „דער עולם איז געקומען זען די פּיעסן — שרייבט ב. גאָרין — נאָר מען האָט העכסטענס געקאָנט שפּילן אַ שטיק 2-3 מאָל און קיין נייע פּיעסן האָט די טרופּע נישט געהאַט. תּיכּף נאָך פּסח האָט די טרופּע דערקלערט אַ שטרייק אַדלערן און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז דאָרטן וואו איין טעאַטער האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן, זיינען באַלד געוואָרן 2 טעאַטערס. ...נאָר ביידע טעאַטערס זיינען איצט געווען אויף גרויסע צרות און ביידע האָבן אינגיכן געפּלאַצט. כּמעט די גאַנצע קאָמפּאַניע, וואָס איז געקומען מיט אַדלער פון לאָנדאָן, איז געבליבן שטעקן אין שיקאַגאָ און אַדלער און די ליפּצינס זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק".

ל. איז באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן אין רומעניע־אָפּערע־הויז, וואו זי איז אויפגעטראָטן אין „דעבאָראַ" און האָט — לויט עלבע — אויפגעשטורעמט די יידישע טעאַטער־וועלט אין ניו־יאָרק. דריי מאָל כּסדר האָט זי געשפּילט די פּיעסע פאַר פול געפּאַקטע טעאַטערס, אַ געשעעניש, וואָס איז נישט געווען שכיח אין ניו־יאָרק, און האָט פאַר די אַלע 3 פאָרשטעלונגען באַקומען 10 דאָלאַר.

ב. גאָרין באַמערקט, אַז דאָס, וואָס ל. איז אין רומעניע־אָפּערע־הויז גלייך אַריין אַלס „סטאַר", הגם די הויפּטראָלן אין טעאַטער האָבן אין יענער צייט געשפּילט די געזאַנגס־פּרימאַדאָנעס, בילדעט אַ געוויסע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע [פאַקטיש אָבער איז באַלד אין יענעם טעאַטער אַריין סאָפיע גאָלדשטיין [קאַרפּ] און ל. איז באַזייטיקט געוואָרן פון טעאַטער].

אַנדערש שילדערט ל.׳ס ערשטע אַרויסטריטן אין אַמעריקע דוד קעסלער: „דאַן איז צו אונז אויך צוגעקומען מאַדאַם קעני ליפּצין. ...ביידע [אַדלער און ליפּצין] האָבן געוואָלט אַריין צו אונז שפּילן. איבער פּערזענלעכע חשבונות אָבער האָט דאָס רוב פון אונזערע אַקטיאָרן, מיט פּראָפעסאָר הורוויטש אָן דער שפּיצע, זיי נישט צוגעלאָזן. נאָך צרות און מאַטערנישן איז מאַדאַם ליפּצין פאַרבליבן מיט אונז. דאָס איז שוין געווען ביים ענד פון סעזאָן. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דער זומער, ווען אין ניו־יאָרק איז נישט געווען פיל וואָס צו טאָן און קעני ליפּצין האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאַג צו פאָרן מיט איר נאָך שיקאַגאָ און שפּילן איבערן זומער. ...געשפּילט האָבן מיר פאַר ליידיקע „הייזער" אין דעם טורן האָל און געצילט צוזאַמענצוקלייבן עטלעכע דאָלאַר אום צו האָבן אויף הוצאות צו פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק".

אַזוי איז ל. דעם 19 סעפּטעמבער 1888 אויפגעטראָטן אין אָריענטאַל־טעאַטער אין יאָזעף לאַטיינערס „דער אַנטיסעמיט, אָדער, די יידן־לאַגע אין רומעניע". דער „טהעאַטער רעפּאָרטער" פון „פאָלקס־אַדוואָקאַט" שרייבט אין זיין רעצענזיע: „דען שטאַרקסטן איינדרוק אויף די צושויער האט געמאַכט מאַדאַם ליפּצין אין איר העלדין־ראָלע, דען [וועלכע] זי האָט מיט זאָ איינער בעגייסטערונג אונד קונסט דורכגעפירט האַט, דאַס עס בלייבט ניכטס בעסערעס צו ווינטשן פאָן איינער אַרטיסטין ערשטער קלאַסע". אין 1889 טרעט ל. אויף אין פּולס־טעאַטער אין אַ פּיעסע „די מערדערין". די צייטונג „דער פאָלקסאַדוואָקאַט", וועלכער שרייבט זייער ווייניק וועגן דאָס שפּילן פון אַנדערע, באַמערקט אין אַ נאָטיץ: „...דאַס פּובליקום וואַר העכסט ענטציקט איבער דער קונסטפאָלער אויספירונג דער הויפּטראָלע פון מיסעס ליפּצין, וואַס בעזיצט איין זייער רייכן טאַלענט פיר דראַמאַטישע ראָלן". אין זעלבן טעאַטער און אין זעלבן יאָר שפּילט נאָך ל. אין לאַטיינערס „די גרינהאָרנס" און

דעם 9 מאַי 1889 טרעט זי אויף אין זעלבן טעאַטער אַלס „יהודית" אין גוטצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". אין אַ נאָטיץ וועגן דער אויפפירונג פון דער פיעסע, שרייבט ווידער „דער פאָלקסאַדוואָקאַט": „יעדער באַזוכער דעס יודישן טעאַטערס דער נור עטוואָס פאָן דער דראַמאַטישן קונסט פערשטייט מוז צוגעבן דאַז מרס. ליפצין די בעסטע טאַלאַנטפאָלסטע אונד טרייעסטע דראַמאַטיסטין איז, אונד אונטער בעסערער לייטונג דער יידישער בינע קענטע זי לייכט איינען הערפאָראַגענדן נאָמען אַלס אַרטיסטין אויך אויסערהאַלב יידישן קרייזן ערווערבן. מרס. ליפצין פערדינט די פאָלע סימפּאַטיע דעס פובליקום אויך דאַמיט דאַס זי אירע פליכט אַלס שוישפילערין אַם טרייסטן ערפילט אונד זייער שווער אויף דער בינע אַרבייטעט".

צו איר בענעפיס אין פולס-טעאַטער דעם 22 מאַי 1889 טרעט אויף ל. אין לאַטיינערס „דאָס 5-טע געבאָט, אָדער, כבוד אב". דעם 2 מאַי 1890 שפּילט זי אין ניו-יאָרק די דאָפּל-ראָל „רחל און לאה" אין דער פיעסע מיטן זעלבן נאָמען פון דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן [אַפּנים אַ פּיקטיווער נאָמען, ענלעך צו „פּראָפעסאָר יאַקאָבי אויס לאָנדאָן"].

ריכטיק באַמערקט מ. אָשעראָוויטש: „עס איז איצט שווער פעסטצושטעלן וואָס פאַר אַן ערפאָלג אָדער וואָס פאַר אַ דורכפאַל אַן אַקטיאָר האָט געהאַט אין יענער צייט. קיין יידישע טעאַטער קריטיק איז נאָך דאַמאָלט אין אַמעריקע נישט געווען. ...און דערפאַר איז שווער פעסטצושטעלן לויט שריפטלעכע דאָקומענטן מיט וואָס און ווי אַזוי די ערשטע יידישע שוישפּילער אין אַמעריקע האָבן אויסגענומען אָדער נישט אויסגענומען ביים עולם". דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַרוואָס ל., שפּילנדיק דעם דאַמאָלטיקן רעפּערטואַר, האָט נישט קיין געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען און צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

לויט ל. עלבע האָט „גאָרדין זי דאָס ערשטע מאָל געזען שפּילן אין „רחל און לאה" און ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן וואָס אַזאַ קראַפט ווערט פאַרשווענדעט אין אַזוינע שונד-פיעסעס. . .דער ערשטער טעאַטראַלער זיווג צווישן גאָרדין און מאַדאַם ליפצין איז געשען אין גאָלדפאַדענס „משיחס צייטן" [5 אָקטאָבער 1892]. גאָרדין האָט אין דיזער פיעסע צוגעשריבן אַ ספּעציעלע ראָלע פאַר מאַדאַם ליפצין „האַנדזע", אַ דינסט-מיידל. [אין יאַנואַר 1894 איז ל. אויפגעטראָטן ווידער מיט „דעבאָראַ" און דעם 18 אויגוסט 1894 האָט זי געשפּילט „אָפעליאַ" אין טאָמאַשעווסקיס אויפפירונג פון שעקספּירס „האַמלעט".] שפּעטער [15 סעפּטעמבער 1894] איז זי אויפגעטראָטן אַלס „רבקהלע" אין „די ברידער לוריע" [פון יעקב גאָרדין. רעזשי — באָריס טאָמאַשעווסקי]. זי האָט דיזע ראָלע געשפּילט אַזוי גוט, דאָס זי איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון דער פיעסע".

ערשט ווען ל. האָט — לויט ב. גאָרין — „חתונה געהאַט פאַר אַן אַרויסגעבער פון אַ טעגלעכער צייטונג [מייקל מינץ פון „דער טעגלעכער העראָלד"] און הגם יידישע צייטונגען זיינען דאַמאָלט געווען זייער אין אַן אָרימען צושטאַנד, איז איר לאַגע דאָך געוואָרן אַזאַ, אַז זי האָט נישט געדאַרפט זיין אָפּהענגיק פון דעם טעאַטער. מיט דער הילף פון איר מאַן איז איר געלונגען צו נעמען אויף אַ וואָך צי צוויי אַ טעאַטער און אויפפירן אַזעלכע פיעסעס ווי זי אַליין האָט געוואָלט, נישט דאַרפנדיק זיך רעכנען מיט דעם געשמאַק פון דעם פובליקום און מיט דער קאַסע. אַזוי ווי גאָרדין איז געווען דער איינציקער שרייבער, וואָס האָט געקאָנט שאַפן אַ בעסערע פיעסע און וואָס האָט געקאָנט מאַכן די רעפּוטאַציע פון אַ שוישפּילער, האָט זי אָנגעהויבן אויפצופירן פון צייט צו צייט זיינע דראַמען. זי האָט נישט געקאָנט שטעלן קיין סך פיעסען, נאָר דערפאַר האָט זי געהאַט די מעגלעכקייט, אַ דאַנק איר אויסעראָרדענטלעכער לאַגע, צו מאַכן די ווייניקע פיעסען אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי האָבן צו זיך געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשאַפט אַ קליינעם רעפּערטואַר און דער געווינס איז געווען אַ קעגנזייטיקער. איר נאָמען איז פאַרבונדן געוואָרן מיט דער גאָרדינישער דראַמע און פאַר גאָרדינען האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע וויכטיקע עפּאָכע פון זיין שאַפן". „אָבער — דערציילט ווייטער ב. גאָרין — די מענעדזשערס [פאַרוואַלטערס] האָבן נישט געוואָלט ליידן, וואָס מינץ קומט אין טעאַטער מיט אַ ברייטער דעה, און דער פועל יוצא איז געווען, אַז באַלד האָט זי נישט געקאָנט באַקומען קיין אַנגאַזשמענט אין קיין שום טעאַטער. מינץ פלעגט דאַן פאַר איר, יעדעס מאָל ווען עס זיינען געווען שלעכטע געשעפטן אין טעאַטער, דינגען פאָרשטעלונגען און זי פלעגט אַזוי-נאָך טיילמאָל אַרויסטרעטן".

וועגן זעלבן ענין שרייבט ב. באָטווינניק: „איר הייראַט מיט מינצן האָט זי שנעל פּאָפּולער געמאַכט, ווייל מינץ האָט פּשוט אויפגעטרייסלט די וועלט מיט זיין קעניס טאַלאַנט. מען זאָגט, אַז ליפצין האָט געהאַט דערפאָלג צוליב איר טעמפּעראַמענט, צוליב איר פייערדיקן שפּילן. דאָס איז אָבער נאָך נישט די איינציקע אורזאַכע פון איר דערפאָלג. די הויפּט-אורזאַכע איז, דאַכט זיך, געווען דאָס מייקל מינץ איז געווען דער פייערדיקסטער מענטש צווישן אַלע מענטשן, דער טעמפּעראַמענטפולסטער און פעאיקסטער אַדווערטייזמענט [אַנאָנסן]-אַגענט פון אַלע אַגענטן און זיין גאַנצן פלאַם און פייער האָט ער אויסגענוצט בלויז צוליב אַדווערטייזן זיין קעני ליפצין. . .ער האָט זיך פאַרפּאַונט [פאַרמשכנט] און פאַרשולדיקט און אויפגעקויפט פיעסען ספּעציעל פאַר איר, זיין קענין. אַז ער האָט דערזען, אַז יעקב גאָרדין איז דער סוקסעס פון דער יידישער דראַמען-שרייבעריי, האָט ער אויסגעכאַפּט ביי גאָרדינען די בעסטע ראָלן פאַר ליפצינען. ...און געקויפט האָט ער ביי גאָרדינען די פיעסען מיט דעם אויסשליסלעכן רעכט פאַר מאַדאַם ליפצין. קיינער האָט עס נישט געטאָרט שפּילן. און אַז מינץ האָט דערזען, אַז די פּרעסע שרייבט נישט גענוג וועגן זיין קעני ליפּצין, האָט ער זיך אַליין גענומען צום אַרויסגעבן אַ צייטונג [מינץ האָט באמת נאָך פריער אַרויסגעגעבן די צייטונג. ער האָט נאָר אין דער צייטונג געגעבן אַ סך נאָטיצן און רעצענזיעס וועגן ל.] און די צייטונג האָט געפלאַקערט און געלויכטן בלויז מיט מאַדאַם ליפצין און אַז מאַדאַם ליפצין האָט געוואָלט האָבן אַליין אַ טעאַטער און זיין אַליין די בעל-הביתטע, האָט עס מינץ פאַר איר דאָקאַזשעט [באַוויזן צו טאָן]".

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „מאַדאַם ליפצין איז דאַן געווען די רייכסטע יידישע שוישפּילערין. זי האָט, אמת, נישט געהאַט דאַן די בריליאַנטענע ראָלן פון גאָרדיקס פיעסען אין איר רעפּערטואַר, דערפאַר אָבער איז זי געווען באַהאָנגען מיט בריליאַנטן און דזשולערי [צירונג]. זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ ליאַלקע ווען איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל: נישט הויך, מיט קליינע פיסעלעך און שיינע שיכעלעך מיט גרויסע קנאַפּלעך, געגרעדט גיך-גיך און זייער באַ'טעמ'ט, וואונדער-שיין געקליידט, ריין און ציכטיק, גרויסע דורכדרינגלעכע אויגן און זייער רירעוודיק".

אין 1896 איז ל. אויפגעטראָטן אין „מעדעאַ“ פון גרילפּאַרצער, וואָס יעקב גאָרדין האָט פאַר איר ספּעציעל באַאַרבעט.

דעם 26 אָקטאָבער 1896 איז זי אויפגעטראָטן אַלס „קאַמעליענדאַמע“ פון דיומאַ (איב. פון בוקאַנסקי) און אין 1897 אַלס „דיווילדע פּרינצעסין, אָדער, מעדעאַס יוגנט“, וואָס גאָרדין האָט פאַר איר ספּעציעל געשריבן נאָך איר גרויסן דערפאָלג אין „מעדעאַ“. וועגן איר שפּילן אַלס „מעדעאַ“ און אין „מעדעאַס יוגנט“ שרייבט לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות: „זי איז אַזוי ווי געבוירן געוועזן פאַר אַזוינע טראַגעדיעס ווי „מעדעאַ“. זי האָט פאַר דעם געהאַט דעם קלאַסיש-מעלאָדעקלאַמאַטאָרישן טאָן, דעם טעמפּעראַמענט, טראַגישן בליק און דעם געשריי. ...די ליידנשאַפט אַליין, די פּרימיטיווע אינגאַנצן נאַקעט ווי ערשט פון נאַטורס פייערדיקן קוואַל אַרויס, האָט זיך מעדעאַ-ליפּצין פאַר די אויגן געטראָגן. און ווען זי פאַרלירט אים [יאַזאָן] . . נישט אַ פאַרצווייפלטע פרוי האָט דאָס געשריגן, נישט אַ ליידנשאַפטלעך-פאַרליבטע פרוי האָט דאָס געיאָמערט, וועלכע האָט איר געליבטן פאַרלוירן, נאָר דער סאַמע אוריקוואַל פון פאַרצווייפלונג און פון ליידנשאַפט האָט דאָס געשריגן און געיאָמערט“.

אַ נייַ קאַפּיטל אין ל׳ס קאַריערע בילדעט דער 19 אויגוסט 1898, ווען זי איז אין טאַליאַ-טעאַטער אויפגעטראָטן אין יעקב גאָרדינס „די יידישע קעניגין ליר, אָדער, מירעלע אפרת“ [שפּעטער איז דער ערשטער נאָמען פון דער פּיעסע אינגאַנצן באַזייטיקט געוואָרן]. מיט דערדאָזיקער ראָל האָט ל. זיך קונה שם געווען און אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ באַדייטנד אָרט אין דער יידישער טעאַטער-וועלט. זייער אָפט האָט מען זי אידענטיפיצירט מיט דערדאָזיקער ראָל.

יואל ענטין באַמערקט : „...די פּיעסע איז אַנטשטאַנען אויפן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון דער מאַדאַם ליפּצין, וועלכע האָט געוואָלט אַרויסטרעטן פאַרן עולם אַלס די ווייבלעכע דוד משהלעס, אַלס די ווייבלעכע אַדלער [יעקב פּ. אַדלער האָט דאַמאָלט געשפּילט די ראָל „דוד משהלעס“ אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר“]. עס איז געווען דער יידישער ראָמאַנטיזם, קראַפט און די יידישע שיינקייט, וועלכע האָבן די אַרטיסטין געדרייצט און געלאָקט“.

באַלד נאָך דער אויפפירונג פון דער פּיעסע איז דער „טעגלעכער העראָלד“ אַרויס אויף דער ערשטער זייט מיט אַ רעצענזיע. דער אַנאָנימער רעצענזענט שרייבט וועגן ל.׳ס שפּילן : „אָבער מיר באַמערקן, דאָס מאַדאַם ליפּצין האָט אויך, צום ערשטן מאָל, געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוצייגן איר פאָלשטענדיקן טאַלאַנט און זשעני. מיר האָבן אין איר געזען מירעלע אפרת, די שטאָלצע, איידעלע, גוטע, ליבנדע און סימפּאַטישע ליידענדע פרוי, וועלכע האָט אונז באַלערט, אונטערהאַלטן אונד אַרויסגעריסן טרערן פון אונזערע אויגן. מיט איינעם וואָרט, מאַדאַם ק. ליפּצין, איז, אָהנע צווייפל, די גרעסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין פון אונזער בינע“.

אב. קאַהאַן, בעת זיין קאַמף קעגן גאָרדינען, שרייבט, אַנאַליזירנדיק די פּיעסע „מירעלע אפרת“ : „אויפן סטיידזש [בינע] ווערן גענייסטע אומאָנגענעמע איינדרוקן צוגעדעקט דורך מיסעס ליפּצינס פּרעזענלעכער האַלטונג. ...מען דאַרף לעזען דעם ביכל, נישט זען ווי מיסעס ליפּצין פאַרגלעט אים אויפן סטיידזש אום זיך צו ערקענדיקן וואָס פאַר אַ מין מיש-מאַש די מירעלע [„מירעלע אפרת“] איז“. און אין אַ רעצענזיע וועגן קאַמינסקאַס שפּילן אין

אַמעריקע [1911] די זעלבע ראָלע, שרייבט ער : „מאַדאַם ליפּצין אויף איר שטייגער שאַפט אַ בעסערע מירעלע ווי מאַדאַם קאַמינסקי אויף איר שטייגער. ...מיסעס ליפּצינס מירעלע איז נישט קיין יידישע יידענע. איר שטאָלץ, איר גוטמוטיקער הומאָר, איר הערשענדער גייסט, איר פּראַקטישער שכל – דאָס אַלץ שמעקט נישט מיט ליטע, נאָר מיט שעקספּיר. זי איז נישט שטאָלץ ווי אונזערע אַ יידענע, נאָר מיט אַ קעניג לירישער שטאָלצקייט. זי גייט אויף דער בינע נישט ווי אַ הערשענדע, רייכע גראָדנער אָדער בערדיטשעווער אשת חיל, נאָר ווי אַ קעניגין (אַ קעניגין גייט דאָך אייגנטלעך אויך ווי אַ מענטש, נאָר אין קלאַסישע פאָרשטעלונגען איז שוין אָנגענומען, אַז אַ קעניג דאַרף גיין מיט „קלאַסישע“ טריט). אויך רעדט זי איר יידיש מיט „קלאַסישע“ טענער. אָבער ווען איר זאָלט דאָס אַלעס אויף אַ ווײַלע מוחל זיין, מוזט איר צוגעבן, אַז מאַדאַם ליפּצין שאַפט אַ העלען געשטאַלט, זאָל זיין אַ קלאַסישע מירעלע, אָבי אַ מירעלע. זי מאַכט אייך וויינען, זי ערוועקט אין אייך אַלע געפילן, וואָס דער פאַרפאַסער האָט געהאַט אין זינען צו ערוועקן“. און אין זיינע זכרונות באַמערקט ער נאָך צו דעם זעלבן ענין : „...מאַדאַם קאַמינסקיס נאַטירלעכע טענער זיינען אין איר נישט געווען אַזוי ערפאָלגרייך ווי מאַדאַם ליפּצינס „אויפגעהויבענע“ אָבער איינדרוקספולע דעקלאַמאַציע. ריידן איינפאַך, מיט דעם נאַטירלעכן געשפּרעך-נגון פון לעבעדיקע מענטשן, האָט מאַדאַם ליפּצין נישט געקאָנט, אָבער אויף אַ נישט-רעאַליסטישן שטייגער איז זי געווען אַ גלענצענדע אַרטיסטין, מיט אַ פלאַמענדן טעמפּעראַמענט, מיט איינבילדונגס-קראַפט, מיט אַ קלינגענדער עפעקטנער שטימע און מיט אַ מערקווירדיק קלאָרער און דורכדרינגענדער אויססמראַך. אין דער טעכניק פון דער בינע, אויף די מעכאַנישע מיטלען, וועלכע העלפן אין אַ מעלאָדראַמאַטישן שפּילן – אויף דעם איז זי געוויס געווען מער בריה ווי די גאַסטראָלירנדיקע שוישפּילעריק. ...מעלאָדראַמאַטיש איז אויך געווען דער עיקר פון איר „מירעלע אפרת“, אָבער וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועגן די פעלערן פון איר שפּילן אין דיזער פּיעסע, איר „מירעלע“ איז געווען איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן, וואָס זיינען ווען עס איז געשאַפן געוואָרן אויף אַ יידישער בינע“.

אַלס „מירעלע אפרת“.

אַן ענלעכע מיינונג זאָגט אַרויס לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות: „אפילו אין „מירעלע אפרת“, איר בעסטע ראָל אין די לעצטע יאָרן, איז זי אויך געווען מער קלאַסישע טראַגעדיסטין איידער רעאַליסטישע שוישפּילערין און ווייל דידאָזיקע ראָל אַליין, נאָך מיין מיינונג, האָט נישט ווייניק פון דעם טאָן פון דער קלאַסישער טראַגעדיע, האָט ליפּצין דערפאַר זיך אַזוי באַזונדערס אויסגעצייכנט אין איר“.

ל. אַליין האָט וועגן דער ראָל זיך אויסגעדריקט : „מירעלע אפרת האָב איך געשפּילט איבער 1500 מאָל. דאָס איז אַ געוואַלטיקע זאַך פאַר אַ שוישפּילער. ...פונדעסטוועגן איז מיר קיינמאָל נישט געווען איבערדריסיק צו שפּילן „מירעלע“. שטענדיק מיט מורא

געשפּילט, גלייך ווי צום ערשטן מאָל ווען גאָרדין איז געזעסן אין באָקס [לאָזשע]".

דעם 24 סעפּטעמבער 1898 טרעט ל. אַרויס אין טאַליאַ-טעאַטער אין דער געזאַנג-ראָל „יהודית" אין דער אָפּערעטע „יהודית און אלפרנוס", דערנאָך גאַסטראָלירט זי אין פילאַדעלפיע און אין באָסטאָן. דעם 6 יאַנואַר 1899 שפּילט זי ווידער אין ניו-יאָרק אַ נייע ראָל — „מאַדליין" אין אָקטאַוו מירבאָס „די שלעכטע פּאַסטוכער" [מיט יאָרן שפּעטער דערשינען אין ווילנע אין אַן אַנדערער יידישער איבערזעצונג א׳נ „זשאַן און מאַדלענאַ"], וועלכע יעקב גאָרדין האָט ספּעציעל פאַר איר באַאַרבעט. אין זעלבן יאָר איז זי אויפגעטראָטן אַלס „אסתרקע" אין יעקב גאָרדינס „די שחיטה", וועלכע האָט נאָך פאַרגרעסערט איר פּאָפּולאַריטעט, און דעם 29 נאָוועמבער 1900 — אין יעקב גאָרדינס „די שבועה, אָדער, ראָניע די פּאָטשטאַרקע", וועלכע איז געבליבן איינע פון אירע בעסטע ראָלן. אין אָקטאָבער 1901 גיט זי 7 פאָרשטעלונגען אין טאַליאַ-טעאַטער און טרעט אַרויס דעם 18 אָקטאָבער 1901 אין גאָרדינס באַאַרבעטונג „דער ממזר, אָדער, לוקרעציאַ באָרדושא" פון וויקטאָר הוגאָ.

וועגן ל׳ס טעטיקייט אין יענער צייט שרייבט לעאָן קאָברין אין זיינע זכרונות: „דידאָזיקע פאָרשטעלונגען אירע זיינען שטענדיק געווען אַ יום-טוב פאַר דעם אינטעליגענטערן קלאַס טעאַטער-באַזוכער און אַ הייליקער יום-טוב פאַר איר אַליין. אין יענער צייט האָב איך אַ פּאָר מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי זי גרייט זיך צו אַן אויפטריט. אַזאַ מין גרייטן זיך האָב איך צווישן אַקטיאָרן און אַקטריסעס נאָך ביי קיינעם נישט געזען. ...האָט זי זיך גענומען גרייטן צו אַן אויפטריט, דאַן איז זי גאָר געוואָרן אַן אַנדערע. אויס בעל-הביתטע, אויס הויז. זי האָט גאָרנישט מער באַמערקט אין הויז. קיינער און קיין זאַך האָט מער פאַר איר נישט עקסיסטירט, אויסער איר ראָל און איר פּיעסע. אירע אויגן האָבן מיטאַמאָל אַן אַנדער אויסדרוק אָנגענומען, אַזוי ווי זיי וואָלטן געקוקט אין אַן אַנדער וועלט אַריין. און גערעדט האָט זי אויך נאָר וועגן יענער וועלט, וואָס זי האָט אין איר פאַנטאַזיע געזען און אין וועלכער זי האָט זיך אַלץ מער און מער איינגעלעבט מיט איר נשמה, מיט יעדן געפיל און געדאַנק אירן. „גאָט, גיב מיר כחות — האָט זי דאַן גערעדט מיט פרומקייט אין קול — אַז איך זאָל קאָנען אַרויסברענגען די ראָל אַזוי ווי גאָרדין האָט זי פאַר מיר אָנגעשריבן. ...אַ ראָל, זעט! כמעט אַ גאַנצער בוך, דריי פערטל פון דער גאַנצער פּיעסע האָט ער פאַר מיר אָנגעשריבן. געזונט זאָלן זיין זיינע הענט און זיין קאָפּ!" — האָט זי פאַר איר פאַרגעטערטן מייסטער אויך גאָט געבעטן. אַזוי האָט זי געשפּילט אויך אויף די פּראָבן אינם טעאַטער — אינגאַנצן פאַרטאָן פאַרשוואונדן אין איר ראָל, ביז זי איז אויפגעטראָטן".

אין סעזאָן 1901-02 טרעט ל. אַרויס אויך אין גרענד-טעאַטער אַלס „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ" אין יצחק זאָלאָטאַרעווסקיס „רעזורעקציאָן", אַ דראַמאַטיזירונג פון גראַף טאָלסטאָיס ראָמאַן „תחית המתים", און אין סעזאָן 1902-03 שפּילט זי (נאָך בערטאַ קאַליש) יעקב גאָרדינס דראַמע „די יתומה" [באַקאַנט אַלס „כאַסיע די יתומה"], וועלכע ווערט איינע פון ל.׳ס בעסטע ראָלן.

דעם 4 נאָוועמבער 1904 טרעט אויף ל. אין טאַליאַ-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פון דוד פּינסקיס „די מוטער" און אין 1905 — אין טאַליאַ-טעאַטער אַלס „בערטאַ" אין יעקב גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער" און אויך די ראָל ווערט איינע פון די וויכטיקסטע אין איר גאָרדין-ציקל. „ווען גאָרדין האָט אָנגעשריבן „דער אומבאַקאַנטער — האָט זי זיך אויסגעדריקט פאַר אליהו טענענהאָלץ — האָט ער די פּיעסע פאָרגעלעזן פאַר אַן אַנדער[ער] יידישע[ר] אַקטריסע, אַ חוץ מיר. ווען ער האָט געענדיקט לעזן, האָט יענע אַקטריסע נישט געוואָלט נעמען די פּיעסע. זי האָט נישט געוואָלט שפּילן די הויפּטראָלע „בערטאַ", ווייל „בערטאַ" איז אַ האָרבאַטע מיידל. ...אָבער איך האָב מיט פאַרגעניגן גענומען שפּילן די „האָרבאַטע פּיעסע". איך האָב באַלד, ביים לעזן, דערפילט די טראַגעדיע פון בערטאַן, פון דער אומגליקלעכער האָרבאַטע[ר] מיידל. מיר איז אפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז מען מוז ערשיינען פאַרן פּובליקום דוקא נאָר אין „שיינע" ראָלן. מיר איז דער עיקר דער כאַראַקטער, די נשמה פון מיינע העלדינס, וואָס איך שפּיל, און נישט דער אויסערלעכער גלאַנץ, וואָס איז פאַלש".

דעם 26 נאָוועמבער 1905 טרעט אויף ל. אין „די ווילדע" פון ז. ליבין. צו יענער צייט האָט מייקל מינץ, דער מאַן פון ל., געהאַט דאָס טאַליאַ-טעאַטער אין ניו-יאָרק בלויז פאַר די זונטאָגטעג און אַ גאַנצע וואָך פלעגט די טרופּע מיט ל. אַרומפאָרן שפּילן טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון עדווין ע. רעלקין, אין דער פּראָווינץ.

דעם סעזאָן 1906-07 שפּילט שוין ל. סטאַביל אין ניו-יאָרק און אויסער אין איר אַלטן רעפּערטואַר טרעט זי אויף, דעם 21 אָקטאָבער 1905, אין „טערעזאַ ראַקען" פון עמיל זאָלאַ און דעם 20 יאַנואַר 1907 אַלס „פנינה" אין יעקב גאָרדינס „אויף די בערג". אין סעזאָן 1907-08 טרעט זי אויף דעם 6 סעפּטעמבער 1907 אין קאַליש [טאַליאַ] טעאַטער אין מ. מ. דאָליצקיס „די חרטה", דעם 27 סעפּטעמבער 1907 אין „די בונדיסטקע" פון ז. קאָרנבליט, דעם 28 נאָוועמבער 1907 — אין סט. פּשיבישעווסקיס „שניי" (איבערזעצט — יעקב ריטשמאַן, רעזשי — ה. שורר) און דעם 5 יאַנואַר 1908 — אַלס „מערי" אין לעאָן קאָבריקס „די מאַכט פון ליבע".

אין אַפּריל 1908 גאַסטראָלירט ל. אין שיקאַגאָ און זאָגט זיך אָפּ אויפצוטרעטן אין שלום אַשס דראַמע „גאָט פון נקמה" (צוליב אַן אָנגריף אויף דער פּיעסע מצד אַן אָרטיקער צייטונג). זי מאָטיווירט אויך איר אָפּזאָג צו שפּילן: „ווייל די ערע, וועלכע איך האָב מיר ערוואָרבן אויף דער יידישער בינע איז מיר צו טייער אַז איך זאָל איר באַשמוצן מיט אַזאַ אוממאָראַלישע פּיעסע". די ערקלערונג רופט אַרויס קעגן איר פּראָטעסטן אין דער פּרעסע.

צום סעזאָן 1908-09 ווערט ל. אייגנטימערין פון לאָנדאָן-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וועלכער ווערט גערופן אויף איר נאָמען „ליפּצין-טעאַטער" [מענעדזשער — איר מאַן מייקל מינץ און דעם ערשטן סעזאָן אויך היינע-חיימאָוויטש] און טרעט אַרויס דעם 19 סעפּטעמבער 1908 אין „סאַלאָמעאַ" פון אָסקאַר אוּאיילד, וואָס ווערט געשפּילט צוזאַמען מיט מאָלנאַרס „דער טייוול". אין זעלבן סעזאָן טרעט זי אַרויס אַלס „חוה" אין יצחק זאָלאָטאַרעווסקיס „די זינדעריך".

אין סעזאָן 1909-10 שפּילט זי אין לעאָן קאָבריקס „די שפּין".

דעם 16 סעפּטעמבער 1910 טרעט זי אַרויס אַלס „הילדאַ" אין הענריק איבסענס „דער בוימייסטער סאָלנעס". וועגן איר שפּילן דידאָזיקע ראָל שרייבט אב. קאַהאַן אין אַ רעצענזיע: „מאַדאַם ליפּצין ווייזט אין דער ראָלע נישט אויס צוואַנציק יאָר. זי קאָן אַזוי נישט אויסזעהן. דער פּאַרוק פון קורצע האָר, די פאַרב און דער סוטל [קאָסטיום] העלפן נישט. הקול קול מירעלע אפרת... אָבער נישט בלויז דער קול. די ...עטאַרבסטע געזיכט און די מאַניערן

זיינען אויך ווייט־ווייט פון צוואַנציק יאָר. אין איר הילדאַ־ראָל קומט איצט מיט איר אייגנטלעך פּאָר דאָס זעלבע, וואָס אין דער פּיעסע קומט פּאָר מיט סאָלנעסן. זי פּרובט זיין יונג איבערגוואַלד און דער רעזולטאַט איז אַ גאַנץ טרויעריקער. ...און די פּיעסע אין אַלגעמיין איז צו הויך פאַר איר. ...קיין שפּור פון אַ הילדאַ איז נישטאָ. מאַדאַם ליפּצין שרייט אַפילו „איך בין אַ פּרינצעסין, איך וויל מיין קעניגרייך”. עס העלפט אָבער אַזוי ווייניק ווי דער פּאַרוק מיט די פאַרב. אָנשטאָט אַ הילדאַ קומט אַרויס אַ נישט־יונגע פּינישערין [שניידערין], וואָס מאַטערט זיך צו זיין יונג”.

דעם 30 סעפּטעמבער 1910 שפּילט זי „פּימקאַ די סיגאַרעטן־מאַכערין” פון וו. א. טראַכטענבערג (איבערזעצט פון מ. קאַטץ) און דעם 17 אָקטאָבער 1910 — אין יצחק זאָלאָטאַרעווסקיס „קאָרטן”, דעם 24 נאָוועמבער 1910 שפּילט ל. אין ר ו ס י ש צוזאַמען מיט א. א. טשערנאָוו אין מאַקסים גאָרקיס „מעשטשאַניע”. דעם 15 נאָוועמבער 1910 טרעט זי אויף אין ל. אַנדרעיעווס „דער אשמדאי” (איבערזעצט פון מ. קאַטץ), דעם 23 דעצעמבער 1910 — אין מ. קאַטצס דראַמאַטיזירונג פון גראַף טאָלסטאָיס „אַננאַ קאַרענינאַ”, דעם 20 יאַנואַר 1911 — אַלס „ליליע” אין זאָלאָטאַרעווסקיס „קינדער, אָדער, פאַר די עלטערנס זינד” [שפּעטער גערופן „ג׳דעמעדזשטע קינדער”], דעם 24 פעברואַר 1911 — אַלס „בערטאַ” אין נ. ראַקאָווס „די גנבטע”, דעם 13 אַפּריל 1911 – אין אברהם שאָמערס „אויפן ים און עליס איילאַנד” און נאָך אין זעלבן סעזאָן – אין זאָלאָטאַרעווסקיס „ערלעך באַצאָלט”.

אין סעזאָן 12־1911 שפּילט זי זייפערטס „פרייע ליבע” און, צוליב די גאַסטראָלן פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין איר טעאַטער, גאַסטראָלירט זי אין אַנדערע טעאַטערס. דעם 8 דעצעמבער 1911 קערט ל. צוריק אין איר טעאַטער מיט זאָלאָטאַרעווסקיס „די עגונה”, טרעט אויף דעם 26 יאַנואַר 1912 אין גרשון זייקיקס „ליבע אָדער רייכטום” און דעם 2 אַפּריל 1912 אין ז. קאָרנבליטס „איר ערשטע זינד”.

די געשעפטן אין איר טעאַטער ווערן שלעכטע און מייקל מינץ באַגייט דעם 14 אַפּריל 1912 זעלבסטמאָרד. ל. רייסט איבער איר שפּילן אין ניו־יאָרק און פאָרט ווידער איבער דער פּראָווינץ.

דעם 30 אויגוסט 1912 עפנט ל. ווידער איר טעאַטער מיט ז. קאָרנבליטס „גלייכע רעכטע”, דעם 25 סעפּטעמבער 1912 שפּילט זי אין משה ריכטערס „ליבענדע הערצער” און דעם 25 אָקטאָבער 1912 „די מוטער” אין ראַקאָווס „דער גענגסטער”. צוליב קראַנקהייט רייסט ל. איבער איר שפּילן און טרעט אויף ערשט דעם 10 יאַנואַר 1913 אַלס „ביילע די דרעסמייקערין” אין ז. קאָרנבליטס „דאָס געטלעכע ליד” און דעם 7 מערץ 1913 אַלס „רחלע” אין ז. ליבינס „אַ מאַמעס נקמה” און פאָרט דערנאָך, אונטערן מענעדזשמענט פון עדוו ע. רעלקין, איבער דער פּראָווינץ, שפּילנדיק כמעט בלויז אין גאָרדין־רעפּערטואַר.

דעם 28 אויגוסט 1914 האָט ל. אָנגעהויבן שפּילן ביי טאָמאַשעווסקין אַלס „אָלגאַ” אין דימאָווס „מלחמה”, האָט דערנאָך איבערגעשפּילט איר אַלטן רעפּערטואַר און, פאַרלאָזנדיק טאָמאַשעווסקיס טרופּע, ווידער זיך געלאָזט אויף אַ טור איבער דער פּראָווינץ.

דעם 30 מערץ 1915 איז ל., צוזאַמען מיט דזשייקאָב קאָן, אַריינגעטראָטן אונטער רעלקינס דירעקציע אין האַרלעמער לענאָקס־טעאַטער און דאָ אויפגעטראָטן אַלס „עמאַ” אין משה ריכטערס „איר ערוואַכונג” [„צו שפּעט”] און געשפּילט מיט דער זעלבער טרופּע דעם 22 אָקטאָבער 1915 אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער.

וועגן יענער צייט דריקט זיך אויס ל. אין אַן אַרטיקל „דאָס טהעאַטער פּובליקום דאָ און אין קאָנטרי” (אין „דיא וואַרהייט” פון 5 דעצ. 1915): „איך האָב די לעצטע פּאָר יאָר, זינט דעם טויט פון מייקל מינץ, זייער פיל דורכגעלעבט. מינץ האָט זיך דערשאָסן פאַר שרעק צוליב באַנקראָט. איך בין געווען אַ שוואַכע פרוי, אָבער איך האָב געקראָגן אַ „מירעלע אפרת”־גייסט אין מיר אין ווירקלעכן לעבן און בין אַרומגעפאָרן איבער אַלע שטעט און געשפּילט גוטע פּיעסען און — יעדער סענט פון די צען טויזנט דאָלאַר שולדן, וואָס מינץ האָט געהאַט, האָב איך אויסגעצאָלט. אָבער יעצט בין איך היימלאָז — אָן אַן אייגענעם טעאַטער, און עס וואָלט זיך אַזוי וועלן שפּילן אין גוטע ערנסטע דראַמען. ...מיט דעם טויט פון מיין מאַן, מייקל מינץ, בין איך געבליבן עלנט און איינזאַם, און מיין איינציקער גענוס, מיין איינציקער גליק איז נאָר די בינע. דאָך מוז איך אָפט זיצן מאָנאַטן ליידיק, ווייל איך האָב נישט מיין אייגענעם טעאַטער, וואו איך זאָל קאָנען אויסדריקן מיינע געפילן. מיין וואונטש איז דאָך אימער [שטענדיק] נאָר געווען צו שפּילן אין ערנסטע, ליטעראַרישע דראַמען. און איך וויל ערקלערן אַ מאָדנע זאַך: אין קאָנטרי האָט מען אפשר מער ליב אַן ערנסטע פּיעסע ווי אין ניו־יאָרק. אַז איך שפּיל אין קאָנטרי אַמאָל אַ דראַמע נישט קיין העכסט־ליטעראַרישע [ל. מיינט גאָרדינס], וויל עס דאָס פּובליקום נישט ליידן”.

דעם 24 דעצעמבער 1915 טרעט ל. אַריין אונטער רעלקינס דירעקציע אין ניי־געעפנטן ספּונער־טעאַטער אין בראָנקס, וואו זי בלייבט נאָר עטלעכע טעג און דעם 7 יאַנואַר 1916 טרעט זי אויף ווידער אין ליבערטי־טעאַטער אַלס „פראַניע” אין אָסיפּ דימאָווס „צווישן פעלקער”, דעם 26 מאַי 1916 טרעט זי אויף אין קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אין זאָלאָטאַרעווסקיס „דאָס רויטע ליכט”, דעם 21 פעברואַר 1917, אין זעלבן טעאַטער — אַלס „פריידל” אין משה שאָרס „מלחמה־מאַמעס” און פאַרענדיקט איר בינע־טעטיקייט דעם 11 יאַנואַר 1918 אין זעלבן טעאַטער אַלס „ראָזאַ” אין שיינע־רחל סימקאָמפּס „אַ נאָמען נאָך דער מאַמען”.

נאָך אין 1917 איז ל. צוויי מאָל אָפּערירט געוואָרן און נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, האָט זי ווייטער, אין קראַנקן צושטאַנד, געשפּילט ביז אין מיטן 1918. אין יולי 1918 האָט דער אַקטיאָר אליהו טענענהאָלץ, אויפן גרונד פון שמועסן מיט איר, פאַרצייכנט אין „דיא וואַרהייט” אייניקע עפּיזאָדן פון איר לעבן. די לעצטע טעג פון איר קראַנקהייט איז זי געווען באַוואוסטלאָז.

דעם 28 סעפּטעמבער 1918 איז ל. געשטאָרבן און איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וואַשינגטאָן־בית־עולם אין ניו־יאָרק. איר לויה איז געווען אַ גרויסע, אָבער דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ הספד, איז געווען אברהם שאָמער.

איר רייכע קאָלעקציע באַקומענע מתנות איז צוגענומען געוואָרן פון איר פאַמיליע. דאָס טעאַטער, וואָס האָט געטראָגן איר נאָמען, „ליפּצין־טעאַטער”, איז באַלד נאָך איר אַרויסטריט פון דאָרט, געענדערט געוואָרן אויף פּיפּלס־טעאַטער, אָבער דער נאָמען ליפּצין איז איינגעקריצט אין זכרון פון יידישן טעאַטער־עולם אין אַמעריקע, וועלכער באַטראַכט זי ביז היינט אַלס איינע פון די באַדייטנסטע יידישע שוישפּילערינס און כמעט די איינציקע טראַגיקערין אויף דער יידישער בינע.

ווען אירע לעצטע יאָרן ביים טעאַטער שרייבט לעד פענסיל [ב. באָטווינִיק]: „אַזוי ווי זי איז געוואָרן אַלט און קראַנק, איז זי געוואָרן עלנט. איר „וועלוועלע", איר מאַן איז שוין לאַנג נישט געווען. אַלע פּאַטריאָטן זיינען פון איר אַוועק, און זי איז געוואָרן קאַפּריזנע, נערוועז און אַבערגלויביש. זי פלעגט חלשן ביים שפּילן, ווען מען פלעגט איר נישט געבן אַזוי שנעל אַ פּאַרוק אָדער אַ קלייד. זי פלעגט מאַכן סקאַנדאַלן, ווען מען פלעגט איר געבן אַ ביכעלע מיט בלויע טאָוולען צום שפּילן אָנשטאָט מיט רויטע טאָוולען. רויט איז מזלדיק — אַזוי האָט זי געטענהט. אַז זי פלעגט ווערן קראַנק, אָדער אירע אַ פאָרשטעלונג איז נישט געווען באַזוכט, פלעגט זי טענהן, אַז מען האָט אַן עין־רעה געגעבן. איר קראַנקהייט, פון וועלכער זי איז געשטאָרבן איז געווען אַ ראַק. זי איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן עין־רעה. ווען דוד קעסלער האָט זי באַזוכט עטלעכע טעג פאַר איר טויט, האָט זי צו אים געזאָגט: „דו ווייסט, קעסלער, עס האַלט נישט גוט. איך בין אַ פאַרבייאיקע, מען האָט מיר אַן עין־רעה געגעבן און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל מיר אָפּשפּרעכן". ...פאַר די לעצטע יאָר, האָט זי שוין נישט איינמאָל געשפּילט פאַר נישט־גאָר באַזוכטע הייזער, פלעגט זי אַריינפאַלן אין ספּאַזמען, זי פלעגט חלשן און שרייען הארצרייסנד. איר לויה איז נישט געווען אַזאַ גרויסע ווי זי האָט פאַרדינט. איר לעצטע פאָרשטעלונג איז נישט געווען שטאַרק באַזוכט ...דער קברן, וואָס האָט אויסגעשטאַטעט די לויה האָט מיר דערציילט: „מען האָט מיר נישט געלאָזט אויספירן איר פאַרלאַנג, אָבער זי איז געשטאָרבן מיט דעם גלויבן, אַז איר לויה וועט זיין מיט גרויס טאַראַראַם און מיט זעקס פערד. יע, מיט זעקס פערד אין דער לענג — אַזוי האָט זי געוואָלט — איך בין געווען מיט איר שטאַרק באַפריינדעט. מאַנכע מאָל האָט זי געמיינט, אַז איך בין איר „שלמון" [מירעלע אפרתס אָנגעשטעלטער]. ...זי האָט מיך צוגערופן צו איר קראַנקן בעט און זאָגט מיר: „הער נאָר, זיגמונד, דו ביזט אַן ערלעכער מאַן און איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז מיין לויה וועט זיין מיט גרויס פּאַראַד. זעקס פערד זאָלן פירן מיין טויטן וואָגן. דו הערסט, זיגמונד, צו צוויי אין אַ ליין [ריי], דריי פּאָר פערד און שיינע, פיינע פערד, זאָלן מיר פירן איבער סעקאָנד־עוועניו: אַזוי וויל איך. ...זי האָט שוין דאַן קוים גערעדט. מיט די לעצטע קרעפטן האָט זי צו מיר אַרויסגערעדט מיט אַ באַפעלערישן טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט געשפּילט „מירעלע אפרת"."

ווען איר ראָל אין דער יידישער טעאַטער־וועלט שרייבט ב. גאָרין: „מען האָט אַרום די טעאַטער־קרייזן גערעדט, אַז מרס. ליפּצין האָט נישט געקאָנט לייענען און שרייבן, נאָר דאָס איז געווען נישט ריכטיק. עס איז שווער צו זאָגן, ווען זי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. עס איז גרייליך צו גלייבן, אַז דאָס איז געשען, ווען זי האָט שוין געשפּילט אויף דער בינע. נאָר זיכער איז, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין שום עלעמענטאַרע בילדונג. ...נאָר דער אומשטאַנד רעדט נישט קעגן איר, נאָר פאַר איר. אָן אַ שום עלעמענטאַרע בילדונג האָט זי מיט איר אייגענע[ר] קאָפּ, מיט איר איינגעבוירענעם טאַלאַנט, דערשלאָגן זיך צום סאַמע אויבן אָן אין יידישן טעאַטער און יאָרן לאַנג איז זי דאָרטן געווען קעניגין. ...צו איר גרעסטער גדולה האָט זי דערגרייכט אין דער צווייטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן, גראָד ווען זי איז געוואָרן באַזייטיקט פון יידישן טעאַטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערצו האָט פיל מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס זי האָט אין די דערמאַנטע יאָרן געשאַפן זיך אַ קליינעם רעפּערטואַר פון גאָרדינס בעסערע פּיעסן און וואָס זי האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו שפּילן בלויז אין בעסערע דראַמעס. אין יענע יאָרן איז זי געווען די איינציקע אָנערקענטע טראַגעדיסטין אין יידישן טעאַטער, מיט וועלכער די אינטעליגענץ האָט זיך גערעכנט. הגם שוין דאַמאָלט האָט מרס. קאַליש געשפּילט ביי אונז. און צו גאָר די [דער] העכסטע[ר] מדרגה האָט זי דערגרייכט ווען זי האָט אויפגעפירט „מירעלע אפרת". צו איר רום אַלס שוישפּילערין איז צוגעקומען דער גרויסער פאַרדינסט, וואָס אַ דאַנק איר האָט די בעסערע דראַמע געקריגן אַ שטייפערן אָנהאַלט אויף דער בינע. זי האָט אָנגעהויבן אויפצופירן בעסערע שטיקער אויף איר אייגענער רעכענונג אין אַ צייט, ווען פון דער בעסערער דראַמע האָבן זיך אָפּגעטרייסלט אירע קעמפער. דאָס איז געווען אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן, ווען אַדלער האָט אויפגעגעבן זיין קליינעם טעאַטער, וואו מען פלעגט פון צייט צו צייט שפּילן בעסערע שטיקער און עס איז מער קיינער נישט געבליבן, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר דער בעסערער דראַמע. אין יענער צייט האָט מרס. ליפּצין אָנגעהויבן אויפצופירן [נאָר שפּילן, וואָרום אויפגעפירט די פּיעסן האָבן אַדלער, גאָרדין, קעסלער, מאַקס ראָזענטאַל א. א.] איין בעסערע דראַמע נאָך דער צווייטער און האָט זיי אַלץ מער און מער אַריינגעבראַכט אין דער גרויסער מאַסע. זי האָט אויף אַזאַ אופן נישט נאָר איינגעהאַלטן דאָס בעסערע פּובליקום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר איר, נאָר זי האָט דאָסדאָזיקע פּובליקום אַ סך פאַרגרעסערט. און ווען די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך צוריקגענומען צו דער בעסערער דראַמע, האָבן זיי שוין געפונען אַ סך אַ בעסערן באָדן ווי זיי האָבן פריער איבערגעלאָזט.

„מרס. ליפּצין האָט זיך פאַרהאַלטן צו די בעסערע דראַמען מיט אַ באַזונדער[ער] ליבע, וואָס מען האָט נישט באַמערקט ביי די אַנדערע אַקטיאָרן און איר איז געווען פרעמד דער ציניזם, וואָס אַנדערע האָבן אָפט אַרויסגעוויזן צו זיי. זי האָט געלייגט גרויס כבוד אויפן פאַרפאַסער און יעדעס וואָרט, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אָנגעשריבן, איז ביי איר געווען הייליק. זי איז געווען זייער שטאָלץ אויף דעם, וואָס זי האָט אויפגעפירט די בעסערע פּיעסן, פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, אָן אַ שום ענדערונג, און זי האָט אָן שום קנאה געטיילט די מלוכה פון דער בינע מיטן אויטאָר. ...עס קאָן זיין, אַז ווען זי זאָל זיך געווען באַנוגענען מיט די ספּאַזמאַטישע [פּעריאָדישע] פאָרשטעלונגען, וואָס זי האָט געגעבן אין אַ ריי יאָרן, וואָלט זי אַ סך לענגער געבליבן ביי איר גדולה, ווייל ווען זי האָט אויפגעפירט איין פּיעסע אין אַ יאָר, האָט זי געקאָנט זיך בעסער אָפּגעבן מיט אירע ראָלן און געהאַט די מעגלעכקייט צו קלייבן אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיין נאָך אירע קרעפטן, אָבער זי האָט נישט באַגריפן איר געוויינלעכע [צו איינפאַכע] לאַגע, און עס האָט איר געצויגן צו אַן אייגענעם טעאַטער, צו זיין אַליין אַ בעל־הביתטע דעם גאַנצן סעזאָן. און איר שטערן האָט גענומען אונטערגיין, ווען זי האָט געקריגן אַ טעאַטער פאַר זיך.

„ווען זי האָט געדאַרפט שפּילן אין איר אייגענעם טעאַטער יעדן טאָג, האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אָפּגעבן זיך מיט אַ ראָל און נאָך ווייניקער מיט קלייבן אַ פּיעסע. איצט האָט מען זיך שוין נישט געקאָנט רעכנען צי אַזאַ שטיק איז צוגעפּאַסט פאַר אירע קרעפטן. די וויכטיקסטע פראַגע איז געווען צי אַזאַ שטיק וועט נושא חן זיין ביי דער קאַסע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צאַפּלעניש און אַ וואַרפעניש אין איר קאַריערע. עס איז געוואָרן רעכט,

אַז איין וואָך זאָל מען שפּילן איבסענס „בוימייסטער״ און די צווייטע וואָך זאָלאָטאַרעווסקיס „ווייסע שקלאַפין״ און דאָ האָבן זיך באַלד גענומען בולטער אַרויסווייזן די פעלערן פון איר שפּילן.

„„מרס. ליפּצין איז געווען אַ שווערע שוישפּילערין מיט אַ נייגונג צו מעלאָדראַמאַטישקייט. אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן איז דערדאָזיקער סאָרט שפּילן געווען שטאַרק אָנגענומען אין די יידישע טעאַטערס און אַלע סטאַרס אויף דער יידישער בינע האָבן אַזוי געשפּילט. מרס. ליפּצין האָט געהאַט אַ חוש פאַר נאַטירלעכקייט און דאָס האָט איר אויפגעהויבן אויף אַ העכערע[ר] מדרגה. נאָר דערדאָזיקער חוש האָט איר געהאָלפן אין די בעסערע פּיעסען וואָס זיינען געווען נאָך אירע קרעפטן. אָבער ווען זי איז, אַ שטייגער, אַריינגעפאַלן אין אַ ראָל אין „בוימייסטער״, האָט זי גלייך אַרויסגעוויזן איר שוואַכקייט און איר גייסטיקע אומבאַוועגלעכקייט. און ווען זי האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַזעלכע שטיקער ווי „ווייסע שקלאַפין״, האָט זיך איר נייגונג צו מעלאָדראַמאַטישקייט געפונען אין איר עלעמענט. און אויף דער יידישער גאַס האָט זיך שוין באַוויזן אַ נייערער סאָרט שפּילן און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט זיך מרס. ליפּצין גענומען רוקן צום הינטערגרונד. אין די לעצטע יאָרן האָט זי שוין פאַרנומען נישט קיין וויכטיקן פּלאַץ אויף דער בינע. עטלעכע יאָר האָט זי שוין גאָר קיין מקום מנוחה נישט געפונען אין ניו-יאָרק און האָט אַרומגעוואָגלט איבער דער קאָנטרי [פּראָווינץ] און ווען זי האָט געשפּילט אין ניו-יאָרק, האָט זי שוין קיין גרויסע אויפמערקזאַמקייט נישט געצויגן אויף זיך. אין די יאָרן איז איר איינציקער טרייסט געבליבן דער קליינער רעפּערטואַר פון די בעסערע פּיעסען, וואָס זי האָט אָנגעקליבן אין די ניינציקער יאָרן, און ווען זי האָט געשפּילט „מירעלע אפרת״, האָט זי זיך נאָך געפילט אַלס קעניגין פון דער בינע״.

אַב. קאַהאַן שרייבט וועגן איר: „אַ בולטע פיגור אין דעם יידישן טעאַטער-לעבן בכלל און אין דער גאָרדין-גרופּע בפרט איז אויך געווען מאַדאַם ליפּצין. ווען זי איז אויף דער בינע אַרויפגעטראָטן (אין אַדלערס טרופּע, אין זיד-רוסלאַנד), איז זי געווען אַן אַבסאָלוט אומוויסנדע פרוי; און וואָס אַנבאַטרעפט באַקאַנטשאַפט מיט דעם געשריבענעם וואָרט, איז זי אַזוי געבליבן. זאָגאַר אירע ראָלן האָט עמעצער געמוזט לעזן פאַר איר. דאָס האָט אָבער איר נישט געשטערט זיך צו אַנטוויקלען און צו דערגרייכן אַ הויכע שטופע אַלס שוישפּילערין. זי האָט געהאַט כאַראַקטער, אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט און אַ שטאַרקן דראַמאַטישן געפיל. אין איר שפּילן האָט זיך אויך געפילט מער מעלאָדראַמע ווי דראַמע, אָבער אימער שוואונג און קראַפט. ...איינבילדונג-קראַפט האָט זי געהאַט ווייניקער ווי טעמפּעראַמענט. ...מאַדאַם ליפּצין האָט אימער דעקלאַמירט. אויסאַרבעטן אַ כאַראַקטער-ראָלע מיט די פאַרשיידענע שטריכן און שטריכעלעך פון דער ווירקלעכקייט — דאָס איז נישט געווען אין אירע קרעפטן. זי האָט אָבער דעקלאַמירט שיין און איר טעמפּעראַמענט האָט זיך אַרויסגעצייגט אויף דער בינע חנעוודיק און זייער איינדרוקספול״.

און יואל ענטין: „...זי איז דורכאויס ראָמאַנטיק געווען, אָן אַ שיעור פאַנטאַזיע און אייביקעס שטרעבן נאָך יוגנט, שיינקייט, קראַפט און הערלעכקייט. אומבאַוואוסטערהייט האָט איר נשמה אימער אַרויף געשטרעבט, אימער דאָס נידריקע צו דערהויבן, דאָס אָרימע צו באַרייכערן, דאָס מאוסע צו באַשיינען זיך געריסן. אַ שיין פּנים, וואונדער-שיינע אויגן, אַ שיינע פיגור, אַ ווייך-צאַרטע קלינגענדיקע שטימע, אַ נישט-אויסלעשלעכער גלאַנץ, ווייכקייט און ווייבלעכקייט ביז אין די לעצטע טעג. ...זי איז נישט געווען און זי האָט נישט געוואָלט זיין רעאַליסטיש. ...נישט גערעדט האָט זי, נאָר געזונגען, אימער געזונגען, אימער מיט אַן אייגנטימלעכן, איר אַליין געהעריקן, ליידנשאַפטלעך-פאַנטאַסטישן, עפּעס ווי פון שבתי צביס צייטן, דערהאַלטענעם קאַדאַנס ...די פאַרשטאָרבענע האָט אַ סך פרייד, אַן אוצר מיט ליידנשאַפט פאַרמאָגט און זי האָט עס געמוזט אינגאַנצן אַרויסגעבן. זי האָט זיך נאָך ווי ס'איז געקאָנט באַהערשן אין די רואיקע סצענעס, אָבער ווען ס'איז געקומען צו די סצענעס אַרום דעם קלימאַקס, דאָ האָט שוין איר שפּילן פון קיין שום צוים נישט געוואוסט. . .די מאַדאַם ליפּצין האָט אונזער בינע יידישע שיינקייט, אַ גלוטיק-טיפע ליידנשאַפט, אַ מעכטיקן און אַ פאַרביק לירישן ראָמאַנטיזם געגעבן. איר שפּילן איז אַ זעלטענער סינטעז פון קראַפט און שיינקייט, פון דראַמע און פּאָעזיע געווען״.

לעאָן קאָברין דערציילט וועגן איר: „...ווען זי וואָלט געווען ביי די אומות העולם אויף דער בינע און מער געשולט, וואָלט זי זיכער דאָרט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישן די באַרימטע אַרטיסטקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע. ווער ווייסט, אפשר וואָלט זי גאָר געווען אַ צווייטע ראַשעל. ...אַ מערקווירדיקע בעל-הביתטע איז זי געווען אין איר הויז. יעדעס ווינקעלע דאָרט האָט געבלאַנקט און מיט זויבערקייט געאָטעמט. יעדע זאַך האָט געמוזט ליגן און שטיין אויף איר פּלאַץ. די קלענסטע אומאָרדנונג דאָרט האָט איר אויג באַלד באַמערקט. ...האָט זי זיך נישט געגרייט צו אַן אויפטריט, האָבן די געסט מיט איר געקאָנט ריידן וועגן אַלצדינג אין דער וועלט, הגם אינגאַנצן אומגעבילדעט, האָט זי געהאַט אַן אומגעוויינלעכע איינגעבוירענע אינטעליגענץ און מיט פאַרשטענדניש גערעדט אפילו וועגן זאַכן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט איר קונסט. אָבער ס'רוב האָט זי ליב געהאַט צו ריידן וועגן איר ווירטשאַפט. ...זי איז נישט געווען שיין אין פאַרגלייך מיט אונזערע אַנדערע באַרימטע אַקטעריסעס ווי די אַמאָליקע סערע אַדלער, מאַדאַם קאַליש אָדער בעסי טאָמאַשעווסקי. אָבער אין איר אויסזען האָט זי געהאַט עפּעס, וואָס איז אַמאָל מער פון שיינקייט — כאַראַקטער, אייגנאַרטיקייט און וואו נאָר זי האָט זיך נישט געפונען, צווישן וועמען זי איז נישט געזעסן, האָט מען געמוזט באַמערקן די קליינע טונקעלע פרוי מיט דעם כאַראַקטעריסטישן ציגיינער-פּנים און מיט די גרויסע כאַראַקטעריסטיש-טראַגישע אויגן. ...איר האָט אינגאַנצן געפעלט דער פרייער, געזונטער געלעכטער פון אונזערע אַנדערע באַרימטע אַקטעריסעס. ...ליפּציןס געלעכטער איז שטענדיק אויסגעמישט געווען מיט טראַגישע טענער. דערפאַר אָבער האָט קיינע פון יענע דריי אַקטעריסעס נישט געקאָנט היסטעריש אַזוי לאַכן ווי זי האָט דאָס געקאָנט ...דאָרט, וואו דער געלעכטער האָט געדאַרפט זיין אַ פרייער און אַ פייערלעכער, האָט זי אַרויסדעקלאַמירט אַזוי ווי איבערגעוואַלד; האָט זי אָבער געדאַרפט אויסשרייען איר פאַרצווייפלונג און איר ווייטאָג דורך געלעכטער — דאָ איז צו איר קיין גלייכן נישט געווען: אַזאַ געלעכטער האָט פון איר אַרויסגעשלאָגן מיט אַזאַ נאַטירלעכער קראַפט אַזוי ווי אַ שטראָם פון אַ קוואַל. אַ סך פאַרערער האָט זי געהאַט, אָבער דער גרעסטער פאַרערער אירער, יער, וואָס האָט זי פּשוט פאַרגעטערט, איז געווען איר אייגענער מאַן מייקל מינץ״.

אַנדערש שילדערט זי דער שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט מיט איר געשפּילט יאָרן־לאַנג צוזאַמען: „פּונקט אַזוי שטאַרק און גרויס ווי עס זיינען געווען די שוישפּילערישע טאַלאַנטן פון קעסלער, פיינמאַן, אַדלער און מאָגולעסקאָ, אַזוי שוואַך איז געווען דער טאַלאַנט פון מרס. ליפּצין. אַלץ פלעגט ביי איר אַרויס־קומען מעלאָדראַמאַטיש. איר לאַכן, איר וויינען, איר שרייען, איר ריידן אויף דער בינע איז געווען אימער געקינסטלט און זעלטן ווען נאַטירלעך און מען פלעגט זיך וואונדערן פון וואַנען אַזאַ שוואַכע פרוי פלעגט נעמען אַזאַ כח זיך אַזוי אָנצושטרענגען. ...אָבער מרס. ליפּצין האָט, אָן צווייפל, אַ באַדייטנדע ראָלע גע־שפּילט סיי אויף דער בינע און סיי הינטער דער בינע. דאָס איז בלויז דערפאַר, ווייל אַדלער האָט אפילו זיין אייגענער פרוי נישט געוואָלט געבן קיין „טשענס“ [געלעגנהייט], און ער האָט איר אימער פאַרשטעלט אין אַ ווינקל און זי האָט אימער געמוזט שפּילן ביי אים די צווייטע פידל. . .ליפּצין איז דאָך געווען מער פּאָפּולער ווי קאַליש, און זי האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרעסערער שוישפּי־לערין פון איר. אפילו אין אירע ערפאָלגרייכסטע ראָלן האָט מרס. ליפּצין גאָרנישט געשאַפן קיין אָריגינעלעס זי פלעגט בלויז שפּילן אַזוי ווי גאָרדין פלעגט איר פאָרלעזן און עפּעס אייגנס האָט זי גאָרנישט ביינעטראָגן. אין דער הינזיכט פון אומוויסנקייט איז זי און קעסלער געווען ווי אַ צווילינג. זיי האָבן ביידע נישט געקענט לעזן און שרייבן. עס האָט זיי ביידע געפעלט די איינגעבוירענע אינטעליגענץ און די באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע אין אַלגעמיין, אַ חוץ דער יידישער. זי האָט זיך נאָר אונטערשיידט פון קעסלערן מיט דעם, וואָס ווערנד קעסלער פלעגט קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, נישט נאָר אויף זיינע קאָלעגן פון דער בינע, נאָר אפילו אויף שרייבער און דראַמאַטורגען, פלעגט זי, מרס. ליפּצין, פּשוט פאַרגעטערן מענטשן מיט בילדונג און אינטעליגענץ. מילא, פון גאָרדין איז אָפּגערעדט: ביי מרס. ליפּצין אין די אויגן איז קיין גרעסערער ווי גאָרדין נישט געווען אויף דער וועלט. ער איז געווען איר גאָט און זי האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן אים דינען און אים ליבן. אָבער אַ חוץ גאָרדינען האָט זי אויך געאַכטעט און געשעצט יעדן איינעם, וואָס האָט פאַרמאָגט בילדונג און אינטע־ליגענץ. זי האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט דעם שטאַרקסטן אויסדרוק געפונען אין אירע גרויסע, אויסדריק־לעכע אויגן, וואָס פלעגן כמעט אָפּשרעקן דעם עולם. אָבער אפילו די אויגן פלעגן זיין מאַט און אָן טעמפּעראַמענט, ווען זי פלעגט זיין אין אַ גוטער, נישט־קיין אויפגערעגטער שטימונג. אום אַרויס־צוברענגען דעם טעמפּעראַמענט מיט פולן פייער, פלעגט מען זי אויפרעגן און אַריינברענגען אין כעס. נאָר דאַן פלעגט זי קאָנען צייגן און אַרויסברענגען איר טעמפּעראַמענט, און ווען זי פלעגט דאַרפן אויפטרעטן אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע (און אַזעלכע ראָלן האָט זי אימער געהאַט), פלעגט מען שוין געפינען עפּעס אַן אורזאַך זי אַריינצוברענגען אין כעס איידער זי פלעגט אַרויפגיין אויף דער בינע, כדי זי זאָל זיין אויפגערעגט און זאָל קאָנען אַרויסברענגען איר טעמפּעראַמענט; און דער בעסטער און לייכט־סטער מיטל זי אַריינצוברענגען אין כעס איז געווען איר מאַן — מייקל מינץ. קיינער האָט נישט געקאָנט זי אַזוי לייכט אַריינברענגען אין כעס ווי ער. צוליב זיינעם אַ וואָרט, אַ בליק אָדער אַ מינע פון אים, פלעגט זי באַלד אַרויס פון געדולד און פלעגט נעמען פייערן, און אַזוי פלעגט מען זי אָנהאַלטן אין איר אויפגערעגטער שטימונג ביז נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען מען פלעגט מאַכן, אַז זיי זאָלן זיך איבערבעטן“.

מ. ע פון יעקב קאַצמאַן, ס. סאָניעס, וויטאַלי מאַלינאַ, אברהם פיש־קינד, ראובן וויסמאַן און זיינוועל שענקמאַן

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“ I, זז 213-15, II, זז. 205, 159-60, 135-36, 51-52, 49.

דובער שטיינהאַרט — אוריאל אַקאָסטאַ „דיא צוקונפט“, לאָנדאָן, 48, 1886.

מאָריס ראָזענפעלד — געטליכע קונסט אין טהאַליאַ טהעאַטער! „דער פאָלקסאַדוואָקאַט“, נ. י., 9 מאַי 1890

טהעאַטער קריטיקער — יודישע קינסטלער, „דער פאָלקסאַדוואָקאַט“, נ. י., 22 אויגוסט 1890.

אלכסנדר האַרקאַווי — דעבאָראַ אין ווינדזאָר, „דער פאָלקסאַדוואָקאַט“, נ י., 26 יאַנ 1894.

[—] — די אידישע קעניגין ליער, „דער טעגליכער העראָלד“, נ. י., 21 אויגוסט 1898.

ח. אַלעקסאַנדראָוו — „די מוטער“, „דער אַרבייטער“, נ. י., 12, 19 נאָוו. 1904.

אב. קאַהאַן — גאָרדינס „מירעלע אפרת“, „פאָרוו.“, נ. י., 10, 11 מערץ 1908.

וו. — אַ מהומה וועגען „גאָט פון נקמה“, „פאָרוו.“, נ י., 26 אַפּריל 1908.

[—] — „גאָט פון נקמה“ און די נקמה פאַר „גאָט“ אין שיקאַגאָ, דאָרט

ל. עלבע — ווי אַזוי מאַדאַם ליפּצין איז געוואָרן אַן אַקטעריסע, „די טהעאַטער וועלט“, נ. י., דעצעמבער 1908.

Hutchins Hapgood – „The Spirit of the Ghetto”, New-York, Funk & Waghalls Comp., 1909, pp. 113-76.

אב. קאַהאַן — איבסענס „בוימייסטער“ אין ליפּצין טהעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 21 סעפּט. 1910.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא׳ש“, נ. י., 24 סעפּט. 1910

ד. ב. אין טהעאַטער, „פּא ש“, נ. י., 1 אָקט. 1910.

א. ק [קאַהאַן] — ווער איז אַ בעסערע „מירעלע אפרת“ מאַדאַם ליפּצין אָדער מאַדאַם קאַמינסקי ?, „פאָרוו.“, נ. י., 9 דעצ. 1911.

קעני ליפּצין — דאָס טהעאַטער־פּובליקום דאָ און אין קאָנטרי, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 5 דעצ. 1915.

דייוויד קעסלער - דער ערשטער אידישער אַקטיאָרן סטרייק „דער טאָג“, נ. י., 18 מערץ 1917.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 29 סעפּט. 1917.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס־געשיכטע“, נ. י., 1918 ז. 160.

א טענענהאָלץ — אַ בעזוך ביי מאַדאַם קעני ליפּצין אין איהר איינזאַמען קראַנקען־צימער, „דיא וואַרהייט“ נ. י., 31 יולי 1918.

א. טענענהאָלץ — מאַדאַם ליפּצין שילדערט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען און ווייזט איר מערקווירדיגע בילדער גאַלערי, „דיא וואַרהייט“, נ. י., 1 אויגוסט 1918.

י. ענטין — זיא האָט אונזער לעבען באַשענט, „דיא וואָרהייט“, נ. י., 30 סעפּט. 1918.

ב. גאָרין — קעני ליפּצין, „מאָז׳ש“, נ. י., 30 סעפּט., 6 אָקט. 1918.

ב. באָטווינניק — די פערשטאָרבענע אַקטעריסע מאַדאַם ליפּצין, „פאָרוו.“, נ. י., 1 אָקט. 1918.

אב. קאַהאַן — מאַדאַם ליפּציקס ערפאָלג אויף דער ביהנע, „פאָ .״, נ. י., 1 אָקט 1918.

י. ענטין — מאַד. ליפּציקס אויפטו אויף דער אידישער ביהנע, „דיא וואַרהייט״, נ. י. 2 אָקט. 1918.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — עראינערונגען וועגען מאַדאַם קעני ליפּצין, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 3 אָקט 1918.

לעד פּענסיל [ב. באָטווינניק] — די טראַגעדיע פון „חאַשע די יתומה״, „פאָרוו.״, נ. י., 4 אָקט 1918.

ד. ב. — אין טהעאַטער, „פּא׳ש״, נ. י., 5 אָקט. 1918.

י ענטין — זי לעבט, „דיא וואַרהייט״ נ. י., 6 אָקט. 1918.

י. ענטין — מאַדאַם ליפּצין און די גאָלדענע עפּאָכע פון אידישען טהעאַ-טער אין אַמעריקא, „די וואַרהייט״ נ. י., 13 אָקט. 1918.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — אַ „שטאַרקער״ שלוס-אַקט פון לעבען געשפּיעלט פון מאַדאַם ליפּצין אויפ׳ן גאַס, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 9 נאָוו. 1918.

לעד פּענסיל — מעשות פון אידישען טהעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י, 10 יאַנ. 1919.

מ. זייפערט — לתולדות התיאטרון היהודי, „לוח אחיעבר״, נ. י., תרפ״א, זז. 137-38.

יעקב גרינפעלד — ווי אַזוי איך בין אַריין אין גן-עדן („אידיש טעאַ-טער״, רעד. — אליהו טענענהאָלץ נ. י. 1923).

לעאָן קאָברין — „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטאַטורג״, נ. י., 1925, I, זז. 145-154.

שלום פּערלמוטער — יעקב פּ. אַדלער׳ס מעמואַרן, „דער אַמעריקאַנער״, נ. י., 27, 1926.

זלמן זילבערצווייג — „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ (פּראָספּעקט), נ. י., 1928, ז. 15.

דר. יעקב שאַצקי — אַ מוסטער פון אַ טעאַטער-לעקסיקאָן, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 28, 1928.

אב. קאַהאַן — „אין די מיטעלע יאָהרען״, נ י. 1928, זז. 547, 352-53.

זלמן זילבערצווייג — איז אחרי מות-קדושים אַ מנהג אָדער אַ דין, „פּא׳ש״ נ. י., 22 נאָוו. 1929.

י. ל. פיין — די לעבענס געשיכטע פון דעם אידיש-ענגלישען שוישפּי-לער מאָריס מאָשקאָוויטש, „פאָרוו.״, נ. י, 26 דעצ. 1929.

מ. אָשעראָוויטש — די ערשטע צוויי אידישע טעאַטערס אין אַמעריקאַ און די ביטערע קאָנקורענץ זייערע, „פאָרוו.״, נ. י., 30 נאָוו. 1930.

זלמן זילבערצווייג [סעריע אַרטיקלען וועגן ליפּצין] „אונזער עקס-פּרעס״, וואַרשע, 26 מאַי, 4, 11, 19, 23 יוני 1933.

ליפּשיץ, האָדע

געבוירן סעפּטעמבער 1889 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, אין אַ בעל-הביתישער פאַ-מיליע. שוועסטער פון אסתר (פרומקינאַ). פאָטער — אַ מעלאָמאַן, פלעגט צוזאַמענ-שטעלן אייגענע ניגונים און געפּרובט פאַר-פאַסן אַ יידישע אָפּערע.

ל׳ האָט פון קינדווייז אָן זיך באַטייליקט אין לעבעדיקע בילדער און קינדער-פאָר-שטעלונגען. אין 1904 — זיך באַטייליקט א׳פּ ליאַדאָוואַ אין די גימנאַזיע-פאָרשטע-

לונגען און שפּעטער אַריינגעטראָטן אין אַ רוסישן „ליבהאָבער״-קרייז, וואו זי ציט אויף זיך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אין דער ראָל „הינדל״ אין אַשס „גאָט פון נקמה״.

1907-08 — זיך באַטייליקט אין די הויפּטראָלן פון אַ יידיש ליטעראַריש-דראַמאַטישן קרייז, וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ. 3 חדשים געלערנט אין אַ רוסישער דראַמאַטישער שול אין פּעטערבורג און דערנאָך פון דאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן. 1910 — געענדיקט אַלס אַקושערקע אין מינסק און אויפן סמך דערפון באַקומען די מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן די טעאַטער-למודים אין פּעטערבורג, וואו זי טרעט אויך אויף אין אַ יידישן ליבהאָ-בער-קרייז אַלס „מירעלע אפרת״ און אַנדע״ע פּיעסעס פון גאָרדין און מ. ריוועסמאַן און שפּעטער זיך באַטייליקט אין טורנע פון „הירשביין-טרופּע״.

1911 — געשפּילט מיט אַ ליבהאָבער-קרייז אין ווילנע (רעזשי — בן-עמי). 1912 — געענדיקט אַ רוסישע דראַמאַטישע שול אין פּע-טערבורג און געוואָרן אַנגאַזשירט אין פיינמאַן-טעאַטער אין לאָנ-דאָן. צוריקגעקומען אין רוסלאַנד, האָט ל. געמאַכט אַ טורנע מיט ליבערטן, דערנאָך געשפּילט ביי ראַפּעלן. אומצופרידן פון קולטו-רעלן ניוואָ פון דער יידישער בינע, איז ל. אין 1913 אַריבער צום רוסישן טעאַטער, וואו זי שפּילט ביז זומער 1918. ווינטער 1918 — געשפּילט יידיש מיט סאַמבערגן אין מינסק, דערנאָך ווידער רוסיש

1919-22 — געשפּילט אין אַ רוסיש מלוכה-טעאַטער, רעזשיסירט אַ קינדער-טרופּע. דערנאָך געשפּילט אין אַ קאָלעקטיוו מיט רוסי-שע אַקטיאָרן, אַ סעזאָן — יידיש טעאַטער מיט בראַנדעסקאָ, דער-נאָך ווידער רוסיש. נאָכן אויסלערנען זיך ווייסרוסיש — אַריבער זינט 1925 אויף דער ווייסרוסישער בינע און מאַכט אָפט טור-נעען איבער די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך און דערפער פון ווייס-רוסלאַנד.

ש. ע.

ליפּשיץ, יחזקאל דר.

געבוירן 1883 אין טשערניגאָווער גוב., אוקראַאינע. דערצויגן גע-וואָרן אין נויט. געענדיקט אַלס עקסטערן גימנאַזיע אין אָדעס, שטודירט דייטשע פילאָלאָגיע, געשיכטע און פילאָזאָפיע אין ווינער אוניווערזיטעט, וואו ער באַקומט דאָקטאָראַט.

ל. שרייבט אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַריש-קולטורעלע פּראָב-לעמען אין דר. פרידריך אַדלערס חודש-זשורנאַל „Der Kampf״ און אינטערעסירט זיך ספּעציעל מיט דער יידישער דראַמע און די פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער, פאַרעפנטלעכט אין דער ווינער פּועלי-ציוניסטישער „Freie Tribune״ זייער פיל אַנאַליזן פון יידישע דראַמעס און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, דערנאָך האָט ל. אַרויסגעגעבן אין ווין אַ צייטשריפט „Jüdisches Theater״, וואָס איז פון 3-טן נומער געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע״ אין ווין. אין דאָזיקן זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין לאַטייניש־ער שריפט, האָט ל. אין יידיש פאָרטגעזעצט זיינע אַרטיקלען א׳פּ בימיני וועגן יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, ז. 189.

ליפשיץ, יצחק

געבוירן 1875 אין סלוצק, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — פּראָוויאַנט־ליוועראַנט פאַר דער רעגירונג. געלערנט אין ח״ר, גמרא ביי אַ ספּעציעלן מלמד און רוסיש ביי אַ לערער. אַ קורצע צייט געאַרבעט אין זיין פאָטערס דרוקעריי.

1888 — געקומען אַליין אין אַמעריקע און דאָ געוואָרן אַ זעצער אין יעקב סאַפּיר־שטיינס דרוקעריי. 3 יאָר שפּעטער אַליין געעפנט אַ דרוקעריי, וואו ער נעמט דרוקן די ערשטע י י ד י ש ע אַפישן פאַרן יידישן טעאַטער און ווערט אינטים פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, וועלכן ער העלפט זייער אָפט אַרויס מאַטעריעל.

אַ געוויסע צייט איז ל. אויך געווען — אָן געצאָלט — דער סעקרעטאַר פון די פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

אַלס ליסער פון פאָלקס־טעאַטער (ניו־יאָרק, 12־סטריט און 2־עוועניו) איז ל. געווען דער מיטשותף צו דער דירעקציע קאַליך־רומשינסקי (1930־31), גערמאַן (1931־32) און מאָריס שוואַרץ (1932-33).

מ. ע.

ליפשיץ, מיריאַם
[שומסקי]

געבוירן 10 יאַנואַר 1887 אין גראָדנע, פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ קלעזמער. געלערנט אין מאַרינסקאַ־גימנאַזיע. 1903 — אַריינגעטראָטן אין דער ביאַליסטאָקער פּוילישער דראַמאַטישער שול א׳א פון סטאַניסלאַוו זאַוואַדזקי. 1905 — געפאָרן קיין וואַרשע ווייטער לערנען, אָבער צוליב מאַטעריעלע באַדינגונגען געמוזט וואַרפן דאָס לערנען און ווערן אַ הוטן־פּוצערקע. אין וואַרשע ווערט זי אַ מיטגליד אין יידישע דראַמאַטישע קרייזן און דעביוטירט אַלס „מלכה״ אין שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט״.

1909 — אָפּגעפאָרן קיין וויטעבסק און דאָרט אַריינגעטראָטן אין סעם אַדלערס טרופּע, וואו זי שפּילט ביז 1912, מיטמאַכנדיק אויך דעם טורנע פון דער טרופּע איבער ליטע און ווייסרוסלאַנד. 1912 — זיך באַזעצט אין מינסק און דאָ אַריינגעטראָטן אין נחום צמחס „הבימה העברית״, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד שפּילן אין העברעאיש דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער״ (ראָל „לאה״) און שלום־עליכמס „מזל טוב״ (ראָל „פריידל״). 1913 — אַריינגעטראָטן אין אסתר־רחל קאַמינסקיס טרופּע און דאָרט געשפּילט ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה.

1914 — זיך צוריקגעקערט קיין מינסק און אָנגעפירט מיט דראַמקרייזן, מיט וועלכע זי שטעלט אָפּ פאָרשטעלונגען לטובת פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. 1919 — אַריינגעטראָטן אין „אונזער ווינקל״ אין מינסק א׳א פון מ. ראַפאַלסקי, דערנאָך מיטגעווירקט אין דער „יידישע פראָנט־טרופּע״ א׳א פון בערטאַנאָוו, וועלכע האָט געשפּילט אין ווייסרוסלאַנד אין די שטעט ביים מלחמה־פראָנט. 1920 — צוריקגעקערט קיין מינסק און אַריינגעטראָטן אין ערשטן יידישן ווייסרוסישן מלוכה־טעאַטער א׳א פון בערטאַנאָוו, וואו זי שפּילט ביז 1922.

1922 - אַריינגעטראָטן אין זאַסלאַווסקיס טרופּע און זיך באַטייליקט אין טורנע איבער ווייסרוסלאַנד און לענינגראַד און דאָרט געווען די ערשטע „גאָלדע״ אין דער אויפפירונג פון שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער״. 1923 — געשפּילט מיטן לענינגראַדער קאָלעקטיוו 2 סעזאָנען אין סימפעראָפּאָל (קרים). 1925־27 — געשפּילט אין 1־טן אַלאוקראַאינישן יידישן מלוכה־טעאַטער אין כאַרקאָוו, 1927 — אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער „קונסט־ווינקל״ און פאַרבליבן ביז 1931 אין זעלבן רעאָרגאַניזירטן טעאַטער א׳א פון לאַזאַר ווין. 1931 — איז ל. אַריינגעטראָטן אין ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פּוילישן מלוכה־טעאַטער, וואו זי שפּילט ביז איצט.

אַחוץ פיל מאָנאָלאָגן, לידער, ראָמאַנסן, דעקלאַמאַציעס און איינאַקטערס האָט ל. איבערזעצט די פּיעסעס: „ווען עפּל בליען״ פון דנעפּראָווסקי, „פּורגא״ פון שטשעקלאָוו, „מאַראַל פון דער דולסקאַ״ פון גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַ, „צוויי פּערא״ פון ראָסטאַן, „דער לץ אויפן טראָן״ פון לאָטאַר, „געזעץ״ פון ווינישעווסקאַ, „גרינע הויזן״ פון מאָלינאַ, „דער וואָס קריגט די פּעטש״ פון ל. אַנדרעיעוו, „הערבסט־פידלען״ פון סורגוטשאַוו און „איר וועג״ (פון רוסיש) און „די פרוי אין 40 יאָר״ (פון דייטש). די אַלע איבערזעצונגען זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין ראַטנפאַרבאַנד.

ל. איז די שוועסטער פון פאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר וואָלף שומסקי. איר טאָכטער אסתר, איז אַ מיטגליד אין „מימ״ט״.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

ליפשיץ [ליווישיץ], משה

געבוירן 18 מאַי 1894 אין ביעלאָצערקאָוו, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ מלמד. געלערנט ביים פאָטער אין חדר, דערנאָך אין גימנאַזיע. צו 10 יאָר געשריבן אַ רוסיש ליד אויפן טויט פון דר. הערצל. שפּעטער זיך אַריבערגעטראָגן קיין גאַליציע און אין 1914 דעביוטירט אין לעמבערגער „אינטערעסאַנטן בלאַט״, דערנאָך זיך באַטייליקט מיט לידער און קריטישע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין גאַליציע, ווין און בערלין.

ל. האָט פאַרפאַסט „דער וואַלד־קיסר״ (קיעווער פ״ג, 1918), אַ קינדער־שפּיל, וואָס איז אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן דורך שול־קינדער אין רוסלאַנד און אוקראַאינע, און „אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָלער״, אַן אויסגעטראַכטע קאָמעדיע אין 4 אַקטן, אינסצעניזאַציע און רעזשי — דר. מיכאל וויכערט, ניגונים — ה. קאָן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — וו. וויינמרויב, פּלאַסטיק און טענץ - לאה ראָטבוים״, וואָס איז דעם 11 יאַנואַר 1930 אויפגעפירט געוואָרן אין קראָקע דורך דער „ווילנער טרופּע״.

ל. האָט אויך איבערזעצט קייזערס פיעסע „פון אין דער פרי ביז ביינאַכט“, וואָס איז דעם 21 סעפטעמבער 1931 אויפגעפירט געוואָרן דורך אַל. גראַנאַך אין ניו-יאָרקער פּאָבליק-טעאַטער, האָט באַאַרבעט דעם טעקסט פון דער העברעאישער איבערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, וועלכע ווערט געשפּילט דורך דער „הבימה“, האָט פאַרפאַסט פאַר „הבימה“ אַ פּיעסע „גזרת ת׳ח“ און האָט אין מאַנוסקריפּט אַ דראַמע „סדום“.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 189-91.

נ. לוריע – פאַר יידישע קינדער, „שול און לעבן“, קיעוו, נ׳ 1, 1918.

K. S. — Herschele Ostropolier, „Jüdisches Volksblatt“, Bielsko, 24 Jan. 1930.

משה בלעכער – הערשעלע אָסטראָפּאָליער ביי דער ווילנער טרופּע, „יידישע וואָרט“, קראָקע, נ׳ 3 1930.

דר. מ. ווייכערט - „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ ביי דער „ווילנער טרופּע“, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, נ׳ 4, 1930.

ר. – אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער, „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 22 יאַנואַר 1930.

Henryk Hescheles – Opowieść o Herszlu z Ostropola, „Chwila“, Lwów, 3/4 1930.

דר. משה לוסטיג – ווילנער טרופּע. הערשעלע אָסטראָפּאָליער פון משה ליפשיץ, „מאָרגן“. לעמבערג, 10 אַפּריל 1930.

ק-וו – הערשעלע אָסטראָפּאָליער אויף דער בינע, „לאָדזשער וועקער“, 2 יולי 1930.

מ. כ. [בראָדערזאָן] – אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער פון משה ליפשיץ, „נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש. 6 יולי 1930.

א. וואָלף – די „ווילנער“ אין לאָדזשער שטאָטישן טעאַטער, „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע 9 יולי 1930.

יצחק קאַצענעלסאָן – די קאָמעדיע פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, „לאָדזשער טאָגבל׳ט“, 11 יולי 1930.

מיכאַאיל יאָ – „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, „פרימאָרגן“, ריגע, 9 אָקט. 1930.

א. וואַסערמאַן – „אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ אין ריגער יידישן מעוטים-טעאַטער, „נייער פרייטיק“, ריגע, נ׳ 103, 1930.

ת. [עדות] – טעאַטער-נאָטיצן „נייער פרייטיק“, ריגע, נ׳ 103, 1930.

טעאַטריקאָן-אלחנן צייטלין – צוויי מיינונגען וועגן דער נייער פאָרשטעלונג ביי די „ווילנער“ אין וואַרשע. „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע 17 אָקט. 1930.

יהושע פערלע – „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, „דער מאָמענט“, וואַרשע, 22 אָקט 1930.

ישראל שטערן – דער נס פון יידישן טעאַטער, „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 26 אָקט. 1930.

י. מ. ניימאַן – די ווילנער אין וואַרשע, „היינט“, וואַרשע, 31 אָקט. 1930.

הערמאַן סוועט – די „הבימה“ מיט טשעכאָוו און גראַנאָווסקי, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, נ׳ 42-41, 1930.

ל. ס-קי [סטאָצקי] -- אויף אַ פאָרשטעלונג ביי די „ווילנער“, „צייט“, ווילנע, 3 נאָוו. 1930.

ש. דרייער – דער דריטער נס הערשעלעס, „ווילנער טאָג“, 4 נאָוו. 1930.

חנן [פּסח קאַפּלאַן] – בראַוואָ, ווילנער! „דאָס נייע לעבן“, ביאַליסטאָק, 16 דעצ. 1930.

הלל ראָגאָף – אַלעקסאַנדער גראַנאַך ס ערשטער אויפטריט אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.“, נ. י., 25 סעפּט. 1931.

לעאָנעסקאַ, וואַמפּירא

[געב. ...18 – געשט. 1921-22 [?]]

געבוירן ...18 אין בוקאַרעסט רומעניע, אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע. געשפּילט אין רומענישן נאַציאָנאַל-טעאַטער. אין 1907 געקומען אין אַמעריקע און אין ניו-יאָרק אויפגעטראָטן אויף יידיש אין מאָליערס „דער קאַרגער“ און אין „שולדיק“ פון ריכאַרד פאָס.

מ. ע. פון איציקל גאָלדענבערג.

לעבעדיגער, דער

[חיים גוטמאַן]

געבוירן 13 דעצעמבער 1887 אין פּעטריקאָוו, מינסקער גוב. ווייסרוסלאַנד, אין אַ בעל הביתישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר תנ׳ך און גמרא, אויך רוסיש און העברעאיש. צו 9 יאָר שוין געשריבן שירים אין העברעאיש. צו 12 יאָר געפירט אַ טאָגבוך אין העברעאיש.

1905 – געפאָרן קיין אַמעריקע. דאָ דעביוטירט מיט לידער אין „פאַ׳ש“ און „פאָרווערטס“ און מיט דערציילונגען אין פינסקיס „אידישער אַרבייטער“ און דר. וואָרטסמאַנס „אידישע שטימע“. שפּעטער געוואָרן מיטאַרבעטער אין יוסף טונקעלס הומאָריסטיש בלאַט „דער קיבעצער“, פון וועלכן ער נעמט איבער אין 1909 די רעדאַקציע אויף 6 יאָר. בעת די הפסקות, ווען דער „קיבעצער“ פלעגט נישט אַרויסגיין, האָט ל. מיטגעאַרבעט אין „קונדס“.

א׳פ רעגידעבעל און דער לעבעדיגער האָט ל., פריער אין די הומאָריסטישע צייטשריפטן, דערנאָך אין „די וואַרהייט“, „טאָג“ און די לעצטע יאָרן אין „מאָרגן זשורנאַל“, פאַרעפנטלעכט הונדערטער הומאָריסטישע פעליעטאָנען וועגן יידישער ליטעראַטור און יידישן טעאַטער. אין זיינע 8 בענדער שריפטן, וואָס זיינען אין 1928 דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג „אחיספר“, אַנטהאַלטן 2 בענדער „די פערטע וואַנד“ [211 ז. °16] און „שפּיל און לעבן“ [206 ז. °16] אויסשליסלעך הומאָריסטישע אַרטיקלען, קריטיק, רעצענזיעס און פעליעטאָנען וועגן יידישן טעאַטער און יידישע אַקטיאָרן.

ל. האָט אויך געשריבן הומאָרעסקעס אין דיאַלאָג-פאָרם און אייניקע פון זיי זיינען געשפּילט אָדער פאָרגעטראָגן געוואָרן ביי קליינקונסט-אָוונטן און קאָנצערטן.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.“, I, י. 544-45.

י. ר. ברינמאַן -- דער לעבעדיגער. „די וואָגשאָל“ [וואַרשע 1931], זז 36-37.

לעבעדיעוו, אַהרן

געבוירן אין האָמעל, ווייסרוסלאַנד. עלטערן – באַזיצער פון אַ מלבושים־געשעפט. יינגלווייז געזונגען ביים האָמלער חזן ברוך דוד. נישט האָבנדיק קיין ווילן צו לערנען, איז ל. יונג אָפּגעגעבן געוואָרן צו אַ בעל־מלאכה. באַלד אָבער איז ער אַנטלאָפן פון שטאָט און אָנגעהויבן סטאַטיסטירן און דערנאָך שפּילן קליינע ראָלן אין רוסישן טעאַטער אין באָברויסק, מינסק און אַנדערע שטעט. ווען די רוסישע טרופּע פאַלט זיך פונאַנדער, קומט ל. צוריק אין האָמעל, באַטייליקט זיך מיט „ליבהאָבער“ אין אַ מכירת־יוסף־שפּיל און עפנט אַ טאַנץ־קלאַס, ביז עס קומט אָן די טרופּע פון לייזער בערנשטיין, ביי וועלכן ער פועלט קוים אַנגאַזשירט צו ווערן.

אין דער טרופּע איז ל. אָפיציעל געווען כאָריסט, און נישט אָפיציעל: אַ פעקל־טרעגער, אָנגעטאָן די אַקטיאָרן און סופלירט ביז ער האָט דעביוטירט אַלס „דער פּיפּקינער רב“ אין שמ׳רס „דער בעל־תשובה“ און זינט דאַמאָלט געוואָרן כאַראַקטער־אַקטיאָר על פי רוב אין אימפּאָרטירטן רעפּערטואַר פון אַמעריקע און שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דער אָפּערעטע.

נאָכן שפּילן אין פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס איבער רוסלאַנד, ווערט ל. אַנגאַזשירט קיין וואַרשע, וואו ער ווערט זייער פּאָפּולער אַלס „דער ליטווישער קאָמיקער“. 1912-13 – שפּילט ער אין לאָדזש ביי זאַנדבערגן, דערנאָך ווידער אין וואַרשע און בעת דער וועלט־מלחמה פאָרט ער אָפּ קיין רוסלאַנד, וואו ער ווערט אין 1916 מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמעע און אָפּגעשיקט קיין כאַרבין, וואו ער פאַרגרינגערט זיך זיין מיליטער־דינסט דורכן געבן אָפּט „קאָנצערטן“ פאַר די אָפיצירן.

דעמאָביליזירט, טרעט ל. אַריין, בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין אברהם פישזאָנס טרופּע, אָבער צוליב שלעכטע געשעפטן מוז ער אָפט זיך מפרנס זיין פון זינגען רוסישע און שפּעטער ענגלישע לידער פאַר די מיטגלידער פון דאָרט־אָנוועזנדן אַמעריקאַנער רויטן קרייץ.

שפּעטער וואַנדערט ער אויס קיין יאַפּאַן, וואו ער אָרדנט איין (צוזאַמען מיט זיין פרוי וויערא) „אינטערנאַציאָנאַלע“ קאָנצערטן.

אין סעפּטעמבער 1920 קומט ער אָן מיט זיין פרוי אין אַמעריקע און דעם 12 אָקטאָבער 1920 טרעט ער אויף ביי באָריס טאָמאַשעווסקי אין נעשאָנאַל־טעאַטער אין וואָלף שומסקיס „ליאָווקע מאַלאָדיעץ“. דער דערפאָלג זיינער איז אַזוי גרויס, אַז איבער נאַכט ווערט ער אָנערקענט אַלס „סטאַר“ און בלייבט שוין אַלס אַזעלכער אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער.

דעם 8 יאַנואַר 1921 טרעט ל. אויף אין בוימוואָלס „כאַצקעלע כל בוניק“, דעם 25 פעברואַר 1921 אין יוליוס אַדלערס „די שיינע בערטאַ“ און דעם 7 אַפּריל 1921 אין „שלמקע אויף בראָדוויי“ פון יצחק לעש.

צום סעזאָן 1921-22 איז ל. אַנגאַזשירט אַלס סטאַר אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל־טעאַטער און פירט אויף (אַליין אָדער צוזאַמען מיט סעמיועל ראָזענשטיין) דעם 28 אָקטאָבער 1921 – יצחק לעשס „יאָשקע כוואַט“ (מוזיק – ה. וואָהל), דעם 25 דעצעמבער 1921 – „לעבעדיק און פריילעך“ (מוזיק ה. וואָהל) און

דעם 13 אַפּריל 1922 – קאַלמאַנאָוויטשעס „אַראָנטשיק און סאָלאָמאָנטשיק“ (מוזיק ה. וואָהל).

סעזאָן 1922-23 – איז ל. ווידער דער סטאַר פון טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל־טעאַטער, וואו ער טרעט אויף דעם 23 סעפּטעמבער 1922 אין באָריס טאָמאַשעווסקיס „טויזנט און איין נאַכט“ (רעזשי – מחבר, מוזיק – ה. וואָהל). דעם 3 נאָוועמבער 1923 – אין קאַלמאַנאָוויטשעס „טאַנץ, געזאַנג און וויין“ (רעזשי – ב. טאָמאַשעווסקי, מוזיק – יוסף טשערניאַווסקי) און דעם 26 יאַנואַר – אין ישראל ראָזענבערגס „יאַנקעלע ליטוואַק“ (רעזשי – ל. און ס. ראָזענשטיין).

אין די סעזאָנען 1923-26 – ווידער אין נעשאָנאַל־טעאַטער (דיר. – לואיס גאָלדבערג און מ. מאַקס), וואו ער פירט אויף דעם 11 סעפּטעמבער 1923 משה שאָרס „די רומענישע חתונה“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער), דעם 18 יאַנואַר 1924 קאַלמאַנאָוויטשעס „דעם טאַטנס זונדעלע“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער), דעם 28 מערץ 1923 – נ. ראַקאָווס „מענדל אין יאַפּאַן“ (מוזיך – פרץ סאַנדלער), דעם 3 אָקטאָבער 1924 – ישראל ראָזענבערגס „קאַווקאַזער ליבע“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער), שפּעטער – ישראל ראָזענבערגס „אַ חתונה אין פּאַלעסטינע“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער), דעם 17 נאָוועמבער 1925 – ל. פריימאַנס „מאָדעלן פון ליבע“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער) און דעם 30 מערץ 1926 – יצחק לעשס „וואָלאָדקע אין אָדעס“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער).

צום סעזאָן 1926-27 גייט איבער ל. מיט דער טרופּע פון נעשאָנאַל־טעאַטער אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער, וואָס עפנט זיך דעם 22 סעפּטעמבער 1926 מיט ל. פריימאַנס „סיאָמקע ווערט אַ חתן“ (מוזיק – פרץ סאַנדלער) און דערנאָך אין פּאָבליק־טעאַטער, וואו ל. פירט אויף דעם 15 אַפּריל 1927 אהרן נאַגערס „דער קליינער מיליאָנער“ (מוזיק – שלום סעקונדא).

אין די סעזאָנען 1927-29 איז ל. אַנגאַזשירט אין נעשאָנאַל־טעאַטער (דיר. – נאַטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס), וואו ער פירט אויף דעם 27 סעפּטעמבער 1927 וויליאַם סיגעלס „אַ נאַכט אין קאַליפאָרניע“ (מוזיק – אַ. אָלשאַנעצקי, ל. אין דער ראָל „פּייוול וויסאָצקי“), דעם 30 דעצעמבער 1927 – סיגעל און לאַטיינערס „אַ גן־עדן פאַר צוויי“ (מוזיק – אַ אָלשאַנעצקי. די הויפּט־ראָלן ל. און ס. גאָלדענבורג), דעם 5 אַפּריל 1928 – איזידאָר לעשס „איציקל שאָלטיק“ (מוזיק – אַ. אָלשאַנעצקי), דעם 5 סעפּטעמבער 1928 – וויליאַם סיגעלס „גאָלדענע טעג“ (מוזיק – אַ. אָלשאַנעצקי) דעם 21 דעצעמבער 1928 – יצחק לעשס „דער ליטווישער יענקי“ (מוזיק – אַ. אָלשאַנעצקי, ל. אין דער טיטל־ראָל) און דעם 29 מערץ 1929 ישראל ראָזענבערגס „הוליע קבצן“ (מוזיק – אַ. אָלשאַנעצקי).

צום סעזאָן 1929-30 איז ל. אַנגאַזשירט אין שיקאַגער לאָנדייל־טעאַטער און גאַסטראָלירט סוף סעזאָן אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל־טעאַטער, וואו ער פירט אויף דעם 9 אַפּריל 1930 קאַלמאַנאָוויטשעס „מאָטקע פון סלאָבאָדקע“.

1930-1932 איז ל. אַנגאַזשירט אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל־טעאַטער (דיר – מ. סאַקס), וואו ער פירט אויף דעם 23 סעפּטעמבער 1930 וויליאַם סיגעלס „אַ חתונה אין שטעטל“ (מוזיק – ה. וואָהל), דעם 25 נאָוועמבער 1930 – יצחק לעשס „רוסישע ליבע“ (מוזיק – ה. וואָהל), דעם 27 פעברואַר 1931 – וויליאַם סיגעלס „אַ נאַכט אין וואַלד“ (מוזיק – ה. וואָהל), דעם 12 סעפּט. 1931 – וויליאַם סיגעלס „די גליקלעכע נאַכט“ (מוזיק – ה. וואָהל), דעם 4 דעצעמבער

1931 — אברהם בלומס „דער גרויסער נס" (מוזיק — ה. וואָהל) און דעם 4 מערץ 1932 וויליאַם סיגעלס „רייכע קבצנים" (מוזיק — ה. וואָהל).

סעזאָן 1932-33 איז ל. אַנגאַזשירט אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער (דיר. — מ. סאַקס), וואו ער פירט אויף דעם 10 אָקטאָבער 1932 אברהם בלומס „דער גרויסער סופּרייז" (מוזיק — ה. וואָהל).

ביים סוף פון יעדן סעזאָן פאָרט ל. מיט דער טרופּע, אין וועלכער ער שפּילט, גאַסטראָלירן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

אַ חוץ די דערמאָנטע פּיעסעס האָט ל. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געשפּילט אין אַמעריקע „מאַקס" אין גאָלדפאַדענס „ביידע קוני לעמעל" „די באָבע יאַכנע" פון גאָלדפאַדען, „וואָראָבעיטשיק" אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש" און אין חנא גאָטעספעלדס קאָמעדיע „מאָרגען".

ל. האָט אַריינגעזונגען צענדליקער קופּלעטן פאַר פּלאַטן פון דער „בראָנזוויק רעקאָרד קאָמפּאַני".

אין משך פון זיין אויפהאַלט אין אַמעריקע האָט ל. אייניקע מאָל באַזוכט אייראָפּע, וואו ער איז אָבער קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן אויף דער בינע.

מ. ע.

אב. קאַהאַן — ווידער אַ נייע קאָמעדיע אין טהאָמאַשעווסקי'ס טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י, 14 אָקט. 1920.

לעד פענסיל [ב. באָטוויניק] — ווער איז דער נייער אידישער קאָמיקער, לעבעדיעוו ?, „פאָרוו.", נ. י., 15 אָקט. 1920.

יעקב קירשענבוים — ווי אַזוי לעבעדיעוו איז געוואָרן פּאָפּולער אין אידישען טהעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 18 דעצ. 1925

„אידישער וועלט-אַלמאַנאַך", נ. י., 1926.

דר. א. מוקדוני — „טעאַטער", נ. י., 1927, זז. 178 172.

א. גלאַנץ — מאַלי פּיקאָן און אהרן לעבעדעוו אין צוויי נייע און שעהנע אָפּערעטען, „טאָג", נ. י., 30 סעפּט. 1927.

אהרן לעבעדיעוו — איך און דאָס פּובליקום, „טאָג", נ. י., 27 יאַנ. 192?

א. פרומקין — אהרן לעבעדיעוו וועגען דעם סטאַריזם אין דער אָפּערעטע „מאָז ש", נ. י., 3 פעברואַר 1928.

[—] — אַ געשפּרעך מיט אהרן לעבעדיעוו וועגען זיינע פּלענער פון דעם אידישען לאַונדייל טעאַטער, „פאָרוו.", שיקאַגאָ, 11 אָקטאָבער 192.

ב. י. גאָלדשטיין — צי ווייסט איר אַז — , „פאָ'ש", נ. י., 10 יולי 193.

לעבעדיעוו, וויעראַ

[רבקה שעכטמאַן]



געבוירן נאָוועמבער 1899 אין ניקאָלאַיעוו, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — פאַרוואַלטער אין אַ ביר-פאַבריק. געענדיקט אַ פאַך-שול. געשפּילט רוסיש מיט „ליבהאָבער". אין 1915 באַקענט זי זיך מיט לעבעדיעוון בעת ער שפּילט אין ניקאָלאַיעוו, און האָט מיט אים חתונה. ער לערנט זי יידיש.

אין 1916 פאַרטרעט זי אין כאַרבין אַן אַקטעריסע אין דער ראָלע „מילקע" אין

גאָרדינס „דער מטורף" און בלייבט שוין שפּילן אין דער טרופּע, מיט וועלכער זי שפּילט אויך אין שאַנכיי. דאָ שפּילט זי אויך רוסיש מיט דער דראַמאַטישער טרופּע פון מיכאַאיל הערמאַלענסקי און ווען לעבעדיעוו פאַרלאָזט כינע אויפן וועג קיין אַמעריקע, פאַרבלייבט זי דאָרט שפּילן רוסיש אין רוסישן קלוב.

1920 — געקומען אין אַמעריקע, אָבער ערשט אין 1925 טרעט זי אויף אין שילדקרויטס טעאַטער אין דימאָווס „בראָנקס עקספּרעס" און „די לעצטע געליבטע" און אין אַשס „גאָט פון נקמה", און פאָרט דערנאָך מיט שילדקרויטן איבער דער פּראָווינץ. אַ קורצע צייט האָט ל. געשפּילט מיט דער „ווילנער טרופּע" אין ניו-יאָרק, דערנאָך אין ליבערטי-טעאַטער ביי אַנשעל שאָר און 1927-28 — אין טאָראָנטאָ.

1931-32 — האָט ל. געשפּילט אַ'נ וויעראַ לובאָוו אין נעשאָנאַל-טעאַטער און 1932-33 — אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ'זש", נ. י., 4 אפּריל 1928.

לעדערמאַן, דוד

געבוירן אין אַפּט. ראַדאָמער גוב., פּוילן. ביי פרומע עלטערן, לעדער-סוחרים. אַריבערגעקומען מיט די עלטערן אין לאָדזש, האָט ל. אָנגעהויבן, בשתיקה, צו לערנען אין אַ שול צוליב וואָס די עלטערן האָבן אים אַרויסגעטריבן פון שטוב.

נאָך אין דער שול האָט ל. זיך באַטייליקט אין די שילער-פאָרשטעלונגען און צוגעצויגן צו זיך אויפמערקזאַמקייט. שפּעטער האָט ל. געאַרבעט אויף אַ פאַרם ביי לאָדזש און אין דער פרייער צייט זיך געלערנט און „שטודירט" פּיעסעס.

צוריקקומענדיק אין לאָדזש, האָט ל. אָנגעהויבן פאַרקערן אין „ליבהאָבער"-קרייזן און דעביוטירט אין דער אויפפירונג פון טשיריקאָווס „די יידן" א'ר פון מאָסקווער רעזשיסער באַרו. דעם 10 אַפּריל 1909 איז ל. געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין סעם אַדלערס טרופּע. פון דאָרט איז ל. איבערגעגאַנגען אין די טרופּעס פון פישזאָן, ליפּאָווסקי, זאַנדבערג און אַדלער-סיעראָצקי.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה מיטגרינדער (צוזאַמען מיט מיכאַלעסקאָ און כאַראַז) פון דעם מאָדערנעם אָפּערעטע-טעאַטער „צענטראַל" אין וואַרשע און דערנאָך געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דראַמעס-און קאָמעדיע-טעאַטער.

מאַי 1924 — מיטגרינדער פון „וויק'ט", אין וועלכן ער האָט געשפּילט אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ, דערנאָך געשפּילט אין דער אָפּערעטע אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער, דאַן צוריק אין „וויק'ט", אַ קורצע צייט אין „סמבטיון", וואו ער איז אויך אַ מיטדירעקטאָר, ווידער אין קאַמינסקי-טעאַטער (דראַמע א'ל פון מ. ליפּמאַן) און דערנאָך אין אַנדערע יידישע טעאַטערס אין פּוילן. 1932 - מיטגרינדער פון דער „יידישע באַנדע", מיט וועלכע ער מאַכט אַ טורנעע איבער פּוילן.

ל. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פילמען „תקיעת כף” און „אין פוילישע וועלדער”.

ל. איז געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד און קאַסירער פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן און אַ מיטגליד אין פוילישן פאַר־לאַגס־קאָמיטעט פון ערשטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער”.

ש. ע.

פ־ק מאַרקיש – אין קאַמינסקיס טעאַטער, „ליטבל׳ט”, וואַרשע, 114, 26 ,I.

דוד לעדערמאַן – ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער ביהנע, „טעאַט׳צ”, וואַרשע 1, 1928.

לעהמאַן, העני

געבוירן 11 יוני 1906 אין אַלפּענסדאָרף, דייטשלאַנד, ביי קריסטלעכע עלטערן. פאָ־טער – אַ באַן־אַרבעטער. דורך דער באַ־קאַנטשאַפט מיט יידישע סטודענטן אָנגע־הויבן שפילן קינדער־ראָלן אין בערלינער יידישן טעאַטער, שפּעטער איבערגעגאַנגען צו ראָלן פון דערוואַקסענע. 1928 – גע־שפילט אין ריגער יידישן קאָמעדיע־און אָפּערעטעס־טעאַטער (דיר. – ש קוטנער) דערנאָך אין פאַריזער און בערלינער יידישע ג־רופּעס.

ש. ע. פון מאיר זאַקאָזשאַנסקי.

לעהרער, אַדאָלף (אהרן)

געבוירן 21 אָקטאָבער 1888 אין טאָמאַ־שאָוו. לובלינער גוב., פוילן, ביי חסידישע עלטערן, סוחרים. געלערנט אין תלמוד־תורה, דערנאָך ביים לאָדזשער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל.

ווערנדיק שפּעטער אַקטיוו אין דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, טרעט ל. אַרויס אין 1910 אַלס דעקלאַמאַטאָר און מאָנאָלאָ־גיסט אויף די ליטעראַרישע אָוונטן פון די פאַראיינען „האַרפע” און „דראַמאַטישע קונסט”. דערנאָך טרעט ער אַריין אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טע־אַטער, פאָרט אַרום אייניקע יאָר מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרו־פּעס איבער רוסלאַנד. איז אַ געוויסע צייט רעזשיסער אין דער טרופּע פון פּעפּי ליטמאַן, שפילט אין דייטשלאַנד, פוילן (לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער”) עסטרייך, פראַנקרייך און איז שפּעטער רע־זשיסער און אַקטיאָר אין טשעכאָסלאָוואַקישן יידישן טעאַטער „הבימה”.

ל. האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „חורבן אוקראַאינע”, וועלכע איז אין 1920 געשפילט געוואָרן אין פאַריז און בעלגיע.

ש. ע.

לעהרער, זלמן

געבוירן 18 מערץ 1896 אין כענטשין, קעלצער געגנט, פוילן. פאָטער – אַ מלמד. געלערנט אין חדרים און אין פאָלקס־שול. אין עלטער פון 14 יאָר געקומען אַליין צו אַ ברודער אין אַמעריקע. דאָ געאַרבעט ביי שניידעריי, געלערנט אין אָוונט־שול און געוואָרן אַ מיטגליד אין דראַמאַטיק־קלובס. דעביוטירנדיק אַלס „שמעון” אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש”.

1921 – אַריינגעטראָטן אין ראָיאַל־יוניאָן־טעאַטער אַלס דרעסער [שניידער] און גלייכצייטיק געשפּילט קליי־נע ראָלן, דאָס זעלבע 1922 אין ליבערטי טעאַטער. פון 1923 ביז 1931 פאַרנומען דעם זעלבן פּאָסטן אין יידישן קונסט־טעאַטער און בעת די גאַסטראָלן פון דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן אָנגעזעענע ראָלן אין רעפּערטואַר פון יידישן קונסט־טעאַטער.

מ. ע.

לעוואַנדאָ, פייגע

[לעווין]

געבוירן 22 מערץ 1893 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער – פאַרוואַלטער אין ספּיוואַקס בעקעריי. אין עלטער פו 12 יאָר געלערנט פּריוואַט, דערנאָך אַלס עקסטערן, שפּעטער געלערנט אין דער אָדעסער גימ־נאַזיע פון ראַשקאָווסקי.

צוזאַמען מיט איר עלטערער שוועסטער זיך באַטייליקט אין ליבהאָבער־קרייזן און זיי פלעגן אָפּט אַרומפאָרן פאַרטר,טן ראָלן אין די פּראָפעסיאָנעלע טרופּצס פון זשיטאָמירסקי, מייערסאָן א א. אין די שכנותדיקע ערטער פון אָדעס.

1909 – איבעררייסנדיק די למודים, איז ל., קעגן ווילן פון אירע עלטערן, אַריינגעטראָטן אין קאָריקס פּראָווינץ־טרופּז, וואו זי דע־ביוטירט אַלס „דינה” אין שאָרס אָפּערעטע „אַ מענטש זאָל מען זיין” און קערט דערנאָך צוריק קיין אָדעס, וואו זי טרעט אַריי אין סאַבסייס טרופּע און שפּילט 2 יאָר אין אָדעס אַלס פּרי־מאַדאָנע.

1914 – געשפּילט ביי אברהם פישזאָן און מיטגעמאַכט דעם טורנע איבער רוסלאַנד און אוקראַינע. 1915 געשפּילט מיט קלאַראַ יאָנג. סוף 1915 – מיטגעפאָרן מיט קאָלעקטיוו (א׳ל פון זשעלאַזאָ, מיאַדאָוניק און שטאָקפעדער) קיין סיביר, וואו אין טייל ערטער ווערט געשפּילט יידיש טעאַטער צום ערשטן מאָל. 1917 – געשפּילט מיט יעקב ליבערט אין וואָלגער ראַיאָן. סוף 1917 – געשפּילט אין ניקאָלאַיעוו אין זאַסלאַווסקיס טרופּע. נאָכן יידישן אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר איז ל. קאָמאַנדירט געוואָרן אין דער קאָאָפּע־ראַטי.וער טרופּע אין האָמעל (רעזשי – משה ליפּמאַן), פון וואו זי

פּאָרט איבער קיין קיעוו אין אַ דאָרטיקער קאָאָפּעראַטיווער טרופּע און שפּילט דאָרט ביז סוף 1918.

אָנהויב 1919 – פּאָרט זי מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן, מיט מרים טרילינג אין דער שפּיץ, קיין האָמעל, דערנאָך קיין טשעריקאָס, קרעמענטשוג און פּאָלטאַווע, וואו זי שפּילט אַ קורצע צייט אין דער אָפּערעטעס־טרופּע א״א פון מישע אַפּעלבוים און קאַל־מאַנאָוויטש.

1920 – אַריינגעטראָטן אין טעאַטער „קונסט־ווינקל״ אונטער דער השגחה פון דער „קולטור־ליגע״, דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט מישע אַפּעלבוים אויף אַ קאָנצערט־טורנעע איבער אוקראַאינע. סוף 1920 – אַריינגעטראָטן אין ניי־אָרגאַניזירטן יידישן מלוכה־טעאַטער אין אָ״עס א״א פון בערטאַנאָוו. נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם טעאַטער, אַרומגעוואַנדערט מיט פאַרשיידענע וואַנדער־קאָלעקטיוון איבער ראַטנפאַרבאַנד.

אין מיטן 1927 איז ל. קראַנק געוואָרן אויפן האַלז און פאַר־לוירן איר שטים. צוליב דעם האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און זיך באַזעצט אין כאַרקאָוו.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

לעווי, זשאַק

געבוירן 10 סעפּטעמבער 1887 אין וואַר־שע, פּוילן, ביי אָרימע, חסידישע עלטערן. אויפגעצויגן ביז צו בר־מצוה ביים זיידען. צוזאַמען מיטן זיידען געפאָרן אַלס קינד צום חסידישן רבי און דאָרט געווען אַ משורר. ל.׳ס פעטער פלעגט יעדן פּורים, ביים פאָ־טער אין שטוב אָדער אויף רבנישע חתונות און שמחות, זיך „פאַרשטעלן״.

מיט 13 יאָר אָנגעהויבן לייענען „טרפה־פסול״־ביכער, געגומען באַזוכן פּוילישע אָפּערע־און דראַמאַטישע־פאָרשטעלונגען און געחלומט פון ווערן אַן אַקטיאָר.

1904 – אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער אַרבעט אין אַ פאַבריק. 1905 – דעביוטירט דאָרט אין טשעכאָווס „דער בער״, געשפּילט דורך די „ליבהאָבער״ פון דער „פרייע יידישע אַרבעטער־בינע״ (רעזשי -- שמואל קייטנמאַכער) און זיך באַטייליקט אין נאָך איי־ניקע „ליבהאָבער״־פאָרשטעלונגען.

1906 – אַריינגעטראָטן אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער ביי די אָנגעקומענע אַקטיאָרן מאַניע טרילינג און הערמאַן בערמאַן, דעביוטירנדיק אַלס „שלמון״ אין גאָרדיקס „מירעלע אפרת״ 1907 – אַריבער אין דער טרופּע פון בלייכמאַן, וועלכע וואַנ־דערט אַרום איבער דער שווייץ (באַזעל און ציריך) און דערנאָך אין ווין.

ווינטער 1909 – געשפּילט אין פּראָג און דאָ אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף אַ רעציטאַציע־אָוונט, פאָרלייענענדיק אין יידיש פון פּרץ, נאָמבערג, פרישמאַן, רייזען, ראָזענפעלד און שלום־עליכם.

1911 – צוריקגעקערט קיין וואַרשע און אַרומגעפאָרן (פון פּסח ביז שבועות) איבער ווייסרוסלאַנד און לעטלאַנד מיט ליבערט, סיע־ראָצקי, לאַזאַר פריד, טרילינג און סאָניע עדעלמאַן מיטן רעפּערטואַר פון גאָרדין, ליבין און קאָברין.

1912 – שטודירט אין פראַנקפורט אין אַ דראַמאַטישער שול.

1913 – געשפּילט אייניקע טעג אין וואָך אין בערלין (אין יידישן קוואַרטאַל) און אייניקע טעג אין לייפּציג (פּאַלאַס־טעאַטער), וואו ער פירט אויף הירשביינס „נבלה״.

בעתן מלחמה־אויסבראָך געשפּילט יידיש אין בודאַפּעסט, וואו ער פאַרבלייבט ביז 1919 און שפּילט אַ געוויסע צייט, אין דייטש, מעלכיאָר לענגיעלס „דער שאָטן״ (איבערזעצט און אויפגעפירט דורך אים אין יידיש אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער אין 1921) און שלום אַשס „גאָט פון נקמה״.

1919 – געקומען אין פּוילן, טרעט אויף אין טעאַטער עליזעאום אין אַ „סאָלאָ־קאָנצערט״ (סצענעס פון שעקספּירס „יוליוס צעזאַר״, ווילדענברודס „מכשפה־ליד״, גאָגאָלס „דער משוגענער״ און טשע־כאָווס „דאָס שוואַנען ליד״) און שפּעטער מיט ענלעכע פּראָגראַמעס (סצענעס פון שעקספּיר, מאָליער, דיקענס. סט. צווייג, ר. ב. האָפּ־מאַן, עדגאַר פּאָ און די יידישע דיכטער פּרץ, אַש, ביאַליק, האַל־פּערן, נאַדיר, קולבאַק, אהרן צייטלין א. א.) איבער פּוילן, שפּילנ־דיק בלויז פון צייט צו צייט אין די פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס.

1924 – געגרינדעט אין וואַרשע אַ „הבימה״ און דאָרט אויפגע־פירט אין העברעאיש קופּעס „הפנור מגרמניה״ און שלום־עליכמס „דאָקטוירים״.

זשאַק לעווי — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַטער־ציי־טונג״ וואַרשע, 4, 1928.

דר. גינזבורג־שטערמאַן – זשאַק לעווי. „בריסקער וואָכנבלאַט״, 50, 929

זשאַק לעווי — אַ ביסל מוסר. „אונזער עקספּרעס״, וואַרשע, 7 יולי 1933.

לעווי, מאַקס

[זע ליוויי מאַקס]

לעוויט, מאָרים דר.

[מאיר־לייב לעוויצקי]

געבוירן 30 יוני 1881 אין האָמעל, מאָהיל. גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער – אַ קרעמער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, וואו ער לערנט אויך וועלטלעכע למודים. דערנאָך אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אָדעס אין דער האַנדלס־שול פון פּראָפ. האָכמאַן, שפּעטער געקו־מען אין ווילנע, וואו ער ווערט אַרעסטירט אַלס רעוואָלוציאָנער. נאָך דער באַפרייאונג אַוועק קיין היידעלבערג און פון דאָרט אַריינגעטראָטן (1903) אין מאַנהיימער אינזשיניערן־פּאָליטעכ־ניקום.

1905 – עמיגרירט קיין אַמעריקע און עטלעכע יאָר אונטער די שווערסטע באַדינגונגען געאַרבעט אין פאַרשיידענע שעפּער. שפּע־טער געוואָרן אַ צייטונגס־פאַרשפּרייטער. 1913 – געענדיקט ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט אַלס דענטיסט און באַשעפטיקט זיך זינט דאַמאָלט מיט זיין פאַך.

די ערשטע צייט אין אַמעריקע איז ל. געווען פֿאַרבונדן מיט דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי, געהאָלפֿן די פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע אַקציעס און געווען אַ מיטגרינדער פֿון „האַמלער סאָציאַליסטישן אַרבעטער-רינג פֿון האַרלעם". לעצטנס איז ל. געוואָרן אַ סימפּאַ-טיקער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

1927 איז אין ניו-יאָרק דערשינען ל.'ס „דראַמען און איינאַקטערס", וואָס אַנטהאַלטן: „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, דראַמאַ אין פֿיר אַקטען (פֿינף סצענעס)", „נאַטורס ווידערקלאַנגען, דראַמאַ אין דריי אַקטען (פֿינף סצענעס)", „די פֿאַרמער, איינאַקטער", „די מאַלערין, איינאַקטער" [געשפּילט 1925 אין ניו-יאָרקער „אונזער טעאַטער" דורך וויקטאָר פּעקער, פֿרידאַ וויטאַלינאַ, יוסף גרינבערג און י. בלייפֿער] און „אַ לענדליידי אין פֿאַנטאַזיע (פֿאַרס)".

אין 1928 איז אין פֿאַרלאַג אַ. בידערמאַן, ניו-יאָרק, דערשינען ל.'ס „צוויי איינאַקטערס", וואָס אַנטהאַלטן: „אַ פּאַסנדער שידוך, קאָמעדיע אין איין אַקט" און „ניט געלונגען (אַ שפּאַס אין איין אַקט)".

ל.'ס אייניקע פּיעסעס זיינען געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער".

ל. האָט אויך אָנגעשריבן אין דיאַלאָג-פֿאָרם אייניקע בילדער פֿון אַמעריקאַנער טרעמפּס.

ש. ע. פֿון זלמן רייזען.

לעוויטאַס, זשעני

[געב. 7 יאַנ. 1901 — געשט. 30 דעצ. 1932]

געבוירן דעם 7 יאַנואַר 1901 אין קיעוו, אוקראַאינע. עלטערן — בעלי-מלאכה. געענדיקט גימנאַזיע. פֿון קינדווייז אָן געהאַט אַ נייגונג צו דער בינע.

אין עלטער פֿון 17 יאָר איז ל. אָנגעקומען אַלס שילערין פֿון דער רוסישער אַקטריסע אירעניעוואַ אין דער טעאַטער-סטודיע פֿון דער „קולטור-ליגע". אין דער סטודיע האָט זיך ל. באַלד אַרויסגעוויזן אַלס באַגאַבטע פֿאָרלעזערין פֿון יידישער דיכטונג און האָט זיך באַטייליקט אין די עפֿנטלעכע סטודיע-אָוונטן אין קיעוו און מאָסקווע.

1924 — איז ל. אַריינגעטראָטן אין מימ'ט, וואו זי האָט מיט גרויס איבערגעבנהייט געאַרבעט ביז אירע לעצטע טעג און האָט זיך אויך באַטייליקט אין טורנעע פֿון דער טרופּע איבער מערב-אייראָפּע אין 1928.

ל. האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די ראָלן „ביילקע" (אין שלום-עליכמס „200.000"), „זשענע וויעווע" (אין זשול ראָמענס „טרואַדעק"), „כאַנקע" (אין דאָבּרושיקס „דאָס געריכט גייט"), „סאָרצי" (אין פּרץ מאַרקישעס „נישט געדייגעט") און „וואַלינאַ" (אין דאָבּרושין און נוסינאָווס „ספּעץ").

דעם 30 דעצעמבער 1932 איז ל. פּלוצלינג געשטאָרבן פֿון האַרץ-שלאַג אין מאָסקווע, וואו זי איז צומאָרגנס קרעמירט געוואָרן. לכּבוד דער פֿאַרשטאָרבענער איז פֿאָרגעקומען אַ טרויער-פֿאַרזאַמלונג, אויף

וועלכער ס'זיינען צווישן אַנדערע אַרויסגעטראָטן אפֿרים לויטער, קאַווערין, פּרץ מאַרקיש, זוסקין, ראַפּאַלסקי און דאָברושין.

ל. איז געווען די פֿרוי פֿון אַקטיאָר מ. מיכאָעלס.

ש. ע.

נעקראָלאָג אין „עמעס", מאָסקווע, 1 יאַנואַר 1933.

לעווין, אברהם

געבוירן 26 אָקטאָבער 1898 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. פֿאָטער — אַן אַפּטייקער.

1915 — געענדיקט ווילנער רעגירונגס-גימנאַזיע. ערב דער דייטשער אָקופּאַציע פֿאַרלאָזט ווילנע און געוואָרן אין דרום-רוסלאַנד סופֿלער אין אַ יידישער טרופּע, וועלכע האָט, צוליבן פֿאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער, געשפּילט יידישן רעפּערטואַר אויף רוסיש.

1922 — אָנגעהויבן שפּילן אויף יידיש אין באָברויסק און אַנדערע שטעט פֿון ווייסרוסלאַנד. אין זעלבן יאָר אָנגעקומען אין פּוילן און נאָך די נויטיקע עקזאַמענס געוואָרן אַ מיטגליד אין וואַרשעווער פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן אַרטיסטן-פֿאַראיין. אַריינגעטראָטן אין אַ יידישער אָפּערעטעס-טרופּע אין ווילנע, דערנאָך אַרומגעפֿאָרן מיט אסתּר-רחל קאַמינסקיס טרופּע איבער די קרעסן [באַזעצטע געביטן דורך פּוילן]. שפּעטער געשפּילט אין „וויק'ט" אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער און מיט דער זעלבער טרופּע געמאַכט אַ טורנעע איבער פּוילן און גאַליציע. דערנאָך געשפּילט אַ יאָר אין ווילנע מיט ז. טורקאָוו, סאַמבערג, קוטנער, אידאַ קאַמינסקאַ, שריפֿטזעצער און אונטער דער רעזשי פֿון מאָרעווסקי.

1926 — אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט אין פֿאָלקס-טעאַטער, אָלימפּאַ און אַמבו, שפּעטער אָפּגעפֿאָרן קיין מאָנטיווידעאָ (אורוגוויי), וואו ער פֿאַרלאָזט די פּראָפֿעסיאָנעלע בינע און רעזשיסירט אַ דראַמקרייז ביים אַרבעטער-קולטור-צענטער מ. ווינטשעווסקי.

ל.'ס שוועסטער איז די אַקטריסע בערטאַ זאַסלאַווסקאַ.

ש. ע.

לעווין, אַננאַ

[לעווענשטיין]

געבוירן 1885 אין כמעלניק, קעלצער גוב., פּוילן. פֿאָטער - אַ באַן-עקספּעדיטאָר. יונג איבערגעטראָגן זיך קיין קעלץ, וואו זי ענדיקט אַ פֿיר-קלאַסיקע שטאָטישע שול, דערנאָך געלערנט פּריוואַט און מיטגעהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין זיין מסחר.

חתונה-געהאַט מיטן בוי-אונטערנעמער שטערן, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט אייניקע טעאַטער-בנינים אין וואַרשע, איז ל. נעקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער און נאָך איר גט מיטן ערשטן מאַן, האָט זי אין 1927 חתונה

מיטן אַקטיאָר מיכאַל מיכאַלעסקאָ, מיט וועלכן זי קומט אין 1920 אין אַמעריקע.

אין 1924 דעביוטירט ל. אויף דער פּראָווינץ אַלס „די מוטער" אין י. ראָזענבערגס פּיעסע „די ווילדע יוגנט" און בלייבט זינט דאַמאָלט שפּילן מוטער-און גראַנד-דאַמען-ראָלן אין די זעלבע טרופּעס, וואָס איר מאַן.

דעם 17 מערץ 1931 איז ל. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע.

מ. ע.

[–] — מיסעס מיכאַלעסקאָ ערקלעהרט וואָס עס האָט זי באַוואויגען צו ווערען אַן אַקטעריסע, „פֿאָרוו.", נ. י., 10 סעפּט. 1924.

לעווין, דוד

געבוירן 5 מאַי 1883 אין דאָרף אילגע-צעם, ביי ריגע, לעטלאַנד, ביי פּאַרמעגלעכע עלטערן. אין עלטער פֿון 16 יאָר אויסגע-וואַנדערט קיין אַפֿריקע. דאָ אַריינגעטראָטן אין כאָר פֿון יידישן טעאַטער אין קייפּטאָן (דיר. — סאַול וואַלערשטיין) און באַלד אַרי-בער אויף צו שפּילן ראָלן. אַ סעזאָן שפּע-טער אַריבער אין מ. ד. וואַקסמאַנס טרופּע אין יאָהאַנעסבורג, וואו ער האָט געשפּילט 4 יאָר.

1912 — געפֿאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט מיט פּיינמאַ-נען, שפּעטער צו אייניקע סעזאָנען אין די יידישע טרופּעס פֿון פּאַריז, לאָנדאָן, בעלגיע און דייטשלאַנד.

ל. האָט זיך אויך באַטייליקט אין 28 סקעטשעס אויף דער ענגלי-שער בינע און אין אייניקע פֿילמס (רעזשי — גאָלדין).

ש. ע.

לעווין, הערי (הערשל)

געבוירן 3 סעפּטעמבער 1900 אין ביאַ-ליסטאָק, פּוילן. פֿאָטער - אַ סוחר און אַ לאָקאַלער כלל-טוער. דערצויגן געוואָרן אין אָרטאָדאָקסישן גייסט. אַלס קינד פֿון 9 יאָר זיך באַטייליקט אין די העברעאישע ליבהאָ-בער-פֿאָרשטעלונגען, וואָס זיינען צו יענער צייט אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון העברעאישן לערער מ. סאַרוועד.

1912 — פֿאָרט ל. קיין דייטשלאַנד און לערנט אין האַמבורג אין אַ רעאַל-שול. אין די יאָרן 1917-18 געטאָן אין דייטשלאַנד פֿאַרשיידענע מלאכות: געווען אַ דייטשער לערער אין אָקופּירטן געביט, געשפּילט דייטש טעאַטער מיט אַ וואַנדער-טרופּע א״א פֿון זאַקסישן הויף-שוישפּילער מאַקסים עלווינג.

פֿון 1919 ביז סוף 1920 האָט ל. געאַרבעט אַלס אַסיסטענט סצע-נע-דירעקטאָר אין קאַרל שולץ-טעאַטער אין האַמבורג.

דעם 3 אָקטאָבער 1921 איז ל. אָנגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער סופֿלער אין יידישן טעאַטער.

דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן פּיעסעס פֿאַרן יידישן טעאַ-טער. אַזוי איז דעם 3 סעפּטעמבער 1923 אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך יוליוס נאַטאַנסאָן אין גרענד-אָפּערע-הויז אין באָסטאָן ל.׳ס אָפּערעטע „ליבע און גלויבן". דעם 24 נאָוועמבער 1925 איז אין קליוולאַנד אויפֿגעפֿירט געוואָרן ל.׳ס אָפּערעטע „פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿייגעלעך", דעם 18 סעפּטעמבער 1926 איז אין בראָנקסער מעקינ-לי-סקווער-טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער ל.׳ס אָפּערעטע אין 2 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג „די קראַפֿט פֿון מוזיק" (מוזיק — סעם סאַלאָמאָן), דעם 9 נאָוועמבער 1928 איז אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן ל.׳ס און ס. ה. קאָנס אָפּערעטע „פּעשקע די קאָמעדיאַנטקע" (מוזיק — גרעכטמאַן).

ל. האָט אויך דראַמאַטיזירט רעמאַרקס „אויפֿן מערב-פֿראָנט נישטאָ קיין נייעס", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַ-טער אין פּאַריז, וואו ל. געפֿינט זיך זינט 1931.

ל. האָט אויך געשריבן די אָפּערעטעס: „דער מאַמעס חתנים", „דאָס לאַנד פֿון ליבע" און „כריין" וואָס זיינען נאָך נישט גע-שפּילט געוואָרן.

ל.׳ס איינאַקטער „מר. הונגער" איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין „גערעכ-טיגקייט" (מאַי 1921) און זיין איינאַקטער „ליטעראַטור" א״פ „מאַלע ווערסיז" איז אָפּגעדרוקט אין „קונדס" (1924).

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — „די קראַפֿט פֿון מוזיק", „מאָ״ש", נ. י., 22 סעפּט. 1926.

ל. פֿאָגעלמאַן — די נייע אָפּערעטע אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „פֿאָרוו.", נ. י., 1 דעצ. 1928.

ספּעקטאַטאָר [נ. פֿראַנק] — „פּעשקע די קאָמעדיאַנטקע" פֿון הערי לע-ווין, „פּאַריזער היינט" 20 אַפּריל 1930.

ישראלי [י. ראַבינאָוויטש] — „פּעשקע די קאָמעדיאַנטקע", „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 18 פֿעברואַר 1931

לעווין, ז.

געבוירן 18 יולי 1877 אין קעלעם, קאָוו-נער ליטע. פֿאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, אין ראַמיילס ישיבה אין ווילנע, באַ-זוכט אויך אַ פֿאָלקס-שול און ביי פּריוואַטע לערער געלערנט העברעאיש און דייטש.

סוף 1895 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. צוערשט זיך באַזעצט אין אַ קליין שטעטל אין וויסקאָנסען, וואו ער איז געווען אַ פּעדלער, דערנאָך געאַרבעט אין אַ געשעפֿט אין פֿילאַדעלפֿיע און ווידער געוואָרן אַ פּעדלער. 1896 — דעביוטירט אין פֿילאַדעלפֿיער „דער פֿאָלקס-וועכטער" און דערנאָך פֿון צייט צו צייט געדרוקט סקיצן אין „אַבענד בלאַט", „פֿאָרווערטס" און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. פֿון 1905 ביז 1912 נישט געדרוקט און דערנאָך ווידער פֿאַרעפֿנטלעכט, דערהויפּט אין „פֿאָרווערטס", וואו ער אַרבעט אַלס זעצער, פֿיל סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלען און איינאַקטערס, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אין אייניקע ביכער.

דעם 13 דעצעמבער 1907 איז אין אַדלערס גרענד-טעאַטער אויפֿ-

געפירט געוואָרן פון יעקב פּ. אַדלער ל.׳ס און י. ענטיקס פּיעסע „די שולע פון לעבן״.

אין 1920 איז אין ניו-יאָרק דערשינען ל.׳ס אַ באַנד „קאָמעדיען״ (1917-20), 10 קאָמעדיעס. וועלכע זיינען פריער געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״, „פרייע אַרבייטער שטימע״ (א״פ ז. לעצטן) און „צוקונפט״, דערונטער די איינאַקטערס „פּאָעזיע און פּראָזע״, וואָס איז אויך אין 1918 איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש פון אייזיק גאָלדבערג, איז פּרעמירט געוואָרן פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין און איז דעם 4 מאַי 1918 אויפגעפירט געוואָרן אויפן באַל פון זעלבן פאַראיין, און „דעם דאָקטאָרס ערשטע אָפּעראַציע״, וואָס איז אין 1932 דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון בעסיע פּ. ווהייט.

אַחוץ דעם האָט ל. פאַרעפנטלעכט נאָך איניקע אָריגינעלע און איבערזעצטע איינאַקטערס און די פּיעסע „די טעקסי״.

כמעט אַלע ל.׳ס איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער״.

ל. האָט אין כתב-יד פאָלגנדע פּיעסעס: „משה למדן״ (דראַמע אין 4 אַקטן), „די אייביקע קראַפט״ (דראַמע אין 4 אַקטן) און „ווייט פון שטאָט״ (דראַמע אין 3 אַקטן).

ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] די לעצטע מינוטען פון אַחמעד אַבדוללאַ
(אַ סצענע פון שלאַכטפעלד), איבערזעצט פון ז. לעווין
[„צוקונפט״, נ. י, פעברואַר 1915]

[2] אַ ווייבעל אַ בריה (פּאַריזער קאָמעדיע אין איין אַקט)
פון אַלפרעד קאָפּוס, פריי איבערזעצט פון ז. לעווין.
[„פאָרווערטס״ נ י., 19 מאַי 1918]

[3] דעם טאַטענס טאָכטער

[4] אַ שטרענגע באַלעבאָסטע [אויך גערופן „די ניי-מאַשין״]

[5] „פרייע״ מענשען

[6] פון דור צו דור

[7] פונקט אין צייט

[8] אַ מאַן אַ „חכם״

[9] פּאָעזיע און פּראָזע

[10] דעם דאָקטאָר׳ס ערשטע אָפּעראַציע

[11] דער נייער גלות

[12] ביידע

[3-12 זיינען געדרוקט אין בוך „קאָמעדיען״ פון ז. לעווין, ניו-יאָרק 1920]

[13] אַ געשעפט
אַ ראָמאַנטישעס בילד פון ז. לעווין
[„פאָרווערטס״. נ. י. 19 יאַנואַר 1919.]

[14] מאַמע-לשון
(איין אַקטער) פון ז. לעווין.
[„פאָרווערטס״ נ. י. 6 פעברואַר 1921]

[15] „געצעטעלט (אַ קאָמעדיע) פון ז לעווין
[„פאָרווערטס״, נ. י., 15 אָקטאָבער 1921]

[16] די טעקסי, אַ שפּיעל אין 3 אַקטען פון ז. לעווין
[„פאָרווערטס״ נ. י., 1, 8, 15 מערץ 1925]

ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין ענגליש:

[1] Z. Levin. Poetry And Prose
translated and edited by Isaac Goldberg, Ph. D
[„Six Plays of the Yiddish Theatre", second series, Boston, John W. Luce and Company [1918]].

[2] The Doctor's First Operation
a comedy by Z Levin.
translated by Bessie F. White
[„Nine One Act Plays from the Yiddish",
Boston, John W. Luce and Company [1932]].

מ. ע.

ז רייזען – „לעקס. ייד. ליט.״, II, ז. 223-24

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] – אין טהעאַטער, „פא״ש״, נ. י, 28 דעצ 1907.

ס. קאַזאַקעוויטש – די שולע פון לעבען, „דער אַרבייטער״, נ. י, 4 יאַנואַר 1908

הלל ראָגאָף – אַ נייער בוך פון ז. לעווין, „פאָרוו.״, נ. י. 15 מאַי 1921.

א. ק. [קאַהאַן] – אַ נייע ערצעהלונג פון ז. לעווין, „פאָרוו.״, 17 נאָוו 1929.

לעווין, חנה

געבוירן 5 מאַי 1894 אין ביאַלאַ-פּאָדלאַסקא, פּוילן. פאָטער – אַ שניידער. אַלס קינד פון $1\frac{1}{2}$ יאָר אַריבער מיט דער פאַמיליע קיין וואַרשע, וואו זי לערנט אין אַ פאָלקס-שול און יידיש ביי אַ רבי. אין דער פרישטער יוגנט ווערט זי אַן אַרבעטערין ביי שטרויס-פעדערן.

מיט 12 יאָר אַריינגעטראָטן אין פיינשטיינס יידישע-קינדער-טרופּע, וואו זי דעביוטירט אַלס „כאַסיע די יתומה״ און בלייבט דאָרט שפּילן 2 יאָר. נאָך אַ קורצער הפסקה טרעט זי אַריין אין זשיטאָמירסקיס טרופּע, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום 2 יאָר איבער רוסלאַנד, דערנאָך שפּילט זי מיט קליינע פּראָווינץ-טרופּעס, שפּעטער ביי סאַבסיי אין אָדעס און מיט ליבערט זאַסלאַווסקי איבער רוסלאַנד.

1917 – געקומען אין פּוילן צוזאַמען מיט איר מאַן, דער אַקטיאָר חיים סאַנדלער, און אַרומגעפאָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, ביז זי טרעט אַריין אין 1922 אין קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע. באַלד דערויף ווערט זי אַנגאַזשירט קיין לאָנדאָן צו יאָזעף קעסלער, וואו זי שפּילט 2 סעזאָנען א״נ סאַנדלער. דערנאָך 6 חדשים אין דרום-אַפריקע. 1 יאָר אין פּאַריז, צו איניקע חדשים אין בעלגיע און דייטשלאַנד און ווידער צוריק אין פּוילן, וואו זי שפּילט 4 יאָר

אין „סמבטיון", דערנאָך ווידער 1 סעזאָן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער (דיר. — זוסמאַן) און נאָך אַ קורצן טורנעע איבער מערב-אייראָפּע ווידער אין פּוילן, וואו זי שפּילט 1932 אין אַ חברים-טרופּע אין וואַרשעווער סקאַלאַ-טעאַטער און דערנאָך אין וואַרשעווער פּאַוויליאָן-טעאַטער (דיר. — חיים סאַנדלער).

אַמפּלואַ — כאַראַקטער-ראָלן

ל.'ס טאָכטער, רייזל סאַנדלער, שפּילט אויף דער יידישער בינע

מ. ע.

חנה סאַנדלער — ווי אַזוי בין איך געקומען צו דער ביהנע? „ד' פּאָסט", לאָנדאָן, 13 יאַנ. 1928, „טעאַט'צט", וואַרשע, 5, 1929.

לעווין, לוסי (ליבע)

געבוירן 4 יולי 1906 אין ווילנע, פּויליש ליטע. פאָטער — אַ כאָריסט אין יידישן טעאַטער. מוטערס עלטערן און זיידעס — חזנים. אין 1908 קומט ל. מיט די עלטערן אין אַמעריקע. דאָ באַזוכט זי פּאַבליק-און האַי-סקול, לערנט פּיאַנאָ ביי שלום סעקונ-דאַ און מאַראַ סילוואַ, אָרגל — ביי אַלעקס ריטשאַרדסאָן און געזאַנג — ביי צעזאַר סטורעני

דורך דער איניציאַטיוו פון סעמיועל גאָלדענבורג און היימי דזשייקאָבסאָן טרעט ל. אַרויס אין 1924 אין פילאַדעלפיער גאַרדען-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פון ל. פריימאַנס אָפּערעטע „די גאָלדענע כלה" און בלייבט שוין שפּילן אַ סעזאָן אין דעם טעאַטער.

1925-28 — פּרימאַדאָנע אין קעסלערס סעקאַנד-טעאַטער (מיט מאָלי פּיקאָן), 1928-29 — אין ראָלאַנד-טעאַטער, 1929-30 — ווידער אין קעסלערס סעקאַנד-עוועניו-טעאַטער, 1930-31 — אין נעשאַנאַל-טעאַטער (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק), 1931-32 — אין ראָלאַנד-טעאַטער און 1932-33 — ווידער אין סעקאַנד-עוועניו-טעאַטער (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק).

ל. האָט זיך באַטייליקט אין די קלאַנג-פילמען „עד מתי" (רעזשי — סידני גאָלדין) און „זיין ווייבס ליובאָווניק" פון שיינע-רחל סימקאָף (מיט לודוויק זאַץ).

מ. ע.

סידני גאָרדאָן [ח. עהרענרייך] — לוסי לעווין, די פּרימאַדאָנע פון סעקאַנד עוועניו טהעאַטער, „פאָרווערטס", נ. י., 13 נאָוו. 1925.

מ. אָשעראָוויטש — אַמעריקאַנער געבוירענע און אַמעריקאַנער ערצויגענע אַקטיאָרען און אַקטריסעס אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרווערטס", נ. י., 14 נאָוו. 1925.

„אידישער וועלט-אַלמאַנאַך", ניו-יאָרק, 1926.

דר. י. קריטיקוס [יעקב קירשענבוים] — אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 5 מערץ 1926.

לעווין, נייטאַן

[געבוירן 13 דעצ. 1840 — געשט. 1932]

געבוירן 13 דעצעמבער 1840 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ חזן. ביז 18 יאָר געלערנט אין חדרים און אין עלטער פון 22 יאָר געגרינדעט דעם ערשטן יידישן קוואַרטעט אין אָדעס [לעווין (טענאָר), קאַטשאַנאָוו (באַריטאָן), צענדלער (באַריטאָן) און פישמאַן (באַס)], וועלכער פלעגט אַרויסטרעטן אין וויין-קעלערס און אין קאַפעע-שאַנטאַנען.

1880 — ווערט דער קוואַרטעט אַנגאַזשירט פון ספּיוואַקאָווסקין אַרויסצוטרעטן אין מינסק אין גובערנאַטאָרס גאָרטן אַלס דיווערטיסמענטן צו די רוסישע פאָרשטעלונגען. 1881 — ווערט דער קוואַרטעט אויפגעלעזט און ל. פאָרט קיין ליבאַווע, וואו ער טרעט אַריין אין דער דאָרטיקער יידישער טרופּע (דיר. — לעאָן בערגער).

1884 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און באַלד צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען דעביוטירט אַלס „צינגעטאַנג" אין „שולמית" אין ברוקלינער סינגער-האַל. 1885 — ווערט ל. מענעדזשער פון שוואַגער-האַל אין נואַרק און אַנגאַזשירט אַלס טרופּע די אַקטיאָרן סאַבינע און טשאַרלס ווײַנבלאַט, טאַרנבערג, טשאַרלס נאַטאַנסאָן, סעם לעווענווירט א. א. 1886 — ווערט ל. אַנגאַזשירט קיין באַלטימאָר אין גערמאַניק-האַל, וואו ער שפּילט 4 סעזאָנען מיט פאַרשיידענע טרופּעס.

1900 — נעמט ל. איבער דאָס פראַנט סטריט טעאַטער אין באַלטימאָר, אָבער באַלד צו דער דערעפענונג-פאָרשטעלונג ברעכט אויס אַ פאַלשער פייער-אַלאַרם און בעת דער מהומה קומען אום 26 פּערזאָן.

נאָך דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע ציט זיך ל. צוריק פון טעאַטער-טעטיקייט.

זינט 1 מערץ 1929 האָט זיך ל. געפונען אין אַ מושב-זקנים אין באַלטימאָר, וואו ער איז אין 1932 געשטאָרבן.

ל. איז געווען אַ פעטער פון די אַקטריסעס מינע און בערטאַ גורעוויטש און פון וויאָלין-קינסטלער קאָכאַנסקי.

ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

לעווין, שמואל

געבוירן בערך 1890 אין פולאַוו, לובלינער געגנט, פּוילן, ביי אָרימע עלטערן — הענדלער אויף דער באַן. געלערנט ביז 12 יאָר אין חדר, שפּעטער אין דער לובלינער ישיבה, אָבער די ענוים פון „טעג-עסן" טרייבן אים אַרויס אין גאַס. ל. ווערט אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד, אַ קראָם-אָנגעשטעלטער, אַ קאַמאַשן-שטעפּער, טראָגט אַרום אויף דער באַן פּירות און געטראַנקען. דורך קומען אין באַרירונג מיט די סטודענטן פון דער אַגראָנאָמישער הויכשול אין פולאַוו, באַקומען אַ שטאַרקן חשק

צו בילדונג און מיט התמדה זיך געוואָרפן צו זעלבסטבילדונג. דערנאָך אַוועק קיין אַרגענטינע, וואו ער אַרבעט אויף אַ פאַרם.

צוריקקומענדיק אין פוילן, מאָביליזירט געוואָרן אויפן מלחמה־פראָנט, שפּעטער געהאַלטן אַ קאַפע־הויז און דערנאָך אַ קראָם אין לובלין.

1919 – דעביוטירט מיט 2 פּיעסעס: „פּאַר זינד" און „אַ שרפה, דראַמאַ אין 3 אַקטן, וואַרשע תר״פ" [1919, 85 ז. 16°]' וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דורכן סטאַניסלאַווער גאָלדפאַדען־פאַראיין אין 1920 אין סטאַניסלאַוואָוו.

באַלד דערויף וואַנדערט ל. אויס קיין דייטשלאַנד, וואו ס'ווערט פאַרעפנטלעכט אין דייטש זיין „חסידישע לעגענדע", וועלכע דער־שיינט שפּעטער אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין פרישמאַנ'ס „התקופה" (יח) און ערשט דערנאָך אין יידישן אָריגינאַל אין זשיטלאָווסקי־ניגערס „דאָס נייע לעבן" אין אַמעריקע.

פון איצט אָן דערשיינען ל.'ס ווערק סיסטעמאַטיש אין דייטש. אין 1927 איז אין וואַרשעווער בזשאָזאַ־פאַרלאַג דערשינען אין יידיש ל.'ס „דאָס געזאַנג פון דורות" אין 2 בענדער.

ל. האָט אין כתב־יד נאָך אייניקע פּיעסעס, דערפון אייניקע שוין אויסגעזעצטע אין בזשאָזאַ־פאַרלאַג.

מ. ע. פון ש. שיינבערג.

שלמה שיינבערג – אַ שמועס מיט שמואל לעווין, „ליטבל'ט", וואַרשע, 38, 1928.

לעווינזאָן, לודוויג (אריה־לייב)

[געב. 1842־1844 – געשט. 1904]

געבוירן 1844 [לויט יעקב דינעזאָן – 1842] אין זאַמאָשטש, לובלינער געגנט, פוילן, ביי פרומע, אָרעמע עלטערן. אין די יונגע יאָרן זיך אויסגעלערנט פרעמדע שפּראַכן און געשמט אַלס אויסגעצייכנ־טער קענער פון פויליש און דייטש. ל. באַקענט זיך דערנאָך אויך מיט דער אייראָפּעישער ליטעראַטור און אין עלטער פון צוועלף אַן צוואַנציק יאָר לאָזט ער זיך וואַנדערן איבער פוילן אַלס פּריוואַט־לערער אין גבירישע הייזער אין פאַרשיידענע שטעט (ראַוואַ, קוטנע, וואַר־שע, מלאַווע).

1880 – געקומען אין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן אַן אָנגע־שטעלטער אין דער יידישער גמינע און דאָרט געאַרבעט 24 יאָר.

זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט האָט ל. (אויפן גרונט פון איבערגעבליבענע כתבים און בריוו) אָנגעהויבן אין העברעאיש אין 1870 מיט זיין בוך „נדר יפתח" און שפּעטער געשריבן אַנדערע העברעאישע ראָמאַנען און דערציילונגען.

ש. שווערדשאַף שרייבט: „אַרום יאָר 1880 האָט לעווינזאָן אָנ־געהויבן שרייבן יידיש (סאַטירישע לידער). די קאָמעדיע „ווייבע־רישע קניפּלעך" [וועגן וועלכער עס איז נישט קלאָר צי ל. אָדער ישראל־מאיר וואָהלמאַן איז איר מחבר. זע „לעקס. ייד. טעאַט" I זז. 641-644] איז אָנגעשריבן געוואָרן 1880-81, וואָרשיינלעך [?] אין מלאַווע. די זאַך איז ערשינען אָן נאָמען פון מחבר. זי איז אָבער געווען גענוג פּאָפּולער. לעווינזאָן אַליין פלעגט זאָגן:

— אַז איך גיי אויף פראַנטשישקאַנער [אַ גאַס אין וואַרשע] און כ'זע ווייבער לייענען עפּעס און לאַכן, מיין איך, אַז זיי לייענען טאַקע „די ווייבערישע קניפּלעך".

„אַ חוץ די „קניפּלעך" האָט לעווינזאָן אָנגעשריבן נאָך אַ קאָ־מעדיע אין פערזן א'נ „שלאָמקע אין פּאַס", וואו עס ווערט אויסגעלאַכט אַ ליטוואַק וועלכער שאַרט זיך צו אַ „פוילישער" אשת־חיל.

„לעווינזאָן האָט אויך מיטגעאַרבעט אין פרעס פאַרשיידענע אויסגאַבן. לעווינזאָנס כתבים זאָגן עדות אויף זיין פילזייטיקער בילדונג און אַ גרויסע טרעפלעכקייט פון זיינע אָבסערוואַציעס. ער האָט איבעריקנס זייער ליב געהאַט צוצוקוקן זיך צו דעם לעבן פון פאָלק. הגם ער האָט שפּעטער געלעבט אין אַ מער פאָרטגע־שריטן־אַסימילירטער סביבה, איז דאָך זיין גרעסטער פאַרגעניגן גע־ווען צו גיין הערן ווי יידן ריידן און – דערנאָך איבערגעבן דאָס אין זיינע כתבים".

„די ווייבערישע קניפּלעך" זיינען זינט 1873 דערשינען אין אייניקע אויפלאַגעס, אַלע מאָל אָדער אַנאָנים אָדער א'נ פון מיום – י. מ. וואָהלמאַן, אָבער קיינמאָל נישט אונטער ל.'ס נאָמען.

די ערשטע ווילנער אויסגאַבע איז – לויט ז. רייזען – אַרויס, קענטיק, אין 1873. אין 1874 איז דערשינען אַ נייע אויפלאַגע [אין אַ רוסישער באַמערקונג צו אַן אויסגאַבע פון 1881 ווערט דייט־לעך געזאָגט: „פון דער ווילנער אויסגאַבע פון 1874"]. אין 1881 איז דערשינען: „די ווייבערישע קניפּלאַך, איין טעאַטער שפּיעל, אין פינף אַקטען געשריבן, חערויס גיגעבין פון מיו'ם – ווילנא, תרמ'א [אין רוסיש צוגעגעבן: „פאַרפאַסט פון י. מ. וואָהלמאַן"], געדרוקט ביי ראָזענקראַנץ־שריפטזעצער."

אין וואַרשעווער איבערדרוק הייסט די קאָמעדיע „דער חרם דרבינו גרשון אָדער דיא ווייבערישע קניפּלעך. איין טהעאַטער אין פינף אַקטען, אין גריימען געשריבען. דיא מעשה האָט זיך גטראָפין אין אַ קליין שטעטיל אין קליין פוילין, וואַרשע. בדפוס של ר' יוסף לעבענזאָהן" [אָן דרוק־יאָר. די צענזור־דערלויבניש איז פון 11 אַפּריל 1882].

אין רשות פון דר. יעקב שאַצקי געפינט זיך אַ וואַרשעווער אַנאָנימע אויסגאַבע פון 1877 (פּ'ג מונק, 48 ז. קליין 8°).

אין דער צייט וואָס אַ. ליטווין רעדט בפירוש וועגן וואָלמאַן אַלס מחבר פון דער קאָמעדיע, און ש. ל. ציטראָן גיט אָן אַלס כאַ־ראַקטעריסטישן גרונט פאַר וואָלמאַנס מחברשאַפט דאָס וואָס וואָל־מאַן איז אין זיין פּריוואַט־לעבן געווען פאַרהייראַט צו 6 ווייבער, קומט זלמן רייזען – זיך סומך זייענדיק אויף זיי און אויף אַ אַ פאַרגלייך פון די ווילנער און וואַרשאַווער טעקסטן – צום באַ־שלוס, אַז דער ווירקלעכער מחבר פון דער קאָמעדיע איז געווען וואָלמאַן, נאָר העכסטענס קאָן זיך האַנדלען, אַז ל. האָט רעדאַק־טירט דעם פוילישן וואַריאַנט פון וואָלמאַנס קאָמעדיע. אויך אברהם רייזען דערציילט אין זיינע „עפּיזאָדן", אַז ער האָט זיך 1906-07 געטראָפן אין מינסק מיט ישראל־מאיר וואָהלמאַן, וועלכער אין לויט דער לעגענדע געווען דער מחבר פון דער באַרימטער קאָ־מעדיע „די ווייבערישע קניפּלעך".

בעת ב. גאָרין מאַכט פאָלגענדיקע באַמערקונג: „דער נאָמען פון דעם שרייבער איז אָנגעגעבן י. מ. וואָלמאַן, נאָר ווי עס ווייזט זיך אַרויס [?] איז דער פאַרפאַסער פון דער [דעם] דאָזיקן שטיק לודוויג לעווינזאָן, וועלכער האָט איר געגעבן וואָלמאַנען

אַז ער זאָל איר געבן צום דרוק, און יענער האָט שוין פאַר איין גאַנג אַרויפגעשטעלט אויף איר זיין אייגענעם נאָמען", שרייבט לעאָ ווינער אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19-טן יאָרהונדערט" [ענגליש]: „זיין נאָמען [ל.ס] פיגורירט נישט אויף קיין שום אויסגאַבע פון זיין קאָמעדיע. אין אָנפאַנג פון די 70-קער יאָרן האָט ער איבערגעגעבן זיין ווערק וואָלמאַנען צום פובליקירן. דער לעצטער האָט געהיים פאַרעפנטלעכט דאָס ווערק מיט זיינע ראשי תיבות".

ז. רייזען, וועלכער פאַרגלייכטביידע טעקסטן [דעם ווילנער און וואַרשעווער], שרייבט: „....דער אונטערשייד צווישן ביידע טעקסטן [איז] נאָר אין סטיליסטישע ענדערונגען, צוגעפּאַסט צו דעם נוסח פון פוילישן יידיש. מ'מוז אָבער מודה זיין, אַז כמעט אין אַלע פאַלן האָבן דידאָזיקע ענדערונגען [וועלכע זיינען לויט רייזען — לעווינזאָנס] פאַרבעסערט און געמאַכט לעבעדיקער וואָלמאַנס גראַמען. בלויז אין די סוף-סצענעס פון דער קאָמעדיע זיינען אין דעם לעווינזאָן-טעקסט פאַראַן אויך שינויים אין תוך..."

ש. שווערדשאַרף באַגרינדעט אויף פאָלגענדן אופן ל.ס מחברשאַפט פון דער קאָמעדיע:

„ה' אַ. פינקעלשטיין, וועלכער איז געווען לעווינזאָנס אַ נאָענטער פריינט אין משך פון פיל יאָרן, האָט מיר דערציילט, אַז מיט די „ווייבערישע קניפּלעך" האָט מען לעווינזאָנען עפּעס געהאַט אָפּגעטאָן אַ „שטיקל". די קאָמעדיע האָט עמעצער (ה' פינקעלשטיין געדענקט נישט ווער) ביים מחבר צוגעגנבעט און אַרויסגעגעבן (אונטער זיין נאָמען אָדער אָן אַ נאָמען). אויך די ה'ה נח און נחמיה פינקעלשטיי, דערציילן דאָס זעלבע. איך האָב אויך גערעדט מיט אַ געוויסער עלטערער דאַמע, וואָס לעווינזאָן איז ביי איר אין שטוב געווען לערער, און אויך זי געדענקט, אַז לעווינזאָן פלעגט פאָרלייענען (ער האָט געקענט גלענצנד פאָרלייענען, „נאָכמאַכן" און דערציילן — אַ שטריך, וואָס דערקלערט אפשר פאַרוואָס די „ווייבערישע קניפּלעך" זיינען אַזוי סצעניש) די „ווייבערישע קניפּלעך" אַלס זיין אייגענע זאַך. און דאַן — לעווינזאָן און וואָלמאַן זיינען זיך נישט געווען אינגאַנצן פרעמד. אָט האָט דאָך וואָלמאַן איבערגעזעצט לעווינזאָנס „נדר יפתח" אויף יידיש. אגב האָט ער דאָס געמאַכט אָן דער דערלויבניש פון מחבר. אין איינעם פון לעווינזאָנס בריוו איז דאָ אַן אויסדרוק „הנולה של וואָלמאַן" — וואָלמאַנס נידערטרעכטיקער טאַט. לעווינזאָן איז געווען באַקאַנט ווי אַ דורכאויס-פיינער און אָרנטלעכער מענטש, דאַקעגן ביי וואָלמאַנען זעען מיר, אַז ער האָט אָפּגעטאָן דעם זעלבן לעווינזאָנען איינמאָל אַ „נולה". ווען זיי ביידע זאָלן שטיין פאַר אַ געריכט, וואָלט דער ריכטער אָנגענומען, אַז וואָלמאַן האָט „שאַנסן" אָפּצוטאָן אויך אַ צווייטע עולה.

„„איך דערלויב מיר צו באַהויפּטן, אַז דאָ האָט געקאָנט האָבן אָן אָרט נישט אַ פאַרבעסערונג פון טעקסט דורך אַ פוילישן פּלאַגיאַטאָר (לעווינזאָן?), נאָר אַ קאַליע מאַכונג דורך אַ ליטווישן פּלאַגיאַטאָר (וואָלמאַן?). אַזעלכע פאַלן פון איבעראַרבעטונגען און „אויסבעסערונגען" זיינען גוט באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

„„ז. רייזען איז דאָך אַליין מודה, אַז וואָלמאַנס יידיש איז נישט געווען קיין גאָר געהויבענער. דאַקעגן ביי לעווינזאָנען איז געבליבן אין (כתב-יד) אַ צווייטע קאָמעדיע „שליאָמקע אין פּאַס".

אויפן סמך פון אַן אויבערפלעכלעכער דורכבלעטערונג פונם כתב יד קאָן מען באַהויפּטן, אַז אויך די קאָמעדיע איז געשריבן מיט סצעניש נערוו (ווי די „ווייבערישע קניפּלעך") און אין אַ ברייטער, פאָלקסטימלעכער שפּראַך. ...איך ווייס אויך פון די דערציילונגען פון לעווינזאָנס פריינט, אַז ער האָט גערעדט אַ וואונדערבאַרן יידיש, און יידיש איז אים בכלל געווען זייער ליב.

„„דאָס וואָס אַלטע זאַמאָשטשער ווייסן ניט פון לעווינזאָנען איז קיין וואונדער ניט. ער איז אַוועק פון זיין געבורט-שטאָט אין די גאָר יונגע יאָרן".

רר. יעקב שאַצקי באַהאַנדלט די פראַגע פאַרוואָס ל. האָט נישט געשטעלט זיין נאָמען אויף דער וואַרשעווער אויסגאַבע: „..עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז וואָלמאַן האָט באַאַרבעט די קאָמעדיע און האָט זי אַרויסגעגעבן אין ווילנע 1874 און לעווינזאָן, זעענדיק, וואָס וואָלמאַן האָט געטאָן מיט זיין פּיעסע, האָט זי אַרויסגעגעבן אין דריי יאָר אַרום אין וואַרשע ...פאַרוואָס האָט ער ניט אָנגעשריבן זיין נאָמען? אפשר איז ער שוין געווען אַ באַאַמטער אין דער גמ"נע? ..און אפשר האָט ער ניט געוואָלט אָנגעבן זיין נאָמען אויט מורא, אַז מען וועט אים האַלטן פאַר אַ פּלאַגיאַטאָר בשעת ווען מיט דריי יאָר פריער איז דיזעלבע קאָמעדיע ערשינען אין ווילנע מיט וואָלמאַנען אַלס מחבר און מען האָט זי זיכער געקענט אין וואַרשע". און באַרירנדיק די פראַגע וועגן דער רעדאַקציע פון די צוויי טעקסטן, שרייבט ער ווייטער: „די פּריאָריטעט פון ליטווישן טעקסט איז מיט גאָרנישט באַוויזן, ווייל פּונקט אַזוי האָט וואָלמאַן געקאָנט באַאַרבעטן לעווינזאָנס פּויליש-יידיש דיאַלעקט אין טעקסט. פילאָלאָגיש האָט רייזען נישט באַוויז, אַז דער ליטווישער נוסח איז אַן עלטערער".

לעאָ ווינער רופט אָן די קאָמעדיע „די חנודיקע קאָמעדיע", און האַלט, אַז דאָס איז איינע פון די בעסטע און אפשר די בעסטע קאָמעדיע, געשריבן אין יידיש.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דער קאָמעדיע: „די ווייבערישע קניפּלעך" איז אַ קאָמעדיע, וואָס רופט אַרויס אַ געזונטן געלעכטער. דער סיזשעט צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער פשטות און די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין. אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר איז אַזוי נאַטירלעך, לעבעדיק, אָן אַ שום אָנשטרענגונג, אָן ניסים. די פאַנטאַזיע פאַרשלעפּט ניט דעם שרייבער אָן אַ זייט, הגם דער גאַנצער יסוד פון דער קאָמעדיע איז אַ שיינער פייערווערק. ..מיט איר איינפאַכקייט, מיט איר נאַטירלעכן דיאַלאָג, מיט איר נאָענטקייט צום לעבן, איז די קאָמעדיע „ווייבערישע קניפּלעך" איינע פון די בעסטע פון דעם יידישן רעפּערטואַר".

אין 1927 האָט דוד הערמאַן אויפגעפירט מיט דעם סטאַניסלאַווער גאָלדפאַדען-פאַראיין די קאָמעדיע אַלס לודוויג לעווינזאָנס.

דעם 14 אויגוסט 1928 איז די קאָמעדיע „ווייבערישע קניפּלעך, אַן אַלטע יידישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, מיט מוזיק און געזאַנג פון לודוויג לעווינזאָן, אינסצעניזאַציע און רעזשי: דוד הערמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: וו. ווייַנטרויב, מוזיק באַאַרבעט פון ה. קומאַק" אויפגעפירט געוואָרן דורך די „ווילנער" אין וואַרשעווער עליזעאום-טעאַטער.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן בלויז אַ קורצע צייט.

וועגן דער אויפירונג פון דער פּיעסע שרייבט י. מ. ניימאַן:

„ווי געזאָגט, זיינען „די ווייבערישע קניפּלעך” נישט קיין סצענישער באַגאַבונג — און פּאַר שיפערס „טעאַטער-געשיכטע” האָט עס זיכער אַ ווערט. אָבער קיין שום כאַראַקטערן זיינען דאָרט נישטאָ, און קיין פּסיכאָלאָגיע און קיין שטייגער — עס איז דאָ אַ המצאה און לשון. עס קאָן אויפגעפירט ווערן אַלס איינאַקטער — אויף אויסצופילן אַנ׳ אָוונט איז דאָ צו ווייניק שטאָף. ...די „קניפּלעך” [אין הערמאַנס אויפפירונג] ווירקן נישט. עס איז נישטאָ די לייכטע שפּילעוודיקייט פון אַ קאָמעדיע. דאָ איז אַלץ געמוטשט און געמאַכט, צעצויגן, אָנגעשטרענגט, איבערגעקליגלט”.

ב. קאַרלינניוס שרייבט וועגן דער אויפפירונג: „דער איינפאַל פאַר זיך אַליין איז זיכער אַ געלונגענער, אַ שאַרפזיניקער. דער א ו י ס ב ו י פון דעם שפּאַס? אָרים. נאַאיוו. סכעמאַטיש אָנגעוואָרפענע פיגורן. זייער ווייניק האַנדלונג. ...אין דער ראַם פון „די ווייבערישע קניפּלעך” וואָלט זיך געלאָזט אויספורעמען אַ פאָלקס-שטיק פון נאַטירלעכער יידישער לעבנס-פרייד. דוד הערמאַן איז אַזוי ווייט נישט געגאַנגען. ער האָט דעם באַשרענקטן שטאָף איבערגעבויט און גערייניקט, אָבער ער האָט אים צו ווייניק אויסגעשפּרייט. עס איז געבליבן אַ יידישלעך שפּיל פון זקנים, פון זקנות. ...עס איז אַ שפּאַס און אין דער סצענישער באַהאַנדלונג פון דוד הערמאַן — אַ ש יי נ ע ר שפּאַס. אָרים, נאַאיוו. קוים אַ געגנעץ פון אַ קאָמעדיע, אָבער הערמאַן האָט די אָרימקייט באַפּוצט, אויסגעפיילט, סטיליזירט און עס איז אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקע, פאַרביקע, אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג”.

אין 1904 איז ל. געשטאָרבן אין וואַרשע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.”, I, זז. 125-127, II, ז. 269.

דוד הערמאַן — פאַרוואָס ווערן די „ווייבערישע קניפּלעך” אויפגעפירט אויף דער בינע, „נייע פאָלקסצייטונג”, וואַרשע, 12 יוני 1928.

ש. שווערדשאַרף — ווער איז דער מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך”, „היינט”, וואַרשע, 10 אויגוסט 1928.

זלמן רייזען — „די ווייבערישע קניפּלעך” און זייער מחבר, „די יידישע וועלט” וואַרשע, VI, 1928.

ב. קאַרלינניוס — טעאַטער, „מאָמענט”, וואַרשע, 13 אויגוסט 1928.

י. מ. ניימאַן — „ווייבערישע קניפּלעך”, „היינט”, וואַרשע, 17 אויגוסט 1928.

ל. דרייקורס — פּרעמיערע ביי די „ווילנער”, „אונזער עקספּרעס”, וואַרשע, 17 אויגוסט 1928.

א. טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] — „די ווייבערישע קניפּלעך” ביי די ווילנער”, „נייע פאָלקסצייטונג”, וואַרשע, 21 אויגוסט 1928.

נ. מייזיל — „די ווייבערישע קניפּלעך” ביי „די ווילנער”, „ליטבלעטער”, 34, 1928.

ש. שווערדשאַרף — ווער איז פאָרט דער מחבר פון „ווייבערישע קניפּלעך”. „ליטבל׳ט”, וואַרשע 29, 1929.

זלמן זילבערצווייג וועגן מחבר פון „די ווייבערישע קניפּלעך”, „ליטבל׳ט”, וואַרשע, 11, 1930.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „אַרכיוו”, ווילנע, 1930, זז. 477-479.

לעווינסאָן, אברהם

געבוירן 14 אויגוסט 1889 אין לאָדזש, פּוילן, אין אַ סוחרישער פאַמיליע וואָס שטאַמט פון ליטע. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר, צוערשט ביי חיים-יעקב קרעמער (אַ משכיל און מחבר פון יידישע און העבראַאישע ביכער) און דערנאָך ביי איציקל צייטלינג (מחבר פון „ילקוט ארץ ישראל”). אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין די האַנדלס-שולן פון זגערזש און לאָדזש, אין די גימנאַזיעס פון ניי-אַלעקסאַנדער און פּראַגע-וואַרשע.

1910 — אַ קורצע צייט באַזוכט אַ דענטיסטן-שול אין וואַרשע און דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין לייפּציג, דערנאָך אַריבער אויפן יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, וועלכן ער האָט געענדיקט אין 1916 אין ראָסטאָוו, וואוהין דער אוניווערזיטעט האָט עוואַקואירט. ל. האָט אויך שטודירט אין כאַרקאָווער האַנדלס-אינסטיטוט.

אין 1907 פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע זיין העבראַאישע איבערזעצונג פון טשיריקאָווס פּיעסע „די יידן”. זינט 1910 געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין לאָדזשער „הבימה העברית” און האָט זיך באַטייליקט אין די העבראַאישע אויפפירונגען (א׳ר פון יוליוס אַדלער) פון „אוריאל אַקאָסטאַ” און „דאָס נייע געטאָ” אין לאָדזש, וואַרשע און אין ווין בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1913.

אין כאַרקאָוו אַריינגעצויגן אין דער געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער באַוועגונג, האָט ל. געאַרבעט אין העבראַאישן קינדער-פאַרלאַג „הספר” און גלייכצייטיק איבערזעצט פאַרן אָרטיקן קונסט-טעאַטער „אונזער ווינקל” די פּיעסעס „די האָטעל-ווירטין” פון גאָלדאָני, און „אין שטאָט” פון יושקעוויטש, וואָס זיינען דאָרט אויפגעפירט געוואָרן.

ער האָט אויך איבערזעצט פאַרן דאָזיקן טעאַטער ראָסטאַנס „צוויי פּישראָ”, וואָס איז נישט געשפּילט געוואָרן.

אין זמ׳ב „טעאַטער-זכרונות” (רעד. — זלמן זילבערצווייג) האָט ל. פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל זכרונות וועגן „אונזער ווינקל”.

אין אוקראַאינע האָט ל. זיך געווידמעט דער פּאַרטיי-פּרעסע פון „צעירי-ציון” און סוף 1920 צוריקגעקערט קיין פּוילן, וואו ער איז אַקטיוו אַלס פּאַרטיי-זשורנאַליסט, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר. 1922 — געוויילט געוואָרן אויף דער „הסתדרות”-ליסטע אַלס דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים איצט איז ל. דירעקטאָר פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד אין פּוילן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.” II, זז. 340-42.

זלמן זילבערצווייג — „טעאַטער-זכרונות”, ווילנע 1930, ז. 56.

אברהם לעווינסאָן — „אונזער ווינקל” (דאָרט, זז. 45-39).

לעוונער, גרשון-חיים

געבוירן 8 יאַנואַר 1864 אין גרויס-טאָקמאַק, טאַווריטשער גוב., קרים באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט מסחר.

אַ חוץ פיל מאמרים אין „המליץ”, „הצפירה”, „המגיד” א׳פ נח״ל, האָט ער אין העבראַאיש אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע ביכלעך, און אין יידיש איבער 50 מעשה-ביכלעך, וואָס זיינען זינט אָנהייב די 90-ער יאָרן געדרוקט געוואָרן אין ווילנע.

אין ווילנע איז דערשינען ל.׳ס „דער פרעהליכער פּורים, אין 5 בילדער, צום לאַכען, אונ פרעהלעך מאַכען פון ג. ח. לעוונער” [אַ שפּעטערדיקע אויסגאַבע פון 1913, 28 ז. 16°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.”, II, זז. 249-51.

לעוועבראָווסקי, אברהם

[געב. 1888 — געשט. 23 יאַנ. 1928]

געבוירן 1888 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ סאַרווער. געווען אַ משורר אין נאָזשיקס שול און אין 1907 אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער".

1909 — אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין לערמאַנקעס טרופּע אין רוסלאַנד און 1911 — געשפּילט ביי זשיטאָמירסקי, 1913 — ביי בעקער און זינט 1914 — אין חברים-טרופּעס איבער רוסלאַנד און פּוילן, צוערשט אַלס רעזיניאָר און דערנאָך אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער.

דעם 23 יאַנואַר 1928 איז ל. געשטאָרבן אין וואַרשע.

מ. ע. פון זיין פרוי לאה לעוועבראָווסקי.

לעוועבראָווסקי, לאה

[דיקשטענבערג]

געבוירן 27 אַפּריל 1891 אין וואַרשע פּוילן. פאָטער — אַ קליינער תבואה-סוחר. דורך אַ חברטע זיך באַקענט מיט „ליבהאָבער" און דאָרט אָנגעהויבן שפּילן. נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר אברהם לעוועבראָווסקי, מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס ער.

ל. שפּילט איצט אין פּוילן.

איר טאָכטער שפּילט אויך אויף דער יידישער בינע אין פּוילן.

מ. ע.

לעווענווירט, סעם

געבוירן 5 מאַי 1880 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. עלטערן (געבוירענע פון גאַליציע) — באַזיצער פון אַ האָטעל, אין וועלכן ס'פלעגן וואוינען יידישע אַקטיאָרן. געענדיקט פּאַבליק-סקול און געזונגען אין טעמפּל. ווען דער פאָטער ווערט געשעפטס-פירער פון יידישן טעאַטער אין קלוב אויף האַנדזוויטש 10, וואו ל. ווערט דורך אַדלערן צוגענומען פאַר אַ קינדער-ראָל, דעביוטירט ער אין דער פּיעסע „משוגענע אויס ליבע".

בעת דער גרעסטער טייל אַקטיאָרן פאַרלאָזט לאָנדאָן, נעמט ל. צונויף זיינע ברידער און שוועסטער: מעני, עני, אַלעקס און עמיליע און זיי שפּילן אין 1886 די פּיעסע „בעל תשובה" צוזאַמען מיט די געבליבענע אַקטיאָרן סאַלאָמאָן און עני מאַנע, לייבוש גאָלד און יעקב קאַצמאַן, דערנאָך שפּילן זיי „דער רויבער פון יאַרמילאָוו", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ" און אַנדערע פּיעסעס, גאַסטראָלירנדיק שפּעטער אויך איבער דער ענגלישער פּראָווינץ (מאַנטשעסטער, ליווערפּאָל און לידז).

אין 1898 ווערט ל'ס גאַנצע פאַמיליע געבראַכט אין אַמעריקע דורך משה זילבערמאַן און זיי טרעטן אויף אין אָריענטאַל-טעאַטער אין „שולמית", דערנאָך שפּילן זיי אין נוואַרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ און קומען צוריק אין ניו-יאָרק, וואו זיי טרעטן אַרויס אין גרענד-מיוזעאום אויף גרענד סטריט מיט 13 פאַרשטעלונגען אַ טאָג (פון 11 פרי ביז 12 ביינאַכט) אין „שולמית" און אַנדערע גאָלדפאַדען-אָפּערעטעס (צו 10 סענט איינטריט), און שפּעטער אין אַנדערע יידישע וואָדעוויל-הייזער.

1907 — אָפּגעפאָרן מיט זיין ברודער מעני קיין לאָנדאָן, וואו זיי שפּילן 2 יאָר אין ענגלישן וואָדעוויל, דערנאָך צוריקגעקומען אין אַמעריקע און ווידער אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ל. טרעט אַרויס 9 יאָר, צוזאַמען מיט טשאַרלס קאָהן, אין ענגלישן וואָדעוויל.

צוריקגעקומען פון ענגלאַנד, טרעט ל. ווידער אַרויס אין פאַרשיידענע יידישע וואָדעוויל-טעאַטערס אין ניו-יאָרק און ספּעציאַליזירט זיך ענדלעך אַלס קאָנפעראַנסיער אויף פאַרשיידענע טעאַטער-און קאָנצערט-פאַראַנשטאַלטונגען.

ל. איז דער מחבר פון פיל טעאַטער-לידער, וועלכע ווערן געזונגען סיי דורך אים, סיי דורך אַנדערע אַקטיאָרן אין פאַרשיידענע פּיעסעס, באַזונדערס פּאָפּולער זיינען זיינע לידער „אין הויז וואו מען וואוינט און מען לאַכט", „אַז מע שניידט מיין פלייש זאָל קיין בלוט לויפן" [אַריינגענומען אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש"], „די ענדע פון בעסטן אַקטיאָר" און „די אויסגעשפּילטע אַקטריסע".

כּיל פון ל.'ס לידער זיינען דורך אים געזונגען געוואָרן פאַר די קאָלאָמביאַ-רעקאָרדס.

ל. איז באַזונדערס פּאָפּולער מיט זיינע וויצן, הויפּטזעכלעך פון טעאַטער-לעבן. אַ טייל פון די וויצן האָט ער אין 1924 אַרויסגעגעבן אין ניו-יאָרק אין אַ ביכל א'נ „סעם לעווענווירט'ס אָריגינאַלע וויצן פון אידישען טעאַטער" [42 ז 32°].

אין 1932 האָט ל. זיך באַטייליקט אין קלאַנג-פילם „זיין ווייבס ליובאָווניק" פון שיינע-רחל סימקאָף (מיט זאַצן)

ל.'ס פרוי איז די יידישע אַקטריסע איוואַ קאַץ, שוועסטער פון דער אַקטריסע מערי ווילענסקי.

מ. ע.

דב'ש. — דיא היינצעלמענכען, „דיא צוקונפט", לאָנדאָן, 50, 1886.

לעווענזאָן, דוד

געבוירן 15 מאַי 1871 אין ריגע, לעטלאַנד, ביי בעל-הביתישע עלטערן. געענדיקט אַ שטאַט-שע שול, דערנאָך באַזוכט רעאַל-שול, געזונגען אַלס סאָפּראַן (גערופן געוואָרן „דודל מנגן") ביים חזן ראַזאָווסקי און זיך געלערנט אויסאַרבעטן זילבער-און-בראָנז-פיגורן.

געקומען אין אַמעריקע, האָט ל. זיך פאַרנומען מיט זיין פאַך און געווען אַ מיטגליד אין דייטשע געזאַנג-און-דראַמאַטישע פאַר-

אייגען, אַרויסטרעטנדיק אין דייטשע אָפּערעטעס און קלאַסישע פּיעסעס. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין יידישע דראַמאַטישע פאַראייגען.

אויף דער איניציאַטיוו פון פיינמאַן געוואָרן אין שיקאַגאָ אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר, דעביוטירנדיק אַלס „יאַפע" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" און באַלד דערויף אָפּגעפאָרן קיין ניו-יאָרק, וואו ער האָט אַ סך יאָרן געשפּילט אונטער דער דירעקציע פון אַדלער און טאָמאַשעווסקי, אַרויסטרעטנדיק אין די ערשטע ליבהאָבער-ראָלן אין „היסטאָרישע אָפּערעטעס".

שפּעטער איז ל. געוואָרן אַן אונטערנעמער פון שטענדיקע טרופּעס איבער אַמעריקע (פון ניו-יאָרק ביז קאַליפאָרניע), אויפירנדיק דעם אַלטן און נייעם יידישן אָפּערעטעס-רעפּערטואַר, אויך גאָרדינס פּיעסעס, און צום ערשטן מאָל אין יידיש לעסינגס „נתן החכם". אין משך פון דערדאָזיקער צייט האָט ל. אייניקע סעזאָנען געשפּילט אַלס ערשטער שוישפּילער און רעזשיסער אין פילאַדעלפיער יידישן טעאַטער (מענ. — מייק טאָמאַשעווסקי).

ל. איז געווען דער ערשטער צו שפּילן „בענדזשאַמין" אין ליבינס „די געבראָכענע הערצער", „פּיטשע חזן" אין גאָרדינס „דודל משורר", „דער בעטלער" אין לאַטיינערס „דער ייד אין רומעניע" און גלייכצייטיק מיט ניו-יאָרק אויפגעפירט אין פילאַדעלפיער גרין-סטריט-טעאַטער אַשס „גאָט פון נקמה" (שפּילנדיק „יעקל שאַפּשאָוויטש")

בעת זיין וואַנדערן איבער דער פּראָווינץ, האָט ל. געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן אין דייטש „יאַגאָ" אין „אָטעלאָ", „קאַרל" אין „די רויבער" און דעם ליבהאָבער אין „אינטריגע און ליבע", ווי אויך מיטצושפּילן אין דייטש מיט מאָריסאָנען איבער דער פּראָווינץ.

1926-27 — האָט ל. געשפּילט אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער (מענ. — אַנשל שאָר), 1930-31 — אין אָדעאָן-טעאַטער, 1931-33 — אין נוארק.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 226.

לעווענטאַל, נעמי

[זע נאַטאַן נעמי]

לעווענסאָהן, יעקב

געבוירן 15 אָקטאָבער 1872 אין טערליצע, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער און זיידע — דיינים. ביז 16 יאָר געלערנט אין דער אומאַנער ישיבה. אין עלטער פון 17 יאָר געקומען אין אַמעריקע, דאָ געאַרבעט ביי העמדער, דערנאָך געוואָרן אַן אַגענט פון לעבנס-פאַרזיכערונג.

זענענדיק אַדלערן שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ" געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער און דערנאָך באַקומען אַ נייגונג צו שרייבן פּיעסעס פאַר דער יידישער בינע.

ל.׳ס ערשטע פּיעסע „דאָס אומגליק פון מיין פאָלק" איז א׳ר פון ח. זיינער אויפגעפירט געוואָרן דעם 6 אָקטאָבער 1918 פון „יונייטעד דראַמאַטיק סוירקל" אָף בראָנזוויל" אין געבילס-טעאַטער.

דעם 14 נאָוועמבער 1921 איז אין ליבערטי-טעאַטער א׳ר פון בועז יאָנג אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „דער אמתער משפּט, פּראָבלעם-דראַמע אין 4 אַקטן".

דעם 27 אָקטאָבער 1922 האָט יוליוס אַדלער אויפגעפירט אין ליבערטי-טעאַטער ל.׳ס דראַמע „אין שטראָם פון לעבן". די אויפפירונג איז אין 1931 באַנייט געוואָרן פון איזידאָר קעשיער אין ראָלאַנד-טעאַטער.

ל. האָט אויך אָנגעשריבן די פּיעסעס: „מיין גאָט און מיין פאָלק", „זאָג דעם אמת", „די פרוי איז שולדיק", „די שטימע פון גאָט", „געליבט און געליטן", „די טויבן-פאָסט", „די דריי געליבטע" און „איז דאָס מעגלעך?", וועלכע זיינען נישט געשפּילט געוואָרן.

ש. ע.

לעווענשטיין, איזידאָר (אפרים-יצחק)

[געב. 1879 — געשט. סעפּט. 1933]

געבוירן 1879 אין קאַפּצאָווע, סובאַלקער גוב., פוילן. פאָטער — אַ סוחר. אין 1896 געקומען מיט דער מוטער אין אַמעריקע. דאָ געענדיקט פּאָבליק-סקול און אויך באַזוכט 2 יאָר האַי-סקול. גלייכצייטיק געלערנט ביי אַ רבי יידיש און גמרא און געזונגען ביי אַ חזן אין סקרענטין, דערנאָך ביים חזן מרגליות אין לואיזוויל, קענטאָקי.

אַלס יינגל פון 16 יאָר זיך באַקענט מיט דער טרופּע פון לעאָן גאָלובאָק און וואָלפזאָן און ביי זיי פאַרטראָטן אַ פעלנדן ראָליסט אין דער ראָל „בערמאַן" אין „כבוד אב", דערנאָך געשפּילט אייניקע אַנדערע ראָלן. צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמקרייז, וואו ס׳זיינען אויך געווען מיטגלידער די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן יעטאַ בלאַק, זיגמונט ווײַנטרויב און מאָרגענבעסער און באַלד נאָכדעם אָנגעהויבן אַליין איינצואָרדנען פאָרשטעלונגען אין בראָנזוויל, וואו ער שפּילט ערשטע געזאַנג-ליבהאָבערס („אבשלום" א. ד. ג.), שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט יעקב פרענק און סעם קעסטין איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, אַ סעזאָן געשפּילט דראַמאַטישע ראָלן ביי עליאַס גליקמאַן אין שיקאַגאָ (מיט ליפּצי, פעני ריינהאַרט און גינזבורג), דערנאָך אַ סעזאָן מיט זילבערט אין באָסטאָן און 4 סעזאָנען ביי מר. און מרס. סיימאָן אין קליוולאַנד און סביבה.

שפּעטער איז ל. אַרומגעפאָרן אַ צייט מיט אייגענע טרופּעס איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און איז געווען דער ערשטער אַוועקצושטעלן אַ סטאַביל טעאַטער אין דעטראָיט און סט. לואיס, וואו ער פלעגט אויך אויפפירן די פּיעסעס.

1929-30 — געשפּילט ביי לאַנדאָ אין פּיטסבורג, 1930-31 — אין מאָנטרעאַל מיט שניצער און אין טאָראָנטאָ מיט יוליוס נאַטאַנסאָן און דערנאָך איבער פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע.

סעפּטעמבער 1933 איז ל. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ש. און מ. ע.

לעווענשטיין, פּעני
[פּערלמאַן]

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר. אַלס קינד געקומען אין אַמעריקע. געלערנט אין סקול. צוליבן פאָטערס פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער, אָנגעהויבן שפּילן קינדער-ראָלן אין שיקאַגאָ מיט אַדלער, פיינמאַן און שפּעטער מיט סיימאָןס טרופּעס.

אין דער צייט פון די יידישע וואָדעווילהייזער דאָרט געשפּילט אַלס פּאַרטנער מיט דוד באַראַץ און דערנאָך צוריקגעקערט צום לעגיטימען יידישן טעאַטער אַלס דראַמאַטישע אַקטריסע.

נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר איזידאָר לעווענשטיין מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

ש. ע.

לעיעלעס, א.
[אהרן גלאַנץ]

געבוירן 1 פעברואַר 1889 אין וולאָצלאַוועק, פּוילן. דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן און וואו דער פאָטער (וועלכער האָט כּון צייט צו צייט געשריבן אין „המליץ") איז געווען לערער אין דער האַנטווערקער-תּלמוד-תּורה.

באַקומען זיין ערשטע בילדונג אין דער תּלמוד-תּורה, האָט ל. שפּעטער געענדיקט די האַנדלס-שול אין לאָדזש און אין 1905 אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט אַ צייט באַזוכט דעם אוניווערזיטעט און קאָרעספּאָנדירט אין אָרגאַן פון ס״ס אין ווילנע „דער נייער וועג".

1909 – געקומען אין ניו יאָרק און אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס מיט פּובליציסטישע און ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען.

זינט נאָוועמבער 1914 – איינער פון די אינעווייניקסטע הויפּט-מיטאַרבעטער פון „טאָג" אין ניו-יאָרק, וואו ער פאַרעפנטלעכט פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, רעצענזיעס און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע און ענגלישע ביכער און טעאַטער. אַ געוויסע צייט איז ל. אויך געווען דער אָפיציעלער טעאַטער-קריטיקער פון ניו-יאָרקער „דער טאָג".

צווישן זיינע ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, געפינען זיך אויך: „שלמה מולכו, דראַמאַטישע פּאָעמע אין 10 בילדער, ווילנער פאַרלאַג פון ב קלעצקין, ווילנע 1926" [104 ז. 16°. פריער געווען געדרוקט אין ניו-יאָרקער „צוקונפט"], „אשר לעמלען, דראַמע אין 8 בילדער, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע 1928" [99 ז. 16°. פריער געדרוקט אין ניו-יאָרקער „דער האַמער", פעברואַר-אַפּריל 1928].

אין „פרייע אַרבייטער שטימע" [15 אַפּריל — 24 יוני 1932] האָט ל. פאַרעפנטלעכט זיין נייע פּיעסע „זיגער און באַזיגטע (דראַמע אין עלף בילדער) פון א. לעיעלעס. (גלאַנץ)", פון וועלכער ער האָט אויך פראַגמענטן אָפּגעדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער", איינלייטנדיק זיי מיט זיין אַרטיקל „וועגן מיין נייער דראַמע „טראָצקי" („ליטבל׳ט", 19, 1932)".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 255-58.

דר. יעקב שאַצקי — „שלמה מולכו", „אונדזער בוך", נ. י., מאַי-יוני 1926.

ש. ניגער — [אַרטיקל], „צוקונפט", נ. י., מערץ 1927.

ב. צ. גאָלדבערג — זינד און דערלייזונג, „דער טאָג", נ. י., 11 יוני 1927.

מ. אָלגין — א. לעיעלעס, „דער האַמער", נ. י., יולי 1927

ישראל שטערן — מכּח שלמה מולכו, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 17, 1927.

אהרן צייטלין — וועגן צוויי דראַמעס, „די יידישע וועלט", וואַרשע, V, 1928.

ח. פריש — נאָך אַ משיח-פּיעסע, „דער מאָמענט", וואַרשע, 15 פעבר. 1929.

ב. צ. גאָלדבערג — צווישן שרייבער און ביכער, „דער טאָג", נ. י., 6 אַפּריל 1929.

דר. יעקב שאַצקי — אשר לעמלען, „די וואָך", 7, 1930.

נ. וויינטיג — די היסטאָרישע דראַמעס פון א. לעיעלעס, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 2, 1930.

י. ראַפּאָפּאָרט — לעיעלעסעס משיח-דראַמען, „פרייע שריפטן", וואַרשע, 10, 1930.

י. ר. ברינמאַן — א. לעיעלעס, „די וואָגשאָל", וואַרשע, 1931, זז. 12-16.

לעלטשוק, בערטאַ

געבוירן אין פּינסק, פּוילן. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין פּינסק און אין וואַרשע דענטיסטעריי. ל.׳ס עלטערן פלעגן זי אָפט מיטנעמען צו טעאַטער-פאָרשטעלונגען און אַזוי נאָך אַנטוויקלט זיך אין איר די שטרעבונג צו שפּילן טעאַטער. שפּעטער, זייענדיק אַ לערערין אין אַ קינדער-היים פאַר יתומים אין סאָקאָלאָוו, שאַפט זי אַ דראַמאַטישן קרייז איינצואָרדנען פאָרשטעלונגען אַלס הכנסה פאַר דער קינדער-היים, און אין דאָזיקן קרייז דעביוטירט זי אין י. ל. פּרץ און רייזענס איינאַקטערס.

ל. האָט אויך 1920-22 פאַרבראַכט אי ארץ-ישראל און דאָרט זיך באַטייליקט אין העברעאיש אין „תּיאטרון עברי".

1922 – געקומען אין אַמעריקע און דאָ אויפגעטראָטן אַלס „זעלדע" אין פּרץ הירשביינס „דעם שמידס טעכטער".

דעם סעזאָן 1923-24 איז ל. אַנגאַזשירט אין שוואַרצס יידישן קונסט-טעאַטער און 1925 – שפּילט זי אין „אונזער טעאַטער" („מרים" אין אַנ-סקיס „טאָג און נאַכט").

ל. האָט געדרוקט דערציילונגען אין „מאָרגען־זשורנאַל“ און אונטערן איינדרוק פון איר באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד איז זי אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז אַריינגעטראָטן אין „אַרטעף“ און פאַרעפנטלעכט אירע דערציילונגען אין „מאָרגען־פרייהייט“.

ל. איז די פרוי פון דיכטער בצלאל פרידמאַן.

ש. ע.

לעמבערג, ס.

[סאַראַ פיינשטיין]

געבוירן 15 סעפּטעמבער 1901 אין וויטעבסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ שוואַרץ־אַרבעטער. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע ווייניק געגאָסן פון בילדונג און אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ וואַרשטאַט.

נאָך אַלס קינד אָפט אַרויסגעטראָטן אויף פאַמיליע־אָוונטן, אין שול א. ד. ג.

1919 — דעביוטירט אין יידישן דראַמקרייז ביים קלוב פון קאָמ. יוגנט־פאַרבאַנד אין וויטעבסק גלייכצייטיק געלערנט אין דער רוסישער דראַמסטודיע א׳פ פון אונגערן. יולי 1920־סוף 1921 — געלערנט אין אַ באַלעט־שול א׳פ פון אַנדערסאָן, גלייכצייטיק זינט פרילינג 1921 געשפּילט 8 חדשים אין אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע אין וויטעבסק.

1922־סעפּטעמבער 1924 — געשפּילט אין דראַמקרייזן ביי פאַרשיידענע אַרבעטער־קלובן אין וויטעבסק, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין דעם ווייסרוסישן הויך־אינסטיטוט פון טעאַטראַלער קונסט אין מאָסקווע און סעפּטעמבער 1926 אויטאָמאַטיש אַריבער אין באַשטאַנד פון „ווימ׳ט“.

ש. ע.

לעסינג, דזשאָזעף

דעם 16 יוני 1918 איז אויפן רוף־גאַרדן פון סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך סעם אַדלער ל.׳ס דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג „דאָס קינד פון שטורם“ (מוזיק פון פרץ סאַנדלער). אין דער פּיעסע האָבן זיך באַטייליקט די אַקטיאָרן: נאַדיאַ נעיאָסלאַווסקאַ, יעקב, ליזאַ און ראָזע זילבערט, מאַדאַם בריה, מאַדאַם מאָגולעסקאָ, משה סימאָנאָף, ה׳ גאָלדשטיין, דוד פּאַפּער, אליהו טענענהאָלץ, ה׳ האָכשטיין, משה זילבערקאַסטן און סעם אַדלער.

לויט אַ נאָטיץ אין „פאָרווערטס“ דערקלערט סעם אַדלער, אַז די פּיעסע איז נישט ל.׳ס, נאָר זי איז געשריבן געוואָרן פון אַ יידיש־רוסישן שרייבער וואָהלין, אַ זון פון אַ בעל־הביתישער יידישער פאַמיליע אין מינסק און זי איז נאָך אין 1908 אויפגעפירט געוואָרן דורך אַדלערן אין מינסק מיטן אָנטייל פון יעקב בן־עמי און לאַזאַר פריד. ל. האָט בלויז באַאַרבעט די פּיעסע. אין אַ שפּעטערדיקער נאָטיץ דערקלערט אַדלער, אַז די פּיעסע איז יאָ געשריבן געוואָרן דורך ל.׳ן.

לויט יעקב בן־עמי האַנדלט זיך דאָ פאַקטיש וועגן ל.׳ס אַ ב אַ אַ ר ב ע ט ו נ ג פון וואָהלינס פּיעסע.

מ. ע. פון יעקב בן־עמי.

[—] — טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.“, נ. י., 28 יוני 1918.

[—] — טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.“, נ. י., 5 יולי 1918.

לערנער, חנה

געבוירן 1900 אין לאָדזש, פּוילן, ביי בעל־הביתישע עלטערן. אַלס שטים־באַגאַבטע איז זי אין 1916 אַריינגעטראָטן אין כאָר פון לאָדזשער יידישן טעאַטער און נאָכן ערשטן סעזאָן איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס שוישפּילערין אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער. זינט דאַמאָלט שפּילט ל. יוגנטלעכע דראַמאַטישע און סובּרעטין־ראָלן.

1920 — זיך באַטייליקט אין אַ טורנע איבער קאָוונער ליטע, 1922 — געשפּילט אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער און זינט דאַמאָלט מערערע מאָל גאַסטראָלירט צוזאַמען מיט איר מאַן דוד זיידעמאַן איבער מזרח־און מערב־אייראָפּע (פּוילן, גאַליציע, ליטע, לעטלאַנד, 1928 — אין דאָרטיקן יידישן קאָמעדיע־און אָפּערעטעס־טעאַטער און אין בערלין), 1929 — רומעניע און ריגע, 1930־31 — ליטע און רומעניע און 1932 — ווידער אין ליטע.

מ. ע.

מישע וואָהל — דוד זיידעמאַן און חנה לערנער, „טשערנאָוויצער בלעטער“, 18, 1929.

ה. שק. — „נאַכט פון ליבע“ „אידישע שט׳מע“, קאָוונע, 24 נאָוועמבער 1930.

לערנער, יוסף־יהודה

[געב. 13 יאַנ. 1847 — געשט. 23 יאַנ. 1907]



געבוירן 13 יאַנואַר 1847 [לויט ש. באָראָוואָי — 1 יאַנואַר 1849] אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע, ביי פרומע עלטערן. ביז 13 יאָר געלערנט יידישע למודים, דערנאָך אַוועק קיין זשיטאָמיר, וואו ער האָט באַזוכט די גימנאַזיע.

1862 דעביוטירט א׳פ יוסף־יואל הערדנער אין „קול מבשר“ (10־11) מיט אַ ביאָגראַפיע וועגן דעם מערקווירדיקן יידישן פאָלקס־מוזיקאַנט מיכאל־יוסף גוזיקאָוו און אין דער רוסישער פּרעסע אין יאָר 1865 אין „Кіевскій Телеграфъ“.

1866 — זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער איז אַ יאָר צייט געווען אַ פרייער צוהערער אויפן יורידישן פאַקולטעט פון ניי־רוסישן אוניווערזיטעט.

ל. איז אין משך פון 10 יאָר געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „Одесскій Вѣстникъ“ און זיךאויך באַטייליקט אין אַנדערע רוסישע צייטונגען ווי „Кіевлянинъ“, „Новороссійскій Телеграфъ“ אין דער רוסישער ביילאַגע צו „הכּרמל“ און געשריבן אין דער רוסישער פּרעסע וועגן יידישע ענינים און וועגן דער העבּרעאישער און יידישער ליטעראַטור.

ל. איז — לויט ז. רייזען — געווען איינער פון די ערשטע צווישן דער נייער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ אָפּצושאַצן די באַדייטונג און דעם זעלבּסטוועּרט פון יידיש און האָט דער ערשטער פּאָפּולאַריזירט די יידישע ליטעראַטור פאַר די רוסישע לעזער. זיין רוסישע בּראָשור וועגן אָקסענפעלדן (טיילווייז ציטירט אין רייזענס „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“, זז. 363-65) איז אפשר די מיינסט ערנסטע קריטישע אַרבּעט וועגן אַ יידישן שריפטשטעלער. אין זיין איבּערגעגעבּנהייט צו יידיש האָט ער, אַלס אָנגעזעענער רוסישער זשורנאַליסט, דאָך זיך נישט געשעמט אויך צו שרייבּן יידיש אין אַ צייט ווען בטלנים האָבּן דאָס געהאַלטן פאַר אַן אַבּסורד. גלייכצייטיק האָט ער אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור און געווען צווישן די, וועלכע האָבּן באַקעמפט די אַלטע בטלנישע השׂכּלה.

צוליבּ אַ קרימינעל פאַרבּרעכן איז ל. בערך 1873 אַנטלאָפן קיין ווין און דאָרט אַרויסגעגעבּן דעם זשורנאַל „עמק שושנים“. בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה איז ער, צוזאַמען מיט די רוסישע זשורנאַליסטן, מיטגעגאַנגען מיטן רוסישן מיליטער און אין משך פון 1878 אַרויסגעגעבּן אין בּוקאַרעסט אַ טאָגבּלאַט „Записки Гражданина“.

אין בּוקאַרעסט באַקענט זי ל. מיטן יידישן טעאַטער, וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט אין רומעניע, און ווען ל. קערט צוריק קיין אָדעס, באַשליסט ער צו שאַפן אַ טעאַטער, וואָס זאָל אויך באַפרידיקן דעם יידישן אינטעליגענט, און ער נעמט איבּער דאָס מאַרינסקי-טעאַטער פון גריך אָמער.

וועגן דעם שרייבּט ב. גאָרין: „לערנער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל ווען ער האָט איבּערגענומען דעם מאַרינסקי-טעאַטער. ער איז באַקאַנט געווען מיטן יידישן טעאַטער פון דער ערשטער שעה, וואָס עס האָט זיך געגרינדעט אין בּוקאַרעסט. ווי עס זעט אויס פון דעם אָנהייבּ פון זיין קאַריער, איז ער געווען אַן אומרואיקע נאַטור און האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. ...אַליין וואָלט לערנערן קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די צייט איז געקומען פאַר אַ יידישן טעאַטער. ער איז געווען ווייט פון יענעם יידן, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין אַזאַ אונטערהאַלטונג, וואָס אַ יידישער טעאַטער האָט געקאָנט געבּן. נאָר ווען דער טעאַטער איז שוין געווען אַ טאַט-זאַך, איז אים אַריין אַ געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פרוכטבּאַרע פעלד, ווען מען זאָל עס באַאַרבּעטן ווי געהעריק איז. לערנער האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדערן פליגל פון דער יידישער אינטעליגענץ. ער האָט זיך נישט געשטעלט צופרידן מיט גאָלדפאַדענס אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק. ער האָט גערעכנט, אַז די אויפגאַבּן פון אַ יידישן טעאַטער איז אויפצוהייבּן דאָס פאָלק צו זיך. און אַזוי ווי אים איז אויסגעקומען צו זען אין בּוקאַרעסט די ערגסטע בּורלעסקעס פון יידישן טעאַטער, האָט זיך אין אים גענומען אַנטוויקלען אַ פאַרלאַנג צו ווייזן וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט אַ יידישן טעאַטער און ער האָט געוואַרט אויף אַזאַ געלעגנהייט. דידאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין אָדעס. נאָר צו געבּן די בּעסערע פיעסן, פון וועלכע ער האָט געטרוימט האָבּן זיך געפאָדערט

שרייבּער, וועלכע זאָלן זיי קאָנען שאַפן. מיר האָבּן שוין דאַמאָלט געהאַט גוטע טאַלאַנטפולע יידישע שרייבּער, נאָר זיי האָבּן נישט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפט מיט דער בּינע. לערנער האָט דידאָזיקע שווערע פראַגע פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו די שרייבּער פון די אומות-העולם. ער האָט [אָבּער] באַגריפן, אַז דער גאַנצער אויפטו וועט נישט ווערט זיין קיין שאָס פולווער אויבּ די בּעסערע שטיקער וועלן נישט האָבּן יידישעס אין זיך. אַז עס וועט זיין גאָר אַ קנאַפּער קונץ צו נעמען אַ גוטע דראַמע פון די גויים און דערלאַנגען [זי] די באַזוכער פון יידישן טעאַטער. דער פּראָסטער טעאַטער-באַזוכער וועט אויף אַזאַ דראַמע קוקן ווי אַ האָן אויפן בּני-אדם און די יידישע אינטעליגענץ וועט אויסבּייטלענען אַלע בּייזע חלומות צום דירעקטאָר פון טעאַטער...

„לערנער האָט דעריבּער געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט אויסגעקליבּן בּיי די אומות-העולם אַזעלכע פיעסען אין וועלכע די האַנדלונג און די פּערזאָנען זיינען געווען יידישע. פון דעם דייטשן רעפּערטואַר האָט ער אויסגעקליבּן גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“. פון דעם פראַנצויזישן האָט ער גענומען סקריבּס „די יידין“ און האָט זיי איבּערזעצט [פריי באַאַרבּעט] אין אַ ריינעם יידיש. די דערמאָנטע פיעסען האָבּן נישט נאָר געהאַט די מעלה, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען אַ יידישער און פאַרשטענדלעך פאַר דעם דורכשניטלעכן יידישן טעאַטער-גייער, נאָר זיי זיינען געווען אין דעם רעפּערטואַר פון יעדער אייראָפּעאישער בּינע און די יידישע אַקטיאָרן האָבּן געקאָנט גיין זען בּאַרימטע רוסישע אָדער דייטשע אַקטיאָרן שפּילן אין דידאָזיקע פיעסען, און אויבּ זיי האָבּן דאַמאָלט נאָך אַליין נישט געקאָנט אויספּאַסן אַזעלכע ראָלן, האָבּן זיי עס געקאָנט אָפּלערנען פון בּאַרימטע אַקטיאָרן. די הויפּטראָלן אין דידאָזיקע צוויי פיעסען האָבּן געשפּילט אבא שיינגאָלד און סאָפיע גאָלדשטיין (קאַרפּ) און האָבּן זיך אויסגעצייכנט אין זיי“.

ל.׳ס איבּערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1885 אין אָדעס [אוריאל אַקאָסטאַ, אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטען פון קאַראָל גוטצקאָוו, פאַר די יודישע סצענע איבּערזעטצט אינ אַראַנזשירט פין י. י. לערנער [45 ז. 16°], דערנאָך איבּערגעדרוקט געוואָרן אין 1888 אין פּעטערבּורג, שפּעטער אין וואַרשע [1889 — 68 ז. 16°, צווייטע אויפלאַגע] און דערנאָך דורכן פאַרלעגער י. י. לידסקי [דריטע אויפלאַגע, וואַרשע 1903, 80 ז. 16°]. זינט דאַמאָלט איז די פיעסע אין דערדאָזיקער איבּערזעצונג געשפּילט געוואָרן אויף אַלע יידישע בּינעס.

ל.׳ס איבּערזעצונג פון סקריבּס „די יידין“ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1889 אין וואַרשע א׳נ „זשידאָיוקאַ, אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטען פון י. י. לערנער“. אין אינעווייניקסטן שער-בּלאַט איז געדרוקט: „זשידאָווקאַ דיא יודין נאָך פערשידענע קוועללען בעאַרבּייטעט“. די איבּערזעצונג איז דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס, וועלכע זיינען שוין נישט בנמצא. אין 1903 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון י. י. לידסקי דערשינען די דריטע אויפלאַגע. עס איז אויך פאַרהאַן אַן אויפלאַגע פון 1911.

דוד קעסלער גיט אָן אין זיינע זכרונות, אַז ווען ל. האָט אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער אין אָדעס, איז זיין טרופּע באַשטאַנען פון: מאָגולעסקאָ, פינקעל, עדעלמאַן, זילבּערג, ליזאַ איינהאָרן א. א. די טרופּע פלעגט שפּילן נאָר איין מאָל אַ וואָך, ווייל די אָדעסער יוגנט פלעגט פאַרנעמען אַלע גרויסע אָדעסער זאַלן אויף אַנדערע שמחות.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז בעת ל. האָט

איבערגענומען (אַליין און דערנאָך צוזאַמען מיט שמ"ר-שייקעוויטש) דאָס מאַרינסקי-טעאַטער אין אָדעס, האָט ער געלאָזט אויפפירן ביי זיך אין טעאַטער שמ"רס „יידישער פריץ", „דער קאַטאָרזשניק", „דער בעל-תשובה" און „דער בלוטיקער אדיע" ווי אויך מאַריע לערנערס „די עגונה", דערנאָך איז געשפילט געוואָרן „זשידאָווקאַ" (די יידין) מיט משה זילבערמאַן אַלט „אליעזר" און ערשט נאָכדעם „אוריאל אַקאָסטאַ" א'ר פון דייטשן רעזשיסער גרוריקי מיט אבא שיינגאָלד אין דער טיטל-ראָל.

י. רימיניק גיט אָן, געשטיצט אויף אַ רעצענזיע אין „אָדעסקי וויעסטניק", אַז אונטער ל.'ס דירעקציע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 11 אויגוסט 1888 [עס דאַרף זיין 1880] דר שלמה עטינגערס „סערקעלע" (מיט שכר גאָלדשטיין אַלס „סערקעלע"). פון דער רעצענזיע איז צו זען, אַז ל. האָט אָנגעגעבן די פיעסע אַלס זיין דראַמאַטיזאַציע פון דר. עטינגערס אַ ראָמאַן [?]. עס איז אָבער זייער וואָרשיינלעך, אַז ל. האָט געלאָזט אויפפירן די קאָמעדיע אין זיינער אַ באַאַרבעטונג.

אָבער מיט די עטלעכע פיעסעס האָט דאָס טעאַטער נישט געקאָנט אויסקומען און ל. האָט געמוזט זיך ווענדן צו גאָלדפאַדענען, ער זאָל אים דערלויבן צו שטעלן עטלעכע פון זיינע פיעסעס. „עס האָט לאַנג נישט גענומען – שרייבט ב. גאָרין – און גאָלדפאַדען איז ווידער געוואָרן דירעקטאָר אין דעם טעאַטער אין אָדעס, נאָר איצט איז די מלוכה געווען צעטיילט צווישן אים, לערנער און שייקעוויטש. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי צווישן זיי און גאָלדפאַדענען איז געלונגען אַרויסצושטופן לערנערן פון טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט ביים צוריקקערן זיך קיין אָדעס מיטגעבראַכט זיין צווייטע היסטאָרישע פיעסע „בר כוכבא" און מיט מאָגולעסקאָ ביי דער זייט איז ער גיך פאַרטיק געוואָרן מיט דער מוזיק. „בר כוכבא" האָט שטאַרק אויסגענומען, נאָר איידער גאָלדפאַדען האָט נאָך צייט געהאַט אָנצופרייען זיך מיט דעם ערפאָלג, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ביטערע גזרה, וואָס האָט פאַרבאָטן יידיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין סעפט. 1883. מען זאָגט, אַז די גזרה האָט זיך גענומען פון אַ מסירה. עמעצער האָט געמסרט, אַז „בר כוכבא" איז נישט קיין כשרע שטיק און אַז דער פראָלאָג איז געצילט קעגן דער רעגירונג. מען זאָגט אויך, אַז די מסירה איז געקומען פון אַ פאַרפאַסער [אַן אָנווייזונג אויף ל.], וועלכער האָט נישט אַזוי שלעכט געמיינט ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט. ער האָט געהאָפט צו ווערן צענזאָר און דאָס וואָלט אים געגעבן די אויבערהאַנט אין טעאַטער".

וועגן דער קאָנקורענץ צווישן ל. און גאָלדפאַדען שרייבן אויך נ. אויסלענדער און או. פינקעל: „אין 1881 האָט גאָלדפאַדען געהאַט אויסצושטיין אַ קאָנקורענץ בלויז אין אָדעס [לערנערס טרופּע]. אַרויספאָרנדיק פון אָדעס, האָט ער געקאָנט פריי אויסקלייבן זיך אַ מאַרשרוט, פאַרבלייבן אין יעדער שטאָט וויפיל ער האָט געוואָלט און בכלל פילן זיך פריי פון יעטוועדער קאָנקורענץ. אין 1882 און 1883 יאָרן איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן (די טרופּעס פון לערנער, מאָגולעסקאָ) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזוכן אויך אַנדערע שטעט חוץ אָדעס (פּאָלטאַוואַ, קעשעניעוו א. א.). אין אָדעס גופא האָבן זיך גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן שוין אודאי פאַרפעסטיקט. ...אַ שותפותדיקע טרופּע פון גאָלדפאַדענס און לערנערס אַקטיאָרן האָט געשפילט אין אָדעס סוף 1882". [אָבער שוין אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1883 לייענען מיר אין אַן אָדעסער צייטונג אַ נאָטיץ, אַז גאָלדפאַדען האָט זיך אָפגעטיילט פון זיין שותף לערנער און האָט אַריבערגעטראָגן זיינע פאָרשטעלונגען אין האַנטווערקער-קלוב] און ווייטער ...„אין אַזאַ פאַל ווען גאָלדפאַדען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע שותפים, האָט עס באַדייט דעם אָנהייב פון אַ פאַרביטערטער העצע, וועלכע לערנער האָט מיט אַלע מיטלען געפירט קעגן גאָלדפאַדענען. ווי עס ווערט דערציילט אין אייניקע ערטער, האָט צווישן די קאַמפסמיטלען קעגן גאָלדפאַדענס טעאַטער באַזונדערס געגאָלטן די מסירה. צו דעם אויסגעפרובטן מיטל פלעגן אויסקומען נישט נאָר גאָלדפאַדענס קאָנקורענטן".

וועגן ל.'ס כאַראַקטער שרייבט יעקב גאָרדין אין זיינעם אַ בריוו צו זיין פריינט ראָזענבלום: „לערנערן געדענק איך זייער גוט. אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, ער איז אַן אַנטיפּאַטישער מענטש און איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ. זיין איינציקער אידעאַל, זיין איינציקער גאָט איז געווען אָסיפּ לערנער. אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ קליינעם מיזעראַבלען גאָט — קאָן נישט זיין גרויס!"

און נאָך קלאָרער האָט [לויט ר. גראַנאָווסקי] זיך אויסגעדריקט ה' פעלדבערג, גאָלדפאַדענס שוואָגער: „אינם אונטערגאַנג פונם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד האָט ער [לערנער] געהאַט אַ האַנט. איצט שרייבט דער משומד לערנער די „יודישע היסטאָריע", איז ער נישט אומפאַרשעמט?".

ל. האָט איבערזעצט פאַר זיין טעאַטער נאָך אייניקע פיעסעס: 1) מאָזענטאַלס „דעבאָראַ, דראַמע אין 4 אַקטן און 9 בילדער" [כתב-יד אין יידיש מיט אַ צענזורקע פון 1882 געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו'א]. די פיעסע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך קעני ליפּצין אין ענגלאַנד און אַמעריקע. 2) „מוטער-ליבע, אָדער, צוויי חתונות אין איין טאָג, מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן, איבערזעצט פון לערנער פון פראַנצעזיש" [אַ כתב-יד, איבערגעשריבן פון אַקטיאָר מ. נאַכאַמקוס דעם 14 אַפּריל 1886, געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאָבליק-לייברערי אין ניו-יאָרק]. 3) „דער פעטער משה מענדעלסאָן, אַ דראַמאַטישעס בילד אין איין אַקט, נאָך דעם דייטשע פאַר דער יודישער ביהנע בעאַרבייטעט", וואַרשע 1899, איז מער נישט בנמצא. [אַ צענזורקע פון איינאַקטער אין דייטש, וואָס איז נישט דערלויבט געוואָרן דורך דער צענזור אין 1899, געפינט זיך אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו'א].

ל. האָט אויך געשריבן און פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע פיעסעס: „יהודית, אַ היסטאָרישע דראַממאַ אין פיער אַקטען אונ פינף בילדער" [דרוק י. אַלאַפין, וואַרשא, 1888, 40 ז.], וואָס איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין ספּעקטאָרס „פאַמיליענפריינד" [וואַרשא, 1888] און „חנוכה, אַ היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטען און 7 בילדער" [וואַרשע, א"י, 54 ז.].

אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו'א געפינען זיך אויך פון ל.'ס אַרכיוו: 1) אַ יידישער כתב-יד (צענזור עקז. פון 1882) פון „מנחם בן-ישראל, אַ דראַמע אין פינף אַקטן און ניין קאַרטינעס, נאָך דעם רוסישן באַאַרבעט פון ל.". 2) אַ יידישער כתב-יד פון „דער קעניג שלמה". אַ דראַמע, אָן נאָמען פון מחבר און אַ דייטשער טעקסט פון „חכמת שלמה, אַ דראַמע פון י. לערנער", וואָס די צענזור האָט אין 1906 נישט דערלויבט [לויט אונזער פעסטשטעלונג זיינען

ביידע טעקסטן פון איין פיעסע]. 3) דער דייטשער טעקסט פון צענזור-עקזעמפלאַר פון 1906 פון ל.׳ס פיעסע אין 4 אַקטן „סאָניע גאָלדהענדכען" [פרייע באַאַרבעטונג פון דער קאָמעדיע „שערלאָק האָלמס"], 4) דער יידישער טעקסט פון אַ דראַמע אָן אַ נאָמען און אָן נאָמען פון מחבר (צענזורירט 1985), 5) דייטשער צענזור-עקז. פון 1906 פון ל.׳ס יידישער איבערזעצונג פון „די יידן", לויט טשיריקאָוו, 6) דייטשער צענזור-עקז. פון 1906 פון ל.׳ס יידישער איבערזעצונג פון מ. גאָרקיס „נאַ דניע" א׳ג „אין דער טיפע".

אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו׳א געפינען זיך אויך די יידישע צענזור-עקז פון „די יידין" (1880) און „אוריאל אַקאָסטאַ" (1882).

נאָכדעם ווי ל.׳ס טעאַטער-טעטיקייט ווערט איבערגעריסן, נעמט ער זיך צוריק צו זיי, ליטעראַרישער אַרבעט: 1883-84 – באַזוכט ער דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַלס קאָרעספאָנדענט פון דער רוסישער ציימונג „Русскія Вѣдомости" און דרוקט אויך אַ סך אַרטיקלען אין אַנדערע רוסישע צייטונגען. צוריקגעקומען אין אָדעס, איז ער צוגעטראָטן – אין קאָנקורענץ צו י. ליניעצקי – צו איבערזעצן אין יידיש גרעצס „יידישע געשיכטע", פון וועלכער ס׳דערשיינט נאָר (1887) איין באַנד.

פון ל.׳ס אַנדערע אַרבעטן אויף יידיש אין יענעם פעריאָד צייכנט זיך אויס באַזונדערס זיין אָפּהאַנדלונג „די יודישע מוזע" (אין ספעקטאָרס „הויזפריינד" II, זז. 182-196), וואו ער ווייזט אַרויס אַ פיינעם חוש און אַ באַגייסטערטע ליבע צו יידישער מוזיק (ל. איז אַליין געווען אַ גוטער מוזיקער און האָט שיין געשפּילט פידל). אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דער העברעאיסטישער מליצה און אויך דאָ, ווי ביי אַנדערע געלעגנהייטן, דעמאָנסטרירט ער זיין יידישיסטישע אָנשויאונג.

שפּעטער האָט ל. זיך געשמדט.

א. קויפמאַן אין „Евр. Старина" גיט איבער, אַז שוין אין די 80-ער יאָרן האָט ל. געשריבן שאַרף-אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין אָזמידאָווס שוואַרץ-מאהדיקן אָרגאַן „Новороссійскій Телеграфъ", און איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון רוסישן שאָוויניזם. ל. זאָל זיין אַריינגעפאַלן אין דער דעמאָראַליזירטער סביבה פון דער ווינקל-אַדוואָקאַטור, האָט איינמאָל געפעלשט די אונטערשריפט פון זיינעם אַ קליענט, כדי צו פאַרכאַפּן יענעמס אַ גרויס הויז. איז צוליב דעם אַריין אין טורמע, פון וואַנען דער וועג איז געלעגן דירעקט אין דער רעדאַקציע פון דער יידן-פרעסערישער צייטונג. ל. איז געווען אַ פאַרברענטער שונא-ישראל, אַ מיסיאָנער און שתדלן ביי דער פּאָליציי. בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה, ווען איבער ל. האָט שוין געלויערט דער פּראָצעס, איז ער אַוועק קיין בוקאַרעסט, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין רוקן פון דער רוסישער אַרמעע אַ בלאַט, און ס׳איז נישט געווען די געמיינהייט, וואָס זאָל נישט געפינען קיין אָרט אין די אַרטיקלען פון ל.".

ז. רייזען שרייבט: „ס׳איז אונז שווער פעסטצושטעלן ווי אַזוי דידאָזיקע פאַקטן לאָזן זיך פאַרבינדן מיט דער שפּעטערער טעטיקייט ל.׳ס אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, בפרט, אַז מיר האָבן נישט געפונען אין דער יידישער, העברעאישער און רוסיש-יידישער פרעסע קיין שום נעקראָלאָג פון דעם אַמאָל באַוואוסטן און טעטיקן שריפטשטעלער".

דעם 23 יאַנואַר 1907 איז ל. געשטאָרבן אין אָדעס.

ל.׳ס פרוי, מאַריע לערנער, איז אויך געווען אַ פּיעסעס-שרייבערין.

ל.׳ס זון, ניקאָליי ל., אַ קריסט, איז באַוואוסט אַלס רוסישער ליטעראַטור-היסטאָריקער, באַזונדערס אַלס פּושקין-פאָרשער.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 78-269.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", I, זז 227-236, II, ז. 269.

רבי-קצין [י. ח. ראַווניצקי] – די ניי-זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, „יודישע פאָלקס-ביבליאָטהעק" (רעד. – שלום-עליכם), קיעוו, 1888, I, זז. 338-342.

דייוויד קעסלער – גאָלדפאַדען, לערנער, שייקעוויטש, „דער טאָג", נ. י., 21 יאַנואַר 1917.

דייוויד קעסלער – אַ קלאַפּ דעם אידישען טהעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 4 פעבר. 1917.

דזשייקאָב פּ. אַדלער – 2 „אוריאל אַקאָסטאַס", 2 „זשידאָווקאַס" נאָר די בעסטע געדיכטע קומט ערשט, „דיא וואַרהייט", נ. י., 27 יולי 1918.

נח פּרילוצקי – „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, I, זז. 45-46.

נ. אויסלענדער – או. פינקעל – „א. גאָלדפאַדן", מינסק, 1926, זז. 72, 50-51.

ש. ל. ציטראָן – טיפּען פון אידישע אָבטריניגע, „מאָמענט", וואַרשע, 18, 25 נאָוו. 1927.

י. רימיניק – רעדיפּעס אפן אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד אין די 80-ער און 90-ער יאָרן, „טעאַטער-בוך", קיעוו, 1927, ז. 79.

ר גראַנאָווסקי – יצחק יואל לינעצקי, „פּנקס", נ. י., 1927-28, זז. 216, 214.

שלום פּערלמוטער – אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 2 דעצ. 1928.

ש. באָראָוואַי – אַ פאַרגעסענער ניהיליסט „פילאָלאָגישע שריפטן", ווילנע, 1929, דריטער באַנד, זז. 472-484.

יעקב גאָרדינס בריוו צו זיין פריינד ראָזענבלום, „דער מאָמענט", וואַרשע, 28 יוני 1929.

י. רימיניק – נאָטיצן, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך", ראַטנפאַרבאַנד, 1930, I, זז. 518-19.

לערנער, ישעיה (שבתי ?)

[געב. בערך 1879 – געשט. 1913]

געבוירן בערך 1879 אין כאָטין, בעסאַראַביע. די יוגנט פאַרבראַכט אין בעלץ, וואו ער איז דערנאָך געוואָרן לערער פון העברעאיש און רוסיש.

ל. האָט געשריבן אַ ריי פאָלקסטימלעכע לידער מיט ניגונים, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין בעסאַראַביע און פּאָדאָל. ער האָט אויך פאַרפאַסט איניקע דראַמעס, אין וועלכע ער איז אַליין אויפגעטראָטן אַלס אַקטיאָר.

זינט 1903 געדרוקט אָריגינעלע דערציילונגען און איבערזעצונגען. 1907 - געקומען אין אַמעריקע, וואו ער איז אין 1913 געשטאָרבן פון שווינדזוכט.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט." II, זז. 278.

לערנער, מאַריאַ

[מרים ראַבינאָוויטש]

[געב. 1860 — געשט 1927]

געבוירן 1860 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע (לויט איר זון — אין בעסאַראַביע). אין אַן אָנגעזעענער פאַמיליע. געענדיקט די מיידל-שול אין קעשעניעוו. זייער יונג חתונה געהאַט מיט י. י. לערנער, האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו זי האָט - לויט איר זון — געהאַט אויסצושטיין די צרות פון אַן אומגליקלעכן זיווג, פאַרבונדן נאָך מיט מאַטעריעלער נויט.

אין אָנהייב פון די 80-קער יאָרן, אַ פּנים אונטער דער ווירקונג פון איר מאַן, האָט ל. אָנגעהויבן שרייבן יידיש, איז געווען נאָענט צו די אידעען פון חבת-ציון און יידישן נאַציאָנאַליזם און האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג „אַהיים" אין דעם חובבי-ציון-זאַמל-בוך „דער וועקער" (1887), אויך אַנדערע בעלעטריסטישע זאַכן אין דער ביילאַגע צום „יודישעס פאָלקסבלאַט" (1888) און דאָס טעאַטער-שטיק „די עגונה, אַ דראַממאַ אין פיער אַקטען אונ זעקס בילדער", וואָס איז צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צווייטן באַנד פון „הויזפריינד" (זז. 78-27) און דערנאָך אין אַ סעפּאַראַ-טער אויסגאַבע „פערלאַג יודישע ביהנע", וואַרשא, תרס"ח [78 ז. 16°].

דידאָזיקע פּיעסע איז אין איר צייט זייער אָפט געשפּילט גע-וואָרן אויף דער יידישער בינע.

פּראָפ. שמעון דובנאָוו האָט זיך א"פ „קריטיקוס" („Восходъ" נ' 7, 1889) נישט גוט אָפּגערופן וועגן דער פּיעסע. ער האַלט זי פאַר אַ מעלאָדראַמע, שאַבלאָניש לויטן סוזשעט און פאָרם. פון איין זייט אַפּעריסט, שווינדלער, רוצח - פון דער אַנדערער זייט — אָפּגעמאַרטערטער קרבן, איידל און נאָבל, סענטימענטאַל-מליצהדיקע רייד, מעלאָדראַמע און רוטין, אָבער אין גרונט פון דער דראַמע — אַ גוטער געדאַנק.

אין טעאַטער-מוזיי ביי ייוו"א געפינען זיך די מאַנוסקריפּטן פון נאָך איינעקע ל.'ס פּיעסעס: „דיא חופּה און די לויה, אַ קאָמעדיע אין פיהר אַקטין אונ זעקס קאַרטינעס (צענזורירט אין פּעטער-בורג דעם 5 אַפּריל 1881), „דער ליידענדע, אַ דראַממאַ אין פיהר אַקטען אונ זעקס בילדער" (צענזורירט דעם 10 מאַי 1883), דער שטראַפנאָי, אַ דראַממאַ אין פינף אַקטע אונ זעקס בילדער, נאָך דעם סוזשעט פון אַ. ראַבינאָוויטש, בעאַרבייטעט" (צענזורירט דעם 12 יולי 1883) און „דער שמאַלצגרוב, אַ קאָמעדיע אין 5 אַקטען" (צענזורירט דעם 11 אַפּריל 1883).

אין זעלבן מוזיי געפינט זיך אויך אַ געשריבענער עקזעמפּלאַר פון „די עגונה" (צענזורירט דעם 9 דעצעמבער 1887) ווי אויך דייטשע צענזורקעס [כלומרשט איבערזעצט פון י. י. לערנער] פון דערדאָזיקער פּיעסע א"נ „ליבעסצויבער" און פון „דער שמאַלצ-גרוב" א"נ „די גאָלדקוועלע".

כאָטש די פּיעסעס זיינען געווען צענזורירט און מ'האָט זיך אין יענער צייט זייער געניטיקט אין נייע פּיעסעס [איר מאַן י. י. לער-נער האָט זיך צוליב דעם אַפילו איבערגעבעטן מיט אברהם גאָלד-פאַדען און מיט אים שותפות געמאַכט אין אָדעס]; געפינען מיר נישט אין ערגעץ קיין אָנווייז מען זאָל האָבן [אויסער „די עגונה"] געשפּילט די פּיעסעס.

נאָכן שמד פון איר מאַן, איז אויך ל. אַריבער צום קריסטנטום און גלייכצייטיק אויך אָפּגעשמדט אירע קינדער: ניקאָליי, דער שפּעטער באַרימטער רוסישער ליטעראַטור-היסטאָריקער און פּושקין-פאָרשער, טינאַ — אַ טאַלאַנטפולע פּיאַניסטין און וויעראַ — אַ זינגערין

1905 איז ל. געווען איינעקע יאָר אין דייטשלאַנד, כדי צו פאַר-פולקומענען איר טאָכטער טינאַ, מיט וועלכער זי האָט אונטער-גענומען אַ טורנע איבער אַמעריקע, קאַנאַדע און אייראָפּע. מלחמה-צייט איז ל. ווידער געווען אין דייטשלאַנד און דערנאָך ווידער אין אַמעריקע, וואו זי איז פאַרבליבן ביז 1923. אויפן וועג צוריק קיין רוסלאַנד איז זי פאַרהאַלטן געוואָרן אין דייטש-לאַנד, וואו זי איז אין 1927 געשטאָרבן.

מ. האָט — לויט אסתר ראַפּעלסקאַיאַ — געהאַט אַ שאַרפע תפיסה. די בילדלעכקייט און הומאָר פון איר שמועס, די אָפטע קאַטאָוועסלעך, גאַנץ שטעכעדיקע, איבער מענטש, וועלכע זי פלעגט דערקענען דורך און דורך, האָבן זי געמאַכט פאַר אַ זייער אינטערעסאַנטע אונטערהאַלטערין, אַפילו דאַמאָלט ווען זי איז שוין געווען אַלט און קראַנק. נישט קוקנדיק אויף איר טיפן על-טער, איז איר גאַנץ ווערן געווען עפּעס ווי אַ מעכטיקער קוואַל פון ענערגיע, טעמפּעראַמענט און איינפאַלן. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז ביי איר געווען אַן אָנגעווייטיקטע. זי פלעגט אין שמועס אָפט באַנוצן יידישע ווערטלעך.

די מאַנוסקריפּט פון אירע דראַמעס האָט ל. אָפּגעהיט ביז איר לעצטן טאָג.

ש. ע. פון זלמן רייזען.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט. II ז. 269

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פּנקס", נ. י. 1927-28.

לערעסקאָ, אַדעלאַ

[קערנער]

געבוירן — לויט ל. אַליין גיט אָן — אַפּריל 1886 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָ-טער — צווייטער קאַנטאָר אין שטאָטישן טעמפּל. אויסגעבילדעט אַלס זינגערין אויפן חשבון פון דער אָרטיקער קולטוס-געמיינ-דע, האָט אָנגעהויבן איר בינע-קאַריערע אַלס כאָריסטקע און עפּיזאָדן-ראָליסטין אין פוילישן אָפּערן-טעאַטער. דורך דער איני-ציאַטיוו פון פּיטער גראַף אַריינגעטראָטן אין גימפּעלס יידישן טעאַטער, וואו זי שפּילט יאָרן-לאַנג ערשטע פרימאַדאָנע-ראָלן.

אין לעמבערג זיך באַקענט מיט סעמיועל לערעסקאָ און נאָך דער חתונה מיט אים, מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַ, שפּילנדיק אַ חוץ געזאַנגס- אויך דראַמאַטישע ראָלן באַ-זונדערס אין גאָרדינס רעפּערטואַר.

מ. ע. און מ. ע. פון יעקב מעסטעל.

לערעסקאָ, סאַמועל

[שמואל לעהרער]

געבוירן 1 אויגוסט 1876 [לויט באַדערס קאַלענדאַר — 1868] אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ באַזיצער פון אַ באַנק-געשעפט. געלערנט אין חדר, אין אַ רעגירונגס-שול און דערנאָך אין אַ פּריוואַטער מיליטער-שול. צוליב נגישות אויף יידן אַוועק קיין סוטשאַוואַ (דאַמאָלט עסטרייך) אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע, דערנאָך אין טשערנאָוויץ און געמאַכט מאַטוראַ אין ווין. מיטגעאַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין די דייטשע צייטונגען „בוקאַרעסטער טאַגעבלאַט" און „רומענישער לאַיד".

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע צוריקגעפאָרן קיין יאַסי און מיטגעאַרבעט אין פאָטערס באַנק-געשעפט. אין דער פרייער צייט געשריבן רעצענזיעס און בעת אַקסעלראַד דערלויבט אים נישט אַריינצוגיין אין טעאַטער צוליב אַ שלעכטער רעצענזיע, ברענגט ל. אויף להכעיס די קאָנקורירנדע טרופּע פון יאַוועליר.

בערך 1900 אויפגעטראָטן אין יאַוועלירס טרופּע אַלס דער ליבהאָבער אין הורוויצס פּיעסע „שבתי צבי" און שוין פאַרבליבן אין טרופּעס, מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן איינִיקע יאָר איבער רומעניע, אויסמיידנדיק צו שפּילן אין יאַסי. דערנאָך אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון געליס און מיט אים געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זיי האָבן געשפּילט אַ יאָר צייט. פון דאָרט אַריבער אין אהרן ראָזענבלומס טרופּע אין בוקאָווינע, דערנאָך אַריין אין טרייטלערס טרופּע און צוזאַמען מיט דזשין גרינפעלד און מאַלווינע לאָבעל געפאָרן מיט יידיש טעאַטער קיין מאַנטשעסטער און גלאַזגוי (ענגלאַנד). דאָ זיך אָפּגעטיילט און אַוועק קיין לעמבערג, וואו ער טרעפט די צעבראָכענע גימפּעל-טרופּע, וועלכע ער רעאָרגאַניזירט און גיט די איניציאַטיוו אויפצובויען דאָס זומער-טעאַטער („יאַגעלאָנסקאַ 11"). ל. פירט אויך דאָ איין צו שפּילן שבת נאָכמיטאָג.

נאָכן שפּילן אַ לענגערע צייט אין לעמבערג, אַרומגעפאָרן 2 יאָר מיט זעליג שאָרס טרופּע, דערנאָך געשפּילט אין רומעניע אויף אַן אייגענער קאָנצעסיע, שפּעטער ווידער אַריינגעטראָטן צו גימפּעלן אין לעמבערג. דערנאָך געשפּילט ביי אַקסעלראַד אין רומעניע, אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער (צוזאַמען מיט שילינג) און אַ סעזאָן דאָרט מיט מאָריס מאָשקאָוויטש, שפּעטער אַ סעזאָן אין לאָנדאָן אין עמפּייר-טעאַטער מיט יאָזעף קעסלער, דערנאָך ביי ווערטהיימער אין בודאַפּעסט, וואו ער האָט 4 יאָר געשפּילט פּיעסעס אָן אַנטראַקטן (צוליב דעם, וואָס די דערלויבניש צו שפּילן איז געווען בלויז פאַר אַ „געזאַנג-און שפּיל-האַלע") [געזאַנג-און שפּיל-סאַלאָן].

זומער 1913 האָט ל. אין בערלין געפירט אַ טרופּע, וואו ער האָט אויך געשפּילט און רעזשיסירט.

1917 — געשפּילט אין אוקראַאינע, דאַן אַרומגעפאָרן מיט חברים-טרופּעס איבער פּוילן, רומעניע. אַ צייט אַלס מיט-שותּף פון זיגלער און דערנאָך מיט איריס, שפּעטער זעלבסשטענדיק. 1926 — געקומען אין ווין, וואו ער שפּילט ביז איצט.

ל. האָט אָנגעשריבן פיל פּיעסעס, דערפון זיינען „דאָקטאָר הערצל" (צייטבילד), „רייזעלע" (לעבנסבילד), „דאָס לעמבערגער שניידערמיידל", „דער מענטשן-פרעסער" (דראַמע, איבערזעצונג פון „דער בירגערלעכער טויט") „די איינגעמויערטע פרוי" (נאָך אַ ליד פון אַלעקסאַנדרי) [ווי יעקב מעסטעל גיט איבער, האָבן אויך רומענישע אַקטיאָרן פאָרגעשטעלט, אַז „די איינגעמויערטע פרוי" איז אַן איבערזעצונג פון אַ רומענישער פּיעסע „מעשטור מאַנאָלי".] און „משה רבנו" (אָפּערעטע) געשפּילט געוואָרן.

ל. האָט אויך קאָמפּאָנירט פיל מוזיק-נומערן פאַר וואַריעטע-לידער, אָפט אַליין דיריגירט זיין אָפּערעטעס-אָרקעסטער. געשריבן הומאָריסטישע איינאַקטערס און איבערזעצט די דראַמע „באַרבאַראַ אובריק, אַ קלויסטער-געשיכטע פון קראָקע", וועלכע בערטאַ קאַליש האָט געשפּילט אין בוקאַרעסט.

מ. ע. און מ. ע. פון לייזער ראָזענשטיין און יעקב מעסטעל.

גרשם באַדערס קאַלענדאַר.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 269.

לערער, מרים

געבוירן אין לודמיר, וואָלין. פאָטער — אַ קאָלאָניסט, וועלכער וואַנדערט באַלד אויס קיין אַרגענטינע.

ל. האָט אָנגעהויבן שפּילן אין 1921 אין בוענאָס-איירעס א'ד פון מאַריענהאָף און גלאַזונאָוו, דעביוטירנדיק אַלס „יהודית" אין „אוריאל אַקאָסטאַ". פון דאַמאָלט אָן האָט ל. געשפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס, אויך מיט לאָבעל און באָריס אויערבאַך, דערנאָך אַ סעזאָן א'ל פון טאָמאַשעווסקי און אַ סעזאָן א'ל פון סאָקאָלאָוו.

1924 — האָט ל. געשפּילט א'ר פון מאַרק אַרנשטיין און געמאַכט מיט אים אַ טורנע איבער די יידישע קאָלאָניעס פון אַרגענטינע.

1926 — אין פאָלקס-טעאַטער א'ר פון זאַסלאַווסקי. אין זעלבן יאָר חתונה געהאַט מיט יעקב באָטאָשאַנסקי. דערנאָך געשפּילט אין אַנדערע טרופּעס, האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאָריס שוואַרץ. 1931 — באַזוכט אייראָפּע.

ש. ע.

ח. עמר — „שיילאָק" אין מוניציפּאַל טעאַטער, „בראַז. איד. פּרעסע", ריאָ, 19 נאָוו. 1929.

לעש, יצחק

[איזידאָר לעשטשינסקי]



געבוירן 6 אָקטאָבער 1887 אין כאַרקאָוו, אוקראַאינע. פאָטער — קאַסירער אין דער רוסישער מלוכה-באַנק. נאָך זיין פאָטערס טויט איז ל. אַלס 3-יאָריק קינד, אַריבערגעפירט געוואָרן דורך זיין מוטער קיין וואָלאָזשין (ווילנער גוב.) צו איר פאָטער, וואו ער האָט באַקומען אַ שטרענג-רעליגיעזע דערציאונג. צו 11 יאָר ווערט ער אָפּגעשיקט אין לאָמזשער ישיבה, צו 12 יאָר קיין

ראַדין צום חפץ חיים, דערנאָך קיין נאָוואָראַדאָק און שפּעטער צו ר׳ רפאל אין וואָלאָזשין.

אין עלטער פון 15 יאָר קומט ל. צו זיין שוועסטער אין אַמעריקע און דאָ לערנט ער 3 יאָר אין ר׳ יצחק אלחנןס ישיבה. דערנאָך פאָרט ער קיין קליוולאַנד, וואו ער באַזוכט צום ערשטן מאָל אַ יידיש וואָדעוויל-הויז. דער אינהאַלט פון געשפּילטן שטיק מאַכט אויף אים אַ שלעכטן איינדרוק און ער שרייבט אָן אַן איינאַקטער „דער פּאָליטישער פאַרברעכער פאַרן געריכט", וואָס ווערט דאָרט געשפּילט מיט אַ גרויסן דערפאָלג. געקומען אין קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער, פאַרבלייבט ער שוין דאָ אַלס סופלער און סקעטשן-שרייבער און ווערט אַנגאַזשירט צו סעם אַגעד אין ניו-יאָרק, וואו ער אַרבעט 2 יאָר, פאַרפאַסנדיק יעדע וואָך אַ 3-אַקטיקן סקעטש, און דערנאָך אויף צוויי יאָר אין פּיפּלס מוזיק-האָל. פאַר דער צייט פון זיין אַרבעטן אין די וואָדעוויל-הייזער האָט ל. אָנגעשריבן בערך 150 3-אַקטיקע סקעטשעס, וועלכע ער האָט געבויט אויף גענומענע טעמעס.

בערך 1910 ווערט ל. אַנגאַזשירט צו מאַקס געביל, וועלכער פירט אויף ל.׳ס פּיעסע „יידישקייט", און בערך 1911 „דער גט" און „אין תהום פון ניו-יאָרק" (געשפּילט דעם 24 מערץ 1922 אין נעבילס 116 סטריט-טעאַטער א׳נ „די נייע ליידענשאַפט, אין 4 אַקטן פון מאַקס געביל און איזידאָר לעש").

דעם 15 אָקטאָבער 1913 ווערט אין גרענד-מוזיק-האָל, מיט מעיסימאָן אין דער הויפּטראָל, אויפגעפירט ל.׳ס „דער כלהס טרויער, דראַמע אין 4 אַקטן" [סוזשעט גענומען פון אַ. טשעכאָווס „די דריי שוועסטער"] און דעם 23 אָקטאָבער 1913 די פּיעסע אין 4 אַקטן „שעץ דיין פרוי". וועלכע איז דעם 16 מערץ 1923 אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמועל גאָלדענבורג אין געבילס 116 סטריט-טעאַטער א׳נ „קרבנות פון לעבן, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן פון איזידאָר לעש, מוזיק — לואיס פרידזעל."

אין 1915 ווערט מיט אסתר וואַלערשטיין אין דער הויפּטראָל געשפּילט אין קליוולאַנד ל.׳ס פּיעסע „פרויען-הערצער". וועלכע ווערט דעם 10 דעצעמבער 1915 אויפגעפירט דורך סאַול וואַלערשטיין אין ליריק-טעאַטער א׳נ „פרויען-הערצער, אָדער די צעשטערטע חופּה, לעבנסבילד מיט געזאַנג אין 4 אַקטן, מוזיק פון סעקונדא". דיזעלבע פּיעסע איז דעם 31 מערץ 1916 אויפגעפירט געוואָרן אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳נ „פרויען-ליבע, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן פון אַ. לעש. מוזיק פון ברוידי און פרידזעל" און באַלד דערויף דעם 18 אַפּריל 1916 אין זעלבן טעאַטער אונטערן נייעם נאָמען „די גרויסע ליבע, קאָמעדיע-דראַמע פון אַ. לעש, באַאַרבעט און אויפגעפירט יאַקאָב פּ. אַדלער".

אין 1916 איז אויפן רוף-גאַרדן אין ניו-יאָרק געשפּילט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „הערצער און נשמות".

יוני 1917 איז אין קליוולאַנד אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס פּיעסע „דער רויטער דיסטריקט". וועלכע איז דעם 13 יולי 1917 געשפּילט געוואָרן אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל רוף-גאַרדן אין דער אויפפירונג פון לעאָן בלאַנק און זיגמונט וויינטרויב. די פּיעסע איז, אָן וויסן פון מחבר, שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, איז דאָ פיל געשפּילט געוואָרן א׳נ „אויפן וועג קיין בוענאָס איירעס" און איז אונטער דעם נאָמען דערשינען אַנאָנים אין 1931 אין וואַרשע, אָן פערטן אַקט [„אויפן וועג קיין בוענאָס איירעס (אונטער דער רויטער לאַמטער). סענסאַציאָנעלע פּיעסע אין 3 אַקטן (לויטן אָריגינאַל) וואַרשע 1931", 41 ז.].

אין 1917 ווערט נאָך אויפגעפירט מיט דיינע פיינמאַן אין דער הויפּט-ראָל אין פילאַדעלפיער אַרטש סטריט-טעאַטער ל.׳ס 4-אַקטיקע פּיעסע „די ניט-פאַרהייראַטע פרוי" [סוזשעט גענומען פון אַ שפּאַנישער פּיעסע], וועלכע ווערט דעם 19 יולי 1918 געשפּילט אין ניו-יאָרק אויף סעקאָנד-עוועניו רוף-גאַרדן.

דעם 26 אָקטאָבער 1918 ווערט דורך אַ. ליליען אויפגעפירט אין ליריק-טעאַטער ל.׳ס „וואו איז מיין ווייב? קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון איזידאָר לעש", דעם 3 יאַנואַר 1919, אין זעלבן טעאַטער ל׳ס „אַ פרויס מיסטייק, לאָקאַל לעבנסבילד אין 4 אַקטן", און דעב 28 פעברואַר 1919 „די שמערצן פון ליבע, אין 4 אַקטן פון איזידאָר לעש". דיזעלבע פּיעסע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן א׳נ „אין אַ וועלט פון ליידן" דורך מאַלווינע לאָבעל בעת אירע גאַסטראָלן אין אַרגענטינע און איז אויך אונטער דעם זעלבן נאָמען אויפגעפירט געוואָרן דעם 15 יאַנואַר 1924 אין ניו-יאָרקער אוירווינג-פּלייס-טעאַטער.

זייט דאַמאָלט שרייבט ל. מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, וועלכע האַלטן זיך אַלע לאַנג אויף דער בינע.

אַזוי ווערט דעם 7 אַפּריל 1921 אויפגעפירט אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער מיט לעבעדיעוון אין דער טיטול-ראָלע זיין מוזיקאַלישע קאָמעדיע „שלמהקע אויף בראָדוויי" (מוזיק פון פרידזעל) און דעם 28 אָקטאָבער 1921 — „יאָשקע כוואַט" (מוזיק פון הערמאַן וואָהל), וועלכע איז אויך שפּעטער, אָן וויסן פון מחבר, געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז זייער פיל געשפּילט געוואָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען און איז אויך אַנאָנים דערשינען אין 1925 אין וואַרשע א׳נ „ליאָווקע מאָלאָדיעץ".

דעם 28 אַפּריל 1921 ווערט אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט דורך מאַקס ראָזענטאַל ל.׳ס 4-אַקטיקע מעלאָדראַמע „די פרוי אין שטייג" (מוזיק פון יאָזעף ברוידי, מיט ראָזענטאַל, זאַק און בערטאַ גערסטען אין די הויפּטראָלן). די זעלבע פּיעסע איז אין נאָוועמבער 1928 אויפגעפירט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער א׳נ „אין אַ גאָלדענע שטייג".

דעם 27 אַפּריל 1923 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין אָפּערעטע „פריילעכע קבצנים" (מוזיק פון אַ. אָלשאַנעצקי). דיזעלבע אָפּערעטע איז דעם 5 אַפּריל 1928 אויפגעפירט געוואָרן דורך לעבעדיעוון אין נעשאָנאַל-טעאַטער א׳נ „איציקל שאָלטיק" (ליריקס פון דזשייקאָבס).

דעם 29 אויגוסט 1924 איז אין גרענד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס „דער אמתער אוצר, מוז. קאָמ. אין 3 בילדער, מוזיק פון י. טאַנצמאַן", דעם 6 אָקטאָבער 1924 — „דער נייער חזן, אין 3 בילדער, מוזיק פון י. טאַנצמאַן" און דעם 31 דעצעמבער 1924 אין ראָזאַ זילבערט-טעאַטער [האָפּקינסאָן], אויפגעפירט דורך יעקב זילבערט — „וועלוועלע שייגעץ" (מוזיק פון הערמאַן זאַליס און וו. שומסקי), וועלכע איז אויך דעם 30 מערץ 1916 אויפגעפירט געוואָרן דורך לעבעדיעוון אין נעשאָנאַל-טעאַטער א׳נ „וואָלאָדקע אין אָדעס, פאָלקס-קאָמעדיע, ליברעטאָ אין 3 אַקטן פון אַ לעש. מוזיק — פּרץ סאַנדלער", און איז שפּעטער דורך פאַרשיידענע גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן זייער אָפט געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע.

דעם 27 סעפטעמבער 1927 איז אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך אַנשעל שאָר ל.׳ס אָפּערעטע „זיין יידיש מיידל״ (מוזיק — שלום סעקונדא), וועלכע איז אין 1928 געשפּילט געוואָרן דורך דאָראַ ווייסמאַן בעת אירע גאַסטראָלן אין אייראָפּע.

דעם 27 פעברואַר 1928 איז אין האָפּקינסאָן-טעאַטער (מיט ליזאַ זילבערט אין דער הויפּטראָל) אויפגעפירט געוואָרן ל.׳ס דראַמע „אַלטע יוגנט״ און דעם 21 דעצעמבער 1928, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך לעבעדיעוון — „דער ליטווישער יענקי״ (ליריקס — דזשייקאָב דזשייקאָבס מוזיק — א. אָלשאַנעצקי), וועלכע האָט פון דער קריטיק (יואל ענטין אין „צוקונפט״) געצויגן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צוליב דער ריינער יידישער שפּראַך פון די ליברעטאָ.

דעם 11 דעצעמבער 1929 איז אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב רעכטצייט ל.׳ס פּיעסע „דער אָדעסער טענצער״, דעם 28 יאַנואַר 1930 — די מעלאָדראַמע „ניט-געזעצליכע קינדער״ (וועלכע איז נאָך פריער געשפּילט געוואָרן דורך מאַקס גאַביל און דזשעני גאָלדשטיין אין נוּאַרקער מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער א׳נ „אמתע ליבע״), און דעם 25 נאָוועמבער 1930, אין נעשאַנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך לעבעדיעוון — די אָפּערעטע „רוסישע ליבע״ (מוזיק — ה. וואָהל, מיט לעבעדיעוו, בלאַנק און יצחק פעלד אין די הויפּטראָלן).

דעם 1 אָקטאָבער 1932 איז אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך היימי דזשייקאָבסאָן ל.׳ס אָפּערעטע „אַזאַ מיידעלע ווי דו״ (מוזיק פון שלום סעקונדא).

ל. האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעאַטער-טעטיקייט אויך געשריבן סקיצן און לידער אין „פרייע אַרבייטער שטימע״, „יידישעס טאַגעבלאַט״ און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע.

צום סעזאָן 1929-30 האָט ל., צוזאַמען מיט יעקב רעכטצייט, איבערגענומען די דירעקציע פון האָפּקינסאָן-טעאַטער אין ברוקלין און צום סעזאָן 1932-33, צוזאַמען מיט היימי דזשייקאָבסאָן און שלום סעקונדא, די דירעקציע פון ליריק-טעאַטער אין וויליאַמסבורג (ניו-יאָרק), פון וועלכן ער האָט זיך אָבער נאָך יעניקע וואָכן צוריקגעצויגן.

ל. איז געווען געהילף-רעדאַקטאָר פון טאָמאַשעווסקיס זשורנאַל „די אידישע ביהנע״ און מיטגליד אין רעדאַקציע-קאָלעגיע פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ (1-טער באַנד).

ל.׳ס פרוי איז די יידישע אַקטריסע רבקה לעש, שוועסטער פון דער אַקטריסע ליזאַ זילבערט.

ל.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] [אַנאָנים]
ליאָווקע מאַלאָדיעץ,
אָפּערעטע אין דריי אַקטן,
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1925. [54 ז. 16°]
[ל.׳ס „יאָשקע כוואַט״]

[2] [אַנאָנים]
אויפן וועג קיין בוענאָס איירעס
(אונטער דער רויטער לאַמטער)
[ל.׳ס „דער רויטער דיסטריקט״]
סענסאַציאָנעלע פּיעסע אין 3 אַקטן (לויטן אָריגינאַל)
וואַרשע, 1931. [41 ז. 16°]

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 281, 269.

אהרן ראָזען — „יאָשקע כוואַט״ אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 4 נאָוו. 1921.

ישראל דער יענקי [י. פרידמאַן] — „פרעהליכע קבצנים״, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 7 מערץ 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — „וואָלאָדקע אין אָדעס״ אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג״, 9 אַפּריל 1926.

דר. א. מוקדוני — אין און אַרום טעאַטער, „מאָ׳זש״, נ. י., 9 אַפּריל 1926.

ל. קעסנער — „וואָלאָדקאַ אין אָדעס״, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 9 אַפּריל 1926

אַב. קאַהאַן — עטליכע טעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.״, נ. י., 30 אַפּריל 1926.

א. גלאַנץ — ליבערטי און האָפּקינסאָן טעאַטערס פיהרען אויף צוויי שעהנע פּיעסען, „דער טאָג״, נ. י., 7 אָקט 1927.

ל. פאָגעלמאַן — „זיין אידיש מיידעל״, — נייע אָפּערעטע אין ליבערטי טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י. 12 אָקט. 1927.

נ ב. לינדער — די פאָרשטעלונג פון מיטנוואָך, „טאָג״, נ. י., 14 אָקט. 1927.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — „זיין יידיש מיידעל״ פון א. לעש, מוזיק פון ש. סעקונדע, „אידישע צייטונג״, ב׳א, 8 יולי 1928.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — „זיין אידיש מיידל״ פון א. לעש, מוזיק פון שלום סעקונדע אין טעאַטער עקסעלסיאָר, „די פרעסע״, ב׳א, 17 יולי 1928.

אהרן קאַניעווסקי — אַן אָפּערעטע וואָס ווערט געשפּילט מיט טאַלאַנט פון די שוישפּילער אין אַרטש סטריט טעאַטער, „דער טאָג״, פילאַדעלפיע, 7 אָקט. 1928.

קריטיקוס [מאָריס מייער] — „אין אַ גאָלדענער שטייג״, אַ קאָמעדיע פון איזידאָר לעש, אויפגעפירט פון י. קעסלער, „די צייט״, לאָנדאָן, 2 דעצ. 1928.

[—] — „אין אַ גאָלדענער שטייג״, „די פּאָסט״, לאָנדאָן, 2 דעצעמבער 1928.

א. גראַפמאַן — נאָטיצען, „דער מאָמענט״, וואַרשע 16 דעצעמבער 1928.

בית-שין [ב. שעפנער] — דער גענעראַל, דאָס ספר-תורהלע און די פאַרליבטע יידישע טאָכטער, „נייע פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 19 דעצעמבער 1928.

מ. קיפּניס — „זיין אידיש מי דעל״ פון י. לעש, „היינט״, וואַרשע, 31 דעצ. 1928.

ש. פאַן [שאַיאַק] — „זיין יידיש מיידל״, „די פּאָסט״, לאָנדאָן, 2 יאַנ. 1929.

אַב. קאַהאַן – אַ לוסטיגע אָפּערעטקע וועגן ניו־יאָרק און טשיזשעווע – אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 3 יאַנ. 1929.

א. גלאַנץ – „דער ליטווישער יענקי" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 4 יאַנ. 1929.

א. מאַנדעלבוים – אַ נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 1 פעבר. 1929

י. ענטין - דער איצטיגער אידישער טעאַטער־סעזאָן, „צוקונפט", נ. י., פעברואַר 1929.

ש. ר. – „זיין יידיש מיידל" פון י. לעש, „איד. צייט.", ב'אַ, 7 אַפּריל 1929.

נ. צ. [צוקער] – זיין יידיש מיידל פון י. לעש, „אַרגענטינער טאָג", ב א, 7 אַפּריל 1929.

ש. ר. - אַ לוסטיקע אָפּערעטע אין „עקסעלסיאָר", „איד. צייט.", א'ב, 11 אויגוסט 1929.

ספעקטאַטאָר [נ. פראַנק] – „זיין יידיש מיידל" אויפגעפירט אין „פאָלי דראַמאַטיק" פון קאָמפּאַניעצעס טרופּע „פאַריזער הײנט", 9 סעפּטעמבער 1929.

ל. פלאַמשטיין – „דער אָדעסער טענצער" אין האָפּקינסאָן טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 20 דעצ. 1929.

ד. קאַפּלאַן – „דער אָדעסער טענצער", „פאָרוו.", נ. י., 28 דעצעמבער 1929.

ש. ר. – „דער אָדעסער טענצער" אין „עקסעלסיאָר", „איד. צייט.", ב'א, 12 מאַי 1930.

ל. פאָגעלמאַן – „רוסישע ליבע" – נייע פּיעסע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 5 דעצ. 1930.

נ. ב. לינדער – די פּיעסע „רוסישע ליבע" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 5 דעצ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין – אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש", נ. י., 19 דעצ. 1930.

שמואל ראָזשאַנסקי – „בוענאָס איירעס" אין אַ פּיעסע, „די אידישע צייטונג", ב'א 5 יאַנ. 1931.

ז. זילבערצווייג – אַ בלעטל הפקרות פון אונזערע פאַרלאַגן, „שיקאַגאָ", שיקאַגאָ, יולי 1931.

ל. פלאַמשטיין – „אַ מיידעלע ווי דו" – אין ליריק טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 7 אָקט. 1932.

Samuel Kreiter – „A Girl Like You", „Daily News", N. Y., 10 oct. 1932.

לעש, רבקה

[ראָזענבלום]



געבוירן 22 יאַנואַר 1889 אין בוקאַרעסט, רומעניע. עלטערן – די יידישע אַקטיאָרן אַדאָלף און בעטי ראָזענבלום. נאָך אַלס קינד געשפּילט קינדער־ראָלן אין דער טרופּע פון אירע עלטערן און בעת זיי שפּילן אין קאַיראָ (עגיפּטען), באַזוכט זי דאָרט אַן איטאַליענישע פאָלקסשול און שפּילט אין איטאַליענישן טעאַטער א'ד פון אַנטאָניאָ מאַיאָרי.

1902 — געקומען מיט די עלטערן אין אַמעריקע און באַלד אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון איר שוואָגער יעקב זילבערט אין סט. לואיס, דעביוטירנדיק אַלס „חנהלע" אין זאָלאָטאַרעווסקיס „דער ישיבה בחור", דערנאָך געשפּילט ביי זילבערטן אין באָסטאָן און שיקאַגאָ, שפּעטער מיט שילדקרויטן אין קאַנאַדע.

נאָך אַ הפסקה פון 10 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין די וואָדעוויל־טעאַטערס אין ניו־יאָרק, דערנאָך ווידער ביי זילבערטן, שפּעטער ביי געבילן און איבער דער פּראָווינץ. 1927 – געשפּילט אין בראָנקסער מעקינלי־סקווער־טעאַטער און ביי באָריס טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיע, 1928-29 – אין יידישן קונסט־טעאַטער, 1930-31 – אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, 1931-32 – אין טאָראָנטאָ און 1932-33 – אין ברוקלינער ליריק־טעאַטער.

ל. איז איז די פרוי פון פּיעסעס־שרייבער און סופלער יצחק לעש. איר שוועסטער איז די אַקטריסע ליזע זילבערט.

מ. ע.

יעקב קירשענבוים – נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ'זש", נ. י., 20 יאַנואַר 1928.

מאַין, מאַרק

געבוירן 10 מאַי 1903 אין ריבינטשיק, וויטעבסקער גוב., לעטלאַנד. פאָטער – געווען אַ ישובניק, נאָכן גרויש – אַ מלמד און בעת דער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ פּור־מאַן.

אין עלטער פון 13 יאָר אַוועק פון דער פאַמיליע קיין כאַרקאָוו, דאָ געלערנט אַ האַלב יאָר שטעפּעריי און דערנאָך 3 קלאַסן אין דער יידישער האַנטווערקער־שול. שפּעטער האָט מ. געאַרבעט ביי־טאָג אַלס שלאָסער אין אַ טשוועקעס־פאַבריק און אין אָוונט געלערנט אין פאָלי־טעכניקום.

1920 – איז מ. פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמעע און דערנאָך געענדיקט 3 קורסן אין מעכאַניק־בויערישן טעכניקום. שוין פריער זיך באַטייליקט אין דראַמאַטישע קרייזן, פאָרט מ. אין 1923 קיין מאָסקווע אין דער ווייסרוסלענדיש־יידישער מלוכה־סטודיע, דעביוטירט אין פעברואַר 1924 און 1926 גייט ער אויטאָמאַטיש אַריבער אין באַשטאַנד פון „ווימ'ט".

ש. ע.

ב. אָרשאַנסקי – „טעאַטער־שלאַכטן", 1931, זז. 160, 175-76, 189, 194, 200.

מאַגולעסקאָ, אַמאַליע

[פינקעלשטיין]

[געב. בערך 1860 — געשט. 1929]

געבוירן בערך 1860 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ צושניידער. געלערנט אין אַ פרימאַר־שול. יונג חתונה געהאַט מיטן אַקטאָר זיגמונט מאַגולעסקאָ און זיך באַטייליקט אין דער אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס „באָבע מיטן איניקל" („דער לערער"), אַז אויך געשפּילט אין „פלאַטערבורש" („סטודענט") און אין „פעריקאַלאַ".

צוזאַמען מיט איר מאַן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זי האָט כמעט קיינמאָל זיך נישט באַטייליקט אויף דער בינע.

זינט איר מאַנס טויט פלעגט יעדעס יאָר צו זיין יאָרצייט פאַרקומען אין אַ ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג, פון וועלכער די הכנסה פלעגט גיין פאַר דער אלמנה.

אין 1929 איז מ. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

מ.׳ס טאָכטער, בעסי, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ.׳ס שוועסטער, פּאַולינאַ, איז אַ געוועזענע יידישע אַקטריסע און די פרוי פון טעאַטער־דירעקטאָר יוסף עדעלשטיין.

מ. ע. פון פאַולינאַ עדעלשטיין.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 237, 196.

מאַגולעסקאָ, בעסי

געבוירן 24 אויגוסט 1892 אין בוקאַרעסט, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן אַמאַליע און זיגמונט. פאַרבראַכט אין רומעניע, פון וואו זי ווערט אין עלטער פון 5 יאָר געבראַכט דורך איר זיידען און באָבען קיין אַמעריקע. דאָ לערנט זי אין פּאַבליק־סקול און ענדיקט דערנאָך האַי־סקול.

נאָך אַלס קינד געשפּילט קינדער־ראָלן מיטן פאָטער, אָבער דערנאָך דורך אים נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער בינע.

1912 — דעביוטירט אויף דער פּראָווינץ אין אַ שטומער ראָל ביי שילדקרויט. צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק, ווערט מ. אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקי אין פּיפּלס־טעאַטער וואו זי שפּילט איניקע יאָר, דערנאָך 5 יאָר ביי מאַקס גאַביל, איניקע יאָר ביי מאָריס שוואַרץ, 1924-26 — אין קליוולאַנד און זינט דעמאָלט איבער פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט פון אַמעריקע.

מ. ע.

[—] מאַגולעסקאָס טאָכטער וועט שפּילען אין איהר פאָטער׳ס אַ ראָלע, „פאָרוו.", נ. י., 28 פעבר. 1911.

מאַגולעסקאָ, זיגמונט

[זעליג מאָגילעווסקי]

[געב. 16 דעצ. 1858 — געשט. 4 פעבר. 1914]

געבוירן 16 דעצעמבער 1858 אין זלאָטאָפּאָליע, בעסאַראַביע. פאָטער — יואל שאַריגראַדסקי, האָט געענדערט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף מאָגילעווסקי — אַ פרומער, געקענט אביסל לערנען, געווען אַ מעכאַניק אין אַ פאַבריק אין זאַמינסק. מוטער — רחל־לאה, אַ מיוחסת, די טאָכטער פון אָרטיקן דיין לייזער שטשאַגאַל, געווען אַליין אַ מלומדת, געקענט אַ סך דינים און מ׳פלעגט אין שטעטל זאָגן, אַז ווען זי וואָלט נישט געווען קיין יידענע, וואָלט זי געווען אַ רב. מוטערס פאָטער — דער קאַמינקער רב.

מ.׳ס ברודער איז שפּעטער געווען אויבערקאַנטאָר אין דעבריצין (אונגאַרן) און דאָרט געענדערט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף שוואַרצפעלד.

צו 9 יאָר האָט מ. פאַרלוירן זיין פאָטער און די קהלה האָט געגעבן דער מוטער אַ וועכנטלעכע פּענסיע. דאָס איז אָבער ווייניק געווען אויף חיונה און די מוטער גיט אים אוועק אַלס משורר צום חזן יוסף העלער (גערופן „דער נייער חזן").

מ. דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט זיך געחנפעט צו די עלטערע משוררים, האָט זיי באַדינט און דערפאַר האָבן זיי בסוד אים געלערנט לייענען נאָטען, וואָס ער האָט אויסגעלערנט אין משך פון 4 חדשים און ווערט באַלד באַקאַנט אַלס „זעליגל דער נאָטען־פרעסער".

נאָך דער מוטערס טויט גייט מ. איבער אַלס משורר צו ניסן בעלזער אין קעשעניעוו, וואו ער באַקומט 60 רובל אַ יאָר און 12 „מאַרקעס" פון דעם, וואָס די משוררים „מאַכן אין אַ זייט". דאָ לערנט ער ווייטער נאָטען ביים משורר (טענאָר) בערל ליוּלקע־מאַכער. מ.׳ס נאָמען דערגרייכט קיין בוקאַרעסט צום חזן ישראל קופּער, וועלכער קומט קיין קעשעניעוו און „גנבעט" אים אַרויס פון ניסן בעלזערס כאָר. ביי קופּערן אין דער גרויסער שול באַקומט מ. 20 פראַנק אַ חודש און זינגט דאָ בלויז סאָלאָס.

אין עלטער פון 14 יאָר טרעט ער אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע אין בוקאַרעסט, וואו ער לערנט ביי פּראָפעסאָר בריטיאַנו און באַלד נאָכן ערשטן יאָר באַקומט ער אַ פּרייז. פון דאַנען ווערט ער אויך אין (1874) רעקאָמאַנדירט אַלס כאָריסט אין אַ גאַסטראָלירנדיקער פראַנצויזישער אָפּערעטע־טרופּע, אין וועלכער ער זינגט צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע יידישע אַקטיאָרן לייזער צוקערמאַן, דינ[ל]־מאַן און מאָזעס וואַלד (שפּעטער אַ חזן אין אונגאַרן) און נאָכדעם ווי די טרופּע איז זיך צעפאַלן, טרעט ער מיט זיי אַרויס אַלס „כאָר איזראַעליטאַ" אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. גלייכצייטיק פלעגן זיי אויך זינגען (אין געהיים) יעדן זונטאָג אין קירכן־כאָר. שבת אין אָוונט פלעגן ביים חזן קופּער זיך צונויפקומען געסט און מ. פלעגט פאַר זיי אימיטירן די אַקטיאָרן, מיט וועלכע עס איז אים, אַלס כאָריסט, אויסגעקומען צו שפּילן. באַזונדערס פלעגט ער קאָפּירן דעם רומענישן קאָמיקער מילו אין דער קאָמעדיע „וולאַדוצו מאַמו" (דער מאַמעס מוזיניקל).

אין יענער צייט פאַרלירט מ. זיין אַלט און קאָן מער נישט ציען קיין פּרנסה פון זינגען. 2 יאָר צייט אַרבעט ער דאַמאָלט אַלס פּראַנזן-אַרבעטער. ערשט ווען ער קריגט צוריק זיין שטימע, אַלס טענאָר, קערט ער צוריק צום חזן קופּער, ביי וועמען ער ווערט אויך כאָר-דיריגענט. אָבער מ. האָט מער נישט קיין חשק צו זיין אַ משורר — עס ציט אים צו דער בינע.

ב. גאָרין דערציילט: „...ווען מען פלעגט צו אַ שמחה פאַררופן די משוררים, פלעגט מאָגולעסקאָ אונטערהאַלטן דעם עולם נישט נאָר מיט זינגען, נאָר אויך מיט נאָכמאַכן געוויסע רומענישע אַקטיאָרן. אויך פלעגט ער אַזעלכע שטיקלעך ווייזן ביים חזן אין הויז ווען די משוררים און פיינע בעלי-הבתים פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי אים אויף אַ שבת צו נאַכט און דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער. דאָס האָט דערגרייכט צו גאָלדפאַדען און ער האָט תיכף נאָך זיין קומען קיין בוקאַרעסט געשיקט רופן צו זיך די אויבנדערמאָנטע פיר משוררים. ביים פאַרהער האָט מאָגולעסקאָ פאָרגעשטעלט אַ סצענע פון דעם רומענישן שטיק „וולאַדוצו מאַמו" און דאָס איז געווען דער אָריגינאַל פון דער צוקונפטיקער פּיעסע „שמענדריק". גאָלדפאַדען איז געווען אַזוי געפעלן די פאָרשטעלונג [דאָס פאָרשטעלן], אַז ניט נאָר האָט ער צוגענומען מאָגולעסקאָן אין זיין טרופּע, נאָר ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט לאָזן דאָס שטיק איבערזעצן און דערפון וועט ער מאַכן אַ יידישע פּיעסע פאַר אים".

דאָס אַריינציען משוררים אין יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ התנגדות פון די מתפּללים. נישט קאָנענדיק באַשטראָפן די משוררים, האָט קהל אָפּגעזאָגט דעם חזן קופּער, וועלכער האָט נישט נאָר דערלאָזט, אַז זיינע משוררים זאָלן זינגען אין יידישן טעאַטער, נאָר פלעגט אַליין אויך באַזוכן דאָס טעאַטער.

[דער אָפּזאָג אין דער פאָרם ווי ער איז פאַרשריבן אין פּנקס פון דער גרויסער שול אין בוקאַרעסט מיט אַ יידישער איבערזעצונג, איז אָפּגעדרוקט אין „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער" (אַרויסגעגעבן פון ייוו"א, ווילנע, 1930).]

אין בוקאַרעסט באַנייט גאָלדפאַדען די אויפפירונג פון זיין קאָמעדיע „די באָבע מיטן אייניקל", אין וועלכער מ. שפּילט „דאָס אייניקל" און אין „די אינטריגע, אָדער, דוואָסיע די ספּלעטניצע" שפּילט ער די ראָלן „רחלע" און דער זאַאיקער משרת". גאָרין דערציילט: „מאָגולעסקאָ האָט אַזוי גוט קאָפּירט אַ יונג ווייבל, אַז ווען גאָלדפאַדענס פרוי איז געזעסן אין טעאַטער און האָט דערזען ווי איר מאַן [וועלכער האָט געשפּילט די דראַמאַטישע ראָל] קושט זיך אויף דער בינע מיט אַ שיינער מיידל, איז זי געוואָרן אייפערזיכטיק".

באַלד דערויף ווערט אין בוקאַרעסט אויפגעפירט גאָלדפאַדענס קאָמעדיע „שמענדריק" (מיט מ. אין דער טיטל-ראָל), וועלכע ער שפּילט מיט גרויס דערפאָלג. דאָס באַוועגט גראַדנערן צו פאַרלאַנגען פון גאָלדפאַדענען, אַז ער זאָל פאַר אים אויך שרייבן אַ ספּעציעלע פּיעסע. גאָלדפאַדען זעצט דערויף איבער און פירט באַלד אויף קאָצעבויס טראַגעדיע „די ווילדע אינזל", אין וועלכער מ. שפּילט אַלס „די נעגערין" מיט אַזאַ דערפאָלג, אַז ער פאַרטונקלט גראַדנערן, וועלכער טרעט אַרויס צוליב דעם פון דער טרופּע.

די מורא, אַז גראַדנערס אַרויסטריט פון גאָלדפאַדענס געזונגשוואַכער טרופּע וועט צעברעכן די טרופּע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אומבאַגרינדעט. דער עולם איז געווען אַזוי צופרידן פון מ.'ס שפּילן, אַז מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן גראַדנערן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט גראַדנער אַליין אָנגאַזשירט מ.'ן צו זיך אין טרופּע.

וועגן מ.'ס פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידן אין רומעניע דערציילט לעאָן בלאַנק אין זיינע זכרונות: „איך געדענק נאָך ווי מיין טאַטע-מאַמע, וועלכע זיינען קיינמאָל אין זייער לעבן אין קיין טעאַטער נישט געווען, פלעגן דערציילן חדושים וועגן דעם „אַפּטיאָר" מאָגולעסקאָ, כאָטש זיי האָבן אים גאָר קיינמאָל נישט געזען. איך געדענק אויך ווי יעדן שבת, ווען מיין טאַטע פלעגט נעמען אַ משורר אַלס אַן אורח צום טיש, פלעגט ער אים בעטן, אַז ער זאָל נאָכן עסן נאָכמאַכן מאָגולעסקאָן ווי אַזוי ער זינגט דאָס לידעלע „פּתח שין שאַ" אין „דער באָבע יאַכנע". גראָד האָט איינער פון די משוררים — וועלוול האָט ער געהייסן — גאַנץ נישט קשהדיק נאָכגעמאַכט ווי אַזוי מאָגולעסקאָ זינגט דאָס לידל „פּתח שין שאַ", האָבן מיין טאַטע-מאַמע גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם, און וועלוול איז ביי זיי געוואָרן אַ גאַנצער יחסן. ...דער נאָמען מאָגולעסקאָ איז אין יענער צייט געווען איינגעהילט אין לעגענדעס ביי טויזנטער און טויזנטער יידן, וועלכע האָבן אים גאָר קיינמאָל ניט געזען; מען האָט וועגן אים דערציילט טויזנט און איין מעשׂות, און עס איז אַ פאַקט, אַז ווען איינער פלעגט אַמאָל ערגעץ דערציילן אַ גוטן וויץ, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט צום לאַכן, האָט מען באַלד געזאָגט: „עך, מאָגולעסקאָ, מאָגולעסקאָ, אַ לעבן אויף אים". מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ גוטער וויץ זאָל נישט שטאַמען פון מאָגולעסקאָן. ...האָט מען זיך צעהוליעט אויף אַ חתונה, האָט מען געפּרובט טאַנצן אַ „חסידל" אָדער גאָר „אַ קאָזאַטשאָק" איז עס געווען „פונקט אַזוי ווי מאָגולעסקאָ". אַז מען איז געוואָרן פריילעך אויף אַ ברית, האָט מען געפּרובט זינגען אַ לידל „פונקט אַזוי ווי מאָגולעסקאָ". זיין נאָמען האָט מען געהאַלטן אין מויל אויף אַלע שמחות. עס האָט מיט אים געקלונגען די גאַנצע יידישע וועלט [אין רומעניע]".

נאָך גראַדנערס אַרויסטריט פון דער טרופּע איז מ. געוואָרן דער הויפּט-אַקטיאָר (די טרופּע האָט זיך גערופן אויף זיין נאָמען) און צוליב דער אויסגעבראָכענער רוסיש-טערקישער מלחמה מאַכט ער גוטע געשעפטן. ער פירט איצט אויף יאָזעף לאַטיינערס פּיעסע „יענטע פּיפּערנאָטער", אַ קאָמעדיע, אין וועלכער ער שפּילט די טיטל-ראָל און דערוואָרבט זיך דערמיט נאָך אַ גרעסערע אָנהערגערשאַפט צווישן דעם טעאַטער-עולם.

שפּעטער האָט לאַטיינער צונויפגעשטעלט אַ טרופּע מיט מ. אַלס הויפּט-ראָליסט, און צווישן אַנדערע האָבן זיי געשפּילט יצחק ליבּרעסקאָס פּיעסע „די דערפילטע ליבע", אַ באַאַרבעטונג פון אייזיק-מאיר דיקס דערציילונג „די צוויי קליינע קאַטערינשטשיקעס". וועגן דער אויפפירונג דערציילט ליבּרעסקאָ אין זיינע זכרונות: „אין מיין פּיעסע איז געווען אַ ראָל פון אַ ליבהאָבער, און אין דער גאַנצער טרופּע איז נישט געווען ווער עס זאָל שפּילן דידאָזיקע ראָל, האָט מאָגולעסקאָ, דער קאָמיקער פון דער טרופּע, גענומען צו שפּילן דעם ליבהאָבער, וואָרום ער האָט געהאַט חשק צו שפּילן ליבהאָבער".

אָבער די גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען אין יידישן טעאַטער אין רומעניע ענדיקן זיך מיט דעם סוף פון דער מלחמה. גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע פאָרן אָפּ (1879) קיין אָדעס און דער דאָרטיקער אייגנטימער פון טעאַטער, דער גריך אָמצר — שרייבט ב. גאָרין — „האָט קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן די אַנדערע יידישע

אַקטיאָרן אין רומעניען, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ספּיוואַקאָווסקי און אים דערקלערט וועגן דער גרויסער רעפּוטאַציע, וואָס מאָגולעסקאָ האָט זיך דערוואָרבן און וואָס פאַר אַ פּוראָר ער וועט מאַכן אין אָדעס. ער האָט זיך אונטערגענומען אַריבערצובריינגען מאָגולעסקאָן מיט זיין קאָמפּאַניע, מיט זיין רעפּערטואַר. ...מאָגולעסקאָ און לאַטיינער זיינען דאַמאָלט געווען אין באָטושאַן און זיי האָבן קוים-קוים זיך דורכגעשלאָגן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג און אַלע פיר [מ., י. לאַטיינער, י. ספּיוואַקאָווסקי און ליבּרעסקאָ] זיינען גלייך אַוועק קיין אָדעס. ...דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן בשתיקה, כדי גאָלדפאַדען זאָל דערפון ניט געוואויר ווערן איידער מען וועט זיין זיכער, אַז מאָגולעסקאָ קאָן האָבן אַ קיום אין רוסלאַנד און צי ער וועט האָבן פּיעסן פאַרן טעאַטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז אָמער האָט געגאַרט צו האָבן גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר, נאָר מען האָט אים דערקלערט, אַז פון שטיקער וועט קיין מניעה ניט זיין. לאַטיינער האָט שוין עטלעכע אויסגעפּרובטע שטיקער [„דער דבוק״, „שמואל שמעלקעס״, „יענטע פּיפּערנאָטער״ פון לאַטיינער א. א.] און מאָגולעסקאָ האָט אויך מיטגעבראַכט דעם „פּוילישן יינגל״ פון הורוויטש. אָמער איז מיט דידאָזיקע שטיקער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און געלאָזט זיי צענזורירן און ווען ער איז געוואָרן זיכער מיט אַ טרופּע און פּיעסן, האָט ער אָן צערעמאָניעס אַרויסגעוואָרפן גאָלדפאַדען פון טעאַטער און אַריינגענומען מאָגולעסקאָ מיט זיין קאָמפּאַניע [לויט יצחק ליבּרעסקאָ איז אָדעס אַ געוויסע צייט געווען אָן אַ יידישער טרופּע. אברהם גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלט געשפּילט מיט זיין טרופּע אין ניקאָלאַיעוו און נפתּלי גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע האָט זיך געפונען אין קעשעניעוו. מ. האָט אַלזאָ נישט באַזייטיקט גאָלדפאַדענען פון טעאַטער, נאָר האָט איבּערגענומען אַ פרייען טעאַטער-בנין]. דאָס ערשטע שטיק האָט מען געשטעלט „יענטע פּיפּערנאָטער״ פון לאַטיינער און זי איז דורכגעפאַלן בתופּים ובמחולות. נאָר דאָס צווייטע שטיק, וועלכע איז אויך געווען לאַטיינערס און האָט געהייסן „שמואל שמעלקעס״, האָט זייער אויסגענומען״.

ווי ב. ווינשטיין, אַן עד-ראיה, שרייבט אין זיינע זכרונות, האָט מ. אָנגעהויבן זיינע פאָרשטעלונגען אין אָדעס אין 1880. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן לאַטיינערס קאָמעדיע „דער דבוק, אָדער, די באָבע חוה״ מיט מ. אַלס „די באָבע חוה״ און שפּעטער „דער לץ״, וועלכער פאַרשטעלט זיך פאַרן דבוק. דערנאָך איז געשפּילט געוואָרן לאַטיינערס „די ליבּע פון ציון״, הורוויצס „דאָס פּוילישע יינגל״ (מ. אין דער ראָל „שמואל גאָרגעל״) און שמ״רס „דער יידישער פּריץ״ מיט מ. אַלס „לייזערקע דער קרומער״: „צום סוף פון דער ערשטער פאָרשטעלונג איז מאָגולעסקאָ אַרויס אויף דער בינע אָנגעטאָן אין אַ פראַק און ער האָט געזונגען קופּלעטן, מיט וועלכע ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. מען האָט מאָגולעסקאָן דאַן אַזוי פיל מאָל אַרויסגערופן, ביז ער איז מיד געוואָרן. מען האָט זיך געוואונטשן, אַז מען זאָל זיי קאָנען זען שפּילן אין גאָלדפאַדענס פּיעסן, אָבער די ערשטע צייט פון מאָגולעסקאָס אויפטרעטן אין אָדעס איז אים ניט געווען דערלויבט אויפצוטרעטן אין גאָלדפאַדענס פּיעסן״. „אָבער — שרייבט ווינשטיין ווייטער — איך האָב זיך אויך שפּעטער אין אַמעריקע דערוואוסט, אַז פילע פּיעסן, וואָס מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט [ביי זיין צווייטן מאָל שפּילן אין אָדעס] זיינען טאַקע געווען גאָלדפאַדענס. ער האָט די פּיעסן געענדערט און געביטן די נעמען, ווייל גאָלדפאַדען האָט אים ניט דערלויבט זיי צו שפּילן. ...אין אַ שטיקל צייט אַרום איז מאָגולעסקאָס דירעקטאָר אין אָדעס געוואָרן לערנער. ער איז געווען אַ זשורנאַליסט און ער האָט געקראָגן די דערלויבניש פון דער מאַכט, אַז מאָגולעסקאָ זאָל קאָנען שפּילן אין אָדעס אַלע גאָלדפאַדענס פּיעסן. אין גאָלדפאַדענס פּיעסן האָט מאָגולעסקאָ ערשט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אָדעס״.

ווי בינע אַבּראַמאָוויטש, אויך אַן עד-ראיה, גיט איבער, איז די טרופּע באַשטאַנען פון מ. און זיין פרוי, אבא שיינגאָלד און פרוי, מ. זילבערמאַן און פרוי, ש. גאָלדשטיין און זיין פרוי סאָפיע, פּאַולינאַ עדעלשטיין, מ. טייך, דאָס קינד סאַבינע לאַקסער. לאַטיינער איז געווען דער מחבר פון דער טרופּע, יוסף עדעלשטיין — קאַסירער, פאַרוואַלטער פון דער טרופּע — י. י. לערנער.

אין פּעריאָד אונטער לערנערס דירעקציע איז מ. אויפגעטראָטן אין שמ״רס „די קאָקעטע דאַמען״ (ראָל „שפּרינצע די מעקלערקע״), האָט געשפּילט „דעם זאַאיקע״ [„ירחמיאל״] אין דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע״ און זיך באַטייליקט אין דער אויפפירונג פון משה-לייב ליליענבלומס פּיעסע „דער צוויוויי-בערניק״. וועגן זיין שפּילן אין דער פּיעסע דערציילט יעקב פּ. אַדלער אין זיינע זכרונות: „אין ליליענבלומס פּיעסע, צום ביישפּיל, האָט ער געשפּילט אַ כאַראַקטער-ראָלע, וועלכע האָט געהאַט אין זיך פיל ערנסטעס, זאָגאַר טראַגישעס. מאָגולעסקאָ איז געווען ווי געבוירן אין דער ראָלע. די פּרעסע און דאָס פּובליקום האָט [האָבן] אים אויפסניי פאַרגעטערט״. ב. גאָרין אָבער גיט איבער: „פאַרן שלוס אַקט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענקע, וואָס איז אים [ליליענבלומן] געווען אינגאַנצן פרעמד. ער האָט אויף דער ערשטער מינוט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס און פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען. נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָס איז. די צוויי קאָמיקער, וואָס האָבן געשפּילט אין דעם שטיק, מאָגולעסקאָ און ווינבלאַט, האָבן, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביים פאַרפאַסער, אַליין אַריינגעשטוקעוועט אַ קאָמישע סצענע, וואָס האָט זיך לחלוטין צו דער פּיעסע ניט געפּאַסט״.

מ. האָט דעם יידישן עולם פון אָדעס גענומען מיט שטורם. אין טעאַטער האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטימונג. די פּרעסע איז געווען באַגייסטערט. איין רוסישער רעצענזענט האָט אים פאַרגליכן צו קאָקלען. אזמידאָוו, דער רעדאַקטאָר פון אַ רוסישער אַנטיסעמיטישער צייטונג, האָט זייער געלויבט מ אַלס אַקטיאָר און האָט עפנטלעך אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס ער איז אַ ייד. איינמאָל נאָכן שפּילן האָבן רוסישע שטודירנדע יוגנט אַרומגערינגלט מ׳ס וואָגן ביים טעאַטער, האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און זיך אַליין איינגעשפּאַנט אים צו פירן.

באַזונדערס האָט מ. אויסגענומען אַלס „שמואל גאָרגעל״ אין הורוויצס „דאָס פּוילישע יינגל״, דערנאָך אין שמ״רס „יידישער פּריץ״ און אין „קאַטאָרזשניק״. שפּילנדיק שמ״רס פּיעסע „דער פּראָצענטניק״, האָט מ. קאָפּירט אַ לאָקאַלן וואָכערניק קאַפּקאַ, און דאָס איז פון טעאַטער-עולם אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג.

צוליב דער דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן ווערט אין 1881 פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

מ. באַווייזט נאָך אַרויסצוגעבן אין אָדעס אַ זאַמלונג פון זיינע קופּלעטן: [קופּלעטין קאָמישע אונד הומאָריסטישע פּערפאַסט פון דעם אַלבעקאַנטין קאָמיקער אונד זענגער מאָגולעסקאָ. ערשטער טהייל. 1881 ,Одесса, 32 ז. 16°].

אָבער דער פאַרבאָט אויפֿן יידישן טעאַטער איז נישט לאַנג געוועזן גילטיק. באַלד האָט מען ווידער אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער. מ. איז אַ געוויסע צייט אַרומגעפאָרן מיט זיין טרופּע און מיט אַנדערע טרופּעס, ביז ער איז צוריק אַריינגעטראָטן צו גאָלדפאַדענען און געשפּילט „פּאַפּוס" אין „בר כוכבא" (5 מאַי א. ס. 1883) פאַר וועלכער ער האָט אויך פאַרפאַסט די מוזיק צו „דאָס פאַסטוכל" און „געקומען איז די צייט".

דעם 17 אויגוסט 1883 איז אַרויס אַ נייער פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער און די יידיש-רומענישע אַקטיאָרן פאָרן צוריק קיין רומעניע. דאָ הייבט אָן מאָריס פינקעל אָנצופירן מיט טרופּעס און מ. איז איינער פון די מיטגלידער פון זיין טרופּע. צוליב אַ סכסוך וועגן עקאָנאָמישע ענינים טרעט אָבער מ. אַרויס פון דער טרופּע און גרינדעט אין בוקאַרעסט אַ קוואַרטעט (מ., לייזער און מינדל צוקערמאַן און דוד הירש), וועלכער טרעט אַרויס אין אַ גאָרטן מיט רומענישע, רוסישע און יידישע נומערן. נאָכן זינגען און טאַנצן פלעגט מ. אַרומגיין מיט אַ טעלער קלייבן דעם „האָנאָראַר" צווישן די באַזוכער.

נאָך מ.'ס אַרויסטרעטן פון פינקעלס טרופּע, ווערט דאָרט די צאָל באַזוכער קלענער. פינקעל איז דעריבער געצוואונגען נאָכגעבן מ.'ן זיינע באַדינגונגען און נאָכדעם ווי מ. איז צוריק אַריין אין טרופּע (בוקאַרעסט, גראַדינאַ זשיגניצאַ), האָבן די געשעפטן זיך פאַרבעסערט. אַ קורצע צייט שפּעטער פאָרט די טרופּע קיין יאַסי, אָבער מ. האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף רומעניע און ער פאָרט מיט פינקעלן קיין לאָנדאָן. דאָ האָט זיך געפונען מאַנדעלקערן, וועלכער איז געקומען אַנגאַזשירן אַדלערן קיין אַמעריקע, נאָר נישט קאָנענדיק מיט אים דורכקומען, האָט ער פאָרגעלייגט פינקעלן און מ. צו פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע, וואו ער וועט זיי פאַרשאַפן אונטערנעמער, וועלכע וועלן ברענגען זיי מיט זייער טרופּע קיין אַמעריקע און אַזוי זיינען (אין 1886) אַלע דריי געפאָרן קיין אַמעריקע.

ב. גאָרין שרייבט: „אין חודש יולי 1886 זיינען זיי אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק. דער נאָמען מאָגולעסקאָ האָט געקלונגען ווייט און ברייט און קיין פאָר טעג זיינען נישט אַריבער און זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט אַ דירעקטאָר. דער דירעקטאָר איז געוועזן אַ שיקאַגער און האָט דאָ [אין ניו-יאָרק] קיין טעאַטער ניט געהאַט. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז מאָגולעסקאָ מיט זיין טרופּע וועט מאַכן אַ רושם אומעטום וואו זיי וועלן שפּילן. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז מאָגולעסקאָ זאָל גלייך פאָרן צוריק און ברענגען די קאָמפּאַניע אַהער. אַביסל געלט האָט ער געשיקט אויף הוצאות און דאָס איבעריקע האָט ער געדאַרפט מאַכן פון פאָרשטעלונגען אויפן וועג. דער רעכנונג איז געווען, אַז ווען די קאָמפּאַניע וועט אַנאָנסירן, אַז זי פאָרט קיין אַמעריקע און גיט די לעצטע פאָרשטעלונגען, וועט די איינאַמע זיין אַ סך גרעסערע ווי געווײנלעך און מיטן כח פון אַזעלכע איינאַמען וועט זיך די קאָמפּאַניע דערשלעפּן ביז ניו-יאָרק".

לעאָן בלאַנק, וועלכער איז שפּעטער געקומען מיט מ.'ס טרופּע קיין אַמעריקע, דערציילט: „אין די יונגע יאָרן האָט זיך מאָגולעסקאָ באַצויגן מיט צוטרויען צו מענטשן און אַזוי ווי ער איז אין געשעפטס-זאַכן געווען זייער ווייניק באַהאַוונט, איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז מען זאָל אים אויף זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע אַזוי אַריינדרייען, אַז ער זאָל זיך דערנאָכדעם ניט קאָנען אַרויסדרייען. בלויז דריי טעג איז מאָגולעסקאָ געווען אין ניו-יאָרק, ווען מאַנדעלקערן האָט אים אַהינגעבראַכט. ניט מער ווי דריי טעג, און אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט האָט ער מיט דער פולער זיכערקייט, אַז קיינער איז ניט אויסן אים אָפּצונאַרן, געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט די אונטערנעמער [דראָזדאָוויטש און ראָזענגאַרטן]. אַז זיין טרופּע דאַרף שפּילן אין אַ מ ע ר י ק ע. וואו אין אַמעריקע, אין ניו-יאָרק, אין שיקאַגאָ אָדער גאָר אין פּאַסעיק [אַ קליין שטעטל] – דאָס איז אינם קאָנטראַקט נישט געשטאַנען. ...די מענעדזשערס, וועלכע האָבן מיט מאָגולעסקאָ דעם קאָנטראַקט געשלאָסן, האָבן נאָך דאַן קיין טעאַטער ניט געהאַט. זיי האָבן אָבער פאַרזיכערט מאָגולעסקאָן, אַז זיי וועלן קריגן דאָס נעשאָנאַל-טעאַטער [אויף בויערי]. ...און דערווייל זאָל מאָגולעסקאָ שוין פאָרן צוריק קיין רומעניען און גלייך ברענגען די טרופּע קיין אַמעריקע".

סוף אויגוסט 1886 האָט מ. געבראַכט זיין טרופּע קיין ניו-יאָרק און „ענדלעך – שרייבט ב. גאָרין – איז אים [דעם שיקאַגער דירעקטאָר] געלונגען צו נעמען דעם טעראַס גאַרדן אויף 58-סטע סטריט אויף דער וואָך פון סוכות און די קאָמפּאַניע האָט דאָרט געגעבן ניין פאָרשטעלונגען. ...אין די ניין פאָרשטעלונגען האָט מען אויפגעפירט דריי שטיקער און יעדע שטיק האָט מען געשפּילט צו דריי מאָל. די שטיקער זיינען געווען „בלו באַרד" און „פּעריקאָלאַ", צוויי אָפּענבאַכס אָפּערעטען, און „די קאָקעטע דאַמען" פון מ. שייקעוויטש. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די קאָמפּאַניע האָט אויפגערודערט די טעאַטער-באַזוכער פון ניו-יאָרק און דער עולם האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט צו זען די נייע שפּילער אויף דער בינע, האָט אַ קעלט געבלאָזן אין טעאַטער ווען מען האָט אויפגעפירט די דערמאָנטע צוויי אָפּערעטען און דער עולם איז אַרויס פון טעאַטער אומצופרידן. די פרעמדע אָפּערעטען זיינען דעם עולם ניט געפעלן געוואָרן און די טעאַטער-באַזוכער האָבן זיך געפילט אין טעאַטער ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אויף אַ פרעמדער חתונה. דערפאַר ווען מען האָט אויפגעפירט „די קאָקעטע דאַמען", איז די שטימונג געוואָרן אַ געהויבענע, אַ יום-טובדיקע אין טעאַטער. די טעאַטער-באַזוכער האָבן זיך דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים און די צופרידנקייט פון פובליקום איז געוואַקסן מיט יעדער פאָרשטעלונג. די שוישפּילער זיינען גלייך געשטיגן אין די אויגן פון פובליקום און וואָס מער דאָס שטיק האָט אויסגענומען, האָט מען אַלץ מער געלעקט די פינגער פון די אַקטיאָרן".

ענלעכעס דערציילט מ. אין זיינע זכרונות: ער האָט נישט אויסגענומען אין אָפּענבאַכס אָפּערעטע „בלוי באַרד", ווייל ער האָט דאָ געשפּילט אַ שטאַטס-מאַן און דער טעאַטער-עולם האָט אים דערוואַרט צו זען אין אַ יידישער ראָל. באַזונדערס האָט ער שטאַרק אַנטוישט זיינע רוסישע און רומענישע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים נאָך אין דער אַלטער היים געזען שפּילן די חסידימלעך. אויך אין דער צווייטער אָפּערעטע („פּעריקאָלאַ" פון אָפּענבאַך) איז ער דורכגעפאַלן ביים יידישן טעאַטער-עולם און אויסגענומען נאָר ביי די דייטשע באַזוכער. ערשט ווען ער איז אויפגעטראָטן אין שמ'רס „קאָקעטע דאַמען", האָט ער גענומען דעם עולם מיט שטורם.

לעאָן בלאַנק, אין זיינע אַרטיקלען וועגן מ., באַמערקט: „אַזוי ווי די יידישע אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע איז אין יענער צייט, אין אָנפאַנג פון די אַכציקער יאָרן, געווען זייער אַ גרויסע, האָבן די יידן פון רוסלאַנד און רומעניען אַריבערגעטראָגן אַהער [קיין אַמעריקע] די „מאָגולעסקאָ-לעגענדע" נאָך איידער מאָגולעסקאָ אַליין איז אַהערגעקומען. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס אַלע האָבן זיך געפרייט מיט זיין קו-

מען און זיך אַזוי פיל געריכט אויף זיין ערשטן אַרויסטריט. און עס איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז ווען די דריי מענעדזשערס אונזערע וואָלטן דאַן געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם גינסטיקן מאָמענט, וואָלט מאָגולעסקאָס שיקזאַל אין אַמעריקע פון סאַמע אָנפאַנג אָן געווען אָנגענומען גאָר אַן אַנדערע ריכטונג און די גאַנצע טרופּע אונזערע וואָלט געווען פאַרשפּאָרט צו ליידן אַזוי פיל ווי זי האָט געליטן די ערשטע צייט".

דער ערשטער אויפטריט פון דער טרופּע איז פאָרגעקומען אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט פאַר יידן, אָבער פונדעסטוועגן זיינען — לויט לעאָן בלאַנק — אַלע בילעטן צעכאַפּט געוואָרן פון די, וועלכע האָבן געקענט מ.'ס נאָמען פון דער אַלטער היים. מ. איז אויפגעטראָטן (אין „בלויבאַרד") אַלס „פּאַפּאלאָני", אַ ראָלע אָן וויצן און אָן טענץ. בלאַנק דערציילט: „נאָכן ערשטן אַקט איז אין טעאַטער געוואָרן אַ טומל; מענטשן האָבן געשריען און געלאַרעמט — מען האָט זיי אָפּגענאַרט! עס איז ניט מאָגולעסקאָ! עס איז אַ בלאָף! אויך אין דרויסן האָט זיך געטאָן חושך — עס איז נישט מאָגולעסקאָ. ...נאָכן צווייטן אַקט האָט מאָגולעסקאָ אַליין געמוזט אַרויס אויף דער בינע איינשטילן דעם עולם".

מ. האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין גרויסע ראָל, דערפאַר וועט ער איבערמאָרגן אויפטרעטן אין די „קאָקעטע דאַמען", וואו ער האָט שוין יאָ אַ גרויסע ראָל. אַלנפאַלס — די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען אַ דורכפאַל. די קאָנקורענץ האָט דאָס אויסגענוצט. מען האָט צעפויקט דעם דורכפאַל און ווען מ. האָט שוין אויפגעפירט „די קאָקעטע דאַמען", איז דאָס טעאַטער געווען כמעט ליידיק און אַפילו די, וועלכע זיינען יאָ געקומען צו דער פאָרשטעלונג, זיינען — ווי בלאַנק דערציילט — אויך געבליבן קאַלט, ווייל די פּיעסע איז געווען אָן כאָר און מען האָט גערעדט פשוט „יידיש" און נישט קיין „דייטש". דער נייער דורכפאַל האָט אויף מ.'ן נאָך שטאַרקער געווירקט און ווען מען האָט זיך געגרייט אויפצופירן „פּעריקאלא", האָט ער זיך איינגעעקשנט אינגאַנצן נישט מיטצושפּילן. דער קליינער עולם, וואָס איז [צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון "פּעריקאָלאַ"] געקומען אין טעאַטער און נישט געטראָפן שפּילן מ., האָט ערשט ווידער געמאַכט אַ טומל.

דוד קעסלער, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער געקומענער טרופּע, שילדערט אַזוי אין זיינע זכרונות די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דער טרופּע: „מיר האָבן געהאַט פולע הייזער. מיר דאַכט זיך, אַז אַלע זיינען צופרידן געווען אויסער מאָגולעסקאָ, וועלכער איז בטבע געווען אַ שלעכטער און אַ קאַפּריזנער. איינמאָל [ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „פּעריקאלא"] האָט זיך אַפילו מאָגולעסקאָ איינגעעקשנט און איז אינגאַנצן נישט געגאַנגען שפּילן. עס איז געווען אַפילו אַן אומוויכטיקע ראָלע, וואָס ער האָט געדאַרפט נעמען. דער עולם האָט זיך שוין געהאַט גענומען צוזאַמענקלייבן אין טעאַטער, ווען מאָגולעסקאָ האָט געלאָזט וויסן, אַז ער קאָן ניט שפּילן, ווייל ער איז ניט געזונט. חברה צווישן זיך האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז מאָגולעסקאָ אין כעס דערפאַר ווייל די ראָלע וואָס ער האָט געהאַט, איז געווען צו קליין פאַר אים, אָבער דאָס זאָגן עפנטלעך האָט ער ניט געוואָלט. אומזיסט האָבן מיר זיך געבעטן ביי אים — ער איז ניט געגאַנגען. דער עולם האָט דערווייל אָנגעפולט דאָס טעאַטער. עס איז געוואָרן אַכט, האַלב נאָך אַכט, ניין, אַ האַלבע שעה שפּעטער. מאָגולעסקאָ גייט נאָך אַלץ ניט. דער עולם האָט גענומען קלאַפּן מיט די פיס, פּאַטשן מיט די הענט און שרייען. מיר האָבן דאַן איבערגעגעבן מאָגולעסקאָס ראָלע צו „לייבעלע טורבע" [שוואַרץ], וועלכער האָט זי זייער שלעכט געקענט. דער עולם, אַן אויפגערעגטער, האָט אונזער גאַנץ שפּילן יענעם אָוונט באַגעגנט קאַלט און אָן אַפּלאָדיסמענטן".

די מענעדזשערס האָבן דאַמאָלט פאַרלאַנגט, אַז מ. מיט דער טרופּע זאָלן פאָרן שפּילן קיין שיקאַגאָ. מ. האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט מיט אים אַ קאָנטראַקט, אַז ער דאַרף שפּילן אין אַ מ ע ר י ק ע, האָבן זיי דורך אַ פּסק-דין פון געריכט צוגענומען די קאָסטיומען און פאַרבאָטן דער טרופּע צו שפּילן. דריי חדשים האָט די טרופּע פאַרבראַכט אונטער די ערגסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, ביז עס געלונגט זיי זיך צו באַפרייען פון דעם פאַרבאָט און זיי הייבן אָן שפּילן, אונטער דער פאַרוואַלטונג פון גאָלדמאַן, ליוויי און ראָט, אין דעם נעשאָנאַל-טעאַטער, וועלכעס זיי געבן אַ נאָמען „רומעניע-אָפּערע-הויז". דאַמאָלט ברענגען זיי אויך קיין אַמעריקע דעם „פּראָפעסאָר" הורוויץ.

לויט דוד קעסלער האָט גאָר מ. אַרויסגענומען דעם געריכטס-פאַרבאָט קעגן דער טרופּע און ערשט אַ דאַנק דעם דאַמאָלטיקן אַדוואָקאַט און שפּעטערדיקן ריכטער לעווענטריט זיינען די אַקטיאָרן באַפרייט געוואָרן פון דעם קאָנטראַקט מיט מ. און זיינען דעם 1 יאַנואַר 1887 אַריין אין נעשאָנאַל-טעאַטער, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן די אָפּערעטע „רשי". שפּעטער האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט מ. און מיט דעם צוגעקומענעם „פּראָפעסאָר" הורוויץ [קעסלערס דערקלערונג ווערט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט פון ער-ראיה לעאָן בלאַנק.]

די ערשטע פּיעסע, וועלכע הורוויץ פירט אויף איז זיין צייטבילד „טיסא עסלאר", צו וועלכער מ. און גבריאל פינקעלשטיין שרייבן מוזיק. וועגן מ.'ס שפּילן אין דער פּיעסע, שרייבט לעאָן בלאַנק אין זיינע זכרונות: „ער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט די ראָלע פון מאָריץ שאַרף, דאָס יינגל, וואָס לאָזט זיך איבעררעדן פון די אַנטיסעמיטן. ..אין דער ראָלע האָט ער געהאַט ערנסטע דראַמאַטישע מאָמענטן, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אויף אַ גלענצנדן שטייגער, און ער האָט אויך געהאַט קאָמישע מאָמענטן, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אַזוי בריליאַנט, אַז דער גאַנצער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער. ...אין דער ראָלע האָט מאָגולעסקאָ פאַר זיך פאַרפאַסט אַ ליד „שלח מנות" און אין איר, פונקט ווי אין די אַנדערע לידער, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן פאַר זיך, אויך פאַר אַנדערע, האָט ער זיך אויף אַ לייכטן שטייגער, אָפּגעשטעלט אויף באַקאַנטע פּאַסירונגען אין דער יידישער געשיכטע".

אין דער צווייטער פּיעסע פון הורוויץ „שלמה המלך", שפּילט מ. דעם פּאַסטוך „שלום". „די ראָלע — דערציילט לעאָן בלאַנק — איז דווקא געווען ניט אין מאָגולעסקאָס זשאַנר; ער האָט געשפּילט שלום דעם פּאַסטוך, וועלכער איז וואַנזיניק פאַרליבט אין דער שיינער שולמית, אויף וועמען שלמה המלך אַליין וואַרפט אַן אויג און נעמט זי אַריין צו זיך אין פּאַלאַץ, וואו זי ווערט א יי נ ע פון זעם קעניגס ט ו י ז נ ט ווייבער. מען האָט אין אָנפאַנג געמיינט, אַז די ראָלע וועט אוודאי שפּילן נישט קיין אַנדערער ווי דוד קעסלער, ווייל ער איז דאָך געווען דער הויפּט-ליבהאָבער

אין דער טרופּע. די מערסטע פון אונז זיינען געווען איבעראַשט ווען זיי האָבן דערהערט, אַז מען האָט די ראָלע פון שלום פּאַסטוך גאָר געגעבן מאָגולעסקאָן. ...אָבער מאָגולעסקאָ, דער וואונדער־ווייזער, מאָגולעסקאָ דער בעל־מופת פון דער בינע, האָט געוויזן, אַז ער קאָן שפּילן אַ ליבהאָבער־ראָלע פּונקט אַזוי גוט ווי אַ קאָמישע. ער האָט אין דער ראָלע אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז דער עולם איז פּשוט ווילד געוואָרן פון באַגייסטערונג. אין דער אָפּערעטע האָט ער פאַר זיך געמאַכט אַ לידל און אַליין אָנגעשריבן די מוזיק אויך. דאָס לידל האָט געזאָלט אויסדריקן דעם געדאַנק, אַז שלום דער פּאַסטוך איז אין ליבע מער ערנסט ווי דער קעניג און אַז עס איז אַלגעמיין ניט קיין גרויסער יחוס צו זיין די געליבטע פון אַ קעניג, ווייל ער, דער קעניג, באָדט זיך אין דעם בלוט פון זיינע אונטערטאַנען און לעבט רייך אויף זייער חשבון. ...די פּאָעזי, וואָס האָט געפעלט אין די גראַמען [?], איז געווען אין זיין קינסטלערישער אויסטייטשונג פון דעם לידל און דעם אופן ווי אַזוי ער האָט עס געזונגען".

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען מ. איז אַמאָל הייזעריק געוואָרן און קעסלער האָט אים פאַרטראָטן אין דערדאָזיקער ראָל, איז — לויט לעאָן בלאַנק — אין טעאַטער אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל אַלס אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מצד דעם טעאַטער־עולם.

אין 1887 – שפּילט מ. „וואַלענטין" אין הורוויץ פּיעסע „יהודה און ישראל, אָדער, שמע ישראל" [אַ פרייע באַאַרבעטונג פון „די צוויי סערזשאַנטן"]. אין זעלבן יאָר ווערט נאָך אויפגעפירט הורוויץ „דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל" מיט מוזיק פון פינקעלשטיין און מ.

געענדיקט דעם סעזאָן אין רומעניע־אָפּערע־הויז אָן אַ סענט פאַרן זומער, פאָרט מ. מיט דער טרופּע אויף איייניקע פאָרשטעלונגען קיין פילאַדעלפיע צו טאָמאַשעווסקין אין טאַליאַ־טעאַטער (קאָלאָהיל און 3־טע סטריט). בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „די ערשטע פּיעסע האָבן זיי געשפּילט „קאָקעטע דאַמען". ווען איך זאָל דאָ וועלן איבערגעבן דעם איינדרוק פון אַלע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּיעסע, וואָלט איך ניט געווען געטריי צו די שוישפּילער און ניט צו מיר אַליין, ווייל דער איינדרוק, וואָס איז מיר געבליבן פון דאַן, איז ניט פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, נאָר פון איין קינסטלער, איין זשעניע — איין זיגמונט מאָגולעסקאָ. ...מאָגולעסקאָ האָט ניט ג ע ש פּ י ל ט „גאַלמאַן", ער האָט ג ע ל ע ב ט „גאַלמאַן". אויפן סצענע איז אומגעגאַנגען אַ יונג אַ ברען, אַן אָדעסער לעבע־יונג, אַ פייער האָט געזשאַריעט אין יעדע[ר] באַוועגונג זיינע[ר]. יעדעס קוקעלע זיינס האָט אויסגעטייטשט אַ נשמה. דאַן איז געקומען דער צווייטער אַקט און עס איז ערשינען „שפּרינצע די מעקלערין". בשום אופן איז ניט געווען מעגלעך צו דערקענען, אַז די „שפּרינצע", וואָס ווערט דאָ געשפּילט, אַז דאָס איז ניט קיין לעבעדיקע „שפּרינצע", געבראַכט אַהער פון דער היים. מיט זיין גרויסן צויבער־חן, מיט זיין זשעניאַלע[ר] איינבילדונגס־קראַפט האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט „שפּרינצע", די אַלטע יידענע, וואָס מעקלערט דינסטן, מיט אַזאַ איבערצייגונגס־קראַפט, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך אים צו דערקענען ניט נאָר אַלס דעם, וואָס האָט ערשט געשפּילט אַלס יונגן, פלאַמפייערדיקן לעבע־יונג, נאָר עס איז געווען שווער צו דערקענען, אַז „שפּרינצע" איז ניט „שפּרינצע", נאָר מאָגולעסקאָ. ניט קיין זי, נאָר אַן ער".

ענלעכעס דערציילט לעאָן בלאַנק: „...אין שמ"רס „קאָקעטע דאַמען" האָט ער געשפּילט גאַנצע דריי ראָלן — צוויי מענערישע און איין ווייבערישע. די צוויי מענערישע ראָלן זיינען געווען אַזוי ווייט איינע פון די[דער] אַנדערע[ר] ווי דער מזרח איז ווייט פון מערב: אין איין ראָלע איז ער געווען יונג און לעבעדיק, און אין דער צווייטער ראָלע – אַלט און צעבראָכן, און אין דער מיט פון די צוויי ראָלן, אין דעם זעלבן אָוונט, אין דער זעלבער פּיעסע, האָט ער געשפּילט די ראָלע פון „שפּרינצע די מעקלערין", דריי פאַרשיידענע כאַראַקטערס, דריי פאַרשיידענע טיפּן און אין יעדן כאַראַקטער איז ער געווען גרויסער און אמתער קינסטלער".

אויך אב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט אים אויף אַן ענלעכן אופן: „די ראָלע פון שפּרינצע האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ און כל זמן שפּרינצע איז געווען אויף דער בינע – פלעגט דער טעאַטער ניט אויפהערן צו שטורמען און צו דונערן. די ראָלע פון דעם יונגען שאַרלאַטאַן אין דעם ערשטן אַקט און די ראָלע פון דעם אַלטן שכור אין דעם לעצטן פלעגט אויך שפּילן מאָגולעסקאָ. האָט מען אין יידישן קוואַרטאַל ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן די וואונדערן, וואָס ער באַוויזט שפּילנדיק דריי ראָלן אין איין פּיעסע. אַ געבוירענער הויך־באַגאַבטער קינסטלער איז ער געווען, אָבער זיין פּערזענלעכער חן האָט געהאַט פּונקט אַזוי פיל צו טאָן מיט זיין ערפאָלג ווי זיין קראַפט אַלס אַרטיסט. ער האָט די טעאַטער־באַזוכער פאַרכשופט מיט זיין זינגען אַזוי גוט ווי מיט זיין שפּילן. זיין שטימע גופא פלעגט עלעקטריזירן זיינע צוהערער, אי בשעת ער האָט געזונגען, אי בשעת ער האָט גערעדט. זיין יעדער קער איז דעם עולם ליב געווען".

די צווייטע פּיעסע, וואָס מ. מיט דער טרופּע האָבן געשפּילט אין פילאַדעלפיע, איז געווען „יהודה און ישראל" און די דריטע – הורוויץ „דאָס פּוילישע יינגל", וועגן וועלכער בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געשפּילט. נאָר געזען האָב איך בלויז „שמואל גאָרגעל". דאָס האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ. דאָ איז שוין אים נישט געווען צו פאַרגלייכן מיט קיין אַנדער[ן] שוישפּילער. ווי אַ טאָפּאָליע צווישן אַגרעס־ביימער אַזוי האָט מאָגולעסקאָ מיט זיין זשעניאַלן צויבער־חן געשטיגן העכער פון די אַלע יידישע שוישפּילער".

אָבער מ.'ס דערפאָלג אין פילאַדעלפיע ענדיקט זיך באַלד: צוליב אסור צו שפּילן זונטאָג, האָט מען איינמאָל שבת 12 ביינאַכט, בעת די פאָרשטעלונג איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט, פינסטער געמאַכט די בינע און אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג. דאָס פּובליקום האָט עס באַטראַכט ניט ווי אַ שטערונג מצד דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, נאָר ווי אַ שווינדל מצד די אַקטיאָרן און די באַזוכן צו די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען זיינען געוואָרן אַלץ קלענער. די טרופּע פּרובט נאָך איבערגיין אין אַן אַנדערן פּלאַץ (קרישטשיאַן־האָל). אָבער אויך דאָ פאַרבעסערן זיך ניט די געשעפטן און זיי מוזן זיך צוריקקערן קיין ניו־יאָרק, וואו זיי הויבן אָן צו שפּילן אין רומעניע־אָפּערע־הויז.

ווי מ. דערציילט אין זיינע זכרונות האָט די טרופּע דאָרט געשפּילט אויף „מאַרקן", אָבער די דירעקטאָרן האָבן באַגנבעט די אַקטיאָרן, מ. האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט און איז אַרויס אין שטרייק. די מענעדזשערס האָבן דאַמאָלט אויסגענוצט גאָלדפאַדענס קומען אין אַמעריקע (1887) און האָבן אַרויסגעשטעלט מ. מיט דער טרופּע פון טעאַטער.

די געשעפטן מיט גאָלדפּאַדען זיינען אַוועק שלעכט. די דירעקטאָרן האָבן דאַמאָלט צוריק זיך איבערגעבעטן מיט די שטרייקערס און האָבן מ. אַריינגענומען אַלס שותף.

אויפן סעזאָן 1887-88 האָט הורוויץ צוזאַמען מיט יחיאל שרייבער גענומען דאָס פּאָלס-טעאַטער, וואוהין מ. גייט איבער מיט דער גאַנצער טרופּע פון רומעניע-אָפּערע-הויז. ווי מ. דערציילט אין זיינע זכרונות איז ער דאָ געווען אַקטיאָר, קאָמפּאָזיטאָר, כאָר-דיריגענט און טאַנץ-לערער. באַלד אָבער ברעכט אויס אַ סכסוך צווישן דער פאַרוואַלטונג פון אָרדען „דודס האַרפע" (זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", זז. 697-98) און זיין גרינדער „פּראָפעסאָר" הורוויץ און מ. ווערט באַשטימט אַלס אָנפירער פון אָרדען.

מ. ווערט זייער טעטיק: ער שרייבט מוזיק צו י. מ. שייקעוויטשעס „רבקה, אָדער, אַ פונק יידישקייט" (אויפגעפירט דעם 23 אָקטאָבער 1889 אין פּוילינגס-טעאַטער — געוו. רומעניע-אָפּערע-הויז) און צו „צוויי מתים גייען טאַנצן" (אויפג. דעם 27 דעצ. 1889).

שפּעטער אָבער פאַרלאָזט ער די טרופּע און פאַראייניקט זיך מיט היינע-חיימאָוויטש, שפּילנדיק אַ קורצע צייט אין טורן-האָל. אַזוי ווי עס פאַרפעלן זיי אָבער ערשטע אַקטיאָרן, פאָרן זיי ביידע אין 1890 קיין לאָנדאָן, כדי צו ברענגען פון דאָרט יעקב פּ. אַדלערן. אין לאָנדאָן האָט מ. געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען.

צוריקגעקומען אין אַמעריקע, נעמט מ., בשותפות מיט היינע-חיימאָוויטש, דעם פּאָלס-טעאַטער (מיט אַדלערן אַלס גאַסטראָלער). עס נעמט נישט לאַנג און זיי גייען איבער אין דעם ביז איצטיקן טאַליאַ-טעאַטער. דאָס איז צו יענער צייט געווען אַ געשעעניש אין דער יידישער טעאַטער-וועלט, ווייל דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט באַקומען אַזאַ גרויס טעאַטער פאַר יידיש. דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען אין האַרצן פון יידישן קוואַרטאַל. און זיי האָבן געמאַכט זייער גוטע געשעפטן, אָבער באַלד דינגט אויס די טרופּע פון פּאָלס-טעאַטער דאָס טאַליאַ-טעאַטער און מ. מיט היינען גייען צוריק איבער אין פּאָלס-טעאַטער, שפּעטער אין פּוילינגס-טעאַטער און פון דאָרט ווידער אין טאַליאַ-טעאַטער.

אין יענער צייט (1890) איז אויפגעפירט געוואָרן זיגמונט פיינמאַנס „די פרוי, אָדער, צוויי חתונות אויף להכעיס", מיט מוזיק פון מ., און דעם 25 דעצעמבער 1890 — זייפערטס „דער יידישער פּאַלקאָווניק" מיט מוזיק פון מ. און מינקאָווסקי.

דעם 13 נאָוועמבער 1891 ווערט אין יוניאָן-טעאַטער אויפגעפירט יעקב גאָרדינס ערשטע פּיעסע „סיביריאַ". „ביים איינטיילן די ראָלן — דערציילט לעאָן בלאַנק — האָט מען מאָגולעסקאָן געגעבן שפּילן די ראָל פון דעם דינער פּענדוק [„שפּענדיק"], האָט מאָגולעסקאָ זיך גענומען דרייען אַהער און אַהין און אַלץ געדרייט מיט דער נאָז. אַדלער האָט דאָס באַמערקט, איז ער צוגעגאַנגען צו מאָגולעסקאָן און אים געזאָגט; „איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דאָס איז ניט איינע פון יענע פּיעסען, וואָס מען האָט געוויינלעך געשפּילט אין יידישן טעאַטער. דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, ליטעראַטור". מאָגולעסקאָ האָט אים אויסגעהערט מיט זייער אַן ערנסטער מינע אויפן פּנים און געענטפערט אַזוי: „יאָ, דאָס קאָן זיין, אָבער... אָבער איך האָב מורא, אַז דער יידישער עולם אונזערער וועט דאָס ניט כאַפּן... ער וועט זיכער אַנטשלאָפן ווערן"."

דער סוף איז געווען, אַז מ. האָט פאַרפאַסט אַ לידל „וואָט טעביע, וואָט טעביע, כאַנצע קניש", וועלכעס ער האָט געוואָלט אַריינשטעלן אין דער פּיעסע. „דאָס האָט - דערציילט בלאַנק — גאָרדינען אַרויסגעבראַכט פון געדולד און קלאַפּנדיק מיטן שטעקן, האָט ער זיך נאָך מער גענומען ביידערן: „סוואָלאָטש" (לומפּ)! „וואַרפט אַרויס די שוואַרצע באָרד" — איז שוין מאָגולעסקאָ אויך אַרויס פון די כלים — „ווער דאַרף אים דאָ? פאַרוואָס זידלט ער מיך?". און אויסגעפירט האָט מ.: ער האָט געזונגען דאָס לידל. אַלס פּראָטעסט איז גאָרדין נישט געקומען צו דער פּרעמיערע פון זיין ערשטער פּיעסע.

אין סעזאָן 1893-94 איז מ. דער מענעדזשער פון ווינדזאָר-טעאַטער. דאָ שרייבט ער, צוזאַמען מיט ל. פרידזעל, די מוזיק צו הורוויץ „די עקדה" און די מוזיק צו יעקב גאָרדינס „דער ווילדער מענטש" (אין וועלכער ער האָט געשפּילט די ראָל „וולאַדימיר וואָראָבעיטשיק").

ווי מ. דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט ער אין דעם סעזאָן, ווען ס'האָט געהערשט דער שרעקלעכער קריזיס אין אַמעריקע, פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן און צום קומענדן סעזאָן אַנגאַזשירט ער זיך ביי עדעלשטיין און אַדלער, אָבער פון עגמת-נפש הייבט ער אָן טרינקען. לעאָן בלאַנק דערציילט וועגן דעם: „איבער דעם, וואָס מאָגולעסקאָס נאַטור איז געווען אַ פאַרפלאָנטערטע, אַ קינסטלעריש-קאַפּריזנע, האָט ער, דער גרויסער קינסטלער, קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן אינגאַנצן צופרידן. אפילו אין די בעסטע צייטן האָט אים אַלץ עפּעס געפעלט; אַפילו אין די בעסטע מאָמענטן איז ער ניט געווען אינגאַנצן גליקלעך. ...דער עולם האָט אים געמעגט טראָגן אויפן קאָפּ — האָט ער זיך אַלץ געפילט אומגליקלעך; אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער איז אַ פאַרשאָלטענער מענטש; ער האָט די מינדסטע קריוודע געפילט צו שטאַרק, ער האָט יעדע איבערלעבונג אויסגעוויטאָגט אין דער טיפעניש פון זיין שיין-פילנדער נשמה; ער האָט אַלע מאָל געהאַט גרויסע צרות און אַזוי ווי די צייט איז דאַמאָלט געווען זייער אַ שלעכטע און מען איז ניט געווען זיכער מיט דעם, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, האָבן מאָגולעסקאָן אודאי קיין צרות ניט אויסגעפעלט און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, פאַרוואָס ער האָט פון צייט צו צייט געזוכט זיך צו פאַרגעסן דורך אויסטרינקען אַ ביסעלע..."

אין יענעם סעזאָן האָט מ. געאַרבעט איבער די כחות. „פּראָפעסאָר" הורוויץ, וועלכער איז געווען דער „מחבר" פון דעם טעאַטער, האָט געהאַלטן אין איין פאַרפאַסן נייע פּיעסעס, אין וועלכע מ. האָט געשפּילט, און נאָך די פאָרשטעלונגען האָט מ. געדאַרפט פאַרפאַסן די מוזיק צו די אָפּערעטעס. ער פלעגט דעריבער פּשוט קיין צייט נישט האָבן צו שלאָפן און פלעגט זייער אָפט איינשלאָפן זיצנדיק ביים טיש אין מיטן דער אַרבעט. צו לערנען די ראָלן האָט ער שוין גאָר קיין צייט נישט געהאַט און ער פלעגט עס טאָן בלויז בעת די פּרובעס.

וועגן מ.'ס לידער און זיין מוזיק שרייבט לעאָן קאָברין: „אַ סך פּיעסען אויף דער יידישער בינע האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער גרויסן דערפאָלג מאָגולעסקאָס ליד. זיינע עכט-יידישע נגונים. ...גערעדט האָט ער [מ.] דוקא ניט וועגן זיין שפּילן און ניט וועגן זיינע ראָלן, וואָס ער האָט געשאַפן, נאָר וועגן די לידלעך, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, און מיט אַזאַ קינדערישער התפּעלות האָט ער וועגן דעם גערעדט. עטלעכע פון זיי האָט ער פאַר מיר שטילערהייט פאָרגעלעזן און פאָרגעזונגען מיט זוניקער פרייד אין די אויגן. די מוזיק פון די לידער — זיין מוזיק - איז געווען מעלאָדיש האַרציק און יידיש, אָבער די ווערטער פון די לידער... גאָט מיינער, ווען ער, מיט דעמדאָזיקן שמייכל האָט זיי פאָרגעזונגען,

האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי ווי אַ פאָנטאַן פון זון-שטראַלן וואָלט מיט אַמאָל גענומען שפּריצן מיט קויט און בלאָטע...”

און לעאָן בלאַנק דערציילט: „אין די מערסטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן פאַר דער בינע, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו געשיכטלעכע פאַסירונגען אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. און אַזוי ווי ער איז געווען ווייט פון לומדות, איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ער זאָל אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ טעות; אַזוי האָט ער געקאָנט צוטשעפּן די סנהדרין צו דער ערשטער צייט, ווען די יידן זיינען פון מצרים אָנגעקומען אין דעם לאַנד כנען. ...אָבער דאָס איז ביי אים ניט געווען וויכטיק. ...דער עיקר איז ביי אים געווען ניט דער אינהאַלט פון דעם ליד, נאָר די מעגלעכקייט, וואָס די [דאָס] ליד האָט אים געגעבן קינסטלעריש אַריינצודרינגען אין די הערצער פון דעם יידישן עולם ...שרייבנדיק אַ ליד האָט מאָגולעסקאָ אַלע מאָל אין זינען געהאַט די בינע. ווי אַזוי ער וועט די [דאָס] ליד קאָנען ניט נאָר זינגען, נאָר אויך ש פּ י ל ן. אַזוי אין ערנסטע לידער און אַזוי אויך אין קאָמישע”.

דעם 18 אָקטאָבער 1894 איז אין ווינדזאָר-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן לאַטיינערס פּיעסע „בלימעלע” מיט מ.׳ס מוזיק. לעאָן בלאַנק דערציילט: „אין „בלימעלע” האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט די ראָלע פון זעליגל דער מנגן. דאָס הייסט, פּשוט זיך אַליין, ווייל אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן נאָך פון דאַן, ווען מ. איז געווען אַ משורר - זעליגל דער מנגן. ...חוץ דעם, וואָס ער האָט פאַרפאַסט די גאַנצע מוזיק צו דער אָפּערעטע, האָט ער די ראָלע פון דעם נאַאיוון, פרומען בחורל זעליגל געשפּילט אַזוי שיין, אַזוי חנעוודיק, אַז עס איז איינפאַך געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף אים”.

אין 1895 איז אויפגעפירט געוואָרן אין ווינדזאָר-טעאַטער הורוויצס פּיעסע „כוזרי” מיט מוזיק פון מ.

אין 1896 קומט פאָר אַ סכסוך אין ווינדזאָר-טעאַטער צווישן דער טרופּע און דער דירעקציע. דער מענעדזשער עדעלשטיין ברעכט דעם אחדות צווישן די אַקטיאָרן דורכדעם וואָס ער נעמט צו טאָמאַשעווסקין פאַר אַ שותף. דער פאַקט ווירקט זייער שווער אויף מ.׳ן. וועגן דעם דערציילט לעאָן בלאַנק: „ער האָט זיך פון דעם געפילט שרעקלעך געקריוודעט און אין יענער צייט האָט ער פאַר צרות אַ סך געטרונקען... אין זיין איינפאַכקייט האָט מאָגולעסקאָ ניט איבערגעקליבן מיט וועמען זיך צו חברן און מיט וועמען ניט, און דאָס האָט אים סוף כל סוף אַריינגעפירט אין אַ קרייז, וואָס האָט זיך פאַר אים אינגאַנצן ניט געפּאַסט. ...די הייזעריקייט האָט זיך ביי אים גענומען פילן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין אייראָפּע זיך קורירן. ווען ער איז געקומען צוריק פון אייראָפּע, האָט ער ווידער אָנגעהויבן שפּילן, אָבער שפּעטער איז ער ווידער געוואָרן הייזעריק און ווידער אויפגעהערט שפּילן...”

בעסי טאָמאַשעווסקי גיט אָן אַנדערע סבות פאַר מ.׳ס אַרויסטריט פון ווינדזאָר-טעאַטער: „פלוצים פאַרלירן מיר מאָגולעסקאָן פון אונזער קאָמפּאַניע. וואָס איז די סיבה? אַנטקעגן אין טאַליאַ-טעאַטער שיינט די זון און מאָגולעסקאָ האָט ליב צו זיין דאָרט וואו די זון שיינט. אָבער די זון איז ניט געמיינט גאָטס זון, נאָר אַ טעאַטער-זון, דאָס הייסט, אי אַ זון און אי אַ לבנה און אַלץ אויף טעאַטער-שפּראַך. די „זון” איז געווען די נייע פּרימאַדאָנע, וואָס עדעלשטיין האָט געבראַכט פון יוראָפּ, בערטאַ קאַליש און די „לבנה” איז געווען אַ ליבהאָבער-שוישפּילער מיטן נאָמען שראַמעק. עס האָט אונז אַפילו געערגערט די געשיכטע וואָס מאָגולעסקאָ איז אַריבער צו אונזער קאָנקורענט, וואָרום אי די געסט, אי מאָגולעסקאָ, שפּילן אַנטקעגן אונז, האָבן מיר געוואוסט וועט אונז שטאַרק שאָדן, אָבער מאָגולעסקאָן איז געווען אוממעגלעך איינצוהאַלטן. ער איז געווען אַ פרייער פויגל און דאָרט וואו ס׳איז אים געפעלן, האָט ער זיך געמאַכט זיין נעסט”. וועגן זעלבן שרייבט ב. גאָרין: „שייקעוויטש איז די גאַנצע צייט געווען דערווייטערט פון דער בינע, און ווען ער האָט דערזען, אַז דער קליינער טעאַטער, געוועזענער רומעניע אָפּערע הויז, איז געבליבן ליידיק, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט געהאַט אַן אורזאַך צו זיין אומצופרידן מיט דער נייער טאַקטיט, וואָס האָט די קאָמיקער פאַרשטופּט צום הינטערגרונט, און זיי זיינען ביידע אַריין אַהין אַלס דירעקטאָרן. שייקעוויטש האָט אָנגעשריבן אַ שטיק, וואו די הויפּט-ראָלע איז געווען פון אַ קאָמיקער, און דאָס האָט אַרויסגערופן ביי מאָגולעסקאָ די האָפנונג צו געווינען צוריק דעם אויבנאָן אויף דער בינע און צו ווייזן די טראַגיקער, אַז זיי האָבן נאָך ניט די בכורה אין טעאַטער. דאָס שטיק האָט געהייסן „המן דער צווייטער”, און עס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, נאָר די דירעקציאָן פון שייקעוויטש און מאָגולעסקאָ האָט לאַנג ניט געדויערט. די ראָד פון טעאַטער האָט זיך ניט געלאָזט שטופּן צוריק. די צייט פון די קאָמיקער, אַפילו פון אַזאַ ברילאַנטענעם קאָמיקער ווי מאָגולעסקאָ, איז שוין אַריבער און די ריכטונג פון דער בינע האָט ניט געפירט צו יענעם סאָרט שטיקער, וואָס שייקעוויטש האָט געשאַפן”.

אין 1898 האָט מ. אַ קורצע צייט גאַסטראָלירט אין רומעניע.

מיט מ׳ס צוריקקומען פון אייראָפּע איז אויך פאָרגעקומען אַ גאַנצע ענדערונג אין זיין פּערזענלעכן לעבן: „אַ סך מענטשן האָבן געהאַט דעם איינדרוק — שרייבט לעאָן בלאַנק — אַז מאָגולעסקאָ איז אַ שוואַכער אין כאַראַקטער. דאָס איז אָבער געווען אַ טעות. ער האָט ביי אַ סך געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקע פעסטקייט אין כאַראַקטער, ספּעציעל ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין געזונט. און איך געדענק, אַז נאָך דאַן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק, האָט ער איינמאָל פעסט באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער מער ניט טרינקען און מער ניט רויכערן און ער האָט דעם באַשלוס געהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — ניט געטרונקען און ניט גערויכערט...

„„...ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף זיך ניט שעמען צו טאָן די שווערסטע און אומאָנגענעמסטע אַרבעט, אַבי ניט אָנצוקומען צו קיינעם, און עס איז אַ פאַקט, אַז ווען ער איז שוין אין אַמעריקע געווען דער גרויסער, דער באַרימטער זיגמונט מאָגולעסקאָ, און ער האָט ניט געקאָנט שפּילן, ווייל ער האָט אויף אַ לענגערע צייט, צוליב זיין קראַנקהייט, פאַרלוירן די- שטימע, האָט ער זיך שטילערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, געלערנט שפּילן אויף אַ פויק, באַשליסנדיק צו ווערן אַ פויקער אין אַן אָרקעסטער, אויב ער וועט ניט געווינען צוריק זיין שטימע. ער איז שפּעטער אויך אַריין אין טאַליאַ-טעאַטער אַלס שטיקל „אַטרעקשאָן” [שלאָגער]. די אַטרעקשאָן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער, דער גרויסער קאָמיקער, זאָל צווישן די אַקטן דיריגירן דעם אָרקעסטער, וואָס וועט שפּילן די מוזיק פון די קופּלעטן, וואָס ער

פלעגט זינגען אײדער ער איז געוואָרן הײזעריק. און געקריגן דערפאַר האָט ער פינף און דרײסיק דאָלאַר אַ וואָך... אַבי ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו קײנעם."

אין 1899 האָט מ. אין טאַליאַ־טעאַטער קרעאירט די ראָל „זיסל קרוינעס" אין גאָרדינס „די שחיטה" און געשפּילט די ראָל „מאָט־קע באַס" אין לעאָן קאָבּרינס „איסט סייד געטאָ". וועגן זײַן שפּילן די דאָזיקע ראָל שרײַבּט דער מחבר: „טרעפט, אַז אַ פּאָר טעג פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג שטויסט זיך אָן מײַן פרוי אין העסטער־סטריט אויף אַזאַ מין טיפּ ווי מאָטקע באַס. זאָגט זי עס מיר. לויף איך אַוועק צו מאָגולעסקאָן אַהײם. ...און באַלד זײַנען מיר אין העסטער־סטריט און מאָגולעסקאָ רעדט מיטן ייִדן, וועלכער פאַרקויפט אים אַ פּאָר זאָקן פון אַ קערבּעלע ...און בײַ דער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער „איסט סייד געטאָ" קומט אַרויס יענער ייִדל, עס זאָל פעלן אַ האָר. דער אײגענער קול, די אײגענע באַוועגונגען, דאָס אײגן געל בערדל מיט אַ פּאַריסן [ענעם] עק, דער זעלביקער בליק, די זעלביקע מינעס, נאָר באַטעמט מיט דעם באַזונדערן מאָגולעסקאָ־חן און באַשטראַלט מיט זײַן גײַסט. ...אין דער פּיעסע קומען אַרויף די אַרבּעטער גוט־יום־טוב בּיטן מיט געזאַנג, האָט מאָגולעסקאָ, וועלכער איז פול מיט נגינה געווען, פאַרפאַסט אַ ניגון אָן ווערטער. און וואָס פאַרע שטימונג האָט דערדאָזיקער מאָגולעסקאָ־ניגון אויף דער בּינע אַרויפגעבּראַכט! די פרײלעכקייט פון דעם ייִדישן קבצן, פון דעם ייִדישן אַרבּע־טער האָט אין אים געקלונגען, אַ פרײלעכקייט, דורכגעווייקט אין קרעכצן און טרערן. ...אין דאָזיקן ניגון, וואָס מען האָט גע־זונגען אין דעם ערשטן אַקט, האָט זיך געפילט די גאַנצע טראַ־געדיע פון דעם ייִדישן אַרבּעטער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די ווײַטערדיקע אַקטן..."

אין זעלבן יאָר האָט ער אויך געשפּילט אין טאַליאַ־טעאַטער „מאַטיאַס פינגערהוט" אין יעקב גאָרדינס „סאַפאָ". שרײַבּט לעאָן קאָבּרין אין זײַנע זכרונות: „אָט דערשײַנט ער אַלס סאַפאָס פאָטער אין גאָרדינס „סאַפאָ". קײנער קען אים נאָך נישט. נאָר שוין באַלד בײַ זײַן אויפטריט, ווי אַזוי ער האַלט די אַקסלען, טראָגט דעם הוט, וואַרפט מיט די הענט און באַזונדערס פון דעם טאָן, מיט וועלכן ער ווענדט זיך צו זײַן פרוי — „גיב מיר אַ גלאָז טײ", דערקענען מיר אין אים גלײַך דעם הפקר־ייִדן מיט דער קלײנטשי־קער נשמהלע, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט דער לינקער זײַט פון דער שטאָטישער ציוויליזאַציע. ער האַלט פון זיך, ליבּט זיך, זײַן מאָגן און ווײַטער קײנעם ניט. איר האָט רחמנות אויף זײַן פרוי, עס טוט אײַך ווי פאַר זײַן טאָכטער. און דאָס האָט געקאָנט באַ־ווײַזן מאָגולעסקאָ מיט אַ פּאָר שטריכן, הגם ער האָט דידאָזיקע ראָל, ווי ער האָט מיר אַלײן געזאָגט, ניט ליב געהאַט".

אין זעלבן סעזאָן איז אויך אויפגעפירט געוואָרן זאָלאָטאַרעוו־סקיס „דער כּל־בּוניק, אָדער, די ייִדן אין כמעלניצקיס צײַטן" מיט מוזיק פון מ.

און וועגן גאָרדינס אײנציקער אָפּערעטע „די שײנע מרים" מיט מ.׳ס מוזיק (אויפגעפירט אין זעלבן יאָר), שרײַבּט לעאָן קאָבּרין: „אַזוי האָט יעקב גאָרדינס „שײנע מרים" אויך געהאַט צו פאַר־דאַנקען מיט יאָרן צוריק איר גרויסן ערפאָלג מאָגולעסקאָס באַ־רימטן ליד „דאָס פּעקעלע". וואָס מען האָט כמעט אין יעדן ייִדישן הויז דאַמאָלט נאָכגעזונגען".

אין 1901 איז אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס־טעאַטער שמ"ר־שײַקעוויטשעס „די עמיגראַנטן", אין וועלכער מ האָט זיך זײער באַליבּט געמאַכט. לעאָן בּלאַנק שרײַבּט: „מאָגולעסקאָ האָט גע־שפּילט די ראָלע „פײַטל פּאַוואָליע", פלעגט ער די צוויי ווערטער „פּעטער, פּאַוואָליע" זאָגן אַזוי זיס און אַזוי ליבּלעך, אַז גאַנץ ניו־יאָרק האָט געקאָכט דערמיט: אין גאַס, אין די הײַזער, אין די שעפּער [פאַבּריקן] — אומעטום האָט מען געהערט „פּעטער, פּאַ־וואָ־ליע". און ווען אײנער האָט דעם אַנדערן געוואָלט זאָגן, אַז ער דאַרף נאָך ניט זײַן בּײַ זיך אַזוי זיכער און אַז עס איז אים ווײַט ניט אַזוי ווי ער מײנט, האָט ער זיך באַנוצט מיט מאָגו־לעסקאָס ווערטל „פּעטער, פּאַוואָליע"."

און בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות: „דאַן קומט די גרעסטע באָמבּע, די פּיעסע, וואָס האָט מאָגולעסקאָן אויפ־געהויבּן איבּער די וואָלקן מיט זײַן ראָלע אַלס „פײַטל פּאַוואָליע". ...מיר האָבּן מיט דער פּיעסע געמאַכט אַ פאַרמעגן. די ייִדן זײַנען געקומען זען „פײַטל" מיט זײַן „פּאַ־וואָ־ליע"."

אָבּער אין מיטן פון זײַן גרויסן דערפאָלג אין „פײַטל פּאַוואָליע" ווערט מ. הײזעריק. לעאָן בּלאַנק שרײַבּט: „דאָס איז געווען פאַר אים אײנע פון די גרעסטע טראַגעדיעס אין זײַן לעבּן. ...דאָק־טוירים האָבּן אים פאַרזיכערט, אַז מיט דער צײַט וועט ער צוריק קריגן די שטימע און וועט ווידער זײַן אימשטאַנד צו שפּילן. אָבּער מאָגולעסקאָ, דער שטענדיקער צווייפ־לער, דער קאָמיקער אויף דער בּינע און דער טראַגיקער אין לעבּן — ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די שרעקלעכסטע גע־דאַנקען".

אַלס „פײַטל פּאַוואָליע".

בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט: „מען האָט געבּראַכט די גרעסטע דאָקטוירים צו מאָגולעסקאָן, אָבּער ס׳האָט גאָרנישט גע־האָלפן. ער האָט נישט געקאָנט גײן שפּילן, ווײַל ער איז געווען הײזעריק און ניט גע־קאָנט אַ וואָרט אַרויסרײדן. ...איך געדענק ניט וועמענס עצה דאָס איז געווען, ווער עס האָט מיר אַזאַ טובה געטאָן, אָבּער עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך מוז אַרײַנ־שפּרינגען אין מאָגולעסקאָס ראָלע אַלס „פײַטל פּאַוואָליע". ..עס איז בּײַ מיר אויס־געקומען גלײַך ווי מען וואָלט מיך אימיסנע אַוועקשטעלן אויף דער בּינע און אַ צווייטויזנט קעפּיקע מאַסע זאָל מיך אויסלאַכן און פאַרלאַכן. איך האָבּ געלערנט די ראָלע און יעדעס וואָרט באַגאָסן מיט בּלוטיקע טרערן. איך האָבּ ניט געוואָלט גײן נאָכשפּילן מאָ־גולעסקאָן. ...מאָגולעסקאָ האָט מיר געגעבּן זײַן וואָרט, אַז ער וועט מיך פּראָטעזשירן און ווען איך בּין אַרויף שפּילן איז מאָגולעסקאָ געזעסן אין באַקס [לאָזשע] אום טאָמער וועט זיך ווײַזן אַן אומ־צופרידנהייט צווישן עולם, זאָל ער אַלײן ערשײַנען באַלד אויף דער בּינע כּדי דאָס פּובּליקום זאָל אים זען אין זײַן שרעקלעכן קראַנקן צושטאַנד און איך זאָל ניט לײַדן קײן בּזיונות. ...נאָך יעדן אַקט איז מאָגולעסקאָ אַרויפגעקומען צו מיר הינטער די קו־ליסן און מיך געטרייסט, אַז עס גײט גוט די פאָרשטעלונג".

ענלעכעס דערציילט לעאָן בּלאַנק: „[סעם] קעסטין האָט גע־דאַרפט שפּילן די ראָלע פון „שמואל גאָרגעל דער שדכן" אין „פּראָפעסאָר" הורוויץ פּיעסע „דאָס פּוילישע ייִנגל" — אַ ראָלע,

אין וועלכער מאָגולעסקאָ האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. ...אָן אַ ברעקל קנאה, מיט די בעסטע געפילן און מיט די ערלעכסטע וואונטש האָט מאָגולעסקאָ געוויזן קעסטינען ווי אַזוי ער האָט אויפגעפּאַסט די ראָלע, ווי אַזוי ער האָט זי געשפּילט און אין דעם אָוונט פון דער פאָרשטעלונג איז ער געקומען אין טעאַטער. ...ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט מען געקאָנט זען מאָגולעסקאָס פיינע באַציאונג צו די אַנדערע קאָלעגן; ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט אונטערגעשטעלט קיין פיסל. פאַרקערט, ער איז צו יעדער צייט געווען גרייט יענעם אַרויסצוהעלפן — וויזן, לערנען, אַרויספירן אויף אַ וועג. און אַלע מאָל, ווען ער האָט אין אַ פּיעסע געשפּילט מיט נאָך אַ קאָמיקער, האָט ער געזען, אַז יענער זאָל ניט האָבן קיין קלענערע ראָלע און אויך ניט ווייניקער מיט אַ לידל, און טאַקע אַליין געשריבן די לידלעך פאַר דעם אַנדערן קאָמיקער און אַליין פאַרפאַסט די מוזיק".

ווען מ. האָט איינמאָל געדאַרפט שפּילן אין ז. קאָרנבליטס פּיעסע „דאָס אמתע גליק" דעם חזן „מרדכי איציק זאַזולע" — אַ ראָלע, וואָס לעאָן בלאַנק האָט אין טאַליאַ־טעאַטער געשפּילט דער ערשטער, האָט ער געבעטן בלאַנקן ער זאָל פאַר אים אָפּשפּילן זיין ראָלע: „ערשט שפּעטער - שרייבט לעאָן בלאַנק — האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי שפּילן אַ ראָלע, וואָס אַן אַנדערער האָט שוין פריער געשפּילט, געהאַט זיין אייגענע „טעאָריע". זיין מיינונג איז געווען, אַז ווען אַן אַקטיאָר מיט וועמען מען דאַרף זיך רעכענען, שפּילט אַ געוויסע ראָלע אין אַ פּיעסע, שאַפט ער אַ געוויסן טיפּ, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון פונעם צושויער. ער, דער צושויער קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם ערשטן איינדרוק, דער געשאַפענער טיפּ ווערט ביי אים אַ לעבעדיקער מענטש, אַ באַקאַנטער, און ווען ער זעט אים ווידער אויף דער בינע — זאָל זיין געשפּילט פון אַן אַנדערן אַקטיאָר — וויל ער זען אים דעם באַקאַנטן, און נישט קיין אַנדערן. ...מען דאַרף [דעריבער] דעם צושויער געבן דעם זעלבן טיפּ, וואָס האָט זיך אין זיין זכרון איינגעקריצט בעת ער האָט פון אים דעם ערשטן איינדרוק געקריגן".

דער אינטערעס צום קראַנקן מ. איז געווען זייער גרויס און טויזנטער מענטשן פלעגן קומען אים טרייסטן. אַ קורצע צייט שפּעטער הייבט טאַקע מ. אָן ווידער שפּילן „אָבער - דערציילט בעסי טאָמאַשעווסקי — ער [איז] שוין נישט געווען דער זעלבער מאָגולעסקאָ וואָס פריער. זיין כשופדיק שמייכעלע מיט זיין צויבערלעכן חן זיינען אים, אמת, פאַרבליבן, אָבער זיין געזונט איז געווען געבראָכן. זיין שטים האָט געסקריפּעט און נישט איין מאָל האָט מאָגולעסקאָ, דער גאָט־געבענשטער זשעניאַלער קאָמיקער, געוויינט הינטער די קוליסן בשעת דאָס פּובליקום האָט געלאַכט און אים אַפּלאָדירט".

און לעאָן בלאַנק דערציילט: „...אַזוי שנעל ווי מען האָט אַנאָנסירט, אַז מאָגולעסקאָ איז שוין ווידער געזונט און אַז ער טרעט אויף אין דער ראָלע פון „פּייטל פּאַוואָליע" אין פּיפּלס טעאַטער, האָט מען צעכאַפּט די טיקעטס ווי מצה־וואַסער. אַלע האָבן געוואָלט זען דעם באַרימטן קאָמיקער אין דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אַזוי חנעוודיק, אַזוי טאַלאַנטפול און אַזוי באַטעמט. אין די טעאַטער־קרייזן האָט מען זיך אויף מאָגולעסקאָס באַנייטן אויפטריט שטאַרק געריכט. מען איז געווען זיכער, אַז מאָגולעסקאָ וועט ווידער גלאַנצן און צויבערן אויף דער בינע. בלויז מאָגולעסקאָ אַליין איז אין דעם ניט געווען זיכער. .. דער אייביקער צווייפלער האָט אין אים נאָך מער אויפגעוואַכט און ער האָט זיך גאַנץ ערנסט געשראָקן. ...ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין הויז און אַלץ חזרן און חזרן די ראָלע, וואָס ער האָט אייגנטלעך אַזוי גוט געקענט. ...ער האָט אַלע מאָל אַנדערש באַטאָנט אַ וואָרט, אַ פראַזע. און אַלץ געדרייט מיט דער נאָז — עס טויג ניט, הייסט עס, עס איז ניט גוט. ...אינם אָוונט פון דער פאָרשטעלונג איז מאָגולעסקאָ געווען זייער נערוועז, נאָך נערוועזער ווי ער פלעגט געוויינלעך זיין פאַר אַן אויפטריט אויף דער בינע. אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער וועט דורכפאַלן, ער וועט אַלעמען אַנטוישן... און אַז אפשר... ווער ווייסט? אפשר וועט ער אין מיטן דרינען ווידער פאַרלירן די שטימע. ...אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אַ קראַך געטאָן אין טעאַטער. אַלע האָבן זיך דערפרייט, ווען זיי האָבן דעם גרויסן קאָמיקער ווידער דערזען אויף דער בינע און ווידער דערהערט זיין שטימע... מער פון אַלעמען האָט זיך געפרייט מאָגולעסקאָ אַליין: ער האָט אין יענעם אָוונט איינפאַך אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס ער הערט ווידער אַזוי קלאָר און דייטלעך זיין אייגענע שטימע. וואָס ער האָט צוויי יאָר נאָכאַנאַנד ניט געהערט. אים איז דאָס געווען אַזוי אָנגענעם, אַז ער האָט אַזש געהאַלטן אַ „רעדע". ווען מען האָט אים אויף דער בינע אַרויסגערופן — אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט. די „רעדע" איז געווען זייער אַ היבשע: „ווערטעס פּובליקום — האָט ער געזאָגט — איך דאַנק אייך!"."

אין 1903 האָט זיך מ. באַטייליקט אין לעאָן גאָטליבס פּיעסע „דער נייער דור", וועגן דעם שרייבט לעאָן בלאַנק: „מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט די ראָלע פון זעליג איציק דעם פרייליכן חסיד, וועלכער נעמט זיך קיין זאַך ניט צום האַרצן און וויל ניט וויסן פון קיין זאָרגן. אין דער ראָלע האָט מאָגולעסקאָ גערעדט יידיש לויטן פּוילישן דיאַלעקט. און אין אַ סצענע, וואו ער דאַרף פרעגן „איז דאָס אייער קינד?", האָט ער געפרעגט „ענקערס קינר איז דאָס?" ...מאָגולעסקאָ האָט דידאָזיקע געציילטע ווערטער אַרויסגערעדט אַזוי, אַז מען האָט זיי דערנאָך אומעטום נאָכגערעדט. עס איז איינפאַך געוואָרן אַ מאָדע צו פרעגן „ענקערס קינד איז דאָס?"."

אין 1905 האָט מ. קרעאירט אין טאַליאַ־טעאַטער די ראָלע „שלמה הוץ" אין יעקב גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער". וועגן זיין שפּילן דידאָזיקע ראָל שרייבט לעאָן בלאַנק: „אין דער ראָלע פון שלמה הוץ דעם שניידער, וועלכער גלייבט אין השגחה און איז איבערצייגט, אַז קיין זאַך טוט זיך נישט אויף דער וועלט אויב עס ווערט ניט פריער אָנגעצייכנט אויפן הימל, האָט ער געהאַט אַ ווערטל „ווען מען זאָגט אויבן יאָ, קאָן מען אונטן ניט מאַכן ניין". יעקב גאָרדין אַליין האָט אויף דעם ווערטל קיין גרויס געוויכט נישט געלייגט. אָבער מאָגולעסקאָן איז דאָס ווערטל שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן דערויף דעם טראָפּ אַזוי, אַז עס זאָל זיך שנעל פאַרשפּרייטן אין גאַס, און ער האָט דאָס אַרויסגערעדט אַזוי, אַז אין יעדער תנועהלע זאָל זיך פילן דאָס שניידערל, אַז עס זאָל זיך אויסדוכטן, אַז ער האַלט דערביי אַ נאָדל אין האַנט און נייט".

1907 — האָט מ. באַזוכט אייראָפּע און געשפּילט אין לאָנדאָן און אין בוקאַרעסט אויף דער זעלבער בינע, אויף וועלכער ער האָט געשפּילט די ערשטע טעג, ווען ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר. די גאַסטראָלן האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

דעם 9 אָקטאָבער 1908 איז אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן לאַטיינערס אָפּערעטע „דאָס יידישע האַרץ״ מיט מוזיק פון מ. און ברוידי. אין דערדאָזיקער פּיעסע האָט מ. געשפּילט די ראָל פון „למך״ און מיט איר האָט ער צוריק באַנייט זיין פּאָפּולאַריטעט. וועגן זיין שפּילן אין דער פּיעסע שרייבט ב. גאָרין: „די פּיעסע האָט דעם ערפאָלג צוגעשריבן מאָגולעסקאָס פּיסל. אין דעמדאָזיקן שטיק דאַרף דער קאָמיקער אַ טופּע טאָן מיטן פוס און די ראָל פון דעם קאָמיקער האָט געשפּילט מאָגולעסקאָ און ער האָט עס געטאָן אַזוי חנעוודיק קאָמיש, אַז די פּרעסע האָט באמונה שלמה געגלייבט, אַז דער עולם קומט זען דאָס שטיק צוליב דעם טופּע מיטן פּיסל״. לעאָן בלאַנק דערציילט: „די פּיעסע איז געגאַנגען אַ גאַנץ יאָר מיטן גרעסטן ערפאָלג און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז פאַר דעם גרויסן ערפאָלג האָט מען צו פאַרדאַנקען ניט קיין אַנדערן ווי מאָגולעסקאָן. אין יענע צייטן פלעגט מען זאָגן, אַז דאָס טאַליאַ־טעאַטער האַלט זיך אויף מאָגולעסקאָס פּיסל... אין דער זעלבער פּיעסע האָט ער געהאַט אַ ווערטל „איי שלעכט״, האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל חן און עס געמאַכט אַזוי באַטעמט, אַז עס איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אומעטום. ווען איינער האָט געוואָלט פרעגן ביי אַ באַקאַנטן צי ער האָט שוין געזען „דאָס יידישע האַרץ״, האָט ער געוויינלעך געפרעגט אַזוי: „איר האָט שוין געזען מאָגולעסקאָס פּיסל?״ און אויב יענער האָט געענטפערט, אַז ער האָט דאָס נאָך ניט געזען, האָט דער באַקאַנטער באַדויערט: „איי שלעכט!״.״ און לעאָן קאָברין שרייבט: „די קראַנקהייט האָט זיין שטים אויפגעפרעסן, זיינע לעצטע כחות. ...האָט דער שאַפונגס־גייסט, וואָס האָט אַזוי אין אים געלעבט, זיך אויסגעדריקט דורך זיינער אַ פ ו ס!... מאָגולעסקאָ האָט דאָרט געשפּילט אַ יידל, וואָס ציטערט פאַר זיין ווייבס דוך. דער איידעם רעדט אים איין, אַז ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווייזן זיין פרוי, אַז ער איז דער מאַן. ער לערנט אים ווי אַ טופּע צו טאָן מיטן פוס. מאָגולעסקאָ, דער שלים־מזלדיקער מאַן, נעמט צונויף די כחות, וויל פאָלגן זיין איידעם, וויל ריכטיק אַ טופּע טאָן מיטן פוס, דערזעט ער אָבער זיין ווייב, טוט זיין פוס אַזוי צעשראָקן און הכנעהדיק זיך אַ טרייסל און אַ בויג, אַז מען זעט ממש ווי די גאַנצע שרעקעדיקע נשמה פון דעמדאָזיקן יידל קאָרטשעט זיך דאָרט און באַהאַלט זיך דאָרט אין זיין פוס. ...אַ גאַנצן סעזאָן איז דאַמאָלט דער עולם געלאָפן אין טאַליאַ־טעאַטער צו זען די [דעם] פוס פון דעם גרויסן קאָמיקער, די [דעם] פוס, וואָס האָט מיט אַזוי פיל חן געלאַכט. שווער איז דער קראַנקהייט אויסגעקומען צו דערשטיקן אינגאַנצן מאָגולעסקאָס גייסט. האָט זי זיין שטים דערשטיקט האָט ער מיט די אויגן געלאַכט און געזונגען, מיטן פּנים, מיט זיינע באַוועגונגען, האָט זי פון אים די כחות אַרויסגעזויגט, האָט אַ פ ו ס זיך נאָך ביי אים באַוועגט און געלאַכט...״.

אלס „שמואל גאָרגל״

אין נאָוועמבער 1910 טרעט מ. ווידער אויף אין אַדלערס טאַליאַ־טעאַטער אין איניקע גאָרדין־פּיעסעס, דערנאָך שפּילט ער אויך אַלס „שניצלער, דער הויז־קיפּער״ אין ראַקאָווס „אַ מענטש אַ מלאך״. דעצעמבער 1910 רייסט ער ווידער איבער זיין שפּילן צוליב דער קראַנקהייט און אין יאַנואַר 1911 גיט ער ווידער איניקע פאָרשטעלונגען.

וועגן מ.׳ס לעצטע יאָרן אויף דער בינע דערציילט לעאָן בלאַנק: „קראַנקהייט, הייזעריקייט און גלאַט פאַרשידענערליי צרות און ערגערנישן האָבן מאָגולעסקאָן שטאַרק אויסגעמוטשעט און איבערדעם האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן שוין מער ניט אַנגאַזשירט אין קיין שום טעאַטער. עס איז אים איינפאַך געווען צו שווער צו שפּילן צו אָפט. ער האָט געמוזט מער אַכטונג געבן אויף זיך, מער אָפּהיטן זיין געזונט. קיין אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַלן האָט מאָגולעסקאָ ניט פאַרמאָגט, און אַזוי ווי לעבן האָט מען דאָך געדאַרפט, האָט ער פון צייט צו צייט, ווען ער האָט זיך געפילט בעסער, געגעבן אַ פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער, אָדער גאָר גענומען אַ בענעפיט, אויפטרעטנדיק אַליין אין איינער פון זיינע ערפאָלג־ראָלן, וואָס האָבן אים ביים פּובליקום געמאַכט אַזוי באַליבט. דאָס איז געווען זיין הכנסה. פון דעם האָט ער געמאַכט אַ לעבן פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. פון דעם איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ גרויסער עושר מאָגולעסקאָ איז געווען. אָבער ניט קוקנדיק דערויף, האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, גלייך ער וואָלט זיך אין קיין געלט ניט גענויטיקט און ווען אַ גוטער קאָלעגע האָט אים געבעטן ער זאָל זיך באַטייליקן אין זיין ערן־אָוונט, האָט ער זיך גערן באַטייליקט און ניט געוואָלט נעמען קיין געלט דערפאַר״.

אין סעזאָן 1912־13 האָט ט. געשפּילט פון צייט צו צייט אין ליפּצין־טעאַטער.

דעם 15 אַפּריל 1913 איז ער אויפגעטראָטן אין נעשאָנאַל־טעאַטער אין לאַטיינערס „די גרינהאָרנס״ און אין מאַי האָט ער געגעבן איניקע פאָרשטעלונגען אין „די כשוף־מאַכערין״, „דאָס פּוילישע יינגל״ און „די אימיגראַנטן״. די פאָרשטעלונגען זיינען געווען אַנאָנסירט אַלס אָפּשייד־פאָרשטעלונגען פאַר זיין אָפּפאָרן קיין אייראָפּע. מ. איז אָבער קיין אייראָפּע נישט געפאָרן און אין יאַנואַר 1914 איז ער צום לעצטן מאָל אויפגעטראָטן אין נעשאָנאַל־טעאַטער אַלס „מישקע״ אין לאַטיינערס „די גרינהאָרנס״ און באַלד נאָכדעם זיך אַוועקגעלייגט אין זיין בעטל אין זיין קליינער וואוינונג. ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן, אָבער ווען ער האָט זיך נאָר געפילט אַביסל לייכטער, האָט ער זיך געוויצלט. צום קברן זיגמונט שוואַרץ האָט ער געזאָגט: „כ׳גיי אויפפירן אַ גרויסע פּיעסע אויף יענער וועלט. טאָמער רופט מען מיך, זאָלסטו מיך נעמען אין אַקטיאָרן־קלוב און געבן מאָגולעסקאָן, וואָס ער האָט פאַרדינט ביים יידישן פּובליקום״.

דעם 4 פעברואַר 1914, האַלב נאָך 7 אין דער פרי, איז מ. געשטאָרבן ביים פולן באַוואוסטזיין, ריידנדיק ביז אין דער לעצטער מינוט.

מ. איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן־בית־עולם.

מ.׳ס פרוי, אַמאַליע, האָט אַ געוויסע צייט געשפּילט יידיש טעאַטער. מ.׳ס איינציקער זון, אַ מעדיצין־דאָקטאָר, דזשוליוס, איז געשטאָרבן אין 1927 אין דענווער (קאָלאָראַדאָ). מ.ס עלטערע טאָכטער, ליזע, איז פאַרהייראַט מיט אַ שול־דירעקטאָר דר. פּיכ־

הענדלער. זיין יונגערע טאָכטער, בעסי שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ.׳ס טויט האָט אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקן טרויער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק. זיין לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. די יידישע פרעסע האָט אים געווידמעט גרויסע נעקראָלאָגן.

ביז צו זיין פרויס טויט (1929) פלעגט יעדעס יאָר איינגעאָרדנט ווערן אין אַ ניו־יאָרקער גרויסן טעאַטער אַ מעמאָריאַל־פאָרשטעלונג, אויף וועלכער עס פלעגט געשפּילט ווערן אַ פּיעסע, אין וועלכער מ. האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט.

דעם 25 דעצעמבער 1909 האָט דער „פאָרווערטס" אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן מ.׳ס אויטאָביאָגראַפיע. ווי אַב. קאַהאַן שרייבט אין זיינע זכרונות, פלעגט מ. אַרויפקומען יעדן טאָג אין רעדאַקציע, דערציילן געוויסע עפּיזאָדן, וועלכע קאַהאַן האָט דערנאָך באַשריבן אַנאָנים. די אויטאָביאָגראַפיע איז שפּעטער געשריבן געוואָרן פון לעאָן גאָטליב און איז נאָך מ.׳ס טויט, נישט קיין פאַרענדיקטע, איבערגעדרוקט געוואָרן אין „פאָרווערטס" (13 יאַנואַר – 24 פעבר. 1914).

לויט ב. גאָרין האָט מ. אויך פאַרפאַסט די פּיעסע „דער פאַלשער מופת". עס איז אָבער אין ערגעץ נישט דערמאָנט וועגן איר אויפפירונג.

לויט אַ נאָטיץ אין נעקראָלאָג וועגן מ. אין „דאָס יידישע טאַגעבלאַט", האָט מ. אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע, וועלכע ער האָט גערופן „אַ יאַריד אויפן הימל", און וועלכע האָט אַנטהאַלטן פיל יידישן הומאָר. די פּיעסע זאָל ער האָבן געשפּילט אין רומעניע, עסטרייך, רוסלאַנד, ענגלאַנד און אויך אין אַמעריקע.

לעאָן קאָברין האָט אין זיין בוך „ערינערונגען פון אַ אידישן דראַמאַטורג" געווידמעט מ. אַ ספּעציעלן גרעסערן קאַפּיטל.

לעאָן בלאַנק האָט אין „פאָרווערטס" (15 דעצעמבער 1928 – 29 יאַנואַר 1929) אָפּגעדרוקט 14 קאַפּיטלען זכרונות וועגן מ.

ב. גאָרין כאַראַקטעריזירט מ.׳ן אַזוי: „מאָגולעסקאָ איז געווען גרויס אַלס כאַראַקטער־שוישפּילער און אויף דעם געביט האָט [ער] זיין גלייכן אויף דער בינע ניט געהאַט. צו אַזעלכע שטילע ראָלן האָבן זיך ניט געפאָדערט קיין איבעריקע כחות. צעבראָכן, שוואַך, קראַנק ווי ער איז געווען די לעצטע יאָר, וואָלט ער אַלץ פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף דער בינע, ווען ער וואָלט ערשינען נאָר אין אַזעלכע ראָלן. אָבער ער אַליין האָט ליב געהאַט אַ פרייע האַלטונג אויף דער בינע, ער האָט ליב געהאַט אַ זינג, אַ שפּרונג און דאָס האָט ער נאָר געקאָנט דערווייזן אַלס בוף־קאָמיקער. ווען ער האָט געהאַט זיין זיסן קול און אין זיינע פיס איז געווען קוועקזילבער, האָט דאָס אים נאָר צוגעגעבן אַן איבעריקן חן אין זיינע קאָמישע ראָלן. דער עולם איז קיינמאָל ניט זאַט געוואָרן צו זען אים טאַנצן און הערן אים זינגען. אָבער ווען ער האָט זיין קול פאַרלוירן און איז געבליבן אָן פיס [צום טאנצן], האָט זיין טאַנצן און זינגען, אָנשטאָט אַרויסצורופן באַוואונדערונג, אַרויסגערופן אַ פאַרוואונדערונג. באַזוכער האָבן זיך געפרעגט: „איז דאָס דער גרויסער מאָגולעסקאָ?". און אָפט צוליב דעם טאַנצן אָן פיס און אָן קול, האָבן נייע טעאַטער־באַזוכער ניט באַמערקט זיין גרויסן טאַלאַנט אין כאַראַקטער־מאָלעריי. ...מאָגולעסקאָ איז געווען אַ דימענטענער מענטש מיט אַ זיידענער נאַטור און אַלע, וואָס האָבן אים נאָנט געקענט, האָבן אים ליב געהאַט אַלס מענטש. די גאַנצע אייטעלקייט, די גאַנצע פוסטע גאוה, וואָס פאַרפעסטעט די לופט פון טעאַטער, איז אים געווען פרעמד... אַזוי גיך ווי ער איז אַרונטער פון דער בינע און האָט אָפּגעווישט דעם גרים פון פּנים, איז ער געוואָרן אויס אַקטיאָר. אין גאַס איז ער געווען אַ מענטש גלייך מיט אַלעמען און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט ווייזן גאוה. ..מאָגולעסקאָ, ווען ער האָט ניט געשפּילט, האָט אַרומגעשוועבט אין אַ וועלט פון מעלאָדיען. ער האָט ליב געהאַט נגינה און איז געווען אַ מנגן און ווען ער האָט געהאַט צייט, איז זיין קאָפּ געווען פאַרנומען מיט מוזיק און קיין פוסטע גאוה האָט [אין] אים ניט געקאָנט קריכן. דאָס ערקלערט אויך פאַרוואָס מאָגולעסקאָ איז געשטאָרבן אַן אָרימאַן. לויט דעם גרויסן ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער בינע, האָט ער געדאַרפט זיין דער רייכסטער פון אַלע מענעדזשערס און סטאַרס. ..אָבער מיט זיין שטענדיקן אַרומשוועבן אין די העכערע ספערן פון מוזיק, האָט ער זיך אויף ביזנעס גאָרניט פאַרשטאַנען. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז צו שרייבער און קריטיקער האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס דרך־ארץ. ...מאָגולעסקאָ איז אפשר געווען דער איינציקער אַרטיסט, וואָס האָט געוואונען גרויסע אָנערקענונג סיי ביי די אינטעליגענטע און סיי ביי די פּראָסטע טעאַטער־גייער. און אַפילו זיינע חברים־אַקטיאָרן האָבן זיך ניט געשעמט אויסצודריקן דידאָזיקע אָנערקענונג און דאָס איז די בעסטע מאָס צו מעסטן די אמתע גרויסקייט פון אַ שוישפּילער".

און אַב. קאַהאַן: „אַלס שוישפּילער האָב איך אים פאַרגעטערט, און איך האָב אימער פון די ערשטע טעג אָן וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק – אין דעם יאָר 1886 – געוואוסט, אַז דער פערזענלעכער מאַגנעטיזם, וואָס ער באַזיצט, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זיין קינסטלערישער קאַריערע. אַן אומגעהויערן טאַלאַנט האָט ער געהאַט, דעם גרעסטן פון אַלע [דאַמאָלטיקע גרויסע יידישע אַקטיאָרן] – טאַלאַנט און פאַר זיך, גאַנץ אָפּגעזונדערט פון זיין חן. אַ וואונדערבאַרע איינבילדונגס־קראַפט האָט ער באַזעסן און אויך אַ מוזיקאַלישן געשמאַק אַ געבוירענעם. און דער מוזיקאַלישער געשמאַק איז געווען אַ טייל פון זיין קינסטלערישער קראַפט. אַלץ איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין [איינ]געבוירענער איינבילדונגס־קראַפט, מיט זיין [איינ]געבוירענער פאַנטאַזיע. אָבער דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען באַטעמט מיט יענעם חן זיינעם, מיט וועלכן ער האָט פשוט געצויגן הערצער צו זיך. ...אַלס פּריוואַטער מענטש האָט ער אויך געהאַט אין זיך אַ חן, הגם דער חן איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדרע[ער] סאָרט ווי דער מאַגנעטיזם, וועלכער איז געווען אַ טייל פון זיין גרויסער קונסט. אויף דער בינע פלעגט ער ווערן אַ גאַנץ אַנדער[ער] מענטש... ער האָט זעלטן דעקלאַמירט. ער פלעגט זיך אַריינלעבן אין זיין ראָלע און מייסטענס ריידן מיט אַ נאַטירלעכן טאָן. מאָגולעסקאָס טאַלאַנט און בינע־חן פלעגן פון דיזער „באַלאַגאַנטשינע" אַרויסשיינען ווי אַ דימענט פון אַ זומפּ ...זיגמונט מאָגולעסקאָ האָט אויך געשפּילט אין גאָרדינס פּיעסען, אין מייסטע פון זיי, און ער האָט אין זיי געהאַט אַ געלעגנהייט צו שאַפן שטאַרקע ראָלן. אָבער ער פלעגט שאַפן שטאַרקע ראָלן אין די פּיעסען פון אַנדערע שרייבער אויך – אַפילו פון אַזעלכע ווי הורוויץ. אין מאָגולעסקאָס קאַריערע האָט גאָרדין אויך געהאַט אַ באַדייטונג, אָבער ניט אַזאַ גרויסע ווי אין די קאַריערעס פון די אַנדערע שוישפּילער און שוישפּילערינס... מאָגולעסקאָס טאַלאַנט און זיין פערזענלעכער צויבער האָט [האָבן] אַריינגעבראַכט אַ נייעם לעבן אין דער

ייִדישער טעאַטער-וועלט. ער האָט דעם עולם גענומען בוכשטעבלעך מיט שטורם. ..צוליב אים איז פלוצלינג פאַרגרעסערט געוואָרן דער אינטערעס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דעם ייִדישן טעאַטער בכלל".

אויף אַן אייגנאַרטיקן שטריך אין מ.׳ס אויפפאַסן געוויסע ראָלן ווייזט אָן ג. זעליקאָוויטש: „מאָגולעסקאָס רבנים זיינען אַלע עפּעס אַרומגערינגלט מיט אַ פילאָזאָפישן שטראַל פון גם זה לטובה, פון אַזאַ געטלעכן גלאַנץ פון בטחון און סימפּאַטיע. אויך מאָגולעסקאָס חזנים, זיינע משוררים, זיינע שדכנים, בדחנים, זיינע חתנים, איידעמס און זיינע פעדלערס — זיי אַלע זיינען פאָרטרעפלעכע טיפּן. ...און פונקט ווי מאָגולעסקאָ האָט אויפגעפאַסט מיט זיין פּאָעטישן חן אַ דוכאָוונעם [גייסטלעכן] רב, אַזוי האָט ער געוואוסט ווי פאָרצושטעלן אַ קאַזיאָנעם [רעגירונגס] רב און אַן אַמעריקאַנעם רעוורענד. אין אַ קאָמעדיע „דער גאון" האָט דער גרויסער כאַראַקטער-שוישפּילער געהאַט די ראָלע פון אַ קאַזיאָנעם רב, אַביסל אַ זאַהיקע, און יעדעס מאָל ווען דיזער קאַזיאָנער רב פלעגט אַרויסקוועטשן דאָס וואָרט „פּראַוויטעלסטוואָ" [מלוכה], האָט דער עולם געמוזט קייכן לאַכנדיק. ...מאָגולעסקאָ איז אויך געווען פון דער נאַטור אַ מאמין און דאָס ערקלערט אונז אפשר פאַרוואָס ער האָט אַזוי וואַרם פאָרגעשטעלט רבנים אויף דער בינע".

אין לעאָן קאָבריןס „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג" געפינען מיר אַזאַ כאַראַקטעריסטיק וועגן מ.: „זיין גאַנצע געשטאַלט איז ווי פון אַ מייסטערהאַנט אויסגעשניצט — שלאַנק און בויגיק און פול מיט באַוועגונג. באַזונדערס רייצנד איז דער גראַציעזער אויסבויג פון זיין האַלז, בעת ער שטייט אַזוי מיט די ברייטע, פעסטע אַקסלען אַביסל אָפּגעוואָרפן צוריק. היינט זיין פּנים — צאַרטער, לעבעדיקער מאַרמאָר, געקנאָטן אין זון שטראַלן. ...ער איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, דער נאַציאָנאַלער ייִדישער קאָמיקער. אַלע זיינע אייגנאַרטיקע, פאַרשיידנסטע טענער און פאַרבן האָט דער ייִדישער קאָמיזם דורך אים אויסגעדריקט. דער ייִדישער קאָמיזם האָט ליב אַמאָל אַ טאַנץ צו טאָן, טאַנצט מאָגולעסקאָ, טאַנצט דער ייִד און ניט קיין אַנדערער. טאַנצט דער ייִדישער חסיד, צי ביי אַ חתונה, צי אין אַ יום-טוב, אין אַ שול שמחת-תורה צו הקפות צי ביי אַ ספר-תורה איינגעבן, צי ביי אַן אַנדער[ער] מצוה, אַן אַנדער[ער] שמחה... דער ייִד טאַנצט, די ייִדישע נשמה הוליעט, ווען מאָגולעסקאָ טאַנצט, ווען מאָגולעסקאָ הוליעט. און דער ייִדישער עולם, וואָס איז דערביי, דערפילט זיך אין דעמדאָזיקן טאַנץ — און מיט זיין האַרצן טאַנצט ער מיט.. דער ייִדישער קאָמיזם האָט ליב אַ געפעפערטן וויץ, זאָגט אים מאָגולעסקאָ אָבער אויף אַזאַ נאַאיוון, אומשולדיקן און נאַטירלעכן אופן און מיט אַזוי פיל אמת-ייִדישן חן, אַז עס דאַכט זיך, אַז עס איז די נאַטירלעכסטע זאַך, אַז דערדאָזיקער נאַאיווער און דאָך חנודיקער ייִד זאָל עס זאָגן. ...דער ייִדישער קאָמיזם האָט ליב אַמאָל צו זינגען, זינגט מאָגולעסקאָ, זינגט אַלעמאָל די נגינה, וואָס ער טראָגט אין זיין אייגענעם האַרצן. זיינע אייגענע לידלעך, זיינע אייגענע מאָטיוון און ווי נאָנט עס קלינגט דאָס דערדאָזיקער מאָגולעסקאָ-געזאַנג פאַר די ייִדישע צוהערער. זייער געזאַנג זינגט ער, דעם עכט-ייִדישן געזאַנג, וואָס צעגייט זיך איבער זייער אַלעמענס הערצער אין וועלכן זיי אַליין זינגען באַלד נאָך. ...דער ייִדישער קאָמיזם קרעכצט און כליפּעט אַמאָל, קרעכצט און כליפּעט אַמאָל מאָגולעסקאָ, קרעכצן און כליפּען דאַמאָלט די הערצער ביי אַלע זיינע צושויער. ...דער ייִדישער קאָמיזם אין אַלע זיינע ניואַנסן און שאַטירונגען, מיט זיינע פאַרשיידנסטע טענער און פאַרבן, מינעס און העוויות האָט זיך אַנטפּלעקט דורך מאָגולעסקאָן ווען ער איז אויף דער בינע געשטאַנען. עס איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו שפּילן אַ קאָמישן טיפּ פון אַ ייִדישן אינטעליגענט. איך בין אָבער זיכער, אַז אַזאַ טיפּ וואָלט ער אויך געשפּילט אַזוי ווי ער נאָר אַליין האָט געקאָנט שפּילן. דערפאַר — איך בין זיכער אין דעם — וואָלט ער ניט געקאָנט שפּילן מעשה מאָגולעסקאָ אַ קאָמישן גוישן טיפּ. אַזאַ וואָלט ער געשפּילט אַ סך ערגער איידער אַן אַנדער[ער] ייִדישער קאָמיקער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין טויזנטן טייל פון זיין טאַלאַנט. און בלויז דערפאַר, ווייל דאָס סך אייגענע, ייִדישע, וואָס זיין נשמה איז דערמיט איבערפולט געווען, וואָלט אים געשטערט צו פאַרדייען ריכטיק דאָס פרעמדע, דאָס גוישע.

„„...אַ סך פון דידאָזיקע ראָלן [וועלכע ער האָט געשפּילט] זיינען אָפּגעשטאָרבן צוזאַמען מיט אים, ווייל קיין אייגענעם לעבן האָבן זיי ניט געהאַט. זיי האָבן געלעבט נאָר מיט דעם לעבן, וואָס ער, מאָגולעסקאָ, האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן. איין בליק, איין געוויסע העויה, עטוואָס אַ באַוועגונג, אַ קער, אַ מאַך מיט דער האַנט אויף אַ באַזונדערן אופן, אַ באַזונדערע באַטאָנונג און עס איז שוין געשטאַנען פאַר אייך אַ לעבעדיקער קאָמישער ייִדישער טיפּ. .. אגב, די ראָלן אין שייקעוויטשעס און לאַטיינערס פּיעסן זיינען אים מער צום האַרצן געווען איידער די ראָלן אין די בעסערע פּיעסן. ער האָט דאָס מיר ניט איינמאָל געזאָגט. פאַרוואָס? נאָך מיין מיינונג איז דאָס לייכט צו ערקלערן. אין די בעסערע פּיעסן האָט ער זיך געפילט ניט פריי גענוג. זיין געפליגלטער שאַפונגס-גייסט, וועלכער איז געווען געוווינט אין די אַנדערע פּיעסן צו שאַפן אומגעשטערט פון טויט — לעבן, פון כמעט גאָרניט — מענטשן-כאַראַקטערס, האָט זיך דאָ, אין די בעסערע פּיעסן, געפילט אין אַ געוויסן זין געפּענטעט, געבונדן פון אַ לעבן, וואָס האָט שוין עקסיסטירט, פון אַ כאַראַקטער, וואָס דער פאַרפאַסער האָט שוין באַשאַפן. צו ענג האָט ער זיך געפילט פאַרשפּאַרט אין אַ לעבן, אין אַ כאַראַקטער, אין וועלכן זיין שאַפונגס-גייסט האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן אַן אַנדערן. ...דערצו האָט ער זיך דאָ געמוזט האַלטן מעשה סטאַטיק - ניט זינגען, ניט טאַנצן, בעת אין די אַנדערע פּיעסן פון שייקעוויטש, הורוויץ און לאַטיינער האָט ער דאָס געקאָנט טאָן אומגעשטערט, דאָס הייסט, געקאָנט זיך אַנטפּלעקן פאַר דעם עולם אויך מיט דידאָזיקע זייטן פון זיין טאַלאַנט. ...האָט ער אָבער אַמאָל געשפּילט אין די בעסערע פּיעסן, האָט אים קיינער דערנאָך ניט געקאָנט נאָכמאַכן. פון דעם נאַרישסטן מיש-מאַש, פון דעם אומגעלומפּערטסטן כאַאָס האָט ער שטענדיק אַרויסגעטויכט פול מיט לעבן און ייִדישן הומאָר. ווי ער האָט ניט איבערגעטריבן, איז ביי אים אויסגעקומען נאַטירלעך. דאָס איז געווען זיין קראַפט".

לעאָן בלאַנק כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „מענטשן, וועלכע האָבן מאָגולעסקאָן ניט געקענט פּערזענלעך, זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז ניט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין לעבן מוז ער אוודאי זיין אַ ווערטל-זאָגער, אַ שפּאָטמאַכער און גלאַט אַ פריילעכער לונג און לעבער... אַ דאַנק דעם זיינען אַלע געווען

נייגיריק זיך צו באַקענען מיט אים. אַ סך האָבן זיך טאַקע מיט אים באַקענט צוליב דעם, ער זאָל זיי אַמוזירן. אָבער זיי זיינען דערנאָך געווען אַנטוישט. וואָרום מאָגולעסקאָ, דער געניאַלער קאָמיקער אויף דער בינע, איז אין לעבן געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער, ער האָט זיך אין פּריוואַטע געשפּרעכן ניט געוואָרפן מיט קיין ווערטלעך, ניט געשפּרודלט מיט קיין וויצן און ניט געמאַכט קיין שפּאַס. ער איז אין לעבן געווען אַ שטילער און אַן ערנסטער מענטש – גאָרניט דערזעלביקער מאָגולעסקאָ, וואָס אויף דער בינע... ער האָט אויף דער בינע אַלע מאָל איבעראַשט; ער האָט אויף דער בינע געשאַפן וואונדער; ער איז געווען דער אמת גאָט-געבענטשטער קינסטלער, וואָס קאָן אַפילו פון דער קלענסטער ראָלע מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווירקלעך גרויס. ...קיינער פון זיי [די דאַמאָלטיקע סטאַרס] איז ניט געווען אַזוי באַליבט ווי מאָגולעסקאָ. אים האָבן אַלע יידישע טעאַטער-גייער אויף דער גאַנצער וועלט אמת ליב געהאַט און דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס קיינער האָט זיי אויף דער בינע ניט פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד ווי זעליגל (זיגמונט) מאָגולעסקאָ. עפּעס האָט ער געהאַט אין זיך אַזאַ כשוף, וואָס האָט זיך גלייך איבערגעוואָרפן צו די צושויער, און אַלע האָבן גלייך דערפילט ווי די הערצער ווערן בײַ זיי אָנגעפולט מיט פרייד פון יעדער תנועהלע, וואָס ער מאַכט און פון יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס. ניט נאָר דער עולם האָט מאָגולעסקאָן באַוואונדערט און ליב געהאַט, אויך זיינע קאָלעגן-שוישפּילער. מען האָט אים ליב געהאַט ניט נאָר וואָס ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גוטער מענטש, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער קינסטלער. ...מאָגולעסקאָ האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשטרענגט אין זיין אַרבעט; בײַ אים האָט אַ ראָלע זיך געשאַפן עפּעס ווי פון זיך. אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין אין אַ ראָלע, איז ער שוין ניט געווען מער דער בעל-הבית איבער זיך אַליין; די ראָלע האָט שוין איבער אים געהערשט. די ראָלע האָט אים אינגאַנצן אין זיך אַריינגענומען. פון אים אַליין איז שוין גאָרניט געבליבן – ער איז אינגאַנצן געווען די ראָלע. און עס האָט בײַ אים ניט אויסגעמאַכט וואָס פאַר אַ ראָל דאָס איז – אַ קליינע אָדער אַ גרויסע, אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, אַ נאַרישע אָדער אַ קלוגע. ער האָט זיך אין אַלגעמיין ווייניק וואָס פאַנאַנדערגעקליבן אין אַזעלכע ענינים ווי שונד אָדער ליטעראַטור. ער איז אין דעם געווען אַ קליינער בקי. דער עיקר איז בײַ אים געווען ער זאָל האָבן אין וואָס זיך אָנצוטשעפּן. און דאַן האָט ער שוין פון דער ראָלע אויסגעקנאָטן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַ מייסטערווערקל פאַר זיך אַליין, אַפילו ווען עס איז ניט געווען ענג פאַרבונדן מיט דער האַנדלונג פון דער פּיעסע. פאַר דער צייט, וואָס זיגמונט מאָגולעסקאָ איז געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער בינע, האָט ער געשאַפן עטלעכע צענדליק ראָלן, וועלכע זיינען נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן ווי מאָנומענטאַל אויסגעהאַקטע פיגורן אין אַ קונסט-גאַלעריע. וועגן אים קאָן מען ווירקלעך זאָגן, אַז אַפילו דאַן ווען מען פאַרגעסט די פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט, געדענקט מען אָבער די ראָלע, וואָס ער האָט אין דער פּיעסע געשאַפן...

„„...דוקא אָן לידלעך, אָן טענצלעך און אָן געזאַנג האָט מאָגולעסקאָ אין די אַלע אויסגערעכנטע ראָלן [פון גאָרדין-רעפּערטואַר] זיך אויסגעצייכנט אַזוי שטאַרק, אַז מען איז אָפטמאָל צוליב אים געקומען זען די פּיעסע צוויי מאָל און דריי מאָל און פיר מאָל. אַ סך פּיעסן, אין וועלכע ער האָט געשפּילט, האָט דער עולם איינפאַך געקענט אויף אויסנווייניק, ווייל עס איז זיי גאָר קיינמאָל ניט נמאס געוואָרן אים צו זען ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אין דער זעלבער ראָלע. אים האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען דערפאַר, וואָס אַ פּיעסע האָט געמאַכט אַ גרויסן ערפאָלג, ווייל אין יעדער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט, האָט ער געשאַפן עפּעס אַן ע י ק ר, וואָס דער עולם האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרגעסן".

יעקב פּ. אַדלער האָט – לויט לעאָן בלאַנק – זיך אויסגעדריקט: „פאַר אים, פאַר אונזער זיגמונט מאָגולעסקאָ, דאַרפן מיר אַלע די היטלען אַרונטערציען. ער איז אַלס קינסטלער אַזוי גרויס, אַז אָפטמאָל נעמט ער אַ שטיק בלאָטע (אַ נישטיקע ראָלע אין אַ שונד-פּיעסע), גיט עס אַ שליידער צו דער וואַנט און עס קומט דערפון אַרויס אַן אויסערגעוויינלעך קונסט-בילד".

און אַ צווייטער באַרימטער שוישפּילער פון יענער עפּאָכע, מאָריס מאָשקאָוויטש, כאַראַקטעריזירט מ.'ן: „ער פלעגט יעדן איינעם פון זיינע קאָלעגן געבן אַ גלייכע געלעגנהייט אָנערקענט צו ווערן סיי אויף דער בינע און סיי אויסערהאַלב דער בינע. ...ער איז אפשר געווען דער איינציקער שוישפּילער פון יענער צייט, וואָס האָט בלויז מיט זיינע קינסטלערישע אייגנשאַפטן געצוואונגען די יידישע בינע זיך צו בוקן פאַר אים. ...מיט זיין אימפּאָזאַנטער פּערזענלעכקייט, מיט זיין שיינער מענלעכער פיגור, מיט זיינע איידעלע מאַניערן און מיט זיין פריינטלעכער ווייכקייט און צאַרטקייט האָט ער געמוזט אַרויסרופן פאַרערונג און אַכטונג בײַ יעדן איינעם, און פאַר פרויען האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלן רייץ".

יואל ענטין שרייבט: „מען האָט באַדאַרפט האָבן זייער אַ גרויסן קינסטלער, וואָס זאָל דאָס פאָלק צוציען [בײַ דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער], באַצויבערן, אַז עס זאָל באַרואיקן זיין רעליגיעזע אָנגעשטויסנקייט און זיך איבערגעבן דעם יידישן טעאַטער ווי די יידן האָבן עס געטאָן פון אָנפאַנג אָן, זינט דאָס יידישע טעאַטער איז אַנטשטאַנען. דיזע ריזן-קראַפט איז געווען מאָגולעסקאָ. כמעט אַ העלפט לעבן פון יידישן טעאַטער איז מאָגולעסקאָ געווען זיין גרעסטער, פילפאַכער זשעני, באַזאָרגנדיק אים מיט הומאָר און מוזיק. ...די הויפּט-צוציאונגס-קראַפט אין די ערשטע [די עפּאָכע פון גאָלדפאַדען] איז געווען דער פרייער, ברייטער, אומגעצאַמטער הומאָר, דער שפּאַס פון איבערטרייבונג און קאַריקאַטורע, די הויפּט-צוציאונגס-קראַפט אין דער צווייטער [עפּאָכע] איז געווען דאָס יידישע געזאַנג און אין ביידן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער קאָמישער קופּלעט ווי אויך דער טאַנץ. און דאָס אַלץ, דעם פרייען, אומגעצאַמטן הומאָר, די יידישע מעלאָדיע, דעם קופּלעט און דעם טאַנץ, האָט מאָגולעסקאָ געגעבן מיט דער פולער האַנט, פריער פון אַלעמען, מער פון אַלעמען און אַלס דער רבי פון אַלעמען. ..ניט קיין טאַלאַנט איז מאָגולעסקאָ געווען, נאָר אַ זשעני. ניט בלויז האָט ער טריי געקאָנט אויספירן אַ ראָלע לויט דער אָנצייכנונג און די אָנצייגונגען פון דראַמאַטורג, נאָר ער האָט אויך געקאָנט אַ ראָלע באַשאַפן, באַשאַפן איר כמעט ווי פון גאָרניט, באַשאַפן איר פריי. דאָס באַדייטעט, אַז מאָגולעסקאָ האָט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע רייכע פאָרשטעלונגס-קראַפט. ניט קיין פאַנטאַזיע. ...צוזאַמען מיט פאָרשטעלונגס-קראַפט גייט די פעאיקייט פון זעלבסט-היפּנאָטיזמוס, די פעאיקייט זיך אַליין צו היפּנאָטיזירן, אָנצינדן מיט אַ פרעמדן פייער און איבערלעבן אַן איבערלעבניש,

וואָס איז גאָרניט דאָ. אויף טעאַטער-שפּראַך הייסט עס „אַריין אין דער ראָל״. ...און דיזן כּח ביז צו זייער אַ הויכער[ן] גראַד האָט מאַגולעסקאָ פאַרמאָגט״.

מ. ע. פון לעאָן בלאַנק און זיגמונט שוואַרץ.

מ. זייפערט — דיא געשיכטע פון אידישען טעאַטער, „די אידישע ביהנע״, (רעד. — חנן י. מיניקעס) נ. י., 1897.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, I, זז. 182-238, II, זז. 34-71, 135, 161, 203, 269.

ב. גאָרין — זיגמונד מאַגולעסקאָ, „דער טעאַטער זשורנאַל״, נ. י., 6, 1901, 7, 1902.

דזשוליוס סאַנד — ער געדענקט וויא מאַגולעסקאָ איז געוואָרען אַן אַקטיאָר, „פאָרוו.״, נ. י., 7 יאַנואַר 1911.

[—] — מאַגולעסקאָ׳ס טאָכטער וועט שפּיעלען אין איר פאָטערס אַ ראָלע, „פאָרוו.״, נ. י. 28 פעברואַר 1911.

זיגמונד מאַגולעסקאָ — [אויטאָביאָגראַפיע], „פאָרוו.״, נ. י., 13 יאַנ. — 24 פעבר. 1914.

M [ל. מילער] — מאַגולעסקאָ, „די וואַרהייט״, נ. י., 4 פעברואַר 1914.

[—] — וויא מאַגולעסקאָ איז געוואָרען מאַגולעסקאָ, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 4 פעברואַר 1914.

[—] — דער ערשטער אידישער טהעאַטער. דער ערשטער אידישער קינסטלער, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 5 פעברואַר 1914.

[—] — מאַגולעסקאָ — דער פאָטער פון אידישען טהעאַטער אין אַמעריקע, דאָרט, 6 פעבר. 1914.

דזשייקאָב פּ. אַדלער — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מאַגולעסקאָן, דאָרט, 7 פעבר. 1914.

M — דיא עולם הבא און עולם הזה פון אידישע קינסטלער, דאָרט, 8 פעבר. 1914.

ג. זעליקאָוויטש — מאַגולעסקאָס „רבנים״ אויף דער ביהנע, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 6 פעבר. 1914.

ב. גאָרין — וואָס עס הערט זיך אין טהעאַטער, „מאָ׳זש״, נ. י., 9 פעבר. 1914.

י. ענטין — מיט וואָס מאַגולעסקאָ האָט אויסגענומען ביים עולם, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 10 פעבר. 1914.

באָריס טאָמאַשעווסקי — מיין ערשטע און לעצטע בעגעגניס מיט מאַגולעסקאָן, „פאָרוו.״, נ. י. 15 פעבר. 1914

לעאָן קאָבּרין — זיגמונד מאַגולעסקאָ, „צוקונפט״, נ. י., אַפּריל 1914.

דייוויד קעסלער — מאַגולעסקאָ פיהרט אונז אין אַמעריקאַ, „דער טאָג״, נ. י., 25 פעבר. 1917.

דייוויד קעסלער — אונזערע ערשטע טעג אין ניו יאָרק, „דער טאָג״, נ. י., 4 מערץ 1917.

דייוויד קעסלער — מיר שפּיעלען אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג״, נ. י., 11 מערץ 1917.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע״, נ. י., 1917, זז. 117-120, 158-59, 164-65, 232, 236, 262-67.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 13 אָקט. 1917.

ה. לאַנג — ווי אַזוי לעאָן בלאַנק איז געוואָרען אַן אַקטיאָר, „פאָרוו.״, נ. י., 19 אַפּריל 1925.

אַב. קאַהאַן — „בלעטער פון מיין לעבען״, נ. י., 1926, II, זז. 380-82, III, זז. 377-86, IV, ז. 345, V, זז. 328, 338.

לעאָן קאָבּרין — „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג״, נ. י., 1926, II, זז. 13-29.

ח. עהרענרייך — טעאַטער ליעדלאַך וואָס באַריהמטע אַקטיאָרען האָבען געזונגען מיט 15 און 20 יאָהר צוריק, „פאָרוו.״, נ. י. 8 יאַנואַר 1926.

שלום פּערלמוטער - זעליג מאַגולעסקאָ, „די אידישע וועלט״, קליוולאַנד, 5 יאַנ. 1927.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג״, ווילנע, 1928, זז. 40, 96.

לעאָן בלאַנק — [זכרונות וועגן מאַגולעסקאָ], „פאָרוו.״, נ. י., 15 דעצ. 1928-29 יאַנ. 1929.

י. ל. פּיין — די לעבענס געשיכטע פון דעם אידיש-ענגלישען שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש, „פאָרוו.״ נ. י., 25 דעצ. 1929.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו-יאָרק, „אַרכיוו״, ווילנע 1930.

מ. אָשעראָוויטש — געשטאָרבן רודאָלף מאַרקס, דער אַמאָליגער באַריהמטער קאָמיקער, „פאָרוו.״, נ. י., 7 מאַי 1930.

ז. זילבערצווייג — אינטערעסאַנטע איינצעלהייטן וועגן דעם אָקאָרשט געשטאָרבענעם רודאָלף מאַרקס, „פאָרוו.״, נ. י., 8 מאַי 1930.

מ. אָשעראָוויטש — [בינע אַבראַמאָוויטשעס זכרונות] „פאָרוו.״, נ. י., 21 סעפּטעמבער, 19 אָקטאָבער, 23 נאָוועמבער, 30 נאָוועמבער, 7 דעצעמבער 1930.

זלמן זילבערצווייג [טעריע אַרטיקלען וועגן מאַגולעסקאָ], „אונזער עקספּרעס״, וואַרשע, נאָוועמבער-דעצעמבער 1933.

מאַגידזאָהן, איידאַ

[סטאָן]

[געב. ...187 — געשט. 11 מאַי 1916]

געבוירן ...187 אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד. עלטערן — באַזיצער פון אַ קאָלאָניאַל-געשעפט. נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר אַלעקסאַנדער מאַגידזאָן, דורך אים אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער בינע. שפּעטער האָט מ. חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר טשאַרלס נאַטאַנסאָן און צוזאַמען מיט אים געשפּילט מיט דערפאָלג, ערב דער בורן-מלחמה, אין דרום-אַפריקע, דערנאָך אין אייראָפּע און אַמעריקע.

דעם 11 מאַי 1916 איז מ., נאָך אַ 2 יאָריקער קראַנקהייט, געשטאָרבן פון קרעבס אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן וואַשינגטאָן-בית-עולם.

מ. ע. פון מ. ד. וואַקסמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 198.

ה הערש — אידיש טעאַטער אין דרום אַפריקע, „דרום-אַפריקע״, 5, 1928.

מאַגידזאָהן, אַלעקסאַנדער

[געב. ...18 – געשט. 24 נאָוו. 1926]

געבוירן ...18 אין פּינסק, פּוילן. אין דער יוגנט געווען אַ סופלער און שפּעטער געשפּילט מיט גראַדנער, דערנאָך יאָרן־לאַנג געשפּילט אין ענגלאַנד, דרום־אַפריקע און אַרגענטינע.

ווי יעקב מעסטעל גיט איבער, איז מ. געווען אַ „שווייגער" פון טיפּ סעם אַדלער און איז אָנגעגאַנגען צווישן די אַקטיאָרן אַלס „געלערנטער". אין די לעצטע יאָרן פלעגט ער ציען זיין חיונה פון די יערלעכע בענעפיסן, וואָס ער פלעגט פאַר זיך אַראַנזשירן אין ווייטשעפּל, לאָנדאָן.

אַ קאַרגער בטבע, איז מ. דעם 24 יאַנואַר 1926 געשטאָרבן אין לאָנדאָן פון אונטערדערנערונג, נישט וועלנדיק רירן פון זיין אָפּגעשפּאָרט געלט, וועלכעס איז נאָך זיין טויט קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער רעגירונג.

מ. האָט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין גאָלדפאַדענס „אַ קלאָפּ פאַר אַ קלאַפּ" און „ניע בע, ניע מע", ווי אויך אַלס „שבתי גולם" אין לאַטיינערס „פאַרבלאָנדזשעטע נשמה". אין דעראָזיקער ראָל, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, פלעגט ער געווינלעך אַרויסטרעטן צו זיינע בענעפיסן.

מ. ע. פון מ. ד. וואַקסמאַן, יאָזעף קעסלער, ש. טאַבאַטשניקאָוו, מאַקס ראָזענטאַל, נייטאַן בלומענטאַל און יעקב מעסטעל.

מאַגילניצקי

געווען אַ לערער אין אַ יידישער שול. קענענדיק גוט די יידישע שפּראַך און האָבנדיק אַן אינטימע באַציאונג צו יידישער קולטור איז מ. געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר און האָט אייניקע יאָר אַרומגעוואַנדערט מיט פאַרשידענע טרופּעס איבער רוסלאַנד. לסוף האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע און איז ווידער געוואָרן אַ לערער אין וויטעבסקער יידישער אַרבעטס־שול.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

מאַגילעווסקי, אַלעקסאַנדער (סאַלאָמאָן)

געבוירן 25 דעצעמבער 1899 אין רעטשיצע, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער – אַנגעשטעלטער, מוטער – אַקושערקע. געלערנט אין חדר, דערנאָך 4 יאָר אין ליבאַוויטשער ישיבה. אין מאָסקווע, וואו זיינע עלטערן האָבן שפּעטער זיך באַזעצט, האָט מ. געענדיקט אַ מיטל־שול און דורך זיין ברודער, דעם קינאָ־רעזשיסער אַרקאַטאָוו, קומט ער אין נאָענטער באַרירונג מיטן טעאַטער, וועלכן ער וויל זיך ווידמען, אָבער אין 1918 ווערט ער מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמעע, וואו ער דינט ביז 1921

1923 – טרעט מ. אַריין אין ראַפּאַלסקיס „ווייסרוסישער מלוכהשער אינסטיטוט פאַר טעאַטראַלער קונסט" אין מאָסקווע און דעביוטירט אין 1925 אַלס „סענדער" אין שלום־עליכמס „מענטשן", פאַרבלייבנדיק זינט דאַמאָלט אַ מיטגליד אין „ווימ"ט".

מ.'ס ברודער – איז דער קינאָ־רעזשיסער אַרקאַטאָוו אין האָליוואָוד און זיין שוועסטערס זון, סאַשקאַ (ראַפּאַפּאָרט), איז אַן אָנפירער און אַקטיאָר פון אַן אוקראַאינישער טרופּע אין אַמעריקע.

ש. ע.

„מאַדיאַקאַט"

דאָס ערשטע יידישע מאַריאָנעטן־טעאַטער [גערופן אויפן נאָמען פון די גרינדער „מ א ד־און ק אַ ט־לער"] האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט דעם 17 דעצעמבער 1925 אין ניו־יאָרק מיט דער אויפפירונג פון „קיניג אחשורוש" פון זוני מאָוד, מוזיק פון מיכאל געלבאַרט און משה ראַפּאַפּאָרט, און „אויף וואָס טוסטו קרענקן?" פון יאָסל קאָטלער. די רעזשי פון דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געווען פון ראָם, יעקב בן־עמי און י. מעסטעל.

דאָס צווייטע פּראָגראַם איז געגעבן געוואָרן דעם 31 מערץ 1926. עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן „דעם שדכנס טעכטער" פון אברהם רייזען, „אויף יענער וועלט" פון משה נאַדיר און „די פעפערדיקע יידלעך" פון יאָסל קאָטלער.

דאָס דריטע פּראָגראַם איז געגעבן געוואָרן דעם 22 סעפּטעמבער 1926: „דער דיבוק", אַ פּאַראָדיע פון זוני מאָוד, „די פעפערדיקע יידלעך" פון יאָסל קאָטלער, מוזיק – מ. געלבאַרט, און אַ מינועט־טאַנץ.

דאָס פערטע פּראָגראַם איז געגעבן געוואָרן דעם 4 מערץ 1928 אין רענד־סקול־זאַל און איז באַשטאַנען פון „דער לייטישער מענטש" פון זוני מאָוד און „ביזנעס" פון יאָסל קאָטלער, מוזיק אַראַנזשירט – באָריס וויינער.

אויסערדעם זיינען נאָך פון צייט צו צייט געגעבן געוואָרן די אַלטע פּראָגראַמען מיט אַ צומיש פון נייע נומערן: „דער מגיד" (מאָוד), „די בלעכערנע כלה" און „דער בעטלער" (קאָטלער) א. א.

אין 1929 איז „מאַדיאַקאַט" אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע און אויפגעטרעטן אין פּאַריז, לאָנדאָן און אַנטווערפּען (אָקטאָבער 1929), וואַרשע (נאָוועמבער־דעצעמבער 1929) און ווילנע (פעבר. 1930).

יאַנואַר־מאַי 1932 האָט „מאַדיאַקאַט" גאַסטראָלירט אין גרויס־און ווייסרוסלאַנד. דאָ זיינען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן ז. מאָודס „שלמה מיט דער בהמה", מאָוד און קאָטלערס פּאָליטישע סאַטירע „פאַרן שפּיל און נאָכן שפּיל", „דזשינג טאַנג פאָ" (כינעזישע סאַטירע) און אַ באַאַרבעטונג פון שלום־עליכמס „שיינע בעלי־הבתים".

ר. יוקלסאָן – ווי ליאַלקעס שפּילן אין אידישן מאַריאָנעטן טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 16 אַפּריל 1926.

דר. א. מוקדוני – פרעמדס און אייגנס, „מאָ'זש", נ. י., 8 אָקטאָבער 1926.

ב. באָטווינִיק — אין דער טעאַטער־וועלט, „דער וועקער“, נ. י., 16 אָקט. 1925.

דר. א מוקדוני — אידישער טעאַטער אין 1925־26, „דער אידישער וועלט־אַלמאַנאַך“, נ. י., 1927.

א. בליי (צפורי) — מאַריאָנעטען־שפּיעל, „יידטגבל'ט“, נ. י., 2 מערץ 1928, „די 7 טעג אילוסטרירט“, פּאַריז, 4, 1928.

י. שאַיאַק — דאָס יידישע מאַריאָנעטען טעאַטער, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 22 אָקט. 1929.

א. ב—ן — שטונדן פון פאַרגעניגען און פרייד, „צייט“, לאָנדאָן, 22 אָקט. 1926.

מ. אַלטמאַן — דער יידישער מאַריאָנעטען־טעאַטער אין אַנטווערפּען, „יידישע פּרעסע“, אַנטווערפּען, 48, 1929.

א. אַלפּערין — דער יידישער מאַריאָנעטן־טעאַטער, „ליטבל'ט“, וואַרשע, 40, 1929.

בית־שין [ב. שעפנער] — וואוילע, היימישע אַמעריקאַנער, „נייע פאָלקסצ.“, וואַרשע, 27 נאָוו. 1929.

נ. מ. [מייזעל] — די „מאַדיאָקאַט“־פאָרשטעלונגען, „ליטבל'ט“' וואַרשע, 49, 1929.

י. וואַרשאַוויאַק — איבער וואַרשעווער טעאַטערן, „ציונ. בלעט.“, וואַרשע, 33, 1929.

מלך ראַוויטש — די מאַריאָנעטן־קינסטלער זוני מאַוד און יאָסל קאָטלער, „ליטבל'ט“, וואַרשע, 50, 1929.

זלמן רייזען — די ערשטע אויפפירונגען פון „מאַדיקאַט“, „ווילנער טאָג“, 2 פעבר. 1930.

LE — רי וואונדערלעכע פינגער־מלאכה פון זוני מאַוד און יאָסל קאָט־לער, „ווילנער טאָג“, 4 פעבר. 1930.

ל. ס־קי — די אויפטריטן פונם מאדיאָקאט „צייט“, ווילנע, 4 פעברואַר 1930.

נחמה עפּשטיין — קונסט אָדער קינדער־שפּיל, „ווילנער טאָג“, 5 פעברואַר 1939.

מלך ראַוויטש — אַ זיווג מן השמים, „ווילנער טאָג“, 7 פעברואַר 1930.

ז. מאַוד און יאָסל קאָטלער וועגן זייער „מאַדיאָקאַט“, „ליטבל'ט“, וואַרשע, 11, 1930.

יאָסל קאָטלער — מאָסקווע דערקוויקט, „מאָרגן־פרייהייט“, נ. י., 28 פעבר. 1931.

מאוד, זוני

[מועד]



געבוירן בערך 1891 אין וואַשליקאָוו, גראָד. גוב. פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ שמש. געלערנט אין חדר, ישיבה און תלמוד־תורהס אין ביאַליסטאָק, ביעלסק, טשענסטאָכאָווצע און וואַרשע.

1905 — געקומען מיט אַ ברודער צו אַ פעטער אין אַמעריקע. דאָ געלערנט אין נייט־סקול, געאַרבעט ביי סיגאַרעטן, געווען אַ משרת אין אַ קאָלאָניאַל־געוועלב און געאַרבעט ביי דאַמען־וועסטן.

נאָך אין חדר און אין די תלמוד־תורהס פלעגט מ. „אילוסטרירן“ די משניות אין וועלכע ער האָט געלערנט, און פּורים־צייט פלעגט ער דאָרט אויפפירן „פּורים־שפּילן“ פון אויסווייניק. געקומען אין אַמעריקע, האָט ער גענומען שטודירן אין דער מאָלעריי־שול אויף קופּער יוניאָן אין ניו־יאָרק, אין באַראָן הירשס קונסט־געווערבע־שול און שפּעטער אין „נעשאָנאַל אַקאַדעמיע אָף אַרט“.

זיין אילוסטראַציע־אַרבעט הייבט אָן מ. אין „דער קיביצער“ א'ר פון דער טונקעלער. דערנאָך אילוסטרירט ער פאַרשיידענע יידישע ביכער און פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט פעליעטאָנען אין „דער קונדס“. שפּעטער פאַרבינדט ער זיך מיט יאָסל קאָט־לער און צוזאַמען מאָלן זיי די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו מאָריס שוואַרץ אויפפירונג פון אברהם גאָלדפאַדענס „די כישוף־מאַכערין“ (11 מערץ 1924).

דורך דער מאַריאָנעטן־סצענע אויפן מאַרק אין דערדאָזיקער פּיעסע קומט מ. צו דער אידעע פון אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער און צוזאַמען מיט יאָסל קאָטלער גרינדעט ער אויף זייער נאָמען דאָס מאַ־ריאָנעטן־טעאַטער „מאַדיאָקאַט“, (אַ קורצע צייט האָט אויך מיטגעאַר־בעט יעקב טוואָרקאָוו), וואָס הייבט אָן טעטיק זיין דעם 17 דעצעמבער 1925, ווען ס'ווערט אויפגעפירט „קיניג אחשורוש“ פון זוני מאוד, מוזיק פון מיכל געלבאַרט און משה ראַפּאָפּאָרט [זוני מאוד. אחשורוש, פּורים־שפּיל אין צוויי אַקטן. געדר. אין „אונזער בוך“, נ. י. 4,5, 1928]. דעם 22 סעפּטעמבער 1926 ווערט דאָ אויפגעפירט מ.'ס פּאַראָדיע „דער דבוק“. מוזיק פון מ. געלבאַרט, און דעם 4 מערץ 1928 — מ.'ס „דער לייטישער מענטש“.

מ. און קאָטלער האָבן אויך געצייכנט די קאָסטיומען צו שוואַרצס מאָדערנער אויפפירונג פון יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול“ (דעם 21 דעצעמבער 1928).

אין די אַנדערע פּראָגראַמען פון „מאַדיאָקאַט“, אין וועלכע מ. האָט די גאַנצע צייט זיך באַטייליקט אויך אַלס שוישפּילער, ווערן נאָך אויפגעפירט מ.'ס „דער מגיד“, „שלמה מיט דער בהמה“, „דזשינג טאנג פּאו“ (אַ כינעזישע סאַטירע), אַ באַאַרבעטונג פון שלום־עליכםס „פיינע בעלי־הבתים“ און צוזאַמען מיט קאָטלערן „פאַרן שפּיל און נאָכן שפּיל“ (פּאָליטישע סאַטירע).

מ. האָט זיך אויך באַטייליקט אין טורנעע פון „מאַדיאָקאַט“ איבער מזרח־און מערב־אייראָפּע.

מ. ע.

מלך ראַוויטש — די מאַריאָנעטן־קינסטלער זוני מאוד און יאָסל קאָטלער, „ליטבל'ט“, וואַרשע, 50, 1929.

מאָזער, בנציון

[יעקב הערצאָג]

געבוירן 27 סעפּטעמבער 1887 אין יאַגעלניצע, גאַליציע. ביז 18 יאָר געלערנט אין ישיבה. דערנאָך אַוועק שטודירן אין טשערנאָוויץ און ווין. דעביוטירט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט“ און דערנאָך געדרוקט בעלעטריסטיק אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע יידישע אויסגאַבעס אין גאַליציע.

אין בוך־פאָרם אַרויסגעגעבן „דער בעל־תשובה“ (איינאַק־טער), פ'ג היקל, וויען־ברין תרע'ט [1918 32 ז. 16°] און „איינער אַ מענטש“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט“ II ז. 194

מאַטעס ל.

[מאַטעס לוניאַנסקי]

[געב. 16 פעברואַר 1897 — געשט. 2 נאָוו. 1929]

געבוירן 16 פעברואַר 1897 אין ביאַליסטאָק, פוילן. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדרים, גלייכצייטיק באַזוכט אַ רוסיש־יידישע פאָלקסשול, דערנאָך געלערנט זיך אַלס זעצער. 1913 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין שיקאַגאָ אין אַ סיגאַר־פאַבריק און אין די אָוונטן געלערנט. 1916 — קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און אַריין אין אַ סאַנאַטאָריע. זינט 1918 געוועזן אין דענווער אונטער דער אויפזיכט פון דר. חיים ספּיוואַק, דערנאָך זיך איינגעאָרדנט אין אַ סאַנאַטאָריע אין קאָלאָראַדאָ אַלס ביבליאָטעקאַר.

1918 — דעביוטירט אין שיקאַגער „וועלט". שפּעטער זייער אָפט זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער.

מ. האָט אויך אין „פרייע אַרבעטער שטימע" געדרוקט 2 איינאַקטערס און אין אַ באַזונדערע אויסגאַבע — די דראַמע „אַ יידישע טראַגעדיע", וועלכע איז — לויט יעקב מעסטעל — באַזירט אויף עפּיזאָדן פון מחברס לעבן.

דעם 2 נאָוועמבער 1929 איז מ. געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזיכטיקע אין לאָס אַנדזשעלאָס.

מ.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] דער דריטער אַקט [איינאַקטער] פון ל. מאַטעס.
[„פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 25 מאַי, 1 יוני 1923].

[2] וויקטאָריאַ (איינאַקטער) פון ל. מאַטעס.
[„פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 21, 28 מערץ, 4 אפּריל 1924].

[3] ל. מאַטעס.
אַ יידישע טראַגעדיע
אַ טראַגעדיע אין פי. ף אַקטן פון אידישן לעבן אין אַמעריקע,
פאַרלאַג „פּאָעמע", לאָס אַנדזשעלאָס, קאַליפאָרניע
1927 [74 ז. 16°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט" II זז. 295-96.

י. א. ראָנטש — ל. מאַטעס, „מאָרגען פרייהייט", נ. י. 11 נאָוו. 1929.

קלמן מרמר — ל. מאַטעס (מאַטעס לוניאַנסקי), „מאָרגען פרייהייט", נ. י. 18 נאָוו. 1929.

מאָטקע חב׳ד

[געב. ...179 — געש. ...18]

געבוירן אין אָשמינע, ווילנער גוב. פּויליש־ליטע, אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, ביי זייער אָרימע עלטערן. פאָטער — אַ נאַכט־שומר. מוטער — אַ דינסט. „צו לערנען האָט מ. — לויט ג. קופּער — נישט געהאַט קיין גרויסן חשק. אים האָבן נישט אינטערעסירט די דינים מיט די שווערע גמראס. ער האָט בעסער ליב געהאַט לעבן, אומעטום אַריינשטעקן די נאָז, פריילעך מאַכן, און ער פלעגט די מלמדים זיינע פון תלמוד־תורה דערגיין די יאָרן, אָפּטאָן כלערליי שמד שטיקלעך ווי אָנטריפן חלב אויפן רבינס באָרד בעת ער כאַפּט אַ דרימל, אַריינלאָזן אַ באָק אין חדר און נאָך אַזעלכע שטוקעס. עס פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט אים דערפאַר נישט געשוינט און אַרויסגעוואָרפן פון תלמוד־תורה. זיין פאָטער האָט אים דאַמאָלט אַוועקגעשיקט קיין ווילנע זיך לערנען אַ מלאכה. מאָטקען האָט זיך נישט געגלוסט אַרבעטן, האָט ער זיך געשאַפן אַ פריילעכע אַרבעט: ער איז געוואָרן אַ העלפער ביי סאַרווערס אויף חתונות. דאָ איז פאַר אים געווען אַ לעבן. שטענדיק פריילעך, לעבעדיק, מ׳דערלאַנגט גוטע עסנס, נאַשערייען און מ׳כאַפּט עפּעס אַראָפּ. קלעזמער שפּילן, זאָגן גלייכווערטלעך, בדחנים זאָגן גראַמען, חכמות, ווייבלעך און מיידלעך טאַנצן. באַלד באַווייזט מאָטקע וואָס ער קאָן. זיינע וויצן גייען איבער די בעסטע בדחנים. ער נעמט יעדן די לעבער, פאַרקריכט ביז דער זיבעטער ריפּ, איבערהויפּט די נגידים און שיינע יידן. מ׳קרוינט אים מיטן נאָמען ח ב ׳ ד [די ראשי תיבות פון די ווערטער חכמה, בינה, דעת (קלוגשאַפט, פאַרשטענדניש און וויסן)], אָבער אַזוי ווי ער האַלט שטאַרק פון משקה, ווערט ער אויס בדחן און הייבט אָן לעבן פון זיין טאַלאַנט אַלס הומאָריסט און וויצלער. מאָטקע ווערט אַן איינגייער ביים ווילנער גביר אָפּאַטאָוו, וועלכן ער קיבעצט כסדר און ווערט גלייכצייטיק פון אים אויסגעהאַלטן".

ג. קופּער [י. י זינגער] פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" (9 פעברואַר 1930) אייניקע מאָטקעס וויצן, וועלכע ער האָט געזאָגט זיין מעצענאַט אָפּאַטאָוו.

זלמן רייזען שרייבט: „אין ווילנע געדענקען נאָך עלטערע מענטשן דעם פּאָפּולערן פאָלקס־וויצלער מאָטקע חב׳ד. דער אַלטער ווילנער קאַפּעלמייסטער ה׳ מאַרקוס סטופּעל, איצט ביים פּוילישן מיליטער, גיט מיר איבער, אַז מאָטקע חב׳ד איז מן־הסתם געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פון 19־טן יר׳ה. ער האָט געוואוינט אין מאַיערקעס הויף (גיטקע טויבעס זאַוואולעק, נומער 3) און געלעבט דערפון, וואָס ער פלעגט סאַרווערן אויף גרויסע חתונות, זאָגן וויצן, מאַכן פאַרשיידענע „אָנשטעלן", למשל — פאַרשטעלן זיך פאַר אַן אָפיציר. געגאַנגען ראַזירט און געשוירן, גערעדט גוט רוסיש און פויליש, אָבער אין יידישקייט געווען, ווייזט אויס, אַ גרויסער עם־הארץ. דער אַלטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער צבי־ניסן גאָלאָמב געדענקט אויך מאָטקע חבד"ן. ווענדליק ער דערציילט. האָט מאָטקע חיונה געצויגן דערפון, וואָס אויף חתונות און שמחות פלעגט ער זיין ביי די קליידער, אַמאָל אויך געכאַפּט אַ מטבע פאַר אַ „גוט וואָרט". געשטאָרבן אין לעצטן פערטל פאַריקן יר׳ה, נישט איבערלאָזנדיק קיין קינדער".

אב. קאַהאַן דערציילט אין זיינע זכרונות: „...אויף דעמזעלבן הויף (וואו אייזיק־מאיר דיק האָט געוואוינט, קליינסטעפּנגאַס; דאָס הויז האָט געהערט צו איינעם נאַטאַנזאָן) האָב איך אַ פּאָר מאָל געזען דעם באַרימטן ווילנער מאָטקע כאַבאַד. ער איז געווען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ גלייכער פיגור. ער האָט געהאַט אַ קורצן בערדל און אַרויסשטאַרצנדיקע גרויסע אויגן. ער האָט אימער געטראָגן אַ לאַנגן, ברוינעם ראָק, מיט צוויי קנעפּ פון הינטן, און אין האַנט פלעגט ער טראָגן אַ דיקן שטעקן. אין ישעיה באַלטעמאַנצס חדר האָב איך וועגן אים געהערט אַן אַנעקדאָט: ער האָט פון זיינעם אַ רבין אַמאָל געמאַכט שפּאַס מיט אַן אומאָנשטענדיקן וויץ, האָט דער רבי אים פאַרשאָלטן, אַז ער זאָל מוזן ציען זיין חיונה אַלס

חב״ד. ...דאָס הייסט, אַלס ווינציגג. איינמאָל, ווען איך בין גע־גאַנגען פון חדר אַהיים, איבער קליינסטעפּנגאַס, איז מיר אויס־געקומען צו גיין הינטער אים; האָב איך אים איבערגעיאָגט און אויסגעשריען: „מאָטקע כאַבאַד״. ער האָט זיך נאָך מיר אַביסל נאָכגעיאָגט מיט זיין שטעקן — אפשר גאָר אויף שפּאַס. איך בין אָבער געלאָפן שנעלער פאַר אים״.

ג. קופּער כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „דער אונטערשייד פון מאָטקען ביז הערשעלען (אָסטראָפּאָליער) איז געווען דער, וואָס הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געווען אַ חסיד צווישן חסידים, און דעריבער איז ער נישט געווען אַזוי בייז, פאַרביטערט. חסידים בלאָזן נישט פון זיך, האָבן גערן אַ וויץ און האָבן ליב אַנטקעגנ־צוקומען אַן אָרימאַן. מאָטקע איז געווען אין ווילנע, צווישן ליט־וואַקעס, וואָס דער עיקר איז ביי זיי לומדות, באַלעבאַטישקייט און דעריבער האָט מען אויף מאָטקען געקוקט ווי אויף אַ גאָרנישט. מ׳האָט אים נישט פאַרשטאַנען. אין דער מתנגדישער מרה־שחורה האָט זיך מאָטקע קיין אָרט נישט געפונען. דעריבער טאַקע איז זיין סוף געווען אַ סך ערגער ווי הערשעלעס. הערשעלע איז ביזן טויט אַריין געווען פול מיט שמחה, געלעבט טאַקע אָרים, אָבער נישט איינזאַם, צווישן חסידים. מאָטקע האָט געהאַט אַ שלעכטע עלטער. אַ קראַנקער, אַ פאַראַליזירטער, האָט ער די עלטערע יאָרן פאַרבראַכט אין ווילנער הקדש צווישן קאַליקעס און בייזע אָרימע־לייט. ער איז אַליין געווען פאַרביטערט, בייז״.

אויף מ.׳ס נאָמען זיינען געדרוקט געוואָרן זייער פיל וויצן און פאָלקס־אַנעקדאָטן. צ״א האָט מ. לעוויטאַן, דער פאַרפאַסער פון ביכל „וועלטלעכע נייעס״ (ווילנע, 1892), אויך אַרויסגעגעבן אַ ביכל „מאָטקע חב״ד פון ווילנא״ (ווילנע, תרס״ב), וואָס איז נישטאָ מער אויפן ביכער־מאַרק.

אין פאַרלאַג פון דער ניו־יאָרקער היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני איז דערשינען „מאָטקע חב״ד אָדער וויטצע איבער וויטצע, 180 שעהנע וויטצען אין ריין זשאַרגאָן״ [59 ז. 16°]. דאָסדאָזיקע ביכל איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ סך טויזנטער עקזעמפּליאַרן [אין אונזער באַזיץ: עלפטע אויפלאַגע], אָבער עס ווערט דאָ מיסטי־פיצירט מיט מ.׳ס נאָמען. עס אַנטהאַלט בלויז איבערגעדרוקטע קאַ־לענדאַר־וויצן, אויסמיידנדיק כמעט אינגאַנצן מ.׳ס וויצן.

אין פאָלקלאָר־אָפּטייל פון ייוו״א געפינען זיך, צוגעשיקט פון זאַמלער איבער דער וועלט, פיל וויצן, וועלכע מ׳שרייבט צו מ.׳ן. אַ סך פון די זעלבע וויצן ווערן אָבער אויך צוגעשריבן די אַנדערע פאָלקס־וויצלער ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אפרים גריי־דיגער, שייקע פייפער א. א.

ש. ע פון לאַזאַר ראַן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 294-95.

ג. קופּער [י. י. זינגער] — אידישע וויצלער, קיבעצער און לצים און זייער ראָלע אין אַמאָליגען אידישען לעבען, „פאָרוו.״, נ. י., 9 פעבר. 1930.

י. ליפשיץ — בדחנים און לצים ביי יידן, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, זז. 59-58.

מאַכאַראָווסקאַ, חנה

[געכט]

געבוירן 1895 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער — אַ קאָמיסיאָנער. באַקומען אַ וועלט־לעכע בילדונג. אויף אַ באַל, איינגעאָרדנט דורך איר ברודער, טרעט זי אַרויס מיט אַ לידל און צייט אויף זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון אָנוועזנדן יידישן טעאַטער־דירעק־טאָר סאַבסיי, צו וועלכן זי טרעט באַלד אַריין אין כאָר און נאָך עטלעכע יאָר גייט זי איבער צו שפּילן צווייטע פרימאַדאָנעס אין די אָפּערעטעס. 1912 — טרעט זי אַריין אין קרויזעס טרופּע, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום איבער טערקיי און רומעניע.

צוריקגעקומען, שפּילט זי אַלס פרימאַדאָנע אין ראַפּעלס טרופּע. 1915 — אַרומגעפאָרן מיט אַ טרופּע אַלס סובּרעטין. פרימאַדאָנע און קאָמישע אַלטע. 1918 — צוריקגעקומען אין אָדעס און, נאָכ־דעם ווי זי האָט פאַרלוירן די שטים, איבערגעגאַנגען אויף אַלט־קאָמישע ראָלן, וועלכע זי שפּילט אין פישזאָנס טרופּע. דאָ האָט זי חתונה מיטן אַקטיאָר משה־דוד מאַכאַראָווסקי, מיט וועלכן זי קומט אין 1921 אין פוילן און מאַכט מיט זיינט דאַמאָלט דעם זעלבן בינע־עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

ש. ע.

מאַכאַראָווסקי, משה־דוד

געבוירן 6 מאַי 1888 אין לאָדזש, פוילן ביי פרומע, בעל־הביתישע עלטערן. גע־לערנט אין חדר, ביי אַ לערער אין שטוב און אין עלטער פון 16 יאָר געענדיקט פּאָזנאַנסקיס שול, שפּעטער געלערנט אַ קור צע צייט אין לאָמזשער ישיבה און צוריק־געקומען אַהיים אַרבעטן אין אַ זאָקן־פאַבריק.

1906 — געזען שפּילן פישזאָנס טרופּע אין אַפּאָלאָ־טעאַטער און גלייך באַקומען חשק צו דער בינע: ער טרעט אַריין אין אַ קרייז פון „ליבהאָבער״ און דעביוטירט אַלס „סנהדרין״ אין „בר כוכבא״, וואָס ווערט אויפגע־פירט אין אַ שטוב. דערנאָך מיט דער זעלבער גרופּע אין קוטנא, וואו ער דעביוטירט אַלס „חיים יואל״ אין „הערצעלע מיוחס״. נאָך איינִיקע פאָרשטעלונגען (א״ר פון יוליוס אָסקאַר) אין לאָדזשער וויקטאָריאַ־טעאַטער, ווערט ער אין אָקטאָבער 1907 אַנגאַזשירט אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע (דיר. — לערמאַן). פאָרט שפּעטער 2 יאָר מיט בערנשטייקס טרופּע, שפּילט 1909-11 — אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער״ (דיר. — יצחק זאַנדבערג), 1911 — מיט יוליוס אַדלערס טרופּע איבער רוסלאַנד, 1912 — מיט קאָמפּאַניעצס טרופּע אין יעקאַטערינאָסלאַוו, 1913 — מיט קאַמינסקין אין וואַרשע און ביי געגנפערן אין ווילנע, 1914 — מיט מיכאַלעסקאָן איבער דער פּוילי־שער פּראָווינץ. 1917-19 — מיט יעקב וואַקסמאַן איבער אוקראַ־אינע 1919 — מיט פישזאָנען אין אָדעסער טעאַטער „וואָדעוויל״,

1921 ביז 1931 — געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס אין פּוילן, דערונטער אייניקע יאָר אין לאָדזש און 1931 אין לאָנדאָן, וואו, נאָך אַ קורצער צייט שפּילן, גייט ער איבער צו מסחר.

מ האָט דראַמאַטיזירט עמיל זאָלאַס ראָמאַן „נאַנטעס", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויף דער ייִדישער בינע אין פּוילן.

ש. ע.

מאַכנאָווסקאַ, ר.

געבוירן אין יאַנאָוקע, נעבן אָדעס. אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ קאָלאָניסט. געלערנט אין שטאָט-שול, יידיש געלערנט ביי אַ לערער. אָנגעקומען אַלס כאָריסטקע אין דער רוסישער טרופּע פון באָריסאָוו און וולאַדימיראָוו, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום ביז אין יעקאַטערינאָסלאַוו גייט זי איבער אין דער יידישער טרופּע פון ספּיוואַקאָווסקי-סעם אַדלער, וואו זי איז 2 יאָר. דערנאָך 2 יאָר אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער, שפּעטער שוין אַלס אַקטעריסע אין דער טרופּע פון גענפּער, דערנאָך אין די טרופּעס פון מייערסאָן, קרויזע, ראָטשטיין, עסקין, ראַפּעל, וואַקסמאַן.

מלחמה-צייט געשפּילט מיט ליבערטן אין קעשעניעוו, דערנאָך מיט זשעלאַזאָן אין ניקאָלאַיעוו און ביי זשיטאָמירסקין. 1913 — אין מינסק ביי סעגאַל, 1920 — אין וואַרשע, 1923 — מיט בראַנדעסקאָן אין מינסק און דערנאָך אין אַ קאָלעקטיוו, וואָס פאָרט אַרום איבער סיביר.

ש. ע פון ל. דושמאַן.

מאַלאַמוט, יואל-לייב

געבוירן 23 יולי 1885 אין סניטקאָוו, פּאָדאָל, אין אַ חסידישער משפּחה. געלערנט ביי מלמדים און אין בית-המדרש. צו 14 יאָר געבליבן אַ יתום, איז מ. געוואָרן אַ לערער אויפן ישוב. 1903 — אויסגעוואַנדערט קיין ניו-יאָרק. פון וואו ער שיקט זינט 1904 סקיצן און מעשהלעך אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". 1906 — געפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער איז שריפטשטעלעריש טעטיק. סוף 1907 — צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז אַקטיוו סיי אַלס זשורנאַליסט, סיי אַלס רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש.

אין 1912 איז אין „קענעדער אָדלער" פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.׳ס קינדער-איינאַקטער „פּסח צום סדר", וואָס איז א״ר פון מחבר אויפגעפירט געוואָרן אין טאָראָנטער ייד. נאַצ. דעמ. שול.

אין 1913 פאַרעפנטלעכט ער אין „קענעדער אָדלער" אַ ראָמאַן „ביים רבין אין הויף", וועלכן ער האָט באַלד דערויף דראַמאַטיזירט און די פּיעסע איז דעם 19 דעצעמבער 1913 אויפגעפירט געוואָרן א״ר פון ראובן ברײנין א״נ „די גאָלדענע קייט" (הסידישע רעאַליסטישע פּיעסע אין 4 אַקטן) אין מאָנטרעאַלער פּיפּלס-טעאַטער (מיט מאָריס און דאָראַ ווייסמאַן אין די הויפּטראָלן). שפּעטער איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין וויניפּעג אין קווינט-טעאַטער.

אין 1916 איז אין מינעאַפּאָליס אויפגעפירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער טרופּע (מאַקס באַדין, לייזער ראָזענשטיין א. א.) מ.׳ס „דער עגאָאיסט, דראַמאַ אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג", וועלכע איז דעם 9. דעצעמבער 1916 אויפגעפירט געוואָרן אין גערטנערס פּאַוויליאָן-טעאַטער אין שיקאַגאָ (מאַקס באַדין, מוני ווייזענפריינד, מאַלי ווייזענפריינד, פּאַולינאַ אָפּערמאַן, משה דארף און גערטנער). דער פּראָלאָג פון דער פּיעסע איז פאַרעפנטלעכט אין שיקאַגער זשורנאַל „דער אידישער קונסט-פריינד" (1916).

אין 1916 איז דורך „ליבהאָבער" אין מינעאַפּאַליס אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס צווייאַקטער „צוריקגעקומען", וואָס איז אין זעלבן יאָר געווען געדרוקט אין שיקאַגער „רעקאָרד" (רעד. — קלמן מרמר).

מ. האָט אויך אָנגעשריבן די איינאַקטיקע קאָמעדיעס „דער טעות" און „אַ זעלבסטשטענדיקע פרוי", וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך „ליבהאָבער" און זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קענעדער אָדלער" און „קענעדער איד" (א״ר פון ב. י. גאָלדשטיין). ער האָט אויך אין כתב-יד אַ קאָמעדיע „מיליאָנען".

מ. איז אייניקע מאָל אויפגעטראָטן אין ראָלן (אין „דבוק" א״ר פון אַרנשטיין אין לאָס אַנדזשעלאָס. אין 1924 אין דער שרייבער-אויפפירונג פון מאָושאָוויטשעס איינאַקטער „הינטער די קוליסן פון אַ רעדאַקציע") און זינט 1932 טרעט ער אָפּט אַרויס מיט אימפּראָוויזאַציעס פון זיינע אייגענע און לוצקיס שאַפונגען.

אין 1929 - האָט מ. רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן אין לאָס אַנדזשעלאָס 2 נומערן פון אַ חודש-זשורנאַל אין יידיש א״נ „האָליוואוד", געווידמעט דעם קינאָ און אין 1932 האָט ער געפּרובט אַרויסגעבן אין באָסטאָן אַ חודש-זשורנאַל „אידישער מוזיקאַלישער זשורנאַל" אין יידיש מיט אייניקע זייטן אין ענגליש.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 298-301.

מאַליי, פּ. ה.

קיין שום ביאָגראַפישע דאַטען זיינען נישטאָ.

אין 1898 איז אין אָדעס אין דער דרוקעריי פון אבא דוכנא דערשינען: „אין דער פינסטערניש, אַ דראַמע אין 4 אַקטען פון פּ. ה. מאַליי" [72 ז. 16°].

לויט אַ באַמערקונג אויף דער פּיעסע, איז זי געשריבן געוואָרן אין 1895 אין כאַרקאָוו.

אויפן רוסישן טעקסט שטייט אַלס מחבר Г. И. Малай.

מאַליץ, פיליפ

געבוירן 1 יאַנואַר 1892 אין קראָסנאָ, גאַליציע. עלטערן — אַרענדאַרן פון אַ קרעטשמע. געלערנט אין חדרים. אין 1902 געקומען אין אַמעריקע צום פאָטער, וועלכער איז פריער אויסגעוואַנדערט אַהין. אין אָנפאַנג פאַרק׳יפט אין גאַס צייטונגען און שוך-בענדלעך, דערנאָך גיאַרבעט אין שאַפּ און אין די אָוונטן געלערנט אין אַ נייט-סקול. שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ דראַמאַטישן קלוב און זיך באַטייליקט אין איינאַקטערס.

נאָכן פאָטערס טויט אַריינגעטראָטן שפּילן אין וואָדעוויל, אַרבעטנדיק גלייכצייטיק (2 יאָר צייט) אין שאַפּ.

נאָכן ווערן אַ מיטגליד אין דער וואָדעוויל-יוניע, געשפּילט אַ האַלבן סעזאָן אין „3-אַקטיקע וואָדעווילן״.

1915 – געוואָרן אַנגאַזשירט צו געבילן און דעביוטירט אין „אַמעריקע גנב״, דערנאָך געשפּילט צו סעזאָנען אין קליוולאַנד און מאָנטרעאַל און נאָכן ווערן אַ מיטגליד אין דער יוניע געשפּילט אין די טרופּעס פון לירִיק, לענאָקס אוירווינג-פּלייס-טעאַטער און 1926-9 – אין נעשאָנאַל-טעאַטער.

1929 – האָט מ. צייטווייליק זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע, איבערנעמענדיק אַ גאַראַזש פון אויטאָמאָבילן.

מ.׳ס פרוי איז די טאָכטער פון אַקטיאָר אברהם פישקינד.

מ. ע.

מאַנדעל, מ. ש.

געווען אַ לערער פון רוסיש אין יעיל-אוניווערזיטעט (אַמעריקע), האָט זיך דערנאָך באַזעצט אַלס כעראָטאַפּיסט אין ניו-הייווען, קאָנעקטיקוט.

אין „פרייע אַרבייטער שטימע״ (נ. י., 3 יאַנואַר – 4 אַפּריל 1903) איז געווען געדרוקט זיין איבערזעצונג פון „דער פאָלקס-פיינד, שוישפּיעל אין 4 אַקטען פון העגריק איבסען. איבערזעצט פון מ. ש. מאַנדעל״.

ש. ע. פון ש. יאַנאָווסקי.

מאַנדעלבליט, יעקב

געבוירן 26 מערץ 1904! אין וואַרשע, פוילן, ביי אָרימע עלטערן. פון 7 ביז 10 יאָר געלערנט אין לובלין, וואוהין די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן, דערנאָך געלערנט 4 יאָר אין אַ פּויליש-יידישער שול. אָנגערעגט דורכן פאָטער (אַן אָפטער טעאַטער-באַזוכער און אַ מיטגליד אין דראַמאַטישע קרייזן), האָט מ. געגרינדעט אין עלטער פון 15 יאָר אַ קינדער-טרופּע, וועלכע האָט יעדן שבת-נאָכמיטאָג אין אַ חתונה-זאַל נאָכגעשפּילט פאַר קינדער דעם רעפּערטואַר, וועלכן

זיי האָבן געזען אין טעאַטער אָדער אין דראַמ. קרייזן. אַן אימפּרעסאַריאָ נעמט באַלד אַריבער די קינדער-טרופּע צו שפּילן אין אַ טעאַטער (וועלכן עס באַזוכן שוין אויך דערוואַקסענע) און קורץ נאָכדעם פאָרט אַרום די טרופּע איבער דער פּראָווינץ.

אין עלטער פון 16 יאָר ווערט מ. אַ שיק-יינגל ביי דער יידישער טרופּע פון הערשקאָוויטש, וואו ער ווערט אַ יאָר שפּעטער סצענאַריוס, דערנאָך סופלער און לסוף רעזשיסער, באַקומענדיק אויך פון צייט צו צייט קלענערע ראָלן.

נאָכן אָפּזיין $2^1/_2$ יאָר אין דער טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אויך אַרום איבער רי ראַנד-געביטן, פאָרט מ. קיין וואַרשע, וואו ער טרעט אַריין אין 1923 אַלס אַקטיאָר אין דער טרופּע פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ, שפּילט מיט זיי 6 חדשים אין ווילנער געגנט און שפּעטער אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער (ביז מאַי 1924), פאָרט אַרום דערנאָך מיט „וויק׳ט״ (ביז מאַי 1926) איבער פוילן און רומעניע, גייט פון דאָרט איבער אין דער „ווילנער טרופּע״, באַטייליקט זיך אין טורנעע מיט פּאָטאָצקאַ איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, 1930-1 – געשפּילט אין „מעוטים-טעאַטער״ אין ריגע (לעטלאַנד) און 1931-32 – אין וואַרשעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער (אָנפירונג – דר. מ. ווייכערט).

מ. האָט זיך אויך באַטייליקט (924.) אין די פילמען „תקיעת-כף״ און „ל׳ו״.

מ האָט אָנגעשריבן די פּיעסעס „דעם נאַרס ליידן״ (אויפגעפירט דורך יאָנאַס טורקאָוו) און „גלייכע רעכט״.

מ. ס פרוי, פּערל אוריך, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

מאַנדעלשטאַרט, לעאָן

[געב 1860 – געשט. 15 מאַי 1899]

געב. 1860 אין וואַרשע, פוילן, ביי אַ געל-הביתישער פאַמיליע. צוליב מיליטער-דינסט אַוועק פון פוילן קיין לעמבערג און דאָרט אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען פון די בראָדערזינגער, דערנאָך געוואָרן אַ סופלער אין לעמבערגער יידישן טעאַטער.

נאָך זיין חתונה מיט ראָזע דינטענפאַס, פאָרט מ. צו זיינע ברידער אין ניו-יאָרק און נעמט איבער אַ קליין טעאַטערל אויף גרענד-סטריט, אָרגאַניזירט דאָרט טרופּע, וועלכע פירט אויף גאָלדפאַדענס פּיעסעס און ער אַליין שפּילט די כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן.

6 יאָר שפּעטער ווערן מ. מיט זיין פרוי, צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן זילבערמאַן און פרוי, צעזאַר און שאַרלאָטע (הורוויץ) גרינבערג, פיינגאָלד (שפּעטער – שאַכט) און לייבעלע שוואַרץ אָנגאַזשירט קיין דרום-אַפריקע דורכן דאָרטיקן טעאַטער-סינדיקאַט. דער רעפּערטואַר, על פּי רוב פון גאָלדפאַדענס פּיעסעס. ווי אויך דאָס שפּילן פון דער טרופּע, האָבן זייער אויסגענומען, אַזוי, אַז דער וועסט-ענד-האָל, וואו די פאָרשטעלונגען זיינען פאָרגעקומען, איז געוואָרן פאַר זיי צו קליין און דער סינדיקאַט האָט גענומען דאָס ראָיאַל-טעאַטער.

מ. איז אָבער קראַנק געוואָרן און אָפּגעפאָרן קיין ווין, וואו ער איז אָפּערירט געוואָרן אויפן מאָגן, און איז דאָרט דעם 15 מאַי 1899 געשטאָרבן.

ש. ע. פון זיין פרוי ראָזאַ מאַנדעלטאָרט.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 197.

ה. הערש — אידיש טעאַטער אין דרום אַפריקע, „דרום-אַפריקע״, 5, 1928.

מאַנדעלקערן, יאָזעף

געבוירן אין ביאַליסטאָק, פוילן, וואו ער איז געווען אַ שרייבער אין דער שטאָטישער קאַנצעלאַריע, שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע און דאָ געשפּילט אין באַלטימאָר ביי טאָמאַשעווסקין.

דעם 21 יולי 1886 פאַרעפנטלעכט מ. אין אַ ניו-יאָרקער יידישער צייטונג אַן אַנאָנס אין נאָמען פון „דיא נייע אידישע טהעאַטער געזעלשאַפט״, אַז יעקב פּ. אַדלער קומט פון אייראָפּע. אויפן חשבון פון צוויי שיקאַגער יידן, דעם באַזיצער פון אַ שניידער-מאַגאַזין דראָזדאָוויטש און דעם שניידער ראָזענגאַרטן, פאָרט מ. קיין לאָנדאָן ברענגען אַדלערן קיין ניו-יאָרק, אָבער אָנשטאָט אַדלערן ברענגט ער מאָגולעסקאָ און פינקעלס טרופּע.

1894-5 איז מ. געווען מענעדזשער אין פּאָלס-טעאַטער ביי אַדלער-טאָמאַשעווסקי.

שפּעטער איז מ. געפאָרן קיין לעמבערג און פון דאָרט געבראַכט די פּרימאַדאָנע בערטאַ טאַנצמאַן.

מ. ע פון מישע נאַכאַמקוס.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 145, 39, 38.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע״, נ. י., 1918, ז. 160.

יעקב פּ אַדלער – „מיין לעבען״, „די נייע ווארהייט״, נ. י., 11 יולי 1925.

באָריס טאָמאַשעווסקי – טאָמאַשעווסקי וועגן אַדלערס ערשטע יאָהרען אין אַמעריקאַ, „מאָז׳ש״, 7, 16 אַפּריל 1926.

מ. אָשעראָוויטש – די ערשטע צוויי אידישע טעאַטערס אין אַמעריקאַ און די ביטערע קאָנקורענץ צווישען זייערע, „פאָרוו.״, נ. י., 30 נאָוו. 1930.

מאַנעס, הערמאַן

געבוירן 23 אַפּריל 1895 אין טוקום, קורלאַנד. פאָטער — אַ שוחט. פון 13 יאָר אָן געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין פּריוואַטע פירמעס.

1919 – אַריינגעטראָטן אין גראַנאָווסקיס סטודיע אין פּעטראָגראַד און גלייכצייטיק אויסגעפירט טעכנישע אַרבעטן ביים אָרגאַניזירן די סטודיע.

מ. באַטייליקט זיך אַלס אַקטיאָר אין אַלע פאָרשטעלונגען פון מימ׳ט פון 1919 ביז 1923. פון דאַמאָלט אָן ווידמעט ער זיך די טעכנישע אַרבעטן אין דאָזיקן טעאַטער.

ש. ע. פון זלמן זילבערבלאַט.

מאַנסדאָרף, אברהם-יעקב

[קעלמאָוויטש]

געבוירן 12 יאַנואַר 1902 אין באַליץ, אַ דערפל אין קעלצער געגנט, פוילן. עלטערן – אַרענדאַטאָרן. פּורים-צייט פלעגן ביים זיידע זיך צונויפקומען אַלע קינדער פון די שכנותדיקע דערפער און דער פאָטער, וועלכער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין טעאַטער נישט געזען, פלעגט זיך פאַרשטעלן און פאַרוויילן דעם עולם.

געלערנט ביי אַ „באַהעלפער״ און שפּעטער אָנגעהויבן לערנען אין דער סטאָפּניצער ישיבה.

1912 – באַזעצט זיך די פאַמיליע אין לאָדזש, וואו מ. ווערט אַ טאָקאַר.

אָנגעהויבן פאַרקערן אין אַרבעטער-פאַראיינען, גרינדעט ער מיט נאָך חברים (אין 1918) די יוגנט-אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״ און אין 1919 טרעט ער אויף אין רייזענס „גוטע ברידער״ אין דראַמקרייז ביי דער אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט ל. גענומען לעקציעס אין דער דראַמאַטישער קונסט ביים אַקטיאָר אליהו שטיין.

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע געוואָרן אַ משרת אין אַ דאָרף, דערנאָך אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער נעמט ווייטער לעקציעס ביי שטיינען, קערט צוריק צו זיין פאַך, אַרבעט גלייכצייטיק אין דראַמקרייזן און פירט אָן מיט פאָרשטעלונגען ביי דראַמקרייזן אין פּראָווינץ.

1925 – געענדיקט די יידישע דראַמאַטישע שול אין וואַרשע און דערנאָך געשפּילט אין דוד הערמאַנס סטודיע (דעביוטירט פּראָפעסיאָנעל פּסח 1925 אין פּרעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״) אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. סוף 1925 – אַנגאַזשירט געוואָרן אין „אַזאַזעל״. דעם 20 סעפּטעמבער 1927 אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע״. שפּעטער געשפּילט מיט בולאָוון בעת זיינע גאַסטראָלן אין רומעניע, דערנאָך אין וואַרשעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער, וואו ער קרעאירט (דעצעמבער 1931) די טיטל-ראָל „אַזעף״ און זינט 1932 צוריק אין „ווילנער טרופּע״.

ש. און מ. ע.

מאַנע, סאָלאָמאָן

[געב בערך 1858 – געשט. 22 יוני 1922]

געבוירן בערך 1858 אין קראָקע, גאַליציע. געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט ביי קרובים. צוליב מיליטער-סבות אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, דאָרט געשפּילט אין פאַרשיידענע קלובן (שפּעטער מיט אַדלערן) און חתונה געהאַט מיט אַ מיטגליד פון אַזאַ קלוב, די שפּעטערדיקע אַקטריסע עני מאַנע. צוליב דער פיקטיווער שרפה געמוזט איבעררייסן דאָס שפּילן אין לאָנדאָן און אין 1892 געקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט די ערשטע צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער

טעאַטער-וועלט און געווען דער ערשטער אין דער ראָל „משה חסיד" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" (1892).

מ. איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע און כעקרעטאַר פון טעאַטריקל טרייד-קאָנסול.

1922 — איז מ. געווען אַקטיאָר און סטיידזש-מענעדזשער אין ניו-יאָרקער פיפלס-טעאַטער. זיין נירן-קראַנקהייט האָט אָבער גע-פירט צו אַ פּאַראַליז און דעם 22 יוני 1922 איז ער געשטאָרבן און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן וואַשינגטאָן-בית-עולם אין ניו-יאָרק.

„מ. איז — לויט אוריאל מזיק — געווען גוט נאָר אין אַלטע ייד, פשוטע, נישט געקינסטלטע מענטשן. זיין יידישער אויסזען, די ניט רירעוודיקייט, די שטילע האַלטונג, האָט געפּאַסט זייער גוט פאַר אַזעלכע ראָלן".

מ.'ס פרוי, עני, שפּילט אויף דער יידישער בינע. פון זייערע 6 קינדער איז איין זון פאַרבונדן מיט דער ענגלישער און איין טאָכ-טער מיט דער יידישער בינע.

מ. ע. פון עני מאַנע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 49.

אוריאל מזיק [אַלטער עפּשטיין] — בילדער גאַלערעע פון אונזערע אידי-שע שוישפּילער, „דער טאָג", נ. י., 25 מאַי 1918.

[—] — נייעס פון דער אידישער טעאַטער-וועלט, „פאָרווּ.", נ. י., 30 יוני 1922.

יעקב פ. אַדלער — „מיין לעבען", „די נייע ווארהייט", נ. י., 7 אַפּריל 1925.

מאַנע, עני

[אייזענבערג]

געבוירן 14 יאַנואַר 1868 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַן עפּאָלעטן-מאַכער. אַ יאָר שפּעטער עמיגרירט די פאַמיליע קיין לאָנ-דאָן, וואו מ. לערנט אין כאַבליק-סקול.

דער אַקטיאָר לייבוש גאָלד, וועלכער שפּילט דאַמאָלט גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר אין שעפער, באַוועגט מ. מיטצושפּילן אין דידאַזיקע פּיעסעס. שפּעטער גייען זיי איבער אין אַ קלאָב אין מענסיל-סטריט, און ווען עס קומען אין לאָנדאָן אַדלער און גראַדנער, גייט די טרופּע איבער שפּילן אין פּרינצעס-קלוב צו כמיט. דאָ האָט מ. חתונה מיטן אַקטיאָר סאָלאָמאָן מאַנע און צוזאַמען שפּילן זיי אין אַ קלאָב אַן אַ דערלויבניש, וואָס פירט צום אַרעסט פון ביידען און זיי מוזן אויפהערן שפּילן.

1892 — פאָרט מאַנע קיין ניו-יאָרק און אַ קורצע צייט נאָכדעם קומט מ. צו איר מאַן. אָבער די ערשטע צייט לאָזט מען זי דאָ נישט שפּילן. ערשט שפּעטער געלונגט איר אויפצוטרעטן ביי אַד-לערן אין גאָרדינס אַ פּיעסע, און זי בלייבט זינט דאַמאָלט שפּילן אַלס מוטער-ראָליסטין מיט אַדלער, טאָמאַשעווסקי, קעסלער, ליפּצין.

1920-22 און 1929 — האָט מ. געשפּילט אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער.

פון מ.'ס 6 קינדער — איז איין זון פאַרבונדן מיטן ענגלישן און איין טאָכטער מיטן יידישן טעאַטער.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 47.

יעקב פ. אַדלער — „מיין לעבען", „די נייע ווארהייט", נ. י., 7 אַפּריל 1925.

מאַנעסאָוויץ, מרדכי-מנוס

געבוירן 15 יולי 1857 אין שאַט, קאָוונער ליטע. פאָטער — אַ פעלדשער. דערצויגן געוואָרן אין יאַנאָווע, געלערנט אין די ישיבות פון ווילקאָמיר, קאָוונע און ווילנע.

1880 — זיך באַזעצט אין ליבאַווע, אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף לערער און געעפנט אַ צוויי-קלאַסיקע שול וועלכע האָט עקסיס-טירט ביז 1910. צוגלייך אַ יאָר צייט געווען דירעקטאָר אין דער ליבאַווער העברעאישער גימנאַזיע. 1919 — געפאָרן צו זיינע קינ-דער אין אַמעריקע, געווען לערער אין דער תלמוד-תורה אין מינעאַפּאָליס, פאַרוואַלטער פון אַ העברעאישער שול אין וואוסטער און לעצטנס אין ניו-יאָרק.

שוין ייִנגלווייז געדרוקט מאמרים און שירים אין דער העברע-אישער פּרעסע און אין קינדער-זשורנאַלן פון אייראָפּע און אַמערי-קע, אויך אין פאַרשיידענע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס און אַרויסגעגעבן ספר ישעיה אין יידיש.

מ. איז געווען אַ מיטגרינדער פון ליבאַווער ליטעראַרישן קלוב „קדימה", פאַר וועלכן ער האָט אָנגעשריבן 12 פּיעסעס, על פּי רוב 1-און 2-אַקטערס. זיין מוזיקאַלישע פּיעסע „די רייכע ירושה" איז אין 1916 געשפּילט געוואָרן דורך דער „ווילנער טרופּע" אין ווילנע.

ער האָט אויך פאַרפאַסט אין העברעאיש אייניקע קינדער-פּיע-סעס. איינע פון זיי „חנה" איז דערשינען אויף יידיש: „מ. מאַנעסאָוויטש. חנה און די זיבן זין, קינדער-דראַמע אין 1 אַקט, יידיש ז. ז. [זילבערצווייג] פ'ג „אונזער טעאַטער" [לאָדז, 1921, 27 ז. 32°]" און ווערט געשפּילט אין די יידישע קינדער-טעאַ-טערס.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 310-11.

מאַנפריד, אַרי

[דוד-אריה פרידמאַן]

געבוירן 18 אַפּריל 1889 אין סובאַלק, פּוילן. פאָטער — אַ סוחר, אַ למדן און אַ משכיל. געלערנט אין חדר, ישיבה. שפּעטער גע-ענדיקט כהנס גימנאַזיע אין ווילנע, שטודירט מעדיצין אין מאָסקווער אוניווערזיטעט און אַלס מיליטער-דאָקטאָר זיך באַטייליקט אין דער וועלט-מלחמה, וואו ער איז געוואָרן פאַרוואונדעט.

זינט 1911 — פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע העברעאישע אויס-גאַבעס אַ ריי קריטישע אַרטיקלען וועגן די פאָרשטייער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור ווי אויך פון דער וועלט-ליטעראַטור.

געשריבן אין יידיש אַ סך, אָבער געדרוקט זייער ווייניק. דערונ-

טאַר א׳פ אַרי מאָנפריד אין „צוקונפט" (ניו-יאָרק, 5-1, 1923), אין דראַמאַטישער פאָרם „לילית, אַ מיטוס אין דריי צייטן".

מ. וואוינט לעצטנס אין ארץ-ישראל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", III, זז. 181-182.

מאָנפריד, לאַזאַרוס (אליעזר)

געבוירן אויגוסט 1885 אין שאַדאָווע, ליטע. באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג און פון 8 יאָר אָן זיך געלערנט שפּילן פידל, צוערשט ביי אַ קלעזמער אין שטעטל און דערנאָך אין שאַוועל.

צו 15 יאָר געקומען אין וואַרשע, שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע וויאָלין און אַלגעמיינע מוזיק. אונטער דער השפעה פון דר. יוסף לוריא און אברהם רייזען פאַרעפנטלעכט לידער אין „דער יוד" און אין „עפּעלבערגס יום-טוב-בלעטער", וועלכע ער האָט אַרום 1903 אָנגעהויבן אַליין אַרויסצוגעבן.

1901 — פאַרפאַסט זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע (טעקסט און מוזיק) פון ליד „ציונס פאָן", געווען טעטיק אַלס כאָר-דיריגענט אין דער כאָר-שול „שערי ציון" און פון אַ געזאַנגס-פאַראיין, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „הזמיר".

נאָכן אויסברוך פון דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה אַוועק צו זיין פאָטער קיין דרום-אַפריקע, וואו ער נעמט אַ נאָנטן אָנטייל אין די דאָרטיקע יידישע צייטשריפטן און קאָרעספּאָנדירט אויך אין דער יידישער פּרעסע פון אייראָפּע און צפון-אַמעריקע.

1907 — צוזאַמען מיט די עלטערן געקומען אין אַמעריקע, וואו ער איז אַ געוויסע צייט געווען אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין „יידישעס טאַגעבלאַט" און זיך באַטייליקט אויך אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס מיט לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען און פּובליציסטישע אַרטיקלען.

אין 1913 איז דערשינען אין ניו-יאָרק „די יידישע דראַמאַ און פאַמיליען-זשורנאַל, ערשיינט מאָנאַטליך, אַרויסגעגעבן פון די פּראָממער פּאָבלישינג קאָמפּאַני, רעדאַקטירט פון אליעזר מאָנפריד" [אָקטאָבער 1913 — יאַנואַר 1914, 32 ז. 16°], און אין 1923 „די אידישע מוזיקאַלישע וועלט און טעאַטער-זשורנאַל, אַ מאָנאַטסשריפט פאַר מוזיקער, לעהרער און שילער פון מוזיק, חזנים, זינגער, שוישפּילער און אַלע ליבהאָבער פון מוזיק און דראַמאַ, אַרויסגעגעבן פון די אידישע פעדעראַציע פאַר מוזיק און דראַמאַ. רעדאַגירט פון לאַזאַרוס מאָנפריד" [ניו-יאָרק, 1-טער נומער — מערץ. צווייטער נומער — אויגוסט-סעפּט. 1923, 32 ז. זשורנאַל-פאָרמאַט]. אין לעצטן זשורנאַל האָט מ. געדרוקט אין פאָרטזעצונגען זיין 4-אַקטיקע דראַמע „אין לעצטן שטורעם".

מ. האָט אויך אָנגעשריבן אַ מוזיקאַלישע דראַמע אין 3 אַקטן „דער גאָט פון מוזיק".

די לעצטע יאָרן איז מ. דער עיקר טעטיק אַלס דירעקטאָר פון מוזיק-שולן און אַלס פידל-פּעדאַגאָג. ער האָט אויך פאַרפאַסט פיל קאָמפּאָזיציעס פאַר פידל, פּיאַנאָ און געזאַנג און האָט אַרויסגעגעבן אין יידיש מעטאָדען פאַר פידל-שפּילן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II, זז. 311-12.

מאַסאָף, זשעניע

[ווינקלער]

געבוירן 1890 אין בוקאַרעסט, רומעניע: פאָטער — אַ שלאָסער.

אין עלטער פון 13 יאָר אַריינגעטראָטן אין כאָר פון יידישן טעאַטער.

1906 — חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר סאַמועל מאַסאָף און זינט דאַמאָלט איבערגעגאַנגען אויף ראָלן און צוזאַמען מיט איר מאַן פאָרמירט אַ קליינע וואַנדער-טרופּע, אין וועלכער זי שפּילט ביז איצט.

ש. ע.

מאַסאָף, סאַמועל

געבוירן 1883 אין רומעניע. פאָטער — אַ פאַרקויפער פון ביכער. פון קינדווייז אָן געצויגן צו דער בינע.

אין עלטער פון 17 יאָר אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער" און זינט 1903 — פּראָפעסיאָנעל אין די טרופּעס פון סעגאַלעסקאָ און גאָלדענבערג. שפּעטער געוואָרן אָנפירער פון קליינע פּראָווינץ-טרופּעס אין רומעניע.

ש. ע.

מאַסטבוים, יואל

געבוירן 1882 אין מעזריטש, פּוילן. פאָטער — אייגנטימער פון אַ גלאָז-הוטע און ציגעלניע. געלערנט אין חדר ביי האַלב-אויפגעקלערטע מלמדים. פון ייִנגלווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו מאָלן, שפּילן און שרייבן. צו 15 יאָר געוואָרן אַ שטובן-מאָלער. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון 1905, האָט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „וועג" (1906) און זינט דאַמאָלט פאַרעפנטלעכט מערערע ווערק.

1917 — האָט מ. פאַרעפנטלעכט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין איין אַקט „אָהן אַ מעלאָדיע" (פ״ג א. גיטלין, וואַרשע).

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II זז. 316-321.

מאָסקאָוויטש ראָמאַנער, יעקב-יוסף

האָט א׳פ יימ׳ר אַרויסגעגעבן אין פּלאָיעשטי (רומעניע) זיין פּיעסע „אסתר אָדער אַסימיליסטען און ציוניסטען".

די פּיעסע איז — לויט זלמן רייזען - געשריבן „דייטשמעריש", אין דעם נוסח פון לאַטיינער און „פּראָפ." הורוויץ.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט." II ז. 324

מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער

[„גאָסעקט״, „גאָסעט״, „מימ׳ט״]



לויט ב. אָרשאַנסקי איז אין סעפּטעמבער 1918, לויט דער באַשטימונג פון דער קאָלעגיע פון יידישן קאָמיסאַריאַט, געגרינדעט געוואָרן ביי זיין בילדונגס־אָפּטיילונג אַ טעאַטער־סעקציע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט מיטן אויסזוכן און גרופּירן אַרום זיך די עלעמענטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן וועלכע ס׳איז ידיעה אין טעאַטער־פראַגן און ווילן ערנסט און אויפריכטיק מיטאַרבעטן מיט דער ראַטנמאַכט. צוליבן סאַבאָטאַזש פון דער אינטעליגענץ, איז אויסגעקומען צו קלייבן אַרום זיך יונגע כחות מיט קנאַפּע טעאַטער־פּראַקטיק. צווישן די ערשטע, וועלכע זיינען געקומען אין דער טעאַטער־סעקציע און האָבן אָפּגעגעבן זייערע כחות און זייער יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, זיינען געווען ליאָוואַ פיינשטיין (קרעמניאָוו) און חיים קראַשינסקי

די ערשטע אַרבעט פון דער טעאַטער־סעקציע איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ יידיש טעאַטער און אַ טעאַטער־סטודיע אין מאָסקווע. אַלס רעזשיסער איז פאַרבעטן געוואָרן דער עלטערער רוסישער פּראָווינציעלער טעאַטער־דירעקטאָר בראַילאָווסקי און ביי זייער שווערע באַדינגונגען, אין הונגער און קעלט, זיינען פאָרגעקומען די פּרובעס. באַלד אָבער איז אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד דער בירגער־קריג און די טרופּע פון דער טעאַטער־סטודיע איז זיך צעפאַלן. די טעאַטער־סעקציע איז אָבער נישט צעשטערט געוואָרן. אַלס איר אָנפירער איז באַשטימט געוואָרן חיים קראַשינסקי און אין 1919 האָט זיך געגרינדעט די ערשטע סטודיע ביים יידישן קאָמיסאַריאַט. דער גרונט־באַשטאַנד אירער איז געווען די וויטעבסקער טעאַטער־סטודיע, וואָס האָט זיך געגרינדעט ביים כייקין־קלוב.

אין 1920 איז דורכן יידישן קאָמיסאַריאַט אַרויסגערופן געוואָרן פון פּעטראָגראַד אַל. גראַנאָווסקי מיט זיין סטודיע און צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער מאָסקווער סטודיע איז באַשאַפן געוואָרן דער יידישער, מלוכהשער קאַמער־טעאַטער.

דער באַשטאַנד פון קאַמער־טעאַטער איז געווען: גראַנאָווסקיס אייניקע סטודיאַנטן, די בעסטע שילער פון דער מאָסקווער סטודיע, וואָס האָט עקסיסטירט ביים יידישן קאָמיסאַריאַט, אייניקע „ליבהאָבער״ פון פּענזע און די מיטגלידער פון דער „ווילנער טרופּע״: שידלא, נאָרוויד, גערטנער און שרה ראָטבוים.

לויט אַל. דייטש און ז. זילבערבלאַט, האָט אַל. גראַנאָווסקי נאָך אין אָנהייב 1919 באַקומען פון דער יידישער סעקציע ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונגס־ענינים דעם אויפטראַג צו עפענען אַ סטודיע. נאָך פּרובעס פון 6 חדשים הייבט אָן די סטודיע דעם 28 יוני 1919 איר טעטיקייט מיט דער אויפפירונג (אין פּעטראָגראַדער געוו. סובאָרין־טעאַטער) פון אַ פּראָלאָג (געשריבן פון אַל. גראַנאָווסקי), „די בלינדע״ פון מאָריס מעטערלינק [איבערזעצט א. מאַגיד], (מוזיק — אַכראָן, דעקאָר. — בענואַ) און „דער זינדיקער״ פון שלום אַש (מוזיק — אַכראָן), רעזשי — אַל. גראַנאָווסקי.

דעם 31 יולי 1919 ווערט אין זעלבן טעאַטער א׳ר פון גראַנאָווסקי אויפגעפירט „אמנון און תמר״ פון שלום אַש (מוזיק — ראָזאָווסקי), „ווינטער״ פון שלום אַש (מוזיק — אַל. קריין, דעק. — מ. דובאָזשינסקי) און „דער בויער״ פון מיכאָעלס (מוזיק — מאַרגאָלין).

דעם 3 יולי 1919 ווערט אין זעלבן טעאַטער, א ר פון אונגערן, אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ״ פון קאַרל גוצקאָוו (איב. — מאַרק ריוועסמאַן, מוזיק — ראָזאָווסקי, דעק. — דובאָזשינסקי).

איצט פאָרט די טרופּע אַרויס גאַסטראָלירן איבער דער פּראָווינץ.

די סטודיע ווערט דערויף פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער. פון די 20 שילער בלייבן בלויז 8 (דערונטער מיכאָעלס, שטיימאַן, קאַרטשמאַר, עפּשטיין, אינגסטער און אַבראַהאַמס)

אויף $1\frac{1}{2}$ יאָר ווערן איבערגעריסן די עפנטלעכע אַרויסטריטן. די טרופּע ווערט דעם 20 נאָוועמבער 1920 אַריבערגעפירט קיין מאָסקווע, אָבער ערשט דעם 1 יאַנואַר ווערט דאָס טעאַטער (אַ קליינער זאַל פון 90 ערטער, דעקאָרירט פון מאַרק שאַגאַל) געעפנט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי מיט אַ שלום־עליכם־אָוונט: „אַגענטן״, „דער פאַרשטערטער פסח״ (מאָנאָלאָג) און „מזל טוב״ (דעק. — מאַרק שאַגאַל, מוזיק — אַכראָן)

דעם 13 מערץ 1921 ווערט א׳ר פון גראַנאָווסקי אין זעלבן בנין אויפגעפירט „פאַרטאָג״ פון א. ווייטער (מוזיק — אַכראָן).

דעם 6 יוני 1921 ווערט א׳ר פון גראַנאָווסקי דאָ אויפגעפירט „גאָט פון נקמה״ פון שלום אַש (דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש).

דעם 22 סעפּטעמבער 1921 ווערט געעפנט דער צווייטער סעזאָן מיט אַ צווייטן שלום־עליכם־אָוונט, אויף וועלכן ס׳ווערט אָנשטאָט „דער פאַרשטערטער פסח״ איצט געשפּילט דער דיאַלאָג „ס׳אַליגן״.

די טרופּע ווערט איצט אַריבערגעטראָגן אין געוועזענעם ראָמאַנאָווסקי קאָנצערט־זאַל, וואָס האָט 500 ערטער.

דעם 9 אַפּריל 1922 ווערט געעפנט דער נייער טעאַטער־בנין מיט אַ נייער אויפפירונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ (רעזשי — אַל. גראַנאָווסקי, איב. — משה ליטוואַקאָוו, מוזיק — ראָזאָווסקי, דעק. — נאַטאַן אַלטמאַן).



דעם 2 דעצעמבער 1922 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי „די כשופמאַכערין, אַ יידיש שפּיל נאָך אברהם גאָלדפאַדען, מוזיק פון אַכראָן אויפן סמך פון די פאַרשיידענע פאָלקס־מאָטיוון פון ז. קיסעלדאָרף און אברהם גאָלדפאַדען, דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש״.

דעם 28 יוני 1923 ווערט אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי „200 טויזנט, מוזיקאַלישע קאָמעדיע לויט שלום־עליכם, לידער געשריבן פון י. דאָברושין און נ. אויסלענדער, מוזיק — ל. פולווער, דעק. — א. סטעפּאַנאָוו, קאָסטיומען — ראַביטשעוו״.

אין 1923 ווערט אויך געגעבן אַ בונטער אָוונט פון סקעטשעס, לידער און טענץ א׳נ „קאַרנאַוואַל פון יידישע קאָמעדיאַנטן״ און די טרופּע פאָרט אָפּ גאַסטראָלירן קיין מינסק.

דעם 3 יאַנואַר 1924 קומט פאָר אין מאָסקווע די דערעפענונג פון 4־טן סעזאָן מיט אַ שלום־עליכם־אָוונט, אויף וועלכן ס׳ווערט א׳ר פון גראַנאָווסקי אויפגעפירט דאָס פריערדיקע פּראָגראַם, בלויז אָנ־

שטאָט „ס׳אַליגן״ ווערט איצט געשפּילט „דער גט״ (מוזיק—א. קריין, דעק. און קאָסט. — ראַביטשעוו).

דעם 28 מערץ 1924 ווערט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי אויפגעפירט אַ פּאַראַדיע־אָוונט א׳ט „די דריי פּינטעלעך ייד״, (פּרינץ פאָן פלאַסקע דריגא״, „שרה וויל אַ נעגער״ און „אַ נאַכט ביים רבי״), טעקסט פון גראַנאָווסקי, דאָברושין און אויסלענדער. מוזיק — ל. פּולווער׳ דעק. און קאָסט. — ראַביטשעוו און סטעפּאַנאָוו.

די טרופּע פאָרט איצט אויף אַ טורנעע איבער אוקראַאינע און ווייסרוסלאַנד און עפנט דעם נייעם סעזאָן אין מאָסקווע דעם 7 פעברואַר 1925 א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי מיט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, טראַגישער קאַרנאַוואַל אין 2 אַקטן נאָך י. ל. פּרץ (פון אַל. גראַנאָווסקי), מוזיק ,— א. קריין, דעק. און קאָסט. — ד. פאַלק״.

די טרופּע פאָרט איצט ווידער אויף אַ טורנעע איבער אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד און בעת דעם טורנעע פּערפילמט זי א׳ר פון גראַנאָווסקי „יידישע גליקן״, לויט שלום־עליכמס „מנחם מענדל״.

דעם 17 יאַנואַר 1926 ווערט אין מאָסקווע, א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי, אויפגעפירט „דאָס צענטע געבאָט, אָפּערעטע־פּאַמפלעט לויט אברהם גאָלדפאַדען, פון י. דאָברושין, מוזיק — ל. פולווער, דעק. און קאָסט. - נאַטאַן אַלטמאַן״.

נאָך אַ נסיעה איבער דער פּראָווינץ ווערט דעם 8 יוני 1926 אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי אין קיעווער טעאַטער סאָלאָווצאָוו אברהם וויעוויאָרקאַס „137 קינדער־הייזער [געדרוקט א״נ „אַף דער גרעניץ״], מוזיק — ל. פולווער, דעק. און קאָסט. — נאַטאַן אַלטמאַן״.

צוריקגעקומען אין מאָסקווע, ווערט דאָ דעם 9 יאַנואַר 1927 א״ר פון אַל. גראַנאָווסקי אויפגעפירט זשול ראָמענס „טרואַדעק, עקסצענטרישע אָפּערעטע, יידיש און לידער פון איזי כאַריק און אַקסעלראָד, מוזיק - ל. פולווער, דעק. און קאָסט. — נאַטאַן אַלטמאַן״.

דעם 20 אַפּריל 1927 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי „מסעות בנימין השלישי, עפּאָפּעא אין 3 אַקטן נאָך מענדעלע מוכר ספרים, באַאַרבעט און לידער פון י. דאָברושין, מוזיק — ל. פולווער, דעק. און קאָסט.—ר. פאַלק״.

דעם 7 נאָוועמבער 1927 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי ליפּע רעזניקס „אויפשטאַנד, מוזיק — ל. פולווער, דעק. און קאָסט. — ראַביטשעוו״.

דעם 4 מערץ 1928 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי „לופט מענטש, עקסצענטרישע אָפּערעטע, נאָך שלום־עליכם פון י. דאָברושין, מוזיק — ל. פולווער, דעק. און קאָסט. — דוד שטיינבערג״.

די טרופּע פאָרט איצט אויף אַ טורנעע קיין מערב־אייראָפּע, וואו זי הייבט אָן שפּילן 1928 אין בערלין, דערנאָך אין פראַנקפורט, מאַנהיים, קאַרלסרוהע, סאַאַרבריקען, שטראַסבורג, פּאַריז, בריסל, אַנטווערפּן, אַמסטערדאַם, ווין, בערלין, האַמבורג און ווידער בערלין.

דאָ ציט זיך צוריק גראַנאָווסקי פון דער טרופּע, פאַר וועלכער דער סאָווקאָמיסאַר ש. פּאַלאַטניק ווערט באַשטימט אַלס דירעקטאָר, און די טרופּע קערט זיך צוריק קיין ראַטנפאַרבאַנד.

דעם 11 אָקטאָבער 1929 ווערט אין מאָסקווע אויפגעפירט, א״ר פון פ. קאַווערין, „דאָס געריכט גייט, פּיעסע אין 3 אַקטן פון י. דאָברושין, מוזיק — ל. פולווער. דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש״.

דעם 15 יאַנואַר 1930 ווערט א׳ר פון ס. ע. ראַדלאָוו אויפגעפירט „דער טויבער, פּיעסע אין 3 אַקטן פון בערגעלסאָן, מוזיק — ל. פולווער, טענץ - יעל. מענעס, דעק. — איסאַק ראבינאָוויטש״.

דעם 4 יולי 1930 ווערט דאָ אויפגעפירט, א׳ר פון ב. קאַווערין, „הרעבליעס פון ה. אָרלאַנד (דראַמאַטיזירט דורכן מחבר פון זיין ראָמאַן), מוזיק — ל. פולווער, דעק. - ס. שאַריקאָוו און יע. כייפעץ״.

דעם 22 פעברואַר 1931 ווערט דאָ אויפגעפירט „ניט געדייגעט, פּיעסע אין 4 אַקטן פון פ. מאַרקיש, קאָמפּאָזיציע פון ספּעקטאַקל ס. ע. ראַדלאָוו, רעזשי — ס. ע. ראַדלאָוו און ס. מ. מיכאָעלס, דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש, מוזיק — ל. פולווער״.

דעם 7 נאָוועמבער 1931 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון ס. ע. ראַדלאָוו און ס. מ. מיכאָעלס „4 טעג (יוליס), פּיעסע אין 3 אַקטן פון מ. דאַניעל, טעקסט אין דער באַאַרבעטונג פון ס. מיכאָעלס, מוזיק — ל. פולווער, דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש, טענץ — יעל. מענע״.

דעם 12 מערץ 1932 ווערט דאָ אויפגעפירט א׳ר פון ס. מ. מיכאָעלס „ספּעץ, פּיעסע אין 3 אַקטן פון י. דאָברושין און י. נוסינאָוו, מוזיק — ל. פולווער, דעק. — א. סטעפּאַנאָוו״.

דער באַשטאַנד פון טעאַטער איז (לויט א״ב): אימעניטאָוואַ, אשכנזי מירע, אַבראַגאַם ידאַ, באָסלאַווסקי אברהם, בערקאָווסקאַ אידאַ, גערטנער יאַקאָוו, גאָלדבלאַט מוישע, ווינער, זילבערבלאַט זלמן, זוסקין בנימין, טשעטשיק דוד, ייצאַקי, כאַזאַק טויוויע, לעוויטאַס זשעניע, לוקאָווסקי הערש, לוריע, מאַזור, מיכאָעלס ס. מ., מינקאָוואַ יוכבד־יהודית, ניי מאָזעס, עפּשטיין זשעניע, פינקעלקראַוט דניאל, קאַרפּאַס יהודית, קאַרטשמאַר אסתר, ראָגאַלער אליהו, ראָזינאַ לאה, ראָם, ראָטבאַום שרה, שאַפּירא, שידלא יוסף, שטיימאַן מיכאַאיל.

דער געהילפס־באַשטאַנד נעמט אַריין: דיאַמאַנד, העלפאַנד, מינסקער, פוסטילניק, פאַבריקאַנט, ציבולעווסקי, קאַראַללי, קורץ, שאַפּיראָ מ., שעכטער.

אויסער זיי באַטייליקן זיך אין די פאָרשטעלונגען די סטודענטן פון מאָסקווער מלוכהשן יידישן טעאַטראַלן טעכניקום ביים טעאַטער.

וועגן דער טעטיקייט פון טעאַטער זיינען געשריבן געוואָרן אָן אַ שיעור אַרטיקלען און רעצענזיעס. עס זיינען אויך אַרויס ספּעציעלע אויסגאַבן וועגן דער ארבעט פון טעאַטער און איינצעלנע מיטגלידער זיינע.

אין 1919 זיינען אין פּעטראָגראַד דערשינען אין יידיש און רוסיש בראָשורן געווידמעט דער דערעפנונג פון טעאַטער.

אין 1924 איז אין קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג „קולטור ליגע" (קיעוו) דערשינען אַ זאַמלונג „מאָסקווער אידישער מעלוכישער קאַמער־טעאַטער".

דער נומער 89 (1924) פון רוסישן טעאַטער־זשורנאַל „Зрелища" איז געווידמעט דעם 5־יאָריקן יובילײ פון טעאַטער.

מ. ליטוואַקאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „פינף יאָר מעלוכישער אידישער קאַמער־טעאַטער" (מאָסקווע, 1924, 144 ז.).

י. לובאָמירסקי אין זיין בראָשור „דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער" (מאָסקווע 1926) ווידמעט אַ ספּעציעל קאַפּיטל דעם מימ'ט.

אין 1927 איז דערשינען אין מאָסקווע אין דער רוסישער שפּראַך אַ בראָשור פון אל. דייטש א״נ „Маски еврейского театра" [48 ז. 32°].

אין 1927 איז אין מאָסקווע דערשינען אין דער רוסישער שפּראַך אַ בראָשור פון מ. זאַגאָרסקי „Михоэлс" [32 ז. 32°].

אין 1928 איז אין בערלינער פאַרלאַג „די שמידע" דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך אַ זאַמלונג „Das Moskauer Jüdische Akademische Theater" [28 ז. 12°].

אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1928 איז אין ווין דערשינען דער דאָפּל־נומער 5-6 פון „יידיש, חודש־זשורנאַל פאַר יידישע קולטור־ענינים אין ווין".

נומער 17 (1928) פון „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע) איז געווען געווידמעט דעם מימ'ט.

אין 1931 איז אין מינסק דערשינען ב. אָרשאַנסקיס „טעאַטער־שלאַכטן", אין וועלכן ער ווידמעט פיל קאַפּיטלעך דעם מימ'ט.

ש. ע. פון זלמן זילבערבלאַט.

בראָשור געווידמעט דער עפנונג פון טעאַטער [אַרטיקלען פון לעווידאָוו. גראַנאָווסקי, ריוועסמאַן און מיכאָעלס], פּעטראָגראַד, 1919.

נאַטאַן אלטמאַן — דער מעלוכישער אידישער קאַמער טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע 29 סעפּטעמ. 1921.

א. וויעוויאָרקע — אַ אידישער טעאַטער־סטיל, „עמעס", מאָסקווע נ׳ 78, 1921.

אַ. וויעוויאָרקע — „גאָט פון נעקאָמע" אין מלוכישן אידישן טעאַטער. „עמעס", מאָסקווע, 25 יאַנואַר 1922.

מ. ליטוואַקאָוו — פון די אָקטיאַבער־ניסים, „עמעס", מאָסקווע, 13 אַפּריל 1922.

אַ. וויעוויאָרקע — אַ יאָמטעוו, דאָרט.

איסאַאַק ראַבינאָוויטש — „אוריאל אַקאָסטאַ" אין מלוכישן אידישן טעאַטער, „עמעס". מאָסקווע, 13 אַפּריל 1922

משה בראָדערזאָן —ביידע קוני לעמלעך, „טעאַטער און קינאָ". לאָדזש, 1, 1922.

ש. קאָלדאָווסקי — וואָס שפּילט מען אין דעם אידישן טעאַטער פון מאָסקווע ?, „פאָרוו.", נ. י., 4 אָקט. 1922.

ש. קאָלדאָווסקי — דאָס יידישע קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע „טעאַטער און קינאָ", לאָדזש, 13, 1922.

אַ. קושניראָוו — די „קישעפמאַכערין" אין אידישן קאַמער טעאַטר, „עמעס", מאָסקווע, 14 דעצעמבער 1922.

מ. ליטוואַקאָוו — די „קישעפמאַכערין" אין אידישן קאַמער טעאַטר, „עמעס". מאָסקווע 16 דעצעמבער 1922.

י. דאָברושין — פון וואָלקן צו פייער (1919-1923), „עמעס", מאָסקווע, 21 יאַנואַר 1923.

מ. ליטוואַקאָוו — ש. אלייכעם אין אידישן קאַמער טעאַטר, דאָרט.

באָרעך — געדאַנקען וועגן אידישן טעאַטר, „דער רויטער שטערן", וויטעבסק, 10 פעברואַר 1923.

משה טייטש — גאָלדפאַדען אויף אַ נייעם שטייגער, „טעאַטער און קונסט", לאָדזש, 5, 1923.

מ. סימינזאָן — „די קישעפמאַכערין", „דער וועקער", מינסק, 13 יולי 1923.

ש. מיכאָעלס — דער נייער אידישער קאָמעדיאַנט, „דער וועקער", מינסק, 19 יולי 1923.

משה טייטש — דער מאָסקווער אידישער קאַמער־טעאַטר קלייבט זיך קיין אַמעריקע, „פרייהייט", נ. י., 5 אָקט. 1923.

י. דאָברושין — „דאָס גרויסע געווינס" אין מלוכישן אידישן קאַמער טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע, 25 אָקטאָבער 1923.

Huntley Carter — "The new Spirit in the Russian Theatre", Brentano's Ltd., London, 1924, pp. 87-100, 181, 235-39, 247, 269.

Nico Rost — „Kunst en Kultur in Sowjetrusland", Em. Querido, Amsterdam, 1924, pp. 25-31.

Huntley Carter — „The new Theatre and Cinema of Soviet Russia", Chapman & Dodd Ltd., London, 1924, pp. 161-170.

„מאָסקווער אידישער מעלוכישער קאַמער־טעאַטער" (זאַמלונג, „קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1924).

מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר מעלוכישער אידישער קאַמער־טעאַטער", מאָסקווע, 1924.

[מ. ליטוואַקאָוו] - גאָלדפאַדנס „כשופמאַכערין" אין מאָסקווער יידישן קונסט טעאַטער. „ליטבל״ט", וואַרשע, 1, 1924.

[מ. ליטוואַקאָוו] — שלום־עליכם אין מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער, „ליטבל״ט", וואַרשע, 4, 1924.

י. פעליצין — דער מאָסקווער מלוכהשער יידישער קאַמער־טעאַטער, „ליטבל״ט", וואַרשע, 12, 1924.

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי דער אידישער קאַמער „טריאַטער" אין מאָסקווע, „פאָרוו.", נ. י., 25 אַפּריל 1924.

משח טייטש — די דריי פינטעלאַך איד אין אידישן קאַמער טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 9 מאַי 1924.

רייע בענעט — „דאָס גרויסע געווינס" אין מאָסקווע, „פרייהייט", נ. י., 20 יוני 1924.

אַל. גראַנאָווסקי — ווי אַזוי די פּראָווינץ פון רוסלאַנד האָט אויפגענומען אונזער טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 7 נאָוו. 1924.

Huntley Carter — „The new Spirit in the European Theatre", London, Ernest Ben Lim., 1925, pp. 235-36.

א. ראַבינאָוויטש -- „ביינאַכט" אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער, „נייערד", מאָסקווע, 1, 1925.

מייקל גאָלד — אידישער טעאַטער אין מאָסקווע, „פרייהייט", נ. י., 25 מערץ 1925.

Nico Rost — Granowskij, „Der Querscnitt", Berlin, Juni, 1925.

אַ. דינין — דער מאָסקווער אידישער טעאַטער אין אָדעס, „פרייהייט", נ. י., 4 סעפּט. 1925.

נ. מייזיל — פינף יאָר יידישער קאַמער־טעאַטער אין רוסלאַנד, „ליטבל״ט", וואַרשע 46, 1925.

נ. ראָסט — גראַנאָווסקי, „ווילנער טאָג", 2 אָקט. 1926.

(Брошюра, посвященная открытию театра — статьи Левиндова, Грановского, Ривесмана и Михоэльса), Петроград, 1919 г. Издание Еврейского Театрального Общества.

Г. Ромм — Еврейский Камерный Театр, «Жизнь искусства», Петроград, 5—6 июля 1919 г.

Г. Ромм — Еврейский Камерный Театр, «Жизнь искусства», 8 июля 1919 г.

Михоэльс — Гольдфаден и Евр. Камерный театр, «Зрелища № 8, Москва, октябрь, 1922 г.

Абрам Эфрос — Перед раскрывающимся занавесом. «Театр и музыка», № 9, Москва, ноябрь 1922 г.

С. М. — Колдунья в Госекте, «Зрелища» № 16, Москва, декабрь 1922 г.

Уриэль — «Брамбилла» за Бронной, «Известия ВЦИК», Москва, 13 декабря 1922 г.

Андрей Соболь — Новый день Еврейского Театра, «Театр и музыка» № 12, Москва, 19 декабря 1922 г.

М. Ильин — Колдунья по Гольдфадену, «Правда», Москва, 19 декабря 1922 г.

А. Кушниров — Колдунья в Еврейском Камерном Театре, «Зрелища», № 17, Москва, 19—25 декабря 1922 г.

А. Напер — «4» (1919—1923), «Программы Моск. Госуд. и Академ. Театров», Москва, 18 января 1923 г.

Л. Н. — «Колдунья», «Звезда», Минск, 14 июля 1923 г.

М. Лиров — Культ «Бури и натиска». «Звезда», Минск, 15 июля 1923 г.

Ал. Грановский — Еврейский Театр, «Звезда», Минск 20 июля 1923 г.

З. Бядуля — Дзярджауны Жыдоускі Камерны Театр, «Совецкая Бела Русь», «Мінск, 31 июля 1923 г.

Р. Д. — «200.000» Шолом Алейхема, «Известия ВЦИК», Москва, 8 октября 1923 г.

И. Л. — «200.000» Шолом Алейхема, «Известия ВЦИК», Москва, 8 октября 1923 г.

Б. — Открытие Еврейского Камерного Театра, «Правда», Москва, октябрь 1923 г.

В. Ардов — «200.000», »Зрелища», № 64, Москва. 24 ноября 1923 г.

М. Лиров — Государственный Еврейский Камерный Театр, «Прожектор», Москва, 31 декабря 1923 г.

«Зрелища», № 89, 1924 г.

Д. Мееров — Еврейский Камерный Театр «Рампа», 8—13 января 1924 г.

Н. Шифрин — «200.000», Еврейский Камерпый Театр в Москве, «Русское Эхо», Берлин, 20 апреля 1924 г.

Влад. Блюм — В массы, «Новый зритель», 27 мая 1924 г.

К. Фармарин — К юбилею госекта, (там).

Ушин — Державный Еврейский Камерный Театр, «Бильшовик, «Київ, 7 июня 1924 г.

Х. Токарь — «200.000», «Пролетарская правда», Киев, 10 июня 1924 г.

Х. Токарь — «Колдунья», «Пролетарская правда», Киев, 11 июня 1924 г.

Б. Маковский — Еврейский Камерный Театр, «Полесская Правда», Гомель, 11 июля 1924 г.

И. Крути — Гастроли Госекта, «Известия», Одесса. 2 августа. 1924 г.

И. Крути — В спорах о Госекте, «Известия», Одесса, 3 августа, 1924 г.

И. Матеиска — Привет Госекту! «Молодая Гвардия», 10 августа, 1924 г.

Александр Дейч — Еврейский Камерный Театр. «Пламя», Харьков. сентябрь 1924 г.

Эр. — «Ночь на старом рынке», — «Известия ВЦИК», Москва, 13 февраля 1925 г.

П. М. — «Ночь на старом рынке», «Правда», Москва. 14 февраля 1925 г. [(П. М. = П. А. Марков)].

Евг. Браудо — Музыка Ал. Крепяна, к «Ночи на старом рынке», «Правда», Москва, 14 февраля 1925 г.

Л. С. — Музыка Ал. Крепяна, к «Ночи на старом рынке», «Известия ВЦИК», 17 февраля, 1925 г. (Л. С = Леонид Сабанеев).

Х. Токарь — «Ночь на старом рынке», в Моск. Госуд. Еврейском Театре. «Пролетарская Правда», Киев 18 февр 1925 г.

А. Цеповский — «Ночь на старом рынке», в госекте «Известия», Одесса, 12 апреля 1925 г.

С. Марголин — Трагический Карнавал. «Всемирная Иллюстрация» № 3, Москва, 1925 г.

Ал. Дейч — «Маски еврейского театра», Москва. 1927 г.

М. Загорский — «Михоэльс», Москва. 1927 г.

Л. Сабанев — Александр Крейн, Музык. Сектор Госуд. Изд., Москва, 1928 г.

Абрам Эфрос — Художники театра Грановского «Искусство (Книга 1—2), том IV, Москва 1928 г.

А. Р. Кугель — «Профили театра», Москва, 1929 г.

М. Бенедиктовъ — «200.000», «Послѣднія Новости» Парижъ, 15 іюня 1928 г.

К. П. — «Путешествіе Веніамина III», «Дни», Парижъ 21 іюня 1928 г.

К. П. — Актеръ новой формаціи, «Дни», Парижъ 25 іюня 1928 г.

А. Р. Кугель — «Профили театра», Москва, 1929 г.

י. ליובאָמירסקי — „דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער", מאָסקווע 1926

אַ. גורשטיין — פון גאָלדפאַדען ביז גראַנאָווסקי, „ליטבל"ט", וואַר־שע, 96, 1926.

י. דאָברושין — גאָלדפאַדען און גראַנאָווסקי, „דער האַמער", נ. י. דע־צעמבער 1926.

[—] — דער סאָוויעטישער טעאַטער [אין „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927]

ה. ד. נאָמבערג — דער יידישער טעאַטער אין מאָסקווע, „פאָרוו.", נ. י., 9 אַפּריל 1927.

אַב קאַהאַן — דער אידישער און ניט־אידישער טעאַטער איצט אין רוסלאַנד, „פאָרוו.", נ. י., 18 דעצ 1927.

מאַרק שאַגאַל — מיין אַרבעט אין מאָסקווער יידישן קאַמער-טעאַטער, „יידישע „די וועלט", ווילנע 2 1928.

ש. כּאלאַטניק — די רעפּערטואַר־פראַגע אין מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע, 16 פעברואַר 1928.

מ. ליטוואַקאָוו — ווידער צוויי אויפירונגען, „עמעס", מאָסקווע, 7,6 אַפּריל 1928.

L. Sabanejew – Alexander Krein, Musik Sektion Staats-Verlag, Moskau, 928.

Alfred Kerr – Moskauer Jüdisch-Akademisches Theater, „Berliner Tageblatt", Berlin, 12 April 1928.

F. Junghaus — „200.000", „Preussische Zeitung" („Kreuz-Zeitung"), Berlin, 14 April 1928.

Embell — Das Moskauer Jüdische Akademische Theater, „Berliner Fremden Blatt", 16 April 1928.

Herbert Ihering – „200.000", „Magdeburgische Zeitng", Magdeburg, 16 April 1928.

הערמאַן סוועט — גרויסער דערפאָלג פון מאָסקווער אידישן אַקאַדעמישן טעאַטער אַין בערלין, „פרימאָרגן", ריגע, 20 אַפּריל 1928.

אָלפרעד קער — מאָסקווער יידישער אַקאַדעמישער טעאַטער, „ווילנער טאָג", 20 אַפּריל 1928.

א. ס. לידיק — שימעלע סאָראָקער אַלס רעוואָלוציאָנער, „היינט", וואַרשע, 20 אַפּריל 1928.

הערמאַן סוועט — דער ערשטער אַרויסטריט פון מאָסקווער יידישן קאַמער טעאַטער אין בערלין, „דער מאָמענט", וואַרשע, 22 אַפּריל 1928.

אַ. בירענצווייג — „צוויי מאָל הונדערט טויזענד", דער גרויסער ערפאָלג פון מאָסקווער אידישען קאַמער-טעאַטער אין בערלין, „לאָדזשטגבל"ט", 24 אַפּריל 1928.

Ernst Heilborn – „200.000", „Frankfurter Zeitung", Frakfnrt a/M., 24 April 1928.

E. K. – Das Moskauer Jüdische Akademische Theater, „Germania", Berlin, 26 April 1928.

פריץ ענגעל — אויפפירונג פון „מסעות בנימין השלישי" פון מאָסקווער ייד מלוכה-טעאַטער, יידיש מ. — קי., „פרימאָרגן", ריגע, 27 אַפּריל 1928.

Sch. Gorelik – „Die Hexe", „Jüdische Rundschau", Berlin, 4 Mai 1928.

Max Kolpe – Kollektivkust gleich Volkskunst, „Jüdische Rundschau", Berlin, 4 Mai 1928.

„Das Moskauer Jüdische Akademische Theater", Verlag „Die Schmide", Berlin, 1928.

Alexander Granach – Gruss an Granowsky, „Das 12 Uhr Blatt", Berlin, 16 Mai 1928.

ש י. דאָרפזאָן — אינטער אַ סאָציאַלן פאָרהאַנג, „אילוסטרירטע וואָך", וואַרשע, 17, 1928.

„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 17, 1928 [מיט אַרטיקלען פון אַ. גראַנאָווסקי, מיכאל וואָפסי, ב. זוסקין, דוד בערגעלסאָן, נחמן מייזיל, הערמאַן סוועט].

י. פ-ק — התיאטרון היהודי ממוסקבה בברלין, „העולם", לאָנדאָן, 18 מאַי 1928.

Alexander Granach – Gruss an ein Theater, „General Anzeiger", Frankfurt a/M., 18 Mai 1928.

Bernard Diebold – Volksstük mit Gesang, „Frankfurter Zeitung", Frankfurt a/M., 19 Mai 1928.

Dr M. W. – Theater der Armut, „Offenbacher Zeitung", Offenbach, 19 Mai 1928.

Bernhard Diebold – „Reise Benjamins III", „Frankfurter Zeitung", Frankfnrt a/M., 24 Mai 1928.

Ludwig Marcuse – „Die Reise Benjamins des Dritten", „General Anzeiger", Frankfurt a/M., 24 Mai 1928.

Joseph Roth – Jiddisches Theater, „Neue Badische Landes-Zeitung", Manheim, 31 Mai 1928.

Al. Granowsky – Wir wollen.. „Manheimer Tageblatt", Manheim, 1 Juni 1928.

Gs Br – Un spectacle unique, „Journal de L'Est", Strasbourg, 5 Juin 1928.

Dr R. – Gastspiel des Moskauer-Jüdisch-Akademischen Theaters, „La République", Strassburg, 9/6 1928.

אַלעקסאַנדער דייטש — די גראַנאָווסקי־בינע, „די 7 טעג אילוסטרירט", פּאַריז, 1, 1928.

דזשעק — מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי לויט מענדעלע מויכער ספאָרים, „אַרבעטער־שטימע", פּאַריז, 25. 1928.

וו. גראָסמאַן — דאָס יידישע אַקאַדעמישע טעאַטער אין שלום עליכמס „200,000", „די 7 טעג אילוסטרירט", פּאַריז, 2, 1928.

י. דאָברושין — די דייטשע פרעסע וועגן די גאַסטראָלן פונם מאָס־קווער מעלוכישן אידישן טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע, 10 מאַי 1928.

אַ. ס. ליריק — „איזראעל שפּילט מיט זיין שאָטען", צו די גאַסטראָלען פון מאָסקווער אידישן מלוכה טעאַטער, „היינט", וואַרשע, 24 מאי 1928, „פּאַריזער היינט", 28 מאַי 1928.

דזשעק — אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דאָס מאָסקווער ייד. קונסט-טעאַטער, „אַרבעטער שטימע", פּאַריז, 9 יוני 1928.

נחום אַראָנסאָן — אין דעם מאָסקווער אידישן טעאַטער, „די 7 טעג אילוסטרירט", פּאַריז 12 יוני 1928.

נ. פראַנק – נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון מאָסקווער אַקאַדע־מישן טעאַטער אין פאריז, „פּאַריזער היינט", 13 יוני 1928.

אַרטור האַליטשער — די אַטמאָספערע פונם גראַנאָווסקי-טעאַטער, יידיש ט. ביילין, „פרעסע", ב"א, 17 יוני 1928.

וול. גראָסמאַן — די פּרעמיערע, „די 7 טעג אילוסטרירט", פּאַריז, 19 יוני 1928.

אַ. הירשין — די מוזיק ביים מאָסקווער יידישן אַקאַדעמישען קונסט־טעאַטער, „פּאַריזער היינט", 22 יוני 1928.

דזשעק — „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי", „אַרבעטער שטימע", פּאַריז, 23 יוני 1928.

אהרן בעקערמאַן די מאָסקווער אין פּאַריז, „פּרעסע", ב'א, 13 יולי 1928.

י. שאַיאַק – דאָס מאָסקווער אידישע אַקאַדעמישע טעאַטער. איז דאָס קונסט אָדער אַ פּורים־שפּיל, „פּאָסט", לאָנדאָן, 13 יולי 1928.

אַ פּראָזאָווער – סימבאָליזם און רעאַליזם אויף דער אידישער בינע, „פּאָרוו." נ. י., אויגוסט 1928.

מ. פלאַקסער – די פאָרשטעלונגען פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 24 אויגוסט 1928.

ב שעפנער – דאָס מאָסקווער יידישע קאַמער-טעאַטער אויף זיין טריומף-רייזע, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 29 אויגוסט 1228, „פּרע-סע", ב'א, 28 סעפּט. 1928.

ב. שעפנער – דער פאַרביקער סמבטיון, שלום עליכמס „200 טויזנט" אין מאָסקווער קאַמער-טעאַטער, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 4 סעפּט. 1928, „פּרעסע", ב'א, 5 אָקטאָבער 1928.

Jean Bastía – Soirée pharisienne, „La Rumuer", Paris, 12/6 1928.

Guillot de Saix - „200.000", „La Rumuer", Paris, 12/6 1928

Paul Achard - „200.000", „Paris Midi", Paris, 12/6 1928.

James de Coquet – „200.000", „Le Figaro", Paris, 13/6 1928

Parijanine — „200.000", „L'Humanite", Paris, 13/6 1928.

Pierre Veber - Représantations du Théâtre Juif de Moscou, „Le Petit Journal", Pa is, 13/6 1928.

Robert Kemp — „200.00", „La Libretè", Paris, 13/6 1928.

Louis Schneider — „200.000", „Le Gaulois", Paris, 13/6 1928.

Gabriel Boissy - La premier spectacle du Théâtre Académique Juif, „Comedia", Paris, 13/6 1928.

Pierre Lasareff - Granowsky derant les Juifs..., „Paris Midi", Paris, 13/6 1928.

Paul Achard - „200.000", „La Presse", Paris, 13/6 1928.

Lazare Rachline - „200.000", „La Jeunesse Juive", Paris, 13/6 1928.

Lucien Desaves - „200.000", „L'Intransigeant", Paris, 15 juin 1928.

Pierre Loiselet - „200 000", „Le Soir", Paris, 15 juin 1928.

J. Bielinky - Le Théâtre Acadèmique Juif de Moscou, „Menorah", Paris, 15 juin 1928.

Noziere – „Le Voyage de Benjamin III", „La Rumuer", Paris, 20 juin 1928.

Fortunat Strowski - „Le Voyage de Benjamin III", „Paris Midi", 20 juin 1928.

Paul Achard – „Le Voyage de Benjamin III", „La Presse", Paris, 20 juin 1928.

Interim – „Le Voyage de Benjamin III", „Le Figaro", 21 juin 1928.

Lucien Descaves – „Le Voyage de Benjamin III", „L'Intransigeant", Paris, 21 juin 1928.

Maurice Rostand – „Le Voyage de Benjamin III", „Le Soir", Paris, 21 juin 1928.

Paul Reboux – „Le Voyage de Benjamin III", „Paris Soir", 21 juin 1928.

Parijanine – Deux Théâtres Acadèmique de Moscou á Paris, „Monde", Paris, 23 juin 1928.

„יידיש" חודש-זשורנאַל פאַר יידישע קולטור־ענינים אין ווין נומער 5-6, ווין, אויגוסט-סעפּטעמבער 1928

ז. לעוו – פון ירדן ביז וואָלגע, „יידיש", ווין, 5-6. 1928.

[–] – צו דער געשיכטע פונם יידישן מלוכה-טעאַטער אין מאָסקווע, דאָרט

ער־בנ – די גאַסט-שפּילן פון מאָסקווער ייד. אַקאַדעמישן טעאטער, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּן, 10 1928.

א. ספּאַרטאַקיסט – דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאַטער אין בעלגיע, „שטערן", כאַרקאָוו, 16 סעפּט 1928.

הערמאַן סוועט - פון טונעיאַדאָווקע קיין מאָנטע-קאַרלאָ, אויף דער פאָרשטעלונג פון „טרואַדעק", „דער מאָמענט", וואַרש, 12 אָקט. 1928.

ב. שעפנער – „בנימין דער דריטער" ביי די רויטע יידעלעך, „נייע פאָלקסצייטונג". וואַרשע 18 אָקט. 1928.

מ. אַלטשולער – וואו וועט דער מאָסקווער מעלוכישער אידישער טעאַטער פייערן זיין 10-יאָריקן יובילײ ?. „עמעס", מאָסקווע, 25 אָקט. 1928.

בן אהרן-מוזיקוס - וועגן מאָסקווער אידישן אַקאַדעמישן טעאַטער. אַ וואָרט פון אַ מוזיקער „יידישע צייטונג", אַנטווערפּן, 9, 1928

ה צוויד – נאָך די פאָרשטעלונגען פון טעאַטער גראַנאָווסקי, „יידישע פּרעסע", אַנטווערפּן 35, 1928.

דר. מ. גאָלדמאַן - דאָס מאָסקווער יוד. אַקאַדעמישע טעאַטער קומט אין גיכען קיין לאָדז. „לאָדזשגבל'ט", 2 נאָוו. 1928.

[–] – וועגן דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, „ליטבל'ט". וואַרשע, 40, 1928.

אַ. לונאַטשאַרסקי – אַ לונאַטשאַרסקי וועגן צושטאַנד פון דעם מאָס-קווער יידישן מלוכה-טעאַטער, „ליטבל'ט". וואַרשע 42, 1928.

[–] – פאַרוואָס איז דאָס יודישע קונסט־טעאַטער אין מאָסקווע נישט געקומען קיין וואַרשע, „דער מאָמענט", 23 דעצ. 1928.

הערמאַן סוועט – די מוזיק אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, „ליטבל'ט", וואַרשע, 46, 1928.

דר. אסתר עליאַשעוו – דער אויפטו און די דאגות פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, „פּרימאָרגן", ריגע, 13 יאַנואַר 1929.

יאַנקל לעווין – וועגן קריזיס אין מאָסקווער יידישן טעאַטער, „שטערן", כאַרקאָוו. 6 פעבר. 1929.

[–] – מאָסקווער יידישע אַרבעטערשאַפט וועגן דעם מעלוכישן יידישן טעאַטער, „עמעס", מאָסקווער, 8, 10 פעברואַר 1929.

[–] – דער מאָסקווער מלוכה'שער טעאַטער ביי דער אַרבעט. (שמועס מיטן חבר ש. פּאַלאַטניק), „פרייהייט", נ. י, 15 פעבר. 1929.

[–] – צושטאַנד און פּערספּעקטיוון פון מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער, „פּאָסט", לאָנדאָן 10 מאַי 1929

סאפ – פרייד אָן אַ ברעג, „אַרבעטער", בערדיטשעוו, 35, 1929.

י. ליובאָמירסקי – „דער געריכט גייט", „עמעס". מאָסקווע, 16 אָקט. 1929.

Gerard Rutten – Het Moskauer Joodsche Akademische Theater [„Maandblad voor Beeldende Kunsten". Amsterdam, 1929, Jaarg. 6, pp. 23-26]

ש. ג. — דער מאָסקווער יידישער מעלוכע-טעאַטער און זיינע אויפגאַבן, „אָדעסער אַרבעטער", 42 1929.

אַ. כאַשין — מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע, 9 פעבר. 1930.

ז. ק. — אין מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע 1 אַפּריל 1930.

י. ליובאָמירסקי — אַ דערפרייענדיקער אָנזאָג, „עמעס", מאָסקווע, 25 מײַ 1930

הערמאַן סוועט — מייערכאָלד און גראַנאָווסקי, „ליטבל"ט" וואַרשע, 19, 1930.

י. ש. — צו די גאַסטראָלן פון מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאַטער אין כאַרקאָוו, „שטערן", כאַרקאָוו, 26 יולי 1930.

ל. — באָלשעוויזירנ דעמ טעאַטער, „אָדעסער אַרבעטער", 87, 1930.

ל. — „דער געריכט גייט", „אָדעסער אַרבעטער", 89, 1930.

ק. — „דער טויבער", „אָדעסער אַרבעטער", 91, 1930

ס. — דער טעאַטער פונ די אַרבעטער-מאַסנ, „אַרבעטער", בערדיטשעוו. 19, 1930.

רייכשטיינ — דער אָנהייב פון אַ נייעמ רעפּערטואַר אינמ טעאַטער, „אַרבעטער", בערדיטשעוו, 19 1930.

א. דרוקער — די גאַסטראָלנ פונ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאַטער אין אָדעס, „אָדעסער אַרבעטער", 90 1930.

לייבל — אַ גוואַלדיקער ניצאָכענ, „אָדעסער אַרבעטער", 93, 1930.

מ. לעוויטאַן — קעגן רעכילעס און העצע פאַר באָלשעוויסטישער קריטיק. „שטערן" כאַרקאָוו, 7 אויגוסט 1930.

ה. ב. [באַרו] — גאַסטראָלן פון מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאַטער „שטערן", כאַרקאָוו 9 אויגוסט 1930

ה. באַרו — „דער געריכט גייט", „שטערן", כאַרקאָוו, 12 אויגוסט, 1930.

מ. ליטוואַקאָוו — אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם „קוויטש", „עמעס" מאָסקווע, 16 אויגוסט 1930.

פ. אַלטמאַן — קאָנטאַקט איז דאָ, „יונגע גוואַרדיע", כאַרקאָוו, 29 אויגוסט 1930.

א. הינדעס — „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי" אין מאָסקווער יידישן מעלוכע טעאַטער, „שטערן", כאַרקאָוו, 30 אויגוסט 1930.

י. ליובאָמירסקי — מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאַטער, „הרעבליעס", „עמעס", מאָסקווע. 31 אָקט. 1930.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", מאָסקווע כאַרקאָוו-מינסק, 1931.

אַ. וויעוויאָרקע — „אינ שטורעמ", מעלוכישער נאַצמינדפאַרלאַג באַמ פרעזידיומ פונ וווציק, כאַרקאָוו — קיעוו, 1932

I. D. W. Talmadge – Theatre Reveals Jewish Culture, „Moscow News", Moscow, 22 Jan 1932

Bryllion Fagin – The Gosset in Moscow, „Menorah", N. Y, Spring, 1933.

מאַקסימאָוו, מ.

[משה לאָטטע]

געבוירן 30 דעצעמבער 1889 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ האָלץ-סוחר. אַלס 6-יאָריק קינד געקומען מיט די עלטערן אין וולאָצלאַוועק, וואו ער לערנט אין חדר און אין דער רוסישער גימנאַזיע. דאָ באַטייליקט ער זיך אויך אין די שול-פאָרשטעלונגען. נאָכן פאָטערס טויט מוז מ. ווערן דער שפּייזער פון דער פאַמיליע און פאָרט צוליב דעם קיין לאָדזש, וואו ער ווערט רוסיש-דייטשער קאָרעספּאָנדענט אין דער פירמע י. ק. פּאָזנאַנסקי, דערנאָך וואָיאַזשאָר איבער רוסלאַנד פון דער זעלבער פירמע. צוריקגעקומען אין לאָדזש, דערנענטערט זיך מ. צום יידיש-קרייז און ווערט מיטגרינדער פון דער געזעלשאַפט „דראַמאַטישע קונסט", וואָס פירט אויף, א״ר פון מאַרק אַרנשטיין, הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן", אין וועלכן מ. דעביוטירט אַלס „קעלנער".

נאָכן שפּילן עטלעכע יאָר אין „דראַמ. קונסט", וואו ער האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט א. ר. קאַמינסקאַ אין גאָרדין-רעפּערטואַר בעת אירע גאַסטראָלן ביי דער געזעלשאַפט, ווערט מ. אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און טרעט אַריין אין דער פּראָווינץ-טרופּע, וועלכע א. ר. קאַמינסקאַ אָרגאַניזירט. נאָכן שפּילן 2 יאָר אין דער טרופּע, קערט מ. צוריק אין וואַרשע, וואו ער רייסט איבער צוליב קראַנקהייט, זיין בינע-טעטיקייט אויף $1^1/_2$ יאָר, פאָרט אַרום דערנאָך איבער פוילן מיט פאַרשיידענע פּראָווינץ-טרופּעס, שפּילט מיט יוליוס אַדלער אין לאָדזש און פאַרבינדט זיך שפּעטער מיט „וויק'ט" אַלס אַקטיאָר און אַדמיניסטראַטיווער לייטער.

שפּעטער האָט מ. זיך באַזעצט אין ראַדאָם, וואו ער איז דער אַרענדאַטאָר פון דאָרטיקן טעאַטער ראָזמאַאיטאָשטשי, וואוהין ער ברענגט פון צייט צו צייט יידישע טרופּעס. ער איז אויך דער גרינדער פון דער דראַמ. סעקציע ביים ראַדאָמער גראָסער-קלוב א"נ „אַרבעטער-ווינקל", וואו ער פירט אויף פאַרשיידענע פּיעסעס פון ליטעראַרישן רעפּערטואַר (אין דעצעמבער 1932 אויפגעפירט בערגעלסאָנס „דער טויבער").

מ. ע.

מאַקסימאָוו, מ.

[מלך פּאָקאָי]

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — באַזיצער פון אַ שאָכטלען-פאַבריק. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר. געזונגען אַלס משורר ביי די חזנים סיראָטאַ, מענדעלעוויטש, פאָגעלנעסט א. א.

אין דער פריסטער יוגנט אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ לעדער-געשעפט, אָבער דאָרט נישט לאַנג זיך געהאַלטן און באַלד, נאָכן זען די ערשטע יידישע טעאַטער-פאָרשטעלונג, באַשלאָסן „נאָכצומאַכן" די אַק-

טיאָרן. מ. נעמט דאַן צונויף חברים און „יפלט“ מיט זיי טעאַטער ביי זיך אין שטוב און איבער די שטובן פון די שכנים.

1909 — באַקומען דורך זיין ברודער דוד. אויך אַ „ליבהאָבער“, די מעגלעכקייט צו שפּילן אין שטעטל פּאַלעניץ מיט „ליבהאָבער“ (צווישן זיי די שפּעטערדיקע אַקטיאָר אַדאָלף און הערמאַן פעניגשטיין א א.) און אַריינגעטראָטן אין 1910 אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין לערמאַנקעס טרופּע אין מינסק, וואו ער דעביוטירט אַלס „אברהם“ אין געבילס „טאַטע מאַמעס צרות“.

ביז 1912 אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד. 1912-14 — מיט פאַרשיידענע וואַנדער-טרופּעס איבער פּוילן, 1915 — געזונגען קופּלעטן אין קאַבאַרעטן און טעאַטערס, 1916-20 — געשפּילט אין ליטע, דערנאָך צוריקגעקומען אין פּוילן, וואו ער שפּילט ביז איצט און איז איינער פון די מיטגרינדער פון „אונזער טעאַטער“ אין ווילנע.

ש. ע.

ש. ד. [דרייער] — אַ וואָרט צו מאַקסימאָוון, „ווילנער טאָג“, 13 יוני 1930.

א — פון מאַקסימאָווס יובילײ-אָוונט, „צייט“. ווילנע, 17 יוני 1930.

מ. מאַקסימאָוו — צו דעם היינטיקן דרייסיק יעריקן יובילײ פון ש. לאַנדוי, „ווילנער טאָג“, 22 מערץ 1933.

מאָראַט, הערמאַן

מ. וואוינט אין ריגע, לעטלאַנד, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן איניקע ביכלעך אין יידיש ווי „אידן אין די באַלטישע מלוכות“, „הומאָריסטיש-סאַטירישע קאַריקאַטורן“. „דער ווייבערשער גולם“, „האַרץ און נשמה“, „אידיש בלוט“, „די קרוין פון לעבן“ און „דער אידישער הויקער“, אויך אין דייטש — „דער מענטשן-פריינט“ און אין רוסיש — „דאָס איצטיקע לעבן אין רוסלאַנד“.

אויסערדעם האָט מ פאַרעפנטלעכט זיינע „נקמה פאַר אידן! אָדער די כלה פון אידישן פאָלק. אַ בילד פון דער אידישער פאָלק[ס] נשמה אין 4 אַקטן, ריגע 1926“ [92 ז.], „לענין אַף יענער וועלט, אַ מוזיקאַלישע פּעעריע אין איין אַקט. ריגע 1927“ [11 ז.] און „די שלאַנג. אַ טראַגעדיע פון אונזער לעבן אין דריי אַקטן און זעקס בילדער“ [אין אינעווייניקסטן שער-בלאַט: דראַמאַטישער שפּיעל אין דריי איינאַקטער, ריגע 1927, 28 ז.].

משה שאַליט ווידמעט מ. אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין „ליט. בלעטער“, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן: „דעם ה׳ מאָראַטס „ווערק“ דאַרף מען קוואַליפיצירן אין אַן אָפּטיילונג פאַר פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע, גראַפאָמאַניע (ווייך געזעדט) און ענלעכע ניי ט פאַראַנענע אָפּטיילונגען אין ביבליאָגראַפישע יאָרביכער. געווי׳ס איז רעגיסטראַציע נישט קיין קוואַליפיקאַציע, אָבער אין די דרינגענסטע פאַלן מוז מען אויך מאַכן די געהעריקע באַמערקונגען אָדער שטעלן די באַטרעפנדיקע קעפּלעך און זפשר טאַקע איינפיון די נויטיקע קלאַמערן און אונטער-אָפּטיילונגען“.

משה שאַליט — בלעטערנדיק, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 9, 1930.

מאַרגאָלין, א. דר.

געבוירן 1894 אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד. באַקומען אין דער יוגנט אַ משכּיליש-רעליגיעזע דערציאונג. צו 20 יאָר גראַדואירט אַלס עקסטערן די גימנאַזיע אין פּלאָצק (פּוילן) און 6 יאָר שפּעטער אַבסאָלווירט די בערלינער אוניווערזיטעט אַלס דאָקטאָר-מעדיצין. נאָך 2 יאָר פּראַקטיק אַלס דאָקטאָר איבערגעגאַנגען אויסשליסלעך צום שריפט-שטעלערישן באַרוף, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין 1904.

מ. האָט דעביוטירט אַלס קאָרעספּאָנדענט און פעליעטאָניסט אין דער רוסישער און העבּרעאישער פּרעסע, אָבער פון 1907 האָט ער זיך געווידמעט בלויז דער יידישער פּרעסע, וואו ער האָט געווירקט אַלס פּובליציסט, דיכטער, טעאַטער-קריטיקער און פעליעטאָניסט אין פאַרשיידענע צייטונגען אין אייראָפּע און אַמעריקע.

זינט 1922 איז מ. אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון דער שיקאַגער טעגלעכער יידישער צייטונג „קוריער“, וואו ער פירט אָן מיט דער טעאַטער-אָפּטיילונג און שרייבט אויך טעאַטער-קריטיק א׳פּ „אברהמל“.

מ. האָט אין דער שיקאַגער צייטונג און אין אַנדערע יידישע צייטונגען פאַרעפנטלעכט איניקע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די ווערק פון שעקספּיר, טאָלסטאָי און איבסען אויף דער יידישער בינע, און אַ ריי רעוואָלט-אַרטיקלען קעגן די לויב-געזאַנגען פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע וועגן די בינע-לייסטונגען פון דער „ווילנער טרופּע“ אין אַמעריקע.

אין 1914 האָט מ. איבערזעצט אַנרי בערנשטיינס „סאַמסאָן“ און פּאָל לינדויס „דער אַנדערער“, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן. ער האָט אויך אין „קוריער“ פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג פון יידישע טעאַטער-עלעמענטן פון שוישפּילערישן „זשאַרגאָן“. פאָלקלאָריסטישן בינע-הומאָר און אַ סעריע כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון אַקטיאָרישע געוואוינהייטן, אַבערגלויבנס און פירונגען.

מ.׳ס פרוי, קלאַראַ, אַ יידישע אַקטריסע, איז די טאָכטער פון די אַקטיאָרן בעטי און יעקב בלייכמאַן.

ש. ע.

מאַרגאָלין, סאַמואיל א.

אַן עסקן אין רוסישן טעאַטער, רעזשיסער און טעאַטער-קריטיקער. געאַרבעט אַ לענגערע צייט מיטן באַוואוסטן רעזשיסער יעוו. וואַכטאַנגאָוו.

אין סעזאָן 1928-29 האָט מ. אויפגעפירט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער „דער בעסערער מענטש, פון האזנקווער, איבערגעאַרבעט דורך ל. קוויטקאָ“.

אין סעזאָן 1929-30 האָט מ. אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט ל. רעזניקס פּיעסע „די לעצטע“.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע“, זז. 63-65, 55 50-51.

מאַרגאָלין, קלאַרא

[בלייכמאַן]

געבוירן סעפטעמבער 1893 אין בוקאַרעסט, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן יעקב און בעטי בלייכמאַן. שוין צו 10 יאָר האָט זי געשפּילט קינדער-ראָלן אין פּיעסעס און וואָדעווילן צוזאַמען מיט די אַרומוואַנדערנדיקע טרופּעס פון אירע עלטערן אין רומעניע, בוקאָווינע און גאַליציע. באַקומענדיק אַ פּריוואַטע בילדונג אין רומעניש, פראַנצעזיש און דייטש, האָט זי, אין עלטער פון 15 יאָר, צוזאַמען מיט אירע עלטערן און איר שוועסטער מינע [אַקסעלראַד] אויסגעוואַנדערט קיין בערלין און דאָרט 2 יאָר געשפּילט יידיש טעאַטער מיט אַ לאָקאַלער טרופּע, דערנאָך שפּילט זי יוגנטלעכע און סובּרעטין-ראָלן אין פּאַריז, אַנטווערפּען, ווין, לאָנדאָן און איבער גאַליציע.

1912 — חתונה געהאַט מיטן זשורנאַליסט און טעאַטראַל דר. אברהם מאַרגאָלין, אַריינגעטראָטן שפּילן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער און דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער די ענגלישע פּראָווינץ-שטעט א׳ל פון מאָשקאָוויטש. זי האָט אויך געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן אַ סעזאָן מיט יעקב פּ. אַדלער.

1920 — האָט מ. אויסגעוואַנדערט מיט איר פאַמיליע קיין אַמעריקע און דאָ געשפּילט מיט וואַנדער-טרופּעס אויף אַ שטח פון די מזרח-שטאַטן און קאַנאַדע ביז די מערב און דרום-שטאַטן. מערץ 1924 איז זי אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוני׳ע און זינט דאַמאָלט ביזן סעזאָן 1929-30 געשפּילט אַלס פּרימאַדאָנע אין שיקאַגער יידישן טעאַטער.

ש. ע. פון דר. א. מאַרגאָלין.

מאַרגאָלים, עדוואַרד (יקותיאל)

[געב. בערך 1850 — געשט. 4 מערץ 1915]



געבוירן בערך 1850 אין טערעספּאָל, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סוחר, פלעגט אויפקויפן אויף קופּער די אויסגעשאָסענע הילזן ביים מיליטער. געלערנט אין גימנאַזיע אין אָדעס, דערנאָך שטודירט אַלס דאַנטיסט און פון דאָרט אַוועק קיין רומעניע, וואו ער וואַנדערט מיט ציגיינער-טרופּעס, טרעט אַריין דערנאָך אין יידישן טעאַטער און שפּילט מיט מאָגולעסקאָן [אַ בילד פון מ., צוזאַמען מיט מאָגולעסקאָ און אבא שיינגאָלד אין זייערע ראָלן אין איינע פון די ערשטע אויפפירונגען פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אין שמ״רס פּיעסע „דער דיסקאָנטיסט", איז אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס" פון 19 אַפּריל 1929]. שפּעטער איז מ. אַריבער אין די טרופּעס פון טאַנענצאַפּ, יאָוועליר, סעמיועל פּערקויף, גילטמאַן, טרייטלער און דערנאָך ווידער געשפּילט אין אָדעס און אין רומעניע.

בערך 1886 האָט ער אין טשערנאָוויץ אַליין אָנגעפירט מיט אַ טרופּע, אין וועלכער ס׳האָבן געשפּילט מענדל און בינע אַבראַמאָוויטש, נחום-פייוול (פיליפּ) ווייזענפריינד א. א.

באָריס טאָמאַשעווסקי גיט איבער, אַז אין סוף 80-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט איז מ. געקומען מיט אייראָפּעאישן רעפּערטואַר און געשפּילט אין זיינע פּראָווינץ-טרופּעס און איז באַלד צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

י. רימיניק גיט איבער אין „טעאַטער-בוך", אויפן גרונט פון דאָקומענטן אין די אַרכיוון פון אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק, אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן די באַמיאונגען פון מ. אַלס פלומרשטער טערקישער אונטערטאַן, צו קומען אין 1897 אין רוסלאַנד און שפּילן דאָ „דייטש" טעאַטער.

דער אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט דערויף געענטפערט צום אָדעסער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט: „אין צוזאַמענהאַנג מיט אייער בריוו פון 12 אויגוסט [1897] נומ. 3892 וועגן דעם בקשה-כתב פון דעם טערקישן אונטערטאַן - דעם יידן עדוואַרד מאַרגאָליס — מכח אַ דערלויבניש פאַר אים אויף צו קומען און איינאָרדנען אין פאַרשיידענע שטעט ווי אויך אין אָדעס, אַ ריי פאָרשטעלונגען אויף דייטש פונם יידישן לעבן, האָב איך די ערע אַרויסצוזאָגן אייך מיין מיינונג וועגן דעם, לויט וועלכער איך וואָלט פון מיין זייט גערעכנט פאַר אויסערסט אומגעוואונטשן צו באַפרידיקן דעם דערמאָנטן בקשה-כתב. דער צירקולאַר פונם מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים לויטן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט פונם 17 אויגוסט 1883 יאָר און דער צירקולאַר פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פאַר דרוק-ענינים פונם 19 פעברואַל 1891 יאָר, נומ. 927 האָבן לחלוטין פאַרבאָטן צו געבן אין די טעאַטערן פאָרשטעלונגען אויף דער יידישער ריידשפּראַך, דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביים געבן פאָרשטעלונגען פונם יידישן לעבן אויף דייטש, גייען די אַקטיאָרן גרינג אַריבער בשעת דער שפּיל פון דייטש אויף יידיש, גאַנץ אָפט מיט אַ כיון און אַמאָל אויך אומבאַוואוסטזיניק שוין צוליבן כאַראַקטער פון די פּיעסען גופא, צוליב דער געוווינהייט און דער קרובהשאַפט צווישן דער דייטשישער שפּראַך און דער יידישער — אַ זאַך, וואָס די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע קאָן בשום אופן נישט באַשטיין, דעריבער האָב איך צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון די אויבנדערמאָנטע צירקולאַרן קיינמאָל נישט דערלויבט אין אָדעס קיין פאָרשטעלונגען אויף דייטש פונם יידישן לעבן. ווער שמועסט נאָך ביי דער עקסיסטירנדיקער צו איצטיקער צייט אָפּגעזונדערטקייט און פאַרבאָרגענער שנאה צווישן איניקע שיכטן פון דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט, וואָלט דאָס געבן פאָרשטעלונגען פונם יידישן לעבן געקאָנט גאָר לייכט ברענגען צו נישט-געוואונטשענע מיספאַרשטייענישן און אַמפּערייען צווישן די איינוואוינער. יעדע מיספאַרשטייעניש, וואָס אַנטשטייט אויפן באָדן פון רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און נישט-פאַרליידן איינער דעם צווייטן, דראָט דאָ אין אָדעס גלייך איבערצוגיין אין טאַט, אין אַן אָפענער געפאַר דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, נעמענדיק נאָך אין אַכט דערצו, אַז סיי דער אָנפירער סיי די אַקטיאָרן זיינען אויסלענדישע אונטערטאַנען און האָבן נישט דאָס רעכט צו וואוינען אין דער רוסישער אימפּעריע, ווי אַזעלכע, וואָס גייען נישט אונטער די קאַטעגאָריעס, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין די אַרטיקלען 289 און 290 פונם אוסטאַוו וועגן די איינוואַנדערער (XIV, Св. Зак. изд. 1890), דענק איך, אַז די בקשה פונם טערקישן אונטערטאַן — דעם יידן

מאַרגאָליס – דאַרף יעדנפאַלס, בנוגע אָדעס, נישט באַפרידיקט ווערן".

פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאַנק דערדאָזיקער „רעקאָמענדאַציע" האָט מ. נישט באַקומען קיין דערלויבניש צו קומען אין רוסלאַנד. מ. איז דאַן געבליבן שפּילן אין גאַליציע, פון וואו ער איז אין 1899, בעת הורוויץ האָט געבראַכט פון גאַליציע אַ טרופּע קיין אַמעריקע (אי־זידאָר גילטמאַן, קלמן יאָוועליר, גאָלדע שאַפּיראָ, סעמיועל ראָזענ־שטיין א. א.), ווידער געקומען אין אַמעריקע אַלס מיטגליד פון דער טרופּע און איז אַריינגעטראָטן אין ווינדזאָר־טעאַטער אַלס כאַ־ראַקטער־ראַליסט. שפּעטער איז ער אַריבער אין טאַליאַ און אין גרענד־טעאַטער און אויך געשפּילט אין די יידישע וואָדעוויל־הייזער.

אין אַמעריקאַ האָט מ. געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער, קעסלער, ליפּצין, קאַליש און טאָמאַשעווסקי. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען בינע־דירעקטאָר פון ברוקלינער ליריק־טעאַטער.

מ. איז געווען גרינדער פון באַראָנדעסעס לאָדזש „ווייסע מייז".

דעם 4 מערץ 1915 איז ער געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן וואַשינגטאָן־סעמעטרי.

מ. האָט זיך אויסגעצייכנט אין חסידישע ראָלן („שלום שדכן" אין גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל"). האָט אויך גוט געשפּילט „דזשופּון" אין דער אָפּערעטע „דער ציגיינער באַראָ", וואָס ער האָט געשפּילט אין זיין אייגענער איבערזעצונג, און דעם „גראַף" אין „פּעריקאָלאַ".

מ.'ס ערשטע פרוי איז געווען די אַקטריסע רחל קאָהוט, שפּע־טער די פרוי פון אברהם אַקסעלראָד. מ.'ס זון, איזי הוירש, פון זיין פרוי ראָזאַ, איז אַ קונסט־מאָלער, די טאָכטער אַנעט – אַן ענג־לישע אַקטריסע, געשפּילט אויך יידיש מיט לעאָן בלאַנק אין פּיטסבורג, און דער זון, סעם – אַ זשורנאַליסט.

מ. ע. פון זיין פרוי ראָזאַ מאַרגילעס, פּיטער גראַף, סעמיועל פּערקויף און באָריס טאָמאַשעווסקי און ש ע. פון עמיליע אַדלער.

ב גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 147.

י. רימיניק – רעדיפעס אַפן אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד אין די 80־ער און 90־ער יאָרן, „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927, זז. 92־93.

מ. אָשעראָוויטש – בינע אַבראָמאָוויטש דערצעהלט ווי אַזוי זי איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, „פאָרוו.", נ. י., 19 אָקט. 1930.

מאַרגולעס, ראָזאַ

[רייזל גאָלדבערג]

געבוירן אין פּאָקשאַן, רומעניע. על־טערן – קרעטשמערס. אָנגעהויבן אַלס כאָ־ריסטקע אין יאָוועלירס טרופּע, דערנאָך אַריבער אַלס אַקטריסע אין טרייטלערס טרופּע און נאָך דער חתונה מיט יקותיאל מאַרגולעס אַרומגעפאָרן מיט אים איבער אייראָפּע מיט יידיש טעאַטער און וואָ־דעוויל.

אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, שפּילט דאָ מ. על פּי רוב אין יידישן וואָדעוויל, אַ חוץ ביי אַ געלעגנהייט לעגיטים טעאַטער מיט אַדלער און פרוי און מיט ליפּצין אין ניו־יאָרק, און אַ סעזאָן אין קליוו־לאַנד.

מ.'ס נאָמען איז אָנגעגעבן אויפן טשאַרטער פון לאָקאַל 5.

מ.'ס זון, איזי הוירש, איז אַ קונסט־מאָלער, די טאָכטער, אַנעט – אַן ענגלישע אַקטריסע, געשפּילט אויך יידיש מיט לעאָן בלאַנק אין פּיטסבורג, און דער זון סעם – אַ זשורנאַליסט.

מ. ע.

מאָרגענבעסער, מעימי

[צווערלינג־קופּערשמידט]

געבוירן 23 פעברואַר 1888 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער – פאַרוואַלטער פון אַ פּרוכט־געשעפט. געענדיקט אַ פאָלקס־שול און געלערנט אין מיידל־סעמינאַר. געזונגען אין פּוילישן טעמפּל־כאָר צוזאַמען מיט פרי־דאַ זיבעל און רעגינע צוקערבערג. דער־נאָך אַריין צו גימפּעלן אין כאָר, וואו זי איז אין אַ יאָר אַרום אַריבער אויף קליינע ראָלן.

אין עלטער פון 17 יאָר געקומען מיט איר שוועסטער בעסי אין אַמעריקע, וואו זי טרעט אַרויס אין בראָנזוויל אין וואָדעוויל ביי די ברידער שניידער און פון צייט צו צייט אויך אין לעגיטימען טעאַטער. נאָך 10 יאָר אין ניו־יאָרק, פאָרט זי שפּילן אין סט. לואיס, דערנאָך צוריק אין ניו־יאָרק (צו סעזאָ־נען אין ליבערטי, ליריק און האָפּקינסאָן־טעאַטער) און שפּעטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ מיט באָריס טאָמאַשעווסקי און סערע אַדלער.

זינט 1926 – צוליב איר קראַנקהייט — זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ.'ס ערשטער מאַן, אהרן מאָרגענבעסער, און איר צווייטער מאַן, לואיס קופּערשמידט, זיינען געווען יידישע אַקטיאָרן; מ.'ס שוועסטער איז די יידישע אַקטריסע יעטאַ צווערלינג.

ש. ע.

מאָרים [?]

זאָל זיין געבוירן אין קאָלאָ, פּוילן.

איר מאַן, וועלכער זאָל האָבן געהייסן מאָרים, איז געווען אַ פריזער אין לאָנדאָן.

מ. האָט געשפּילט אין קאָמפּאַניעס טרופּע אין וואַרשע, דער־נאָך 10 יאָר אין לאָנדאָן

לויט אהרן נאגער איז מ. געווען זייער קאָרפּולענט, האָט געהאַט אַ מענערישע באַריטאָן־שטים און פלעגט אפילו שפּילן „דוד משה־לעס" אין יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר".

מ. ע. פון אהרן נאגער.

מאָרים, סעם

[שמואל-משה גאַנז]

געבוירן אין אַ דאָרף נעבן קאָלבעסאָוו, גאַליציע. פאָטער — באַזיצער פון אַן אַריינפאָר-הויז. אַלס קינד פון בערך 4 יאָר געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו ער לערנט אין פּאָבליק-סקול ביז 13 יאָר. נאָך אַלס קינד געשפּילט אַ קינדער-ראָל אין דער פּיעסע „חיים אין אַמעריקע" אין אַ ליבהאָבער-קלוב.

אין עלטער פון 16 יאָר לאָזט ער זיך איבעררײדן פון אַקטיאָר איזידאָר לעווענשטיין מיטצופאָרן שפּילן אין ניו-אָרלעאַנס יידיש טעאַטער. דאָרט דעביוטירט ער אין פאָטער-ראָלן. די פאַמיליע ברענגט אים אָבער צוריק קיין ניו-יאָרק, וואו ער גרינדעט אַ דראַמקרייז אויף זיין נאָמען, אין וועלכן אַ געוויסער פרידמאַן פירט אויף לאַטיינערס „כבוד אב". באַלד אָבער פאָרט ער ווידער מיטן אַקטיאָר צעזאַר גרינבערג שפּילן טעאַטער אין מאָנטרעאַל, וואו ער ווערט דער בוף-קאָמיקער פון דער טרופּע און גייט דערנאָך איבער אין דער טרופּע פון מיטניק, אָבער נאָך עטלעכע חדשים שפּילן, ברענגען אים די עלטערן ווידער צוריק אַהיים. דאָ טרעט ער אַריין אין דעם „דוד קעסלער דראַמאַטיק קלאָב", וואו ער שפּילט א׳ר פון דוד קעסלער די טיטל-ראָל אין גאָרדינס „שלמהקע שאַרלאַטאַן".

מ.׳ס דערפאָלג אין דערדאָזיקער ראָל דערמוטיקט אים צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און ער נעמט וואַנדערן איבער די פּראָווינץ-טרופּעס (אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, קליוולאַנד ביי בערנשטיין, ווידער ביי גליקמאַן און דערנאָך ביי לאַרגמאַן אין באַלטימאָר), וואו ער האָט די מעגלעכקייט צו שפּילן מיט אַלע גאַסטראָלירנדיקע יידישע סטאַרס.

צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, טרעט מ. אַריין אין וואָדעוויל אין אוירווינג-מוזיק-האָל, דערנאָך ווערט ער בוף-קאָמיקער אין האָפּ-טעאַטער אין באָסטאָן און טרעט ווידער אַריין אין ניו-יאָרק אין וואָדעוויל (110 — 5 עוועניו), וואו ער שפּילט 3 מאָל אַ טאָג מיט בערטאַ גערסטן און מעי סיימאָן און גייט איבער דערנאָך אין אָדעאָן-טעאַטער, וואו עס ווערט די ערשטע צייט געשפּילט וואָדעוויל און דערנאָך פולע פּיעסעס. דאָ טרעט ער אויף סעפּטעמבער 1913 אין דער טיטל-ראָל פון לעאָן קאָברינס „יאַנקעל בוילע", צוציענדיק די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק.

נאָכן שפּילן 3 סעזאָנען אין וויניפּעג, 12 סעזאָנען אין לאָס אַנדזשעלאָס, וואו ער האָט אויך 8 וואָכן געשפּילט אין ענגליש אין דער מעלאָדראַמע „סאָבוויי עקספּרעס", קומט מ. צוריק אין מזרח-טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דעם סעזאָן 1930-31 שפּילט ער אין פילאַדעלפיע אין יידישן דזשעראַרד-טעאַטער, 1931-32 — אין ניו-יאָרקער ליריק-טעאַטער און 1932-33 — אין מעקינלי סקווער-טעאַטער. די אַלע 3 טעאַטע׳ס זיינען געשטאַנען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער יידישער אַקטיאָרן-ליג.

מ. ע.

ישראל דער יענקי — „יאַנקל בוילע", „טהעאַטער און מואווינג פּיקטשורס", נ. י., 2, 1913.

מאָריסאָן, מאָריטץ

[משה קאָהן]

[געב. בערך 1855 — געשט. 28 אויג. 1917]



געבוירן בערך 1885 אין גאַלאַץ, רומעניע. פאָטער — אַ רוסישער ייד, מוטער — געבוירן אין רומעניע. אין די יונגע יאָרן אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואו ער לערנט אין מיטעלע און העכערע לער-אַנשטאַלטן, נישט ענדיקנדיק קיין איינע פון זיי, ווייל אים האָט געצויגן צו דער בינע.

איינער פון זיינע לערער איז געווען דער יידישער היסטאָריקער פּראָפ. גרעץ. מ. האָט באַהערשט אייניקע שפּראַכן, ווי דייטש, פראַנצעזיש, שפּעטער שפּאַניש, איטאַליעניש און לסוף אויך ענגליש, אָבער הגם אין דער פּריסטער יוגנט גערעדט אין דער היים יידיש, איז ער שפּעטער אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דער יידישער שפּראַך.

דעביוטירט אַלס שוישפּילער אין 1878 אין וועסטפאַלען, דייטשלאַנד, וואו ער רופט אָבער נישט אַרויס קיין גרויס באַגייסטערונג און בלייבט נישט לאַנג אין דער אָרטיקער טרופּע.

אָן מיטלען צום לעבן, האָט מ. קוים זיך דערשלאָגן קיין מייניגען, וואו ער טרעט אַריין אין הויף-טעאַטער. דאָ ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מבינים, נעמט שטודירן דעם קלאַסישן רעפּערטואַר, וועלכער איז דאַמאָלט געווען אין מאָדע, און אין משך פון אַ קורצער צייט באַווייזט ער שוין אַרויסצוטרעטן אין פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

3 יאָר שפּילט מ. אין דער מייניגנער-טרופּע, דערנאָך פאָרט ער אַרום מיט טרופּעס און אָפט אַלס גאַסטראָלער איבער פאַרשיידענע גרויסע שטעדט אין דייטשלאַנד, עסטרייך, גאַסטראָלירט אין רומעניע און שפּילט אין קייזערלעכן טעאַטער אין פּעטערבורג, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. שפּעטער האָט ער אויך באַזוכט אַנדערע גרויסע שטעט אין רוסלאַנד, אָבער באַזונדערס פּאָפּולער איז ער געוואָרן ביים דייטשן טעאַטער-פּובליקום אין בערלין און אין ווין.

אין די סוף אַכציקער יאָרן פון 20-טן יאָרהונדערט איז מ. געקומען אין אַמעריקע און האָט 4 סעזאָנען געשפּילט אין דייטשן אוירווינג-פּלייס-טעאַטער אין ניו-יאָרק. באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט דאַמאָלט געשפּילט אין פילאַדעלפיע, האָט, באַמערקנדיק אין די פּרעסע-נאָטיצן, אַז מ. איז אַ ייד, באַמיט זיך מיט אים צו באַקענען און איז צו דעם צוועק געקומען קיין ניו-יאָרק, אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אין 1891 — דערציילט טאָמאַשעווסקי — בעת ער האָט געשפּילט אין פילאַדעלפיע. איז מ. אַריינגעקומען צו אים הינטער די קוליסן: „אַ גאַנץ געוויינלעכער, אָרימער אָפּגעריסענער טרעמפּ [בראָדיאַגע, וואַגאַבונד], צעריסענע, אויסגעקרומטע, אויסגעדרייטע פאַרמער-שיך פון דעם ביליקסטן סאָרט. די הויזן צעריסענע, אַ ביסעלע צו קורץ, פון די שיך האָבן זיך אָבער אַרויסגעזעצן זיידענע זאָקן. דער ראָק זיינער איז געווען צעריסן. דורך די אַרבל האָבן זיך אַרויסגעזען די נאַקעטע הענט און אַ פּראָסט פאַרמער-העמד פון ביליקסטן סאָרט. די קנעפּלעך אָפּגעריסן, נאָר מען האָט אַרויסגעזען טייערע זיידענע אונטערוועש.

דאָס פּנים פאַרברענט פון דער זון ווי בײַ אַ אמתן פּאַרמער [פויער]. מיט אַ גרויסער, שוואַרצער, פיין צעקאַמטער באָרד..."

ווי טאָמאַשעווסקי גיט איבער, האָט אים מ. דערקלערט, אַז די קריסטלעכע בינע־קינסטלער האָבן אים פאַרטריבן פון ניו־יאָרק. דער רעזשיסער האָט אים בעת אַ פּראָבע געזאָגט: „הער מאַריסאָן, זי יודלען צופיל". מ. איז אַוועק פון טעאַטער, דער רעזשיסער האָט נאָך אים מער נישט געשיקט און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געלייענט אין דער פּרעסע, אַז ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דײַטשן טעאַטער ווײַל די דײַטשע באַזוכער ווילן האָבן אַ דײַטש, נישט קיין יידיש טעאַטער. ער האָט זיך געשעמט צוריקצופאָרן קיין אייראָפּע. און פאַר חרפּה האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין קאָרטן־שפּילן און אין טרינקען, און בלײַבנדיק אָן שום געלט־מיטלען, איז ער אַוועק קיין שיקאַגאָ. דאָ האָט ער, דורך אַן אַנאָנס אין צײַטונג זיך פאַרדונגען נישט־ווײַט פון שטאָט, אין אַ פאַרם אַלס טאָג־אַרבעטער פאַר 12 דאָלאַר אַ חודש, וועלכע ער האָט אָבער נישט באַקומען געצאָלט

3 חדשים האָט מ. פאַרבראַכט מיט טאָמאַשעווסקין. אין פאַרלויף פון דער צײַט פלעגט ער גרימירן די אַקטיאָרן און זיי געהאָלפן זיך אָנטאָן. אַ סך מאָל האָט ער געהאָלפן די בינע־אַרבעטער צוזאַמענשטעלן די דעקאָראַציעס און אַמאָל האָט ער אַפילו אויסגעקערט די בינע.

איינמאָל, בעת מ. האָט זיך באַקלאָגט פאַר טאָמאַשעווסקין, אַז ס'איז אים זייער לאַנגווײַליק, האָט אים טאָמאַשעווסקי געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז ער זאָל אָנהייבן בײַ אים שפּילן יידיש. אָבער — דערציילט טאָמאַשעווסקי — „מאָריכאָן איז געוואָרן בלאַס, זײַנע הענט און פיס האָבן געציטערט. זײַנע אויגן האָבן זיך פאַרגאָסן מיט טרערן. ער האָט געמאַכט מיט די ליפּן ווי איינער, וואָס מוטשעט זיך צום ריידן. פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַוועק אין קיטשען [קוך], און מיר האָבן באַלד דערהערט אַ שרעקלעך ריטשן פון אַ פאַרוואונדעטן בער. ...ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרץ און געשריגן: — איך אַ יידישער שוישפּילער!, איך, מאָריטץ מאָריסאָן! וואָס זאָל איך שפּילן? „דוד ווען וועלוועל" בײַ דער „חלוצה", פּאַפּוס אָדער צינגעטאַנג? באָריס, דו האָסט מיר ווי געטאָן! באָריס, דו ווילסט מײַן גאַנצע קאַריערע צעברעכן, מאָריטץ מאָריסאָן אַ יידישער שוישפּילער!... — און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט".

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מ. חרטה באַקומען און דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו שפּילן יידיש, אָבער באַלד דערויף האָט ער זיך ווידער צוריקגעצויגן מיטן אויסרייד, אַז אים זײַנען פרעמד די כאַראַקטערן, וועלכע ווערן פאָרגעשטעלט אין יידישן טעאַטער. דורך דער איניציאַטיוו פון טאָמאַשעווסקי באַקומט מ. די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן איין מאָל אין דער דײַטשער פּיעסע „די צוויי פאַרטנערע" בײַם טעאַטער־דירעקטאָר האַליס אין שיקאַגאָ און סיי די פּרעסע סיי דאָס פּובליקום נעמען אים ווידער אויף זייער וואַרם.

באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג איז מ. — לויט טאָמאַשעווסקי — ווידער פאַרשוואונדן און בערך 1903 האָבן זיי ווידער זיך געטראָפן אין ניו־יאָרק אין טאַליאַ־טעאַטער: „די באָרד נישט אַזוי גרויס ווי דאַמאָלט, די קליידער ניט קיין פאַרמערשע, נאָר אַזוי צעריסענע, צעקנייטשטע, די שיך אויסגעדרייט. עס איז שוין געווען קאַלט, און זײַנע קליידער זײַנען געווען זומערדיקע, אין אַ שטרויענעם קאַפּעלוש און אונטערן אָרעם טראָגט ער אַ פּאַפּירענע קעסטעלע..."

אין דעם קעסטעלע זײַנען געלעגן מ.'ס פּאַרוקן פון „אָטעלאָ", „האַמלעט, „קין" און „שיילאָק", און ער האָט געבעטן דערויף צו באָרגן 10 דאָלאַר, וועלכע ער האָט באַקומען אָן אַ משכּון. באַלד דערויף איז ער אַוועק אין אַ ווײַן־קעלער, אין צוויי טעג שפּעטער איז ער ווידער געקומען און אַרויסגעשטאַמלט, אַז ער וויל שפּילן יידיש טעאַטער, אויב נישט בלײַבט אים ניט קיין אַנדערער אויסוועג ווי צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער וויל שפּילן זײַנע ראָלן אין דײַטש, בעת די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע זאָלן שפּילן אין יידיש. „איך האָב — דערציילט ווײַטער טאָמאַשעווסקי — איבערגערעדט מיט פינקעלן וועגן מאָריסאָנס שפּילן און עס איז בײַ אונז געבליבן מיר זאָלן פּרובירן איין פאָרשטעלונג און מיר וועלן זען ווי דער עולם וועט אויפנעמען אַזאַ פאָרשטעלונג. מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז די יידן וועלן זיך איבערשרעקן פאַרן דײַטש. די פּראָבע איז געמאַכט געוואָרן. מאָריסאָן איז אויפגעטראָטן אין „אַקאָסטאַ" מיט יידישע אַקטיאָרן אין אַ יידיש טעאַטער. דאָס פּובליקום האָט אים אויפגענומען מיט גרויס באַגײַסטערונג. נאָך יעדן אַקט האָט מען אים שטאַרק אַפּלאָדירט און נאָך דעם דריטן אַקט איז געווען גאָר יום־טובדיק. מען האָט פּשוט דאָס טעאַטער אײַנגעבראָכן מיט אַפּלאָדיסמענטן. מאָריסאָן האָט זיך באַדאַנקט מיט אַ שיינער דײַטשער רעדע און אַרײַנגעמישט עטלעכע יידישע און העברעאישע ווערטער. דאָס פּובליקום האָט גאָר אָנגעקוואָלן און געשריגן „מאָריסאָן" און אַפּלאָדירט. ...און פון דער פאָרשטעלונג אָן, פון דעם טאָג אָן, איז מאָריסאָן געוואָרן אַ יידיש־דײַטשער אַקטיאָר. פּשוט גערעדט, אַ יידישער אַקטיאָר, וואָס רעדט דײַטש..."

וועגן מ.'ס צוטרעטן צו דער יידישער בינע שרײַבט ב. גאָרין: „די השפּעה פון דער בעסערער דראַמע האָט זיך אויף אַזאַ אופן אויסגעשפּרייט אויף דער גאַנצער בינע און דער שם און דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון דעם יידישן טעאַטער איז געוואָרן אַזאַ, אַז גרויסע יידישע שוישפּילער, וואָס האָבן געשפּילט בײַ די אומות העולם אין אייראָפּע, האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אים. דער ערשטער פון אַזעלכע אַקטיאָרן איז געווען מאָריץ מאָריסאָן, אַ קייזער־קעניגלעכער [?] שוישפּילער פון דער ראָמאַנטישער שולע. ער איז געקומען גאַסטראָלירן אין דעם דײַטשן טעאַטער און פון דאָרטן האָט ער פאַרבלאָנדזשעט צו דער יידישער בינע, נאָר ער איז קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן פון דעם קלאַסישן רעפּערטואַר. ער אַליין האָט געשפּילט אין דײַטש און די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן געבראָכן די צונג אין די דײַטשע ראָלן, און פון דאַמאָלט אָן פלעגט ער כּמעט יעדן יאָר קומען און געבן אַ געוויסע צאָל פאָרשטעלונגען. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן איז ער אינגאַנצן געווען אָפּהענגיק פון יידישן טעאַטער".

דעם 18 דעצעמבער 1903 איז מ. אויפגעטראָטן אין פּיפּלס־טעאַטער אַלס „אָטעלאָ" („יאַגאָ" — באָריס טאָמאַשעווסקי, „דעסדעמאָנאַ" — מאַלווינע לאָבעל), דעם 1 יאַנואַר 1904 אַלס „האַמלעט" („אָפעליאַ" - מאַלווינע לאָבעל). דעם 29 יאַנואַר 1904 אַלס „קין", דעם 30 יאַנואַר 1904 אַלס „אוריאל אַקאָסטא", דעם 11 מערץ 1904 אין גרענד־טעאַטער אַלס „פראַנץ" אין שילערס „די רויבער" („קאַרל" - יעקב פּ. אַדלער, „אַמאַליע" — סערע אַדלער) און דעם 31 מערץ 1905 אין גרענד־טעאַטער (צוזאַמען מיט סערע אַדלער) אין „נאַרציס" און „מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור" פון בראַכפאָגעל.

באַלד דערויף פאָרט מ. ווידער אָפּ קיין אייראָפּע, וואו ער גאַסטראָלירט אין פאַרשיידענע שטעט. טאָמאַשעווסקי באַשרייבט אַזוי מ.׳ס אַ פאָרשטעלונג אין קאַרלסבאַד: „געשפּילט האָט ער „קין״. איך בין געווען זיין שטיקל מענעדזשער. איך האָב זיך געדאַרפט אָפּרעכנען מיטן קאַסיר און צונעמען די „מאַרקן״, וועלכע זיינען אים געקומען. איך האָב געהאַט זייער ווייניק צו נעמען, ווייל די איינגאַמע איז געווען אַ טרויעריקע, אָבער כבוד האָט מאָריסאָן געהאַט יענע נאַכט זייער פיל. אין טעאַטער איז [זיינען] געזעסן אין איין לאָזשע זאָנענטאַל, יאָזעף קיינץ, דירעקטאָר קאָנריד פון ניו־יאָרק און דער לאָנדאָנער ליבלינג בירנבוים־טרי. אין דער צווייטער לאָזשע איז געזעסן דער פּרינץ פון אָרלעאַנס [?] מיט זיין פאַמיליע״.

אַזוי פלעגט מ. יאָרן־לאַנג קומען ווינטער קיין אַמעריקע גאַסטראָלן אויף דער יידישער בינע, און אָנהייב זומער פלעגט ער צוריקקערן קיין דייטשלאַנד.

אין 1910 גאַסטראָלירט מ. מיט מאַלווינע לאָבעל איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און דעם 5 מערץ 1911 טרעט ער ווידער אויף אין ניו־יאָרק אין זיין פריערדיקן רעפּערטואַר און אויך אין שעקספּירס „קעניג ליר״.

פעברואַר 1911 שפּילט ער ווידער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און דעם 5 מערץ 1911 טרעט ער ווידער אויף ביי טאָמאַשעווסקין אין פּיפּלס־טעאַטער אין „די רויבער״, פאָרט ווידער איבער דער פּראָווינץ און טרעט אַרויס אין מערץ־מאַי 1912 אין קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אין זיין פריערדיקן רעפּערטואַר און דעם 1 מאַי 1912 אַלס „קעניג ריכאַרד דער דריטער״ פון שעקספּיר. אָקטאָבער 1912 האָט ער ווידער געשפּילט זיין רעפּערטואַר אין ליפּצין־טעאַטער, דערנאָך אַ לאַנגע צייט אין אַנדערע ניו־יאָרקער טעאַטערס און איבער דער פּראָווינץ ביי זייער שלעכטע געשעפטן.

דעם 8 יאַנואַר 1915 פירט אויף מ. אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל־טעאַטער געאָרג אהנעטס דראַמע „ליבע און שטאָלץ״ (איבערזעצט — משה שאָר) און שפּילט אָפּט אָנהייב סעזאָן 1915־16 אין קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

דעם 23 יאַנואַר 1916 פירט אויף מ. אין יידיש הענריק איבסענס „די גייסטער״ צו מאָריס שוואַרץס ערן־אָוונט און דעם 3 מערץ 1916 פירט ער אויף לאַטיינערס „אַ קרבן פון ליבע״. אין נאָוועמבער 1916 שפּילט ער ווידער זיין רעפּערטואַר אין בעס׳ טאָמאַשעווסקיס פּיפּלס־טעאַטער.

וועגן מ.׳ס לעצטע טעג ביים יידישן טעאַטער שרייבט באָריס טאָמאַשעווסקי: „ער איז קראַנק געוואָרן פון ערגערניש אין האָט אָנגעהויבן צו געברויכן מיטלען ווי זיך אויפצוהאַלטן. ...ווען ער איז געוואָרן מעלאַנכאָליש און די ביטערע ליידן און די עלטער האָבן זיך אים שטאַרק אַרויפגערוקט, די פיס האָבן געבראָכן און די פלייצע האָט זיך איינגעבויגן, האָט מאָריסאָן זיך שנעל געכאַפּט צום פלעשל מיט פילן, וואָס ער פלעגט שטענדיק מיט זיך אַרומטראָגן, אַרונטערשלונגען איינע אָדער צוויי, און אין צען מינוטן שפּעטער האָט מאָריסאָן זיך ווידער אויסגעגלייכט, זיינע אויגן האָבן געקריגן אַ גלענצענדן פייערל, ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער גרויס און איז ווידער, אויף עטלעכע שטונדן, געוואָרן דער אַמאָליקער מאָריסאָן. ...דעם 5 יוני 1917 האָט ער געשפּילט זיין לעצטע פאָרשטעלונג „אָטעלאָ״ ביי מיר אין טעאַטער. איך בין דאַן געווען אין שיקאַגאָ, אָבער מען האָט מיר דערציילט, אַז עס איז געווען אַ שרעקלעכע פאָרשטעלונג. נאָך דעם דריטן אַקט איז מאָריסאָן צעבראָכן געוואָרן. ...ער איז געפאַלן, געשלונגען איין פיל נאָך דער אַנדערער, אָבער עס האָט אים מער ניט געהאָלפן. אַ באַקאַנטער דאָקטאָר האָט אים געשטאָכן מיט נאָדלען און געגעבן פאַרשיידענע מיטלען. מיט זיינע לעצטע קרעפטן האָט ער געענדיקט דעם לעצטן אַקט״.

דעם 28 אויגוסט 1917 איז מ. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און איז — לויט זיין צוואה — געקומען צו קבורה נעבן זיגמונט מאָגולעסקאָ אויפן וואַשינגטאָן־בית־עולם אין ניו יאָרק.

לעד פענסיל [ב. באַטווינִיק] שילדערט מ.׳ס לעצטע יאָרן ביי דער יידישער בינע: „די לעצטע 2־3 יאָר פון זיין לעבן האָט ער, דער געוועזענער [בינע־] קעניג פון אייראָפּע געשפּילט דאַרע בענעפיסלעך אין די יידישע טעאַטערס. די לעצטע צייט האָט דער חבר פון די אייראָפּעאישע פּרינצן זיך קוים מיט צרות איינגעבעטן ביי אַן אָרימען יידן ער זאָל קויפן אַ 35 סענטיקן טיקעט [בילעט] צו זיינער אַ פאָרשטעלונג. די דייטשע פאָרשטעלונגען האָט [האָבן] שוין ניט געשמעקט דעם יידישן עולם. אויך האָט דער יידישער אַקטיאָר און די יידישע אַקטריסע נישט געוואָלט שפּילן אין מאָריסאָנס דייטשן רעפּערטואַר. עס איז שווער צו ברעכן דעם יידישן צונג אויף דייטש. יעדער יידישער אַקטיאָר פלעגט אויסמיידן צו אָנטייל נעמען אין מאָריסאָנס אַ פאָרשטעלונג. דאָס דייטש האָט זיך שוין אויך דעם עולם צוגעגעסן. דערצו איז מאָריסאָן געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. זיין פעסט־געבויטער קערפּער האָט זיך צעקנייטשט און צעבויגן. זיין אַמאָליקע קרעפטיקע שטימע איז געפאַלן. עפּעס האָט זיך צעבראָכן אין זיין האַלז און זיין קול האָט געקלונגען ווי מען קלאַפּט אין אַ צעשפּאָלטענעם טעפּל״.

ב. גאָרין כאַראַקטעריזירט אַזוי מ. אַלס שוישפּילער און זיין ראָל אויף דער יידישער בינע: „מאָריץ מאָריסאָן איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור און ניט נאָר אין די טעאַטער־קרייזן, וואו ער האָט אַלעמען געקענט און אַלע האָבן אים געקענט, נאָר אויך ביי דעם רוסן טעאַטער־פּובליקום. עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך ווייזן אין אַ יידישן טעאַטער אַלס צושויער און אַלע אויגן האָבן זיך אָפּגערוקט פון דער בינע צו אים און אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט. אַ שטאָלצער סטאַר איז ער געווען, איידער ער איז אַרונטערגעקומען צו דער יידישער בינע, שטאָלץ מיט זיין קונסט, שטאָלץ מיט זיין באַרוף און שטאָלץ מיט זיין קאַריערע און די יידישע קאָלעגן האָבן זיך צו אים געהאַלטן מיט גרויס דרך־ארץ, ווי צו איינעם, וואָס האָט זיי, נאָמען ערוואָרבן אויף אַ פרעמדער בינע. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ מין מורא פאַר אים, ווייל ער האָט געהאַט זיינע קאַפּריזן. נאָר וואָס עפּטער ער האָט זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אויף דער יידישער בינע, אַלץ מער איז מען געוועגט געוואָרן צו אים און וואָס מער מען האָט זיך צו אים צוגעוועגט, אַלץ מער איז געפאַלן דער דרך־ארץ פאַר אים ..נאָר אונטער אַלע אומשטענדן איז ער געבליבן דער אַרטיסט, וואָס האָט ליב געהאַט זיין קונסט און האָט זיך צו דער בינע פאַרהאַלטן מיטן טיפסטן רעספּעקט פון דעם כהן צו זיין טעמפּל. ביי אים יז געווען דאָס שפּילן אַ ריכטיקע עבודה. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין דער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט געגעבן, מיט לייב און מיט לעבן און ער האָט זיך ניט ערלויבט אַרויסצוגיין פון זיין ראָל אין די הפסקות. ...מאָריסאָן האָט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געגעבן

פֿאָרשטעלונגען אויף דער יידישער בינע, געשפּילט איינע און די זעלביקע שטיקער, וועלכע ער האָט געוואוסט בעל-פּה, נאָר יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געדאַרפט געבן אַ פֿאָרשטעלונג, איז געווען ווי ער וואָלט צוגעטראָטן צו אַ נייער שטיק. ...מאָריסאָן איז געווען אַ ראָמאַנטישער שוישפּילער און האָט זיך געפֿילט ווי אַ פֿיש אין וואַסער אין דער קלאַסישער דראַמע, אין וועלכער די מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן ווערן געשילדערט אין געדיכטערע פֿאַרבן. ווען ער וואָלט ערשיינען אין אַ רעאַליסטישער שטיק און געדאַרפֿט שילדערן די ליידנשאַפֿטן פֿון אַ דורכשניטלעכן מאָדערנעם מענטשן, וואָלט ער פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיינע פֿיס. זיין העראָאישע האַלטונג, זיין שווערע שטים, זיין געדיכטע אינטאָנאַציע, וואָלט[ן] זיך לחלוטין ניט געפּאַסט פֿאַר אַזאַ ראָל, און אַ געוויינלעכער דורכשניטלעכער ייד וואָלט אַרויסגעקומען אַן אָטעאָ אָדער אַ האַמלעט. ...ערשט גאָר אין די לעצטע יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט דאָ געזען שילדקרויטן, ווי יענער האָט דאָ געשפּילט אין מאַמע-לשון, איז ביי מאָריסאָנען געבוירן געוואָרן אַ פֿאַרלאַנג צו שפּילן יידיש פֿאַר זיינע ברידער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער מיר פֿאַרטרויט, אַז ער קען ריידן יידיש גלייך ווי אַלע יידן און אַז ער טראַכט וועגן דער ראַטזאַמקייט צו שפּילן אין אַ יידישער פּיעסע אויף ריין מאַמע-לשון. ...עס איז גוט פֿאַר אים, וואָס ער האָט זיין פּלאַן ניט אויסגעפֿירט. ...עס אין שוין געווען צו שפּעט פֿאַר אים צו ברעכן זיין צונג אין יידיש, אַ חוץ דעם, ווי שוין אויבן געזאָגט, וואָלט ער אויפגעפּאַסט אַ רעאַליסטישן כאַראַקטער אין אַ ראָמאַנטישן גייסט. מאָריסאָן איז ביז דעם לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן געבליבן אַ פֿרעמדער וואַזאָן אויף דער יידישער בינע. ער איז זיך מיט איר קיינמאָל ניט צוזאַמענגעוואַקסן. מיט זיין ערציאונג, מיט זיין בילדונג, מיט זיין קונסט, מיט זיין שפּראַך האָט ער זיך געפֿילט פֿרעמד און געבליבן פֿרעמד אויף דער יידישער בינע".

אַב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ער איז געווען אַ דייטשער שוישפּילער, ניט קיין יידישער, און אַלס דייטשער האָט ער ביי אונז געשפּילט. ...ווען מאָריסאָן וואָלט זיך אויסגעלערנט שפּילן פֿליין [פּשוט] יידיש, וואָלט ער פֿילייכט פֿאַרלוירן פֿינף און זיבציק פּראָצענט פֿון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי אונז. ...נאָך זיינע מאַניערן און אויסשפּראַכע האָט מען געזען, אַז דאָס איז אַ שוישפּילער, וועלכער איז געגאַנגען אין חדר ביי לערער פֿון די בערלינער און ווינער טעאַטערע. דאָס גופא האָט מאָריסאָנען שוין געשטעלט גאַנץ אָפּגעזונדערט פֿון אַלע יידישע אַקטיאָרן. ..געשפּילט האָט ער אויפֿן קלאַסישן שטייגער. ער האָט דעקלאַמירט, אַבער ער האָט דעקלאַמירט שיין, איינדריקספֿול. מען האָט אים ליב געהאַט צו זען אין קלאַסישע סצענעס, אָט טאַקע אין אַזעלכע וואו מען דאַרף דעקלאַמירן, וואו זיין שיינע שטימע מיט זיין שיינע[ר] דייטשע[ר] אויסשפּראַכע האָט געקלונגען מיט קלאַסישער דרייסטקייט און יום-טובדיקייט ...זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען אַ גוטע זאַך פֿאַר אונזער טעאַטער. ער איז געווען אַ מין פֿאַרבינדונג צווישן איר און די[ער] גרעסערע[ר] אייראָפּעאישע[ר] בינע. עס איז געווען גוט, וואָס אונזערע טעאַטער-באַזוכער פֿלעגן הערן אַ פֿיין מושטירטע אויסשפּראַכע און זען ווירדיקע, ציוויליזירטע באַוועגונגען. די טעאַטערע, וואו ער פֿלעגט שפּילן, זיינען אימער [?] געווען געפּאַקט. דאָס הייסט, אַז ער האָט ביי אונזער עולם געהאַט אַן אמתן חן און דיזער חן איז געווען צו גוטן".

באָריס טאָמאַשעווסקי שרייבט וועגן מ.׳ס קאַריערע: „ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער וועלט-קונסט, ער האָט געזוכט צו מאַכן סענסאַציאָנען, די וועלט זאָל ריידן פֿון אים, די צייטונגען זאָלן שרייבן פֿון אים, עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿן. ער איז געווען אַ שלעכטער מענעדזשער און האָט ניט געוואוסט ווי אָנצוהאַלטן דעם טעאַטער-כבוד, וועלכן ער האָט זיך אַזוי גרויס ערוואָרבן. ער האָט אין זיין צייט אַ סך לייכטזין באַגאַנגען. ער איז אין זיין גרויסקייט צו הויך געשפּרונגען און איז דאַן צו טיף געפֿאַלן. און דער אמת איז, אַז זיין קומען צום יידישן טעאַטער האָט אים געגעבן דעם לעצטן שטויס. די דייטשע בינע האָט מער פֿון אים ניט געוואָלט וויסן, פֿון אייראָפּע איז אָפּגערעדט. נאָר אַפֿילו די קליינע דייטשע בינע אין אַמעריקע: ווי סינסינעטי, סט. לואיס, מילוואָקי, אַפֿילו זיי האָבן מאָריסאָנען ניט געוואָלט צולאָזן, ווייל ער האָט זיך צופֿיל פֿאַריידישט".

אין נעקראָלאָג אין „מאָרגען-זשורנאַל" ווערט באַמערקט: „ביים יידישן עולם האָט ער שטאַרק אויסגענומען אַלס „קין" און זיינע גרעסטע פֿאַרערער אין יידישן טעאַטער זיינען געווען געקומענע פֿון עסטרייך [געמיינט הויפּטזעכלעך פֿון גאַליציע], וואָרשיינלעך דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן פֿון אים געהערט אָדער [אים] געזען, ווען ער איז געווען אין זיין גלאַנץ אויף דער דייטשער בינע און אויך דערפֿאַר, וואָס זיי איז די דייטשע שפּראַך נענטער באַקאַנט ווי די יידן אין אַנדערע לענדער".

ראובן ברײנין שטעלט זיך אָפּ אויף מ.׳ס יידישער ערודיציע: „...זיינע [מ.׳ס] בריוו, נעבן ביי געזאָגט, זיינען געווען פֿול אָנגעפּיקט מיט ציטאַטן פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסישע דיכטער. זיין דייטש איז געווען ליטעראַריש, זאָגאַר צו ליטעראַריש, איבערגעקינסטלט, כמעט ווי זיין שפּילן אויף דער בינע, פֿול ליבנסווירדיקייט, קלינגענדיקע פֿראַזן און די אָבזיכט צו אימפּאָנירן, צו איבעראַשן מיט זיין באַלעזנהייט. ...אויף יענעם אָוונט [אַ ציוניסטישער אָוונט אין 1898 אין מאַריענבאַד] האָב איך געמאַכט מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט מאָריס מאָריסאָן. ווי ערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען דיזער „הויף-שפּילער", וועלכער האָט אין מאַריענבאַד פֿאַרקערט אַמייסטן אין קריסטלעכע קרייזן, האָט אין מיין קעגנוואַרט ציטירט אויף אויסנווייניק מאַנכע שטעלן פֿון דער משנה. ער האָט איין פֿעלער נישט געמאַכט. מאָריסאָן האָט אויך פֿאַרשטאַנען מיין רעדע, וועלכע איז געווען אין העברעאיש. ווי קומט דאָס צו אים? — האָב איך אים געפֿרעגט. זיין ענטפֿער: „וואָס איז דער וואונדער? איך בין דאָך געווען אַמאָל אַ תּלמיד פֿון אייזיק הירש ווייס און לעקטאָר מאיר איש שלום אין ווין".

י. ענטין שרייבט: „אַמייסטן וועלן אים געדענקען אַמעריקאַנער יידן. כאָטש ער האָט ניט געשפּילט פֿאַרן גרויסן פֿאָלק, כאָטש זיין שפּראַך און זיין רעפּערטואַר האָבן אים געשטערט צו ווערן דער ליבלינג פֿון די גרויסע מאַסען, איז אָבער ניט געווען קיין איין טעאַטראַל אין ניו-יאָרק און אין אַלע אַנדערע גרעסערע יידישע שטעט אין אַמעריקע, וואָס האָט אים ניט געזען און איז פֿון אים ניט געבראַכט געוואָרן צום העכסטן עקסטאַז פֿון טראַגישן גענוס. דעם העכסטן טראַגישן עקסטאַז האָט מאָריסאָן אויף דער יידישער בינע מיט פֿולע הויפֿנס אַרויפֿגעבראַכט. שפּילנדיק אויף דער דייטשער שפּראַך און אין ניט-יידישע פּיעסען, האָט ער דאָך, מיט זיינע קורצע עפּיזאָדן, אַמאָל אין מיטן סעזאָן, אָבער מייסטנטיילס צום שלוס, די יידישע בינע פֿיל רייכער געמאַכט. ער האָט אויף דער יידישער בינע, וועלכע האָט קיין קלאַסישע קינדהייט גאָרניט געהאַט, דעם אייראָפּעאישן קלאַסיציזם אַרויפֿגעבראַכט. און זיינער, לכל הפּחות, וואָס אָנבעלאַנגען זיינע אייגענע ראָלן, איז אַ ריינער,

אומגעפעלשטער קלאַסיציזם געווע״, ניט קיין פאַרדאָרבענער, ניט קיין פאַרקריפּלטער שעקספּיר איז זיינער געווען, ניט קיין אַרויסגעשניטענעם און יידישלעך אויסגעלאַטעטן שילער האָט ער געגעבן, נאָר עכטע, אמתע, מיט זייער גאַנצער געבירטיקער גראַנדיעזקייט, מיט זייער גאַנצער אידעאַלער שיינקייט. ניט קוקנדיק אויף זיין פרעמדקייט, האָט ער דאָך דעם יידישן טעאַטער פיל ערנסט און ווירדע צוגעגעבן. ער האָט געווירקט צום גוטן סיי אַלס אַרטיסט און סיי אַלס מענטש, סיי אויף דער בינע און סיי אין געזעלשאַפטלעכן פאַרקער״.

יעקב קאַליך דערציילט: „ער [מ.] האָט, למשל, אויף מיין פראַגע פאַרוואָס ער שפּילט ניט זיינע ראָלן אויף יידיש, נאָר דייטש, מיר געענטפערט: ווייל, אַז ער וועט ריידן צום ייד אויף יידיש, וועט דער ייד פאַר אים קיין דרך־ארץ ניט האָבן. ...מערקווירדיק, אַזאַ נייע ערשיינונג צו יענער צייט אויף דער יידישער בינע ווי ער איז געווען, אַזאַ פיגור מיט אַזוי פיל געשולטער אינטעליגענץ און טאַלאַנט, האָט קיין איינציק בלאַט ניט צוגעשריבן צו אונזער טעאַטער־געשיכטע, ניט נאָר קיין נייע עפּאָכע, נאָר קיין נייעם ווילן אָדער פאָרם געשאַפן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מייסטנס איז ער עס בכח געווען. דערפאַר טאַקע ווייל ער איז צו אונז געקומען, ניט אויס ליבע און ניט מיט ליבע, נאָר בשעת הדחק, בשעת אַ גייסטיקן פּאָגראָם, האָט ער זיך אין שמע ישראל אָנגעכאַפּט און דעם טייטש דערפון ניט געוואוסט. ...ער האָט יידיש ניט געוואָלט ריידן כדי דעם דרך־ארץ ניט צו פאַרלירן און דערווייל אַלצדינג פאַרלוירן״.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 169.

י. קריטיקוס [קירשענבוים] — מאָריסאָן און מאַלווינא לאָבעל, „דער קאַנאַדער אדלער״, מאָנטרעאַל, 3 מערץ 1910.

ז. קאָרנבליטה — „שיילאָק״ און ווי מאָריס מאָריסאָן פערטייטשט איהם „דיא אידישע ביהנע״, נ. י., 8 אַפּריל 1910.

מ. ד. [דאַנציס] — מאָריטץ מאָריסאָן אַלס „קעניג ליער״, „דיא אידישע ביהנע״, נ. י., 15 אַפּריל 1910.

יעקב קירשענבוים — קונסט און קינסטלער, „די אידישע וועלט״, קליוולאַנד, 27 יוני 1915.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע״, נ. י., 1916, זז. 260-61, 244, 166-170.

אב. קאַהאַן — מאָריטץ מאָריסאָן׳ס ראָלע אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.״, נ. י, 29 אויג. 1917.

י. ענטין — מאָריטץ מאָריסאָן, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 29 אויג. 1917.

יאַקאָב פּ. אַדלער — אַ אידישער קינסטלער געשטאָרבען, „מאָז׳ש״, נ. י., 29 אויג. 1917.

באָריס טאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי בעשרייבט וויא אַזוי ער האָט זיך בעקענט מיט מאָריסאָנען, „פאָרוו.״, נ. י., 30 אויג. 1917.

י. ז. שובין — אַ פערשטויסענער, „דער טאָג״, נ. י., 30 אויג. 1917.

לעד פענסיל [ב. באָטוויניק] — מאָרריס מאָרריסאָן, „פאָרוו.״, נ. י., 31 אויג. 1917.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — מאָרריסאָן האָט אַמאָל געמוזט פערלאָזען דיא ביהנע און ווערען אַ פאַרמער, דאָרט.

באָריס טהאָמאַשעפסקי — טהאָמאַשעפסקי אַלס מאָריסאָן׳ס מענעדזשער, „פאָרוו.״, נ. י., 1 סעפּט. 1917.

ראובן ברײנין — מאָריס מאָריסאָן, „יידיטגבל׳ט״, נ. י., 4 סעפּט. 1917.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — ווי אַזוי מאָרריסאָן איז געוואָרען אַ תושב אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.״, נ. י., 5 סעפּט. 1917.

ב. גאָרין — מאָריטץ מאָריסאָן, „מאָז ש״, נ. י., 5 סעפּט. 1917.

יעקב קאַליך — מאָריס מאָריסאָן, קעניגליכער שוישפּילער, געשטאָרבען אַ בעטלער, „דער טעאַטער שטערן״, נ. י., 1 דעצ. 1926.

מאַריענהאָף, מאַקס

[געב. ...186 — געשט. 16 אָקט 1928]

געבוירן ...186 אין סיטאַווא, קורלאַנד, אין אַ סוחרישער פאַמיליע. אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן שפּילן מיט „ליבהאָבער״ יידיש טעאַטער אין סיטאַווא.

1890 — עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער״ אין מענטמייקער קלאָב, דאָרט באַקענט ער זיך אויך מיט דער „ליבהאָבערין״ אַננאַ צייטלין, מיט וועלכער ער האָט חתונה אין 1895, גיט אויף דאָס שפּילן אין קלוב און נעמט צקספּאָרטירן שוכוואַרג פון ענגלאַנד קיין אויסטראַליע א׳פ „מאַגנעס עט קאָמפּ.״. ווען דאָס געשעפט איז שלעכט אַוועק, פאָרט ער אָפּ קיין דרום־אַפריקע וואו ער הייבט אָן שפּילן יידיש טעאַטער אין קעפּטאַן, און ווען משה־דוד וואַקסמאַן אָרגאַניזירט אַ טרופּע פאַר יאָהאַניסבורג, גייט מ. איבער אין דערדאָזיקער טרופּע.

1905 — קומט מ. צוריק אין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אין מוזיק־האָלס. 1907 — פאָרט ער אָפּ קיין אַרגענטינע, וואו ער ווערט איינער פון די אַקטיווסטע בויער פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

מ. הייבט אָן שפּילן אין בוענאָס־איירעס אין דעם אַמאָליקן טעאַטער אויף טשאַקאַבוקאָ. 1909 — קומען קיין אַרגענטינע פּעני וואַדיאַ עפּשטיין און זיגמונט פיינמאַן און מ. קריגט פאַר זיי אַ טעאַטער אויף פיעדראַס. דאָ ווערט מ. אַליין אימפּרעסאַריאָ און ברענגט פון אייראָפּע די אַקטיאָרן בערטאַ און קאַרל גוטענטאַג און סעם בלום, וועלכע הייבן אָן שפּילן אין טעאַטער קאַמיקא (איצט — סעלעקט לאַווענדזשא) און באַלד טראָגט זיך איבער די טרופּע אין טעאַטער גאַריבאַלדי, וואו עס ווערט אויף אַ צייט די היים פון יידישן טעאַטער.

בערך 1911-12 ברענגט מ. די אַקטיאָרן בינע אַבראַמאָוויטש, מאָריס מאָשקאָוויטש און קלמן יאָוועליר, נעמט שפּעטער אויך איבער דעם גאַסטראָלירנדיקן סעמיועל גאָלדענבורג און ציט צו פאַר קינדער־ראָלן בערטאַ זינגערמאַן.

1915 — איז מ. אונטערנעמער פון טעאַטער אָלימפּאַ צוזאַמען מיט אהרן לאַגער. 1916 — פירט ער אָן מיטן טעאַטער באַטאַגליאַ (איצט — גראַן ספּלענדיד). 1917 — באַזוכט ער בראַזיל און אין 1918 קערט ער צוריק קיין אַרגענטינע, וואו ער ברענגט אין אָלימפּיאַ־טעאַטער דעם אַקטיאָר יעקב זילבערט.

1921 — באַזוכט ער צפון־אַמעריקע און שפּילט אויף דער דאָרטיקער פּראָווינץ. 1923 — צוריקגעקערט קיין אַרגענטינע, וואו ער ווערט דער אונטערנעמער פון מאַרק אַרנשטיינס טורנעע איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

ב. גאָרין דערציילט וועגן מ.: „גוטענטאַג [דער אַקטיאָר] האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט פעאיק צום געשעפט און מען האָט [קיין בוענאָס איירעס] אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן מאַריענהאָף צו שטעלן דעם טעאַטער אויף אַ פעסטן יסוד. דער לעצטער איז געווען אַ גוטער געשעפטסמאַן, נאָר ער האָט ווייניק געקאָנט אויפטאָן, ווייל גוטענטאַג האָט אים געשטערט, און דער סוף איז געווען, אַז מאַריענהאָף האָט אַליין, איבערגענומען דאָס אָלימפּאַ טעאַטער און גוטענטאַג מיט זיין פרוי און אַ טייל פון דער קאָמפּאַניע [טרופּע] איז אַריבער אין זאַל גאַריבאַלדי. גוטענטאַג האָט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען קעגן זיין קאָנקורענט: די הויפּט און איינציקע דראַמאַטישע שוישפּילערין אין בוענאָס־איירעס איז געווען פרוי גוטענטאַג. נאָר מאַריענהאָף האָט זיך געגעבן אַן עצה: ער האָט אָנגעהויבן צו אימפּאָרטירן שוישפּילער און אויף אַזאַ אופן האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיגמונט פיינמאַן, דיינע פיינמאַן, מאָריס מאָשקאָוויטש, יעקב זילבערט, מ. ד. וואַקסמאַן, ס. גאָלדענבורג, יאָוועליר און פרוי אַבראַמאָוויטש. ער האָט די דאָזיקע אַטראַקציעס ניט אַראָפּגעבראַכט צוזאַמען, נאָר איינציקווייז אָדער פּאָרווייז, אין אַ משך פון עטלעכע יאָר. דער קאַמף צווישן די צוויי דירעקטאָרן האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי האָבן געמאַכט שלום".

אין 1924 איז דאָס טעאַטער עקסעלסיאָר (מיט קורצע איבעררייסונגען) פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך מ. אין אַ יידיש טעאַטער. 1925 — איז מ. געשעפטס־פירער פון דאָזיקן טעאַטער, וואוהין ער ברענגט די אַקטיאָרן באָריס טאָמאַשעווסקי, מאָריס און מיני אַקסעלראַד און דערנאָך יאָזעף שיינגאָלד.

אין 1926 האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט שפּילן, איז געווען באַשעפטיקט בלויז אַלס אַדמיניסטראַטאָר און אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער אינגאַנצן זיך צוריקגעצויגן, הגם ער האָט אויך ווייטער געוועבט פּלענער וועגן נייע יידישע טעאַטער־אונטערנעמונגען.

לויטן נעקראָלאָג־שרייבער אין די „אידישע צייטונג" איז מ. „דורכגעגאַנגען אַלע טעאַטערס. איז אומעטום געווען די וויכטיקסטע פּערזאָן, וואָס ברענגט תמיד נייע איניציאַטיוועס, קאָנקורירט מיט אַנדערע אונטערנעמער און ווערט פאַרפאָלגט. . . . ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין קאַפּיטאַליסט און דאָך זיינען די מערסטע אונטערנעמונגען דורך אים באַשאַפן געוואָרן".

עס ווערט אויך דערציילט, אַז ווען מ. איז צוריקגעקומען פון צפון־אַמעריקע קיין אַרגענטינע און צו זיין ערשטן אויפטריט פון „אַמעריקע גנב" [אין גאַריבאַלדי־טעאַטער] איז קיין גרויסער עולם ניט געקומען, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שותף און אים אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך קאָן מיט אייך מער ניט זיין קיין שותף. כ'וויל אייך ניט נאַרן, ווייל אויב דער עולם איז צו מיר ניט געקומען נאָכדעם ווי כ'האָב געפעלט אַ יאָר צייט, איז אַ סימן, אַז עולם האַלט ניט פון מיר...

דעם 16 אָקטאָבער 1928 איז מ. געשטאָרבן אין בוענאָס־איירעס.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 198-200.

[—] — מאַקס מאַריענהאָף געשטאָרבן, „די פּרעסע", ב'א, 17 אָקט. 1928.

[—] — מאַקס מאַריענהאָף אַ שטיק געשיכטע פון אידישן טעאַטער אין אַרגענטינע, „אידישע צייטונג", ב'א, 23 אָקט. 1928.

מאַריענשטראָם, [?]

איינער פון די ע־שטע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע.

מ. האָט זיך — לויט באָריס טאָמאַשעווסקי — באַטייליקט אין 1888 אין באָסטאָן אין גאָלדפאַדענס אויפפירונג פון „ביידע קוני לעמעל". שפּילנדיק די ראָל פון „שלומוניו" און איז שפּעטער אַריינגעטראָטן אין ניו־יאָרקער אַטלאַנטיק־גאַרדען אַלס זינגער פון דייטשע קופּלעטן און אַלס רוסישער טענצער.

מ. איז — לויט באָריס טאָמאַשעווסקי — געווען אַ גוטער קופּלעטיסט, איינער פון די בעסטע טענצער אויף דער יידישער בינע און בכלל „אַ לעבעדיקער יונג".

מ. איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָנדוקטאָר אין סאָבוויי [אונטערערד־באַן].

מ. ע. פון באָריס טאָמאַשעווסקי.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — „טהאָמאַשעפסקי'ס טהעאַטער שריפטען", נ. י., 1908, ז. 71.

מאַרסאַלאָוו, ר.

[ראובן מאַנדעלבוים]

געבוירן 25 נאָוועמבער 1896 אין וואַרשע, פוילן. זיידע — רב, פאָטער — אַ האָלץ־סוחר, אַ חסיד, אַ מקובל. געלערנט אין חדרים און ישיבות און בגנבה למודי־חוץ. ערשט נאָך דער מוטערס טויט (1912) באַקענט זיך מ. אין אַ שכנותדיקן קאַפע־הויז מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער", וועלכע ער סופלירט אַ פּיעסע.

1913 — געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און סופלער אין דער פּראָווי־ץ־טרופּע א'א פון רייך, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום 2 יאָר. 1915-16 — אַנגאַזשירט אין וואַרשעווער ווענוס (דיר. — ה. זלאָטשעווסקי), 1917-18 — אַרומגעפאָרן איבער פוילן אַלס אַקטיאָר און סופלער מיט היימי און אַננאַ יאַקובאָוויטש, 1919-20 — מיט אַ חברים־טרופּע, 1921-92 — פאַראיינס־פאָרשטייער אין ווילנער טרופּעס, 1923 — מיט מאַלי פּיקאָן אין וואַרשע, וואו ער בלייבט אַרבעטן אין די יאָרן 1924-27 אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, 1928 — אין אַ טורנע מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ און זינט 1929 ווידער אין וואַרשע.

1927-31 — איז מ. געווען פאַרוואַלטונגס־סעקרעטאַר פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן.

מ. האָט איבערגעגעבן צום דרוק אַ ריי געשפּילטע פּיעסעס פון פאַרשיידענע מחברים [אָן זייער הסכמה אָדער וויסן], 2 פון די דאָזיקע פּיעסעס [ל. פריימאַן און ס. ה. קאָןס] „ציפּקע פייער, קאָמעדיע אין 4 אַקטען מיט געזאַנג" (וואַרשע 1925) און [וויליאַם סיגעלס] „וואו זיינען מיינע קינדער?, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטען" (וואַרשע 1926) זיינען, אָן די נעמען פון די מחברים, דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע.

מ. ע.

ז. זילבערצווייג — אַ סוף צו דער הפקרות! „שיקאַגאָ", שיקאַגאַ, יולי 1931.

מאַרעווסקי, אברהם

[מנקר]

געבוירן 8 מערץ (א. ס.) 1886 אין ווילנע, פויליש-ליטע, ביי בעל-הביתישע עלטערן, שוך-סוחרים, געלערנט אין חדרים און פון 10 יאָר אָן אין שטוב (לשון הקודש און תנ״ך ביי דוד נאטיק, גמראביים פּיאַסקער רב. וועלטלעכע בילדונג — ביי פּריוואַטע פּעדאַגאָגן, שפּעטער ביי לערער פון ווילנער רעאַל-שול).

קיין התמדה אין לערנען נישט אַרויסגעוויזן און ביי אַ ליידנשאַפטלעכער צוגעבונדנקייט צו דער רוסישער שפּראַך, אַלגעמיינע ליטעראַטור און אַלגעמיינע געשיכטע, נישט געקאָנט דערגרייכן עפּעס אין נאַטור-געשיכטע און מאַטעמאַטיק.

גאַנץ פרי באַהערשט פון שטרעבן צו טעאַטער, האָט מ. פלייסיק באַזוכט די פאָרשטעלונגען אין רוסישן טעאַטער און אויסגעדריקט זיינע מיינונגען אין קריטיקס, וועלכע ער האָט געשריבן פאַר זיך.

1903 — געשטרעבט אָנצוקומען אין דאָרפּאַטער גימנאַזיע, אָבער דורכגעפאַלן אויף באָטאַניק.

1904 — זיך עקזאַמענירט אין פּערנוי אויפן אַטעסטאַט פון אַ פאַרמאַצעווט-שילער און צוליב „וואוינרעכט" געוואָרן אין 1907 אַ געהילף-פּראָוויזאָר, נאָר פאָרט נישט באַקומען קיין וואוינרעכט.

1907-1910 - געלערנט אין פּעטערבורג אין דער „טעאַטער-שול אויפן נאָמען פון אַ. ס. סובאָרין" און זי געענדיקט מיטן דיפּלאָם פון „אַרטיסט פון ליטעראַריש-קינסטלערישן טעאַטער".

פון קינדווייז אָן נאָכגעמאַכט די קונים, וועלכע פלעגן קומען צו זיי אין געשעפט, שפּעטער זיך אויסגעצייכנט אַלס דעקלאַמאַטאָר און דערמיט זיך זייער אָפט אויסגעקויפט פון נישט-געוווּנגדע ידיעות אין געוויסע למודים. כמעט נאָך אַלס קינד זיך 2 מאָל באַטייליקט אין ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען. 1905 — דעביוטירט אין רוסישן טעאַטער ביי דאַנילאָוון אַלס „קניאַז" אין פּושקינס „רוסאַלקאַ" און זייער אויסגענומען, אָבער צוליב די פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד זיך צוריקגעצויגן פון דער רוסישער בינע.

בעתן פאַרענדיקן אין 1910 די דראַמאַטישע שול אין פּעטערבורג, געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין דער אָנוועזנהייט פון לעצטן רוסישן צאַר ניקאָליי און דעם דיכטער, גרויספירשט ק. ר. אין 1910-11 געשפּילט אַלס רוסישער אַקטיאָר אין דער טרופּע פון ביעלאַיעוו אין גראָדנע, דערנאָך אין אַנדערע רוסישע טרופּעס, ביז אין 1913, ווען ער גייט איבער צו דער יידישער בינע, דעביוטירנדיק אין ווילנע אין ליפּאָווסקיס טרופּע אַלס „יחיאל" אין פּרץ הירשביינס „דער לעצטער". קורץ דערויף פירט ער דאָ אויף ז. זילבערצווייגס איבערזעצונג פון אַ. דיומאַס „קין" (שפּילנדיק די טיטל-ראָל, און די סצענע „האַמלעט" אין זיין אייגענער איבערזעצונג). 1919 — אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער דראַמאַטישער טרופּע פון קאָמפּאַניעץ אין לאָדזש, וואו ער פירט אויף דימאָווס „שמע ישראל", אַשס „דער לאַנדסמאַן", גאָרדינס „די אמתע קראַפט", דר. הערצלס „דאָס נייע געטאָ", הערמאַ זודערמאַנס „יאָהאַנעס פייער" (איב. — ז. זילבערצווייג), „קין" פון אַ. דיומאַ

און זיין אייגענע איבערזעצונג פון ל. אַנדרעיעווס „דער וואָס קריגט די פּעטש" (פ״ג ברידער לעווין-עפּשטיין, וואַרשע. 1922).

באַלד דערויף טרעט מ. אַריין אין דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע און נאָכן אויפפירן דאָרט אייניקע פּיעסעס פון זיין רעפּערטואַר, טרעט ער אויף ד. 9 דעצעמבער 1920 (א״ר פון דוד הערמאַן) אַלס „דער מיראָפּאָליער צדיק" אין אַן-סקיס „דער דבוק", אין וועלכן ער רופט אַרויס אַן אומגעהויערע אויפמערקזאַמקייט און ווערט אי, דער ראָל פּאָפּולער איבער דער וועלט

זומער 1921 גאַסטראָלירט מ. אין ווילנער העליאָס-טעאַטער און פירט דאָ אויף אַן-סקיס „דער דבוק" אין 4 אַקטן (בעת הערמאַנס רעזשי איז אין 3 אַקטן).

פון איצט אָן הייבן זיך אָן ביי מ. כסדרדיקע הפסקות פאַר יעדער נייער אַקטיווער טעטיקייט.

הערבסט 1921 ווערט מ. אַנגאַזשירט קיין בערלין כדי צו פאַרפילמען דעם „דבוק", אָבער אינמיטן ווערט די אַרבעט איבערגעריסן. פעברואַר 1922 — ווערט מ. ווידער אַנגאַזשירט אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער פירט אויף דעם 23 פעברואַר 1922 זיין איבערזעצונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ" (פ״ג ברידער לעווין-עפּשטיין, וואַרשע, 1922). דובלירנדיק שפּעטער די ראָל „אוריאל" מיט אַ שטיין. אין מאַי 1922 טרעט מ. אויף אין דער טרופּע (א״ר פון ל. קאַדיסאָן) אַלס „מרדכי מאַזאַ" אין ה. לייוויקס „שמאַטעס" און נאָכן שפּילן מיט דער טרופּע איבער פּוילן און גאַליציע, פאָרט מ. קיין אויסלאַנד, וואו ער טרעט צו איבערזעצן אין פּערזן וויליאַם שעקספּירס „שיילאָק" (וואָס ער פאַרענדיקט אין 1926).

אָקטאָבער 1922 שפּילט מ. מיט דער „ווילנער טרופּע" אין ווין און פאַראינטערעסירט מיט זיין פאַרקערפּערן דעם „צדיק" מאַקס ריינהאַרדן, מיט וועלכן ס'ווערן געפירט דערפאָלגלאָזע פאַרהאַנדלונגען.

מאַי 1923 ווערט מ. אַנגאַזשירט קיין בערלין אַלס קינסטלערישער ביירראַט צום פילם „דאָס אַלטע געזעץ" (א״ר פון ע. וו. דיופּאָנט), אין וועלכן מ. שפּילט די ראָל „דער אַלטער רב" צוזאַמען מיט הענרי פּאָרטען, ערנסט דויטש א. א.

פון אויגוסט 1923 געשפּילט אייניקע וואָכן אין ווילנער פּאַלאַסט-טעאַטער און געבראַכט די „דבוקיאַדע" מיט אַן אויפירונג פון „קין" (22 מאָל נאָך דער ריי), גלייכצייטיק אָנגעפירט מיט דער ווילנער סטודיע (געגרינדעט דורך אַ. סלאָבאָדסקי) ביי דער קונסט-געזעלשאַפט.

נאָכן פאַרברענגען אייניקע חדשים אין בערלין, אַנגאַזשירט געוואָרן פאַר מאַי-סעפּטעמבער 1924 אין „אופאַ" פאַרן פילם „דער טורם פון שוויגן" (א״ר פון דר. יאָהאַנעס גוטער), צוזאַמען מיט קסעניאַ דעסני, האַננאַ ראָלף און פריץ דעליוס.

צוריקגעקומען אין פּוילן, גאַסטראָלירט מ. אַ געוויסע צייט אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער, וואו ער פירט אויף אין פעברואַר 1925 אַלטער קאַציזנעס „דער דוכּוס" (שפּילנדיק די ראָל „דער אַלטער דוכּוס"). דערנאָך פאָרט ער אַרום אַ קורצע צייט איבער דער פּוילישער פּראָווינץ מיט רעפּערטואַר און רעציטאַציעס, און אין מערץ 1925 פירט ער אויף מיט „ליבהאָבער" אין מעזריטש די לעצטע 2 אַקטן פון „דבוק" (מיטשפּילנדיק).

נאָך אַ לענגערע הפסקה אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1925 צו רעזשיסירן, צוזאַמען מיט ביעגאַנסקין, אין דער פּוילישער פילם-געזעלשאַפט „מערקור" אַ סצענאַריע פון אַן-סקיס „דבוק", אָבער

צוליבן אַרעסט פון פינאַנס־דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, ווערט דער פּלאַן נישט רעאַליזירט.

אָקטאָבער־נאָוועמבער 1925 — גאַסטראָלירט אין לאָדזש ביי צעלמייסטערן, דערנאָך געשפּילט אייניקע וואָכן אין ווילנע און אַנגאַזשירט געוואָרן צו ליפּאָווסקין אַלס קינסטלערישער לייטער אין געעפנטן פאָלקס־טעאַטער, אָבער נישט האָבנדיק קיין גינגנדע מאַראַלישע גאַראַנטיעס פאַרן אַמט זיך באַגנוגנט מיט אַן עפנטלעכער דעמיסיע־רעדע אויף דער דערעפנונג פון טעאַטער.

נאָך אַ לענגערע הפסקה פאָרט מ. אַרום איבער קרוין־פּוילן מיט רעפּעראַט א׳ט „טעאַטער און יידן״.

סוף אויגוסט 1926 ווע״ט מ. אַנגאַזשירט קיין ריגע צו אַראַנזשירן דאָס יידישע מצוטים־טעאַטער און אין משך פון 4 חדשים גיט ער 12 אויפפירונגען פון זיין רעפּערטואַר אין ריגע און אין דער לעטישער פּראָווינץ.

יוני 1927 טרעט מ. צוריק אַריין אין דער רעסטאַוורירטער „ווילנער טרופּע״ אין גאַליציע און טרעט דאָ אויף דעם 12 אויגוסט 1927 (א׳ר פון דוד הערמאַן) אין פּרעגערס „דער נסיון״ (ראָל „פּריץ״). אייניקע חדשים שפּעטער נעמט מ. איבער די לייטונג פון „קראָקעווער יידישער טעאַטער״, פון וואָס ער ציט זיך אָבער באַלד צוריק, ווייל דער קאָמיטעט ביים טעאַטער מישט דעם רעפּערטואַר פון דראַמעס מיט קליינקונסט, און פאָרט אַרום איבער דער גאַליצישער פּראָווינץ מיט רעפּעראַטן און רעציטאַציע־אָוונטן.

פעברואַר 1928 ווערט מ. אַנגאַזשירט קיין אַרגענטינע (בוענאָס־איירעס, טעאַטער אמבו, דירעקציע א. מידע), וואו ער שפּילט 3 חדשים און פאַרענדיקט מיט גאַסטראָלן איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ. פון דאָ ווערט מ. אַנגאַזשירט אין מאָריס שוואַרץ יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו מ. דעביוטירט דעם 12 אָקטאָבער 1928 אין זיין אויפפירונג פון „דער וואָס קריגט די פּעטש״, דערנאָך טרעט דאָ מ. אַרויס אין זיינע אויפפירונגען אַלס „מרדכי מאזא״ אין „די שמאַטעס״, אַלס „דער מיראָפּאָליער צדיק״ אין „דבוק״, אַלס „פּירס״ אין בולגאַקאָווס אויפפירונג פון טשעכאָווס „קאַרשן־גאָרטן״, אין שוואַרץ אויפפירונג פון אַשס „קדוש השם״ (פאַרטרעטנדיק יחיאל גאָלדשמידטן אין „אַרענדאַר מענדל״) און אין שוואַרץ אויפפירונג פון זיין רעפּאָרמי־טער גאָרדין־פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול״ (ראָל „חאַצקעל דראַכמע״).

צוליב זיין פאַרשאַרפטער הייזעריקייט ציט זיך מ. צוריק פון טעאַטער און נאָך אַ הפסקה פון אייניקע חדשים, נעמט ער איבער אויף זומער 1929 די לייטונג פון די קינדער־פאָרשטעלונגען אין אַרבעטער־רינג־קעמפּ, וועלכע ער פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער אויפפירונג פון פּרץ „דער דין־תורה מיטן ווינד״.

ווינטער 1229 — ווערט מ. אַנגאַזשירט קיין שיקאַגאָ אַלס רעזשיסער פון דער אָרטיקער „יידיש ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט״ און נאָכן אויפפירן און מיטשפּילן אין קאַציזנעס „דוכּוס״ א׳נ „פּריצים״, טרעט מ. צו צו פּראָבן פון זיין איבערזעצונג „שיילאָק״. די אויפפירונג קומט אָבער נישט פאָר און אין פעברואַר 1930 פירט מ. אויף הערי סעקלערס „דעם צדיקס נסיעה״.

מערץ 1930 צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק און אין מאַי 1930 פאַרלאָזט אַמעריקע. אָפּשטעלנדיק זיך אין פּאַריז — געגעבן אייניקע גאַסטראָלן.

אויגוסט 1930 — אַריינגעטראָטן אין וואַרשעווער טעאַטער „נאָוואָסטשי״, וואָס ווערט דורך זיין איניציאַטיוו פאַרגרעסערט מיט נייע כוחות און אין נאָוועמבער 1930 טרעט ער דאָ אויף אין דער הויפּט־ראָל פון ביכנערס „דאַנטאָנס טויט״ (א׳ר פון דר. מ. ווייכערט).

באַלד אָבער לאָזט זיך מ ווידער איבער דער פּראָווינץ (ביז אַפּריל 1931) מיט רעפּעראַטן א׳ט „אייראָפּע אין אַמעריקע״ און „שעקספּיר אין ליכט פון יידישן געוויסן״.

אין סעפּטעמבער 1931 טרעט אַריין מ. אין וואַרשעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער (לייט. — דר. מ. ווייכערט), וואו ער שפּילט (א׳ר פון מ. ווייכערט) די טיטל־ראָלע פון שלום אַשס „רעוורענד דר. זילבער״ און דערנאָך פאָרט מ. אַרויס, צום ערשטן מאָל, אויף אַ גאַסט־טורנע מיט אַן אייגענער טרופּע (געניאַ שליט, רבקא גאַמארסקא, גאווא וואי, דניאל שאַפּיראָ, י. בערמאַן) איבער פּוילן, באַזוכנדיק אין משך פון 60 טעג 55 שטעט. צוליב די אַנטי־יידישע עקסצעסן בעת נאָוועמבער 1931 מוזן די פאָרשטעלונגען איבערגעריסן ווערן.

אין 1931 האָט מ. (15 יאַנואַר־15 פעברואַר) גאַסטראָלירט אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער (דיר. מ. קאַרפּינאָוויטש און ב. אַס), סוף פעברואַר 1932 — מיט דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון אהרן מאַרק — אָרגאַניזירט דעם דראַמאַטישן קלאַס ביים יידישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט אין ווילנע, אָבער אַ חודש שפּעטער זיך צוריקגעצויגן צוליב דער שרעקלעכער גלייכגילטיקייט מצד דער געזעלשאַפט און דעם מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען.

מ. האָט אויך אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אין די פאַרשיידנסטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון אייראָפּע און אַמעריקע זייער פיל אַרטיקלען און עסייען איבער טעאַטער בכלל און יידיש טעאַטער בפרט, וועגן פּיעסעס, דראַמאַטורגען, שוישפּילער, טעאַטער־מענטשן און קריטיק. אַ באַזונדערס גרעסערע סעריע האָט מ. א׳נ „אַהין און צוריק (זכרונות און רעיונות פון אַ יידן, אַן אַקטיאָר״) פאַרעפנטלעכט אין דער בוענאָס־איירעסער „פּרעסע״ (21 אָקטאָבער 1928־20 יאַנואַר 1929, מיט הפסקות).

אין דער לעצטער צייט האָט מ. אויך אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן פּובליציסטישע אַרטיקלען און עסייען אויף אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע־און טאָג־פראַגן.

ש. און מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״ II זז. 337-338.
ל. י. [לאַזאַר קאַהאַן] — „דער וואָס קריגט די פּעטש״, „לאָדזשער פאָלקסשטימע״, 6 סעפּט. 1920.
זלמן זילבערצווייג — „דער וואָס קריגט די פּעטש״, „לאָדטגבל׳ט״, 20 סעפּ. 1920.
איינער [אַ. איינהאָרן] — טעאַטראַלע נאָטיצן, „נייער הײנט״, וואַרשע, 22 אָקט. 1922.
שמאי [ש. ראָזנפעלד] — אגב אורחא, „הצפירה״, וואַרשע, נ׳224, 1920.
ד. אַ. בירזאָווסקי — אברהם מאָרעווסקי, „אונזער טאָג״, ווילנע, 28 מערץ 1921
א ליטוואק — דראַמאַטישע ווערק, „ביכער־וועלט״, נ׳ 2, 1922.
איינער — טעאַטראַלע נאָטיצן, „נייער הײנט״, וואַרשע, נ׳54, 1922.
ב. ק־ס [קאַרלינסקי] — „אַקאָסטאַ״ אויף דער יודישער ביהנע״, „מאָמענט״, וואַרשע, 14 מערץ 1922
אַ טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] — „אוריאל אַקאָסטאַ״ ביי די ווילנער, „פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 15 מערץ 1922
י. שפּיגעל — ווילנער טרופּע. „שמאַטעס״, „טאָגבלאַט״, לעמבערג, 1 יולי 1922.
דר. מאַקס ווײנרייך — אין ווילנע רודערט זיך איצט מיט אַ גרויסען אידישן אַקטיאָר, טאַקע אַ ווילנער, „פּאָרוו.״, נ. י., 18 מאַי 1924.
אַלטער קאַציזנע — „קין״ אין טעאַטער צענטראַל, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, נ׳ 34, 1924.
א. ק. — צוויי דבוקים, „ליטבל׳ט״, וואַרשע נ׳ 37 1925.
י. י. ז. [זינגער] — נאָך אַמאָל וועגן די „צוויי דבוקים״, „ליטבל׳ט״, 40, 1925.

אַלטער קאַציזנע – חוזק האָט זיינע הויזן נישט דערקענט, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, נ׳ 41, 1925.

א. מאַרעווסקי — וועגן קולטור אין טעאַטער, „ליטבל׳ט״, 62, 1925.

יוד-בית— א. מאַרעווסקי וועגן דעם יידישן טעאַטער, דאַרט, 1926,113.

מ. זילבורג — א. מאַרעווסקי, דאַרט, 122, 1926.

מיכאַיל יאָ — צוויי דבוקים, „פרימאָרגן״, ריגע, 3 יאַנ. 1927.

מיכאל ווייכערט — „טעאַטער און דראַמע״, II זז. 24-122, 41-38, 20-18.

יעקב באָטאָשאַנסקי — א. מאָרעווסקין — ברוך הבא, „פּרעסע״, ב׳א, 30 מערץ 1928.

[–] — אברהם מאָרעווסקי צו גאַסט אין „די פּרעסע״, „פּרעסע״, ב׳א 1 אַפּריל 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – א. מאָרעווסקיס דעביוט אין טעאַטער „אַמבו״, „שמאַטעס״ פון ה. לייוויק, „פּרעסע״, ב׳א 8 אַפּריל 1928.

ש. ג. [גלאַזערמאַן] – „שמאַטעס״ פון ה. לייוויק, רעזשי און הויפּט-אָנטייל פון א. מאָרעווסקי, „די אידישע צייטונג״, ב׳א, 8 אַפּריל 1923.

יעקב באָטאָשאַנסקי – דער אמתער אמת וועגן ה. לייוויקס שמאַטעס און א. מאָרעווסקיס דעביוט, „פּרעסע״, ב׳א, 10 אַפּריל 1928.

שמואל גלאַזערמאַן — א. מאָרעווסקיס טריאומף אין „דער וואָס קריגט די פּעטש״, „די איד. צייט.״, ב׳א, 15 אַפּריל 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – „דער וואָס קריגט די פּעטש״ פון ל. אַנדרעיעוו, רעזשי און הויפּטראָלע א. מאָרעווסקי „פּרעסע״, ב׳א, 15 אַפּריל 1928.

ט. ביילין - אברהם מאָרעווסקי, „ניי-לאַנד״, ב׳א, נ׳ 1, 1928.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] – „דאָס נייע געטאָ״, אויפגעפירט פון א. מאָרעווסקי, „איד. צייט ״, ב׳א, 15 מאַי 1928.

י. באָטאָשאַנסקי – א. מאָרעווסקיס אויפירונג פון א. קאַציזנעס „דוכוס״, „פּרעסע״, ב׳א, 15 מאַי 1928.

ש. גלאַזערמאַן – „דער דוכוס״ אויפגעפירט פון א. מאָרעווסקי, „די איד. צייט.״, ב׳א, 15 מאַי 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – דער לאַנדסמאַן פון ש. אַש, אויפגעפירט אין „אידישן טעאַטער״ פון א. מאָרעווסקי, „פּרעסע״, ב׳א, 27 מאַי 1928.

ש. ר. — שלום אַש׳ס „לאַנדסמאַן״ אויפגעפירט דורך מאָרעווסקין, „איד. צייט.״, ב׳א, 27 מאַי 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — נאָמבערנס „משפחה״ אין א. מאָרעווסקי׳ס אויפפירונג, „פּרעסע״, ב׳א, 5 יוני 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — מאָרעווסקיס אויפירונג פון „די משפחה״, „איד. צייט.״, ב׳א, 6 יוני 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — א. מאָרעווסקי׳ס אויפפירונג פון אַנסקי׳ס „דיבוק״ אין טעאַטער „אַמבו״, „פּרעסע״, ב׳א, 10 יוני 1928.

ש. ראָזשאַנסקי — מאָרעווסקיס אויפפירונג „דער דבוק״, „איד. צייט.״, ב׳א, 10 יוני 1928.

ש. ראָזשאַנסקי – אַ יום-טוב פון אַ שוישפּילער אַ קינסטלער, „איד. צייט.״, ב׳א, 18 יוני 1928.

ב. — מאָרגן דער ערנאָוונט פון א. מאָרעווסקי, „פּרעסע״, ב׳א, 19 יוני 1923.

דר. ל. זשיטניצקי — דער יידישער „קין״, צו אברהם מאָרעווסקיס בענעפיס, „פּרעסע״, ב׳א, 19 יוני 1928.

ש. – מאָרעווסקי צו זיין עהרען אָוועגד. „איד. צייט.״, ב׳א, 20 יוני 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — א. מאָרעווסקיס ערנאָוונט אין „אידישן טעאַטער״. „קין״ פון א. דיומאַ, אידיש ז. זילבערצווייג, רעזשי א. מאָרעווסקי, „פּרעסע״, ב׳א, 22 יוני 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — מאָרעווסקיס ערן-אָוונט אין טעאַטער „אַמבו״, „קין״ פון א. דיומאַ, „איד. צייט.״, ב׳א, 22 יוני 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — „שמע ישראל״, אויפגעפירט פון א. מאָרעווסקי, „איד. צייט.״, ב׳א, 26 יוני 1928.

[–] – אברהם מאָרעווסקיס רעפעראַט וועגן טעאַטער, „פּרעסע״, ב׳א, 12 יולי 1928.

אברהם מאָרעווסקי - רעפעראַט וועגן טעאַטער און יידן, „איד. צייט.״, ב׳א, 12, 13 יולי 1928.

אברהם מאָרעווסקי — מיין יובל טאָאַסט, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, נ׳ 9, 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — א. מאָרעווסקיס גוט יום-טוב, „פּרעסע״, ב׳א, 20 יולי 1928.

[–] — דער טיי פון „יונג אַרגענטינע״ לכּבוד א. מאָרעווסקין, „איד. צייט.״, ב׳א, 20 יולי 1928.

[–] — דער אָפּשיידס-באַנקעט פון „יונג אַרגענטינע״ לכּבוד א. מאָרעווסקין, „פּרעסע״, ב׳א, 31 יולי 1928.

א. מאָרעווסקי — אַהין און צוריק (זכרונות און רעיונות פון אַ יידן, אַנ׳אַקטיאָר), „פּרעסע״, ב׳א, 21, 28 אָקט., 25 נאָוו, 2, 23 דעצ. 1928, 6, 13, 20 יאַנ. 1929.

א. מ. מאַנדעלבוים — אינטערוויאו מיט אברהם מאָרעווסקי, „פרייהייט״, נ. י., 14 סעפּט. 1928.

ה. עהרענרייך – דער ערשטער אויפטריט פון אברהם מאָרעווסקי, „פאָרוו.״, נ. י., 5 אָקט 1928.

א. גלאַנץ — איבער דאָס און איבער יענץ, „טאָג״, נ. י., 5 אָקט. 1928.

אַב. קאַהאַן — אברהם מאָרעווסקי און זיין ערשטע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע, „פאָרוו.״, נ. י, 11 אָקט 1928.

דר. א. מוקדוני — אברהם מאָרעווסקי, „מאָ׳זש״, נ. י., 12 אָקט. 1928.

א. גלאַנץ — אברהם מאָרעווסקי׳ס ערשטער אויפטריט אין אידישען קונסט-טעאַטער, „דער טאָג״, נ. י., 14 אָקט. 1928.

יעקב קירשענבוים — אברהם מאָרעווסקיס דעביוט אין אידישען קונסט טעאַטער, „אַמעריקאַנער״, נ. י., 19 אָקט. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — אברהם מאָרעווסקי און זיין אויפירונג פון „דבוק״, פאָרוו״., נ. י., 31 אָקט. 1928.

אברהם מאָרעווסקי - מיינע אינטערעסאַנטע מאָמענטען אויף דער ביהנע, „טאָג״, נ. י., 29 מערץ 1929.

דר. א. מוקדוני — איידעלער „ספּעקטאַקל״, „מאָ׳זש״, נ. י., 17 יאַנ. 1930.

וו. ע. [עדלין] — מאָרעווסקי׳ס אָפּפאָהר פון אַמעריקע און זיין ערפאַהרונג צווישן אונז, „טאָג״, נ. י., 8 מאַי 1930.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — אָברהם מאָרעווסקי, „פּאַריזער היינט״, 4 יוני 1930.

ל. מלאך — ענין „מאָרעווסקי-אַמעריקע״, „פּרעסע״, ב׳א, 15 יוני 1930.

אלחנן צייטלין — אברהם מאָרעווסקי, „אונזער עקספּרעס״, וואַרשע, 5 סעפּט. 1930.

א. שוואַרצער [י. ניסענבוים] — אברהם מאָרעווסקי, „לובלינער טאָגבלאַט״, 23 אָקט. 1931.

יאַנקעוו באָטאָשאַנסקי – צווישן פאָרהאַנג און לייוונט, „פּרעסע״, ב׳א, 6 נאָוו. 1931.

מאַרק, פיליפּ

געבוירן 1898 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ קצב. אין די קינדער-יאָרן געזונגען ביי חזנים. ביז 16 יאָר געלערנט אין לאָמזשער ישיבה. אויס נייגונג צו דער בינע אַריינגעטראָטן אין אַ ליבהאָבער-קרייז אַלס בוף-קאָמיקער, דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין די פּראָווינץ-טרופּעס פון בערנשטיין, שפּעטער פון בעקער, מיט וועלכע ער פאָרט אַרום עטלעכע יאָר.

געקומען אין אַמעריקע, איז מ. איייניקע יאָר אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט דער „אייראָפּעאישע קאָאָפּעראַטיווע טרופּע״ און דערנאָך צוזאַמען מיט איר געשפּילט אין ניו-יאָרקער ליפּצין-טעאַטער און זינט 1931 אין מעקינלי-טעאַטער.

מ איז אַ מיטגליד אין אינדעפּענדענט עקטאָרס ליג.

ש. ע.

מאַרקאָוו, א. דר.

געבוירן ...186 אין פאַסטאָוו, קיעוו. גוב., אוקראַאינע. שטודירט אין קיעווער אוניווערזיטעט און געענדיקט אַלס דר. מעדיצין.

מ. האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע אָריגינעלע אַרבעטן און אייניקע איבערזעצונגען, צווישן זיי „דער כח פון פינסטערקייט. פערפאַסט פין גראַף ל. טאָלסטאָי, איבערזעצט דורך דאָקטור א. מאַרקאָוו, וואַרשא תרס״ד" [1904, 142 ז. 16°], וואָס איז זינט דאַמאָלט געשפילט געוואָרן אין יידישן „ליבהאָבער"-און-פראָפעסיאָנעלן טעאַטער. אין 1911 איז אין פאַרלאַג ב. שימין דערשינען אַ נייע אויפלאַגע א״נ „דער כח פון פינסטערניש".

ער האָט אויך איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט אין רוסיש אייניקע דערציילונגען פון אברהם רייזען.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 344-45.

אברהם רייזען — „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", ווילנע 1929, זז. 82-80.

מאַרקאָוויטש, יוסף



געבוירן 4 פעברואַר 1884 אין פאַסטאָוו, קיעווער גוב., אוקראַאינע, ביי עלטערן — סוחרים. נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק צו לערנען אין חדר און געמאַכט „צורות", פון וואָס די ייִנגלעך פלעגן לאַכן.

אין עלטער פון 9 יאָר מיטגעפאָרן מיט אַ חזן, מיט וועלכן ער וואַנדערט 3 יאָר אויף שבתים אין פאַרשיידענע שטעטלעך. אין ראַדאָמיסלי הערט אים זיידל ראָווגער און נעמט אים צו זיך. דערנאָך איז מ. אַריבער צום דיריגענט שעכטמאַן אין מעליטאָפּאָל, וואו ער זינגט 2 יאָר אין כאָר-שול. פאַרלוירן די קינדער-שטים, קומט ער, אין עלטער פון 15 יאָר, צוריק אַהיים. דאָ נעמט ער זיך צו לייענען יידיש און רוסיש, און פאַרפאַסט אַ פיעסע „דער אפיקורס". באַלד כאַפּט מען אים רויכערן שבת און ער אַנטלויפט קיין קיעוו, וואו ער ווערט דיריגענט ביי משה סאָלאָמינקער אין דער שניידערשער שול און קאָמפּאָנירט אַליין נגונים.

באַקומען אַ באַריטאָן, טרעט ער אַריין אין קיעווער מוזיקאַלישער שול און ווערט אַ כאָריסט אין שוואַרקס רוסישער אָפּערע- און אָפּערעטעס-טרופּע אונטער דער מוזיקאַלישער לייטונג פון משה טשיזשיק [בונעם בדחנס זון, זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2-טער באַנד, זז. 899-900]. אין עלטער פון 20 יאָר ווערט מ. קאָמפּרעמאַריע אין דער רוסישער אָפּערע-טרופּע, באַלד אָבער ווערט ער צוגענומען צו מיליטער-דינסט און נאָך 6 וואָכן דינען אַנטלויפט ער קיין לאָנדאָן. דאָ טרעט ער אַריין אין מוזיק-האָל יאָרקמינסטער, וואו ער זינגט יידישע לידער, וועלכע ער שרייבט אַליין פאַר זיך און פאַר די אַנדערע זינגער. ערשט ווען ס׳הייבן אָן שפּילן יידישע טרופּעס און ס׳פעלט אויס אַ ראָליסט, ווערט מ. צנגאַזשירט אין יידישן טעאַטער, וואו ער דעביוטירט אַלס „ליפּע שוחט" אין לאַטיינערס „בלימעלע" און זינגט אין כאָר.

מ. שרייבט דאַמאָלט נאָך אַ פּיעסע „דער רעוואָלוציאָנער", וועלכע ווערט באַלד אויפגעפירט דורך זיגמונט פיינמאַן (די זעלבע פּיעסע איז אין 1912 אויפגעפירט געוואָרן אין „פאָמול ווערדי" אין יאַסי), און דעם 2 יאַנואַר 1918 דורך מ. ד. וואַקסמאַן, אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער", אין אַן אַקטועלער באַאַרבעטונג פון זלמן זילבערצווייג, לויט די אָנווייזונגען פון מ. ד. וואַקסמאַן א״נ „דער היימלאָזער רעוואָלוציאָנער".

זינט דאַמאָלט האָט מ. אָנגעשריבן און אויפגעפירט די מעלאָדראַמעס „דער זאַפּאַסנער סאָלדאַט", „אין די קייטן פון ליבע", „אין וואַלד" (אויפגעפירט דורך מאָריס מאָשקאָוויטש), „דער בראָדיאַגא" (שפּעטער געשפּילט דורך יעקב זילבערט אויף זיין אייגענעם נאָמען), „גאָטס גנב", „דער געמבלער", „אַ מאַמעס טרערן", „דאָס לעצטע ליד", „חברים", „איסט ענד וועסט", „דער גאָלדענער שליסל", „דער גראַזשדאַנין", „דאָס רכילות-לידל", און די אָפּערעטעס: „סעלימאַ, אָדער, די יידן אויפן קאַווקאַז" (אויפגעפירט דורך זיגמונט פיינמאַן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער און אין אָקטאָבער 1911 דורך יעקב פּ. אַדלער אין ניו-יאָרקער טאַליאַ-טעאַטער), „שרהלע די גרעפין", די ווייבערישע מלוכה", „אַ מיליאָן פאַר אַ יידן", „די גאָלדענע פּאַווע". „פּאַריז ביינאַכט" און „די מומע גנענדעל" [אין פּוילן געשפּילט אין דער באַאַרבעטונג פון יוליוס אַדלער].

מ. האָט אויך אָנגעשריבן פיל מעלאָ-דעקלאַמאַציעס, פון וועלכע ס׳זיינען באַזונדערס פּאָפּולער „שמע ישראל" (דעקלאַמירט דורך סעמיועל גאָלדענבורג), „צו דער חופּה", „די אָרימע חתונה", „כל נדרי", „דער שטאָט-משוגענער", „לייבקע", „סיידי", „אָפּגעגעבן ברויט".

אַ חוץ אין ענגלאַנד האָט מ. אויך געשפּילט אין אַרגענטינע, דרום-אַפריקע, פראַנקרייך, בעלגיע און רומעניע און זינט אָנהייב 1930 איז ער ווידער אין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פאַ״ש", נ. י., 7 אָקטאָבער 1911.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — „אַ מיליאָן פאַר אַ אידען", קאָמעדיע פון יאָזעף מאַרקאָוויטש, „פּאַריזער היינט", 25 נאָוו. 1928.

[—] — אַ באַזוך פון יוסף מאַרקאָוויטש אין „די אידישע צייטונג", ב״א 7 מערץ 1930.

שמואל ראָזשאַנסקי — אַן אָנציענדיקע טעאַטער-פאָרשטעלונג, „דער וואַגאַבונד" פון יוסף מאַרקאָוויטש, „די אידישע צייטונג", ב״א, 10 מערץ 1930.

שמואל ראָזשאַנסקי — „אַ מאַמעס טרערן" פון יוסף מאַרקאָוויטש, אויפגעפירט דורכן מחבר, „די אידישע צייטונג", ב״א, 23 מערץ 1930.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — אַ קאָמישע אָפּערעטע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר", „אַ מיליאָן פאַר אַ יידן", מוזיק און ליברעטאָ פון י. מאַרקאָוויטש, „פּרעסע", ב״א, 8 אַפּריל 1930.

י. מ. וואַרשאַווסקי — דער „פּערפאַסער" משה דוד וואַקסמאַן, „פּרעסע", ב״א, 26 סעפּט. 1930.

שין-גימעל — אַ היימישע פאָרשטעלונג פון אַ גוטן אַנסאַמבל אין „עקסעלסיאָר", „די אידישע צייטונג", ב״א, 12 דעצ. 1932.

ב. — י. מאַרקאָוויטשעס „גאָטס גנבים" אין עקסעלסיאָר, „פּרעסע", ב״א, 12 דעצ. 1932.

מאַרקאָוויטש משה

געבוירן 2 פעברואַר 1892 אין טורגעל, רומעניע. פאָטער — אַ שניידער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר און רומעניש און דייטש אין אַ פאָלקס־שול.

נאָך אין 1904 געשפּילט אַלס „מלאך" אין „עקדת יצחק" אין בוקאַרעסטער זשיג־ניצאַ. 1913 — צוגענומען געוואָרן צום מי־ליטער און צוליב דעם אַוועק קיין ווין, וואו ער טרעט אַריין שפּילן אין יידישן וואָדעוויל ביי זיגלערן.

1914 — אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, וואו ער ווערט אַנגאַזשירט צו פאלעי און דוד הירש אין שיקאַגער עמפּייר־טעאַטער. עטלעכע יאָר געשפּילט איבער דער פּראָווינץ. 1925-26 — ביי הערשל צוקער־בערג (8־טע סטריט־טעאַטער, שיקאַגאָ), 1927-28 — סופלער אין אָדעאָן־טעאַטער, סט. לואיס, 1930 — סענטער סקווער־טעאַטער אין פּיטסבורג און 1931 — אין יידישן פאָלקס־טעאַטער אין פילאַדעלפיע (דיר. — ס. דיקשטיי).

ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

מאַרקיש, פּערעץ

געבוירן 7 דעצעמבער 1895 אין פּאָלאָנ־נאָיע, וואָלין, אין אַ פאַמיליע פון בעלי־מלאכות. באַקומען אַ יידישע דערציאונג און ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר. פון 9 ביז 11 יאָר געלעבט מיט די עלטערן אין שטעטל ראָמאַנאָוו, דערנאָך אַוועק פון דער היים און ביז 13 יאָר געוועזן משורר ביי אַ חזן אין בערדיטשעוו, שפּעטער געוועזן עטלעכע יאָר אַן עקסטערן אין אָדעס, וואו ער לעבט ביי שווערע מאַטעריעלע באַדינ־גונגען. צו 15 יאָר אָנגעהויבן שרייבן לידער אין רוסיש.

1916 — צוגענומען געוואָרן אין מיליטער, זיך באַטייליקט אין דער וועלט־מלחמה אויפן דייטשן פראָנט, געוואָרן לייכט פאַרוואונ־דעט און, באַפרייט, זיך באַזעצט אין יעקאַטערינאָסלאַוו. דעביו־טירט (1917) מיט יידישע לידער אין „דער קעמפער", אָרגאַן פון די „פאַראייניקטע" אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דערנאָך אין זמ׳ב „איי־גענס" (קיעוו 1918) און אין 1919 דערשיינט זיין ערשט בוך לידער „שוועלן", וואָס מאַכט אים פּאָפּולער אַלס איינעם פון די אָנגעזעענ־סטע יונגע יידישע דיכטער אין אוקראַאינע.

1921 — געקומען אין פּוילן, וואו ער טרעט אויף מיט רעפעראַטן וועגן דער נייער דיכטונג, רעציטירט זיינע אייגענע לידער און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער נייער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. נאָכן צ־רויסגעבן אין פּוילן אייניקע נייע ווערק, און מיטגרינדנדיק אין 1924 דאָס וואָכנבלאַט „ליטעראַרישע בלעטער", וואו ער פאַר־עפנטלעכט אַלס מיטרעדאַקטאָר פיל אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס, וועגן טעאַטער א. ד. ג., פאַרברענגט ער אַ קורצע צייט אין בערלין, לאָנדאָן און פּאַריז, וואו ער איז אויך ווייטער ליטע־ראַריש טעטיק און באַזעצט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, ענדערנדיק אויך זיין אידעאָלאָגישן צוגאַנג צו די טעמעס, וועלכע ער באַהאַנדלט אין זיינע ווערק.

אין סעזאָן 1927-28 האָט דער אוקראַאינישער יידישער מלוכה־טעאַטער אין כאַרקאָוו אויפגעפירט מ.׳ס איבערזעצונג פון „באַבעף, סאָציאַלע דראַמע אין 4 אַקטן פון מ. לעווידאָוו".

זומער 1929 איז אין קעמפּ „ניט געדייגעט" אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב מעסטעל נ. בוכוואַלדס דראַמאַטיזאַציע פון מ.׳ס פּאָעמע „ניט געדייגעט", מוזיק — יעקב שעפער.

אין סעזאָן 1931 איז אין כאַרקאָווער מלוכה־טעאַטער אויפגע־פירט געוואָרן א׳ר פון נחום לויטער מ.׳ס דראַמאַטיזאַציע פון דער זעלבער פּאָעמע „ניט געדייגעט", מוזיק — מ. מילנער, דעקאָראַ־ציעס — י. מאַנדעלבערג. די פּיעסע איז אין יאַנ. 1931 אויך געשפּילט געוואָרן אויף רוסיש אין רוסישן טעאַטער אין מאָסקווע (געזו. קאָרש). אין 1931 איז די פּיעסע דערשינען אין דרוק אין מאָסקווע.

די זעלבע פּיעסע איז דעם 26 פעברואַר 1931 אויפגעפירט גע־וואָרן אין יידיש דורכן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער: „ניט געדייגעט, פּיעסע אין 4 אַקטן, קאָמפּאָזיציע פון ספּעקטאַקל — ס. ע. ראַדלאָוו און ס. מ. מיכאָעלס, דעק. — איסאַק ראַבינאָוויטש, מו־זיק — ל. פולווער".

מ.׳ס פּיעסע „דער פינפטער האָריזאָנט" איז אויפגעפירט געוואָרן אין ר ו ס י ש אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער.

מ. האָט אויך געשריבן די סצענאַריע צום קלאַנג־פילם „נייטן בעקער פאָרט אַהיים", וואָס איז געוויזן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אַמעריקע.

מ.׳ס געדרוקטע פּיעסע אין רוסיש:

[1] П. Маркиш
Земля
Пьеса в четырех действиях
авторизованный перевод севрей-
ского Крити И.
Издательство „федерация", Москва, 1931 [.ז 99].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט" II זז. 348-53.
ניטער — „באַבעף", „שטערן", כאַרקאָוו 8 אַפּריל 1928.
ב. אָרשאַנסקי — פּ. מאַרקישעס „ניט געדאגהט" אינם יידישן מלוכה טעאַטער אין אוקראַאינע, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 48, 1930.
שאול — וועגן קאָמפּאָזיטאָר מילנער׳ס מוזיק צו פּרץ מאַרקישעס דראַ־מאַטישער פּאָעמע „ניטגעדאַיגעט", „מאָרגן־פרייהייט", נ. י, 29 דעצ. 1930.
ז. ווענדראָף — פּרץ מאַרקיש אויף דער בינע פון יידישן און רו־סישן טעאַטער אין אוקראַאינע, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 9 1931.
אַלעקסאַנדער זילבערשטאַט — מען שפּילט איצט אין מאָסקווע אַ פּיעסע פון אידישען לעבען, „פאָרווו"., נ. י., 26 מאַי 1931.
ד. וואָלין — פּרץ מאַרקיש אויף דער ביהנע פון אידישען און רוסישן טעאַטער אין מאָסקווע, „די צייט", לאָנדאָן, 31 מאַי, 1, 2 יוני 1931.
י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע", כאַרקאָוו, 1931, זז. 67-70, 48-49.

מאַרקס, צילע

געבוירן 13 אַפּריל 1902 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. אייניקל פון שמעון מאַרקס, ביי וועמען אין גאָרטן אין יאַסי ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענען. אַלס קינד געשפּילט קינדער־ראָלן ביי טאָמאַשעווסקין און שפּעטער אַרי־בער אויף ראָלן פון דערוואַקסענע. שפּילט איצט בלויז זעלטן אין די יידישע טעאַטערס פון ניו־יאָרק און פּראָווינץ.

ש. ע.

מאַרקס, רודאָלף

[ראַדקינסאָן]

[געב. בערך 1867 — געשט. 6 מאַי 1930]

געבוירן בערך 1867 אין אָדעס, אוקראַאינע. זיין פאָטער, מיכאל הלוי ראַדקינסאָן, איז געווען אַ באַקאַנטער משכיל אין רוסלאַנד און האָט אויך שפּעטער איבערזעצט דעם תּלמוד אין ענגליש, האָט רעדאַקטירט יידישע, העברעאישע און ענגלישע צייטשריפטן און איז בכלל געווען אַ וויכטיקע פיגור אין דער דאַמאָלטיקער יידישער ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכער וועלט [זע זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור, באַנד 4, זז. 11 — 10].

אין עלטער פון 15 יאָר האָט מ. אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און דאָ אינגיכן אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער.

„עס איז געווען זיין לעבעדיקייט און זיין נאַטירלעכע שטיפעדישקייט פון יוגנט, – שרייבט מ. אָשעראָוויטש — וואָס האָט אים צו דער בינע געבראַכט. ער איז געווען יונג, ער האָט געקענט טאַנצן, ער האָט געקענט זינגען, און ווען אָט די אייגנשאַפטן זיינע האָבן פאר זיך אַן אויסדרוק געזוכט, האָט ער פאַר זיי דאָס בעסטע פלאַץ געפונען — די בינע".

וועגן מ.'ס שפּילן אין לאָנדאָן דערציילט — לויט ז. זילבערצוייג — מאַקס ראָזענטאַל: „אין לאָנדאָן האָבן [1885] געשפּילט צוויי יידישע טעאַטער-קאָמפּאַניעס [טרופּעס]. איינע מיט יעקב פּ. אַדלער אָן דער שפּיץ, און איינע מיט ישראל גראַדנער. אין איינער פון דיזע צוויי קאָמפּאַניעס האָט געשפּילט אַן אַקטיאָר מאַקס ראַדקינזאָן, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „מאַקסל". אַלע אַקטיאָרן פלעגן קוקן מיט דרך-ארץ אויף דעם יונגן אַקטיאָרל, ווייל מ האָט געוואוסט, אַז ער איז „אַ געבילדעטער". . .מען האָט אויך געהאַלטן דעם יונגן ראַדקינזאָן פאַר אַ פעאיקן אַקטיאָרל, פאַר איינעם, וואָס וועט זיך „אַרויפאַרבעטן". דיזע ערוואַרטונגען זיינען באַלד דערפילט געוואָרן: ראַדקינזאָן איז אַריין אין גראַדנערס טרופּע און איז דאָרט אויפגעטראָטן אין דער מעלאָדראַמע „משהלע סאָלדאַט" און האָט געמאַכט אַ פוראָר. פון דאַמאָלט אָן איז ראַדקינזאָן געוואָרן אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-משפּחה אין לאָנדאָן".

צוליב דעם מאַנגל אין רעפּערטואַר פּרובט מ. זיינע כּוחות אין איבערזעצן און באַאַרבעטן פּיעסעס. זיין ערשטע אַרבעט אויף דעם געביט איז די פרייע איבערזעצונג [לויט אַ פאָרשטעלונג אין ענגלישן טעאַטער] פון דער ענגלישער מעלאָדראַמע „די סטאָ וועי" א'ג „דער סעילאָר [מאַטראָז] אין געפאַר, אָדער, דער יתום אין געפאַר".

ווי מאַקס ראָזענטאַל דערציילט, האָט מ. שוואַך געקענט יידיש און העברעאיש כּמעט גאָרנישט. טראָץ דעם שלעכטן יידיש, האָט די פּיעסע געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווייל זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן סוזשעט און אייניקע גוטע ראָלן. מ. האָט אין דער פּיעסע געשפּילט דריי קליינע כאַראַקטער-ראָלן („רענטשעק", „שרייער" און „וויליאַם דער ניוס באָי") און אין אַלע דריי ראָלן האָט ער געהאַט דערפאָלג. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט ער האָט איינגעזען, אַז אַזעלכע מעלאָדראַמעס קאָנען האָבן כּסדר דערפאָלג און אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער (ווידער נאָכן באַזוכן דאָס ענגלישע טעאַטער) אָנגעשריבן פון זכּרון די מעלאָדראַמע „דער זילבער-קעניג", וואָס איז צוערשט געשפּילט געוואָרן מיט גרויסן דערפאָלג אין מאַנטשעסטער און דערנאָך אין לאָנדאָן. אין דער פּיעסע האָט מ. געשפּילט 2 ראָלן.

מ. איז אין 1888 אַליין (נישט אַריבערגעבראַכט פון קיינעם) געקומען אין אַמעריקע. דאָ איז ער א'פ רודאָלף מאַרקס אויפגעטראָטן אין רומעניע אָפּערע-הויז אין שמ'רס „משהלע סאָלדאַט" און זייער אויסגענומען, כאָטש אין דער טרופּע האָבן דאַמאָלט געשפּילט אַזעלכע אָנגעזעענע אַקטיאָרן ווי מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, קעסלער, ליפּצין, קאַרפּ און פרוי, אַבא שיינגאָלד און פרוי, בינע און מענדל אַבראַמאָוויטש, לעאָן בלאַנק, ישראל ווייַנבלאַט און זיין מיידעלע סאַבינאַ.

מ.'ס צווייטער אויפטריט איז געווען אין זיין אייגענער אַדאַפּטאַציע פון „דער יתום אין געפאַר" מיט דוד קעסלער אַלס „סעילאָר". מ. האָט דאָ ווייטער געשפּילט די דריי קליינע כאַראַקטער-ראָלן און אַזוי ווי דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע פּיעסעס פון נישט-יידישן לעבן, וואָס איז דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, האָט זי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. די טרופּע איז דאַן אַריבער אין פּולס-טעאַטער, וואו מ. איז אויפגעטראָטן אין אַן ערנסטער פאָטער-ראָל אין דער פּיעסע „כּבוד אב" און ווידער געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, בפרט מיט זיין שטאַרב-סצענע.

לויט ב. גאָרין זיינען אין 1889 אויפגעפירט געוואָרן מ.'ס פּיעסעס „די בלינדע יתומה, פאָלקס-שטיק אין 5 אַקטן" און „דער אַמעריקאַנער לאָיער".

דעם 7 פעברואַר 1890 האָט מ. אויפגעפירט אין הענגענס-טעאַטער (געוו. פּולס) זיין אַדאָפּטירונג „די צוויי שוועסטער, אָדער, ענגעל און טייוול", און דעם 12 דעצעמבער 1890 אין רומעניע אָפּערע-הויז, זיין אַדאָפּטירונג „דער בויערי טרעמפּ, אָדער, דער הויפּט טרעפער". אין זעלבן יאָר זיינען — לויט ב. גאָרין — אויך אויפגעפירט געוואָרן מ.'ס פּיעסעס „די פּרימאַדאָנע", „די שניידעריין" און „חיים אין אַמעריקע" [לויט בעסי טאָמאַשעווסקי אַדאָפּטירט פון דער ענגלישער מעלאָדראַמע „טהי בורגלאַר"]. אין דער פּיעסע, וועלכע איז אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און איז אויך דערנאָך געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע, האָט מ. געשפּילט די ראָל „לאָיער [אַדוואָקאַט] הערי העריסאָן" און דאָס האָט געבראַכט מ.'ן אויף דער אידעע צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט גענומען שטודירן, אָבער דערווייל ווייטער געשפּילט אויף דער בינע. אַזוי האָט מ. דעם 26 נאָוועמבער 1891 אויפגעפירט אין רומעניע אָפּערע-הויז אויף אַ בענעפיס-פאָרשטעלונג פאַר די „אַרבעטער-צייטונג" אין זיין „בינע-באַאַרבעטונג" אַלס מאָנאָלאָג יעקב גאָרדינס „פאַנטאַלע פאַלגע פאַר דעם בית-דין של מעלה". דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג פלעגט מ. זייער אָפט פאָרשפּילן אויף די פאַרשיידענע זונטאָג-קאָנצערטן אין ניו-יאָרק און סביבה. באַזונדערס האָט מ. אין יענער צייט זיך אויסגעצייכנט אַלס „מופטי" אין לאַטיינערס „יהודית און הולפערנוס" און „ארתשתרה" אין לאַטיינערס „דניאל אין לייבנגרוב", „שמואליקל" אין לאַטיינערס „בלימעלע" און אין לאַטיינערס „קדוש השם, אָדער,

דער יידישער מיניסטער". מ. האָט אויך אַ קורצע צייט געשפּילט אויף דער פּראָווינץ ווי באָסטאָן, פילאַדעלפיע א. א. און צוריקגעקערט קיין ניו-יאָרק, וואו ער האָט דעם 4 דעצעמבער 1896 אויפגעפירט אין ווינדזאָר-טעאַטער זיין מעלאָדראַמע „פּערעלע, אָדער, פאַרלוירן אין ניו-יאָרק" און קורץ דערויף זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

לויט ב. גאָרין איז אין זעלבן יאָר אויך אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס פּיעסע „געלט, אָדער, טרעמפּ".

לויט מאַקס ראָזענטאַל דאַרף מען מ.׳ס צוריקציען זיך פון דער בינע צושרייבן צו דעם, וואָס ער האָט תמיד געשטרעבט צו זיין אַן ערנסטער דראַמאַטישער אַקטיאָר, אָבער זיין פיגור האָט אים דערצו געשטערט. ער איז דעריבער געווען געצוואונגען צו שפּילן כאַראַקטער-ראָלן און כאָטש ער האָט אויך אין זיי געהאַט דערפאָלג, האָט דאָך די בינע פאַרלוירן פאַר אים יעדן רייץ.

וועגן דעם שרייבט אַב. קאַהאַן: „מען קאָן ניט לייקענען, אַז רודאָלף מאַרקס איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שוישפּילער, אַז ער האָט אויף דער יידישער בינע זייער אַ גרויסע ראָלע געשפּילט, אָבער צו מאָגולעסקאָן האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגלייכן". און מ. אָשעראָוויטש שרייבט: „עס האָט אָבער פונדעסטוועגן לאַנג ניט געדויערט און רודאָלף מאַרקס האָט אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע זיך געמאַכט אַ נאָמען אַלס אַ טאַלאַנטפולער קאָמיקער. דערציילט מען, אַז אין יענער צייט האָבן זיך זאָגאַר געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז רודאָלף מאַרקס איז מאָגולעסקאָס גרעסטער און שטאַרקסטער קאָנקורענט. ...זיין [מאַרקסעס] אַמביציע איז טאַקע געווען צו זיין אַזאַ קאָמיקער ווי מאָגולעסקאָ. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער וועט דאָס ניט זיין און אַזוי ווי דערצו איז די מאַטעריעלע לאַגע פונם יידישן טעאַטער אין יענער צייט געווען זייער אַ טרויעריקע, האָט רודאָלף מאַרקס באַשלאָסן אויפצוגעבן די בינע און דאַן האָט ער זיך גענומען שטודירן און איז געוואָרן אַ לאָיער".

אַלס אַדוואָקאַט איז מ. אויפגעטראָטן בלויז זייער זעלטן, אויף צדקה-פאָרשטעלונגען, ווי בענעפיסן לטובת דער אלמנה פון מאָגולעסקאָ, אָדער פאַרן פּיאָנער-אַקטיאָר משה זילבערמאַן (6 יאַנואַר 1915 אין קעסלערס טעאַטער). אַן אומדירעקטערביישטייער צום יידישן טעאַטער איז געווען מ.׳ס איבערזעצונג פון פראַנץ מאָלנאַרס „דער טייוול", וואָס איז דעם 11 סעפּטעמבער 1908 אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס-טעאַטער.

„אין די יאָרן, וואָס ער האָט זיך מיט דער יידישער בינע מער ניט אָנגעקערט — שרייבט מ. אָשעראָוויטש — פלעגט ער דאָך פון צייט צו צייט קומען אין יידישן טעאַטער. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן, אַז ער קומט, ניט געוואָלט, אַז מען זאָל מאַכן אַ וועזן פון דעם. שטילערהייט פלעגט ער זיך אַריינקומען, זען אַ פאָרשטעלונג און דערנאָך האָט ער מיט קיינעם קיין איבעריקע געשפּרעכן וועגן דעם ניט פאַרפירט. געווען פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער דאָך אַ זאָג טאָן: „אַמאָל איז געווען אַנדערש"."

אפנים, אַז כאָטש מ. איז געווען אַזוי פיל יאָר דערווייטערט פון יידישן טעאַטער, איז ער דאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט געוואָרן דערפון. אַזוי גיט איבער דער אַקטיאָר מאַקס ראָזענטאַל, אַז נאָך אין 1928 האָט מ. מיט אים פאַרהאַנדלט וועגן אָנפירן מיט אַ יידיש טעאַטער אין ניו-יאָרק און דערביי אויך איבערגעגעבן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אייניקע נייע פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער.

אין די לעצטע יאָרן האָט מ. צוריק געענדערט זיין נאָמען אויף ראַדקינסאָן און אונטער דעם נאָמען געפירט זיין אַדוואָקאַטור.

דעם 6 מאַי 1930 איז מ. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און זיין קערפּער איז, אין הסכם מיט זיין צואה, קרעמירט געוואָרן.

מ. האָט אויך געשריבן פיל לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין זיינע פּיעסעס, אָדער אין אַנדערע פּיעסעס פון יענעם פּעריאָד. באַזונדערס פּאָפּולער זיינען מ.׳ס קופּלעטן „האַלאָ-האַלאָ", „דער שפּיגל פון בויערי טרעמפּ", „ווייט, זייער ווייט", „שיין און גרויס", „מיט דיר אין איינעם" און „דאַוונען אין איין מחזורל". לויט יעקב קירשענבוים „זיינען די לידער געווען געשריבן חצי יידיש און פאָלאָווינע דייטש, אָבער פאַרן דאַמאָלטיקן טעאַטער זיינען זיי געווען ווי צוגעפּאַסט, ווייל די מייסטע פּיעסען זיינען אויך געווען געשריבן אין אַזאַ מין שפּראַך". אַ טייל מ.׳ס לידער זיינען געדרוקט אין מיניקעס „דיא אידישע ביהנע" (ניו-יאָרק, 1897).

לויט ב. גאָרין איז אויך אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס פּיעסע „פּעטער משה".

י. פישמאַן כאַראַקטעריזירט מ.׳ן: „פון די אַלע פאַרשוואונדענע פיגורן, איז מאַרקס אפשר איינער פון די מערקווירדיקסטע. צוערשט איז געווען מערקווירדיק, אַז אַ זון פון אַזאַ באַוואוסטע[ר] משכילישע[ר] פאַמיליע זאָל זיך נעמען צו טעאַטער. נאָך מערקווירדיקער איז געווען מאַרקסעס פלוצלינגער אָפּשניידן מיטן טעאַטער. ווייטער איז אויך מערקווירדיק מאַרקסעס באַשיידנהייט אַלס שוישפּילער. אין זיין צייט האָט ער געהאַט אַ גרויס[ן] פאַרנעם ביי דעם פובליקום, אָבער ער אַליין האָט אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט אַלס שוישפּילער וויניקער ווי אַנדערע שוישפּילער האָבן עס געטאָן. „קיין מאָגולעסקאָ וועל איך ניט זיין", גייט אַרום זיינס אַ ווערטל. דאָס איז אַן איידעלער שטריך פון אַ שוישפּילער".

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 49, 151, 289.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", IV, זז. 69-70.

[—] — אידישע אַקטיאָרען פערגינען זיך ניט, אָבער ניט אימער, „פאָרוו.", נ. י., 6 יאַנ. 1915.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", ניו-יאָרק, 1916, זז. 106, 131.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבן“, „די נייע וואַרהייט“, נ. י., 7 אַפּריל 1925.

נעקראָלאָגן אין דער יידישער פּרעסע, ניו-יאָרק, 7 מאַי 1930.

מ. אָסטראָוויטש — געשטאָרבן רודאָלף מאַרקס, דער אַמאָהליגער באַ-ריהמטער קאָמיקער, „פאָרווי.“, נ. י., 7 מאַי 1930.

י. פישמאַן — פון טאָג צו טאָג, „מאָז'ש“, נ. י., 8 מאַי 1930.

יעקב קירשענבוים — רודאָלף מאַרקס — ראַדקינסאָן, אַקטיאָר, לאָיער און דראַמאַטורג, „מאָז'ש“, נ. י., 8 מאַי 1930.

ז. זילבערצווייג — אינטערעסאַנטע איינצעלהייטן וועגן דעם אָקאָרשט געשטאָרבענעם רודאָלף מאַרקס, „פאָרווי.“, נ. י., 8 מאַי 1930.

מאַרשאַק, דניאל

געבוירן 6 אויגוסט 1872 אין טוקום, קורלאַנד. פאָטער — אַ געוועזענער מלמד, וואָס איז געוואָרן אַן אפיקורס און צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצן מיט זיין פאַמיליע אין ליבאַווע. שוין צו 10 יאָר האָט מ. געמוזט איבעררייסן זיינע לימודים און ברענגען אין שטוב (וועלכע דער פאָטער האָט פאַר-לאָזט) חיונה פון פלעכטן שטולן, מאַכן פאַפּיראָסן און שפּעטער געוואָרן אַ שוסטער.

סוף פון די 90-ער יאָרן אָנגעהויבן שרייבן לידער און נאָוועלען אין דייטש. 1904 — זיצנדיק אין טורמע – אָנגעהויבן שרייבן יידיש און 1905 דעביוטירט אין „פריינד“ מיט אַ דערציילונג. דערנאָך געדרוקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אויך אַרויס-געגעבן אייניקע ביכער.

מ. האָט געשריבן „דאָס זיבעטל, קינדער-פּיעסע“ („גרינינקע בוי-מעלעך“, 1915) און „טאַמאַרע, פּיעסע אין 3 אַקטן. ווייסרוסלענ-דישער מעלוכע-פאַרלאַג. מינסק 1928“ [87 ז. 24°], וואָס איז א'נ „אין פלאַם פון רעוואָלוציע (טאַמאַרע), דראַמע אין 3 אַקטן פון ד. מאָרשאַק“ אויפגעפירט געוואָרן א'ר פון געאָרג יאַרמעלאָוו אין ווינטער 1931 דורך דער גרופּע „קאַמער-שפּילהויז“ אין ניו-יאָרק.

מ. האָט אין כתב-יד נאָך אַ פּיעסע. ער האָט אויך פאַרענדיקט אַן-סקיס דראַמע „טאָג און נאַכט“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 353-55.

מאָשקאָוויטש, יאָסעלע

[זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, I, זז. 231-32]

מאָשקאָוויטש, מאַקס

לויט ב. גאָרין איז אין 1889 געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע זיין פּיעסע „אַ מיליאָן דאָלאַר, אָדער, שוועסטער און ברודער חתן-כלה“.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 269.

מאָשקאָוויטש, מאָריס

געבוירן 23 נאָוועמבער 1871 אין אָדעס, אוקראַאינע. עלטערן — געהאַלטן אַ ביליקן רעסטאָראַן. פאָטער — אַנאַלפאַבעט, אָבער מיט אַן איינגעבוירענער אינטעליגענץ און מיט אַ גוט אויער פאַר מוזיק. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין אָנפאַנגס-שול. נאָך אַלס קינד פון 4-5 יאָר פלעגט זיך מ. אָפּט איינ-וויקלען אין אַ קאָלדרע אָדער אַ פאַטשיילקע, אויסשמירן דאָס פּנים און פלעגט אַליין פאַר זיך „געבן פאָרשטעלונגען“. שפּעטער פלעגט ער אויך פאָרלייענען און דעקלאַמירן פאַר זיך אַליין. צו 10 יאָר אַמאָל בגנבה באַזוכט אַ פאָרשטעלונג פון רוסישן טעאַטער און אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט די שול, און ווערט אַ שיק-יינגל ביי די אַקטיאָרן. די עלטערן גיבן אים דאַמאָלט אַוועק אין דער לער צו אַ זייגערמאַכער, אָבער אויך איצט פאַר-ברענגט מ. זיין פרייע צייט הינטער די טעאַטער-קוליסן.

אין עלטער פון 16 יאָר באַקומט ער ענדלעך די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין רוסישן מאַרינסקי-טעאַטער אין אַ קינדער-ראָל. דאָ איז ער נושא חן ביים אַקטיאָר אַנדרעע בורלאַק, וועלכער נעמט אים לערנען גרים און 2 יאָר שפּעטער איז ער שוין אַן אָנ-געזעענער מיטגליד אין אַ רוסישער „ליבהאָבער“-גרופּע אין אָדעס. און דאָס איז – ווי מ. שילדערט אין זיין לעבנס-געשיכטע – גע-ווען די סיבה, וואָס זיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

אין ניו-יאָרק האָט מ. זיך פאַרנומען מיט זיין זייגערמאַכער-פאַך און צוגלייך געשפּילט אין איינעם פון די רוסישע דראַמאַטישע קלובן, אין בעת איינער פון די פאָרשטעלונגען (1893), וועלכע איז אויך באַזוכט געוואָרן פון יעקב גאָרדין און יעקב פּ. אַדלער, באַ-קומט ער אַ פאָרשלאַג פון לעצטן צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר.

מ. דעביוטירט באַלד דערויף אין אַדלערס פּאָלס-טעאַטער אַלס „שמשונס פאָטער“ אין דער היסטאָרישער אָפּערעטע „שמשון הגבור“. אָבער זייענדיק נאָך שוואַך אין יידיש און נישט קאָנענדיק אַריבערטראָגן די אַטמאָספערע, ציט ער זיך צוריק באַלד נאָך די ערשטע 3 פאָרשטעלונגען. קערט צוריק צו זיין פאַך, נעמט אָבער באַזוכן די רעסטאָראַנען און קאַפע-הייזער, וואו אַקטיאָרן קומען זיך צוזאַמען, און שלינגט ממש יעדעס וואָרט וועגן טעאַטער.

באַלד פאַרבינדט ער זיך ווידער מיטן יידישן טעאַטער און טרעט ווידער אַריין צו אַדלערן אין רומעניע-אָפּערע-הויז, וואו ער דעביוטירט אין גאָרדינס „דער יידישער גלח“.

וועגן יענער צייט דערציילט מ. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „די אַקטיאָרן האָבן דאַן געשפּילט אויף דעם „מאַרקן“-סיסטעם (ד. ה. אויף פּראָצענטן). קיין וויידזשעס [שכירות] איז דאַן ניט געווען אין דער מאָדע, און אַזוי ווי די רומעניע אָפּערע-הויז איז געווען זייער אַ קליינער און אָרימער טעאַטער, פלעגט געוויינלעך אויף מיין חלק אויסקומען פינף אָדער זעקס דאָלאַר אַ וואָך. דאָס פלעגט מיר אַדלער צוטראָגן אין אַ פאַרטוך און פלעגט עס מיר אויסציילן אין ניקעלס [5 סענט] און דיימס [10 סענט], אַז איך זאָל האָבן וואָס צו ציילן. איך האָב שוין אַן אָנגעהויבן צו קוקן מיט פּראַק-

טישערע אויגן אויפן לעבן אין אַלגעמיין און באַזונדערס אויפן טעאַטער. איך האָב שוין דאַן אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז מען מוז קריכן אויפן לייטער פון לעבן שטופנווייז, און דאָס האָט מיר געגעבן מוט און אַנטשלאָסנהייט צו ליידן און צו קעמפן אויף דער יידישער בינע, כדי אַמאָל אַ „סטאַר" צו ווערן. איך פלעג לערנען מיינע ראָלן פלייסיק און מיט פאַרגעניגן, כדי זיך אויסצוצייכנען אין זיי. איך האָב אויך פאַרליב גענומען די קליינע פאַרדינסטן, וואָס דער טעאַטער האָט מיר געבראַכט, ווייל כ'האָב אַלץ געהאָפט און געשטרעבט צו ווערן אַ „סטאַר", אָבער וואָס לענגער איך בין געווען אויף דער בינע, אַלץ טונקעלער איז פאַר מיר געוואָרן דער [די] אויסזיכט אַמאָל אַ „סטאַר" צו ווערן, ניט ווייל איך האָב קיין פראָגרעס ניט געמאַכט מיט מיין שפילן, נאָר צוליב אַ גאַנץ אַנדערע אורזאַכע: די דאַמאָלטיקע יידישע „סטאַרס" און אפילו די „אונטער סטאַרס" זיינען אַלע געווען פעטע, דיקע, מאַסיווע יידן, מיט רונדע בייכלעך, מיט פעטע קאַרקן און אויסגעפילטע באַקן. אַז זיי פלעגן אַרויף אויף דער בינע, פלעגט זיין עפּעס וואָס אָנצוקוקן און זייער אָפּט פלעגט זייער פּערזענלעכקייט אַליין פיל בייטראָגן צו זייער בייפאַל אויף דער בינע, ווייל זיי פלעגן שפּילן אין בכבודיקע, דאַנקבאַרע ראָלן. איך בין אָבער געווען הויך און דאַר ווי אַ שטעקן. איך בין געווען זעקס פוס הויך און דאָך האָב איך געוואויגן ניט מער ווי 125 פונט אין מיינע ווינטערדיקע קליידער און דערפאַר פלעגט מיר אויסקומען שפּילן אַלס דעטעקטיוו אָדער גנב, און נאָך אַזעלכע אומדאַנקבאַרע ראָלן, וואָס דער דאַמאָלטיקער עולם פלעגט „אויסבויען" [פאַרהוקען], אָנשטאָט אַפּלאָדירן, און דאָס איז געווען אַ גרויסע שטערונג צו מיין פּאָפּולאַריטעט".

די ערשטע 2 יאָר, וואָס מ. האָט געשפּילט אין יידישן טעאַטער, האָט ער נאָך בייטאָג געאַרבעט אין אַ פאַבריק, שפּעטער האָט ער געעפנט אַ קאַפע-הויז. צו יענער צייט שפּילט ער אין באַדייטנדע ראָלן און ער קרעאירט אין 1896 „ביינוש וואַסערמאַן" אין יעקב גאָרדיקס „שלמהקע שאַרלאַטאַן" מיט אַדלער-קעסלער, אין 1898 — „ר' שלמון" אין גאָרדיקס „מירעלע אפרת" מיט ליפּצין, קעסלער, טאָרנבערג, דיינע פיינמאַן א. א., אין 1899 — „אלקנה" אין גאָרדיקס „די שחיטה" מיט ליפּצין, קעסלער, מאָגולעסקאָ א. א.



אַלס „אַקסעל".

אָבער זיין באַדייטנדע פּאָפּולאַריטעט געווינט ער ערשט אין דער ראָל „אוריאל מזיק" אין גאָרדיקס „גאָט, מענטש און טייוול" (21 סעפּטעמבער 1900) אין טאַליאַ-טעאַטער מיט קעסלער, בערטאַ קאַליש, לעאָן בלאַנק, טאָרנבערג, דיינע פיינמאַן, מערי ווילענסקי און סאָניאַ נאַדאָלסקי, און אין זעלבן יאָר אין די ראָלן „אַקסעל" אין גאָרדיקס „די שבועה" מיט ליפּצין, קעסלער, בלאַנק, טאָרנבערג, צילע אַדלער א. א. און „מלך סטעמפּל" אין גאָרדיקס „סאַפאָ" מיט בערטאַ קאַליש, דיינע פיינמאַן, קעסלער, מאָגולעסקאָ, עליאַס ראָטשטיין, בינע אַבראַמאָוויטש, מערי ווילענסקי א. א.

אין יאַנואַר 1902 קרעאירט ער די ראָל „גרעגואַר" אין גאָרדיקס „די קרייצער סאָנאַטא" מיט קעסלער, קאַליש, טאָרנבערג, נאַדאָלסקאַ און ווילענסקי. דעם 12 אָקטאָבער 1903 — אין טאַליאַ-טעאַטער „יואל טראַכטענבערג" אין גאָרדיקס „די יתומה" מיט בערטאַ קאַליש, קעסלער, קאַצמאַן, מערי עפּשטיין א. א., אין זעלבן יאָר — „הער סטענטאָן" אין גאָרדיקס „די וואַרהייט" מיט קאַליש, קעסלער, זיגמונט פיינמאַן, קאַצמאַן, נעטי טאָביאַס א. א, אין 1905 — די טיטל-ראָל פון יעקב גאָרדיקס „דער אומבאַקאַנטער" מיט ליפּצין, בלאַנק, מאָגולעסקאָ, מערי עפּשטיין א. א., אין 1907 — „איזי" אין גאָרדיקס „אויף די בערג" מיט ליפּצין, שאַכט, טאָרנבערג, נעטי טאָביאַס א. א., אין אָקטאָבער 1907 — „פיליפּ ווייס" אין גאָרדיקס „אָן אַ היים" מיט סעראַ און יעקב פּ. אַדלער, סעמיועל ראָזענשטיין, מערי ווילענסקי א. א. און דעם 31 דעצעמבער 1907 — „ר' וואָלף" אין גאָרדיקס „גלות גאַליציע" מיט יעקב פּ. און סעראַ אַדלער, סעמיועל ראָזענשטיין, גרשון רובין א. א.

סעזאָן 1905-06 איז מ. געווען אַ שותף צום ניו-יאָרקער טאַליאַ-טעאַטער (מיט קעני ליפּצין, יעקב גאָרדין און מאָגולעסקאָ). 1907-08 — האָט ער געמאַכט אַ טורנעע איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ מיט קעני ליפּצין און אויך דערנאָך אָפּט גאַסטראָלירט איבער דער פּראָווינץ.

אַן אומגעהויערן דערפאָלג האָט מ. אויך געהאַט (1908-09) אין ליפּצין-טעאַטער אַלס „אליהו צייטלין" אין י. זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסע „די ווייסע שקלאַפין". אין זעלבן סעזאָן שפּילט ער נאָך די הויפּט-מענער-ראָל אין זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסע „די זינדערין" און פאָרט אָפּ גאַסטראָלירן קיין אייראָפּע: ער טרעט אויף אין וואַרשע אין אייניקע גאָרדין-פּיעסעס, דערנאָך נאָך אין אייניקע שטעט פון רוסלאַנד, און איז דורכדעם דער ערשטער יידישער אַקטיאָר צו רעפּרעזענטירן אין אייראָפּע דעם אַמעריקאַנער אַרט שפּילן. וועגן זיינע גאַסטראָלן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז אין יענער צייט געווען געדרוקט פּאַסקווילן אין ניו-יאָרקער „דיא אידישע ביהנע".

אין סעזאָן 1909-10 שפּילט מ. ווידער אין ניו-יאָרק אין ליפּצין-טעאַטער און פאַרקערפּערט די הויפּט-מענער-ראָלן אין זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסעס „קאָרטן", „קינדער, אָדער, פאַר די עלטערנס זינד" און די „עגונה". דעם 16 סעפּטעמבער 1910 טרעט ער אויך אויף אין זעלבן טעאַטער אַלס „בוימייסטער סאָלנעס" פון איבסען.

1911 — פאָרט מ. ווידער קיין אייראָפּע און גאַסטראָלירט אין וואַרשע, לאָדזש און אָדעס אַלס „אוריאל מזיק", „דער פאָטער" פון סטרינדבערג און אין לאָדזש שפּילט ער אויך „אליהו צייטלין" אין זאָלאָטאַרעווסקיס „די ווייסע שקלאַפין".

וועגן זיינע גאַסטראָלן שרייבט דאַמאָלט נח פּרילוצקי: „אין דער ראָל [„אוריאל מזיק"] העלפט דעם גאַסטראָלער באַזונדערס צו זיין ד י ק צ י ע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין אונזער טעאַטער. מאָשקאָוויטש רעדט מיט אַ פּראָסטן שיינעם יידיש. דאָס איז ניט קיין ליטווישער דיאַלעקט, ניט קיין פּוילישער, ניט קיין וואָלינער, דאָס איז אַן'אַלייִדישע קולטורעלישע אויסשפּראַך. מיט אַ שטים איז ער באַשאָנקען מיט אַ געזונטער, ריינער, רייכער, וואָס לאָזט זיך בייגן ווי נאָר איר בעל-הבית וויל און ווי נאָר דער מאָמענט פאָדערט. ...מאָשקאָוויטש לאַווירט מיט זיינע באַוועגונגען און מיט זיין שטים, קאָן מען זאָגן, ווירטואָזיש". און וועגן „ריט-מייסטער" אין סטרינדבערגס „פאָטער" שרייבט פּרילוצקי: „...ער

באַשאַפט אויף דער סצענע אַ ג אַ נ צ ן ל ע ב ע ד י ק ן מ ע נ ט ש, אַ באַזונדערע גייסטיקע וועלט, אַן איינהייטלעכע אייגנאַרטיקע נאַטור, וואָס איז אַ האַרמאָנישער, קלאָרער, ריינער אויסדרוק פון דער אידעע, וועלכע דער אויטאָר האָט אין איר געוואָלט פאַרקערפערן. ...גוטסקייט און ווייכקייט זיינען בכלל, ווי עס שיינט, גרונט-שטריכן פון מאָשקאָוויטשעס כאַראַקטער. ער באַזיצט אומענדלעכע קוואַלן פון טיפן, שטילן, לויטערן, וואַר מען ל י ר י ז ם. מערקווירדיק שנעל, ביי איניקסטער שלאַנקהייט, זיינען ביי מאָשקאָוויטשן די איבערגאַנגען פון איין עמאָציע צו דער אַנדערער".

דר. מוקדוני — אין זיינע זכרונות — שרייבט וועגן יענע גאַסטראָלן: „דערדאָזיקער שוישפּילער איז פאַר אונז געווען אַן איבערראַשונג. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ שוישפּילער מיט אַ גאַנץ היבשן פאַרנעם, וואָס טראָגט מיט שטאָלץ זיין באַרוף; אַ שוישפּילער שוין מיט טעאַטער-קולטור; אַ שוישפּילער און אַ מענטש דערצו, איינער, וואָס וויל האָבן אַ מיינונג און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זי. ער איז דאַי, למשל, געווען, ווי אַלע יידישע שוישפּילער, אַן אָנהענגער פון יעקב גאָרדינען, האָט ער אָבער געקענט גאָרדינען, ער האָט געקענט אַרויסברענגען זיינע מעלות, מאַכן זיי אַזוי בולט, אַז זיי האָבן פאַרטונקלט זיינע חסרונות. ער האָט בכלל גערעדט וועגן טעאַטער-פראַגן מיושבדיק, מיט, אמת, אַביסל אויפגעשרויפטער אויטאָריטעט, אָבער מיט פאַרשטענדניש און מיט גוטער, היבשער, פאַך-קענטניש. הכלל, אַ פערזענלעכקייט; אַזוינס וואָס מען האָט ניט באַגעגנט אין דער גאַנצער מחנה פון אונזערע היימישע שוישפּילער. אויף דער סצענע איז זיין פערזענלעכקייט נאָך מער אויסגעוואַקסן. הויך און שלאַנק, האָט זיין פיגור אויסגעפולט די בינע. ער האָט אויסגעזען מאַיעסטעטיש צווישן די קליינגעוויקסיקע, צעטערפּעטע און פאַרדלותטע מיטשפּילער. זיין ערשטער אויפטריט איז געווען אין גאָרדיקס „גאָט, מענטש און טייוול". ער האָט געשפּילט אוריאל מזיק. דאָ האָבן מיר געזען אַ שוישפּילער מיט טאַלאַנט און מיט געבענטשטע אייגנשאַפטן פאַר דער סצענע: אַ זעלטן קלאָרע דיקציע, ערטערווייז שוין אַביסל צו קלאָר, אַן אָנגענעמע שטים, אַ פרעכטיקע מימיק און אַ זייער באַרעכנטע באַוועגלעכקייט. הכלל — אַ שוישפּילער פון דער וועלט-בינע.

„...אַ דערפאַרענער, ווי עס ווייזט אויס, אויך אין רעזשי — לויט די דראַמאַטיקע באַגריפן — האָט ער אַוועקגעשטעלט די פּיעסע גוט, האָט גוט אויסמושטירט אונזערע אַקטיאָרן אין זייערע ראָלן און האָט געשאַפן אין אַ קורצער צייט אַ גאַנץ גוטן צוזאַמענשפּיל. ...מאָשקאָוויטש איז אויפגעטראָטן אין סטרינדבערגס „פאָטער" אַלס דער ריטמייסטער און איז געווען ניט ווייניקער גוט ווי אַלס אוריאל מזיק. מיט מאָשקאָוויטשעס גאַסטראָלן האָבן מיר געמוזט איינגאַנצן בייטן אונזער ביטולדיקע באַציאונג צום אַמעריקאַנישן טעאַטער. ...אין מאָשקאָוויטשן האָבן מיר געפונען אַ טרייסט; אין אַמעריקע, הייסט עס, זיינען נאָך דאָ ערנסטע שוישפּילער, וואָס „דאָס פינטעלע ייד" [וואָס איז געקומען פון אַמעריקע] האָט נאָך ניט פאַרקריפּלט".

צוריק פון רוסלאַנד האָט זיך מ. אָפּגעשטעלט שפּילן אין לעמבערג און דערנאָך אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געשפּילט אין פּאַוויליאָן-טעאַטער מיט מ. ד. וואַקסמאַן, ווערנדיק אומדירעקט אַריינגעצויגן אין אַ קאָנקורענץ-קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיטן צווייטן טעאַטער, אין וועלכן ס'האָבן געשפּילט דיינע פיינמאַן און יאָזעף קעסלער.

אין מערץ 1913 איז מ. אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע און דעם 6 אַפּריל 1913 האָט ער אָנגעהויבן גאַסטראָלירן אין בוענאָס-איירעס אין סטרינדבערגס „פאָטער", דערנאָך אין טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת".

וועגן מ.'ס שפּילן אין אַרגענטינע, שרייבט ב. גאָרין: „ניימאַן [מ.'ס דירעקטאָר, וועלכן די פרעסע האָט שטאַרק אַטאַקירט פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט, און דער אָנשטענדיקער עולם האָט צוליב דעם באָיקאָטירט זיין טעאַטער] האָט אויפגעגעבן דעם טעאַטער און מאָשקאָוויטש האָט אים איבערגענומען. נאָר אין דער צייט איז געוואָרן אַ קאָנפליקט צווישן די גאַסטראָלירנדע אַקטיאָרן און גאָלדענבורג איז אַריבער אין „גאַריבאַלדי", וועלכן מען האָט דורך פּראָטעקציע געקריגן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן די צוויי טעאַטערס, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי חדשים. און דער סוף איז געווען, אַז מאָשקאָוויטש איז אַוועק מיט זיין קאָמפּאַניע אויף דער פּראָווינץ און איז באַלד אָפּגעפאָרן צוריק קיין לאָנדאָן".

צום סעזאָן 1913-14 איז מ. אַנגאַזשירט אַלס שוישפּילער אין מאַלווינע לאָבעלס ראָיאַל-טעאַטער אין ניו-יאָרק. דאָ איז ער אויפגעטראָטן אין טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת", אין דיומאַסעס „קין" און אין משה ריכטערס „צו שפּעט".

דעם 1 יאַנואַר 1914 שפּילט מ. די ראָל „אהרן" אין לעאָן קאָברינס פּיעסע „דער כשוף", דעם 16 יאַנואַר — די ראָל פון „רבי" אין מאַרק אַרנשטיינס „אַ יידישע טאָכטער", דעם 6 פעבר. 1914 — „פיניע" אין מאָריס גיסנעטס פּיעסע „געלט" און דעם 27 פעברואַר 1914 — אין אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט".

אין מאַי 1914 פאָרט מ. ווידער קיין לאָנדאָן, שפּילט דאָרט אַ קורצע צייט און פאָרט באַלד מיט אַן אייגענער טרופּע קיין אַרגענטינע. אָבער אָנקומענדיק אַהין שוין נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה ווערט אים אוממעגלעך צו שפּילן אין בוענאָס-איירעס און ער לאָזט זיך מיט דער טרופּע שפּילן איבער די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס.

פון אַרגענטינע איז מ. צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געשפּילט 2 סעזאָנען אין יידישן טעאַטער און צום סעזאָן 1916-17 איז מ. צוריקגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט געגעבן נאָר אייניקע גאַסט-פאָרשטעלונגען אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, דעצעמבער 1917 האָט ער גאַסטראָלירט אין ליבערטי-טעאַטער אין זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסע „זיסע חלומות", אין משה ריכטערס „די צוויי חתנים" און אין דעם איינאַקטער „די דייטשע קולטור" פון דעיוויס (איבערזעצט פון דר. מלמד). שפּעטער טרעט ער ווידער אַרויס אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער און דעם 11 יאַנואַר 1918 פירט ער אויף שיינע רחל סימקאָפס פּיעסע „אַ נאָמען נאָך דער מאַמען". אָבער באַלד קערט ער ווידער צוריק קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט יידיש אין פּאַוויליאָן-טעאַטער. „דאָס יידישע טעאַטער אין יענער צייט — האָט מ. שפּעטער דערקלערט פאַר אַ מיטאַרבעטער פון „מאָרגען זשורנאַל" — איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן. עס איז געקומען צו דעם, אַז דער קינסטלער איז ניט וויכטיק געווען, וואָרום דער עיקר איז געווען דער ליס [אַרענדע] אויף אַ טעאַטער. ווער עס איז געווען אַ בעל-הבית פון אַ טעאַטער, דער איז געווען דער סטאַר און דער האָט פאַר זיך גענומען די בעסטע ראָלן."

און אין זיין לעבנסגעשיכטע דערציילט מ. אַזוי: „אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער האָט מען געמוזט שפּילן אַמווייניקסטן פיר באַזונדערע פּיעסען אַ וואָך, ווען ניט, איז ניט געווען קיין עולם. און אַזוי ווי די לאָנדאָנער ליטעראַרישע פיינשמעקער פלעגן מיר ניט קאָנען מוחל זיין ווען איך פלעג אויפפירן ניט קיין ליטעראַרישע פּיעסע, האָב איך יענעם סעזאָן געעפנט מיט דריי ליטעראַרישע פּיעסען אין איין וואָך, כדי צו האָבן אַ גוטע פּרעסע. איך האָב דאַן אויפגעפירט סטרינדבערגס „פאָטער", טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת" און גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". אין אַ געוויסן אָוונט, נאָכן לעצטן אַקט פון „אוריאל אַקאָסטאַ" זיינען צו מיר אויף דער בינע אַרויפגעקומען צוויי ענגלענדער און האָבן זיך געמאָלדן מיך צו זען. איינער פון זיי איז געווען דער באַוואוסטער ענגלישער קריטיקער אויסטין-הערריסאָן און דער צווייטער — י. ב. פייגען, דער מענעדזשער פון ראָיאַל-קאָורט-טעאַטער. אָן צערעמאָניעס און אָן לאַנגע פאָררעדעס האָט מיר דאַן פייגען אַ פרעג געטאָן אויב איך וואָלט אָנגענומען אַ קאָנטראַקט ביי אים אין טעאַטער צו שפּילן „שיילאָק" אין ענגליש. און ווען איך האָב אים ערקלערט, אַז איך קען ניט-גענוג גוט ענגליש צו שפּילן אויף דער ענגלישער בינע און נאָך אין שעקספּירס ענגליש דערצו, האָט ער מיר געענטפערט לאַכנדיק: „אויב איך האָב קיין מורא ניט פאַר אייך און אייער יידיש, דאַרפט איר אודאי קיין מורא ניט האָבן פאַר שעקספּירן און זיין ענגליש.. איך האָב דעם אָנבאָט אָנגענומען און זיך גענומען צוגרייטן פאַר דער ענגלישער בינע נאָך 25 יאָר שפּילן יידיש טעאַטער".

אלס „שיילאָק".

מ.׳ס ערשטער אויפטריט אויף דער ענגלישער בינע איז פאָרגעקומען אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד), וואו די פּיעסע איז געגאַנגען אַ חודש. דערנאָך איז די פּיעסע 9 חדשים כסדר געשפּילט געוואָרן אין לאָנדאָן.

מ.׳ס נאָמען איז געוואָרן אומגעהויער פּאָפּולער אין ענגלאַנד. ער האָט שפּעטער געשפּילט נאָך אין אַנדערע פּיעסעס אין ענגליש און נאָך ענגלאַנד האָט ער אויך גאַסטראָלירט אין אַפריקע און אויסטראַליע ביז 1929.

אין דעצעמבער 1929 איז מ. געקומען אין אַמעריקע און דאָ אויפגעטראָטן אויף ענגליש אין פּויכטוואַנגערס „דזשאָזעף זוס", דערנאָך (נאָוועמבער 1930) אין „שיילאָק" און שפּעטער זיך באַזעצט אין האָליוואוד ביי זיין זון, וועלכער שפּילט א׳נ מעדיסאָן אויף דער ענגלישער בינע און אין קלאַנג-פילם.

מ.׳ס זון, אַנטאָן, איז אַ וויאָלאָניסט.

מ. באַטייליקט זיך אין האָליוואוד פון צייט צו צייט אין צדקה-פאָרשטעלונגען, אַרויסטרעטנדיק מיט פאַרשיידענע טעאַטער-עפּיזאָדן אין יידיש.

אין „פאָרווערטס" (28-21 דעצעמבער 1929) איז אָפּגעדרוקט מ.׳ס לעבנס-געשיכטע א׳נ „די לעבענס-געשיכטע פון דעם אידיש-ענגלישן שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש, דערצעהלט פון איהם אַליין פאַר אונזער קאָרעספּאָנדענט אין לאָנדאָן י. ל. פיין". די זעלבע אויטאָביאָגראַפיע איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָנער צייטונג „די פּאָסט" (21 אַפּריל — 25 מאַי 1930) און אין אַרגענטינער „די פּרעסע" (20 מאַי — 10 יוני 1930).

לעאָן קאָברין שרייבט וועגן מ.׳ס אָנטייל אין יידישן טעאַטער: „ער איז, קאָן מען זאָגן, געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער בעסערער אַמאָליקער יידישער בינע. ער האָט געקעמפט פאַר איר און געהונגערט צוליב איר. ער איז צוגעקומען צום יידישן טעאַטער אין יענער צייט ווען יעקב גאָרדין האָט זיך אָקאָרשט געהאַט באַוויזן און ווען צו צו זיין אַן אַקטיאָר פון זיינע פּיעסען, וואָס אַדלער האָט זיי אָנגעהויבן אויפצופירן, האָט געמיינט בוכשטעבלעך צו הונגערן. און מאָשקאָוויטש האָט געהונגערט, איז צופרידן געווען צו הונגערן, אַבי צו שפּילן טעאַטער אין דער ב ע ס ע ר ע ר פּ י ע ס ע. ...ער האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענט און פון אַ שטיקל קאָקעט, סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט זיין האַלטונג, ווי אין דעם לעבן אַזוי אויף דער בינע. אַ הויכע און שלאַנקע פיגור, מיט אַ לענגלעכן און אינטעליגענטן פּנים, האָט ער שטענדיק אַזוי ווי קאָקעטיש געשמייכלט מיט זיינע דינע ליפּן און מיט זיינע קלוגע, העלע אויגן און מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע, וועלכע האָט זיך אַלע מאָל וואוילינגעריש געבאָמבלט אויף איין זייט פון זיין שטערן, און אפילו מיט זיין קול, וואָס האָט געלאַסטשעט אַזוי ווי אַ קעצעלע מיט אַ סאַמעט-גלאַטן רוקן, און איז צייטנווייז אַריינגעפאַלן אין אַ ווייכער, פּיעשטשענדער. לירישער הייזעריגלעכקייט. און דידאָזיקע קאָקעטסטוואָ, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט זי געווען אָפּשטויסנד, האָט דוקא צו אים געקליידט. זי האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, האָט אים, אַזוי צו זאָגן, באַשפּרינקלט מיט אַ ר ט י ס ט י ש ק יי ט...

„עס איז אָנגענעם געווען צו זען און צו הערן אים. נאָך אַדלערן איז ער אפשר געווען די סימפּאַטישסטע ערשיינונג אויף דער בינע. חוץ דעם איז ער געווען דער אינטעליגענטסטער צווישן די יידישע אַקטיאָרן, האָט גערעדט רוסיש אויפן אָדעסער שטייגער; איז געווען אַביסל באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור; האָט פּאָרגעלייענט מיט אַ זעלטענער דיקציע אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנצערטן סקיצן פון די בעסטע יידישע שרייבער און אַמאָל אויך די באַרימטע „זאַפּיסקי סומאַשעדשאַוואָ" אין רוסיש. ...ער איז געווען אַן אַקטיאָר מיט מער טאַקט און מיט מער מאָס, איידער וועלכער ניט איז אַנדערער אויף דער יידישער בינע. אפשר דערפאַר, ווייל אים האָבן געפעלט יענע פייער-פלאַקערנדיקע פליגלען פון אַ קעסלערן צי פון אַדלערן, וואָס האָבן זיי אַמאָל פאַרטראָגן צו ווייט... וואָרום אין זיין שפּילן האָט זיך שטענדיק מער געפילט דער קלוגער מח איידער אוממיטלבאַרער געפיל, מער דער פאַרטייטשער פון דעם טעקסט, איידער דער א י ב ע ר ל ע ב ע ר, מער דער אָפּשיין פון דעם פלאַקערדיקן פייער, איידער דאָס פלאַקערדיקע פייער אַליין. דערפאַר איז ער אַלע מאָל געפעלן געוואָרן, האָט אַלע מאָל געמאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק; ער האָט אָבער קיינמאָל אַזוי ניט אָנגעצונדן, אַזוי ניט היגעריסן און אַזוי דעם געמיט ניט צעטרייסלט ווי אַמאָל אונזערע אַנדערע גרויסע אַרטיסטן. איך זאָג „אונזערע אַנדערע גרויסע", ווייל זיכער איז מאָשקאָוויטש אויף זיין אופן געווען פון די סאַמע באַדייטנסטע טאַלאַנטן, וואָס אונזער בינע האָט אַמאָל פאַרמאָגט. ...טראָץ זיין אינטעליגענץ און אַרטיסטישן אויסזען און טראָץ זיין קאָקעטיש חנדלען זיך מיט דער שוואַרצער טשופּרינע, אויגן און שמייכל און דער לירישער הייזעריגלעכ־

קייט אין זיין קול, האָט ער זעלטן געשפּילט דעם ליבהאָבער אויף דער בינע. און האָט ער אַמאָל אים געפּרובט שפּילן, איז ער זעלטן איבערצייגנד געווען. זעלטן האָט מען געגלייבט אין דער אויפריכטיקייט פון זיין געפיל, ווייל קיין פייער האָט זיך ניט געשפּירט אין זיין טאָן. ווייל ס׳רוב ווען ער האָט זיך דאַמאָלט באַנוצט מיט זיין אַרסענאַל פון דער לירישער הייזעריגלעכקייט איז ער געווען ווייבעריש-וויינענדיק, און אָפט האָט ער דאַן געמאַכט אַן איינדרוק פון איינעם, וואָס לייענט פאָר אין שפּאַס אַ ליבעס-סצענע. דערפאַר אָבער האָט זיך אויסגעצייכנט אין ראָלן, וואו קיין באַזונדערער טעמפּעראַמענט האָט זיך ניט געפאָדערט, אין געלאַסענע ראָלן, איבערהויפּט אין כאַראַקטער-ראָלן. דאָרט איז ער געווע דער אייגנאַרטיקער פּאָרטרייטשער, דער קלוגער אַרטיסט, וואָס האָט געלאַכן און מיט מאָס און טאַקט געשאַפן פאַר אייך פּיגורן ווי אַן אמתער מייסטער״.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 199-201, 161.

מ מאָשקאָוויטש — וויא אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר, „דיא טהעאַטער וועלט״, נ. י., 3, 1909.

קרויזע — אַ בריעף פון רוסלאַנד, „די אידישע ביהנע״, נ. י., 21 יאַנ. 1910.

בעני גילמאַן — אַרונטער מיט דער מאַסקע, „דיא אידישע ביהנע״, נ. י., 11 פעבר. 1910.

רובין פריעדמאַן — בריעף צום רעדאַקטאָר, „פא׳ש״, נ. י., 5 מערץ 1910.

א. פרומקין — אַ אידישע טהעאַטער-מלחמה אין לאָנדאָן „פאָרוו.״, נ. י., 12 נאָוו. 1912

א. פרומקין — מאָשקאָוויטש פאָהרט נאָך בוענאָס איירעס, „פאָרוו.״, נ. י., 27 מערץ 1913.

י. מ. ק. [י. מעסטעל] — מאָשקאָוויטש אין לעמבערג, „טאָגבלאַט״, לעמבערג, יולי, 1913.

מ. מאָשקאָוויטש — אידיש טהעאַטער אין בוענאָס-איירעס, אַרגענטיניען, „בא׳ש״, נ. י. 22 נאָוו. 1913

ס. דינגאָל — ניוארקער אידישע „סטאַרס״ אין לאָנדאָן, „פאָרוו.״, נ. י., 6 מאַי 1914.

איריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג״, נ. י., 10, 17 נאָוו. 1917.

„אַ שטענדיגער אורח״ — מאָרריס מאָשקאָוויטש אין דער ראָלע פון „שיילאָק״ אויף דער ענגלישער ביהנע, „פאָרוו.״, נ. י., 4 נאָוועמבער 1919.

J. P. — ה׳ מאָשקאָוויטשעס אינטערפּרעטאַציע פון שיילאָק. „רענעסאַנס״, לאָנדאָן, יאַנואַר, 1920, ז. 78

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער״, ביאַליסטאָק, 1921, זז. 54-55, 29-37.

לעאָן קאָברין — „עראינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג״, ניו-יאָרק [1925], צווייטער באַנד, זז. 175-181.

וויליאַם צוקערמאַן — מאָריס מאָשקאָוויטש ברייגגט אַ גרוס פון אידען אין ווייטע לענדער, „מאָ׳זש״, נ. י., 17 אַפּריל 1929.

ה. עהרענרייך — מאָריס מאָשקאָוויטש, באַריהמטער אידיש-ענגלישער אַקטיאָר, וועלכער איז געקומען אין אַמעריקע שפּילען „איד זוס״, „פאָרוו.״, נ. י., 17 דעצ. 1929.

אלף-אלף [א. אויערבאַך] — מאָריס מאָשקאָוויטש, „מאָ׳זש״, נ. י., 20 דעצ. 1929.

Sulamith Ish-Kishor - The Yiddish Favorite who became an English Star, „The Day", N. Y., 29 Dec. 1929.

אַב. קאַהאַן — מאָריס מאָשקאָוויטש, „פאָרוו.״, נ. י., 24 יאַנואַר 1930.

נ. בוכוואַלד — „איד זיס״ אויף ענגליש, „מאָרגן-פרייהייט״, נ. י., 24 יאַנ. 1930.

וויליאַם עדלין — מאָריס מאָשקאָוויטש אויף בראָדוויי, אין דער ענגלישער אויפפיהרונג פון „דזשאָזעף זוס״, „דער טאָג״, נ. י., 24 יאַנואַר 1930

אהרן קאַניעווסקי — אַ אידישער און אַ „גויאישער״ „איד זיס״ — געשפּילט פון מאָריס שוואַרץ און מאָריס מאָשקאָוויטש, „דער טאָג״, פילאַדעלפיע, 28 מערץ 1930

י. ל. פיין — די לעבענסגעשיכטע פון דעם אידיש-ענגלישען שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש, „פאָרוו.״, נ. י., 21-28 דעצעמבער 1929, „די פאָסט״, לאָנדאָן, 21 אַפּריל-25 מאַי 1930, „די פרעסע״, ב׳א, 20 מאַי-10 יוני 1930.

י. שאַיאַק — אַ ליכטיגער שטראַהל אין דער אידישער ביהנע-געשיכטע, „די פאָסט״, לאָנדאָן, 25 אַפּריל 1930.

א. דיסנער — מאָריס מאָשקאָוויטש איצט אין האָליוואוד, „פאָרוו.״, נ. י., 28 מאַי 1930.

אַב. קאַהאַן — מאָריס מאָשקאָוויטש אין זיין באַרימטער שעקספּיר ראָלע, „פאָרוו.״, נ. י., 4 דעצ. 1930.

דר. א מוקדוני — מאָשקאָוויטש-שיילאָק, „מאָ׳זש״, נ. י., 4 דעצעמבער 1930.

וויליאַם עדלין - ווי מאָריס מאָשקאָוויטש שפּילט „שיילאָק״, „דער טאָג״, נ. י., 7 דעצ. 1930.

דר. א. מיקדוני - זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, ז. 396.

מאָשקאָוויטש משה

געבוירן 22 יאַנואַר (א. ס.) 1886 אין ראָגאָטשאָוו, מאָהילעווער גוב., אוק אַאינע. פאָטער — אַ שניידער. זינגענדיק אין כאָר פון דער שול, פלעגט מ.׳ן אויך אויסקומען צו זינגען אין יידישן טעאַטער. אין 1908 איז מ. אַריינגעטראָטן אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין סעם אַדלערס טרופּע, דעביוטירנדיק אַלס „ניסל שרייער״ אין זאָלאָטאַרעווסקיס „ישיבה-בחור״. דאָ שפּילט ער ביז 1910.

1910-11 — האָט מ. געשפּילט אין אַ חברים-טרופּע אין רוסלאַנד א׳ל פון דאָקטאָראָוו. 1911-12 - צוריק ביי סעם אַדלער, 1912-17 — אין אַ חברים-טרופּע מיט ליבערט און וויסמאַן איבער רוסלאַנד, 1917 — ביי בעזמאַן אין קיעוו, 1918 — אין דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער אָפּערעטעס-טרופּע אין רוסלאַנד א׳ל פון סאַנבערג, 1920-21 — אין טערקיי, 1921 — אין ווין אין דער ראָלאַנד-בינע, 1922 — אין בערלין און אין זעלבן יאָר געפאָרן קיין פּאַריז, וואו ער שפּילט ביז היינט.

ש. ע.

מאָשקאָוויטש, נאַדיאַ

[גורעוויטש]

[געב. 27 אויג. 1895 — געשט. אָקט. 1933]

געבוירן 27 אויגוסט 1895 אין באָריסאָ־גלעפסק, טאַמבאָווער גוב., רוסלאַנד. פאָ־טער — אַ דרוקערײַ־באַזיצער. געלערנט 5 קלאַסן פאַרבערייטונגס־שול.

בעת די עלטערן טראָגן זיך אַריבער אין 1907 קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, נעמט אַריין איר שוואָגער, דער דיריגענט יצחק שלאָס־בערג, די יונגע מ. אין כאָר פון סאַבסייס טרופּע און פון דאָרט גייט זי שפּעטער אַי־בער צו פּישזאָנען. 1916 — שפּילט מ. אין דער פאַראייניקטער טרופּע מיט וויסמאַן־מעדוויעדאָווא אין מינסק דערנאָך אין אַן אַנדערער פאַראייניקטער טרופּע. צוליב די פּאָגראָ־מען אין רוסלאַנד וואַנדערט אויס מ. קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו זי שפּילט העכער אַ יאָר, דערנאָך 5 חדשים אין בולגאַריע, 1 יאָר אין ווין, 6 יאָר איז דײַטשלאַנד און זינט 1926 אין פּאַריז, וואו זי איז אין אָקטאָבער 1933 געשטאָרבן.

מ. ע.

מאָשקאָוויטש, פּאַשאַ [באַסיאַ ?]

געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע. שוועסטער פון איינעם פון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן אין רוסלאַנד חאַלאַן־חאַלאַנאָוו.

מ איז — לויט יעקב פּ. אַדלער — געווען אַ געענדיקטע גימנאַ־זיסטקע, אינטעליגענט און מיט פיל קינסטלערישן געשמאַק. זי און סאָפיע אָבערלענדער (שפּעטער — די פרוי פון יעקב פּ. אַדלער) זײַנען געווען פון די ערשטע אַקטריסעס אויף דער יידישער בינע אין רוסלאַנד אין 1878.

מ. האָט דעביוטירט אין אָדעס מיט שואל וויינשטיין אין האַנט־ווערקער־זאַל אַלס „אייניקל" אין גאָלדפאַדענס „די באָבע מיטן אייניקל" און שפּעטער געשפּילט אין „שמענדריק". ווייטערע אינ־פאָרמאַציעס וועגן איר פעלן — מעגלעך, אַז קורץ דערויף האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע פון אברהם פישקינד.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 209.

יעקב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא ווארהייט", נ. י., 29 אָקט. 1916.

יעקב פּ. אַדלער — יעקב ספּיוואַקאָווסקי, „די צייט", לאָנדאָן, 30 סעפּט. 1919.

מגיד, חנה

[צביה דאָרמאַן]

געבוירן 7 נאָוועמבער 1865 אין ווילנע, פּויליש־ליטע. זינט דעם עלטער פון 2 יאָר דערצויגן געוואָרן אין פּעטערבורג אין חסידות און פרומקייט. שפּעטער, קעגן ווילן פון די עלטערן, באַזוכט גימ־

נאַזיע, דערנאָך געענדיקט דעם אינסטיטוט פאַר אַקושערקעס און אַלס צאָן־דאָקטאָר.

מ. האָט געדרוקט איבערזעצונגען אין אייניקע יידישע צייטונ־גען, דערונטער (1887) אין „יודישעס פאָלקסבלאַט".

זי האָט אויך געשפּילט אויף דער יידישער בינע, צוערשט אַלס „ליבהאָבערין" און אין 1919-21 אַלס מיטגליד פון יידישן קאַמער־טעאַטער אין פּעטראָגראַד א״ר פון גראַנאָווסקי. פאַרן דאַזיקן טע־אַטער האָט מ. אויך איבערזעצט מעטערלינקס „די בלינדע" (אויפ־געפירט דעם 28 יוני 1919) און פּיעסעס פון טשעכאָוו („דער ים־פויגל") און הייערמאַנס, וועלכע זײַנען נישט געשפּילט געוואָרן.

מ. האָט אויך איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט „פיליפּ לאַנגמאַן, באַרטעל טוראַזער, אַ דראַמע אין דריי אַקטן. איבערזעצט פון דייטש: אַננאַ מאַגיד, מיט אַ באַלייט־וואָרט פון בעל־מחשבות, פּעטערבורג 1919", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויף פאַרשיידענע יידישע בינעס אין ראַטנפאַרבאַנד [די זעלבע פּיעסע איז נאָך אין 1907 דערשינען אין דער יידישער איבערזעצונג פון א. שרייבמאַן אין וואַרשעווער וואָכנבלאַט „ראָמאַן־צייטונג" (9-1)].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 359-60.

מוקדוני, א. דר.

[אַלכסנדר קאַפּעל]

געבוירן 1878 אין לעכעוויטש, מינסקער־גוב., ווייסרוסלאַנד. באַקומען אַ טראַדיציאָ־נעלע דערציאונג, געלערנט אין חדר און ישיבה. שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגע־מיינער בילדונג און אַ געוויסע צייט געווען אַן עקסטערן. 1903 — שטודירט פילאָזאָפיע אין בערן און אַ געוויסע צייט אויך געלעבט אין לאָזאַן, גענף און פּאַריז. 1907-09 — שטודירט יוס אין בערנער אוניווערזיטעט, וואו ער באַקומט דעם טיטל דר.

מ. האָט זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט אַ דערציי־לונג אין „דער יוד" א״ר פון דר. יוסף לוריע און מיט דער סקיצע „שלשת האביבים" אין „הצפה". 1906-08 - אָפּט געדרוקט דערציי־לונגען און סקיצן אין „דער וועג", „אונזער לעבען", „דאָס יודישע פאָלק", „דאָס וואָרט", „קונסט און לעבען" א. א.

מ.׳ס ערשטער אַרטיקל וועגן טעאַטער (וועגן ל. אַנדרעיעווס דראַמע „צו די שטערן") איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע־ווער „דער וועג".

1909 — באַזעצט ער זיך אין וואַרשע אַלס הויפּטמיטאַרבעטער פון ספּעקטאָרס צייטונג „די נייע וועלט" און דאָ הייבט ער אָן, א״פ דר. א. מוקדוני, זײַן סיסטעמאַטישע טעטיקייט אַלס טעאַטער־קרי־טיקער, וואָס ער פירט אויך שפּעטער ווייטער אין „דער פריינד".

אויך שפּעטער האָט מ., א״פ „קאַליף", געשריבן קליינע פעליע־טאָנען און פּראָווינץ־בילדער און אין 1913 געווען מיטרעדאַקטאָר פון „לאָדזשער מאָרגנבלאַט", גלײַכצײַטיק זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע יידישע אויסגאַבעס אין אייראָפּע און אַמע־ריקע, וואו ער האָט צווישן אַנדערעס פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע גרעסערע טעאַטער־אַרבעטן: „גאָרדין און די יידישע בינע" אין

דעם זמ׳ב „יודיש״, „דר. שלמה עטינגער״ אין ניגערס „דער פנקס״ און אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער הירשביין-טרופּע אין פריירס וואָכנבלאַט „דער שטראַהל״.

אין משך פון 1909-14 איז מ. געווען טעטיק מיט פּראַקטישער טעאַטער-אַרבעט: אויף זיין און א. ווייטערס איניציאַטיוו איז ביי דער מיטווירקונג פון י. ל. פּרץ, שלום אַש י. דינעזאָן, ה. ד. נאָמבערג, א. רייזען, ש ראָזענפעלד, דר. גרשון לעווין און נח ראָזענפעלד, געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמאַנדיט-געזעלשאַפט פאַר אַ גוט יידיש טעאַטער, אָבער די וועלט-מלחמה האָט איבערגעריסן די אַרבעט פון דערדאָזיקער גרופּע.

בשעת דער מלחמה האָט מ. גענומען אַן אַקטיוו אָנטייל אין דער הילפס-אַרבעט פאַר אַנטרונענע און היימלאָזע און אַלס באַפולמעכטיקטער פון צענטראַלן הילפס-קאָמיטעט אין פּעטערבורג אָנגעפירט די אַרבעט אויף דער וואָלגאַ און אין סיביר.

אין 1920 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און אָרגאַניזירט און רעדאַקטירט אין קאָוונע די טעגלעכע צייטונג „נייס״. 1922 — געלעבט אַ קורצע צייט אין דייטשלאַנד און דערנאָך זיך באַזעצט אין אַמעריקע אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ניו-יאָרקער „מאָרגען זשורנאַל״, וואו ער איז דער אָפיציעלער טעאַטער-קריטיקער.

מ. האָט, צוזאַמען מיט מ. עלקין, רעדאַקטירט די ערשטע 3 נומערן פון חודש-זשורנאַל פאַר טעאַטער און ליטעראַטור („טעאַליט״, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 1923 — יאַנואַר 1924) און, צוזאַמען מיט ש. יודסאָן, געמאַכט הכנות אַרויסצוגעבן אַ יידישע טעאַטער-ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז אָבער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. צו יענער צייט איז ער אויך געווען איינער פון די גרינדער און אָנפירער פון דער יידישער דראַמ. סטודיע אַרום דעם זשורנאַל „טעאַליט״, אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער „יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט״ (וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו גרינדן אין ניו-יאָרק אַ ריין-קינסטלעריש יידיש טעאַטער) און אַ מיטגרינדער און פאַרזיצער פון „יידישן טעאַטער-מוזיי״.

נאָך זייענדיק אין פּוילן האָט מ. איבערזעצט ל. טאָלסטאָיס דראַמע „דער לעבעדיקער מת״ [ל. נ. טאָלסטאָי. דער לעבעדיקער מת, אַ דראַמע, איבערזעצט פון דר. א. מוקדוני. פאַרלאַג „ליטעראַטור״, וואַרשע, 1912] (אויפגעפירט און געשפּילט דורך יעקב בן-עמי איבער צפון-און דרום-אַמעריקע) און אָסיפ דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער״, וועלכע איז אין זיין אַנאָנימער איבערזעצונג געשפּילט געוואָרן דעם 12 דעצעמבער 1913 אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואוהין ס׳איז אויך, לויט מ.׳ס רעקאָמענדאַציע און פאַרמיטלונג, געבראַכט געוואָרן דער מחבר, וועלכער איז זינט דאַמאָלט געבליבן פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער.

צו יענער צייט האָט מ. אויך איבערזעצט „קין״ פון אַל. דיומאַ, וועלכע איז אָבער נישט פאַרעפנטלעכט און נישט געשפּילט געוואָרן.

ד. 30 מערץ 1927 איז אין ניו-יאָרק געפייערט געוואָרן מ.׳ס 50-טער געבוירן-טאָג דורך אַ גרויסער טעאַטער-פאָרשטעלונג, און פון דער הכנסה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַנד געזאַמלטע קריטיק פון מ.: „דר. מוקדוני. טעאַטער, ניו-יאָרק, 1927״ [288 ז. 16°] און אַ בוך וועגן יובילאַר „יובל-זאַמלבוך לכבוד דעם 50-יאָריגן געבורטסטאָג פון דר. א. מוקדוני״ [24 ז. 12°] מיט אַרטיקלען און באַגריסונגען, אין וועלכע מ. ווערט געפייערט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע און איינפלוסרייכסטע יידישע טעאַטער-קריטיקער.

אין „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער״ (ערשטער באַנד, ווילנע, 1930, זז. 421-341) האָט מ. פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע טעאַטער-זכרונות א״נ „זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער״ (יידישער טעאַטער אין פּוילן פון 1909 ביז 1915), וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַן ענטפער פון פּרץ הירשביין בנוגע דער „הירשביין-טרופּע״.

1932 — האָט מ. באַזוכט אייראָפּע און ארץ-ישראל און דערנאָך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן העברעאישן טעאַטער.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 360-64.
מ וואַנווילד [ש. ל. קאַווע] — געבוירנענע פלאַגיאַטאָרען, „דער מאָמענט״, וואַרשע, (14) 1, (16) 3, (17) 4, (1) 8 יוני 1912.
דוד פרישמאַן — „אַלע ווערק פון דוד פרישמאַן״, וואַרשע, דריטער באַנד, זז. 72-68 51-50.
ה. שקליאַרסקי — דער פּיאָנער פון דער אידישער טעאַטער קריטיק, „פרימאָרגן״, ריגע, 12 אַפּריל 1927.
יעקב מעסטעל — א. מוקדוני — דער טעאַטער-קריטיקער, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 17, 1927.
ל. קעסנער — אַ טעאַטער בוך פון דר. מוקדוני, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 8 מאַי 1927.
ש. ניגער — דר. א. מוקדוני. טעאַטער, „צוקונפט״, נ. י., יולי, 1927.
„יובל זאַמלבוך לכבוד דעם 50-יאָריגן געבורטסטאָג פון דר. אַ. מוקדוני״, נ. י., 1927.
יוסף מענדעלסאָן — דר. מוקדוני אין בוך-פאָרמאַט, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 16 אויג. 1927.
אברהם בליי-צפורי — טעאַטער-קריטיק און זכרון, „פּאַ ש״, נ. י., נ׳ 42, 1927.
הלל ראָגאָף — דריי יובילאַרן, „צוקונפט״, נ. י., יוני, 1927.
ז. זילבערצווייג — „טעאַטער-זכרונות״, ווילנע, 1928, ז. 89.
יעקב מעסטעל — פיר יידישע טעאַטער-ביכער, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, זז. 95-493.
ז. קאַרנבליטה — „די דראַמאַטישע קונסט״, ניו-יאָרק, זז. 53-151, 161, 213, 224.
דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו״ ווילנע, 1930, זז. 421-341.
פּרץ הירשביין — אין קאַמף פאַר אַ בעסערן טעאַטער, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 47-43, 1930.
יעקב באָטאָשאַנסקי — צווישן פאַרהאַנג און לייוונט, „די פּרעסע״, ב״א, 27 פעבר. 1931.
ז. זילבערצווייג - ווען אַ קריטיקער איילט זיך, „שיקאַגאָ״, שיקאַגאָ, יוני 1931.
מ. ווינער — די אויסגאַבע פון עטינגערס שריפטן, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך״, ראַטנפאַרבאַנד, 1930, זז. 140-135.

מושקאַט, חיים-אליעזר

[געב. 17 יאַנ. 1851 — געשט. ...19]

געבוירן 17 יאַנואַר 1851 אין לוקאָוו, שעדלעצער געגנט, פּוילן, אין אַ חשובער כאַמיליע. דערצויגן געוואָרן אויף תלמוד און חסידות, אָבער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט השכלה און חקירה-ספרים. שפּעטער געשריבן מאמרים אין „הצופה להמגיד״, „המליץ״,

„הכרמל“ און אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע ביכער אין העברעאיש און יידיש, צווישן זיי „יעקב ביי לבן אין חרן אַ ביבלישע דראַמע אין 5 אַקטען, וואַרשע 1907“.

לויט אַן אַנאָנס האָט אויך געזאָלט דערשיינען מ.׳ס אַ צווייטע דראַמע אין 3 אַקטן „יעקב און עשו“.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט מ. פאַרבראַכט אין פּראַגע, ביי וואַרשע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 363-65.

מוא׳ה, מרדכי

געבוירן 1880 אין באָריסאָוו, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ קרעמער. געלערנט אין די ישיבות פון בערעזין און מיר. געווען אַן עקסטערן און באַקומען אַן אַטעסטאַט אַלס הויז־לערער.

אין דער פריכטער יוגנט אַ ציוניסט, באַטייליקט זיך שפּעטער אין מינסק אַלס בונדיסט אין קאַמף קעגן די „זובאַטאָווצעס“ או באַזעצט זיך דערנאָך אין ווילנע, וואו ער ווידמעט זיך צו געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט און איז מיטגרינדער און לערער פון דער ערשטער יידישער אָוונט שול, מיטאָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן אומלעגאַלן יידישן לערער־צוזאַמענפאָר (נאָך וועלכן ער ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט ישראל ליכטענשטיין) און מיטגרינדער פון דער יידישער „קינדער־פאַרזאָרגונגס־געזעלשאַפט“, וואו ער פירט איין קינדער־שפּילן און קינדער־עקסקורסיעס. דאָ פאַראינטערעסירט ער זיך אויך מיט דער פיזישער דערציאונג, און נאָכן ענדיקן אַ קורס פון קינדער־גימנאַסטיק (אין 1913 זיך פאַרפולקומט אין דייטשלאַנד און סקאַנדינאַוויע), ווערט ער גימנאַסטיק־לערער. מ. איז אויך אַ מיטגרינדער פון „מכבי“, אַרבעט אויס די יידישע טערמינאָלאָגיע פאַר גימנאַסטיק און פירט איין גימנאַסטיק אין תלמוד־תורות און צענפאַנג־שולן. אין דער זעלבער צייט איז מ. פאַרוואַלטער פון דער העברעאישער מיידל־שול „יהודית“.

נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה פאָרט מ. אַרום, אַלס „יעפּאַקאַ“־פאָרשטייער אין די אינטערעסן פון די פּליטים, אין דרום־רוסלאַנד און אין אויגוסט 1915 קומט ער צוריק אין ווילנע אַלס סעקרעטאַר פון הילפס־קאָמיטעט פאַר מלחמה־געליטענע אין ווילנע.

בעת דערדאָזיקער קאָמיטעט נעמט איבער די אָנפירונג פון דעם עקאָנאָמיש־קולטורעלן יידישן לעבן אין ווילנע, ווערט מ. פאַרבעטן אין דער יידישער טעאַטער־גרופּע „פאַד׳א“ (שפּעטער „ווילנער טרופּע“) וואו ער ווערט קודם איר ערן־דירעקטאָר (אָן געצאָלט) און דערנאָך איר פאַקטישער דירעקטאָר און געשעפטן־פירער, וואו ער איז טעטיק ביז היינט.

מ. האָט איבערזעצט, א׳פ מ. מ., פאָלגנדיקע פּיעסעס, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן דורך דער „ווילנער טרופּע“: „אַ געשלעג פון שמעטערלינגען“ פון הערמאַן זודערמאַן „אויפן צאָפגרונד“ פון מאַקסים גאָרקי, „די אונטערגעגאַנגענע האָפנונג“ פון הערמאַן הייערמאַנס, „דער שדים־צוג“ פון רידלאָ, „פעריפעריע“ פון פראַנטישעק לאַנגער, „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע“ (די קוואַדראַטור

פון קרייז) פון וו. קאַטאַיעוו, „אַ מיליאָן צרות“ פון וו. קאַטאַיעוו און „שריי כינא“ פון ס. טרעטיאַקאָוו.

מ. ע.

דניאל טשאַרני — אידישיזם, „צוקונפט“, נ. י., יאַנואַר, 1929.

אברהם מאָרעווסקי — וועמעס יובילייז, „ליטבלט“, וואַרשע 18, 1931.

ל. קאַדיסאָן — אַ ביסל זכרונות, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 42, 1931. „ווילנער טרופּע“ (זאַמלביך), לאָדזש, 1932.

מזח, יהושע

[מ. סגל]

[געב. 1834 – געשט. 12 פעבר. 1917]



געבוירן 1834 אין ניי־זאַגער, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ גרויסער למדן, מדקדק און בעל־לשון, האָט איינגעפלאַנצט אין אים אַ ליבשאַפט צו תורה און חכמה, האָט מיט אים אַליין געלערנט און דערנאָך אים געשיקט אין די גרעסערע ישיבות פון ליטע.

מ. האָט פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע התמדה, האָט געלערנט פאַר זיך אין קאָוונע, שאַוועל, טעלז און וואָלאָזשין, דערנאָך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער השכלה און געוואָרן אַ לערער פון תלמוד און העברעאיש אין קרייצבורג, יאַקאָבשטאַדט און אין בויסק. מ. האָט זיך אויך געפּרובט אַלס סוחר און וואָיאַזשאָר און האָט לסוף אינגאַנצן זיך געווידמעט דער ליטעראַרישער טעטיקייט.

דעביוטירט אין דער העברעאישער פּרעסע מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „הכרמל“ (44, תרכ״ב) און אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ מעשהלע „קידוש השם“ אין „קול מבשר“ (1, 1862). האָט ער פון דעמאָלט אָן כסדר געשריבן העברעאיש און יידיש, באַטייליקנדיק זיך כמעט אין אַלע העברעאישע און אין אַ גרויסער טייל יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

דער אומרו אין אים לאָזט אים אָבער נישט לאַנג זיצן אויף איין אָרט. צענדליקער יאָרן האָט מ. געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט איבער רוסלאַנד און רומעניע.

זייענדיק אין וואַרשע, וואו ס׳האָט צו יענער צייט געשפּילט אברהם גאָלדפאַדען מיט זיין טרופּע, האָט מ. פאַרעפנטלעכט אין העברעאיש אַ בראָשור וועגן יידישן טעאַטער א׳נ „במת ישחק או משא גיא חזיון מאת יהושע מזח, וואַרשא שנת תר׳נ לפ׳ק [1890, 40 ז. 16°]. די בראָשור, וועלכע זלמן רייזען פאַרצייכנט על פי טעות אין זיין „לעקסיקאָן“ אַלס אַ קאָמעדיע, איז די ערשטע העברעאישע בראָשור וועגן יידישן טעאַטער. אין איר קריטיקירט דער מחבר גאָלדפאַדענס מאָדערנע פּיעסעס און דריקט אויס זיין צופרידנקייט נאָר מיט גאָלדפאַדענס היסטאָרישע אָפּערעטעס. ער שילדערט דאָס דאַמאָלטיקע יידישע טעאַטער „בוף“ אין וואַרשע און רעצענזירט אויך אַן אויפפירונג פון „שולמית“, דערנאָך טרעט ער אַרויס קעגן דער מעלאָדראַמע „דער בעטלער“, וועלכע יעקב פ. אַדלער שפּילט, און לויבט אים או, די אַקטיאָרן טאַנצמאַן פאַר זייער שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ“. דער מחבר ציטירט אויך אַ רעצענזיע פון דער צייטונג

„דצפירה" וועגן דער אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס „אחשורוש", ער קריטיקירט שמ׳רס „דער פראַצענטניק" און „דער טרייפניאַק", פאָרוואַרפנדיק, אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך די סכנה פון מאַטעריאַל פאַר דער אַנטיסעמיטישער פרעסע און לויבט דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע", וועלכע ער רעקאָמאַנדירט צו שפּילן.

לעאָ ווינער אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19-טן יאָרהונדערט" פאַרצייכנט „אשת חיל, אַ היסטאָרישע ערציילונג אין 4 אַקטען און 6 בילדער, וואַרשע 1890, 80 זז. 16°" און „די איפּערזיכטיקע פרוי, אָדער, די ערשטע קעכין, אַ סצענע פון אַ פאַמיליענלעבען, וואַרשא 1893, 31 ז. 16°".

אין „הויזפריינד" (I, 1894) איז פאַרעפנטלעכט מ.׳ס אַ דראַמאַטישע סקיצע „ביים רב אין שטוב" און אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער, אין וועלכן ער זאָגט אַרויס בקצור די מיינונג, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין העברעאישער בראָשור.

אין 1910 איז אין ווילנע דערשינען „עלילת-דם אין ירושלים, אַ טהעאַטער פאָרשטעלונג אין פיער אַקטען און פינף בילדער פאָן יהושע הלוי מזח" [48 ז. 16°]. אויפן אינווייניקסטן שער-בלאַט איז געדרוקט: פערלאַג זלמן מזח (פהילאַדעלפהיא, אמעריקאַ).

מ. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע העברעאישע פּיעסעס. ב. גאָרין פאַרצייכנט אַלס געדרוקט מ׳ס אַ קאָמעדיע אין 3 אַקט' „די אייפערזיכטיקע פרוי", וואָס איז וואָרשיינלעך אַ יידישע איבערזעצונג פון מ.׳ס העברעאישער דערציילונג אין דראַמאַטישער פאָרם „עלילת שוא או אשת קנאות" (ווילנע 1908).

די לעצטע 25 יאָר פון זיין לעבן האָט מ. פאַרבראַכט אין ווילנע, וואו ער איז דעם 12 פעברואַר 1917 געשטאָרבן.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 366-374.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 269.

רבי-קצין [י. ח. ראַווניצקי] — די ניי-זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, „די אידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", קיעוו, 1888, זז. 304, 303.

Leo Wiener — „The Hisrory of Yiddish Literature in the Nineteeth Century", N. Y., 1899, pp. 372.

מיאָדאָווניק, מאַרק

געבוירן 1870 אין בענדין, פעטריקאָווער גוב., פוילן.

פון קינדווייז אָן האָט מ. אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו בדחנים און חתונה-מאַטיוון. אונטערן רושם פון די בראָדערזינגער שטעלט צונויף מ. אום פּורים 1888 אַ פּורים-שפּיל מיט יינגלעך, וועלכעס האָט אַ גרויסן דערפאָלג און מאַכט אים פאָפולער אין שטאָט. געליס, וועלכער פאָרט דורך בענדין מיט זיין טרופּע, נעמט אים אַריין צו זיך און פון דאָרט גייט מ. איבער אין דער טרופּע פון קאַמינסקין, וואו ער שפּילט פרויען-ראָלן. שפּעטער וואַנדערט ער אַרום מיט שטומאַכערס טרופּע און שפּילט יידיש-דייטש טעאַטער אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

1899 — שפּילט מ. צוזאַמען מיט בראָדערזינגער אין קראָקע ביים דירעקטאָר קענער, 1902 — ביי פישזאָנען, 1907-8 — אַלס ערשטער קאָמיקער ביי יוליוס אַדלער, דערנאָך אין לאָנדאָן, פאַריז, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, יאַסי, באָטאָשאַן, סעקורען, בודאַפּעסט, ווין און בערלין.

אין דער מלחמה-צייט איז מ. אַרומגעפאָרן מיט אַ קאָלעקטיוו אונטער זיין פירונג איבער סיביר און אוראַל.

בעת דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע (1918) האָט מ. מיטגעווירקט אין קרעמענטשוג אין מלוכה-טעאַטער, 1919 — אין פּאָלטאַווע ביי זאַסלאַווסקין, 1920 — געווען רעזשיסער אין סעבעזש, אין מלוכה-קאָלעקטיוו, 1922 — אין פּאָלאָצק אין פּאָליטפּראָסוועט, 1923 — אין מינסק, מלוכה-טעאַטער ביי בראַנדעסקאָן און דערנאָך אין קלוב „קים", אין קלוב פון די טראַנספּאָרט-אַרבעטער און אין קלוב פון די שפּייזלער ביז יולי 1927. 1928 — האָט מ. מיטגעווירקט אין קאָלעקטיוו „אַרבעטער-בינע", וועלכן ער האָט אָרגאַניזירט.

דעם 8 אָקטאָבער 1928 איז אין מינסק געפייערט געפאָרן מ׳ס 40 יאָריקער בינע-יובילײ.

מ. האָט געשריבן די פּיעסעס „זאַלמען ענגעל, אַ רעוואָלוציאָנערע דראַמע אין 3 אַקטן", „די ערד ברענט, פּיעסע פון בירגער-קריג אין 3 אַקטן" און איבערזעצט „דער דאָקטאָר פון אונטערן שטעקן" פון מאָליער, „כאַווער צאַצקין, אין 4 אַקטן" פון פּאָפּאָוו און „שוואַרצער האַלזטוך, אין 3 אַקטן און 6 בילדער" פון באָריס וואַקס.

מ. אַרבעט אויך פון צייט צו צייט אין קלובן און אין „ביעלגאָסקינאָ".

מ. האָט פאַרעפנטלעכט אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" (1, 2-3, 4, 1926) זכרונות וועגן טעאַטער (געשריבן דורך ל. דושמאַן)

ש. ע פון מאַרק לייפּציקער.

מאַרק אַבראַמאָוויטש מיאָדאָווניק (פלוגבלאַט לכבוד זיין יובילײ)

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער-זיכרוינעס, „שטערן", 1, 2-3, 4, 1926.

י. ליפשיץ — מיינע טעאַטער-זיכרוינעס, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, ז. 309.

מינדאַלאָוויטש, שמואל

[מאַנדעל]

געבוירן 19 יאַנואַר 1893 אין לענין, מינסקער גוב., פוילן. פאָטער — אַ מלמד. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך 3 יאָר אין אַ פינסקער רוסישער שול און ווערט אַן איינבינדער. אָבער נאָכן אַרבעטן 8 הדשים האָט ער זיך „אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט".

1913 — אַנגעהויבן כופלירן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, דערנאָך אין פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס און שפּעטער זיך באַזעצט אין פוילן.

ש. ע.

מינדאַלסקי, איגנאַצי

[מיגדאַל]

[געב. בערך 1877 — געשט. 25 סעפט. 1909]

געבוירן בערך 1877 אין פּיעטריקאָוו פּוילן. מ. האָט — לויט נחום ליפּאָווסקי — אָנגעהויבן זיין בינע־קאַריערע ביים פּוילישן טעאַטער, פון דאָרט אַריבער צו דער יידישער בינע אין וואַרשע און דערנאָך געשפּילט אין קורלאַנד, ביי קאָמאַפּאַניעצן. צוליב מאַטעריעלע באַדינגונגען אַריינגעטראָטן אין אַ רוסישן כאָר, וואו ער איז אויך געווען כאָרמייסטער און איינשטודירט די טענץ. שפּעטער צוריקגעקערט צו דער יידישער בינע און געשפּילט אין דער „פאַראייניקטע טרופּע", ביי ראַפּעל־עפּעלבערג און ביי קאָמפּאַניעצן.

מ איז געווען אַ פאַט־קאָמיקער און געווען זייער פּאָפּולער אַלס זינגער און טענצער.

דעם 25 סעפּטעמבער 1909 איז ער געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין וואַרשע.

מ. ע. פון נחום ליפּאָווסקי, ה. פיינשטיין, הירש פלאַום און א. ג. קאָמפּאַניעצן.

מידע, אַדאָלף (אברהם)

געבוירן 17 אָקטאָבער 1894 אין וו רשז, פּוילן. עלטערן — פאַרמעגלעכע סוחרים. ביז 12 יאָר געלערנט אין לובאַוויטשעס שול און באַזונדער ביי אַ גמרא־מלמד, דערנאָך אין סראָצק ביים דאָרטיקן רב. באַקענט זיך מיט אַ גרופּע „ליבהאָבער" און מיט זיי אַרומגעוואַנדערט איבער דער פּראָווינץ, ביז ער קומט אָן אין 1912 אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין בראַנדעסקאָס טרופּע אין רוסלאַנד, פון וואו ער גייט דערנאָך איבער אין די טרופּעס פון ראָטשטיין, מישוראַד. אַלס קריגס־געפאַנגענער, געגרינדעט אין לאַגער וויזעלבורג ביי ווין אַ פאַראיין „שלום־עליכם", דורך וועלכן ער אָרדנט איין אין לאַגער יידישע פאָרשטעלונגען (אָנטיילנעמער: חזן הערשמאַן פון וואַרשע, דער פּיאַניסט שטאַמלער פון רוסלאַנד, אַ געוויסער „סאָלאָוויי" פון סלאָנים א. א.). נאָך דער מלחמה האָט מ. געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען ביי קאָמפּאַניעצן אין וואַרשע, דערנאָך געפאָרן אין אַ טורנע איבער פּוילן מיט אַבעלמאַן, קאַץ און א. בערמאַן און מיט אייניקע וואַנדער־טרופּעס. אָנהויב 1922 האָט מ. געשפּילט אין לובלין אין דער טרופּע ציפּקוס, דערנאָך געגעבן פאָרשטעלונגען אין בריסק־ליטאָווסק און פון דאָרט אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער שפּילט און גרינדעט דאָרט דעם 5 מאַי 1922 דעם ערשטן יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין, פון וועלכן ער ווערט סעקרעטאַר. שפּעטער איז מ. געוואָרן דירעקטאָר פון טעאַטער אָלימפּיאַ, וואוהין ער ברענגט פון אַמעריקע מאַלווינע לאָבעל און באָריס אויערבאַך. 1924 — קומט מ. אין ניו־יאָרק און אַנגאַזשירט קיין אַרגענטינע

לואיס קרעמער, ראָזאַ וואַלערשטיין, באָריס אויערבאַך און אַנעסאַ האָפּמאַן, שפּעטער ברענגט ער אויך אַהין די אַקטיאָרן יצחק דייטש, ניניאַ און ל. סאָקאָלאָוו. 1926 — איז מ. געווען דירעקטאָר פון טעאַטער אמבו, דערנאָך פאַרוואַלטער פון אַרגענטינער יידישן אַרטיסטן־פאַראיין און ווידער דירעקטאָר פון די טעאַטערס אמבו און אָלימפּיאַ. דאָ האָבן גאַסטראָלירט די אַקטיאָרן: מאָרעווסקי, סאַמבערג, אויך צום צווייטן מאָל ניניאַ און סאָקאָלאָוו און די קאַניעווסקאַ־טרופּע פון דרום־אַפריקע (1927), דערנאָך יידי שיינגאָלד און סעם אויערבאַך און מאָריס שוואַרץ (1932).

זינט 1924 האָט מ. זיך צוריקגעצויגן פון שפּילן.

ש. ע.

אריה — געקומען פון אַפריקע צו מאַכן אַ סקעב טעאַטער אין אַרגענטינע, „פאָרווערטס" נ. י., 16 סעפּט. 1927.

יעקב באָטאָשאַנסקי — שוין 25 יאָהר, אַז מען שפּילט אידיש טעאַטער אין אַרגענטינע, „טאָג", נ. י., 28 נאָוו. 1930.

מיטניק, אייק

געבוירן 9 יאַנואַר 1890 אין באָסטאָן, אַמעריקע. פאָטער — דער גרינדער פון יידישן טעאַטער אין מאָנטרעאַל, דער אַקטיאָר לייזער מיטניק. געענדיקט פּאָבליק־סקול און דערנאָך געלערנט אין דער היים. אַלס קינד זיך מיטבאַטייליקט אין קינדער־ראָלן. בעת זיין פאָטער האָט איבערגענומען דאָס יידישע טעאַטער אין מאָנטרעאַל, האָט מ. אין אָנהייב אים מיטגעהאָלפן אין דער קאַסע שפּעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון טעאַטער און זינט זיין פאָטערס טויט (1915) געוואָרן דער מענעדזשער פון דער יידישער טרופּע אין מאָנטרעאַל, וואו ער האָט 8 יאָר כסדר אָנגעפירט מיט אַ שטענדיק יידיש טעאַטער.

מ. ע.

מיטניק, לייזער

[געב. 1866 — געשט 29 אָקט. 1915]

געבוירן 1866 אין קאָוונע, ליטע. פאָטער — אַ חזן. אין עלטער פון 8 יאָר געפאָרן מיט דער מוטער צו פאַמיליע אין לאָנדאָן, וואו ער זאָל שפּעטער האָבן זיך באַטייליקט אין אַדלערס טרופּע אין פּרינצעס־קלוב, דערנאַך האָט מ. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין באָסטאָן, וואו ער ווערט אויסער אַקטיאָר אויך דער אָנפירער פון אַ טרופּע.

אין מערץ 1896 האָט איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקי געבראַכט מ.׳ן קיין מאָנטרעאַל גאַסטראָלירן אַלס „אבשלום" אין גאָלדפאַדענס „שולמית" און נאָך דערדאָזיקער פאָרשטעלונג און נאָך זיין אַרויסטריט אַלס „בר כוכבא", איז מ. דערמוטיקט געוואָרן צו פאַרבלייבן אין מאָנטרעאַל און דאָ צו גרינדן אַ שטענדיק יידיש

טעאַטער אָנשטאָט די 2 פאָרשטעלונגען אַ חודש, וועלכע פלעגן ביז דאַמאָלט פאָרקומען. אָנגעהויבן אין מאָנומענט-נעשאָנאַל-טעאַטער, וואו אין דער טרופע האָט זיך אויך געפונען קלאַראַ הערמאַן (שפעטער – יאָנג), איז מ. דערנאָך אַריבער אין אַ טעאַטער אויף לאַגאַשטיער, צווישן סט. דאָמיניק און מעין, וואו עס איז אַ גאַנצן סעזאָן געשפילט געוואָרן יידיש טעאַטער פון פאַרשיידענע טרופעס אונטער זיין פאַרוואַלטונג. שפעטער איז מ. אַריבער מיט אַ טרופע אין אוידיטאָריום-האָל און דערנאָך געמאַכט דאָס מאָנומענט-נעשאָנאַל-טעאַטער פאַר דער שטענדיקער היים פון יידישן טעאַטער אין מאָנטרעאַל.

אונטער מ.׳ס דירעקציע האָט מאָנטרעאַל געהאַט די געלעגנהייט צו זען צום ערשטן מאָל די בעסטע פיעסעס, אויפגעפירט פון די בעסטע אַקטיאָרן פון יענער צייט: אַדלער און פרוי, טאָמאַשעווסקי און פרוי, קעסלער, מאָגולעסקאָ, טאָרנבערג, ליפצין, אסתר-רחל קאַמינסקי.

1913 – האָט מ. געבראַכט אין מאָנטרעאַל די ערשטע סטאַבילע טרופע (נייטאַן און ראָזע גאָלדבערג, איזידאָר מעלצער, לואיס באָקשיצקי, מאיר האָניגמאַן, לואיס גאָלדשטיין א. א.), אין וועלכער עס האָט אויך 5 וואָכן כסדר גאַסטראָלירט רודאָלף שילדקרויט.

אַ געוויסע צייט איז אויך אונטער מ.׳ס פאַרוואַלטונג געשטאַנען אַ יידישע טרופע אין אַ קאַזאַרמע אויף קאָטקאַרט-סטריט.

דעם 29 אָקטאָבער 1915 איז מ. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל פון אַ האַרץ-קראַנקהייט און איז געקומען צו קבורה אויפן בית-עולם פון דער ז׳יבראו סיק בענעפיט אַסאָסייישאָן. די לויה איז געווען די גרעסטע, וואָס איז ביז דאַמאָלט פאָרגעקומען אין יידישן מאָנטרעאַל.

„צו זיינע מעלות – שרייבט אין זיין נעקראָלאָג דער „קענעדער אַדלער״ – האָט געהערט דאָס, וואָס ער האָט ניט מורא געהאַט צו זאָגן יעדן דעם אמת אין די אויגן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שונאים וועלכע האָבן שפעטער אויסגעפונען, אַז ער איז אַן ערלעכער כאַראַקטער און זיי פלעגן מיט אים צוריק גוט ווערן. מ. האָט באַזעסן אַ שטאַרקן אונטערנעמונגס-גייסט. ער פלעגט פון צייט צו צייט אַליין אויפטרעטן אין אָפּערעטעס על פי רוב אין גאָלדפאַדענס. ער האָט זייער געליבט די יידישע בינע און האָט שטאַרק הנאה געהאַט ווען ער איז געווען בכח צו ברענגען אין מאָנט-עאַל בעסערע טרופעס, אָדער געבן אויפפירונגען פון בעסערע פיעסעס״.

באַלד נאָך מ.׳ס טויט האָט די אָנפירונג פון טעאַטער איבערגענומען זיין, זון אייק.

מ. ע. פון אייק מיטניק און בועז יאָנג.

[–] – מיטניקס קאַריערע אַלס פיאָנער פון אידישען טהעאַטער אין קענעדע, „קענעדער אַדלער״, מאָנטרעאַל, 1 נאָוו. 1915.

א. טעאַטראַל – דאָס אידישע טעאַטער-וועזען אין מאָנטרעאַל, „קענעדער אדלער״. יובילײ-אויסגאַבע.

מיטעלמאַן, אהרן

[געב. בערך 1868 – געשט. 26 יולי 1925]

געבוירן בערך 1868 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ גמרא-מלמד, אַ בעל-מגיה, וועלכער טרייבט אַרויס דעם יונגן מ. פון שטוב נאָכדעם ווי ער דערוויסט זיך, אַז ער חברט זיך מיט אַקטיאָרן.

זיין בינע-קאַריערע האָט מ. אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זיידל העלמאַן, דערנאָך איז ער אַריבער צו אַקסעלראַד, און נאָכן אַרומפאָרן מיט פאַרשיידענע טרופעס, האָט ער אין 1912 עמיגרירט קיין אַמעריקע.

דאָ האָט מ. געשפילט טעאַטער און וואָדעוויל אין ניו-יאָרק און אין פראָווינץ און איז איייניקע יאָר געווען מענעדזשער פון דער אַקטיאָרן-יוניע, לאָקאַל 5.

דעם 26 יולי 1925 איז מ. געשטאָרבן פון פאַראַליז אין ניו-יאָרק און געקומען צו זיין אייביקער רו אויפן הר-חברון-בית-עולם.

מ. ע. פון זיידל העלמאַן.
נעקראָלאָג אין „טאָג״, נ. י., 27 יולי 1925.

מייזיל, נחמן

געבוירן 1887 אין אַ רייכער, פרומער פאַמיליע. ביז 18-19 יאָר געלערנט אין דער היים, אין קיעוו, ביי אייגענע שטוב-מלמדים, שפעטער זיך גענומען צו למודי-חול. געלייענט און שטודירט צוערשט די העברעאישע און רוסישע און דערנאָך די יידישע ליטעראַטור.

אין 1905 דעביוטירט מיט איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון דייטש אין י. ב. לעוונערס העברעאישע „הפרחים״. אין יידיש דעביוטירט אין „אידישער אַלמאַנאַך״ (קיעוו, 1909) מיט אַן אַרטיקל „נאָטיצן פון אַ יידישן לעזער״ וועגן בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״. שפעטער געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע קולטור-עסקנים אויפן געביט פון דער יידישער שול און בוך און איינער פון די באַדייטנסטע יידישע ליטעראַטור-קריטיקער.

זינט יוני 1924 רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „ליטעראַרישע בלעטער״ אין וואַרשע, וואו ער פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערס אַרטיקלען, קריטיק און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן.

מ. איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער טעאַטער-סעקציע ביי דער קיעווער „קולטור-ליגע״, שפעטער אין וואַרשע מיטגרינדער פון דוד הערמאַנס און דר. מ. וויכערטס סטודיעס און מיטגרינדער פון דער יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט („וניט״).

פון זיינע גרעסערע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישער טעאַטראַליע זיינען „פרץ און דאָס יידישע טעאַטער״ („יידיש טעאַטער״, וואַרשע, 1927) און „אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן״ („די יידישע וועלט״, וואַרשע, 4, 1928).

מ. ע.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 380-384.

דר. יעקב שאַצקי – אברהם גאָלדפאַדענס בריוו צו יעקב דינעזאָן, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, זז. 479-80.

מייזעל, בעלאַ

געבוירן דעם 5 אַפּריל 1902 אין ניו־יאָרק, אַמעריקע. פֿאָטער — דער אַקטיאָר הײמאַן מייזעל.

באַזוכט אַ פּאָבליק־סקול, געלערנט יידיש אין אַ חדר און שטודירט געזאַנג און שפּילן קלאַוויר, מאַנדאָלין און גיטאַרע.

צו 13 יאָר גענומען אויפטרעטן, צוזאַמען מיט איר פֿאָטער, ביי קאָנצערטן און אונטערנעמונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואו זי פלעגט זינגען און אַליין זיך אַקאָמפּאַנירן.

1926 — אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס פּרימאַדאָנע אין נעשאָנאַל־טעאַטער, ניו־יאָרק (דיר. — מ. סאַקס און ל. גאָלדבערג), וואו זי דעביוטירט אין לעש־סאַנדלערס אָפּערעטע „מענדל אין יאַפּאַן" און בלייבט דאָרט שפּילן ביז 1930. סעזאָן 1930־31 — געשפּילט אין פּראָספּעקט־טעאַטער און 1932־33 — אין האָפּקינסאָן־טעאַטער.

מ. איז די פרוי פון קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי.

ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

[—] — „אידישער וועלט אלמאנאך", נ. י., 1926, ז. 363.

מייזעל, הײמאַן (חיים)

געבוירן מערץ 1866 אין אָדעס, אוקראַינע. עלטערן — הענדלער מיט אַנטיקן־מעבל. געלערנט ביז 7 יאָר אין חדר און דערנאָך געענדיקט 5 קלאַסן אין דער שטאָטישער גימנאַזיע.

אין עלטער פון 17 יאָר צוזאַמענגענומען אייניקע יונגעלייט און מיט זיי אויפגעפירט אין דייטשן קלוב ראובן ווייסמאַנס פּיעסע „דון יוסף אברבנל", שפּילנדיק א׳פ „מיכעלזאָן" די טיטל־ראָל. אייניקע פון זיינע שפּעטערדיקע ליבהאָבער־אויפפירונגען זיינען אויך באַזוכט געוואָרן פון די אַקטיאָרן מאָגולעסקאָ און אבא שיינגאָלד, וועלכע האָבן דעמאָלט גאַסטראָלירט אין אָדעס.

אַלס אָנפירער פון ליבהאָבער־קרייז האָט מ. צוגעצויגן צו די פאָרשטעלונגען דעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן אַקטיאָר טאַבאַטשניקאָוו, וועלכער האָט דאַמאָלט דאָרט געדינט אַלס סאָלדאַט, און מיט אים אויפגעפירט שמ׳רס „דער בלוטיקער אדיע". אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט קאַצמאַן און פּרל. דאיצן. שפּעטער באַטייליקט זיך אויך אין די פאָרשטעלונגען זעליג שאָר, מיט וועלכן מ. שפּילט שמ׳רס פּיעסע „אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ" אין מאַרינסקי־טעאַטער.

דורך דער איניציאַטיוו פון פרוי שמ׳ר, וועלכע האָט באַזוכט די לעצטע פאָרשטעלונג, ווערט מ. אַנגאַזשירט צו שמ׳רן אין טרופּע, אָבער אייניקע טעג שפּעטער ווערט יידיש טעאַטער פאַרבאָטן. זינט דאַמאָלט אַרבעט מ. בערך 7 יאָר אַלס אָנגעשטעלטער, אָבער ער קאָן נישט מער זיך באַפרייען פון דער נייגונג צו דער בינע, און בעת ער קומט (בערך 1891) אין אַמעריקע, זוכט ער ווידער פאַרבינדונגען צום יידישן טעאַטער. אָבער צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע ווערט ער אַ שניידער און העמדער־נייער אין פאַרשיידענע שעפּער.

באַקענט זיך מיט מאָריס מאָשקאָוויטש, שפּילט מ. מיט אים און מיט אַנדערע „ליבהאָבער" בערך 10 פאָרשטעלונגען אין רוסיש, דער עיקר אָסטראָווסקיס פּיעסעס. די פאָרשטעלונגען ווערן באַזוכט פון אַדלער און גאָרדין און זיי אַנגאַזשירן באַלד ביידע פאַר זייער טעאַטער.

וועגן מ.׳ס דעביוט אויף דער יידישער בינע שרייבט בעסי טאָמאַשעווסקי אין אירע זכרונות: „עס קומט [בערך 1897] אויך צו אַ נייער טאַלאַנט, אַן אינטעליגענטנער רוסישער יונגערמאַן און צייכנט זיך שטאַרק אויס אין בילדערס „קאַפּיטאַליסט". דער נייער טאַלאַנט איז געווען הײמאַן מייזעל, וואָס איז דאַן נאָר וואָס צוגעקומען צום יידישן טעאַטער. ער האָט געשפּילט אַלס אַן אַרבעטער און האָט געמאַכט אַ „היט" [דערפאָלג]".

מ. איז באַלד געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע און האָט מיטגעשפּילט מיט די באַדייטנסטע אַקטיאָרן, גאַסטראָלירנדיק אויך זומער 1914 אין פּאַריז, לאָנדאָן און לעמבערג.

אין אַפּריל 1923, שפּילנדיק אין יידישן קונסט־טעאַטער [מעדיסאָן סקווער־גאַרדן] אין דער פּיעסע „יזכור", איז מ. אויף דער בינע פאַראַליזירט געוואָרן און האָט זינט דאַמאָלט איבערגעריסן זיין טעטיקייט ביים טעאַטער.

מ. איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

מ. האָט פאַרפאַסט פיל ערנסטע און הומאָריסטישע „דעקלאַמאַציעס", וועלכע ער פלעגט אַליין דעקלאַמירן פון דער בינע. אַ טייל פון זיי זיינען אַריין אין זיין בוך „דעקלאַמאַציאָנען פון דעם בעריהמטען אידישען שוישפּיעלער הײמאַן מייזעל, היברו פּאָבלישינג קאָמפּ., ניו־יאָרק, 1919" [114 ז. 16⁰]. ער האָט אויך אָנגעשריבן די פּיעסעס: „זיין ווייבס מאַן" [„זיין ווייבס מאַן, אַ קאָמישע אָפּערעטע פון ה. מייזעל, הויפּטפערקויף אין פערלאַג „קולטור", וואַרשאַ, 1912", 71 ז. 16⁰], וועלכע איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין אַמעריקע און אין אייראָפּע, „געגען דער נאַטור (מזווג זווגים), דראַמע אין 4 אַקטן, מוזיק פון רומשינסקי", וואָס איז דער 17 אָקטאָבער 1913 געשפּילט געוואָרן אין מאַלווינאַ לאָבעלס ראָיאַל־טעאַטער, „ראובעלע שאָלטיק" (געשפּילט געוואָרן 11 וואָכן ביי נייטען גאָלדבערג) און „געקויפטע ליבע" (אויפגעפירט דורך עלווינג אין נואַרק).

מ.׳ס טאָכטער, בעלאַ, איז פּרימאַדאָנע אין יידישן טעאַטער און די פרוי פון קאָמפּאָזיטאָר א. אָלשאַנעצקי.

מ ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאט.", II, זז. 269־70.

[—] — פּיעלע מלאכות; ווייניג ברכות און ענדלעך אַן אַקטיאָר, „פאָרווערטס", נ. י., 4 פעבר. 1913.

יעקב קירשענבוים — קונסט און קינסטלער, „דיא אידישע וועלט", קליוולאַנד, יולי 1915.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", נ. י., 1918, ז. 249.

לעד פענסיל [ב. באָטווינניק] — טיפּען צווישען אידישע אַקטיאָרען, „פאָרווערטס", נ. י., 8 אָקט. 1920.

מייזעלס, אַביש

געבוירן 9 אָקטאָבער 1893 אין קולי־קאָוו, ביי לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ סופר. נאָכן פאָטערס פריציייטיקן טויט דערצויגן געוואָרן ביים זיידען, אַ חזן ביים קוטישי־ניצער רבי. דאָ געלערנט אין קלויז און אין עלטער פון 10 יאָר אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פאַר לייענען אַ שטעל פון חומש (די עקדה) אין דער פאָרם פון אַ „טעאַטער". אין עלטער פון 13 יאָר געוואָרן אַ זייגערמאַכער און אַ יאָר שפעטער געווען מיטגרינדער פון גאָרדין־קלוב אין טאַרנאָפּאָל, וואו ער שפילט „עמאי" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר", „בן עקיבא" אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ" א. ד. ג.

אין 1915 איז אין ווין אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס צייט־פיעסע „האַרץ און האַנט פאַרן פאָטערלאַנד", וועלכע איז אויך געשפילט געוואָרן אין אַנדערע שטעט. שפעטער איז אויפגעפירט געוואָרן זיין פיעסע „נאָך 20 יאָר", זיינע און ש. פריזאַמענטס פיעסע „דער גולם פון פראָג" [ש. פריזאַמענט און א. מייזעלס. דער גולם — פיעסע אין 3 אַקטען. פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב. וואַרשע 1926. 32 ז 16°. אין טעקסט איז אָנגעגעבן: „מוזיקאַלישע לעגענדע אין 4 אַקטען"], זיין דראַמאַטיזאַציע „קאַפּיטאַן דרייפוס" און דער רעווי „אויף קיין תל־אביב".

מ. האָט אויך איבערזעצט וועדעקינדס „ערדגייסט", „פיגמאַליאַן" און שעקספּירס „אָטעלאָ".

8 חדשים האָט מ. אָנגעפירט מיט אַ יידישן וואַריעטע אין ווין און זיך אויך באַטייליקט אַלס „העניך" אין אַ דייטשער אויפפירונג פון אַנ־סקיס „דער דיבוק".

מ. איז סופלער אין ווינער יידישן טעאַטער.

ש. ע.

מייזעלס, קלאַרא

[פרידהאָפער]

געבוירן 2 דעצעמבער 1896 אין לעמבערג, גאַליציע, ביי פראָגרעסיווע עלטערן. צוליב איר פאָטערס טויט געווען געצוואונגען איבערצורייסן אירע למודים אין גימנאַזיע און צו ווערן אַ שניידערין.

דעביוטירט מיט „ליבהאָבער" אין אַ יידישער אויפפירונג פון „די וועבער" א׳ר פון קאַראָל אַדוועַנטאָוויטש.

1912 — געקומען אין ווין, וואו זי אַרבעט די ערשטע צייט אַלס שניידערין אין אַ פאַבריק און אין די אָוונטן ווירקט זי מיט אין דראַמקרייז ביים יידישן בילדונגס־פאַראיין „פערדינאַנד לאַסאַל".

נאָך איר חתונה מיט אַביש מייזעלס אַריינגעטראָטן פראָפעסיאָנעל אין יידישן טעאַטער און אָנגעהויבן שפילן אין דער „פרייע פאָלקסבינע" א׳א פון יצחק דייטש, שפעטער אין אַנדערע טרופּעס אין גאַליציע און עסטרייך.

ש. ע.

מייער, גרעטאַ

געבוירן בערך 1886 אין דעסוי, אַנהאַלט, דייטשלאַנד, אין אַ קריסטלעכער פאַמיליע. פאָטער — אַ דייטשער אַקטיאָר. געלערנט אין שול אין בערלין און ווין. שוין אין עלטער פון 14 יאָר זיך באַטייליקט אין שילער־טעאַטער אין בערלין, דערנאָך אין לעסינג־טעאַטער (בערלין), גאַסטראָלירט אין דייטשלאַנד, עסטרייך און האָלאַנד און מיט אַ דייטשער טרופּע איבער אַמעריקע און לסוף אין דייטשן אירווינג־פּלייס־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

בעת דער צעפאַלונג פון דייטשן טעאַטער האָט מ. ביים אַקטיאָר מ. ב. סאַמואילאָוו זיך געלערנט יידיש און אַריינגעטראָטן אין שוואַרץ יידישן קונסט־טעאַטער, דעביוטירנדיק דעם 4 יוני 1920 אין גאַרדן־טעאַטער אַלס „רעבעקאַ וועסט" אין איבסענס „ראָזמערסהאָלם" און שוין פאַרבליבן שפּילן (נישט סטאַביל). דערנאָך בערך אַ סעזאָן ביי וויינטרויב אין ברוקלינער ליריק טעאַטער און איבערגעגאַנגען אין 14־טן סטריט־טעאַטער (מיט טאָמאַשעווסקין), אויפטרעטנדיק אין די פיעסעס „התקוה" פון א. עאָמער און אַלס „פעסעני" אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

אין 1921 איז מ. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן און האָט אַ קורצע צייט געשפילט אין מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער אין פילאַדעלפיע (מיט יאָזעף קעסלער).

שפעטער האָט זי גאַסטראָלירט איבער די יידישע טעאַטערס פון דער אַמעריקאַנער פראָווינץ, און נישט האָבנדיק אייניקע יאָר קיין סטאַבילן אַנגאַזשמענט, האָט זי געעפנט אַ דייטשן קאַבאַרעט, שפעטער אַ רעסטאָראַן. 1931־32 — צוריקגעקערט צו דער בינע און זיך באַטייליקט אין דער ענגלישער אויפפירונג פון דייוויד בעלאַסקאָס „טונייד אָר נעווער" און שפעטער אין קלאַנג־פילם „גרענד האָטעל" פון וויקי בוים.

אויף דער יידישער בינע איז מ. אויפגעטראָטן אַלס „עטיע" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", „מעדעאַ" פון גרילפּאַרצער־גאָרדין און זיך באַטייליקט אין די פיעסעס „עליס איילאַנד" פון איזידאָר לילי̇ען, „פרוי וואַרענס פראָפעסיע" פון בערנאַרד שאָו, „זיין איינציקער עדות" פון ז. ליבין, „פּאָבליק אָפּיניאָן" פון מאַקס געביל, „ווייבסטייוול" פון קאַרל שענהער (מיט יעקב בן־עמי און מאָריס שוואַרץ) און „פאַרברעכער און זיין טאָכטער". אויך אַלס „פּאָרציאַ" אין „שיילאָק" מיט רודאָלף שילדקרויט.

מ. איז — לויט יעקב מעסטעל — געווען אַן אָנגעזעענע קראַפט אין יידישן טעאַטער. אין איר יידיש ריידן האָבן זיך געפילט נאָר לייכטע שפורן פון דייטש און, זי פלעגט זייער אַ גאָר אינטערעסאַנטן אופן זינגען און דעקלאַמירן יידישע לידער.

מ. ע.

מ. ע. פון מ. ב. סאַמואילאָוו און יעקב מעסטעל.

זלמן זילבערצווייג — וועגן קריסטן אויף דער יידישער בינע, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 32, 1931.

זלמן זילבערצווייג — קליינע נאָטיצן וועגן יידישן טעאַטער, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 42, 1933.

מייער, העניך

געבוירן 19 סעפטעמבער 1899 אין אלעסק, גאַליציע, ביי פרומע עלטערן. אַן אייניקל פון ר׳ מאירל פּראָמישליאַנער.

1916 — צוליב רוסישער אָקופּאַציע — אַנטלאָפן מיט דער פאַמיליע קיין ווין. 1918 — אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט אונטער דער רעזשי פון יוליוס האַלער (רעזשיסער פון ווינער שטאָט-טעאַטער) אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ״. דערנאָך באַזוכט אַ דראַמאַטישע שול און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע״ א׳ל פון יצחק דייטש און עגאָן ברעכער, וואו ער שפּילט אין הירשביינס „תקיעת כף״, אין טשיריקאָווס „די יידן״ און אַלס „קאַנטאָר קעניגשטיין״ אין אַשס „דער לאַנדסמאַן״.

נאָכן אונטערגאַנג פון דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע״ — אַריינגעטראָטן אין די יידישע אָפּערעטעס-טעאַטערס.

1930 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ זיך באַטייליקט 1931 אין יידישן אַנסאַמבל קונסט-טעאַטער, דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין ווין, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט פאַרוואַלטן יידישע טרופּעס.

ש. ע. פון מלך הערשקאָוויטש.

מייער, מאָררים (משה)

געבוירן 2 יאַנואַר 1878 אין דאָרף דאַר-מאנעשטי, באַקויער דיסטריקט, רומעניע, אין אַ חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ רע-ליגיעזע דערציאונג און אויך געלערנט אין אַ רומענישער שול, דערנאָך אין אַ גימ-נאַזיע אין באַקוי, אָבער צוליב עקאָנאָמישע סיבות איבערגעריסן די למודים און געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ בלעכער-פאַבריק אין בוקאַרעסט. גלייכצייטיק בילדעט ער זיך ווייטער אַלס אויטאָדידאַקט און אין עלטער פון 18 יאָר הייבט ער אָן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען איבער אַרבע-טער-און יידיש-נאַציאָנאַלע ענינים ווי אויך סקיצן אין דער רומע-נישער שפּראַך. 1898 — דעביוטירט מיט לידער און סקיצן אין יידיש און אין 1911 רעדאַקטירט אין בוקאַרעסט אַ ראַדיקאַל-ציוניסטיש וואָכנבלאַט „דגל מחנה יהודה״, אין וועלכן ער האָט דער ערשטער אין דער יידישער פובליציסטיק אַנטוויקלט פועלי-ציוניס-טישע געדאַנקען.

1902 — געקומען אין ענגלאַנד און דאָ געוואָרן אַ פּראָפעסיאָ-נעלער זשורנאַליסט פריער אַלס מיטאַרבעטער, דערנאָך אַלס רעדאַק-טאָר פון פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס, אָפּשטעלנדיק זיך זינט 1913 אַלס רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער לאָנדאָנער צייטונג „די צייט״ (און פון 1914 אויך פון די „אבענד נייעס״).

מ. האָט אויך הינטער זיך אַ ברייט פאַרצווייגטע געזעלשאַפט-לעכע קאַריערע און האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צום

יידישן טעאַטער; אַ חוץ זייער פיל רעצענזיעס אונטער זיין אייגע-נעם נאָמען און אונטער די פּסעוודאָנימען שטעכאייזען און קריטי-קוס, האָט ער אויך איבערזעצט פאָלגנדיקע פּיעסעס: „דער בלויער פויגל, צויבערשפּיל אין 5 אַקטן און 10 בילדער, איבערזעצט פון פראַנצויזישן אָריגינאַל פון מאָררים מייער, אַרויסגעגעבן פון ענגליש יודישען פערלאַג, לאָנדאָן 1910״ [191 ז. 16°]. מאָליערס „די קאָקעטקעס Les Precieuses Ridicules, קאָמעדיע. איבער-זעצט פון מאָררים מייער. מיט אַ בילד פון פּערפּעסער און פּאָרוואָ ט פון איבערזעצער אַרויסגעגעבן פון „אידישען זשורנאַל״, לאָנדאָן״ [48 ז. 16°] און די איינאַקטערס „נומער 80״ און „בעגנאַדיגונג״ פון הערמאַן הייערמאַנס.

אויסערדעם האָט מ. איבערזעצט פאַר זיגמונט פיינמאַן שעקס-פּירס „דער סוחר פון ווענעדיג״ [שיילאָק] און באַאַרבעט פאַר אים די פּיעסעס „דאָס שיינע שפּרהלע״ און (פון רומענישן) „זשורנאַ-ליסטן און אַקטיאָרן״, ווי אויך גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ פאַרן יידישן פאָלקס-טעאַטער אין לאָנדאָן (1912). די אַלע איבערזעצונגען זיינען געשפּילט געוואָרן.

אין דער „מאָררים מייער׳ס יובילעאום ביילאַגע״ צו „די צייט״ (לאָנדאָן, 2 יאַנואַר 1928) האָט מ. פאַרעפנטלעכט זיין „אור ציון, פּראָלאָג צו אַ דראַמע אין 3 אַקטן״.

מ. איז אויך געווען ליטעראַרישער בייראַט פון לאָנדאָנער יידישן פאָלקס-טעאַטער.

מ. ע.

ז. רייזען -- „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 388-394.

„מאָררים מייער׳ס יובילעאום-ביילאַגע״, צו „די צייט״, לאָנדאָן, 2 יאַנ. 1928.

מייעראָוויטש, דוד

געבוירן 2 אַפּריל 1867 אין דינאַבורג, לעטלאַנד, ביי אָרימע עלטערן אין 1888 עמיגרירט מ.׳ס פאָטער קיין אַמעריקע, און כדי מפרנס צו זיין די שטוב, מוז מ. אַריינ-טרעטן אַרבעטן פאַר 25 קאָפּ. אַ וואָך אין אַ שוועבל-פאַבריק, פאַרדינענדיק אָבער פיל מער ביי די אַרבעטער דורכן זינגען לי-דער, הגם ער האָט נישט געקאָנט לייענען און שרייבן קיין שום שפּראַך. ערשט שפּע-טער האָט מ. אַליין זיך אויסגעלערנט יידיש און ענגליש.

אין עלטער פון 13 יאָר באַצויגן דורכן פאָטער קיין אַמעריקע, אַרבעט מ. מיט אים צוזאַמען אין אַ שאַפּ פון שמאַטעס, ווידמענ-דיק זיין פרייע צייט צו פאַרפאַסן לידלעך אויף טעמעס פון טאָג-געשעענישן. זיין ליד „וואו נעמט מען אַמאָליקע יאָרן?״, וועלכע ער זינגט אויף היימישע שמחות, ווערט זייער פּאָפּולער און מ׳דרוקט עס אָפּ. מ. פּרובט אויך שרייבן לידער פאַרן יידישן טעאַטער. דורך זיין שוועסטער, די זינגערין קיידי בלאַכמאַן, ווערט ער צוזאַמען מיט איר אַריינגענומען אין אַ טרופּע, וועלכע טאָרנבערג שטעלט צונויף, און דאָ האָט ער די געלעגנהייט צו זינגען די לידער,

וועלכע ער פֿאַרפֿאַסט. דערנאָך ווערט מ. אַנגאַזשירט צו גילראָדן אין יידישן וואָדעוויל אַלס זינגער און אַלס שרייבער פֿון לידער פֿאַר די אַנדערע אַקטיאָרן און שפּעטער גייט ער איבער אין פּיפּלס-מוזיק-האָל, וואו ער פֿאַרפֿאַסט זיינע פּאָפּולער געוואָרענע לידער „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט“ (געדרוקט אויף זיין און ל. גילראָדס נאָמען, געזונגען דורך אַדלערן אין „ליבּיקס „געבראָכענע הערצער“), „ווען מען רופֿט דיך צוריק“, „בור כרה ויכפּרהו“, „קום ישראליקל אַהיים“, „כּל ישראל חברים“ און אַ סך אַנדערע, פֿון וועלכע אייניקע זיינען געדרוקט געוואָרן דורך פֿאַרשיידענע פֿאַרלאַגן אָדער פּריוואַטע אַרויסגעבער, אַנדערע ווערן געזונגען אין פֿאַרשיידענע אָפּערעטעס און זיינען אויך אַריינגעזונגען געוואָרן אין גראַמאָפֿאָן.

נאָך זיין חתונה מיט טעסי שטאַרק, האָט מ. זיך באַשעפֿטיקט מיט אויסאַרבעטן שליסלען, דערנאָך אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט זיין פֿרוי אין אייגן פֿאַרפֿאַסטע סקעטשעס מיט לידלעך אין די מואווינג-פּיקטשורס און אויף קאָנצערטן און אויך געשפּילט אין פֿאַרשיידענע טרופּעס.

אין 1906 איז — לויט ב. גאָרין — אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין ביבּלישע אָפּערעטע „בועז און רות“.

דעם 11 יוני 1917 איז אין נעשאָנאַל-רוף-גאַרדן אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין דראַמע מיט מוזיק „אָן אַ מאַמע“.

1918-19 האָט מ. אָנגעפֿירט מיטן יידישן וואָדעוויל „מייעראָוויטש און גאָלדבּערגס גאָלד טעאַטער“ אין ניו-יאָרק.

1927-28 — האָט מ. געשפּילט מיט אַן אייגענער (ניט-יוניע) טרופּע אין ווינניפּעג (קאַנאַדע).

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 270.

ביג בען [ב. פּינקעל] — אידישע טעאַטער „פּאָעזיע“, „דיא װאַרהייט“, נ. י., 5 מאַי 1917.

מייעראָוויטש, טעסי

[טויבע שטאַרק]

געבוירן 1891 אין מאָנאַסטעזשיסק, גאַליציע. אין עלטער פֿון 15 יאָר געקומען אין אַמעריקע, וואו זי באַקענט זיך מיט דוד מייעראָוויטש, האָט מיט אים חתונה און טרעט אַרויס צוזאַמען מיט אים אין יידישן וואָדעוויל, שפּעטער האָט מ. געשפּילט אין לעגיטימען טעאַטער, אַ געווויסע צייט אויך מיט טאָמאַשעווסקי און רעגינע צוקערבערג.

1927-8 — האָט מ. געשפּילט אין איר מאַנס ניט-יוניע-טרופּע אין ווינניפּעג.

ש. ע. פֿון דוד מייעראָוויטש.

מייערסאָן, ליאָסע

געבוירן בערך 1909 אין אָדעס, אוקראַינע עלטערן — די יידישע אַקטיאָרן מאַרק און סאָניע מייערסאָן. פֿון קינדווייז אָן געוואַנדערט צוזאַמען מיט די עלטערן איבער פֿאַרשיידענע שטעט. געלערנט פּריוואַט און אַ ביסל אין שול, טעאַטער-דערציאונג באַקומען ביים פֿאָטער און געשפּילט קינדער-ראָלן אין די טרופּעס, אין וועלכע זיין פֿאָטער איז געווען רעזשיסער. 1922-23 — געשפּילט מיט די עלטערן אין קיעווער „קונסט-ווינקל“, וואו ער דעביוטירט אין דער ראָל פֿון „אייניקל“ אין „יהודית און אלפֿורנוס“.

1923-24 — האָט ער שוין געשפּילט ראָלן פֿון דערוואַקסענע און פֿלעגט צוהעלפֿן זיין פֿאָטער אין רעזשי, פֿאָרמירן מוזיק א. ד. ג.

1927 — אַרומגעפֿאָרן מיט פֿאַרשיידענע וואַנדער-קאָלעקטיוון, וואו ער שפּילט שוין פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן. 1928 - אַריינגעטראָטן אין „קונסט-ווינקל“ אין דניעפּראָפּעטראָווסק, 1929 — אין ניי-געשאַפֿענעם טעאַטער פֿון קליינע פֿאָרמעס „געזקולט“, וואו ער איז טעטיק ביז 1931, און סוף 1931 — מיטגעהאָלפֿן גרינדן אין אָדעס אַן אינטערנאַציאָנאַל טעאַטער פֿון קליינע פֿאָרמעס ביים אַל-אוקראַאינישן געווערבישן פֿאַרבאַנד פֿון קאָאָפּעראַציע (דאָס טעאַטער פֿלעגט שפּילן אין יידיש, אוקראַאיניש און רוסיש), וואו ער איז געווען טעטיק אַלס אַקטיאָר, קינסטלערישער אָנפֿירער און האָט דאָרט אויך רעזשיסירט אייניקע שטעלונגען.

1932 — האָט ער אָרגאַניזירט אין אָדעס אַ קאָלעקטיוו פֿון קליינע פֿאָרמעס אין רוסיש פֿאַרן אוראַלער געגנט, וואָס שפּילט אין סווערדלאָווסק, וואו ער איז קינסטלערישער אָנפֿירער.

ער האָט אויך פֿאָרמירט די שטעלונג „שעפּסן קוואַל“ אין באַוועגלעכן יידישן מלוכה-טעאַטער אין אוקראַאינע.

ש. ע. פֿון מאַרק לייפּציקער.

מייערסאָן, מ. ל.

[געב. בערך 1860 — געשט. 24 מאַי 1928]

געבוירן בערך 1860 אין אָדעס, אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ היטן-מאַכער. אין עלטער פֿון 16 יאָר אַריינגעטראָטן א״ג מאַרק לאַזאַראָוויטש מעריסאָן אין דער רוסישער דראַמאַטישער טרופּע א׳א פֿון נ. ק. מילאָסלאַווסקי. אין 1879 געזעען גאָלדפֿאַדענס טרופּע שפּילן „ניע בע, ניע מע“, און הגם די פֿאָרשטעלונג האָט געמאַכט אויף אים אַ שלעכטן איינדרוק, איז ער אָבער אַ דאַנק דער גוטער מאַטעריעלער לאַגע פֿון דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער, דורך ספּיוואַקאָווסקין אַריינגעצויגן געוואָרן אין גאָלדפֿאַדענס טרופּע וואו ער שפּילט אין גאַנץ קלענערע ראָלן, און גייט באַלד אַריבער אויף הוינט-ראָלן. נאָכדעם ווי גאָלדפֿאַדענס טרופּע ווערט צעטיילט אויף 3 פּראָווינץ-טרופּעס, פֿאָרט מ. אָפּ מיטן טייל

א׳א פון ספיוואַקאָווסקין, וואו ער ווערט אויך רעזשיסער. באַלד אָבער קערט די טרופּע צוריק, אויף גאָלדפאַדענס רוף, קיין אָדעס. פון דאָ גייט מ. איבער אין משה פינקעלס טרופּע. אייניקע יאָר אַרומגעפאָרן מיט יידיש טעאַטער איבער רוסלאַנד, קומט ער צוריק 1887, צוליבן פארבאָט אויף יידיש טעאַטער, צו דער רוסישער בינע, וואו ער שפּילט אייניקע יאָר.

אין 1895 ווערט ער פאַרבעטן דורך זיין יוגנט־חבר יעקב פּ אַדלער קיין ניו־יאָרק, וואו ער ווערט זייער וואַרים אויפגענומען פון די יידישע אַקטיאָרן און פון דער טרופּע.

וועגן דעם איינדרוק וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט אויף אים געמאַכט, שרייבט מ. אין זיינע זכרונות (געפינען זיך אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. מ. לייפּציקער אין אַרכיוו פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער") : „דאָ אין אַמעריקע האָב איך באַגעגנט אַ נייע מעטאָדע פון שפּילן. די אַקטיאָרן בעתן שפּילן, פלעגן אַזוי גוואַלדעווען, רייסן קוליסן, וועלנדיק איבערש־ייען איינער דעם אַנדערן, אַז ביי מיר פלעגט די ערשטע צייט פון ניט־געוווינהייט די „באַראַבאַננע פּערעפּאָנקע" [אויער־פעל] ווײ טאָן און כאָטש די אויסשטאַטונג, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען זיינען געווען רייכע, נאָר דער איינדרוק איז אַלץ געווען אַ שרעקלעכער, דער עיקר פון ניט־נאַטירלעכן טאָן".

אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן סכסוכים צווישן מ. און אַדלערן און מ. האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אַנדערע טעאַטערס אין ניו־יאָרק און איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

לויט אינפאָרמאַציעס, וואָס עלטערע אַקטיאָרן אין אַמעריקע האָבן איבערגעגעבן צו ז. זילבערצווייג, האָט מ. געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אַלס אַקטיאָר : ער איז זייער געפעלן דעם פּובליקום און האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן אָנערקענט ווי אַדלער, קעסלער און טאָמאַשעווסקי. אָבער צוליב דעם שרעקלעכן קריזיס אין יענער צייט און צוליב בענקשאַפט צו דער אַלטער סביבה און צו זיין פאַמיליע פאַרלאָזט ער אין 1898 אַמעריקע.

געקומען אין רוסלאַנד, האָט ער ווידער געשפּילט אייניקע יאָר אויף דער רוסישער בינע, דערביי אָבער פלעגט ער אין דער צייט פון גרויסן פּראַוואָסלאַווען תענית (ווען ס׳איז געווען פאַרווערט צו שפּילן רוסיש טעאַטער) גאַסטראָלירן אין יידישע טרופּעס, על פּי רוב ביי פישזאָנען.

ערשט ווען ס׳איז ווידער אָפיציעל דערלויבט געוואָרן צו שפּילן יידיש [יידיש־דייטש] טעאַטער, קערט זיך מ. ענדגילטיק צוריק צו דער יידישער בינע. ער פאָרט אָפּ קיין וואַרשע וואו ער שפּילט אייניקע סעזאָנען און דורך דער צייט מאַכט ער זיך באַרימט אין פּאָפּולער אין „שלמהקע שאַרלאַטאַן" אין „דער ווילדער מענטש" פון יעקב גאָרדין, „מאיר שאַלאַנט", אין שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט", „דע סילוואַ" אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", „פּראַנץ מאָר" אין שילערס „די רויבער", „יאַנקל שאַבשאָוויטש" אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה", „דער קאַטאָרזשניק" פון שמ׳ר און „לייזער קאָוואַל" אין טאָמאַשעווסקיס „דאָס פינטעלע ייד".

1911-12 — האָט ה. געשפּילט אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער" (דיר. — י. זאַנדבערג), וואו ער איז אויך געווען רעזשיסער און אויסגעפירט אייניקע אייגענע פּיעסעס.

בעתן מלחמה־אויסבראָך האָט מ. זיך געפונען אין רוסלאַנד, וואו ער האָט געשפּילט, אונטער די שווערסטע פּאָליציי־באַדינגונגען, יידיש טעאַטער.

1922-27 – האָט ער געשפּילט אין קיעווער „קונסט־ווינקל", „מאיר" אין אַנ־סקי׳ס „דבוק", „קצב" אין פּרץ „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „שמואל" אין העבעלס „יהודית", „ר׳ ברוך דער נגיד" אין פידעלס „דעם רבינס מופת", „מנחם־מענדל" אין שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער", „פּאַסטערנאַק" אין שלום־עליכמס „יכנה׳ז", „נחמן כשר" אין בימקאָס „גנבים", „פּוילישער ייד" אין מילערס „די מיידל פון גאַס", „קצב" אין חנא גאָטעספעלדס „גוואַלד, ווען שטאַרבט ער", „בוכהאַלטער לעוויטע" אין ליטווינאָוו און אוויקס „צען טעג אין טרעסט", „חתן" אין איציק פעפער און נתן פירעלס „קומעצנקערער", „לייזער" אין לייוויקס „שאַפּ", „גייסטלעכער" אין רינדע־אַלעקסעיעווס „אייזערנע וואַנד", „רב" אין שלום עליכמס „קאָזאָדאָיעווקא", „אייזיק נפתלי" אין שלום־עליכמס „סטעמפעניו", „סטאַטסקי" אין שלום עליכמס „לך לך", „קעצעלע פּריסטאַוו" אין שלום־עליכמס „בלוטיקער שפּאַס", „איצקין" אין יאַנאָווסקיס „היינטיקער טאָג" און „קליענט" אין געאָרג קייזערס „פון פאַרטאָג ביז האַלבע נאַכט".

דעם 5 מאַי 1926 האָט דער קיעווער „קונסט־ווינקל" געפייערט דעם 50 יאָריקן יובליי פון מ.׳ס טעאַטער־טעטיקייט און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן אויף מ.׳ס נאָמען אַ שטענדיקע לאָזשע אין טעאַטער. דער יובילאַר איז אויפגעטראָטן אַלס „פּראַנץ מאָר" אין „די רויבער" און „מאיר" אין „דבוק".

1927 — איז מ. קראַנק געוואָרן, אַ יאָר צייט נישט געקאָנט שפּילן, און דעם 15 מאַי 1928 איז ער געשטאָרבן אין קיעוו. די לויה, איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן טעאַטער „קונסט־ווינקל" און דורכן קיעווער „פאַראיין פון קונסט־טוער", האָט ביגעוואוינט אַ טויזנטקעפּיקער עולם.

ל.׳ס 2 זין זיינען אַקטיאָרן : ליאָסע מייערסאָן שפּילט אויף דער יידישער בינע („געזקולט") און מאַרקאָוו — אויף דער רוסישער בינע.

מ. האָט געשריבן פיל לידער, מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, איינאַקטערס און די פּיעסעס „דער האַמער פון לעבן, אַ פּיעסע אין 4 אַקטן, פ׳ג ש. שרעבערג, ווילנע, 1909" [וועלכע איז לויט מענדל עלקין אַדאַפּטירט פון טימקאָווסקיס „סילניע אי סלאַביע"] „סדום און עמורה, קאָמעדיע אין 3 אַקטן" [מאַנוסקריפּט פון דער פּיעסע געפונט זיך אין ליפּאָווסקי־אַרכיוו פון טעאַטער־מוזיי ביי ייוו״א], „דער קאַטאָרזשניק, דראַמע אין 4 אַקטן", „צוויי טאַטעס, דראַמע אין 4 אַקטן", „אַ קרבן פאַר אַ קרבן, דראַמע אין 3 אַקטן", „די אכסניה מיט די כלות, קאָמעדיע אין 3 אַקטן", „אָט דאָס הייסט אַ ווייבעלע, קאָמעדיע־פאַרס אין 3 אַקטן", וועלכע זיינען אַלע אויפגעפירט געוואָרן דורך מ.

לויט נח פּרילוצקי איז דורך מ. אויך אויפגעפירט געוואָרן זיין פּיעסע „ווער איז שולדיק ?"

מ. האָט אויך איבערזעצט און באַאַרבעט פאַר דער יידישער בינע : „די פריילעכע יונגען, קאָמעדיע אין 3 אַקטן", „פּריש, געזונט און משוגע, קאָמעדיע אין 3 אַקטן" (ניט געשפּילט געוואָרן) און „צו דעם אַלטן גאָט, דראַמע אין 4 אַקטן פון פּיסאַרעווסקי", „לופטיקע נשמות, קאָמעדיע אין 4 אַקטן פון איזעט רייציס", „דער גיהנום, דראַמע אין 5 אַקטן". באַאַרבעט פון דער רוסישער פּיעסע „קרוטשינאַ", „שמואל הגדול, קאָמעדיע" און שעקספּירס „אָטעלאָ".

אין ליפּאָווסקיס אַרכיוו אין מוזיי ביי ייוו״א, געפינט זיך אויך אַ

כתב-יד „דער זינגער אויס פּאַלערמאַ, אַ קאָמישע אָפּערע אין 3 אַקטן פון מ. מייערסאָן [וואָרשיינלעך אַן איבערזעצונג], מוזיק פון אַלפרעד זאַמאַראַ“.

א. ג. קאָמפּאַניעעץ גיט איבער, אַז מ. איז געווען רעזשיסער און ערשטער קאָמיקער אין דער באַרימטער רוסישער אָפּערעטעס-טרופּע פון איוואַנאָוו-נאָוויקאָוו. ער איז בכלל געווען פאַררעכנט אַ״ס איינער פון די בעסטע רוסישע אָפּערעטעס-רעזשיסאָרן.

דר. א. מוקדוני כאַראַקטעריזירט אַזוי מ.׳ס טעטיקייט: „אין דערדאָזיקער צייט [1905] באַווייזט זיך דער שוישפּילער מייערסאָן מיט די ערשטע אַזוי-גערופענע „ליטעראַרישע אויפפירונגען“. דערדאָזיקער מייערסאָן איז געווען דאַן דער אינטעליגענטסטער יידישער שוישפּילער, ער איז געקומען פון רוסישן טעאַטער מיט צביסל טעאַטער-קולטור. דער עולם, וואָס האָט דערשפּירט די נייע פרייהייטס-ווינטן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די „ליטעראַרישע“ אויפפירונגען. ...אַ חוץ דעם פלעגן [1910-13] די „געבילדעטע“ אַקטיאָרן שרייבן פּיעסן. מייסטנס זיינען עס געווען „באַאַרבעטונגען“ פון רוסישע, פראַנצויזישע אָדער ענגלישע מעלאָדראַמעס. אַזאַ שרייבער איז געווען דער פּעאיקער אַקטיאָר און רעזשיסער מייערסאָן“.

מ. מיאַדאָווניק דערציילט אין זיינע זכרונות: „אין וואַרשע פלעגן זיך [1909] אַ סך אַקטיאָרן פאַרנעמען מיט לערנען ליבהאָבער פאַר אַרטיסטן. מיט דעם האָבן זיך פאַרנומען מייערסאָן, אָסקאַר, טיטעלמאַן און עס האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען קאַליקעס אַקטיאָרן ווי למשל שטראַספּויגל א. א. מייערסאָן און אָסקאַר פלעגן די ליבהאָבער לערנען זיך גרימירן, האַלטן לעקציעס, לערנען באַוועגונגען, ווי צו ריידן, אַזוי ווי אין אַ שולע ...פון מייערסאָנס און אָסקאַרס תלמידים זיינען אַרויס גוטע אַקטיאָרן: ליבערט, לעבעדיעוו, שידלאָווער און יאַבלאָנסקי א. א.“.

נח פּרילוצקי שרייבט: „גענוג איז צוויי דריי מאָל צו זען מ. מייערסאָנען אויף דער סצענע אום צו באַמערקן, אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר מיט אַן אייגענער, דערביי אָריגינעלער פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט, וועלכע מאַכט אים פאַר אַן אמתן אַרטיסט איין זייט פון זיין נאַטור — אַ שטאַרקער און דערצו אייגנאַרטיקער עקזאָטישער טעמפּעראַמענט, וועלכער פאַרקערפּערט זיך פראַכטפול אין דער שווערער ראָלע פון „ווילדן מענטש“. דידאָזיקע גאָרדינס פּיעסע איז איינע פון די באַליבסטע אין זיין רעפּערטואַר. אַ באַזונדערע סטיכישע קראַפט אָטעמט אין יעדער באַוועגונג זיינער אויף דער בינע. נאָך אַ ברייטערער פעלד געפינט זיך מייערסאָנס טעמפּעראַמענט אין שילערס „רויבער“. אין דער ראָלע פון פראַנץ מאָר האָט ער זיך באַזונדערס קונה שם געווען ביי די וואַרשעווער אינטעליגענטע קרייזן. דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון מייערסאָנס פּערזענלעכקייט — אַ גוטע ווייכע, שטילע סובטעלישקייט, וועלכע דרינגט דורך זיי גאַנצעס שפּילן. דער זעלביקער אַקטיאָר, וועלכער איז ווי געבוירן פאַר דער ווילדער ראָלע פון אידיאָט אין גאָרדינס שטיק, האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אויף דער יידישער סצענע אין די ראָלן פון עלטערע מענטשן, פון אַ גוטן, ליבנדיק פאָטער אָדער זיידע. גוטסקייט, ליבע — דאָס איז אויך אַ קראַפט. גוטסקייט און ליבע גרעניצן מיט זעלבסטאָפּפערונג, און אין מייערסאָנס שפּילן פילט זיך מאַקע די קראַפט. די פיגורן, וואָס ער באַשאַפט אויף דער בינע, זיינען ניט צערונען ווי בוימאיל, ניט ווייך ווי וואַטע, נאָר מילד, ווי אַ שטאַרק האַרץ און אַ פעסטער ווילן, פון צרות געשליפן, פון איינגעבוירענער גוטסקייט געוואַשן. אַזעלכע זעען מיר אים אין דער ראָלע פון „מאיר שלאַנט“ („צעזייט און צעשפּרייט“) און אין זיין אייגענער פּיעסע „ווער איז שולדיק?“. נאָך אַ מעלה האָט מ. מייערסאָן, וועלכע מאַכט אים פאַר אַן אָנגענעמען אויסנאַם אין יידישן טעאַטער: אַ ר ט י ס ט י ש ע ק ו ל ט ו ר. ער האָט זי דערוואָרבן אויף דער רוסישער סצענע ..זיין האַלטן זי אויף דער סצענע איז זייער נאַטירלעך. יעדע באַוועגונג ווייך, שלאַנק, געשליפן — אינטעליגענט. ער שפּילט ניט: ער לעבט איבער די דראַמע, שאַפט אַ טיפּ אויף דער סצענע און גייט פאַר די אויגן פון צושויער אַליין דורך אַלע זיינע אינערלעכע פּראָצעסן. מ. מייערסאָן איז אויך דער אינטעליגענטישסטער און געניטסטער פון אַלע יידישע ר ע ז ש י ס ע ר ן“.

לויט זלמן זילבערצווייג, איז מ. געווען אַ מייסטער אויף גרים. ער פלעגט שאַפן זיינע מאַסקעס אין מאָמענט. אויף אַלע זיינע פינגער פלעגט ער אָננעמען די פאַרשיידענע פאַרבן און ממש מיט איין שמיר פלעגט ער גלייך שטעלן דעם טיפּ. הגם קליין, דיקלעך און מיט אַ מעלאַנכאָליש, כמעט מאָנגאָליש פּנים, פלעגט ער מיט אַ מערקווירדיקער לייכטקייט פאַרוואַנדלען זיין אויסערלעכקייט אין אַ ים פון כרייד אין די כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן. פונקט אַזוי ווי לייכט ער איז געווען אין די כאַראַקטער-קאָמישע ראָלן, אין וועלכע ער איז אָפט דערגאַנגען ביז שאַרזש, פונקט אַזוי ערנסט און שטרענג פּרעציז איז ער געווען אין די ערנסטע ראָלן, וועלכע ער האָט געשפּילט. אַ זיידענעם ברוסט-טאָן, אַ לאַשטשענדן, גרינגע פיס צום טאַנצן און אַ מנגנישע שטימע. אין די דראַמאַטישע שטעלן פלעגט ער הייבן זיין שטימע ביז צום אויבערשטן רעגיסטער און אַרויסווייזן פיל טעמפּעראַמענט סיי אין זשעסט, סיי אין טאָנאַציע. זיין רעפּערטואַר איז נישט געווען קיין געקליבענער, אַ געמיש פון סאַמע שונד ביז צו די עכט-קינסטלערישע פּיעסעס, אָבער אַלע פלעגט ער אויפפירן מיט אַ באַזונדערן ערנסט. זיין אופן רעזשיסירן איז איבער דער סטעראָטיפּישער „רעזשי“ אין דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער. ער פלעגט זייער אַכט לייגן אויף שטעלונגען (מיז-אַן-סצענעס) און באַטאָנונג. אָבער אויך אויף דער זעקאָראַטיווער זייט פון אַ פּיעסע. די אַקטיאָרן, פון וועלכע אַ סך האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף זייער רבי, און אפילו די דירעקטאָרן, ביי וועלכע ער פלעגט שפּילן האָבן זיך צו אים, ווי צו אַן אינטעליגענט און „אַ רוסישער אַקטיאָר און רעזשיסער“, באַצויגן מיט רעספּעקט און געפאָלגט זיינע אָנווייזונגען. מ. איז געווען פּיקטיוו - צוליב זיין שפּילן אויף דער רוסישער בינע — אָדער באַוואוסטזיניק געטויפט, און אפילו שפּעטער, ווען ער זאָל האָבן שוין צוריקגעקערט צום יידנטום, פלעגט ער אָפט, פון געוועהייט, פאַרן אַרויפגיין אויף דער בינע „זיך איבערצלמן“.“

זכרונות פון מ. ל. מייערסאָן.

ש. ע. פון י. מ. לייפּציקער און מ. ע. פון א. ג. קאָמפּאַניעעץ און מענדל עלקין.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 395-96.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, I, ז. 234.

[—] — נייע אידישע שוישפּיעלער, „דיא אַרבייטער צייטונג“, נ. י., 25 דעצ. 1895.

נח פּרילוצקי — מ. מייערסאָן, „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, II, זז 68-69.

מ. מיאַדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן“, זשורנאַל, מינסק, 4, 1926, ז. 36.

רודאָלף זאַסלאַווסקי – מאַרק לאַזאַראָוויטש מייערסאָן, „אילוסטרירטע וואָך", וואַרשע, 25, 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי – צווישן פאָרהאַנג און לייוונט, „די פּרעסע", ב'א, 27 אויג 1928.

עמיליע אַדלער – דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 21 אָקט. 1930.

דר. א. מוקדוני – זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 387, 344.

מייקעלזאָהן, דזשוליוס

[יהודה מיכעלזאָהן]

געבוירן 11 יולי 1883 אין ריגע, לעטלאַנד. פאָטער – אַ וואַלד-סוחר. געלערנט אין חדר, ישיבה אין פּאָניעוויעזש (ליטע), למודי-חוץ פאַר זיך אַליין.

אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעקומען אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אין אַ דראַמאַטישן קלוב, דערנאָך געגרינדעט דעם „האַמלעט דראַמאַטיק קלוב", פאַר וועלכן ער שרייבט און פירט אויף אייניקע פּיעסעס און איז גלייכצייטיק סטאַטיסט אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. דערנאָך ווערט ער אַנגאַזשירט אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) אַלס פּאָטער-ראָליסט. נאָכן שפּילן דאָרט אַ סעזאָן, פאָרט ער אַרום מיט פאַרשיידענע וואַנדער-טרופּעס איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און קומט צוריק אין ניו-יאָרק, וואו ער טרעט אַריין אין די וואָדעוויל-הייזער, פאַר וועלכע ער שרייבט סקעטשעס און שפּילט אין זיי.

געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, האָט מ. געשפּילט 4 סעזאָנען אין האַרלעמער לענאָקס-טעאַטער, 2 סעזאָנען אין באַלטימאָר און דערנאָך אין דעטראָיט.

מ. האָט (צוזאַמען מיט הערי לאַנדמאַן) געשריבן די פּיעסעס „די אָפּגענאַרטע פרוי" (אויפגעפירט אין האַרלעמער לענאָקס-טעאַטער), „דער שטומער עדות" (אויפגעפירט אין וויליאַמסבורגער ליריק-טעאַטער) און אַליין האָט ער געשריבן: „דער ווייבערשער קאָנגרעס" (געשפּילט איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ), „דער געקויפטער מאַן" (אויפגעפירט אין לענאָקס-טעאַטער), „עלענדע קינדער" (אויפגעפירט דעם 27 סעפּט. 1927 אין ליריק-טעאַטער), „די פרוי באַצאָלט, מעלאָדראַמע" (אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג דעם 6 יאַנואַר 1928 אין בראָנסקער פּראָספּעקט-טעאַטער), „דער אָרימער מיליאָנער, מוזיקאַל-קאָמעדיע, מוזיק – א. פּערלמוטער" (אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג דעם 9 מערץ 1928 אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער). די זעלבע פּיעסע איז אין 1930-31 געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע דורך מישע פישזאָן א'נ „דער מיליאָנער אויף צרות" און „שווער צו זיין אַ קבצן". דערנאָך: „דער פּרינץ פון פּיטקין עוועניו, קאָמעדיע. מוזיק – א. פּערלמוטער" (אויפגעפירט דורך אַנשל שאָר דעם 23 מערץ 1928 אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער) „אַ מיידל פון היינט, אין 3 אַקטן" (באַלד געענדערט דעם נאָמען אויף „שקלאַפן פון ליבע", אויפגעפירט דעם 15 סעפּטעמבער 1928 אין ליריק-טעאַטער מיט בעטי פרענק), „אַלעמענס געליבטע, מעלאָדראַמע, מוזיק – פּ. לאַסקאָווסקי" (אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג דעם 6 נאָוועמבער 1929 אין פּראָספּעקט-טעאַטער).

זינט 1932 געפינט זיך מ. אין לאָס אַנדזשעלאָס, וואו ער טרעט אַרויס אויף ראַדיאָ אין זיינע אייגענע סקעטשעס.

מ.'ס פרוי, אסתּר גליקמאַן, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ל. פאָגעלמאַן – די נייע פּיעסע אין ליבערטי טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 30 מערץ 1928.

מ. וו. – „דער מיליאָנער אויף צרות" קאָמעדיע אין 3 אָקטן פון יוליוס מייקעלזאָן „טשערנאָוויצער בלעטער", 66, 1930.

ספּעקטאַטאָר [נ פראַנק] – דער מיליאָנער אויף צרות, „פּאַריזער היינט", 27 מאַי 1930.

אלחנן צייטלין – נאָטיצען פון טעאַטער, „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 9 פעבר. 1931.

טעאַטראָמאַן – שווער צו זיין אַ קבצן, „היינטיגע נייעס", וואַרשע, 12 פעבר. 1931.

מ. קיפּניס – „שווער צו זיין אַ קבצן", „היינט", וואַרשע, 12 פעבר. 1931.

א. גראַפמאַן – אין קאַמינסקי'ס טעאַטער, „מאָמענט", וואַרשע, 13 פעבר. 1931.

מיכאַלעוויטש, ב.

[יוסף איזביצקי]

[געב. דעצ. 1876 – געשט. 30 אָקט. 1928]

געבוירן דעצעמבער 1876 אין בריסק-ליטאָווסק, פוילן, ביי אַ שלאָסער-מעכאַניק. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. צו 12 יאָר אָנגעהויבן לערנען רוסיש און אַלגעמיינע למודים. אין דער פריער יוגנט דורכגעדרונגען פון די אידעען פון חבת-ציון און „תחית השפה", האָט ער צו 17 יאָר זיך באַקענט מיטן סאָציאַליזם און גאָר אינגיכן פאַרנומען אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

זינט 1897 – איינער פון די פירער פון „בונד", באַזונדערס פּאָפּולער א'פּ „ביינוש", דורכגעמאַכט די פאַרשיידענע ענויים פון סאָציאַליסטן אין צאַרישן רוסלאַנד. געווען אַקטיוו אַלס יידיש-סאָציאַליסטישער רעדנער און שריפטשטעלער.

מ. האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס און ליבע צום יידישן טעאַטער, האָט פאַרעפנטלעכט א'פּ „אַ טעאַטראַל", אונטער זיין אייגענעם נאָמען און ראשי-תבות פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און יידישע אַקטיאָרן.

דעם 30 אָקטאָבער 1928 איז מ. געשטאָרבן אין וואַרשע.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 396-402.

מ. וויכערט – ביינוש מיכאַלעוויטש, „די יידישע וועלט", וואַרשע, VII, 1928.

מיכאַלעסקאָ, מיכאַל

[ווייסבלאַט]

געבוירן 26 נאָוועמבער 1888 אין קאָוואַלאָווקאַ, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ למדן, אַ מושלם, געזעסן אויף קעסט ביים שווער. צוליב דעם פריען טויט פון די עלטערן, איז מ. דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידען, אַ פאַרוואַלטער אין אַ גוט נעבן זייער שטעטל.

געלערנט אין חדר ביז 9 יאָר אין קאָוואַלאָווקאַ, דערנאָך געפאָרן מיט זיין זיידן קיין קריוואָי ראָג, וואו ער לערנט 2 יאָר ביי אַ ספּעציעלן רבי יידישע למודים און רוסיש. צו 11 יאָר געקומען אין ניקאָלאַיעוו צו קרובים, דאָ אַ קורצע צייט געלערנט אין חדר, דערנאָך אין שטאָטישער שול, באַלד אָבער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין פאַרשיידענע געשעפטן.

נאָך אַלס קינד געהאַט אַן אַלט-שטימע, און כאָטש ער האָט זייער ליב געהאַט חזנים, האָט ער זיך געשעמט צו ווערן אַ משורר. ערשט נאָכן מוטירן אָנגעהויבן זינגען ימים-נוראים ביי חזנים און דערויף געוואָרן אַ שטענדיקער משורר.

שוין אין עלטער פון 12 יאָר געשפּילט „יוסף“ אין דער פּיעסע „יוסף און די ברידער“ אין אַ פּריוואַטער שטוב מיט די אָרטיקע „ליבהאָבער“.

געהערט געוואָרן דורך אַ מוזיקער בעת אַ געזאַנג-לעקציע אין דער רוסישער אָוונט-שול, ווערט מ. דורך אים אַריינגענומען אין כאָר פון דער אָרטיקער רוסישער מוזיקאַלישער שול, וועלכע פירט אויף „ראָמעא און יוליאַ“. אָבער אָן מיטלען אויף חיונה רייסט ער איבער די לעקציעס און באַשעפטיקט זיך ביי פאַרשיידענע מלאכות. נאָכן באַטייליקן זיך אַלס „בר-כוכבא“ אין אַ „ליבהאָבער-אויפפירונג“, ווערט ער אַריינגענומען אין דער גאַסטראָלירנדיקער יידישער טרופּע פון זשיטאָמירסקי, ביי וועלכער ער דעביוטירט אין נאַווא בוך אַלס „אַמעריקאַנער“ אין לאַטיינערס „שרה שיינדל“ און „מאַרקוס“ אין גאָלדפאַדענס „די כישוף-מאַכערין“.

אַ יאָר שפּעטער איבערגעגאַנגען אין דער טרופּע פון מישוראַט, דערנאָך צו סאַבסיי, שאַראַוונער, ספּיוואַקאָווסקי-קרויזע און סעם אַדלער, וואו ער שפּילט ראָלן פון רעזיניאָרן, צווייטע ליבהאָבער און כאַראַקטער-קאָמיקער.

1903-09 — געשפּילט ביי קאָמפּאַניעצן אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער. 1909-12 — ווידער אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד מיט די טרופּעס פון זשיטאָמירסקי, שאַראַוונער און לסוף ביי קאָמפּאַניעצן אין יעקאַטערינאָסלאַוו. 1912 — צוריקגעקערט קיין פּוילן, וואו ער שפּילט אין קאַמינסקיס טעאַטער אַלס ערשטער ראָליסט, אויפטרעטנדיק אַלס „גדליהו“ אין לאַטיינערס „חורבן ירושלים“ און דערנאָך אין טאָמאַשעווסקיס „די נשמה פון מיין פאָלק“, אין וועלכער ער ציט צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון וואַרשעווער יידישן טעאַטער-עולם און ווערט דערויף אַנגאַזשירט צו זאַנדבערגן אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער“, וואו ער טרעט אויף אויסער אין די יידישע אָפּערעטעס, אויך אין די אייראָפּעאישע אָפּערעטעס „עוואַ“, „שושנה די צנועה“ אא.

אין דער ערשטער צייט פון דער וועלט-מלחמה געשפּילט אין „גרויסעס טעאַטער“ (דירעקציע — אַדלער-סיעראָצקי), דערנאָך אַ געוויסע צייט אויף דער פּוילישער פּראָווינץ.

1916 — גאַסטראָלירט אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער, וואו ער פירט אויף וואַקסמאַן-אַדלערס „די שיינע בערטאַ“ און ווערט אַנגאַזשירט אין ניי-אויפגעבויטן צענטראַל-טעאַטער, אויפטרעטנדיק צו דער ערעפענונג אין אָסיפּ דימאָווס „יאָשקע מוזיקאַנט“, דערנאָך אין י. ל. וואָהלמאַנס „דער שטרויענער אלמן“ און אין אַ ריי אייראָפּעישע אָפּערעטעס ווי „די טשאַרדאַש-פירשטין“, „פּאַשינגספּעע“, „גרי-גרי“, „די דאָלאַר-פּרינצעסין“, „מיידל-מאַרק“, „די קעניגין פון דער לופט“ אא.

דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע אָפּערעטעס איז אויפגעפירט געוואָרן דורך מ. דאָס טעאַטער אין וועלכן ס'שפּילן אויך די אַקטריסעס פון דער דייטשער בינע פינא סערבי, מיצי האָפּע, איירענאַ וועליש און פריצי אַרקאָ, עקסיסטירט ביז 1920, און די אויפפירונגען פון דידאָזיקע אייראָפּעישע אָפּערעטעס אין דער יידישער שפּראַך זיינען פון די אינטערעסאַנטסטע און דערפאָלגרייכסטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן.

1920 — אַנגאַזשירט קיין לאָנדאָן, איז ער אָבער דאָרט נישט אויפגעטראָטן און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער איז אָנגעקומען דעם 5 סעפּטעמבער 1920.

סעזאָן 1920-21 — אַנגאַזשירט געווען אין באָריס טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל-טעאַטער און אויפגעטראָטן אין „די טשאַרדאַש-פירשטין“, „שושנה די צנועה“ און „די שיינע בערטאַ“, און 1921-22 אין זעלבן טעאַטער, אויפגעטראָטן אין דער טיטל-ראָל פון „דער וואַנדערער“ (מיט רודאָלף שילדקרויט), דעביוטירנדיק דערמיט אין אַ דראַמאַטישער ראָל. דעם זעלבן סעזאָן געשפּילט אין דער אָפּערעטע „לעבעדיק און פריילעך“.

1922-24 — אַנגאַזשירט אין קעסלערס סעקאָנד-עווניו-טעאַטער (מענ. — יוסף עדעלשטיין), וואו ער פירט אויף און שפּילט די ערשטע ראָלן אין „קלוגע פרויען“ (באַאַרבעט לויט „פּראָפּ.“ הורוויץ „חכמת נשים“), סיגעל-רומשינסקיס „די אַמעריקאַנער רביצין“, ל. פריימאַנס „שטאַרקער פון ליבע“ און פריימאַן-רומשינסקיס אָפּערעטע „די גאָלדענע כלה“.

1924-26 — אַנגאַזשירט אַלס סטאַר אין ליבערטי-טעאַטער (מענ. — וויליאַם ראָלאַנד), וואו ער פירט אויף און שפּילט די הויפּט-ראָלן אין פריימאַן-סעקונדאַס אָפּערעטע „זיסע ליבע“, ס. ה. קאָנס מעלאָדראַמע „אַליין אין דער וועלט“, ס. ה. קאָן און אברהם נאַאומאָווס „נאָכן שטורם“, פריימאַן-סעקונדאַס אָפּערעטע „סטודענטן-ליבע“, וואָס ווערט געשפּילט 22 וואָכן כסדר, די אָפּערעטע „דער גאָלדענער סאָלדאַט“, די מעלאָדראַמע „ליבע איז שטאַרקער פון געזעץ“ און פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיט אויפפירן „סטודענטן-ליבע“ אין פילאַדעלפיער יידישן טעאַטער.

1926-28 — מענעדזשער (צוזאַמען מיט עליאַס גליקמאַן) אין יידישן טעאַטער אין שיקאַגאָ, דאָרט באַנייט די אויפפירונגען פון די לעצטע סעזאָנען אין ניו-יאָרק און אויפגעפירט פריימאַנס אָפּערעטעס „סינאָריטאַ“ און „דער קאַווקאַזער חתן“.

1928-29 — אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס סטאַר אין ניי-געעפנטן ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער, וואו ער פירט אויף ד. 25 סעפּט. 1928 ל. פריימאַן-ש. סעקונדאַס אָפּערעטע „דאָס ליד פון ליבע“, דעם 28 נאָוו. 1928 - פריימאַן-סעקונדאַס „דער אָדעסער חתן“, דעם 21 דעצ. 1928 — פריימאַן-סעקונדאַס „סינאָריטאַ“. די מעלאָדראַמע „זיין פאַרשפּילטע וועלט“, דעם 21 פעב. 1929 וויליאַם סיגעלס

„הערצער פאַרגעסן ניט“ און אייניקע גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס.

זומער 1929 האָט מ. געמאַכט אַ באַזוך אין אייראָפּע און האָט אין יוני געגעבן אייניקע גאַסט־שפּילן אין פּאַריזער יידישן טעאַטער.

1929-30 — סטאַר אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל־טעאַטער (מענ. — דזשייקאָב דזשייקאָבס), וואו ער פירט אויף דעם 14 אָקטאָבער 1929 און שפּילט די הויפּט־ראָלן אין אברהם בלום־אָלשאַנעצקיס „די איינציקע נאַכט“, דערנאָך — מאיר שוואַרץ־אָלשאַנעצקיס „מזל און ליבע“, דעם 24 יאַנואַר 1930 — חיים טויבערס „דאָס גאָלדענע רינגעלע“, און פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיט גאַסטראָלן אין די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט.

1930-31 — מענעדזשער אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער, וואו ער פירט אויף און שפּילט די הויפּט־ראָלן אין אברהם בלום־אָלשאַנעצקיס „זיין לעצטער טאַנץ“, „אברהם בלובס „איך וויל אַ קינד“ און אַ מעלאָדראַמע „דער גערעמעדזשטער מאַן“.

1931 — אָנגעהויבן פירן (צוזאַמען מיט לואיס גאָלדבערג) דאָס ניו־יאָרקער פּאָבליק־טעאַטער, וואָס עפנט זיך מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַדס דערפאָלגלאָזן אויפטריט, באַלד דערויף פירט אויף מ. פריימאַן־אָלשאַנעצקיס אָפּערעטע „די דריי פאַרליבטע“, אָבער דאָס טעאַטער שליסט זיך. מ. פאָרט אַרויס גאַסטראָלירן איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און דערנאָך פאָרט ער אָפּ גאַסטראָלירן אין אַרגענטינע.

1932-33 — אַנגאַזשירט אַלס סטאַר אין ברוקלינער ראָלאַנד־טעאַטער, וואו ער פירט אויף פריימאַן־רומשינסקיס אָפּערעטע „דאָס ליד פון ישראל“, וויליאַם סיגעלס מעלאָדראַמע „דער דאַנק פון קינדער“ און גרייט צו קאַלמאַנאָוויטש־רומשינסקיס אָפּערעטע „ווען איך בין רייך“.

במשך פון זיין שפּילן אין אַמעריקע, איז מ. אויך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אויפגעטראָטן אַלס „הערשעלע דובראָוונער“ אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול“, אַלס „האַמלעט“ פון שעקספּיר, „שלמהקע שאַרלאַטאַן“ פון גאָרדין און „די באָבע יאַכנע“ פון גאָלדפאַדען.

מ. ע.

גימל און בייז — ווער זיינען די דריי נייע אידישע אַקטיאָרען?, „פאָרוו.“, נ. י., 1 אָקט. 1920.

אַב. קאַהאַן — אימפּאָרטירטע אָפּערעטעס און דראַמען פאַר אונזערע היגע טהעאַטערע, „פאָרוו.“, נ. י., 1 אָקט. 1920.

מ. אָשעראָוויטש — די טרויעריגע לעבענס־געשיכטע פון דעם לוסטיגען קאָמיקער מיכאַלעסקאָ, „פאָרוו.“, נ. י., 11 מערץ 1921.

מ. גרים — דער אימפּאָרט פון אייראָפּע, „פּאָ'ש“, נ. י., 12 מערץ 1921.

יעקב קירשענבוים — מיכאַל מיכאַלעסקאָ אַלס פילזייטיגער שוישפּילער, „ראָלאַנד־טעאַטער־זשורנאַל“, נ. י., 1928.

מיכאַל מיכאַלעסקאָ — מיין אינטערעסאַנטסטער מאָמענט אויף דער אידישער ביהנע, „דער טאָג“, נ. י., 25 יאַנ. 1929.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — מיכאַל מיכאַלעסקאָ אַלס סינאָריטאַ אין „פּאַלי דראַמאַטיק“, „פּאַריזער היינט“, 27 יוני 1929.

Norman J. Ginsburg – „His First Kiss“ Charming Operetta, feuturing Michal Michalesko at Arch Street Theatre, „די אידישע וועלט“, פילאַד., 22 אַפּריל 1931.

אַנשעל שור — בלומען פאַר מיכאַל מיכאַלעסקאָ, „אידישע וועלט“, פילאַדעלפיע, 24 אַפּריל 1931.

דר ל. זשיטניצקי — „דער פרינץ פון ליבע“, „פרעסע“, ב'א, 10 יולי 1932.

ט. ביילין — נאָטיצן און באַמערקונגען, „פּרעסע“, ב'א, 15 יולי 1932.

יאַנקעוו באָטאָשאַנסקי — מ. מיכאַלעסקאָס מענטשלעכער שפּיל אין אַן אומענטשלעכער מעלאָדראַמע, „פּרעסע“, ב'א, 29 יולי 1932.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — היינט דער אָפּשיד אָוונט פון מ. מיכאַלעסקאָ אין טעאַטער אַרגענטינע, „פּרעסע“, ב'א 23 אויג. 1932.

ט. ביילין — דער אַקטיאָר אין דער אָפּערעטע, „פּרעסע“, ב'א, 11 אויג 1932.

מיכאָעלס, ס. מ.

[שלמה וואָפסי]

געבוירן 4 מערץ 1890 אין דווינסק, לעטלאַנד. פאָטער — אַ וואַלד־סוחר און באַזיצער פון אַ גוט. געלערנט אין חדר און ביז 15 יאָר אין שטוב ביי אַ ספּעציעלן רבי. נאָך אַלס קינד געווען זייער להוט נאָך די יאָרלעכע „פּורים־שפּילן“ אום פּורים און שפּעטער מיט דער מוטער באַזוכט אַ פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „די כשוף־מאַכערין“ ביי דער גאַסטראָלירנדיקער פישזאָן־טרופּע. באַגייסטערט פון טעאַטער, האָט ער גענומען „שרייבן פּיעסעס“ און זיי געשפּילט מיט יוגנטלעכע, צווישן זיי דער שפּעטערדיקער באַקאַנטער סקולפּטאָר גינזבורג און דער (בעת דעם אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג) רוסישער יוסטיץ־קאָמיסאַר און שפּעטערדיקער שריפטשטעלער י. נ. שטיינבערג.

דער באַנקראָט פון פאָטער ענדערט די לאַגע אין שטוב און מ. ווערט געשיקט לערנען אין ריגער רעאַל־שול, וועלכע ער ענדיקט אין 1908. צוליב פראָצענט־נאָרמע נישט געקאָנט ווייטער שטודירן און געוואָרן אַ רעפּעטיטאָר אויף רוסיש.

מ. האָט קיינמאָל זיך נישט באַטייליקט אין די שילער־פאָרשטעלונגען און זייער זעלטן אַרויסגעטראָטן אפילו מיט דעקלאַמאַציעס. שטרעבנדיק אָבער צו טעאַטער, פון וועלכן מ'פלעגט אים אָפּשלאָגן צוליב זיין אויסערלעכקייט און קליינעם וואוקס, האָט מ. שטודירט רוסישע דיקציע ביי א. ב. וועליזשעוו (שפּעטערדיקער מיטרעזשיסער ביי מייערכאָלד).

1910 — אַריינגעטראָטן אין אַ קיעווער פּריוואַטער האַנדלס־שול, פון וועלכער ער ווערט אין 1912 באַזייטיקט פאַר באַטייליקן זיך אין די סטודענטן־אומרוען צוליבן גראַף טאָלסטאָי.

ערשט אין 1915 אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, פון וועלכן ער ענדיקט שפּעטער דעם יורידישן פאַקולטעט.

1918 — זיך געגרייט צו אַדוואָקאַטור, אָנשטויסנדיק זיך אָבער אין גראַנאָווסקיס ווענדונג וועגן יונגע כחות פאַר אַ יידישער דראַמאַטישער סטודיע, אַוועק צו אַל. גראַנאָווסקי און אָנגענומען געוואָרן אין דער סטודיע, מיט וועלכער ער דעביוטירט דעם 23 יאַנואַר 1919 אין פּעטראָגראַד אין מעטערלינקס „די בלינדע“ און אין שלום אַשס „דער זינדיקער“.

דעם 31 יוני 1919 שפּילט מ. אין דער סטודיע די ראָל „יהונדב“ אין אַשס „אמנון און תמר“ און דעם סימבאָלישן טיפּ „נעכטן“

אין זיין אייגענעם איינאַקטער „דער בויער“, דעם 3 יולי 1919 ווערט אין דער זעלבער סטודיע איר פון אונגערן אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ“ מיט מ. אין דער טיטל־ראָל.

מ. בלייבט אויך ווייטער אין באַשטאַנד פון דער סטודיע, ווען זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער מיט איר שטענדיקער היים אין מאָסקווע, און דאָ טרעט ער אויף דעם 1 יאַנואָר 1921 אַלס „מנחם־מענדל“ אין שלום־עליכמס „אַגענטן“ און „אַלטער“ אין שלום־עליכמס „מזל טוב“. דעם 13 מערץ 1921 אַלס „זיידע“ אין א. ווייטערס „פאַרטאָג“ און דעם 6 יוני 1921 – „יעקל יאַפּשאָוויטש“ אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה“.

דעם 9 אַפּריל 1922 טרעט ער אויף אין אַ נייער קאָנצעפּציע (א׳ר פון אַל. גראַנאָווסקי) אַלס „אוריאל אַקאָסטאַ“ און דעם 2 דעצעמבער 1922 שפּילט ער „האָצמאַך“ אין גאָלדפאַדענס „די כשוף־מאַכערין“.

דעם 28 יוני 1923 – אַלס „שימעלע סאָראָקער“ אין שלום־עליכמס „200 טויזנט“.

דעם 7 פעברואַר 1925 – אַלס „דער בדחן“ אין פּרץ „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“.

דעם 17 יאַנואַר 1926 – אַלס „יצר הרע“ אין גאָלדפאַדענס „לא תחמוד“ און דעם 8 יוני 1926 – אַלס „שינדל“ אין וויעוויאָרקאַס „137 קינדער־הייזער“.

דעם 9 יאַנואַר 1927 – שפּילט מ. די הויפּט־ראָל אין זשיל ראָמענס „טרואַדעק“. דעם 20 אַפּריל 1927 קרעאירט מ. די ראָל „בנימין“ אין מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי“ און דעם 7 נאָוועמבער 1927 – די הויפּט־ראָלע אין רעזניקס „אויפשטאַנד“.

דעם 4 מערץ 1928 – „מנחם־מענדל“ אין שלום־עליכם־דאָברושינס „לופט־מענטש“, פאַרט דערנאָך אַרויס מיט דער טרופּע אויפן אייראָפּעאישן טורנע און נאָכן צוריקקימען, טרעט ער אויף דעם 11 אָקטאָבער 1929 אין דאָברושינס „דאָס געריכט גייט“.

דעם 15 יאַנואַר 1930 טרעט ער אויף אין בערגעלסאָנס „דער טויבער“ און דעם 4 יולי 1930 – אין אָרלאַנדס „הרעבליעס“.

דעם 22 פעברואַר 1931 פירט ער אויף (צוזאַמען מיט ס. ע. ראַדלאָוו) פּרץ מאַרקישעס „ניט געדייגעט“, מיטשפּילנדיק, און דעם 7 נאָוועמבער 1931 פירט מ. אויף (צוזאַמען מיט ס. ע. ראַדלאָוו) דאַניעלס „4 טעג“ (יוליס), באַאַרבעטנדיק דעם טעקסט פאַר דער בינע און מיטשפּילנדיק.

דעם 12 מערץ 1932 פירט ער אויף דאָברושין און נוסינאָווס פּיעסע „ספּעץ“, מיטשפּילנדיק.

ער האָט אויך מיטגעמאַכט אַלע טורנעען פון דער טרופּע איבער ראַטנפאַרבאַנד.

מ. האָט אין 1926 באַקומען פון פאָלקאָמבילד. דעם טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון מלוכהשע אַקאַדעמישע טעאַטערס“.

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס „מנחם־מענדל“ אין פילם „יידישע גליקן“ לויט שלום־עליכם און אַלס „נייטאַן בעקער“ פאָטער“ אין קלאַנג־פילם „נייטאַן בעקער קומט אַהיים“ פון פּרץ מאַרקיש.

אין רוסישן פאַרלאַג „קינאָ פּעטשאַט“ (מאָסקווע־לענינגראַד 1927) איז אין דער רוסישער שפּראַך דערשינען אַ בראָשור „מיכאָעלס“ פון מ. זאַגאָרסקי מיט ביאָגראַפישע דאַטען, קריטישע אָפּשאַצונגען און פאָטאָסטאַטן פון מ.׳ס טיפּן.

מ. ע.

М. Загорский – „Михоэлс“, „Кинопечать“, Москва-Ленинград 1927.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך – גראַנאָווסקי, מיכאָעלס און זוסקין – אַ יישר־כח אייך! „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 20, 1928.

ח. אַראָנסאָן – מיכאָעלס און דער גראַנאָווסקי־טעאַטער, „פרימאָרגן“, ריגע, 25 יולי 1928.

נחמן מייזיל – מיכאָעלס, „ליטבל׳ט“, וואַרשע, 48, 1928.

ש. שאַמיס – מיכאָעלס – מענאַכעם מענדל, „עמעס“ מאָסקווע, 12 יולי 1929.

ב. אָרשאַנסקי – „טעאַטער־שלאַכטן“, 1931, זז. 94-95, 38.

מילבערג, חייקע

[פּאַסקאַל]

געבוירן 1897 אין יאַסי, רומעניע. אין עלטער פון 11 יאָר געקומען אין אַמעריקע און אַ קורצע צייט דערנאָך אויפגעטראָטן אין בראָדוויי־מיוזיק־האָל צוזאַמען מיט דוד מייעראָוויטש, בעסי טרייטלער (שפּעטער – דזשייקאָבס), אסתּר גליקמאַן, סעם קלינעצקי, דערנאָך אין אַטלאַנטיק־גאַרדען אין ברוקלין און אין אַגעדס וואָדעוויל־הויז. אויף דער לעגיטימער בינע דעביוטירט אַלס „דבורהלע“ מיט אַ טרופּע אין אינדעפּענדענס־האָל אין ניו־יאָרק.

נאָך איר חתונה מיט העריי מילבערג, זיך צוריקגעצויגן פון דער פּראָפעסיאָנעלער בינע און זיך באַזעצט אין עסבורי פּאַרק, נ. דזש, וואו זייער היים איז אַן אָפטער אָפּרו־פּלאַץ פאַר יידישע אַקטיאָרן און שרייבער.

מ באַטייליקט זיך אין די פאָרשטעלונגען פון די דאָרטיקע „ליבהאָבער“ און טרעט אויך אָפט אַרויס מיט אימיטאַציעס פון פּאָפּולערע יידישע אַקטריסעס.

ש. ע.

מילטאָן מ. און י.

אין 1909 איז אין לאָנדאָן דערשינען „מענדעל דער סטאָליאַר, אָדער, די לעצטע אידישע האָפנונג דראַמאַ פונ׳ם רוסיש־אידישען לעבען אין דער געגענווערטיגע צייט אין 4 אַקטען פון מ. און י. מילטאָן“ [101 ז. 16°].

די פּיעסע, וועלכע הייסט אין אינווייניקסטן שער אויך „דער כאַאָס“, איז קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן.

ווייטערע אינפאָרמאַציעס וועגן די מחברים זיינען נישטאָ.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט“, II, ז. 270.

מילטשין, איסאַק

געבוירן 1 מאַי 1895 אין איוועניץ, מינסקער געגנט, פוילן. פאָטער — אַן אנגעשטעלטער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, פון 12 ביז 16 – אין אַ מיטל־שול אין מינסק. צו 16 יאָר אַוועק קיין בערלין, וואו ער טרעט אַריין אין דער קונסט־געווערבע־שול ביים פרינץ אַלברעכט־מוזיי, גלייכצייטיק געאַרבעט אין דער טעאַטער־אַטעליע פון הוגאָ באַרוך און ווערט דורך דער פירמע, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע יונגע קינסטלער, אָפּגעשיקט קיין אַמסטערדאַם, וואו ער מאַכט דעקאָראַטיווע אַרבעטן פאַר אַ אויסשטעלונג.

צוריקגעקומען אין בערלין, שטודירט ער ווייטער ביז צום אויס־בראָך פון דער וועלט־מלחמה.

1914-15 – געאַרבעט אין כאַרקאָווער רוסישן אָפּערע־טעאַטער. מאָביליזירט אין דער אַרמעע ביז 1920, קערט ער דערנאָך צוריק קיין מינסק, וואו ער אַרבעט אַלס דעקאָראַטאָר־צייכנער אין טעאַטער „אונזער ווינקל", דערנאָך אַ קורצע צייט אין ווייסרוסישן יידישן מלוכה־טעאַטער.

אייניקע מ.'ס אַרבעטן זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן פון ווייסרוסישן מוזיי (יידישע אָפּטיילונג).

ש. ע. פון ל. דושמאַן.

מיליך, זקן

געבוירן 25 יולי 1879 אין לאָדזש, פוילן. פאָטער – אַ באַן־עקספּעדיטאָר. געלערנט אין חדר און אין שול. אַלס קינד געזונגען אין דער דייטשער סינאַגאָגע און פון דאָרט אַריינגענומען געוואָרן אין דער גאַסטראָלירנדיקער טרופּע פון טאַנצמאַן־ספּיוואַקאָווסקי, וואו ער זינגט אַלס אַלטאָ אין דאַמען־כאָר. דערנאָך געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער כאָריסט אין די טרופּעס פון קאַמינסקי, בערמאַן און ראַפּעל.

1900 — אַרויסגעפאָרן מיט קאַמינסקין קיין יעקאַטערינאָסלאַוו שוין אַלס עפּיזאָדן־אַקטיאָר און נאָך 2 יאָר אַרומפאָרן איבער רוסלאַנד, צוריקגעקערט קיין לאָדזש, וואו ער שפּילט ביי קאַמינסקי, דערנאָך ביי פישזאָן און ווידער ביי קאַמינסקי. שפּעטער צוזאַמען מיט אַ גאַנצער טרופּע (עמנואל טשיזשיק, בליפעלד, פּערלמאַן, זאַנדבערג, שלאַמאָוויטש, מאַניע טשיזשיק, טראָנטשיק, ספּעקטאָר און שפּיראָ) אַרומגעוואַנדערט איבער פוילן, וואו ער שפּילט שוין גרעסערע ראָלן, דערנאָך ביי גענפערן און פאָרט צוריק קיין לאָדזש (צו זאַנדבערגן).

שפּעטער אָרגאַניזירט ער די אַזוי גערופענע „כאַפּ־שפּילן" אויף דער פּראָווינץ. 1912 — ווערט ער דער אונטערנעמער פון די יידישע פאָרשטעלונגען אין גאָרטן „לעשניטשוווקאַ" אין לאָדזש און 1915 — פאָרט ער אַלס פּצרוואַלטער און אַקטיאָר איבער פוילן. 1916 — חתונה געהאַט און זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ש. ע.

מ. מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, 2-3, 1928.

מילך, יעקב

געבוירן 24 דעצעמבער 1866 אין וואַרשע, פוילן, אין אַ פרומער, אָרימער פאַמיליע. געלערנט אין חדר. שפּעטער געאַרבעט אַלס שניצער און גלייכצייטיק, אַלס משכיל זיך אָפּגעגעבן מיט השכלה.

1891 – אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט צוערשט געאַרבעט אַלס שניצער, דערנאָך געווען אַ סוחר פון צוקערוואַרג און געוואָרן אַ שאָקאָלאַד־פאַבריקאַנט.

1891 – דעביוטירט מיט אַ סאַטירע אויף אַנאַרכיסטן אין „דיא אַרבייטער צייטונג", דערנאָך געוואָרן אַ שטענדיקער פּובליציסט און פעליעטאָניסט אין „פאָרווערטס" און „צוקונפט", פון וועלכער ער איז אין 1907 אויך געווען רעדאַקטאָר. שפּעטער געשריבן פיל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן וועלטלעכע און יידישע שריפטשטעלער, מאַרקסיזם, טעריטאָריאַליזם, ציוניזם א. א.

אין 1892 האָט זיך מ. באַטייליקט אין דער דיסקוסיע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער ניו־יאָרקער „דיא אַרבייטער צייטונג" צווישן יעקב גאָרדין און די לעזער פון דער צייטונג צוליב גאָרדיקס באַאַרבעטונגען פון גאָלדפאַדענס פּיעסעס „מליץ יושר" און „משיחס צייטן".

אין 1906 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג „די פּראָלעטאַרישע וועלט" דערשינען „גערהאַרד האַופּטמאַן. די וועבער, דראַמאַ אין 5 אַקטען, איבערזעצט פון יעקב מילך" [1906, 92 ז. 16°. אין זעלבן יאָר איז אין ווילנע אויך דערשינען א. א. בן־גורס איבערזעצונג פון דער זעלבער פּיעסע].

אין זיינע ביכער „אידישע פּראָבלעמען" (נ. י. 1920) זיינען אויך געדרוקט אַרטיקלען וועגן אַשס „גאָט פון נקמה" און וועגן „שיילאָק".

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 402-406.
זלמן זילבערצווייג – „הינטערן פּאַרהאַנג", ווילנע, 1930, זז. 118-139.
י. ראַפּאַפּאָרט – גערהאַרדט הויפּטמאַן, „וואָכנשריפט", וואַרשע, 45, 1932.

מיללער, העלענאַ

פרוי פון זשורנאַליסט לואיס ע. מיללער.

דעם 6 יאַנואַר 1899 איז [אָן איר נאָמען] אויפגעפירט געוואָרן איר איבערזעצונג פון אָקטאַוו מירבאָס „די שלעכטע פאַסטוכער".

דעם 12 מאַי 1915 איז די זעלבע פּיעסע ווידער אויפגעפירט געוואָרן אין טאַליאַ־טעאַטער א/נ „די גרויסע רעוואָלוציאָן, אָדער, די שלעכטע פאַסטוכער, פון אָקטאַוו מירבאָ, איבערזעצט פון פראַנצויזיש פון מאַדאַם דר. ל. מיללער, באַאַרבעט ספּעציעל פיר מאַדאַם ק. ליפּצין פון יעקב גאָרדין". די הויפּטראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן: „זשאַן" – דוד קעסלער, „מאַדלענאַ" – קעני ליפּצין.

מיללער, לואיס ע

[ל. באַנדעס]

[געב. 30 אַפּריל 1866 — געשט. 22 מאַי 1927]



געבוירן 30 אַפּריל 1866 אין ווילנע, פּויליש-ליטע, ביי רייכע עלטערן. צוליבן געהערן צו אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי (אין וועלכער ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן דורך זיין עלטערן ברודער לעוו, אַן אַקטיווער מיטגליד פון ערשטן יידישן סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן קרייזל פון אהרן זונדעלעוויטש א. א.), געמוזט שוין אין עלטער פון 14 יאָר פאַרלאָזן זיין געבוירן-שטאָט און אַוועק קיין בערלין און פון דאָרט אין דער שווייץ, וואו ער נעמט שטודירן. געבליבן אָן געלט-מיטלען, רייסט ער איבער זיין שטודיום און פאָרט קיין פּאַריז, וואו ער אַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות.

אַרום 1886 געקומען אין אַמעריקע און דאָ 7 יאָר געווען אַ העמדער-נייער און אין די אָוונטן שטודירט יוס.

אין 1885 דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין רוסיש. 1889 — ווערט ער אויסגעקליבן פון די ניו-יאָרקער סאָציאַליסטן אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז.

1890 — געגרינדעט (מיט פיליפּ קראַנץ, מ. הילקוויט און אב. קאַהאַן) דאָס סאָציאַליסטישע וואָכנבלאַט „אַרבייטער צייטונג", ווערנדיק פאַררעכנט אַלס דער בעסטער קעמפער און פאַרטיידיקער פון סאָציאַליסטישן צד.

1894 (שוין אַלס אַדוואָקאַט) — מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער צייטונג „אָבענד בלאַט", און ווערט 1897 איינער פון די גרינדער פון דער טעגלעכער צייטונג „פאָרווערטס", וועלכע ער רעדאַקטירט אייניקע יאָר און ציט זיך דערנאָך צוריק פון זשורנאַליסטיק און פּראַקטיצירט אייניקע יאָר אַלס אַדוואָקאַט.

1905 — גרינדעט מ. „דיא וואַרהייט" און רעדאַקטירט זי ביז נאָוועמבער 1914, ווען ער מוז פאַרלאָזן די צייטונג צוליב זיין פּאַציפיסטישער שטעלונג צום וועלט-קריג.

פרילינג 1915 האָט מ. אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ נייע טעגלעכע צייטונג „דער פירער", וואָס האָט אָבער עקסיסטירט נאָר אייניקע חדשים. 1917 — האָט ער אַרויסגעגעבן „מיללערס וואָכענשריפט", וואָס האָט אויך נישט מאריך ימים געווען. 1925 — האָט מ. אַרויסגעגעבן אַן אַזוי גערופענעם טייבלאָט-בלאַט „די נייע וואַרהייט", וואָס האָט אויך נישט לאַנג עקסיסטירט. אָקטאָבער 1929 איז מ. אַריינגעטראָטן אין רעדאַקציע „טאָג" אַלס לייט-אַרטיקלער און דאָ געאַרבעט ביזן 15 מערץ 1927.

מ. האָט געשריבן פיל אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער און מיט זיי אויסגעאיבט אַ באַדייטנדע ווירקונג.

אין נעקראָלאָג אין „טאָג" ווערט געזאָגט: „אויף זיינע פלאַם-פייערדיקע עדיטאָריעלס (לייט-אַרטיקלען) האָט דער עולם געוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און זיין גלענצנדן סטיל האָט „דיא וואַרהייט" אין איר צייט געהאַט צו פאַרדאַנקן איר ריזיקן דערפאָלג".

אין אַ סך פון די דאָזיקע לייט-אַרטיקלען האָט מ. באַרירט יידישע טעאַטער-פראַגן. אין 1892 האָט ער זיך באַטייליקט אין

דער דעבאַטע צווישן יעקב גאָרדין, הימעלפאַרב און יעקב מילך וועגן דער פראַגע צי האָט גאָרדין געמעגט באַאַרבעטן אברהם גאָלדפאַדענס פּיעסעס „מליץ יושר" און „משיחס צייטן" און שאַרף אַטאַקירט גאָלדפאַדענען. [די דיסקוסיע איז איבערגעדרוקט אין זלמן זילבערצווייגס בוך „הינטערן פאָרהאַנג"].

אין 1903, בעת דאָס „יידישע טאַגעבלאַט" איז אָנגעפאַלן אויף גאָרדינען און בכלל אויף די ראַדיקאַלע יידישע שרייבער, האָט מ. (וועלכער האָט פריער אַליין אַראָפּגעריסן גאָרדינס וויכטיקערע פּיעסעס „גאָט, מענש און טייוול" און „סאַפאָ"), אָנגעהויבן פון די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס" (23 אָקטאָבער 1903) אַן אָנגריף קעגן „יידישעס טאַגעבלאַט". דעם 22 אָקטאָבער 1903 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ זאַל אויף קלינטאָן סטריט אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג וועגן דעם ענין, אויף וועלכער מ. איז אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער.

דער קאַמף האָט דערנאָך זיך אַנטוויקלט אין אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען פון מ., אב. קאַהאַן און בריוו אין רעדאַקציע פון פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן פאַר גאָרדינען.

וועגן דעם באַמערקט אב. קאַהאַן: „מיללער פלעגט אימער איבערכאַפּן די מאָס. ...אויך פלעגט ער ניט וויסן פון קיין גרענעץ צווישן דעם וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער זיך אַבסאָלוט ניט אָפּשטעלן פאַר קיינע מיטלען און פאַר קיינע אויסדרוקן". און ווען יואל סלאָנים האָט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע רעצענזיע וועגן אַשס „גאָט פון נקמה", האָט מ. די רעצענזיע אָפּגעדרוקט, נאָר צומאָרגנס האָט ער אָנגעשריבן אַ לייט-אַרטיקל „קופּע מיסט אויף דער בינע", אין וועלכן ער איז אַ חוץ קעגן אַשן אויך שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן קריטיקער פון זיין אייגענער צייטונג.

מ.'ס אינטערעס צום יידישן טעאַטער האָט זיך נישט אויסגעפּולט נאָר אין זיינע אַרטיקלען און רעצענזיעס, נאָר אויך אין אייניקע פּיעסעס, וועלכע ער האָט געשריבן פאַר דער יידישער בינע.

ב. גאָרין פאַרצייכנט אַן אויפגעפירטע פּיעסע פון מ. אין 1899 א"נ „די געצענדינער", וועגן וועלכער ס'זיינען אָבער אין ערגעץ ניטאָ קיין שום ידיעות.

דעם 31 דעצעמבער 1902 איז א'ר פון יעקב פּ. אַדלער אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס-טעאַטער מ.'ס פּיעסע „ליזאַ קאַרלין, אָדער די פּאַיאַצן אין טשערי סטריט", וואָס איז דעם 22 אָקטאָבער 1926 אין אַ געענדערטער פאָרם אויפגעפירט געוואָרן אין ליפּצין-טעאַטער דורך דער „ווילנער טרופּע" א'נ „אָן אַ האַרץ, דראַמע אין 4 אַקטן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע פון לואיס ע. מיללער, רעזשיסירט פון לייב קאַדיסאָן אונטער דער אויפזיכט פון פאַרפאַסער".

דעם 20 פעברואַר 1914 איז אין אַדלערס דואי-טעאַטער א'ר פון מחבר אויפגעפירט געוואָרן מ.'ס פּיעסע „דער מסור", וועלכע איז דערויף דערשינען אין דרוק: „דער מסור, דראַמע אין 4 אַקטן פון ל. ע. מיללער. אַרויסגעגעבן פון די „וואַרהייט פּובלישינג קאָמפּאַני".

דעם 22 מאַי 1927 איז מ., נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן הר לבנון בית עולם אין ברוקלין.

מ.'ס איינציקער זון, אַלעקסאַנדער, אַן אָנפאַנגער אַלס ענגלי-

שער דראַמאַטורג און שוישפּילער, איז אין עלטער פון 26 יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין 1924.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 409-414.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 270.

י. ענטין — ליזאַ קאַרלין אָדער די פּאַיאַצען אין טשערי סטריט, „פאָרוו.״, נ. י., 7, 6 יאַנ. 1903.

[—] — ליזאַ קאַרלין, „פּא׳ש״, נ. י., 10 יאַנ. 1903.

א. גאָניקמאַן - ליזאַ קאַרלין, „טהעאַטער זשורנאַל״, נ. י., 15 יאַנואַר 1903.

ז. ליבין — די הינגעריכטעטע „ליזאַ קאַרלין״, „פאָרוו.״, נ. י., 18 יאַנ. 1903.

י. גאָלדבערג — קריטיק איבער „ליזאַ קאַרלין״, „פאָרוו.״, נ. י., 21 יאַנ. 1903.

[—] — אין און אַרום טעאַטער, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 20 פעברואַר 1914.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא׳ש״, נ. י., 28 פעברואַר 1914.

א. פרומקין — לואי מילער׳ס „אָהן אַ האַרץ״ ביי „די ווילנער״, „טאָג״, נ. י., 27 אָקט. 1926.

דר. א. מוקדוני — לואי מילער׳ס „אָהן אַ האַרץ״, „מאָ׳זש״, נ. י., 29 אָקט. 1926.

ל. קעסנער — „אָהן אַ האַרץ״, „יידטגבל ט״, נ. י., 29 אָקטאָבער 1926.

הלל ראָגאָף — די ווילנער טרופּע אין אַ נייע פּיעסע, „פאָרוו.״, נ. י., 29 אָקט 1926.

ב באָטווינניק — אין דער טעאַטער-וועלט, „דער וועקער״, נ. י., 20 נאָוו. 1926.

נעקראָלאָגן אין דער יידישער פּרעסע, נ. י. 23 מאַי 1927.

יואל סלאָנים — דאָס לעבען פון לואי מילער איז געווען אַ לעבען פון אומדערשראָקענעם קאַמף, „טאָג״, נ. י., 24 מאַי 1927.

זלמן זילבערצוויג — „הינטערן פּאָרהאַנג״, ווילנע, 1928, זז. 118-139.

אַב. קאַהאַן — „אין די מיטעלע יאָהרען״, זז. 387-393, 344-377.

זלמן זילבערצווייג — „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, I, זז. 425-427.

מילער ש. (ישעיה)

געבוירן נאָוועמבער 1895 אין דאָרף פּיליפּאָוויטש, ביי זוויהיל, וואָלין. ביז 8 יאָר דערצויגן געוואָרן אין דאָרף דיבריוועקע, דערנאָך געלערנט אין דער זוויהילער ישיבה. פון 13 יאָר אָן געוואָרן אַן עקסטערן און צו 18 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

זינט 1917 געדרוקט דערציילונגען אין אַמעריקאַנער יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אויך אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער.

מ. האָט איבערזעצט „די אויפוואַכונג פון פריהלינג (אַ קינדער-טראַגעדיע) פון פראַנק וועדעקינד. אידיש פון ס. מיללער״ [געדרוקט אין „פּא׳ש״, נ. י., 5 מאַי — 14 יולי 1917].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, ז. 417.

מילנער, מאַרקאָ (מאַרעק)

[געב בערך 1884 – געשט. 29 אָקט. 1929]



געבוירן בערך 1884.

אין 1904, בעת די יידישע בינע אין פּוילן איז געווען פאַרפּלייצט פון שונד, האָט — לויט יאָנאַס טורקאָוו — אַ גרופּע יונגעלייט באַשלאָסן צו גרינדן אַ ליטעראַריש-אַרטיסטישן קרייז, וואָס זאָל געבן דעם אינטעליגענטן צוקוקער די מעגלעכקייט צו זען די אויפפירונג פון אַ לייטישער פּיעסע. אין צענטער פון דאָזיקן קרייז איז געשטאַנען מ., וועלכער איז, אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ, ענערגיע און אומדערמידלעכער אַרבעט, געוואָרן דער פאַקטישער פירער פון קרייז.

דער קרייז האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין אַ פּריוואַטער וואוינונג אין וואַרשע אויף קופּיעצקאַ גאַס, איז שפּעטער אַריבער אין אַ טאַנץ-שול אויף גזשיבאָווסקאַ, ביז ער האָט געפונען זיין מקום-מקלט אין ניי-געגרינדעטן „הזמיר״. די ערשטע פּיעסע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן דורך מ., איז געווען פּרץ הירשביינס „דער אינטעליגענט״.

אַרום „מילנערס קרייז״, ווי מ׳האָט אים גערופן, האָט זיך גרופּירט די יידישע אינטעליגענטע יוגנט, און אַפילו יידישע שילער פון די פּוילישע דראַמאַטישע שולן זיינען אַריינגעטראָטן אַלס מיטגלידער. צווישן דידאָזיקע שילער זיינען געווען די שפּעטערדיקע יידישע אַקטיאָרן מאַרק שוויד, שרה פּיביך, זיגמונט טורקאָוו א. א.

ס׳זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פּרובן צוצוציען מ׳ן צום פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער, אָבער דער אַנטאַגאָניזם, וועלכער האָט צו יענער צייט געהערשט אין יידישן טעאַטער און די מורא פאַר „ליטעראַרישע״ אַקטיאָרן, האָבן די אַלע פּרובן צונישט געמאַכט. אין מלחמה-צייט איז מ. פאַרוואָגלט געוואָרן אין רוסלאַנד, וואו ער ווערט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין כאַרקאָווער „אונזער ווינקל״, אָנפירנדיק צוגלייך מיט כאַרקאָווער דראַמאַטישע קרייזן

צוריקגעקומען אין פּוילן, האָט ער געאַרבעט אין פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס און אין 1921 איז ער געווען אין דער אָנפירערשאַפט פון „באַוועגלעך יידיש דראַמאַטישן טעאַטער״ פאַר דער פּוילישער פּראָווינץ.

ער האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון יידישן אַרטיסטן-פאַריין און געווען איינער פון די גרינדער און מיטרעדאַקטאָרן פון אָרגאַן פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן אַרטיסט-פאַראיין.

„מילנער — שרייבט יאָנאַס טורקאָוו — איז אַוועק פונם טעאַטער, ווייל ער איז געקומען צום טראַגישסטן, אומפאַרמיידלעכן מאָמענט ביים יידישן אַקטיאָר, צום איבערברוך ! מילנער איז געווען אַ צו שטאַרקע פּערזענלעכקייט ער זאָל זיך קאָנען אונטערוואַרפן, און ווייל די צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פאַר אים, איז ער אַוועק — דאָס הייסט נישט קיין דעזערציע !״.

דעם 29 אָקטאָבער 1929 איז מ. געשטאָרבן אין וואַרשע.

יאָנאַס טורקאָוו — מאַרקאָ מילנער, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 45, 1929.

מילנער, מוישע

געבוירן 1886 אין ראַקיטנאָ, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ „לופט־מענטש", פלעגט שפּילן אַביסל פידל פאַר „אייגענעם פאַרגעניגן". מוטערס ברודער — אַ חזן אין אַמעריקע. געלערנט אין חדר און אַלס „אַלט" געזונגען ביי באַקאַנטע חזנים ווי זיידל ראָוונער און מ. קארעצקי.

$2\frac{1}{2}$ יאָר אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט זיידל ראָוונער, ביי וועלכן ער לערנט סאָלפעדזשאָ, דערנאָך געזונגען אין כאָר ביי א. י. דזשימיטראָווסקי, ביי וועלכן ער זינגט אין מאָצאַרטס „רעקוויעם".

בלייבנדיק אַ יתום און מוטירנדיק די שטים, האָט מ. באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאכה און זיך געלערנט 2 חדשים ביי אַ גראַ־ווירער, ביי וועלכן ער איז אָבער ווייטער ווי צו פאַרשיידענע שליחות נישט דערגאַנגען. באַקומענדיק די מענער־שטים, קערט מ. צוריק צו דזשימיטראָווסקין אין כאָר און הייבט אָן ביי אים לער־נען שפּילן קלאַוויר. באַלד אָבער באַקומט מ. פאַר אַ לערער אָלגאַ וועקער, וועלכע גרייט אים צו אין דער קייזערלעכער מו־זיקאַלישער שול, וואו ער לערנט 2 יאָר ביים פּראָפעסער פוכאַלסקי.

1903 — עקסטערנירט אויף וועלטלעכע למודים און ווייטער שטודירט קלאַוויר־שפּילן. 1907 — אַריינגעטראָטן אין פּעטערבור־גער קאָנסערוואַטאָריע אויפן העכערן קורס פון קלאַוויר־למודים ביים פּראָפ. מיקלאַשעווסקי און גלייכצייטיק אויך גענומען פּריוואַ־טע לעקציעס ביי מ. נ. באַרינסקי.

נאָך זייענדיק ביי זיידל ראָוונער האָט מ. אָנגעשריבן אייניקע מוזיקאַלישע פראַגמענטן, וועלכע ער אַליין האָט נישט געצאָלט קיין אויפמערקזאַמקייט, און איז ערשט אין 1908 — שוין לערנענ־דיק אין קאָנסערוואַטאָריע — אַריינגעטראָטן אין ספּעציעלן קלאַס פאַר טעאָריע פון קאָמפּאָזיציעס, מאַכט 2 קורסן האַרמאָניע ביי וו. פּ. קאַלפאַטי און אַ קורס קאָנטראַפּונקט ביי א. ק. ליאַדאָוו, שפּעטער שטודירט ביי פּראָפ. סאָקאָלאָוו, דערנאָך קאָנטראַפּונקט ביי פּראָפ. וויטאָל, און אינסטרומענטאַציע — ביי מאַקסימיליאַן שטיינבערג און א. מ. זשיטאָמירסקי.

1914 — געענדיקט דעם קאָמפּאָזיציע־קלאַס אין פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און דעם 21 אָקטאָבער 1915 באַקומען דעם דיפּלאָם אַלס פרייער קינסטלער.

מ.׳ס קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן זייענדיק אין קאָנסערוואַטאָריע און דערנאָך ביז 1917, זיינען אויסגעפירט גע־וואָרן אויף די קאָנצערטן פון דער געזעלשאַפט פאַר יידישער פ[ֿאָ]לק[ס]־מוזיק, צו וועלכער מ. איז צוגעצויגן געוואָרן דורך קי־סעלהאָף.

דער ערשטער קאָנצערט פון מ.׳ס שאַפונגען איז פאָרגעקומען דעם 8 אָקטאָבער 1927 אין קליינעם זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע, דער צווייטער — ערשט דעם 12 נאָוועמבער 1921. דעם 6 יוני 1922 איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון מ.׳ס קאָמפּאָזיציעס אין מלוכה־פילהאַרמאָניע מיט דער באַטייליקונג פון קאָמפּאָזיטאָר יוסף אַכראָן א. א.

דער 16 מאַי 1923 איז אין גרויסן דראַמאַטישן טעאַטער אין פּע־טערבורג אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס אָפּערע „די הימלען ברענען, טעקסט פון קאָמפּאָזיטאָר, ליטעראַריש באַאַרבעט פון מ. ריוועסמאַן, רעזשי — וו. פּ. ראַפּאָפּאָרט, דעקאָראַציעס לויט די עסקיזן פון וו. א. סטשוקאַ, מ. אַלס דיריגענט" [די אָפּערע באַהאַנדלט די השכלה־עפּאָכע אין די 60־ער יאָרן פון 19־טן י"ה].

מ. האָט געשריבן מוזיק צו ריכאַרד בער האָפמאַנס „חלום יעקב" און לייוויקס „הגולם", אויפגעפירט דורך „הבימה", און צו פאָלגנדע אויפפירונגען פון כאַרקאָווער יידישן מלוכה־טעאַטער: „יונגען" פון פינינבערג (סעזאָן 1927־28), „אַמעריקאַנער געטער" פון סינקלער־האָפּשטיין, „דער בעסערער מענטש" פון האַנזקוועלער, „הירש לע־קערט" פון קושניראָוו, „די לעצטע" פון רעזניק (1929־30), „בלוט" פון אָרשאַנסקי (1929־30), „ניט געדייגעט" פון מאַרקיש (1930־31, אויך אין רוסישן טעאַטער), „קאַדרען" פון מיקיטענקאָ, און „יוליס" פון דאַניעל (1931).

ער האָט אויך געשריבן די מוזיק פאַר „גראָזאַ" פון אָסטראָווי־סקי, געשפּילט אין רוסישן טעאַטער, און די אָפּערע „דער נייער וועג" [שטעלט פאָר דעם איבערגאַנג פון יידן צו ערד־אַרבעט].

פון מ.׳ס קאָמפּאָזיציעס זיינען געדרוקט: „אין חדר", „אונטער די גרינינקע בוימעלעך" פון ביאַליק, „איבער די הויפן" (אַלע אַרויסגעגעבן מיט לאַטיינישע אותיות אין 1914 אין לייפּציג, דורך דער געזעלשאַפט פון יידישער פאָלקס־מוזיק), אַ וואָקאַלישע סויטע (10 לידער), ווערטער פון י. ל. פּרץ, („קולטור־פאַרלאַג", קיעוו, 1921), „אל הצפור" פון ביאַליק, דאָס זעלבע אין מ.׳ס דייטשער איבערזעצונג, „עד אנה", „אגדה", („אוניווערזאַל עדישאָן". בערלין, 1922), 6 לידער אויף די ווערטער פון יידישע פּראָלעטאַרישע דיכ־טער, מאָסקווע, 1926, „שולמית", ווערטער פון בוטורניק, (אויסגאַבע „מוזסעקטאָר", מאָסקווע, 1929), „עס ברויזט אַ שווערע אַרבעט" פון סאַמאַבאַטניק, (אויסגאַבע „מוזסעקטאָר", מאָסקווע, 1929), „וואַריאַציע און פוגא", „פאָלקסשטימונג" און „אגדה". („אוקראַאינישער מלוכה־פאַרלאַג", כאַרקאָוו, 1929).

פיל קאָמפּאָזיציעס פון מ. זיינען נאָך נישט דערשינען אין דרוק.

ש. ע.

ש. ע. פון זלמן זילבערבלאַט

מענדל עלקין — שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה" איז זיך נוקם אָן אַ האָלענדער ראַבינער, „פאָרווערטס", נ. י., 28 יולי 1923.

ה. קאָן — נייע יידישע מוזיק, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 41, 1925.

שאול — וועגן קאָמפּאָזיטאָר מילנער׳ס מוזיק צו פּרץ מאַרקישעס דראַ־מאַטישע פּאָעמע „ניט געדאַיגעט", „מאָרגן־פרייהייט", נ. י., 29 דעצ. 1930.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע", כאַרקאָוו, 1931, זז. 70-46.

דר. בראַמיטש — דאָס יידישע טעאַטער אין יאָר 1932, „פּרעסע", ב"א, 1 יאַנ. 1933.

מילער, הײמאַן [?]

דעם 26 יאַנואַר 1917 איז אין נעשאָנאַל־טעאַטער אין ניו־יאָרק אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקין „יידישע מלחמה־כלות, צייט־בילד אין 4 אַקטן פון נ. ראַקאָוו און [היימאַן ?] מילער".

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פאָ׳ש", נ. י., 17 פעברואַר 1917.

משה נאַדיר — „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט", זז. 96-93.

מילער, הערי

[הערש מאַלעטץ]



געבוירן זומער 1884 אין ביאַליסטאָק, פויליש-ליטע. עלטערן — קאָנדיטאָריי-באַזיצער. געלערנט אין חדר, ישיבה און געענדיקט אַ שטאָטישע שול. געזונגען אַלס „אַלט" ביים שטאָט-חזן ר' משה באַס און אין קינדער-כאָר בעת קאַמינסקיס פאָרשטעלונגען אין ביאַליסטאָק. שפּעטער געשפּילט „בר-כוכבא" און „אבשלום" בעת אַ צירק פירט אויף א'ל פון רומשינסקי „שולמית" און „בר-כוכבא" מיט דער צירק-דירעקטאָרשע, אַן איטאַליענערקע, וועלכע שפּילט אויף דייטש „שולמית" און „דינה", מיט אַ כאָר פון אָרטיקע בעלי-מלאכות. שפּעטער איז מ. אַריינגעטראָטן אין כאָר ביי פישזאָנען, וואו ער שפּילט ביז 1905 און עמיגרירט דערנאָך קיין אַמעריקע. דאָ טרעט מ. אַריין אַלס געזאַנג-ליבהאָבער אין יידישן וואָדעוויל און נאָכדעם ווי די וואַריעטעס גייען אַראָפּ פון מאַרק, גייט ער איבער צום לעגיטימען טעאַטער. שפּילט צו סעזאַנען אין נעשאָנאַל-און פּיפּלס-טעאַטער, 6 סעזאָנען אין ליריק-טעאַטער, 5 יאָר מיט געבילן, 2 סעזאָנען מיט עלווינגען, 5 סעזאָנען אין ברוקלינער גאָלד-טעאַטער און 1928-9 אין ליריק-טעאַטער, שפּעטער געשפּילט צייטווייליקע פאָרשטעלונגען אין פאַרשיידענע טעאַטערס, 1932-33 — אין נוואַרק.

מ. ע.

מיניקעס, חנן-יעקב

[נעב. 1867 געשט. 27 מערץ 1932]



געבוירן 1867 אין ווילנע, פויליש-ליטע, אין אַן אָנגעזעענער משפּחה. געלערנט אין חדר תנ'ך און גמרא און שפּעטער ביי זיין פאָטער ר' הירש-נחום אב'ד אין לופּץ, גלייכצייטיק אויך זיך געלערנט רוסיש. צו 14 יאָר אַוועק אין ישיבה, וואו ער ווערט אַ משכיל, פאָרט קיין דייטשלאַנד און דורך דער רעקאָמענדאַציע פון ר' ישראל סאַלאַנטער, דר. י. רילף און דעם מלב'ים געוואָרן אַ בן-בית ביי דר. עזריאל הילדעסהיימער אין בערלין.

צוזאַמען מיט שלמה-זלמן פוקס און יצחק קאַמינער געגרינדעט דעם העברעאישן פאַראיין „אהבת ציון". דעביוטירט מיט זיין ערשטן אַרטיקל אין פרץ סמאָלענסקיס „השחר" (תרמ'ה) און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַזיל פאַר די אַנטלאָפענע פון די רוסישע פּאָגראָמען.

1888 — אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז די ערשטע צייט אַ לערער ביי יידישע אַקטיאָרן און דערנאָך אַ בילעטן-קאָנטראָלער אין די יידישע טעאַטערס.

מ. איז געווען איינער פון די ערשטע דעלעגאַטן אין די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" און האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן די יידישע יוניאָנס, איז געווען טעטיק אין פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, דערהויפּט אין י. ל. פרץ-פאַראיין, וואו ער איז יאָרן לאַנג געווען אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג. ער איז אויך געווען זייער אַקטיוו אין „פּיפּעלס רעליעף" און דערנאָך אין „פאָלקס געצייג-קאָמפּיין".

מ. האָט באַזונדערס זיך פּאָפּולער געמאַכט מיט די אויסגאַבעס פון „מיניקעס יום-טוב-בלעטער", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן זינט 1897 אויף די יידישע ימים-טובים.

אין 1895 איז דערשינען אין ניו-יאָרק „צווישן אינדיאַנער, אָדער, דער קאָנטרי פעדלער, קאָמישער וואָדעוויל אין 1 אַקט, מיט געזענגע און טענצע, בעאַרבייט פיר דער יודישער ביהנע פון ח. י. מיניקעס „איש ווילנא" [17 ז., אַן עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער ניו-יאָרקער פּאָבליק-לייברערי], וואָס איז דעם 17 אַפּריל 1895 אויפגעפירט געוואָרן צו מ.'ס בענעפיס אין ווינדזאָר-טעאַטער.

אין 1897 איז אונטער מ.'ס רעדאַקציע דערשינען אין ניו-יאָרק דאָס ע ר ש ט ע בוך אין אַמעריקע וועגן יידישן טעאַטער א'נ „דיא אידישע ביהנע", [נישט פאַגינירט], וואָס אַנטהאַלט אַרטיקלען, איינאַקטערס, לידער, אָפּהאַנדלונגען און געשיכטע וועגן יידישן טעאַטער פון שמ'ר, י. קאַצענעלבויגן, חנן י. מיניקעס, אלכסנדר הארקאווי, מ. זייפערט, א. מ. שאַרקאַנסקי, מאָריס ראָזענפעלד, יעקב גאָרדין, תשר'ק, ב. פייגענבוים, דר. ט. סיגעל, פיליפ קראַנץ, וו. קייזער, זקף גדול, סמבטיון, ראובן ווייסמאַן, יאָהאַן פאליי, ד. מ. הערמאַלין, ב. גאָרין, א. שאָמער. י. טער א. א.

אין זעלבן בוך איז אויך אַנאָנסירט, אַז אינגיכן דערשיינט „נעילה, אָדער, דער ווילנא'ער גאון אונד דיא חסידים. גרויסע אידישע היסטאָרישע אָפּערא פון חנן י. מיניקעס (איש ווילנא). פאָלקס-ליעדער, קופּלעטן אונד פּאַטריאָטישע ליעדער פון וויליאַם קאיזער". אין דעם אַנאָנס ווערט געזאָגט: „עס איז זייער זעלטענס דאס פיעסען, וועלכע זיינען געשאַפן פיר דער יידישער בינע זאָלן אויך ערשיינען אין בוך-פאָרם אַלס אַ ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ס ו ע ר ק. דיזע זכיה קענען נאָר האָבן די ווערק, וועלכע האָבן ווירקלעך אַ ליטעראַרישן ווערט. נעילה איז אַ שטיק, וועלכע איז נ י ט געשריבן געוואָרן צו אָרדער [באַשטעלונג] אונד די ראָלן זיינען גענומען געוואָרן פון דער ווירקלעכקייט, ניט בלויז אָנגעפּאַסט נאָך געוויסע אַקטיאָרן. אַלס ליטעראַרישעס ווערק האָט נעילה זייער אַ גרויסן ווערט. עס האָט צו טאָן מיט אַ וויכטיקע אונד איין אינטערעסאַנטע עפּאָכע. עס האַנדלט זיך וועגן דעם קריג צווישן ח ס י ד י ם אונד מ ת נ ג ד י ם אין דער צייט פון דעם ווילנער גאון. גרויסע מבינים, וואָס האָבן דיזע ווערק געזען אין מאַנוסקריפּט, זיינען ניט מיד געוואָרן לויבנדיק. איין יידיש-ענגלישער שרייבער אין איין אַרטיקל אין די „סאָן" האָט געמאַכט איין עקסטראַ נאָטיס [נאָטיץ] וועגן דיזעס ווערק. איבער די אומרעגלמעסיקע טעאַטער אומשטענדן און דער צו אָפּטער אַריבערגיין פון די עקטאָרס פון איין קאָמפּאַניע [טרופּע] אין דער צווייטער, האָבן מיר ניט געקאָנט געפינען אַ קאָמפּאַניע מיט אַ פּאַסענדן צאָל אונד פּאַסענדע קרעפטן פאַר די [דער] אויפפירונג פון דיזע מייסטערווערק. מיר גיבן עס אינגיכן אַרויס אין אַ שיין געדרוקטן בוך פאָרם אונד מיר פערזיכערן דאס צו ל ע ז ן איזט דיזע ווערק גראַדע אַזוי אינטערעסאַנט ווי צו ז ע ן עס אויף דער בינע. יעדנפאַלס האָפן מיר, דאָס מיר וועלן אינגיכן געפינען אַ פּאַסענדע

קאָמפּאַניע אונד דיזע ווערק אויך א ו י פ פ י ר ן אויף דער בינע״.

די פּיעסע איז קיינמאָל נישט דערשינען און קיינמאָל נישט געשפּילט געוואָרן.

מ. איז געווען אַ מיטגליד אין ראַט פון די טעאַטער-אָנגעשטעלטע און זייער אָפט זיך באַטייליקט אין אויסגלייכן סכסוכים צווישן די פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע אין די יידישע טעאַטערס.

דעם 27 מערץ 1932 איז מ., נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק און געקומען צו קבורה אויפן הר חברון אין ניו-יאָרק

די גאַנצע יידישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט געווידמעט זייער וואַרעמע אַרטיקלען וועגן נפטר.

שלום אַש כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ווען מען קאָן חנן י. מיניקעסן צו עמיצן צוגלייכן, קאָן מען אים צוגלייכן מיט דעם טיפּ פון אַ שמש. ער איז געווען אַ שמש דאָס גאַנצע לעבן. פאַר אַזעלכן האָט ער זיך געהאַלטן און דאָס איז געווען זיין אַרבעט. ער האָט מיט דער החמדה און איבערגעבנהייט פון אַ פרומען שמש געטאָן זיין אַרבעט. ...חנן י. מיניקעס האָט ניט געהאַט קיין פּריוואַטן לעבן (יעדנפאַלס האָט מען עס אין אים ניט געזען). ער האָט זיך אינגאַנצן אַוועקגעשאָנקן צו קהל״.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 418-420.

דר. א. קאָראַלניק — חנן מיניקעס, „טאָג״, נ. י., 29 מערץ 1932.

ה. לאַנג — חנן מיניקעס, אַ מערקווירדיגער מענש איז אַוועק, „פאָרוו.״, נ. י., 29 מערץ 1932

ב. ל. מעקלער — דער אייגנאַרטיגער חנן י. מיניקעס, „מאָ׳זש״, נ. י., 30 מערץ 1932.

ל. קיסמאַן — דער אייביגער המשך, „מאָ׳זש״, נ. י., 31 מערץ 1932.

אַנשל שאָר — אַ בלום אויפ׳ן פרישען קבר פון חנן י. מיניקעס, „די אידישע וועלט״, פיל., 1 אַפּריל 1932.

א. מאַירסאָן — חנן י. מיניקעס, „צוקונפט״, נ. י., מאַי, 1932.

א. אלמי — דער אַמעריקאַנער דינעזאָן, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 17, 1932.

שלום אַש — צוויי אַמעריקאַנער אידען, „פאָרוו.״, נ. י., 11 מאַי 1932.

מינץ, מייקעל (מיכאל)

געב. 1858 — געשט. 14 אַפּריל 1912



געבוירן 1858 אין בריסק ליטאָווסק, פּויליש-ליטע, אין אַ מיוחסדיקער פאַמיליע. פאָטער — אַ למדן און אַ משכיל, האָט געפירט אַ טאַבאַק-פאַבריק. מוטער — אַ טאָכטער פון משה-יצחק הרכבי, האָט געהאַלטן אַ געשעפט פון ווייַן און דעליקאַטעסן. אונטערן דרוק פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז מ. צוזאַמען מיט זיין ברודער משה אַוועק אין 1884 קיין ארץ-ישראל אַלס מיטגליד אין ביל״ו, און פון דאָרט איז ער, אויגוסט 1885, צוזאַמען מיט זיין ברודער, געקומען אין אַמעריקע וואו ער האָט אין 1887 געגרינדעט אין שיקאַגאָ די טעגלעכע יידישע צייטונג „דער טעגליכער אידישער קוריער״.

1888 — באַזעצט זיך מ. אין ניו-יאָרק און צוזאַמען מיט בראָדי און צעלימער הייבט ער אָן אַרויסגעבן דעם 27 יולי 1888 דאָס וואָכנבלאַט „דער פאָלקס אַדוואָקאַט״ (צוערשט אַ׳ר פון ג. זעליקאָוויטש, דערנאָך — פון זיין ברודער משה), וועלכע איז אינגיכן געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע און פאַרשפרייטסטע יידישע צייטשריפטן אין אַמעריקע.

1991 — האָט מ. אַרויסגעגעבן „דער טעגליכער העראָלד״ מיט דעם „פאָלקס אַדוואָקאַט״ אַלס וועכנטלעכע ביילאַגע. סוף 1905 איז די צייטונג מיט איר ביילאַגע איבערגענומען געוואָרן פון לואיס מיללער און רעאָרגאַניזירט געוואָרן אַלס „דיא וואַרהייט״.

מ. איז געווען דער מאַן פון דער אַקטריסע קעני ליפּצין און זיין גאַנצע אַמביציע האָט ער געווידמעט צו שטעלן זיין פרוי אין דער שפּיץ פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, אויסנוצנדיק פאַר דעם קודם כל זיין פאַרבינדונג מיטן „פאָלקס אַדוואָקאַט״. מ. האָט דורכגעפירט די אַלע קניות פון פּיעסעס ביי גאָרדינען פאַר זיין פרוי, אַראַנזשירט אירע פאָרשטעלונגען און זייט 1905, ווען ער האָט רעזיגנירט אַלס צייטונגס-מאַן, האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דעם יידישן טעאַטער אַלס פאַרוואַלטער פון זיין פרויס פאָרשטעלונגען. אין 1908-9 האָט ער אָנגעפירט מיטן לאָנדאָן-טעאַטער, וועלכעס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „ליפּצין-טעאַטער״.

זומער 1904 איז ער — לויט אב. קאַהאַן — געווען דער אַרויסגעבער פון „די דראַמאַטישע וועלט״, וועלכע יעקב גאָרדין האָט רעדאַקטירט.

צוליב שלעכטע געשעפטן פון זיין טעאַטער איז מ. דעם 14 אַפּריל 1912 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ניו-יאָרק און איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וואַשינגטאָן בית-עולם.

אב. קאַהאַן כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ווען מען רעדט וועגן מ דאַם ליפּצין, בעט זיך אויך צו דערמאָנען איר מאַן מייקל (מיכאַאיל) מינץ. קיין שוישפּילער איז ער ניט געווען; אַלס זיין פרויס מענעדזשער [פאַרוואַלטער] און „פּאָבליסיטי מען״ [רעקלאַמע-מאַכער] האָט ער אָבער געשפּילט אַ ראָלע ניט נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון איר קאַריערע, נאָר אויך אין דער אַנטוויקלונג פון גאָרדינ׳ס קאַריערע. ...מיט מאַדאַם ליפּצין האָט ער זיך באַגעגנט אין ניו-יאָרק. ער איז געווען זייער אַ היציקער, אָבער אַ גוט-האַרציקער, מיט אַן אָפענער האַנט און מיט אַ מאַסע ענערגיע, אַן אומערמידלעכער, אַ ברען. זיין פרוי און אירע טעאַטער-אינטערעסן איז ער געווען איבערגעגעבן אָן אַ שעור, און מיט דיזע איבערגעגעבנהייט, מיט דיזע פייער זיינעם האָט ער פיל מיטגעהאָלפן צו מאַכן אַ נאָמען אי איר, אי די פּיעסען אין וועלכע זי האָט זיך אויסגעצייכנט, און דאָס זיינען הויפּטזעכלעך געווען גאָרדינס פּיעסען״.

„זיין לעבנס-אַמביציע — שרייבט ז. קאָרנבליט — איז געווען צו האָבן אַ טעאַטער וואו עס זאָלן געשפּילט ווערן לויטער ליטעראַרישע ווערק. ער איז געווען דער אויפריכטיקסטער און הייסטער אָנהענגער פון יעקב גאָרדין און האָט צוגעלייגט פילע טויזנטער דאָלאַר, שפּילנדיק גאָרדינס פּיעסען וואָכן לאַנג נאָכאַנאַנד כּמעט האַלב-ליידיקע הייזער, ביז ער האָט צוגעוווינט די טעאַטער-גייער צום בעסערן און העכערן סאָרט פאַרגעניגן, וועלכע גאָרדינס פּיעסען פאַרשאַפן. ...אויסער גאָרדינען האָט ער נישט אָנערקענט קיין

יידישן פּראָפעסאָר, און ווען גאָרדין איז געשטאָרבן, האָט ער באַשלאָסן צו געבן אין זיין טעאַטער די בעסטע ווערק פון איבסען, אַנדרעיעוו און אַנדערע און ער האָט געהאָפט, אַז די פּרעסע וועט אים אונטערשטיצן און אים העלפן צו געווינען דאָס יידישע פּובליקום צו דער מאָדערנער אייראָפּעאישער דראַמע. אָבער אין דיזער האָפנונג איז ער ביטער אַנטוישט געוואָרן. דאַן האָט ער די [דער] פּרעסע געוואָרפן די האַנדשוּ און אָנגעהויבן שטעלן שונד און זיך מער נישט געקימערט, וואָס מען שרייבט וועגן זיין טעאַטער. ...אַ געוואַלדיקער אונטערנעמונגס־גייסט און אַ וואונדערבאַרע קראַפט דורכצופירן די אונטערנעמונגען און בייצוקומען אַלע שוועריקייטן. אָבער זיינע ווילדלעכע און ביז אין אַ געוויסן גראַד עקסצענטרישע אַמביציעס האָבן אַלע מאָל אונטערגעגראָבן אַלץ, וואָס ער האָט מיט וואונדערבאַרע[ר] ענערגיע אויסגעבויט. ...ער האָט נישט געהאַט קיין רעליגיאָן און קיין גאָט, אָבער ער האָט געהאַט אַ געטין, דאָס איז געווען זיין פרוי. ער האָט זי פאַרגעטערט אַלס קינסטלערין. ...אין די אַלע 20 יאָר, וואָס ער האָט מיט איר געלעבט, האָט ער קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז זי איז די גרעסטע בינע־קינסטלערין, וואָס די וועלט פאַרמאָגט."

ענלעכס דערציילט דער אַקטיאָר מאָריס מאָשקאָוויטש. וועלכער האָט געשפּילט אונטער זיין דירעקציע: „נאָר איר מאַן האָט מרס. ליפּצין געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר דעם ערפאָלג פון איר קאַריערע. . .צוליב איר פלעגט ער לייען און באָרגן געלט און פלעגט אויפהאַלטן אַ יידישע צייטונג, אום זי זאָל קאָנען האָבן די אומבאַשרענקטע „פּובליסיטי". צוליב איר האָט ער אויך פאַרנאַכלעסיקט זיינע ביזנעס אין די צייטונגען, וואָס ער האָט קאָנטראָלירט ווי „די צייט", „יידישער העראַלד". ...אויסער איר האָט פאַר אים גאָרנישט עקסיסטירט, און אויך צוליב איר האָט ער זיך שפּעטער געשאָסן".

לעאָן קאָברין שרייבט: „ווען ער [מינץ] איז געווען דירעקטאָר פון טאַליאַ־טעאַטער און ער האָט אַראָפּגעבראַכט מאַדאַם קאַמינסקי פון רוסלאַנד, אַז זי זאָל שפּילן אין זיין קאָמפּאַניע, איז ער אָפּט פאַרצווייפלט געווען ווען זי האָט אויסגענומען אין אַ פּיעסע. פאַרקערט, איז זי דורכגעפאַלן, האָט ער זיך געפרייט אָן אַ שיעור. דורך דעם האָט ער פאַרלוירן געלט, זיין געשעפט איז שיער אינגאַנצן נישט אונטערגעגאַנגען — דאָס האָט אים אָבער נישט געאַרט. אַבי קעני ליפּצין זאָל בלייבן די גרעסטע אַקטריסע און נישט אסתּר רחל קאַמינסקי. ...זיין העכסטער אידעאַל איז זי געווען און איר טאַלאַנט. אונטער דער אויסערלעכער גראָבקייט און אָמאָל אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט אין אים געלעבט אַ באַגייסטערטע אַרטיסטישע נשמה. ער האָט שטענדיק געבענקט נאָך אַ שענערער, נאָך אַ בעסערער בינע, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען; האָט באַשעפטיקט די בעסטע אַקטיאָרן און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען צאָלן די העכסטע פּרייזן גאָרדינען פאַר זיינע פּיעסען. אָבער איין זאַך האָט ער אָפּגעהיט: זיין קעני זאָל שטענדיק אַרויסגלאַנצן סיי צווישן די אַקטיאָרן און סיי אין דער פּיעסע. אַ ניט האָט די פּיעסע קורצע טעג געהאַט. ..נאָך גאָרדינס טויט האָט ער אַ געוויסע צייט אין ליפּצין־טעאַטער אויפגעפירט זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסען, זיי האָבן אים אַ סך געלט אריינגעבראַכט. ער איז אָבער געווען אומגליקלעך, האָט געשאָלטן זיך, זאָלאָטאַרעווסקין, די אַקטיאָרן און די גאַנצע וועלט. ער האָט זיך פּשוט געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן. ...ער האָט ווידער גענומען שטעלן אין זיין טעאַטער בעסערע פּיעסען. אַנדרע־יעווס פּיעסען האָט ער געשטעלט און נאָך אַזוינע. זיי האָבן קיין ערפאָלג נישט געהאַט. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. קיין שונד־פּיעסע האָט ער נישט געוואָלט מער שטעלן. און אַזוי האָט ער אַרונטערגעבראַכט זיין געשעפט כמעט ביז צום באַנקראָט".

קעני ליפּצין האָט נאָך מ.ס טויט זיך אויסגעדריקט: „מינץ האָט זיך דערשאָסן פאַר שרעק צוליב באַנקראָט. יעדער סענט פון די צען טויזנט דאָלאַר שולדן, וואָס מינץ האָט געהאַט, האָב איך אויסגעצאָלט. ...מיט דעם טויט פון מיין מאַן, מייקל מינץ, בין איך געבליבן עלנט און איינזאַם".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 420-21.

נעקראָלאָגן אין דער ניו־יאָרקער יידישער פּרעסע 15 אַפּריל 1912.

ז. קאָרנבליטה — מייקעל מינטץ, „פאָ'ש", נ. י., 20 אַפּריל 1912.

קעני ליפּצין — דאָס טהעאַטער פּובליקום דאָ און אין קאַנטרי, „דיא וואָרהייט", נ. י., 5 דעצ. 1915.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס געשיכטע", נ. י., 1916, זז. 237.

ב. באָטווינניק — די פאַרשטאָרבענע אַקטריסע מאַדאַם ליפּצין, „פאָרווי.", נ. י, 1 אָקט. 1918.

י. ענטין — מאַדאַם ליפּצין און די גאָלדענע עפּאָכע פון אידישען טהעאַטער אין אַמעריקא, „דיא וואָרהייט", נ. י., 13 אָקט. 1918.

א. מ. רובין — אַ גוטמוטיגער, נאַאיווער און צאַרנדיגער פּערלעגער, „דער טאָג", נ. י., 23 נאָוו. 1924.

לעאָן קאָברין — „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", נ. י, 1925, זז. 145-162.

ב. קאַליש — [זכרונות], „דער טאָג", נ. י, 24 אָקט. 1925.

אַב. קאַהאַן — „אין די מיטעלע יאָהרען", נ. י., 1928, זז. 289, 353.

י. ל. פיין — די לעבענסגעשיכטע פון דעם אידיש־ענגלישן שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש, „פאָרוו.", נ. י., 26 דעצ. 1929.

מינץ, עליע

[אליהו זאַץ]

געבוירן 1 אויגוסט 1904 אין לעמבערג, גאַליציע. ברודער פון לודוויק זאַץ. געלערנט אין חדר און דערנאָך געענדיקט אַ פאָלקס־שול. אַלס קינד שוין געווען געצוואונגען צו האַנדלען אין גאַס. אין דער מלחמה־צייט געזונגען אין טעמפּל.

1918 — אַוועק קיין קראָקע, וואו ער לערנט און ציט זיין חיונה פון אַרבעט אין אַ קאַפע־הויז. 1920 — צוריקגעפאָרן קיין לעמבערג, וואו ער טרעט אַריין צו גיכ־פעלן אין כאָר און שפּילט אויך קליינע ראָלן, דעביוטירנדיק אַלס „חתן" אין ש. אַנ־סקיס „דער דיבוק". דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין קראָקע, וואו ער איז ווידער קעלנער אין אַ רעסטאָראַן און ווערט שפּעטער אַריינגענומען אין טרופּע צו אַדאָלף מעלצער, דערנאָך אין אַנדערע טרופּעס, ציענדיק אָבער חיונה אַלס קעלנער אָדער סוחר.

1924 — אַוועק קיין דאַנציג, וואו ער איז אַ קורצע צייט קעל־

נער, דערנאָך אַ סוחר מיט גאַלאַנטעריע־סחורות, שפּילנדיק גלייכ־צייטיק מיט די „ליבהאָבער" פון אָרטיקן פּרץ־פאַראיין.

יולי 1927 — געקומען אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אַריין אַר־בעטן אין אַ שאַפּ און ערשט צום סעזאָן 1928־29 אַריינגעטראָטן, א'נ עליע מינץ, אויף קליינע ראָלן אין יידישן קונסט־טעאַטער, אַרבעטנדיק ווייטער בייטאָג אין שאַפּ. 1929־30 — געשפּילט ביי האָלענדערן אין באָסטאָן, סוף סעזאָן אַרומגעוואַנדערט מיט לעאָן בלאַנק איבער דער פּראָווינץ און זומער ווידער געאַרבעט אַלס קעלנער. סעזאָן 1930־31 — געשפּילט אין אינטימען קונסט־טעאַטער (דיר. — מאַרק שווייד), און נאָכדעם ווי דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך, געוואָרן קעלנער אין „אונזער קעמפּ", וואו ער אָרדנט אויך איין טעאַטער־אָוונטן פאַר די געסט. סעזאָן 1931־32 — געשפּילט אין אָדעאָן־טעאַטער (מענ. — משה ריכטער) און דערנאָך אין דעטראָיט, וואו ער האָט די געלעגנהייט צו שפּילן מיטן גאַסטראָ־לירנדיקן סעמ. גאָלדענבורג. זומער איז מ. ווידער געווען אין אַ זומער־פּלאַץ אַלס קעלנער און „אַמוזירער" און צום סעזאָן 1932־33 — ווידער אַנגאַזשירט געוואָרן אין יידישן קונסט־טעאַטער.

מ. ע.

[—] — זיין פּנים זאָגט, אַז ער איז זאַץ, אָבער ער לייקענט, „פאָרוו.", נ. י., 5 אָקט. 1928.

מינקאָווא, יוכבד־יהודית

געבוירן 17 סעפּטעמבער 1897 אין וואַר־שע, פּוילן. פאָטער — קונסט־מאלער, געענ־דיקט אַ מיטלשול. נאָך גאָר יונג פלעגט זי שוין שפּילן מיט „ליבהאָבער" און אין 1918, זייענדיק אין מאָסקווע, איז זי אַריינגע־טראָטן אין אַ דאָרטיקער יידישער דראַמאַ־טישער סטודיע. דעם 15 יוני 1921 אָנגעקומען אַלס מיטגליד אין „מימ'ט" און דעם 24 סעפּטעמבער 1921 דעביוטירט אין שלום־עליכם־אָוונט.

זינט דאַמאָלט איז מ. פאַרבליבן אין דאָזיקן טעאַטער און זיך אויך באַטייליקט אין אייראָפּעאישן טורנע.

סוף 1932 איינגעלאַדן געוואָרן דורך מייערכאָלדן צו שפּילן (אין יידיש) די ראָל „פּרוי בעק" אין דער רוסישער פּיעסע „די חתונה פון קרעטשינסקי".

מ. ע.

ש. ע. פון זלמן זילבערבלאַט.

מינקום, משה

געבוירן 25 אַפּריל 1891 אין פּולאַוו, לובלינער געגנט, פּוילן. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון דער מוטער (דעם לובלינער רביס אַן אייניקל) אין פּויליש, הגם דער פאָטער איז גע־ווען אַ שטרענג־חסידישער ייד, וואָס האָט געפירט אַ פרום הויז.

מ. האָט אָנגעשריבן 3 פּיעסעס: „דערוואַקסענע, דראַמאַ אין 3 אַקטען. וואַרשע, 1919" [81 ז. 16°], „דאָס מיספאַרשטענדניש, דראַמאַ אין 3 אַקטען, וואַרשע, 1920" [70 ז. 16°], וואָס איז גע־שפּילט געוואָרן דורך ל. סאָקאָלאָוו אין לאַדזש, און „ווער איז דער מערדער, דראַמע אין 4 אַקטען, וואַרשע 1920" [74 ז. 16°].

שפּעטער האָט מ. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און זיך באַ־זעצט אין ניו־יאָרק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 429.

מיפּעלעוו, נחמן

געבוירן 16 מאַי 1896 אין סקידעל, גראָדנער געגנט. פּויליש־ליטע. פאָטער — אַ שניידער. געלערנט אין די ישיבות פון גראָדנע און לאָמזשע. דערנאָך פאַר זיך אין אַ קיבוץ אין וואָראָנאָווע, שפּעטער געווען אַן עקסטערן אין מינסק.

נאָך דער רעוואָלוציע אַוועק (1906) קיין קראָקע, וואו ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער אין דער דאָרטיקער העברעאיש־פּוילישער שול.

זינט 1907 געדרוקט פאַרשיידנס אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש און העברעאיש, אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער און רע־דאַקטירט אַ העברעאישן קינדער־זשורנאַל.

אין 1921 איז אין קראָקעווער יידישן טעאַטער אויפגעפירט גע־וואָרן מ.'ס דרייאַקטיקע דראַמע „די ישיבה".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 429־430.

מישוראַט, מאיר

[ראַטושניק]

[געב. בערך 1866 — געשט. 1922]

געבוירן בערך 1866 אין זוועניגראָדקאַ, קיעווער גוב., אוקראַ־אינע. פאָטער — אַ קליינהענדלער מיט מאַנופאַקטור. געלערנט אין חדר און ביז 11 יאָר אין ישיבה, וואו — פאַרבאָרגענערהייט — באַקענט ער זיך צוביסלעך מיט דער השכלה־ליטעראַטור און זיין פרומער פאָטער פאַרטרייבט אים דערפאַר פון שטוב.

וואַנדערנדיק איבער פאַרשיידענע שטעטלעך אָן שום פּראָפעסיע, ווערט ער נאָענט מיט אַ יידישע וואַנדער־טרופּע, וואו ער טוט פאַר־שיידענע אַרבעטן. ביי דער געלעגנהייט באַקענט ער זיך מיט דער דאַמאָלטיקער ספּעציפישער טעטיקייט פון די יידישע טעאַטער־פאַרוואַלטער ווי אָפּצונאַרן די מאַכט און פּאָליציי־באַאַמטע, און ווערט אַ מומחה אויפן געביט פין אויסנאַרן אָדער אויסבעטן דער־לויבנישן צו שפּילן „יידיש־דייטש טעאַטער" אָדער סתם „דייטש טעאַטער".

אין משך פון דער צייט הייבט ער אָן צו שפּילן קאָמישע ראָלן און ווערט אויך אָנפירער פון אַן אייגענער טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איבער די קלענערע שטעט און שטעטלעך פון רוס־לאַנד. נאָך דער חתונה מיט דער טאָכטער פון אַ וואסער־פירער אין ניקאָפּאָל, מאַכט ער זי פאַר אַ פּרימאַדאָנע און ווערט דורכדעם דער „זעלבסטהערשער" פון זיין טרופּע, אין וועלכער ס'האָבן אָנ־געהויבן זייער בינע־קאַריערע אַ סך יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן דערנאָך פאַרנומען באַדייטנדע פּאָזיציעס אויף דער יידישער בינע.

אין 1922 איז ער געשטאָרבן אין זוויעניגראָדקאַ.

ישראל ראָזענבערג האָט אין ניו־יאָרקער „טאָג" (13 יאַנואַר — 10 פעברואַר 1917) אָפּגעדרוקט אַ סעריע טעאַטער־קוריאָזן פון מ.

דוד רייץ שילדערט אים אַזוי: „זייער אַ גוטער ברודער. יעדן טאָג פלעגט ער ברענגען פאַר די אַקטיאָרן פלייש, ברויט, קאַר־טאָפל, אַ פלעשל בראָנפן, אַמאָל אַ פּאָר שיך און אַן אָנצוג און אפילו יעדע וואָך געפירט די אַקטיאָרן אין באָד אַריין. ער פלעגט נאָר אַרומפאָרן אין די קלענערע שטעטלעך. ...קיין מזומן געלט האָט אַן אַקטיאָר [פון אים] קיינמאָל נישט געזען. [ער האָט] פשוט נישט געהאַט און די אַלע זאַכן פלעגט ער אויך קריגן אויף קאָנ־טראָמאַרקעס. אַליין דירעקטאָר, קאַסיר, אַקטיאָר, גאַרדעראָבער. זיין ווייב, די ערשטע אַקטעריסע, [טוט] אַליין נייען די קליידער, וואַשן, קאָכן, באַקן. איינמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרקויפט בילעטן ביי דער טיר אויף אַ קליין טישל, שטייט ער אויף דער בינע אַלס „פּאַפּוס" און „דינה" גייט אָפּ, שרייט ער אויס: „אַזוי, איך בין אַ חיה בזויה, דאָס הייסט, גאָר קיין מענטש נישט", דערזעט ער מיט איין אויג („פּאַפּוס" איז בלינד אויף איין אויג), אַז אַ ייד מיט אַ 25 קאָפּיקעס־בילעט זיצט אויף דער ערשטער באַנק פון די 50 קאָפּיקעס, גיט ער אַ זאָג: „ר' יוד, פאַר 25 קאָפּיקעס זיצט מען אונטן, נישט פאָרנט", הייבט זיך אויף דאָס יידל און זאָגט: „איך האָב אייך אין דער ערד מיט אייער שפּיל אין איינעם", ענטפערט מישוראַט: „דאָס פּערטעלע וועט איר צוריק נישט קריגן, איר מעגט גיין", און זאָגט זיך ווייטער זיין פּראָזע: „מען לייקנט מיר אָפּ מיינע מענטשלעכע געפיל־ע.."

מ. מיאָדאָוויניק דערציילט אין זיינע זכרונות: „..די קאַסע פלעגט ער אַלע נאַכט צונעמען, אַלע מאָנטאָג פלעגט מען מאַכן די חשבונות און אַלע וואָך פלעגן מיר נאָך שולדיק בלייבן, ווייל קיין ריינעם חשבון האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען. ..מישוראַט פלעגט נאָך אַרויסגעבן אויסער די אַלגעמיינע קאָנטראָמאַרקעס, קאָנטראָמאַרקעס דעם קצב פאַר פלייש, דעם בעקער פאַר ברויט. מיט איין וואָרט — פאַר אַלע פּראָדוקטן פון לעבנס־געברויך פלעגט ער געבן קאָנטראָ־מאַרקעס. ...מישוראַט האָט קיין רעקוויזיט פאַר זיך קיינמאָל נישט צוגעגרייט. אַז מען האָט שוין געדאַרפט אָנהייבן, פלעגט ער לויפן פון קאַסע און שרייען „פאַריקמאַכער, קלעפּ מיר אָן אַ בערדל!" און אַזוי ווי ער איז געגאַנגען, איז ער אַרויף אויף דער בינע".

מ. ע. פון מישע בודקין און ש. ע. פון דוד רייץ.

איזראַאיל ראָזענבערג — „גאָספּאָדין מישוראַט", „דער טאָג", נ. י., 13 יאַנ.־10 פעבר. 1917.

מ. מיאָדאָוויניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, נ' 4, 1929.

מישוראַט, מאַקס (מאָטל)

[געב. בערך 1901 — געשט. 1921]

געבוירן בערך 1901 אין אוקראַאינע. עלטערן — די אַקטיאָרן מאיר און סאָניע מישוראַט. פון קינדווייז אָן געשפּילט אין דער טרופּע פון זיינע עלטערן. שפּעטער געוואָרן אַ פּאַט־קאָמיקער און פלעגט אַרויסטרעטן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין 1921, אויפן וועג קיין יעליסאַוועטגראַד, געשטאָרבן פון שווינדזוכט, בעתן שפּילן אין זיין פאָטערס טרופּע.

ש. ע פון מאַרק לייפּציקער.

מישוראַט, סאָניע

[שרה־כייקע ראַבינאָוויטש]

געבוירן אין ניקאָפּאָל, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ וואַסער־פירער. בעת מאיר מישוראַט שפּילט מיט זיין טרופּע אין ניקאָפּאָל, באַקענט ער זיך מיט איר, און ער באַוועגט זי אַריינצו־טרעטן אין זיין טרופּע. נאָך זיין חתונה מיט איר, גיט ער איר צו שפּילן פרימאַדאָנע־ראָלן.

מ. האָט געשפּילט כסדר אין איר מאַנס טרופּע, און אַלס בעל־הביתטע האָט זי דאָרט שטענדיק פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

נאָכן טויט פון איר זון און מאַן, האָט זי אַדאָפּטירט אַ ייִנגעלע, וועלכעס זי פירט אַרום מיט זיך איבער אוקראַאינע אַלס איר „זון" און טרעט אַרויס מיט אים אַלס „וואונדער־קינד" אויף „קאָנצערטן".

מ. ע. פון מישע בודקין און ש. ע. פון דוד רייץ און מאַרק לייפּציקער.

מ. מיאָדאָוויניק — מיינע טעאַטער־זכרוינעס, „דער שטערן", זשורנאַל, מינסק, נ' 4 1926.

מישנון, ראָזע

[ראַשעל]

געבוירן 2 מערץ 1883 אין דאָרף מישנון, קאָוונער געגנט, ליטע. פאָטער — געהאַלטן אַ שענק. נאָך אַלס קינד פון 4 יאָר האָט מ. זיך אויסגעלערנט עברי און צו 5 יאָר — לייענען רוסיש. שפּעטער האָט זי פון אַ רו־סיש־דייטש לערנביכל זיך אויסגעלערנט לייענען דייטש, געלערנט תנ"ך און געלייענט שמ"ר און בלאָשטיינס ראָמאַנען. אין עלטער פון 6 יאָר איז זי פון אַ קראַנקהייט טויב געוואָרן און באַקומען אַ צעקאַלעטשעט לשון.

אין עלטער פון 15 יאָר געקומען מיט אַ שוועסטער אין אַמע־ריקע צו אירע ברידער. דאָ 3 יאָר געלערנט אין אַן אַנשטאַלט פאַר טויב־שטומע, דערנאָך געאַרבעט אין שעפּער און אין דער פרייער צייט זיך געלערנט ענגליש.

דערמוטיקט פון ש. יאַנאָווסקי, דאַמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „פרייע אַרבייטער שטימע", איבערזעצט מ. אין יידיש ענגלישע דערציילונגען, וועלכע זי פאַרעפנטלעכט אין „פּא"ש", „פאָרווערטס" און „צייט־גייסט".

צוליב אַ ספּעציעלער נייגונג צו דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַ־טור האָט מ. איבערזעצט (פון ענגליש) די דענישע דראַמעס „לינ־גאַאַרד און קאָמפּאַניע, אַ דראַמע אין 4 אַקטען" („פרייע אַרבייטער שטימע", 7 אויגוסט 1915־ 8 יאַנואַר 1916) און „קאַרען באָרנעמאַן, אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען", („פרייע אַרבייטער שטימע", 10 יוני־22 יולי 1916), ביידע פון היאַלמאַר בערגסטראָם.

מ. האָט אויך איבערזעצט (פון ענגליש) דעם שפּאַנישן איינאַקטער „אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען" פון סעראַפים און יאָאַכים אַלוואַרעס קווינטערא („פרייע אַרבייטער שטימע", 3־10 מאַי 1919) און אייניקע איינאַקטערס פון סט. דזשאָאַן אוירווין (געדרוקט אין אַ טעגלעכער צייטונג אין שיקאַגאָ, רעד. דורך קלמן מרמר).

ש. ע.

מלאך, ל.

[לייבל זאַלצמאַן]

געבוירן 27 נאָוועמבער 1894 אין זוואָלין, ראַדאָמער גוב., פּוילן. זיין מוטער, אויפן נאָמען פון איר ערשטן מאַן, מלאך, איז אים אָפּגעשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר און זיין פאָטער (רפאל-מענדל זאַלצמאַן, אַ ייד אַ למדן, אַן אַמשינאָווער חסיד, פריער אַ דאָרפס-מלמד, דערנאָך אַן אייל-מילנער, אַ פערד-הענדלער) האָט נאָך דער חתונה מיט אַ צווייטער פרוי, זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון אים. פון 7 ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַ קורצע צייט אין בית-המדרש. צו 10 יאָר געוואָרן אַ באַהעלפער אין זוואָלין, דערנאָך אין ראַדאָם. צו 13 יאָר אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער איז געווען אַ שפּיגל-שלייפער, אַ בעקער-יינגל, אַ מאָלער און אַ טאַפּעטנקלעבער.

צו 16 יאָר, אונטער דער ווירקונג פון די יידישע צייטונגען און פון יידישן טעאַטער, אָנגעהויבן זיך לערנען שרייבן יידיש און זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג.

אין 1915 דעביוטירט מיט אַ באַלאַדע „דריי" אין „וואַרשעווער טאָגעבלאַט" (אַר פון ה. ד. נאָמבערג), דערנאָך פאַרעפנטלעכט באַלאַדעס, פּאָעמען און לעגענדעס אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון פּוילן און זינט 1919 זיי אַרויסגעגעבן אין באַזונדערע ביכער.

אין 1922 איז דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון אַ. גיטלין מ.'ס „אַפּפאַל, רעאַליסטישע דראַמאַטישע פּאָעמע אין 10 בילדער", וואָס פלעגט אָפט רעציטירט ווערן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ דורכן אַקטיאָר יעקב ווייסליץ.

אין זעלבן יאָר זיינען אויך אין מ.'ס בוך „לידלעך און מעשהלעך" פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.'ס קינדער-פּיעסעס „דער זשאַבע-קעניג, אַ מעשהלע אין 2 אַקטן" און „דער ווילדער פּרינץ, אַ פאַרשטעלונג".

1922 — אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וואו ער אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע ליטעראַרישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, באַזוכט און באַשרייבט די יידישע ישובים פון אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוויי, העלפט גרינדן יידישע ביבליאָטעקן א. ד. ג.

אין 1924 האָט מ. אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטן „דאָס גאָרן שטיבל", וואָס איז באַלד דערויף דערשינען אין אַרגענטינער וואָכנבלאַט „פאַר גרויס און קליין". פראַגמענטן פון דער פּיעסע זיינען אין 1926 אויפגעפירט געוואָרן פון דער גרופּע „יונג אַרגענטינע" אין בוענאָס-איירעס.

שפּעטער האָט מ. פולשטענדיק באַאַרבעט די פּיעסע א'נ „די מויד פון לודמיר", וועלכע ווערט אָנאָנסירט צום אויפפירן פון מאָריס שוואַרץ (ניו-יאָרק) און דר. מ. ווייכערט (וואַרשע).

פראַגמענטן פון דער פּיעסע אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון לואי בערג זיינען געווען געדרוקט אין אַן ענגלישן זשורנאַל אין סיאַטעל, וואַשינגטאָן.

אין 1926 האָט מ. אָנגעשריבן זיין פּיעסע „איבערגוס" (פון וועלכן דער ערשטער אַקט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל „דרום אַמעריקע", מערץ און אַפּריל, 1926). די פּיעסע איז אָנגענומען געוואָרן אויפצופירן אין יידישן טעאַטער אין בוענאָס-איירעס, אָבער צוליב איר קאָמפּראָמיטירנדיקן כאַראַקטער קעגן די פּראָווינץ-הענדלער אין אַרגענטינע, איז זי אויפן דרוק פון די פּראָווינץ-הענדלער — צוריקגעצויגן געוואָרן פון אַפיש. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל אָנצוהייבן אַן ענערגישן קאַמף צו באַפרייען דאָס יידישע טעאַטער אין דרום-אַמעריקע פון דער אַפּוטראָפּסות און התקרבות מיט די פּראָווינץ-הענדלער און זייערע קרבנות. דער קאַמף איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך יעקב באָטאָשאַנסקי, איז דערנאָך געוואָרן דער ענין פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און זיך געענדיקט דערמיט וואָס דער אַריינטריט אין יידישן טעאַטער פאַר „טמאים" (פּראָווינץ-הענדלער און זונות) איז פון דאַמאָלט אָן פאַרווערט געוואָרן. (אַ געוויסע צייט האָט דאָס יידישע טעאַטער אין דרום-אַמעריקע געהאַט אויפשריפטן אויף די אַפישן און איבער די טעאַטערס „פאַר טמאים איינטריט פאַרבאָטן").

די פּיעסע איז דעם 18 יולי 1926 אויפגעפירט געוואָרן אין ב'א דורך דער גרופּע „יונג-אַרגענטינע" א'ר פון יעקב באָטאָשאַנסקי, איז קורץ נאָכדעם אויפגעפירט געוואָרן אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער (רעזשי — ל. זאַסלאַווסקי), איז — אין צוזאַמענהאַנג מיטן מחברס קומען אין צפון-אַמעריקע אויפגעפירט געוואָרן דורך נאַטאַן גאָלדבערג דעם 9 נאָוועמבער 1927 אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער א'נ „גאַסן-פרויען" (איבערגוס) מיט צילי אַדלער אין דער הויפּט-ראָל, און דעם 1 דעצעמבער 1927 אין ניו-יאָרקער אירווינג פּלייס-טעאַטער א'ר פון מאַקס ראָזענטאַל מיט אים, צילי און סטעלאַ אַדלער אין די הויפּטראָלן. גלייכצייטיק ווערט די פּיעסע ווייטער געשפּילט אין פּראָספּעקט-טעאַטער מיט ראָזע גאָלדבערג אין דער הויפּט-ראָל, און שפּעטער דורך צילי אַדלער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, אַרגענטינע און אייראָפּע א'נ „דער געלער שאָטן". אין פעברואַר 1928 ווערט דיזעלבע פּיעסע ווייטער אויפגעפירט אין פּוילן דורך זאַסלאַווסקין א'נ „הערצער צום פאַרקויפן" און האָט דאָרט אַ גרויסן דורכפאַל.

אין 1927 ווערט דורך רודאָלף זאַסלאַווסקין אויפגעפירט אין פּאַריז ל.'ס דראַמע אין 3 אַקטן „לייבעלע טענצער", וועלכע ווערט אין אַפּריל 1932 אויפגעפירט דורכן מחבר אין פילאַדעלפיער זשעראַרד-טעאַטער (מיט משה שטראַסבערג אין דער טיטל-ראָל).

אין 1928 איז אין „פאַ'ש" פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.'ס דראַמע אין 2 בילדער „שטענדיק — קיינמאָל", וואָס איז אין זעלבן יאָר אויפגעפירט געוואָרן דורך ליבהאַבער (רעזשי — י. ווייסבראָד) אין טאָראָנטאָ.

אין 1928 איז אין יובילײ-נומער פון „די פרעסע" פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.'ס „וויין און בלוט" (באַלאַדע אין איין אַקט), וואָס איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פאַ'ש" א'נ „פעטראָניוס", און אין 1929 אין „די פרעסע" — זיין קאָמעדיע אין איין אַקט „דער קריטיקער מיטן שאַרפן אויג", וואָס איז אין 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין טאָראָנטאָ דורך מאָריס נאָוויקאָווס טרופּע.

אין 1921 איז אין „פאַ'ש" פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.'ס שפּיל אין איין אַקט פון אַרבעטער-לעבן „פּויסטן", וואָס איז דעם 5 יוני 1931 אויפגעפירט געוואָרן (א'ר פון א. גאַמזו) דורכן דראַמקרייז ביים יידישן אַרבעטער קולטור קלוב אין טאָראָנטאָ.

אין 1932 איז אין „די פרעסע" פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין סצענקע „דעלעגאַט דאָקטאָר פערפל".

מ. האָט אויך אין כתב־יד די נאָך נישט־אויפגעפירטע פּיעסעס „מיט פאַרמאַכטע אויגן" (דראַמע אין 3 אַקטן) און „אסתּרקע די קעניגין פון פוילן" (פאָלקסטימלעכע אָפּערעטע אין 2 אַקטן).

סעזאָן 1931־32 איז מ. געווען געהילף־רעזשיסער אין פילאַדעלפיער זשיראַרד־טעאַטער.

מ. האָט אויך פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, שוישפילער און קינאָ.

1932 — איז מ. אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע.

מ.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] ל. מלאך
אָפּפאַל
וואַרשע 1922 [186 ז. 16°]

[2] ל. מלאך
דער זשאַבע־קעניג
אַ מעשהלע אין 2 אַקטן
פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1922 [20 ז. 24°]

[3] ל. מלאך
דער ווילדער פּרינץ
פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1922

[4] ל. מלאך
דאָס גאָרן שטיבל
דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטן
[געדרוקט אין „פאַר גרויס און קליין", ב״א, 1924]

[5] ל. מלאך
איבערגוס
[1־ער אַקט געדרוקט אין „דרום־אַמעריקע", ב״א, מערץ־אַפּריל 1926]

[5א] ל. מלאך
איבערגוס
דראַמע אין 4 אַקטן
בוענאָס איירעס 1926
[76 ז. 16°]

[6] ל. מלאך
שטענדיק־קיינמאָל
דראַמע אין 2 בילדער
[געדרוקט אין „פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 1926]

[7] ווייַן און בלוט (באַלאַדע אין איין אַקט) פון ל. מלאך
[„די פרעסע", ב״א, יובילײ־נומער 1928]

[7א] „פּעטראָניוס"
[„פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י. 1928]

[8] ל. מלאך
דער קריטיקער מיטן שאַרפן אויג
קאָמעדיע
[„די פרעסע", ב א, 1929]

[9] פויסטן (אַ שפּיל אין איין אַקט פון אַרבייטער לעבן) פון ל. מלאך
[„פרייע אַרבייטער שטימע", נ. י., 5, 12 יוני 1931].

[10] דעלעגאַט דאָקטאָר פּערפל...
(אַ סצענקע) פון ל. מאַלעך
[„די פרעסע", ב״א, 14 אויגוסט 1932].

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 431־434.

ל. מלאך — „איבערגוס", ב״א, 1926 [פאָרוואָרט פון יעקב באָטאָשאַנסקי].

א. ה־ן — „לייבעלע טענצער" פון ל. מלאך אין טעאַטער די טאַמפּל, „פאַריזער היינט", 28 יוני 1927.

בלייפעדער [א. י. גראָדזענסקי] — אַ גוטע פּיעסע און אַ גוטע שפּיל, „אָוונט־קוריער", ווילנע, 31 אָקט. 1927.

י. ה. ראַדאָשיצקי — ל. מלאכ׳ס נייע דראַמע, „דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 9 נאָוו. 1927.

מ. ווינאָגראַד — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא׳ש", נ. י., נ׳ 12, 1927.

אלף־אלף [א. אויערבאַך] — מלאך׳ס דראַמע פון אַרגענטינער אידישען לעבען, „מאז׳ש". נ. י., 11 נאָוו. 1927.

דר. א. מוקדוני — ל. מלאך׳ס „איבערגוס". „מאז׳ש", נ. י., 9 דעצ. 1927.

י. שאַמעס — מלאך׳ס איבערגוס, אויפגעפירט אין ניו־יאָרק, „פרעסע", ב״א, 9 דעצ. 1927

ל. ס. ביעלי — די נייע פּיעסע פון אוירווינג פּלייס טעאַטער, „יידטגבל׳ט", נ. י., 11 דעצ. 1927

מעפיסטאָ — „הערצער צו פאַרקויפן" (איבערגוס) געשפּילט מיט דער באַטייליגונג פון רודאָלף און בערטאַ זאַסלאַווסקי, „נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 27 פעבר. 1928.

ש. ג. [גלאַזערמאַן] - „הערצער צו פאַרקויפן" פּרעמיערע אין טעאַטער עקסעלסיאָר, „אידישע צייטונג", ב״א, 13 מאַי, 1928.

דר. משה לוסטיג - זאַסלאַווסקיס אַנסאַמבל. פערקויפטע הערצער פון ל. מלאך, „דער מאָרגן", לעמבערג, 7 יולי 1928.

X — „הערצער צו פערקויפען", „אונזער עקספרעס", וואַרשע, 19 נאָוו. 19 8.

י מ. ניימאַן — טעאַטער־נאָטיצען, „היינט", וואַרשע, 20 נאָוועמבער 1928.

ב שעפנער — גאָט פון נקמה אָן שלום אַש, „נייע פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 21 נאָוו. 1928.

א גן — „הערצער צו פאַרקויפן" (פון ל. מלאך אין סקאַלאַ), „דער מאָמענט", וואַרשע, 2 דעצ. 1928.

אלחנן צייטלין — „הערצער צו פאַרקויפן", „טעאַטער־צייטונג", וואַרשע, 5, 1928.

ד. לאַסקי — ל. מלאך „הערצער צו פאַרקויפן", אויפגעפירט אין טעאַטער, „סקאַלאַ", רעזשי זאַסלאַווסקי, „אויפגאַנג", וואַרשע, נ׳ 5 1928.

מ ע־ם — פון יודישען טעאַטער, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 27 דעצ. 1928.

אהרן קאַניעווסקי — אַן אַנגעוועהטאָגטע שטיק לעבן פון די אידען אין סאוט אַמעריקע, „דער טאָג", פילאַדעלפיע, 2 נאָוו. 1929.

י. ה. ראַדאָשיצקי — רינגען פון דער קייט, „די פרעסע", ב״א, 26 יאַנ 1930.

יעקב פרנס — ווער איז דער גרינדער פונם אידישען טעאַטער אין בראַזיל?, „די פרעסע", ב״א, 24 אַפּריל 1930.

י. ראַבינאָוויטש — „דער געלער שאָטען", „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 3 נאָוו. 1930.

יעקב באָטאָשאַנסקי — די אידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע, „צוקונפט", נ. י., אויג. 1931.

אלחנן צייטלין — דאָס בוך, וואָס כ׳האָב אָקאָרשט איבערגעלייענט, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 29, 1932.

דר. ח. גאָלד — און נאָך צוויי דורות יידישע שרייבער אין אַרגענטינע, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 6, 1933.

יעקב באָטאָשאַנסקי — דאָס יידישע טעאַטער אין אַרגענטינע, דאָרט.

מלמד, משה

געבוירן 25 דעצעמבער 1882 אין אונגעני, בעסאַראַביע, ביי אָרימע עלטערן. פאָטער — אַ סטאָלער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך זיך גענומען צום פאָטערס מלאכה און גלייכצייטיק אַליין זיך געלערנט העברעאיש און אַביסל רוסיש.

אונטערן איינדרוק פון דער שמ׳ר-בלוישטיין-ליטעראַטור אָנגעהויבן שרייבן אין עלטער פון 18-19 יאָר קלענערע זאַכן און געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס אין „דער יוד״. געווען טעטיק אַלס ציוניסטישער אָרגאַניזאַטאָר און אַראַנזשירט „ליבהאָבער״-פאָרשטעלונגען, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט.

1905 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און דעביוטירט אַנאָנים מיט אַ דערציילונג אין לאָנדאָנער „אידישער עקספּרעס״. ערשט אין אויגוסט 1906 פאַרעפנטלעכט אונטער זיין נאָמען אַ דערציילונג אין קלמן מרמרס „אידישער קעמפער״ און פון דאַמאָלט אָן זייער אָפט מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס. 1912 — געוואָרן אויף 4 יאָר קאָלאָניסט אין מערב-אַמעריקע, דערנאָך צוריקגעקערט קיין פילאַדעלפיע, וואו ער אַרבעט ביז איצט אַלס רעדאַקציע-מיטגליד אין „די אידישע וועלט״.

מ. האָט 7 יאָר אָנגעפירט מיט דער טעאַטער-אָפּטיילונג אין דער צייטונג, אין וועלכער ער האָט געשריבן לענגערע אָפּהאַנדלונגען וועגן אויפפירונגען אין יידישן טעאַטער (בפרט וועגן הירשביינס פּיעסעס), פאַרעפנטלעכט פיל אינטערוויוס מיט יידישע אַקטיאָרן און באַזונדערס דערמוטיקט די אַקטיאָרן מוני וויזענפריינד און לודוויג זאַץ בעת זייערע ערשטע טריט אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע.

מ. האָט אַרויסגעגעבן אין בוך-פאָרם אַ דערציילונג „אַ רגע גליק״ און האָט אין „צייט-גייסט״ (4 אָקטאָבער 1897) פאַרעפנטלעכט „חוה״ (אַ בילד אין איין אַקט), וואָס איז באַלד דערויף געשפּילט געוואָרן אין לאָנדאָן. אין 1907 איז דורכן אַקטיאָר יעקב פרענק געשפּילט געוואָרן מ.׳ס אַן איינאַקטער פון רוסיש-יאַפּאַנישן מלחמה-לעבן און אין 19.7 איז אין „דער אידישער קעמפער״ פאַרעפנטלעכט געוואָרן מ.׳ס איינאַקטער „ביים פרעמדן פייער״.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 435-436.

מנחם

[מנחם גאָלדבערג]

געבוירן 1888 אין בריסק-ליטאָווסק, פויליש-ליטע. ברודער פון זשורנאַליסט אברהם גאָלדבערג. אויפגעצויגן אונטער דער השגחה פון זיין פאָטער, אַ העברעאישער לערער, וועלכער האָט מיט אים געלערנט תנ׳ך, דקדוק און אַביסל גמרא. אין חדר כמעט נישט געלערנט. באַזוכט די רוסישע שטאָטישע שול און אַ געוויסע צייט געווען אַן עקסטערן.

1905 — געקומען אין וואַרשע, וואו ער האָט אין 1906 דעביוטירט מיט אַ ריי לידער אין „דער וועג״. שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע יונגע יידישע דיכטער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום י. ל. פרץ.

מ. גיט זיך דערנאָך אָפּ מיט זשורנאַליסטיק און ווערט אַ רעדאַקציע-מיטגליד פון „היינט״ און „דאָס אידישע וואָכענבלאַט״, וואו ער שרייבט אויך זייער אָפט וועגן יידישן טעאַטער א׳פּ מ-ם.

נאָענט פאַרן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה אָנגעשריבן די אָפּערעטע „האַנקאַ״, וועלכע איז (מיט דער מוזיק פון יצחק שלאָסבערג) אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשע אין קאַמינסקיס טעאַטער.

בעת דער מלחמה אַוועק אין דער שווייץ און איבער פאַריז און לאָנדאָן עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט אין פאַרשיידענע טאָג-צייטונגען און זשורנאַלן, אויך א׳פּ מ. באָריישאָ, און וועגן טעאַטער א׳פּ מ. גרים (אין „פרייע אַרבייטער שטימע״ און דערנאָך אין „די וואָך״ און „יידיש״).

1924 — געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון חודש-זשורנאַל „טעאַליט״.

אין זשורנאַל „דער האַמער״ (נ. י., מאַי און יוני 1928) האָט מ. א׳פּ מנחם באָריישאָ פאַרעפנטלעכט זיין „דער פאַסטוך דוד, אַ שפּיל אַף אַ ביבלישן מאָטיוו אין זעקס בילדער״, וואָס איז אין 1922 דערשינען אין פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע [152 ז. 16°].

אין וואָכנבלאַט „די וואָך״ (נ. י. נ׳ 33, 1930) האָט ער אונטערן זעלבן פען-נאָמען פאַרעפנטלעכט „אַ גאַסט״ (צוויי פראַגמענטן).

דעם 12 סעפּטעמבער 1931 איז אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן די אָפּערעטע „דאָס מיידל פון וואַרשע, ליברעטאָ אין 2 אַקטן פון מנחם און בנימין רעסלער, מוזיק — יוסף רומשינסקי״ (מיט אָלאַ לילית און ווילי גאָדיק אין די הויפּט-ראָלן).

אין דעצעמבער 1931 איז אין פאָלקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך מישע גערמאַן מ.׳ס פּיעסע „איין פרוי״ (מיט מישע און לוסי גערמאַן אין די הויפּטראָלן).

מ. האָט אין כתב-יד אַ פּיעסע „די ברודערשאַפט״.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 438-441.

ז. וויינפּער — מנחם „ליטבל׳ט״, וואַרשע, 34 1928.

הלל ראָגאָף — אָלאַ לילית די נייע אָפּערעטען סטאַר אויף סעקאָנד עוועניו, „פאָרווערטס״, נ. י., 18 סעפּט 1931.

רעי ראַסקין — דאָס מיידל פון וואַרשע, „אונזער פאָלק״, נ. י., 23 סעפּט. 1931.

וויליאַם עדלין — אידיש טעאַטער — אין אידיש ... דער עווענינג, „טאָג", נ. י., 25 סעפט. 1931.

אלף-אלף [אויערבאַך] — אַלאַ ליליִת אין אַן אָפּערעטע, „מאָז'ש", נ. י., 25 סעפט. 1931.

נ. בוכוואַלד — מנחם וויל שונדעווען און קען ניט, „מאָרגן-פרייהייט", נ. י. 2 אָקט. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — אין צוויי טעאַטערס, „פאָ'ש", נ. י., 9 אָקט 1931.

דר. אַלעקסאַנדער מוקדוני — בערישע טובות, „פאָ'ש", נ. י., 23 אָקט. 1931.

מ. אָשעראָוויטש — אַלאַ ליליִת „דאָס מיידל פון וואַרשע", „דער וועקער", נ. י, 31 אָקט. 1931.

ל. מאַלעך — טעאַטעריי, „די פרעסע", ב'א. 6 נאָוו. 1931.

אב. קאַהאַן — אַ נייע פּיעסע אין דעם פאָלקס טעאַטער, „פאָרווערטס", נ. י., 16 דעצ. 1931.

וויליאַם עדלין-„איין פרוי" — אין פאָלקס טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 18 דעצ 1931.

פּראָטעסט פון סאַראַ סמיט און אַן ענטפער פון מ באַריישאָ, „דער טאָג", נ. י., 18 דעצ. 1931

ב. י. גאָלדשטיין — די כלה איז צו-שיין, „פאָ'ש", נ. י, 25 דעצ. 1931.

ל. מאַלעך — טעאַטעריי, „די פּרעסע" ב א, 25 דעצ. 1932.

וויליאַם עדלין — אין טעאַטער-וועלט זוכט מען אַ שעיר לעזאזל, „דער טאָג", נ. י. 25 דעצ. 1932.

ש. ב. — פון פּראָלעטאַרישע קונסט ביז „איין פרוי", „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", שיקאַגע, 1, 1932.

סלאַווע ע ט ין — בן-עמי — מנחם באַריישאָ'ס „איין פרוי", „אונזער פאָלק", נ. י., 1, 1932.

י. ראַפּאָפּאָרט — ווידער אַ „היסטאָרישע דראַמע", „וואָכנשריפט", וואַרשע, 28, 1932.

ראָבערט מעריסאָן — היסטעריע אַנשטאָט היסטאָריע, „שטעגן", סטאַניסלאַוואָוו, 6-7, 1933.

מעדאָוו, דייוויד

געבוירן 22 יאַנואַר 1888 אין יעליסאַוועטגראַד, אוקראַאינע. ווען מ. איז אַלט געווען 12 יאָר האָבן זיך זיינע עלטערן איבערגעצויגן קיין קרעמענטשוג, וואו ער האָט געזונגען אַלס משורר און דערנאָך אַלס סאָליסט ביים חזן אברהמעלע אָרענשטיין.

שפּעטער האָבן זיך זיינע עלטערן אַריבערגעקליבן קיין באָברויסק, וואו דער פאָטער איז געווען פאַרוואַלטער פון שיפן אויפן טייך בעריאָזאַ. דאָ האָט מ. אין 1907 אָנגעהויבן זיין טעאַטער-קאַריערע ביי אַ פאַרבייפאָרנדיקער אוקראַאינישער טרופּע, און אַזוי ביז דער וועלט-מלחמה געשפּילט אין די רוסיש-אוקראַאינישע טרופּעס פון א. ס-סלאָוו, ד. היידעמאַקו, טשערנאָוו און סוכאָדאָלסקי.

דורך דער צייט פון דער וועלט-מלחמה האָט מ., צוזאַמען מיט זיין פרוי, ראַאיסאַ סאָלאָוויאָוואַ, קאָנצערטירט, און אַזוי זיך דערקליבן ביז כצרבין און פון דאָרט איבער יאַפּאַן און כינע געקומען אין 1915 אין אַמעריקע וואו ער דעביוטירט אויף דער יידישער בינע אין שיקאַגאָ (עמפּייר-טעאַטער א'א פון יאָזעף קעסלער און סערא אַדלער) אין די גאָלדפאַדען-אָפּערעטעס „שולמית" און „בר כוכבא". דערויף איז מ. אַנגאַזשירט געוואָרן אין 1916 צו באָריס טאָמאַשעווסקי אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער, וואו ער טרעט אויף אין דער אָפּערעטע „דאָס צעבראָכענע פידעלע", אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן ליד „איך ברענג אייך אַ גרוס פון דער היים" (מוזיק — י. רומשינסקי) און זינט דאַמאָלט שוין געבליבן אויף דער יידישער בינע און אויך אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

מ. האָט אין משך פון 8 יאָר געזונגען פאַר דער פאָנאָגראַף-פירמע „קאָלומביאַ" און 7 יאָר פאַר דער „וויקטאָר קאָמפּ.".

שפּילנדיק אויף דער יידישער בינע האָט מ. פון צייט צו צייט געמאַכט הפסקות, בעת וועלכע ער האָט אַליין אָרגאַניזירט אָדער מיטגעשפּילט, אין פון אַנדערע צוזאַמענגעשטעלטע, אוקראַאינישע טרופּעס, אָבער צוליב אַנטיסעמיטיזם מצד זיינע אוקראַאינישע קאָלעגן, האָט ער איבערגעריסן זיין שפּילן אוקראַאיניש.

דעם 12 דעצעמבער 1930 האָט ער אויפגעפירט אין ניו-יאָרקער „בראָנקס-קונסט-טעאַטער" אין זיין יידישער איבערזעצונג די אוקראַאינישע אָפּערעטע „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ" פון י. קאָטליאַרעווסקי.

מ. איז איייניקע מאָל געווען פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

מ.'ס פרוי באַטייליקט זיך אָפט צוזאַמען מיט איר מאַן אין יידישע פאָרשטעלונגען.

מ. און ש. ע.

לעד פענסיל [ב. באָטווויניק] — אַ אידישער אַקטיאָר איז דער חזן פאַר טויזענדער רוסישע פויערים אין אַמעריקאַ, „פאָרווערטס", נ. י., 1 יולי 1923.

„רומשינסקי-בוך", נ. י., 1930, ז. 30.

מעדוויעדעוואַ, ראַיסע

געבוירן 1874 אין קיעוו, אוקראַאינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. געענדיקט גימנאַזיע און דערנאָך געוואָרן אַ לערערין.

1892 — דורך איר פאָטער, אַ מעצענאַט פון יידישן טעאַטער און אַ פערזענלעכער פריינט פון אברהם פישזאָן, געוואָרן אַן אָפּטע איינגייערין אין יידישן טעאַטער בעת פישזאָנס גאַסטראָלן אין קיעוו און דערנאָך אַריינגעטראָטן צו אים אין טרופּע, וואו זי האָט געשפּילט געזאַנגס-און דערנאָך דראַמאַטישע ראָלן.

נאָכן שפּילן איייניקע יאָר אין פישזאָנס טרופּע אַריבער אין דער טרופּע פון סאַבסיי און דערנאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס.

1928 — האָט זי, צוזאַמען מיט איר שוועסטער ראָסי און איר שוואָגער ה. ווייסמאַן, זיך באַזעצט אין טיפליס, וואו זיי האָבן

געשפּילט ביז 1928, ווען זי איז פּאַראַליזירט געוואָרן און פאַרלוירן די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אויף דער בינע.

מ. איז געווען די פרוי פון אַקטיאָר קאַלינאַ.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער און מ. ע. פון א. ג קאָמפּאַניעץ.

מעדוויעדעווא, ראָסי



געבוירן מערץ 1888 אין קיעוו, אוקראַאינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין שול און באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, האָט זי מיט 12 יאָר אָנגעהויבן לערנען זינגען און אין עלטער פון 15 אַריינגעטראָטן אויפן וואָקאַלן קורס פון דער אָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע, דערנאָך געלערנט פּריוואַט ביים אָפּערע-זינגער מאיר מעדוויעדאָוו.

נישט האָבנדיק מער קיין מאַטעריעלע מיטלען ווייטער צו שטודירן, האָט מ. אויסגענוצט די באַקאַנטשאַפט פון איר פאָטער מיטן גאַסטראָלירנדיקן יידישן טעאַטער-דירעקטאָר אברהם פישזאָן און איז אַרום 1908 אַריינגעטראָטן אין זיין טרופּע אַלס פּרימאַדאָנע, שפּילנדיק כמעט אין גאַנצן גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר.

שפּעטער גייט זי איבער אַלס פּרימאַדאָנע אין אַנדערע אָנגעזעענע יידישע טרופּעס, וואו זי שפּילט אויך מיט אין מאָדערנעם אָפּערעטעס-רעפּערטואַר.

1917 — האָט מ. חתונה מיטן אַקטיאָר הערש ווייסמאַן און מאַכט מיט דעם זעלבן בינע-עטאַפּ, וואָס איר מאַן.

1928 — איז זי געווען מיטן באַוועגלעכן קאָלעקטיוו א׳א פון ווייסמאַן און ליבערט אויף אַ טורנע איבער קאַווקאַז און גרוזיע, און קומענדיק אין טיפליס, ווערט איר מאַן קראַנק, צוליב וואָס זי ציט זיך צוריק פון דער טרופּע און פאַרבלייבט שוין אין טיפליס, וואו זי באַטייליקט זיך אין די פאָרשטעלונגען פון דער אָרטיקער אַרבעטער-סטודיע ביים צענטראַלן יידישן קולטור-הויז און אויף קאָנצערטן מיט יידישע פאָלקס-לידער.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

מעיט און גראָפּער.

יעקב מעיט האָט געהאַט אין ניו-יאָרק (אַמעריקע) אַ קאָסטיום-געשעפט. דאָס זעלבע — אברהם גראָפּער (ברודער פון אַקטיאָר יוסף גראָפּער).

אין 1911 האָבןביידע זיך פאַראייניקט און ספּעציאַליזירט זיך אין קאָסטיומירן די פאָרשטעלונגען פון די יידישע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און סביבה.

די פירמע (ניו-יאָרק, 83 סעקאָנד-עוועניו) איז על פּי רוב אָנגעשטעלט אין יעדן יידישן טעאַטער און שטעלט צו ספּעציעל-געמאַכטע קאָסטיומען צו יעדער נייער אויפפירונג.

זינט מעיטס טויט איז גראָפּער דער אייגנטלעכער בעל-הבית פון דער פירמע.

מ. ע. פון אברהם גראָפּער.

מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַאינע.

דעם 22 סעפּטעמבער 1925 איז דורך דעם ראַטפאָלקאָם פון דער אוקראַאינישער ראַטנרעפּובליק אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו עפענען דעם ערשטן מלוכהשן יידישן טעאַטער אין אוקראַאינע.

די עפנונג פון כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער איז געווען אַ נאַטירלעכער פועל יוצא פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט: קולטור — אינטערנאַציאָנאַל לויט איר אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט איר פאָרם.

דער יסוד פון וועלכן דער כאַרקאָווער יידישער מלוכהשער טעאַטער האָט אין אָנהייב געצויגן זיינע הויפּט-קאַדרען, איז געווען די געוועזענע קיעווער טעאַטער-סטודיע „קולטור-ליגע” (געגרינדעט אין 1919 און זינט 1922 אַריבערגעפירט קיין מאָסקווע).

אָפיציעל האָט זיך דאָט טעאַטער געעפנט דעם 6 דעצעמבער 1925 אין כאַרקאָוו מיט „פּורים-שפּיל, אַ יידישער באַלאַגאַן אין 3 אַקטן, באַאַרבעטונג פון די טעקסטן, מאָנטאַזש פונם סצענאַריע, אינטערמעדיעס און רעזשי — אפרים לויטער, דעקאָראַציעס — א. ריבאַק, מוזיק — ש. שטיינבערג און ל. פולווער, טענץ — יעלענאַ וואולף”.

„דער ספּעקטאַקל האָט — שרייבט י. ליובאָמירסקי — זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דינאַמיק, מיט זיין האָפערדיקייט. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ מונטערער שטימונג. דער אַקטיאָרן-צוזאַמענשטעל האָט זיך אינם ספּעקטאַקל אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעאיקן קאָלעקטיוו, פון וועלכן מ׳קאָן דערוואַרטן באַדייטנדע שפּעטערישע דערגרייכונגען. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט געמאַכט דער פּראָלאָג, ווייל, לויט דער מיינונג פון דער פּרעסע, האָבן זיך אין די איבעריקע אַקטן אייניקע שטעלן און מיזאַנסצענירונגען איבערגעחזרט. בכלל איז דער ספּעקטאַקל געווען איבערגעלאָדן מיט מאַטעריאַל, אַזוי, אַז דער צושויער פלעגט מיד ווערן. דאָך איז דאָס געווען איינער פון די באַליבסטע ספּעקטאַקלען — ער האָט זיך זייער לאַנג געהאַלטן אינם רעפּערטואַר פונם כאַרקאָווער טעאַטער — אַ דאַנק די אינטערעסאַנטע מאַסקעס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַ דאַנק דעם שאַרף-סאַטירישן צוגאַנג, וואָס האָט זיך אַזוי העל אַרויסגעוויזן אין ריבאַקס קאָסטיומען (דעם לויפערס של ראש-היטל, פּורים-קראַפן אויף די קעפּ, בייכער, וואָס הענגען אַראָפּ, האָרבאַטע רוקנס, דאַמען-פאַנטאַלאָנעס צוזאַמען מיט טליתים, לאַפּסערדאַקן), אַ דאַנק דער טעמפּעראַמענטפולער, קלוגער שפּיל פון אַ ריי אַקטיאָרן, אַ דאַנק דעם רייכן כאָרעאָגראַפישן און מוזיקאַלישן טייל פונם ספּעקטאַקל.

נאָר אויב פון ריין-פאָרמעלן שטאַנדפּונקט האָט „פּורים-שפּיל” געקאָנט צופרידנשטעלן דעם טעאַטער, ווי אַ פּרוב אָנצוטאַפּן די נאַציאָנאַלע פאָרם און ווי אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר עכטער טעאַטראַלישקייט, האָט עס פונם אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט געהאַט אַ קליינעם באַדייט. דער טעאַטער — ניט נאָר דער כאַרקאָווער, בכלל דער טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד — האָט שוין פיבערהאַפּט גענומען זוכן קאָנקרעט-רעוואָלוציאָנערן מאַטעריאַל. דאָס איז געווען די צייט, ווען סיי די דראַמאַטורגן, סיי די טעאַטערס האָבן זיך מיט אַ באַזונדערן אימפּעט צוגעכאַפּט צו די טעמעס פון בירגערקריג”.

אַזוי איז אין סעזאָן 1925-26 אויפגעפירט געוואָרן „אין ברען, אַ רעוואָלוציאָנערע כראָניק אין 4 אַקטן און 10 בילדער פון

ד. מי־'אָוויטש (דאַניעל) און אפרים לויטער, רעזשי – אפרים לויטער, דעקאָראַציעס – י. ריבאַק, מוזיק – ש. שטיינבערג".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „ווי דאָס רוב פיעסעס פון בירגער-קריג, איז „אין ברען" געווען זייער אַ שוואַכע פיעסע: עס האָט געפעלט אַ פעסטע קלאָרע קאָמפּאָזיציע; די פערסאָנאַזשן זיינען געווען סכעמאַטיש געצייכנט, בלויז; דער דיאַלאָג איז ערטערווייז געווען לאַנגווייליק. ...דער שוואַכער אידעאָלאָגישער און דראַמאַטורגישער רוקנביין פון דער פיעסע, די ניט-גאָר קלאָרע ליניע פונם רעזשיסאָרישן באַנעמען דעם מאַטעריאַל, די ניט-געלונגענע אַרבעט פונם קינסטלער [דעקאָראַטאָר] זיינען ניט געווען גינסטיק פאַר דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער כראָניק, וואָס דער טעאַטער האָט געוואָלט געבן".

אין זעלבן סעזאָן (1925-26) איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „שבתי צבי, אַ טראַגעדיע פון אַן אָפּגענאַרט פאָלק, אין 4 אַקטן, סצענאַרי-מאָנטאַזש פון אפרים לויטער [לויט י. זשולאַווסקי און שלום אַש], רעזשי – וו. ס. סמישליאַיעוו און (פאַרענדיקט) אפרים לויטער. דעקאָראַציעס – ע. ראַביטשעוו, מוזיק – אַל. קריין, טענץ – יעלענאַ וואָולף".

„אין דער טעאַטראַלישער פאַרקערפּערונג פונם כאַרקאָווער טעאַטער – שרייבט י. ליובאָמירסקי – איז ניט קלאָר געווען, צי האָט מען דאָ געוואָלט געבן די טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוינע פירער, ווי שבתי צבי, צי די טראַגעדיע פון אַ פירער, וואָס שטיצט זיך אויף אַזאַ אומבאַהאָלפענער פּאַסיווער מאַסע ווי דאָס מיטלאַלטערלעכע יידנטום. הגם מען האָט דעם שווערפּונקט פונם ספּעקטאַקל אַריבערגעטראָגן אויף די מאַסען-סצענעס, דאָך האָט זייער אַ גרויס אָרט אינם ספּעקטאַקל פאַרנומען די פּערזענלעכע דראַמע פון שבתי צבי, וועלכער איז געווען איבערצייגט אין זיין געטלעכקייט און האָט געגלייבט, אַז ער פאַרמאָגט גענוג קרעפטן אויף צו באַפרייען דאָס ליידנדיקע יידישע פאָלק.

דער רעליגיעזער עקסטאַז פון די יידישע מאַסען, פון שבתי צבי גופא, די שטאַרקע התפעלות פון זיין תלמיד, נתן הנביא – צוזאַמען מיט אַל. קריינס מוזיק – דאָס אַלץ האָט דורכגעדרונגען דידאָזיקע שטעלונג מיט אַ היפּשער פּאָרציע מיסטיק. אפילו אין די ליניעס פון די דעקאָראַציעס, פון די טירן, פון די פענסטער, אין די טענער פון דער עקסטאַזפולער מאַסע, די קעפּ פון די איינגעגלייבטע פאַנאַטיקער, – דאָס אַלץ האָט זיך געריסן אַרויף – צום „הימל"...

דאָ האָט געשטעקט אַ געפאַר, אַז די שטעלונג וועט וועקן נאַציאָנאַליסטישע געפילן.

אין פּרט פון סטיל, פון פאָרם, האָט זיך דאָ געשפּירט אַן איינהייטלעכקייט – אַ מין סכעמאַטיזם, וואָס איז אייגנטלעך פאַרן באַדינגלעכן טעאַטער. דאָס האָט זיך געמערקט אינם זשעסט, וואָס איז געווען גענוי דורכגעאַרבעט, אין אַ ריי אויסדריקלעכע סטאַטואַרישע, סקולפּטורישע מאַסען-סצענעס. אויך האָט זיך עס געשפּירט אין די שטרענגע און קאַרגע ליניעס פון ראַביטשעווס קאָנסטרוקטיווער אויספורעמונג".

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50 יאָריקן יובילײ פונם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, איז נאָך אין סעזאָן 1925-26 אויפגעפירט געוואָרן „די צוויי קוני-לעמלעך, פאָלקס-פאַרס אין 8 עפּיזאָדן, ליטמאָנטאַזש און רעזשי – אפרים לויטער, דעקאָראַציעס – י. ראַביטשעוו, מוזיק – א. גאָלדפאַדען און ש. שטיינבערג".

„כדי דער פּסיכאָלאָגישער אונטערשלאַג און בכלל דער לאָגישער גאַנג פון דער אינטריגע, פונם סוזשעט זאָלן ניט אויסקומען אומגעלומפּערט און ווילד, האָט אפ. לויטער „די צוויי קוני-לעמלעך" געשטעלט אין פּלאַן פון אַ „פאָלקס-פאַרס" מיט אַ שטאַרקן עלעמענט פון וואָדעוויל. דאָס האָט אים צעבונדן די הענט, און ער האָט דאָ אויסגענוצט אין אַ ריי סצענעס די מאַנירן פון דער איטאַליענישער מאַסקעס-קאָמעדיע (קאָמעדיע דעל אַרטע).

כדי פאַרבינדן די פיעסע מיטן היינט, האָט ער נאָך אַריינגעפירט באַזונדערע אינטערמעדיעס, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו די היינטיקע געשעענישן.

אין גרונט פון דער מוזיק האָט דער קאָמפּאָזיטאָר ש. שטיינבערג אַוועקגעלייגט פאָלקס-מעלאָדיעס און גאָלדפאַדען-לידער.

ניט געקוקט אויף דע־ אַלט־פרענקישער קינסטלערישער אויספורעמונג פונם קינסטלער ראַביטשעוו (דאָס איז געווען כמעט אַ בפירושדיקע רעסטאַווירונג פון די דעקאָראַציעס פונם אַלטן יידישן טעאַטער), האָבן זיך „די צוויי קוני-לעמלעך" געהאַלטן לאַנג אינם רעפּערטואַר פון כאַרקאָווער טעאַטער. עס איז געווען איינע פון די באַליבסטע פאָרשטעלונגען" [י. ליובאָמירסק־].

אין סעזאָן 1926-27 איז אויפגעפירט געוואָרן „קוימענקערער, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון א. פּעפּער און ג. פידל, רעזשי – אפרים לויטער, דעקאָראַציעס – מ. עפּשטיין, מוזיק – ש. שטיינבערג, טענץ – י. וויגיליעוו".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „אין תוך גערעדט, איז די פיעסע דראַמאַטורגיש זייער שוואַך געווען. זי טראָגט ערטערווייז אַ כאַראַקטער פון אַ פעליעטאָן: זי איז געשריבן אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון גאָרדינס „כאַסיע די יתומה" (דערויף זאָגט [זאָגן] עדות אפילו די נעמען: כאַסיע (פון דעם דינסטמיידל) און מאָטי (איר פאָטער), – הכלל, דער „קוימענקערער" האָט גיכער געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ רעווי ווי פון אַן ערנסטער פיעסע. די טרוקנקייט, דער סכעמאַטיזם פונם קינסטלער עפּשטיינס קאָנסטרוקציע האָט האַרמאָנירט מיט דער סכעמאַטישקייט פון דער פיעסע.

דער „קוימענקערער" האָט דאָך געגעבן אַ טייל אַקטיאָרן אַ מעגלעכקייט אַרויסווייזן זייער באַגאַבטקייט און וואוקס. דער צושויער האָט דעם „קוימענקערער" אויפגענומען גוט און דעריבער האָט זיך דידאָזיקע פיעסע אַ שטיק צייט געהאַלטן אינם רעפּערטואַר פונם כאַרקאָווער טעאַטער".

אין זעלבן סעזאָן (1926-27) איז אויפגעפירט געוואָרן „ראָזיטאַ, אַ מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן, 11 בילדער פון א. גלאָבאַ, איבערזעצט ה. קאָזאַקעוויטש, רעזשי – ז. ווין, דעקאָראַציעס – י קיגעל, קאָמפּאָזיטאָר – וו. מייטיס, כאָרעאָגראַפיע און קאַרנעוואַלן – י. וויגילעוו".

„אונטערשטרייכנדיק דעם דעמאָקראַטיזם פון ראָזיטע – שרייבט י. ליובאָמירסקי – און פונם גאַסן-המון און קעגנשטעלנדיק זיי דעם קעניג און אַנדערע פאָרשטייער פון דער מאַכט, וועלכע ז. ווין האָט געשילדערט אין פּלאַן פון גראָטעסק, האָט ער דערמיט געוואָלט פאַרענטפערן, צודעקן די אידעאָלאָגישע פּוסטקייט און פּרעמדקייט פון דער פיעסע אָבער דאָס האָט געהאַט אַ קנאַפּע פּעולה.

דערצו איז די דעקאָראַטיווע אויספורעמונג פונם קינסטלער קיגעל געווען צו האַמעטנע, צו מאַסיוו. אייניקע טייל פון די דעקאָראַציעס האָבן זיך שלעכט געלאָזט אין גאַנג. צום ביישפּיל, דער בריק, וואָס פלעגט זיך אַראָפּלאָזן פון אויבן, האָט אָפט געפּראַוועט קאַפּריזן.

פון מייטוסעס אויסגעצייכנטער מוזיק האָט דערדאָזיקער ספּעקטאַקל זייער אַ סך געוואונען.

אָבער ניט געקוקט אויף אַ ריי גינסטיקע מאָמענטן אין אָט דער שטעלונג, ווי דער קאַרנעוואַל, ווי די מוזיק, איז „ראָזיטאַ" גיך אַרויסגעפאַלן פונם רעפּערטואַר פון כאַרקאָווער טעאַטער".

אין זעלבן סעזאָן (1926-27) איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „אין דער גאָלדענער מדינה, אַ דראַמע אין 4 אַקטן, לויט דזש. לאָנדאָנס „וועלפישע נשמות". איבערזעצונג און באַאַרבעטונג — ה. קאַזאַקעוויטש. רעזשי — פ. לאָפּאַטינסקי. דעקאָראַציעס — וו. שקליאַיעוו".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „די גאָלדענע מדינה" האָט פאַרן כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער אַ באַדייט בלויז אויף אַזויפיל אויף וויפיל פון די אַלע זשאַנרען, אין וועלכע דער טעאַטער האָט פּרובירט זיינע קרעפטן, האָט נאָך געפעלט צום רומל אַ פּיעסע מיט פּסיכאָלאָגיע. אַזאַ צופעליקע שטעלונג ווי „די גאָלדענע מדינה" קאָן מען דערקלערן בלויז ווי אַ נויטווענדיקן שריט צוליבן רעפּערטואַר-קריזיס".

פאַרענדיקט דעם סעזאָן 1926-27 האָט דאָס טעאַטער מיט „זאַגמוק טראַגעדיע פון אַנאַטאָל גליעבאָוו, איבערזעצט — עזרא פיניבערג. רעזשי — אפרים לויטער, דעקאָראַציעס — י. ב. ראַבינאָוויטש, מוזיק — ראָזענטור און יו. מייטוס, כאָרעאָגראַף — י. וויגיליעוו".

„די פּיעסע — שרייבט י. ליובאָמירסקי — שטעלט מיט זיך פאָר אי אַ סאָציאַלע דראַמע, אי אַ מעלאָדראַמע. ...פון דער פאָרשטעלונג ווייעט מיט קאַלטקייט. מיט היסטאָרישער אָפּערע. דאָך איז דער ספּעקטאַקל „זאגמוק" איינער פון די אינטערעסאַנטסטע ספּעקטאַקלען אינם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער".

אין 1927 האָט אַ גרופּע פון 8 אַקטיאָרן פאַרלאָזט דאָס טעאַטער.

נאָכן פאַרענדיקן דעם סעזאָן אין כאַרקאָוו, האָט זיך די טרופּע אַרויסגעלאָזט אויף גאַסטראָלן און בעת איר גאַסטראָלירן אין אָדעס, איז צו דער טרופּע צוגעשטאַנען אַלס מיטגליד דער אַקטיאָר מ. נאָרוויד.

אין סעזאָן 1927-28 איז אויפגעפירט געוואָרן „ריסטאָקראַטן, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, ליטמאָנטאַזש פון ד. וואָלקענשטיין און מ. נאָרוויד, דעקאָראַציעס — מ. עפּשטיין, כאָרעאָגראַף — ג. גאַנגעס. מוזיק — ש. שטיינבערג" [די פּיעסע איז צונויפגעשטעלט פון שלום עליכםס „מענטשן", „פאַרביטן די יוצרות" א. א. אַן ענלעכע פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען פון פ. אַראָנעס איז דערשינען אין מינסק אין 1929].

„דער ספּעקטאַקל „ריסטאָקראַטן" — שרייבט י. ליובאָמירסקי — האָט אַרויסגערופן אין אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכקייט און פון דער קריטיק דערווידערונגען: מ'האָט אין די „ריסטאָקראַטן" איינגעזען אַ צו גרויסן איינפלוס פון גראַנאָווסקיס שול. חוץ דעם — נאָך די גאַסטראָלן פונם מאָסקווער יידישן מלוכהשן טעאַטער, און נאָכדעם ווי דער כאַרקאָווער טעאַטער האָט שוין אין אַנדערע פּיעסעס אויף זיין שטייגער היבש אויסגענוצט אַ טייל פון די מאַסקעס, וואָס באַגעגנען זיך אין די „ריסטאָקראַטן" — האָט זיך אַ געוויסן טייל צושויער געדוכט, אַז ס'איז איבעריק געווען ווידער זיך נעמען צו שלום-עליכמען. אָט די אומצופרידנקייט האָט אפילו אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין דער פּרעסע".

אין זעלבן סעזאָן (1927-28) איז אויפגעפירט געוואָרן „יונגען, פון ע. פיניבערג, רעזשי — אפרים לויטער, דעקאָראַציעס — סלוצקי, מוזיק — מ. מילנער".

„עס האָט זיך באַקומען — שרייבט י. ליובאָמירסקי — אַ סצענאַרי, וואָס איז קינסטלעריש געווען ניט איבערצייגנדיק, אין וועלכן ס'האָט זיך געשפּירט צעצויגנקייט און לאַנגווייליקייט".

אין זעלבן סעזאָן (1927-28) איז נאָך אויפגעפירט געוואָרן „באַבצף, סאָציאַלע דראַמע אין 4 אַקטן פון מ. לעווידאָוו, איבערזעצט — פּרץ מאַרקיש, רעזשי — וו. ס. סמישליאַיעוו, דעקאָראַציעס — ניקיטין".

„עס האָט זיך באַקומען אַ ריי שוואַך צונויפגעפּאַסטע בילדער, אַזוי, אַז עס האָט זיך ניט געשפּירט קיין גאַנצקייט, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר אַ פּיעסע. ...עס פעלט אין דערדאָזיקער שטעלונג אַ גרונט-פּרינציפּ און דעריבער פעלט דאָ אַן איינהייטלעכער סטיל" [י. ליובאָמירסקי].

פאַרענדיקט האָט מען דעם סעזאָן 1927-28 מיט אויפפירן „בעלי-טובות, מאָנטאַזש פון טעקסט (לויט מענדעלע מוכר ספרים „טאַקסע" און „פּריזיוו") — אפרים לויטער, דעקאָראַציעס — זאַריצקי".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „דער ספּעקטאַקל „בעלי טובות" האָט געקראָגן אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג (צוזאַמען מיט נאָך איין ספּעקטאַקל — „דער קוימענקערער") און האָט ביז גאָר פאַרשאַרפט די פראַגע וועגן דער ווייטערדיקער אָנפירונג אינם כאַרקאָווער מלוכהשן טעאַטער. מ'האָט דעם ספּעקטאַקל „בעלי טובות" אין עטלעכע טעג אַרום אַראָפּגענומען פונעם רעפּערטואַר. דערדאָזיקער ספּעקטאַקל האָט געשפּילט אַ באַשליסנדיקע ראָלע בנוגע דעם ווייטערדיקן פאַרבלייבן פון אפ. לויטער אינם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער".

אין מאַי 1928 האָט אפרים לויטערס טעטיקייט אַלס קינסטלערישער אָנפירער פונם כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער באַקומען אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג אויפן צווייטן יידישן קולטור-צוזאַמענפאָר און אפ. לויטער האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

נאָך לויטערס רעזיגנאַציע איז מ. נאָרוויד געוואָרן שטענדיקער רעזשיסער אינם טעאַטער און זיין אָדעסער סטודיע איז פאַרבונדן געוואָרן מיטן כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער.

דער סעזאָן 1928-29 איז געעפנט געוואָרן מיט דער אויפפירונג פון „אַמעריקאַנער געטער, אַ סאָציאַלע דראַמע לויט סינקלער [דראַמאַטיזירט פון זיינע ראָמאַנען „די געשיכטע פון אַ מיליאָנער" און „קעניג קויל"], ליטמאָנטאַזש — דוד האָפשטיין, רעזשי — מ. נאָרוויד, קאָמפּאָזיטאָר — מ מילנער, דעקאָראַציעס — טישלער".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „דער ספּעקטאַקל „אַמעריקאַנער געטער" האָט באַדייט פאַרן כאַרקאָווער טעאַטער אויף אַזויפיל אויף וויפיל:

1) דער טעאַטער האָט דאָ געפּרובט זיינע קרעפטן אין אַ היינטצייטיקער סאָציאַלער דראַמע, אויסער די גרעניצן פונם ראַטנפאַרבאַנד.

2) דער נייער רעזשיסער פונם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער — מ. נאָרוויד — האָט דאָ שוין אַרויסגעוויזן די ערשטע סימנים פון אַן אייגנטימלעכער רעזשיסערישער האַנטשריפט.

3) דער טעאַטער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט און דערנאָך ווידער זיך פאַרבונדן מיט אַזאַ באַגאַבטן קינסטלער [מאָלער] ווי טישלער.

4) דער טעאַטער האָט צו זיך צוגעצויגן אַזאַ טאַלאַנטפולן יידישן קאָמפּאָזיטאָר ווי מילנער, מיט וועלכן ער האָט זיך אויף לאַנג פעסט פאַרבונדן, און וועלכער האָט באַלעבט די אַטמאָספער פונם ספעקטאַקל „אַמעריקאַנער גטעטער", פון איין זייט - מיט די אומרואיקע קלאַנגען פון אורבאַניסטישן כאַראַקטער, און פון דער צווייטער זייט – מיט אַ שטראָם וואַרעמע לירישע טענער".

אין זעלבן סעזאָן (1928-29) איז אויפגעפירט געוואָרן „דער בעסערער מענטש, פון האַנקוועלער, איבעראַרבעטונג פון ל. קוויטקאָ, רעזשי – ס. מאַרגאָלין, דעקאָראַציעס – שיפרין און אַלעקסעיעוואַ, מוזיק – מילנער".

„די פיעסע האָט – לויט י. ליובאָמירסקי – אין אַ געוויסער מאָס פאַרלוירן איר גאַנצקייט. זי איז געוואָרן ענלעך צו אַ מין איבערזיכט, וואו די פאַרשיידענע סיטואַציעס האָבן געשטאַמט ניט פון דער לאָגישער פאַבולע-אַנטוויקלונג – זיי האָבן גיכער אויסגעזען ווי אַ שנירל עקסצענטרישע נומערן, ווי באַזונדערע אַטראַקציאָנען. די שטעלונג איז געווען רייך מיט פאַרבן, מיט טענץ, מיט אייניקע געלונגענע רעזשי-המצאות, מיט טרעפלעך און בולט-געשילדערטע טיפן און מאַסקעס, ווי ראָספער, מעביוס און שניוטכען, אָבער די שאַרפקייט פון האַנקוועלערס טעקסט איז דאָ דערטרונקען געוואָרן אין די כוואַליעס פון עסטעטיזם. ניט אומזיסט שאַצט אָפּ די פרעסע אָט אָ די פאָרשטעלונג ניט ווי אַ בייסנדיקע סאַטירע, נאָר ווי אַ פריינטלעכן שאַרזש".

פאַרענדיקט דעם סעזאָן 1928-29 האָט מען מיט דער אויפפירונג פון „הירש לעקערט, פון א. קושניראָוו, רעזשי – מ. נאָרוויד, דעקאָראַציעס – קראָל, מוזיק – מ. מילנער".

דידאָזיקע פיעסע איז געשפילט געוואָרן מער ווי אַלע פריערדיקע פיעסעס און איז צאָלרייכער באַזוכט געוואָרן פון אַלע אַנדערע אויפפירונגען.

דער סעזאָן 1929-30 האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אויפפירונג פון „באַרג אַרויף, פון ז. טשאַלאַיאַ, איבערזעצט פון ה. קאָזאַקעוויטש, רעזשי - מ. נאָרוויד, דעקאָראַציעס – ריפטין".

„דידאָזיקע פיעסע – שרייבט י. ליובאָמירסקי – איז איינע פון די פילצאָליקע וואַריאַציעס אויף דער טעמע וועגן שעדיקעריי אין אונזער אינדוסטריע. ...דער אַווטאָר פון דער פיעסע ז. טשאַלאַיאַ, האָט, ווי עס שיינט, ערנסט דורכשטודירט און מיט אַ שאַרף אויג באַאָבאַכטעט די קוילנגראָבן. דאָס זעט מען אַרויס פון אַ ריי געשילדערטע טיפן. ...די הויפט-אויפמערקזאַמקייט האָט טשאַלאַיאַ אָפּגעגעבן די מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטן. ...די אַרבעטער-מאַסע זעט דאָ אויס פאַסיוו, צייטנווייז קינדעריש-נאַאיוו (אַ חוץ דעם „סקעפּטיק" טרובאַ), זיינען די סצענעס, וואו עס פיגורירן די „ספּעצן", פול מיט שפּאַנונג, און די סצענעס, וואו עס טרעט אַרויס דער אַקטיוו פון די שאַכטיאָרן – צעצויגן, שלעפעריק, אָט די פעלערן איז נישט בכוח געווען צו פאַריכטן ניט די רעזשיסערישע קאָמפּאָזיציע פון נאָרווידן, ניט דער קאָמפּליצירטער, מאָנומענטאַלער מאַקעט פונם קינסטלער ריפטין".

אין סעזאָן 1929-30 איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „די לעצטע, פון ל. רעזניק, רעזשי – מ. מאַרגאָלין, דעקאָראַציעס – טישלער. מוזיק – מ. מילנער".

„די פיעסע – איז לויט י. ליובאָמירסקי – אַ סאַטירע אויפן מאָדערנעם מנחם-מענדל, וועלכער איז מגולגל געוואָרן אין דער פּאָזע פון „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק)".

אין זעלבן סעזאָן (1929-30) איז אויפגעפירט געוואָרן „בלוט, פון ב. אָרשאַנסקי. רעזשי – ווינער און (פאַרענדיקט) נאָרוויד, קאָנסטרוקציע – רודי, מוזיק – מ. מילנער".

י. ליובאָמירסקי שרייבט: „די פיעסע האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון אַ געוויסן ספּעציפיש-מעלאָדראַמאַטישן בייגעשמאַק פון אַ פּראָווינציעלער דראַמע, און אַ דאַנק דעם האָט אַ געוויסער טייל פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט טענות צו דערדאָזיקער פיעסע אָט דער טייל פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט אַפילו גערעכנט דידאָזיקע פיעסע פאַר אַ דורכפאַל".

דעם סעזאָן 1930-31 האָט מען געעפנט מיט „ניט געדייגעט, פון פּרץ מאַרקיש, רעזשי - נחום לויטער, דעקאָראַציעס – י. מאַנדעלבערג, מוזיק – מ. מילנער".

„ניט געדייגעט" איז אַ מונטערער און נויטיקער ספּעקטאַקל פאַרן מאַסן-צושויער" – שרייבט י. ליובאָמירסקי.

דעמזעלבן סעזאָן (1930-31) איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „געדעקטע קאָרטן, רעווי אין 3 אַקטן פון מ. פינטשעווסקי, אַלגעמיינע קאָמפּאָזיציע פונם ספּעקטאַקל – פּאָרעגער, טענץ – קרעטאָוו, דעקאָראַציעס – ריפטין, רעזשי – נוגער און זאַסלאַווסקי, מוזיק – זאַגראַניטשני".

„מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט - שרייבט י. ליובאָמירסקי – אַז ער [דער מחבר] האָט דידאָזיקע רעווי – לויט דער באַשטעלונג פונם כאַרקאָווער מלוכהשן יידישן טעאַטער – אָנגעשריבן עקסטראַ. דאָס אַלץ האָט פאָרויסבאַשטימט די שוואַכע דראַמאַטורגישע קוואַליטעט פון דער רעווי. אין די „געדעקטע קאָרטן" שפּירט זיך ערטערווייז אַ פאַרפלאַכונג פון די קאָלאָסאַלע פּראָבלעמעס, וואָס זי רעווי באַרירט. עס פעלט די בייסנדיקע איראָניע, וואָס אַזאַ רייכע און אַקטועלע טעמאַטיק פאָדערט. הגם פינטשעווסקי האָט געצילט בויען די רעווי אויף אַ באַשטימטן סוזשעטישן חוט-השדרה, דאָך זיינען אַ רייע סצענקעס שוואַך צוזאַמענגעבונדן, אַזוי, אַז די סוזשעטישע ליניע פונם ספּעקטאַקל ווערט אָפּט איבערגעריסן און עס באַקומט זיך אַ געוויסע אומקלאָרקייט און צעשוואָמענקייט פאַרן צושויער. סיי דער אַווטאָר, סיי די רעזשי האָבן געשטרעבט אין די ערשטע צוויי אַקטן אויפדעקן די ירידה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע און אַמעריקע, און אין דריטן אַקט – ווי אַן אַנטיטעזיס – די אויפשטייג-ליניע, דעם וואַקסנדיקן שעפערישן ענטוזיאַזם ביי אונז אין ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער זיינען די ערשטע צוויי אַקטן אַוועקגעשטעלט אין פּלאַן פון שטאַרק-אונטערגעשטראָכענעם גראָטעסק. ...אינם דריטן אַקט האָבן מיר שוין אַן אולטיליטאַרע קאָנסטרוקציע ...אין דער אמתן אָבער האָט דער דריטער אַקט זיך אַרויסגעוויזן שוואַכער פון די צוויי ערשטע. דער שטאַרקסטער איז דערווייל דער ערשטער אַקט: ער איז רייכער מיט כאָרעאָגראַפישע נומערן, מיט מעלאָדיק, מיט קאָנטראַסטירנדיקע סצענעס, מיט באַוועגונג; ער איז רייך מיט פאַרבן, מיט ליכט-עפעקטן. די טיילן זיינע, וואָס זיינען שוואַך פאַרבונדן, קייטלט דער קאָנפעראַנסיע. ...אין אַלגעמיין זעט אויס די רעזשי-אַרבעט פונם ספּעקטאַקל ניט גאָר אינגאַנצן דורכגעאַרבעט און פאַרענדיקט. וואָס אַנבאַלאַנגט דער [די] אַרבעט פונם קינסטלער [מאָלער] ריפטין, איז עס בנוגע די קאָסטיומען און גרימען דער סאַמע עפעקטפולער מאָמענט פונם ספּעקטאַקל. די מוזיק פון זאַגראַניטשני פאַרמאָגט אין די ערשטע צוויי אַקטן אַ ריי טיפּישע מוזיקאַלישע וואַריאַציעס מיט עטלעכע לייכטע מעלאָדיעס, אָבער זי איז אָרים אָרקעסטרירט און דערפון פאַרלירט זייער אַ סך דידאָזיקע רעווי".

אויך איז דעם סעזאָן (1930-31) געגעבן געוואָרן אַ ספּעקטאַקל מיט אַ פֿאַרשיידנאַרטיקן פּראָגראַם.

אין 1931 איז אין פֿאַרלאַג „ליטעראַטור און קונסט" (כאַרקאָוו 1931) דערשינען אַ ספּעציעל בוך געווידמעט דעם טעאַטער: „י. ליובאָמירסקי. מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע" מיט דער געשיכטע פֿון דער אַנטשטייאונג פֿון טעאַטער, אַ גענויע רעגיסטראַציע פֿון אַלע אויפֿפֿירונגען מיט קורצע כאַראַקטעריסטיקס וועגן די געשפּילטע פּיעסעס, די רעזשי, די דעקאָראַטיווע און מוזיקאַלישע זייטן. צום סוף פֿון בוך איז אויך צוגעגעבן די פּאָטאָסטאַטן פֿון די אויפֿפֿירונגען און פֿון אַלע אויספֿירער, מחברים, רעזשיסערן, מאָלער און קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דעם טעאַטער.

לויט די אויספֿירונגען פֿון דעם בוך, האָט דאָס טעאַטער בסך-הכּל, פֿון אָנהייב פֿון זיין עקסיסטענץ ביז פֿעברואַר 1931, געגעבן 21 אויפֿפֿירונגען, וועלכע זיינען צוזאַמען געשפּילט געוואָרן 820 מאָל און באַזוכט געוואָרן (אַ חוץ די פֿאָרשטעלונגען פֿון סעזאָן 1925-26, פֿון וועלכע עס פֿעלן די ציפֿערן פֿון דער פֿרעקווענץ) פֿון 368.906 באַזוכער.

אין די סעזאָנען 1925-29 האָט דאָס טעאַטער געשפּילט בלויז 5-6 חדשים אין יאָר. פֿון סעזאָן 1929-30 אָנגעהויבן האָט דאָס טעאַטער געשפּילט צו 10 חדשים אין יאָר. פֿון די 10 חדשים שפּילט עס אין כאַרקאָוו בלויז $6\text{-}6^1/_2$ חדשים און די איבעריקע צייט גאַסטראָלירט עס מיטן גאַנצן אַנסאַמבל אַקטיאָרן און מיט דער פֿולער דעקאָראַטיווער און בוטאַפֿאָרישער אויסשטאַטונג איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, מערסטנטייל איבער אוקראַאינע. אַזוי האָט דאָס טעאַטער גאַסטראָלירט אין אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק, פּאָלטאַווע, קיעוו, בערדיטשעוו, קרעמענטשוג, וויניצע און אין זומער 1930 גאַסטראָלירט אין אַרטיעמיווסקע און סטאַלין אין דאָנעצער קוילן-ראַיאָן.

לויט י. מ. לייפּציקער האָט דאָס טעאַטער נאָך אויפֿגעפֿירט דעם 30 אַפּריל 1931 „קאַדרען, פֿון מיקיטענקאָ, איבערזעצט — איציק פֿעפֿער, רעזשי — וואָלקאָוו, דעקאָראַציעס — איסאַק ראַבינאָוויטש, מוזיק — מ. מילנער", דעם 5 אָקטאָבער 1931 — „יוליס (י טעג), פֿון ש. דאַניעל (מייעראָוויטש), רעזשי — יזראַעל, דעקאָראַציעס — ריפּטין, מוזיק — מ. מילנער" און דעם 29 דעצעמבער 1931 — „ראָמאַן צאַט, פֿון אַלבערטאָן, רעזשי — מ. נאָרוויד, דעקאָראַציעס — מאַנדעלבערג, מוזיק — טיץ".

דעם 18 מערץ 1932 איז דאָ אויפֿגעפֿירט געוואָרן „ענערגיע, פֿון אברהם קאַהאַן [די פּיעסע האָט — לויטן מחבר — באַריר-פּונקטן מיט זיין ראָמאַן „אינזשיניערן"], רעזשי — נוגער-יזראַעל, דעקאָראַציעס — קראָליפּע, מוזיק — ריבאַלטשענקאָ".

דעם 13 סעפּטעמבער 1932 — „דרייפֿערטל מענטש, פֿון סאָקאָלאָו-פּעטראָווסק, רעזשי — באַלאַבאַן, דעקאָראַציעס — ריפּטין, מוזיק — פֿעלדמאַן".

אויף 1933 גרייט דאָס טעאַטער „שלאַכטן אויפֿן מערב" פֿון וויש-ניעווסקי (יידיש — קושניראָוו) און „שטורם-פֿויגל" לויט מאַקסים גאָרקי (ליטמאָנטאַזש — נ. אויסלענדער).

די מיטגלידער פֿון טעאַטער זיינען: אַבראַמאָוויטש יאַ. וו, איזראַעל אי. ס., בראַז כאַנע, גאָלמאַן יאַ. ס., ווין איוואַ, זאַסלאַווסקי פּ., זיסמאַן וויערע, טאַרלאָ העברי, לעווינשטיין אַננאַ, מוראָוואַנע ז. ג., מערענזאָן א. ס., נאַדינע נ. ב. נאָרוויד מ., נוגער א פּ., סאָנץ אַדאַ, סטריזשעווסקי ד., סיגאַלעווסקאַ לענאַ, פּאַרטשעוו ל. א., פֿייגין ג. ב., קליק-טערנאָווסקאַ רייע, קראַשינסקי כאַאים ס., ווי אויך אייניקע פֿון יוגנטלעכע קאַדרען, פֿון וועלכע 8 האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין דער געוועזענער ביעלאָצערקאָווער טעאַטער-לער סטודיע „רויטע בליטן", אייניקע אין אַרבעטערישע דראַמקרייזן און אייניקע, וועלכע האָבן אַ קורצע צייט געאַרבעט אינם אַלטן פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער.

די 18 אַקטיאָרן און אַקטעריסעס, וועלכע בילדן דעם יוגנטלעכן באַשטאַנד זיינען: בידער ס. אי., גרין ר., וואָלאָדאַרסקי מאָרדכי, טאָמבאַק ג. א., יאַראָסלאַווסקי א. או., כאַימאָוויטש צ. יאַ., מאַגאַזיניק זשעני, מאָסין-ווידגאָפּ מ. ב., מיכנאָוו צ. ש., ספּיוואַק א. מ., פּאַטלאַך ש. ב., פּאַסקעוויטש ראכל, פּעמאָוואַ קושניר באַסי, קראַמער אַבראַם, שאַפּיראָ עסטער, שאַפּיראָ רוון, שיינפֿעלד ניוסי.

ש. ע פֿון מאַרק לייפּציקער.

ב. גילדין — „שבתי-צבי" אין מלוכה'שן אידישן טעאַטער אין אוקראַאינע, „פֿרייהייט", נ. י., 16 אַפּריל 1926.

י. קאַנטאָר — דער אידישער מעלוכע-טעאַטער אַף אוקראַאינע, „די רויטע וועלט", קיעוו, 7-8, 1926.

[—] — דער אידישער מעלוכע-טעאַטער פֿון אוקראַאינע, „טעאַטער-בוך", קיעוו, 1927, זז. 130-136.

א. בראַם — צום קומען פֿון דעם אַלאיקר. יידישן מעלוכע-טעאַטער קיין כאַרקאָוו, „שטערן", כאַרקאָוו, 8 פֿעבר. 1928.

פּערעץ מאַרקיש — צוריק צו דער באַזע, „שטערן", כאַרקאָוו, 18 פֿעבר. 1928.

ניטער — „באַבעף", „שטערן", כאַרקאָוו, 8 אַפּריל 1928.

אַ צושויער — אַף נייע רעלסן, וואָס צו טאָן מיטן אוקראַאינישן יידישן מעלוכע-טעאַטער, „שטערן", כאַרקאָוו, 12 מאַי 1923.

ל. ל-נאָוו — אַ פֿאָרשטעלונג אין אוקראַאינישן יידישן מעלוכע-טעאַטער, „אָקטיאַבר", מינסק, 31 מאַי 1928.

ש. בילאָוו — וועגן איד. מעלוכע-טעאַטער אין אוקראַאינע, „שטערן", כאַרקאָוו, 17 יוני 1928.

ב. אָרשאַנסקי — דער אידישער מעלוכע-טעאַטער אין אוקראַאינע, „פּראָליט", כאַרקאָוו, נ' 1, 1928.

עפֿראים לויטער — אָביעקטיווע שטערונגען אין דער אַרבעט פֿונם אוקראַאינישן מעלוכישן יידישן טעאַטער, „עמעס", מאָסקווע, 31 אויג 1, 4 סעפּט. 1928.

ש. גורזשינעווסקי — וועגן אונזער[ע] פּערספּעקטיוון, „אָדעסער אַרבעטער", נ' 28, 1929.

י. י. היקי — „די לעצטע", פּיעסע אין אַכט אַקטן פֿון ל. רעזניק, „שטערן", כאַרקאָוו, 6 פֿעבר. 1930.

אַווראָם קאַהאַן — ב. אָרשאַנסקיס „בלוט" אין יידישן מעלוכע-טעאַטער פֿון אוקראַאינע, „שטערן", כאַרקאָוו, 16 מערץ 1930.

ה. קאָזאַקעוויטש — סעזאָן 1929-30 אין אַלאוקראַאינישן יידישן מעלוכע-טעאַטער, „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, נ' 7-8, 1930.

ב. אָרשאַנסקי — פּ. מאַרקישעס „נישט געדאגהט" אינם יידישן מלוכה-טעאַטער אין אוקראַאינע, „ליטבל'ט", וואַרשע, 48, 1930.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַאינע", כאַרקאָוו, 1931.

Б. М. Оршански – Государственный Еврейский театр украины, „За комунистическое просвещение", Москва, 6/4 1932.

מעליצער, אַלטער

[אַלטער הערץ]

געבוירן אין מיעלעץ, נעבן טאַרנאָוו, גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר און בית־המדרש. זיין שווער, דעם פאָטערס אַ ברודער, ישראל מנחם־מענדל הערץ איז געווען אַ בדחן און האָט גענומען זיין איידעם צו בדחנות. אַלס פרומער בדחן פלעגט מ. גערן איינגעלאַדן ווערן אויף חתונות אין גאַליציע. שפּעטער אויך — ווי ס׳ווערט געזאָגט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין ר. א. ברודיס „עברי אנכי“ — אין די הויפן פון „גוטע יידן“.

מ.׳ס נאָמען איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מען פלעגט אים אַרויסרופן אויף חתונות און שמחות קיין בערלין און לאָנדאָן.

מ. האָט זיך ספּעציאַליזירט אין קאָמישע סצענקעס צוזאַמען מיט זיין זון ישראל־מענדל. על פי רוב פלעגט ער אַלס „שלומיאל“ פאָרשטעלן ווי „מען נעמט אים צו די זעלנער“, דערביי פלעגט זיין שטעקן אים דינען אַלס אַ „ביקס“ [פאַרגלייך „רעקרוטן“ פון אַברהם גאָלדפאַדען — „לעקס. ייד. טעאַט.“, באַנד 1, ז. 285].

מ. פלעגט זיך לייכט פאַרגרימירן און באַזונדערס „מאַכן קונצן“ מיט זיין גרויסער נאָז, וועלכע ער פלעגט קאָנען אַרויפציען ממש ביז צום שטערן.

מ.׳ס זון, ישראל־מענדל, איז געוואָרן אַ בדחן אין בערלין און פלעגט „אַרבעטן“ צוזאַמען מיט זיין זון.

מ. האָט געהאַט נאָך 2 זין, וועלכע פלעגן אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט אים: מאַנעלע און משהלע, וועלכער איז פאַרשוואונדן אָן אַ שפּור הינטער זיך.

מ׳ס קוזינע איז די יידישע אַקטריסע העלענאַ בערנאַרדי, מ.׳ס קרוב ישראל־מענדל הערץ אין דעטראָיט (אַמעריקע) איז אַ זינגער פון יידישע פאָלקס־לידער.

מ. ע. פון ישראל־מענדל הערץ.

מעלמאַן, מאיר

געבוירן 1900 אין זשולקיעוו, גאַליציע געענדיקט פאָלקס־שול און גימנאַזיע. נאָך אין גימנאַזיע זיך באַטייליקט אויף פּויליש אין אַ שול־פאָרשטעלונג. 1922 — אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט פּאָלאָניסטיק און פילאָזאָפיע און אַבסאָלווירט 1926 אין קראָקע. גלייכצייטיק פאַרענדיקט אין קראָקע די פּוילישע דראַמאַטישע שול און אָנגענומען געוואָרן א׳ף מאַריאַן סטעמפּאַלאַ אין פּוילישן אַרטיסטן־פאַראיין.

1923 — אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע“ בעת אירע גאַסטראָלן אין לעמבערג, 1926 — אין „וויק׳ט“ (א׳ל פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ) און ווערט דערנאָך אָנגענומען אַלס מיטגליד אין יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פּוילן.

1930 — געשפּילט מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ און דר. פּאַול באַראַטאָוו און דערנאָך אַריינגעטראָטן אויפן יורידישן פאַקולטעט פון לעמבערגער אוניווערזיטעט און צוליב דעם צייטווייליק אָפּגעשטעלט זיין בינע־טעטיקייט.

ש. ע.

מעלניק, נחום

געבוירן 14 יולי 1904 אין בענדין פּוילן. פאָטער — אַ סוחר און גלייכצייטיק אַ העברעאישער לערער. ביז 14 יאָר געלערנט אין בענדינער ישיבה און פּריוואַט — וועלטלעכע למודים. שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר און זיך פאַרפולקומט אין יידיש, פּויליש, דייטש און העברעאיש.

דעם 14 אָקטאָבער 1923 אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער יידישער דראַמאַטישער שול (אָנפירונג — דר. מ. ווייכערט) און צום 10־טן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ (1925) דעביוטירט מיט דער שול אין פּרץ׳ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ (רעזשי — דוד הערמאַן) זומער 1925 — געמאַכט מיט דער סטודיע אַ טורנע איבער פּוילן מיטן רעפּערטואַר: „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ „דבוק“, „די ווייבערישע קניפּלעך“, „פּוסטע קרעטשמע“, „גרינע פעלדער“ א. א.

דעצעמבער 1925 — אַריינגעטראָטן אין „אַזאַזעל“, וואו ער שפּילט ביז סוף 1927. 1928 — געשפּילט אין קראָקעווער יידישן טעאַטער א׳א פון א. מאַרעווסקי, דערנאָך מיט אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשע און איבער פּוילן. שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע“ (אָנפירונג — מ. מזא׳ה).

ש. ע.

מעלצער, אַדאָלף

[געב. 16 יוני 1874 — געשט. 4 אויג. 1929]

געבוירן 16 יוני 1874 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ פרומער, אַ מלוה פון געלט צו פּריצים. געלערנט אין חדר און פּריוואַט ביי לערער, דער עיקר יידיש און דייטש געזונגען ביי חזנים, אַ לענגערע צייט ביים חזן ברוך שאָר.

נאָכן טויט פון די עלטערן געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט און אויף דער איניציאַטיוו פון חברים אין 1890 אָנגענומען געוואָרן דורכן דיריגענט פּערלמוטער אַלס כאָריסט אין גימפּעלס טרופּע. 2־3 יאָר שפּעטער טרעט מ. שוין אַרויס אין סאָלאָ־נומערן און דעביוטירט אַלס „מרדכי“ אין „אחשורוש“. דערנאָך איז ער אַריבער צו אַקסעלראָד אין טשערנאָוויץ, וואו ער שפּילט שוין ערשטע געזאַנג־ליבהאָבערס (ווי „בר כוכבא“ א. ד. ג.), שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט טאַנע-

צאַפּ איבער גאַליציע און דערנאָך געשפּילט אין בודאַפּעסט מיט אַקסעלראַד.

נאָכדעם ווי די דאַמאָלטיקע ערשטע יידישע אַקטיאָרן פון לעמבערג וואַנדערן אויס קיין אַמעריקע, פאַרנעמט מ. (זינט 1899 דעם אויבן-אָן אין יידישן טעאַטער אין לעמבערג, וואו ער בלייבט ביז 1901, פאָרט דערנאָך אויף 6 חדשים קיין בערלין און קומט צוריק אין לעמבערג, וואו ער שפּילט (אַ חוץ אַ האַלב יאָר מיט זיבעל און שילינג אין ווין און אַ קורצע צייט ביי אַקסעלראַד אין טשערנאָוויץ) ביז 1909, ווערנדיק פּאָפּולער אַלס איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע אַקטיאָרן אין גאַליציע.

שפּעטער האָט מ. אָרגאַניזירט אונטער זיין אייגענער דירעקציע אַ טרופּע איבער גאַליציע, דערנאָך איז ער אַריינגעטראָטן צו אשכנזי אין רומעניע.

ווען מ. האָט, נאָך דער חתונה מיט דער פּרימאַדאָנע אַננאַ בריה, אָנגעהויבן פאַרלירן זיין שטים, איז ער אַריבער צום גאָרדין-רעפּערטואַר.

בעת דער וועלט-מלחמה האָט מ. אַ קורצע צייט געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמעע. אָבער נאָכן טויט פון זיין פרוי הייבט ער אָן ליידן פון נערוועזע אָנפאַלן, מוז אפילו אַ געוויסע צייט פאַרברענגען אין אַ נערוון-אַנשטאַלט, און ווען ער ווערט באַפרייט, קומט אים אויס, צוליב חיונה, זינגען אין אַ ביליקן קאַבאַרעט אין וויך.

מ. האָט שפּעטער צום צווייטן מאָל חתונה מיט דער טאָכטער פון רעליגיע-לערער אין קראָקע, משה יאַקאָב, וועלכער איז אויך געוועזן יידישער טעאַטער-צענזאָר אין קראָקע און געהאַט אַ קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער.

1918-1926 — שפּילט מ. אין קראָקע און אויף דער פּראָווינץ, 1927 — אין בודאַפּעסט, דערנאָך ווידער אין קראָקע און 1927-28 — אין טעאַטער „סטעפאַניע" און אין טעאַטער „רעקלאַמע" אין ווין.

אָבער דער נייער דור יידישע אַקטיאָרן האָבן אים שוין אָפּגערוקט אָן אַ זייט און ס'איז אָפט אים אויסגעקומען צו ליידן דחקות.

1929 — האָט מ. ווידער באַקומען אַ נערוועזן אָנפאַל און, אָפּגעזונדערט פון דער טעאַטער-משפחה, איז ער דעם 4 אויגוסט 1929 געשטאָרבן אין קראָקע.

מ. האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם, לירישן טענאָר, געוועזן אַ מנגן און האָט געהאַט באַזונדערן דערפאָלג אַלס „אבשלום" אין „שולמית", „בר כוכבא", „בן הדור", ווי אויך אין די פּיעסעס פון שמ'ר, לאַטיינער, הורוויץ, אָבער אויך אין דראַמאַטישע ראָלן האָט ער געהאַט אַ גרויסן קרייז פאַרערער: ער האָט געשפּילט „ר' משה" אין דוד פּינסקיס „די פאַמיליע צבי", האָט קרעאירט „אייזיקל" אין משה ריכטערס „הערצעלע מיוחס" און „אהרעלע" אין ריכטערס „שלום-בית" און זיך אויסגעצייכנט אין גאָרדין-רעפּערטואַר.

דאָ האָט ער — לויט פישל וויטקאָווער — זיך באַוויזן אַלס קינסטלער פון גרויסער באַדייטונג. מ. איז געוועזן איינער פון די בעסטע אין דער ראָל „בצלאל ראַפּאָפּאָרט" אין „די שחיטה", „רב מאיר" אין „אלישע בן אבויה", „בן ציון" אין „דער מטורף" און „דער ווילדער מענטש".

„מ. האָט — לויט שלום פּערלמוטער — זיין „הערשעלע דובּראָוונער" אין „גאָט, מענטש און טייוול" גאַנץ אַנדערש אויפגעפאַסט און זייער קינסטלעריש געמאָלן".

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 147.

פ. וו. [וויטקאָווער] — אַדאָלף מעלצער ז'ל, „דער מאָרגען", לעמבערג, 8 אויג. 1929.

שלום פּערלמוטער — גאַליציע האָט פאַרלאָרן איר גרעסטן שוישפּילער, „דער טאָג", נ. י., 6 סעפּט. 1929.

מעלצער, איזידאָר

געבוירן 15 אַפּריל 1883 אין בריסק-ליטאָווסק, פּויליש-ליטע. מ.'ס נישט-פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ בעל-מלאכה, אָבער אים האָט געצויגן צו דער בינע, ווייל שוין אין עלטער פון 12 יאָר האָט ער געזונגען ביים בריסקער חזן און גלייכצייטיק אין דאַמען-כאָר פון יידישן טעאַטער. צו 15 יאָר פאָרט שוין מ. אַרום מיט אַ יידישער טרופּע, אין וועלכער ער זינגט „הייסע באַבקעלעך" אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע".

אין 1903 קומט מ. אין אַמעריקע און טרעט אַריין אין מעטראָפּאָליטאַן סינגער-האָל אין בראָנזוויל, וואו ער באַקומט 15 סענט אַ נאַכט פאַר זינגען אין כאָר און שפּילן עפּיזאָדן-ראָלן. מ. וויל אָבער אָנקומען שפּילן אין איינעם פון די דאַמאָלטיקע וואָדעוויל-טעאַטערס און מוז צוליב דעם ווערן אַ מיטגליד אין דער וואָדעוויל-יוניע. כדי צו קאָנען באַצאָלן די 50 דאָלאַר איינטריט-געלט, ווערט מ. אַ פאַרבער, ביז ער שפּאָרט אָפּ די נויטיקע סומע, ווערט אַ מיטגליד אין דער יוניע און הויבט אָן שפּילן אין וואָדעוויל.

שפּעטער שפּילט מ. לעגיטים טעאַטער אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, פּיטסבורג, סט. לואיס, באָסטאָן, דעטראָיט, קליוולאַנד און אין קאַנאַדע: אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און ווינניפּעג.

אין 1924 האָט מ. געשפּילט אין לאָנדאָן און אין אַנדערע אייראָפּעאישע שטעט, 1926 — אין ניו-יאָרקער לענאָקס-טעאַטער, 1927-9 — אין פילאַדעלפיע, גאַסטראָלירנדיק אין דער זומער-צייט אין לאָנדאָן, 1929-30 — אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער און שפּעטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

ש. ע.

אוריאל מזיק — בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „טאָג", נ. י., 2 פעבר. 1918.

איזידאָר מעלצער — אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפּילער, „פּאָרוו.", פילאַדעלפיע, 9 אָקט. 1927.

איזידאָר מעלצער — ווי אַזוי בין איך געקומען צו דער ביהנע?, „די פּאָסט", לאָנדאָן, 27 יאַנ. 1928.

ש. פּאַן — מעלטצערס אויפטריט אין פּאַוויליאָן טעאַטער, „די פּאָסט", לאָנדאָן, 27 מאַי 1928.

מעלצער, דזשוליוס

געבוירן 12 אַפּריל 1873 אין ברעסט־ליטאָווסק, פּוילן. פֿאָטער – אַ שוסטער. געאַרבעט ביי אַ שניידער, אָבער צוליב זיין שיינער שטים באַקומט ער אָפט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אַלס כאָריסט אָדער אַלס עפּיזאָדן־אַקטאָר אין די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס.

מיט איינער פֿון די דאָזיקע טרופּעס האָט מ. זיך געלאָזט וואַנדערן און אין דער צייט פֿון שלעכטע געשעפֿטן, פֿלעגט ער זיך שטעלן אַרבעטן אַלס שניידער און דערפֿון מפרנס זיין זיך און אַ טייל פֿון דער טרופּע.

נאָכן שפּילן אין דער טרופּע פֿישזאָן־ספּיוואַקאָווסקי פֿאָרט ער קיין ענגלאַנד, וואו ער שפּילט אין אברהם גאָלדפֿאַדענס טרופּע.

1901 – געקומען אין אַמעריקע און דאָ געשפּילט אין יידישן וואָדעוויל אין איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, אָפּט איבערגעריסן און צוריקגעגאַנגען צום פֿאַך.

מ. האָט אַרויפֿגעבראַכט אויף דער יידישער בינע זיין ברודער איזידאָר און זיין שוועסטער ענני. אַליין אָבער האָט ער זיך צוריקגעצויגן פֿון שפּילן און געעפֿנט אַ שניידער־וואַרקשטאָט אין ניו־יאָרק.

ש. ע.

מעלצער, ענני

געבוירן 12 אַפּריל 1893 אין ברעסט־ליטאָווסק, פּוילן. פֿאָטער – אַ שוסטער. אַלס קינד פֿון 6 יאָר געקומען אין אַמעריקע און אין 1903 גענומען געוואָרן אין מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער אין בראָנזוויל פֿאַר אַ קינדער־ראָל און זינט דאַמאָלט איינקע יאָר געשפּילט קינדער־ראָלן. געענדיקט פּאַבליק־סקול און געשפּילט יידיש וואָדעוויל מיט היימי באַרטפעלד (אַדלער).

שפּעטער ווערט זי אַנגאַזשירט קיין קליוולאַנד (דיר. – דוד לעוועסאָן), וואו זי שפּילט סובּרעטין־ראָלן, דעביוטירנדיק אַלס „חנהלע" אין זאָלאַטאַרעווסקיס „דער ישיבה־בחור".

אויף דער פּראָווינץ האָט מ. די געלעגנהייט צו שפּילן מיט די גאַסטראָלירן קעסלער, מאָריסאָן, בלאַנק און טאָמאַשעווסקי, וועלכער אַנגאַזשירט זי אין זיין נעשאַנאַל־טעאַטער, וואו זי פֿאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער טרופּע. 7 סעזאָנען האָט מ. געשפּילט אין ניו־יאָרק, איבערגייענדיק פֿון סובּרעטין־ראָלן צו דראַמאַטישע, דעביוטירנדיק אין דעם זשאַנער אַלס „טישאַ" אין „דער וואַנדערער" מיט רודאָלף שילדקרויט.

1927-28 – האָט מ. געשפּילט אין ניו־יאָרקער פּאַבליק־טעאַטער מיט בלאַנק און זאַץ. זי האָט אויך אַ קורצע צייט געשפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל און איז אויפֿגעטראָטן אַלס טענצערין אין איינקע פֿילם בילדער.

אין 1928 האָט מ., צוליב איר חתונה מיט אַ סוחר, זיך צוריקגעצויגן פֿון דער בינע און איז זינט דאַמאָלט אויפֿגעטראָטן נאָר געציילטע מאָל אויף פֿאַרשטעלונגען פֿאַר ספּעציעלע צוועקן.

מ.׳ס ברודער, איזידאָר, שפּילט אויף דער יידישער בינע. אויך איר ברודער דזשוליוס האָט געשפּילט אין יידישן טעאַטער.

מ. ע.

מ. ע. פֿון משה זילבערשטיין.

סידני גאָרדאָן – אַלע איינצעלהייטן פֿון דער קעיס וועגן דער אידישער אַקטריסע ענני מעלצער, „פֿאָרוו.", נ. י., 20 יוני 1927.

מענדזשעלעווסקי, אברהם

געבוירן 1892 אין ראַדזימין, וואַרש. גוב. פּוילן, ביי עלטערן – סוחרים. באַקומען אַן עלעמענטאַרע יידישע בילדונג. דורכן פֿאַרבינדן זיך מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג געקומען אין קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער און אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פֿון לייזער בערנשטיין, דערנאָך געשפּילט אין פֿאַרשיידענע טרופּעס. צווישן אַנדערע ביי גוזיק און גענפֿער.

1924 – געשפּילט אין אַ חברים־טרופּע אין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער, דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע און מיטגעמאַכט דעם קאַמף קעגן באַזיך פֿון די „טמאים" אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז איצט.

1916 – געשפּילט אין בודאַפּעסט אין פֿילם „ליאָן לעאָ" (אָדער „דער רבי מיט דער טאָכטער") א׳ר פֿון פּענדוויש.

ש. ע.

מענדעלסאָן, דזשאָזעף

מ. איז געווען בוכהאַלטער אין דער שיקאַגער צייטונג „די אידישע אַרבייטער וועלט" און האָט געשפּילט מיט אַרטיקע „ליב־האָבער", ביי וועלכע ער האָט אויך רעזשיסירט.

דעם 20 אָקטאָבער 1916 האָט מ. אין דער „אידישע אַרבייטער וועלט" פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן גאָלסוואָרטיס דראַמע

„דער קאַמף“ און באַלד דערויף זי דאָרט פאַרעפנטלעכט אין זיין איבערזעצונג: „דער קאַמף, דראַמא אין 3 אַקטען פון דזשאָהן גאָלסוואָרטהי, איבערזעצט אויס דעם ענגלישן פון דזשאָזעף מענדעלסאָן“ [27 אָקטאָבער 1916 — 9 פעברואַר 1917. די זעלבע פיעסע אין אַ נייער איבערזעצונג פון וו. וואלט איז אין 1922 דערשינען אין וואַרשע].

אין מערץ 1917 האָט מ. אויפגעפירט מיט די אָרטיקע „ליבהאָבער“ פשיבישעווסקיס דראַמע „דאָס גליק“.

מ. ע. פון פיטער זוסמאַן.

גבריאל בּרונאָ — דאָס גליק, „די אידישע אַרבייטער וועלט“, שיקאַגאָ, 23 מערץ 1917.

מענדעלסאָן, שלמה

[קויאַווסקי]

געבוירן 10 מאַי 1879 אין אָזאָרקאָוו, ביי לאָדזש, פוילן. עלטערן — מיטלקלאַסמענטשן. אויפגעצויגן געוואָרן אין שבנות פון שפּעטערדיקן אַקטיאָר הערמאַן סיעראָצקי. פון קינדווייז אָן זיך אינטערעסירט מיט די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס, פלעגט צונויפשטעלן טרופּעס פון אָרטיקע „ליבהאָבער“ און מיט זיי שפּילן אין פּריוואַטע שטובן און שבת נאָכמיטאָג אין וועלדל הינטערן שטעטל. ער האָט אויך, אַזוי ווי די אַנדערע מיטגלידער פון דעם ליבהאָבער-קרייז, אָפּט מיטגעזונגען אין כאָר אָדער געשפּילט עפּיזאָדן-ראָלן אין די גאַסטראָלירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס.

אין עלטער פון 18 יאָר אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און דאָרט אַריינגעטראָטן אין אַ ליבהאָבער-קרייז, מיט וועלכן ער שפּילט פאַרשיידענע איינאַקטערס און פּיעסעס. 10 יאָר שפּעטער געקומען אין אויסטראַליע און אין 1907 (צוזאַמען מיט ווייסבערג און רענאָלדס) אָרגאַניזירט אַ קלוב פון 400 מיטגלידער אין מעלבורן, מיט וועלכע זיי פירן אויף סצענקעס פון גאָלדפאַדענען. ערשט דעם 17 נאָוועמבער 1909 האָבן זיי געגעבן די ערשטע אויפפירונג אין אויסטראַליע פון אַ פולער פּיעסע אין יידיש: סקריבע-לערנערס „זשידאָווקאַ“ (מ. אַלס „פּרינץ“). דאָס פּראָגראַם פון דער פאָרשטעלונג איז געדרוקט בלויז אין ענגליש, ווייל קיין שום דרוקעריי האָט נאָך דאַמאָלט ניט געהאַט קיין יידישע שריפט. זינט דאַמאָלט איז מ. איינער פון די הויפּט-אָרגאַניזאַטאָרן און שפּילער פון דעם דראַמקרייז „יידישע בינע“, וואָס שפּילט יידישע פאָרשטעלונגען אין מעלבורן און פון צייט צו צייט אויך אין סידני.

ש. ע.

מענדעלע מוכר ספרים

[שלום-יעקב אַבּראַמאָוויטש]

[געב. 2 יאַנ. 1836 — געשט. 8 דעצ. 1917]



געבוירן 2 יאַנואַר 1836 [די דאַטע איז נישט זיכער — זע זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור“, I, ז. 9] אין קאַפּוליע, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — פון די אָנגעזעענסטע בעלי-הבתים אין שטעטל, בעל-טאַקסע און קרוינישער רב, אַ קענער פון תנ״ך און אַ גרויסער בעל-לשון, האָט געגעבן זיין זון אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג.

צו 14 יאָר האָט מ. שוין געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור. דאָ שטאַרבט אים אָפּ זיין פאָטער און די קרובים שיקן אים לערנען, צוערשט אין שטעטל טימקעוויטש, דערנאָך אין סלוצק, אַ געוויסע צייט אויך אין ווילנע אין ראַמיילעס ישיבה און אין גאונס קלויז.

איצט באַזעצט זיך מ. ביי זיין מוטער אין דאָרף און לערנט מיט די יינגלעך פון זיין שטיף-פאָטער. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרובן. דערונטער אַן אַלעגאָרישע דראַמע אין גראַמען אין סטיל פון לוצאַטאָס „לישרים תהלה“.

באַלד קערט ער אָבער צוריק קיין קאַפּוליע, וואו ער זעצט זיך ווידער לערנען אין בית-המדרש. צו דער צייט קומט אַהין אַ געוויסער שנאָרער אברהמל דער הינקענדיקער (פּראָטאָטיפּ פון „פישקע דער קרומער“), מיט וועלכן מ. לאָזט זיך וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך פון ליטע, וואָלין, אוקראַאינע און פּאָדאָל. ענדלעך באַפרייט זיך מ. פון דער נסיעה און שטעלט זיך אָפּ אין קאַמעניעץ, וואו ער ווערט אַ בן-בית ביי אברהם-בער גאָטלאָבער, וועמענס טעכטער לערנען אים רוסיש, דייטש און אַריטמעטיק.

1856 — ווערט מ. באַשטימט אַלס לערער אין דער אָרטיקער יידישער רעגירונגס-שול. 1857 — פאַרעפנטלעכט גאָטלאָבער (אָן דעם מחברס ידיעה) אין „המגיד“ מ.׳ס ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט „מכתב על דבר החנוך“.

1858 — טראָגט זיך איבער מ. קיין בערדיטשעוו, וואו ער גיט זיך אָפּ ערנסט מיט ליטעראַרישער אַרבעט אין העברעאיש. ערשט אין 1864 פאַרעפנטלעכט ער זיין ערשטע זאַך אין יידיש („דאָס קליינע מענשעלע“ אין „קול מבשר“, נ׳ 45-46, 1864), וועלכע ערשיינט אין זעלבן יאָר אין וואַרשע א׳פּ „מענדעלע מוכר ספרים“, וועלכעס פאַרבלייבט שוין דער פּסעוודאָנים אויף אַלע זיינע בעלעטריסטישע ווערק אין יידיש און העברעאיש.

זינט דאַמאָלט פאַרנעמט מ. אַלץ מער אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און ווערט דערנאָך פאַררעכנט אַלס דער „זיידע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור“.

אין 1869 איז אין זשיטאָמיר דערשינען מ.׳ס פּיעסע „דיא טאַקסע אָדער דיא באַנדע שטאָדט בעלי טובות“, וואָס איז אין 1872 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנע, דערנאָך אין 1907-08 אין ניו-יאָרק און אין 1911, 1913 און 1928 אין וואַרשע.

הגם מ. איז אַליין געווען אַ זון פון אַ בעל-טאַקסע און קאָן האָבן דעם שטאָף פאַר זיין פּיעסע באַאַרבעט פון אייגענע באַאָבאַכ-

טונגען, איז נ. שטיף זיך משער, אַז אַלס מוסטער פֿאַר דער פּיעסע האָט מ.׳ן געדינט וואָלף קאַמאַרזשעס פּיעכע „קהל אין בער דיטשעוו״.

י. גוסינאָוו, פֿאַרגלייכנדיק די טעקסטן פֿון די פֿאַרשיידענע אויפֿלאַגעס פֿון „די טאַקסע״, קומט צום באַשלוס, אַז אין די פֿעסטגעשטעלטע 37 ענדערונגען האַנדלט זיך בלויז אין אַ לייכטער וואָרט־רעדאַקציע און בשום אופֿן נישט אין קיין באַאַרבעטונג אָדער איבערבויאונג פֿון ווערק. אַזוי קאָן אויך נישט זיין קיין רייד וועגן פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון דער פּיעסע.

ש. ל. ציטראָן גיט איבער, אַז דער אינהאַלט פֿון דערדאָזיקער פּיעסע, דער עיקר די פּערסאָנאַזשן, האָבן דערפֿירט צו געוואַלטיקע רדיפֿות קעגן מחבר.

מ. מאַרגולעס און לעאָ ווינער גיבן איבער, אַז אַ רוסישע טרופּע אין בערדיטשעוו האָט געוואָלט שטעלן די פּיעסע, נאָר קהל האָט געשטערט.

בעת דער „מענדעלע־פֿייערונג״ אין 1910-11 אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד) איז דורך דער „חברת ציון״ אויפֿגעפֿירט געוואָרן [די גאַנצע אָדער נאָר אַ טייל פֿון] „די טאַקסע״.

מערץ 1923 — איז די פּיעסע אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם, א׳ר פֿון בראַווערמאַן און מיט מוזיק פֿון שידלאָוויטש, אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך דער דראַמסעקציע ביים „בערדיטשעווער אַרבעטער־קלוב אויפֿן נאָמען פֿון ח׳ לאָזאָווסקי״. אין דער זעלבער צייט איז אויך פֿאָרגעקומען אין מאָסקווער דראַמאַטישן קרייז ביים יידישן אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט״ אַן אויפֿפֿירונג פֿון אייניקע סצענעס פֿון דער פּיעסע.

אין 1928 זיינען אויך אויף אַ שול־פֿאָרשטעלונג אין ווילנע אויפֿגעפֿירט געוואָרן סצענעס פֿון דער פּיעסע א׳נ „אַמאָליקע בעלי־טובות״, וואָס זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך״ און אין זעלבן יאָר דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע: „מענדעלע מוכר ספֿרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש). אַמאָליקע בעלי־טובות. סצענעס פֿון דער „טאַקסע״. אויסגעשניטן און צוגעפּאַסט פֿאַר אַ שול־פֿאָרשטעלונג דורך ש. באַסטאָמסקי. ווילנע. פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקס שול״, 1928״ [33 ז. 32°].

אין 1884 איז די פֿולע פּיעסע אויך דערשינען אין ביעלאָצערקאָוו אין דער רוסישער איבערזעצונג פֿון י. מ. פּעטריקאָווסקי, מיט אַ הקדמה פֿון איבערזעצער. דער מחבר האָט ביי אַ געלעגנהייט זיך אויסגעדריקט נישט־גינסטיק וועגן דער איבערזעצונג.

אין 1884 איז אין פּעטערבורג דערשינען מ.׳ס פּיעסע „דער פּריזיוו, אַ דראַמע אין פֿינף אַקטן״, וואָס איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק (1907-08) און וואַרשע (1911, 1913 און 1928).

סעפּטעמבער 1909, בעת אַ „מענדעלע־פֿייערונג״ אין לאָדזש, איז אין אָנוועזנהייט פֿון מחבר אויפֿגעפֿירט געוואָרן א׳ר פֿון מאַרק אַרנשטיין דורך די מיטגלידער פֿון פֿאַראיין „דראַמאַטישע קונסט״ דער ערשטער אַקט פֿון דער פּיעסע.

דעם 1 פֿעברואַר 1918 איז די פּיעסע אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך דוד קעסלער אין זיין ניו־יאָרקער טעאַטער [„דער פּריזיוו, דראַמע אין 5 אַקטן פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, אַראַנזשירט פֿאַר דער בינע פֿון ב. גאָרין״]. די ראָל פֿון „שמואל דער אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט״ האָט געשפּילט טשאַרלס נאַטאַנסאָן. די אַנדערע ראָלן האָבן געשפּילט ראָזאַ קאַרפּ, בערנאַרד בערנשטיין, מאָריס שוואַרץ, צילי אַדלער, לואיס בירנבוים, לואיס היימאַן, איזידאָר גילטמאַן, רעי שנייער, מערי ווילענסקי, שרה נאַדאָלסקי, פֿעני לובריצקי און בעסי וויסמאַן.

דעם 25 דעצעמבער 1923 איז די פּיעסע אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין וואַרשע: „דער פּריזיוו. קאָמעדיע אין 3 אַקטן פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש), פּראָלאָג [און עפּילאָג] פֿון י. מ. ניימאַן. אינסצעניזאַציע און רעזשי — ז. טורקאָוו, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — משה אַפּעלבוים״, מיט פֿאָלגנדער באַזעצונג:

פּראָלאָג — וו. גאָדיק
„שמחה מאַריאַשעס״ — ש. וויינטרויב
„שפּרינצע״ — נ. ליפּמאַן
„רייזעלע״ — ס. אַלטבוים
„זלמן קריסטאַל״ — י. מאַנדעלבליט
„זעלדע״ — ה. באַום
„אלכסנ ״ — א. לעווין
„ר׳ יוחנצע״ — א. דאָמב
„חאַסקיל״ — יאָנאַס טורקאָוו
„הינקע״ — מ. ליכטענבערג
„פֿייבוש״ — מ. ליפּמאַן
„מענדל״ — ד. לעדערמאַן
„דוואָסיע״ — באַרסקאַ־פֿישער
„שמואליק״ — ש. לאַנדוי
„הערשעלע״ — פּ. קערמאַן
„גיסע״ — ד. בלומענפֿעלד
„שמש״ — ה. פֿיינשטיין
„גלעקערלויפֿער״ — וו. גאָדיק
„אחשורוש״ — ח. פּאָנטש
„ושתּי המלכּה״ — א. לעווין
„המן״ — פּ. קערמאַן
„מרדכי״ — י. מאַנדעלבליט
„בערל מיטן פֿידל״ — י. אַפּעלבוים
„שמערל מיטן באַס״ — *.*

אין סעזאָן 1926-27 איז אין קראָקעווער יידישן טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך יאָנאַס טורקאָוו זיין אייגענע אינסצעניזאַציע פֿון דער פּיעסע אין 4 אַקטן [לידער — מ. געבירטיג].

אין 1927 איז אין קראָקאָוו דערשינען: „מענדעלע מוכר ספֿרים. ש. י. אַבראַמאָוויטש. דער פּריזיוו (אַ פּיעסע אין 3 אַקטן), אַ פּיעסע, צוגעפּאַסט פֿאַר דראַמקרייזן, פֿון רעזשיסער כ. שמאַאין, אונטער דער רעדאַקציע פֿון ה. קאָזאַקעוויטש, פֿאַרלאַג „געזקולט״, קראָקאָוו 1927״ [62 ז. 16°]. דידאָזיקע באַאַרבעטונג איז אין 1928 אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורכן קראָקאָווער קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל״ א׳ר פֿון שמאַאין, דעקאָראַציעס — בלאַנק, און מוזיק פֿון צונויפֿגעשטעלטע פֿאָלקס־לידער — פֿיינטוך״.

אין פֿעברואַר 1928 איז אויך דורכן דראַמאַטישן קרייז אין וויניצע אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין שטאָטישן טעאַטער די פּיעסע [וועלכער טעקסט?] מיט מוזיק פֿון הובערמאַן און קאָוואַל און דעקאָראַציעס פֿון פֿעדיאַ הוסאַק.

דעם 29 דעצעמבער 1895 איז אין ניו־יאָרק אויפֿגעפֿירט געוואָרן ע דראַמאַטיזירונג פֿון מ.׳ס „פֿישקע דער קרומער״, וועגן וועלכער ס׳זיינען נישטאָ קיין פּרטים.

אין 1896 האָט אַ. ווייטער, צוזאַמען מיט ישראל ראַבינאָוויטש, דראַמאַטיזירט מ.'ס „פישקע דער קרומער" און די דראַמאַטיזירונג אויפגעפירט פורים 1896 אין סמאַרגאָנער בית-המדרש.

דעם 7 יוני 1924 איז אין וואַרשע אויפגעפירט געוואָרן „פישקע דער קרומער, פאָלקס-שטיק אין 3 אַקטן מיט אַ פראָלאָג פון מענדעלע מוכר ספרים, באַאַרבעט פאַר דער בינע פון יעקב וואַקסמאַן, רעזשי — משה ליפמאַן, דעקאָראַציעס — יוזעף גאלעווסקי", מיט פאָלגנדיקן פערסאָנאַל:

„ר' מענדעלע" — אברהם קורץ

„אַלטער יקנה'ז" — משה ליפמאַן

„ביילקע" — זינא ראַפעל

„פישקע" — הענרי טאַרלאָ — יצחק קרעלמאַן

„בתיה" — דינה שאַיעוויטש.

„פיוויש דער רויטער" — שמחה וויינטרויב

„יאנטעל" — חיים סאַנדלער

„משה פּאַנפּאַטש" — דוד קייזעראַוויטש

„דאַס רבילע" — אייזיק ראַטמאַן

„זיין שמש" — דוד שערמאַ

„די מומע אַן אַ נאַז" — רוט קאַליש

„גלופסקער קברן" — משה הויזווירט

„אַ קרעטשמער" — שלמה קראַנץ.

דעם 24 דעצעמבער 1927 איז אין בוענאָס-איירעס (אַרגענטינע) איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן דאָרטיקן „יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין" אַ „מענדעלע-פייערונג", אויף וועלכער ס'זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין דער דראַמאַטיזאַציע פון ש. פריילאַך אַ סצענע פון „פישקע דער קרומער" א'ר פון לעאָ האַלפערן מיט בן-ציון פאָלעפאַדע אַלס „פישקע". די דראַמאַטיזאַציע איז באַלד דערויף דערשינען אין דער זאַמלונג „פון זיידנס קוואַל".

דעם 20 אַפּריל 1927 איז אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן א'ר פון אל. גראַנאָווסקי „מסעות בנימין השלישי, עפּאָפּעא אין 3 אַקטן פון מענדעלע מוכר ספרים, באַאַרבעט און לידער — י. דאָברושין, מוזיק — ל. פולווער, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — ר. פאַלק" [די הויפטראָלן: „בנימין" — מ. מיכאָעלס, „סענדערל" — ב. זוסקין, „מענדעלע מוכר ספרים" — מ. גאָלדבלאַט]. די פיעסע איז שפּעטער דורך דער טרופּע געשפּילט געוואָרן בעת אירע גאַסטראָלן אין מערב-אייראָפּע.

דעם 24 דעצעמבער 1927 איז אין בוענאָס-איירעס א'ר פון לעאָ האַלפערן אויפגעפירט געוואָרן אויף דער „מענדעלע-פייערונג" פון אָרטיקן „יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין" אַן אַקט פון דער פיעסע א'נ „בנימין פון טונעיאַדעווקע, קאָמעדיע אין צוויי בילדער, סצענירט און באַאַרבעט נאָך מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי" פון סעלוואַ", מיט לעאָ האַלפערן אין דער ראָל „בנימין". די דראַמאַטיזאַציע איז באַלד דערויף פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער זאַמלונג „פון זיידנס קוואַל".

דעם 25 יאַנואַר 1929 איז אין ווילנע, אין דער דראַמאַטיזאַציע און רעזשי פון ב. באָריסאָוו, אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ דראַמאַטישן קרייז מ.'ס „מסעות בנימין השלישי".

דעם 26 פעברואַר 1932 איז אין לאָדזש אויפגעפירט געוואָרן דורך דער לאָדזשער יידישע טעאַטער-סטודיע ביים „הזמיר" מ.'ס „די רייזע פון בנימין דעם דריטן (מסעות בנימין השלישי), קאָמעדיע אין 10 בילדער פון מענדעלע מוכר ספרים, רעזשי — אידעם, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — יצחק ברוינער, מוזיק — דוד בייגעלמאַן, פּלאַסטיק און טענץ — איזא האַראַרי, אינסצעניזאַציע — כ. עמעס". [די הויפטראָלן: „בנימין" — ד. גרינבערג, „סענדערל" — ש. פישמאַן].

דעם 24 דעצעמבער 1927 זיינען אין בוענאָס-איירעס א'ר פון נ. צוקער אויפגעפירט געוואָרן אויף דער „מענדעלע-פייערונג" פון „יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין" פראַגמענטן סצענירט פון מ.'ס „די קליאַטשע, ספּעקטאַקל פון 5 בילדער פון נחמיה צוקער" (ראָל „ישראל" — לעאָ האַלפערן), וואָס איז באַלד דערויף דערשינען אין דער זאַמלונג „פון זיידנס קוואַל", און מ.'ס „ווינטשפינגערל, סצענירט פון מ. טאַבאַקשניידער" (רעזשי — מ. טאַבאַקשניידער, ראָל „רייזעל" — מארסעלא ווייס), וואָס איז אריין אין דער זעלבער זאַמלונג.

אין סעזאָן 1927-1928 איז אין אוקראַאינישן יידישן מלוכה-טעאַטער אין כאַרקאָוו אויפגעפירט געוואָרן מ'ס „בעלי-טובות, מאָנטאַזש פונם טעקסט (לויט מענדעלע מוכר ספרימס „טאַקסע" און „פריזיוו") פון אפרים לויטער, רעזשי — אפרים לויטער, דעקאָראַציעס — זאַריצקי".

אין פעברואַר 1928 איז דורך דער סטודיע „רויטע בליטן" אין ביעלא-צערקאָוו אויפגעפירט געוואָרן „די כּנופיה, אין 9 עפּיזאָדן" (מאָנטירט פון מענדעלעס „טאַקסע" און „פריזיוו").

דעם 30 מערץ 1928 איז אין דער יידישער שלום-עליכם-אָוונטשול אין ריגע אויפגעפירט געוואָרן אַן אייגענע אינסצעניזירונג פון מ.'ס „דאָס קליינע מענטשעלע".

ב. גאָרין גיט אויך איבער, אַז בעת גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אָדעס, פלעגט מ. זיין אַן אָפטער באַזוכער אין טעאַטער.

בעת די „מענדעלע-פייערונגען" אין וואַרשע (1909) האָט מ. זיך באַטייליקט אין אַ באַנקעט, וואָס די אַקטיאָרן האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט נאָך דער פאָרשטעלונג און אויף וועלכער מ. האָט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען וועגן יידישן טעאַטער: „..כדי עס זאָל ווערן אַ קינסטלעריש טעאַטער, דאַרפן נישט נאָר ארטיסטן זיין, אָבער אויך שטיק. די בינע איז פאַר דער ליטעראַטור דער פאַרמיטלער צווישן איר און פובליקום, און מיט פאַראייניקטע קרעפטן דאַרף די יידישע בינע אויפגעבויט ווערן". [ציטירט לויט מ. מנחם]. אַן ענלעכע מיינונג האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַר באָריס טאָמאַשעווסקין בעת זיין באַזוך ביי אים אין 1913. זייער כאַראַקטעריסטיש איז מ.'ס באַגריסונג, וואָס ער האָט צוגעשיקט צום ערשטן יידישן אַרטיסטן-צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד (קיעוו, 29 אויגוסט-3 סעפּטעמבער 1917). [איבערגעדרוקט אין „נייע צייט", קיעוו, נ' 3, 1917, „פאָרווערטס" נ. י., 27 דעצעמבער 1917, „דער יידישער אַרטיסט", כאַרקאָוו, נ' 1, 1918, „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", 1918, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נ' 51, 1927].

מ. האָט אויך צוזאַמען מיט מאַרק אַרנשטיין, אָנגעהויבן צו שרייבן אַ פיעסע מיט פערדינאַנד לאַסאַל אַלס הויפּטהעלד. דערפון האָט אַרנשטיין אָנגעשריבן דאָס ערשטע בילד און מ. דאָס צווייטע בילד. וועגן דער פיעסע האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען באָריס טאָמאַשעווסקי. דער כתב-יד פון דער אָנגעהויבענער פיעסע איז פאַרלוירן געגאַנגען.

דעם 8 דעצעמבער 1917 איז מ. געשטאָרבן אין אָדעס.

ז. זילבערצווייג שרייבט: „אויב מען זאָל באַטראַכטן מענדעלעס

דראַמאַטורגישע טעטיקייט און זיין שיכות צום יידישן טעאַטער נאָר דורך זיינע צוויי טעאַטער-שטיק „די טאַקסע“ און „דער פריזיוו“, האָט מענדעלע באמת אַ קנאַפּן טעאַטראַלן סטאַזש. אָבער דאָס איז נאָר אויבנאויפיק. זייער זעלטן (אַ חוץ שלום-עליכם) האָט מען אַזוי-פיל דראַמאַטיזירט וועלכן ס'איז יידישן שריפטשטעלערס בעלעטריסטישע ווערק ווי מענדעלעס. אויסערדעם האָט מענדעלע גופא דורך בריוו, שמועסן און רעדעס אָפט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען וועגן יידישן טעאַטער. ...איין זאַך, אויף וועלכער גאָרין ווייזט אָן, האָט באמת אַ באַדייטונג פאַרן ד ר אַ מ אַ ט ו ר ג מענדעלע — דאָס איז זיין פאַרשטענדניש צו עקספּלאָאַטירן פאָלקס-לידער פאַר טעאַטער-שטיק“.

און ב. גאָרין שרייבט: „מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אַן אָפטער באַזוכער אין יידישן טעאַטער און האָט געהאַט דעם חשק צו שאַפן עפּעס פאַר דער בינע. אין אַ דראַמאַטישער פאָרם האָט ער שוין מיט יאָרן פריער געשאַפן אַ ווערק און ער האָט געוואָלט שרייבן אַזאַ פּיעסע, וואָס מען זאָל אויך קאָנען שפּילן. די שטיקער, וואָס ער האָט געזען, האָבן צו זיין האַרצן נישט גערעדט און זיין ווּאונטש איז געווען צו געבן אַ ווערק, וואָס זאָל האָבן אַ העכערן, פּאָעטישן און ליטעראַרישן ווערט, אַ חוץ דעם דראַמאַטישן“.

אַנדערש דערציילט דר. א. מוקדוני: „איך האָב פּרובירט אַ רייד טאָן מיט מענדעלען וועגן דער לאַגע אין אונזער טעאַטער און געוואָלט אָנטאַפּן ביי אים צי וואָלט ער צוגעשטאַנען צו אַ ברייטער אַקציע פאַרן יידישן טעאַטער. אָבער דאָ האָב איך זיך, ליידער, אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנד. מענדעלע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ענין טעאַטער, אַז איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך דאַרף נישט פאַרלירן קיין איבריק וואָרט“. און וועגן מ. אַלס דראַמאַטורג שרייבט ער: „מענדעלע האָט, ווי זיינע פאָרגענגער אין דער יידישער ליטעראַטור, נישט געהאַט אין זינען אַ קאָנקרעטע בינע, שוישפּילער א. ד. ג. ער האָט גאָרנישט געטראַכט פון אַ יידיש טעאַטער. אים אַליין איז זאָגאַר נישט געווען גאַנץ קלאָר פאַרוואָס ער האָט געשריבן „די טאַקסע“. „דער פריזיוו“ אין דער פאָרם פון אַ דראַמע“.

מ.'ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] דיא טאַקסע
אָדער דיא באַנדע שטאָדט בעלי מלאכות
געדרוקט בהשתדלות
מענדעלי מוכר ספרים
זשיטאָמיר 1869

[1א] ווילנא תרל"ב [1872]

[1ב] אַלע שריפטען פון מענדעלע מוכר ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)
די טאַקסע
אָדער
די באַנדע שטאָדט בעלי טובות
ערשטער באַנד
היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
ניו יאָרק [1907-8, 99 ז. 16°]

[1ג] מענדעלע מוכר ספרים
אַלע ווערק
די טאַקסע [א. א.]
5 באַנד
פערלאַג „מענדעלע“
וואַרשא [1911, 119+23 ז. 16°]

[1ד] פּרעמיע צו דער צייטונג „דער מאָמענט“
אויפן אַבאָנאָמענטס יאָהר 1913

[1ה] מענדעלע מוכר ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)
אַלע ווערק
פערטער באַנד
נייע פערבעסערטע אויפלאַגע
פערלאַג „מענדעלע“ וואַרשא 1928 [IV+120 ז. 16°]

[1ו] מענדעלע מוכר ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויטש)
אַמאָליקע בעלי-טובות
כצינעס פון דער „טאַקסע“
אויסגעשניטן און צוגעפּאַסט פאַר אַ שול-פאָרשטעלונג
דורך ש. באַסטאָמסקי
ווילנער פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“ 1928
[33 ז. 32°, סעפּאַראַט-אָפּדרוק פון „גרינינקע ביימעלעך“]

[2] מענדעלע מוכר ספרים
דער פריזיוו
אַ דראַמע אין 5 אַקטען
סט. פעטערבורג, תרמ"ה
1884 [87 ז. 16°]

[2א] אַלע שריפטען פון מענדעלע מוכר ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)
ערשטער באַנד
דער פריזיוו
היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
ניו יאָרק [1907-8, 106 ז. 16°]

[2ב] מענדעלע מוכר ספרים
אַלע ווערק
דער פריזיוו [א. א.]
IX באַנד
פערלאַג „מענדעלע“
וואַרשא [1911, 108+24 ז. 16°]

[2ג] פּרעמיע צו דער צייטונג „דער מאָמענט“
אויפן אַבאָנאָמענטס יאָהר 1913

[2ד] מענדעלע מוכר ספרים
צעהנטער באַנד
דער פריזיוו
אַ דראַמע אין פינף אַקטען
נייע פערבעסערטע אויסגאַבע
פערלאַג „מענדעלע“
וואַרשא 1928 [108 ז. 16°]

[2ה] מענדעלע מויכער-ספאָרים
ש. י. אַבראַמאָוויטש
דער פריזיוו
(אַ פּיעסע אין 3 אַקטן)
צוגעפּאַסט פאַר דראַמקרייזן, פון רעזשיסער כ. שמאַיין אונטער דער רעדאַקציע פון ה. קאַזאַקעוויטש.

פאַרלאַג „געזקולט״, כאַרקאָוו 1927
[62 ז. 16^0]

[3] ווינטש פינגערל
פון מענדעלע מוכר ספרים
סצענירט פון מ. טאַבאַקשניידער
[געדרוקט אין „פון זיידנס קוואַל״, אַרויסגע־
געבן פון: אידישן ליטעראַטן און זשורנאַ־
ליסטן פאַריין אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס
1927, זז. 3-21].

[4] פישקע דער קרומער
פון מענדעלע מוכר ספרים
סצענירט פון ש. פריילאַך
[דאָרט געדרוקט, זז. 23-43]

[5] בנימין פון טונעיאַדעווקע
קאָמעדיע אין צוויי בילדער
סצענירט און באַאַרבעט נאָך מענדעלע מוכר
ספרימס „מסעות בנימין השלישי״ פון סעלווא
[דאָרט, זז. 45-61]

[6] די קליאַטשע
פון מענדעלע מוכר ספרים
סצענירט אין אַ ספעקטאַקל פון
5 בילדער פון נחמיה צוקער
[דאָרט, זז. 63-79]

מ.׳ס געדרוקטע פיעסע אין רוסיש:

[1] Такса, т. е. Коробочный Сборъ.
Комедія въ 5-ги дѣйствіяхъ
С. М. Абрамовича.
Переводъ съ еврейскаго жаргона
I. М. Петриковскаго, автора „Въ Америку“
Бѣлая-Церковь, 1884 [pp. 119, 16^0]

ז. רייזען — „לעקס. יד. ליט״, I, זז. 8-37.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.״, I, זז. 36-235, 31-230, 127-131, II, ז. 256.

מ-ם [מנחם] — מענדעלע מוכר ספרים אין יודישען טעאַטער, „דער פריינד״, פעטערבורג, 13 סעפט. 1909.

בן-ציון — מענדעלע פייערונג אין לאָדז, „דער פריינד״, פעטערבורג, 14 סעפט. 1909.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — אינטערעסאַנטע אידישע שוישפיעלער אין אָדעס, „פּאָרוו.״, נ. י., 7 דעצ. 1913.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי׳ס געשפרעך מיט מענדעלע מוכר ספרים, „פּאָרוו.״, נ. י., 14 דעצ. 1913.

ק-י [קיטאַי] — בא ר׳ מענדעלע מוכר ספרים, „נייע צייט״, קיעוו, 29 נאָוו. 1917.

דר. י. וואָרטסמאַן — מענדעלי אַלס דראַמאַטורג, „דער טאָג״, נ. י., 16 פעבר. 1918.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא׳ש״, נ. י., 16 פעברואַר 1918.

ישראל דער יענקי [י. פרידמאַן] — דער ניט געלונגענער „פּריזיוו״ אין קעסלער טהעאַטער, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 8 פעבר. 1918.

נ. מייזיל — מענדעלי, צי ניימאַן? „אונזער פאָלקסצייטונג״, ווארשע, 23 דעצ. 1923.

נ. מייזיל — מענדעלע מוכר ספרימס „דער פריזיוו״, „אונזער פאָלקס־צייטונג״, ווארשע, 25 דעצ. 1923.

SZE — טעאַטער־נאָטיצן, „אונזער פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 28 דעצ. 1923.

איינער [א. איינהאָרן] — טעאַטראַלע נאָטיצן, „נייער הייגט״, ווארשע, 28 דעצ. 1923.

א. י. גאָלדשמידט — אייזיק - מאיר דעווינישסקי (א. וויטער), אין א. וויטערס „כתבים״, ווילנע, 1923, זז. XXX.

ב. קאַרליניוס — טעאַטער-פעליעטאָן, „דער מאָמענט״, ווארשע, 4 יאַנ. 1924.

ז. ר. [רייזען] — דער יידישער טעאַטער, „טאָג״, ווילנע, 15 פעברואַר 1924.

נ. מ. [מייזיל] — „פישקע דער קרומער״ אויף דער בינע, „ליטבל׳ט״ ווארשע, 6, 1924.

J. Appenszlak — „Fiszka Kuterlawy“, „Nasz Przegląd“, Warszawa, 8/6 1924.

איינער — טעאַטראַלע נאָטיצען, „נייער הייגט״, ווארשע, 13 יוני 1924.

ב. ק-ס [קאַרלינסקי] — טעאַטער נאָטיצען, „מאָמענט״, ווארשע, 17 יוני 1924.

SZE — טעאַטער־נאָטיצן, „אונזער פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 18 יוני 1924.

Huntly Carter — „The New Spirit in the Russian Theatre“, Brentano's Ltd., London, 1924, p, 239.

מ. וויכערט — „טעאַטער און דראַמע״, ווארשע, 1926, II, זז. 76-74, 26-29.

ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות״, I, זז. 110-112.

נ. מ. — מענדעלע בריוו, „ליטבל׳ט״, ווארשע, 51, 1927.

Ал. Дейч — „Маски еврейского театра“, Москва, 1927.

דר. א. מוקדוני — צוויי מענטשן, „אלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים״, ווארשא, 1928, ערשטער באַנד, זז. 155-166.

י. נוסינאָוו — פון בוך צו בוך, „צייטשריפט״, מינסק, 1928, II-III, זז. 425-482.

א. גורשטיין — סאַכאַקלען פון דער מענדעלע-פאָרשונג, דאָרט, זז 485-524.

זכרונות וועגן מענדעלע מוכר ספרים, „אלע ווערק״, 20-טער באַנד, ווארשע, 1928, ז. 86.

י. שאַפיר — באַוויזן מענדעלעס עפּאָכע, „דער שטערן״, כאַרקאָוו, 1 מערץ 1926.

אַב. — מענדעלעס „טאַקסע״ אין בערדיטשעווער אַרבעטער-קלוב, „דער שטערן״, כאַרקאָוו, 30 מערץ 1928.

משה טייטש — די מענדעלע פייערונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, „פרעסע״, ב׳א, 15 אַפּריל 1928.

אָ. טיס — „פּריזיוו״ (לויט מענדעלע מ׳ס), כאַרקאָווער קלוב 3-טער אינטערנאַציאָנאַל, „יונגע גוואַרדיע״, כאַרקאָוו, 28, 1928.

ל. זשיטניצקי — „פונם זיידנס קוואַל״, „ליטבל׳ט״, ווארשע, 25, 1928.

ל. ל-נאָוו — אַ פאָרשטעלונג אין אוקראַינישן יידישן מעלוכע-טעאַטער, „אָקטיאַבר״, מינסק, 31 מאַי 1928.

א. בלאַנדער — מענדעלע-שטעלונגען אין פּראָווינץ, אַ גראַטעסקנער ספּעק-טאַקל, „שטערן", כאַרקאָוו, 1 מערץ 1928.

פּרינץ ענגעל — אויפפירונג פון „מסעות בנימין השלישי" פון מאָסקווער ייד. מלוכה-טעאַטער, „פרימאָרגען" ריגע, 27 אַפּריל 1928

א. גורשטיין — אונזער מענדעלע-ליטעראַטור, „עמעס", מאָסקווע, 25 מאַי 1928, „ליטבלעט", וואַרשע, 29, 1928.

ה. ווילטשינסקי — יידיש-פּויליש איבערזעצונגען, „ביכער-וועלט", וואַר-שע, 5, 1928.

י. צבילאָוויטש — נייע מענדעלע-ליטעראַטור, „ביכער-וועלט", וואַרשע, 5, 1928.

ש. ניגער — „צום צענטן יאָרצייט נאָך מענדעלע מוכר ספרים", נ. י., 1928.

משה שאַליט — קריטיק און ביבליאָגראַפיע, „ביכער-וועלט", וואַרשע, 9, 1928.

מ. עריק - שרייבער און ווערק, „די יידישע וועלט", וואַרשע 1923, ז. 304-303.

מ. ליטוואַקאָוו — ווידער צווי אויסכירונגען, „עמעס", מאָסקווע, 6 אַפּריל 1928.

דזשעק — מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי לויט מענדעלע מויכער ספאָרים, „פּרבעמער שטימע", פּאַריז 25, 1928

[—] — מענדעלע-פייערונג אין דער איד. שלום-עליכם פאָלקס-שול, „פריי-מאָרגן", ריגע, 2 אַפּריל 1928.

Noziere — „Le Voyage de Benjamin III", „La Rumuer", Paris, 20 juin 1928.

Fortunat Strowski — „Le Voyage de Benjam'n III", „Paris Midi", 20 juin 1928.

Paul Achard — „Le Voyage de Benjamin III", „La Presse", Paris, 20 juin 1928

Interim — „Le Voyage de Benjamin III", „Le Figaro", 21 ju'n 1928.

Lucien Descaves — „Le Voyage de Benjamin III", „L'Intransigeant", Paris, 21 juin 1928.

Maurice Rostand — „Le Voyage de Benjamin III", „Le Soir", Paris, 21 juin 1928.

Paul Reboux — „Le Voyage de Benjamin III", „Paris Soir", 21 juin 1928.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „ארכיון", ווילנע 1930, ז. 365.

א. הינדעס — „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי" אין מאָסקווער יידישן מע-לוכע טעאַטער, „שטערן", כאַרקאָוו, 30 אויג. 1930.

י. ליובאָמירסקי - „מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע", כאַר-קאָוו, 1931, ז. 50.

י. דאַנקין [ישראל ראָזענבערג] — „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 10 מערץ 1932.

[—] — „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים, אינסצע-נירט און אויפגעפירט אין דער לאָדזשער יודישער טעאַטער כטידיע ביי „הזמיר", „לאָדזשבלעט", 11 מערץ 1932.

D-SKI [י. דאַרגוזשאַנסקי] — מוזיקאַלישע און טעאַטראַלישע נאָטיצען, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש, 23 מערץ 1932.

י. ק-ש — מסעות בנימין השלישי, „לאָדזשער וועקער", נ' 10, 1932.

נ. ה-ר — די טאַקסע [פון ממו"ס], אויסגעפיהרט דורך דער „מאַסקאַ", „נייער מאָרגן", לעמבערג, 30 אויג. 1932.

זלמן זילבערצווייג — מענדעלע האָט געשריבן וועגן לאַסאַלן, „ליטבלעט", וואַרשע, 39, 1933.

מ. קיפּאַי — בריוו אין רעדאַקציע, „ליטבלעט", וואַרשע, 42, 1933.

מענדעלעוויטש, דוד

געבוירן 1888 אין קעלץ, פּוילן. 1903 — דעבוטירט אין ראַדאָם אויף דער פּויליי-שער בינע, וועלכע ער פאַרלאָזט אָבער באַלד צוליב אַנטיסעמיטיזם. 1909 — זיך באַזעצט אין טשענסטאָכאָוו און (מיט דער הילף פון קאַנטאָר אברהם-בער בירנבוים) אָרגאַניזירט אַ יידישע דראַמאַטישע סעקציע, מיט וועלכער ער פירט אויף „אוריאל אַקאָסטאַ" (שפּילנדיק די ראָל „דע סילוואַ"), שפּעטער (מיט דער הילף פון אברהם וויטוואַרקאַ) אויפגעפירט אַ ריי גאָרדין-פּיעסעס, נאָכדעם אַריינגע-טראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר אין דער גאַסטראָ-לירנדיקער קאַמינסקי-טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איי-בער פּוילן. פון דאָרט איבערגעגאַנגען אין די טרופּעס פון ליפּאָוו-סקי, גענפער א. א., וואו ער שפּילט ביז 1915.

1915-16 — געשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג אין כאַרקאָוו, דערנאָך אָרגאַניזירט אונטער זיין דירעקציע אַ טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אַרום, ביז צום אַרטיסטן-צוזאַמענפאָר, איבער קרים און אוקראַינע. 1917-20 — אַרומגעפאָרן מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע און דערנאָך אין חברים-טרופּעס, פאַרלאָזט ראַטנפאַרבאַנד און געשפּילט יידיש טעאַטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איטאַליע און ווין.

1922 — אַנגאַזשירט געוואָרן קיין פּאַריז און לאָנדאָן (דיר. — נ. בלומענטאַל), וואו ער שפּילט ביז 1925, דערנאָך ביז 1927 גע-ווען דירעקטאָר פון יידישע טרופּעס אין בעלגיע. 1928 — אַנגאַ-זשירט צו שפּילן מיט אַ יידישער טרופּע אין דרום-אַפריקע און נאָכן צוריקקומען אין מערב-אייראָפּע, דאָרט ווייטער געשפּילט יידיש טעאַטער.

ש. ע.

מענדעלעוויטש, פאַניע

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן, 1917 — אָנ-געהויבן שפּילן אין טעאַטער וועניס, נאָכ-דעם אַריבער אין צענטראַל-טעאַטער און גענומען אַרומפאָרן מיט פאַרשידענע וואַנ-דער-טרופּעס איבער דער פּוילישער פּראָ-ווינץ און אוקראַינע.

1920 - געקומען אין דייטשלאַנד און דאָרט געשפּילט אַ לענגערע צייט יידיש טעאַטער, דערנאָך אין בעלגיע. 1923 — אַנגאַזשירט קיין פּאַריז (דיר. - נ. בלומענ-

טאַל). 1925 — גאַסטראָלירט אין ווין, דערנאָך אַנגאַזשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן (דיר. — נ. בלומענטאַל), וואו זי טרעט אויף אַלס „די טשאַרד. ש-פירשטין". 1926 — ביי בלומענטאַל אין פּאַריז און שפּעטער מיט אים אין בעלגיע.

ש. ע.

מענעס, יעלענאַ

געבוירן 27 אויגוסט 1905 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער, ברודער און פעטער — מאָלער, אַן עלטער-זיידע איז געווען אַ יידישער אַקטיאָר [?].

אין 1914 טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין כאַרקאָוו, וואו מ. טרעט אַריין אין גימנאַזיע.

פון קינדווייז אָן געשטרעבט צו ווערן אַ טענצערין און אין עלטער פון 10 יאָר טרעט זי אַריין אין אַ כאַרקאָווער טאַנץ-שול, וואו זי האָט אויך אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך. פון 1916 ביז 1922 — געאַרבעט אין כאַרקאָווער פאָלקס-הויז, אַרויסגעטראָטן אויף קאָנצערטן, געווען אויך באַטייליקט אין כאַרקאָווער מלוכה-אָפּערע אַלס סאָליסטין פון באַלעט און רעזשיסירט באַלעטן אין פאַרשיידענע טעאַטערס.

1922-3 — שטודירט ביי מאָרדקין אין מאָסקווע און גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין קאָנצערטן און אין טעאַטער-אויפפירונגען. 1923-5 — איז מ. געווען באַטייליקט אין פאַרשיידענע מוזיקאַליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפטן אין כאַרקאָוו און אין כאַרקאָווער מלוכהשן קינדער-טעאַטער. זינט 1925 — איז מ. כאָרעאָגראַפישער רעזשיסער און באַלעט-טענצערין אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער.

ש. ע.

מעסטעל, יעקב

געבוירן 25 פעברואַר 1884 אין זלאָטשעוו, גאַליציע, ביי נישט-פאַרמעגלעכע עלטערן: בעלי-מלאכות פון פאָטערס צד און סוחרים פון מוטערס צד, אַ קרובה צו דער משפחה מאַרגוליעס — בערל בראָדער. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר און אין פאָלקס-און בירגער-שול.

1905 - געענדיקט אין לעמבערג דעם פּויליש-אוקראַאינישן לערער-סעמינאַר און אַריינגעטראָטן אַלס לערער אין דער לעמבערגער הויפּטשול, וואו ער איז פאַרבליבן ביז 1907 און שטודירט גלייכצייטיק פילאָזאָפיע אין לעמבערגער און שפּעטער אין ווינער אוניווערזיטעט. 1908 — געענדיקט אין ווין די אָפּיציר-שול אַלס קאַדעט-אַספּיראַנט און 1908-9 ווידער געווען לערער אין לעמבערג.

נאָך אין פאָלקס-שול האָט מ. געשפּילט אויף פּויליש די ראָל „דער פאָטער" אין אַ דראַמאַטיזאַציע פאַר קינדער פון אַדאַם מיצקעוויטשעס „Powrót Taty" און זיך באַטייליקט אין קינדער-כאָר פון אָרטיקן פּוילישן טעאַטער. שפּעטער, אַלס סטודענט, איז מ. געווען אָנפירער און מיטגעשפּילט אויף פּויליש, יידיש און העברעאיש אין פאַרשיידענע דראַמאַטישע סטודענטן-קרייזן מיט דער שטרעבונג צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

דורכגעדרונגען מיט די יידישיסטישע שטרעמונגען פון יענער צייט (בפרט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ), טרעט אַריין מ. אין סעזאָן 1909-10 אין ווינער יידישן סטעפאַני-טעאַטער (דיר. — זיגלער-פאָדזאַמטשע), וואו ער שפּילט און רעזשיסירט ביז 1913 אין די ווינטער-סעזאָנען אין ווין און זומער-צייט מיט דער זעלבער טרופּע (אַ חוץ זומער 1912 מיט אשכנזי אין יאַסי) אין מאַריענבאַד, פראַנצענסבאַד, טשערנאָוויץ, פּראַג, לייפּציג און איבער אַנדערע דייטשע און עסטרייכישע פּראָווינצן. אונטער דער השפּעה פון מ. און פון יידיש-העברעאישן שריפטשטעלער אייזיק לובעצקי ווערן דאַמאָלט אין יענער טרופּע אויפגעפירט צום ערשטן מאָל די פּיעסעס פון גאָרדין, אַש, הירשביין א. א.

1913-14 — שפּילט מ. אין בערלין (דיר. — לאַרעסקאָ-קלוג) און זומער 1914 אין יאַסי (דיר. — אַ. אשכנזי-יאָזעף קעסלער) און איבער דער רומענישער פּראָווינץ.

בעתן מלחמה-אויסבראָך טרעט אַריין מ. אַלס אָפיציר אין דער עסטרייך-אונגאַרישער אַרמעע, וואו קעמפנדיק אויף פאַרשיידענע פראָנטן, ווערט ער איינציקע מאָל פאַרוואונדעט, באַשאָנקען מיט מעדאַלן און דערדינט זיך צום ראַנג פון אויבער-לייטענאַנט.

נאָך דער דעמאָביליזאַציע (1918) קומט מ. צוריק אין ווין, וואו ער טרעט אַריין אין דער מלוכהשער „אַקאַדעמיע פאַר רעזשי און שוישפּיל-קונסט", גלייכצייטיק פירט ער אָן אַ קורס פאַר יידישער ליטעראַטור ביי די „פּועלי-ציון", העלפט אָרגאַניזירן די דראַמאַטיק „פרייע יידישע פאָלקס-בינע", וואו ער ווערט באַלד דער קינסטלערישער לייטער, רעזשיסער און אַקטיאָר, און גרינדעט גלייכצייטיק די ערשטע יידישע דראַמאַטישע שול אין ווין.

יולי 1920 — פאָרט מ. אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט באַלד אַנגאַזשירט אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער (דיר. — אַנשל שאָר-גרובער). פאַרן סעזאָן 1921-23 נעמט מ. איבער די קינסטלערישע לייטונג פון דעם טעאַטער און בלייבט דאָרט נאָך אַלס שוישפּילער דעם סעזאָן 1922-23 אי״ל פון אַנשל שאָר.

1923 — טרעט מ. אַריין אין שוואַרצס יידישן קונסט-טעאַטער, וואו ער שפּילט ביז 1926, מיטמאַכנדיק אין 1924 דעם איראָפּעאישן טורנעע אַלס שוישפּילער און קינסטלערישער פאַרשטייער פון קונסט-טעאַטער. ביי דער געלעגנהייט באַטייליקט ער זיך אויך אין ווין אין פילם „יזכור" פון סעקלער.

זומער 1926 מאַכט מ. אַ טורנעע אַלס רעזשיסער און קונסט-פאַרוואַלטער פון יעקב בן-עמים גאַסטראָלן איבער דער אַמעריקאַנער און קאַנאַדישער פּראָווינץ, אויפפירנדיק מיט בן-עמין „אַלט היידעלבערג", זשולאַווסקיס „שבתאי צבי" א. א.

1926-27 — ווערט מ. אַנגאַזשירט אין „דאָס נייע יידישע קונסט-טעאַטער" (אירווינג-פּלייס-טעאַטער) אַלס שוישפּילער און רעזשיסער און פירט דאָרט אויף (צוזאַמען מיט יעוורעאינאָוו און בן-עמי) יעוורעאינאָווס „די שיף מיט צדיקים" און (צוזאַמען מיט בן-עמי) לייוויקס „שאָפּ" און גאַלסוואָרטיס „גערעכטיקייט".

נאָך אין 1925 האָט מ. איבערגענומען די לייטונג פון דער „פרייהייט דראַמאַטישער סטודיע" (זע „אַרטעף") אין „לעקסיקאָן פון

יידיש טעאַטער" באַנד, 1, ז. 92). איצט פאַרלאָזט ער דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער אוןווידמעט זיך אינגאַנצן צו דער סטודיע-אַרבעט (אַ חוץ אַלס גאַסט-שוישפּילער אין קונסט-טעאַטער צו שלום-עליכם-בערקאָוויטשעס „גאָל־גרעבער" אין 1927 און אַלס גאַסט-רעזשיסער פון ב. עפּעלבוימס „גיבראַלטאַר" ביי דער „ווילנער טרופּע" אין 1928), זייענדיק איר דירעקטאָר, לערער און רעזשיסער. ביז מיט דער אויפפירונג פון ב. שטיימאַנס טרילאָגיע „ביים טויער" (בינע-טעקסט און רעזשי פון מ.), ווען די סטודיע ווערט פאַרוואַנדלט אין שפּילער-קאָלעקטיוו פון „אַ־טעף". גלייכצייטיק האָט מ. אויך אָנגעפירט אייניקע אַנדערע אַרבעטער-דראַמקרייזן און (אין די זומער-סעזאָנען פון 1928 און 1929) דעם עקספּערימענטאַלן „ניט געדייגעט-טעאַטער" אין קעמפּ „ניט געדייגעט", אויפפירנדיק סצענעס און איינאַקטערס פון מ. נאַדיר, פּ. מאַרקיש, נאָוויק, בוכוואַלד, פּענסטער א. א., אָנפירנדיק אַ קורצע צייט אויך מיט דער צווייטער סטודיע פון „אַרטעף" (זייענדיק גלייכצייטיק אויך לערער פון דיקציע אין מ. עלקינס קינדער-טעאַטער), טרעט מ. אַריין אין 1929 צוריק אין שוואַרצס „קונסט-טעאַטער", וואו ער שפּילט ביז 1931, מיטמאַכנדיק (אין זומער 1930) מיט דער „קונסט-טעאַטער-טרופּע" (מיט יעקב בן-עמי) דעם טורנע קיין קאַליפאָרניע.

זומער 1931 איז מ. רעזשיסער און קונסט-פאָרשטייער פון בן-עמיס גאַסטראָלן איבער אַרגענטינע, אורוגווי און בראַזיל, וואו צווישן אַנדערע איבערזעצט ער און רעזשיסירט פּראַנטשישעק לאַנגערס „פּעריפעריע" („מאָרד") און טרעט דערנאָך אַריין אין ניו-יאָרק אין „יידישן אַנסאַמבל קונסט-טעאַטער" (סיוויק רעפּערטאָרי-טעאַטער) וואו ער רעזשיסירט אויך (צוזאַמען מיט ל. סנעגאָוו) וו. איוואַנאָווס „דער געפּאַנצערטער צוג" (יידיש – מ. אָשעראָוויטש).

אין 1932 איז מ. ווידער מיטן יידישן קונסט-טעאַטער, זומער 1932 ווידער דער רעזשיסער פון יעקב בן-עמיס גאַסט-שפּילן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און אין זעלבן יאָר רעזשיסירט ער אין ניו-יאָרקער „מעקאַ-טעמפּל" (צוזאַמען מיט יוסף בולאָוו) די אויפפירונג פון ערשטן אַקט פון דוד פּינסקיס „רעוו-אַרב-קאָם".

1932-33 – איז ער דירעקטאָר פון די יידישע טעאַטערס אין טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל (קאַנאַדאַ), וואו ער שפּילט און רעזשיסירט געמישטן רעפּערטואַר, אָנפירנדיק גלייכצייטיק מיט יידישע און ענגלישע דראַמקרייזן פון דער לינקער אַרבעטער-באַוועגונג.

מ. האָט אין 1919 זיך באַטייליקט אין ווין אין דייטשן פילם „דער געקרייציקטע יודע" און אין 1924 אין יידישן פילם „יזכור" פון ה. סעקלער (מיטן ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער), אין 1927, אין ניו-יאָרק, אין פילם „איסט סייד סיידי", אין 1932 – אין יידישן קלאַנג-פילם „אָנקעל מאָזעס" (לויט שלום אַש) און געשריבן דעם דיאַלאָג (און מיטגעשפּילט) צום יידישן קלאַנג-פילם „אַ יידישע טאָכטער" לויט קאַרל עמיל פראַנצאָזס ראָמאַן „יהודית טראַכטענבערג".

1921 – אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניאָן, איז מ. אין משך פון אייניקע יאָר געווען מיטגליד און סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע.

נאָך אין 1903 אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט מ. פאַרעפנטלעכט זינט דאַמאָלט פיל לידער, עסייען, קריטיק און פּובליציסטיק אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין איראָפּע און אַמעריקע. זייער פיל האָט מ. אויך געשריבן וועגן טעאַטער בכלל און וועגן יידישן בפרט, באַזונדערס אין „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער", אין די „ייוואָ-בלעטער", „ליט. בלעטער" און אין דער „מאָרגען-פרייהייט". פון זיינע פאַרעפנטלעכטע ביכער איז באַזונדער פּאָפּולער „מלחמה-נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיציר" (פ'ג בזשאָזאַ, וואַרשע, 1924 – דריי אויפלאַגעס), פון וועלכן ס'זיינען פראַגמענטן איבערזעצט אין דייטש און אונגאַריש. אין 1921 האָט מ. פאַרעפנטלעכט אַ בוך דראַמאַטישע פּאָעמען „דמיונות" („אַ דור", „איך", „גלגולים", אייגענער פאַרלאַג ווין-ניו-יאָרק, 1921) און אין 1928 אַ בוך „סאָלדאַטן-און פּאַיאַצן-לידער" (פ'ג בזשאָזאַ, וואַרשע, 278 ז.), אין וועלכן ס'זיינען געשילדערט סצענעס אויף און אַרום דער בינע. מ. גרייט אויך צו אין דרוק אַ האַנטבוך פאַר יידישער דיקציע.

אין 1911 האָט מ. אויפגעפירט אין ווינער סטעפאַני-טעאַטער זיין קאָמעדיע „מיר שוואַכע פּויען" און אין 1913 אַ'פ „עומר" זיין אָפּערעטע „דער שבת-גוי" (מוזיק – ל. גראַף), וועלכע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע א'נ „דער שבת-פאַרדינער".

מ. האָט אויך איבערזעצט אַרנאָלד צווייגס „סאַמועלס זענדונג", שענהערס „קינדער-טראַגעדיע", ווידעס „כאַטאַ מאָרגאַנאַ", לאַנגערס „פּעריפעריע" („מאָרד") און פויכטוואַנגערס „יוד זיס" (געשפּילט דורך סאַמועל גאָלדענבורג און יעקב בן-עמי).

מ. איז מיטרעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

מ'ס ברודער, יצחק, האָט געשפּילט אויף דער יידישער און דייטשער בינע. זיין ברודער, מאיר, שפּילט אין יידישן טעאַטער אין לעמבערג.

ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 458-461.

B. – Von der jüdischen Bühne, „Dr Bloch's Wochenschrift", Wien, 29 Dec. 1911.

Robert Stricker – Im jüdischen Theater, „Jüdische Zeitung", Wien, 8 März 1912.

מ. נ. – פונם וויענער יודישען טעאַטער, „טאָגבלאַט", לעמבערג 13 מערץ 1912.

דר. ק. – יודיש טעאַטער אין וויען, „דער סאָציאַלדעמאָקראַט", לעמבערג, 22 מערץ 1912.

[–] – דער שבת-פערדינער", „היינט", וואַרשע, 11 אויגוסט 1913.

אַב זמן – אַ געשפּרעך מיט יעקב מעסטעל, דער ליטעראַרישער דירעקטאָר פון אַרטש סטר. טעאַטער, „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, אויגוסט 1920.

א. ל. יאַקובאָוויטש – אַ ליעבע-מיסטעריע, „נייער היינט", וואַרשע, 20 יאַנ. 1922.

א. ל. יאַקובאָוויטש – ענטבלויזטע סימבאָליק, „נייער היינט", וואַרשע, נומ. 24 1922.

B. Rosenzweig – Dimjojnes (Fantazje) Jakóba Mestla, „Chwila", Lwów, 28/4 1923.

Dr. M. Bienenstock – Jakóba Mestla „Dimjojnes", „Na z Przegląd", Warszawa, 30/9 1923.

דר. מ. ביענענשטאָק – יעקב מעסטעל: „דמיונות", „טאָגבלאַט", לעמבערג, אָקטאָבער, 1923.

מ. בן-יעקב – די דיכטער אין אַנסאַמבל פונם קונסט-טעאַטער, „אידישע פּאָסט", ווין, נ 17, 1924.

פּראָפ. דר. מאיר באַלאַבאַן – „דמיונות" פון יעקב מעסטעל, „ליטבלעטער", וואַרשע, 45, 1924.

י. שפּיגעל — „דמיונות" פון יעקב מעסטעל, „טאָגבלאַט", לעמבערג, נ' 127, 1924.

דר. אַנזעלם קליינמאַן — יעקב מעסטעל (צוליב זיין נייעם בוך „דמיונות"), „די צייט", ניו-יאָרק, 1925.

יעקב קירשענבוים — יעקב מעסטעל, דער איצטיקער שוישפּילער האָט געדינט אין פעלדמאַרשאַל הינדענבורג'ס אַרמיי, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 8 מאַי 1925.

יעקב מעסטעל — פּראָלעטאַריש טעאַטער, „ליטבל'ט". וואַרשע, 86, 1925.

Holder József – Jakób Mestel a Költö, a Szinész, az Ember – „Mult es Jövö, Budapest-Wien-Berlin, Február, 1926.

פּ. וויערניק — י. מעסטעל: „סאָלדאַטען-און פּאַיאַצען-לידער", „מאָרגען זשורנאַל", נ. י., 10 מערץ 1923.

מלך ראַוויטש — צען פּאָעטן און פּאָעטלעך, „פאָלקס-צייטונג", וואַרשע, 16 נאָוו. 1928.

נ. בוכוואַלד — דער ערשטער אַרויסטריט פון דער פרייהייט דראַמ. סטודיע „פרייהייט", 29 פעבר. 1928.

נ. בוכוואַלד — מיר הויבן אָן. „פרייהייט", 17 נאָוו. 1928.

ר. יוקעלסאָן — גרייט צום עקזאַמען, „פרייהייט", 14 דעצעמבער 1928.

א. מ. מאַנדעלבוים — אונזער נרויסער נצחון, „פרייהייט", 14 דעצעמב. 1928.

דוד מאַניעוויטש — דאָס נייע רויטע קינד, „פרייהייט", 20 דעצעמבער 1928.

מ. אָלגין — אינזער יונגער פּראָלעטאַרישער טעאַטער, „פרייהייט", 21 דעצ. 1928.

יאַמב — י. מעסטעל'ס „סאָלדאַטן-און פּאַיאַצנ-לידער", „ל. א. אידישער בולעטין", ל. א., 1928.

יעקב מעסטעל מיינע אינטערעסאַנטע מאָמענטען אויף דער ביהנע, „דער טאָג", נ. י., 5 אַפּריל 1929.

יעקב מעסטעל — זכרונות פון עטליכע צוואַנציג יאָהר צוריק „דער מאָרגען", לעמבערג, 25 אַפּריל 1929.

משה גראָס — דריי יובילאַרן, „ליטבל'ט", וואַרשע, 8 יוני 1930.

ג. — יעקב מעסטעל, „דער שפּיגל", ב'א, 21 מאַי 1931.

זש. — אַ שמועס מיט יאַנקעוו מעסטעל, „די פּרעסע", ב א, 22 מאַי 1931.

ר. — אַ שמועס מיטן שריפטשטעלער און רעזשיסאָר יעקב מעסטעל, „איד. צייט.", ב'א, 22 מאַי 1931.

א. ט-ש — אַ שמועס מיט יעקב מעסטעל, „פּנים'ער און פּנים לאַך", ב א, 29 מאַי 1931.

וו. — יעקב מעסטעל וועגן מאָריס שוואַרצ'ן און בן עמי, „טעאַטער און קינאָ", ב'א, 5 יוני 1931.

נ. צוקער — לכבוד יעקב מעסטעל, „דער קונדאָס", ב'א, 5 יוני 1931.

דר. ל. זשיטניצקי — יאַנקעוו מעסטל, דער דיכטער פונעם מענטש, וואָס דאַרף זינגען, „די פּרעסע", ב'א, יוני 1931.

דר. ל. זשיטניצקי — „מאָרד" („פּעריפעריע" - די רעזשי און יאַנקעוו מעסטעל), „די פּרעסע", ב'א, 26 יולי 1931.

שמואל ראָזשאַנסקי — „פּעריפעריע", („מאָרד"), אויפגעפירט דורך י. מעסטעל, אַ גרויסער קינסטלערישער ספּעקטאַקל, „די אידישע צייטונג", ב'א, 26 יולי 1931.

ט.ביילין — די ווערט פון רעזשי אין יאַנקעוו מעסטל דער רעזשיסאָר, „די פּרעסע", ב'א, יולי 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — צי ווייסט איר אַז — „פּאַ ש". נ. י., 27 יולי 1931.

דר. ל. זשיטניצקי - יאַנקעוו מעסטעל, „די פּרעסע', ב'א, 31 יולי 1931.

K. – „Periferia", „Mundo Israelita", Buenos Aires, 1 Aug. 1931.

ש. ר. — יעקב מעסטעל, „די אידישע צייטונג", ב'א, 3 אויגוסט 1931.

ש. ראָזשאַנסקי — דער אימפּאָזאַנטער טעאַטער-אַקט אין „נועוואַ" צום עהרען-אָווענד פון יעקב מעסטעל, „די אידישע צייטונג", ב'א, 5 אויגוסט 1931.

דר. ל. זשיטניצקי — יאַנקעוו מעסטל — דער שוישפּילער, „די פּרעסע", ב'א, 7 אויג. 1931.

ט. ביילין — נאָטיצן און באַמערקונגען, „די פּרעסע", ב'א, 7 אויגוסט 1931.

ט. ביילין — איז עפּעס געבליבן?, „די פּרעסע", ב'א, 25 סעפּטעמבער 1931.

א. בערגמאַן — יעקב בן עמי און יעקב מעסטעל, „די אידישע פּרעסע", ריאָ דע זשעניירא, 163, 1931.

Critico – Jacób Mestel Fala do Teatro Judeu, „Diarío Nacional", Saó Paulo, 10 oct. 1931.

ש. מבינזאָן — דער אָנהויב פון דעם אידישן טעאַטער-סעזאָן, „דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 28 סעפּט. 1932.

מ. גורסאָוו - וועגן טעאַטער-טענות, דאָרט, 2 נאָוו. 1932.

י. ראַבינאָוויטש — די וועלט פון טעאַטער, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאַל, 23 נאָוו. 1932.

מעסטעל, יצחק (-יונה)

געבוירן 15 סעפּטעמבער 1894 אין זלאָטשעוו. מזרח-גאַליציע. ברודער פון יעקב. געלערנט אין חדר און אין שול אין זלאָטשעוו און אין לעמבערג. געענדיקט אַ פּראָגימנאַזיע. אין 1912 גרינדעט מ. די יידישע אַרבעטער-בינע „יעקב גאָרדין" אין לעמבערג און אין זעלבן יאָר פאָרט ער אַרום איבער דער פּראָווינץ אין גאַליציע מיט אַ וואַנדער-טרופּע. אין 1913 טרעט אַריין מ. אין גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג, וואו ער שפּילט ביז דער וועלט-מלחמה און באַטייליקט זיך דערנאָך אַלס סאָלדאַט אין דער עסטרייכישער אַרמעע.

1921 — גרינדעט מ., צוזאַמען מיט שלמה פּריזאַמענט און פראַנצאָז, דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע („האור"), וואו ער איז אויך רעזשיסער.

סוף 1923 קומט מ. צוריק אין ווין אַלס מיטרעזשיסער און אַקטיאָר אין יידישן קונסט-טעאַטער אונטער יצחק דייטשס דירעקציע, גייט איבער דערנאָך צו דער דייטשער בינע און שפּילט

אין די „קאַמערשפּילע" פון ד״ר. גייער אין ווין, ביז זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע אין 1925. דאָ ציט זיך מ. צוריק פון דער בינע.

מ. שרייבט אויך טעאַטער־שטיק א״פ יצחק מדה. זיין איינאַקטער „אין אַ ווינטער־נאַכט" איז אין 1912 אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „אַרבעטער־בינע יעקב גאָרדין" אין לעמבערג.

ש. ע.

מעסטעל, מאיר

געבוירן אין מערץ 1902, אין זלאָטשעוו, גאַליציע, יונגסטער ברודער פון יעקב מעסטעל.

געלערנט אין חדר און אין פאָלקס־שול, דערנאָך שטודירט אין מלוכהשן לערער־סעמינאַר און אין קאָנסערוואַטאָריע פאַר קלאַוויר אין לעמבערג.

נאָכן באַטייליקן זיך אין יידישע דראַמ. קרייזן אין לעמבערג (וואו ער האָט אויך אַליין אויפגעפירט סצענעס און איינאַקטערס), דעביוטירט פּראָפעסיאָנעל אין 1919 אַלס „דר. שוואַרץ" אין לאַטיינערס „שלאָמקע און ריקל" אין אַ פּראָווינציעלער חברים־טרופּע א״ל פון פ. באַריץ.

שפּילנדיק אונטער די ערגסטע קינסטלערישע און מאַטעריעלע באַדינגונגען, דערשלאָגט ער זיך צוריק אַהיים קיין לעמבערג, אָבער באַלד פאָרט ער ווידער אַרויס אויף דער פּראָווינץ מיט פאַרשיידענע „כאַפּ־טרופּעס" [אויף שנעל, פּראָוויזאָריש צוזאַמענגעשטעלטע טעאַטער־טרופּעס] און שפּילט דערנאָך, שוין אונטער בעסערע באַדינגונגען, א״ד פון נ. גלימער, מעלצער א. א. און שפּעטער א״ל פון ל. פּאָטאָצקאַ און י. טורקאָוו.

זינט 1918 שפּילט מ. אין דער לעמבערגער חברים־טרופּע (ז״ר. — גימפּעל).

אַמפּלואַ: יוגנטלעכע־און ליבהאָבער־ראָלן.

ש. ע.

מעסקאָ, אדאם

געבוירן 1864 אין איניקסט, קאָוונ. גוב., ליטע. פאָטער — אַ פרומער, אַ היימישער מעכאַניקער פון מילן. ביזן עלטער פון 19 יאָר געלערנט אין חדרים און בתי־מדרשים אין שטעטל און אין דער סביבה. אויס תשוקה צו דער „גרויסער וועלט" אַנטלאָפן קיין ווילנע, וואו ער לערנט אַ יאָר אין ראַמיילעס קלויז, אַ יאָר אין נאָוואָגרודקער בית־המדרש, דערנאָך אַוועק קיין קעניגסבערג, וואו ער לערנט 6 חדשים אין אַ דאָרטיקער־שול און עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו ער לערנט 9 חדשים אין אַן ענגלישער שול, איז אַ יאָר אַ העברעאישער לערער און ווערט דערנאָך אַ פּאַרקויפער פון מעל און הייוון.

מ. ווערט אַ מיטגליד אין דעם נאַציאָנאַלן פאַראיין „קדימה" און דעביוטירט מיט אַרטיקלען אין זייער יידישן זשורנאַל „די נאַציאָנאַלע שטימע". אין 1887 פאַרעפנטלעכט ער לידער אין זשורנאַל „די צוקונפט". דאָ שליסט ער אויך באַקאַנטשאַפט מיט די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן און נעמט שרייבן פּיעסעס. זיין ערשטע פּיעסע „די יידישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע, נאַציאָנאַלע דראַמע מיט געזאַנג אין 4 אַקטן" (מוזיק פון א. ז. יאַריכאָווסקי) ווערט אין 1890 אויפגעפירט אין ווינקאָרט האָל (מיט מאַקס ראָזענטאַל, יעקב און סאָניאַ קאַצמאַן, פעני וואַקסמאַן, יוסף גאָלדשמידט און אַדאָלף קעמפּנער) אויף אַ בענעפיס־פאַרשטעלונג פון „קדימה".

1892 — עמיגרירט קיין אַמעריקע און אין 1893 איז אין ניו־יאָרקער רומעניע־אָפּערע־הויז אויפגעפירט געוואָרן זיין „דאָס קינד אין וואַלד, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן" (מיט רודאָלף מאַרקס, ס. טאָביאַס, אברהם־יצחק און בערטאַ טאַנצמאַן און מערי ווילענסקי).

אין 1895 איז אין אַטלאַנטיק־גאַרדען אויפגעפירט געוואָרן מ׳ס „דער וואַמפּיר, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן" (מיט יעקב גאָלדשטיין, סצב לאָהנפעלד, הערי מילער און מעי סיימאָן) און אין טאַליאַ־טעאַטער זיין באַאַרבעטונג פון „טרובאַדור" (מיט דוד קעסלער, רעגינאַ פּראַגער, לייזער גאָלדשטיין, וויליאַם קאָנראַד און ס. טאָביאַס).

אין 1896 איז אין פילאַדעלפיער אַרטש־סטריט־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס פּיעסע „מלכּה שבא" מיט מוזיק פון א. ז. יאַריכאָווסקי און אין ניו־יאָרקער טאַליאַ־טעאַטער זיין איבערזעצונג פון דער אָפּערעטע „ציגיינער באַראָן" (מיט דוד קעסלער, רעגינאַ פּראַגער, לייזער גאָלדשטיין, וויליאַם קאָנראַד און פּאַולינאַ עדעלשטיין).

אין 1897 ווערט אויפגעפירט אין טאַליאַ־טעאַטער מ.׳ס איבערזעצונג „פויגל־הענדלער" (מיט דוד קעסלער, ס. טאָביאַס, וויליאַם קאָנראַד, לייזער גאָלדשטיין, פרידא זיבעל, מערי ווילענסקי און פּאַולינאַ עדעלשטיין), און אין 1898 ווערט — לויט ב. גאָרין — געשפּילט אין זעלבן טעאַטער מ.׳ס „די טאָכטער פון ירושלים, אָדער, דער רוימישער טיראַן, קאָמעדיע אין 4 אַקטן" [אַדאַפּטירט פון דער קאָמעדיע „דער רויב פון דער סאַבינערין"] (מיט דוד קעסלער, זיגמונט און דיינע פיינמאַן, רעגינאַ פּראַגער, סאָניאַ נאַדאָלסקאַ, ס. טאָביאַס, וויליאַם קאָנראַד און מ. חיימאָוויטש).

אין 1902 איז אין טאַליאַ־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס לעבנסבילד אין 4 אַקטן: „פּאָרטונאַ, אָדער, די געטין פון גליק, אָדער, מערי די שוסטערקע", וועלכע איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן בלויז אויפן לעצטן נאָמען. די פּיעסע איז מ.׳ס אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דייטשן פאַרס „דריי פּאַר שוהע", און איז אויפגעפירט געוואָרן א״ר פון ב. ווילענסקי. [על פּי טעות איז אין יידישן פּראָגראַם אַנגעגעבן ווילענסקיס נאָמען אַלס דער באַאַרבעטער פון דער פּיעסע און אַזוי איז עס געבליבן פאַרצייכנט אין ב. גאָרינס „געשיכטע פון יידישן טעאַטער" און אויך אין ווילענסקיס ביאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (I ז. 719)].

אין דער אויפפירונג פון דער פּיעסע האָבן זיך באַטייליקט מאָריס מאָשקאָוויטש, קלמן יאָווועליר, יעקב קאַצמאַן, אַדאָלף ליאַנסקי, רעגינאַ פּראַגער, דיינע פיינמאַן, סאָניאַ נאַדאָלסקאַ און מערי ווילענסקי.

דעם 23 יאַנואַר 1903 איז אין פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון באָריס טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס „תחית המתים, אָדער, צווישן הימל און ערד״ (מוזיק – זיגמונט מאָגולעסקאָ) מיטן אָנטייל פון באָריס און בעסי טאָמאַשעווסקי, יאָזעף קעסלער, בועז יאָנג, סעם קעסטין, מאַלווינע לאָבעל און בינע אַבראַמאָוויטש. שפּעטער איז דיזעלבע פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע א׳נ „דער כלהס חלום״ און איז אונטער דעם נאָמען געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע, וואו זי איז, אָן וויסן פון מחבר, געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז דערנאָך באַאַרבעט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער און איז אויפגעפירט געוואָרן א׳נ „איציקל וויל חתונה האָבן״ מיט פּעפּי ליטמאַן אין דער טיטל-ראָל. די פּיעסע האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג און איז אין 1925 דערשינען אין וואַרשע, אַנאָנים, א׳ט „איציקל וויל חתונה האָבן (אָדער דער כלה׳ס חלום) אָפּערעטע אין 5 אַקטען, פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1925״.

דעם 11 אַפּריל 1919 איז „דער כלהס חלום״ אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס-טעאַטער דורך סעמועל ראָזענשטיין א׳נ „די נאַכט פון ליבע״ מיט מוזיק פון הערמאַן וואָהל.

אין 1907 איז אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס „סיום התורה, לעבנסבילד אין 3 אַקטן״ מיטן אָנטייל פון סעמועל פּישער, אייב האַרט, דוד פּאַפּער, מייק ווילענסקי און ראָזע גרינפעלד.

אין 1908 איז אויף סעקאָנד עוועניו רוף-גאַרדן אויפגעפירט געוואָרן מ.׳ס „דער יידישער כבוד, דראַמע אין 3 אַקטן״ מיט לואיס קרעמער, סעם לאָהנפעלד, לעאָפּאָלד און סעראַ קאָנער, הערי מילער און ראָזע גרינפעלד.

אין 1910 האָט איזידאָר האָלענדער אויפגעפירט מ.׳ס דראַמאַטישע פאַנטאַזיע אין איין אַקט „דער צאַר און די גייסטער״ און אַדאָלף און אַדעלאַ ליאַנסקי האָבן אין זעלבן יאָר אויפגעפירט מ.׳ס קאָמעדיע אין 1 אַקט „דער יצר הרע״. זינט דאַמאָלט האָט מ. מער קיין פּיעסעס נישט געשריבן און גיט זיך אָפּ מיט מסחר.

מ. איז איניקע יאָר געווען דער פאָרשטייער פון דער יידישער דראַמאַטורגען ליג.

מ. און ש. ע.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.״, II, זז. 281, 276, 270.

א. גאָניקמאַן – דריי נייע פּיעסען, „טהעאַטער זשורנאַל״, נ. י., 15 פעבר. 1916.

מעראָן, ליאָסע

[זע מייעראָן ליאָסע]

מעראָן, מ. ל.

[זע מייעראָן מ. ל.]

מעריסאָן, י. מ.

[זע ים א.]

מערענזאָן, אַרן

געבוירן 1893 אין בערעסלאַוו, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. עלטערן – שניידערס. געלערנט אין חדר און פּריוואַט ביי לערער. דורך אַ חבר, וועמענס עלטערן זיינען געווען „באַוואוסטע ליבהאָבער״ אין אָרטיקן דראַמאַטישן קרייז, ווערט מ., נאָך אַלס קינד פון 8 יאָר, מיטגענומען צו אַ פאָרשטעלונג פון „שולמית״ און ס׳געפעלט אים אַזוי, אַז ער מיט זיין חבר אָרגאַניזירן באַלד 30 קינדער, וועלכע פירן אויף „שולמית״ מיט מ. אין דער ראָל „אבינדב״. דערנאָך שפּילן די קינדער יעדן שבת אָוונט „קינדער-פאָרשטעלונגען״, אין וועלכע מ. באַטייליקט זיך.

1907 – געשפּילט די ראָל „יוסף״ אין דער קאָלאָניע „ניי קאָווגע״, וואוהין זיין פאַמיליע האָט זיך איבערגעטראָגן. פאָרנדיק שפּעטער איבער שטעטלעך, כדי צו באַקומען „שטונדן״, פלעגט ער אויף די ערטער אָרגאַניזירן דראַמקרייזן, אין וועלכע ער האָט רעזשיסירט און געשפּילט ביז 1910. דורכפאָלנדיק ביי אַן עקזאַמען, רייסט ער איבער זיינע למודים און טרעט אַריין (1911) אין יעקאַטערינאָסלאַוו ביי זיינעם אַ קרוב אין אַ געשעפט פון שרייב-מאַשינען, באַלד אָבער גייט ער דאָרט אַריבער אין דער פאַבריק פון די שרייב-מאַשינען, שפּילנדיק גלייכצייטיק מיט „ליבהאָבער״ א׳פ זאָמער, ווערט אָבער צוליב דעם אין 1913 אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און ער טרעט אַריין אין דעם פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע פון קאַניעווסקי, וועלכע ער פאַרלאָזט באַלד צוליב איר אומקולטורעלער באַציאונג, קערט צוריק אין די יידישע קאָלאָניעס, וואו ער אָרגאַניזירט דראַמקרייזן, מיט וועלכע ער שפּילט און אַרבעט ווייטער אַלס מעכאַניק, ביז צו דער וועלט-מלחמה, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך, אָרגאַניזירנדיק אין דער זעלבער צייט רוסישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען אין פאָלק און באַטייליקנדיק זיך אין די יידישע „ליבהאָבער״-פאָרשטעלונגען אין די שטעטלעך ביים פראָנט.

1917-20 – זיך באַטייליקט אין קאָלעקטיוו פון „ליבהאָבער״ ביים יעקאַטערינאָסלאַווער פאַראיין פון „סצענישע קונסט-טוער״, 1920 – אָפּגעפאָרן מיטן אַקטיאָר קאַזשדאַן קיין באַקו אין קאָלעקטיוו פון „יוגנט-אַרטיסטן״, 1922-23 – געשפּילט אין מאָסקווע (דיר. – בראַנדעסקאָ), וואו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן נייעם סאָוויעטישן טעאַטער, און 1924 – אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע א׳ד פון זשיטאָמירסקי. דערנאָך געפאָרן מיט אַ קאָלעקטיוו קיין זשיטאָמיר (2 חדשים) און שוין דאָ פאַרבליבן אַלס אָנפירער פון אַ דראַמקרייז ביים אַרבעטער-קלוב פון קוסטאַרן.

1925 – אַריינגעטראָטן אין יידישן אוקראַאינישן מלוכה-טעאַטער אין כאַרקאָוו, וואו ער קרעאירט די ראָלן „מרדכי״ אין „פּורים-שפּיל״, „פּנחסל״ אין „די קונילעמלעך״, „מעקלער״ אין „קוימענקערער״, „הלוי״ אין „שבתי צבי״ און „פּאָקין״ אין „באַרג אַראָפּ״. מ. אַרבעט אין זעלבן טעאַטער אַלס רעזשיסער-לאַבאָראַנט אויף דער פּיעסע „רעקרוטן״ לויט אַקסענפעלד.

1927 – זיך באַטייליקט אין יידישן פילם „די ערד רופט״.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

י. ליובאָמירסקי – „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַינע״, זז. 87-89.

מערקור, וואָלף

געבוירן 10 נאָוועמבער 1897 אין לעמבערג, מזרח-גאַליציע. פאָטער (גערופן אויך מענדל ריט־נער) — פאַרטרעטער אין גאַליציע פון ווינער און פראַגער באַנק-הייזער. געלערנט אין ישיבה און וועלטלעכע למודים — פריוואַט ביי לערער, דערנאָך געוואָרן אויף אַ קורצער צייט אַ בוכהאַלטער.

נאָכן שפּילן אַ געוויסע צייט מיט „ליבהאָבער", אַריינגענומען געוואָרן אין 1916 דורך יעקב פריזאַמענט אין גימפּעלס טרופּע, וואו ער איז עטלעכע טעג סופלער און דעביוטירט אַלס „צמח למדן" אין ראַקאָווס „דער בטלן". דאָ פאַרבלייבט ער ביז 1918 און גייט איבער אין דער טרופּע פון זיין שוואָגער בער האַרט, וואו ער שפּילט אַ סעזאָן איבער דער גאַליציִשער פּראָווינץ. 1919 — שפּילט ער 2 חדשים מיט דער „פרייע בינע" און קערט צוריק צו האַרטן, וואו ער פאַרבלייבט ביז 1920, ווען ער פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע.

1921-22 — אַנגאַזשירט געוואָרן אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער ביי קלאַראַ יאָנג אַלס אַקטיאָר און ליריק-שרייבער (באַזונדערס צו ראָזענבערגס „בערעלע טרעמפּ"). דאָ ווערט אויך אויפגעפירט זיין פּיעסע „אַ כלה אָן אַ חתן" (פרייע באַאַרבעטונג פון דער דייטשער אָפּערעטע „דאָס האָלאַנד-ווייבכען").

1922-22 — אַנגאַזשירט ביי עליאַס גליקמאַן אין שיקאַגאָ אַלס אַקטיאָר, ליריק-שרייבער און „פיקסער" פון פּיעסעס. דאָ ווערט אויך אין 1923 אויפגעפירט דורך יאָזעף שיינגאָלד מ.׳ס איבערזעצונג „שקלאַפן" פון מאַריאַ דייוויס.

1923-24 — אַנגאַזשירט ביי יעקב גערטנער אין שיקאַגאָ, נאָר צוליב פאַמיליע-סבות פאַרלאָזט די בינע און בלויז געשריבן ליריקס פאַר פאַרשיידענע אויפגעפירטע פּיעסעס פון אַנדערע מחברים (צווישן אַנדערע צו דימאָווס „ירושלים", געשפּילט דורך שיינגאָלד אין שיקאַגאָ).

שפּעטער האָט ער אַ קורצע צייט געשפּילט אין דער שיקאַגער דראַמ. געזעלשאַפט.

1931 — געווען אַנגאַזשירט אַלס אַקטיאָר און אינספּיציענט אין ניו-יאָרקער פּאָבליק-טעאַטער. זומער 1932 — אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע אין די אינטערעסן פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער". 1932-33 — אַנגאַזשירט אויף קליינע ראָלן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער.

מ. האָט אָנגעשריבן אייניקע פּיעסעס, צווישן אַנדערע: די אָפּערעטע „דאָס ליד פון מזרח" (פאַרקויפט צו יוליוס נאַטאַנסאָן) און „הערשל מלאך" [פרייע באַאַרבעטונג פון סיראַנא דע בערזשעראַק (פאַרקויפט צו סעמיועל גאָלדענבורג און מנחם רובין) און האָט, א׳פ „מאַרק יורי", פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „שיקאַגאָ" און אין ניו-יאָרקער „אונזער פאָלק" מערערע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

ש. אַן ם. ע.

מרגליות, אליהו רבי

געבוירן 1886 אין רומעניע. געווען געהילפס-רעדאַקטאָר פון בוקאַרעסטער „היועץ". דערנאָך רעדאַקטירט „דאָס פאָלקסבלאַט" אין יאַסי. תרנ״ד-תרנ״ח אַרויסגעגעבן „איזראַעליטישער פאָלקסקאַלענדאַר".

מ. האָט געשריבן פיל לידער פאַרן טעאַטער-רעפּערטואַר פון די אַקטיאָרן יעקב בליכמאַן, שלום סימאָוויטש, יוסף גראָפּער, לעאָפּאָלד קאַנער א. א.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע „קציעה", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין וואָדעוויל-הייזער און אַרויסגעגעבן אין יידיש און העברעאיש אַ בוך „משא בנימין" וועגן קונצשטיק, נבואה א. ד. ג.

מ. האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין ניו-יאָרק, וואו ער וויזט „וואונדער" אין לייענען כאַראַקטערן, טרעפן געדאַנקען א. ד. ג.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 476.

מרגלית, ידידיה

געבוירן 22 סעפּטעמבער 1884 אין דאָרף פּוסטיקי, גראָדנער געגנט, פּויליש-ליטע, אין אַ פאַמיליע פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין גליליה (וואָלקאָוויסקער געגנט). פאָטער — אַ וואַלד-סוחר, אַ משכיל. פון 6 ביז 14 יאָר געלערנט ביי מלמדים אין נאָנטן שטעטל פּאָרעזעווע, דערנאָך ביז 17 יאָר אין ישיבות און ביי פּריוואַטע לערער אין וואָלקאָוויסק. שפּעטער זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג און שטודירט שפּראַכן, פילאָזאָפיע, מוזיק, מאַלעריי און טעאַטער. אונטער דער השפּעה פון פאָטער געלייענט העברעאישע און רוסישע ליטעראַטור און אָנגעהויבן שרייבן ליריש-פילאָזאָפישע שירים אין העברעאיש. צו 15 יאָר אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

1904 — דעביוטירט אין רייזענס זמ׳ה „יאָהרבוך פּראָגרעס", דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין ניו-יאָרק, וואו ער איז 4 יאָר אַ טאַשן-אַרבעטער און פאַרעפנטלעכט סקיצן, לידער און ליטעראַרישע נאָטיצן אין די דאָרטיקע פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

זייענדיק אין אַמעריקע, האָט מ. פאַרעפנטלעכט זיין דראַמע „פון לעבען" אין פילאַדעלפיער „דער אידישער קעמפּפער" (16-19, 1906).

1908 — צוריקגעקערט קיין פּוילן, וואו ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, צווישן זיי: „שיר היחוד, אַ דראַמע אין דריי אַקטען, וואַרשא, תרע״ד" [1913, 56 ז. 16°].

1915 — זיך באַזעצט אין רוסלאַנד, וואו ער אַרבעט ביז איצט. צווישן זיינע אַרויסגעגעבענע ביכער אין ראַטנפאַרבאַנד, געפינט זיך אויך זיין פּיעסע „אמכא, אַ פאָלקס-דראַמע אין 3 אַקטן" [1923, 28 ז. 24°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 479-482.

בעל-מחשבות — צוויי דראַמעס, „די יידישע וועלט", ווילנע, דעקאַבר. 1913.

מרגלית, יקותיאל

[זע מאַרגאָליס עדוואַרד (יקותיאל)
זז. 1243-45]

מרדכי׳לע, ר׳

[חיים-אליעזר-משה טשעמערינסקי]

[געב. 1862 — געשט. 13 יאַנ. 1917]

געבוירן 1862 אין מאָטעלע, נעבן פינסק, פוילן. פאָטער — אַן אָנגעזעענער בעל-הבית אין שטאָט, געפירט גרויסע מסחרים. געלערנט אין חדר, דערנאָך יאָרנלאַנג פאַרבראַכט אויף גמרא און פוסקים, לערנענדיק פאַר זיך און ביים רב, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג און אַרויסגעוויזן באַזונדערע פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק. נאָך דער חתונה זיך באַזעצט ביים שווער אין קריוואָי-ראָג, וואו ער איז געווען אַן אייזנקרעמער, אָבער נישט געקאָנט איינלעבן זיך אין דער סביבה און אַוועק בערך 1900 קיין אָדעס, וואו ער גרייט זיך צו מאַטורע, טרעט אַריין אין קרייז פון די אָדעסער יידישע שריפטשטעלער און גיט זיך אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. 1904-05 — געווען אַ לערער.

1903 — דעבּיוטירט אין „פריינד" מיט אַ פאַריידישונג פון קרילאָווס אַ משל און דערנאָך געוואָרן איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע שרייבער פון משלים, פובּליציסטיק, פאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, איבערזעצער פון ליטעראַרישע ראָמאַנען און פאָרשער פון יידישער פילאָלאָגיע.

מלחמה-צייט איז מ. געבליבן אין רוסלאַנד, מיטגעמאַכט הונגער און נויט און דעם 13 יאַנואַר 1917 געשטאָרבן פון אַ מאָגן-קרעבס אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

נאָך זיין טויט איז אין יעקאַטערינאָסלאַווער פאַרלאַג „וויסנשאַפט" אַרויס זיין בוך „משלים" און אין 1920 זיין אָפּערע „כהן ונביא", וועגן וועלכער זלמן רייזען באַמערקט, אַז פראַגמענטן פון איר זיינען געווען פריער געדרוקט אין „פריינד" און אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד" און דאָס בוך איז ארויסגעגעבן געוואָרן לויט קאָפּיעס, ווייל קיין אָריגינאַל פון ווערק איז נישט פאַרבליבן.

א. י. גראָדזענסקי פאַרצייכנט דעם היפך: דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דאַנק דער טרחה פון מ.׳ס פריינט שאַפּאָזשניקאָוו, ביי וועמען עס זיינען געבליבן מ.׳ס כתב-ידן, און „נאָך אַ טראַגעדיע: ער האָט אָנגעשריבן אַן אָפּערע. די ערשטע יידישע אָריגינעלע אָפּערע „כהן ונביא" און דעם גאַנצן לעבן געזוכט אַ יידישן מוזיקער, וואָס זאָל אים פאַרשרייבן די קאָמפּאָזיציעס און ניט געפונען, ווייל אים האָט געפעלט האָנאָראַר פאַרן קאָמפּאָזיטאָר..."

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 482-91.

א. י. גראָדזענסקי — ר׳ מרדכי׳לע (חיים טשעמערינסקי), „צוקונפט", נ. י., יאַנ. 1932.

נחמן מייזיל — צום אָנדענק פון אַ מערקווירדיקער פערזענלעכקייט, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 6, 1932.

מרמר, קאַרל (קלמן-צבי)

געבוירן 10 אָקטאָבער 1879 אין מישאַגאָלע, ווילנער געגנט, פויליש-ליטע. פאָטער — געהאַלטן אין אַרענדע פריצישע גיטער, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט מסחר און לסוף געעפנט אין ווילנע אַ גאָרקיך, וואָס איז געווען אַ מיטלפונקט פאַר רעוואָלוציאָנערן. ביז 10 יאָר געלערנט אין שטעטל ביי לערער און מלמדים חומש, תנ׳ך, שרייבן, דערנאָך 3 יאָר אין דער 3-קלאַסיקער קרוינישער שול ביים ווילנער יידישן לערער-אינסטיטוט, אַ קורצע צייט אויך באַזוכט קאַצענעלבויגענס שול אין ווילנע, דערנאָך געלערנט פאַר זיך אין פרען (סובאַלקער געגנט), געלייענט השכלה און חקירה-ספרים.

1893-94 — דורכשטודירט אין דער סטראַשון-ביבליאָטעק אין ווילנע די וויכטיקסטע ווערק פון דער העברעאישער ליטעראַטור, 1894 — אונטער דער השפעה פון די נביאים געוואָרן אַ סאָציאַליסט, געוואָרפן דאָס לערנען, געוואָרן אַ טאָקער און אַריינגעטראָטן אין דער געהיימער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, 1897 — באַפאַלן פון גאָט-זוכעניש — געלערנט טאָג און נאַכט אין תפילין און געדאַוונט „על פי כונת הארי ז״ל", דערנאָך זיך אויסגעניכטערט און אין 1898 זיך ווידער גענומען צו שטודירן.

1899 — שטודירט ליטעראַטור, קונסט, פילאָזאָפיע, געשיכטע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין בערנער אוניווערזיטעט, דערנאָך 3 יאָר שטודירט נאַטור-וויסנשאַפטן אין פרייבורגער אוניווערזיטעט, וואו ער באַזוכט אויך דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט.

אַלס ציוניסט געווען דעלעגירט צו 4 ציוניסטישע קאָנגרעסן. 1907 — געווען מיטגרינדער פון „וועלט פאַרבאַנד פועלי ציון". 1914 — אַריינגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און זינט אַפּריל 1916 אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

1919-21 — מיטגעאַרבעט אין שיקאַגער „פאָרווערטס" און דערנאָך אַריבער צום קאָמוניזם, געוואָרן אַ מיטגליד פון רעדאַקציע-קאָלעגיע פון קאָמוניסטישן אָרגאַן „נייע וועלט-עמעס" און דערנאָך פון דער „פרייהייט"-„מאָרגן-פרייהייט".

מ. האָט געשריבן זייער פיל אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור-ענינים און וועגן יידישן טעאַטער, האָט מיטגעאַרבעט און רעדאַקטירט פיל יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס און באַזונדערס געשריבן וועגן יידישן טעאַטער אין שיקאַגער „קוריער" (1914-15), „קונסט-פריינד" (1916), „רעקאָרד" (1916-17), „טעגליכע וועלט" (1917-18) און „פאָרווערטס" (1919-21) אין שיקאַגאָ.

מ. האָט אויך רעדאַקטירט דאָס אילוסטרירטע וואָכנבלאַט „דער אידישער קונסט-פריינד" (שיקאַגאָ 1916, 10 נומערן).

אין 1925 איז מ. געווען פרעזידענט פון אַרבעטער טעאַטער-פאַרבאַנד („אַרטעף"), האָט געלייענט לעקציעס איבער דראַמאַטורגיע אין דער דראַמסטודיע ביים טעאַטער „אַרטעף" און איז איצט וויצע-פרעזידענט פון „אַרטעף".

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 491-500.

נאַאומאָוו, אברהם

דעם 16 מאַי 1918 איז אין ברוקלינער לירית־טעאַטער אויפגע־פירט געוואָרן דורך מ. ווילענסקי נ.׳ס „דער טויטער עדות, לעבנס־בילד אין 4 אַקטן״.

דעם 22 אָקטאָבער 1920 איז אין לירית־טעאַטער אויפגעפירט געוואָר. נ.׳ס דראַמאַטיזאַציע אין 4 אַקטן און 4 בילדער „די האַנט פון געזעץ״ [וויקטאָר הוגאָס „לע מיזעראַבל״].

דעם 25 אַפּריל 1921 איז אין ניו־יאָרקער אורווינג־פּלייס־טעאַ־טער אויפגעפירט געוואָרן נ.׳ס איבערזעצונג „די נאַקעטע נשמה״ מיט דזשעני וואַליער אַלס „לולו״.

דעם 9 יאַנואַר 1923 איז אין ראַיאַל־יוניאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן נ.׳ס „ווער איז די פרוי?״ (מיטן אַנטייל פון מאַלווינע לאָבעל ליזע זילבערט און מ. ב. סאַמוּאילאָוו).

דעם 19 אַפּריל 1924 אין ליבערטי־טעאַטער (מיט יאָזעף שיינ־גאָלד און נעלי קעסמאַן) — „דער יידישער זינגער, אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון אברהם נאַאומאָוו און ס. ה. קאָן, מוזיק – שלום סע־קונדאַ״, און דעם 24 דעצ. 1924, אויפגעפירט דורך מ. מיכאַלעסקאָ — „נאָכן שטורם, לעבנסבילד אין 4 אַקטן פון ס. ה. קאָן און נ., מו־זיק — יאָזעף ברודי״.

נ איז אַ געוויסע צייט געווען אַן אַגענט אין דער „מעטראָפּאָ־ליטאַן לייף אינשורענס קאָמפּאַני״.

מ ע. פון ס. ה. קאָן.

הלל ראָגאָף — ביי מאַדאַם וואַליער ס עהרען־אבענד, „פאָרוו.״, נ. י., 29 אַפּריל 1921.

ל קרישטאַל — טעאַטער אַלאַ בראָנזוויל, „פאַ׳ש״, נ. י., 16 יאַנואַר 1925.

נאַאומאָוו, שלמה

[זאַסלאַווסקי]

געבוירן דעם 9 אַפּריל 1898 אין אָדעס, אוקראַאינע. אין אַ ניט־פּאַרמעגלעכער פאַ־מיליע. פאָטער — אַ בעל־מנגן און קאָמפּאָ־זיטאָר פון פיל חסידישע ניגונים. אין 1909 אָנגעהויבן צו לערנען סאָלפעדזשאָ ביים פּאָפּולערן מוזיקער און דיריגענט גאָרבאַר־סקי, גלייכצייטיק געלערנט אין דער אָדע־סער תלמוד־תורה א׳א פון מענדעלע מוכר ספרים און מ. קליינמאַן. דאָרט אויך גע־ווען „אַן איינזינגער״ און עלטסטער פון „קנאַבן־כאָר״. 1910-12 — געשפּילט קינדער־ראָלן אין די טרופּעס פון קאַמינסקי, גענפער, ליפּאָווסקי, ראַפּאַל און שאַראָוונער און גלייכצייטיק אויך אויפגעטראַטן אויף „קינדער־קאָנצערטן״ אין פאַר־שיידענע שטעט, און שטודירט מוזיק ביי די טעאַטער־מוזיקער יאַ־קאָווקין האָכבערג, סאַנדלער, ווינאָקור א. א.

1912-14 — געלערנט אין אָדעסער שטאָטישער שול פון אפּרתי און גלייכצייטיק געזונגען אין די שאַלאַשאַנער, קליין־פּריקאַשטשיקער און העקערישער שולן און אין די טרופּעס פון ראַפּאַל און דער־נאָך פון קאַריק.

1915-16 — אַרומגעפאָרן מיט אַ רוסישער טרופּע. 1916-17 — געדינט אין מיליטער און אָנגעפירט מיט דער דראַמסעקציע ביים אָפיצירן־קלוב אין וואָלסק (אויף דער וואָלגע). 1917 — אָנגעקומען אין דער ערשטער יידישער קאָנסערוואַטאָריע פון פּיניע מינקאָוו־סקי. 1919 — געדינט אין דער רויטער אַרמעע, פאַרטיידיקנדיק די נאַצמינדערהייטן פון באַנדיטישע אָנפאַלן. גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון פיל אַרבעטער־קלובן און דראַמ. סעקציעס אין פּאָלטאַווער און דאָנער געגנטן.

1920 — מיטגרינדער פון יידישן מלוכה־טעאַטער „קונסט־ווינקל״ אין קיעוו, וואו ער שפּילט איינציקע יאָר. 1925 — אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער באַטייליקט זיך אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער און אין זייער קאַמף קעגן די „טמאים״. דאָ אויך געגרינדעט און אָנגעפירט מיטן ערשטן אַרבעטער־קינדער־טעאַטער אין אַרגענטינע, דערנאָך געגרינדעט און אָנגעפירט מיט דער אַרבעטער־טעאַטער־סטודיע ביים אַרבעטער־קלוב „ספּאַרטאַק״ אין בוענאָס־איירעס.

1928 — געקומען אין איראָפּע און געשפּילט אין די יידישע טעאַטערס פון פּוילן, ענגלאַנד, ליטע, פראַנקרייך, לעטלאַנד און רומעניע, על פי רוב צוזאַמען מיט זיין ברודער רודאָלף זאַס־לאַווסקי. נ. האָט פאַרפאַסט מוזיק און לידער צו גאַסטספּעלדס „פרנסה״, צו מאָלנאַרס „דער טייוול״, צו „טוביה דער מילכיקער״ און אַנ־סקיס „דער דבוק״ ווי אויך פאַרשיידענע לידער און דע־קלאַמאַציעס, וועלכע ווערן אויסגעפירט פון יידישע אַקטיאָרן.

ש. ע.

מאָניעק — דער ערן־אָוונט פון כ׳ ש. נאַאומאָוו, „רויטער שטערן״, ב׳א, נ׳ 9, 1928.

וו. ד. — אַ פאָר געזונט דעם כאַווער נאַאומאָוו, „רויטער שטערן״, ב׳א, נ׳ 30, 1928.

נאַגער, אהרן

געבוירן נאָוועמבער 1880 אין ווילנע פּויליש־ליטע. געלערנט אין חדר, אין אַ שטאָטישער שול און פּריוואַט ביי לערער. אין עלטער פון 16 יאָר אויסגעוואַנדערט צו אַ באַבען אין אַמעריקע. דאָ געוואָרן אַ סטאַטיסט אין יוניאָן־טעאַטער, קורץ דערויף געגרינדעט אַ דראַמאַטישן קלוב, פאַר וועלכן ער פאַרפאַסט אַ סקעטש „פאָטער און זון״, וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן אין ערשטן יידישן וואָדעוויל־טעאַטער פון יונה ספּיוואַק. דערנאָך געגרינדעט אַ וואָדעוויל־טעאַטער אין פּאַסיפיק־גאַרדען און נאָכן שפּילן דאָרט אַ יאָר, אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער הייבט אָן שפּילן יידיש טעאַטער. אַרויסגעשטויסן דורך דער קאָנקורענץ פון זיגמונט פיינמאַן, גרינדעט ער דאָרט אַ יידיש וואָדעוויל־טעאַטער, דערנאָך באַזעצט ער זיך אין פּאַריז, וואו ער עפנט „נאַגערס קאָמעדיען־טעאַטער״, פאַר וועלכן ער שרייבט אַליין וואָדעווילס.

זייענדיק אין לאָנדאָן, האָט ער געשריבן א׳פ „ניט קיין יאַלד״ טעאַטער־קריטיק אין הומאָריסטישן זשורנאַל „דער בלאָפער״ און אָפּגעדרוקט אין באַזונדערע אויסגאַבעס פיל פאַרפאַסטע קופּלעטן.

פון לאָנדאָן איז נ. געפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער האָט גע־שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער, דערנאָך צוריקגעקערט קיין

אייראָפּע און געשפּילט יידיש טעאַטער אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד און דייטשלאַנד, שפּעטער אַרומגעוואַנדערט איבער רוס־לאַנד, שפּילנדיק אויפן שטח פון פּוילן ביז סיביר און צוריק־געקערט קיין אַמעריקע, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט שרייבן לידער פאַר רעקאָרדס און פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער.

נ. האָט, אַ חוץ פיל סקעטשעס, אויך געשריבן די פּיעסעס: „ניקאָליי דער צווייטער" (אויפגעפירט דורך יעקב ספּיוואַקאָווסקי אין פּאַריז), „איז אַ פרוי אַ מענטש?" (געשפּילט אין לאָנדאָנער פּעריגען־טעאַטער דורך יאָזעף קעסלער און דיינע פיינמאַן), „דער לוסטיקער פויגל" (געשפּילט דורך יאָזעף שערמאַן אין לאָנדאָן און דערנאָך אין וואַרשע, גאַליציע און רומעניע).

דעם 11 סעפּטעמבער 1923 איז אין ברוקלינער האָפּקינ־סאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון איזידאָר האָלענדער „הוליע קבצן, קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון שטיינבערג און נאַגער", וואָס איז דעם 18 אַפּריל 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין זעלבן טאַטער א׳נ „אַ חזנדל אויף שבת" (מוזיק — יידל בעלזער), און איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אין אייראָפּע דורך נעלי קעסמאַן א׳נ „דאָס חזנדל".

דעם 3 סעפּטעמבער 1926 איז א׳ר פון יעקב קאַליך אויפ־געפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טע־אַטער, מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטל־ראָל, „דער קליינער מזיק, ליברעטאָ פון אהרן נאַגער, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי, ליריקס — א. ליליען און מאַלי פּיקאָן".

דעם 15 אַפּריל 1927 איז אין פּאָבליק־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון אהרן לעבעדיעוו, מיט אים איז דער טיטל־ראָל נ.׳ס אָפּערעטע „דער קליינער מיליאָנער" (מוזיק — שלום סעקונדא).

דעם 4 יאַנואַר 1929 איז אין האָפּקינסאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין מעלאָדראַמע „אַ חתונה אין פּריזאָן", וואָס איז אין דעצעמבער 1930 אויפגעפירט געוואָרן פון דער „אייראָפּעאישע קאָאָפּעראַטיווע טרופּע" אין מעקינלי־סקווער־טעאַטער א׳נ „מאַ־מעס, היט אייערע קינדער!, פון בן־פּנחס".

דעם 7 יאַנואַר 1929 איז אין ראָלאַנד־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב רעכטצייט נ.׳ס מוזיקאַלישע קאָמעדיע „אייביס בייבי" (מוזיק און ליריקס — יעקב רעכטצייט), וואָס איז נאָך פריער א׳נ „פּאַפּאַס בייבי" אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן.

אין מאַי 1929 איז דורך וויליאַם שוואַרץ אויפגעפירט גע־וואָרן אין טעאַטער עקסעלסיאָר אין בוענאָס איירעס נ.׳ס „דער אייביקער נאַר".

דעם 28 אָקטאָבער 1932 איז אין ברוקלינער אַמפּיאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך ל. קרעמער נ.׳ס מעלאָדראַמע „ווען עס פעלט אַ מאַמע".

אויסערדעם איז אויך געשפּילט געוואָרן דורך בערנאַרד עלווינג אין נואַרק נ.׳ס מעלאָדראַמע „דער גאָלדענער חתן".

נ. האָט אויך (צוזאַמען מיט הערשל גליק) אָנגעשריבן די מעלאָדראַמע „דער גן־עדן".

ש. ע.

ב. י. גאָלדשטיין — אין די ברוקלינער אידישע טעאַטערס, „טאָג", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

נ. בוכוואַלד — באַוערי און סעקאָנד עוועניו, „פרייהייט", נ. י., 10 סעפּט. 1926.

אב. קאַהאַן — דער נייער סיזאָן אין אידישען טעאַטער, „פאָרווערטס", נ. י., 14 סעפּט. 1926.

א. פרומקין — „דער קליינער מזיק" אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „טאָג", נ. י., 15 סעפּט. 1926.

א. מ. מאַנדעלבוים — „דער קליינער מיליאָנער", „פרייהייט", נ. י., 6, מאַי 1927.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — „דער אייביקער נאַר" פון פּ. נאַגער, אויפ־געפירט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" פון וו. שוואַרץ, „פּרעסע", ב״א, 2 יוני 1929.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — „דער קלוגער נאַר" פון א. נאַגלער אויפ־געפירט פון וויליאַם שוואַרץ, „די אידישע צייטונג", ב״אַ, 2 יוני, 1929.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — „אַ חתונה אין פּריזאָן", מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען געשפּילט פון צילע ליפּצין און הערי טשייקאָווסקי אין ראָיאַל וואַר־יעטע, „פּאַריזער היינט", 10 יולי 1930.

מ. גינזבורג — „אַ חתונה אין פּריזאָן", „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 21 נאָוו. 1930.

יעקב קירשענבוים — „מאַמעס היט אייערע קינדער" — אין מעקינלי סקווער טעאַטער, „מאָרגן זשורנאַל", נ. י., 12 דעצ. 1930.

נאַדאָלסקי, לעאָן (לייב)

געבוירן 10 פעברואַר 1865 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. דער פאָטער — אַ פאַרמעגלעכער וואַלד־סוחר — האָט אים געגעבן אַ יידישלעכע דערציאונג און נ. האָט ביז 16 יאָר געהאָלפן זיין פאָטער אין מסחר. אַ׳הייב 1881 ווערט נ. צופעליק צוגעצויגן דורך זיין יוגנט־חבר דוד קעסלער מיטצושפּילן אין אַ ליבהאָבער־אויפפירונג פון דער פּיעסע „מעכטשע שדכן" פון מ. העלער.

אַ רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג איז געווען געדרוקט אין „בעסעראַבסקיאַ וויעדאָמאָסטי". גאָלדפאַדען האָט געלייענט די רעצענזיע, איז געקומען אין קעשעניעוו און אַנגאַזשירט נ. צוזאַמען מיט קעסלערן פאַר זיין טרופּע, וועלכע האָט דאַמאָלט געמאַכט אַ קורצן טורנעע איבער בעסאַראַביע און דרום־רוסלאַנד.

פון גאָלדפאַדענען גייט נ. איבער אין שמר׳ס טרופּע, אין וועלכער ס׳האָבן דאַמאָלט געשפּילט מאָגולעסקאָ, ספּיוואַקאָווסקי, קאַרפּ, חיימאָוויטש, פרוי לעוויצקי (שפּעטער — סעראַ אַדלער) און פרוי עדעלשטיין. דערנאָך טרעט נ. אַריין אין גראַדנערס טרופּע.

צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד פאָרט נ. אין 1883 קיין עסטרייך און טרעט אַריין אין יאָוועלירס טרופּע. אין 1887 קומט נ. אין לאָנדאָן און שפּילט א׳ד פון סמיט צוזאַמען מיט אַדלער, אַבא שיינגאָלד, קאַצמאַן, קעמפּנער און אַננאַ העלד. אין 1890 קומט נ. אין אַמעריקע, שפּילט מיט אַדלערן אין

פּוֹלס-טעאַטער, דערנאָך גייט ער איבער אין די טעאַטערס: ווינ-דזאָר, טאַליאַ, קעסלערס סעקאָנד-עוועניו, יידישער קונסט-טעאַטער און צוריק אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, וואו ער איז ביז 1930 טעטיק אַלס אַקטיאָר און בינע-פאַרוואַלטער.

נ.'ס טאָכטער, בעלאַ נאַדעל, און זיין פרוי, סאָניאַ, שפּילן אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

מ. אָשעראָוויטש – „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", נ. י., 1930, זז. 61, 58-59, 28-30.

נאַדאָלסקי, סאָניאַ

[שרה קאַץ]

געבוירן 1 סעפּטעמבער 1867 אין קאַמע-נעץ-פּאָדאָלסק, אוקראַינע. זיידע און פאָ-טער – שוחטים. בלייבנדיק יונג אַ יתומה, ווערט נ. דערצויגן ביי זיידע-באָבע, אָבער שטייט גלייכצייטיק אונטער דער השפּעה פון איר פעטער, דער קאַזיאָנער ראַבינער משה לוטערמאַן.

פון קינדוויַיז אָן האָט נ. געפילט אַ ניי-גונג צו טעאַטער און פלעגט איינאָרדנען פאַרשיידענע שפּילערייען פאַר קינדער, וועל-כע פלעגן איר דערפאַר באַצאָלן מיט קנעפּלעך.

צו 13 יאָר איז זי געקומען אין אָדעס צו אַ מומען, דאָרט צום ערשטן מאָל געזען שפּילן יידיש טעאַטער (מיט מאָגולעסקאָ און אבא שיינגאָלד) און געוואָרן דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז זי האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג פון אייניקע פריינט זיך צו באַטיי-ליקן אין דער ליבהאָבער-אויפפירונג פון „ני בע ני מע, ני קוקע-ריקו" פאַרן רויטן קרייץ.

צופעליק באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר הערש ליאַנסקי פון יידל גאָלדפאַדענס טרופּע און דורך אים ווערט זי אַריינגענומען אין דער טרופּע, מיט וועלכער זי מאַכט אַ טורנע איבער רוסלאַנד.

אין טערעספּאָל באַקענט זי זיך מיטן אַקטיאָר לעאָן נאַדאָלסקי, האָט מיט אים חתונה און – שוין א'נ סאָניאַ נאַדאָלסקי – טרעט זי אַריין אין שמ'רס טרופּע, פון דאָרט צו ישראל גראַדנער, שפּילט שפּעטער (נאָכן פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד) אין עסטרייך ביי יאָוועלירן, דערנאָך אין לאָנדאָן און אין 1890 קומט זי אין אַמעריקע.

דאָ שפּילט זי צוזאַמען מיט קעסלער, אַדלער, מאָשקאָוויטש, קאַליש, מאָגולעסקאָ און טאָרנבערג אין גאָרדיקס רעפּערטואַר (איז די ערשטע צו פאַרקערפּערן די טיפּן: „שפרה" אין „דער ווילדער מענטש", „אסתּר רחל" אין „שלמהקע שאַרלאַטאַן", „דאָבע" אין „גאָט, מענטש און טייוול", „פייגע ריוועשע" אין „די שבועה", „טשערנע" אין „סאַפאָ", „ביילע" אין „די קרייצער סאָנאַטאָ" און „שרה הינדע" אין „דער אומבאַקאַנטער"), שפּעטער אין פּינסקיס, הירשבייִנס, קאָבריִנס, ליבינס, אַשס און ריכטערס פּיעסעס אין די טעאַטערס: פּוֹלס, ווינדזאָר, טאַליאַ, קעסלערס סעקאָנד-עוועניו, יידישער קונסט-טעאַטער און דערנאָך ווידער אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער. 1931-32 – געשפּילט אין גערמאַנס פאָלקס-טעאַטער.

דעם 13 יאַנואַר 1932 איז אין גערמאַנס פאָלקס-טעאַטער געפייערט

געוואָרן נ.'ס גאָלדענע חתונה מיט איר מאַן און נ. איז אויפגע-טראָטן אַלס „נאַטאַשאַ" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאָ".

נ.'ס טאָכטער, בעלאַ נאַדעל, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

מ. אָשעראָוויטש – „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד", 1930, זז. 61, 28-30.

נאַדינאַ

[נ. ב. קאַצנעלבויגן]

געבוירן 1898 אין אַלעקסאַנדראָווסק (איצט – זאַפּאָראָזשיע), אוקראַאינע. פאָ-טער – אָנגעשטעלטער אין בריאַנסקער זאַוואָד, גלייכצייטיק געשפּילט אין דאָרטיקן אָרקעסטער. דערצויגן געוואָרן אין יעקאַטע-נאָסלאַוו, 2 יאָר געוואוינט מיט דער פאַמי-ליע אין פּאַוולאָגראַד, שפּעטער זיך איבער-געטראָגן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק (געוו. יעקאַטערינאָסלאַוו), וואו זי טרעט אַריין אין אַ פאַבריק פון דאַמען-היט און זעצט גלייכ-צייטיק פאָר אירע למודים ביי אַ באַקאַנטער לערערין.

אַריינטרעטנדיק אין אַן אָרטיקן „ליבהאָבער"-קרייז, דעביוטירט זי אין דער ראָל „זשעני" אין מייערסאָנס פּיעסע „דער האַמער פון לעבן" און באַלד דערויף באַטייליקט זי זיך אויך אין אַן אָרטיקן רוסישן „ליבהאָבער"-קרייז, דעביוטירנדיק אין פּשיבישעווסקיס „צו-ליב גליק". זינט דאַמאָלט שפּילט זי אין „ליבהאָבער"-קרייזן און פאַרטרעט אויך ראָלן אין גאַסטראָלירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרופּעס. דורך דער איניציאַטיוו פון אַקטיאָר זשעלאַזאָ טרעט זי אַריין אין אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער וואַנדער-טרופּע, אָבער צוליב פאַמיליע-סבות קערט זי צוריק שפּילן אין די דראַמקרייזן און אין די צופעליקע פאָרשטעלונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע יידישע טרו-פּעס אין דניעפּראָפּעטראָווסק.

1919 – אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע א'א פון מרים טרילינג און קאַזשדאַן, וואו זי שפּילט ביז 1920, ווען די טרופּע צעפאַלט זיך צוליב דעם טויט פון טרילינג און נ. פאָרט אָפּ מי'ן קאַזשדאַנס טרופּע קיין באַקו, וואו זי שפּילט 2 יאָר. 1922 – אַריינגעטראָטן אין בראַנדעסקאָס טרופּע אין מאָסקווע און דאָ, האָבנדיק די גע-לעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן נייעם סאָוויעטישן טעאַטער, באַ-קומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צום אַלטן יידישן טעאַטער. דערויף פאָרט זי אַרויס מיט אַ קאָלעקטיוו א'א פון מנחם רובין איבער ווייסרוסלאַנד און אוקראַאינע, וואו זי שפּילט ביז 1925.

1926, נאָך אַן עקזאַמען אָנגענומען געוואָרן אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער, וואו זי איז איבערגעגאַנגען אויף כאַראַק-טער-ראָלן („רבקה" אין גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל", „סאָרקין" אין רעזניקס „די לעצטע", „מלכּה" אין אַקסענפעלדס „רעקרוטן" און „בעל-הביתטע" אין ווישניעווסקיס „שלאַכטן אויפן מערב").

נ.'ס מאַן איז דער אַקטיאָר אַרן מערענזאָן.

ש. ע פון מאַרק לייפּציקער.

י. ליובאָמירסקי – „מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע", זז. 103-104.

נאַדיר, משה

[יצחק רייז]

געבוירן מאַי 1885 אין נאראיעוו, מזרח־גאַליציע. פאָטער — צווערשט געהאַנדלט מיט תבואה, האָניק א.ד.ג., דערנאָך געוואָרן אַ לערער פון דייטש ביי אַ יידישן גוט־באַזיצער. ביז 12 יאָר האָט נ. געלערנט אין חדר און דייטש ביים פאָטער.

1898 — געקומען מיט דער מוטער אין אַמעריקע צו זיין פאָטער, וועלכער האָט דאָ פריער אויסגעוואַנדערט. ביז 16 יאָר האָט נ. דאָ באַזוכט ענגלישע שולן, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט די פאַרשיידנסטע באַשעפטיקונגען; געוועזן אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, פון פוצן פענסטער א. א. על פי רוב געלעבט צווישן נישט־יידן, אָבער פון קינדהייט אָן געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך.

אַרום 1902 דעביוטירט מיט לידער און סקיצעס אין בוקאַנסקיס „דער טעגליכער העראָלד". דערנענטערנדיק זיך אַלץ מער צו דער יידישער סביבה פון ניו־יאָרק, האָט מ. אָנגעהויבן זיך באַטייליקן, אונטער זיין אייגענעם נאָמען און א״פ, אין „פרייע אַרבייטער שטימע" און דערנאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע צייטשריפטן און זאַמל־ביכער. אַ צייט לאַנג געווען געהילף־רעדאַקטאָר אין „דער גרויסער קונדס" און רעדאַקטירט (צוזאַמען מיט ב. קאָוונער־י. אַדלער) „דער אידישער גזלן", זיך באַטייליקט אין „דער קיביצער" א. א.

נ.׳ס פּאָפּולאַריטעט דאַטירט פון זיין ערשטן בוך „ווילדע רויזען" (ניו־יאָרק, 1915) און שפּעטער פון זיינע פעליעטאָנען „פון מענש צו מענש" אין דער ניו־יאָרקער צייטונג „דער טאָג".

זיין נאָנטקייט צום טעאַטער האָט ער אויסגעדריקט אין די פיל טעאַטער־אַרטיקלען און רעצענזיעס, אין וועלכע ער האָט נישט געשוינט דעם שונד און די וואולגאַרע דערשיינונגען אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע. אַ טייל פון דידאָזיקע אַרטיקלען (געשריבן אויך א״פ „ס. פייערפויגל") איז דערנאָך אַרויס אין דרוק אין זיין בוך „מיינע הענד האָבן פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט" [ניו־יאָרק 1929, פ״ג מייזעל, 186 זז., ווי אויך אין אַ פאַרבעסערטער אויסגאַבע אין („משה נאַדיר. געקליבענע ווערק, מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט".) ווילנע, 1927, 223 זז.]

די לעצטע יאָרן איז מ. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין ניו־יאָרקער קאָמוניסטישן אָרגאַן „די פרייהייט" [שפּעטער „מאָרגן־פרייהייט"].

נ. האָט אָנגעשריבן די פּיעסע „סוקסעס" [לויט נ. שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן פון חנא גאָטעספעלד אין זיין קאָמעדיע „גוואַלד, ווען שטאַרבט ער?", וואָס גאָטעספעלד לייקנט אָפּ קאַטעגאָריש], אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ דעם 7 פעברואַר 1919 אין אירווינג־פּלייס־טעאַטער [סוקסעס, טראַגי־קאָמעדיע אין העכער 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און אַ פּראָ־פּראָלאָג], „דאָס פייער פון קלויסטער־בערג" (אויפגעפירט דעם 10 אַפּריל 1919 אין אירווינג־פּלייס־טעאַטער), פאַרעפנטלעכט אין 3־טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק" (ניו־יאָרק, 1932) און „דער לעצטער ייד, סאַטירישע קאָמעדיע נאָך אַ שאָטן פון יעווּרעאינאָוו אַ מאָטיוו", אויפגעפירט א״ר פון מאָריס שוואַרץ דעם 2 נאָוועמבער 1919 אין יידישן קונסט־טעאַטער [לויט חנא גאָטעספעלד איז די פּיעסע אַ פרייע פאַריידישונג פון לעאָ בירינסקיס „דער נאַרן־טאַנץ"].

דעם 2 מאַי 1924 איז דורכן „קונסט־רינג" אויפגעפירט געוואָרן אין טרייענגעל־טעאַטער נ.׳ס איינאַקטער „די וועלט פון משוגעים", געדרוקט אין 3־טן באַנד פון מ.׳ס „נייעסטע ווערק" א״נ „אַ משוגענע וועלט".

דעם 31 מערץ 1926 איז דורך „מאַדיאָקאַט" אויפגעפירט געוואָרן נ.׳ס „אויף יענער וועלט" [געדרוקט א״נ „מאַריאָנעטשפּיל" אין „קולטור", שיקאַגאָ, נ׳ 1, 1925 און אַריינגענומען געוואָרן אין 3־טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק" (נ. י., 1932)].

דעם 11 יאַנואַר 1927 איז דורך דעם „קונסט־רינג" אויפגעפירט געוואָרן אין אירווינג־פּלייס־טעאַטער נ.׳ס „די טראַגעדיע פון גאָרנישט, אַ שפּיל אין 3 אַקטן און פינף בילדער, דעקאָראַציעס — ברוך אַראָנסאָן, מוזיק — לאַזאַר ווייַנער, רעזשי — מרים עליאַס און ברוך אַראָנסאָן" [דער צווייטער אַקט פון דער פּיעסע א״נ „אין אַפּטייק" (אַ דראַמאַטישער פראַגמענט) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אונזער טעאַטער", ניו־יאָרק, נ׳ 2־3, 1921. די פולע פּיעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „די צוקונפט", 1922, א״נ „משה נאַדיר. די טראַגעדיע פון גאָרנישט, דראַמע אין פינף אַקטען", און אין 1932 אַריינגענומען געוואָרן אין 3־טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק"].

אין „פרייהייט" (1928־29) האָט נ. אויך פאַרעפנטלעכט די דראַמאַטיזאַציע פון זיין דערציילונג (געדרוקט אין וואָכנבלאַט „היינט", 1919־21) „משיח אין אַמעריקע" [בנוגע וועלכער נ. באַשולדיקט חנא גאָטעספעלד אין פּלאַגיאַט פאַרן סוזשעט פון גאָטעספעלדס „אַמעריקאַנער חסידים", וואָס ג. לייקנט אָפּ קאַטעגאָריש. פאַרגלייך אָסיפּ דימאָוו און דער לעבעדיקערס ענלעכע איינאַקטערס, אויפגעפירט דורך יעקב מעסטעל אין 1929 אין סיוויק רעפּערטאָרי־טעאַטער, ניו־יאָרק]. די פּיעסע איז אַריינגענומען געוואָרן אין 3־טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק" (ניו־יאָרק, 1932).

ער האָט אויך געשריבן פאַרשיידענע לייכטע סקעטשעס, וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן אין „נאַדירס שפּיל־קאַמער" (אַ זומער־טעאַטער אין זיין זומער־האָטעל) און אין קעמפּ „ניט געדאַיגעט", און דראַמאַטיזירט שלום־עליכםס „די לעצטע מינוטן פון אַ זייגער", אויפגעפירט דורך יעקב מעסטעל אין קאַרנעגי האָל, ניו־יאָרק, צום שלום־עליכם־יאָרצייט. די דראַמאַטיזאַציע איז אויך אַריין אין 3־טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק" (ניו־יאָרק, 1932).

1925 — האָט נ. געעפנט אין בנין פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אַ קינסטלער־קאַפע א״נ „נאַקינקאַ" (נאַדירס קינסטלער־קאַפע), וואָס ער האָט אָבער באַלד ליקווידירט.

אין „פרייהייט" (25־26 אויגוסט 1929) איז פאַרעפנטלעכט זיין „אַ רויטער תכלית", געשריבן פאַרן „ניט געדאַיגעט"־טעאַטער און אויפגעפירט דורך יעקב מעסטעל צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן טאָג.

אין „פרייהייט" (1932) האָט נ. פאַרעפנטלעכט זיין פּאָעמע „ריווינגטאָן סטריט", וועלכע דער מיטגליד פון „אַרטעף" גנענדל האָט געלייענט דעם 20 מערץ 1932 אויפן 6־טן יובילײ פון „אַרטעף" און דערנאָך אויף פאַרשיידענע אַנדערע קאָמוניסטישע אונטערנעמונגען.

אין „פרייהייט" האָט נ. אויך פאַרעפנטלעכט זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „אליהו הנביא".

אין 1932 זיינען דורכן פ״ג „פרייהייט" (ניו־יאָרק) דערשינען

4 בענדער פון זיינע שריפטן, פון וועלכע דער באַנד III איז געווידמעט זיינע 19 דראַמאַטישע ווערק א׳נ „טעאַטער טעקסטן״: דראַמעס, איינאַקטערס, שפּילן, רעטשיטאַציעס, פּיידזשענטס.

ווי נ. שרייבט אין זיינע זכרונות, האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע „די גרויסע וואַנד״ [סוזשעט זע אין „פרייהייט״ פון 17 פעברואַר 1929] און – צוזאַמען מיט משה-לייב האַלפּערן – אַ פּיעסע „אונטער דער לאַסט פון צלם״.

לויט יעקב קאַליך האָט אויך נ. זיך באַטייליקט אין דער באַאַרבעטונג פון יאָזעף לאַטיינערס אָפּערעטעס „מזל ברכה״ (אויפגעפירט דעם 23 מערץ 1928 אין קעסלערס סעקאָנד-עווענױ-טעאַטער).

נ. האָט אויך איבערזעצט דזשיים אָ׳ניעלס דראַמע „די האָריקע מאַלפּע״, האָט דראַמאַטיזירט לעוו טאָלסטאָיס נאָוועלע „דער טויט פון איוואַן איליטש״ (כתב-יד פאַרלוירן געגאַנגען) און האָט איבערזעצט „די פאַרזונקענע גלאָק״ [גערהאַרד האַופּטמאַן. דער איינגעזונקענער גלאָק. דראַמע אין 5 אַקטן. איבערגעדיכטעט פון משה נאַדיר. ווילנע 1929 ווילנער פ׳ג פון ב. קלעצקין. 150 זז. 16°].

נ. האָט אויך פאַרענגלישט [אין זיין ענגלישער איבערזעצונג] שלום-עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד״.

אין יעטאַ בלאָקס זאַמלונג פון יידישע איינאַקטערס, איבערזעצט דורך איר אין ענגליש [ניו-יאָרק, II-טער באַנד, 1929], איז אויך באַרעפּנטלעכט נ.׳ס איינאַקטער „איך, דער טעאַטער-גייער״.

נ.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] אין אַפּטייק
(אַ דראַמאַטישער פראַגמענט)
[געדרוקט אין „אונזער טעאַטער״, ניו-יאָרק, 2-3, 1921, אָנגעגעבן אַלס צווייטער אַקט פון „די טראַגעדיע פון גאָרנישט״]

[1א] משה נאַדיר
די טראַגעדיע פון גאָרנישט
דראַמע אין פינף אַקטען
[געדרוקט אין „די צוקונפט״, נ. י., אָקטאָבער 1922]

[1ב] [געדרוקט אין 3-טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק״, נ. י 1932]

[2] מאַריאָנעטשפּיל
[געדרוקט אין „קולטור״, שיקאַגאָ, נ׳ 1. 1925]

[2א] מאַריאָנעטנ-שפּיל
[געדרוקט אין 3-טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק״, נ. י. 1932]

[3] משיח אין אַמעריקע
[געדרוקט אין „פרייהייט״, נ. י., 25-26 נאָוו., 16 דעצ. 1928, 13 יאַנואַר 1929]

[3א] מאָשיך אין אַמעריקע
[געדרוקט אין 3-טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק״, נ. י. 1932]

[4] פערדיטשאַנע
(איין-אַקטער)
פון משה נאַדיר
[געדרוקט אין „פרייהייט״, נ. י., 5 מאַי 1924]

[4א] [געדרוקט אין 3-טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק״, נ. י. 1932]

[5] אַ רויטער תכלית
פון משה נאַדיר
[געדרוקט אין „פרייהייט״, נ. י., 25 26 אויגוסט 1929]

[6] ביניאָמען קיכאָט
[געדרוקט אין 3-טן באַנד פון נ.׳ס „נייעסטע ווערק״, נ. י. 1932]

[7] קלויסטער-בערג
[דאָרט]

[8] דער ליגן-כאַפּער
[דאָרט]

[9] דאָס הילצערנע פּאַר-פּאָלק
[דאָרט]

[10] האָטענטאָטען
[דאָרט]

[11] לאַכן איז געזונט
[דאָרט]

[12] נישטאָ יאָסעל
[דאָרט]

[13] אַ מאַמעס קינד
[דאָרט]

[14] ליימענע גולעמס
[דאָרט]

[15] דער געלער קאַרויל
[דאָרט]

[16] די לעצטע מינוטן פון אַ זייגער
[לויט שלום-עליכם, דאָרט]

[17] די האַגאָדע מעלאָדראַמע
[דאָרט]

[18] זונטע-רן מעסער
[דאָרט]

[19] אַ מעשוגענע וועלט
[דאָרט]

[20] דער נייער סיידער
[דאָרט].

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 500-513.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.״, II, ז. 281.

הלל ראָגאָף – „סוקסעס״, אַ נייע פּיעסע אין אירווינג פּלייס טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י., 13 פעבר. 1919.

ישראל דער יענקי [י. י. פרידמאַן] – די טעאַטער וועלט, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 14 פעבר. 1919.

לומינוס – אין טהעאַטער, „פא׳ש״, נ. י., 15 פעבר. 1919.

ל. ט. ביעלי – משה נאַדיר׳ס „דער לעצטער איד״, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 11 נאָוו. 1921.

ש. נ. [ניגער] – משה נאַדיר: „די טראַגעדיע פון גאָרנישט״, דראַמע אין פינף אַקטען, „דאָס נייע לעבען״, נ. י., דעצ. 1922.

נ. בוכוואַלד – פּאָעטישער קאַצעניאָמער געמישט מיט טעאַטער, „פרייהייט״, נ. י., 14 יאַנ. 1927.

דר. א. מוקדוני – „די טראַגעדיע פון גאָרנישט״, געשפּילט פון קונסט-רינג, „מאָז׳ש״, נ. י. 21 יאַנ. 1927.

ישראל שטערן — מכּח „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", „ליטבל'ט", וואַרשע, 26, 1927.

חנא גאָטעספעלד — אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן משה „נעמער", „פאָרוו." נ. י., 15 יולי 1928.

משה נאַדיר — טעג פון מיינע טעג, „פרייהייט", נ. י., 16, 17 פעבר. 1929.

י. ראַפּאָפּאָרט — געררהאַרדט הויפּטמאַן, „וואָכנשריפט", וואַרשע, נ' 45, 1932.

נאַדעל בעלאַ

[נאַדאָלסקי]

געבוירן מערץ 1899 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. עלטערן — די אַקטיאָרן סאָניאַ און לעאָן נאַדאָלסקי. נאָך אַלס קינד שפּילט נ. קינדער-ראָלן מיט קאַליש, מאָגולעסקאָ, אַדלער, קעסלער, מאָשקאָוויטש א. א. באַקומען אַן אַמעריקאַנער דערציאונג אין וואַשינגטאָן אירווינג האַי-סקול און באַזוכט קאָלעדזש. אין עלטער פון 15 יאָר האָט נ. געשפּילט ענגליש אין „נייבאַהורד פּליי-האַוז", שפּעטער מיט די „פּראָווינסטאָן פּלייערס", „וואַשינגטאָן סקווער פּלייערס", „איסט-וועסט-פּלייערס" און אַרומגעפאָרן מיט די „בין-גרייט שעקספּיריען פּלייערס", דערנאָך אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַרטור האָפּקינסעס ענגלישער טרופּע אין ניו-יאָרק און געשפּילט ענגליש צוזאַמען מיט בן-עמי.

1920 — ווערט נ. אָנגעשטעלט אַלס לערערין פון דראַמע אין מינעסאָטער אוניווערזיטעט, דערנאָך מאַכט זי אַ טורנעע מיט אַן ענגלישער אָפּערעטעס-טרופּע איבער קאַליפאָרניע.

1925 – איז נ. אַריבער צו דער יידישער בינע און געשפּילט מיט שילדקרויט. 1926 — אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוניע. אין 1927—געשפּילט אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער און 1931 — מיטן „יידישן אַנסאַמבל קונסט-טעאַטער".

נ. איז געווען די פרוי פון שריפטשטעלער ז. וויינפּער.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ'זש". נ. י., 9 דעצ. 1927.

נאָוויקאָוו, מאָריס

[באַכנאָוו]

געבוירן 17 יוני 1892 אין כערסאָן, אוקראַינע. פאָטער—בוימייסטער. געלערנט אין אָדעס און שפּעטער, זייענדיק אין אַרגענטינע, דאָרט געענדיקט אַ מוזיק-שול. אָנגעהויבן זיין בינע-קאַריערע אַלס דיריגענט אין בוענאָס-איירעס און צוליב אַ צופאַל פאַרטראָטן אין 1913 אין מאַרעניאָקס טרופּע אַן אַקטיאָר אין דער ראָל „בנימין" אין שאָרס „אַ מענטש זאָל מען זיין". זינט דאַמאָלט איז נ. געבליבן שפּילן ליבהאָבער-ראָלן א'פ באַכנאָוו. שפּעטער איז נ. געוואָרן מיטשותּף צו דער דירעקציע און אויפגעפירט אויך בעסערע פּיעסעס (פון הירשביין, פּרץ, קאָברין און נאָמבערגס „משפּחה").

אין אַרגענטינע האָט נ. אויך געשפּילט אין אוקראַאיניש.

געקומען אין אַמעריקע, האָט נ. געשפּילט אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער. אין 1927-8 איז ער געווען מענעדזשער און הויפּט-ראָליסט אין פאַלי-טעאַטער אין באַלטימאָר, 1928-9— געשפּילט אין פאַרשיידענע שטעט פון אַמעריקע, 1929-30 — געווען דירעקטאָר און הויפּט-ראָליסט אין טאָראָנטאָ, (קאַנאַדע), זומער 1930 — גאַסטראָלירט אין בעלגיע, פראַנקרייך און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, דערנאָך צוריקגעקערט אין אַמעריקע, וואו ער שפּילט 1932 אין דעטראָיט.

ש. ע.

ש. פאַן — „אַ נאַכט פון ליבע", אויפגעפירט אין די גרענד פאַליי פון מר. נאָוויקאָוו און מאַדאַם ראָזענפעלד, „פּאָסט", לאָנדאָן, 13 נאָוועמבער 1930.

נאָזשיק, יצחק

געבוירן 23 אַפּריל 1889 אין וואַרשע, פּוילן. מוטער — אַ סוחרטע, די עקרת-הבית, פאָטער — אַ לערנער, אַ מתמיד, געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. געלערנט ביי מלמדים תּנ"ך און גמרא, אַ ביסל רוסיש ביי אַ ליטווישן מלמד און פּריוואַט אַ ביסל דייטש און רעכנען, דערנאָך אין בתּי-מדרשים און אין די ישיבות פון סובאַלק, לאָמזשע און אין ר' איטשעס ישיבה אין וואַרשע. צוליב לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, דערווייטערט געוואָרן 1903 פון ישיבה, אַריין אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געלייענט פאַר אַרבעטער-קרייזלעך ליטעראַטור און פאַר זיי געזונגען אַרבעטער-לידער.

אין 1915 צופעליק בייגעוואוינט די דערעפענונג פון יידישן באַגאַטעלאַ-טעאַטער אין וואַרשע, און פון דאַמאָלט אָן געוואָרן אַ שיק-יינגל ביי די בינע-אַרבעטער און ביי די אַקטיאָרן, דערנאָך געוואָרן אַ סטאַטיסט. עטלעכע חדשים שפּעטער האָט נ. סופלירט ביי „ליבהאָבער" אין אָטוואָצק, דערנאָך אין סקערניעוויץ, וואו ער האָט אויך איינמאָל געמוזט עקספּראָמט פאַרטרעטן די ראָל „שלמה" אין „קבצנזאָן און הונגערמאַן".

סוכּות 1906 איז נ. אַנגאַזשירט געוואָרן אויף קליינע ראָלן אין וואַרשעווער זשאַרדען ד'היווער, וואו ער האָט שפּעטער אויך געמוזט סופלירן. דאָ האָט נ., איבערשרייבנדיק דעם פאַרדייטשמערישטן רעפּערטואַר, אַ סך טעקסטן „פאַריידישט", אין מאַנכע געשטראָכן און צונעשריבן אייגענע סצענקעס. פון חנוכּה 1906 ביז שבועות 1908 האָט נ. סופלירט און טיילווייז געשפּילט קליינע ראָלן אין גענפּערס טרופּע, דערנאָך געשפּילט הויפּט-ראָלן אין זשאָרזש בעקערס פּראָווינץ-טרופּע. צוליבן פאַרווער אויף יידיש טעאַטער אין פּראָסקוראָוו, איז נ. אין סעפּטעמבער 1908 אַריינגעטראָטן אַלס אַקטיאָר צו קאָמפּאַניעצן אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער, דערנאָך צו סעם אַדלער (וואַרשע, מאָקאָטאָווסקא 137)

און אַ האַלבן יאָר שפּעטער אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער אין קליינע יידישע פּראָווינץ-טרופּעס.

1909, געפֿינענדיק זיך אין ווייסרוסלאַנד, האָט נ., צוליבן פּאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער, געשפּילט מיט איניקע יידישע אַקטיאָרן (רעזשי — זשוקאָוואַ) 5 פֿאָרשטעלונגען אין רוסיש (פֿון רוסישע איינאַקטערס און פּיעסעס), פּונקט ווי ער איז געצוואונגען אין 1915, צוליב די זעלבע סבות, צו שפּילן יידישע אָפּערעטקעס אין רוסיש.

1913-19 — האָט נ. אַליין געפֿירט אַ פּראָווינץ-טרופּע און אין 1920 געווען דירעקטאָר אין ווילנע

נ. האָט געשפּילט אין איניקע פֿילמען, אויך „דער גבאי" אין אַפּאַטאָשוס פֿילם „אין פּוילישע פֿעלדער".

נ. האָט אָנגעשריבן פֿאָלגנדיקע פּיעסעס: „דוואָשע די סופּראַזשיסטקע", פֿאַרס אין 3 אַקטן מיט געזאַנג (אויפֿגעפֿירט דעם 3-טן אָקטאָבער 1913 אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער", דיר. — י. זאַנדבערג) „בייקע אין אָדעס", אָפּערעטע אין 3 אַקטן (אויפֿגעפֿירט דעם 16 דעצעמבער 1915 אין אָדעסער באַלגאַראָוו-טעאַטער, דיר — ל. ראַפּעל, און אין 1915 א׳ד פֿון גוזיק אין ר ו ס י ש אין קיעוו א׳נ "Хайка на Подолѣ„ דעם 11 מערץ 1921 איז די אָפּערעטע (מיט מוזיק פֿון ה. וואָהל) אויפֿג. געוואָרן אין יידיש אין ניו-יאָרקער ליבערטי-טעאַטער), „מלכּהלע סאָלדאַט", אָפּערעטע אין 4 אַקטן (אויפֿגעפֿירט ד. 12 פֿעברואַר 1916 אין אָדעסער באַלגאַראָוו-טעאַטער), [דערשינען: „מלכּהלע סאָלדאַט, פֿאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, וואַרשע 1927, פּרייז 1 גילדן, פֿאַרלאַג און בוכהאַנדלונג ת. יאַקובסאָן, מ. גאָלדבערג, 75 ז. 16°". די פּיעסע איז אויך אויף ר ו ס י ש געשפּילט געוואָרן אין 1918 אין דרום-רוסלאַנד א׳נ "Женщина Солдат„], „פֿריילעכע אָדעסיטן", אָפּערעטע אין 5 אַקטן (אויפֿגעפֿירט יאַנואַר 1916 אין אָדעסער באַלגאַראָוו-טעאַטער), „רייזעלע דעם רבינס", פֿאָלקסשטיק מיט געזאַנג אין 4 אַקטן (אויפֿגעפֿירט ד. 20 יולי 1917 אין יעקאַטערינאָסלאַווער זומער-טעאַטער „אָבטשעסטווענאַיאַ סאָבראַניע"), [דערשינען: „רייזעלע דעם רבינס, פֿאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, וואַרשע, 1926, 60 ז. 16°". די פּיעסע איז אויך אונטערן באָלשעוויסטישן רעזשים געשפּילט געוואָרן אין אַ מאָדיפֿיצירטער פֿאָרם.], „געשעפֿטס-מאַכער" („שפּעקולאַנטן"), קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט געזאַנג (אויפֿג. אויגוסט 1918 אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער).

נ. האָט אויך געשריבן די פּיעסעס „דער שוואַרצער לץ", „דער זאַפּאַסנער סאָלדאַט", „סאָנקע דאָס גאָלדענע מיידל", „אַ קבצנס חלום", „שיינדעלע די פּרינצעסין", „אַ חתונה אויפֿן מאַרס", „יידל, וואָס שלאָפֿסטו?", „שאַ, שאַ, דער חתן גייט!" און „די שטאָט און דאָרף", וועלכע זיינען געשפּילט געוואָרן.

נ. האָט געשריבן פֿיל טעאַטער-לידער און איינאַקטערס, וועלכע ווערן אָפֿט געזונגען און געשפּילט אָן זיין נאָמען.

זינט 1926 האָט נ. אויך געשריבן צענדליקער רעוויו-נומערן און דריי רעוויו-פּיעסעס: „זלאַטע די רביצין", „גוואַלד, דירה-געלט" און „וואו נעמט מען אַ חתן" פֿאַר דער קליינקונסט-בינע „סמבטיון", וועלכע ער האָט געגרינדעט און אָנגעפֿירט. אין מערץ 1932 איז אין וואַרשעווער „סקאַלאַ"-טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן נ.׳ס רעוויו „אַלץ ווערט געפּשרט". אַ טייל פֿון דידאָזיקע נומערן זיינען געווען געדרוקט אין ספּעציעלע טעאַטער-אויסגאַבעס און אַ טייל אין די פֿרייטאָג-נומערן פֿון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן.

אונטער זיין נאָמען און א׳פּ נאָזשיקאָוו, ספֿין און יצחקי האָט נ. פֿאַרעפֿנטלעכט פֿיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער בכלל און פּראָפֿעסיאָנעלע ענינים פֿון יידישן טעאַטער אין „אונזער לעבען" (אָדעס), „דאָס נייע לעבן" (אָדעס), ווילנער „די צייט", „ליטעראַרישע בלעטער", אין זילבערצווייגס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קונסט", אין די יידישע טעאַטער-פֿאַך-אָרגאַנען און צוזאַמען מיט מ. נאָדעלמאַנען רעדאַקטירט אַן איינמאָליקע אויסגאַבע „סמבטיון".

נ. איז איניקע מאָל געווען פֿאָרזיצער, וויצע-פֿאָרזיצער און סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן אַרטיסטן-פֿאַראיין אין פּוילן און מיטגעהאָלפֿן רעדאַגירן זיינע פֿאַך-אָרגאַנען.

נ. איז געווען אַ מיטגליד אין פּוילישן פֿאַרלאַגס-קאָמיטעט פֿון (ערשטן באַנד) „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער".

נ.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] יצחק נאָזשיק
רייזעלע דעם רבינס
פֿאָלקסשטיק אין 4 אַקטן
וואַרשע, 1926
[60 ז. 16°]

[2] יצחק נאָזשיק
מלכּה׳לע סאָלדאַט
פֿאָלקסשטיק אין 4 אַקטן, וואַרשע 1927,
פֿאַרלאַג און בוכהאַנדלונג ת. יאַקובסאָן, מ. גאָלדבערג,
[73 ז. 16°].

ש. ע.

יצחק נאָזשיק — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַטצ׳ט", וואַרשע, 2, 1928.

[זע ביבליאָגראַפֿיע ביי „סמבטיון"]

נאַטאַן, ב.

[נאַטאַן ברייטמאַן]

געבוירן 16 סעפּטעמבער 1899 אין וואַרשע, פּוילן. עלטערן — פּאָדריאַדטשיקעס ביים רוסישן מיליטער. געלערנט אין חדר און אַבסאָלווירט מייזלערס רעאַל-גימנאַזיע אין וואַרשע.

פֿון 7 ביז 14 יאָר געזונגען ביים חזן ש׳ראַטאַ אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, און אַלס קינד אין יידישן טעאַטער ביי קאַמינסקין.

אין 1913 באַטייליקט ער זיך אַלס „דע סילוואַ" אין דער קינדער-פֿאָרשטעלונג פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ" אונטער דעם אַקטיאָר ה. פֿיינשטיינס רעזשי. דערנאָך שפּילט נ. מיט „ליבהאָבער" אין וואַרשע ביז אין 1922, ווען ער געפֿינט זיך אין ווין, טרעט ער דאָרט אויף פּראָפֿעסיאָנעל אין דער מעלאָדראַמע „צרות פֿון יידן אין גאַליציע". נאָכן שפּילן איניקע חדשים פֿאָרט

ער אַרום צוזאַמען מיט זיין ברודערס (פּאָול) טרופּע איבער רומע־ניע, וואו ער שפּילט 2 יאָר, 1 סעזאָן מיט פּאָטאָצקאַ, מאַכט מיט אַ טורנע מיט פריביאגאָס רעוויסטאַ, און אין ווין טרעט ער ווידער צו צו זיין ברודער, מיט וועלכן ער מאַכט מיט דעם זעלבן מאַר־שרוט זינט די גאַסטראָלן אין דרום־אַפריקע. שפּעטער זיך באַזעצט אין דרום־אַפריקע.

ש. ע.

נאַטאַן, נעמי

[לעווענטאַל]

געבוירן 15 אָקטאָבער 1891 אין נאָוואָ־מינסק, וואַרש. גוב., פּוילן. פאָטער — באַ־זיצער פון אַ שטריק־פאַבריקל. געלערנט אין אַ פּריוואַט־שול און יידיש זיך געלערנט ביי אַ רביצין. אַלס אַקטיווער מיטגליד אין „קליינער בונד" אָפּט געפאָרן אַלס עמיסאַר קיין וואַרשע און שפּעטער אין גאָוואָמינסק זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער"־אויפפירונ־גען פון שליפּערשטיינס „דאָראַ" (א'ר פון מחבר) און „קאָלדוניאַ" לטובת אַן אַרבע־טער־קוך. דאָ אַרעסטירט געוואָרן און נאָך דער באַפרייאונג אַוועק קיין וואַרשע.

דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט דער אַקטעריסע לאָשאַ יאַקובאָ־וויטש אַריינגענומען געוואָרן אַלס כאָריסטקע אין אַ וואַנדער־טרופּע. וועלכע האָט געשפּילט אין קאָלאָ און באַלד, נאָכן פאַרטרעטן אַן אַק־טריסע, אַלס „צילע" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", דאָרט שוין פאַרבליבן שפּילן ראָלן. 2 יאָר אַרומגעוואַנדערט איבער פּוילן און אין 1910 געקומען אין לאָדזש, וואו זי טרעט ווידער אַריין אַלס כאָריסטקע אין דער „פּאַראַייניקטע טרופּע". אַ קורצע צייט איבערגעריסן די בינע־טעטיקייט און דערנאָך, דורך שומסקין, צוריק אַריינגעטראָטן אין אָדעס צו סאַבסיין, שפּעטער ווידער ביי פישזאָנען, וואו זי איז 4 יאָר אין כאָר, אויפטרעטנדיק טיילמאָל אין קלענערע ראָלן. און דערנאָך 5 יאָר אַלס אַקטעריסע אין אָנגע־זעצנע ראָלן, שפּעטער האָט זי געשפּילט אין ריגע ביי קאָמפּאַניעץ, אין באָברויסקער סאָוויעטישן מלוכה־טעאַטער, אין וואַרשע ביי קאָמפּאַניעץ און צעלמייסטער, אין לאָדזשער „פּוילישעס טעאַטער" (דיר. — קאָמפּאַניעץ), וואו זי קרעאירט די ראָל „וויצקענענאַ" אין זודערמאַנס „יאָהאַנעס פייערן", דערנאָך איינִיקע חדשים אין ווין, וואו זי טרעט שוין אויף א'נ נאַטאַן, שפּעטער שפּילט זי אין ווינער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", אין דער אָפּערעטעס־טרופּע קאַניעווסקאַ־בריטמאַן און זינט 1925 מיטגעמאַכט דעם זעלבן בינע־עטאַפּ וואָס איר מאַן, שמחה נאַטאַן.

נ.'ס טאָכטער, אידאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

נאַטאַן, שמחה

געבוירן 15 אויגוסט 1892 אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ לערער פון דייטש. גע־לערנט אין אַ רעאַל־שול און אַלס גוטער רעכנער געוואָרן צו 14 יאָר בוכהאַלטער אין ווילהעלם לאַנדויס באַנק.

נ. פאַרקערט אין די ליבהאָבער־קרייזן א'א פון ס. קופּערמאַן, אָבער צוליב זיין קליינעם וואוקס ווערט ער צו דער בינע נישט צוגעלאָזט און מוז זיך באַגנוגענען מיט סופלירן. שפּעטער קומט אָן נ. אין אַ צווייטן ליבהאָבער־קרייז, וועלכער ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעלער טרופּע, וואָס פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ. ביי אַזעלכע באַדינגונגען פאַרנאַכלעסיקט נ. ביסלעכווייז זיין פּאָסטן און ווערט אַ ראָלן־איבערשרייבער ביי זאַנדבערגן אין „גרויסעס טעאַטער".

1907 — ווערט נ. אַנגאַזשירט דורך שלום צוקער קיין ווילנע אין דער טרופּע גוזיק־סאַבסיי אַלס סופלער און ספּעציאַליזירט זיך אַלס שרייבער פון „צענזורקעס" אויף דייטש. 1909 — טרעט ער אַריין אין פישזאָנס טרופּע, וואו ער האָט חתונה מיט דער כאָריסטקע נעמי לעווענטאַל. דאָ פּרובט ער שפּילן אין שאָרס „דער יחסן", פאַלט אָבער דורך און בלייבט ווייטער סופלער. ערשט 1917 קומט ער אין לאָדזש, וואו ער טרעט אַריין אין דער טרופּע פון אַדלער־סיעראָצקי אַלס אַקטיאָר. 1920 — שפּילט נ. שוין אָנגעזעענע ראָלן אין לאָדזשער „פּוילישעס טעאַטער" (דיר. — א. ג. קאָמפּאַניעץ) מיט מאָרעווסקי, שטיין, קאַמיען און בולאָוו און פאָרט דערויף קיין ווין, וואו ער שפּילט מיט יצחק דייטש אין דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע".

נאָך דער צעפאַלונג פון דער טרופּע טרעט נ. אַריין אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער שפּילט פון 1925 אין פּוילן, רומעניע און טראַנסילוואַניע. דאָ קרעאירט ער די ראָלן „דער שדכן" אין דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער", „שימעלע סאָראָקער" אין שלום־עליכמס „200 טויזנט" און „יאַאיטשניצאַ" אין גאָגאָלס „חתונה". שפּעטער שפּילט ער מיט לודוויק זאַץ אין רומעניע.

נ.'ס טאָכטער, אידאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

מ. ע.

„שמחה נאַטאַן" — זאַמלהעפט, ווילנע, אַפּריל, 1933.

נאַטאַן, שרה

געבוירן אין ניקאָלאַיעוו, רוסלאַנד. פאָטער — אַ בלעכער. האָט געהאַט אַ שיינע סאָפּראַן־שטימע און געזונגען ביי אברהם גאָלד־פאַדען אין כאָר, שפּעטער געשפּילט עפּיזאָדן־ראָלן אין פאָלטאַוועז און ראָסטאָוו.

נ. איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ יידישן בינע־אַרבעטער פון יידישן טעאַטער אין רומעניע

מ. ע. פון יונה רייזמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 199.

נאַטאַנזאָן, אננאַ

[זע נאַטאַנסאָן אננאַ]

נאַטאַנזאָן, דזשוליוס

[זע נאַטאַנסאָן דזשוליוס]

נאַטאַנזאָן, טשאַרלס

[זע נאַטאַנסאָן טשאַרלס]

נאַטאַנסאָן, אַמאַליע (נאַטאַליאַ ?)

לויט מישע נאַכאַמקוס איז נ. געבוירן אין אָדעס, אוקראַאינע.

זי איז — לויט עמנואל טשיזשיק — געווען אַ סובּרעטין אין גאָלדפאַדענס טרופּע.

נ. האָט געשפּילט אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין רוסלאַנד פון 1879 ביז 1883.

מ. ע. פון מישע נאַכאַמקוס און עמנואל טשיזשיק.

נאַטאַנסאָן, איידאַ

[זע מאַגידזאָהן, איידאַ]

נאַטאַנסאָן, אננאַ

[מילשטיין]

געבוירן 3 סעפּטעמבּער 1895 אין דענווער, קאָלעראַדאָ, אַמעריקע. עלטערן — אַנגרא פּלייש־סוחרים און אייגנטימער פון יידישן טעאַטער אין דענווער. געלערנט אין קאַלעדזש.

נאָך דער חתונה מיט דזשוליוס נאַטאַנסאָן גענומען שפּילן מיט אים ענגליש און דערנאָך דעבּיוטירט אויף יידיש אַלס „שוועסטער" אין „דאָס זיסע מיידל" אין באָסטאָן אונטער איר מאַנס דירעקציע. ערשט בעת דער אויפפירונג פון „די גאָלדענע כלה" איז נ. אויפגעטראָטן אַלס פּרימאַדאָנע. שפּעטער האָט זי געהאַט אַ געלעגנהייט צו שפּילן „יהודית" אין „אַקאָסטאַ" (מיט ס. גאָלדענבּערג) און „די פּראָסטיטוטקע" אין אברהם שאָמערס „אייקעלע מזיק" (מיט שילדקרויט). 1927־8 — האָט נ. געשפּילט אין ניו־יאָרקער סעקאָנד־עווניו־טעאַטער, 1928־9 — אין פילאַדעלפיע. זומער 1930 — האָט זי גאַסטראָלירט מיט איר מאַן אין אַרגענטינע, 1930־31 — געשפּילט אין שיקאַגאָ און איבּער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. 1932 — גאַסטראָלירט מיט איר מאַן אין אייראָפּע.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע.

מ. ע. פון דזשוליוס נאַטאַנסאָן.

יעקב קירשענבּוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער בּיהנע, „מאָז'ש", נ. י., 16 מערץ 1928.

נאַטאַנסאָן, דזשוליוס (יוליוס, חנינא)

געבוירן 17 יולי 1890 אין פּאַוועליטש, קיעווער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ תבואה־הענדלער. בּיז 10 יאָר געלערנט אין חדר און געזונגען בּיי אַ חזן, שפּעטער געוואָרן אַ שמוקלער־אַרבּעטער אין קיעוו, וואוהין די פאַמיליע האָט זיך איבּערגעטראָגן. דאָ זינגט נ. אייניקע יאָר אין כאָר פון בּראָדסקיס סינאַגאָגע און במשך פון דער צייט איז ער אויך אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גאַלאַנטעריע־מאַגאַזין, שפּעטער אין אַ האָטעל און אין אָוונט לערנט ער אין דער „האַנטווערקער־שול".

1905 — איז נ. געקומען מיט דער פאַמיליע אין שיקאַגע, (אַמעריקע), וואו ער האָט געאַרבּעט 2 יאָר אין אַ שניידער־שאַפּ, געלערנט אין אָוונט־שול און יידיש בּיי אַ לערער, דערנאָך אַריין אין גליקמאַנס טעאַטער אַלס גאַרדעראָבּער, געווען בּילעטער בּיי רעלקינען, געשריבּן ראָלן און אויסגעטראָגן אַפּישן. דערפילנדיק אַ נייגונג צו שפּילן, גרינדעט ער צוזאַמען מיט אַנדערע דעם „יאָנג מענס דראַמאַטישער קלאָבּ", וואו ער ווערט דער געשעפטס־פאַרוואַלטער. אָבּער צוליבּ עקאָנאָמישע סיבּות פאָרט ער קיין סט. לואיס, וואו ער טרעט אַריין אַלס זינגער אין אַ יידישן מואווינג־פּיקטשור־הויז, ווערט דערנאָך אין סינסינעטי כופלער אין אַ טרופּע (מיט סיימאָן און פרוי, קראָנער א. א.), מיט וועלכער ער וואַנדערט אַרום 2 יאָר איבּער דער פּראָווינץ, בּיז ער טרעט אַריין אין קליוולאַנד אַלס סופלער און ענגלישער לידער־זינגער אין בּערנשטיינס יידישן וואָדעוויל.

$1^1/_2$ יאָר שפּעטער פאָרט אַרום נ. אייניקע חדשים אַלס כופלער מיט דער טרופּע פעני ריינהאַרדט און בּעני שיינגאָלד, און נאָכדעם ווי ער פאַרטרעט אין וואַשינגטאָן אַ קראַנק־געוואָרענעם אַקטיאָר אַלס „יאָשקע יאַשקעוויטש" אין שאַרקאַנסקיס „חפני און פנחס", ווערט ער אַ סינגל־טורן־זינגער אין ניו־יאָרקער עלדריטש־סטריט־מיוזיק־האָל. אָבּער אָפּגעשטעלט דורך דער יוניע צו שפּילן, וואַנדערט ער אַרום אַ יאָר צייט מיט ענגלישע לידער איבּער ענגלישע מואווינג־הייזער. מיט דער כונה צו שפּילן יידיש פאַראינטערעסירט נ. אין יענער צייט דעם בּוי־אונטערנעמער שקאָלניק צו בּויען אַ יידישן טעאַטער־בּנין אין ניו־הייווען, אָבּער, נישט אַריינגענומען אין דער טרופּע, וועלכע הייבּט דאָרט אָן שפּילן, ווערט נ. מענעדזשער פון אַ יידישער טרופּע, וועלכע דער רעסטאָראַטאָר וואַלי בּרידער בּרענגט אויף יעדן זונטאָג אין ניו־הייווענער גרענד־אָפּערע־הויז, נאָר שוין בּיי דער צווייטער פאָרשטעלונג שפּילט מיט נ. אַלס „סעמקע לץ" און פאָרט דערנאָך מיט דער טרופּע (קלאַראַ יאָנג א. א.) קיין שיקאַגאָ וואו ער טרעט אַריין אין אַ יידיש וואָדעוויל־הויז. שפּעטער האָט נ. געשפּילט לעגיטים יידיש טעאַטער בּיי מייעראָוויטש אין דענווער ליריק־טעאַטער, דערנאָך אין גערטנערס טרופּע אין שיקאַגא און בּיי גראָסמאַן אין וויניפּעג, 2 יאָר געפירט אַ מואווינג־פּיקטשור־הויז אין דענווער, דערנאָך געזונגען אַ צייט אין ענגלישע קאַבּאַרעטן און ענגלישע בּורלעסקטרופּעס, שפּילנדיק אויך מיט זיין פרוי אַננאַ אַן ענגלישן וואָדעוויל־אַקט איבּער דער פּראָווינץ און שפּעטער געוואָרן מענעדזשער פון ענגלישע וואָדעוויל־טרופּעס. אַנגאַזשירט אין ניו־יאָרקער לי-

בערטי־טעאַטער ביי טש. גראַל, גייט נ. איבער אין מיטן סעזאָן אין פּיפּלס־טעאַטער, וואו ער שפּילט אין „סוזי ברעז!“ צוזאַמען מיט בעסי טאָמאַשעווסקי, ווערט אָבער קומענדיקן סעזאָן אָפּגעשטעלט דורך דער יוניע צו שפּילן. שפּעטער שפּילט נ. 2 סעזאָנען אין נעשאָנאַל־טעאַטער, איז צוזאַמען מיט יעקב קאַליך אַ סעזאָן דירעקטאָר און אַקטיאָר אין באָסטאָן, דערנאָך דאָרט אַ סעזאָן אַליין דירעקטאָר, פירט אָן אַ סעזאָן וואָדעוויל אין ניו־יאָרקער גרענד־טעאַטער און איז 4 יאָר דירעקטאָר און הויפּט־שפּילער אין באָסטאָנער יידישן טעאַטער.

1927-8 — האָט נ. געשפּילט אין סעקאָנד־עווועניו־טעאַטער, 1928-9 — געווען דירעקטאָר אין פילאַדעלפיע, 1930 — גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע, דערנאָך איבער די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, 1930-31 — געשפּילט אין שיקאַגער לאָנדייל־טעאַטער און דערנאָך איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

נ. איז שפּעטער אויך געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

נ. איז געווען פאַרלאַגס־מיטגליד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

אַמפּלואַ — פאַט־ליבהאָבער.

מ. ע.

ב. באָטווניק — יונגע טאַלאַנטן אויף דער אידישער ביהנע „פאָרוו“, נ. י., 25 אָקט. 1918.

נון־צדיק [צוקער] — די דערפאָלגרייכע דעבוט־פאָרשטעלונג פון אַנאַ און יוליוס נאַטאַנזאָן, „אַרגענטינער טאָג“, ב"א, 21 יוני 1929

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — דער ערן־אָוונט פון י. נאַטאַנסאָן, „זיין ערשטע נאַכט“ פון ל. פריימאַן, „איד. צייט“, ב"א, 18 אויג. 1929.

נ צוקער — די גאַסט־שפּילן פון יוליוס נאַטאַנזאָן אין בוענאָס איירעס, „אַרגענטינער טאָג“, ב"א, 22 אויג. 1929.

[ ] — דער נייער סטאַר פון גליקמאַנס פּאַלאַס־טעאַטער, דזשוליוס נאַטאַנזאָן שטאַמט פון שיקאַגאָ, „פאָרוו.“, שיקאַגאָ, 11 אָקט. 1929.

י. סיגעל — „פרעהליכע טעג“ מיט דזשוליוס נאַטאַנזאָן אין לאָנדעיל טהעאַטער, „פאָרוו.“, שיקאַגאָ, 30 סעפּט. 1930.

קריטיקוס — דזשוליוס נאַטאַנזאָן, „די צייט“, לאָנדאָן, 7 מאַי 1931.

קריטיקוס — דזשוליוס נאַטאַנזאָן אַלס „גאַליציאַנער חתן“, „די צייט“, לאָנדאָן, 18 מאַי 1931.

ש. פאַן [י. שאַיאַק] — אַ פּאָר ווערטער וועגן לודוויג זאַץ און דזשוליוס נאַטאַנסאָן, „די פּאָסט“, לאָנדאָן, 1 יאַנ. 1932.

דזשוליוס נאַטאַנזאָן — וועגן די אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָרן אין אייראָפּא, „ליטבל'ט“, וויאַרשע, נ' 23, 1932.

זישע קאַץ — וועגן די אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָרן אין אייראָפּא, „ליטבל'ט“, וואַרשע, נ' 24, 1932.

נאַטאַנסאָן, טשאַרלס



געבוירן דעצעמבער 1874 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד, ביי אינטעליגענטע, פאַרמעגלעכע עלטערן. צו 12 יאָר ענדיקט נ. די שטאָטישע שול און לערנט דערנאָך פּריוואַט שפּראַכן.

אין 1886 וואַנדערט אויס די פאַמיליע קיין אַמעריקע און דאָ לערנט נ. אין אַ פּאָבליק־סקול און פּריוואַט.

אין עלטער פון 17 יאָר באַקענט זיך נ. צופעליק מיט אַ גרופּע יונגעלייט פון אַ דראַמאַטישן פאַראיין און זיין ערשטער אויפטריט דאָרט איז אין הערמאַליקס פּיעסע „דער אומגליקלעכער יתום“. דאָס דערוועקט אין אים אַ שטאַרקן חשק צו דער בינע און, קעגן ווילן פון די עלטערן, אַנטלויפט ער 1893 פון דער היים, כדי צו קאָנען נישט־געשטערט שפּילן יידיש טעאַטער. האָבנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן אין שיקאַגאָ מיט קעסלער, פיינמאַן און ליפּצין, קומט ער צוריק אין 1894 אין ניו־יאָרק און טרעט אַריין אין אַדלערס טרופּע אין רומעניען־אָפּערע־הויז.

אין זעלבן יאָר פאָרט נ. דורך אַ צופאַל קיין לאָנדאָן און איז דאָרט דער ערשטער צו שפּילן יידיש טעאַטער אין סטענדאַרט־טעאַטער. 1896-7 — שפּילט ער אונטער אייגענער דירעקציע אין אַנטווערפּן, בעלגיע, שפּעטער אין פּאַריז און דערנאָך ווידער אין ענגלאַנד. 1898 — ווערט נ. אַנגאַזשירט פון י. ב. גימפּעל קיין לעמבערג און פון דאָרט פאָרט ער צוזאַמען מיט אברהם אַקסעלראָד קיין בודאַפּעסט און איבער דער אונגאַרישער פּראָווינץ. דערנאָך ווערט ער אַ שותף מיט טאַנענצאַפּ און בערגמאַן איבער גאַליציע און בוקאָווינע און פון דאָ פאָרט ער קיין יאָהאַניסבורג (דרום־אַפריקע), וואו ער שפּילט אַ יאָר אונטער זיין אייגענער דירעקציע מיט די אַקטיאָרן שאַכט, קאַצמאַן, וואַלערשטיין, מאַריענשטראָס א. א.

צוליב דער בורן־מלחמה מוז נ. פאַרלאָזן אַפריקע און פאָרט צוריק קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אונטער אַדלער, עדעלשטיין און טאָמאַשעווסקיס דירעקציע אין פּיפּלס־טעאַטער. שפּעטער ווערט ער דירעקטאָר אין קאָלומביאַ־טעאַטער אין פילאַדעלפיע, דערנאָך אַ שותף צו בויען דאָס גרענד־טעאַטער אין ניו־יאָרק און בויט אויך דאָס פּאַלאַס־טעאַטער אין שיקאַגאָ.

אין 1912 גאַסטראָלירט נ. אין פּוילן, דערנאָך קומט ער צוריק אין אַמעריקע און שפּילט אייניקע יאָר מיט אַדלער, קעסלער, מאָגולעסקאָ, טאָמאַשעווסקי און בלאַנק.

1919-29 – איז נ. געווען אַנגאַזשירט ביי לואיס גאָלדבערג אין ניו־יאָרק און 1929-30 — אין שיקאַגער לאָנדייל־טעאַטער. דערנאָך, צוליב קראַנקהייט, זיך צוריקגעצויגן פון שפּילן.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 198.

[—] — ווי אַזוי טשאַרלס נאַטאַנזאָן, דער ליטוואַק, איז געוואָרען אַן אַקטיאָר, „פאָרוו.“, נ. י., 23 יאַנ. 1925.

ה. הערש — אידיש טעאַטער אין דרום אפריקע, „דרום־אפריקע“, 5, 1928.

נאַטאַנסאָן, סאָניא (חיה־שרה)



געבוירן דעצעמבער 1894 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. פאָטער — אַ גאַלאַנטעריע־סוחר. געלערנט אין אַ שטאָטישער שול און נאָכמיטאָג אין אַ יידישער פּראָפעסיאָנעלער שול. 1905 — זיך איבערגעטראָגן מיט דער פאַמיליע קיין אָדעס און צוליב עקאָנאָמישע סבות אַריינגעטראָטן אַ יאָר שפּעטער אין כאָר ביי פישזאָנען. נ. האָט דערנאָך דעביוטירט אַלס „רחלע“ אין שמ'רס „דער צווייטער המן“ און

באַלד געוואָרן צווייטע פּרימאַדאָנע, שפּילנדיק אַ סעזאָן ביי פּישזאָן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אין אָדעס. 1913 – איז נ. געווען פּרימאַדאָנע ביי אַדלער-ליפּאָווסקי אין לאָדזשער צירק-בנין, דערנאָך ביי קאָמפּאַניעץ אין וואַרשע און אין „גרויסעס טעאַטער" אין לאָדזש ביי זאַנדבערג. בעת דער קריגס-מאָביליזאַציע האָט נ. געשפּילט אין ריגע (לערמאַן, מייערסאָן, רובין), דערנאָך אין פּינסק און האָמעל, 1917 – אין קיעוו א"פ פון בערמאַן און גראָסמאַן, שפּעטער אַרומגעוואַנדערט איבער רוסלאַנד און טאַשקענט אין אַ חברים-טרופּע, 1924 – גאַסטראָלירט אין מאָסקווע און צוריקגעפאָרן אין טאַשקענט, וואו זי האָט געשפּילט ביז 1928 (פון דעם אַ יאָר דראַמאַטישן רעפּערטואַר אין יידישן אַרבעטער-הויז און אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, באַקומענדיק שכירות פון דער רעגירונג). 1929 איז נ. געקומען אין אַמעריקע, געשפּילט איינינקע חדשים אין אַ נישט-יוניע טרופּע אין פּיטסבורג און 1 מאָל אַרויסגעטראָטן אַלס „מירעלע אפרת" אין ניו-יאָרקער פּאָלקס-טעאַטער. נאָכדעם איז זי צוריקגעפאָרן קיין איראָפּע.

מ. ע.

נאַכבאַר, דאָלי (אורי)



געבוירן 18 דעצעמבער 1903 אין ווין, עסטרייך. פאָטער – אַ הויזירער, אַ פרוימער. געלערנט אין אַ פּאָלקס-שול, דערנאָך 4 קלאַסן גימנאַזיע און יידישע למודים ביי אַ מלמד. אַלס קינד פון 6 יאָר געוואָרן אַ משורר אין טעמפּל א"ל פון יצחק-אייזיק לובאַצקי. אין עלטער פון 10 יאָר אַריינגעטראָטן אין מ. זיגלערס „יידישע בינע" אַלס קינדער-ראָליסט, וואו ער האָט געשפּילט אַ 6-7 יאָר. שפּעטער איז ער געווען 2 יאָר אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קונסט-און אַנטיקן-געשעפט, 2 יאָר געלערנט צייכענען ביי אַ מאָלער און ווידער געאַרבעט 2 יאָר אין פריערדיקן געשעפט, זייענדיק גלייכצייטיק באַשעפטיקט אַלס דעקאָראַטאָר אין דער יידישער טרופּע אונטער דייטשס אָנפירונג. צוליב דער קראַנקהייט פון אַן אַקטיאָר פאַרטרעט נ. אַ קליינע ראָלע אין „סטעמפּעניו" און, בלייבנדיק אָן אַ פּאָסטן צוליבן באַנקראָט פון זיין פירמע, ווערט ער אַן אַקטיאָר.

נאָכן שפּילן אַ יאָר אין דייטשס טרופּע און אַ יאָר אין סטעפאַניע-טעאַטער, פאָרט נ. אַרום מיט אַ יידישער טרופּע איבער טשעכיע, שפּילט דערנאָך אין יידישן קאַבאַרעט אין ווין (לייטונג – מאַקס שטערנג), פאָרט ווידער איבער טשעכיע און יוגאָסלאַוויע (מיט יונגוואירט) און שפּילט אין 1928 צוריק אין ווין ביי עמיל פרידעס. דערנאָך אַריינגעטראָטן אין זיגלערס טרופּע און מיט איר אַרומגעפאָרן איבער רומעניע.

אַמפּלואַ – כאַראַקטער-קאָמיקער.

מ. ע.

נאַכבוש, נח

[בושלעוויטש]

געבוירן אָקטאָבער 1888 אין מוש, מינסקער גוב., פוילן. פאָטער – אַ בעל-מלאכה, האָט 30 יאָר געלעבט אין אַמעריקע, איז אָבער, צוליב פרומקייט, צוריקגעקומען אין פוילן. געלערנט אין חדר, אין סלאָנימער ישיבה און שפּעטער פאַר זיך. העברעאיש און רוסיש געלערנט פּריוואַט און דורכגעגאַנגען אַ קרייז-שול. שפּעטער זיך באַזעצט אין ווילנע.

בערך 1908 געווען טעטיק (צוזאַמען מיט אזרא, שניער, ריווקינאַ און פרידאַ בלומענטאַל) אין ליטעראַריש-דראַמאַטישן קרייז א"א פון י. פּיראָזשניקאָוו. בעתן שפּילן שלום-עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" (אין אַנוועזנהייט פון מחבר), צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אָרטיקער פּרעסע („הזמן"), אָבער צוליב זיינע געשעפטן, וועלכע פאָדערן זיין אָפטע אָפּוועזנהייט פון ווילנע, קאָן ער בלויז זעלטן זיך באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען.

אין אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה אָפט אַרומגעפאָרן אין דער נאָענטסטער ווילנער פּראָווינץ מיט פאָרלעזונגען און רעציטאַציעס פון די ווערק פון יידישע שרייבער.

1916 – בלייבנדיק אין ווילנע, וואו ער האָט געפירט אַ גרויס געשעפט, אַריינגעצויגן געוואָרן דורך אזרא אין דער ניי-געגרינדעטער געזעלשאַפט „פאַד"א" (די שפּעטערדיקע „ווילנער טרופּע"), מיט וועלכער ער שפּילט, א"פ נאַכבוש [„נח בוש"], איבער פוילן און בעת איר טורנעע איבער איראָפּע. דאָ האָט נ., צווישן אַנדערע ראָלן, דער ערשטער קרעאירט די ראָלן „חאַצע" אין קאָבריגס „דער דאָרפסיונג" און „משולח" אין אַנ-סקיס „דער דבוק".

סוף 1923 – געקומען אין אַמעריקע און דאָ מיטגעשפּילט די גאַנצע צייט מיט דער „ווילנער טרופּע" איבער אַמעריקע און קאַנאַדע. אין דער צייט פון הפסקות אָפט אַרויסגעטראָטן אויף אייגענע „אָוונטן", וואָס אַנטהאַלטן סצענקעס פון פּיעסעס, מאָנאָלאָגן און „מאָדערנע בדחנות".

1932-33 – געשפּילט אין ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער (דיר. – מאָריס שוואַרץ).

נ. האָט זיך אויך באַטייליקט אין איינינקע יידישע פילמען אין אַמעריקע.

נ. האָט אין דער ניו-יאָרקער „קינדער-וועלט" (1930-31) פאַרעפנטלעכט איינינקע לידער.

מ. ע.

„די ווילנער אין לאָדז" [זמ"ב], לאָדז, מערץ, 1918.

מ. אַשעראָוויטש – נח נאַכבוש און ל. זשעליאַזאָ אין איין ראָלע, „פּאַרוז", נ. י., 21 מערץ 1924.

נאָמבערג, הערש-דוד

[געב. 4 אַפּריל 1876 – געשט. 21 יאַנ. 1927]



געבוירן 4 אַפּריל 1876 אין אַמשינאָוו, וואַרשעווער געגנט, פּוילן, אין אַ חסידיש-נגידישער פֿאַמיליע. זיין פֿאָטער, משה-מרדכי (אַן אוראייניקל פון דעם פּראַגער רב, דער מחבר פון „בית-מאיר" און אַן אייניקל פון לאָדזשער רב ר' יחזקאל נאָמבערג), אַ גרויסער לערנער, אַן „אפּיקורס", איז אים יונג אָפּגעשטאָרבן אין מעראַן, און נ. האָט זיך אויפגעצויגן ביי זיין זיידען פון דער מוטערס צד, אייזענבערג, אין שטרענג-חסידישן גייסט.

ביזן 18 יאָר געלערנט, זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי און בקי. שפּעטער, שוין נאָך דער חתונה, האָט נ. אונטער דער השפּעה פון דער העברעאישער ליטעראַטור, זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג (רוסיש, פּויליש, דייטש). געצוואונגען פאַר זיין „אפּיקורסות" זיך צו גטן מיט זיין פרוי, איז ער, מיט דער הילף פון אַ קרייז וואַרשעווער סטודענטן-סאָציאַליסטן, געקומען אַרום 1897 אין וואַרשע, וואו ער איז די ערשטע צייט באַשעפטיקט אַלס לערער אין אַ העברעאישער שול און אַלס הויז-אַדמיניסטראַטאָר. אויף דער עצה פון פּרץ האָט ער אָנגעהויבן שרייבן יידיש און דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1900 מיט אַ ליד אין „יוד" און אַ ביסל שפּעטער אין דער העברעאישער ליטעראַטור מיט דערציילונגען אין פרישמאַנס „הדור". זינט 1905 פּובליציסט און רעדאַקציע-מיטגליד אין דער העברעאישער צייטונג „הצופה", דערנאָך מיטגעאַרבעט אין „דער וועג", פאַרברענגענדיק $1^{1}/_{2}$ יאָר אין אויסלאַנד. 1907 – געלעבט אין ווילנע, וואו ער פאַרעפנטלעכט זיינע יידישע שריפטשטעלערישע אַרבעטן אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס און די העברעאישע אין „הזמן". 1908 – זיך באַטייליקט אין דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, געווען דער מחבר פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-רעזאָלוציע און זינט דאַמאָלט, ענג פאַרבונדן מיט דער נייער יידישער קולטור-באַוועגונג, איינער פון די באַגרינדער און עסקנים פון יידישיזם און פאָלקיזם. ביים אַריבערגיין פון „דער פריינד" קיין וואַרשע, געוואָרן דאָרט אַ שטענדיקער רעדאַקציע-מיטאַרבעטער, 1912 – אַריבער אין „היינט". מלחמה-צייט רעדאַקטירט „דאָס וואַרשעווער טאָגבלאַט", געווען סיים-דעפּוטאַט אויף דער פאָלקיסטישער ליסטע, פאָרזיצער פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין וואַרשע, געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג פאַר יידישע שולן, 2 מאָל באַזוכט אַמעריקע (סוף 1911 און אָנהייב 1926), אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט (1923) אין אַרגענטינע, באַזוכט (1924) ארץ-ישראל און (1926) ראַטנפאַרבאַנד און זיך זייער אָפט אויפגעהאַלטן אין די הויפּט-שטעט פון מערב-אייראָפּע.

זינט 1918 – שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָמענט" און זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין אייראָפּע, אַרגענטינע און אַמעריקע.

דורך זיינע לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען, פּובליציסטישע אַרטיקלען, עסייען, רייזע-שילדערונגען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, פון וועלכע פיל זיינען געזאַמלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין באַזונדערע ביכער, האָט נ. זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזען אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, שטייענדיק אין דער ריי פון דער נאָך-פּרץ-פּלעיאַדע.

נ. האָט געהאַט אַ נאָנטע באַציאונג צום יידישן טעאַטער. ער פלעגט זייער אָפט שרייבן רעצענזיעס (אויך א'פּ נ-י) און האָט אויך איבערזעצט הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן". וועגן דעם דערציילט דר. מוקדוני אין זיינע זכרונות: „...ווען די „פאַראייניקטע" האָבן זיך אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ רעפּערטואַר, האָט פאַר זיי ה. ד. נאָמבערג פאָרגעלייענט זיין איבערזעצונג. די „פאַראייניקטע" האָבן אויסגעהערט און איבעראַשט דערקלערט, אַז זיי האָבן אַזאַ יידישע פּיעסע פון י. גאָרדין, „די שבועה" [פאַריידישונג פון „הענשל פורמאַן"] הייסט זי, ווייסן זיי דעריבער נישט וואָס צו טאָן, ...אָבער מיר אַלע האָבן איינגעזען, אַז דער אָריגינאַל איז אַ צו האַרטע נוס פאַר יידישע אַקטיאָרן. פּרץ און אַפילו נאָמבערג האָבן עס באַלד איינגעזען און האָבן מסכים געווען, אַז „די שבועה" איז פּאַסנדיקער".

אין 1910 איז דערשינען די איבערזעצונג אין דרוק: „גערהאַרד הויפּטמאַן. הענשל פורמאַן. יודיש פון ה. ד. נאָמבערג. וואַרשע תר'ע, פערלאַג ב. שימין" [94 ז. 16°], וואָס איז צו-ערשט געשפּילט געוואָרן דורך דער לאָדזשער „דראַמאַטישע קונסט" א'ר פון מאַרק אַרנשטיין און אין 1919 דורך דער „ווילנער טרופּע" א'ר פון דר. מ. ווייכערט.

אין 1909 האָט נ. פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער „טעאַטער וועלט" (נ' 11-10, 7, 6, 5) זיין נישט-פאַרענדיקטע איבערזעצונג פון וויליאַם שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליאַ" [געדרוקט נאָר דער 1-ער אַקט און דער צווייטער אַקט ביז צו דער 5-טער סצענע].

אין יאַנואַר 1910 האָט די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" איינגעאָרדנט סימפּאָזיומס אין „פילהאַרמאָניע" מיט רעפעראַטן פון דר. מוקדוני, אַ. וויטער, י. ל. פּרץ און נ., וועלכער האָט גערעדט אויף דער טעמע „פון גאָלדפאַדען ביז לאַטיינער". דר. מוקדוני שרייבט וועגן נ.'ס רעפעראַט: „ער האָט דערקלערט, אַז דער יידישער טעאַטער שטיצט זיך אויף דער אונטערוועלט, אַז די מעצענאַטן און גייער פון דעם יידישן טעאַטער זיינען יענקל שאַפּשאָוויטשעס און סתם פאַרברעכער. דער גרויסער עולם האָט אויפגענומען דידאָזיקע אַנטדעקונג מיט גרויל און שרעק. דאָס האָט זיך ווי אַ בליץ צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און די אויפרעגונג איז געווען מוראדיק".

דידאָזיקע אַטאַקע קעגן דאַמאָלטיקן יידישן טעאַטער האָט אַרויסגערופן אַ קעגן-אַטאַקע מצד די יידישע אַקטיאָרן (קודם כל פון „די פאַראייניקטע טרופּע"), וועלכע האָבן פאָרגעוואָרפן, אַז די יידישע שריפטשטעלער ווילן אויפצווינגען צו שפּילן זייערע פּיעסעס, און דערביי האָבן זיי אויך אויסגענוצט נ.'ס ווענדונג אויפצופירן זיין איבערזעצונג פון „הענשל פורמאַן". שפּעטער האָט זיך צו דערדאָזיקער אַטאַקע אָנגעשלאָסן אויך דוד פרישמאַן אין זיינע פעליעטאָנען אין „היינט". דר. מוקדוני שרייבט וועגן דעם: „נאָמבערגן האָט ער כאַראַקטעריזירט געניאַל. פון יענער פאָלעמיק שטאַמט זיין טרעפנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון נאָמבערג אַלס „מהיכא תיתא-מענטש". עס איז געווען אַ שטיק אמת אין דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטיק. [זע „דוד פרישמאַנס שריפטען", דריטער באַנד, זז. 54-52] ... אין אַ ריי אַרטיקלען, געשריבן פון נאָמבערגן, אַ. ליטוואַקן און פון מיר, האָבן מיר זיינע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דערזעלבער מעטאָדע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט. מיר האָבן אויך וועגן עצם ענין נישט

פאַלעמיזירט. מיר האָבן אים אָנגעגריפן אַלס שריפטשטעלער".

נ. איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער „יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע אין 1911.

ווי אברהם רייזען גיט איבער, איז אַן אַקט פון נ.׳ס פּיעסע „די משפחה" צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין זשורנאַל „די ליטעראַרישע וועלט", אין 1913 איז די גאַנצע פּיעסע [ה. ד. נאָמבערג — די משפחה, פּיעסע אין פיער אַקטען] געדרוקט געוואָרן אין ווילנער „די יודישע וועלט", יאַנואַר־אַפּריל 1913, און אין 1914 אַרויס אין אַ באַזונדער בוך אין ווילנער פ׳ג פון ב. קלעצקין [74 ז. 16°]. דיזעלבע פּיעסע איז אויך אין 1927 דערשינען אין בערלינער „כלל־פאַרלאַג" [136 ז. 24°] און איז אין 1919 אויפגעפירט געוואָרן (מיט לייזער זשעלאַזא אַלס „גדליה פינקעלגרין") אין דער טרופּע פון דער ווילנער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט, דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון דער „ווילנער טרופּע". אין אַמעריקע איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן נאָך בערך 1914 א׳ר פון מאַרק איזראַעל [דר. איזראַעל מאַרקוס] דורכן „ליטעראַטור און קונסט־פאַראיין" אין שיקאַגא. אין יוני 1928 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע) דורכן גאַסטראָלירנדיקן אברהם מאָרעווסקי.

דעם 25 אַפּריל 1921 איז די פּיעסע אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון מרדכי רודענסקי אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון מאַרק שווייד אין ניו־יאָרקער „דאָס נייע יידישע טעאַטער" דורך דער „הבימה העברית" (דיר. — נחמיה לין). אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך אויך באַטייליקט די פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן מנשה סקולניק („גדליה פינקעלגרין"), מאַרק שווייד („נחום") און ליזאַ וואַראָן („דבורה").

אין 1915, בעת דער גרינדונג פון „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע" אין וואַרשע, האָט נ. באַזונדערס זיך פאַראינטערעסירט מיט דער גרופּע יונגע שפילער, פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן אויף זייערע פאָרשטעלונגען און פלעגט זיי אפילו באַגלייטן אויף זייערע גאַסטראָלן איבער דער פּראָווינץ

זייענדיק אַלס גאַסט אין אַרגענטינע, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ קאַמף צווישן די אַקטיאָרן און די טעאַטער־דירעקטאָרן צוליב דער אָרגאַניזירונג פון אַן אַרטיסטן־פאַראיין. דער אַקטיאָר אהרן לאַגער שילדערט אַזוי נ.׳ס שטעלונג: „דער גרעסטער צוהעלפער לטובת די אַרטיסטן פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אין אַרגענטינע אַלס גאַסט. ער האָט מיט גאַנצן פייער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג און האָט געמוטיקט די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן געזוכט ברויט און מענטשלעכע באַדינגונגען אויף דער יונגער היגער יידישער בינע. אַ דאַנק זיין אינטערווענץ האָבן פיל געזעלשאַפטן בייגעטראָגן זייער מאָראַלישע שטיצע".

דער אַקטיאָר יאָנאַס טורקאָוו גיט איבער, אַז נ. האָט אים פאַרגעלייגט צו שפילן זיין איבערזעצונג פון געאָרג קייזערס פּיעסע „פון טאָג ביז מיטנאַכט" [אין נ.׳ס בוך „דאָס בוך פעליעטאָנען", פ׳ג ש. יאַטשקאָווסקי, וואַרשע, 1924, איז פאַראַן אַ ספּעציעלער אַרטיקל וועגן דראַמאַטורג געאָרג קייזער].

דעם 21 נאָוועמבער 1927 איז נ. געשטאָרבן אין אָטוואָצק און איז דעם 23 נאָוועמבער 1927 געקומען צו קבורה אין וואַרשע.

נאָך נ.׳ס טויט האָט זיין זון אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַלע נ.׳ס ווערק. צווישן אַנדערע ווערט אויך צוגעגרייט אַ ספּעציעלער באַנד פון נ.׳ס טעאַטער־אַרטיקלען.

מ. ע. פון יאָנאַס טורקאָוו און ש. ע. פון קלמן מרמר.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 523-533.

ד. ב. מאַלקין — ה. ד. נאָמבערג, „ביכער־וועלט", וואַרשע, נ׳ 9, 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — נאָמבערגס „משפחה" אין א. מאָרעווסקיס אויפפירונג „פּרעסע", ב׳א, 5 יוני 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — מאָרעווסקיס אויפפירונג פון „די משפחה", „איד. צייט.", ב׳א, 6 יוני 1928.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 398, 375-378, 360.

אברהם רייזען — מלחמה יאָהרען, „צוקונפט", נ. י., יאַנואַר, 1930.

אהרן לאַגער — די ערשטע באַוועגונג פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער ביהנע אין בוענאָס־איירעס, „די אידישע צייטונג", ב׳א, 5 יאַנואַר 1931.

י. ראַפּאָפּאָרט — גערהאַרדט הויפּטמאַן, „וואָכנשריפט", וואַרשע, נ׳ 45, 1932.

דר. מ. ווייכערט — צוויי רעדעס וועגן ה. ד. נאָמבערג, „ליטבל׳ט", וואַרשע, נ׳ 52, 1932.

נאַמיאָט, אַראָן

געבוירן 15 פעברואַר 1903 אין ווילנע, פויליש־ליטע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט אַ מיטלשול

נ. איז זינט 1921 באַטייליקט אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אַלס פאַרוואַלטער מיט דער ליכט־אָפּטיילונג פון טעאַטער.

ש. ע. פון בנימין זוסקין.

נאמן, אברהם־חיים

געבוירן 1891 אין ראָוונע, וואָלינער געגנט פוילן. פאָטער — אַ כלל־טוער און מיטגליד אין שטאָט־ראַט. געלערנט אין דער היים און דערנאָך אין גימנאַזיע אין אָסטראָ, פון וואו ער ווערט באַזייטיקט פון דעם 5־טן קלאַס צוליבן געהערן צו אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, און ווערט דערפאַר אויך איינציקע מאָל אַרעסטירט.

זינט 1911 ביז דער מלחמה איז נ. געווען באַטייליקט אין אַ יידישן דראַמאַטישן קרייז.

אין קריגס־צייט האָט נ. געשפּילט אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער און דערנאָך עמיגרירט קיין ארץ-ישראל, וואו ער האָט 7 חדשים געלערנט אין דער העברעאישער אַרבעטער־טעאַטער־סטו־

דיע „אוהל", אַרבעטנדיק גלייכצייטיק אַלס לוין-אַרבעטער, דערנאָך איז ער אַריבער אין „תיאטרון ארץ ישראלי" (פירונג — מ. גנעסין), שפּעטער אין „תיאטרון לאומי" און צום סוף אַריינגעטראָטן אַלס אַקטיאָר און קאָנפעראַנסיער אין דער קליינקונסט-בינע „המטאטא".

נ. האָט אויך געשריבן רעצענזיעס אין „ראָוונער וואָכנבלאַט" וועגן די גאַסטראָלירנדיקע יידישע טרופּעס.

ש. ע.

נאָרד, באַרוך

[בענעדיקט לעווין]

געבוירן 26 אָקטאָבער 1901 אין ברוסי-לאָוו, קיעווער גוב., אוקראַאינע בײַ פּאַר-מעגלעכע סוחרים, וועלכע טראָגן זיך אַרי-בער אין 1910 אין קיעוו. געלערנט אַ קורצע צייט אין דער קונסט-סטודיע פון אַלעקסאַנדער מוראַשקאָ און דורכדעם גע-קומען אין קאָנטאַקט מיטן רוסישן און אוק-ראַאינישן טעאַטער, וואו ער איז געוואָרן אַ סטאַטיסט און גלייכצייטיק געשפּילט און רעזשיסירט אין שול-פאָרשטעלונגען.

1916 — האָט נ. דעביוטירט אין קיעווער רוסישן קינדער-טעאַ-טער א׳ר פון קאָנסטאַנטין בערעזשנאָי, 1917 - געלערנט אַ קורצע צייט אין דער סטודיע ביים סאָלאָווצאָוו-טעאַטער און זיך אָפּט באַטייליקט אין די שילער-פאָרשטעלונגען אין דער רוסישער קאָ-מערץ-שול. 2 יאָר האָט נ. זיך אָפּגעגעבן מיט אַרבעט פאַר פּאָלי-טיש-ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע קרייזן. 1919 — האָט נ. געשפּילט אין „רוסישן טעאַטער פאַר דער רויטער אַרמעע", שפּעטער געדינט אין דער רויטער אַרמעע, געוואָרן פאַרוואונדעט און אויגוסט 1920 אַריינגעטראָטן אין דער קיעווער דראַמסטודיע ביי דער „קולטור-ליגע", וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין שטיימאַנס „משיח בן יוסף". 1924 — נאָכן צעפאַלן פון דער ק"ל — איז נ. אַריינגעטראָטן אַלס שוישפּילער אין „ווימ׳ט", וואו ער האָט דעם 17 יאַנואַר 1929 אויפגעפירט טאָלערס „האָפּליאַ, מיר לעבן !".

נ. איז אויך רעזשיסער אין מינסקער פּאַרטיי-און קאָמיוג-קלובן.

ש. ע.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער-שלאַכטן", 1931, זז. 160, 176, 188, 195-203.

נאָרוויד, מאָריץ

[טרעפלער]



געבוירן 4 יולי 1895 אין וואַרשע, פּוילן, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן — סוחרים. באַ-קומען אַן אַסימיליאַטאָרישע דערציאונג 1912 - געענדיקט די מלוכהשע רוסישע רעאַל-שול אין וואַרשע. נאָך אין דער שול האָט נ. זיך אויסגעצייכט אַלס ראָליסט און אויפפירער פון די אָפּטע שילער-פאָרשטע-לונגען אין רוסיש און פּויליש, פאַר וועלכע ער האָט אינסצעני ט מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט".

נאָכן ענדיקן די רעאַל-שול אַריינגעטראָטן אין פּוילישן דראַמאַ-טישן קלאַס ביי דער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט אין וואַרשע, וועלכן ער ענדיקט אין 1914 און מוז, צוליב דער אויסגעבראָכענער וועלט-מלחמה, איבעררייסן די פּראַקטישע אַרבעט.

דורך דער רעקאָמענדאַציע פון זיגמונט טורקאָוו טרעט ער אַריין אין דוד הערמאַנס יידישער דראַמאַטישער סטודיע ביים „הזמיר", וואו ער דעביוטירט אַלס „דוד" אין י. ל. פּרץ „עס ברענט", פרעמד פון דער יידישער שפּראַך, פלעגט ער זיינע ערשטע ראָלן לערנען אין לאַטיינישע אותיות, וואָס האָט אים אָבער נישט באַ-פרייט פון זיין אָפּגעפרעמדטן דיאַלעקט אין יידיש. דערנאָך האָט ער זיך באַטייליקט אין הערמאַנס אויפפירונגען פון דוד פּינסקיס „פּאַמיליע צבי" (שפּילנדיק די ראָל „ליפּמאַן"), יערזשי זשולאַווסקיס „ליטעראַטן און די שוישפּילערין" (שפּילנדיק די ראָל „דער פּער-טער ליטעראַט") און אין 1916 אַלס „אברוש" אין פּרץ הירשביינס „די נבלה".

איצט טרעט ער אַריין אין דער פּוילישער טעאַטראַלער אַקאַ-דעמיע צו פאַרפולקומען זיין טעאַטער-בילדונג און נעמט גלייכציי-טיק לעקציעס אויף יידיש ביי דוד הערמאַן.

1917 — אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע", וואו ער דעביוטירט אַלס „סעריאָזשאַ" אין אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט", און שפּילט אין דער טרופּע ביז 1919. גלייכצייטיק האָט ער אָנ-געפירט מיט דראַמאַטישער אַרבעט אין פאַרשיידענע אַרבעטער-קלובן אין וואַרשע.

דערנאָך פאַרלאָזט ער פּוילן און פאָרט אָפּ קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער טרעט אַריין דעם 1 יאַנואַר 1920 אין „מאָסקיווער יידישן מלוכה-טעאַטער" און שפּילט דאָרט ביז 1925, אַרבעטנדיק גלייכ-צייטיק אַלס רעזשיסער-לאַבאָראַנט ביי די פּיעסעס „די כשוף-מאַ-כערין" פון גאָלדפאַדען, „דער גט" און „צוויי הונדערט טויזנט" פון שלום-עליכם.

סוף 1925 — פאַרבעטן קיין מינסק אַלס אָנפירער מיטן דראַמ-קרייז ביים צענטראַלן יידישן אַרבעטער-קלוב א׳נ פון נ. לענין, וואו ער פירט אויף זיינע אינסצעניזגען פון שלום-עליכמס „מענטשן" אין 2 אַקטן (אויסנוצנדיק דערצו שלום-עליכמס „דאַ-טשעס" א. א.) און „אַמעריקאַנער געטער" לויט סינקלער.

1926 — פאַרבעטן געוואָרן קיין אָדעס, וואו ער שאַפט אַ טעאַט-ראַלע סטודיע אַלס אָפּטייל ביים אַלגעמיינעם מוזיקאַליש-דראַמאַ-טישן אינסטיטוט.

1928 — אַריינגעטראָטן אין „מלוכהשן יידישן טעאַטער אין אוק-ראַאינע", צוזאַמען מיט זיין אָדעסער סטודיע, אַלס שטענדיקער רעזשיסער און אַקטיאָר. דאָ האָט נ. אויפגעפירט אין סעזאָן 1927-29 „ריסטאָקראַטן, קאָמעדיע אין 3 אַקטן, ליטמאָנטאַזש פון ד. וואָל-קענשטיין און מ. נאָרוויד, דעקאָראַציעס — מ. עפּשטיין, כאָרעאָ-גראַף -- ג. גאַנגעס, מוזיק — שטיינבערג" [די פּיעסע איז צונויפ-געשטעלט פון שלום-עליכמס „מענטשן", „דאַטשעס", „פאַרביטן די יוצרות" א. א. אַן ענלעכע פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען פון פּ. אַראָנעס איז אין 1929 דערשינען אין מינסק].

אין סעזאָן 1928-29 איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן „אַמעריקאַ-נער געטער, אַ סאָציאַלע דראַמע לויט סינקלער [פון די ראָמאַנען „די געשיכטע פון אַ מיליאָנער" און „קעניג קויל"] ליטמאָנטאַזש — דוד האָפּשטיין, רעזשי - מ. נאָרוויד, קאָמפּאָזיטאָר — מ. מילנער, דעקאָראַציעס — טישלער", און „הירש לעקערט, פון א. קושניראָוו,

רעזשי — מ. נאַרוויד, דעקאָראַציעס — קראַל, מוזיק — מ. מילנער".

אין סעזאָן 1929-30 איז אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „בארג אַרויף", פון ז. טשאַלאַיאַ, איבערזעצט פון ה. קאַזאַקעוויטש, רעזשי — מ. נאַרוויד, דעקאָראַציעס — ריפּטין", און „בלוט", פון ב. אָרשאַנסקי, רעזשי — ווינער און (פאַרענדיקט) נאַרוויד, קאָנסטרוקציע — רודי, מוזיק — מילנער".

אין 1931 איז נ. באַשטימט געוואָרן פון פאָלקאָמבילד, פון אוקראַאינע אַלס קינסטלערישער אָנפירער און הויפּט־רעזשיסער פון זעלבן טעאַטער.

אין סעזאָן 1931-32 איז דאָ אויפגעפירט געוואָרן דעם 29 דעצ. 1931 „ראָמאַן צאַט, פון אַלבערטאָן, רעזשי — מ. נאַרוויד, קינסטלער — מאַנדעלבערג, מוזיק — טייך".

נ. האָט אָרגאַניזירט ביים טעאַטער אַ טעאַטער־סעמינאַר (צו אַנטוויקלען די יוגנטלעכע אַקטיאָרן), האָט געגרינדעט אַ דיסקוסיע־קלוב, וואו ס'ווערן באַהאַנדלט די קינסטלערישע פראַגן, וואָס זיינען שייך יעדער אויפפירונג און האָט געשאַפן ביים טעאַטער אַ רעזשיסאָרן־שטאַב פון אייגענעם טעאַטער־אַנסאַמבל.

נ. האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" (נ' 1, 1926), „עמעס" אין מאָסקווע, „נייע וועגן" (כאַרקאָוו, 1930), „אָדעסער אַרבעטער־צייטונג" און „טעאַטער פראָנט" (כאַרקאָוו 1932-33).

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע", זז. 66-24.

ב. אָרשאַנסקי — טעאַטער־שלאַכטן, מינסק 1931, זז. 98-99.

נאַרינסקי, יצחק

געבוירן 12 דעצעמבער 1890 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע. פאָטער — אַ סטאָלער. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אָנגעקומען, צוליב זיין אַלט־שטים, אין דער אָרטיקער כאָר־שול. 1903 — אָפּגעגעבן געוואָרן צו אַ יובילער און גלייכצייטיק געזונגען ביי אַ בעל־תפילה, נאָכן פּראָגראַם אָוועק, אָן וויסן פון די עלטערן, מיט אַ חזן נפתלי, מיט וועלכן ער וואַנדערט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך, דאַווענענדיק שבתים אין די שולן און אין וואָכנטאָג געבנדיק „קאָנצערטן", וואָס באַשטייען פון רוסישע, יידישע און אוקראַאינישע לידער און טעאַטער־סצענקעס. פון דאָרט אָוועק מיטן חזן לייב שאַפּיראָ קיין טולטשין.

אין עלטער פון 14 יאָר, ביים מוטירן די שטים, צוריקגעקומען אין זשיטאָמיר און ווידער געאַרבעט 2 יאָר ביי אַ יובילער, דערנאָך שוין אַלס טענאָר געזונגען ביי חזנים. אין כאָר־שול און צוזאַמען מיט אַ ברית־זינגער שמואליק אַרויסגעטראָטן אין זשיטאָמיר און סביבה מיט געזאַנג־נומערן און טעאַטער־סצענקעס. שפּעטער אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט אין דער אוקראַאינישער טרופּע א'א פון סוכאָדאָלסקי, וואו ער איז געווען 8 חדשים, דערנאָך סאָליסט אין בערדיאַנסקער כאָר־שול. 1912 — געזונגען אַ קורצע צייט אַלס כאָריסט אין דער יידישער טרופּע פון גנעפער, דערנאָך געדינט אין מיליטער, זיך באַטייליקט אין וועלט־קריג און אין 1917 אַריינגעטראָטן אין זשיטאָמיר אַלס כאָריסט אין משה ליפּמאַנס טרופּע, דערנאָך אין טעאַטער־קאָלעקטיוו א'א פון גראָסמאַן און נאַטאַנסאָן, וואו ער שפּילט אויך ראָלן, שפּעטער אַלס אַקטיאָר אין דער טרופּע וואָלפסאָן און קאַזשדאַן (האַמעל).

1919 — איבערגעגאַנגען אין קאָלעקטיוו פון מישע אַפּעלבוים און קאַלמאַנאָוויטש (פּאָלטאַווע) און אין זעלבן יאָר אַריבער אין קאָלעקטיוו פון רודאָלף זאַסלאַווסקי, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין פּאָלטאַווער „קונסט־ווינקל" און אָפּגעפאָרן מיט דער טרופּע קיין קרעמענטשוג, וואו ער שפּילט ביז 1921. צוליב פאַמיליע־סבות פאָרט ער צוריק קיין זשיטאָמיר און גרינדעט דאָרט אַ באַוועגלעך טעאַטער פון ליבהאָבער־קרייז, פון וועלכן ער ווערט קינסטלערישער אָנפירער ביז 1923, ווען ער ווערט פאַרבעטן קיין קיעוו אין דער טרופּע פון ליבערט און ראַקיטין. סוף 1923 געשפּילט אין כאַרקאָוו ביי דיר. דימאַרסקי. 1925 — אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע וואַנדער־קאָלעקטיוון איבער אוקראַאינע און גרויס־רוסלאַנד, 1927 — אין ניי־געגרינדעטן לענינגראַדער יידישן טעאַטער „לעט" אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון דעם רוסישן רעזשיסער סטראַיעוו און דעם טעאַטער־קריטיקער קוגעל, וואָס עקסיסטירט נאָר 8 חדשים ביז 1930 איז ער טעטיק אין פאַרשיידענע וואַנדער־קאָלעקטיוון, דערנאָך מיט אַ קאָלעקטיוו אין קרים און, צוליב פאַמיליע־סבות, פאַרבליבן אין מעליטאָפּאָל, וואו ער פירט אָן מיט אַ זעלבסטשטענדיקן קרייז.

1931 — איז ער דורכגעגאַנגען די איבערגרייטונגס־קורסן (אין קיעווער אינסטיטוט ליסענקאָ, יידישער פאַקולטעט) אַלס אָנפירער מיט זעלבסטשטענדיקע דראַמקרייזן.

1927 — האָט ער זיך באַטייליקט אין אַדעס אין פילם „בעניע קריק" (סצענאַריע — באַבעל, רעזשי — ווילנער).

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

נאַרפּלוס, יוסף

געבוירן 1894 אין וואַרשע, פּוילן. אין עלטער פון 12 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין די דראַמאַטישע קינדער־טרופּעס אין וואַרשע און 3 יאָר שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט וואַנדער־טרופּעס אַלס קאָמיקער.

אין 1914, בעתן פאַרבאָט אין וואַרשע צו שפּילן יידיש, האָט נ. זיך באַטייליקט אין די יידישע פאָרשטעלונגען אויף „פּויליש" אין די טאַנץ־זאַלן, ביז דידאַזיקע פאָרשטעלונגען זיינען אויך פאַרווערט געוואָרן.

נ. פאָרט דאַמאָלט קיין רוסלאַנד, וואו ער שפּילט ביז צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און נאָכדעם ווי ער ווערט מאָביליזירט אין דער 2־טער פראָנט־טרופּע, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט, קומט ער צוריק אין פּוילן און טרעט אַריין אין וואַרשעווער טעאַטער ווענוס און דערנאָך אין צענטראַל. 1920 — פאָרט נ. קיין אַרגענטינע, וואו ער פירט אויף „דער דבוק" און נאָך איינעקע פּיעסעס פון בעסערן רעפּערטואַר און העלפט אויך מיט גרינדן דעם דאָר־

טיקן יידישן אַרטיסטן-פֿאַראיין. נאָך אַ סכסוך, וועלכער פֿירט צו זיין אַרעסט, פֿאַרלאָזט נ. אַרגענטינע און קומט אין צפֿון-אַמעריקע, וואו ער פֿאָרט אַרום מיט נישט-יוניע-וואַנדער-טרופּעס איבער דער פּראָווינץ.

ש. ע.

פּ. קאַץ — די פּרעסע און דער יידישער טעאַטער, יובילעאום-אויסגאַבע „די פּרעסע", ב'א, ז. 7.

נוגער, יצחק

געבוירן 1886 אין זשיטאָמיר, אוקראַאינע, ביי פֿרומע עלטערן. שוין אַלס קינד אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו טעאַטער, זיך אויסצייכנענדיק נאָך אין שול אין די קינדער-פֿאָרשטעלונגען, דערנאָך זיך אויך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע דראַמאַטישע סעקציעס.

שפּעטער אַוועק קיין לאָנדאָן און אין 1908 — געוואָרן געשעפֿטס-לייטער פֿון דער ענגלישער דראַמאַטישער קאָמפּאַניע פֿון לאָורענס אירווינג.

1913 — זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, וואו ער פֿירט אָן דאָס אָלימפּיאַ-טעאַטער צוזאַמען מיט מאָריס מאָשקאָוויטש. שפּעטער געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון טעאַטער עקסעלסיאָר אין בוענאָס-איירעס. אין 1931 איבערגענומען דאָס נוּעוואַ-טעאַטער, איינלאַדנדיק יעקב בן-עמי און יעקב מעסטעל אַלס געסט און אין 1932 ווידער געוואָרן געשעפֿטס-פֿאַרוואַלטער פֿון עקסעלסיאָר.

ש. ע. און ש. ע. פֿון יעקב מעסטעל.

ט. ביילין — נאָטיצן און באַמערקונגען, „די פּרעסע", ב'א, 13 דעצ. 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי — שוין 25 יאָהר, אַז מען שפּילט אידיש טעאַטער אין אַרגענטינע, „דער טאָג", נ. י., 28 נאָוו. 1930.

נוימאַן, משה-שמואל

[געב. 1769 — געשט. 29 נאָוו 1831]

געבוירן 1769 אין דאָרף באַן, אונטער-נויטרויער קאָמיטאַט, עסטרייך-אונגאַרן, ביי זייער אָרימע, פֿרומע עלטערן. פֿאָטער — אַ חזן. פֿאַרבליבן אין דער פֿריסטער יוגנט אַ יתום, ווערט נ. צו 10 יאָר אַ לערן-יונגל ביי זיין פֿעטער, אַ שניידער, אָבער באַלד דערויף דריקט ער אויס פֿאַר זיין פֿעטער דעם ווילן צו פֿאָרן לערנען, כדי נאָכצוקומען דעם ווילן פֿון זיין פֿאָטער, „וואָס איז איז אים געקומען צו חלום".

אַלס 11 יאָריק יינגל אַוועק קיין באָסקאָוויץ (מעהרען) אין ישיבה פֿון הרב שמואל קאָלין, וואו ער לערנט תנ"ך און גמרא. עס ציט אים אָבער „אין דער וועלט" און ער פֿאָרט קיין פּראָג, וואו ער לערנט ביי ר' ברוך איטעלעס למודי-קודש און אויך וועלטלעכע שפּראַכן. ער איבערזעצט אין דייטש זיין רבינס בוך „מלת הגיון לרמבם", און נעמט אַליין שרייבן העברעאיש, דערונטער זיין פּיעסע „בת יפתח". 1799 — חתונה געהאַט און געפּרובט ווערן אַ קליינהענדלער אין שכנותדיקן שטעטל קיצע, אָבער צוליב פּרנסה-סיבות, איבערגעלאָזט דאָס ווייב און אַוועק קיין ווין, וואו ער ווערט הויז-לערער ביי יאָזעף הערצל. דאָ לערנט ער זיך אויס פֿראַנצעזיש און לאַטיין און דורך דער איניציאַטיוו פֿון העברעאישן בעל-מדקדק וואָלפֿזאָן גיט ער דאָ אַרויס (1805) זיין העברעאישע פּיעסע „בת יפתח מליצה נאה, מאת משה שמואל מ"ן [פֿאַרקערט די ראשי-תבות פֿון „ניימאַן"] מקיצע".

די פּיעסע איז איינגעטיילט אין 8 חלקים, אייגנטלעך 8 סצענעס, און שילדערט די באַקאַנטע שטעל פֿון תנ"ך, וואו עס ווערט דערציילט די געשיכטע וועגן יפֿתחס נדר.

אין 1835 איז די פּיעסע דערשינען [אַנאָנים] אין יידיש.

בת יפתח הגלעדי
יסופר באריכות על דרך ההוה.
איין פֿאַרכטיגע מעשה ארויש גינומן פֿון ספר
שופטים וויא יפתח הגלעדי דער שופט פֿין
(ישראל) האָט זיין איינציגע טאָכטר חנה פֿאַר
איין (קרבן מקריב) גוועזן ווייל ער האָט איין
(נדר) גיטאָן און האָט ווען זיין (נדר)
מקיים זיין, אויך דיא פֿרומקייט פֿון דער
בתולה חנה.

פֿון דער מעשה איז צו לערנין וויא איין
מענטש מוז זיך גוט פֿר היטן איידר ער לאָזט
רייד פֿין זיין מויל ארויש זוא וויא עש שטייט
גישריבן (שמור פתחי פיך), דאָש איז טייטש
זאָלשט היטן דיא טירן פֿין דיין מונד.

אין דער ערשטער אויסגאַבע פֿון דער פּיעסע (ווילנע, דרוק מאַנעס און זימעל, 18 פּאַגינירטע בלעטלעך 32°) איז אָנגעגעבן, אַז זי איז צענזורירט דעם 29 מערץ 1831. די פּיעסע איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1839, 1841, 1844, 1848, 1850, 1851, 1852, 1862 אין דער ווילנער דרוקעריי פֿון די ברידער ראָם.

די העלדן פֿון דער פּיעסע זיינען:

יפתח — יפתח פֿון גלעדי, דער שופט איבר ישראל.
חגלה — חגלה דיא פֿרויא פֿין יפתח.
חנה — דיא פֿרומע, חנה דיא טאָכטר פֿין יפתח.
חומץ — איין רויביר מען האָט אים גירופֿן חומץ.
פלטיה — איין גיזעלין פֿין חומץ
זקן ושרי גלעד — איין אַלטיר און דיא הארין פֿין גלעד
דיא משולחים
שמעיה השר — דער הויבט מאַן שמעיה
נערות גלעד — די יונגע בתולות פֿין דער שטאָט גלעד

די רשימה פֿון די העלדן גייט זיך אַביסל פֿונאַנדער פֿונם העברעאישן אָריגינאַל דאָרט הייסט יפֿתחס פֿרוי „פּנינה" (אין יידיש „חגלה"), חומצס פֿריינט „בער" (אין יידיש „פּלטיה"). אַ חוץ דעם „זקן", וועלכער איז דער „ראש המדברים" (הויפּט-רעדנער), זיינען נאָך פֿאַראַן „זקנים, שרים און יונגעלייט" (אין יידיש „דער זקן" און „די הערן פֿון גלעד"). אין העברעאיש איז פֿאַראַן „אַ שר צבא" (קאָמאַנדיר) — אין יידיש איז ער נישטאָ, נאָר אויף זיין אָרט זיינען פֿאַראַן „משולחים". אין העברעאיש הייסט דער שר „מניחה", אין יידיש „שמעיה". אין העברעאישן זיינען פֿאַראַן

„נעמה, דעם שר צבאס טאָכטער און דבורה, חנהס אַם“, אין יידישן זיינען זיי אינגאַנצן נישטאָ.

באַלד נאָך זיין אַרויסגעבן אין העברעאיש „בת יפתח“ האָט נ. צוריקגעקערט אַהיים, וואו ער האָט זיך דערנערט פון געבן לעקציעס און פון שריפטשטעלעריי.

1820 — שטאַרבט נ.׳ס פרוי, ער קערט צוריק קיין פרעסבורג, וואו ער האָט אַ יאָר שפּעטער חתונה צום צווייטן מאָל, אָבער צוליב דער שלעכטער באַהאַנדלונג צו אירע שטיף-קינדער, לאָזט נ. איבער זיין פרוי און פאָרט אָפּ קיין בודאַפּעסט, וואו ער בלייבט 9 יאָר, לעבנדיק טיילוויז פון לערעריי און טיילוויז פון שריפטשטעלעריי. 1930 — ווערט נ. קראַנק און נאָך אַן 11-חדשימדיקער קראַנקהייט שטאַרבט ער דעם 29 נאָוועמבער 1831 אין בודאַפּעסט.

נ. האָט פאַרפאַסט אַ סך העברעאיש-דייטשע לערנביכער פאַר שפּראַך, געאָגראַפיע, גראַמאַטיק, אַריטמעטיק, בריוו-שטעלער, וועלכע זיינען זינט 1808 דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס. אויסער זיין פּיעסע „בת יפתח“ האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער „שירי מוסר“ און אַ באַנד דערציילונגען „הישר והברית“. אויסערדעם זיינען פאַרבליבן פון אים אייניקע זאַכן אין כתב-יד.

לויט זלמן רייזען איז די פאָרם פון יידישן טעקסט „גיכער אַ ערציילערישע ווי אַ דראַמאַטישע, הגם עס איז אויך טיילוויז אויפגעהיט דער דיאַלאָג. דער מוסטער איז די ענלעכע יידישע באַאַרבעטונגען פון „גדולת יוסף“ און מלכות שאול“. די שפּראַך שוין אין איבערגאַנג צום מאָדערנעם יידיש, אָבער מיט גענוג אַרכעאישע עלעמענטן אויך“.

ש. ע. פון זלמן רייזען.

Ignaz Reich — „Beth-El“ [Budapest 1867], pp. 456-460.
Wiliam Zeitlin — „קרית ספרי“, Leipzig, 1891-95, pp. 252-53.

נוסבוים, אברהם

לויט ל. מאָרגענשטערן האָט נ. אין 1876 געהאַלטן אין וואַרשע דעס „האָטעל ווילענסקי“.

אין 1887 איז דערשינען זיין „צווייא קערפּער מיט איין זעלע, אָדער, דער פרוממער אפיקורס, טהעאַטער שפּיעל קאָמעדיא אין פינף אַקטען (10 אָבראַזען), פערפאַסט פון אברהם נוסבוים אין וואַרשא. הערויסגעבער פון פערשיעדענע אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואַרשע תרמ׳ח“ [1887, 44 ז. 16°].

אינווייניק איז נאָך אָנגעגעבן „צענזורירט אין קיעוו דעם 27 פעווראַל 1885“. אויף דער ערשטער זייט איז אָנגעגעבן: „צווייא קערפּער מיט איין זעלע, אַ היסטאָרישער ראָמאַן. היער ווירד פאָר געשטעלט וויא פאַנאַטישע עלטערן האָבין גיוואָלט זייערע איינציגע טאָכטער פערשלייערן פאַר אַ קלויזניק (ישיבה בחור) אונ האָבין דאס ניט אויס געפיהרט, דען דיא טאָכטער האָט זיך געליעבט מיט אַ געבילדעטען אַריסטאָקראַט, אונ זיא איז גיצווינגען גיוועזן ציא אַנטלויפען מיט איהר געליעבטען נאָך אָדעססאַ, מיט דער צייט זענען איהרע עלטערן פאַר אָרעמט געוואָרען אונ די קינדער האָבען ערוואָרבען אַ גרויס פערמעגען, אונ דיא עלטערן זענען געקוממען צוא זייא אויף שטיצע.

דער פאַרפאַסער.“

מ. ע. פון ל. מאָרגענשטערן.

נוסינאָוו, יצחק

געבוירן 14 יולי 1889 אין טשערניכאָוו, וואָלין. פאָטער — געהאַלטן אין אַרענדע אַ גלאָז-און פאָרצעליי-פאַבריק. פון 4 יאָר אָן איז נ. דערצויגן געוואָרן אין אַ דאָרף דורך אייגנס איינגעלאָדענע לערער. צו 12 יאָר אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין טשערניכאָוו, וואו ער האָט ווייטער זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. זינט 1906 — געווען טעטיק אין „בונד“, זיך אָפּגעגעבן מיט אָרגאַניזירן אומלעגאַלע יידישע אָוונט-שולן און ביבליאָטעקן אין די שטעטלעך פון וואָלינער געגנט.

1910 — געענדיקט אַלס עקסטערן גימנאַזיע אין וואַרשע, אָנהייב 1914 — אַוועק קיין אויסלאַנד, געלעבט אין שווייץ און איטאַליע, וואו ער גיט זיך אָפּ מיטן שטודיום פון יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, געשיכטע פון קונסט און פילאָסאָפיע.

נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע צוריקגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער איז סוף 1919 אַריין אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און איז היינט צו טאָג איינער פון די באַדייטנסטע יידיש-סאָוויעטישע ליטעראַטור-פאָרשער.

אין „טעאַטער-בוך“ (קיעוו, 1927) האָט נ. פאַרעפנטלעכט זיין זאַמל-אַרבעט „די ערשטע באַגעגענישן פון דער אידישער פרעסע מיטן טעאַטער“, אין „צייטשריפט“ II-III (מינסק, 1928, זז. 82-425) האָט נ. פאַרעפנטלעכט זיין פאָרשונגס-אַרבעט וועגן מענדעלען א׳נ „פון בוך צו בוך“, באַהאַנדלענדיק אויך מענדעלעס פּיעסעס.

דעם 12 מערץ 1932 איז אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „ספעץ, פּיעסע אין 3 אַקטן פון י. דאָברושין און י. נוסינאָוו, קאָמפּאָזיציע פון ספעקטאַקל — ס. מיכאָעלס, דעקאָראַציעס — א. סטעפּאַנאָוו, מוזיק — ל. פולווער“.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, ז. 537-39.

נחמה

[ליפשיץ-קאַדיש]

געבוירן 1892 אין כאַטיעוויטש, מאָהילעווער גוב., אוקראַאינע. דערצויגן געוואָרן אין באָברויסק. דורך די עלטערן, „ליבהאָבער“ פון יידישן טעאַטער, האָט נ. געהאַט די געלעגנהייט אַריינגענומען צו ווערן אין כאָר פון געגנפערס טרופּע, מיט וועלכער זי פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד און ליטע. שפּעטער האָט נ. דעביוטירט אַלס „מירעלע“ אין „די כשוף-מאַכערין“ און געשפּילט אַנדערע קלענערע ראָלן, אָבער גלייכצייטיק ווייטער געזונגען אין כאָר. ערשט ווען נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר ק. קאַדיש גייט זי איבער אין ליפּאָווסקיס ווילנער פאָלקס-טעאַטער, באַקומט זי גרעסערע ראָלן און מאַכט דערנאָך אַ טורנע איבער קאָוונע, קעניגסבערג, מעמעל, בערלין, ווילנע (צוזאַמען מיט איר מאַן און זיין ברודער יוסף כאַש), שפּעטער אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער (דיר. — לאַזאַר קאַהאַן), וואו זי טרעט אויף צום

ערשטן מאָל אין דער טיטל־ראָל אין דער יידישער איבערזעצונג פון קאַלמאַנס „באַיאַדעראַ“ און אין אַנדערע שטעט פון פוילן. 1926 — גאַסטראָלירט נ. אין רומעניע, בעסאַראַביע, טראַנסילוואַניע און צוריק אין פוילן, וואו זי גרינדעט מיט איר מאַן און שוואָגער אַן אָפּערעטעס־טרופּע א׳נ „די ווילנער אָפּערעטעס־טרופּע“, מיט וועלכער זיי פאָרן אַרום איבער פוילן. 1928 — האָט נ. געשפּילט אין קראָקע, דערנאָך איבער פוילן, 1930 — גאַסטראָלירט מיט דער טרופּע אין קאָוונע און פון דאָרט אין ריגער יידישן מעוטים־טעאַטער, 1932 — אין קראָקע, אויפטרעטנדיק אין דער אָפּערעטע „די פּערסישע כלה“.

אַמפּלואַ — פּרימאַדאָנע.

ש. ע. פון ק. קאַדיש און יוסף כאַש.

א. שוואַרצער [י. ניסענבוים] — צום אָפּפאָר פון דער ווילנער אָפּערעטען־טרופּע, „לובלינער טאָגבלאַט“, 29 יולי 1928.

ניגער, שמואל

[טשאַרני]

געבוירן 22 יולי 1883 אין דוקאָר, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ לעדער־קרעמער. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר און בערעזינער ישיבה, דערנאָך געשטאַנען אונטער דער השפעה פון חבדישן חסידות. אַרום 1896 אָפּגעפאָרן קיין מינסק, וואו ער האָט ביז 17 יאָר געלערנט אין דער ישיבה פון דער „טאָטערשער קלויז“ און אויך פאַר זיך, אַ זמן פאַרבראַכט ביי די „מוסרניקעס“, געווען אַ שטאַרקער מתמיד, געהאַלטן ביי סמיכה אויף רבנות, אָבער שוין אַלס ישיבה־בחור זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג, געוואָרן אַן עקסטערן, שפּעטער אַן אַקטיווער פּ׳צ א׳פּ „אברהמל“, געהערנדיק צו דער לינקער מינדערהייט פון דער גרופּע (די שפּעטערדיקע ס׳ס), 1904 — געוואָרן איינער פון די ס׳ס־פירער און צוליב סאָציאַליסטישער טעטיקייט געווען מערערע מאָל אַרעסטירט.

נ.׳ס ערשטע ליטעראַרישע פּרובן זיינען געווען אין העברעאיש און רוסיש. ערשט אין 1906-07 האָט ער אָנגעהויבן זיין רעגלמעסיקע ליטעראַרישע אַרבעט אין יידיש. דעביוטירט אויפן געביט פון ליטעראַרישער קריטיק אין 1907 און בהדרגה פאַרנומען אַן אָרט ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור.

זינט 1917 האָט נ. זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

נישט אַרויסווייזנדיק קיין באַזונדערן אינטערעס צום יידישן טעאַטער, האַלט אָבער נ. פון צייט צו צייט פאָרלעזונגען וועגן יידישן טעאַטער, שרייבט אַמאָל רעצענזיעס וועגן אויפפירונגען און פאַרעפנטלעכט זייער אָפט קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די דראַמאַטישע ווערק פון די יידישע שרייבער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 539-551.

ניי, מאָזעס

געבוירן 7 אַפּריל 1891 אין באַליטק, קורלאַנד. פאָטער — אַ מלמד. געענדיקט אַ מיטלשול, געזונגען ביי אַ חזן און פון קינדוויז אָן געהאַט אַ נייגונג צו דער בינע. 1918 — איז נ. אַריינגעטראָטן אין דער מאָסקווער יידישער טעאַטער־סטודיע, וועלכע האָט זיך אין 1920 פאַראייניקט מיט גראַנאָווסקיס סטודיע און שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער“, אין וועלכן ער שפּילט ביז היינט און מיט וועלכן ער האָט אויך מיטגעמאַכט דעם אייראָפּעאישן טורנע.

ש. ע. דורך בנימין זוסקין.

ניידהויז, וואָלף

געבוירן 20 יאַנואַר 1891 אין איזשביץ, קאַלישער גוב., פוילן. פאָטער — אַ פּוטער־סוחר. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבה און פּריוואַט וועלטלעכע למודים. נאָכן אַריבערטראָגן זיך אין לאָדזש, געוואָרן אַ טעאַטער־„פּאַטריאָט“, באַדינט די אַקטיאָרן און סופלירט הינטער די קוליסן, שפּעטער סופלירט „ליבהאָבער“ און זינט 1910 געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער סופלער אין די טרופּעס פון טיטעלמאַן, קאַמינסקי, יוליוס אַדלער־הערמאַן סיעראָצקי, זאַנדבערג־וואַקסמאַן, קאָמפּ ניעניץ, קופערמאַן, פּראָווינץ־טרופּעס און חברים־טרופּע אין לאָדזש.

נ. איז געווען גרינדער און סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער אָפּטיילונג פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן און זינט 1924 מיטגליד אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פּראָפ. יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן.

נ. האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע פּראָטאָקאָל־באַריכטן פון די יידישע אַרטיסטן־צוזאַמענפאָרן און אייניקע נעקראָלאָגן איבער יידישע אַקטיאָרן.

דעם 16 אַפּריל 1930 איז אין לאָדזשער פילהאַרמאָניע־זאַל געפייערט געוואָרן נ.׳ס 20־יאָריקער טעטיקייט־יובילײ.

ש. ע.

יצחק נאָזשיק — דער „קאַליע־מאַכער“..., „נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש, 30 מערץ 1930.

זשאַן — דער אַנאָנים פון לאָדזער אידישען טעאַטער, „לאָדזטגבל׳ט“, 4 אַפּריל 1930.

ב. — „חבר וואָלף“, „נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש, 4 אַפּריל 1930.

חיים לייב פוקס — מיין באַגריסונג, „לאָדזשער וועקער“, 11 אַפּריל 1930.

זלמן זילבערצווייג — כבוד פאַר׳ן „אומבאַקאַנטען זעלנער“ פון יודישען טעאַטער, „לאָדזטגבל׳ט“, 11 אַפּריל 1930.

דאָראַ ווייסמאַן און אַנשעל שור — דער „עלעקטרישער גולם" ביים יודישען טעאַטער, „נייער פאָלקסבלאַט", לאָדז, 15 אַפּריל 1930
P 20 יאָר אין סופלאָר-ביידל, „פּויליטער מצנטנכנער", לאָדזש, אַפּריל 1930.

ניימאַן, אברהם

[באַראַקאַן]

געבוירן 28 מערץ 1865 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. עלטערן תבואה-סוחרים. געלערנט אין חדר, בית־המדרש און אין וואָלאָזשינער ישיבה. געזונגען ביים חזן משה באַס אייניקע יאָר, פריער אַלס אַלט, דערנאָך אַלס באַס.

אין עלטער פון 19 יאָר אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסט איז אַ דייטשער טרופּע און שפּעטער אַלס כאָריסט אין די יידישע טרופּעס פון ווײנשטאָק, וויינשטיין אין לאָדזש און פּראָווינץ.

דערנאָך געקומען אין וואַרשע און אין דער טרופּע גאָלדפאַדען-טאַנצמאַן געשפּילט עפּיזאָדן-און גרעסערע ראָלן און שפּעטער מיט זײַער טרופּע אַרומגעפאָרן איבער ליטע, ווייסרוסלאַנד, גאַליציע און צוריק אין וואַרשע.

1889 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ געשפּילט ביז 1892. דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ, וואו ער שפּילט יידיש טעאַטער $1^1/_2$ יאָר, גיט זיך אָפּ דערנאָך מיט הינער־צוכט אין פּאָרטלאַנד און ווערט אַנגאַזשירט צו גליקמאַנען אין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט ווידער יידיש טעאַטער.

1896 — געוואָרן חזן אין דער קאָנגרייגשאָן „בני אמונה" אין סט. לואיס און 5 יאָר שפּעטער דאָרט געוואָרן שמש אין טעמפּל „איזראַעל".

ווי דיינע פיינמאַן גיט איבער, האָט נ. אויף דער בינע, טראָץ זיין גרויסער שטימע און שיינער פיגור, נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

מ. ע.

מ. ע. פון דיינע פיינמאַן.

ניימאַן, אהרן

געבוירן 1876 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. אַלס קינד געפאָרן קיין בראַאילע (רומעניע) און באַזוכט די דאָרטיקע שול.

אין עלטער פון 18 יאָר אָנגעהויבן שפּילן אין לעמבערג (גאַליציע) מיט די אַקטיאָרן לייזער צוקערמאַן, סעגאַלעסקאָ, טרייטלער, צעזאַר גרינבערג, שאָר, סאַמואילאָף, דעביוטירנדיק אַלס „באַרוך" אין גאָלדפאַדענס „רבי יאָזעלמאַן".

1901 — געקומען אין אַרגענטינע און דאָרט געשפּילט יידיש טעאַטער.

ב. גאָרין שרייבט וועגן דעם: „ביים סוף נײַנציקער יאָרן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין בוענאָס איירעס אַ פּאָר אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדענס חדר. איינער פון זיי איז געוועזן יחיאל [אברהם] בלאַנק, קאָמיקער, און דער צווייטער אברהם [אהרן] ניימאַן, ליבהאָבער און זינגער. זיי האָבן צוזאַמענגענומען דילעטאַנטן און אָנגעהויבן צו שפּילן אין זאַלן. עטלעכע מיטגלידער פון דער קאָמפּאַניע זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אויפן חשבון פון געפאַלענע פרויען און געפירט מיט זיי אַ מסחר. די קאָלאָניע פון די געפאַלענע פרויען און פון די ווייסע שקלאַפנהענדלער איז געוואַקסן ווי אויף הייוון און איז געוואָרן גרויס גענוג און רייך גענוג צו שטיצן אַ טעאַטער".

אין 1913 מוז נ. — לויט ב. גאָרין — אויפגעבן דאָס טעאַטער צוליב די אַטאַקעס פון דער פּרעסע קעגן אים און מאָריס מאָשקאָוויטש נעמט איבער דאָס טעאַטער.

אין 1917 איז נ. ווידער געווען דירעקטאָר פון אָלימפּיאַ-טעאַטער אין בוענאָס-איירעס.

ש. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 198-200.

ניימאַן, יחזקאל-משה

געבוירן 1893 אין זשיכלין, וואַרשעווער געגנט, פּוילן. פאָטער — אַ האָרעפּאַשניק, מוטער — שטאַמט אָפּ פון מצבה־קריצערס, שניצערס, שול־בויערס. ווען נ. איז איין יאָר אַלט, טראָגן זיך איבער זיינע עלטערן קיין לאָדזש, וואו זיי האַלטן אַ שענק. און כדי אים ווייט צו האַלטן פון דער שענק־סביבה, שיקט מען אים לערנען צו אַ פעטער, אַ רבי אין אַ ישיבה אין אָזאָרקאָוו, וואו נ. שמט דערנאָך אַלס „דאָס לאָדזער פייגעלע" (דערפון זיין שפּעטערדיקער פּסעוודאָנים „א פויגל").

צו 10 יאָר אַנטלאָפן פון דער ישיבה, געהאַנדלט צוזאַמען מיט אייניקע דייטשע ייִנגלעך מיט קוואַס און פאַרן פאַרדינטן געלט אָנגעקומען אין לאָדזשער פּראָגימנאַזיע פון יצחק קאַצענעלסאָן.

1909 — אַריין אין אַ טעכנישער שול, 3 יאָר געאַרבעט אַלס מעכאַניק, זיך אויסגעצייכנט אין שול אַלס צייכנער און, צוזאַמען מיט זיין שול־חבר (דער שפּעטערדיקער מאָלער) מאַרעק שוואַרץ, אויסגעאַרבעט דעם אייזערנעם טויער פאַר דער ווילקער שול אין לאָדזש הגם געהערט די גאַנצע צייט צו די בעסטע תלמידים, ווערט ער אָבער אויפן עקזאַמען דורכגעוואָרפן פאַר פאַרעפנטלעכן אין אַ שילער־זשורנאַל קופּלעטן און סאַטירישע קאַריקאַטורן אויף אַ לערער.

נאָך אַלס שילער אָנגעהויבן שרייבן אויך אין דער פּרעסע, האָט ער אין מלחמה־צייט פאַרפאַסט פּאָליטישע מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען „פאָרגעשטעלט" געוואָרן דורכן אַקטיאָר הערשל יעדוואַב א. א. און שפּעטער אַרויסגעגעבן אין לאָדזש „העפטען פאַר ליטעראַטור און קונסט", דערנאָך אַריין אַלס רעדאַקציע־מיטגליד אין דער לאָדזשער יידישער פּרעסע, 1919 - אַריבער קיין וואַרשע אַלס מיטאַרבעטער פון ציוניסטישן וואָכנבלאַט „דאָס יודישע פאָלק" און פון דאָרט אין „היינט", וואו ער פאַרעפנטלעכט אָפּט פעליעטאָניס

טישע עסייס איבער פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעך-סאָציאַלע ענינים, אַרויסווייזנדיק אָבער אַ ספּעציעלן אינטערעס צום יידישן טעאַטער און צו דער יידישער קונסט בכלל אין זיינע אָפטע רעצענזיעס, אַרטיקלען און פאָרלעזונגען.

נ.׳ס ערשט דראַמאַטיש ווערק איז זיין מיסטעריע „קדמון", פון וועלכן ער האָט פראַגמענטן פאַרעפנטלעכט אין „יונג אידיש" (זייענדיק אַ מיטגרינדער פון די זמ׳ה), „רינגען" און „ליטעראַרישע בלעטער".

נ. איז געווען אַ מיטגרינדער (צוזאַמען מיט משה בראָדערזאָן, יצחק ברוינער און הענעך קאָן) פון ערשטן יידישן מאַריאָנעטן־טעאַטער „חד גדיא" אין לאָדזש, האָט געשריבן דעם פּראָלאָג און עפּילאָג צו דער אויפפירונג פון מענדעלעס „דער פריזיוו" (25 דעצ. 1923) אין וואַרשע און האָט, צוזאַמען מיט שלום אַש, פאַרפאַסט אַ פילם פון יידיש-פוילישן לעבן אויפן גרונט פון שלום אַשס ווערק.

אין 1923 איז אין וואַרשע דערשינען נ.׳ס „שבת-אויבס, פאָלקס-שטיק אין דריי אַקטען" (163 ז. 16°) מיט אַ רעפּראָדוקציע פון אַ באַרעליעף פון מאַרעק שוואַרץ.

אין „ליטבל׳ט" (נ׳ 137, 1926) האָט נ. פאַרעפנטלעכט זיין „אַקאַדעמיש הויז, אַקטועלער בורלעסק אין 8 בילדער".

ער האָט אויך געשריבן אַ קאָמעדיע „דער מיליאָנער" און אַ פּיעסע „פּעני וואַדיאַ", געבויט אויפן לעבן פון דער יידישער אַקטריסע פּעני-וואַדיאַ עפּשטיין.

נ. האָט איבערזעצט פון פויליש שאַניאַווסקיס קאָמעדיע „דער פאַפירענער געליבטער".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז 561-564.

דר. י. שיפּער — דראַמאַטישע ווערק, „ביכער-וועלט", וואַרשע, 5, 1923.

SZE — טעאַטער-נאָטיצן, „אונזער פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 28 דעצ. 1923.

איינער [א. איינהאָרן] - טעאַטראַלע נאָטיצען, „בייער היינט", וואַרשע, 28 דעצ. 1923.

ב קאַרליניוס — טעאַטער-פעליעטאָן, „דער מאָמענט", וואַרשע, 4 יאַנ. 1924.

יואל מאַסטבוים — שבת-אויבס, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 28, 1924.

י. מ. ניימאַן — דער יידישער שרייבער צו זיין לייענער, „ליטבל׳ט", וואַרשע, 5, 1931.

ניימאַן, יצחק

[געב. 1869 — געשט. 28 יולי 1931]

געבוירן 1869 אין קעניגסבערג, פּרייסן. אַלס קינד פון 9 יאָר אַריבערגעקומען מיט זיינע עלטערן אין ארץ-ישראל, וואו ער האָט זיך דערצויגן אין אַ ישיבה און דערנאָך געוואָרן אַ מעכאַניק.

אין עלטער פון 30 יאָר געקומען אין עגיפּטען, וואו ער איז געווען אַקטיוו אין אייניקע יידישע אָרגאַניזאַציעס און מערערע מאָל געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין עגיפּטען.

אין זיין פרייער צייט פלעגט נ. זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער אַרבעט און האָט געשריבן אין העברעאיש און יידיש פּיעסעס און בעלעטריסטישע ווערק אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

אין 1904 איז אין קאַיראָ אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג נ.׳ס פּיעסע אין יידיש „די ירושה".

נ. האָט אָפט עקספּערימענטירט מיט פאַרשיידענע דערפינדונגען אין דער מעכאַניק און אויך זיך אָפּגעגעבן מיט מאָלעריי.

נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט איז ער דעם 28 יולי 1931 געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל אין קאַיראָ.

נעקראָלאָג אין „דואר היום", ירושלים, 4 אויג. 1931.

ניימאַנאָוויץ, נפתלי-הערץ

[געב. 12 פעבר. 1843 — געשט. 1898]

געבוירן 12 פעברואַר 1843 אין יוזעפאָוו, לובלינער געגנט, פּוילן. דערצויגן געוואָרן אין זאַוויכאָסט, ראַדאָמער גוב., אונטער דער השגחה פון זיין זיידען, אַ זאַמאָשטשער משכיל. געלערנט גמרא, העברעאיש און אייראָפּעאישע שפּראַכן, גרייטנדיק זיך אַנצוקומען אין ברעסלויער ראַבינער-סעמינאַר. צו 18 יאָר זיך באַזעצט אין לובלין, וואו ער איז אַ געוויסע צייט פאַרוואַלטער פון אַ האַנדלס-הויז, באַטייליקנדיק זיך גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע אַרטיקעל פוילישע צייטונגען און אין דער וואַרשעווער "Izraelita".

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש אָנגעהויבן אין 1867 אין דער „וואַרשעווער יודישע צייטונג" און שפּעטער באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן דורך זיינע וועכנטלעכע פעליעטאָנען א׳פ „הנץ" אין „הצפירה" און אויך דורך זיינע פאַרשיידענע מעטאָדעס א׳נ „דער הויז-לעהרער".

צווישן זיינע בעלעטריסטישע ווערק אין יידיש איז פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך „דיאַ צוויי הערשעלס" (וואַרשא, 1898) זיין צוויי-אַקטיקע פּיעסע „דיאביידע הערשעלס אָדער קיין געניטע זאַכען".

אין 1898 איז נ. געשטאָרבן אין וואַרשע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 565-66.

ניימאַרק, דוד

[געב. 1866 — געשט. 20 דעצ. 1924]

געבוירן 1866 אין שטשעזשעץ, ביי לעמבערג, מזרח-גאַליציע, אין אַן אָרימער פאַמיליע. דערצויגן אונטער דער השפּעה פון דער מוטער-אלמנה, אַ קענערין פון העברעאיש, וועלכע האָט מפרנס געווען אירע קינדער פון אַרומטראָגן איבער די הייזער עופות, פלייש א. ד. ג.

פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, האָט ער צו 6 יאָר שוין געלערנט גמרא און צו 8 יאָר געלערנט פאַר זיך אין קלויז. שפּעטער באַהאַלטענערהייט אָנגעהויבן לערנען דייטש און אַנטלאָפן שטודירן קיין לעמבערג, וואו ער דערנערט זיך פון העברעאישע לעקציעס. נאָכן אויסהאַלטן עקזאַמען אין 8-טן קלאַס גימנאַזיע, אַוועק קיין בערלין, דאָרט שטודירט אין „לערנאַנשטאַלט פאַר דער וויסנשאַפט פון יודנטום" און אין אוניווערזיטעט, וועלכן ער ענדיקט אַלס דר. פילאָסאָפיע און אויפגענומען געוואָרן אַלס ראַבינער אין ראקאָניץ (בעמען). זיך באַטייליקט אין ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, און נאָך אַ פּערזענלעכן

סכסוך מיט דר. הערצל, זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן אָנטייל אין דער באַוועגונג.

1908 - איינגעלאַדן אַלס פּראָפעסאָר פון יידישער פילאָסאָפיע אין דער „היברו יוניאָן קאַלעדזש" אין סינסינעטי, וואו ער איז פאַרבליבן ביז זיינע לעצטע טעג.

נ. האָט אַרויסגעגעבן אייניקע פילאָסאָפישע ווערק אין העברעיש, דייטש און ענגליש.

אין דער יוגנט האָט נ. געשריבן אַרטיקלען אין די יידישע אויסגאַבעס פון גאַליציע און געהערט צו אַ קרייז (אַדאָלף שטאַנד, שלמה שילער, יהושע טהאָן, מרדכי ערענפּרייז, שמואל גוטמאַן, אברהם קאָרקיס, מ. בערקאָוויטש, י. ל. לאַנדוי א. א.), וואָס האָט געהאַט פאַר איינע פון זיינע אויפגאַבעס צו רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער. גוטמאַן [דער איצטיקער קרייז-ראַבינער אין לעמבערג] האָט דאַמאָלס אָנגעשריבן אַ דראַמע „אַלעקסאַנדער פעראַרא" און נ. - אַ דראַמע „רות". אָבער אברהם גאָלדפאַדען (וועלכער האָט דאַמאָלס געשפּילט אין לעמבערג), צו וועלכן די גרופּע האָט זיך געווענדעט, זאָל זיך האָבן אָפּגעזאָגט דידאָזיקע דראַמע אויפצופירן. ווייל אין יידישן טעאַטער האָבן דאַמאָלט געהאַט דערפאָלג בלויז אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס.

דעם 20 דעצעמבער 1924 איז נ. געשטאָרבן אין סינסינעטי.

ז. רייזען - „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 566-68.

ניסענבוים, יעקב

געבוירן 1894 אין קאָנסקאָוואָליע, לובלינער געגנט, פּוילן, ביי אָרימע חסידישע עלטערן. געלערנט ביים פאָטער און שפּעטער אין בית-המדרש. צוליב זיין פאָטערס חתונה מיט אַ צווייטער פרוי זיך זייער יונג געלאָזט קיין וואַרשע, וואו ער ווערט אַ שיק-יינגל אין אַ טיטון-סקלאַד, און צוליב זיין שנעלער תפיסה אַרבעט ער זיך אַרויף צו אַן אָנגעזעענעם סוחר. דאָ וואַרפט ער זיך צו זעלבסטבילדונג, אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיטן יידישן טעאַטער - באַזונדערס מיט דעם נאָר וואָס געגרינדעטן „אַרטיסטישע חבֿרה-קעלע".

ביים אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה, אַראָפּ פון זיין מאַטעריעלן מעמד און זיך באַזעצט אין שטעטל קוראָוו, וואו ער ווידמעט זיך דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און צוזאַמען מיט נאָך אייניקע אינטעליגענטע יונגעלייט גרינדעט ער דאָ אַ יידישן קולטור-פאַראיין, אַ פאָלקס-אוניווערזיטעט, גיט אַרויס אַ זשורנאַל, שאַפט אַ גרויסע ביבליאָטעק און גרינדעט אַ דראַמאַטישן קרייז, אין וועלכן ער איז אַקטיוו אַלס דירעקטאָר, רעזשיסער און טעכנישער לייטער. דאָ טרעט ער אויך אַרויס אַלס לעקטאָר וועגן יידישע טעאַטער-פּראָבלעמעס. די קולטור-טעטיקייט אין קוראָוו האָט אויך אַ השפעה אויף די אַרומיקע שטעטלעך.

געקומען 2 יאָר שפּעטער אין לובלין, האָט נ. דאָ זיך געפּרובט ביי פאַרשיידענע פּרנסות, ביז ער דעביוטירט מיט אַ רעפּאָרטאַזש

אין „לובלינער טאָגבלאַט", דערנאָך האָט ער דאָרט געשריבן פון צייט צו צייט. איז שפּעטער אַריינגעטראָטן אין רעדאַקציע און, נאָך סטופּניצקיס אָפּפאָר, איבערגענומען די אָנפירונג פון דער רעדאַקציע.

אויסער זיין אַקטיווער מיטאַרבעט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און קונסט-אינסטיטוציעס אין לובלין, ווייזט נ. אַרויס אַן אינטענסיווע אויפמערקזאַמקייט צום יידישן טעאַטער וועגן וועלכן ער שרייבט אָפט א״פ „אַ שוואַרצער" אַרטיקלען און רעצענזיעס אין „לובלינער טאָגבלאַט". נ.׳ס שטוב אין לובלין איז אויך די אָפטע היים פון יידישע קינסטלער.

נ.׳ס פ״וי. בעלאַ שפּיראָ, פאַרעפנטלעכט אויך פון צייט צו צייט רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

ש. ע. פון שלמה שיינבערג.

ניסענצווייג, חיים

געבוירן 25 פעברואַר 1895 אין סטאַשעוו, ראַדאָמער גוב., פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. אַלס קינד פון אַ יאָר זיך באַזעצט מיט דער פאַמיליע אין לאָדזש. אָנגעהויבן 1910 אַלס „ליבהאָבער" אין פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן, דערונטער אין זלמן זילבערצווייגס גרופּע.

1916 - אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין לאָדזשער טאַליאַ-טעאַטער א׳ד פון מ. ד. וואַקסמאַן, דערנאָך אין פאַרשיידענע פּראָווינץ-טרופּעס 1922 - אין לאָדזש און פּראָווינץ מיט שושנה און טאַרלאָ, בעת דער דעוואַלואַציע אין פּוילן איבערגעריסן דאָס שפּילן און זיך פאַרנומען מיט מסחר.

1926 - געשפּילט אין קראָקעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער א׳ל פון יאָנאַס טורקאָוו, 1927 - אַריינגעטראָטן אין וויק׳ט און געשפּילט אין דער טרופּע ביז 1930 איבער פּוילן און רומעניע

זינט יאַנואַר 1931 ביז (דער אַזוי-גערופענער) מאַי (-רעוואָלוציע אין אַרטיסטן-פאַראיין) 1932 געווען סעקרעטאַר פון יידישן אַרטיסטן-פאַראיין אין פּוילן.

19 יולי 1931-פעברואַר 1933 - אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון קאַמינסקי-טעאַטער אין וואַרשע, דערנאָך אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון לאָדזשער „אררט".

נ. האָט אויך איבערזעצט פון דייטש היינריך צימערמאַנס „די פרילינגס-נאַכט, פּיעסע אין 3 אַקטן", וואָס איז אין 1922 געשפּילט געוואָרן דורך שושנה און טאַרלאָ אין פּוילן, און פון פּויליש פרעדראָס 3-אַקטיקע קאָמעדיע „מאַן און ווייב", ווי אויך דראַמאַטיזירט אייניקע דערציילונגען פון דזשעק לאָנדאָן, פון וועלכע די איינאַקטערס „דער גנב" און „מיק" זיינען געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער".

ש. ע.

נירענבערג, אשר־לייב

[געב. 1890 – געשט. 21 נאָוו. 1928]

געבוירן 1890 אין רוזשאַני, גראָדנער קרייז, פוילן. אין עלטער פון 3 יאָר איז אים אָפּגעשטאָרבן די מוטער און נ. האָט זיך אויסגעצויגן ביי זיין באָבען. שפּעטער האָט נ. זיך אַריבערגעטראָגן קיין לאָדזש, וואו ער האָט געענדיקט יאַראָנטשינסקיס שול. 1905 – איז ער געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ וייד־געשעפט. דערנאָך זיך געלערנט אַלס עלעקטראָ־טעכניקער און שפּעטער אַלס זאָקן־אַרבעטער. אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, שפּילט דאָרט נ. אין קעלן יידיש מיט אַ ליבהאָבער־גרופּע („שמעון" אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש") און דערנאָך אין לאָדזש שוין אַלס פּראָפעסיאָנאַל, אין די וואָדעוויל־הייזער, פאַר וועלכע ער שרייבט אויך אַליין „וואָדעווילן".

1912 – האָט נ. געשפּילט „פּאַסטאָר מאַנדערס" אין ה. יעדוואַבס אויפפירונג פון איבסענס „גייסטער" און באַלד דערויף אַריינגעטראָטן אין סקאַלאַ־טעאַטער (דיר. – אַדלער־סיעראָצקי), וואו ער האָט געשפּילט איניקע יאָר. שפּעטער האָט נ. גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון חברים־טרופּעס און געשפּילט אין דער פּוילישער פּראָווינץ, אויך אין דער חברים־טרופּע אין לאָדזשער פילהאַרמאָניע.

די לעצטע יאָרן האָט נ. געליטן פון אַ האַרץ־קראַנקהייט און מער געווען אין שפּיטאָל ווי אויף דער בינע.

נ. האָט געהערט צו די אינטעליגענטערע יידישע שוישפּילער און האָט געשטרעבט צו אַ בעסערער יידישער בינע. צו זיינע ערן־אָוונטן פלעגט ער תמיד אויפפירן אַ בעסערע פּיעסע.

ער איז געווען פאָרשטייער אין פאַרשיידענע טרופּע־ראַטן און איניקע מאָל געווען אויסגעקליבן אין דער לאָדזשער פאַרוואַלטונג פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פּוילן.

באַקומענדיק אַ פּאַראַליז, איז נ. דעם 21 נאָוועמבער 1928 געשטאָרבן אין לאָדזש.

נ.'ס פרוי, רחל (באָמבע), האָט אַ קורצע צייט געשפּילט אויף דער יידישער בינע און איז אין אָנהייב 1928 געשטאָרבן אין לאָדז.

י. ראַקאָוו – וו. נייהויז – אשר לייב נירענבערג, „אילוסטרירטע וואָך", וואַרשע, 25, 1928.

נעבאַמקאָם, מישע

געבוירן 14 יוני 1865 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער – אַ שניידער. געלערנט אין אַ חדר. אויף דער איניציאַטיוו פון ספּיוואַקאָווסקין אַריינגעטראָטן אין תלמוד־תורה, וואו ער באַקומט אויך עסן און הלבשה און נאָכן ענדיקן די תלמוד־תורה, אָנגעהויבן לערנען מיט קינדער. שפּעטער געענדיקט אַ רעגירונגס־שול און אויפן חשבון פון דער רעגירונג געלערנט 6 קלאַסן גימנאַזיע. באַזוכנדיק די ווייַן־שענקן, ווערט נ. צוגעצויגן צו די פאָלקסזינגער. דורך ספּיוואַקאָווסקין אַרויפגענומען אויף דער יידישער בינע, דעביוטירט ער צוערשט אַלס „אַ מיידל", דערנאָך אַלס „פּייוויש" אין „שמענדריק" און נאָכן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ, שפּילט ער אין אָדעס „מאַקס" אין „ביידע קוני לעמל" אונטער גאָלדפאַדענס דירעקציע. שפּעטער פאָרט ער מיט נפתלי גאָלדפאַדען איבער דרום־רוסלאַנד, שפּילט ווידער מיט אברהם גאָלדפאַדען און פאָרט דערנאָך איבער קרים (דיר. – ספּיוואַקאָווסקי), ליטע (דיר – קאָהן), פוילן, פּרייסן, קורלאַנד, לעטלאַנד, ליפלאַנד, שפּילט איניקע מאָל אין אָדעס און ריגע, שפּעטער מיט שמ'רס טרופּע אין קעשעניעוו, בעלז און ווידער אין אָדעס, ביז זיין ברודער נעמט אים קיין אַמעריקע.

דאָ ווערט נ. צוערשט אַן איינעמער פון בילדער, אָבער באַלד נעמט ער צוזאַמען איניקע אַקטיאָרן און פאָרט מיט זיי שפּילן אין שיקאַגאָ, דערנאָך טרעט ער אַריין אין רומעניע־אָפּערע־הויז און שפּילט 8 יאָר אין ניו־יאָרק ערשטע קאָמישע ראָלן מיט די אָנגעזעענסטע כחות פון דער יידישער בינע.

צוליב שלעכטע געשעפטן דערווייטערט זיך נ. פון דער בינע, ווערט אַ וואַלד־סוחר און דערנאָך אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט.

לויט ב. גאָרין איז נ. געווען [בערך 1898-9] צוזאַמען מיט גאָלד, שוואַרץ, קוראַזש און סעם אַדלער אַ מיטגרינדער פון אַן אַקטיאָרן־יוניע אין ניו־יאָרק.

ש. ע.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 60.

נעלסאָן, טשאַרלס (שכנא)

געבוירן 4 אויגוסט 1895 אין פּינסק, פוילן. פאָטער – אַ צושטעלער פון האָלץ. געלערנט אין חדר און אין תלמוד־תורה.

אין עלטער פון 12 יאָר געקומען מיט דער מוטער אין אַמעריקע, וואו ער מאַכט 2 קלאַסן פּאָבליק־סקול און ווערט אַ שיק־יינגל אין אַ הוט־פאַבריק, דערנאָך געוואָרן אַ בילעטער אין יידישן מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער אין שיקאַגאָ, אויך פונאַנדערגעטיילט די טעאַטער־פלוגבלעטער איבער דער שטאָט און שפּעטער געוואָרן אַן אַפּישן־קלעבער און אַן אַנאָנסן־אַגענט פון וואַריעטע־הייזער און פון יידישן טעאַטער.

אַלס אַקטיווער אַרבעטער אין פּאָליטישע פּאַרטייען, אָרגאַניזירט ער אַ גרופּע גבירים, וועלכע האָבן איבערגענומען דאָס לאָנדייל־טעאַטער און עס זינט 1929-20 פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַביל יידיש טעאַטער, פון וועלכן נ. איז גענעראַל־מענעדזשער. צום סעזאָן 1931-32 – האָט זיך די גרופּע פולשטענדיק צוריקגעצויגן פון טעאַטער. נ. איז געבליבן דער איינציקער בעל־הבית און דערנאָך פאַרוואַנדלט דאָס טעאַטער אין אַ קלאַנג־פילם־הויז.

מ. ע.

נעלסאָן, לייע

[קאַצנעלסאָן]

געבוירן 5 סעפטעמבער 1905 אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער — אַ טאַבאַק-אַרבעטער, מוטער — אַ שניידערקע. געלערנט אין אַ מיטל-שול. נאָך אין עלטער פון 9-10 יאָר אויפגעטראָטן אין שול מיט דעקלאַמאַציעס און זיך אויך באַטייליקט אין די שול-פאַרשטעלונגען. אין עלטער פון 15 יאָר זיך באַטייליקט אין דער רוסישער אויפפירונג פון הויפטמאַנס „פאַרזונקענער גלאָק" דורך דער מינסקער רוסישער סטודיע א/פ פון לייב ליטווינאָוו, אין וועלכער ס'באַטייליקט זיך אויך מ. ראַפּאַלסקי.

1921 — איז נ. אַריינגעטראָטן אין ראַפּאַלסקיס יידישער דראַמאַטישער סטודיע, וואו זי דעביוטירט אַלס „העליאַס" אין הויפּטמאַנס פּראַגמענט „העליאַס" און אַלס „תּלמיד" אין פּרץ „מקובלים". 1922 — איז זי מיטגעפאָרן מיט דער סטודיע קיין מאָסקווע און איז פאַרבליבן אַ מיטגליד אין דער טרופּע, ווען די סטודיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווים"ט.

ש. ע.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער"-שלאַכטן, מינסק, 1931, זז. 166, 189, 201-2.

נעמי, לאה

[קיגעל-אייזנבערג]

געבוירן 10 נאָוועמבער (א. ס.) 1888 אין אָדעס, אוקראַאינע. עלטערן — אייגנטימער פון אַ צעגלניק-קראָם. געלערנט אין חדר און ביי אַ שרייבער פון יידיש. געענדיקט אַ פּראָפעסיאָנעלע שול, דערנאָך געלערנט אין גימנאַזיע און אויף לערער-קורסן, אַ יאָר שטודירט אין אוניווערזיטעט און געגעבן לעקציעס אין אַריטמעטיק און געאָגראַפיע.

אַלס שילערין אין גימנאַזיע אויפגעטראָטן אין אַ רוסישן איינאַקטער אין דער שטוב פון אַ חברטע און צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון איר חברטעס אַ ברודער, וועלכער האָט זיך געעסקט מיט טעאַטער. פון איצט אָן ווערט זי אָפט פאַרבעטן צו באַטייליקן זיך אין פאַרשיידענע רוסישע „ליבהאָבער"-פאַרשטעלונגען און אויף איינער פון די גרעסערע פאַרשטעלונגען ווערט זי באַמערקט פון דירעקטאָר פון דער דראַמאַטישער שול מאַרסקאַי, וועלכער נעמט זי אויף אין זיין שול, וואו זי לערנט בסוד פון אירע עלטערן און באַטייליקט זיך שפּעטער אין די פאַרשטעלונגען פון די אַבסאָלווענטן.

בעת דער רוסישער אויפפירונג פון פּרץ הירשביינס „אויף יענער זייט טייך" זיך באַקענט מיט הירשביינען, טרעט זי אַריין אין דער יידישער טרופּע, וועלכע ער אָרגאַניזירט אין אָדעס און באַטייליקט זיך אין דער ערשטער אויפפירונג פון דער טרופּע („תּקיעת כף"). פאַרבלייבנדיק שוין א/פ „נעמי" אין דער „הירשביין-טרופּע", ביז די טרופּע צעפאַלט זיך. דערנאָך טרעט זי אַריין אין קאַמינסקיס „פּאַראייניקטע טרופּע", וואו זי שפּילט 9 חדשים, באַזוכט ווידער אַ דראַמאַטישע שול, שפּילט דערנאָך 9 חדשים ביי ליפּאָווסקי אין ווילנע און ווערט איינגעלאַדן קיין לאָנדאָן אין ניי-געגרינדעטן פאָלקס-טעאַטער א/נ פון פיינמאַן, וואו זי שפּילט אַ לענגערע צייט (א/ר פון יעקב בן-עמי), און דערנאָך אין פּאַוויליאָן-טעאַטער.

צוריקגעקומען אין פּוילן, טרעט זי אויף אַלס „מאַדאַם אַלווינג" אין איבסענס „גייסטער" אין לאָדזש (רעזשי — ה. יעדוואַב) און ווערט דערויף אַנגאַזשירט אין דער טרופּע פון קלאַראַ יאַנג.

שפּעטער האָט זי געשפּילט מיט אסתּר-רחל קאַמינסקאַ אין באַקו און בעת דער וועלט-מלחמה אין וואַרשע און לאָדזש, דערנאָך זיך באַטייליקט אין דער אייראָפּעאישער אָפּערעטעס-טרופּע אין וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער (דיר. — דוד צעלמייסטער) און אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער זי שפּילט אין פּוילן און דערנאָך מיטגעמאַכט דעם טורנע איבער אייראָפּע (דייטשלאַנד, בעלגיע, ענגלאַנד) און איבער אַמעריקע.

דעם 31 מערץ 1931 איז נ. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניאָן.

1931-32 — אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער און 1932-33 — אין יידישן קונסט-טעאַטער אין ניו-יאָרק.

נ. איז די פרוי פון סקולפּטאָר אברהם אייזנבערג.

מ. ע.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, I, ז. 42.

דר. א. מוקדוני — אַלטע באַקאַנטע, „מאָז"ש", נ. י., 11 יאַנואַר 1924.

יוסף לערנער — אַ טאַלאַנט וואָס איז נאָך ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן, „אידישע שטימע", לאָס אַנדזשעלאָס, 17 אָקט. 1925.

Amber — לאה נעמי — „קולטור", שיקאַגאָ, 30 אָקט. 1925.

מיכאל וייכערט — „טעאַטער און דראַמע", II, ז. 15.

ש. קוטנער — זכרונות וועגן דער הירשביין-טרופּע („טעאַטער-זכרונות", רעד. — זלמן זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 86-89).

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, ז. 381.

נעסמאַר, משה

געבוירן 5 יאַנואַר 1885 אין אַנעשישאָק, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ וואַלד-סוחר, אַ חסיד. ביז 15 יאָר געלערנט ביי ר' יום-טוב אין דווינסק און דערנאָך שחיטה ביים היימישן שוחט.

1917 — געקומען אין אַמעריקע און צוליב דעם, וואָס ער האָט געקענט גוט לייענען יידיש, געוואָרן סופלער אין יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו ס'זיינען אויך אויפגעפירט געוואָרן זיינע פּיעסעס: „דאָס פרייע רוסלאַנד" (25 מאַי 1917, אויפגעפירט דורך מ. ווילענסקי אין ליריק-טעאַטער), „די דערמאָרדונג פון רוט קרוגער", אין 4 אַקטן און 6

בילדער נאָך אַלע כּאַקטן פון די יידישע און ענגלישע צייטונגען" [שפּעטער גערופן „מאַמעס היט אייערע טעכטער"] (30 יוני 1917, אויפגעפירט דורך ז. וויינטרויב אין נעש נאַל־רוף־גאַרדן) און „אַ מאַמעס האַרץ" (30 אויגוסט 1918 אין גרענד־טעאַטער).

1919 -- געשריבן איין־און דריי־אַקטערס פאַרן יידישן וואָדעוויל־טעאַטער אין שיקאַגאָ.

אין 1920 האַט נ. דראַמאַטיזירט זאָלאַס אַ ראָמאַן א״נ „פון חופּה צום קבר" אַלס דראַמע אין 4 אַקטן, וועלכע איז באַלד דערויף געשפּילט געוואָרן אין באָסטאָנער יידישן טעאַטער.

1921 -- איז א״ר פון יעקב מעסטעל אויפגעפירט געוואָרן אין פילאַדעלפיע נ.׳ס [א״פ בן־מנחם] „וואוהין זאָלן מיר גיין ?, פּיעסע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג", וואָס איז דעם 17 אַפּריל 1927 אויפגעפירט געוואָרן א״נ „אונזער נייע היים" דורך יאָזעף קעסלער אין בראָנקסער מעקינלי־סקווער־טעאַטער.

1923 -- איז אין באָסטאָנער יידישן טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן נ.׳ס 4־אַקטיקע דראַמע „פאַרשיידענע וועגן", און דעם 20 סעפּטעמבער 1923 איז אין לענאָקס־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן זיין „דעם רבינס הויף, אָפּערעטע, מוזיק פון מענדל קאָן". די זעלבע פּיעסע איז אין 1924 געשפּילט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי אין באָסטאָן (מוזיק — פ. לאַסקאָווסקי) און אין יאַנואַר 1930 איז זי אויפגעפירט געוואָרן דורך הערמאַן פעניגשטיין אין פּאַריז א״נ „די חסידישע חתונה".

דעם 6 יאַנואַר 1927 האָט יאָזעף קעסלער אויפגעפירט אין מעקינלי־סקווער־טעאַטער נ.׳ס „פלאַמען פון ליבע, מוזיק פון א. אָלשאַנעצקי".

דעם 25 סעפּטעמבער 1931 איז אין ברוקלינער אַמפּיאָן־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך סעם אויערבאַך נ׳ס „שיינדעלעס חתונה, אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון בן־מנחם, מוזיק פון פליישמאַן און ב. זיידמאַן".

1925 — איז נ. געווען מיטדירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין לאָס אַנדזשעלאָס, 1926־27 — סופלער אין בראָנקסער מעקינלי־סקווער־טעאַטער, 1928־29 — אין ברוקלינער ראָלאַנד־טעאַטער. 1930 - אָפּגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע צוזאַמען מיט זיין פרוי, סאַלי וויזענפריינד, די מוטער פון מוני, און דאָרט אַ קורצע צייט אָנגעפירט, צוזאַמען מיט אַב. קאָגוט, מיט אַ יידישער טרופּע. 1931־32 — סופלער אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער און דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע.

מ. און ש. ע.

ליליפוט — אַ שיינע אָפּערעטע אין לענאָקס טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 28 סעפּט. 1923.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — די חסידישע חתונה פון בן־מנחם, אויפגעפירט פון הערמאַן פעניגשטיין, „פּאַריזער היינט", 8 יאַנ. 1930.

ד. קאַפּלאַן — אַ שעהנע אָפּערעטע אין וויליאַמסבורגער אַמפּיאָן טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 אָקט. 1931.

נעראָסלאַווסקאַ, אסתר

געבוירן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע, פאָטער און ברודער — מאָלער. געענדיקט אַ 6 קלאַסיקע שטאָטישע שול, געזאַנג געלערנט ביי פּראָפ. י. א. לעחין, און נאָך אַלס קינד זיך באַטייליקט אונטער אונטער זיין לייטונג אין קינדער־קאָנצערטן. שפּעטער דורך זיין איניציאַטיוו אָפּגעשיקט געוואָרן אויף בראָדסקיס אַ סטיפּענדיע אין אַ קיעווער מוזיק־שול. דער צוועק פון איר שטודיע איז געווען צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלע זינגערין און דערמיט אַרויסצוהעלפן איר מוטער, וועלכע איז דורך דער צייט געוואָרן אַן אַלמנה. דער פּלאַן ווערט אָבער צעשטערט דורך דעם, וואָס צוליב די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען אין שטוב רייסט זי איבער די למודים אין דער מוזיק־שול און טרעט אַריין אין דער אָנגעקומענער טרופּע פון פישזאָן־ספּיוואַקאָווסקי, וואו זי דעביוטירט א״פ „נעראָ" אַלס „יצחק" אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק".

העכער אַ יאָר פאָרט זי אַרום מיט דער טרופּע איבער רוסלאַנד, ביז אין לאָדז ווערט זי אַנגאַזשירט פון דירעקטאָר קאַסטעלאַנא אין זיין איטאַליענישער אָפּערע טרופּע, וואו זי דעביוטירט אין איטאַליעניש אַלס „מיקאַעלא" אין דער אָפּערע „קאַרמען". דאָס געזאַנג שטודירט מיט איר איין יוסף וומשינסקי, דער דאַמאַלטיקער דיריגענט פון לאָדזשער „הזמיר".

2 יאָר פאָרט נ. אַרום מיט דער איטאַליענישער טרופּע, אין וועלכער זי טרעט אַרויס אין 14 אָפּערעס אין די צווייטע פּרימאַדאָנע־ראָלן. דורך דער צייט באַזוכט זי טערקיי, גריכנלאַנד, איטאַליע און רוסלאַנד, בילדנדיק דערווייל ווייטער איר שטים ביים דיריגענט פון דער טרופּע קאַרשאָן און ביי דער פּרימאַדאָנע מאַנטי ברונער.

1904 – גייט נ. איבער צוריק צו דער יידישער בינע און טרעט אַריין אין דער טרופּע פון סעם אַדלער און קאַמינסקי. מיט דער טרופּע שפּילט זי אויך אין פּעטערבורג, אַרויסטרעטנדיק אַלס „כאַסיע די יתומה" און אין אַנדערע דראַמאַטישע ראָלן. אין מינסק שרייבט פאַר איר יוליא וואָלין די דראַמע „דער זון פון שטורם".

ערשט אין וואַרשע, בעת ס׳ווערט אויפגעפירט לאַטיינערס אָפּערעטע „יוסף מיט די ברידער", צו וועלכער פּרץ סאַנדלער שרייבט ספּעציעלע מוזיק, טרעט נ. אויף אין דער געזאַנג־ראָל „בנימין" און גייט זינט דאַמאָלט איבער צוריק צום אָפּערעטעס־רעפּערטואַר. קורץ דערויף האָט זי חתונה מיטן דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר פּרץ סאַנדלער.

דעם 27 דעצעמבער 1911 איז נ. אַרויסגעטראָטן אַלס „ישראלית" אין הענדעלס אָראַטאָריע „יהודה המכבי", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורכן לאָדזשער „הזמיר" א״ל פון לעאָ קאָפּף.

1912 — גאַסטראָלירט נ. אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער" (דיר. – י. זאַנדבערג) און אונטערן איינפלוס פון אָרטיקן דייטשן טעאַטער, באַשליסט זי אויפצוטרעטן אין אַ ריי אייראָפּעאישע אָפּערעטעס. אין איר פּלאַן ווערט זי אונטערשטיצט פון איר מאַן, וועלכער נעמט איבער, צו דעם צוועק, אין 1912־13 די דירעקציע פון וואַרשעווער עליזעאום טעאַטער, וואו ער פירט אויף — צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע — די אייראָפּעאישע

אָפּערעטעס „עוואַ“, און „שושנה די צנועה“ מיט נ. אין די טיטל־ראָלן.

בעת טאָמאַשעווסקי גאַסטראָלירט אין זומער 1913 אין פּוילן, אַנגאַזשירט ער נ. מיט איר מאַן פאַר זיין נעשאָנאַל־טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואו זי טרעט אויף דעם 2 אָקטאָבער 1913 אַלס „עוואַ“ [גערופן „דאָס פּאַריזער אַרבעטער־מיידל“], אָבער צוליב דעם, וואָס איר מאַנס טעטיקייט ווערט געשטערט דורך דער אָרטיקער מוזיקער־יוניע, רייסט זי איבער איר שפּילן אין ניו־יאָרק און פאָרט אָפּ גאַסטראָלירן קיין לאָנדאָן, פּאַריז און טשערנאָוויץ.

ערב דער וועלט־מלחמה צוריקגעקערט אין וואַרשע, פאַרלאָזט זי באַלד קרוין־פּוילן, גאַסטראָלירט אין ווילנע, דערנאָך אין רוסלאַנד, וואו זי טרעט אַרויס — צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער — אין אָפּערעטעס־ און דראַמע־רעפּערטואַר אין רוסיש און וואַנדערט דערנאָך אויס קיין כאַרבין, וואו זי שפּילט בערך אַ יאָר יידיש טעאַטער.

אין אַפּריל 1917 קומט זי ווידער מיט איר מאַן—איבער יאַפּאַן און קאַנאַדע—אין ניו־יאָרק, וואו זי טרעט אויף אין טאָמאַשעווסקיס נעשאָנאַל־טעאַטער אַלס „ציגאַנקע אַזאַ“ און שפּילט אין דעם טעאַטער דעם סעזאָן 1917־18. זומער 1918—גאַסטראָלירט זי אין פילאַדעלפיע ביי ה. צוקערבערג. סעזאָן 1918־19 — שפּילט זי אין נאָרד־סטאַר־טעאַטער (106 סטריט און 5 עוועניו, ניו־יאָרק), וואו זי טרעט אויף צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע אַלס „שושנה די צנועה“. 1919־20 — אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע מיט אַן אוקראַאינישער טרופּע א״ד פון ע. רעלקין און אין פילאַדעלפיע ביי מאָריס שוואַרץ און מאַקס ר. ווילנער, וואו זי טרעט אַרויס אין שוואַרץ און סאַנדלערס אָפּערעטע „אַמאָל אין מאַי“, מיט וועלכער זי גאַסטראָלירט אויך זומער אין ניו־יאָרקער אירווינג־פּלייס־טעאַטער. 1921־22 — אין באָסטאָן (דיר.—יוליוס נאַטאַנסאָן), וואו זי שפּילט אויך אין דימאָווס „ירושלים“ מיט יאָזעף שיינגאָלד. 1922־24 — אין ניו־יאָרקער פּיפּלס טעאַטער (מענ.—שולמאַן און ראַווינדזשער). 1924־25 — איז זי ערשטע דראַמאַטישע אַקטריסע אין נוואַרק ביי עלווינג, 1925־26 — שפּילט זי אין פילאַדעלפיע (מענ. — סעמיועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער), 1926־27 — אין ליבערטי און דערנאָך אין פּאָבליק־טעאַטער (מענ. — לואיס גאָלדבערג און שולמאַן), 1927־28 — אין דעטראָיט (מענ. — א. ליטמאַן), 1929־30 — מיט דער „ווילנער טרופּע“ אין ניו־יאָרק און 1930־31 — מיט אַ „קייט־טרופּע“ פון דער יוניע איבער אַמעריקע און קאַנאַדע. זומער 1931 האָט נ. באַזוכט אייראָפּע און גאַסטראָלירט אין „אַמאָל אין מאַי“ אין פּאַריז.

ש. ע.

[—] — Къ бенефису Н. Б. Нерославской, „Вечерній Листокъ“, Одесса, 27 января 1904.

ש. אַן־סקי — אין יודישען טעאַטער, „דער פריינד,“ פּעטערבורג, 1908.

מנחם מנדל פּייטלזון — אסתר (נ. ב.) ניריסלאַבסקאיה, „הד הזמן“, ווילנע, 1910.

ע. [י. אוגער] — דער קאָנצערט פון „הזמיר“, „לאָדזער טאַגעבלאַט“, 29 דעצ. 1911.

U. [י. אוגער] – Frau Nero-Neroslavska, „Neue Lodzer Zeitung“, 12 Mai 1912.

דר. א. מוקדוני — נ. נעראָסלאַווסקאַ, „דער פריינד“, וואַרשע, 11 מערץ 1913.

ה. ע. [עפּעלבערג] — צום בענעפיס פון נ. ב. נעראָסלאַווסקאַ, „פּראָגראַם און קריטיק“, וואַרשע, 12 מערץ 1913.

ספינקס [מ. קיפּניס] — צום היינטיגען בענעפיס פון אַרטיסטין נעראָסלאַווסקאַ, „היינט“, וואַרשע, 50, 1913.

[—] — אין דער אידישער טהעאַטער וועלט, „פאָרוו.“, נ. י., 4 אָקט. 1923.

[—] — אסתר נעראָסלאַווסקאַיאַ צוריק אין אַמעריקע, „דיא וואַרהייט“. נ. י., 13 אַפּריל 1917.

ה. לאַנג — וואַרום איז זי געבליעבען אָהן אַ דזשאָב דיזען טהעאַטער־סיזאָן ?, „פאָרוו.“, נ. י. 18 יאַנ. 1918.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, I, זז. 116־123.

ב. באָטווינִיק — איינע צווישען פיעלע, „פאָרוו.“, נ. י., 3 מערץ 1922.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער־קריטיקער, „אַרכיוו“, ווילנע, 1930. ז. 411.

נערה

[רבקה מאָצקין־ראַקאָוו]

געבוירן 3 נאָוועמבער 1909 אין ווילנע, פּויליש־ליטע. עלטערן — קליינהענדלער. געלערנט אין אַ עלעמענטאַר־שול. אין 1914 אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן און געזונגען אין קינדער־כאָר אין גענפערס טרופּע. 1917—האָט נ. געשפּילט יוגנטלעכע ראָלן אין דער טרופּע קאָמפּאַניעץ־פישזאָן אין כאַרקאָוו, 1918־1926 – אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין ליטע און לעטלאַנד, 1927 — אין ריגער יידישן מלוכה־טעאַטער, 1928 — אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער און דערנאָך אַלס יוגנטלעכע דראַמאַטישע אַקטריסע אין דער לאָדזשער חברים־טרופּע, שפּעטער אין אַנדערע טרופּעס איבער פּוילן, צוזאַמען מיט איר מאַן, דער אַקטיאָר יוליוס ראַקאָוו.

ש. ע. פון יוליוס ראַקאָוו.

סאַבסיי, דוד־משה

[געב. ...18 — געשט. 1921]

געבוירן ...18 אין כערסאָן, אוקראַאינע. פאָטער — אַ שמש. ס.׳ס נאָמען איז געווען משה. כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט, האָט ער אויך אָנגענומען זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם ברודערס נאָמען דוד.

ס. האָט אָנגעהויבן נאָך אַלס קעלער־זינגער.

ר. גראַנאָווסקי שרייבט אין זיינע זכרונות: „ספּיוואַקאָווסקי האָט מיך [עס האַנדלט זיך וועגן י. י. ליניעצקי] אין יענער צייט איינגעלאַדן אין אַ וויין־קעלער און געזאָגט: „קומט, וועט איר זען

ווי יידישע טאַלאַנטן ווערן פאַרלוירן". אין ווײַן־קעלער זײַנען אַרויסגעקומען אַ חברה טענצער, שפּילער און זינגער מיט צוגעטשעפּעטע בערדלעך, מיט שטריימלעך און האָבן געזונגען און געטאַנצט. דערנאָך זײַנען זיי געגאַנגען מיט אַ טעלער צונויפנעמען געלט. ספּיוואַקאָווסקין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט אַוועקגעלייגט פינף רובל אויפן טעלער. צווישן די זינגער און קאָמיקער איז געווען דער שפּעטער באַקאַנטער אַרטיסט סאַבסיי..."

אין 1880 טרעט ס. אַריין אין נפתלי גאָלדפאַדענס טרופּע און נאָכן פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער, ווערט ער ווידער אַ קעלער־זינגער. שפּעטער פאָרט ער אַרום מיט פאַרשיידענע יידישע טרופּעס און אין 1886 ווערט ער, צוליב אַ מסירה, אַרעסטירט אין דער טרופּע פון יקותיאל מאַרגולעס. האָט ער דערנאָך אַרומגעוואַנדערט איבער גאַליציע, וווּ ער שפּילט א״ד פון הערמאַן ווײַנבערג, אָפט אין שענקן און אכסניות.

אַליין אַן אינטעליגענט און אַ שיינער מאַן, האָט ער שפּעטער מיט זײַן פרוי און שוואָגער, דער אַקטיאָר אהרן לאַגער, געגרינדעט אַן אייגענע וואַנדער־טרופּע איבער רוסלאַנד, וועלכע איז געווען זייער פּאָפּולער.

אין 1904 איז דערשינען אין אָדעס „ד. מ. סאַבסאי. ליעדער אונ קופּלעטען, פערלאַג אונ אייגענטהום פון בוכהאַנדלונג געברידער בלעטניצקי אין אָדעססא". אין דער אינעווייניקסטער הילע איז אָנגעגעבן „ליעדער געדיכטע אונ קופּלעטען". דאָס ביכל אַנטהאַלט 33 לידער, דערונטער אַ ליד אָנשטאָט אַ הקדמה וועגן אַרויסטרעטן מיט די לידער אין דער עפנטלעכקייט.

1907־08 — איז ס. געווען דירעקטאָר אין דווינסק און פלעגט על פּי רוב אַרומפאָרן איבער ליפלאַנד און קורלאַנד, 1908־09 — האָט ער געשפּילט אונטער דער דירעקציע פון נחום ליפּאָווסקי און — ווי ליפּאָווסקי גיט איבער — האָט מען שוין ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס ער פלעגט ריידן אויף דער בינע.

דאָך האָט ס. אויך שפּעטער אָנגעפירט מיט טרופּעס, אין וועלכע ס'זײַנען אויפגעצויגן געוואָרן אַ סך פון די שפּעטער אָנגעזעענע אַקטיאָרן.

אַזוי שרײַבט אברהם טייטלבוים: „די אַמוזאַנטסטע פאָרשטעלונג פון סאַבסיי־לאַגער־סעזאָן אין 1910 אויף דער אָדעסער בינע איז „משיחס צייטן", וואָס האַלט אויס אַ גרויסע צאָל פאָרשטעלונגען צוזאַמען מיט די נייעסטע „אַמעריקאַנער שלאַגערס"." און ווייטער: „...שפּילן גאָלדפאַדענען סעם אַדלער, סאַבסיי און די איבריקע טעאַטער־דירעקטאָרן אויף זייער אַלטשטייגערישן נאַאיוו־ערנסטן, טעאַטראַלן אופן..."

אין די יאָרן 1920־21 — בעתן בירגער־קריג אין רוסלאַנד — האָט ס. זיך באַזעצט אין קרעמענטשוג (אוקראַאינע), וווּ ער מיט זײַן פרוי זײַנען אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער טרופּע פון מ. וואָלקענשטיין. ס. פלעגט דאָרט געבן רעפּערטואַר און קאָסטיומען און אָפּטרייסלענדיק איינמאָל קאָסטיומען אויף אַ באַלקאָן, האָט דער באַלקאָן פּלוצלינג זיך איבערגעבראָכן און ס. איז אַראָפּגעפאַלן, איבערברעכנדיק זיך דעם רוקנביין. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין שפּיטאָל, איז ער דעם [?] 1921 געשטאָרבן אין קרעמענטשוג.

זײַן פרוי איז אין דער זעלבער שטאָט געשטאָרבן מיט 2 יאָר שפּעטער.

מ. ע. פון מנשה בודקין, נחום ליפּאָווסקי, יעקב קאַצמאַן, בינע אבראַמאָוויטש, א. ג. קאָמפּאַניעעץ און ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט."‏, I, ז. 212.

אברהם טייטעלבוים — טעאַטראַלישקייט ביי גאָלדפאַדענען („גאָלדפאַדען־בוך", נ. י, 1926, זז. 18־17).

ר. גראַנאָווסקי — יצחק יואל לינעצקי, „פּנקס", נ. י., 1928, ז. 216.

אהרן לאַגער — [זכרונות], „די אידישע צייטונג", ב״א, 2 פעבר, 20 אפּריל, 16 מײַ, 30 יולי 1930.

סאַדיגורסקי, בנימין

געבוירן 27 אויגוסט 1892 אין קאַלאַראַש, בעסאַראַביע. פאָטער — באַזיצער פון אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אין קעשענעוו, וווּהין די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעטראָגן. געלערנט 4 קלאַסן רעאַל־שול און געענדיקט אַ מוזיקאַלישע שול. אין 1907 געשפּילט מיט „ליבהאָבער" אויף יידיש און אין 1912 אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל אין שטעטל קיליע און פון דאָרט אַ יאָר צײַט אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ. נאָכן דינען 2 יאָר אין מיליטער, האָט ס. אין 1916 געשפּילט ביי ראַפּעלן אין אָדעס. 1918 — געווען, צוזאַמען מיט קייזעראָוויטש, דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין אָדעסער „20־טער יאָרהונדערט־טעאַטער", 1919 — אַרומגעפאָרן מיט דער טרופּע איבער דער פּראָווינץ, 1920 — צונויפגעשטעלט אין קעשענעוו אַ טרופּע, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין בעלץ און יאַסי, שפּעטער גאַסטראָלירט אין בוקאַרעסט ביי איציקל גאָלדענבערג און דערנאָך מיט אים בשותפות געפירט 5 סעזאָנען דאָס יידישע טעאַטער אין בוקאַרעסט (3 זומערס אין זשיגניצע, 2 ווינטערס אין לאָקאַלן).

1923 — האָט ס. געשפּילט אין טשערנאָוויץ, נאָכדעם האָט ער צונויפגעשטעלט מיט בערל סעגאַל אַ טרופּע פאַר דער פּראָווינץ און נאָכן אַרומפאָרן אַ יאָר, קומט ער צוריק אין 1925 אין בוקאַרעסט און הויבט אָן שפּילן מיט אַ טרופּע פון 6 פּערזאָן איינאַקטערס אין אַ רעסטאָראַן־לאָקאַל. אָבער באַלד פאַרלאָזט ער די בינע, שטעלט צונויף אַן אָרקעסטער אין אַ רעסטאָראַן, גרינדעט אַ ספּעציעלן יידישן אָרקעסטער פאַר חתונות און שמחות און שפּילט צוגלייך אין אָרקעסטער פון יידישן טעאַטער.

אין 1916 האָט ס. געשפּילט דעם „רב" אין פילם „קאַנטאָניסטן" פון דער געזעלשאַפט „מזרח" אין אָדעס, דערנאָך דעם „שמש" אין פילם „צום אַלטן גאָט" און „מאָטל" אין שלום־עליכמס „מאָטל דעם חזנס".

מ.׳ס פרוי, עטל, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

סאָור, דזשובי (באַבעלע)

אָנגעהויבן אין כאָר פון גימפּעלס טרופּע אין לעמבערג, גאַליציע. קורץ דערויף, אַרויסווײַזנדיק פעאיקייטן, איבערגעגאַנגען אויף ראָלן. אברהם גאָלדפאַדען האָט ספּעציעל פאַר איר געשריבן די ראָל „מאַריע" אין זײַן אָפּערעטע „משיחס צייטן".

נאָכן שפּילן 5 יאָר אין יידישן טעאַטער, איז ס. אַריינגעטראָטן אַלס כאָריסטקע אין פּוילישן טעאַטער, דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ באַנק־דירעקטאָר מעער אין ווין און זינט דאַמאָלט זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

מ. ע. פון משה שאָר און יוליוס גוטמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.“, II, ז. 147.

סאָוער, מאַלי

אַ קריסטין, שטאַמט פון בערלין, דייטשלאַנד. בעת צעזאַר גרינבערג האָט אין יאָר 1896 איינגעאָרדנט יידישע פאָרשטעלונגען אין יאָהאַנעסבורג (דרום־אַפריקע) און ס׳האָבן אים פאַרפעלט געזאַנגס־כחות, איז ס., וועלכע האָט דאָרט געשפּילט אין אַ דייטשער אָפּערעטעס־טרופּע, אַריינגעטראָטן אין כאָר פון זיין יידישן טעאַטער. באַלד דערויף איז פאַר איר צוגעשריבן געוואָרן אַ ספּעציעלע סצענקע אין דער אָפּערעטע „מרים החשמונאית“, אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז שוין פאַרבליבן אַלס פרימאַדאָנע אין דער טרופּע, וואו זי האָט געשפּילט $1^1/_2$ יאָר.

דורך דער צייט האָט ס. זיך אויסגעלערנט יידיש און אַביסל העברעאיש.

מ. ע. פון צעזאַר גרינבערג.

סאַלאָמאָנעסקאָ, אָסקאַר

געבוירן אַפּריל 1869 אין יאַסי, רומעניע, ביי אָרימע, אָרטאָדאָקסישע עלטערן. צו 7 יאָר געזונגען ביי אַ חזן.

בלייבנדיק אַ קליינטשיקער יתום און באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, טרעט ס. אַריין אין כאָר פון יידישן טעאַטער, וואו ער שפּילט אויך קינדער־ראָלן. זיין ערשטע ראָל אַלס דערוואַקסענער איז געווען „בנימינל“ אין גאָלדפאַדענס „פּאָדריאַטשיק“ און זינט דאַמאָלט הויבט ער אָן שפּילן קאָמישע ראָלן, באַזונדערס דאַמען־ראָלן.

די ערשטע יאָרן געשפּילט מיט פאַרשיידענע טרופּעס אין רומעניע אונטער די ערגסטע מאַטעריעלע אומשטענדן און דאָך עקשנותדיק נישט אָפּגעטראָטן פון יידישן טעאַטער.

פון רומעניע פאָרט ס. מיט אַ יידישע טרופּע איבער בולגאַריע, אונגאַרן און עסטרייך.

1901 — געקומען אין אַמעריקע און אָנגעהויבן שפּילן אין ניו־יאָרקער וואַריעטע עלדאָראַדאָ. שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניע און געשפּילט אַלס ערשטער קאָמיקער לעגיטים יידיש טעאַטער איבער אַמעריקע און קאַנאַדע. ער איז אויך געווען $1^1/_2$ יאָר דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין קליוולאַנד.

1930־31 — איז ער געווען אַנגאַזשירט אַלס סטיידזש־מענעדזשער און עפּיזאָדן־אַקטיאָר אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער, 1931־32 — אין קאַנאַדע, 1932־33 — אין פילאַדעלפיער אַרטש־סטריט־טעאַטער.

ס. האָט געשריבן פיל טעאַטער־לידלעך, וועלכע ער פלעגט על פי רוב אַליין זינגען. זייענדיק נאָך אין רומעניע, האָט ער איבערזעצט דעם איינאַקטער „די רויטע הויזן“, וועלכער איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע וואָדעוויל־הייזער.

ס. איז אַן אוניקום אין דער יידישער אַקטיאָרן־וועלט מיט זיינע הומאָריסטישע בריוולעך, אין וועלכע ער שילדערט דעם מצב פון די יידישע טעאַטערס.

ש. ע.

סאַלאָמאָנעסקאָ, נעלי

[אזארא]

געבוירן 1889 אין סטייט וויסקאָנסען, אַמעריקע, ביי רעליגיעזע עלטערן. דורך איר מומע, די אַקטריסע פעני מאַרגולעס, אַריינגעפירט אין יידישן טעאַטער אין שיקאַגאָ, טרעט זי אויף דאָרט אין עלטער פון 11 יאָר אַלס איינע פון „לוטס טעכטער“ אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק“. נאָכדעם ווי די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין לאָס אַנדזשעלאָס, טרעט זי אַריין אין דאָרטיקן „גאָרדין דראַמאַטיק קלאָב“, ווי זי שפּילט די הויפּט־ראָלן אין גאָרדין־רעפּערטואַר.

צוליב דער קראַנקהייט פון אַן אַקטריסע אין אַ דאָרט גאַסטראָלירנדיקער יידישער טרופּע, האָט ס. די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין דער פּיעסע „איסט סייד געטאָ“ און שפּילט זינט דאַמאָלט מיט די גאַסטראָלירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס.

נאָכן שפּילן 20 יאָר אויף אַזאַ אופן אין לאָס אַנדזשעלאָס, טראָגט זיך איבער ס. קיין שיקאַגאָ, וואו זי האָט חתונה מיט אָסקאַר סאַלאָמאָנעסקאָ און שפּילט פון צייט צו צייט אין די דאָרטיקע טרופּעס.

ש. ע. פון אָסקאַר סאַלאָמאָנעסקאָ.

סאַלמאַן, ליזאַ

[געב. 1899 — געשט. 3 אויג. 1928]



געבוירן 1899 אין ביאַליסטאָק, פּוילן, ביי בעל־הביתישע עלטערן. געלערנט אין יידישע שולן און דערנאָך געענדיקט אַ מיטלשול. אַלס שילערין זיך באַטייליקט אין חנוכה־און פּורים־אָוונטן און אין עלטער פון 14 יאָר דעביוטירט אַלס „פלאָראַ“ אין שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט“.

נאָכן ענדיקן די שול אַריינגעטראָטן אין דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט“ א׳א פון פסח קאַפּלאַן און יעקב פּאַט און אויפגעטראָטן אַלס זינגערין און טענצערין. קריגס־צייט איז זי אַרומגעפאָרן אַ קורצע צייט מיט אַ דייטשער טרופּע און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין יידישע חברים־טרופּעס. 1919 — געשפּילט מיט יוליוס אַדלער אין ווילנע, דערנאָך אין קאָוונע מיט סאָקאָלאָוו, אין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער, אין „סמבטיון“ אין וואַרשע, שפּעטער

מיט יוליוס אַדלער איבער פּוילן, אַרגענטינע און בראַזיל. 1927 – געקומען אין אַמעריקע, וואו זי האָט נישט געשפּילט, איז צוריק־געפאָרן מיט אַדלערן קיין אייראָפּע און אין די חדשים אַפּריל־מאַי 1928 גאַסטראָלירט מיט אים אין פּאַריז און בערלין, און דאָ גע־שטאָרבן דעם 3 אויגוסט 1928.

מ. ע.

[–] – געשטאָרבן די אַרטיסטין ל. סאַלמאָן, „צייט“, ווילנע, 9 אויגוסט 1928.

סאַמאָלעסקאָ, דעיוו

[געב. ...18 – אומגעקומען 7 מאַי 1915]

געבוירן ...18 אין פאַנטשע, רומעניע. ייִנגלווייז געזונגען ביי אַ חזן, געהאַט חשק צו דער בינע, און צוליב דעם וואָס די על־טערן זיינען קעגן דעם, אַנטלויפט ער פון דער היים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ביי זייער שווערע באַדינגונגען וואַנדערט ער איבער פאַרשיידענע לענדער, ביז ער דערשלאָגט זיך אַלס מאַטראָז אין 1897 קיין אַמעריקע.

לויט משה זילבערשטיין איז ס. געווען אַ קופּלעטיסט נאָך אין די וואַריעטעס אין רומעניע און איז פון דאָרט אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו ער איז גע־וואָרן אַן ענגלישער אַקטיאָר, פלעגט דאָרט אין איין אָוונט אַרויס־טרעטן אין עטלעכע טעאַטערס און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער.

געקומען אין אַמעריקע האָט ס. די ערשטע צייט געאַרבעט אין אַ קאַפע־סאַלון אַלס אַרבעטער, דערנאָך אין אַ בלעך־פאַבריק, שפּע־טער געוואָרן אַ משרת ביי מאָגולעסקאָ אין טעאַטער און איבער־געשריבן ראָלן. דאָ זעט אים אַמאָל מאָגולעסקאָ „זיך פאַרשטעלן“ און ער דערמוטיקט אים אַרויסצוטרעטן אין די ווייַן־קעלערס מיט מאָגולעסקאָס לידער. ס. זינגט דערנאָך אויף בריתן און איינמאָל אויף זיינעם אַ בענעפיס אין טורן־האָל שפּילט ער די ראָלע „קוני לעמעל“ אין „ביידע קוני לעמעלס“. שפּעטער ווערט ער אַנגאַזשירט אין וואַריעטע צו כפיוואַקן אין „ערשטן יידישן אַטלאַנטיק גאַרדען“ אויף 1333 עלדריטש סטריט. דאָ האָט ער גרויסן דערפאָלג מיט זיינע לידער, באַזונדערס ביי זיינע לאַנדסלייט פאַר זיינע רומענישע לידער. שפּעטער גייט ער איבער אין טאַליאַ־מוזיק־האָל און דער־נאָך אין פּיפּלס־מוזיק־האָל, וואו ער טרעט אַרויס מיט לידער פון מייזעל און מייראָוויטש, אָבער על פּי רוב מיט זיינע אייגענע לידער.

נאָך דער חתונה מיט פּ׳ פּינקעלשטיין פאָרט ס. אָפּ קיין שיקאַגאָ, וואו ער שפּילט אין מאָשקאָוויטשעס מוזיק־האָל (12 סטריט), דער־נאָך אין סט. לואיס, וואו ער רופט אַריין פון גאַס באַזוכער פאַר גליקמאַנס רוסישן כאָר. פון דאָ פאָרט ער קיין סט. פראַנציסקאָ, וואו ער טרעט אַרויס אויף דער ענגלישער וואַריעטע־בינע אַלס „דזשו קאָמידיען“ [יידיש־קאָמישע טיפּן אויף ענגליש] און דערנאָך פאָרט ער קיין לאָנדאָן, וואו ער שפּילט ענגליש.

בעת דער וועלט־מלחמה צוריקגעקומען אין אַמעריקע, וואַרפט ער אָפּ פאָרשלאַגן צו שפּילן יידיש טעאַטער און פאָרט צוריק קיין ענגלאַנד מיט דער שיף „לוזיטאַניאַ“, אויף וועלכער ער איז דעם 7 מאַי 1915 אומגעקומען בעת דער ים־קאַטאַסטראָפע.

ס. איז אין זיין צייט געווען פאַררעכנט אַלס דער בעסטער יידישער קופּלעטיסט און איז געווען דער ליבלינג פון דער איסט סייד [דער יידישער טייל פון ניו־יאָרק].

מ. ע. פון מאָריס מייער, משה זילבערשטיין און לואיס קרעמער.

סאַמבערג, אַ.

[יצחק־אייזיק סאַמבאָרעק]

געבוירן 22 פעברואַר 1889 אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ בעל־הבתישער פאַמיליע. דורך זיין פאָטערס קוזין, דער אַקטיאָר און טעאַטער־דירעקטאָר אברהם־יצחק קאַמינ־סקי, אַריינגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער, וואו ער דעביוטירט דעם 7 סעפּ־טעמבער 1907 אין וואַרשעווער זשאַרדן ד׳ היווער. זינט דאַמאָלט בלייבט ס. אַ לענגערע צייט שפּילן דראַמאַטישע און כאַראַקטער־ראָלן אין דער דראַמע, דערנאָך גייט ער איבער צו דער אָפּערעטע, באַטייליקנדיק זיך מיט קלאַ־ראַ יאַנג.

זינט 1920 פאַרוואָרפן דעם שונד־רעפּערטואַר און געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער, וואו ער באַטייליקט זיך און פירט אויף דעם ריינעם יידישן און אייראָ־פּעאישן רעפּערטואַר, צוציענדיק באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מצד דער פּרעסע און טעאַטער־פּובליקום אין דער טיטל־ראָל פון שלום אַשס „מאָטקע גנב“ און פון גאָגאָלס „רעוויזאָר“.

זומער 1923 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע“, מיט וועלכער ער מאַכט דעם טורנעע איבער רומעניע, וואו ער פירט אויף שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס“ (שפּילנדיק די ראָל „שימעלע סאָראָקער“) און (צוזאַמען מיט ל. קאַדיסאָן) בער־גערס „מבול“ און אין 1924 אין בוקאַרעסט, מאָליערס „דער קאַר־גער“ (שפּילנדיק די טיטל־ראָל).

אויף אַ געוויסער צייט ציט זיך ס. צוריק פון דער „ווילנער טרופּע“, און פאָרט אַרום גאַסטראָלירן איבער פאַרשיידענע טרופּעס 1928 – טרעט ער צוריק אַריין אין דער „ווילנער טרופּע“, מיט וועלכער ער קומט אין וואַרשע און טרעט דאָ אויף א׳ר פון דר. מיכאל וויַיכערט אין שלום אַשס „קידוש השם“ (ראָל „מענד(ל) אַרענדאַר“), דערנאָך א׳ר פון דוד הערמאַן אין לעווינזאָנס „ד(י) וויַיבערישע קניפּלעך“ און אין פּרץ „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ (ראָל „לץ“) און א׳ר פון מ. וויַיכערט אין שעקספּירס „שיילאָק“ (טיטל־ראָל).

פרילינג 1923 – אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער הייבט אָן גאַסטראָלירן אין מאַי 1923 אין בוענאָס־איירעסער אָלימפּאָ־טעאַטער אַלס „מאָטקע גנב“. דערנאָך פירט ער דאָ אויף און שפּילט די הויפּט־ראָלן אין „דער קאַרגער“, „גאָט פון נקמה“, „טאָג און נאַכט“, „דאָס גרויסע געווינס“, „שיילאָק“, „דער רעוויזאָר“, „שלמהקע שאַרלאַטאַן“, „אונטער וועלט“ פון לאַנגער, „דער פאַר־שאָלטענער“ פון ביעלאַיאַ, שלום אַשס „קידוש השם“, און פאָרט

דערנאָך גאַסטראָלירן איבער די יידישע קאָלאָניעס פֿון אַרגענטינע, און פֿון דאָ קיין בראַזיל און אורוגוויי.

צוריקקומענדיק אין אייראָפּע, גאַסטראָלירט ער איבער פּוילן און פֿירט אויף אין וואַרשע פּאָל לינדויס „פּראָקוראַטור האַלערס” [„דער אַנדערע”], שפּילנדיק די טיטל-ראָל. דערנאָך גאַסטראָלירט ער אין ריגער יידישן מעוטים-טעאַטער, אויפֿפֿירנדיק זיין רעפּערטואַר. צוריק אין פּוילן, טרעט ער אַריין אין אויגוסט 1930 אין וואַרשעווער טעאַטער נאָוואָשטשי, אויפֿטרעטנדיק אַלס „ראָבעספּיער” אין מ. וויכערטס אויפֿפֿירונג פֿון ביכנערס „דאַנטאָנס טויט”. ווידער אויף גאַסטראָלן אין ריגע און דערנאָך איבער פּוילן, טרעט ער אַריין אין וואַרשעווער „ווני'ט”, וואו ער טרעט אויף דעם 25 אַפּריל 1930 אין קאַמינסקיס-טעאַטער אין דער טיטל-ראָל פֿון דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער”.

האַרבסט 1932 — אָפּגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויף דעם 17 נאָוועמבער 1912 אין ברוקלינער געיטי-טעאַטער (דיר. — באָריס טאָמאַשעווסקי) אין זיין אויפֿפֿירונג פֿון מאָליערס „גוואַלד מיין געלד” („דער קאַרגער”) און דעם 23 נאָוועמבער 1932 אין בערגעלסאָנס „דער טויבער”, מיט וועלכן ער ענדיקט זיינע גאַסטראָלן אין אַמעריקע און, נאָכן אויפֿטרעטן אין יידישן קונסט-טעאַטער א'ר פֿון מאָריס שוואַרץ אַלס „מאָטקע גנב”, פֿאַרלאָזט ער אַמעריקע.

ס. האָט זיך — אַלס איינציקער יידישער אַקטיאָר — באַטייליקט אין פּוילישן פֿילם „פּאַן טאַדעאוש” פֿון מיצקעוויטש (אין דער ראָל „יאַנקל צימבאַליסט”).

ער איז מערערע מאָל געווען פֿאַרוואַלטונגס-מיטגליד און אויך פֿאָרזיצער פֿון יידישן אַרטיסטן-פֿאַראיין אין פּוילן.

ש. ע.

[—] ווער זיינען אונזערע אַקטיאָרן ?, „טעאַטער און קינאָ”, לאָדזש, 1, 1922.

אַ. סאַמבערג — יידישע אַקטיאָרן וועגן זיך, „ליטבל'ט”, וואַרשע, 63, 1925

יצחק אַ. סאַמבערג — ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער בינע, „טעאַטער-צייטונג”, וואַרשע, 1, 1928.

דר. ל. זשיטניצקי — סאַמבערג אַלס „מאָטקע גנב”, „פּרעסע”, ב'א, 7 מאַי 1929.

נ. צוקער — א. סאַמבערג אין „מאָטקע גנב”, „אַרגענטינער טאָג”, ב"א, 7 מאַי 1929,

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — סאַמבערגס דעביוט אין שלום אַש'ס „מאָטקע גנב”, „אידישע צייטונג”, ב'א, 7 מאַי 1929.

דר. ל. זשיטניצקי — סאַמבערג — דער „מענטש” האַרפּאַגאָן, „פּרעסע”, ב'א, 17 מאַי 1929

נ צוקער — י. סאַמבערג אַלס „דער קאַרגער” אין טעאַטער אָלימפּאָ, „אַרגענטינער טאָג”, ב'א, 17 מאַי 1929.

יוסף ראַבינאָוויטש — סאַמבערגס „קאַרגער”, „פּרעסע”, ב'א, 18 מאַי 1929.

ט. ביילין — „גאָט פֿון נקמה” פֿון שלום אַש מיט א. סאַמבערגן אַלס יעקל שאַפּשאָוויטש, „פּרעסע”, ב'א, 26 מאַי 1929.

ט. ביילין — א. סאַמבערג — רבי דן אין ש. אַנסקיס „טאָג און נאַכט”, „פּרעסע”, ב'א, 28 מאַי 1929.

ט. ביילין — „דאָס גרויסע געווינס” פֿון שלום עליכם אין טעאַטער „אָלימפּאָ” מיט א. סאַמבערג אַלס „שימעלע סאָראָקער”, „פּרעסע”, ב'א, 4 יוני 1929.

דר. ל. זשיטניצקי — וועגן שעקספּירס „שיילאָק” בכלל און א. סאַמבערג אַלס „שיילאָק”, „פּרעסע”, ב'א, 10, 11 יוני 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי — סאַמבערג דער שוישפּילער אין אויפֿפֿירונגען פֿון שעקספּיר און מאָליער, „אידישע צייטונג”, ב'א, 17 יוני 1929.

דר. ל. זשיטניצקי — א. סאַמבערג — קונסט און ליטעראַטור, „פּרעסע”, ב'א, 19 יוני 1929.

י. מ. — די קאָמעדיע „דער רעוויזאָר”, צו א. סאַמבערגס ערן-אָוונט, „אידישע צייטונג”, ב'א, 21 יוני 1929.

דר. ל. זשיטניצקי — אין דער טעאַטער וועלט, „פּרעסע”, ב'א, 21 יוני 1929.

ט. ביילין — גאָגאָלס „רעוויזאָר” אין טעאַטער „אָלימפּאָ”. דער גרויסער ערפֿאָלג פֿון א. סאַמבערגס ערן-אָוונט, „פּרעסע”, ב'א, 21 יוני 1929.

מ. ד. גיסער — „שלומקע שאַרלאַטאַן” פֿון י. גאָרדין, אויפֿגעפֿירט דורך א. סאַמבערג אין טעאַטער „אָלימפּאָ”, „אַרגענטינער טאָג”, ב'א, 26 יוני 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי — שלום אַשס „קדוש השם” אויפֿגעפֿירט פֿון אַ. סאַמבערג אין אָלימפּאָ, „אידישע צייטונג”, ב'א, 1 יולי 1929.

דר. י. קאָוועגסקי — די גוטע דאַרפֿן ניט אָפּקומען פֿאַר די שלעכטע, „פּרעסע”, ב א, 23 אויגוסט 1929.

נון צדיק [נ. צוקער] — י. א. סאַמבערג אין טעאַטער „אַרגענטינע”, „אַרגענטינער טאָג”, ב'א, 8 אָקט. 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי „אונטערוועלט” אויפֿגעפֿירט פֿון א. סאַמבערג אין טעאַטער אַרגענטינע, „אידישע צייטונג”, ב'א, 13 אָקט. 1929.

י. באָטאָשאַנסקי — י. א. סאַמבערג, „פּרעסע”, ב'א, 28 אָקט. 1929.

ח. עמער — „שיילאָק” אין מוניציפּאַל-טעאַטער, „בראַז. אידישע פּרעסע”, ריאָ, 19 נאָוו. 1929.

Bello — סאַמבערג האָט געשפּילט. דער פֿאָלקס קינסטלער, „אונזער לעבן”, מאָנטעווידעאָ, נ' 178, 1929.

מאָטל יידיש — „דער קאַרגער” פֿון מאָליער, „דער פֿאַרשאָלטענער” פֿון סאָפֿיאַ ביעלא אין דער אויספֿירונג פֿון יצחק א. סאַמבערג, „אָנהייב”, ריאָ, נ' 1, 1929.

מאָטל יידיש — שעקספּירס „שיילאָק” מיט סאַמבערגן אין דער הויפּט-ראָל, „אָנהייב”, ריאָ, נ' 2, 1929.

מאָטל יידיש — „טאָג און נאַכט” אין סאַמבערגס אויספֿירונג, „אָנהייב,” ריאָ, נ' 5 1929.

אהרן צייטלין — א. סאַמבערג, „אונזער עקספּרעס”, וואַרשע, 14 פֿעברואַר 1930.

אַ שוואַרצער [יעקב ניסענבוים] — גאַסטראָלן פֿון אַ. סאַמבערג, „לובלינער טאָגבלאַט”, 23, 30 מערץ 1930.

ק. [קיטאַי] — א. סאַמבערג אין ריגע, „פֿרימאָרגן”, ריגע, 29 מאַי 1930.

דר. משה לוסטיג — פּראָקוראַטאָר האַלערס אין 3 אַקטן פֿון פּ. לינדוי, „מאָרגן”, לעמבערג, 16 סעפּט. 1930.

קיט — אייזיק סאַמבערג אין „טויבן”, „פֿרימאָרגן”, ריגע, 10 יאַנ. 1931.

הענעך קאָהן — א. סאַמבערג, „ליטבל'ט”, וואַרשע, 11, 1932.

אב. קאַהאַן — אַ נייער שוישפּילער אין אַ פּיעסע פֿון בערגעלסאָן אין געיטי-טעאַטער. יצחק סאַמבערג אין „דער טויבער”, „פֿאָרווי”, נ. י., 26 נאָוו. 1932.

ב. י. גאָלדשטיין — יצחק סאַמבערג — אַ גאַסט פון פּוילן, „פאָ"ש", נ. י., 9 דעצ. 1932.

דר. א. מוקדוני — אַ גאַסט פון אייראָפּע. צו די אויפטריטן פון אַ. סאַמבערג, „מאָז'ש", נ. י., 11 יאַנ. 1933.

ל. פאָגעלמאַן — די אַרויסטרעטונגען פון אַ. סאַמבערג אין ניו-יאָרק, „פאָרוו.", נ. י., 13 יאַנ. 1933.

סאַמאָילאָוו, אסתּר

[פידלער, פּערקוויץ]

געבוירן 1876 אין סאַמאָטשאָוו, גאַליציע. געווען פאַרהייראַט מיטן אַקטיאָר איגנאַץ פּערקוויץ און האָט פריער מיט אים, און שפּעטער מיט איר צווייטן מאַן, מ. ב. סאַמאָילאָוו, געשפּילט איבער אייראָפּע יידיש טעאַטער. אין 1907 איז ס. געקומען אין אַמעריקע, וואו זי האָט — צוליב יוניע-באַדינגונגען — זייער ווייניק געשפּילט.

זינט 1913 האָט זי זיך, צוליב פאַמיליע-סיבות, אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער בינע.

ס.'ס און איגנאַץ פּערקוויצ'ס טאָכטער, מאַלי, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

סאַמאָילאָוו-שאַר, יעטאַ

[געב. ...18 — געשט. בערך 1929]

איינע פון די ערשטע פרימאַדאָנעס אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע. אַרום 1890 געווען פאַרהייראַט מיטן אַקטיאָר סאַמאָילאָוו, וועלכער האָט געשפּילט אין רוסלאַנד און גאַליציע. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיטן סופלער לוקאַטשער.

געשפּילט אַלס פרימאַדאָנע אין וואַלעראַגאַרטן און דערנאָך ביי ווערטהיים אין בודאַפּעסט (אונגאַרן), וואו זי האָט חתונה מיטן דאַמאַלטיקן סופלער אַנשל שאַר און ווערט דערנאָך מיט אים צוזאַמען אַנגאַזשירט אין קלמן יאַוועליר'ס טרופּע אין רומעניע (בערך 1896).

שפּעטער געקומען אין אַמעריקע, דאָ געשפּילט אין פּראָווינץ-טעאַטערס און געשטאָרבן אין ניו-יאָרק בערך 1929.

ס איז — לויט מ. ב. סאַמאָילאָוו — געווען אַ פעאיקע אַקטריסע, אַ זייער באַליבטע פרימאַדאָנע (באַזונדערס אין „שולמית" און אין די פרימאַדאָנע-ראָלן פון „בר כוכבא" און „שלמה המלך") און זייער געשעצט צווישן די קאָלעגן צוליב איר איבערגעגעבענער חברשאַפט.

ש. ע. פון מ. ב. סאַמאָילאָוו.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, ז. 243.

סאַמאָילאָוו, מאַלווינאַ

[מאַלי פּערקוויץ]

געבוירן 1900 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן איגנאַץ און אסתּר פּערקוויץ. ס. איז אין 1907 געקומען מיט איר מוטער אין אַמעריקע, וואו זי האָט געלערנט אין פּאַבליק און האַי-סקול.

אַלס געשולטער דראַמאַטישער סאָפּראַן האָט ס., אונטער איר אַדאָפּטירטן פאַמיליע-נאָמען פון איר מוטערס צווייטן מאַן, דעביוטירט אין 1924 אויף דער יידישער בינע. 1925 — האָט זי געשפּילט אַלס פּרימאַדאָנע אין באַלטימאָר, 1926 — אין ווינניפּעג (קאַנאַדע), דערנאָך אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע וואַנדער-טרופּעס איבער אַמעריקע.

ש. ע.

סאַמאָילאָוו, משה-בער

געבוירן 17 דעצעמבער 1876 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — צווייטער סינאַגאָגע-קאַנטאָר, וועלכער ווערט דערנאָך אויבערקאַנטאָר אין טאַרנאָוו, גאַליציע, וואו ס. באַקומט זיין עלעמענטאַרע דערציאונג אין אַ פּוילישער שול און לערנט יידיש און העברעאיש אין דער יידישער שול פון צעלט.

אין 1885 טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין גאַלאַץ (רומעניע), וואו זיין פאָטער ווערט אויבערקאַנטאָר און געזאַנג-לערער. דאָ לערנט ס. אין שול ביים קריסטלעכן דייטש מאַרין פינסקער און יידיש אין דער פּריוואַטער דייטש-יידישער שול פון טעלער, אַ מחבר פון אייניקע העברעאישע ספרים. שפּעטער פאָרט ס. שטודירן אין אַ ווינער גימנאַזיע, אָבער צוליב זיין פאָטערס טויט, קערט ער זיך צוריק אַהיים.

נישט קאָנענדיק באַקומען קיין באַשעפטיקונג, פאַרלאָזט ס. זיין היים און לאָזט זיך וואַנדערן ביז בוקאַרעסט, וואו ער האָט די געלעגנהייט צו זען גאָלדפאַדענס אויפפירונג פון „משיחס צייטן". ס. באַקומט שטאַרקן חשק צו דער בינע. אַזוי ווי די ניגונים זיינען אים באַקאַנט נאָך פון זיין פאָטערס „קאָמפּאָזיציעס", ווערט ער אויפגענומען אַלס כאָריסט אין יאַוועליר'ס טרופּע אין זשיגניצאַ. די ערשטע ראָל, אין וועלכער ס. דעביוטירט, איז אַ „דינער" אין דער אָפּערעטע „רש"י". אויך אין די שפּעטערע טרופּעס (פון סעגאַלעסקאָ און גאָלדפאַדען) זינגט ס. אין כאָר און שפּילט קליינע ראָלן. ערשט ווען גבריאל פינקעלשטיין מיט זיין פרוי אַנעטאַ (געוו. פינקעל) שטעלן צונויף אַ טרופּע (פינקעלשטיין און פרוי, יוסף וויינשטאָק [רעזשיסער], שפּיגלער [סופלער] און פרוי, סימאָוויטש, זילבערמאַן, פרידמאַן און פרוי) פאַר בולגאַריע, באַקומט ס גרעסערע ראָלן און פאָרט אַרום מיט דער טרופּע איבער בולגאַריע, רומעניע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, גאַליציע און בערלין.

שפּעטער איז ס. 3 סעזאָנען דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין קראָקע (גאַליציע), 2 יאָר שפּילט ער אין לעמבערג א״ר פון גימפּעלן און איז אייניקע יאָר רעזשיסער און שוישפּילער אין טשערנאָוויץ א״ד פון אַקסעלראַד, וואו ער פירט אויף צווישן אַנדערע פּיעסעס לעסינגס „נתן החכם״ און דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי״.

אַ געוויסע צייט האָט ס. געשפּילט אויף דער דייטשער בינע מיט די אַקטיאָרן געאָרג עגער און אַלעקסאַנדער מאָלטען, דערנאָך מיט פרידאַ לאַניוס און קאָרף און שפּעטער מיט דער קעניגלעכער שוישפּילערין אַנעטאַ באַרסעסקאַ אויף דייטש און רומעניש. אונטערן דרוק פון אַנטיסעמיטיזם צווישן די דייטשע אַקטיאָרן אין אַלעקסאַנדער-טעאַטער אין בערלין, האָט ס. באַשלאָסן צוריקצוקערן צו דער יידישער בינע.

זינט 1907 שפּילט ס. אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, וואו ער האָט אויך געשפּילט אייניקע סעזאָנען אין יידישן קונסט-טעאַטער. אין אַמעריקע האָט ס. אויך אייניקע מאָל געשפּילט און רעזשיסירט העבּרעאישע פאָרשטעלונגען פון פּרץ הירשביינס פּיעסעס.

1930-31 — האָט ס. געשפּילט אויף ענגליש איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ די ראָל „אַברהם קאַפּלאַן״ אין עלמאַר רייסעס פּיעסע „סטריט סצין״.

1918-19 — האָט ס. פאַרעפנטלעכט אין „דיא וואַרהייט״ אייניקע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

ש. ע.

אוריאל מזיק — בילדער גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „דער טאָג״, נ. י., 26 יאַנ. 1918.

ב. באַטווינִיק — יונגע אידישע טאַלענטען אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרוו.״, נ. י., 24 דעצ. 1918.

אַלטער עפּשטיין — אינטערעסאַנטע מאָמענטען אין אַקטיאָרן-לעבען, „דער טאָג״, נ. י., 9 פעבר. 1919.

[—] — צוויי פּראָמינענטע אידישע שוישפּילער טרעטען אויף היינטיגע וואָך אויף דער ענגלישער ביהנע אין באָסטאָן, „פאָרוו.״, באָסטאָן, 16 נאָוו. 1930.

[—] – Veteran from Yiddish Stage in Prize Play, „Daily Record", Boston, 1 Dec. 1930.

[-] – Samuilow in many hits, „Boston Evening American", 12 Dec 1930.

ש. וויסבאָרד — סטריט סצין אין מאַדזשעסטיק טעאַטער, „דער טאָג״, באָסטאָן, 17 דעצ. 1930.

[—] – The Language Star Actor in „Street Scene" has acted in many Yougues, „Evening Public Ledger", Philadelphia, 14 Febr. 1931.

[—] — בעוואוסטער אידישער שוישפּילער אין הויפּטראָל פון שעהנע פּיעסע אין פאָרעסט טעאַטער, „דער טאָג״, פילאַד., 25 פעבר. 1931.

[ ] — ענגלישער אַקטיאָר וואָס לייענט דעם „פאָרווערטס״, „פאָרוו.״, פילאַד., 1 מערץ 1931.

מ. ב. סאַמואילאָוו — אַ בריף פון מר. סאַמאַילאָף, דער אידישער אַקטיאָר וואָס שפּילט אַ וויכטיגע ראָל אין דער ענגלישער פּיעסע „סטריט סין״, „פאָרוו.״, פילאַד., 8 מערץ 1931.

[—] – M. B. Samuylow's acting is too real at simes, „The Philadelphia Record", 8 March 1931.

סאַמאָילאָוו, ס.

[שלמה רעזידענט]

1902 — געשפּילט ביי ליפּאָווסקי-קאָמפּאַניעץ. געהאַט אַ פיינע טענאָר-שטים. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אַרויסטרעטן אַלס אוקראַאינישער קופּלעטיסט און לסוף איבערגעגאַנגען צו דער אוקראַאינישער בינע.

מ. ע. פון נחום ליפּאָווסקי.

סאַמערסאָן, מיכאל

[געב. 1891 — געשט. סעפּט. 1928]

געבוירן 1891 אין וואַרשע, פּוילן, ביי אָרימע עלטערן. געלערנט אין חדר. געשפּילט מיט „ליבהאָבער״. 1908 — אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין בוענאָס-איירעס און אויך דאָ אַ געוויסע צייט געשפּילט מיט „ליבהאָבער״. 1914 — געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט מאַשקאָוויטש, לאַבעל, גוטענטאַאַג, אַרנשטיין, סאַקאָלאָוו, זאַסלאַווסקי און מאָרעווסקי.

1926 — איז ס. געפאָר. קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ (בראַזיל), וואו ער האָט געשפּילט אונטער דייטשעס רעזשי. נאָך אַ קורצן גאַסטשפּיל אין אַרגענטינע אין 1927 איז ער צוריקגעקומען אין בראַזיל, וואו ער איז אין סעפּטעמבער 1928 געשטאָרבן פון אַ האַרץ-שלאַג.

ס. האָט געהערט צו די אינטעליגענטערע יידישע אַקטיאָרן אין אַרגענטינע.

ער האָט געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן אין פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר און באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין „דבוק״ („חנן״) און „די משפחה״ („עליאַש״).

ש. ע. פון יעקב באָטאָשאַנסקי.

נ. צוקער — בלאַנדזשענדע שטערן, „אַרגענטינער טאָג״, ב״א, 25 דעצ. 1928.

יעקב פרנס — אַ קבר אָן אַ מצבה, „ריאָ דע זשאַנעיראָ״, 1 נאָוועמבער 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי — צווישן פאַרהאַנג און לייוונט, „די פּרעסע״, ב״א 13 דעצ. 1929.

סאַן-קלעיר, מאַטילדאַ

[מאָנטיבאַנד]

געבוירן אין לאָדזש, פּוילן. פאָטער — אַ מאַנופאַקטור-פאַבריקאַנט. באַקומען אַן אַסימילאַטאָרישע דערציאונג. געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע אין וואַרשע און דערנאָך, צוליבן פאָטערס געשעפטן, אין לייפּציג. דאָ לערנט זי אויך אין אַ טאַנץ-שול און דערנאָך לערנט זי אין וואַרשע זינגען ביי פּראָפ. ליפּיאַנסקי.

דעביוטירט נאָך אין לייפּציג אויף דער דייטשער בינע, דערנאָך געשפּילט אין פּוי-

לישן טעאַטער אין לאָדזש און אין וואַרשע. שפּעטער אין קיעווער שטאָטישן טעאַטער אויף רוסיש און פון דאָ געפאָרן קיין בערלין, וואו זי האָט געשפּילט אויף דייטש אין „נויעס אָפּערעטען-הויז". געקומען צוריק אין וואַרשע, טרעט זי אַריין אין עליזעאום-טעאַטער, און דעביוטירט דאָ אין יידיש אין אַלמוניס [י. ל. וואָהלמאַ] אָפּערעטע „דער שטרויענער אלמן", שפּעטער אין אַנדערע אייראָפּעאישע אָפּערעטעס.

פון דאָ פאָרט זי ווידער קיין מערב-אייראָפּע, וואו זי שפּילט אין די דאָרטיקע טעאַטערס, ביז יאָזעף רומשינסקי, וועלכער איז צו-גאַסט אין אייראָפּע, אַנגאַזשירט זי אין 1921 פאַרן סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וואו זי דעביוטירט דעם 15 סעפּט. 1921 אין דער אָפּערעטע „די רוסישע פּרינצעסין" [שפּעטער גערופן „די לוסטיקע רוסישע פּרינצעסין" – אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דער דייטשער אָפּערעטע „די טאָללע קאָמטעסע"] (רעזשי – ס. ראָזענשטיין, מוזיק – י. רומשינסקי). אַרויסטרעטנדיק פון דער טרופּע, רייסט זי איבער אויף אַ קורצע צייט איר שפּילן אויף דער יידישער בינע און ערשט דעם 30 מערץ 1923 הייבט זי אָן גאַסט-ראָלירן אין לענאָקס-טעאַטער אין דער אָפּערעטע „די געפערלעכע מויד" (מוזיק – פּרץ סאַנדלער). דעם 13 אַפּריל 1923 שפּילט זי דאָ אין ליליעןס פּיעסע „אַ כלה אָן אַ חתן" און דעם 31 אָקטאָב. 1924 – אין ליליעןס „סיידי וואו קריכסטו?" (מוזיק – א. אָלשאַנעצקי). דעם 21 נאָוו. 1924 – ל. פריימאַנס „די ווילדע ליבע", דעם 30 דעצ. (מיט נייטאַן גאָלדבערג) – „מערי" אין שלום אַשס „מאָטקע גנב", דעם 6 פעבר. 1925 – אין וויליאַם סיגעלס „דער ציגיינער-פּרינץ" און שפּעטער „פלאָראַ" אין ליליעןס „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין".

דערנאָך האָט ס. זיך צוריקגעצויגן פון דער יידישער בינע.

מ. אָשעראָוויטש שרייבט וועגן ס.׳ס שפּילן אין ניו-יאָרק: „אין יענער צייט [סעזאָן 1921-22] האָט זיך מוני ווייזענפריינד אַנגאַזשירט אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, וואו מען האָט געשפּילט אָפּערעטען פון נישט קיין געהויבענעם שניט. די הויפּט-אַטראַקציע אין יענעם טעאַטער איז דאַמאָלט געווען מאַטילדאַ סאַן-קלער, וועמען מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון פּוילן מיט גרויס פּאָמפּ און וועלכע האָט שפּעטער דווקא נישט זייער שטאַרק אויסגענומען. די ערשטע פּיעסע – „די רוסישע פּרינצעסין" – אין וועלכער זי איז אויפגעטראָטן, איז שנעל דורכגעפאַלן. און די קריטיקער, וועלכע האָבן וועגן דער נייער שוישפּילערין געשריבן מיט נישט ווייניק אַנטוישונג, האָבן צו איר געהאַט גערעכטע טענות פאַרוואָס זי דערלויבט זיך צו זינגען עפּעס אַ וואולגאַר לידל „איך רייב"."

מ. אָשעראָוויטש – מאַטילדאַ סאַן-קלעיר, די נייע אידישע פּרימאַדאָנע, „פאָרוו.", נ. י., 19 אויג. 1921.

בן-יעקב – מאַטילדע סעינט קלעיר אין לענאָקס טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 7 נאָוו. 1924.

מ. אָשעראָוויטש – „דוד קעסלער און מוני ווייזענפריינד", נ. י., 1930, זז. 208-209.

סאַנדו, א.

[אַלעקסאַנדרו-סאַמועלי]

געבוירן 26 אַפּריל 1894 אין בוקאַרעשט, רומעניע. געווען פאַרוואַלטער פון טעאַטער-אונטערנעמונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן. זינט 1916 פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין רומעניע אַלס דירעקטאָר און פאַרוואַלטער פון פאַרשיידענע טרופּעס: „ווילנער טרופּע", „וויק׳ט", „ווילנער אָפּערעטעס-טרופּע", באַראַטאָוו, קאַניעווסקאַ-בריימאַן, פישזאָן-זאַסלאַווסקי, טורקאָוו-קאַמינסקאַ, לודוויג זאַץ א. א.

ש. ע.

סאַנדלער, פּרץ

[געב. 18 מאי 1881 - געשט. 9 אָקט. 1926]

געבוירן 18 מאַי 1881 אין לונא, גראָדנער גוב., פּויליש-ליטע. פאָטער – אַ מלמד. געלערנט אין חדר, שפּעטער אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין אָדעס און דאָרט געענדיקט שטאָטישע שול. פון דער פריסטער יוגנט געהאַט אַ נייגונג צו מוזיק, וואָס די עלטערן האָבן זיך באַמיט צו דערשטיקן. אין אָדעס האָט ס. אויך שטודירט אין אַ מוזיק-שול. אַלס דערוואַקסענער אַריינגעטראָטן אין אָדעס אַלס בוכהאַלטער אין אַ געשעפט.

נאָכדעם ווי זיינע עלטערן עמיגרירן קיין ענגלאַנד (גלאַזגוי), פאָרט ס. אָפּ אַליין קיין וואַרשע, וואו ער טרעט אַריין שטודירן אין קאָנסערוואַטאָריע, און נעמט גלייכצייטיק פּריוואַטע לעקציעס ביי מתתיהו בענסמאַן.

נאָכן ענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע אַלס „מיליטער-קאַפּעלמייסטער" פאָרט ס. אָפּ קיין אומאַן אַלס דירעגענט פון דאָרטיקן סימפאָנישן אָרקעסטער און פאַרטרעט אויך – דורך אַ צופאַל – אַ קורצע צייט דעם דיריגענט פון דער דאָרט גאַסטראָלירנדיקער יידישער טרופּע א׳א פון מייערסאָן, וואו ער דעביוטירט מיט אַ קאָמפּאָזיציע (אַ רומעניש טענצל) פאַר דער אימפּאָרטירטער אָפּערעטע „דאָס יידישע האַרץ" פון לאַטיינער.

אויף דער רעקאָמענדאַציע פון מייערסאָן ווערט שפּעטער ס. אַנגאַזשירט צו קאָמפּאַניעצן אין מוראַנאָווער טעאַטער אין וואַרשע, אָבער נישט איינזעענדיק קיין פּאַסיקע געלעגנהייט דאָרט צו אַרבעטן, טרעט ער באַלד אַריין אַלס דיריגענט אין דער טרופּע פון סעם אַדלער (טעאַטער קראָלעווסקי), וואו ער שרייבט אָן אַ קאָמפּאָזיציע צו אַ ליד „אַמאַליע" (אסתר נעראָסלאַווסקאַ) אין שילערס „די רויבער". דידאָזיקע קאָמפּאָזיציע איז אויף אַזויפיל נושא חן ביים פּובליקום און אין די טעאַטער-קרייזן, אַז סעם אַדלער גיט אים באַלד אָנצושרייבן מוזיק פאַר לאַטיינערס אָפּערעטע „יוסף מיט די ברידער", וועלכע גייט דערנאָך מיט אַ ריזיקן דערפאָלג, אַדאַנק דער זייער צוגעפּאַסטער אָריענטאַלישער מוזיק. וועגן דעם שרייבט יוליוס אַדלער: „אַ נאָמען האָט זיך סאַנדלער דערוואָרבן אין וואַרשע אין די אַרטיסטישע קרייזן מיט דער מוזיק צו „יוסף און זיינע ברידער". דאַמאָלט האָב איך זיך מיט אים באַקענט און אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט זיינע המצאהדיקע איבערגאַנגען פון איין טאָנאַרט צום צווייטן, זיינע ניואַנסן, זיינע פאַרגרעסערטע און פאַרקלענערטע סעפּטימען-אַקאָרדן, נאָנען-אַקאָרדן, מוזיקאַלישע רעטשיטאַטיוו, פּראַכטפולע מעלאָדיען, קאָנטראַפּונקט און בכלל די „מוזיק", וואָס ער האָט אַריינגעלייגט

אין אַזאַ שמאַטעדיקע פּיעסע ווי לאַטיינערס „יוס, מיט די ברידער". איך האָב אין אים געזען אַ ליכטיקן שטערן פאַרן וואַקסנדיקן יידישן טעאַטער".

צוזאַמען מיט דער טרופּע פאָרט ס. קיין קיעוו, וואו ער גייט איבער אַלס דיריגענט אין דער רוסישער אָפּערעטעס־טרופּע פון נאָוויקאָוו, באַלד אָבער טרעט ער אַריין אין קרויזעס יידישער טרופּע און ווערט דורך אים ווידער געבראַכט צו דער „פאַראייניקטע טרופּע" אין וואַרשע, פון דאָרט גייט ער איבער אין עפּעלבערגס טרופּע, וואו ער שרייבט אַ מוזיק צו דער אָפּערעטע „די יידן אין מאַראָקאָ" און דערנאָך טרעט ער אַריין צו קאַמינסקין אין דעם נייגעעפנטן קאַמינסקי־טעאַטער, וואו ער שרייבט מוזיק צו אברהם־יצחק קאַמינסקיס אָפּערעטעס „עקיבא מיט די תלמידים" און „אבן עזרא, דער יידישער מיניסטער".

1912 — ווערן ס. צוזאַמען מיט יעקב ליבערט און ה. עפּעלבערג (א. קאָמפּאַניעץ — פאַרוואַלטער) די בעלי־הבתים פון עליזעאום־טעאַטער אין וואַרשע, וואו עס ווערן צום ערשטן מאָל אויפגעפירט (מיט אסתר נעראָסלאַווסקאַ, יעקב קעלטער און ס. לאַנדוי) די איידאָפּעאישע אָפּערעטעס „חוה", „שושנה די צנועה" און „ציגיינער ליבע" [איבערזעצט פון פסח קאַפּלאַן און יעקב וואַקסמאַן].

1913 — ווערט ס., צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתר נעראָסלאַווסקאַ, אַנגאַזשירט צו טאָמאַשעווסקין אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל־טעאַטער, אָבער ער מוז זיך באַגנוגענען מיט אָנשרייבן מוזיק צום פּראָלאָג פון דימאָווס פּיעסע „דער אייביקער וואַנדערער" [12 דעצ. 1913] און דיריגירן בלויז 9 מאָל די אויפפירונג פון „עוואַ": זיין וווילטערדיקע טעטיקייט ווערט געשטערט מצד דער דאַמאָלטיקער מוזיקער־יוניע.

נאָכן באַגלייטן זיין פרוי אויף אירע גאַסטראָלן איבער לאָנדאָן, פּאַריז און טשערנאָוויץ, וואו ס. האָט אויך אויפגעפירט און דיריגירט די אָפּערעטעס, קומט ער מיט איר צוריק אין וואַרשע, וואו ער ווערט צוגענומען אין מיליטער. באַפרייט נאָכן דינען 6 חדשים, ווערט ער אין ווילנע דיריגענט אין דער אָרטיקער טרופּע פון ליפּאָווסקי, וואו ער פירט אויף די איבערזעצטע איידאָפּעאישע אָפּערעטעס, דערנאָך וואַנדערט ער איבער פאַרשיידענע יידישע טרופּעס ביז וויטעבסק, וואו עס ווערט פאַרווערט צו שפּילן אין יידיש און די טרופּע גייט איבער צו שפּילן דעם יידישן רעפּערטואַר (פון גאָרדין ביז טאָמאַשעווסקי) אין אַ רוסישער איבערזעצונג. אין וויטעבסק ווערט ס. ווידער מאָביליזירט, אָבער ער אַנטלויפט ווידער קיין כאַרבין, וואו ער דיריגירט כמעט אַ יאָר צייט אין דער דאָרט צונויפגעשטעלטער יידישער טרופּע.

אין מערץ 1917 איז ס. צוזאַמען מיט זיין פרוי געקומען איבער יאַפּאַן און קאַנאַדע אין ניו־יאָרק. דאָ שרייבט ער אַן מוזיק צו דער אָפּערעטע „ציגאַנקאַ אַזאַ" (מאַי 1917) אין נעשאָנאַל־טעאַטער, אָבער, צוליב די יוניע־באַדינגונגען, קאָן ער נישט ווערן אַנגאַזשירט אין ניו־יאָרק און ער ווערט דעריבער פאַרן סעזאָן 1917-18 אַנגאַזשירט קיין פילאַדעלפיע צו הערשל צוקערבערג און סעמיועל גאָלדענבערג, וואו ער מוז זיך באַגנוגענען צו שרייבן „אילוסטראַציע־מוזיק" צו די מעלאָדראַמעס, וועלכע ווערן געשפּילט אין יענעם טעאַטער, צווישן אַנדערע, צו זאָלאָטאַרעווסקיס „וועדינג־רינג", „ווי אַ מאַן ליבט", „דער קעניג פון ליבע" און „מוטער־ליבע".

סעזאָן 1918-19 איז ס. אַנגאַזשירט צו אַנשל שאָר אין פילאַדעלפיער אַרטש. טעאַטער, וואו ער שרייבט ווייטער בלויז „אילוסטראַציע־מוזיק", דערונטער צו די מעלאָדראַמעס „פּאַלעסטינער מאַמעס" און זאָלאָטאַרעווסקיס „קינדער קומט אַהיים".

פאַרן סעזאָן 1919-20 איז ס. אַנגאַזשירט ביי מאַקס ר. ווילנער און מאָריס שוואַרץ אין פילאַדעלפיע, וואו אויסער „אילוסטראַציע־מוזיק" צו די געשפּילטע מעלאָדראַמעס שרייבט ער אויך אַן די קאָמפּאָזיציע צו דער אָפּערעטע „צמאָל אין מאַי" (טעקסט און לידער אַדאַפּטירט אין יידיש פון מאָריס שוואַרץ). די אָפּערעטע ווערט אין פילאַדעלפיע געשפּילט 26 וואָכן, וואָס ווערט דעמאָלט באַטראַכט פאַר אַ גרויסן רעקאָרד אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פילאַדעלפיע און ס.'ס נאָמען אַלס קאָמפּאָזיטאָר ווערט זייער פּאָפּולער אין די יידישע טעאַטער־קרייזן פון ניו־יאָרק. אין אַפּריל 1920 טראָגט זיך שוואַרץ איבער מיט זיין פילאַדעלפיער טרופּע קיין ניו־יאָרק און פירט אויף די אָפּערעטע דעם 20 אַפּריל 1920 אין אירווינג־פּלייס־טעאַטער.

צום סעזאָן 1920-21 איז ס. אַנגאַזשירט צו יוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן, וואו עס ווערט אויפגעפירט „אַמאָל אין מאַי" און „דאָס אייביקע לידעלע". דאָ שרייבט ס., צווישן אַנדערע קאָמפּאָזיציעס, די מוזיק צו פריימאַנס אָפּערעטע „דער זון פון ישראל" און „וועלוועלע כוואַט" און צו דימאָווס „ירושלים".

דורך דער צייט איז ס. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער מוזיקער־יוניע און ער באַקומט די מעגלעכקייט צו ווירקן אין ניו־יאָרק.

דעם סעזאָן 1922-23 איז ס. אַנגאַזשירט ביי יוליוס אַדלער און הערמאַן סיעראַצקי אין ליבערטי־טעאַטער, וואו עס ווערט צו דער דערעפענונג דעם 8 סעפּט. 1922 אויפגעפירט יוליוס אַדלערס אָפּערעטע „דאָרפישע ליבע" מיט מוזיק פון ס. וועגן דעם שרייבט יוליוס אַדלער: „צו דער עפנונג פון דעם סעזאָן שטעל איך מיינע אַן אָפּערעטע „דאָרפישע ליבע". סאַנדלער שרייבט דעם גאַנצן זומער מוזיק צו איר. די גאַנצע יידישע מוזיקאַלישע וועלט [אין ניו־יאָרק] איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די צוויי נייע פּאַרפּאַסערס. און אַ גרויסן רושם מאַכן [מאַכט] סאַנדלערס מוזיק. אָבער זיינע גם־פאַרגינערס טרייסטן זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ צופאַל, אַז די מוזיק האָט ער צוגעגרייט דעם גאַנצן זומער, אַז ס'וועט אים ניט קלעקן קיין מעלאָדיען פאַרן גאַנצן סעזאָן א. אַז. וו. — און דאָ קומט זייער אַנטוישונג. צום אָנהייב פון דער זעלביקן סעזאָן האָט מען אין איינעם פון די ניו־יאָרקער טעאַטערס אויפגעפירט משה שאָרס אַ פּיעסע „פאַר דער חתונה". די פּיעסע איז צוליבן שלעכטן שפּילן פון די אַקטיאָרן און צוליב דער געוויינלעכער, שאַבלאָנער מוזיק, דורכגעפאַלן. איך קויף די פּיעסע, „מאַך" זי אַביסל איבער, „שנייד" זי צו פאַר מיין טעאַטער און סאַנדלער שרייבט צו איר נייע מוזיק. דאָ האָט זין סאַנדלער באַוויזן אין זיין גרויס, ווייל די פּיעסע אַלס אָפּערעטע [גערופן „אַ חתונה אויף שפּאַס"] איז געווען פון אַ גרעסערן פאַרנעם ווי מיין „דאָרפישע ליבע"."

דאָס ליבערטי־טעאַטער עקסיסטירט נישט לאַנג. ס. שרייבט נאָך מוזיק צו ליביקס „מיידלשע חשבונות" (31 דעצ. 1922 אין ראָיאַל יוניאָן־טעאַטער) און צו דער אָפּערעטע „די געפערלעכע מייד" (30 מערץ 1923 אין לענאָקס טעאַטער). ס.'ס נאָמען איז אָבער זייער פּאָפּולער און צום סעזאָן 1923-24 ווערט ער אַנגאַזשירט אין נעשאָנאַל־טעאַטער (מענ. — לואיס גאָלדבערג און מ. סאַקס), וואו עס ווערט דעם 11 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט משה שאָרס

אָפּערעטע „די רומענישע חתונה" [די פריערדיקע פּיעסע „פאַר דער חתונה" אָדער „אַ חתונה אויף שפּאַס"] מיט נייער מוזיק פון ס. די אָפּערעטע ווערט געשפּילט אייניקע חדשים און די טעאַטער־קריטיק איז איינשטימיק, אַז דעם דערפאָלג האָט מען צו פאַרדאַנקען ס.׳ס נייעם טאָן אין דער מוזיק. אַזוי שרייבט דר. א. מוקדוני: „די רומענישע חתונה" איז באַשערט צו האָבן אַ גוטן מוזיקער — פּרץ סאַנדלער. פּרץ סאַנדלער איז אַוועק פון דער סקאַרבאָווער יי. ישער אָפּערעטען־מוזיק, פון דעם נודנעם מוזיקאַלישן זיפּצעלע, פון דער האַלב־ווייַנענדיקער האָפּקעלע. פון אַלע אָפּגעדראָשענע זמירותלעך, פון אַלע בית־המדרשדיקע מוזיקאַלישע ניגונישן און פון פאַרפלאַכטער פלומרשטער פאָלקס־מוזיק. עפּעס אַ פרישער מוזיקאַלישער ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן". צ. ה רובינשטיין שרייבט: „פון שטיקלעך און ברעקלעך, וועלכע מען האָט פון צייט צו צייט געהערט פון סאַנדלערן, האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ גוטער איינדרוק, אָבער ניט אַלע האָבן ערוואַרטעט, אַז ער וועט „מאַכן גוט" אין אַ גרעסערער זאַך פאַר אַ גרויסן יידישן טעאַטער. „די רומענישע חתונה" האָט אָבער באַוויזן, אַז סאַנדלער איז אַ וויכטיקע מוזיקאַלישע קראַפט און אַז די מענעדזשערס [טעאַטער־פאַרוואַלטערס] האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות וואָס זיי האָבן אים ביז איצט פאַרזען. ...כאָטש דאָס רומענישע דאַרף איז בלויז אַ הינטערגרונט צו דער האַנדלונג, וואָס איז דורכאויס יידיש, איז דאָך דער רומענישער, אָריענטאַליש־סענטימענטאַלער מאָטיוו פרעדאָמינירענד, און די קאָמבינאַציע איז אַ געראָטענע, ווייל אָט די מאָטיוון זיינען נאָענט צום יידישן האַרץ. ...סאַנדלערן איז ספּעציעל געלונגען דער „חג האסיף" פון די פויערים. דער צווייטער אַקט — דער פאַראַד־אַקט — איז דער מוזיקאַלישסטער פון אַלע און טאַקע דער שענסטער אויך". ישראל דער יענקי [י. פרידמאַן] שרייבט: „די מוזיק אין דער זינג און טאַנץ־קאָמעדיע „די רומענישע חתונה" האָט ניט קיין צענטראַלן געדאַנק, קיין מיטל־פּונקט אויף וועלכן אַלע מעלאָדיען זאָלן זיך באַגעגנען און שעפּן פון דאָרט זייער מוזיקאַלישע[ר] עקסיסטענץ אַזוי צו זאָגן. אָבער די איינצלנע נומערן זיינען אַזוי לעבעדיק, אַזוי פּילפּעריק, אַז דער עולם טאַנצט אונטער פון די סיטס [ערטער]. מאַנכע פון די נומערן זיינען ווירקלעך עכט רומעניש־טרויעריקע און פרייליכע — צווישן וועלכע עס לאָזן זיך מערסטנס פילן די באַרימטע רומענישע „דאָינא" און אויך די „האָראַ"."

דעם 18 יאַנואַר 1924 ווערט אין נעשאָנאַל־טעאַטער אויפגעפירט ה קאַלמאַנאָוויטשעס „דעם טאַטנס זונדעלע". דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין אָפּערעטע. נאָר ס. האָט זי בלויז „באַקליידט" מיט מוזיק־נומערן, אָבער אויך דאָ רופט זיך אָפּ די קריטיק זייער גוט וועגן ס.׳ס מוזיק: „אין דער קאָמעדיע זיינען דאָ אַ סך נומערן געזאַנג און גענוג מוזיק צוגעפּאַסט פון פּרץ סאַנדלער. און כאָטש דאָ ווערט די גאַנצע זאַך נישט קאָנצענטרירט אַרום דער מוזיק, פונדעסטוועגן זיינען דאָ גאָר אַ סך נומערן, וואָס צווינגען דעם עולם צו פאַרגעסן זיך אויף דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער דערציילונג און אין זיינען האָבן די מוזיק." [ב. י גאָלדשטיין] „צו דעם אינהאַלט קומט די מוזיק פון פּרץ סאַנדלער, וועלכער האָט געוויזן אַז ניט נאָר קאָן ער שרייבן אויסגעצייכנטע פאַרניאָלעס און וואָלעכלעך, נאָר אויך מוזיק פון אַן אַנדערן שניט, די מעלאָדיעס זיינען לייכט און ברענגען אַריין אין אַ פרייליכער שטימונג נאָך איידער די קאָמישע סיטואַציעס אַנטוויקלען זיך."

דער סעזאָן ווערט פאַרענדיקט מיט דער אויפפירונג (28 מערץ 1924) פון נ. ראַקאָווס אָפּערעטע „מענדל אין יאַפּאַן", מוזיק פון ס. אויך דאָס מאָל רופט זיך אָפּ די קריטיק זייער גינסטיק וועגן ס.׳ס מוזיק. אַזוי שרייבט ב. י. גאָלדשטיין: „דאָס איז גיכער מוזיק געשאַפן פון אַ יידישן שטימונגספולן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס איז אויסגעוועבן וואו די וועלט האָט אַן עק, האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט אַלע צאַרטע געבעט־שטריכן און עלעגיעס פון די פעלקער און לענדער. און אַצינד, ווען ער הייבט אָן צו שעפּן דעם אָנגעזאַמלטן קוואַל, ווערט מען פאַרכאַפּט פון דער פאַרבנרייכקייט פון זיין מעלאָדיע אין „מענדל אין יאַפּאַן" קאָן מען זיך אויך איבערצייגן, אַז סאַנדלער באַזיצט אויך פעאיקייט פאַר האַרמאָניע. אַמבולטסטן האָט זיך דאָס אָנגעזען אין אָנהייב פון צווייטן אַקט און אויך אין אַנדערע כאָר־נומערן. ...און ווען די יידישע אָפּערעטן־בינע וואָלט זיין רייך מיט טאַלאַנטירטע זינגער, יעדער אויף זיין געביט, וואָלט ער געקאָנט אַרויסברענגען דאָס ווייטסטע און טיפסטע פון איטלעכער שטים. ...מיר האָבן פאַר זיך אַ מוזיקער, וואָס באַזיצט אַ גרויסן קוואַל פון מעלאָדיע, צו וועלכן ער האָט זיך ערשט צוגערירט און וועלכן ער נוצט אויס פאַרשיידנאַרטיק און פאָרזיכטיק. און ווי טיף און גרויס עס זאָל ניט זיין דער קוואַל — איינס איז זיכער; ער איז פול מיט גראַציע, פול מיט שוואונג און איז לייכט, פיין, טיפּיש אָפּערעטנמעסיק". ליליפוט שרייבט אין „פרייהייט": „דער לייט־מאָטיוו אַליין האָט שוין אָנגענעם אַרומגעכאַפּט די נשמה און דער קאָמפּאָזיטאָר האָט גלייך געקריגן דעם כשר־פאַרדינטן אַפּלויז. ...די יאַפּאַנעזישע מאָטיוון זיינען פּשוט באַגייסטערנד און די מוזיק צו די טענץ דערמאַנט אונז אָן די שענסטע אייראָפּעאישע אָפּערעטען".

דעם סעזאָן 1924־25 בלייבט ס. ווייטער אַנגאַזשירט אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט אין נעשאָנאַל־טעאַטער, וואָס ווערט געעפנט דעם 3 אָקטאָבער 1924 מיט ישראל ראָזענבערגס אָפּערעטע „קאַווקאַזער ליבע" מיט מוזיק פון ס., און ווידער איז די קריטיק באַגייסטערט: „סאַנדלערס מוזיק צו „קאַווקאַזער ליבע" איז פון דעם סאָרט, וואָס גייט אַ סך ווייטער ווי די בינע־לעמפּלעך. זי גייט אַריבער צום פּובליקום און פון דאָרט איז זייער מ ע ג ל ע ך, אַז [זי] זאָל אַריינמאַרשירן אין די שעפּער [פאַבריקן] און אין די היימען. סאַנדלער גייט ניט צו די קלאַסיקער פון דאָרטן זיך אָנשעפּן מיט טיפער „תורה". ער גייט צו די פויערישע פאָלקסקוועלן (דאָס מאָל די קאַווקאַזער און אַנדערע רוסישע פאָלקס־מאָטיוון) און אויך צו די יידישע פאָלקס־קוועלן און דיזע נעמט ער אויף זיינע אייגענע כלים און גיט עס דעם פּובליקום פאַרטיק צעקייט און פאַרדייט. דאָס פּובליקום דאַרף ניט קנייטשן דעם שטערן צו באַגרייפן די „טיפענישן" פון דער מוזיק, נאָר די מוזיק גייט גלייך צו זיין האַרץ און פאַרשטאַנד" [ישראל דער יענקי]. „פון סאַנדלערס מוזיק שלאָגט אַ וואַרעמקייט, דער מאָטיוו אַ מעלאָדישער, אָריענטאַליש־יידיש" [ר. לעווין]. גאַנץ אַנדערש שרייבט דער רעצענזענט פון „פרייהייט" נ. בוכוואַלד: „די מוזיק טומלט צופיל, אַזוי, אַז ס׳איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק צי פּרץ סאַנדלערס מוזיק איז גוט צי ניט".

דעם 5 נאָוועמבער 1924 ווערט אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט אברהם שאָמערס קאָמעדיע „אַ פאָינט אָוו אָרדער" און דעם 28 יאַנואַר 1925 — זאָלאָטאַרעווסקיס „דריי כלות" (ביידע מיט מוזיק פון ס)

פאַרענדיקט ווערט דער סעזאָן (דעם 3 אַפּריל 1925) מיט דער

אויפפירונג פון ישראל ראָזענבערגס אָפּערעטע „אַ חתונה אין פּאַלעסטינע" מיט מוזיק פון ס. וועגן דעם שרייבט ב. י. גאָלדשטיין: „דער לייט־מאָטיוו און דער האָראַ־טאַנץ זיינען די צוויי פּערל, מיט וועלכע סאַנדלער מעג שטאָלצירן. אָבער אויך די אַנדערע נומערן זיינען זייער געראָטענע". אב. קאַהאַן שרייבט: „סאַנדלערס מוזיק האָט אין זיך טעם און זאַפט. עטלעכע פון זיינע מעלאָדיעס זיינען וו״ין. זיי שאַפן אַ מוזיק־געמיט".

דעם סעזאָן 1925-26 איז ס. ווייטער פאַרבונדן אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט אין נעשאָנאַל־טעאַטער. דעם 19 סעפּטעמבער 1925 ווערט דער סעזאָן געעפנט מיט שיינע־רחל סימקאָפס „פאַר דער חתונה", מוזיק פון ס און דעם 17 נאָוועמבער ווערט אויפגעפירט ל. פריימאַנס אָפּערעטע „מאָדעלס פון ליבע", מוזיק פון ס. ווידער ווערט די מוזיק פון דער אָפּערעטע איינשטימיק זייער וואַרעם אויפגענומען פון דער טעאַטער־קריטיק: „פון סאַנדלערס מוזיקאַלישע און דיריזשאָרישע פעאיקייטן פילן זיך אַמשטאַרקסטן אין דערדאָזיקער אָפּערעטע" [דר. א. מוקדוני], „סאַנדלער האָט ווידער באַוויזן, אַז ער איז אַ ריזיקער געווינס פאַר דעם יידישן אַפּערעטען־טעאַטער. ער האָט אויך באַוויזן מיט דער אָפּערעטע, אַז ער מאַכט פאָרטשריט. צו יעדער סצענע האָט ער צוגעפּאַסט די ריכטיקע מוזיק, די ריכטיקע מעלאָדיע. די סצענען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער בינע, זיינען צוזאַמענגעבונדן מיט דער מוזיק אַזוי ווי אַ גוף מיט אַ נשמה, אַ ספּעציעלן קאָמפּלימענט קומט סאַנדלערן פאַר די פּראַכטפולע כאָר־סצענען. צווישן די שענסטע זאַכן פון דער אָפּערעטע זיינען די טענץ און געזאַנגען פון דעם כאָר, און די שיינקייט קומט הויפּטזעכלעך פון די [דער] מוזיק, אין וועלכע[ר] סאַנדלער האָט די טענץ איינגעפּאַסט" [הלל ראָגאָף]. „סאַנדלערס מוזיק איז יוגנטלעך און עלעגאַנט. זי צייכנט זיך אויס מיט איר העלקייט און ריינקייט אין טאָן. זי איז אַ גרויסע אָפּפריִונג אין דער שווערער ערנסטער אַטמאָספערע פון דער מעלאָדראַמע, באַזונדערס פון איר ערשטן טייל. .. סאַנדלערס מוזיק איז אָן טריקס [קונצן] און קנאַל־עפעקטן. זי זוכט צו ווירקן מיט אַ נאַטירלעכע[ר] קאַדענץ און מיט אַ לויטערן ריטם, וואָס איז אַמאָל ווי דער שטאַרקער בראַוז פון אַ וואַסערפאַל און אַמאָל ווי דאָס לייכטע רוישן פון אַ פעלד־טייכל" [ל. קעסנער].

פאַרענדיקט ווערט דער סעזאָן דעם 30 מערץ 1926 מיט דער אויפפירונג פון יצחק לעשס אָפּערעטע „וואָלאָדקע אין אָדעס" מיט ס.׳ס מוזיק. ב. י. גאָלדשטיין שרייבט וועגן דער מוזיק: „דעם קאָמפּאָזיטאָר איז לייכט אָנגעקומען די מוזיק צו שאַפן. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז סאַנדלער האָט זיך ניט שטאַרק געמיט אויף „וואָלאָדקע" און פאָרט איז אַרויסגעקומען אַ פערלדיקע זאַך. אַזאַ יידישע, עכט־יידישע נגינה, האָבן מיר שוין לאַנג ניט געהערט. און ווען איר הערט זיך אָן אַ סעזאָן מיט אַזוי פיל פרעמדע מאָטיוון, מיט אַזוי פיל צעקאַלעטשעטער גרענד־אָפּערע, מוזט איר זיך פילן זייער גוט און זייער צופרידן ווען מען דערלאַנגט אייך אַזוינס אויף וואָס איר האָט אַ לאַנגע צייט אומזיסט געוואַרט".

דעם סעזאָן 1926-27 גייט איבער די טרופּע פון נעשאָנאַל־טעאַטער אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער און דאָרט ווערט דעם 22 סעפּטעמבער 1926 אויפגעפירט דורך אהרן לעבעדיעוו לואיס פריימאַנס אָפּערעטע „סיאָמקע ווערט אַ חתן", מוזיק פון ס., און דאָס איז זיין לעצטע מוזיקאַלישע שאַפונג.

דעם 7 אָקטאָבער 1926 האָט ס. דערפילט זיך שלעכט און אין 2 טעג שפּעטער, דעם 9 אָקטאָבער 1926, איז ער געשטאָרבן, און געקומען צו קבורה אויפן הר חברון אויפן בית־עולם פון די יידישע טעאַטריקל עליינס אין ניו־יאָרק.

יאָזעף רומשינסקי כאַראַקטעריזירט אַזוי ס.׳ס מוזיק: „זיין מוזיק איז לייכט, וויציק און אָנגעגאָסן מיט ווייַן און ליבע. .. ווען ער איז געווען באַגייסטערט פון אַ געוויסער סצענע אָדער פון אַ געוויסער אידעע, האָט מען געפילט ווי עס גיסט זיך פון זיין מוזיק פרישקייט און זיסקייט".

יוליוס אַדלער שרייבט: „די נעמען „קאַווקאַז", „יאַפּאַן", „פּאַלעסטינע" איינע נאָך דער אַנדערער באַווייזן וואָס פאַרע ליבע סאַנדלער האָט געהאַט פאַרן אָריענט. אָט די אָריענטאַל׳שע מוזיק האָט זיך אין אים אָנגעקליבן אין יאַפּאַניע, דורך וואַנען ער איז טאַקע געקומען קיין אַמעריקע. ...די מיזיקאַלישע אָריענטאַלישע מעלאָדיען שפּרודלען פון אים אַרויס אַזוי ווי פון אַ קוואַל – און וויפיל מוזיק עס געפינט זיך אין זיינער אַ פּיעסע, מוז מען מער ווי נאָך אַזוי פיל אויסשניידן – צוליב גרויסקייט – אַזוי פיל שרייבט ער אָן".

ב. באָטווינּיק כאַראַקטעריזירט אים אַלס מענטש: „ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ליבלעכער חבר. ער איז געווען אַ חכם. עס זיינען דאָ טאַלאַנטן, וואָס זיינען דוקא ניט קיין גרויסע חכמים. סאַנדלער איז געווען אַן אמתער חכם, אַ שאַרפזיניקער דענקער, אַ הומאָריסט מיט אַ וואַרעמען[ר] שלאָגנדן[ער] לוסט צו אַלעס, וואָס איז שיין און אַמוזאַנט אין לעבן".

אונטער וועלכע באַדינגונגען עס איז אויסגעקומען ס.׳ן צו אַרבעטן אין אַמעריקע און וועגן זיינע ווייטערדיקע פּלענער, דערוויסן מיר זיך פון אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט צו זיין פריינט, דעם קאָמפּאָזיטאָר יצחק שלאָסבערג אין וואַרשע: „...איך האָב עררייכט דאָס גרעסטע, וואָס אַ מוזיקער האָט געקאָנט דאָ אין דעם תהום עררייכן, אין דער יידישער געטאָ. איך האָב אַ נאָמען אין דעם ענגלישן קוואַרטאַל, אָבער אַלץ וואָלט איך אַוועקגעגעבן צו זיין איצט אין יענער צייט. ווען מיר פלעגן זיך זען, ריידן און פאַנטאַזירן. עס איז ניט גוט. מען פאַרקויפט די נשמה פאַר מאַכן אַ לעבן. עס ליגט אויף דיר אַ יאָך, אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פּראָדוצירן מאַרק־אַרבעט. דו ברענגסט ניט דיינע גייסטיקע אַרבעט און זאָגסט: איך בין פאַרטיק, קומט לאָמיר זען וואָס עס איז אַרויסגעקומען. נאָר מען זאָגט צו דיר: פּרעס אויס דיינע געדאַנקען, געהירן, און עס מוז זיין פאַרטיק אין דער און דער צייט. נו, ווי קאָן עס אַ מענטש הי׳ איך טאָן? אמת, איך טו עס, אַבער ניט גערן. איך וואָלט אויף אַלעס געגעבן אַ שפּיי אָפּטמאָל און אַוועק – וואו שוואַרצער פעפער וואַקסט – האָט אָבער דאָס אַמעריטשקע אין זיך אַ מאַגנעט און לאָזט ניט – עס איז מיר אויך ניט גוט – די גאַנצע וועלט איז ניט גוט פאַר אַזעלכע ווי איך – גלייב מיר, איך בין מקנא אַ בעל־מלאכה אָפּט מאָל – אָבער איך קאָן זיך ניט העלפן. איך האָב יעצט פאַרענדיקט אַן אָפּערעטע און דאַרף שוין טראַכטן וועגן אַ צווייטער – און ביי מיר איז נאָך אַזוי, אַז איך קאָן ניט אויסבאָרגן – אָבער ווילנדיק ניט־ווילנדיק כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַ [פרעמד׳ער] טאַקט. ווען דער גרויסער וואַגנער וואָלט געדאַרפט אַזוי שאַפן, וואָלט ער אויך ניט געקאָנט זיך העלפן. מיר זיינען דאָ מלאכים, אָבער עס איז דאָך ניט קיין לעבן. איינס, וואָס איך האָף, איז קומען צו אַ פאָר דאָלאַר און געבן אַ שפּיי און אַוועק נאָך רוסלאַנד. איך קאָן שוין מער ניט. איך וועל זיין צופרידן מיט וויפיל עס איז ניט – אָבער ניט פאַרקויפן מיין מאַרך לעבעדיקערהייט".

יעקב מעסטעל, וועלכער פלעגט אין יענער צייט אָפט זיך טרעפן מיט ס. ביי זיינער אַ שוועגערין, גיט איבער: די לעצטע וואָכן פאַר זיין טויט פלעגט ס. שעהן־לאַנג אָפליגן אויף דער סאָפע מיט פאַרמאַכטע אויגן, רייבן מיטביידע הענט דעם שטערן און מוח און זיך קלאָגן: „מעסטעל טייערער, מיר זיינען ניט קיין קינסטלער, נאָר מאַרק־קווטשער, פעקטאָרי [פאַבריק]־ליפעראַנטן. איך וועל עס ניט איבערטראָגן". ס. האָט דאַמאָלט באַדאַרפט גרייטן איין אָפּערעטע נאָך דער צווייטער. געשטאָרבן איז ער פון אַ בלוט־שטורץ אין די געהירן. קיין ספק נישט, אַז דער אַמעריקאַנער „האָרי־אַפּ" האָט מקצר ימים געווען איינעם פון אונזערע פעאיק־סטע יונגע מוזיקער.

ס. האָט איבערגעלאָזט אַ ניט־פאַרענדיקטע **אָפּערעטע** („דער טאָוואַרישטש" — ליברעטאָ פון יוליוס אַדלער).

מ. ע. פון זיין פרוי אסתר נעראָסלאַווסקאַ.

הלל ראָגאָף — „אמאָל אין מאַי", „פאָרוו.", נ. י., 7 מאַי 1920.

צ. ה. רובינשטיין — „די רומענישע חתונה", „טאָג", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

הלל ראָגאָף — „די רומענישע חתונה" — אַן אָפּערעטא אין נעשאָנאַל טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

אַלטן באַקאַגטען — „די רומענישע חתונה", „פרייהייט", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

ישראל דער יענקי [י. פרידמאַן] — „די רומענישע חתונה", „יידטגבל'ט", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

דר. א. מוקדוני - דער גוטער סוף, „מאָ'זש". נ. י., 28 סעפּטעמבער 1923.

ל. קעסנער — „ווינער" אָפּערעטע מיט אַ רומענישן טעמפּאָ, „יידטגבל'ט", נ. י., 19 אָקט. 1923.

אלף־אלף [א. אויערבאַך] — דער טריאומף פון אַ קינסטלער אין אַן אָפּערעטא, „מאָ'זש", נ. י., 25 יאַנ. 1924.

ישראל דער יענקי — „דעם טאַטענ'ס זיהנדעל", „יידטגבל'ט", נ. י., 25 יאַנ. 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — צוויי קאָמעדיעס, „דער טאָג", נ. י., 25 יאַנואַר 1924.

הלל ראָגאָף — „דעם טאַטענ'ס זוהנדל", די נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טהעאַטער. „פאָרוו.", נ. י., 8 פעבר. 1924.

דר. א. מוקדוני — מענדעל אין יאַפּאַן, „מאָ'זש", נ. י., 4 אַפּריל 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — אין אידישען און ענגלישען טעאַטער, „טאָג", נ. י., 4 אַפּריל 1924.

ישראל דער יענקי — „מענדעל אין יאַפּאַן" אין נעשאָנאַל, „יידטגבל'ט", נ. י., 4 אַפּריל 1924.

אַב קאַהאַן — טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.", נ. י., 8 אַפּריל 1924.

ל-ט [ליליפּוט] — יאַפּאַנעזישע געזאַנג אין אַ אידישער אויסטייטשונג, „פרייהייט", נ. י., 11 אַפּריל 1924.

ישראל דער יענקי - „קאַווקאַזער ליבע", „יידטגבל'ט", נ. י., 17 אָקט. 1924.

ר. לעווין — „קאַווקאַזער ליעבע", „טאָג", נ. י., 17 אָקטאָבער 1924.

נ. בוכוואַלד — סעקאָנד־עוועניו אָפּערעטע. „פרייהייט", נ. י., 17 אָקט. 1924.

ב. י. גאָלדשטיין — „אַ חתונה אין פאַלעסטינע", „טאָג", נ. י., 18 אַפּריל 1925.

אַב. קאַהאַן – די נייע מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאַרוו.", נ. י., 1 מאַי 1925.

דר. א. מוקדוני – „אַ לאַ בראָדוויי", „מאָ'זש", נ. י., 20 נאָוועמבער 1925.

ב. י. גאָלדשטיין – „אָרטיסטס ענד מאָדעלס", „טאָג", נ. י., 20 נאָוו 1925.

ל. קעסנער – „די מאָדעלס פון ליעבע", „יידטגבלט", נ. י., 20 נאָוו. 1925.

הלל ראָגאָף – סאַנדלער'ס נייע אָפּערעטא אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 27 נאָוו. 1925.

ב. י. גאָלדשטיין — „וואָלאָדקע אין אָדעס" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג", נ. י., 9 אַפּריל 1926.

ל. קעסנער — „וואָלאָדקע אין אָדעס", „יידטגבל'ט", נ. י., 9 אַפּריל 1926.

דר. א. מוקדוני – אין און אַרום טעאַטער, „מאָ'זש", נ. י., 9 אַפּריל 1926.

אַב קאַהאַן – טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.", נ. י., 28 סעפּטעמבער 1926.

ל. ס. ביעלי — „סיאָמקע ווערט אַ חזן", „יידטגבל'ט", נ. י., 29 סעפּט. 1926.

יאָזעף רומשינסקי — וועגען דעם געשטאָרבענעם מוזיקער פרץ סאַנדלער, „פאָרוו.", 12 אָקט. 1926, „רומשינסקי־ביך", נ. י., 1930.

דר. א. מוקדוני — אין און אַרום טעאַטער, „מאָ'זש", נ. י. 15 אָקטאָבער 1926

יעקב קירשענבוים — אַ טרעהר און אַ בלום אויף דעם קבר פון פרץ סאַנדלער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 15 אָקט. 1926.

[–] — סצענעס און בילדער פון פרץ סאַנדלער'ס לויה, „פאָרוו.", נ. י, 15 אָקט. 1926.

שלום פערלמוטער — פרץ סאַנדלער, „יידטגבל'ט", נ. י., 17 אָקטאָבער 1926.

[פרץ סאַנדלער] – דיזען אינטערעסאַנטען בריף האָט סאַנדלער געשריבן פאַר זיין טויט, „פאָרוו.", 22 אָקט. 1926.

א. פרומקין — די לעצטע קלאַנגען פון פרץ סאַנדלער'ס מוזיק, „טאָג", נ. י., 13 אָקט 1926.

ב. באָטוויניק – אין דער טעאַטער־וועלט, „דער וועקער", נ. י., 23 אָקט. 1926.

ספּעציעלער נומער פון זשורנאַל „דער טעאַטער־שטערן", ניו־יאָרק, 3, 1926, מיט אַרטיקלען פון ח. גודעלמאַן, ב. וואַרשאַווסקי, ישראל ראָזענבערג און אַנשעל שאָר.

פסח קאַפּלאַן — אייראָפּעאישע מוזיק אין יידיש, „נייער לעבען", ביאַליסטאָק, 29 אָקט., 5, 12 נאָוו. 1926.

מ. קיפּניס — פרץ סאַנדלער, „היינט", וואַרשע, 8 נאָוו. 1926.

יוליוס אַדלער — אַ פּאָר ווערטער אויף סאַנדלערס מצבה, „ווילנער טאָג", 19 נאָוו. 1926.

שמואל ראָזשאַנסקי — די דערפּענונגס־פאָרשטעלונגען אין טעאַטער „אַרגענטינע", „דאָרפישע ליבע", מוזיק פון פרץ סאַנדלער, אויפגעפירט אונטער דער לייטונג פון מרדכי האָכבערג, „אידישע צייטונג", ב'א, 5 מערץ 1929.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער־קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 12־411.

סאָפּפּאַ, אהרן

געבוירן אַפּריל 1873 אין וואַרשע, פּוילן. פֿאָטער — אַ חסיד, באַזיצער פֿון אַ ציגעלניע. ביז 12 יאָר געלערנט ביי אַ רבי אין שטוב, און צוליב מאַטעריעלע סיבות געוואָרן אַן אַרבעטער אין פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן-פֿאַבריק און געזונגען ביים פֿאָטער אין שטיבל. דערנאָך אַריבער אַרבעטן אין אַ סיגאַר-פֿאַבריק אין לובלין און דאָרט געזונגען אַ יאָר ביים שטאָטישן חזן. עמיגרירט קיין אַמעריקע, האָט ס. געאַרבעט אין אַ סיגאַרן-פֿאַבריק, אַריינגעטראָטן אין „יאָנג דראַמאַטיק אַרבעטאַר-אונטערשטיצונגס-קלאָב" (מיטגליִדער: יונה גינזבורג, ב. יאָנג, לעאָן בלאַנק, נעכאַמקאָס) און געשפּילט „יוסף" אין טאָמאַשעווסקיס „די חלוצה". נאָכן שפּילן 3 יאָר מיט די „ליבהאָבער", איז ס. אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַ טרופּע אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט געשפּילט $1^1/_2$ סעזאָנען.

נאָכן אַרומוואַנדערן עטלעכע יאָר איבער דער פּראָווינץ, האָט ס. געעפֿנט אין ניו-יאָרק אַ קאַפֿע-הויז פֿאַר אַקטיאָרן. אָבער ער קומט אָן שפּעטער שפּילן אין וואָדעוויל-הייזער, ווערט ביזנעס-מענעדזשער פֿון לאָקאַל 5 און שפּילט דערנאָך אין קליוולאַנד (2 סעזאָנען), אין דעטראָיט, סט. לואיס, לאָס אַנדזשעלאָס, סט. פֿראַנציסקאָ, אירווינג-פּלייס-טעאַטער אין ניו-יאָרק, ליריק אין ברוקלין, אין נוואַרק (4 סעזאָנען), 1929-30 — אין שיקאַגאָ, 1930-31 — אין נוואַרק און 1932-33 — אין דעטראָיט.

ס. איז כאַראַקטער-שוישפּילער און סטיידזש-מענעדזשער.

זיין טאָכטער, מילדרעד בלאַק, שפּילט אויף דער יידישער בינע, זיין זון איז אַן אָרגאַניסט.

מ. ע.

סאָקאָל, מוישע

געבוירן 21 נאָוועמבער 1904 אין זשמערינקע, אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ בעל-מלאכה, אַ יודע-נגן. געלערנט אין חדר און צו 12 יאָר געענדיקט אַ מאָדערנע תלמוד-תורה.

1917 — איז ס. אַריינגעטראָטן אין אַ יידישער גימנאַזיע און דאָ אויף אַ שילער-אָוונט אַרויסגעטראָטן מיט אימיטאַציעס. שפּעטער האָט ער געלערנט סאָציאַל-עקאָנאָמיע אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער טעכנישער שול.

1920 — איז ס. געווען אַ מיטגרינדער פֿון אַ ליטעראַריש-דראַמאַטישער סטודיע. 1924 — איז ער אַריינגעטראָטן אין דער יידישער טעאַטער-סטודיע „קולטור-ליגע" אין מאָסקווע און סוף 1925 — אָנגענומען געוואָרן אין יידישן מלוכה-טעאַטער אין אוקראַאינע, וואו ער שפּילט ביז מאַי 1927, און סוף 1927 אַריינגעטראָטן אין „ווימ'ט".

ש. ע.

סאָקאָלאָוו, ליפּמאַן

[סאָקאָלאָווסקי]

געבוירן 1888 אין איוואַניצע, נעבן פּרילוקי, פּאָלטאַווער גוב., אוקראַאינע. פֿאָטער — אַ פּריוואַט-אַדוואָקאַט. נאָך זיין טויט ציט זיך איבער די פֿאַמיליע קיין פּרילוקי. דאָ לערנט ס. אין דער דאָרטיקער שול, דערנאָך ביי אַ מלמד. צוליב דער אָרימקייט פֿון דער פֿאַמיליע, אָנגעקומען אין זער דאַמאָלטיקער ניי-געגרינדעטער האַנטווערקער-שול, וואו מ'האָט געלערנט אַלגעמיינע למודים און אויך מלאכות. דאָ לערנט זיך אויס ס. טישלעריי. אַ קורצע צייט דערנאָך ווערט ער אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קאָלאָניאַל-קראָם. גלייכצייטיק הייבט ער אָן שפּילן אויף אוקראַאיניש מיט די דאָרטיקע „ליבהאַבער" און טרעט אַריין דערנאָך אין דער רוסישער דראַמאַטישער טרופּע פֿון א. ל. מיראָליובאָוו, וועלכע שפּילט אין פּאָלטאַווער גובערניע. איבער 8 חדשים שפּילט ער אין דערדאָזיקער טרופּע א'ר פֿון אי-פּאָליטאָוו-אַנדרעיעוו און י. ביעלאָקין, אָבער בעת די טרופּע פֿאָרט אַרויס שפּילן אין ערטער, וועלכע געפֿינען זיך מחוץ דעם יידישן תחום, טרעט ס. אַריין אין 1906 אין דער יידישער טרופּע פֿון גענפּער.

שפּילנדיק אין פֿאַרשיידענע יידישע טרופּעס פֿון רוסלאַנד, איז ס. געווען פֿון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן אין אייראָפּע צו שפּילן אין ליטעראַרישן רעפּערטואַר און האָט אויך דער ערשטער אויפֿגעפֿירט אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע „אונזער גלויבן" פֿון שלום אַש, „געשעפֿט איז געשעפֿט" פֿון אָקטאַוו מירבאָ און „אויפֿן טייך" פֿון קאָזיניץ.

1919 — האָט ער געגרינדעט דאָס „אידישע דראַמאַטישע טעאַטער פֿון ליטע" און אַלס קינסטלערישער לייטער האָט ער אויפֿגעפֿירט אַ גרויסן טייל פֿון גאָרדין-קאָברין-אַש-הירשביין-רעפּערטואַר ווי אויך איבערזעצונגען פֿון אייראָפּעאישע שפּראַכן.

1925 — האָט ס. גאַסטראָלירט אין אַרגענטינער יידישן טעאַטער. דערנאָך ווידער געשפּילט אין פּוילן און אין אויגוסט 1928 האָט ער ווידער גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע און דערנאָך אין בראַזיל. 1929 — צוריקגעקערט קיין פּוילן, וואו ער האָט געשפּילט אַ קורצע צייט. 1930 — גאַסטראָלירט אין אַנטווערפּן, דערנאָך אין פּאַריז און לאָנדאָן. 1931 — האָט ער ווידער אַ קורצע צייט גאַסטראָלירט אין אַרגענטינע און דערנאָך צוריקגעקערט קיין מערב-אייראָפּע, וואו ער שפּילט ביז איצט, באַזונדערס אין ליטע.

ס. האָט זיך אויך באַטייליקט אין העברעאיש אין אַשס „יצא וחזר", אין אַרנשטיינס „השיר הנצחי" און טרעט אָפּט אַרויס (אין קאָסטיום און גרים) אין י. ל. גורדונס „צדקיהו בבית הפקידות".

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פילמען „כאַסיע די יתומה" פון יעקב גאָרדין (ראָל „וולאַדימיר") און „ישיבה בחור" פון זאָ-לאָטאַרעווסקי („אביגדורל").

ס. איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטעריסע נינינאַ, טאָכטער פון די אַקטיאָרן א. ג. און לאה קאָמפאַניעעץ.

ש. ע.

מ. ע. פון אסתר ליפּאָווסקאַ.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — דער דעבוט פון ל. סאָקאָלאָוו און ג. נינינאַ אין טעאַטער „אמבו", „אידישע צייטונג", ב'א, 12 אויגוסט 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — צוויי רעצענזיעס וועגן ל. סאָקאָלאָווס „טביה דער מילכיקער", „פּרעסע", ב'א, 26 אויג. 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי — „פאַרברעכן און שטראָף", אויפגעפירט פון לעאָניד סאָקאָלאָוו, „איד. צייט", ב'א, 26 סעפּט. 1928.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — „פאַרברעכן און שטראָף", דראַמע אין 4 אַקטן פון פ. דאָסטאָיעווסקי, רעזשי ל. סאָקאָלאָוו, „פּרעסע", ב'א, 26 סעפּטעמב. 1928

י. ב. — „דער טיגער" אויפגעפירט פון ל. סאָקאָלאָוו, „פּרעסע", ב'א, 9 אָקט. 1928.

י. ב. — ל. סאָקאָלאָווס ערנאָוונט. איזראַעל פון אַנרי בערנשטיין, „די פּרעסע", ב'א, 12 אָקט 1928.

Bello — געזעגנונגס פאָרשטעלונג פון ל. סאָקאָלאָוו, „אונזער לעבן", מאָנטעווידעאָ, נ' 146, 1928.

א. בערגסאָן — טעאַטער-נאָטיצן, „אידישע פאָלקסצייטונג", ריאָ, 29 יאַנ. 1929.

א. בערגסאָן — ל. סאָקאָלאָוו אין זיין קרוין-ראָל, „איד. פאָלקסצייטונג", ריאָ, 1 פעבר. 1929.

ר. זיגער — אונזער חוב, „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע", ריאָ, 5 פעבר. 1929.

א. בערגסאָן — ל. סאָקאָלאָוו אין „שמע ישראל", „איד. פאָלקסצייטונג", ריאָ, 5 פעבר. 1929.

א. בערגסאָן — ביים „זינגער פון זיין טרויער", „איד. פאָלקסצ.", ריאָ, 8 פעבר. 1929.

ר. דאָרין — „דורך דעם גוטן, פאַר דעם גוטן", „בראַז. איד. פּרעסע", ריאָ, 19 פעבר. 1929.

י. ר. — ל. סאָקאָלאָוו דער מסביר, „בראַז. איד. פּרעסע", ריאָ, 26 פעבר. 1929.

ל. ס-קי [סטאָצקי] — פון טעאַטער-לעבן, „צייט", ווילנע, 3 מאי 1929.

ר. — גאַסטראָלן פון ל. סאָקאָלאָוו אין יידישן טעאַטער, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּען, נ' 2, 1930

פּ-קי — די טראַגעדיע „אוריאל אַקאָסטאַ" מיט סאָקאָלאָוו אין דער קרוין-ראָל, „יידישע צייט.", אַנטווערפּן, נ' 3, 1930.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — יוליוס אַדלער און לעאָניד סאָקאָלאָוו אין „מזיק" און „הערשעלע" פון „גאָט מענטש און טייוול", „פּאַריזער היינט", 8 יוני 1930.

קריטיקוס [מאָרריס מייער] — לעאָניד סאָקאָלאָווס ערשטער אויפטריט, „צייט", לאָנדאָן, 7 יולי 1930.

שמואל ראָזשאַנסקי — דער דעבוט פון ל. סאָקאָלאָוו אין „ראַספּוטין", „די איד. צייט.", ב'א, 20 דעצ. 1931.

סאַקס, מיכאַאיל

[סאַדייגורסקי]

געבוירן אַפּריל 1878 אין יאַסי, רומעניע, אין אַ רייכער פאַמיליע פון אַנגרא-אייזנ-וואַרג-סוחרים. געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ רעגירונגס-שול און פאָרטגעזעצט די למודים ביי לערער. וואוינענדיק בשכנות מיט דער פאַמיליע ראָזענשטיין, האָט ס. פון דער פריסטער יוגנט אונטערשטיצט מאַטעריעל דעם יונגן שמואל ראָזענשטיין, וועלכער פלעגט דאַמאָלט איינאָרדנען פאָרשטעלונגען. ס. האָט געאַרבעט ביים פאָטער אין געשעפט, דערנאָך געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק און שפּעטער אַליין געפירט דעם זעלבן מסחר, וואָס זיין פאָטער.

1902 — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, פּראָבירט ס. ווערן אַ שטוען-מאַלער, אַרבעט דערנאָך ביי שניידעריי, איז אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ טראַמוויי, אַ בוכהאַלטער אין אַ הוט-פאַבריק, האַלט צוזאַמען מיט זיין ברודער דעם בופעט אין די יידישע וואָדעוויל-הייזער, ווערט אַ פאַרקויפער אין אַ זייד-געשעפט און דערנאָך אַ שותף ביי דער זעלבער פירמע. דורך באָרגן געלט צו די מענע-דזשערס פון ליריק-טעאַטער, איז ס. אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס שותף פון דעם טעאַטער, וואו ער איז געווען אַזוי נאָך 7 יאָר צוערשט מיט כימקאָוויטש און שפּעטער מיט לאַנפעלד, ליליען און מייקל ווילענסקי, פירנדיק אויך ווייטער זיינע פריוואַטע געשעפטן. שפּעטער אויף דעם זעלבן אופן געוואָרן אַ שותף מיט טאָמאַשעווסקין אין נעשאָנאַל-טעאַטער און דערנאָך אין דאָזיקן טעאַטער צוזאַמען מיט לואי גאָלדבערג. שפּעטער איז ס געוואָרן ליסער פון נעשאָנאַל-טעאַטער, וואו ער איז 1930-32 געווען אויך מענעדזשער פון דער טרופּע. 1932-33 — מענעדזשער פון סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

מ. ע.

ב. י. גאָלדשטיין — אונזערע אידישע טעאַטער-פאַרוואַלטער, „דער טאָג", נ. י., 27 נאָוו. 1925.

סאָראָקין, פרידקע

געבוירן 10 יולי 1898 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ טעאַטער-פריזירער. געלערנט אין אַ חדר און אין אַ רוסישער פאָלקס-שול. זייענדיק אין 1925 פריזירער אין דער „ווילנער טרופּע" פלעגט אים אויסקומען סטאַטיסטירן און דערנאָך שפּילן קליינע ראָלן און אַזוי פאַרבליבן אין דער טרופּע ביז איר אָפּפאָרן קיין פוילן.

1927 — האָט ס. געשפּילט אין פישזאָנס טרופּע, יוני 1928 — אין באַראַטאָווס טרו-

בע און דערנאָך פאַרבליבן אין דער זעלבער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון איציקל גאָלדענבערג.

ש. ע.

סווערדלאָוו, יצחק

געבוירן 1894 אין אָדעס, אוקראַאינע, ביי נישט-פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין חדר און דערנאָך געענדיקט אַן אָרטיקע מלוכה-שול. אין עלטער פון 10 יאָר געשפּילט קינדער-ראָלן אין אַ רוסישער טרופּע. אין עלטער פון 13 יאָר שוין געווען מיטגליד אין אַן אַמאַטאָרן-קלוב א׳ר פון אַקטיאָר דוד פּאַכלער און צו 15 יאָר געווען אַ כאַטיסט אין פּרץ הירשביינס טרופּע אין אָדעסער פילהאַרמאָניע.

1911 — אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע פון קאָריק, וואו ער שפּילט אַ קורצע צייט און גייט איבער אין דער טרופּע פון מישוראַט, וואו ער שפּילט ביז סוף 1913 און טרעט דערנאָך אַריין אין דער טרופּע פון קאַניעווסקי-האַרלאַמפּ.

1915 — געשפּילט אין אָדעס אין באָלגאַראָווס טעאַטער (דיר. — זאַסלאַווסקי-ליבערט) מיט קלאַראַ יאָנג, דערנאָך צוגענומען געוואָרן אין מיליטער-דינסט און זומער 1916 אַריינגעפאַלן אין עסטרייכישער געפאַנגענשאַפט. 1917 — איבערגעשיקט געוואָרן קיין לעמבערג און דאָרט אַריינגעטראָטן אין גימפּעלס טרופּע, וואו ער שפּילט ביז צום אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען ער פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד און טרעט אַריין אין אָדעס אין דער טרופּע פון אַלבערט סעגאַלעסקאָ.

1919 — אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד מיט אַ קאָאָפּעראַטיווער טרופּע, אין וועלכער ס. שפּילט אויך 4 חדשים מיט מאַרק מייערסאָן. 1920 — געשפּילט אין אָדעסער „קונסט-ווינקל" און פון דאָרט אַרומגעפאָרן ביז 1923 מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן (צווישן זיי אַלבערט סעגאַלעסקאָ) איבער דער פּראָווינץ.

1923 — אַריינגעטראָטן אין אָדעס אין ערשטן יידישן קאָמעדיע-טעאַטער (אָנפירונג — אַדאָלף סעגאַל) אַלס כאַראַקטער-ראָליסט, אָבער דאָס טעאַטער עקסיסטירט נאָר אַ קורצע צייט און ס. פאָרט אָפּ אין נאָוועמבער 1923 קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אַנגאַזשירט צו שפּילן אין וויניפּעג (קאַנאַדע) ביי ה. ווייסמאַן און בלייבט דאָרט מיט פאַרשיידענע טרופּעס ביז 1929. 1929-30 — איז ס. אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער „טשיין"-טרופּע איבער אַמעריקע א׳א פון משה שאָר, 1930-31 — געשפּילט ביי יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן (פּאַווילאָן-טעאַטער), 1931-32 — ביי באָריס אויערבאַך אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) און 1932-33 — אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער (דיר. — מאָריס שוואַרץ).

ש. ע.

סוזאַן

[צירל גאָלדענבערג]

געבוירן 10 אויגוסט 1902 אין יאַסי, רומעניע. צוליבן טויט פון איר מוטער דערצויגן געוואָרן ביי אַ באָבען. געלערנט אין אַ פאָלקסשול, אויך יידיש. געוואוינט אין שכנות מיט יידישע אַקטיאָרן און אַזוי באַקומען אַ געלעגנהייט צו שפּילן קינדער-ראָלן אין יידישן טעאַטער. שפּעטער האָט ס. זיך באַקענט מיטן אַקטיאָר בערדיטשעווסקי, דורך אים צוגעצויגן געוואָרן צו דער בינע און נאָך דער חתונה מיט אים, מיטגעמאַכט דעם זעלבן עטאַפּ, וואָס ער. 1930-31 — האָט ס. געשפּילט מיט איר מאַן אין אַרגענטינע.

ש. ע.

סוריץ, משה

געבוירן 23 אויגוסט 1888 אין דווינסק, לעטלאַנד, ביי פרומע עלטערן — קליין-אינדוסטריעלער. פאָטער — פלעגט אין דער יוגנט באַטייליקן זיך אין „מכירת-יוסף-שפּילן", כדי צו שאַפן אַ פאָנד פאַר נייע ספרי-תורות. געלערנט אין חדר און ישיבה, דערנאָך געענדיקט 6 קלאַסן אין דער דווינסקער העברעאישער שול פון „מפיצי השכלה".

נאָך פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו טעאַטער און זיך באַטייליקט אין די קינדער-פאָרשטעלונגען פון דער שול, אויסערדעם פלעגט ער אין דער פרייער צייט „שפּילן" אין פּריוואַטע וואוינונגען מיט קינדער „קאַפּיטאַן דרייפוס" און אַנדערע „פּיעסעס" פאַר אַ גראָשן אָדער אַ קאָפּיקע אַ בילעט.

1903 — געזונגען אין כאָר בעת אַ „ליבהאָבער"-אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס „די כשוף-מאַכערין" און נישט-ווערנדיק צוגעלאָזט צו ראָלן, אָפּגעקויפט ביי אַ חבר אַ ראָל און אין איר אַזוי אויסגענומען, אַז ער שפּילט דערנאָך 5 יאָר כסדר ראָלן אין דעם דראַמאַטישן קרייז. אין 1908 ווערט ער — אָן וויסן פון זיין פאַמיליע — אַנגאַזשירט אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר צו זשיטאָמירסקין אין טרופּע, וואו ער דעביוטירט דעם 24 יולי 1908 אין פּאָלאָצק און בלייבט דאָרט שפּילן אַ יאָר. 1910 — שפּילט ער ביי סאַבסיי און בערנשטיין. סוף 1910 — צוגענומען געוואָרן צו מיליטער-דינסט אין אַסכאַבאַד (טורקעסטאַן), וואו ס׳געפינט זיך אַ רוסישער מיליטערישער דראַמאַטישער קרייז פון על פּי רוב פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן א׳ר פון אַקטיאָר אַלעקסאַנדראָוו, און ס. טרעט אַריין אין קרייז, וואו ער שפּילט 2-3 מאָל אַ וואָך אין משך פון די 3 יאָר, וואָס ער דינט דאָרט אין מיליטער.

1913 — געקומען אין ריגע און דאָ געשפּילט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אין אַ יידישער טרופּע א׳א פון לייזער בערנשטיין און זשיטקאָווסקי. בעתן אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה מאָביליזירט

גצוואָרן און געדינט אין ווילנער סאַניטאַר-עוואַקואַציע-פּונקט, בײ וועלכן ס'גרינדעט זיך א'ר פון אַקטיאָר שמיילאָוו אַ רוסישע טרופּע, וועלכע פאָרט אַרום שפּילן אויפן פראָנט און הינטערן פראָנט. 1916 — צ‍ַרומגעפאָרן מיט אַן ענלעכער טרופּע אויפן ריגער פראָנט.

1917 — באַפרייט פון מיליטער-דינסט, צוריקגעקערט קיין ריגע און דאָרט צוזאַמען מיטן אַקטיאָר איינעס געגרינדעט אַ יידישן דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט געשפּילט ביז 1919.

1919-20 — געשפּילט אין דער דראַמאַטישער טרופּע פון ל. סאָקאָלאָוו אין ליטע, 1921-25 — אין ריגע, פּראָווינץ און עסטלאַנד, 1927 — צ‍ַרייגעטראָטן אין יידישן מעוטים-טעאַטער אין ריגע (אָנפירונג - אליהו שטיין און שלמה קוטנער) און זינט דאַמאָלט געבליבן שפּילן אין יידישן טעאַטער אין ריגע.

ס. האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס דער „פּאָטער" אין מאַרק אַרנשטיינס „דאס אייביקע ליד" אין פילם פון דער פירמע „מינטוס".

ש. ע.

ב. נ. — בענעפיס פון י. יולין און מ. סוריץ. „פּאָטאַש און פּערלמוטער" איז נייעם יידישן טעאַטער, „פרימאָרגן", ריגע, 30 מערץ 1930.

סטאַוו, לעאָן

[הערבסט]

געבוירן 1 אָקטאָבער 1901 אין רזשעשאָוו, גאַליציע. פאָטער — אַ סוחר. געענדיקט גימנאַזיע און דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט אין יאַגעלאָנסקי-אוניווערזיטעט אין קראָקע. דורך אָפטע באַזוכן אין פּוילישן טעאַטער באַקומען אַ נייגונג צו דער בינע און אַרייגעטראָטן אין דער דראַמאַטישער שול א'נ פון פראַנטשישעק וויסאָצקי.

1918 — אַרייגעטראָטן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אונטער איר איינפלוס אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט יידיש און געדרוקט אין פּוילישער איבערזעצונג דערציילונגען פון שלום-עליכם פּרץ, רייזען, נאָמבערג, אַש, יונה ראָזענפעלד, אָפּאַטאָשו ווי אויך אייגענע דערציילונגען אין פּויליש און אין יידיש.

1926 — איז ס. געוואָרן אַ מיטגליד אין קראָקעווער יידישן טעאַטער א'ל פון יאָנאַס טורקאָוו און 1928 - געשפּילט אין דער טרופּע קאַדיש-נחמה. שפּעטער געוואָרן פאַרוואַלטער פון פּוילישע טרופּעס.

ס. איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער קראָקעווער „יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט" און האָט אויך צוגעשטעלט פאַרן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" מאַטעריאַלן וועגן יידישע אַקטיאָרן אין גאַליציע.

ש. ע.

סטאַמבולקא, הערש

געבוירן 15 יולי 1876 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — אַ דרוקעריי-באַזיצער. געלערנט אין חדר און געזונגען אין סינאַגאָגע צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן אַראָלף בערמאַן, ס. קרויזע, ר. זילבערבערג, ה פיינשטיין, שפּעטער געלערנט אין זאַקסעס שול. דורכדעם וואָס ס.'ס פאָטער פלעגט דרוקן טעאַטער-אַפישן, האָט ס. באַקומען די געלעגנהייט צו באַטייליקן זיך אַלס קינד אין די קינדער-כאָרן פון די אָפּערעטעס, וועלכע זיינען דאַמאָלט געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

בעת ס'איז אין 1886 פאַרווערט געוואָרן צו שפּילן יידיש טעאַטער אין וואַרשע, האָט ס. מיט די אויבנדערמאָנטע (צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן טיטעלמאַן, שטראַספאָגעל, ראָטשטיין) געגעבן היימישע קינדער-פאָרשטעלונגען. 1889 — באַטייליקט זיך ס. אין דער רוסיש-מאַלאָרוסיש-דייטשער קוואַרטעטן-און דועטן-גרופּע, וועלכע וואַנדערט איבער פּוילן. ס. טרעט דאָ אויף אַלס „פּסעלע" אין שמ'רס „טרייפניאַק" און אין גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר. 1892 — איז ער איניציאַטאָר ביים אָרגאַניזירן די יידישע טרופּע א'ד פון אָלגינסקאַיאַ. דערנאָך ברענגט ער קיין וואַרשע שליפּערשטיין און פרוי בריה. 1893 - פאָרט ער אַרום מיט א טרופּע איבער ביאַליסטאָק און גראָדנע, דערנאָך אין וואַרשע און באַקומט דער ערשטער די מעגלעכקייט צו שפּילן יידיש אין פיל שטעט, וואו ס'איז פריער געווען פאַרווערט צו שפּילן יידיש (ווי אָדעס, לובלינער גוב. א. א.).

1898 — האָט ס. געשפּילט אין וואַרשעווער אָדעאָן-טעאַטער, דערנאָך איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. 1900 — זיך באַטייליקט 4 חדשים אין אַ דייטש-רוסיש-יידישן קוואַרטעט אויף דער פּאַריזער אויסשטעלונג און פון דאָרט אָפּגעפאָרן אין 1901 קיין בוענאָס-איירעס, וואו ער עפנט דאָס יידישע טעאַטער מיט שמ'רס „דער יידישער פּריץ". נאָכן שפּילן 2 וואָכן אין אַ זאַל און אַרויסרופנדיק פּראָטעסטן מצד דער יידישער פּרעסע, וועלכע באַטראַכט דאָס טעאַטער אַלס שעדלעך פאַר יידישקייט, ווערן די פאָרשטעלונגען אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט. באַלד אָבער ווערן זיי ווידער באַנייט און ס. שפּילט דאָרט אַ סעזאָן.

דערנאָך פאָרט ס. קיין לאָנדאָן און פּאַריז און שטעלט צונויף אַ נייע טרופּע (אַקסעלראָד און בערטאַ גוטענטאַג, אויערבאַך, מאָריס זאַגער א. א.), מיט וועלכער ער שפּילט ווידער אַ סעזאָן אין אַרגענטינע און (מיט איי‌ניקע אַקט‌אָרן) 4 וואָכן אין בראַזיל. שפּעטער באַזעצט זיך ס. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז טעטיק אַלס אַקטיאָר און מענעדזשער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

1912 — איז ער אַרומגעפאָרן אַלס מענעדזשער מיט מאַלווינע לאָבעל איבער פּוילן.

1913 — צוזאַמען מיט טש. נאַטאַנסאָן, קאַנער, בליפעלד און לעאָן בערגער גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער, וואַרשע, ווילנע און לאָדזש און דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער גיט זיך אָפּ מיט מסחר.

מ. ע.

סטאַר, העריי

[געב. ...18 — געשט. 1926]

געבוירן ...18 אין קוטנע, פוילן. אויפגעצויגן געוואָרן אין לאָנדאָן און פון דאָרט אויסגעוואַנדערט קיין דרום-אַפריקע, וואו ער שפּילט יידיש טעאַטער. אויף די עלטערע יאָרן געקומען אין אַרגענטינע און פון דאָ געפאָרן קיין בראַזיל, וואוהין ער ברענגט יידישע אַקטיאָרן פון אַרגענטינע און טיטולירט זיך „ערשטער דירעקטאָר פון דער יידישער טעאַטער-קאָמפּאַניע אין ריאָ-דע-זשעניירא אין טעאַטער קאַרלאָס גאָמעס".

אין די טרופּעס פון ס. האָבן אויך געשפּילט מאָריס מאָשקאָוויטש, משה-דוד וואַקסמאַן, יעקב און ליזע זילבערט.

בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין בראַזיל דער קאַמף קעגן די פרויענהענדלער און זייערע קרבנות, און אַ געוויסער טייל פון זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד, האָט ס., וועלכער איז געווען מיט זיי ענג פאַרבונדן, פאַרלוירן זיין עקסיסטענץ „ס. איז אָבער — לויט יעקב פרנס — געווען אין טעאַטער-געשעפטן אַ קאַפּריזנע מענטש. לייכט נאָכלאָזן די „לייצעס" פון די הענט האָט ער ניט געוואָלט. ביי אים איז טעאַטער ניט געווען קיין ספּאָרט-זאַך. ס'איז געווען זיין לעבנס-פראַגע. אָן טעאַטער האָט דער מענטש ניט געקאָנט לעבן.", האָט ער אָרגאַניזירט נייע טרופּעס און אַריענטירט זיך שוין אויף אַן אַנדער פּובליקום, מ'האָט אים אָבער אויך באַקעמפט און לסוף איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרמאַכן זיין טעאַטער אויף אַ קורצער צייט. דערנאָך האָט ער גיידונגען דאָס „סענטא נאַדיא טעאַטער" און האָט דאָרט איינגעאָרדנט פאָרשטעלונגען אויף יעדן מיטוואָך מיט אָרטיקע כוחות. דערביי פלעגט ער — לויט יעקב פרנס — אַרויסווייזן אַן אומגעהויערע איבערגעגעבנהייט צום טעאַטער: „דעם לעצטן גראָשן פלעגט ער אָדער אַוועקגעבן אַן אַקטיאָר אָדער קויפן אַ שטיקל רעקוויזיט און אַליין אַרומגיין אַ הונגעריקער".

ס. האָט דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין באַהיע, וואו ער איז אין 1926 געשטאָרבן האַלב-פּאַראַליזירט.

ס. האָט געשפּילט קאָמישע און כאַראַקטער-ראָלן. ער איז געווען אַ „טרעמפּישע" נאַטור און זיין פּריוואַט-לעבן איז געווען אַ סוד אַפילו פאַר זיינע נאָנטסטע.

י. באָטאָשאַנסקי שרייבט וועגן אים: אַלע ריידן וועגן ס ט אַ ר ן — אַן אַקטיאָר ווי מען זאָגט, מיט טאַלאַנט, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער אונטערוועלט, איז געווען חזן אין אירע שולן און האָט פאַרזאָרגט ריאָ-דע-זשעניירער יידן פון ביידע לאַגערס מיט תפילה און קונסט...

„„מען רעדט פון דעמדאָזיקן סטאַר אויך מיט אַ סך ליבע אין די אַקטיאָרן-קרייזן. אייניקע אַקטיאָרן רופן אים „טאַטע". ל. מלאך האָט ... פאַראייביקט אין „איבערגוס" אָן אַ באַשטימטן כאַראַקטער. נישט לאַנג ... געווען אַ ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן. אייניקע זאָגן, אַז ער איז נישט געשטאָרבן, נאָר ער מוז זיך, צוליב געוויסע טעמים אויסבאַהאַלטן... אַ לעגענדאַרע ...זענלעכקייט.".

ש. ע פון יעקב פרנס.

יעקב באָטאָשאַנסקי — צווישן פאָרהאַנג און לייוונט, „פרעסע", ב"א, 13 דעצ. 1929.

סטוטשקאָוו, נחום

[סטוטשקאָ]

געבוירן 7 יוני 1893 אין בראָק, לאָמזשער געגנט, פוילן, ביי חסידישע עלטערן, וועלכע טראָגן זיך איבער אין 1900 קיין וואַרשע. דאָ באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדרים און פון 16 יאָר אָן אין די ישיבות פון לאָמזשע, וואַרשע, וואָסילקאָווער קיבוץ א א פון 16 יאָר אָן נעמט ער זיך צו זעלבסטבילדונג און באַקענט זיך מיט טעאַטער. ער טרעט אויך אַריין אין „הזמיר", וואָס געפינט זיך דאַמאָלט אונטער דער לייטונג פון י. ל. פרץ, און דעביוטירט מיטן דראַמאַטישן קרייז פון „הזמיר" אין טעאַטער ערמיטאַזש (געוו. מוראַנאָווער) אין שלום-עליכמס „מענטשן". שפּעטער איבערזעצט ער און באַאַרבעט פאַרשיידענע פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער. נאָך זיין ערשטער באַאַרבעטונג „דער דאַך-דעקער, אָדער שליאַמקע בלעכער" [פרייע באַאַרבעטונג פון לואיס אנזשעליס „דער דאַך-דעקער"], וואָס איז אין 1912 געשפּילט געוואָרן דורך קאָמפּאַניעצס טרופּע אין מוראַנאָווער טעאַטער, ווערט ער דאָרט אַנגאַזשירט אַלס איבערזעצער און אַקטיאָר. דאָ ווערט אויפגעפירט זיין איבערזעצונג פון בעלס איינאַקטער „הערקולעס" [שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין דער איבערזעצונג פון זלמן זילבערצווייג] און פון איינאַקטער „דער קליינער טעות" פון לואיס אנזשעלי [לויט ס. — דער אָריגינאַל פון מאַרק אַרנשטיינס פרייער באַאַרבעטונג „מיין ווייבס משוגעת"], זיין פרייע באַאַרבעטונג פון דער מעלאָדראַמע „די גאַסן-קינדער" (אויפגעפירט אין טעאַטער עליזעאום) און זיין איבערזעצונג פון דעם מאַרס „ראָבערט און בערטראַם" (געשפּילט אין עליזעאום-טעאַטער).

פון וואַרשע פאָרט ס. מיט קאָמפּאַניעצס טרופּע איבער פוילן און רוסלאַנד, דערנאָך גייט ער איבער אין דער טרופּע פון שאַראַזונער, פון דאָרט אין דער טרופּע קאַניעווסקאַ-תאַרלאַמס. אין כאַרקאָוו ווערט ער צוגענומען צום מיליטער-דינסט און נאָך דער באַפרייאונג ווערט ער אַנגאַזשירט צו אַדאָלף סעגאַל אין כאַרקאָוו און ווערט אויך דער סעקרעטאַר פון אַרטיסטן-פאַראיין.

ס. האָט אויך פאַר דער זעלבער טרופּע איבערזעצט די פּיעסעס „חוה", „יהודית", „פאַרקויפטער שקלאַף", „דער 70 יאָריקער יובילעאום" א.א., וואָס זיינען נישט געשפּילט געוואָרן.

1917-21 — איז ס. פאַרבונדן מיטן כאַרקאָווער יידישן טעאַטער „אונזער ווינקל", וועלכעס האָט אויפגעפירט זיין פרייע באַאַרבעטונג פון וואָלטערס קאָמעדיע „דאָס כפרה-הינדל", זיין איבערזעצונג פון מאָליערס „סקאַפּיענס שמד-שטיק" און בענעווענטאָס „אינטערעסן-שפּיל". שפּעטער ווערט ער אָנפירער פון וויטעבסקער יידישן מלוכה-טעאַטער, פאַר וועלכן ער איבערזעצט מאָליערס „דער קאַרגער".

1923 — קומט ער אין אַמעריקע, וואו ער טרעט אויף נאָר איין מאָל אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער אַלס „אָסוואַלד" אין איבסענס „גייסטער". דעם 16 דעצעמבער 1923 ווערט אין יידישן קונסט-טעאַטער ...ר פון מאַרק שווייד אויפגעפירט ס.'ס איבערזעצונג פון בענעווענטאָס „אינטערעסן שפּיל" א'נ „ליאַלקעס".

צום סעזאָן 1924-25 איז ס. אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיער ייאַרדן-

טעאַטער (מיט גאָלדענבורג און צילי אַדלער) און צום סעזאָן 1925-26 — אין זעלבן טעאַטער (מיט מאַקס ראָזענטאַל).

אין דער זעלבער צייט ווערט אין ניו-יאָרקער אירווינג-פּלייס-טעאַטער אויפגעפירט (מיט מוני ווייזענפריינד אין דער הויפּט-ראָל) ס.׳ס פּיעסע אי׳פ נ. בראַקער „ווער בין איך?“ [פרייע אַדאַפּטירונג פון „דער גוטמוטיקע טאָמאַס“] און (מיט סעמועל גאָלדענבורג אין דער הויפּט-ראָל) ס.׳ס אָריגינעלע פּיעסע אי׳פ נ. בראַקער „מזל צו פרויען“.

סוף סעזאָן 1924-25 איז אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס אָפּערעטע „די צוויי כּלות“, וואָס איז דעם 17 מאַי 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין בראָנקסער מעקינלי-סקווער-טעאַטער אי׳נ „אַ חתונה אין שטעטל“ (מוזיק — היימי דזשייקאָבסאָן).

דעם 17 יולי 1925 איז אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמועל גאָלדענבורג און צילי אַדלער ס.׳ס סקעטש אין 1 אַקט „דער האָלדאָפּ אין די מאַונטיינס“ און קורץ דערויף דער איינאַקטיקער סקעטש „די 3 חתנים“.

1927 — פירט אויף מישע פישזאָן אין דעטראָיט ס.׳ס דראַמע „דער אַרגענטינער טאַטע, אָדער, פאַר אַ טאַטנס זינד“. די פּיעסע איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין אייראָפּע.

דעם 9 סעפּטעמבער 1927 איז אין בראָנקסער פּראָספּעקט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס. ס אָפּערעטע „פאַרגעס מיך נישט“ (מוזיק — א. פערלמוטער). די זעלבע פּיעסע איז דעם 15 סעפּטעמבער 1927 אויפגעפירט געוואָרן אין ברוקלינער לירי‌ק-טעאַטער אי׳נ „די פרוי פון אַמאָל“.

דעם 2 נאָוועמבער 1928 איז אין פּראָספּעקט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס.׳ס מעלאָדראַמע „אין רויטן רוסלאַנד“ (מוזיק — פ. לאַסקאָווסקי).

בערך אין דער זעלבער צייט איז אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ אויפגעפירט געוואָרן דורך איזידאָר האָלענדער ס.׳ס דראַמע „פרויען שטאָלץ“ [פרייע באַאַרבעטונג פון יאַקאָבּיס „די עהע“].

דעם 20 דעצעמבער 1929 ווערט אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער אויפגעפירט „אַז דער רבי וויל, חסידישע אָפּערעטע, ליברעטאָ און ליריקס פון נ. סטוטשקאָוו, מוזיק — א. עלשטיין, רעזשי — לודוויק זאַץ, דעקאָראַציעס — א. טשערטאָוו“ (מיט לודוויק זאַץ אין דער הויפּט-ראָל).

דעם 10 יאַנואַר 1930 ווערט אין האָפּקינסאָן-טעאַטער אויפגעפירט (מיט צילי אַדלער אין דער הויפּט-ראָל) ס.׳ס דראַמע „מערידזש לייסענס“, וואָס ווערט דערנאָך דורך איר געשפּילט אין אַרגענטינע און אייראָפּע אי׳נ „חתונה-קאָנטראַקטן“.

דעם 16 יאַנואַר 1931 ווערט אין ראָלאַנד-טעאַטער אויך פון איזידאָר קעשיער אויפגעפירט ס.׳ס „אוי אַמעריקע“

אין 1926 איז ס. געווען סעקרעטאַר פון דער „יידישע דראַמאַטורגען-ליג“ אין אַמעריקע.

ס. שרייבט זייער אָפט ליריקס צו די אָפּערעטעס, וואָס ווערן געשפּילט אין די יידישע טעאַטערס אין אַמעריקע.

אין 1931 איז דערשינען ס.׳ס „יידישער גראַמען-לעקסיקאָן (35.000 ווערטער), צוזאַמענגעשטעלט פון נ. סטוטשקאָוו. פאַרלאַג „לעקסיק“, ניו-יאָרק, 1931“.

זינט 1932 פירט אָן ס. אי׳נ „פעטער נחומס יידישע שעה“ מיט אַ יידישער קינדער-שעה אויף דער ראַדיאָ אין די זונטאָג פאַרמיטאָגס און טרעט אויך אַרויס (צוזאַמען מיט הענריעטאַ שניצער) אויף דער ראַדיאָ אין אַן אייגענעם דראַמ. דיאַלאָג „עני און בעני“.

ש. און מ. ע.

נח לאָנדאָן - אַ שפּאַנישער פאַרס אין אידישן קונסט טעאַטער „ליאַלקעס“, אַ לוסטשפּיל אין דריי אַקטן מיט אַ פּראָלאָג פון יאַסינטא בענוועגטא, רעזשי מאַרק שוייד, „פרייהייט“, נ. י., 31 דעצ. 1923.

ל. פאָגעלמאַן — „פאַרגעס מיך ניט“, אַ מוזיקאַלישע פּיעסע, אין פּראָספּעקט טהעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 15 סעפּט. 1927.

יעקב קירשענבוים -- מען שפּיעלט שוין אידיש טעאַטער!, „אַמעריקאַנער“, נ׳ 27, 1927.

א. מאַנדעלבוים — אַ נייע מלחמה-פּיעסע אין פּראָספּעקט טעאַטער, „פרייהייט“, נ. י., 9 נאָוו. 1928.

מ. שמש — „אַז דער רבי וויל“, „די אידישע בעקערס שטימע“, נ. י., 27 דעצ. 1929.

וויליאַם עדלין — לודוויג זאַץ אין אַ נייער געראָטענער אָפּערעטע, „טאָג“, נ. י., 3 יאַנ. 1930.

ד. קאַפּלאַן — „אַז דער רבי וויל“, נייע חסידישע אָפּערעטע אין זאַץ׳ט פאָלקס טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 3 יאַנ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ׳ש“, נ. י., 10 יאַנ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ׳ש“, נ. י., 24 יאַנ. 1970.

י. שאַיאַק — אַ גרויסער אַקטיאָר אין אַ ביליקער אָפּערעטע, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 19 מאַי 1930.

קריטיקוס [מאָרריס מייער] — „אַז דער רבי וויל“, אָפּערעטע פון סטוטשקאָוו, אויפגעפירט פון לודוויג זאַץ, „די צייט“, לאָנדאָן, 19 מאַי 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ׳ש“, נ. י., 23 מאַי 1930.

ל. פלאַמשטיין — „אוי אַמעריקע!“ אין ראָלאַנד טעאַטער, די נייע קאָמעדיע פון נ. סטוטשקאָוו מיט מוזיק פון ש סעקונדא, „טאָג“, נ. י., 23 יאַנ. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — אַ קאַפּעלע בטלנות פאַר אַ נאָווינע, „פּאָ׳ש“, נ. י., 30 יאַנ. 1931.

ד. קאַפּלאַן — אַ שיינע מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין ראָלאַנד טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 30 יאַנ. 1931.

דר. א. מוקדוני — ביכער און פאָררעדעס, „מאָ׳זש“, נ. י., 24 יולי 1931, „ווילנער טאָג“, 14 אויג. 1931

קלמן מרמר — וועגן צוויי נייע האַנט-ביכער, „מאָרגן-פרייהייט“, נ. י., 7 אויג. 1931.

קאָף [שמשון כהן] -- גראַם-שטראַם מאַך מיר אַ לעקסיקאָן, „ווילנער טאָג“, 17 אויג. 1931.

א. אלמי — גראַם-שטראַם, „פּאָ׳ש“, נ. י., 13 נאָוו 1931.

אַברהם רייזען — נייע ביכער, „די פעדער“, נ. י, דעצעמבער, 1931.

ש. קאָף — ש. סטוטשקאָווס יידישער גראַמען לעקסיקאָן, „ווילנער טאָג“, 1 אַפּריל 1932.

מאָרריס מייער — דאָס אויסגעצייכנטע שפּילען פון צילי אַדלער אין „חתונה קאָנטראַקטען“, „די צייט“, לאָנדאָן, 18 אָקט. 1932.

A-N [אהרן צייטלין] - יידישער גראַמען-לעקסיקאָן, „גלאָבוס“, וואַרשע, נ׳ 11, 1933.

בית-שין [ב. שעפנער] אוי, אַמעריקע..., „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 9 אויג. 1933.

ע-ל -- שמועסן וועגן טעאַטער, „מאָמענט“, וואַרשע, 11 אויגוסט 1933.

סטרוגאטש, יוסף

געבוירן 23 מערץ 1893 אין אָדעס, אוקראַאינע. פֿאָטער און זיידע — חזנים. געלערנט אין חדרים מתוקנים. אין עלטער פון 14 יאָר געקומען אין בעלץ צו זיין זיידען. דאָ ענדיקט ער אַ 4-קלאַסיקע שטאָט-שול, לערנט אין גימנאַזיע פון וואָסקראָסענסקי און אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין דער „רוסישע באַנק פאַר אינערלעכן האַנדל".

נאָך אַלס קינד געוועז אַ משורר ביים פאָטער און זיידען און צוזאַמען מיט זיין חבר, דעם שפּעטערדיקן אַקטיאָר, גרישע עפּשטיין, און זיין פאָטער, זיך שפּעטער באַטייליקט אין יידישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען, דעביוטירנדיק אין דער געזאַנג-פּאַרטיע „שומר" אין גאָלדפאַדענס „בר כוכבא". גלייכצייטיק זיך אויך באַטייליקט אין רוסישע ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען.

אין 1912 צוגעצויגן געוואָרן דורך עפּשטיינען אַלס כאָראַפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין מישוראַטס וואַנדער-טרופּע, וואו ער דעביוטירט אַלס „באַרטעלאַ" אין שאַרקאַנסקיס „כל נדרי". נאָכן שפּילן אייניקע חדשים ביי מישוראַט, איבערגעגאַנגען אין די טרופּעס פון שטשערבאַקאָוו, בראָנשטיין, קאָריק, סאַבסיי א. א. ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה. דערנאָך געווען $4^1/_2$ יאָר אויפן פראָנט און אין 1913 געקומען אין פּוילן מיט די אַקטיאָרן זשעלאַזאָ, האָכבערג א. א., וואו זיי טרעטן אַריין שפּילן אין לאָדזשער קאָלאָסעאום. נאָך אַ קורצער צייט גייט איבער ס. אין „גרויסעס טעאַטער" (דיר. — קאָמינאַניעצקי), דערנאָך אין „סקאַלאַ"-טעאַטער (דיר. — לאַזאַר קאַהאַן), וואו ער איז דער ערשטער צו פאַרקערפּערן די ראָל „פּרינץ ראַדזשאַמי" אין קאַלמאַנס אָפּערעטע „באַיאַדעראַ" און שפּעטער פאָרט ער אַרום איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

בעת דער גרינדונג פון „אַזאַזעל" טרעט ס. אַריין צום 2-טן פּראָגראַם און מאַכט זיך באַזונדערס פּאָפּולער מיט זיין שאַרזש „דער קעלמער מגיד". 5-6 יאָר איז ס. פאַרבונדן מיט „אַזאַזעל" אַלס אַקטיאָר, אָפט אַלס רעזשיסער און אַ ריי יאָרן אויך אַלס דירעקטאָר פון דער טרופּע.

נאָכן צעפאַלן פון „אַזאַזעל" ווערט ס. דירעקטאָר פון „אַררט", וואו ער שפּילט אויך און רעזשיסירט. 1930 — ווערט ער אָנפירער פון „כאַליאַסטרע", אָבער באַלד רייסט ער איבער. צוליב קראַנקהייט, זיין בינע-אַרבעט.

מ. ע.

סטריזאָווער, אברהם

[געב. בערך 1893 — געשט. יאַנ. 1923]

געבוירן בערך 1893 אין מזרח-גאַליציע. געשפּילט און געווען גאַלף-רעזשיסער אין דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע" אין עסטרייך און בעתן באַטייליקן זיך אין טורנעע פון דערדאָזיקער טרופּע אין רומעניע, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין יאַנואַר 1923 אין קעשעניעוו.

לויט יעקב מעסטעל איז ס. געווען פון טיפּ פון „נישט-דערגאַנגענע" יידישע אינטעליגענטן. געווען אַ וויצלינג און אַרויסגעוויזן שוישפּילערישע פעאיקייט, האָט אָבער צוליב אַ פיזישן מום נישט געקאָנט מאַכן קיין שוישפּילער-קאַריערע.

לויט לאה ווינטרויב-גראַף איז ער געווען דער רוח-החיים פון דער טרופּע און האָט פיל מיטגעהאָלפן צו איר אַנטוויקלונג.

מ ע פון יהודה בלייך, לאה ווינטרויב-גראַף און יעקב מעסטעל.

סטרעלסקאַ, סאָניע (סאָפיע)



געבוירן בערך 1874 אין נאָווגאָראָד-וואָלינסק (זוויהל), וואָלין. פאָטער — אַ חזן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג: געלערנט ביי מלמדים און פּריוואַט ביי לערער.

אין עלטער פון 19 יאָר דעביוטירט אַלס כאָריסטקע אין אַן אָרטיקער רוסישער טרופּע און אַ געוויסע צייט געווען כאָריסטקע אין רוסישע און אוקראַאינישע טרופּעס. שפּעטער אַריינגעטראָטן אַלס פּרימאַדאָנע אין דער יידישער טרופּע פון שאַראַוונער, דערנאָך צו סאַבסיי און אין 1907-08 אַריבער אין דער טרופּע פון מישע גענפער, וואו זי האָט זיך שוין אויך באַטייליקט אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר.

דאָ האָט מ. חתונה מיטן טעאַטער-דירעקטאָר מישע גענפער און נאָך זיין טויט (1913) נעמט זי איבער, צוזאַמען מיט אירע שוועגערס סאַלאָמאָן און סיאָמע גענפער, די אָנפירונג פון דער טרופּע, וועלכע עקסיסטירט ביז דער פעברואַר-רעוואָלוציע 1917.

שפּעטער איז ס. אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער טרופּע אין יעקאַטערינאָסלאַוו, געגרינדעט דורכן פאַראיין „יידישער אַרטיסט". 1918-19 — האָט ס., צוזאַמען מיט מרים טריילינג און מישע אַפּעלבוים, זיך פאַראייניקט אין אַ וואַנדער-קאָלעקטיוו און אַרומגעפאָרן איבער ווייסרוסלאַנד און אוקראַאינע ביז זיי ווערן געשטערט אין טשערקאַס דורך גריגאָריעווס באַנדעס. 1919 — איז ס. אָנגעקומען אין פּאָלטאַווע אין דער פּריוואַטער טרופּע א"ד פון בריסקין און בראַסלאַווסקי. 1919-20 — אַריינגעטראָטן אין „קונסט-ווינקל" ביים פּאָלטאַווער אָפּטייל פון „קולטור-ליגע". 1920 — צוליב פאַמיליע-סיבות אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, טרעט זי אַריין אין דאָרטיקן יידישן מלוכה-טעאַטער א"א פון י. בערטאַנאָוו, און נאָך דער צעפאַלונג פון דער טרופּע, פאָרט זי אַרום אַ קורצע צייט מיטן קאָלעקטיוו א"ל פון אַדאָלף סעגאַל.

1922-26 — האָט ס. געשפּילט אין טעאַטער „קונסט-ווינקל" אין קיעוו, שפּעטער אין פאַרשיידענע וואַנדער-קאָלעקטיוון מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי, גוטהערץ און קלאַראַ פרידמאַן. 1930-31 — געשפּילט אין דער טרופּע „רויטער פאַקל" (דירעקציע — איסאַק ראַקיטין).

1931 — האָט זיך ס. צוריקגעצויגן פון דער בינע און זיך באַזעצט ביי פריינט אין מאָסקווע, באַקומענדיק אַ יאָרלעכע פּענסיע פון דער ראַטנפאַרבאַנד-מלוכה.

דעם 15 יאַנואַר 1923 איז אין קיעווער טעאַטער „קונסט-ווינקל" געפייערט געוואָרן ס.'ס 30-יאָריקער בינע-יובילעי, אויף וועלכן ס'איז געשפּילט געוואָרן עמיל זאָלאַס „טערעזאַ ראַקען" מיט דער יובילאַרשע אַלס „די מוטער".

מאַרק לייפּציקער שרייבט: „פאַר איר לאַנג-יאָריקער אַרבעט אויף דער סצענע, האָט ס. איבערגעשפּילט כמעט דעם גאַנצן יידישן

רעפּערטואַר, אויך אין פיל איבערזעצונגען, סיי פון דער אַלטער דראַמאַטורגיע, סיי פון דער נייער, דער עיקר: פון די סאָוועטישע פּראָלעטאַרישע שרייבער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ס. האָט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט אין אַלטן רעפּערטואַר און איבערגעשפּילט אַזוי פיל ראָלן, האָט זי זיך פאָרט זייער גוט צוגעפּאַסט צום נייעם טעאַטער און די גרעסטע ראָלן פלעגט זי שפּילן אָן אַ סופלער".

ש. ע פון מאַרק לייפּציקער.

סיבירצעוואַ, נינאַ

געבוירן 1901 אין קלינצי, טשערניגאָווער גוב., אוקראַאינע. עלטערן — סוחרים מיט אַ וועלטלעכער אָנשויאונג, האָבן איר געגעבן אַ מאָדערנע דערציאונג. צוליב דעם, וואָס איר פאָטער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אַטשינסק (סיביר), פאָרט אַהין אַריבער די גאַנצע פאַמיליע און ס. באַזוכט דאָרט די מיידל־גימנאַזיע, וועלכע זי ענדיקט אין 1918.

אויף דער איניציאַטיוו פון צונויפגעפּאָרענע יידישע סאָלדאַטן איז אין אַטשינסק געגרינדעט געוואָרן אַן אומלעגאַלער ליטעראַריש־דראַמאַטישער קרייז, אין וועמענס פאַרשטעלונגען ס. האָט זיך באַטייליקט.

1921 — באַזוכט אין מאָסקווע די רוסישע דראַמאַטישע שול ביים מאָסקווער קליינעם טעאַטער א'נ פון יערמאָלאָוו.

1927 — אַריינגעטראָטן אין ביאַליסטאָקער רעווי־טעאַטער „גילה רינה". 1928 — באַטייליקט זיך אין „אַזאַזעל", דערנאָך אין אַ ריי דראַמאַטישע און אָפּערעטע־טרופּעס און זינט 1931 — אין ווילנער יידישן טעאַטער.

ש. ע.

סיגאַל בן־ציון

געבוירן 15 אָקטאָבער 1900 אין דאָרף אָלעיוב, מזרח־גאַליציע, ביי חסידישע עלטערן. פאָטער — אַ הענדלער. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר. אָן וויסן פון די עלטערן באַזוכט די אָרטיקע פאָלקס־שול, וואו ער לערנט אין אַ יאַרמעלקע. זייער יונג געוואָרן אַ דרדקי־מלמד, כדי צוצוהעלפן צו דער פרנסה אין שטוב.

בעתן מלחמה־אויסבראָך אַנטלאָפן מיט די עלטערן פון גאַליציע און אין 1916 אָנגעקומען אין ווין, וואו ער אַרבעט אין פאַרשיידענע פאַבריקן צו דערנערן די משפּחה אין דער אָפּוועזנהייט פון מיליטער־מאָביליזירטן פאָטער.

דורך חברים אַריינגעצויגן אין פאַראיין „ציון", וואו ס'קומען פאָר פאָרשטעלונגען פון ליטעראַרישע פּיעסעס א״ר פון יונה רייזמאַן און יעקב מעסטעל. דאָ דעביוטירט ס. אַלס „יעקב ענמאַן" אין דימאָוס „שמע ישראל". באַקומען אַ שטאַרקן ווילן צו דער בינע, נעמט ער דראַמאַטישע קורסן ביים אויבערעזשיסער פון ווינער שטאַט־טעאַטער יוליוס האַללע און טרעט אויך אַריין אויף די דראַמאַטישע קורסן ביי די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע". וואו ס'לערנען אַלס לערער עגאָן בּרעכער, יעקב מעסטעל, דר. פריש און י. באַלטוף.

מאַי 1920 — אַריינגעטראָטן פּראָפעסיאָנעל אין דער טרופּע, וועלכע יצחק דייטש שטעלט צונויף פאַרן קור־פּלאַץ מאַריענבאַד און דאָ דעביוטירט אַלס „דר. אַבראַם" אין לאַטיינערס „כינקע און פינקע" אין אַ רעסטאָראַן ביי דאַוויד לייטנער אין מאַריענבאַד. נאָכן שפּילן דאָרט 3 חדשים, קערט ער צוריק קיין ווין, וואו ער טרעט אַריין אין דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַביל יידיש טעאַטער.

1921־22 — מיטגעמאַכט דעם טורנע פון דער טרופּע איבער רומעניע און נאָך דער צעפאַלונג פון דער טרופּע אַריינגעטראָטן אין יידישן סטעפּאַני־טעאַטער, אַרומגעפאָרן דערנאָך מיט דער שטראַמער טרופּע איבער טשעכיע, 1923־24 — געשפּילט אין בודאַפּעסט און דערנאָך צוריק אין ווין.

ש. ע.

סיגעל וויליאַם

[וועלוול־יצחק הערצאָג]

געבוירן 29 דעצעמבער 1893 אין נעמאַקשטי, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, אין אַ רוסישער פאָלקס־שול און צו 10 יאָר אַריין אין דער „בית־דוד"־ישיבה אין טאַוואַרעק.

צו 12 יאָר געקומען אין קעניגסבערג (דייטשלאַנד), וואו ער באַזוכט אַ דייטשע שול און לערנט אויך שפּילן פידל. דאָ געזען צום ערשטן מאָל אַ דייטשע טעאַטער־פאָרשטעלונג („אַלט היידעלבערג").

אין 1906 געקומען אין אַמעריקע צו זיין משפּחה אין באָסטאָן, וואו ער נעמט אָן זיין משפּחהס געענדערטן פאַמיליע־נאָמען פון „הערצאָג" אויף „סיגעל", באַזוכט אַ דאָרטיקע ענגלישע שול און אין פרייער צייט פאַרקויפט ער צייטונגען.

אין 1907 פאָרט ער קיין פילאַדעלפיע, וואו ער לערנט אין אַ צוגרייטונגס־שול און שפּילט ערשטע פידל אין אַ ק'נדער־אָרקעסטער, אָבער פילנדיק אין זיך דעם דראַנג צו טעאַטער, שליסט ער זיך אָן אין אַ דראַמאַטיק־קלוב, וואו ער שפּילט איין־אַקטערס צוזאַמען מיט דעם שפּעטערדיקן דיכטער א. ל. וואָלפסאָן. אין 1910 ווערט ס. אַנגאַזשירט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן וואַריעטע־טעאַטער קריסטעל־פּאַלאַס (7־טע און מאָריס סטריט אין פילאַדעלפיע, דיר. — סירני הארט), וואו ער שרייבט און שפּילט איין־אַקטערס. 6 חדשים שפּעטער, ווען די טרופּע צעפאַלט זיך, גייט ער אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון האַנט־טאַשן, און ווערט אַ מיטגליד פון „ענטיקס דראַמאַטישן קלוב" אין פילאַדעלפיע, וואו ער טרעט אַרויס אין דער פרייער צייט מיט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן. דערנאָך געענדיקט אַ פאַרבערייטונגס־שול און געצוויגן פרנסה פון געבן

לעציטיעס אויף וויאָלין-שפּילן, שפּעטער געוואָרן סופלער אין פּרינצעס וואַריעטע, וואו ער שפּילט אויך ראָלן און שרייבט סקעטשעס. סידני און בערטאַ האַרט, וועלכע פירט אָן מיט טאַליאַ-מיוזיק-האָל אין ניו-יאָרק, אַנגאַזשירן אים צו זיך אַלס אַקטיאָר און סקעטשעס-שרייבער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט קומט ס. צוריק מיט זיי אין פּרינצעס וואַריעטע אין פילאַדעלפיע, און פון דאָ פאָרט ער מיט זיי קיין קליוולאַנד, וואו ער שרייבט פאַר זיי סקעטשעס און אויך גאַנצע פּיעסעס.

אַזוי איז אין 1913 אין קליוולאַנדער יידישן טעאַטער (מיט סידני און בערטאַ האַרט אין די הויפּט-ראָלן) אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס „4 פון דער אונטערוועלט" און אין זעלבן יאָר האָט דיזעלבע טרופּע אויפגעפירט אין מאָנטרעאַל זיין צייט-פּיעסע „מענדל ביילים" און „די גאַלערעע פון פאַרשוואונדענע מענער".

אין 1914 איז מיט מעי סיימאָן אין דער הויפּטראָל אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער פּלאַזאַ טעאַטער ס.׳ס פּיעסע „שוועסטער און ברידער", דיזעלבע פּיעסע איז דעם 3 אַפּריל 1917 אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַקס ראָזענטאַל אין בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּל-טעאַטער א׳נ „די אייביקע זינד, לעבנס-בילד אין 4 אַקטן" און דעם 24 נאָוועמבער 1922, א׳ר פון ל. קרעמער אין האָפּקינסאָן-טעאַטער, א׳נ „וואו זיינען מיינע עלטערן ?".

פון קליוולאַנד פאָרט ס. צוריק קיין פילאַדעלפיע אין וואָדעוויל אין פּרינצעס טעאַטער. דאָ ווערט ער דורך מייק טאָמאַשעווסקי אַנגאַזשירט אין אַרטש-סטריט-טעאַטער, וואו ער דעביוטירט אין דער ראָל פון אַן ענגלישן „סאָלפּידזשען" [פּאָליציי-אַגענט] אין גאסטווירטס יידישער איבערזעצונג פון דער ענגלישער פּיעסע „וויטהין טהי לאָו". און שרייבט ליריקס צו אַ פּיעסע פון דר. האָרנשטיין. פון דאָ פאָרט ער קיין ניו-יאָרק אין אַטלאַסעס מעטראָפּאָליטאַן-וואָדעוויל-טעאַטער. דערנאָך שפּילט ער מיט פעני ריינהאַרדט אין באָסטאָן און ווערט דערויף אַנגאַזשירט אַלס אַקטיאָר און פּיעסעס-שרייבער פאַרן האַרלעמער לענאָקס טעאַטער אין ניו-יאָרק (דירעקציע — נייטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס), וואו עס ווערט אויפגעפירט זיין פּיעסע „דאַרף אַ מיידל דערציילן ?", וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן א׳נ „וואו זיינען מיינע קינדער ?" און איז מיט יאָרן שפּעטער געבראַכט געוואָרן, אָן וויסן פון מחבר, קיין איירּאָפּע געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אויף די דאָרטיקע יידישע בינעס, און איז אויך אָן וויסן פון מחבר דאָרט אַנאָנים פאַרעפנטלעכט געוואָרן [וואו זענען מיינע קינדער ?!!, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן, רעדאַגירט פון ראובן מאַנדעלבוים (מאַרסאַלאָוו), פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא 1926], „קעגן געבורט", (צוזאַמען מיט נ. ראַקאָוו), „די ווייסע שקלאַפן פון ניו-יאָרק", וואָס איז דעם 2 פעברואַר 1917 אויפגעפירט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער א׳נ „אַ לעבן פאַר אַ לעבן" (צוזאַמען מיט נ. ראַקאָוו), „רייכע אָרעמע לייט", „אַ מיידלס האָפנונג", וואָס איז דעם 11 אָקטאָבער 1918 אויפגעפירט געוואָרן דורך איזידאָר ליליען אין ליריק-טעאַטער א׳נ „די מאַכט פון אָרעמקייט", און „די פאַרקויפטע כלה", וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך לעאָן בלאַנק א׳נ „דער שכור".

בעת דער אויפפירונג פון דער לעצטער פּיעסע, פאַלט ס. אויף דער בינע, פאַרגיפטעט זיך אַ פוס, און מוז צוליב דעם אַוועק אויף אַ צייט אין שפּיטאָל.

דעם 31 דעצעמבער 1917 ווערט אין קעסלערס טעאַטער אויפגעפירט דורך דוד קעסלער (אין דער ראָל „סיימאָן ראָזמאַן") ס.׳ס „דער מאַסקירטער, אַמעריקאַנער לעבנס-בילד אין 4 אַקטן". וואָס ווערט דעם 14 דעצעמבער 1917 אויפגעפירט דורך ז. ווייסטרויב אין ליבערטי-טעאַטער א׳נ „ליבע און ראַכע" און דעם 19 מערץ 1926 דורך יאָזעף שיינגאָלד אין ליריק-טעאַטער א׳נ „ווייבער און געליבטע".

אין זעלבן יאָר (1917) ווערט אויך אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט ס.׳ס „פאַרהייראַטע שקלאַפן", און דעם 30 אויגוסט 1918 דורך נייטאַן גאָלדבערג „ביזנעס און פּלעזשור", וואָס ווערט דעם 12 נאָוועמבער 1920 געשפּילט אין ליריק-טעאַטער א׳נ „פאַרלאַנגט אַ ווייב".

דעם 7 דעצעמבער 1918 ווערט אויפגעפירט דורך א. ליליען אין ליריק-טעאַטער ס.׳ס „שלום, סענסאַציאָנעלע צייט-דראַמע אין 4 אַקטן", וועלכע ווערט גלייכצייטיק אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג אין לענאָקס-טעאַטער.

דעם 3 יאַנואַר 1919 ווערט אין פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון דוד קעסלער אויפגעפירט „די פרוי אין איר היים, אין 4 אַקטן, פון לואיס באַרקין און וויליאַם סיגעל, מוזיק — הערמאַן וואָהל".

אין אַפּריל 1919 ווערט אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט דורך סעם. ראָזענשטיין ס.׳ס „די קראַפט פון געוויסן, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן", וואָס ווערט דעם 29 אויגוסט 1919 אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג אין לענאָקס-טעאַטער.

דעם 8 אָקטאָבער 1919 ווערט אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט „צעריסענע נשמות, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן פון קאַלמאַנאָוויטש און סיגעל, מוזיק — פרידזעל".

דעם 5 נאָוועמבער 1920, אין לענאָקס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג — ס.׳ס מעלאָדראַמע „דאָס חופּה-קלייד", וואָס ווערט גלייכצייטיק געשפּילט דורך יאָזעף קעסלער אין שיקאַגאָ, און דעם 4 מערץ 1921, אין אַ געענדערטער פאָרם (מיט מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי), אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

די פּיעסע ווערט אויך שפּעטער, דורך אַן אומלעגאַלן אופן, געבראַכט אויף דער יידישער בינע אין איירּאָפּע, וואו זי ווערט געשפּילט מיט אַ גרויסן דערפאָלג, און ווערט אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט [וויליאַם סיגעל. דאָס חופּה קלייד, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען, פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1926].

צוליב זיין קראַנקהייט מוז ס. זיך צוריקציען פון שפּילן אויף דער בינע און גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט שרייבן פּיעסעס.

דעצעמבער 1920 ווערט (מיט ראָזעטאַ קאָן אין דער טיטל-ראָל) אויפגעפירט אין קאַנאַדע ס.׳ס פּיעסע „די גרינע כלה", וואָס ווערט דעם 14 יאַנואַר 1921 געשפּילט אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער. די זעלבע פּיעסע, אין אַביסל געענדערטער פאָרם, ווערט דעם 21 פעברואַר 1928 אויפגעפירט אין זעלבן ליבערטי-טעאַטער דורך מנשה סקולניק א׳נ „דער גרויסער פאַרדינער" און ווערט זינט דאַמאָלט געשפּילט דורך אים אויך א׳נ „פישל דער געראָטענער".

דעם 2 פעברואַר 1921 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס.׳ס „שמענדריק אויף בראָדוויי", וואָס איז דעם 12 אָקטאָבער 1921 אויפגעפירט געוואָרן דורך סעמועל ראָזענשטיין אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳נ „העלאו שמענדריק, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון וויליאַם סיגעל, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי", און אין דער זעלבער צייט, דורך יעקב מעסטעל, אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער.

דעם 16 סעפּטעמבער 1921 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעגע-

פירט געוואָרן ס.׳ס מעלאָדראַמע „מיידלעך אָן אַ היים״. דעם 13 אַפּריל 1922, דורך בייטאַן גאָלדבערג – „דעם רבינס אלמנה״. וואָס איז דעם 11 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳נ „די אַמעריקאַנער רביצין, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, מוזיק – יאָזעף רומשינסקי, רעזשי – מ. מיכאַלעסקאָ״. און דעם 17 אַפּריל 1922 – די מעלאָדראַמע „אַ קינד פון דער גאַס״.

דעם 23 סעפּטעמבער 1922 איז אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „גאָטס משפּט, קאָמעדיע-דראַמע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג פון קאַלמאַנאָוויטש און סיגעל״, וואָס איז אין 1923 אויפגעפירט געוואָרן דורך לעאָן בלאַנק (אין דער טיטל-ראָל) א׳נ „דער וואַטשמאַן״ און איז שוין פאַרבליבן יאָרן-לאַנג אין בלאַנקס רעפּערטואַר. די זעלבע פּיעסע איז, אָן וויסן פון מחבר, דורך יוליוס אַדלער. געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע און דאָרט דורך אים געשפּילט געוואָרן א׳נ „דער וועכטער״.

דעם 23 סעפּטעמבער 1922 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג „אַ היים פאַר אַ מאַמע, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן פון וו. סיגעל און ה. קאַלמאַנאָוויטש״. דעם 27 אָקטאָבער 1922 – „רייזעלע פון טשייניטאַון, מוזיק – אַרנאָלד פּערלמוטער״, וואָס איז דעם 25 דעצעמבער 1928 געשפּילט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער מיט מוזיק פון בנימין בלאַנק און אין 1929 אין וואַרשע א׳נ „רייזעלע פון יאַפּאַן״. און דעם 28 דעצעמבער 1922 – „פאַרגעסענע מאַמעס, דראַמע פון וו. סיגעל און ש. שטיינבערג״, וואָס איז דעם 23 מערץ 1930 געשפּילט געוואָרן אין ראָלאַנד-טעאַטער (מוזיק – שלום סעקונדאַ) דורך מישע און לוסי גערמאַן און דעם 9 פעברואַר 1923 א׳נ „געקויפטע קינדער״ (מוזיק – פּערלמוטער און ברוידי), דורך סעראַ אַדלער, אין פּיפּלס-טעאַטער.

דעם 9 מערץ 1923 איז אין פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון מאַקס ראָזענטאַל אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס „מיין ווייב שטרייקט, מוז. פאַ ס אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, מוזיק – יאָזעף ברוידי״, דעם 31 אויגוסט 1923, אין לענאָקס טעאַטער – „רחלע מעקאַרטי״ (מוז. – א. פּערלמוטער), דעם 3 סעפּטעמבער 1923, דורך נייטאַן גאָלדבערג, – „זיין פאַרגעסענע געליבטע, קאָמעדיע-דראַמע אין 4 אַקטן״ (מוזיק – שלום סעקונדאַ) און דעם 9 נאָוועמבער 1923 – די אָפּערעטע „די אַמעריקאַנער גרינהאָרנס״ (מוזיק – א. פּערלמוטער), וואָס איז דעם 30 מערץ 1926 געשפּילט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער א׳נ „אַ גאַסט צום סדר״.

דעם 11 אַפּריל 1924 איז אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס „פאַרלוירענע ליבע״, דעם 23 אַפּריל 1924 (מיט ראָזע גאָלדבערג אין דער הויפּט-ראָל) „סאַמעט און זייד״, וואָס איז דעם 29 סעפּטעמבער 1924 אויפגעפירט געוואָרן אין זעלבן טעאַטער א׳נ „היינטיקע מיידלעך״ (מוזיק – א. אָלשאַנעצקי) און אונטערן זעלבן נאָמען (מיט מוזיק פון הערמאַן וואָהל) געשפּילט געוואָרן דעם 24 דעצעמבער 1924 אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון מאַקס געביל (מיט דזשעני גאָלדשטיין אין דער הויפּט-ראָל).

די פּיעסע איז אויך אָן אומלעגאַלן אופן געבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, וואו זי איז געשפּילט געוואָרן אויף דער דאָרטיקער בינע און איז אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט געוואָרן [וויליאַם סיגעל. היינטיגע מיידלעך, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן, פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשאַ, 1926].

דעם 13 יאַנואַר 1925 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס קאָמעדיע „יאָסל דער באַלשעוויק״ (מוזיק – סעקונדאַ און אָלשאַנעצקי) מיט דזשייקאָב דזשייקאָבס אין דער טיטל-ראָל. די זעלבע פּיעסע איז דעם 2 דעצעמבער 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין נעשאָנאַל-טעאַטער א׳נ „דער סוחר פון העסטער סטריט״ און צומאָרגנס א׳נ „דער וואַרשעווער לאַנדסמאַן״ מיט יצחק פעלד אין דער טיטל-ראָל.

דעם 6 פעברואַר 1925 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג – „דער ציגיינער-פּרינץ, ליברעטאָ פון וו. סיגעל, מוזיק – אָלשאַנעצקי״, וואָס איז אין 1928 (מיט מוזיק פון מרדכי האָכבערג) געשפּילט געוואָרן אין אַרגענטינע, און דעם 17 סעפּטעמבער 1925, דורך סעמיועל ראָזענשטיין – „שלעכטע חבריב, מעלאָדראַמע פון וו. סיגעל און ה. קאַלמאַנאָוויטש, מוזיק – יוסף טשערניאַווסקי״, וואָס איז דעם 9 מערץ 1926 אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג אין גרענד-טעאַטער א׳נ „שלעכטע חברים, פון וויליאַם סיגאַל, מוזיק – שלום סעקונדאַ״, איז אין יוני 1928 געשפּילט געוואָרן דורך י. שיינגאָלד און מ. סקולניק אין אַרגענטינער יידישן טעאַטער, און אין זעלבן יאָר דורך צימבאַליסטס טרופּע אין פּוילן א׳נ „צוויי חברים״.

דעם 3 פעברואַר 1926 איז אין גרענד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס.׳ס „יתומים פון דער גאַס״ (מוזיק – שלום סעקונדאַ), וואָס איז געשפּילט געוואָרן, אין אַ געענדערטער פאָרם, דעם 20 דעצעמבער 1929 אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטל-ראָל, א׳נ „דאָס פריילעכע יתומהלע, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס פון ל. גילראָד און מאַלי פּיקאָן, מוזיק – יאָזעף רומשינסקי, טענץ אַראַנזשירט – טשאַרלי אַדלער, רעזשי – יעקב קאַליך״, דעם 15 אָקטאָבער 1926, אין לענאָקס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג – „דער לעצטער מאָמענט״ (מוזיק – שלום סעקונדאַ) און דעם 3 דעצעמבער 1926, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך סעמיועל גאָלדענבורג – „אין גאָרטן פון ליבע, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל און ה. קאַלמאַנאָוויטש, ליריקס – דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק – א אָלשאַנעצקי״.

דעם 21 יאַנואַר 1927 איז אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „ווייב און געליבטע, אין 3 אַקטן, פון אַנשל שאָר און וויליאַם סיגעל, מוזיק – הערמאַן וואָהל״, וואָס איז אין 1928 געשפּילט געוואָרן דורך דאָראַ ווייסמאַן אין אייראָפּע, דעם 27 סעפּטעמבער 1927, אין פּראָספּעקט-טעאַטער, אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג – „קינדער פון דער אונטערוועלט״, וואָס איז אין פילאַדעלפיע געשפּילט געוואָרן א׳נ „דעם גענגסטערס מאַמע״, דעם 27 סעפּט. 1927, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך א. לעבעדיעוו – „אַ נאַכט אין קאַליפאָרניע, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק – א. אָלשאַנעצקי״. דעם 25 נאָוועמבער 1927, אין ליבערטי-טעאַטער (מיט .אָראַ ווייסמאַן אין דער הויפּטראָל), אויפגעפירט דורך אַנשל שאָר – „פאַרוואָס מיידלעך אַנטלויפן פון דער היים, פון וו. סיגעל און אַנשל שאָר״, און דעם 30 דעצעמבער 1927, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך א. לעבעדיעוו – „אַ גן-עדן פאַר צוויי, פון וויליאַם סיגעל און יאָזעף לאַטיינער. ליריקס – דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק – א. אָלשאַנעצקי״. וואָס איז אין 1929 אויפגעפירט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן און דורך יאָזעף שיינגאָלד אין אַרגענטינע.

דעם 10 יאַנואַר 1928 איז אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך אַנשל שאָר (מיט דאָראַ ווייסמאַן און וויליאַם שוואַרץ

אין די הויפט-ראָלן ס.'ס אָפּערעטע „ווען ליבע רופט" (מוזיק — שלום סעקונדא), דעם 20 יאַנואַר 1928, אין פּאָבליק-טעאַטער — „דעם רבינס זונדעלע, חסידיש ליבעס-שפּיל, ליברעטאָ - וויליאַם סיגעל, ליריקס - נ. סטוטשקאָוו, מוזיק - הערמאַן וואָהל, רעזשי — לודוויק זאַץ און סעמיועל ראָזענשטיין", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט, דעם 10 פעברואַר 1928, אין פּראָספּעקט-טעאַטער — „נאָך האַלבע נאַכט" (מוזיק — אַרנאָלד פּערלמוטער), וואָס איז דעם 9 מערץ 1928 געשפּילט געוואָרן אין ליבערטי-טעאַטער (מיט דאָראַ ווייסמאַן און וויליאַם שוואַרץ) א'נ „נאַכט-פייגעלען" (מוזיק — שלום סעקונדא). איז דעם 28 נאָוועמבער 1928 אויפגעפירט געוואָרן אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער דורך מאַקס געביל א'נ „פרויען פון דער נאַכט" (מיט דזשעני גאָלדשטיין אין דער הויפּט-ראָל) און איז אונטערן זעלבן נאָמען געשפּילט געוואָרן אין 1929 דורך בערטאַ גוטענטאַג אין אַרגענטינע, און דעם 2 מערץ 1928, אין נעשאָנאַל-טעאַטער (מיט ס. גאָלדענבורג און סטעלאַ אַדלער) — „זינדיקע ליבע" [באַאַרבעטונג פון ס.'ס פּיעסע „דער מאַסקירטער"].

אין מערץ 1928 איז אין פילאַדעלפיע געשפּילט געוואָרן אין ס.'ס באַאַרבעטונג „דער פּרינץ פון סטראָבערי מענשאָן" פון ריווקין.

אין 1928 איז אין פילאַדעלפיע אויך אויפגעפירט געוואָרן ס.'ס פּיעסע „יעדן מיידלס חלום", וואָס איז דעם 15 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער א'נ „דעם חזנס טאָכטער, פון וו. סיגעל, סצענע געזעצט פון מאַקס געביל" (מיט דזשעני גאָלדשטיין אין דער טיטל-ראָל). די זעלבע פּיעסע איז א'ר פון ס. אויערבאַך אויפגעפירט געוואָרן דעם 18 אַפּריל 1930 אין ליריק-טעאַטער א'נ „אירע גאָלדענע טעג".

דעם 15 סעפּטעמבער 1923 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער א'ר פון אהרן לעבעדיעוו אויפגעפירט געוואָרן „גאָלדענע טעג, אָפּערעטע פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק — א. אָלשאַנעצקי".

אין 1928 איז נאָך אויפגעפירט געוואָרן ס.'ס פּיעסע „ווען אַ טאַטע ליבט", וואָס איז אין אָקטאָבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין פּאָבליק-טעאַטער דורך לעאָן בלאַנק א'נ „די קראַפט פון יוגנט, לעבנסבילד פון וויליאַם סיגעל, מוזיק — הערמאַן וואָהל", און דעם 29 נאָוועמבער 1928, אין פּאָבליק-טעאַטער א'ר פון לודוויק זאַץ — „אַ גאַליציאַנער חתונה, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — באָריס ראָזענטאַל, מוזיק — הערמאַן וואָהל", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט.

סעזאָן 1923-29 איז אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער (מיט בערטאַ גערסטין) געשפּילט געוואָרן ס.'ס פּיעסע „נשמות צופאַרקויפן", וואָס איז דעם 21 פעברואַר 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין ראָלאַנד-טעאַטער דורך מ. מיכאַלעסקאָ א'נ „הערצער פאַרגעסן ניט" (מוזיק — שלום סעקונדא).

דעם 5 אַפּריל 1929 איז אין פּאָבליק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די סדר-נאַכט, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — באָריס ראָזענטאַל, מוזיק — הערמאַן וואָהל, רעזשי — לודוויק זאַץ", וואָס איז אין סעזאָן 1931-32 אויפגעפירט געוואָרן (מיט סעם קעסטין אין דער טיטל-ראָל) אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער א'נ „דער פרייליכער זיידע" און איז אין סעזאָן 1932-33 געשפּילט געוואָרן דורך מנשה סקולניק אין האָפּקינסאָן-טעאַטער א'נ „דער גאַליציאַנער זיידע".

דעם 30 אויגוסט 1929 איז אין פּראָספּעקט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „פאַר 1 מינוט גליק, מעלאָדראַמע פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק — פיליפּ לאַסקאָווסקי, רעזשי — נייטאַן גאָלדבערג", דעם 27 נאָוועמבער 1929, אין ראָלאַנד-טעאַטער (מיט לוסי גערמאַן אין דער טיטל-ראָל) — „קאַטיאַס חתונה, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — ישראל ראָזענבערג, מוזיק — שלום סעקונדא, רעזשי — מישע גערמאַן", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט, און דעם 24 דעצעמבער 1929, אין פּראָספּעקט-טעאַטער (מיט וויליאַם שוואַרץ אין דער הויפּט-ראָל) — „קעניגין פון מיין האַרץ, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — לואיס גילראָד, מוזיק — פיליפּ לאַסקאָווסקי, טענץ — וולאַדימיר קראַסנאָוו, רעזשי — נייטאַן גאָלדבערג".

דעם 7 מערץ 1930, אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער — „די קאָמעדיאַנטקע, אַ שטיק ביאָגראַפיע פון מאַלי פּיקאָנס לעבן, ליברעטא פון יאָזעף לאַטיינער. באַאַרבעט פון וויליאַם סיגעל, ליריקס פון מאַלי פּיקאָן און העררי לעווין, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי, רעזשי — יעקב קאַליך", דעם 18 אַפּריל 1930, אין ראָלאַנד-טעאַטער (מיט יוליוס און אַננאַ נאַטאַנסאָן אין די הויפּט-ראָלן) — די אָפּערעטע „גראַף יאָסל" (מוזיק אַראַנזשירט פון טאַנצמאַן און אָסאָווסקי).

דעם 23 סעפּטעמבער 1930 איז אין ראָלאַנד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „זיסע מאָמענטן, אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון וויליאַם סיגעל און לואיס פריימאַן, מוזיק — ש. סעקונדא".

דעם 23 סעפּטעמבער 1930, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) — די אָפּערעטע „אַ חתונה אין שטעטל" (מוזיק — הערמאַן וואָהל), וועלכע איז אין 1931 געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע דורך יצחק פעלד.

דעם 27 פעברואַר 1931, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) — די אָפּערעטע „אַ נאַכט אין וואַלד" (מוזיק — הערמאַן וואָהל), דעם 7 סעפּטעמבער 1931, אין פּראָספּעקט-טעאַטער, דורך נייטאַן גאָלדבערג — „היינטיקע יוגנט", וואָס ווערט אויך געשפּילט א'נ „מאָדערנע יוגנט", איז גלייכצייטיק אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער געשפּילט געוואָרן א'נ „דאַרף מען האָבן קינדער?" און איז דעם 18 נאָוועמבער 1932 אויפגעפירט געוואָרן דורך מיכאל מיכאַלעסקאַ אין ראָלאַנד-טעאַטער א'נ „דער דאַנק פון קינדער", דעם 12 סעפּטעמבער 1931, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) — די אָפּערעטע „די גליקלעכע נאַכט" (מוזיק — הערמאַן וואָהל) און דעם 17 דעצעמבער 1931, אין פּראָספּעקט-טעאַטער, דורך דזשייקאָב דזשייקאָבס — „דער גאַליציאַנער שלומיאל, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 2 אַקטן און 4 בילדער פון וויליאַם סיגעל, ליריקס — דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק — יאשאַ קרייצבערג".

דעם 4 מערץ 1932, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) — די אָפּערעטע „רייכע קבצנים" (מוזיק — הערמאַן וואָהל), דעם 1 אָקטאָבער 1932, אין נעשאָנאַל-טעאַטער (מיט איזאַ קרעמער אין דער הויפּטראָל) — „דאָס ליד פון דער געטאָ, אָפּערעטע אין 2 אַקטן פון וויליאַם סיגעל, מוזיק — א. אָלשאַנעצקי". און דעם

11 אָקטאָבער 1932, אין קאַמינס-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, דורך יאָזעף שיינגאָלד – „פוירנישד אַפּאַרטמענטס" (מוזיק — בנימין בלאַנק).

ס.ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] [אַנ׳נים]
וואו זענען מיינע קינדער ? ! !
מעלאָדראַמע אין פיר אַקטען.
רעדאַגירט פון ראובן מאַנדעלבוים (מאָריסאָלאָ׳ו)
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, ווארשע 1926 [50 ז. 16°]

[2] וויליאַם סיגעל
דאָס חופּה קלייד
מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, ווארשא 1926 [48 ז. 16°]

[3] וויליאַם סיגעל
היינטיגע מיידלעך
מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען
פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, ווארשא 1926 [48 ז. 16°]

ש. ע. און ש ע. פון שרה קינדמאַן.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַטער", II, זז. 281, 270.

משה נאַדיר – „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסען דאָס בלוט", זז. 171-172.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] – אין טהעאַטער, „פאָ׳ש", נ. י. 28 אַפּריל 1917.

הלל ראָגאָף – „פאַרגעסענע מאַמעס", „פאָרוו.״ נ. י., 26 יאַנואַר 1923.

א. דראזשנער [וואהלינער] -- „רחל׳ע מעקארטי", „טאָג", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

י. א – די אַמעריקאַנער רביצין, „טאָג", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

ל. פיינבערג – „די אַמעריקאַנער רביצין" אין קעסלער׳ס טהעאַטער, „יידטגבל׳ט", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

[–] די מוראַדיקע טעג פון אידישן טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

ספּערא – „די אַמעריקאַנער רביצין", „פּרייהייט", נ. י., 21 סעפּט 1923.

הלל ראָגאָף – לעאָן בלאַנק אין „וואטשמאַן", „פאָרוו." נ. י., 17 אָקט. 1923.

ישראל דער יענקי [פרידמאַן] – לעאָן בלאַנק אין „דער וואַטשמאַן", „יידטגבל׳ט", נ. י., 19 אָקט. 1923.

הלל ראָגאָף – „די אַמעריקאַנער גרינהארענס" אין לענאָקס טהעאַטער, „פאָרוו." נ. י., 16 נאָוו. 1923.

עלעסבי — וויליאַם סיגעל, אַ פעהיגער טהעאַטראַל, „יידטגבל׳ט" נ. י., 3 אָקט. 1924.

ישראל דער יענקי – „היינטיקע מיידלעך", „יידטגבל׳ט", נ. י., 17 אָקט. 1924.

ל. קרישטאַל – אין געביל׳ס טעאַטער, „פאָ׳ש", נ. י., 2 יאַנואַר 1925.

ל. קעסנער – קונסט און אויך קינסט, „יידטגבל׳ט", נ. י., 4 יאַנואַר 1925.

ב. י. גאָלדשטיין — די נייע אָפּערעטע „דער ציגיינער פרינץ" אין לענאָקס טעאַטער" „דער טאָג", נ. י., 13 פעבר. 1925.

ישראל דער יענקי – „דער ציגיינער פרינץ" אין לענאָקס, „יידטגבל׳ט", נ. י., 15 פעבר. 1925.

הלל ראָגאָף — אין גרענד טעאַטער, „פאָרוו." נ. י., 11 סעפּט. 1925.

הלל ראָגאָף -- „דער ציגיינער פרינץ" אין גרענד טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 13 נאָוו. 1925.

א. פרומקין - שוישפילער און פיעסען אין לענאָקס טעאַטער, „טאָג", נ. י., 29 אָקט 1926.

[–] - דאָ און דאָרט אין טעאַטער, „מאָז׳ש", נ. י., 3 דעצ. 1926.

אב. קאַהאַן – די נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 8 דעצ. 1926.

א. גלאַנץ – „אין גאָרטען פון ליעבע", די נייע אָפּערעטע וואָס ווערט איצט געשפּילט אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג", נ. י., 10 דעצ. 1926.

נ. בוכוואַלד – וואָן נישט די „ליריקס" און די „פּראָזא" „אין גאָרטען פון ליבע", אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פרייהייט", נ. י., 10 דעצ. 1926.

ישראל דער יענקי – „אין גאָרטען פון ליעבע", „יידטגבל׳ט", נ. י., 12 דעצ. 1926.

דר. א. מוקדוני – אין און אַרום טעאַטער, „מאָז׳ש", נ. י., 17 דעצ. 1926.

דר. י. קריטיקוס [קירשענבוים] – אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., 17 דעצ. 1926.

א. ל. אלעגרא – די אָפּערעטע „אין גאָרטען פון ליבע" פון סיגעל און קאַלמאַנאָוויטש אין נעשאָנאַל טעאַטער, „וועקער", נ. י., 26 דעצ. 1926.

נ. ב. לינדער – ווייב און געליבטע, „דער טאָג", נ. י., 28 יאַנ. 1927.

דר. קריטיקוס – אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., נ׳ 13, 1927.

[–] וויליאַם סיגעל, „טעאַטער און קונסט", נ. י., אַפּריל 1927.

הלל ראָגאָף – דראַמ וויסמאַן אַלס אַ מעלאָדראַמע-סטאַר, „פאָרוו.", נ. י. 29 אַפּריל 1927.

א. גלאַנץ – מאַלי פּיקאָן און אהרן לעבעדעוו אין צוויי נייע און שעהנע אָפּערעטען, „טאָג", נ. י., 30 סעפּט. 1927.

נ. בוכוואַלד – צוויי אָפּערעטעס, „פרייהייט", נ. י. 4 אָקט. 1927.

הלל ראָגאָף – „אַ נאַכט אין קאַליפאָרניע" – שעהנע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 14 אָקט. 1927.

[–] – דער אידישער טעאַטער („די היינטיקע מיידלעך" פון וויליאַם סיגעל), „דער אַפריקאַנער", יאָהאַנעסבורג, נ׳ 14, 1927.

יעקב קירשענבוים — אין דער וועלט פון טעאַטער, „דער אַמעריקאַנער", נ. י., נ׳ 49 1927.

ישראל דער יענקי – „אַ נאַכט אין קאַליפאָרניע", „יידטגבל׳ט", נ. י., 30 אָקט. 1927.

ב. י. גאָלדשטיין – אויף דער טעאַטער עוועניו, „פאָ׳ש", נ. י., נ׳ 2, 1927.

דר. א. מוקדוני – צוויי אָפּערעטען, „מאָז׳ש", נ. י, 14 אָקט. 1927.

הלל ראָגאָף – אין ליבערטי טעאַטער און אין ליריק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 דעצ. 1927.

דר. א. מוקדוני – אַ דראַמע און אַן „אָפּערעטע", „מאָז׳ש", נ. י, 6 יאַנ. 1928.

אב. קאַהאַן – די נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 12 יאַנ. 1928.

א. גלאַנץ. - „אַ גן-עדן פאַר צוויי", די נייע פּיעסע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „דער טאָג", נ. י., 13 יאַנ. 1928.

אב. קאַהאַן – אַ נייע אָפּערעטע אין פּאַבליק טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 26 יאַנ. 1928.

א. גלאַנץ – לודוויג זאַץ אין אַ נייער ראָל, „טאָג“, נ. י., 27 יאַנ. 1928.

דר. א. מוקדוני – דער מבול פון אָפּערעטעס, „מאָז'ש“, נ. י., 27 יאַנ 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., נ' 21, 1928

א. גלאַנץ – אַלעקסאַנדער פּושקין אין קונסט־טעאַטער און עטלעכע ווערכער וועגן „ווען ליבע רופט“, „דער טאָג“, נ. י., 3 פעבר. 1928.

ל. פאָגעלמאַן – אַ נייע אָפּערעטע אין ליבערטי טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 16 פעבר. 1928.

יעקב קירשענבוים — דער דייטשער פּרינץ וואָס איז געוואָרען אַ חסידישער רבי, „דער אַמעריקאַנער“, נ. י., 2 מערץ 1928.

אהרן קאַניעווסקי — ארטש. טעאַטער בענקט איבערצואַרבייטען דעם „פּרינץ“ און ווייטער שפּיעלען די פּיעסע, „דער טאָג“, פילאד., 8 מערץ 1928.

א. גלאַנץ - צוויי נייע מעלאָדראַמען, „טאָג.“, נ. י., 16 מערץ 1928.

ב. י. גאָלדשטיין - אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., נ' 26, 1928.

Leonard Traube – Speaking of the Yiddish Theatre, „The World“, N. Y., 25 March 1928.

Sara Colton - William Siegel Says: „The Jewish Theatre will exist at long there are Jews“, „The Jewish Tribune“, N. Y., 6 April 1928.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — אַ נייע מעלאָדראַמע מיט געזאַנג אין טעאַטער „עקסעלסיאָר“, „די שלעכטע חברים“ פון וו. סיגעל, אויפגעפירט פון י. שיינגאָלד און מ. סקולניק, „פּרעסע“, ב'א, 1 יולי 1928.

H. Lońskі – „צוויי חברים“, אַמעריקאַנישע מעלאָדראַמע אין 5 אַקטען פון וו סיגעל, „קאַלישער לעבן“, נ' 18, 1928.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — אַ נייע אָפּערעטע אין טעאַטער „עקסעלסיאָר“ („דער ציגיינער פּרינץ“ פון וו. סיגעל, מוזיק פון מרדכי האָכבערג), „אידישע צייטונג“, ב'א, 2 סעפּט. 1928.

וויקטאָר מירסקי — די ערפּעבונגס פּיעסען פוןביידע היגע אידישע טעאַטערן, „די אידישע וועלט“, פילאַד., 5 סעפּט. 1928.

אהרן מאליס — פּיעסע וואָס טראָגט אַ פאַלשען נאָמען, דער פאַרפאַסער האָט אין זינען געהאַט דאָס טישקעסטעל פון אַרטש טעאַטער, „טאָג“, פילאַד., 9 סעפּט. 1928.

אב. קאַהאַן — די נייע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 3 אָקט. 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., 5 אָקט. 1928

אב. קאַהאַן — די נייע מעלאָדראַמע וואָס געהט איצט אין פּאָבליק טע־אַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 10 אָקט. 1928.

אלף־אלף [א. אויערבאַך] — „די קראַפט פון יוגענט“, „מאָז'ש“, נ. י., 19 אָקט. 1928.

מ. גאָלדמאַן — „ווייב און געליבטע“, „דאָס נייע לעבן“, ביאַליסטאָק, 1 נאָוו. 1928.

מיישקע — „ציגיינער פּרינץ“ אין סטענדאַרד, „דער קאַמף“, טאָראָנטאָ, נ' 151, 1928.

אהרן קאַניעווסקי — ליכט און שאָטן אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון די פּרויען פון דער נאַכט, „טאָג“, פילאַד., 3 נאָוו. 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., 23 נאָוו. 1928.

ס. רעגענסבורג — „אַ גן־עדן פאַר צוויי“, „די אידישע וועלט“, פילאַד., 7 דעצ. 1928.

א. גלאַנץ — „אַ גאַליציאַנער חתונה“, די נייע פּיעסע אין פּאָבליק טע־אַטער, „טאָג“, נ. י., 7 דעצ. 1928.

אב. קאַהאַן — „אַ גאַליציאַנער חתונה“, די נייע אָפּערעטע אין פּאָבליק טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 11 דעצ. 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא ש“, נ. י., נ' 10, 1928.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., 21 דעצ. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „רייזעלע פון טשיינאַטאון“ אין לירִיק טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י, 11 יאַנ. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא'ש“, נ. י., 19 אַפּריל 1929.

א. גלאַנץ - אַן „אייביג יונגע פּיעסע“ אין דעם פּאָבליק טעאַטער, „טאָג“, נ. י., 26 אַפּריל 1929.

ש. ר. — שיינגאָלדס דעביוט אין אַרגענטינע, „אַ גן־עדן פאַר צוויי“ פון וו. סיגעל, „איד צייט.“, ב'א, 28 אַפּריל 1929.

וויקטאָר מירסקי - אין דער היגער טעאַטער וועלט, „די אידישע וועלט“, פילאַד., 10 מאַי 1929.

ש. פאַן [שאַיאַק] — „אַ גן־עדן פאַר צוויי“, אָפּערעטע אין 2 אַקטען פון סיגעל, אויפגעפירט פון יאָזעף קעסלער, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 29 מאַי 1929.

קריטיקוס [מאָריס מייער] — „אַ גן־עדן פאַר צוויי“ פון סיגעל, אויפ־געפירט פון יאָזעף קעסלער אין פּאַוויליאָן טעאַטער, „צייט“, לאָנדאָן, 30 מאַי 1929.

מ. קיפּניס — „רייזעלע פון יאַפּאַן“ (פון וו. סיגעל, מיט מוזיק פון שלום סעקונדע), „היינט“, וואַרשע, 31 מאַי 1929.

ש. ר. — בערטאַ גוטענטאַגס דעבוט אין טעאַטער „אָלימפּאָ“, „פּרויען פון דער נאַכט“ פון וו. סיגעל, „איד. צייט.“, ב א, 15 יולי 1929.

ה. שק. — דער וועכטער, „אידישע שטימע“, קאָוונע, 26 אויגיסט 1929.

ה. ר. [ראָגאָף] — „פאַר איין מאָמענט גליק“, „פאָרוו.“, נ. י., 6 סעפּט. 1929

בן־א. [סאָכאַטשעווסקי] — ווער צושטערט אַ היים? (פון וו סיגעל) אויפגעפירט פון יאָזעף קעסלער, „צייט“, לאָנדאָן, 24 סעפּטעמבער 1929.

ש. פאַן — „ווער צושטערט אַ היים?“, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטען פון וו. סיגעל, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 25 סעפּט. 1929.

אהרן קאַניעווסקי — ערשטער אויפטריט פון סילי אַדלער דעם סיזאָן אין סיגעל־שטיינבערג'ס „פאַרגעסענע מאַמע“, „טאָג“, פילאַד., 20 אָקט. 1929.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — „ווייב און געליבטע“ אין פּאלי דראַמאַטיק, „פּאַריזער היינט“, 22 אָקט. 1929.

בן־א. — „אַ לעבען פאַר אַ מאַמע“ (פון וו. סיגעל און קאַלמאַנאָוויטש) אויפגעפירט אין פּאַוויליאָן טעאַטער פון יאָזעף קעסלער, „צייט“, לאָנדאָן, 29 אָקט. 1929.

ש. פאַן. — „אַ לעבן פאַר אַ מאַמע“ פון וו. סיגעל און קאַלמאַנאָוויטש, אויפגעפירט פון יאָזעף קעסלער, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 30 אָקט. 1929.

ש. פאַן. — „די יתומים פון גאַס“ פון וו. סיגעל, אויפגעפירט פון יאָזעף קעסלער, „פּאָסט“, לאָנדאָן, 5 נאָוו. 1929.

דר. א. מוקדוני — אין אידישן טעאַטער, „מאָז'ש", נ. י., 29 נאָוו. 1929.

וויליאַם עדלין — צוויי נייע גולונגענע אָפּערעטען אויף דער אידישער ביהנע, „טאָג", נ. י., 5 דעצ. 1929.

א. פרומקין — „קאַטיאַס חתונה" אין ראָלאַנד טעאַטער, „ברוקלינער אידישע שטימע", נ. י., 6 דעצ. 1929.

דר. א. מוקדוני — אין אידישן טהעאַטער, „מאָז'ש", נ. י., 6 דעצ. 1929.

ל. פאָגעלמאַן — אַ נייע אָפּערעטע אין ראָלאַנד טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 14 דעצ. 1929.

ד. קאַפּלאַן — אַ נייער אידישער קאָמיקער אויף סעקאָנד עוועניו „פאָרוו.", נ. י., 18 דעצ. 1929.

יעקב רייך — „דאָס פרעהליכע יתומה'לע" אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 27 דעצ. 1929.

וויליאַם עדלין — צוויי נייע מוזיקאַלישע פּיעסען, „טאָג", נ. י., 27 דעצ. 1929.

נ. ב. לינדער — „קעניגין פון מיין האַרץ" אין פּראָספּעקט טעאַטער, „טאָג", נ. י. 3 יאַנ. 1930.

א. פרומקין — „דאָס פרעהליכע יתומה'לע אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „ברוקלינער אידישע שטימע", נ. י., נ' 27, 1930.

ד. קאַפּלאַן — „די קעניגין פון מיין האַרץ", אין פּראָספּעקט טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 10 יאַנ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ'ש", נ. י., 31 יאַנ 1930.

אקראַניעוו — לעאָן בלאַנק ברייננט אריין לעבען אין סיגאַל'ס אַ נייע פּיעסע אין „ארטש.", „טאָג", פילאַד., 7 מערץ 1930.

ד. קאַפּלאַן — „די קאָמעדיאַנטקע" אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 17 מערץ 1930.

וויליאַם עדלין — „די קאָמעדיאַנטקע" אינ'ם סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „טאָג", נ. י., 14 מערץ 1930.

אסתר עליאַשעוו — די מעלאָדראַמע „דער וועכטער" אין קאָוונער יידישן טעאַטער, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 2 אַפּריל 1930.

Evelyn Seeley — „Oj Vei, She shouldn't come back", „The New York Telegram", 9 Apr. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ'ש", נ. י., 18 אַפּריל 1930.

ד. קאַפּלאַן — „גראַף יאָסעל" אין ראָלאַנד טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 2 מאַי 1930.

ספּעקטאַטאָר — „די וועכטער" פון סיגאַל, אויפגעפירט פון יוליוס אַדלער, „פאַריזער היינט", 24 יוני 1930.

ל. פלאַמשטיין — „זיסע מאַמענטען" אין דעם ראָלאַנד טעאַטער, „טאָג", נ. י., 26 סעפּט. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין - אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ'ש", נ. י., נ' 58, 1930.

דר. א מוקדוני — דער זינגענדיגער טעאַטער, „מאָז'ש", נ. י., 3 אָקט. 1930.

קריטיקוס — „דער ציגיינער פּרינץ" פון סיגאַל, אויפגעפירט אין פּאַווילאָן טעאַטער, „צייט", לאָנדאָן, 6 אָקט. 1930.

ד. קאַפּלאַן — אַ רייכע אָפּערעטע אין ראָלאַנד טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 7 אָקט. 1930.

וויליאַם עדלין — צוויי אָפּערעטען און אַ דראַמע, „טאָג", נ. י., 10 אָקט. 1930.

הלל ראָגאָף — „אַ חתונה אין שטעטל" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י. 10 אָקט. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פּאָ'ש", נ. י., נ' 57, 1930.

י. ראַבינאָוויטש — אַ טעאַטראַלע געמישעכץ, נישט מילכיג און נישט פליישיג, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 26 נאָוו. 1930.

וו. עדלין — „אַ נאַכט אין וואַלד" אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג", נ. י., 13 מערץ 1931.

יעקב רייך — „אַ נאַכט אין וואַלד" אין דעם נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 20 מערץ 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — נאָך דריי וואָכן זען, הערן און שווייגן, „פּאָ'ש", נ. י., נ' 20, 1931.

מ. מלמד — וויליאַם סיגאַל'ס בייטראַג צום אידישן טעאַטער, „די אידישע וועלט", פילאַד., 20 מערץ 1931.

ס. רעגענסבערג — „אַ חתונה אין שטעדטעל" — אין „ארטש", די אידישע וועלט", פילאַד., 6 מאַי 1931.

ש. פאַן — דער נייער סוקסעס פון ה' דזשוליוס נאַטאַנסאָן אין „גאַליציאַנער חתן", „פּאָסט", לאָנדאָן, 19 מאַי 1931.

ש. פאַן — „מאַטקעס חתונה", אָפּערעטע אין 2 אַקטען פון וויליאַם סיגאַל, אויפגעפירט אין פּאַווילאָן טהעאַטער פון ה' דזשוליוס נאַטאַנזאָן, „פּאָסט", לאָנדאָן, 1 יוני 1931.

נ. ב. לינדער — „היינטיגע יוגענט" אין פּראָספּעקט טעאַטער, „טאָג", נ. י., 10 סעפּט. 1931.

ל. פאָגעלמאַן — „היינטיגע יוגענד", די ערעפענונגס-פּיעסע אין פּראָספּעקט טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 11 סעפּט. 1931.

ל. פאָגעלמאַן — „די גליקלעכע נאַכט" אין דעם נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 18 סעפּט. 1931.

לעבעדיגער — די גליקלעכע נאַכט, „מאָז'ש", נ. י., 25 סעפּטעמבער 1931.

נ. ב. לינדער — „די גליקלעכע נאַכט", „טאָג", נ. י, 25 סעפּטעמבער 1931.

ש. פאַן — די ערעפענונג פון לאָנדאָנער אידישן טעאַטער, „פּאָסט", לאָנדאָן, 25 סעפּט. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — אין צוויי טעאַטערס, „פּאָ'ש", נ. י., 16 אָקט. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — אַ ים מיט סוזשעטן אין איין אָפּערעטאַ, „פּאָ'ש", נ. י., 23 אָקט. 1931.

ש. מבינזאָן — „אַ חתונה אין שטעדטעל", אויפגעפירט אין סטאַנדאַרט טעאַטער, „אידישער זשורנאַל" טאָראָנטאָ, 20 יאַנ. 1932.

וו. עדלין - „רייכע קבצנים", אַ נייע קאָמעדיע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג", נ. י., 18 מערץ 1932.

ל. פאָגעלמאַן — „רייכע קבצנים" — אין נעשאָנאַל טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 18 מערץ 1932.

ס. רעגענסבערג — מנשה סקולניק'ס אויפטריט אין „ארטש" אַלס „פישל דער גראַטענער", „די אידישע וועלט", פילאַד., 28 מערץ 1932.

וויליאַם סיגאַל — מייק טאָמאַשעווסקי — דער אַוואַנטוריסט פון אידישן טעאַטער, „די איד. וועלט", פילאַד., 26 יולי 1932.

S. K. — „Song of the Ghetto", „Daily News", N. Y., 3 Oct 1932.

אב. קאַהאַן – איזאַ קרעמער אין אַ אידישער אָפּערעטע, „פאָרוו.״, נ. י., 14 אָקט. 1932.

וויליאַם עדלין – דאָס ליד פון דער געטאָ, אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג״, נ. י., 14 אָקט. 1932.

Walter Hartman – „Childern‘s Gratitude“, „Daily News“, N. Y., 22 Nov. 1932.

ל. פאָגעלמאַן – „דער דאַנק פון קינדער״, אין ראָלאַנד טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י., 25 נאָוו. 1932.

סיגעל, סאַלי

געבוירן 1882 אין פּיאַטראַנאַץ, רומעניע. פאָטער – אַ חזן. אין עלטער פון 15 יאָר צוזאַמען מיט ליזאַ שאַפּיראָ, אַרבעטן אין אַ סיגאַרעטן-פאַבריק. פון דאָ ווערן זיי דורך די אַקטיאָרן יאָסעלע שער-מאַן, מ. זיגלער און ס. ראָזענשטיין אַריינגענומען אין אַ טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אין גאָרטן פון שלום שייקעלעס אין יאַסי. נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן אין דער טרופּע, גייט זי איבער אַלס כאָריסטקע צו סעגאַלעסקאָ אין בוקאַרעסט, וואו זי איז 3 יאָר. שפּעטער פאָרט זי אַרום איבער דער רומענישער פּראָווינץ מיט לעאָן שפּאַצער, מיט וועלכן זי שפּילט וואָדעווילס אויף יידיש און קומט דערנאָך מיט אים אין טשערנאָוויץ און גאַליציע, וואו זי שפּילט אייניקע חדשים.

צוריקגעקומען אין בוקאַרעסט, ווערט זי אַנגאַזשירט דורך זיל-בערט און מאַלווינע לאָבעל אויף אַ טורנעע איבער עסטרייך און גאַליציע. פון דאָ גייט זי איבער אין דער טרופּע פון טאַנענצאַפּ, דערנאָך שפּילט זי מיט סעם שילינג אייניקע חדשים אין טאַרנאָפּאָל, טאַרנאָוו און אַנדערע גאַליצישע שטעט.

פון גאַליציע עמיגרירט זי קיין אַמעריקע, וואו זי שפּילט אויף דער פּראָווינץ מיט סערע אַדלער און מאַקס ווילנער (נאָך אַלס נישט-פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר).

געוואָרן אַ מיטגליד אין סעקציע 2, שפּילט זי מיט פאַרשיידענע טרופּעס אויף דער פּראָווינץ, האָט דערנאָך חתונה און ציט זיך צוריק פון דער בינע.

ש. ע פון אברהם ליטמאַן.

סידעלסקאַ

בינע אַבראַמאָוויטש גיט איבער, אַז בעת דער כאָר אין יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק איז געווען אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות מיט די אַקטיאָרן, איז ס. געווען אַ מיטגליד אין כאָר. שפּעטער איז ס. געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע אין רומעניע-אָפּערע-הויז.

כאָטש ס. איז געווען אַ לאָמע אויף אַ פוס, פונדעסטוועגן איז זי געווען זייער פּאָפּולער אַלס פּרימאַדאָנע צוליב איר גרויסער שטים, און מ׳האָט זי גערופן „די חזנטע״.

ש. ע. פון בינע אַבראַמאָוויטש און מרס. ראָזענטאַל.

סיימאָן

איז געווען צווישן דער גרופּע אַקטיאָרן, וועלכע באָריס טאָמאַשעווסקי האָט (מיט די עיפּסקאַרטן פון פרענק וואָלף) בערך 1882 געבראַכט אין אַמעריקע פון לאָנדאָן, וואו ער זאָל האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער (ראָל „אליקום״ אין גאָלדפאַדענס „די כשוף-מאַכערין״) מיט די ברידער גאָלובאָק און האָט דערנאָך זיך באַטייליקט אין די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען אין ניו-יאָרק. נאָכן דורכפאַל פון די פאָרשטעלונגען, איז ס. געוואָרן אַ סיגאַרעטן-אַרבעטער.

אין 1889 האָט אים פּנחס טאָמאַשעווסקי געבראַכט אַלס אַטראַקציע קיין פילאַדעלפיע, וואו ס. איז אויפגעטראָטן אַלס „האָצמאַך״ אין גאָלדפאַדענס „די כשוף-מאַכערין״.

שפּעטער האָט ער געשפּילט אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער אין קליוולאַנד.

ס.׳ס פרוי און קינדער, לאה און סאָפיע, האָבן געשפּילט אויף דער יידישער בינע.

ב. טאָמאַשעווסקי דערציילט: „סיימאָן איז געווען אַ וואַרשעווער בחור. פון די וואַרשעווער וואוילע יונגען, אַ הויכער, אַ קרעפּטיקער אַ שלאַנקע פיגור, מיט אַביסל אַ קאַרנאָסע נעזל, וואָס האָט אים זייער שיין געפּאַסט. סיימאָן איז בטבע געווען אַ שטילער, אַ רואיקער, אַ געלאַסענער. זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישע. ווער עס האָט סיימאָנען געזען נישט אויף דער בינע, האָט געקאָנט דענקען, אַז ער איז אַ יונגערמאַן אַ סוחר אָדער אַ היימישער דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט. דער פּנים פון אַ שוישפּילער האָט זיך אויף אים נישט אָפּגעשפּיגלט. האָט אָבער סיימאָן גענומען מאַכן פּראָבע, שפּילן אַ כאַראַקטער, איז ער געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער. זיין ערנסט פּנים איז געוואָרן לאַכנדיק, שטיפעריש, און אָנגענומען דעם געשטאַלט פון דעם כאַראַקטער, וועלכן ער האָט געדאַרפט פאָרשטעלן. סיימאָן איז דאַן געווען דער שטילער, דער רואיקער כאַראַקטער-שוישפּילער, געזונגען האָט ער מיט אַ ליבע[ר] טענאָר-שטימע און געזונגען ווי אַ מנגן און געהאַט אַ גרויסן, אָבער טאַקע אַ גאָר גרויסן דערפאָלג אין ניו-יאָרק.

סיימאָנס ערשטער אויפטריט אין ניו-יאָרק איז געווען אַלס „האָצמאַך״ אין גאָלדפאַדענס „קאַלדוניאַ״. איך קאָן זאָגן, אַז סיימאָן האָט געשאַפן דעם שענסטן „האָצמאַך״ פון די אַלע האָצמאַכס, וועלכע איך האָב געקענט אין מיין טעאַטער-קאַריערע. ...סיימאָן, אַ יידישער אַקטיאָר מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, האָט פאַרשטאַנען, אַז פון „האָצמאַך״ קאָן געמאַכט ווערן אַ לעבעדיקער מענטש, אַ כאַראַקטער, נישט קיין משוגענער. אַ יידל, אַן אומגליקלעכער פּעדלער, וואָס טוט אַלסדינג אום מפרנס צו זיין זיין ווייב מיט 18 קינדערלעך, ווי האָצמאַך דריקט זיך אויס. ער פלעגט אַלס „האָצמאַך״ אין דער האַנדלס-סצענע, אַ זיפּק טאָן נאָך יעדן מאָל באַשווינדלען אַ קונה דורך זיינע חכמהלעך און וויצן. מען האָט געקאָנט זען, אַז עס טוט האָצמאַכן ווי דאָס האַרץ, וואָס ער איז צוליב פּרנסה געצוואונגען אָפּצונאַרן אַ קונה.

סיימאָן האָט געשפּילט מיט אונז צוזאַמען אַ צוויי יאָר און איז פאַרפאַלן געוואָרן. שפּעטער האָבן מיר ערפאַרן, אַז סיימאָן האָט חתונה געהאַט און גענומען אַ זייער שיין ווייבל, אַ גרויסע זינגערין און איז אַוועק ערגעץ ווייט אין אַ וועסטערן שטעטל. עס זיינען אַוועק אַ סך יאָרן און איך האָב סיימאָנען נישט געזען. איך

האָב אָבער געהערט, אַז ער שפּילט ערגעץ אויף פּראָווינץ. ווען ביי מיר אין פּיפּלס-טעאַטער איז אויסגעבראָכן דער ערשטער יידישער טעאַטער-שטרייק און איך און אַדלער און עדעלשטיין האָבן אָנגעהויבן זוכן יידישע אַרטיסטן, זיינען צווישן די אָנגעקומענע חברה-אַרטיסטן אויך געווע אונזער אַמאָליקער סיימאָן מיט זיין פרוי, מאַדאַם סיימאָן, אַ פּרימאַדאָנע. אָבער נישט מער דער יונגער סיימאָן פון אַמאָל. מיט אַ ווייסן שניי-באַדעקטן קאָפּ, ווייס ווי אַ טויב, באַקן איינגעפאַלענע. און אויסגעזען האָט ער ווי אַן אָרימער רעווערענדל אָדער אַ קליינשטעטלדיקער גלח, להבדיל. ...געשפּילט האָבן מיר דאַמאָלט לאַטיינערס „400 יאָר". ...סיימאָנען האָב איך געגעבן שפּילן די ראָל פון אַן אַלטן קאַרדינאַל. סיימאַן איז אויפגעטראָטן אין פּיפּלס-טעאַטער און איך האָב אים נישט דערקענט. עס איז שוין נישט געווען דער סיימאָן, וואָס איך האָב געקענט און וועגן וועלכן איך פלעג ריידן מיט באַגייסטערונג. סיימאָן האָט זיך שלעכט אָנגעטאָן, שלעכט געהאַלטן, שלעכט גרימירט און נאָך שלעכטער געשפּילט. ...דער שטרייק האָט זיך דערווייל געענדיקט מיט אַ זיג פון די יוניאָן-אַקטיאָרן און מיסטער און מיסעס סיימאָן זיינען אַוועק פון ניו-יאָרק און גענצלעך אויפגעגעבן די בינע ...זיי האָבן זיך באַזעצט אין קליוולאַנד, וואו זיי פירן אַ שיין בעל-הביתיש לעבן. זייערע טעכטער זיינען גליקלעך פאַרהייראַט, די איידעמס זיינען רייך און האַלטן אויס די סיימאָנס מיט גרויס כבוד. סיימאָנס זון איז אַ פידל-שפּילער, וועלכער גיט קאָנצערטן און פאַרדינט אַ סך געלט. אַמאָל, אַמאָל זעט מען בילדער אויף גרויסע פּאָוסטערס [אַפישן] הענגען אין די קליוולענדער פענסטער: מר. און מרס. סיימאָן שפּילן אַ פאָרשטעלונג פאַר טשאַריטי [צדקה]. ביידע בענקען אָבער נאָך היינט נאָך די פאַרלוירענע יאָרן. סיימאָן נאָך דעם אַלטן „האָצמאַך" און זיין פרוי נאָך גאָלדפאַדענס „שולמית"..."

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 24, 17.

„טהאָמאַשעפסקיס ערינערונגען" [?] „טהאָמאַשעפסקיס שריפטען", נ. י., 1909.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", נ. י., 1916, ז. 96.

באָריס טאָמאַשעווסקי — אַן אַמאָליגער אידישער אַקטיאָר, וואָס האָט היינט גרויסע געשעפטען אויף בראָדוויי, „פאָרוו.", נ. י., 1 סעפּטעמבער 1923.

סיימאָן, פרוי

[מישקינד]

אין 1889 האָט זי פּנחס טאָמאַשעווסקי געבראַכט אַלס אַטראַקציע פון ניו-יאָרק קיין פילאַדעלפיע, וואו זי טרעט אויף אַלס „מירעלע" אין גאָלדפאַדענס „די כשוף-מאַכערין".

ס. איז אַ צייט לאַנג געווען אַן אָנגעזעענע פּרימאַדאָנע אין אַמעריקע.

ס.׳ס קינדער, לאה און סאָפיע, האָבן אויך געשפּילט אויף דער יידישער בינע.

בעסי טאָמאַשעווסקי — „מיין לעבענס-געשיכטע", נ. י., 1916, זז. 96-99.

סיימאָן, מעי

געבוירן — ווי זי גיט אָן — אין 1890 אין גראָדנע, פּויליש-ליטע, אין אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע. אין עלטער פון 10 יאָר געקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו זי לערנט אין שול און באַזוכט די שבת-נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער, פון וועלכן זי איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז אַ גאַנצע וואָך פלעגט זי קאָפּירן די אַקטריסעס. אין עלטער פון 15 יאָר ווערט זי אַ מיטגליד אין אַ דראַמאַטיק-קלוב, מיט וועלכן זי פאָרט אַרויס שפּילן אין עליזאַבעט (ניו דזשוירסי) די פּיעסע „חיים אין אַמעריקע". דעביוטירנדיק אין אַ סובּרעטין-ראָל. אָנשטאָט אַפישן גייען אַרום די פרויען-שפּילער איבער די שטובן און מעלדן וועגן דער פאָרשטעלונג.

אַ קורצע צייט דערנאָך ווערט ס. אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע. אייניקע יאָר שפּילט זי אין די יידישע וואָדעוויל-הייזער, וואו זי ווייזט אַרויס גרויס ברישקייט אין דער, אַזוי גערופענער, „אַרבל-פּראָזע". דערנאָך גייט זי איבער צום לעגיטימען יידישן טעאַטער אַלס „לידינג-ליידי", שטייענדיק אין דער שפּיץ פון פאַרשיידענע יידישע טעאַטערס אין ניו-יאָרק און אין דער פּראָווינץ. אַזוי האָט זי אַ סעזאָן געשפּילט אין באָסטאָן ביי יעקב זילבערט. דערנאָך געווען צו איינציקע סעזאָנען די פּאַרטנערין אין ניו-יאָרק מיט שילדקרויט, קעסלער און מאָריס מאָשקאָוויטש, 2 סעזאָנען אָנגעפירט מיטן „110-טן סטריט-טעאַטער" אין נ. י., וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מיי סיימאָן טעאַטער" און אַ סעזאָן מיטן ראָיאַל-טעאַטער אין ניו-יאָרק.

ס. האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער הויפּט-ראָל פון פילם „The Liar" און אין יוני 1930 — אין דער טיטל-ראָל — אין יידישן קלאַנג-פילם „מיין יידישע מאַמע" (א׳ר פון סידני מ. גאָלדין).

ש. און מ. ע.

אוריאל מזיק [א. עפּשטיין] — בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער, „טאָג", נ. י., 15 דעצ. 1917.

סילוויאַ, סאַראַ

[גאָלדשטיין]

געבוירן 18 מאַי 1893 אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. פאָטער — געווען אַ כאָריסט אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, שפּעטער זיך איבערגעטראָגן קיין דרום-אַפריקע, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט שוסטעריי. דאָ באַזוכט ס. אַן ענגלישע שול און שפּילט קינדער-ראָלן אין די יידישע טרופּעס פון מאַגידזאָן און מאָריס וואַקסמאַן, דעביוטירנדיק אין גאָלדפאַדענס „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ". שפּעטער געשפּילט סובּרעטין-ראָלן אין יידישן טעאַטער אין דרום-אַפריקע.

1912 — אַרויסגערופן געוואָרן קיין לאָנדאָן צו מאָשקאָוויטשן

אין טעאַטער, וואו זי שפּילט סובּרעטן-ראָלן מיט לודוויג זאַץ.

1913 — געפאָרן צוזאַמען מיט מאָריס מאָשקאָוויטש קיין אַרגענטינע, וואו זי שפּילט אַלס זיין פּאַרטנערין. פון דאָ פאָרט זי צוריק קיין לאָנדאָן, וואו זי שפּילט ווייטער אַלס מאָשקאָוויטשעס פּאַרטנערין, ביז ער פאַרלאָזט די יידישע בינע. דערנאָך גייט זי איבער אין דער טרופּע פון יאָזעף קעסלער.

1918 — געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט יאָזעף שערמאַן.

1924 — געקומען אין אַרגענטינע, וואו זי שפּילט אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער א״ד פון י. נוגער, האָבּנדיק די געלעגנהייט צו שפּילן אין 1931 מיט יעקב בן-עמי און יעקב מעכטעל בעת זייערע גאַסטשפּילן אין בוענאָס-איירעס.

ש. ע. פון לעאָן ברעסט.

מ. ע. פון אכתר וואַלערשטיין.

ש. ר. [ראַזשאַנסקי] — כאַראַ סילוויאַ׳ס ערן-אָוונט, אין „עקסעלסיאָר״, „איד. צייט.״, ב״א, 22 נאָוו. 1929.

סימאָוויטש, אברהם

[געב. ...18 — געשט. ...19]

עטאַמט פון רומעניע. 1895 — געקומען אין אַמעריקע און דאָ געזונגען אין קוואַרטעטן און שפּעטער געשפּילט אין וואָדעוויל, דערנאָך געוואָרן אַן אַקטיאָר אין לעגיטימען טעאַטער.

בערטאַ קאַליש דערציילט אין אירע זכרונות: „דערדאָזיקער סימאָוויטש איז געווען אַ גאַרדעראָבּער און האָט פאַרשטאַנען זייער גוט טעאַטער-פּאָליטיק. זיין אויפגאַבּע אין לעבּן איז געווען צו זיין אַ שותף צו אַ טעאַטער, און ער האָט שווער געאַרבּעט צו דערגרייכן זיין ציל. ס. דינגט דאָס רומענישן-אָפּערע-הויז בשותפות מיט זיגמונט פיינמאַן, וואו עס שפּילן פיינמאַן, קעסלער און קאַליש. ...ווערט שפּעטער „ליס״-בעל-הבית פון טאַליאַ-טעאַטער מיט קאַליש, קעסלער, פיינמאַן, מאָגולעסקאָ און שפּאַכנער״.

לויט סעם אינדין איז ס. פריער געווען אַ פריזירער און דערנאָך א גאַרדעראָבּער אין טעאַטער.

אין ...19 איז ס. געשטאָרבּן אין ניו-יאָרק. זיין זון, מאַקס, איז אַ דענטיסט.

מ. ע. פון סעם אינדין

מ. זייפערט — „דיא געשיכטע פון אידישען טעאַטער״ („דיא אידישע ב׳הנע״, רעד. — חנן י. מיניקעס, נ. י., 1897).

בערטאַ קאַליש — [זכרונות], „דער טאָג״, נ. י. 7, 10, 14 אָקט. 1925.

סימאָוויטש, רעגינאַ

[קיבאָוויטש]

געבוירן 1881 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע. עלטערן — קאָנדיטאָריי-בעזיצער. צוליב פאַמיליע-סבות אויסגעוואַנדערט מיט איר מוטער קיין רומעניע און דאָ איז די יונגע ס. מיט נאָך אייניקע מיידלעך אַרומגעפאָרן 2 יאָר מיט פאָלקס-לידער-קאָנצערטן א״פ פון חיים לעמיש. מרדכי סעגאַלעסקאָ הערט זי זינגען אין בוקאַרעסט און נעמט זי אַריין צו זיך אין זשיגיצאַ-טעאַטער, וואו זי שפּילט 2 יאָר. דערנאָך איז ס. געווען אַ יאָר כאָריסטקע ביי גאָלדענבערגן און שפּעטער דאָרט סובּרעטין און נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר שלום סימאָוויטש ווייטער געשפּילט אין בוקאַרעסט. נאָך דער מלחמה האָט ס. באַקומען אַ קאָנצעסיע צו פירן אַ יידישע טרופּע און זינט דאַמאָלט פאָרט זי אַרום מיט פאַרשיידענע קלענערע טרופּעס איבער רומעניע.

ס.׳ס טאָכטער איז די פרוי פון אַקטיאָר אַדאָלף טעפנער.

ש. ע.

סימאָוויטש, שלום

[געב. ..18 — געשט. ...19]

געבוירן ...18 אין באָטאָשאַן, רומעניע. געווען אַ שניידער און דערנאָך אַריינגעטראָטן אין מאָגולעסקאָס טרופּע. שפּעטער געוואָרן אַ פאָלקס-זינגער און דערנאָך צוריקגעקומען צום יידישן טעאַטער אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער. אָפּגעריסן פון רומעני' צוליב דער מלחמה, איז ס. פאַרבּליבּן אי רוסלאַנד, וואו ער איז געשטאָרבּן אי קריגס-צייט [?].

מ. ע. פון סעם לודוויק.

סימאָנאָף, בעטי

געבוירן 31 יאַנואַר 1902 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — דער אַקטיאָר מש סימאָנאָף. געענדיקט פּאַבּליק און וואַשינגטאָ אירווינג-הײַ-סקול. געאַרבּעט 2 יאָר אַל סטענאָגראַפיסטקע און דערנאָך געענדיקט קאָלעדזש אָף סיטי אָף ניו-יאָרק אַלס האַ סקול-לערערין.

אַלס קינד אָפט געזונגען אויף קאָנצערט און בעת דעם קעשעניעווער פּאָגראָם פלעג זי, בעת די געלט-זאַמלונגען לטובת די פּאָגראָמירטע, זינגען אין די יידישע טעאַטערס פּרוגס ליד „גיט בּרוי פאַר די לעבּעדיקע״.

אַלס קינד זיך באַטייליקט בלויז אין 2 פּיעסעס, דערונטער אין אַ ראָל, אין וועלכער זי האָט געשפּילט פּידל.

1916 – גענומען לערנען שטים־בילדונג. אָבער נאָך אַ קורצן שטודיום איבערגעריסן די למודים אויף 2 יאָר און ערשט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון יאָזעף רומשינסקי 3 יאָר גענומען לעקציעס ביי דער מוזיק־פּעדאַגאָגין לאַוראַ עליאָט, ביי ריאָ סילבערטא און עסטעל ליבלינג.

זומער 1925 דעביוטירט א׳נ בעטי מאָריס צוזאַמען מיט איר פאָטער אין אַ סקעטש „דעם הזנס טאָכטער" אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער.

1926־27 – אַנגאַזשירט געוואָרן קיין דעטראָיט (מענ. – א. ליטמאַן און לואיס בירנבוים), וואו זי דעביוטירט, שוין אונטער איר אייגענעם נאָמען, אין דער אָפּערעטע „קינדער־ליבע".

1927־28 – שפּילט זי מיט באָריס טאָמאַשעווסקי אין פילאַדעלפיער מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע און נאָכדעם ווי די טרופּע צעפאַלט זיך, גייט זי איבער אין דאָרטיקן אַרטש־סטריט־טעאַטער.

1928־29 – געווען אַלס פּרימאַדאָנע אין ניו־יאָרקער קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער (מיט מאָלי פּיקאָן), 1929־30 – אין ראָלאַנד־טעאַטער (מיט די גערמאַנס), 1930־31 – ווידער אין ראָלאַנד־טעאַטער, 1931־32 – אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער (מיט אָלאַ לילית) און 1932־33 – אין ראָלאַנד־טעאַטער (מיט מ. מיכאַלעסקאָ).

נאָוועמבער 1929 האָט ס. זיך באַטייליקט אין רוסיש־ענגלישן פילם־בילד „אַ חתונה אויף דער וואָלגאַ".

דעם 27 יאַנואַר 1931 איז זי אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

ס. איז אויך אייניקע מאָל אויפגעטראָטן אַלס „שולמית" (1 און 3 אַקט) אין דער אָפּערע־פאָרם פון שלום סעקונדא און אויף דער ראַדיאָ אין ניו־יאָרק אין גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס „עקדת יצחק", „שולמית", „בר כוכבא" און „די באָבע יאַכנע".

מ. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים׳ער אויף אונזער ביהנע, „מאָז׳ש", נ. י., 19 אָקט. 1928.

וויליאַם עדלין — אַ נייע מוזיקאַלישע אויפפירונג פון דער אָפּערעטע „שולמית", „דער טאָג", נ. י., 10 יאַנ. 1930.

ח. עהרענרייך — סצענעס און בילדער ביי דער פּראָבע פון נייע אַקטיאָרען, „פאָרוו." נ. י., 30 יאַנ. 1931.

סימאָנאָף, משה

[געב. 1859 – געשט. 31 אויג. 1930]

געבוירן 1859 אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אוקר., אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר און ביי אָרטיקע אָנגעזעענע מלמדים. צו 17 יאָר חתונה געהאַט און פון צייט צו צייט, צוליב זיין שיינער שטים, געדאַוונט פאַרן עמוד. אַ יאָר שפּעטער זיך באַקענט מיטן משכיל שמעון רודער, וועמענס טאָכטער לערנט אים רוסיש. האָט ס. אָנגעהויבן צו לייענען רוסישע ביכער און צייטונגען, ווי אויך תנ״ך און ספרי השכלה. אָפּט געזונגען אויף פאַרשיידנע פאַרזאַמלונגען פון די אָרטיקע משכילים און דורך זיי געמוטיקט געוואָרן צו פאָרן שטודירן מוזיק. ער פאָרט דאַמאָלט קיין פּעטערבורג, וואו ער ווערט פאַרהערט פון די פּראָפעסאָרן פון דער מלוכה־קאָנסערוואַטאָריע גאַבעל און סאמוס, אָבער צוליב דעם, וואָס זיינע עלטערן זאָגן זיך אָפּ אונטערצושרייבן די נויטיקע פּאַפּירן, קאָן ער נישט אַריינטרעטן אין דער קאָנסערוואַטאָריע.

נישט קאָנענדיק מער זיך געפינען אין דער היימישער סביבה, עמיגרירט ער אין 1886 קיין אַמעריקע, וואו ער אַרבעט די ערשטע צייט אין אַ סיגאַרעטן־פעקטאָרי און דערנאָך אַלס פליטער־אַרבעטער. אין 1887 ווערט ער אַלס כאָריסט אַנגאַזשירט צו משה זילבערמאַן אין אָריענטאַל־טעאַטער, מיטן באַדינג, אַז ער זאָל נישט געהערן צו דער כאָריסטן־יוניע, באַלד אָבער טרעט ס. אַרויס אויף אַ קאָנצערט פון דער אָרגאַניזאַציע „רוסקי ראַבאָטשי סאָיוז", און דאָרט באַקענט ער זיך מיט כאָריסטן, מיטגלידער פון דער כאָריסטן־יוניע, וועלכע נעמען אים אַריין אַלס מיטגליד.

זינט דאַמאָלט ווערט ס. איינער פון די אַקטיווסטע יוניע־עסקנים אויפן פעלד פון יידישן טעאַטער. מיט זיין גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע וואַרפט ער זיך אַריין אין דאַמאָלטיקן קאַמף פון די כאָריסטן פאַר בעסערע באַדינגונגען און פאַר דער אָנערקענונג פון זייער פאַראיין, וואָס פירט צו אַ שטרייק, וועלכער איז נאָך 2 חדשים געוואונען געוואָרן. ס. ווערט דאַמאָלט פון כאָריסטן־פאַראיין באַשטימט צו אָרגאַניזירן די כאָריסטקעס. אַלס שטראָף פאַר זיין אָרגאַניזאַציע־אַרבעט ווערט ער מער נישט אַנגאַזשירט אין טעאַטער אַלס כאָריסט און ער טרעט דעריבער אַריין, צום סעזאָן 1887־88, אין דער טרופּע, וועלכע ווערט צונויפגעשטעלט דורך די ברידער איזראַעל און סעמיועל דאָרף (געוו. פּרעזידענט פון אינדיפּענדענט אָרדען ברית אברהם) פאַרן סטאַנדאַרט־טעאַטער אין באַלטימאָר, וואו ער איז כאָריסט און שפּילט קליינע ראָלן, דעביוטירנדיק אַלס „רב" אין שמ׳רס „דער בעל־תשובה". נאָכן שפּילן אייניקע חדשים ביי זייער שווערע באַדינגונגען אין באַלטימאָר, האָט זיך די טרופּע איבערגעטראָגן קיין פילאַדעלפיע (טאַליאַ־טעאַטער, 4־טע און קאַלאָ־היל), וואו זי האָט, צוליב דער וויטקייט פון יידישן קוואַרטאַל, ווידער געמאַכט שלעכטע געשעפטן. אין מיטן סעזאָן האָט אברהם גאָלדפאַדען צונויפגעשטעלט אַ טרופּע פאַר באָסטאָן (וואו ס׳האָט אויך געשפּילט באָריס טאָמאַשעווסקי), וואוהין ס׳פאָרן צו ס. מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן פון פילאַדעלפיע, און בעת טאָמאַשעווסקי פאַרלאָזט – צוליב אַ סכסוך – די טרופּע, פאַרטרעט אים ס. אין דער ראָל „בר כוכבא" און בלייבט שוין פון דאַמאָלט אָן שפּילן פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

1888 – האָט ס. אָרגאַניזירט די ערשטע יידישע אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט אַלע דאַמאָלטיקע יידישע אַקטיאָרן (אַ חוץ די אייגנטימער פון טעאַטערס ווי קעסלער, פיינמאַן, מאָגולעסקאָ, פינקל, חיימאָוויטש א. ד. ג.). דידאָזיקע יוניע, צוזאַמען מיט דער כאָריסטן־יוניע, שריפטזעצער־יוניע און דער יידישער ברענטש [אָפּטייל] פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זיינען געווען די 4 אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געגרינדעט די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין אַמעריקע.

זינט דאַמאָלט שפּילט ס. ביז 1920 אין ניו־יאָרק אין פאַרשיידענע טרופּעס, וואו ער פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט. צווישן אַנדערע ראָלן האָט ער אין 1894 דער ערשטער געשפּילט די ראָל „אַלטער ציפּעס" אין גאָרדינס „די ליטווישע ברידער לוריא".

זינט 1920 האָט ס. געשפּילט אויף דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ,

הויפטזעכלעך אין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט אויך אין אַרטיקן „פאָרווערטס" (13, 21 נאָוו. 1927) פאַרעפנטלעכט זיין אויטאָביאָגראַפיע.

ס. האָט געפרובט שרייבן פיעסעס, אָבער אָן דערפאָלג. דערפאַר האָט ער אָבער „צוגעפיקסט" [„אויסגעבעסערט"] אַ סך פיעסעס, דערונטער „דאָס לעבן אין ניו-יאָרק", „כל נדרי" און „בת כהן".

אַ ראַדיקאַל, האָט ס. זיך באַטייליקט אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט אין 1907, בעתן קריזיס, געהאָלפן גרינדן די סאָציאַליסטישע פאָלקס-קוך, איז געווען אַ מיטגרינדער פון קינדער-היימען, יתומים-הייזער און דעם מושב-זקנים אויף דזשעפערסאָן און טשערי סטריט און פלעגט אָפט אַרויסטרעטן אויף די מיטינגען פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, פאַרטיידיקנדיק דעם יוניע-שטאַנדפּונקט.

דעם 31 אויגוסט 1930 איז ס. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ס.׳ס טאָכטער, בעטי, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

ב. קאַליש — [זכרונות] „דער טאָג", נ. י., 5 סעפט. 1925.

אַלבום פון פילאַדעלפיער אידישע שוישפּילער, „פאָרוו.", פילאַדעלפיע, 13, 20 נאָוו. 1927.

ד. ק. [קאַפּלאַן] — דער פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר מ. סימאָנאָוו — אַ וואַרימע האַרץ און ענערגישע נאַטור, „פאָרוו.", נ. י., 2 סעפּטעמבער 1930.

סימקאָף, שיינע-רחל

[זאַמקאָוו]

געבוירן — לויט זי גיט אָן — דעם 18 סעפּטעמבער 1899 אין מייטשיט, גראָדנער גוב., פויליש-ליטע. פאָטער — מלמד אויפן ישוב. מוטער — געהאַלטן אַ חדר פאַר קליינע קינדער. ביז 9 יאָר געלערנט ביי דער מוטער און דערנאָך, צוליב דער מוטערס טויט, אַוועק אין דער לער צו אַ שניידערין. ביז 16 יאָר זיך דערצויגן ביי משפּחה און באַוויזן דורך דער צייט זיך אויסצולערנען אַביסל רוסיש און העברעאיש. נאָך אַלס קינד פלעגט זי שרייבן לידלעך און מעשהלעך אויף יידיש, נישט האָבנדיק קיין השגה זיי צו דרוקן.

1915 — געקומען אין אַמעריקע צו שוועסטער און ברידער, און דאָ ביי טאָג געאַרבעט אין שאַפּ און אין אָוונט געלערנט אין שול. דורכן באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער, באַקומען אַ נייגונג צו שרייבן פיעסעס.

ס.׳ס ערשטע פיעסע „די קרבנות פון ליבע, לעבנסבילד אין 4 בילדער" איז דורך סאָל און אסתר וואַלערשטיין געשפּילט געוואָרן דעם 18 מעברואַר 1916 אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער.

דעם 11 יאַנואַר 1918 איז א׳ר פון מאָריס מאָשקאָוויטש אויפגעפירט געוואָרן אין קעסלערס טעאַטער ס.׳ס 4-אַקטיקע דראַמע „אַ נאָמען נאָך דער מאַמען" (מיטן אָנטייל פון קעני ליפּצין, מאָריס מאָשקאָוויטש, בערנאַרד בערנשטיין, מאָריס שוואַרץ, צילי אַדלער, לואיס בירנבוים, מערי ווילענסקי, כעני לובריצקי און בעסי ווייסמאַן), וואָס רופט אַרויס אויפזען צוליב דעם, וואָס די פיעסע איז געשריבן פון אַ יונגער פרוי-מחבר.

איר דריטע פיעסע „עפן די אויגן" איז אויפגעפירט געוואָרן מיט מאַלווינע לאָבעל אין דער הויפּט-ראָל.

דעם 19 דעצעמבער 1924 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס.׳ס מעלאָדראַמע „פאַר דער חופּה", וואָס איז אין יאַנואַר 1925 געשפּילט געוואָרן דורך בערנאַרד עלווינג אין נוּאַרק א׳נ „סאַמעט און זייד", און איז דעם 19 סעפּטעמבער 1925 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער דורך לעאָן בלאַנק א׳נ „פאַר דער חתונה" (מוזיק — פּרץ סאַנדלער).

ס.׳ס פיעסעס „פאַרוואָס מיידלעך אַנטלויפן" („משהקע דער באָנדער") און „יאַנקל דער שוסטער" זיינען געשפּילט געוואָרן דורך בערנאַרד עלווינג אין נוּאַרק. „יאַנקל דער שוסטער" איז אויך אין 1932 געשפּילט געוואָרן דורך לודוויג זאַץ אין אייראָפּע א׳נ „אַלץ פאַר קינדער."

איר פיעסע „סודות פון יעדן הויז" איז דורך מעי סיימאָן געשפּילט געוואָרן אין פילאַדעלפיע.

דעם 11 נאָוועמבער 1927 איז אין ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס מעלאָדראַמע „פאַר טאַטע-מאַמעס זינד".

דעם 28 דעצעמבער 1928 איז אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן (מיט מאַלי פּיקאָן אין דער טיטל-ראָל) א׳ר פון יעקב קאַליך ס.׳ס אָפּערעטע „העלא מאַלי" (מוזיק — י. רומשינסקי), וואָס איז אין 1932 געשפּילט געוואָרן דורך מאַלי פּיקאָן אין אַרגענטינע א׳נ „דער קליינער מזיק".

דעם 14 אָקטאָבער 1929 איז אין פאָלקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן (מיט לודוויק זאַץ אין דער טיטל-ראָל) „זיין ווייבס ליובאָוניק, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן און פּראָלאָג פון שיינע-רחל סימקאָף. מוזיק — א. עלשטיין, ליריקס — ב. ראָזענטאַל, רעזשי — לודוויג זאַץ", וואָס איז אין 1930 געשפּילט געוואָרן דורך זאַץ בעת זיינע גאַסטראָלן אין אייראָפּע.

דעם 13 אָקטאָבער 1930 איז אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס נאַטאַנסאָן ס.׳ס „מיידל פון מיין האַרץ, קאָמעדיע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג", וואָס ווערט אויך דורך אים אויפגעפירט אין מאַי 1931 אין לאָנדאָן.

דעם 25 סעפּטעמבער 1931 איז אין ניו-יאָרקער קלינטאָן-טעאַטער דעמאָנסטרירט געוואָרן א׳ר פון סידני מ. גאָלדין דער יידישער קלאַנג-פילם „זיין ווייבס ליובאָווניק" לויט ס.׳ס פיעסע (מיט לודוויק זאַץ, לוסי לעווין און איזידאָר קעשיער אין די הויפּט-ראָלן) און ווערט זינט דאַמאָלט געוויזן איבער אַמעריקע און אייראָפּע.

ס. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע סקיצן אין „פא׳ש".

ביז 1930 האָט ס. נישט איבערגעריסן איר אַרבעט אין שאַפּ. זינט דאַמאָלט אַרבעט זי נאָר פון צייט צו צייט, ווידמענדיק זיך אינגאַנצן דאָס שרייבן פיעסעס, פון וועלכע 10 זיינען נאָך ביז איצט נישט אויפגעפירט געוואָרן.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַטער", II, ז. 281.

אַב. קאַהאַן — אַ אידישע אַרבייטער-מיידעל שרייבט אַ פיעסע, „פאָרוו.", נ. י., 17 יאַנ. 1918.

י. ענטין — אַ אידישע פיעסע אין דייטשען טהעאַטער און אַ מיידעל׳ס

אַ פּיעסע אין קעסלער׳ס טהעאַטער, „דיא וואַרהייט״, נ. י., 17 יאַניאַר 1918.

דר. קריטיקוס — צוויי נייע אידישע פּיעסען, איינע געשריבען פון אַ פרוי, „דער טאָג״, נ. י., 19 יאַנ. 1918.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טעאַטער, „פא׳ש״, נ. י., 2 פעברואַר 1918.

ב. י. גאָלדשטיין — אַ נייע פּיעסע מיט אַלטע ניסים אין לענאָקס טעאַטער, „דער טאָג״, נ. י., 26 דעצ. 1924.

ל. קעסנער — פאַר דער חופּה, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 26 דעצעמבער 1924.

הלל ראָגאָף — צוויי מעלאָדראַמעס, „פאָרוו.״, נ. י., 26 סעפּטעמבער 1925.

וויקטאָר מירסקי — „זיין ערשטע נאַכט״, וועגן דער פּיעסע, וואָס ווערט איצט געשפּילט אין קאַסינא טעאַטער, „די אידישע וועלט״, פילאַד., 30 נאָוו 1928.

אַב. קאַהאַן — מאַלי פּיקאָן אין „העלא מאַלי״, „פאָרוו.״, נ. י., 10 יאַנ. 1929.

חיים וויינער — „העלאו מאַלי״, „דער פערבאַנד״, נ. י., נ׳ 55, 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא׳ש״, נ. י., נ׳ 18, 1929.

א. פרומקין — „זיין ליובאָווניק׳ס ווייב״, „ברוקלינער אידישע שטימע״, נ. י., 21, 1929.

ה. מ. ל. [משה-לייב האַלפּערן] — אַרום טעאַטער, „די וואָך״, נ. י., נ׳ 5, 1929.

וויליאַם עדלין — די נייע פּיעסע אין זאַץ׳ס פאָלקס טעאַטער, „טאָג״, נ. י., 18 אָקט. 1929.

ל. פאָגעלמאַן — די נייע פּיעסע אין זאַץ׳ס פאָלקס טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י., 24 אָקט. 1929.

מ. שמש — זיין ווייב׳ס ליובאָווניק אין זאַצ׳ס פאָלקס טעאַטער, „די אידישע בעקער-שטימע״, נ. י., 25 אָקט. 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא׳ש״, נ. י., 15 נאָוו. 1929.

חיים וויינער — לודוויג זאַץ אין אַ נייער פּיעסע, „דער פאַרבאַנד״, נ. י., נ׳ 60, 1929.

ש. פאַן [שאַיאַק] — „זיין ווייבס ליובאָווניק״, „פאָסט״, לאָנדאָן, 26 מאַי 1930.

בן-א [סאָכאַטשעווסקי] — לודוויג זאַץ׳ס גרויסער ערפאָלג אין „זיין ווייב׳ס ליובאָווניק״, „די צייט״, לאָנדאָן, 26 מאַי 1930.

ש. פאַן — „דאָס מיידל פון מיין האַרץ״ (פון ש. ר. סעמקאָף), אויפגעפירט פון ה. דזשוליוס באַטאַנזאָן, „די פאָסט״, לאָנדאָן, 25 מאַי 1931.

ד. קאַפּלאַן — לודוויג זאַץ אין זיין ערשטער אידישער טאָקי, אַ לוסטיגע קאָמעדיע, „פאָרוו.״, נ. י., 30 סעפּט. 1931.

ל. מאַלעך — טעאַטעריי, „פּרעסע״, ב׳א, 6 נאָוו. 1931.

ב. י. גאָלדשטיין — שלעכט און ערגער, „פא ש״, נ. י., 9 יאַנואַר 1931.

נ. מ. [נחמן מייזיל] — אין די וואַרשעווער יידישע טעאַטערן, „ליטבל׳ט״, וואַרשע, נ׳ 6, 1932.

ב. שעפנער — דער ערשטער אויפטריט פון לודוויק זאַץ, „אַלץ פאַר קינדער״ אין קאַמינסקי׳ס טעאַטער, „נייע פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 17 יאַנ. 1932.

מ. קיפּניס — לודוויג זאַץ (צו זיין אויפטריט אין קאַמינסקי׳ס טעאַטער), „היינט״, וואַרשע, 2 פעבר. 1932.

ב. ק. [קאַרלינסקי] — טעאַטער נאָטיצען, „מאָמענט״, וואַרשע, 5 פעבר. 1932.

I. Sch [Shipper] – Występy Ludwika Satza, „Wszystko dla dzieci", sztuka w 3 aktach Racheli Sincos[f], „Nowe Słowo", Warszawa, 6/2 1932.

J. A. [Apenszlak] – Ludwik Satz w teatrze im. Kaminskiego, „Wszystko dla dzieci", sztuka w 3 aktach Racheli L[S]inkoff, „Nasz Przegląd", Warszawa, 11/2 1932.

י. ב. [באָטאָשאַנסקי] — דער יאָנטעוו פון מאַלי פּיקאָן און יאַנקעוו קאַליך אין „עקסעלסיאָר״, „פּרעסע״, ב׳א, 27 אויג. 1932.

[—] — דער ערן-אוונט פון מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך, „איד. צייט.״, ב׳א, 28 אויג. 1932.

סינקאָף, אייב

געבוירן 1885 אין אָדעס, אוקראַינע. פאָטער — אַ לערער פון רוסיש און העברעיש. איז אין 1891 געקומען, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אין אַמעריקע און צוליב זיין שיינעם אַלט געוואָרן אַ משורר ביים חזן ירוחם הקטן און דערנאָך ביי אַנדערע חזנים

אין עלטער פון 11 יאָר געזען שפּילן לאַטיינערס „אַלעקסאַנדער דער קרוינפּרינץ״ און באַקומען אַ שטאַרקע נייגונג צו דער בינע.

נאָכן ענדיקן די שול האָט זיין פאָטער געוואָלט אים מאַכן פאַר אַ סוחר, אָבער ס. איז שוין געווען אַ פאַרקאָכטער באַזוכער פון יידישן טעאַטער, שטעלט ער צונויף (אין עלטער פון 16 יאָר) אַ גרופּע „ליבהאָבער״ און נעמט מיט זיי שפּילן יידיש טעאַטער. אַ דאַנק זיינע סוחרישע נייגונגען, איז ס. באַלד געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער דאָזיקער ליבהאָבער-טרופּע. ווען בעת אַן אויפפירונג אין אַ יידיש וואָדעוויל-טעאַטער פון אַ פאַרקירצונג פון יעקב גאָרדין׳ס „דער ממזר״ האָט אויסגעפעלט אַ ראָליסט פאַרן „דוואָרניק״, האָט ס. געשפּילט די ראָל און זינט דאַמאָלט פאַרבליבן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

אין אָקטאָבער 1903 איז ס. געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַקטיאָרן-יוניע, לאָקאַל 5.

אין 1907 איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין אַן ענגליש וואָדעוויל-טעאַטער און האָט אין משך פון אייניקע יאָר געוואַנדערט פון ענגלישן צום יידישן וואָדעוויל און צוריק.

1912 — איז ער געוואָרן דירעקטאָר און בעל-הבית פון אַ יידיש טעאַטער אין נוּאַרק (סינקאָפס מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער), וואו ער שפּילט 4 יאָר לעגיטים יידיש טעאַטער. 1916 — פאַרקויפט ער דאָס טעאַטער און גייט איבער צו דער ענגלישער בינע, 5 יאָר שפּעטער - קערט ער צוריק צו דער יידישער בינע און ווערט איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער אין דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע, וואו ער איז אויך אייניקע יאָר מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו.

1926-30 — שפּילט ער אַלס כאַראַקטער-קאָמיקער אין ניו-יאָרקער פּאָבליק-טעאַטער, 1930-31 — אין שיקאַגער לאָנדייל-טעאַטער און 1931 אויף ענגליש אין דער קאָמעדיע „איסט אָף בראַדוויי“. 1932 — אַ קורצע צייט ווידער אין יידישן טעאַטער.

אין 1928 איז אין ניו-יאָרק געפּייערט געוואָרן ס.׳ס 25-טער בינע-יובּיליי.

1932 — געשפּילט אין קלאַנג-פילם „אָנקעל מאָזעס“ פון שלום אַש.

ס. איז זינט אייניקע יאָר פּרעזידענט פון די יידישע טעאַטריקל עליינס און איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרלאַגס-קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

ש. ע.

י. ק. — 25 יאָהריגער ביהנע-יובילעאום פון אייב סינקאָף, „מאָז׳ש“, נ. י., 2 מערץ 1928.

אייב סינקאָף — מיינע אינטערעסאַנטסטע מאָמענטען אויף דער ביהנע, „טאָג“, נ. י., 1 מערץ 1929.

[—] — אידישע טעאַטריקל אליינס, „פאָרוו.“, נ. י., 25 אָקטאָבער 1930.

סינקאָף, פּרענצים

[שאַפּיראָ]

געבוירן 1892 אין אָדעס, אוקראַאינע אַלס קינד פון 8 חדשים געקומען מיט איר פאַמיליע אין אַמעריקע, וואו זי האָט שפּעטער געענדיקט האַי-סקול.

ס. האָט געהאַט אַ שיינע סאָפּראַן-שטים און פלעגט אַרויסטרעטן אַלס די הויפּט-„אַקטריסע“ אין די סקול-פאָרשטעלונגען, וואָס האָט דערוועקט אין איר אַ נייגונג צו דער בינע.

איר ערשטער אויפטריט אַלס פּראָפעסיאָנאַליסטקע איז געווען אַלס כאָריסטקע אין פּיפּלס-טעאַטער, וואו זי באַקענט זיך מיטן אַקטיאָר אייב סינקאָף, וועלכער נעמט זי אַריבער אין אַ יידיש וואָדעוויל-הויז און שטודירט מיט איר לידער און איינאַקטערס, אין וועלכע זיי טרעטן אויף צוזאַמען. נאָך זייער חתונה ווערן זיי אַנגאַזשירט צו שפּילן אויף דער פּראָווינץ, וואו זי טרעט שוין אַרויס אַלס סובּרעטין אין לעגיטימען יידישן טעאַטער.

נאָכן שפּילן איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע, ווערט זי אַנגאַזשירט אין אַ יידיש וואָדעוויל-הויז אין ניו-יאָרק און ווערט דערנאָך ערשטע סובּרעטין אין איר מאַנס טרופּע אין נואַרקער מעטראָפּאָליטאַן-טעאַטער. שפּעטער איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן צו געבילן, ביי וועלכן זי האָט געשפּילט איבער 10 יאָר אַלס כאַראַקטער-שוישפּילערין.

ש. ע. פון אייב סינקאָף.

סיעראָצקאַ, מאַלווינאַ

[קאָמפּאַניעעץ]

געבוירן 27 אויגוסט 1881 אין אָדעס, אוקראַאינע. שטיף-שוועסטער פון א. ג. קאָמפּאַניעעץ. אין עלטער פון 10 יאָר אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער בינע אין איר ברודערס טרופּע, וואו זי שפּילט ביזן עלטער פון 15 יאָר, ווען זי הויבט אָן אויפטרעטן אין פּרימאַדאָנע-ראָלן א׳נ באָריסאָוואַ. שפּעטער האָט ס. געשפּילט אַלס סובּרעטין ביי פישזאָנען, דערנאָך 5 יאָר אַרומגעפאָרן מיט חברים-טרופּעס און נאָך דער חתונה מיטן אַקטיאָר הערמאַן סיעראָצקי, אייניקע יאָר געשפּילט אַלס פּרימאַדאָנע אין קאַמינסקיס טרופּע. 1905 — האָט ס. געשפּילט אין וואַרשע ביי ראָזענטאַל-אַרנשטיין און דערנאָך, אַלס כאַראַקטער-ראָליסטין, אין זאַנדבערגס לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער“. שפּעטער האָט ס. חתונה מיטן רעדאַקטאָר ישעיהו אוגער, שפּילט נאָך ביז דער מלחמה און ציט זיך דערנאָך צוריק פון דער בינע, אַרויסטרעטנדיק נאָר פון צייט צו צייט אויף וואוילטעטיקע אָדער יום-טוב-פאָרשטעלונגען.

ס. האָט זיך — לויט ז. זילבערצווייג — בעת איר שפּילן אויף דער בינע אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער נאַטירלעכקייט. אירע טיפּן, וועלכע זי האָט געשאַפן, על פי רוב אין ביליקן אָפּערעטעס-רעפּערטואַר, זיינען געווען אויסגעקנאָטן פול מיט לעבן און האָבן געמאַכט גלייבן די אָפּטע לעכערלערע פּראָזע, וועלכע ס׳איז איר אויסגעקומען צו ריידן. אַ מאָדנע לעבעדיקייט און אינטימקייט האָט זי אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע און האָט זיך ממש אין יעדער ראָל באַליבט געמאַכט ביים טעאַטער-עולם.

מ. ע.

מאַלווינאַ סיעראָצקאַ (אוגער) — „די קאַמינסקאַ“, „טא״ק“, לאָדזש, נ׳ 3, 1922.

סיעראָצקי, הערמאַן

געבוירן 1880 אין אָזאָרקאָוו, פוילן. פאָטער — אַ שניידער. געאַרבעט אַלס וועבער, געזונגען ביים שטאָטישן חזן און אין 1896, בעת שליפערשטיינס טרופּע פירט דאָרט אויף „שולמית“, ווערט ס. אַריינגענומען אַלס כאָריסט און ווערט באַלד באַמערקט פון אַקטיאָר ריבאַלסקי, וועלכער דערמוטיקט אים צו ווערן אַן אַקטיאָר.

1897 — פאַרלאָזט ס. זיין מוטער און שוועסטער, וועמענס שפּייזער ער איז געווען, פאָרט קיין וואַרשע און טרעט אַריין אַלס כאָריסט אין ווייספעלדס טרופּע. אָבער נאָך אין זעלבן יאָר באַקומט ער צו שפּילן „דוד“ אין עפּעלבערגס „דוד אין דער וויסטע“ און פאַרבלייבט שוין אַלס אַקטיאָר.

1902 — טרעט ס. אַריין אין כאַרקאָוו אין קאָמפּאַניעעצס טרו-

פע, וועלע פארט ארום איבער די גרעסערע שטעט פון רוסלאנד (סאמארא, סאראטאוו, וואראניעזש, טולא א. א.). אין 1903 גייט ער איבער אין יעקאטערינאסלאוו אין פישזאנס טרופע, וואו ער שפילט 2 יאר. 1905 — שפילט ער ביי קאמינסקי אין אדעס און אין 1906 פארט ער צו קאמינסקי אין ווארשע, וואו ער שפילט 3 יאר אלס ערשטער ליבהאבער-זינגער און מאכט מיט דעם טורנעע פון דער „פאראייניקטע טרופע", מיט וועלכער ער טרעט אויף אלס דראמאטישער ליבהאבער אין גארדין-ליבין-קאברין-רעפערטואר און טרעט דערנאך אריין צו זאנדבערגן אין לאדזשער „גרויסעס טעאטער".

1913 — ווערט ער, צוזאמען מיט יוליוס אדלער, דירעקטאר פון לאדזשער סקאלא-טעאטער, וואו עס ווערט צום ערשטן מאל אויף דער יידישער בינע אין אייראפע אויפגעפירט א גאנצע ריי אייראפעאישע דראמעס און אפערעטעס, אין וועלכע ס. שפילט די הויפט-ראלן און רעזשיסירט די אפערעטעס.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז ס. (צוזאמען מיט יוליוס אדלער, יוליא זאנדבערג און מ. ד. וואקסמאן) מיט-דירעקטאר פון לאדזשער „גרויסעס טעאטער" און פון קאמינסקי-טעאטער אין ווארשע. ער איז אויך געווען דער מיטאיניציאטאר פון א גרויסן טורנעע איבער דער פוילישער פראווינץ, שפילנדיק אין געוויסע ערטער, וואו מען האט ביז דאמאלט קיין יידיש טעאטער נישט געשפילט.

1920 — ווערט ער אנגאזשירט קיין אמעריקע אין טאמאשעווסקיס נעשאנאל-טעאטער. 1923 — איז ער, צוזאמען מיט יוליוס אדלער, דירעקטאר פון ליבערטי-טעאטער אין בראנזוויל, טרעט אבער באלד אריין צוריק אין נעשאנאל-טעאטער, שפילט 1926-30 אין קעסלערס סעקאנד-עוועניו-טעאטער (מיט מאלי פיקאן) און גאסטראלירט זומער 1930 אין לאדזש און זומער 1931 אין פאריז, בעלגיע און פוילן. 1931 — צוריקגעקומען אין אמעריקע און זיך נאר פון צייט צו צייט באטייליקט אין פארשטעלונגען. 1932 — געשפילט אין שיקאגער לאנדייל-טעאטער.

ש. ע.

גימל אין בייז — ווער זיינען די דריי נייע אידישע אקטיארען ?, „פארווי", נ. י., 1 אקט. 1920.

אב. קאהאן — אימפארטירטע אפערעטעס און דראמען פאר אינזערע היגע טעאטערע, „פארווי", נ. י., 1 אקט. 1920

מ. גרים — דער אימפארט פון אייראפע, „פא"ש" נ. י., 12 מערץ 1921.

נח פרילוצקי — „יידיש טעאטער", ביאליסטאק, 1921 [אין די רעצענזיעס וועגן גארדינס פיעסעס].

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון א יידישן טעאטער-קריטיקער, „ארכיוו", ווילנע, 1930, ז 364.

ספעקטאטאר [נ. פראנק] — דער ערשטער אויפטריט פון ה' סעראצקי אין פאריז, „פאריזער היינט", 22 מערץ 1931.

סיפצער, אלבערטינא

[געב. 1896 — געש. 26 סעפט. 1924]

געבוירן 1896 אין נאוואפאלטאווסק, כערסאנער גוב., אוקראאינע. אין 1904, צוזאמען מיט איר פאמיליע, געקומען אין בראזיליע און אין סאן פאולא אנגעהויבן צו לערנען מוזיק. 1905 — איז זי געקומען אין ארגענטינע.

שוין אין דער פריסטער יוגנט געהאט א נייגונג צו גרימירן זיך און איבערטאן זיך אין מענערישע מלבושים, ווערט ס. א סטאטיסטקע ביים יידישן טעאטער-דירעקטאר פינקעלשטיין און צו 12 יאר שפילט זי שוין ביי מאריס אקסעלראדן א מוטער-ראל, ציענדיק אויף זיך אויפמערקזאמקייט. זינט דאמאלט שפילט זי אין פארשיידענע טרופעס (מיט וואקסמאן, מאריענהאף, גאלדענבורג) און האט א באזונדערס גרויסן דערפאלג אלס „האסיע די יתומה".

1915 — פארט ס. ווידער קיין בראזיליע און שפילט דארט יידיש טעאטער מיט גרויס דערפאלג. דער דירעקטאר פון בראזיליאנער פעניקס-טעאטער אנגאזשירט זי דאמאלט פאר דער בראזיליאנער בינע, און אויך דא שפילט זי מיט גרויס דערפאלג. אבער צוליב איר שוועסטערס טויט פארט ס. צוריק קיין ארגענטינע, וואו זי בלייבט שוין שפילן אויף דער יידישער בינע.

דעם 26 סעפטעמבער 1924 איז ס. געשטארבן אין ראזאריא.

ש. ע. פון יעקב באטאשאנסקי.

סיפצער, פאולינא

[געב. 1899 — געשט. 20 מאי 1917]

געבוירן 1899 אין ניקאלאיעוו, כערסאנער גוב., אוקראאינע. 1904 — צוזאמען מיט דער פאמיליע געקומען אין בראזיליע און א יאר שפעטער מיט זיי זיך באזעצט אין ארגענטינע. דא הייבט אן ס. איר ביינע-קאריערע ביי וואקסמאן, שפילט דערנאך מיט גאלדענבורגן אין טעאטער באגאטעלא, וואו זי האט א גרויסן דערפאלג אלס „לילי" אין „שיר-השירים" און „שרה" אין „עקדת יצחק" און ווערט באלד פאפולער, באזונדערס אין די אפערעטע „שולמית", „בר כוכבא", „שבת קודש" א. א.

דעם 20 מאי 1917 איז ס. געשטארבן אין בוענאס-איירעס.

ש. ע. פון יעקב באטאשאנסקי.

סירקין, לואיס

געבוירן 1904 אין סאַטאַנאָוו, פּאָדאָל, אין אַ סוחרישער פאַמיליע. באַקומען אַ יידישלעכע דערציאונג. שוין אין דער פריער יוגנט זיך אינטערעסירט מיט טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

1921 – געקומען מיט דער פאַמיליע אין קאַנאַדע און תיכף אַריינגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער סופלער אין יידישן טעאַטער אין מאָנטרעאַל און דערנאָך סופלירט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס אין קאַנאַדע און אַמעריקע.

ש. ע.

סלאָנימסקי, מאַדאַם

[שטערן]

טאָכטער פון באַוואוסטן מאַטעמאַטיקער אברהם שטערן פון וואַרשע. פרוי פון חיים־זעליג סלאָנימסקי, וועלכער איז אין 1892 אָנגענומען געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם יעקב אייכענבוים.

„אַ זייער געבילדעטע דאַמע, בטבע אַן אַסימילאַטאָרן, האָט זי אָבער – שרייבט מ. י. פּאַפּיערנאַ – מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די יידישע דראַמע „שרה׳קע" (סערקעלע) פון דאָקטאָר עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געווען. פלעגט זי ליב האָבן זי פאָרצולעזן פאַר באַקאַנטע. דעמזעלבן ווינטער איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, וואו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די תלמידים פון דער ראַבינער־שולע. דער פּלאַן פאָרצושטעלן אויף יידיש אַ דראַמע האָט אויסגעזען ווילד ביי דער זשיטאָמירער אינטעליגענץ, אָבער מאַדאַם סלאָנימסקי איז פעסט באַשטאַנען אויף איר פּלאַן. אפשר האָט זי אַליין געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קוריאָז, נאָר דאָך האָט זי זיך דערפאַר גענומען מיט גרויס ענערגיע. זי האָט פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאַר פּאַסנדע דעקאָראַציעס, און דער ספּעקטאַקל איז צושטאַנד געקומען אין קעגנוואַרט פון די לערער פון דער ראַבינער־שול און פון דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פוראָר. די שילער האָבן זייערע ראָלן גוט געשפּילט. נאָר מער פאַר אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע – „סערקעלע"."

ב גאָרין – „געש. פון איד. טעאַט.", I, זז. 98-99.

מ. י. פּאַפּיערנא — די ערשטע יודישע דראַמע און דער ערשטער יודישער ספּעקטאַקל, „פנקס" (רעד. — ש. ניגער), ווילנע, 1913.

סמאָליאַר, בער

געב. דעם 27 מאַי 1897 אין ראָוונע, וואָלין. פאָטער – אַ לערער אין אַ העברעאישער פאָלקסשול, האָט אים געגעבן אַ וועלטלעכע דערציאונג. גלייכצייטיק פיל געלערנט העברעאיש. צו 13 יאָר געענדיקט האַנדלס־קורסן און געוואָרן אַ בוכהאַלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1912.

סוף 1920 – אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט אין שיקאַגע פאַרוואַלטער פון די אָרטיקע אַרבייטער־רינג־שול און איז גלייכצייטיק טעטיק אַלס זשורנאַליסט. שפּעטער באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „יט׳א" (יידישע טעלעגראַף־אַגענטור) און באַזוכט דערנאָך אין זייער דינסט די יידישע ישובים איבער דער וועלט.

ס. האָט פיל געאַרבעט אויפן געביט פון קינדער־ליטעראַטור, האָט געזאַמלט לידער צום זינגען אין שולן און קינדער־היימען און אינסצענירט קינדער־מעשהלעך, פון וועלכע ס׳איז דערשינען דער איינאַקטער „די כישופמאַכערין" (וואַרשע־ניו־יאָרק, 1921), וואָס איז שפּעטער אויך דערשינען אין העברעאיש א׳נ „המכשפה", פ׳ג „תלפיות", וואַרשע.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די בראָשור „ווי אַזוי איז לייוויק געקומען צו זיין גולם" (פ׳ג „צווייגן", נ. י., 1924) [16 ז. 32°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 659-61.

ח. ש. קאַזשדאַן — קינדער־ליטעראַטור, „ביכער־וועלט", 3-4, 1923.

„סמבטיון".

פאַר דער גרינדונג פון „סמבטיון" גיט אָן זיין גרינדער, יצחק נאָזשיק, פאָלגנדיקע מאָטיוון: „קודם כל האָבן אונזערע אָפּערעטקעס פון אַמעריקאַנער פּראָדוקציע, וועלכע זיינען מייסטנס מעלאָדראַמעס אָדער גאָר טראַגעדיעס מיט געזאַנג און טענץ, אויפגעהערט צו אינטערעסירן אונזער עולם. אַ חוץ דעם האָט אויך דער אַקטיאָר זיך ענדלעך געוואָלט באַפרייען פון דעם מין טעאַטער, אין וועלכן ער מוז גלייכצייטיק אין איין פּיעסע און אין איין און דער זעלביקער ראָל אי דראַמאַטעזירן, אי זינגען אי טאַנצן. און אַממייסטן האָט געווירקט דער אויסגאַנג פונם פּרוב צו שפּילן איבערזעצונגען פון אייראָפּעאישע אָפּערעטקעס, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן כדי זיך אָפּצוטרייסלען פונם אומגעלומפּערטן אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר".

די דערעפענונג פון טעאַטער א׳נ „יידישער ליטעראַריש־קינסטלערישער רעווי־טעאַטער „סמבטיון" אונטער דער לייטונג פון משה קאַרפּינאָוויטש" איז פאָרגעקומען אין יוני 1926 אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער. דאָס ערשטע פּראָגראַם איז געגאַנגען א׳נ „הכל בכל מכל כל, פריילעכער רעווי אין צוויי טיילן, צוזאַמענגעשטעלט און רעזשיסירט פון יצחק נאָזשיק. מאַרשאַלעק (קאָנפעראַנסיע) – לייב שריפטזעצער, מיטן אָנטייל פון מ. טרילינג, מ. גורעוויטש, פראַניאַ ווינמער, מ. שאַפּיראָ, אסתר ליפּאָווסקאַ, ל. יולין, זלאַטקע יאַראָסלאַווסקאַ און אַנעטאַ רייזער".

סוף אויגוסט האָט יצחק נאָזשיק איבערגעחזרט זיין פּרוב אין וואַרשע. דאָ איז די ערשטע פאָרשטעלונג אַנאָנסירט געוואָרן א׳נ „סמבטיון, גראָטעסק אין 2 אַקטן, 12 בילדער מיט אַ פּראָלאָג, צוזאַמענגעשטעלט און רעזשיסירט — יצחק נאָזשיק, מוזיק אַראַנזשירט — שמואל וויינבערג, דעקאָראַציעס — וו. ווײַנטרויב. „סמבטיון"־דעלעגאַט [קאָנפעראַנסיע] — ה. פעניגשטיין".

אין נאָוועמבער 1926 איז אין וואַרשע געגעבן געוואָרן דאָס צווייטע פּראָגראַם און סוף יאַנואַר 1927 – דאָס דריטע פּראָגראַם.

אין 1927 ווערן נאָך געגעבן 2 רעווי־פּראָגראַמען (איינע אין אָקטאָבער א׳נ „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין") און די

טרופּע מאַכט אַ טורנעע איבער די שטעט לאָדזש, ביאַליסטאָק, גראָדנע, קאַליש, ראַדאָם און קעלץ.

אין יאַנואַר 1928 ווערט געגעבן אַ פּראָגראַם א׳נ „וואו נעמט מען אַ חתן ?‟, רעווי אין 2 אַקטן און 10 בילדער פון א. יצחקי‟, און ישראל שטערן ווערט דערביי אַנאָנסירט אַלס ליטעראַרישער לייטער. אין מערץ 1928 ווערט געגעבן אַ רעווי א׳נ „יאָקום-בעמבע‟, אין אַפּריל 1928 — אַ נײַ רעווי-פּראָגראַם א׳נ „נאָך הבדלה‟.

נאָך אַ קורצן טורנעע איבער פּוילן, צעפאַלט זיך די טרופּע און ס׳ווערט אין ווילנע צונויפגעשטעלט אַ נייער אַנסאַמבל א׳נ „אַזאַזעל-סמבטיון, קינסטלערישע לייטונג — י. נאָזשיק און י. סטרוגאַטש, מוזיקאַלישע לייטונג — ש. פּריזאַמענט, דעקאָראַטיווע לייטונג — וו. וויינטרויב. קאָנפעראַנסיע — וו. גאָדיק‟. דאָס ערשטע פּראָגראַם ווערט דאָ געגעבן א׳נ „נאָך הבדלה‟. דאָס צווייטע א׳נ „הקפות‟, דאָס דריטע — אָן אַ ספּעציעלן נאָמען. און דעם 19 אָקטאָבער 1928 ווערט געגעבן דאָס 4-טע פּראָגראַם אַלס אָפּשייד. באַלד דערויף ווערט דידאָזיקע טרופּע ווידער צעפאַלן.

אין אַפּריל 1929 הייבט אָן „סמבטיון‟ ווידער שפּילן אין וואַרשע (טעאַטער „סקאַלאַ‟) אָבער שוין אָן דער פירמע „סמבטיון‟. דאָס ערשטע פּראָגראַם ווערט געשפּילט א׳נ „מיס יידענע‟.

אין אָקטאָבער 1929 ווערט ווידער געגעבן אַ נײַ פּראָגראַם א׳נ „יאָקל דעם רבינס‟ און דערמיט ווערט דאָס רעווי-טעאַטער ליקווידירט.

אין משך פון זיין עקסיסטענץ האָט דאָס טעאַטער אויפגעפירט סקעטשעס, איינאַקטערס, לידער און סצענעס פון: ח. נ. ביאַליק, י. ל. פּרץ, ש. פרוג, דוד פרישמאַן, א. רייזען, י. מ. ווייסענבערג, משה בראָדערזאָן, ז. סעגאַלאָוויטש, משה קולבאַק י. מ. ניימאַן (אַ פויגל), י. טונקל (דער טונקעלער), באָנטשע, מ. קיפּניס, אלחנן ציילין, מ. נאָדעלמאַן, פּסח קאַפּלאַן, מ. געבירטיג, ש. פּריזאַמענט, נחום שטערנהיים, ל. האָכשטיין, דער לוסטיקער פּעסימיסט (י. ש. גאָלדשטיין), י. נאָזשיק (א. יצחקי, סכין), י. מיצמאַכער, י. אָבערושאַנעק, ש. ל. שניידערמאַן און ס. קאָרנטייער.

אין די פּראָגראַמען האָבן אין משך פון דער צייט זיך באַטייליקט: ה. פעניגשטיין, י. נאָזשיק, א. ראָטמאַן, ד. לעדערמאַן, ח. סאַנדלער, יצחק פעלד, אַדאָלף בערמאַן, ס. בראָנעצקי, א. אייזענבערג, א. שטאָקפעדער, ש. פּריזאַמענט, ה. פיינשטיין, מ. הערמאַלין, ה. פישער, ב. שוואַרצשטיין, מ. לעווין, מ. פישמאַן, חנה גראָסבערג, גיזי היידען, ח. לעווין, עוואַ שטאָקפעדער, באַרסקאַ-פישער, ל. שפּילמאַן, מאַניעלאַ, ר. גאַזעל, ח. פערבער (נאָזשיק), מ. ראָטמאַן, מאַניע און צילע ראַפּעל, מ. פּאָטאַשינסקי, אַלאַ ליליט, וו. גאָדיק, זוצאַנאָוויטש, גינאַ גאָלד, הערצלין, מ. גורוויטש.

דאָס טעאַטער איז געווען זייער פּאָפּולער אין פּוילן, באַזונדערס זיינע נומערן, וועלכע פלעגן געזונגען ווערן איבער טויזנטער יידישע שטובן אין פּוילן.

י. נאָזשיק שרייבט וועגן טעאַטער: „מ׳האָט געקאָנט האָבן געוויסע טענות צו איינצלנע נומערן, אָדער אַמאָל צו אַ גאַנצן פּראָגראַם, אָבער מ׳האָט נישט געדאַרפט און נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז בלויז דער אויפטו צו פאַרטרייבן פונם יידישן טעאַטער די אומגעלומפּערטע צפרדעס, איז ווערט געלויבט צו ווערן. אויך דאָס, וואָס ס׳איז געגעבן געוואָרן אַ געלעגנהייט איינעקע ליטעראַטן אויסצופּרובן זייערע זאַכן אויף דער סצענע; אַ קינסטלער-מאָלער צו באַווייזן זיך מיט שיינע דעקאָראַציעס; אַ האַרציק פאָלקס-לידל אויפצופרישן מיט אַ קינסטלערישער אינסצעניזאַציע; אַ מוזיקער און אַ רעזשיסער צו זוכן און געפינען נייע פאָרמען אין די מוזיקאַלישע און סצענישע אויפפירונגען, און איינעקע אַקטיאָרן אַרויסצוברענגען איינעקע פיינע טיפּן און שיינע קרעאַציעס, — דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט מגין זיין פאַר די נישט-געלונגענע מאָמענטן‟.

נ. מ. [מייזיל] — סמבטיון, „ליטבל׳ט‟, וואַרשע, נ׳ 121, 1926.

נ. מייזיל — דאָס צווייטע פּראָגראַם פון „סמבטיון‟, „ליטבל׳ט‟, וואַרשע, נ׳ 133, 1926.

י. קענער — פון אונזער קליין-בינע סמבטיון 2, „אַרבעטער-וועלט‟, וואַרשע, נ׳ 40, 1926.

מ. קיפּניס — דער סמבטיון האָט זיך צעשפּילט..., „היינט‟, וואַרשע, 29 אויג. 1926.

טונקעלער — באַמערקונגען וועגן טעאַטער (סמבטיון), „מאָמענט‟, וואַרשע 31 אויג. 1926.

אַ טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] — דער סמבטיון וואַרפט, „פאָלקסצייטונג‟, וואַרשע, 24 אויג. 1926.

אַ טעאַטראַל — דער „סמבטיון‟ וואַרפט די צווייטע פּראָגראַם, „פאָלקסצייטונג‟, וואַרשע 16 נאָוו. 1926.

[—] — דער צווייטער סמבטיון-פּראָגראַם, „וואַרשעווער עקספּרעס‟, 16 נאָוו 1926.

נ. מייזיל — דאָס דריטע פּראָגראַם פון „סמבטיון‟, „ליטבל׳ט‟, וואַרשע נ׳ 5 1927.

נ. מ. — „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין‟, „ליטבל׳ט‟, וואַרשע, נ׳ 48, 1927.

אלחנן ציילין — „וואו נעמט מען אַ חתן ?‟, „אונזער עקספּרעס‟, וואַרשע, 23 יאַנ 1928.

מ קיפּניס — „וואו נעמט מען אַ חתן ?‟, „היינט‟, וואַרשע, 31 יאַנ. 1928.

יצחק נאָזשיק — סמבטיון, „ליטבל׳ט‟, וואַרשע, נ׳ 6, 1928.

א. שוואַרצער [י. ניסענבוים] — „סמבטיון‟ אין טעאַטער פּאַנ-עאָן, „לובלייער טאָגבלאַט‟, 18 פעבר. 1928.

אלחנן ציילין — „יאָקום-בעמבע‟ אין סקאַלאַ-טעאַטער, „אונזער עקספּרעס‟, וואַרשע, 5 מערץ 1928.

אלחנן ציילין — „נאָך הבדלה‟, „אונזער עקספּרעס‟, וואַרשע, 13 אַפּריל 1928.

בית-שין [ב. שעפנער] — „נאָך הבדלה‟, „נייע פאָלקסצייטונג‟, וואַרשע, 15 אַפּריל 1928.

מ. קיפּניס — נאָך הבדלה, „היינט‟, וואַרשע, 3 מאַי 1928.

דר. משה לוסטיג — „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין‟, „דער מאָרגן‟, לעמבערג, 18 מאַי 1928.

דר. משה ליסטיג — „נאָך הבדלה‟, דאָרט, 28 מאַי 1928.

דר. משה לוסטיג — „גוואַלד, דירה-געלט‟, דאָרט, 1 יוני 1928.

ש. ל. ציטראָן — „אַזאַזעל-סמבטיון‟, „ווילנער טאָג‟, 5 אָקטאָבער 1928.

א. גראַפמאַן — אַ פּאָר ביטערע ווערטער, „מאָמענט‟, וואַרשע 7 אַפּריל 1929.

י. מ. ניימאַן — הומאָר אין אידישען טעאַטער, „היינט‟, וואַרשע 23 אַפּריל 1929.

אלחנן צייטלין — „מיס יודענע" אין „סקאַלאַ-טעאַטער", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 30 אַפּריל 1929.

אלחנן צייטלין — „יאָקל דעם רבינ'ס" אין „סקאַלאַ", „אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 28 אָקט. 1929.

שמשון כהן — רעווי און אָפּערעטע „ווילנער טאָג", 24 מאַי 1933.

סמיטה, דוד

[שמידט]

[געב. בערך 1830 — געשט. 26 יאַנ. 1909]

געבוירן בערך 1830 אין פּלאָצק, פּוילן. בערך 1867 געקומען אין לאָנדאָן און דאָ געוואָרן אַ קצב.

בעת יעקב פּ. אַדלער איז געקומען אין לאָנדאָן, האָט זיך ס. מיט אים נאָנט באַפריינדעט און אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שפּילן אין „היברו דראַמאַטיק קלאָב" אויף פּרינצעס סטריט נומער 3 (לאָנדאָן). פאַר דער פּאָליציי האָט עס געהייסן, אַז מען שפּילט כלומרשט נאָר פאַר די מיטגלידער פון קלוב און דורכדעם איז אויסגעמידן געוואָרן דאָס אַרויסנעמען אַ ספּעציעלע דערלויבניש, וואָס מ'וואָלט אין אַזאַ נישט-פּאַסיקן לאָקאַל נישט באַקומען.

ס. האָט זייער ליב געהאַט יידיש טעאַטער און ער איז באַלד געוואָרן דער אונטערנעמער פון דער טרופּע. אַליין אַן אַנאַלפאַבעט, האָט ער די געשעפטלעכע פירונג פון טעאַטער איבערגעגעבן זיין זון אייבראַהאַם.

דעם 18 יאַנואַר 1887 איז בעת אַ פאָרשטעלונג אין דעם קלוב אויסגעבראָכן אַ מהומה, וואָס האָט דערפירט צו 17 קרבנות און געשטערט אָנצוגיין דאָרט מיט ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען.

ב. גאָרין דערציילט: „אין פּרינצעס קלוב איז שוין איינגעפירט געוואָרן אַ נייע טאַקטיק צו צאָלן די אַקטיאָרן שכירות. און אַזאַ קראַפט ווי אַדלער האָט געקריגן אַן ערך פון דריי פונט און צען שילינג אַ וואָך. דאָס האָט מען גערעכנט פאַר גוואַלדיק גרויסע שכירות. איצט האָט מען שוין געשפּילט די גאַנצע וואָך, אַ חוץ פרייטאָג צו נאַכט און שבת בייטאָג. מען האָט אָפּגעהיט שבת ניט דערפאַר, וואָס דער דירעקטאָר און די אַקטיאָרן זיינען געווען אַזוי פרום, און אויך ניט דערפאַר, וואָס דער יידישער לאָנדאָנער עולם האָט ניט געוואָלט מחלל שבת זיין, נאָר ווייל די פרומע האָבן געהאַט אַ בייטש איבערן קלוב. ווי עס איז שוין פריער געווען ערקלערט, איז דאָס שפּילן אין קלוב ניט צוגעגאַנגען אינגאַנצן כשר, און חוץ דעם איז דער דירעקטאָר געווען אַ קצב און ער האָט געמוזט פירן אַ יידישן שטאַט. ...אַרום דער דאָרטיקער יידישער בינע האָבן זיך גרופּירט די בעסטע קרעפטן פון יענער צייט. עס האָט געשיינט, אַז דער יידישער טעאַטער אין לאָנדאָן וועט ניט נאָר ניט דאַרפן זיך שעמען פאַרן יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, נאָר ער וועט נאָך פאַררייסן דעם קאָפּ קעגן אים. אָבער איידער דאָס איז געשען, האָט געטראָפן אַן אומגליק אין דעם פּרינצעס קלוב בשעת מען האָט דאָרטן געשפּילט. אין מיטן ווינטער [18 יאַנואַר] אין 1887 האָט עמיצער אויסגעשריען „פייער!", און אין דער מהומה זיינען זיבצן מענטשן אומגעקומען. די אַקטיאָרן האָבן נאָכדעם פאַרלוירן דעם מוט און האָבן געזוכט צו אַנטלויפן וואָס גיכער פון לאָנדאָן".

אַ געטריע באַשרייבונג פון דער קאַטאַסטראָפע געפינט זיך אין לאָנדאָנער „דיא צוקונפט" פון 21 און 28 יאַנואַר 1887.

אַ קורצע צייט נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָט מען ווידער גענומען שפּילן אין דעם זעלבן קלוב, אָבער דער באַזוך איז געווען אַ שוואַכער און די אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע.

ס. איז דעם 26 יאַנואַר 1909 געשטאָרבן אין פּלעשוט, לאָנדאָן.

מ. ע. פון זיין פאַמיליע, יעקב קאַצמאַן, דיינע פיינמאַן, פּראָפ. פּ. שטויב.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 48-50.

נ. ברלין [די קאַטאַסטראָפע אין טעאַטער] — „די צוקונפט", לאָנדאָן, 21, 28 יאַנ. 1887.

יעקב פּ. אַדלער — „מיין לעבן", „די נייע וואַרהייט", נ. י., 9 מאַי 1925.

סניעגאָוו, אסתר

[זע ארזשעווסקאַ אסתר

„לעקס. ייד. טעאַט.", I, ז. 92.]

סניעגאָוו, לעאָניד

[יהודה-לייב גאָלדשטיין]



געבוירן 7 מאַי 1883 אין כערסאָן, אוקראַאינע. פאָטער — אַן אַרכיטעקט, גרינדער פון דער סינאַגאָגע „יבנה" און אַ מיטגליד פון דעם קרייז דר. אווינאָוויצקי, לעווינסקי און שיינקין.

ס. האָט קוים אייניקע טעג געלערנט אין אַ חדר און ערשט שפּעטער, שוין זייענדיק אין גימנאַזיע, האָט ער געלערנט ביי אַ העברעאישן לערער.

אַלס 16-יאָריקער גימנאַזיסט שפּילט ער ביי אַ שול-פאָרשטעלונג מיט אַזאַ דערפאָלג „טשאַצקי" אין אָסטראָווסקיס „גאָרע אָט אומא", אַז אויף דער עצה פון גימנאַזיע-דירעקטאָר טרעט ער אַריין אין דער דראַמאַטישער שול פון איוואַן מיכיילאָוויטש שובאַלאָוו, וואו ער לערנט 2 יאָר און הויבט אָן דערנאָך שפּילן אין אָדעסער שטאָטישן „נאַציאָנאַל-הויז". שפּעטער שפּילט ער ליבהאָבער-ראָלן ביי קיענסקי אין סובאָרינס טעאַטער אין פּעטערבורג.

אין 1903 טרעט אַריין ס אין נאַטורוויסנשאַפטלעכן, דערנאָך אין יורידישן פאַקולטעט פון נאָוואָראָסיסקער אוניווערזיטעט, אָבער ווען ער באַטייליקט זיך, אַלס מיטגליד פון דער ס. ד.-פּאַרטיי, אין די סטודענטישע אומרוען, ווערט ער אויסגעוויזן פון אוניווערזיטעט און קאָן מער נישט פאָרטזעצן זיין סטודיום. ס. לערנט דאַמאָלט 6 חדשים אין מאַרגאָלינס דענטיסטישער שול, אָבער באַלד נאָכן פּאַטערס טויט טרעט ער אַריין אַלס ערשטער ליבהאָבער אין

באַריסאָוס רוסישער טרופּע אין איזמאַאיל. אין 1905 קומט אָן ס. אַלס צווייטער ליבהאָבער אין קריליאָווס טרופּע אין ראָסטאָוו, וואו ער שפּילט צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן יורעניעוואַ, פּאַסכאַלאָוואַ, מיכאַאילאָוו און דווינסקי, אָבער צוליב זיין באַטייליקן זיך אין יידישן זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען, מוז ער אַוועק פון דער טרופּע.

נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אין ניקאָלאַיעוו, דערנאָך אין באַקו, קיעוו און מאָסקווע, גאַסטראָלירט ס. מיט סאַווינאַ איבער רוסלאַנד, ווערט שפּעטער דירעקטאָר אין סטאַווראָפּאָל, שפּילט דערנאָך אין ראָסטאָוו, אירקוטסק, ווילנע, אָרענבורג, סימבירסק, יעקאַטערינבורג, וואָראָנעזש אָדעס, ראָסטאָוו, יעקאַטערינאָגראַד, יאַראָסלאַוול, מאָסקווע (2 יאָר אונטער טיכאָמיראָווס רעזשי אין יונגען קינסטלערישן טעאַטער), שפּעטער אין קיעוו, מינסק און מיט אַ טייל פון דער טרופּע אין ווילנע און ביאַליסטאָק דאָ ווערט ער פאַרבעטן פון דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע צו רעזשיסירן ביי זיי און שפּילן אויף י י ד י ש.

אַזוי טרעט אויף ס. צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתּר אָרזשעוווסקאַיאַ אין 1919 אין וואַרשע אין סטרינדבערגס „פאָטער" אויף יידיש, פירט אויף דערנאָך (צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע) טשעכאָווס „אָנקעל וואַניאַ" און סורגוטשאָווס „האַרבסט-פידלען", מאַכט שפּעטער אַ טורנע איבער פּוילן און ליטע און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט 1922-3 אין יידישן קונסט-טעאַטער און פירט אויף דעם 1 מאַי 1922 טשעכאָווס „אָנקעל וואַניאַ" און אַ דראַמאַטיזאַציע פון אַ. דרעוווס „זיבן געהאַנגענע". שפּעטער שפּילט ס. מיט קליינע טרופּעס (יידיש אָדער רוסיש) איבער דער פּראָווינץ אַרום ניו-יאָרק און פילאַדעלפיע און ווערט פאַר 1926-7 אַנגאַזשירט אין אירווינג-פּלייס-קונסט-טעאַטער (מיט בן-עמי), וואו ער איז אַ מיטגליד אין רעזשי-קאָלעגיום און פירט אויף אַ דראַמאַטיזאַציע פון דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט".

1928 — האָט ס. באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער האָט דערוואָרבן די פאַרטרעטערשאַפט אין אַמעריקע פאַר אייניקע רוסישע פּיעסעס און אויפפירונגען.

1929 — האָט ס. געשפּילט אַ קורצע צייט אויף דער ענגליש-אַמעריקאַנער בינע, 1930-31 — אין יידישן קונסט-טעאַטער און ווינטער 1931 אין „אַנסאַמבל קונסט-טעאַטער", וואו ער רעזשיסירט (צוזאַמען מיט יעקב מעסטעל) וו. איוואַנאָווס „דער געפּאַנצערטער צוג."

מ. ע.

ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

הלל ראָגאָף — טשעכאָווס מייסטערווערק „אָנקל וואַניאַ" צום ערשטן מאָהל אויף דער אידישער ביהנע, „פאָרווערטס", נ. י., 3 מאַי 1922.

סייגאַל, באָריס

געבוירן 15 פעברואַר 1885 אין באַטאַשאַן, רומעניע. פאָטער — אלקנה קלעזמער. שוין אַלס קינד פון 11 יאָר אַרומגעפאָרן איף חתונות. אין עלטער פון 14-15 יאָר געוואָרן קאַפּעלמייסטער אין וואַריעטע (שפּאַצער, קאַנער, זיגלער א. א.) און מיט זיי אַרומגעפאָרן אייניקע יאָר, דערנאָך געוואָרן דיריגענט אין דער וואַריעטע-טער פון גליקמאַן ביז 1904, ווען ער גייט איבער אַלס דיריגענט אין לעגיטימען טעאַטער.

אַלס מיטדירעקטאָר פון דער טרופּע סעגאַל-גליקמאַן-עטינגער געשריבן מוזיק צו אַ סך אויפגעפירטע לעבנסבילדער און אָפּערעטעס, דערונטער צו די אָפּערעטעס „האָפּ-סאַ-סאַ" און „די פריילעכע לאָזשע".

זיין פרוי, בעטי, שפּילט אויף דער יידישער בינע אין רומעניע

מ. ע.

סעגאַל, בעטי

[גליקמאַן]

געבוירן אָקטאָבער 1887 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן יעקב און עטל גליקמאַן. געשפּילט קינדער-ראָלן און אין עלטער פון 13 יאָר איבערגעגאַנגען אויף ראָלן פון דערוואַקסענע אין דער טרופּע פון סעגאַלעסקאַ. נאָכן שפּילן 10 יאָר אַלס אָפּערעטעס-פּרימאַדאָנע איבערגעגאַנגען אין 1918 אין קיעוו צו סובּרעטין-ראָלן.

1920 — געקומען אין פּוילן און דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין רומעניע, וואו זי שפּילט אין דער טרופּע, וואָס איר מאַן, באָריס סעגאַל, פירט מיט שותּפים.

מ. ע.

סעגאַל, חוה

געבוירן 1896 אין צפת, ארץ-ישראל.

1922 — פאַרלאָזט דאָס לאַנד און אָפּגעשטעלנדיק זיך אין אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן) געזען צום ערשטן מאָל אַ יידישע פאָרשטעלונג („כינקע און פינקע"). באַלד דערויף אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע, וואו אין 1926 באַזעצט זי זיך אין מעלבורן און ווערט דורך פינקעלשטיינען צוגעצויגן צום קרייז, וועלכער גיט יידישע פאָרשטעלונגען. דאָ דעביוטירט זי אַלס „נאַטאַשאַ" אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ", דערנאָך שפּילט זי מיט אין גאָרדינס „קעניג ליר" („חנה-לאה"), אין גאָלדפאַדענס „אחשורוש" („זרש"), אין סקריבס „זשידאָווקאַ" („די יידין") א. א. שפּעטער, א"ר פון יעקב סטראַנעק, אויפגעטראָטן אַלס „עלווירא" אין שאַרקאַנסקיס „כל נדרי".

1927 — איז דער אַקטיאָר יעקב גינטער געקומען אין אויסטראַליע און אָרגאַניזירט אַ טרופּע, אין וועלכער ס. האָט 3 יאָר כסדר געשפּילט צווישן אַנדערע ראָלן „אסתּרקע" אין גאָרדינס „די שחיטה" און „מירא" אין בערקאָוויטשעס „פון יענער וועלט".

ש. ע.

סעגאַלאָוויטש, זוסמאַן

געבוירן 26 פעברואַר 1884 אין ביאַליסטאָק, פוילן. פאָטער — אַ מיטעלער סוחר, האָט אים דערצויגן אין פּריוואַטע שולן און אויך געלאָזט לערנען אין דער היים. שפּעטער האָט ס. געדינט אויף פאַרשיידענע שטעלעס, געווען אויך אַן אַרבעטער אין אַ קאַכל־פאַבריק.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ס. אָנגעהויבן אין 1903 אין רוסיש אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג „Западная Окраина“ אין יולי 1904 האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד אין יידיש אין „דער פריינד“. צו יענער צייט צוגעשטאַנען צום „בונד“. חדשים־לאַנג געזעסן אין תּפיסות און נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, צוזאַמען מיט די עלטערן, אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש, וואו ער הויבט אָן אָפטער פאַרעפנטלעכן לידער אין דער יידישער פּעריאָדישער פּרעסע. זיין ערשטער באַנד לידער „שטילע טרוימען“ איז דערשינען אין 1909. שפּעטער האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען און איז זינט דער מלחמה געוואָרן אין פוילן איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע שריפטשטעלער. אין פּ״ג „בזשאָזאַ“ (וואַרשא) זיינען ביז איצט דערשינען ס.׳ס 18 בענדער.

א׳פּ „אַלעקסאַנדער יאַוויץ“ פאַרעפנטלעכט ס. פון צייט צו צייט אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

אין 1915 האָט ער אין דער „יידישע וועלט“ (ווילנע, III) פאַרעפנטלעכט (צוליב מיליטער־צענזור אין אַ געקירצטער פאָרם) זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „די וואַנט“, וועלכע איז אין 1918 דערשינען אין פולן טעקסט אין מאָסקווע און אין 1920 אין פּ״ג א. גיטלין (וואַרשע, 32 ז. 16⁰), און איז דעם 14 אַפּריל 1921 פאָרגעלייענט געוואָרן (אין פּראַק) דורך די מיטגלידער פון דער „ווילנער טרופּע“ אין וואַרשע און שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך פערשיידענע „ליבהאָבער“־גרופּעס (אָקטאָבער 1923 דורך דער דראַמאַטישער סטודיע ביי דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט אין ווילנע).

אין 1921 איז אין פּ״ג „די צייט“ (וואַרשע) דערשינען ס.׳ס איבערזעצונג פון גאָגאָלס קאָמעדיע „דער רעוויזאָר“, וואָס איז קורץ דערויף געשפּילט געוואָרן אין וואַרשעווער „צענטראַל“־טעאַטער און דערנאָך אין יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

ס.׳ס ראָמאַן „אונזער פרוי“ איז אויך, אָן הסכמה פון מחבר, דראַמאַטיזירט געוואָרן דורך יעקב וואַקסמאַן.

ס. איז געווען פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

ז. רייזען — „לעקס. יד. ליט.“, II זז. 667־673.

א. ליטוואַק — דראַמאַטישע ווערק, „ביכער־וועלט“, וואַרשע, נ׳ 2, 1922.

ז. סעגאַלאָוויטש — אַן ערקלערונג וועגן „רעוויזאָר“, „טעאַטער און קונסט“, לאָדזש, נ׳ 4, 1922.

ז. ר. [רייזען] — דער ווינקלשטיין איז געלייגט, „טאָג“, ווילנע, 4 אָקט. 1923.

סעגאַלאָוויטש, נחום

[געב. ...18 — געשט. בערך 1916]

זאָל שטאַמען פון קיעוו, אוקראַאינע. האָט געשפּילט אין לאָנדאָן איניקע יאָר מיט יעקב פּ. אַדלער.

מערץ 1885 איז ס. אויפגעטראָטן אַלס „דע סילוואַ“ אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“ אין רוסיש־יידישן אַרבעטער־קלוב („אוריאל“ — אַדלער).

דערנאָך איז ער געוואָרן אַ קאָמיוואָיאַזשאָר פאַר דער סיגאַרעטן־פירמע „מיוראַטי“, שפּעטער אַליין געעפנט אַ סיגאַרעטן־פאַבריק.

בערך 1916 איז ס. געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער.

מ. ע. פון בערנאַרד פישמאַן.

סעגאַלאָוויטש, קלאַראַ

[באָראָדינאָ]

געבוירן 1896 אין קיעוו, אוקראַאינע. פאָטער – אַ דאָקטאָר, מוטער — אַן אַקושערקע. געענדיקט גימנאַזיע אין טאַשקענט און באַזוכט פּעדאַגאָגישע קורסן.

אין 1913 זיך באַזעצט מיט דער מוטער און אַ שוועסטער אין טאָמאַשאָוו (פּוילן), וואו זי באַטייליקט זיך אין די פאָרשטעלונגען פון דראַמאַטישן קרייז ביים דאָרטיקן „הזמיר“.

1922 — געקומען אין וואַרשע, וואו זי ווערט באַלד אָנגענומען אין „צענטראַל“־טעאַטער און טרעט דאָרט אַרויס אין די הויפּט־פרויען־ראָלן פון אַשס „מאָטקע גנב („מערי“), גאָגאָלס „רעוויזאָר“, אָפּאַטאָשוס „הייס בלוט“ א. א.

אין וואַרשע האָט זי חתונה מיטן שריפטשטעלער ז. סעגאַלאָוויטש, וועמענס פאַמיליע־נאָמען זי באַנוצט אַלס בינע־נאָמען אויך נאָכדעם ווי זי ווערט די פרוי פון שול־טוער און זשורנאַליסט ש. מענדעלסאָן.

נאָכן פונאַנדערפאַלן פון „צענטראַל“־טעאַטער, טרעט ס. אַריין אין אַנדערע דראַמאַטישע טרופּעס און שפּילנדיק מיט מאַרעווסקין קרעאַירט זי די ראָל „נחמהלע“ אין קאַציזנעס „דוכּוס“.

1928 — שפּילט זי אַ האַלבן סעזאָן אין ריגער יידישן מעוטים־טעאַטער (אָנפירונג — אל. שטיין) און זינט 1929 פאָרט זי אַרום $1^1/_2$ יאָר מיט שטייןס „ווילנער טרופּע“ איבער רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע.

1930־31 — געשפּילט אין „וונ״ט“ אין וואַרשע (ראָל „אסתר“ אין בערגעלסאָנס „דער טויבער“), שפּעטער מיט באַראַטאָוון, מנחם רובין און לידיאַ פּאָטאָצקאַ אין נאָוואָשטשי־טעאַטער („מאַרוסיאַ“ אין באַבעלס „בעני קעניג“ און „ליבעלע“ אין גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל“).

1932 — אין וואַרשעווער „עליזעאום“־טעאַטער (אָנפירונג — ד״ר מ. וויכערט), וואו זי שפּילט די ראָלן „קלאַראַ“ אין אַשס „רעווערענד זילבער“, „ראָזאַ“ אין גאָטעספעלדס „פּרנסה“ און „יעטאַ“ אין לייוויקס „די אָרעמע מלוכה“ („בעטלער“), דערנאָך פאָרט זי מיט דער זעלבער טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ און פאַרענדיקט דעם סעזאָן מיט בערטאַ גערסטין אין לאָדזש.

מ. ע.

סעגאַלעסקאָ, אַלבערט

געבוירן 19 דעצעמבער (א. ס.) 1889 אין וואַסלוי, רומעניע. עלטערן – די אַקטיאָרן מרדכי און אַמאַליע סעגאַלעסקאָ. באַלד נאָך זיין געבורט באַזעצן זיך זיינע עלטערן אין בוקאַרעסט, וואו זיין פאָטער פירט אין קאַפע־הויז לאַזאַר אַ טעאַטער־טרופּע בשותפות מיט לייזער צוקערמאַן.

10 יאָר אַלט אַריינגעטראָטן אין קאָנסערוואַטאָריע אין בוקאַרעסט און גלייכצייטיק אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין דער אָרטיקער זשיגניצא א׳ר פון זיין פאָטער (דיר.-מ. ליבליך און איציקל גאָלדענבערג) און אַרויסטרעטן אין כאָר אַלס אַלט.

מיט 13 יאָר געוואָרן דיריגענט. 1906–געענדיקט, מיט אַ צווייטער פּרעמיע, די קאָנסערוואַטאָריע אויף דעקלאַמאַציע און מוזיק, גלייכצייטיק געענדיקט האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט ביים פּראָפ. קאָסטאַלדי, אָבער נישט־קוקנדיק אויף זיין מוזיקאַלישער בילדונג, ציט אים מער צו דער בינע, און בעת איציקל גאָלדענבערג פאָרט אָפּ אין 1908 קיין אַמעריקע, הייבט ער אָן שפּילן ראָלן פון דערוואַקסענע ביז 1913, שפּילנדיק אין בוקאַרעסט און אויף דער רומענישער פּראָווינץ און גאַסטראָלירט אין טשערנאָוויץ (דיר.־ אַקסעלראָד), ווין (האָטעל סטעפאַני, דיר. — מ. זיגלער) און בודאַפּעסט (קריסטאַל פּאַלאַס, דיר. — ווערטהיימער).

1913 — צוגענומען געוואָרן צום מיליטער און זיך באַטייליקט אין דער וועלט־מלחמה אויפן רומענישן פראָנט קעגן בולגאַריע. צוריקגעקומען אין רומעניע, האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיין טעאַטער־טעטיקייט צוזאַמען מיט לעאָפּאָלד און סאַראַ קאַנער א.א.

1916 – אַרעסטירט צוליב מיליטער־סיבות, אָפּגעזעסן 6 חדשים אין דער טורמע גאַלאַטאַ און דערנאָך אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן מיליטער־פראָנט, וואו ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, דערנאָך ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט, פון וואו ער דעזערטירט און קומט אין יאַסי, וואו ער טרעט אַריין אין נאַציאָנאַל־טעאַטער אַלס צווייטער אָפּערע־דיריגענט. דאָ שרייבט ער אויך אָן אַן אוווערטורע צו אַ רעווי, וועלכע איז דאָרט פיל מאָל געשפּילט געוואָרן. נישט זייענדיק אָבער זיכער צוליב זיין דעזערטירן און הערנדיק וועגן דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אַנטלויפט ער צוזאַמען מיט זיין חבר, דער אַקטיאָר אַדאָלף סעגאַל, אין 1917 קיין אָדעס, וואו ער ווערט באַלד צוגענומען אַלס מיטגליד אין אַ יידישער טרופּע. 1919–אַריינגעטראָטן אין אָרטיקן יידישן מלוכה־טעאַטער א׳ר פון בערטאַנאָוו, דערנאָך אין טעאַטער „קאָמעטאַ“ און צוריק אין יידישן מלוכה־טעאַטער און שפּעטער געוואַנדערט מיט יידישע טרופּעס איבער אוקראַאינע. 1925 — געפייערט אין אָדעס זיין 25־טן בינע־יובילײ, דערנאָך געשפּילט אַ סעזאָן אין לענינגראַד און ווידער אין אוקראַינע.

1918 — זיך באַטייליקט אין אָדעס אין פילם „די יידן אין רומעניע“.

ס.׳ס טאָכטער, ראָכעלע פּאַסקעוויטש, שפּילט אין אַלאוקראַאינישן יידישן מלוכה־טעאַטער אין כאַרקאָוו. זיין צווייטע פרוי איז די אַקטריסע ראָזאַ ברין, די געוועזענע פרוי פון מאַקס ברין.

ש. ע.

ש. ע. פון מארק לייפּציקער.

סעגאַלעסקאָ, אַמאַליע (מלכה)

[געב. ...18 — געשט. ...19]

פרוי פון מרדכי סעגאַלעסקאָ, זאָל האָבן געשפּילט נאָך אין גאָלדפאַדענס טרופּעס און פלעגט אויפטרעטן אַלס „בר כוכבא“, אָדער אין מענער־אינטריגאַנטן־ראָלן. ס. האָט יאָרן לאַנג צוזאַמען מיט איר מאַן געפירט אַ יידישע טרופּע אין רומעניע, אין וועלכער זי פלעגט אויך שפּילן.

בערטאַ קאַליש כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „זי איז געווען איבער 6 פוס הויך און שטענדיק געטראָגן אַ בלוי פאַרטוך. אירע האָר האָט זי געטראָגן פאַרקאַמט אויפן פויערישן אופן. אַ „שנעל“ קוגעלע פון אונטן און מיט אַ באַריש פון פאָרנט. ווען מ׳האָט זי אָנגעקוקט, האָט זי גערויכערט אָדער אַ לולקע אָדער אַ „לעדערנעם“ סיגאַר, אַמאָל אין אַ נאָווינע אויך סיגאַרעטלעך. מענער זיינען רויט געוואָרן פאַר בושה, ווען מאַדאַם סעגאַלעסקאָ האָט געעפנט איר מויל. אַזעלכע גראָבע, וואולגאַרע רייד האָבן אַפילו מענער צווישן זיך קיינמאָל נישט גערעדט. זי פלעגט גיין מיט ברייטע שריט, און ווייל זי האָט שטענדיק געהאַלטן פאַרקאַטשעט די אַרבל, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט גייט זי עמעצן שלאָגן. און טראָץ אָט די אייגנשאַפטן איז מאַדאַם סעגאַלעסקאָ געווען אַ וואונדערבאַרער מענטש. זי פלעגט אַרויסהעלפן אָרימע לייט מיט איר לעצטן גראָשן און ווען זי האָט עמעצן ליב באַקומען, איז זי יענעם געוואָרן געטריי ווי אַ הונט. זי איז געווען דער „פּאָליציימאַן“ פון דער געזעלשאַפט. האָט זיך עמעצער געטשעפּעט צו אַן אַקטריסע אָדער כאָריסטקע, איז מאַדאַם סעגאַלעסקאָ געווען אויף דעם פּלאַץ און אָפּגעהיט דעם כבוד פון דער טרופּע. זי איז געווען דער שלום־מאַכער צווישן מאַן און פרוי, און קוים האָט זי באַמערקט, אַז צוויי מענטשן האָבן זיך ליב, האָט זי זיי דערנענטערט און פאַרבונדן. קיין גוואַלדיקער טאַלאַנט איז זי קיינמאָל נישט געווען“.

אירע קינדער: חיים־מאיר, אַלבערט און ערנעסטינע, זיינען אַקטיאָרן.

מ. ע. פון יעקב קאַליך.

בערטא קאַליש [מעמוארן] — „טאָג“, נ. י., 6 יוני 1925.

סעגאַלעסקאָ, חיים־מאיר

[געב. ...189 — געשט. 1922]

געבוירן ...189 אין רומעניע. עלטערן– די אַקטיאָרן מרדכי און אַמאַליע סעגאַלעסקאָ.

ס. האָט געלערנט 2 יאָר אין אַ קאָנסערוואַטאָריע און שוין אין די גאָר יונגע יאָרן געשפּילט טעאַטער, קאָמפּאָנירט מוזיק, דיריגירט און אַליין מיטגעשפּילט (וויאָלין, פּיאַנאָ און טשעלאָ) אין אָרקעסטער פון זיין פאָטערס טרופּע.

נאָכן פאָטערס טויט האָט ס. געעפנט דאָס טעאַטער „דאַטשיאַ“ אין בוקאַרעסט און צו די שלושים פון זיין פאָטער אויפגעטראָטן אין אַן אַקט פון „ישיבה־בחור“ (רירנדיק דאָס פּובליקום באַזונדערס מיט זיין זינגען דעם „קדיש“) און אַלס „יאָנטעל שנאָרער“ אין אַן אַקט פון גאָלדפאַדענס „משיחס צייטן“

אימיטירנדיק אײנדרוקספול זײן פאָטער אין דער זעלבער ראָל.

אין זעלבן סעזאָן האָט ס., צוליב פאַמיליע-סיבות, אויף אַ קור-צער צייט זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער.

אין זומער 1922 איז ס. אַנגאַזשירט געוואָרן קיין אַמעריקע. פאָרנדיק דורך פוילן, האָט ער גאַסטראָלירט מיט אַן אויסערגע-וויינלעכן דערפאָלג אין ראָוונע, אָבער נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך פאַרקילט און איז דאָרט נאָך אייניקע וואָכן געשטאָרבן.

ס. איז געווען זייער שיין, האָט געהאַט אַ שיינע לירישע טענאָר-שטימע, פיל טעמפּעראַמענט און איז געווען אויסערגעוויינ-לעך מוזיקאַליש. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די „היסטאָרישע" העלדן-ראָלן, אָבער עס האָט אים געצויגן צו שפּילן „ראָמעאָ און יוליע", „הוגענאָטן" און ענלעכע פּיעסעס, וועלכע ער האָט גע-האַלטן אַלס פּאַסיקן רעפּערטואַר פאַר זיך.

ש. ע. פון אָסקאַר אָסטראָף און חיים טויבער און מ. ע. פון איציק גאָלדענבערג.

סעגאַלעסקאָ, מרדכי

[סעגאַל]

[געב. ..186 — געשט. יאַנ. 1920]

געבוירן ...186 אין יאַסי, רומעניע. פאָ-טער — אַ שניידער, וועלכער ווערט בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה אַ הוזירער און נעמט מיט זיין זון צו העלפן טראָגן די פּעקלעך. אָבער ס. האָט נישט קיין חשק צו דעם פאַך און זיין פאָטער גיט אים אַריין אין אַ קרעטשמע אַלס משרת. באַזיצנדיק אַ שטים, קלייבט ס. צונויף אַ יאָר שפּעטער יינגלעך און אָרדנט מיט זיי איין „קאָנ-צערטן", פון וועלכע ער הויבט אָן נאָך אַ קורצער צייט צו ציען פּרנסה. די „קאָנצערטן" ווערן שפּעטער אויסגעברייטערט אויף טעאַטער-פאָרשטעלונגען איבער דער פּראָ-ווינץ, אין וועלכע ס'באַטייליקן זיך אויך די שפּעטערדיקע אַק-טיאָרן יחיאל בערקאָוויטש, ראָזאַ אַקסעלראַד און מאיר-וואָלף שוואַרץ.

אין 1881-2 שפּילט הורוויץ אין יאַסי מיט דערדאָזיקער טרופּע און נאָך אייניקע שוישפּילער (אַבאַ שיינגאָלד אַלס „יאָזעף שאַרף", איציק גאָלדענבורג אַלס „מאָריס שאַרף" און דער מחבר אַלס „דר. עדוויש") זיין צייט-פּיעסע „טיסא עסלער" און דערנאָך זיין איבערזעצונג פון ראַסינס „עתליהו", אין וועלכער ס. צייכנט זיך אויס אַלס דער „פאַלשער פּריסטער מאַטאַן".

זינט דאַמאָלט ווערט ס. שוין פאַררעכנט אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און פאָרט אַרום איבער דער גרעסערער פּראָווינץ. נאָכן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, ווען מאָגולעסקאָ, פיינמאַן או קעסלער הייבן אָן שפּילן איבער דער פּראָווינץ, מוז ס. זיך באַגנוגענען מיט די קלענסטע רומענישע שטעטלעך, און ערשט ווען דידאָזיקע אַקטיאָרן פאָרן קיין אַמעריקע, ווערט ס. דער פּאַקטישער בעל-הבית איבערן יידישן טעאַטער אין רומעניע. פון 1886 ביז בערך 1919 האָט ס., פריער מיט צוקערמאַנען און דער-נאָך צוזאַמען מיט זיין פרוי אַמאַליע, געפירט יידישע טרופּעס אין רומעניע.

אין משך פון דערדאָזיקער צייט איז ס. — לויט ה. פיינשטיין — אויך געווען אין וואַרשע מיט אַן אונגאַרישער קאַפּעלע, אין וועל-כער ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט זיין טאָכטער.

ס. פלעגט פון צייט צו צייט זיך באַשעפטיקן מיט חזנות, מיט וואָס ער פלעגט זיך באַזונדערס אָפּגעבן צום סוף פון די ניינצי-קער יאָרן.

לויט יצחק ליבּרעסקאָ האָט ס. בכיוון זיך גערופן סעגאַלעסקאָ (אָנשטאָט סעגאַל), כדי צו אידענטיפיצירן זיך מיט מאָגולעסקאָן, וועלכן ער פלעגט קאָפּירן.

בערטאַ קאַליש כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ער איז געווען אַ סטאַר פון יענע סטאַרס, וואָס מאַכן מער דערפאָלג מיט זייער „שטעל" ווי מיט זייער טאַלאַנט. אַ מאָדנעם אויסזען האָט ער גע-האַט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ, אָבער דערפאַר גאָר קיין האַלדז ניט. צוליב מאַנגל אין האַלדז, האָט ער נעבעך ניט גע-האַט אויף וואָס צו טראָגן אַ קראַגן און דערפאַר איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויפגעבלאָזיט העמד. ער איז געווען פעט און האָט שווער געאָטעמט, שטענדיק הייזעריק און מיט אַ גרויסן בריטן געלעכטער. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען, נאָר האָט זיך געקייקלט. ער האָט קיינמאָל ניט געטראָגן אַנדערע שיך, אַ חוץ ווייכע, לייכטע שטעק-שיך. אין בוקאַרעסט האָט מען אים ליב גע-האַט. ער איז געווען דאָס, וואָס מ'רופט אַ „בייגעל-קאָמיקער". ער פלעגט מאַכן לאַכן אָדער וויינען, און ספּעציעל האָט ער אויס-געצויגן מיט זיינע רומענישע „דאָינעס", וועלכע ער האָט געזונ-גען ניט קיין קינסטלער ווי צוקערמאַן, אָבער אַן ערפאָלגרייכער שוישפּילער איז ער געווען. דאָס טעאַטער אין בוקאַרעסט וואָלט שוין דאַמאָלט געהאַט אַ שטיקל באַדייטונג, ווען ניט די צוויי הויפּט-שוישפּילער, צוקערמאַן און סעגאַלעסקאָ, וואָס האָבן זיך צופיל אַריינגעלאָזט אין טרינקען. אַלס חזן איז ער געווען גרעסער ווי אַלס אַקטיאָר. אַלע האָבן אים באַוואונדערט און ער איז ווערט געווען די באַוואונדערונג".

1919-20 — האָט ס. געשפּילט אין זיין זונס (חיים-מאירס) טרופּע און אין שטעטל טורגו-נעאַמץ איז ער קראַנק געוואָרן און איז אין יאַנואַר 1920 געשטאָרבן אין בוקאַרעסט.

ס. ס קינדער: חיים-מאיר און אַלבערט זיינען יידישע אַקטיאָרן, ערנעסטינע — אין רומענישן וואַריעטע.

מ. ע. פון איציק גאָלדענבערג, יצחק ליבּרעסקאָ, ה. פיינשטיין, א. אָסטראָף און יעפים זלאַטאָגאָראָוו.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 148, 146.

בערטאַ קאַליש [מעמואַרן] — „דער טאָג", נ. י., 6 יוני, 11 יולי 1925.

סעווילאַ

[בת-שבע זיגלער, פּאַסטאָר]

געבוירן 25 יאַנואַר 1906 אין יאַסי, רומעניע. עלטערן — די אַקטיאָרן מאָריץ און ראָזאַ זיגלער. געענדיקט אַ 8-קלאַסיקע פּאָלקס-שול אין ווין און פּריוואַט געלערנט ביי יעקב מעסטעל.

1920 — צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין איר עלטערנס טרופּע אין כאָר אין טשערנאָוויץ. 3 חדשים שפּעטער דעביוטירט אַלס „יצחק" אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק". נאָך 2 יאָר אין כאָר, שפּילנדיק גלייכצייטיק עפּיזאָדן-ראָלן, איז זי אַריבער צו שפּילן גרעסערע ראָלן, דעביוטירנדיק אַלס „ציפּקע פייער".

זינט דאַמאָלט איז ס. פאַרבליבן די הויפּט-סובּרעטין אין דער זיגלער-טרופּע, אין וועלכער זי שפּילט ביז איצט, צוזאַמען מיט איר מאַן, מ. פּאַסטאָר.

מ. ע.

סעיגער, מעקס (מרדכי)

געבוירן 10 אויגוסט 1893 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַ שניידער. באַזוכט פּאַבליק-סקול און אַ קורצע צייט געלערנט אין חדר. זינט 1906 געווען באַשעפטיקט אין דער טעאַטער-אַגענטור פון עד. רעלקין.

אין 1915 געוואָרן אַסיסטענט-מענעדזשער אין פּיפּלס-טעאַטער אין ניו-יאָרק (א'ד פון עדעלשטיין און בעסי טאָמאַשעווסקי), 1917-18 — געדינט אַלס מאַטראָז אין קריגס-פלאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, 1919-26 — געווען קאַסירער און צווייטער מענעדזשער אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו טעאַטער (דיר. — י. עדעלשטיין).

1926-30 — געווען אַ שותּף מיט קאַליך, פּיקאָן, רומשינסקי, פּאַסטערנאַק און פאַרנעס אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער, 1930-31 — מיט די זעלבע שותּפים אין פּאָלקס-טעאַטער, 1931-32 — פאַרוואַלטער אין ענגליש טעאַטער אויף בראָדוויי און 1932-33 — מענעדזשער אין ראָלאַנד-טעאַטער, ברוקלין.

ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

סענדיק, איסר

געבוירן בערך 1871 אין וואַרשע, פּוילן. איידעם פון בונעם בדחן. געווען אַ פּאָלקס-זינגער און אין 1892 זיך באַטייליקט אין וואַרשע אַלס „ישכר" אין דער אויפפירונג פון „יוסף מיט זיינע ברידער".

אַלס חבר פון אברהם-יצחק קאַמינסקי דורך אים אַריינגענומען געוואָרן אין 1893 אין זיין טרופּע, וואו ס. דעביוטירט שבועות 1893 אין שטעטל זאַקראָטשים. נאָכן שפּילן אַ קורצע צייט אויף דער בינע צוריק געוואָרן אַ פּאָלקס-זינגער.

אויף דער עלטער אָנגעהויבן אַרויסטרעטן, צוזאַמען מיט שלמה לינדענפעלד, אויף חתונות און בריתן אין וואַרשע.

מ. ע. פון עמנואל טשיזשיק און ש. לינדענפעלד.

אסתר רחל קאַמינסקי [זכרונות] — „דער מאָמענט", וואַרשע, 8 סעפּט. 5 נאָוו. 1926.

סענדלער, יעקב-קאָפּל

[געב. ...186 — געשט. מערץ 1931]

געבוירן ...186 אין ביעלאָצערקאָוו, קיעווער גוב., אוקראַאינע. אין זיין פריסטער יוגנט אָנגעהויבן זינגען ביים שטאָט-חזן אין גרויסן בית-המדרש, ר' מאָטל מינקאָווסקי (פאָטער פון פיניע). נאָך פיניעס אָפּפאָרן געבליבן דער איינציקער סאָליסט און נאָטן-לייענער אין כאָר. שפּעטער געוואָרן דיריגענט ביים חזן שמואל פּאָלישוק. חתונה געהאַט און מיטן נדן געוואָרן אַ סוחר. אַ קורצע צייט געמאַכט גוטע געשעפטן, דערנאָך פאַרלוירן זיין געלט און אין 1888 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

דאָ איז ס. געווען פון די ערשטע דיריגענטן אין שולן ביי די חזנים קופּער, קאַרניאַל, גראַפּמאַן א. א.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך דיריגירט און שטודירט מיטן כאָר אין יידישן טעאַטער, פריער אַלס געהילף צו מאָגולעסקאָן, דערנאָך אַלס זעלבסטשטענדיקער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט.

1889 — האָט ער רעזשיסירט אין אַ דראַמאַטישן קרייז און אויפגעפירט אין טורן-האַל (4-טע סטריט) גאָלדפאַדענס „דר. אַלמאַסאַדאַ" (אין וועלכן בועז יאַנג האָט דעביוטירט אַלס „באַרטעלאַ").

דעם 21 סעפּטעמבער 1896 איז אין ווינדזאָר-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן יאָזעף לאַטיינערס אָפּערעטע „קדוש השם, אָדער, דער יידישער מיניסטער" מיט ס.'ס מוזיק.

ס. האָט אויך געשריבן מוזיק צו די אָפּערעטעס „גבור החיל" און צו „ברכה, אָדער, דער יידישער קעניג פון פּוילן אויף איין נאַכט, פון פּראָפ. מ. הורוויטש" (1896), אין וועלכער די מוזיק צום ליד „אלי, אלי, למה עזבתני" [לויט באָריס טאָמאַשעווסקי — איז דער טעקסט צום ליד געשריבן דורך אים] האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג און די פּיעסע איז צוליב דעם געשפּילט געוואָרן וואָכן-לאַנג.

דאָסדאָזיקע ליד איז שפּעטער געוואָרן פון די פּאָפּולערסטע יידישע קאָמפּאָזיציעס אין דער וועלט און ווערט געזונגען אויף קאָנצערטן דורך פּאָלקס-און אָפּערע-זינגער ווי אויך דורך חזנים.

אין אַמעריקע איז דאָס ליד, מיט וואַריאַציעס, געזונגען געוואָרן דורך ראָזאַ ראַאיסאַ, סאָפיע ברעסלוי, בעלאַ בעיקער, אַל. דזשאָלסאָן א. א.

דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך אַ מוזיק-פירמע און ס. האָט, מאָנענדיק זיין האָנאָראַר, פאַרפירט אַ פּראָצעס, וואָס האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע.

אין די לעצטע יאָרן איז דאָס ליד באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן דורכן חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכער האָט עס אויך אַרייַנגעזונגען אויף פּלאַטן און עס אַרויסגעגעבן אין זיין אַראַנזשירונג מיט אַ פאָרוואָרט אין יידיש און ענגליש, אין וועלכן עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „עס איז נישטאָ קיין מער פּאָפּולער ליד אין יידישע[ר] מוזיק ווי „אלי אלי”. נישט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך צווישן אַנדערע נאַציאָנען איז „אלי אלי” אָנגענומען אַלס די [דאָס] ליד, וואָס דריקט אויס אַמבעסטן יידישן צער און פעסטקייט אין זיין [דעם יידס] גלויבן. ווער עס האָט באַשאַפן די [דאָס] ליד אָדער די מוזיק איז נישט אינגאַנצן קלאָר. נאָך אַ פּאָר יאָר ווי „אלי אלי” איז געוואָרן באַרימט, האָט [האָבן] דער אַלטער מוזיקער יעקב סענדלער און דער טעאַטער-דירעקטאָר באָריס טאָמאַשעווסקי בשותפות געמאָנט אָנערקענונג פאַר דער [דעם] ליד, ווייל עס איז געזונגען געוואָרן אין איינע[ר] פון זייערע אָפּערעטען. עס איז אָבער קיין צווייפל נישט, אַז עס האָט אַ פיל פריערדיקע געשיכטע. מענטשן, וואָס געדענקען, דערציילן, אַז די [דאָס] ליד איז געהערט געוואָרן אין פאַרשיידענע טיילן פון יוראָפּ [אייראָפּע] און איז דאַמאָלסט געווען אַ „פאָלקס-ליד”. די מוזיק האָט מען אויך געפונען פאַרצייכנט צווישן די קאָמפּאָזיציעס פון אַ חזן פון לעצטן דור אַלס די מוזיק צו אַ שטיק סליחות”.

אַ געוויסע צייט איז ס. אויך געווען קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט אין אַרטש.-סטריט-טעאַטער אין פילאַדעלפיע. דערנאָך האָט ער זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון יידישן טעאַטער און פון צייט צו צייט האָט ער נאָר דיריגירט כאָרן צו ימים-נוראים.

מערץ 1931 איז ס., עלנט, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ש. ע. פון בוז יאַנג.

ב. פינקעל — מיר האָבען די עהרע אייך פאָרצושטעלען דעם קאָמפּאָזיטאָר פון „אלי אלי”, „דיא ווארהייט”, נ. י., 20 יולי 1917.

דזשאָזעף קעי — ווער איז דער פאַרפאַסער פון „אלי אלי”? „טאָג”, נ. י., 24 מע ץ 1922.

[—] — יעקב קאָפּעל סענדלער. „די געשיכטע פון חזנות”, רעד. — אהרן ראָזען, נ. י., 1924, ז. 221.

באָריס טאָמאַשעווסקי — די געשיכטע פון „אלי אלי”, („טעאַטער־זכרונות”, רעד. — זלמן זילבערצווייג, ווילנע, 1928, זז. 31־27).

סעקונדא, שלום

געבוירן 23 אויגוסט 1894 אין אַלעקסאַנדריאַ, כערסאָנער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — אַ בלעכער. 1897 — טראָגט זיך איבער די פאַמיליע קיין ניקאָלאַיעוו, וואו ס.׳ס פאָטער עפנט אַ פאַבריק פון אייזערנע בעטן.

געלערנט אין חדר. צו 8 יאָר אָנגעהויבן זינגען אין אַ שול, צו 9 יאָר שוין אַרויסגעטראָטן אַלס סאָליסט און מ׳נעמט אים אַריבער אין כאָר-שול און דערנאָך אין אַנדערע שולן, ביז ער פועלט ביי די עלטערן מיטצופאָרן מיט אַ יעקאַטערינאָסלאַווער חזן אַלס סאָליסט און דאָרט טרעט ער באַלד אַריין אין אַ „קינדער-ליבהאָבער-קרייז”, וואו ער טרעט אויף אין עלטער פון 12 יאָר אַלס „אברהם” אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק” און „מאַרקוס” אין גאָלדפאַדענס „די כישוף-מאַכערין”.

1908 — עמיגרירט די גאַנצע פאַמיליע קיין ניו-יאָרק, וואו ער דאַוונט פאַרן עמוד אין אַ שול אויף דער 6-טער סטריט, און האָט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז ער דאַוונט דערנאָך שבתים אין פאַרשיידענע שולן און טרעט אויך אַרויס אַלס חזן ימים נוראים אין טאַליאַ-טעאַטער, וואָס געהערט דאַמאָלט צו דוד קעסלער.

פאַרלוירן די קינדער-שטים, נעמט ס. שטודירן מוזיק, לערנט אין פּאָבליק- און האַי-סקול, וועלכע ער פאַרנאַכלעסיקט אָבער צוליב זיין אָפטן באַזוכן קאָנצערטן.

כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו שטודירן, פלעגט ער געבן לעקציעס אויף פּיאַנאָ און איז געווען אַ סטאַטיסט אין געבילס קאָמעדיע-טעאַטער, וואו ער באַקומט אויך די מעגלעכקייט איינצושטודירן מיטן כאָר און ווערט אַליין אַ כאָריסט, ביז מען נעמט אָן זיינע אַ קאָמפּאָזיציע צום ליד „אַמעריקע” פאַר דזשעני גאָלדשטיין, וועלכע זינגט עס מיט אַ גרויסן דערפאָלג אין קאָרנבליטס „אונזערע קינדער”.

אויף פּראָפ. פאַרענסוואָרטס איניציאַטיוו ווערט ער שפּעטער אָנגענומען אין קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע ס. ענדיקט מיט אַן ערשטער אויסצייכנונג.

צום סעזאָן 1913-14 ווערט ער אַנגאַזשירט אין „אָדעאָן”-טעאַטער אַלס כאָריסט, קאָמפּאָזיטאָר און שליחות-גייער, און דאָ ווערט דעם 16 יאַנואַר 1914 אויפגעפירט „יושר, פון סאָלאָמאָן שמולעוויטש, מוזיק פון שלום סעקונדא און שמולעוויטש”.

1915-1917 — איז ער אַנגאַזשירט אין ליריק-טעאַטער צוערשט אַלס כאָריסט און כאָר-מייסטער, דערנאָך אַלס דיריגענט און אָרקעסטרירט דעם אַלטן „היסטאָרישן” אָפּערעטעס-רעפּערטואַר, גלייכצייטיק שטודירט ער אַ יאָר אָרקעסטראַציע ביים אָנגעקומענעם קאָמפּאָזיטאָר ערנסט בלאָך.

מלחמה-צייט איז ס. געווען אייניקע חדשים מאַטראָז אין אַמעריקאַנער פלאָט און נאָכן באַפרייט ווערן פון דינסט, טרעט ער אַריין אין יידישן טעאַטער אין נואַרק (דיר. — סידני האַרט), וואו ער בלייבט אויפן קומענדיקן סעזאָן און שרייבט די מוזיק צו די אָפּערעטעס „קינדער קומט אַהיים” פון זאָלאָטאַרעווסקי, „די גאָלדענע צייט” פון ש. שטיינבערג און איינצלנע מוזיק-נומערן צו די אויפגעפירטע מעלאָדראַמעס.

דעם 24 דעצ. 1919 ווערט אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט ס. ה. קאָנס „דעם רבס טאָכטער” און דערנאָך ס. ה. קאָנס „פרייע שקלאַפן” מיט מוזיק פון ס.

1920-21 — איז ס. דעם ערשטן האַלבן סעזאָן געווען דיריגענט אין פילאַדעלפיער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע-הויז (דיר. — באָריס טאָמאַשעווסקי) און דעם צווייטן האַלבן סעזאָן — אין סט. לואיס.

בערך אין דער צייט איז אין געבילס פאָלקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסע „ריינע געוויסן” מיט מוזיק פון ס.

סעזאָן 1921-1922 איז ס. דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין קלאַראַ יאָנגס ליבערטי-טעאַטער, וואו ער שרייבט די מוזיק צו בועז יאָנגס „דזשייקעלע בלאָפער” (1 אָקטאָבער 1921) און ישראל ראָזענבערגס „בערעלע טרעמפּ” און איינצלנע נומערן צו די אויפגעפירטע מעלאָדראַמעס, און די סעזאָנען 1922-25 — ביי אַנשל שאָר אין פילאַדעלפיער אַרטש. סטריט-טעאַטער, וואו ער שרייבט די מוזיק צו דער אָפּערעטע „די אַמעריקאַנער רביצין” פון ווילי אַם סיגעל

און שפּעטער צו „די יידישע שיקסע” פון אַנשל שאָר (אויפגעפירט דעם 18 פעברואַר 1927 אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער), „אַ נאַכט פון ליבע” פון ישראל ראָזענבערג (אויפגעפירט דעם 8 דעצ. 1927 אין ליבערטי־טעאַטער), „דער יידישער זינגער” פון ס. ה. קאָן און אַ. נאַאומאָוו (אויפגעפירט דעם 19 אַפּריל 1924 אין ליבערטי־טעאַטער), „יאַנקל קאַראַמאַנשטשיק” און „רייזעל פון סלאָבאָדקע” פון וו. סיגעל, „אונזער תורהלע” פון לואיס פריימאַן, „די געפערלעכע מויד” (קידי) פון וו. סיגעל, און פיל נומערן צו מעלאָדראַמעס.

סעזאָן 1924־25 — איז ס. דיריגענט אין ניו־יאָרקער גרענד־טעאַטער, וואו ער שרייבט מוזיק צו מעלאָדראַמעס, ווי „שלעכטע חברים” פון סיגעל א. א.

1925־27 — אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, וואו ס׳ווערט דעם 19 יאַנואַר 1926 אויפגעפירט דורך מישע גערמאַן „מאשקא, מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון ישראל ראָזענבערג, מוזיק — שלום סעקונדא”, (וועלכע גייט 12 וואָכן כסדר), דעם 6 סעפּטעמבער 1926 — „ליבע און פריינטשאַפט, קאָמעדיע־דראַמע פון ס. ה. קאָן, מוזיק פון ס.”, דעם 24 דעצעמבער 1926 — „מאַרגאַריטאַ, ליברעטאָ פון ישראל ראָזענבערג, מוזיק — שלום סעקונדא”, דעם 8 פעברואַר 1927 — ישראל ראָזענבערגס „אויף יענער זייט ים, מוזיק פון ס.”. דאָ האָט ס. אויך געשריבן אייניקע מוזיק נומערן צו קאַלמאַנאָוויטשעס „שטיפמאַמעס”.

דעם 15 אַפּריל 1927 ווערט דורך אהרן לעבעדעוו אויפגעפירט אין פּאָבליק־טעאַטער אהרן נאגערס אָפּערעטע „דער קליינער מיליאָנער” מיט ס.׳ס מוזיק.

סעזאָן 1927־28 איז ס. אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר ביי אַנשל שאָר אין ברוקלינער ליבערטי־טעאַטער, וואו ס׳ווערט דעם 27 סעפּטעמבער 1927 אויפגעפירט דורך אַנשל שאָר „זיין יידיש מיידל, ליברעטאָ פון איזידאָר לעש, מוזיק — שלום סעקונדא”, און דעם 10 יאַנואַר 1928 — „ווען ליבע רופט, ליברעטאָ פון וו. סיגעל, מוזיק — שלום סעקונדא”.

1928־30 — איז ס. אין ראָלאַנד־טעאַטער, וואָס עפנט זיך דעם 25 סעפּטעמבער 1928 מיט ל. פריימאַנס אָפּערעטע „דאָס ליד פון ליבע” מיט מוזיק פון ס., דעם 9 נאָוועמבער 1928 ווערט דאָ דורך מ. מיכאַלעסקאָ אויפגעפירט די מעלאָדראַמע „זיין פאַרשפּילטע וועלט” פון ל. פריימאַן און ס. וואולף מיט מוזיק פון ס., דעם 22 נאָוועמבער 1928 — ל. פריימאַנס אָפּערעטע „דער אָדעסער חזן” מיט ס.׳ס מוזיק, דעם 21 דעצעמבער 1928 — „סינאָריטאַ, מוזיקאַליש לוסטשפּיל פון לואיס פריימאַן, מוזיק — שלום סעקונדא”, דעם 21 פעברואַר 1929 — סיגעלס פּיעסע „הערצער פאַרגעסן נישט” מיט ס.׳ס מוזיק, דעם 27 נאָוועמבער 1929 (אויפגעפירט דורך מישע גערמאַן) — וו. סיגעלס אָפּערעטע „קאַטיאַס חתונה” מיט מוזיק פון ס. און דעם 21 נאָוועמבער 1930 — ישראל ראָזענבערג און יצחק פרידמאַנס קאָמעדיע „ליבע אויף אויסצאָלן” מיט מוזיק פון ס.

סעזאָן 1930־31 — אין ראָלאַנד־טעאַטער, וואו ס׳ווערן אויפגעפירט „זיסע מאָמענטן” פון ל. פריימאַן און וו. סיגעל, „אוי אַמעריקע” פון נ. סטוטשקאָוו, „איך וויל אַ קינד” פון אברהם בלום, און „מעגן מענער אַלץ?” פון א. בלום מיט מוזיק פון ס.

סעזאָן 1931־32 איז ס. ווידער אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין ראָלאַנד־טעאַטער, וואָס ווערט געעפנט מיט פריימאַנס אַ מעלאָדראַמע מיט ס.׳ס מוזיק און באַלד דערויף ווערט געשפּילט ס.׳ס אָרקעסטראַלע באַאַרבעטונג פון די פאָלקס־ניגונים צו מנחם רוביןס אויפפירונג פון שלום־עליכםס „צוויי הונדערט טויזנט” און דעם 25 דעצעמבער 1931 — די אָפּערעטע „דער גאַסן־זינגער, פון אברהם בלום, מוזיק — שלום סעקונדא”.

דעם 25 דעצעמבער 1931 ווערט דורך וויליאַם שוואַרץ אויפגעפירט אין נואַרקער מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער ל. פריימאַנס אָפּערעטע „דער ווילנער חזן” מיט ס.׳ס מוזיק.

סעזאָן 1932־33 — איז ס. געווען מיטדירעקטאָר, דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין ליריק־טעאַטער, וואָס ווערט געעפנט דעם 1 אָקטאָבער 1932 מיט יצחק לעשס אָפּערעטע „אַ מיידעלע ווי דו” (מוזיק — ס., רעזשי — היימי דזשייקאָבסאָן).

ס. האָט אויך פאַרפאַסט אַ פולשטענדיקע אָפּערע „שולמית”, געבויט אויף גאָלדפאַדענס ליברעטאָ און באַנוצנדיק אירע הויפּט־מעלאָדיעס פון „שולמית”, פון וועלכער דער 3 אַקט איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1922 אין פילאַדעלפיע מיט מ. מיכאַלעסקאָ אַלס „אבשלום” און לוסי פינקעל אַלס „שולמית”, 1927 — איז דער 3־טער אַקט אויפגעפירט געוואָרן אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער („אבשלום — וויליאַם שוואַרץ), 1928, אין ראָלאַנד־טעאַטער — אַ טייל פון 1־טן אַקט און דער 3־טער אַקט („שולמית”— לוסי לעווין, „אבשלום” — מ. מיכאַלעסקאָ) און 1929, אין ראָלאַנד־טעאַטער — דער 1־טער און 3־טער אַקט און אַ טייל פון 2־טן אַקט („שולמית” — בעטי סימאָנאָף, „אבשלום” — הערי פעלד).

ס. האָט אויך געשריבן מוזיק צו די פילם־בילדער „אייביקע נאַראָנים”, „חזנים אויף פּראָבע” און „דער סדר”.

אויסערדעם האָט ס. געשריבן קאָמפּאָזיציעס צו לידער פון יהואש, רייזען, פרוג, י. אַדלער, אַ יידישע סימפאָנישע ראַפּסאָדיע ווי אויך פיל קאָמפּאָזיציעס פון קאַמעראַלן כאַראַקטער.

באַזונדערס פּאָפּולער איז ס.׳ס קאָמפּאָזיציע „דאָס יידישע ליד” (טעקסט צונויפגעשטעלט פון אַנשל שאָר), וואָס איז אַרויס אין דרוק און ווערט געזונגען דורך אַקטיאָרן אויף דער בינע און דורך פאָלקס־זינגער און בדחנים אויף יידישע שמחות.

ס. איז סעקרעטאַר פון דער „געזעלשאַפט פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרס”.

מ. און ש. ע.

הלל ראָגאָף — שלום סעקונדא׳ס אָפּערעטע „מאַרגאַריטאַ”, „פאָרוו.”, נ. י., 28 יאַנ. 1927.

ל. פאָגעלמאַן — „זיין אידיש מיידעל” — נייע אָפּערעטע אין ליבערטי טעאַטער, „פאָרוו.”, נ. י., 12 אָקט. 1927.

דר. י. קריטיקוס — שלום סעקונדא, „ראָלאַנד טעאַטער”, נ. י., 1928.

ל. פאָגעלמאַן — אַ נייע אָפּערעטע אין ליבערטי טעאַטער, „פאָרוו.”, נ. י., 16 פעבר. 1928.

א. פרומקין — נישט אין דזשעז ליגט די צרה, נאָר אין די סוזשעטן, „מאָז׳ש”, נ. י., 16 מערץ 1928.

וויליאַם עדלין — אַ נייע מוזיקאַלישע אויפפירונג פון דער אָפּערעטע „שולמית”, „טאָג”, נ. י., 10 יאַנ. 1930.

וויליאַם עדלין — די 2 נייע אָפּערעטען אויף דער אידישער ביהנע, „טאָג”, נ. י., 1 יאַנ. 1932.

הלל ראָגאָף — „דער גאַסען זינגער” אין ראָלאַנד־טעאַטער, „פאָרוו.”, נ. י., 8 יאַנ. 1932.

ל. פלאַמשטיין — „אַ מיידעלע ווי דו” — אין ליריק טעאַטער, „טאָג”, נ. י., 7 אָקט. 1932.

סעקלער, הערי (צבי־הערש)

געבוירן 22 אויגוסט 1883 אין באָהאָראָדשאַני (בראָדשין), נעבן סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. פון דער מוטערס צד - אור־אייניקל פון גאון ר׳ פייוול שרייער, מחבר פון „דעת קדושים". ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר׳ דערנאָך באַקומען וועלטלעכע בילדונג אין ראַדאָוויץ, טשערנאָוויץ און ווין (גימנאַזיע־קורסן).

1902 – אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אין 1908 געענדיקט אין ניו־יאָרק די יורידישע הויך־שול, אָבער קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט, נאָר אָפּגעגעבן זיך מיט ליטעראַטור, געשיכטע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

נאָך אַלס יינגל פון 14 יאָר אָנגעהויבן שרייבן שירים און דערציילונגען אין העברעאיש, האָט ס. אין 1907 דעביוטירט אין „פאָרווערטס" מיט אַ מאָנאָלאָג און דערנאָך געאַרבעט אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן.

1908 – פאַרעפנטלעכט א׳פ צבי ן׳שלום אין „פּא׳ש" זיין כאַראַקטער־בילד אין איין אַקט „יוקעל גנב", וואָס איז אין 1909 דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע אין ניו־יאָרק. דער איינאַקטער איז דעם 12 נאָוועמבער 1909 אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישן קלוב אין ניו־יאָרק און שפּעטער דורך פיל אַנדערע „ליבהאָבער"־קרייזן אין אַמעריקע און אייראָפּע.

דעם 23 יאַנואַר 1909 האָט ס. פאַרעפנטלעכט אין „פּא׳ש" „צוויי וועלטן" (צייט־בילד).

דעם 6-13 מערץ 1909 האָט ער אין „פּא׳ש" פאַרעפנטלעכט א׳פ צבי ן׳שלום „אונטערוועלט" (אַ טראַגעדיע אין איין אַקט), וואָס איז דעם 12 נאָוועמבער 1909 אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישן קלוב אין ניו־יאָרק.

אין 1912 איז אין ניו־יאָרקער „דאָס יידישע פאָלק" פאַרעפנטלעכט געוואָרן א׳פ צבי ן׳שלום „דאָס טויטענדליד, דראַמאַ אין דריי אַקטען".

אין דער יובילײ־אויסגאַבע פון ניו־יאָרקער „דאָס יידישע פאָלק" (1913) איז דערשינען א׳פ צבי ן׳שלום ס.׳ס „פּייערטאַנץ" (דראַמאַטישער עפּיזאָד).

1915 – האָט ס. אָנגעשריבן אין יידיש זיין פּיעסע „יוסי פון יוקרת", וואָס איז אין 1921 דערשינען אין זיין אייגענער העברעאישער איבערזעצונג אין ניו־יאָרקער „התורן" און איז דעם 11 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין יידיש אין ניו־יאָרקער אירווינג־פּלייס־טעאַטער א׳ר פון סעמועל גאָלדענבורג (מיט זיין און מוני וויזענפריינדס אָנטייל) א׳נ „דער הייליקער טיראַן". דעם 24 פעברואַר 1928 איז די פּיעסע א׳ר פון יצחק גרודבערג [טורקאָוו] אויפגעפירט געוואָרן אין דער ליבהאָבער־געזעלשאַפט „יידישע בינע" אין וואָלאָצלאַוועק א׳נ „יוסי פון יוקרת, היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן". דער יידישער טעקסט פון דער פּיעסע א׳נ „יוסי פון יוקרת" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צווייטן באַנד פון ס.׳ס „דראַמען" (ניו־יאָרק, 1925). דער העברעאישער טעקסט פון דער פּיעסע איז אין פרילינג 1926 אויפגעפירט געוואָרן דורך אַ גרופּע „ליבהאָבער" אין באָסטאָן.

אין 1919 איז אין העברעאישן זשורנאַל „התורן" אין נ. י. דערשינען ס.׳ס „העיר הנצחית" (לעגענדע אין איין אַקט). דער איינאַקטער איז אין יידיש קיינמאָל נישט דערשינען, דאַקעגן איז פאַרעפנטלעכט אין ענגלישן זשורנאַל „מנורה" (ניו־יאָרק, יוני־יולי 1924) אַן ענגלישע אַדאַפּטאַציע פון מחבר.

אין 1922 האָט ס. פאַרענדיקט זיין פּיעסע „יזכור, דראַמאַטישע לעגענדע אין פיר אַקטן, פּראָלאָג און עפּילאָג". וואָס איז דעם 13 אַפּריל 1923 אויפגעפירט געוואָרן א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער. דעם 14 סעפּטעמבער 1924 איז די פּיעסע א׳ר פון מאַרק אַרנשטיין אויפגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע [וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער. מוזיקאַלישע אילוסטראַציע — י. שלאָסבערג, דעקאָראַציעס לויט פּראָיעקטן פון מאלער גאַלעווסקי] און איז זייט דאַמאָלט זייער אָפט, געשפּילט געוואָרן אויף די פאַרשיידענע יידישע בינעס אין אייראָפּע און אַמעריקע. דער טעקסט פון דער יידישער פּיעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ס.׳ס צווייטן באַנד „דראַמען" (ניו־יאָרק, 1925). אין 1927 איז אין ארץ־ישראל די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון א. בן־שמר. אין יאַנואַר 1925 איז אין לאָוס סטייט־טעאַטער אין ניו־יאָרק דעמאָנסטרירט געוואָרן דער פילם פון דער פּיעסע (געפילמט אין ווין א׳ר פון סידני גאָלדין, מיט די מיטגלידער פון ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער און מיטן אָנטייל פון די אייראָפּעאישע אַקטיאָרן דאגני סערוויס, אָסקאַר בערעגי א. א.), וועלכער איז דערנאָך געוויזן געוואָרן איבער אַמעריקע און אייראָפּע.

אין 1924 האָט ס. פאַרענדיקט „דעם צדיקס נסיעה, אַ חסידישע בייקע אין פיר אַקטן", וואָס איז דעם 21 יאַנואַר 1926 איין מאָל געשפּילט געוואָרן א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער (דעקאָראַציעס—י. פּאָשקאָ, מוזיק—י. אָרענשטיין). דעם 6 יוני 1928 איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן דורך „יונג אַרגענטינע" אין בוענאָס איירעס [דעם צדיקס נסיעה, אַ מעשהלע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, לויט דער אויפפאַסונג און אונטער דער רעזשי פון לעאָ האַלפּערן. דעקאָראַציעס, מאַסקעס, קאָסטיומען—מישע שוואַרץ, חסידישע מעלאָדיעס—א. דאַווידי, ספּעציעלע קאָמפּאָזיציעס — מיגעל גערבאַנאָוו]. די זעלבע פּיעסע איז אין פעברואַר 1930 אויפגעפירט געוואָרן דורך א. מאָרעווסקי מיט די מיטגלידער פון דער „ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט" אין שיקאַגאָ. דער יידישער טעקסט פון דער פּיעסע איז געדרוקט אין ס.׳ס ערשטן באַנד „דראַמען" (נ. י. 1925) און אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פון ס. — אין ענגלישן זשורנאַל „טהי רעפּלעקס" (ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1927).

דעם 23 נאָוועמבער 1924 איז אין ניו־יאָרקער „דער טאָג" פאַרעפנטלעכט געוואָרן ס.׳ס „מזרח־וואַנט" (אַן איינאַקטער).

אין 1925 האָט ס. פאַרענדיקט זיין „דער וועג צו גאָט, דראַמע אין אַכט בילדער מיט פּראָלאָג", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ס.׳ס ערשטן באַנד „דראַמען" (ניו־יאָרק 1925).

אין 1926 האָט ס. אָנגעשריבן זיין פּיעסע „שרעטעלע, ליברעטאָ אין דריי אַקטן", וואָס איז ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט און נישט געשפּילט געוואָרן.

אין 1927 איז אין ניו־יאָרקער פאַרלאַג „נחמיה" דערשינען ס.׳ס „קעניג אשמדאי, ביבלישע דראַמע אין פינף אַקטן".

אין יולי 1927 איז אין נ. י. זשורנאַל „אויפקום" פאַרעפנטלעכט געוואָרן ס.׳ס „דער זעער זעט זיין כלה, מיניאַטור־דראַמע אין 3 בילדער", וואָס איז דעם 14 אַפּריל 1929 אויפגעפירט געוואָרן

דורך דער „וואַרדי־יאַעליט־סטודיע״ אין נ. י. די פּיעסע איז אין 1928 אַריינגענומען געוואָרן אין פערטן באַנד פון ס.׳ס „דראַמען״ (נ. י., פאַרלאַג „נחמיה לין״). אין יולי־נומער 1927 פון ענגלישן זשורנאַל „טהי רעפלעקס״ אין ניו־יאָרק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם מחברס ענגלישע איבערזעצונג און אין העברעאישן זשורנאַל „הדואר״ (נ. י., אויגוסט־סעפּטעמבער 1932) — זיין העברעאישע איבערזעצונג פון דער פּיעסע.

אין 1928 איז אין פערטן באַנד פון ס.׳ס „דראַמען״ (נ. י., פאַרלאַג „נחמיה לין״) פאַרעפנטלעכט געוואָרן ס.׳ס פּיעסע „מאַיאָר נח״, וואָס איז דעם 15 פעברואַר 1929 א״נ „מאַיאָר נח, אַמעריקאַנער יידישע קאָמעדיע״ אויפגעפירט געוואָרן, א״ר פון מאָריס שוואַרץ, אין ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער (דעקאָראַציעס — א. טשערטקאָוו).

אין 1928 איז אין פערטן באַנד פון ס.׳ס „דראַמען״ (נ. י., פאַרלאַג „נחמיה לין״) פאַרעפנטלעכט געוואָרן ס.׳ס פּיעסע „רחב פון יריחו״, וואָס ווערט צוגעגרייט צום שפּילן דורך דער „הבימה״ אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון מחבר.

ס.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] יוקעל גנב
(כאַראַקטער־בילד אין איין אַקט)
פון צבי ן׳שלום
[„פרייע אַרבייטער שטימע״, נ. י., 31 אָקט., 7 נאָוו. 1908]

[1 א] אַרויסגעגעבן פון א. וואַסערמאַן
ניו־יאָרק, 1909.

[2] צווי וועלטן
(צייט־בילד פון צבי ן׳שלום)
[„פרייע אַרבייטער שטימע״ נ. י., 23 יאַנ. 1909].

[3] אונטערוועלט
(אַ טראַגעדיע אין איין אַקט)
פון צבי ן׳שלום
[„פרייע אַרבייטער שטימע״, נ. י., 19-6 מערץ 1909]

[4] צבי ן׳שלום
דאָס טויטענליעד
דראַמאַ אין 3 אַקטען
[„דאָס אידישע פאָלק״, נ. י., 11, 20, 25 סעפּט. 1912]

[5] צבי ן׳שלום
דער פייער־טאַנץ
דראַמאַטישער עפּיזאָד
[„דאָס אידישע פאָלק״, נ׳ י., יובילעאום־אויסגאַבע, 1913]

[6] ה. סעקלער (צבי ן׳שלום)
מזרח־וואַנט
אַן איין־אַקטער
[„דער טאָג״, נ. י., 23 נאָוו. 1924]

[7] ה. סעקלער
דער וועג צו גאָט
[געדרוקט אין ס.׳ס ערשטן באַנד „דראַמען״, נ. י., 1925]

[8] ה. סעקלער
דעם צדיקס נסיעה
[געדרוקט אין ס.׳ס ערשטן באַנד „דראַמען״, נ. י., 1925]

[9] ה. סעקלער
יזכור
[געדרוקט אין ס.׳ס צווייטן באַנד „דראַמען״, נ. י. 1925]

[10] ה. סעקלער
יוסי פון יוקרת
[געדרוקט אין ס.׳ס צווייטן באַנד „דראַמען״, נ. י., 1925]

[11] ה. סעקלער
קעניג אשמדאי
פאַרלאַג „נחמיה״, נ. י., 1927 [120 ז. 16°]

[12] ה. סעקלער
דער זעער זעט זיין כלה
מיניאַטור־דראַמע אין 3 בילדער
[„אויפקום״, נ. י., 7, 1927]

[12 א] [געדרוקט אין ס.׳ס פערטן באַנד „דראַמען״, נ. י., 1928]

[13] מאַיאָר נח
[געדרוקט אין ס.׳ס פערטן באַנד „דראַמען״, נ. י., 1928]

[14] רחב פון יריחו
[געדרוקט אין ס.׳ס פערטן באַנד „דראַמען״, נ. י. 1928]

ס.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין העברעאיש:

[1] ה. סקלר (צבי ן׳שלום)
יוסי מן יוקרת
טרגדיה בארבע מערכות
[„התורן״, נ. י., כרך ח׳, חוברת ג־ד, תרפ״א]

[2] העיר הנצחית
מאת ה. סקלר (צבי ן׳שלום)
[„התורן״, נ. י. 16 מאַי 1919]

[3] ה. סקלר
החוזה רואה את כלתו
[„הדואר״, נ. י. אויגוסט־סעפּטעמבער 1932].

ס.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין ענגליש:

[1] The Legend of Luz.
A Play by Harry Sackler,
„Menorah", N. Y., June-July, 1924.

[2] The Seer looks at his Bride,
by Harry Sackler,
„The Reflex", New-York, July, 1927.

[3] The Tsadik's Journey,
by Harry Sackler,
„The Reflex", New-York, Nowember, 1927.

ש. ע. און ט. ע. פון דר. יהושע בלאָך

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 678-684.

ב. גאָרין — יזכור, דראַמאַטישע לעגענדע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג פון ה. סעקלער, „מאָז׳ש״, נ. י., 18 אַפּריל 1923.

וו. עדלין — „יזכור״, אַ נייע פּיעסע פון הערי סעקלער, געשפּילט אין אידישן קונסט טעאַטער, „דער טאָג״, נ. י., 19 אַפּריל 1923.

ל. ס. ביעלי — ה. סעקלער׳ס „יזכור״ אין שוואַרץ׳ס קונסט טהעאַטער, „יידטגבל׳ט״, נ. י., 20 אַפּריל 1923.

ליליפוט – אַ רירענדע פּאַרצייטיגע לעגענדע, „פרייהייט", נ. י., 20 אַפּריל 1923.

דר. א. מוקדוני – די אידישע לעגענדע אויף דער ביהנע, „מאָז'ש", נ. י., 27 אַפּריל 1923.

ל. ס. ביעלי – „דער הייליגער טיראַן" אין אירווינג פּליס טהעאַטער, „יידטגבל'ט", נ. י., 14 סעפּט. 1923.

דר. א. מוקדוני – דער הייליגער טיראַן, „מאָז'ש", נ. י., 18 סעפּט. 1923.

וויליאַם עדלין – „דער הייליגער טיראַן", „דער טאָג", נ. י., 19 סעפּט. 1923.

אַקסעל [עפּשטיין] – דער הייליגער טיראַן, „פּא'ש", נ. י., 21 סעפּט. 1923.

רעגידעבעל – דראַמע איין דראַמע אויס, „דער גרויסער קיביצער", נ. י., 21 סעפּ. 1923.

הלל ראָגאָף – צוויי פּיעסען אין אירווינג פּליס טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 5 אָקט. 1923.

ליליפוט – „דער הייליגער טיראַן", „די פּרעסע", ב'א, 27 אָקטאָבער 1923.

Sze – [רעצענזיע] – „דער מאָמענט". וואַרשע, 21 דעצעמבער 1924.

J. Apenszlak – „Iskor", legenda dramaticzna, „Nasz Przegląd", Warszawa, 21/12 1924.

אַ פויגעל [י. מ. ניימאַן] – אַ ניי לופּטעל אין אידישען טעאַטער, „נייער הײנט", וואַרשע, 23 דעצ. 1924

נ. מ. [נחמן מייזיל] – יזכור אין קאַמינסקיס טעאַטער, „ליטבל'ט", וואַרשע, נ' 51, 1924.

מ. וו. [מיכאל וויכערט] – פון יידישן טעאַטער, „אילוסטרירטע וואָך", וואַרשע, נ' 51, 1924.

איינער [א. איינהאָרן] – טעאַטראַלע נאָטיצען, „נייער הײנט", וואַרשע, 1 יאַנ. 1925.

דר. מיכאל וויכערט – פּרעמיערעס, „אילוסטרירטע וואָך". וואַרשע, נ' 1, 1925.

מיכאל וויכערט – „טעאַטער און דראַמע", ווילנע, II, זז. 116-119.

[–] – אַ סענסאַציע אין לאָדזער יודישען טעאַטער. „יזכור" פון האַררי סעקלער אין דער אויפפירונג פון מאַרק אַרנשטיין. „נייער פאָלקסבלאַט". לאָדזש, 12 יאַנ 1925.

א. א-רין – פון יודישען טעאַטער. „לאָדזער טאַגעבלאַט", 12 יאַנ. 1925.

[–] – דער ערפאָלג פון „יזכור" אין יודישען טעאַטער. ראָרט, 18 יאַנ. 1925.

מרדכי דאַנציס – ה. סעקלער דער וואַקסענדער דראַמאַטורג, „יידטגבל'ט", נ. י., 27 פעבר. 1925.

נ. בוכוואַלד – נאָך אַ שטריימעלדיקע פּיעסע באַ שוואַרצ'ן, „פרייהייט". נ. י., 29 יאַנ. 1926.

ל. קעסנער – „דעם צדיקס נסיעה", „יידטגבל'ט", נ. י., 29 יאַנ. 1926.

דר. א. מוקדוני – „דעם צדיק'ס נסיעה", „מאָז'ש", נ. י.. 5 פעבר. 1926.

מ. אָלגין – נייע דראַמען, „דער האַמער", נ. י. מערץ 1926.

מאָריס מייער – יזכור – אַ וואונדערבאַרע פּיעסע צו זעהן און צו געדענקען, „די צייט", לאָנדאָן, 17 יאַנ. 1927

מ אָלגין – ה. סעקלער, „קעניג אַשמדאי", „דער האַמער", נ. י., פעברואַר 1928.

שמואל ראָזשאַנסקי – דער ערשטער אַרויסטריט פון „יונג-אַרגענטינע", „דעם צדיקס נסיעה" פון ה. סעקלער, „אידישע ציימונג", ב'א, 8 יוני 1928.

ש. פיינבערג – וועגן „דעם צדיקס נסיעה" און וועגן די פּרואוון פון „יונג-אַרגענטינע", „פּרעסע", ב'א, 18 יוני 1928.

א. וואַלדמאַן – „דעם צדיקס נסיעה" פון סעקלער, דעבוט פון דער דראַמאַטישער שול „יונג-אַרגענטינע", „אידישע וועלט", ב'א, נ' 40, 1928.

אב. קאַהאַן – „מאַיאָר נח", אַ נייע פּיעסע אין שוואַרץ'ס טעאַטער. נ. י., 19 פעבר 1929.

ש. ניגער – משיח – אַמעריקאַנער סטיל, „דער טאָג", נ. י., 21 פעבר. 1929.

א גלאַנץ – ה. סעקלערס „מאַיאָר נח", „דער טאָג", נ. י. 22 פעבר. 1929.

דר. א. מוקדוני – מאַיאָר נח, „מאָז ש", נ. י., 22 פעבר. 1929.

נ. בוכוואַלד – טאַקע היסטאָריש; אָבער לאַנגווייליג, „פרייהייט", נ. י., 22 פעבר. 1929.

יאַנקעוו באָטאָשאַנסקי – דאָס „נייע אידישע פאָלקס טעאַטער" איז מיט ה. סעקלערס „איזקער" ווידער אַרויף אַף דעם דערעך האַיאָשער, „פּרעסע", ב'א, 25 יולי 1932.

ט. ביילין – נאָטיצן און באַמערקונגען, „פּרעסע", ב'א, 29 יולי 1932.

ש. בס – הרי סקלר, „הארץ". תל-אביב, 13 יאַנ. 1933.

סערדאַצקי, יענטע

[רייבמאַן]

געבוירן 1879 אין אַלעקסאָט, ביי קאָוונע, ליטע, אין אַן אָרימער, חשובער פאַמיליע. פאָטער – אַ הענדלער פון גענוצט מעבל, אַ ייד אַ למדן, האָט אויך די טעכטער זיינע געגעבן אַ גרינטלעכע יידישע דערציאונג. ס. האָט אין דער יוגנט פיל געלייענט אין דייטש, טיילווייז אין רוסיש און אויך אין העברעאיש. אין זייער שטוב זענען זיך צונויפגעקומען די יונגע יידישע דיכטער, צווישן זיי אויך אברהם רייזען, און דורך זיי ווערט ס. אַן אייפריקע לייענערין פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ערשט בעת דער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָט זיך אין איר דערוועקט דער ווילן צו שרייבן, און שוין אַ מוטער פון קינדער, פאַרלאָזט זי איר שטעטל און פאָרט קיין וואַרשע, וואו – געמוטיקט דורך י. ל. פרץ – זי דעביוטירט אין „וועג" (1905) מיט דער דערציילונג „מירל".

1907 – אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זי האָט די ערשטע צייט געצויגן חיונה פון אַ גאָרקיד. וואָס זי האָט געהאַלטן אין נ. י., גלייכצייטיק אָבער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין די אָרטיקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, איבערהויפּט אין „פאָרווערטס". אַ טייל פון דיזאָזיקע נאָוועלען זיינען דערשינען אין בוך-פאָרם אין 1913. אין דאָזיקן באַנד („געקליבענע שריפטן, פּ'ג היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, נ. י.") זיינען אויך אַריין פאָלגנדיקע דראַמאַטישע זאַכן: „אויף דער וואַך" (דראַמאַ אין איין אַקט און

צוויי בילדער), „צוריקגעקומענע" (דראַמאַטישעס בילד), „בראַנקאַ" (דראַמאַטישעס בילד) און „ביים וויעגעל" (אַ דראַמאַטישעס בילד פון פאַרטיי־לעבן).

אויסערדעם האָט זי פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע איינאַקטערס: „שפּילעריי" („צוקונפט", נ. י., אויגוסט 1913), „אָה, די ליעבע!" (דראַמאַטיש בילד, געדרוקט אין „פאָרווערטס", נ. י., 11 יוני 1921), „די גרינע" (דראַמאַטיש בילד, געדרוקט אין „פאָרווערטס", נ. י., 18 אָקטאָבער 1921) און „אייפערזוכט" (דראַמאַטיש בילד, געדרוקט אין „פאָרווערטס", נ. י., 23 יאַנואַר 1922).

לעצטנס שרייבט ס. זייער ווייניק און ציט איר חיונה פון אָנפירן מיט מעבלירטע וואוינונגען אין ניו־יאָרק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, וו, 684-86.

סערעבראָוו, מוני

[חיים זילבערראַנג].

געבוירן 1897 אין קעשעניעוו, בעסאַראַביע, אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. אין דער פריסטער יוגנט פאַרלוירן זיין פאָטער. געלערנט יידישע למודים, געענדיקט די קעשעניעווער גימנאַזיע און שטודירט יורי אין אָדעסער אוניווערזיטעט.

נאָך אַלס סטודענט האָט ס. זיך אינטערעסירט מיט געזאַנג, דראַמאַטישע רעציטאַציעס און פאָרלעזונגען. זייענדיק אַ שילער פון 6־טן קלאַס, האָט ער אויפגעפירט (אויף רוסיש) פאַר די סטודענטן דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעך און שטראָף", שפּילנדיק „ראַסקאָלניקאָוו". די לערער ווי אויך די רוסישע אַקטיאָרן וואַרלאַמאָוו און סיביריאַקאָוו ריידן אים דאַמאָלט צו צו פאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט און זיך אָפּגעבן דער בינע. ס. נעמט אויף די דראַמאַטישע קורסן אין כאַרקאָוו, באַזוכט דערנאָך די דראַמאַטישע סטודיע פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, פאָרט שפּעטער צו זיין שוועסטער אין איטאַליע און שטודירט דאָרט מוזיק.

צוריקגעקומען אין רוסלאַנד, טרעט ער אַריין אין טעאַטער „גראָטעסק" און גייט דערנאָך איבער אין אַנדערע רוסישע טעאַטערס, טיילמאָל דראַמאַטישע, טיילמאָל אָפּערעטישע.

צו דער יידישער בינע איז ס. אַריבער אין בוקאַרעסט, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון יעקב קאַליך, וועלכער גאַסטראָלירט דאַמאָלט דאָרט מיט מאַלי פּיקאָן. ער טרעט אַריין אין קאַלידס טרופּע, שפּעטער גייט ער איבער אין קלאַראַ יאָנגס טרופּע, און אַזוי שפּילט ער 4 יאָר יידיש טעאַטער איבער איראָפּע, ביז ער קומט אָן אין דער טרופּע פון יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן און פון דאָרט פאָרט ער קיין אַמעריקע, וואו ער שפּילט אין 1926 אין בראָנקסער מעקינלי־סקווער־טעאַטער, 1927־9 — אין פילאַדעלפיע. 1929־30—אין סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק, 1930־31—אין ברוקלינער האָפּקינסאָן־טעאַטער און אין פילאַדעלפיע. 1931־32—אין בראָנקסער פּראָספּעקט־טעאַטער, 1932־33—אָנגעהויבן שפּילן אין נעשאָנאַל־טעאַטער און דערנאָך אַריבער אין לאָנדייל־טעאַטער אין שיקאַגאָ.

אַמפּלואַ — געזאַנג־ליבהאָבער.

דעם 3 פעברואַר 1931 איז ס. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניע.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער בינע, „מאָז'ש", נ. י., 15 אָקט. 1926.

מוני סערעבראָוו — אַלבאָם פון פילאַדעלפיער אַקטיאָרן, „פאָרווי", פילאַדעלפיע, 18 מערץ 1928.

סערעני, ב.

[דוב סרילאָוויטען]

געבוירן 10 נאָוועמבער 1892 אין אונגוואַר (איצט אוזהאָראָד), קאַרפּאַטן־רוס, טשעכאָסלאָוואַקיע. פאָטער—אַ האַנטווערקער. געלערנט אין ישיבה און גימנאַזיע. געווען אַ ראַדיקאַלער אַסימילאַטאָר, דערנאָך אַ ציוניסט. באַטייליקט זיך אין דער וועלט־מלחמה, פריער אַלס סאָלדאַט, דערנאָך אַלס אונטעראָפיציר און באַקומען אויסצייכנונגען. 1918 – אַריינגעפאַלן אין איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט, וואו ער איז פאַרבליבן 2 יאָר.

1915 — דעביוטירט אין פאַרשיידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. 1920 — רעדאַקטירט דאָס יידיש־אונגאַרישע בלאַט „זשידא נעפּלאַפּ" (יידישע פאָלקסצייטונג). זינט 1924 — רעדאַקטירט אַ יאָרלעכן אַלמאַנאַך אין אונגאַריש.

ס. האָט אויך אַרויסגעגעבן אין דרוק „דער נעכטיגער טאָג, אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון ב. סערעני, אוזהאָראָד, טשעכאָסלאָוו." [45 ז. 16⁰] און אָנגעשריבן די פּיעסעס „אַ מאָדנער רבי", „דאָס נייע ציל" און „די חשמונאית", וואָס ווערן געשפּילט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און טראַנסילוואַניע.

ער האָט אויך איבערזעצט אויף אונגאַריש יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", וואָס ווערט געשפּילט דורכן אונגאַרישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

ש. ע. פון זלמן רייזען.

ספּיוואַק, יונה

[געב. ... — געשט. ...]

שטאַמט פון רומעניע. יונג געקומען אין אַמעריקע און געהאַלטן אַ שענק אויף עלדריטש־סטריט אין ניו־יאָרק. כדי צוציען געסט אין זיין שענק, האָט ער פאַרוואַנדלט דעם שטאָל פאַר פושקאַרטס (ביידלעך און וועגעלעך פון די גאַסן־פּאַרקויפער) אין הינטערגרונט פון זיין שענק אין אַ האָל (זאַל) וואו ער האָט אַוועקגעשטעלט טישלעך און בענקלעך און דאָרט איינגעפירט דאָס ערשטע יידישע וואָדעוויל־הויז אין ניו־יאָרק.

אין אָנהייב זיינען די נומערן געווען בלויז מוזיקאַלישע, אויסגעפירט דורך אַן אָרקעסטער. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן אַנגאַזשירן אַקטיאָרן פאַר געזאַנג־ און טאַנץ־נומערן. כמעט דער גרעסטער טייל פון די אַקטיאָרן, וועלכע זיינען דאָרט אויפגעטראָטן, זיינען געבליבן אומבאַקאַנט, ווייל זיי האָבן זיך לאַנג ביי דער בינע נישט געהאַלטן.

די גרעסטע שכירות פֿון אַן אַקטיאָר אין דעם וואָדעוויל־הויז איז געווען 8 דאָלאַר אַ וואָך.

אין דער ערשטער צייט האָט מען דאָרט קיין אַריינגאַנגס־פּרייז נישט געצאָלט, מען האָט בלויז באַדאַרפֿט קויפֿן אַ גלאָז ביר.

ספּיוואַק, יונה

געבוירן 1 יאַנואַר 1886 אין זשאַרנישטש, קיעווער גוב., אוקראַאינע. באַקומען אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג אין ניעמיראָוו.

1907—אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין „דיא וואַרהייט", דערנאָך מיטגעאַרבעט אין שיקאַגער „אידישער רעקאָרד", אין העברעאישען וואָכנבלאַט „האומה", שיקאַגער „דער אידישער קוריער", „די וועלט", „דער קונסט־פֿריינד" און די לעצטע יאָרן אַלס רעדאַקציע־מיטגליד אין שיקאַגער „פֿאָרווערטס".

נאָוועמבער 1919 איז אין שיקאַגער עמפּייר־טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן ס.׳ס דראַמע אין 4 אַקטן „דאָס נייע לעבן" (וואָס איז דעם 20 מערץ 1925 אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין דער איבערזעצונג און א״ר פֿון מחבר אין רוסיש אין מילוואָקי).

פֿעברואַר 1920 איז אין שיקאַגער עמפּייר־טעאַטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין דראַמאַטיזאַציע פֿון דזשאָדזש עליאָטס ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ".

בערך אין דער זעלבער צייט איז אויך אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין פּיעסע „אויפֿן דאָרף".

אין 1932 איז אין ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין דערשינען ס.׳ס דראַמאַטיזאַציע „ר׳ נחמן בראַסלאַווער אין געשטאַלט פֿון זיין „מעשה מיט די זיבן בעטלערס", מיט אַן אַריינפֿיר וועגן ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זיינע „ספּורי מעשיות פֿון ש. ניגער" [164+82 ז. 16⁰].

ס. האָט אויך אין מאַנוסקריפּט אַ דראַמאַטיזאַציע פֿון י. ל. פּרצס „מאָניש".

מ. ע.

ש. ע. פֿון קלמן מרמר.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט. ", II, זז. 690-91.

Hyman L. Meites — „History of the Jews of Chicago", p. 362.

S. Felix Mendelson — Topies of the week, „The Sentinel", Chicago, 11 March 1932.

פֿיליפּ פּ. ברענסאָן — ר׳ נחמן בראַסלאַווער, „שיקאַגאָ", שיקאַגאָ, פֿעברואַר־מאַרטש 1932.

פּ. וויערניק — אונזער פֿיעל שפּראַכיגע ליטעראַטור, „מאָז׳ש", נ. י., 10 אַפּריל 1932.

ש. ניגער — די מעשה מיט זיבען בעטלער׳ס, „דער טאָג", נ. י., 5 יוני 1932, „פֿרימאָרגן", ריגע, 14 יולי 1932.

א. צ. ראָמאַנאָווסקי — די חסרונות פֿון דער וועלט, „די פּאָסט", לאָנדאָן, 23-2 סעפּט., 7 אָקט. 1932.

הלל ראָגאָף — „ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זיינע מעשיות", „פֿאָרוו.", נ. י., 4 דעצ. 1932.

ספּיוואַקאָווסקי, יעקב

[געב. 25 דעצ. 1852 — געשט. 25 סעפּט. 1919]

געבוירן 25 דעצעמבער 1852 אין בוקאַרעסט, רומעניע.

לויט י. רימיניק איז ס. אַ זון פֿון אַ רייכן מאָהילעווער טיי־הענדלער, און איז אויך געווען אַ תּלמיד אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול.

לויט יעקב פּ. אַדלער האָט ס. אין 1877 שטודירט אין אָדעס און גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין דער אָרטיקער רוסישער פּרעסע. ער איז געווען אינטעליגענט, האָט אָפּט באַזוכט דאָס רוסישע טעאַטער, צו וועלכן ער האָט געפֿילט אַ טיפֿע ליבע, און איז געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט פֿיל רוסישע שרייבער און טעאַטער־דירעקטאָרס.

צוליב דעם רוסיש־טערקישן קריג האָבן די רוסישע צייטונגען „אָדעסקי וויעסטניק" און „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף" געשיקט ס.׳ן קיין בוקאַרעסט אַלס קריגס־קאָרעספּאָנדענט, אויסנוצנדיק זיין קענטניש פֿון רומעניש און אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן. אָבער כאָטש ס. איז געווען פֿאַרנומען מיט זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט ער געפֿונען צייט זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט טעאַטער, און אַזוינאָך אויך באַזוכט די ערשטע פֿאָרשטעלונגען אין אברהם גאָלדפֿאַדענס טרופּע אין בוקאַרעסט.

ווי גאָלדפֿאַדען דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, איז ס. אין 1877 אַריינגעטראָטן אין זיין טרופּע און געשפּילט די ראָל „צדוק" אין „די רעקרוטן". גאָלדפֿאַדען האָט אויך ספּעציעל פֿאַר אים צוגעשריבן אין דער פּיעסע אַ פּאַראָדיע לויט שילערס „די יונגפֿרוי פֿון אָרלעאַנס".

איצט האָט ס. באַשלאָסן נאָכצוטאָן גאָלדפֿאַדענען און שאַפֿן אַזאַ טעאַטער אין ר ו ס ל אַ נ ד. ער האָט זיך צונויפֿגערעדט מיטן ווינקל־אַדוואָקאַט ישראל ראָזענבערג (וועלכן ער האָט געקענט פֿון אָדעס) און ביידע זיינען זיי אין 1878 אָפּגעפֿאָרן קיין אָדעס.

יעקב פּ. אַדלער דערציילט, אַז ער איז געווען דער ערשטער צו וועמען זיי האָבן זיך געווענדעט מיטן פּלאַן צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער אין אָדעס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַדלער און ראָזענבערג זאָלן צוגרייטן די טרופּע און ספּיוואַקאָווסקי זאָל פֿאָרן קיין פּעטערבורג, כּדי דאָרט צו באַקומען אַ דערלויבניש צו שפּילן און אויך דאָרט צענזורירן פּיעסעס.

„ספּיוואַקאָווסקי האָט געשטאַמט פֿון אַ בכּבודיקער פֿאַמיליע, וואָס האָט געהאַט צווישן אירע מיטגלידער פֿילע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן—דערציילט יעקב פּ. אַדלער. — ער איז אויך געווען זייער אימפּאָזאַנט און איינפֿלוסרייך, האָט געקענט פֿולקאָם פֿראַנצויזיש, איז געגאַנגען געקליידט זייער שיין, זיינע קליידער זיינען געווען אַ מוסטער, מען האָט אים איינפֿאַך באַטראַכט פֿאַר אַ מאָדעל. ער האָט דערפֿאַר געהאַט אַ צוטריט צו פֿאַרמעגלעכע מענטשן, איבערהויפּט צו זיינע פֿאַרמעגלעכע קרובֿים. עס איז אים צוליב דעם נישט שווער געווען צו באַקומען די נויטיקע סומען געלט פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ יידיש טעאַטער.

אין משך פֿון עטלעכע וואָכן האָט ס. באַקומען אין פּעטערבורג די דערלויבניש און די צענזורקעס און געגרינדעט די טרופּע.

וועלכע איז — לויט אַדלערן — אַנאָנסירט געוואָרן „ערשטע יידישע טרופּע אין רוסלאַנד אונטער דער ליייטונג פון יעקב ספּיוואַקאָווסקי״.

לויט ב. גאָרין איז ישראל ראָזענבערג, וועלכער איז געווען אַן אַקטיאָר ביי אברהם גאָלדפאַדען, נאָך פריער אָפּגעפאָרן קיין אָדעס און באַשלאָסן דאָ צו גרינדן אַ ייִדיש טעאַטער. אפנים, אַז אין אָדעס האָט ער זיך פאַראייניקט מיט ספּיוואַקאָווסקין: „ראָזענבערג און ספּיוואַקאָווסקי האָבן צוגעצויגן צו זיך די אָדעסער פאָלקס-זינגער, צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע, אין וועלכע[ר] עס זיינען אַריין יאַנקל קאַצמאַן, מענדל אַבראַמאָוויטש, אריה שראַגע, אהרן טאַגער, באָריס אַלטמאַן און סאָפיע אָבערלענדער, געדונגען דעם רעמעסלעני קלוב [וואו ס׳האָט פריער געשפּילט אַ דייטשע טרופּע] און צום ערשטן מאָל אין אָדעס [לויט י. רימיניק — דעם 23 יאַנואַר 1879] האָט מען גענומען שפּילן יידישע שטיקער. דעם ערשטן אָונט האָט מען געשפּילט דריי וואָדעווילן: „פיר פּאָר פאַרצעלייענע טעלער״, „די שוועבעלעך״ און „די דריי טויבע״, אַלע געשריבן פון א. גאָלדפאַדען. אַ חוץ דעם האָבן די נעכטיקע פאָלקס-זינגער געזונגען קופּלעטן פון גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר. דער עולם האָט דערפון געלעקט די פינגער און מען האָט דעם זעלביקן פראָגראַם אָנגעהאַלטן עטלעכע מאָל. עס ווייזט אויס, אַז ראָזענבערג און ספּיוואַקאָווסקי, וועלכע האָבן זיך שוין באַטראַכט אַלס גרויסע קינסטלער, האָבן מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך מיט אַ גאַנצע שטיק אויף די נעכטיקע פאָלקס-זינגער און דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן מיט וואָדעווילן, וועלכע זיינען געווען נעענטער צו זיי. די [דאָס] ערשטע גאַנצע שטיק איז געווען „ברײַנדעלע קאָזאַק״ פון א. גאָלדפאַדען. מען איז פשוט געשטאַנען אויף די קעפּ. אַזאַ גרויסער עולם איז געקומען זען די קאָמעדיע. די פּאָדריאַטשיקעס, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון בוקאַרעסט, האָבן זיך נסים אָנדערציילט פון יידישן טעאַטער. די פאָלקס-זינגער האָבן אויסגעכאַפּט די קופּלעטן פון גאָלדפאַדענס שטיקער און אַריינגעבראַכט זיי אין די יידישע הייזער. און דאָס אַלץ האָט אָנגעצונדן די נייגערדע צו זען וואָס מען שפּילט אין יידישן טעאַטער. מען האָט נאָכדעם געשטעלט „שמענדריק״ און „די קאַפּריזנע טאָכטער״. אין דער לעצטער פּיעסע האָט אויך דעביוטירט דער שפּעטער באַרימטער יידישער אַקטיאָר יעקב פּ. אַדלער״.

ווי אַדלער דערציילט, איז ס. געווען דער הויפּט-קופּלעטיסט פון דער טרופּע. ער פלעגט ביים זינגען די קופּלעטן אַרויסוואַרפן די ציניִשע אויסדרוקן און צווייי-דייטיקע שטעלן. די אַקטיאָרן פלעגן אים דערפאַר רופן „דער ריינער״.

בעת די ערשטע פאָרשטעלונגען אין אָדעס, פלעגט ס. אויך דאַרפן שפּילן אייניקע ראָלן אין איין פּיעסע.

„די פירער פון דער טרופּע — שרייבט ב. גאָרין — האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. די געשעפטן אין טעאַטער זיינען געווען גוט און די אַקטיאָרן האָבן אָנגעטאָן צילינדערס, לאַנגע „ווינטשיקאָוס״, וואָס זיינען דאַמאָלט געווען אין דער מאָדע, און זעמשענע הענדשקעס. אַרום דער צייט [1879] האָט זיך גאָלדפאַדען אויסגעקליבן צו פאָרן קיין אָדעס. ...זיי [גאָלדפאַדען און ליבערסקאָ] זיינען געקומען אַליין, אָן דער טרופּע, נאָר דאָס איז געווען גענוג, אַז ראָזענבערג און ספּיוואַקאָווסקי זאָלן אויפהערן צו געבן זייערע פאָרשטעלונגען. אין רומעניען איז נישט אָנערקענט געווען קיין אויטאָרס רעכט, נאָר אין רוסלאַנד איז דער זכות פון דעם שרייבער בייגעשטאַנען אים. אַז פרעמדע זאָלן זיך מיט זיינע ווערק נישט באַנוצן אַ חוץ דעם איז געווען גענוג, וואָס גאָלדפאַדען אַליין איז געקומען, אַז די פריערדיקע קאָמפּאַניע זאָל אָפּטרעטן אָן אַ זייט. דידאָזיקע קאָמפּאַניע האָט געהאַט אַנדערע פּיעסן — לאַטיינערס און הערוויטשעס, — נאָר מיט זיין אָנקומען איז ביי זיי אָפּגעפאַלן יעדער חשק צו מאַכן שבת פאַר זיך. די מורא און דרך-ארץ פאַר גאָלדפאַדען איז געווען זייער גרויס צווישן די אַקטיאָרן, און זיי האָבן אים גערופן „רבי״ און „טאַטע״.״

אַדלער דערציילט, אַז גאָלדפאַדען האָט אפילו דאַמאָלט געפּרובט איבעררײדן ס.׳ן, ער זאָל זיך אָנשליסן אין זיין טרופּע, אָבער ס. האָט דערצו נישט מסכים געווען [לויט י. רימיניק איז ס. יאָ אַריינגעטראָטן אין גאָלדפאַדענס טרופּע, אָבער קורץ דערויף (25 מאַי) איז ער מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן אַרויסגעטראָטן] און האָט זיך מיט דער טרופּע געלאָזט אויף אַ טורנעע איבער רוסלאַנד און פּוילן (1879). דערביי האָט ס. אומעטום געהאַט אַ צוטריט צו די אינטעליגענטסטע קרייזן, פלעגט פאַרקערן אין די שענסטע יידישע הייזער און אומעטום אַרויסרופן דורך זיין פּערזאָן סימפּאַטיע און רעספּעקט צום יידישן טעאַטער. ער פלעגט אפילו באַזוכן רבנים און זיי בעטן קומען אין טעאַטער, אָנווייזנדיק וואָס פאַר אַ גוטע שול דאָס טעאַטער איז פאַרן עולם, איבערהויפּט פאַרן האַנטוועראַקער און אַרבעטער.

די פּוילישע יידן האָבן — לויט יעקב פּ. אַדלער — זייער ליב געהאַט ס. אַלס אַקטיאָר און דער נאָמען „ספּיוואַקאָווסקי״, ווי די פּוילישע יידן האָבן אים אַרויסגערעדט, איז געווען זייער פּאָפּולער אין פּוילן.

אין זעלבן יאָר [1879] האָט ס. געשפּילט אין וואַרשע אונטער זיין און ישראל ראָזענבערגס דירעקציע און געבראַכט פון ריגע פּרל. בערטאַ בערלין (שפּעטער — טאַנצמאַן). דאָ האָבי זיי זיך פאַראייניקט מיט די וואַרשעווער אַקטיאָרן און געשפּילט אין טעאַטער עלדאָראַדאָ, ביז די רעגירונג האָט פאַרווערט יידיש טעאַטער און ס. טרעט ווידער אַריין אין א. גאָלדפאַדענס טרופּע אין אָדעס.

ב. ווײַנשטיין דערציילט אין זיינע זכרונות: „...דער איינציקער נישט-יידישער קופּלעטיסט, וועלכן אָדעס האָט דאַן שוין גוט געקענט איז געווען אַ געוויסער אַקטיאָר מיטן נאָמען ספּיוואַקאָווסקי. ער פלעגט אויך שפּילן מיט אַ רוסישער אָפּערעטען-טרופּע, וואָס פלעגט געבן פיר מאָל אַ וואָך פאָרשטעלונגען אין דעם זעיבן מאַריענטעאַטער. די איבריקע דריי אָוונטן פלעגט דאָרט שפּילן גאָלדפאַדענס יידישע טרופּע״.

„אָבער אין אַ קורצע[ר] צייט נאָכדעם — דערציילט ב. גאָרין — טרעפן מיר אים [ס.] שוין אויף דער פּראָווינץ אין טוביא [נפתלי] גאָלדפאַדענס טרופּע. עס איז גרינג אָנצושטויסן זיך, אַז יאָס האָט ער נישט געטאָן פאַר נחת, און ער איז געווען זייער אויפגעבראַכט אויפן גרינדער פון טעאַטער.״ דאָס איז אַפילו געווען די סיבה וואָס ס. האָט פאַרגעלייגט דעם גריך אָמער צו ברענגען פון רומעניע מאָגולעסקאָן מיט זיין טרופּע אויף גאָלדפאַדענס אָרט.

„מיר קאָנען נישט באַשטימען — שרייבט ב. גאָרין — צי ספּיוואַקאָווסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעגעבן שכל אָמערן און אויפגעגעבן אים דעם דאָזיקן פלאַן, צי עס האָבן זיך שוין געפונען פאַר אים אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט [אָפּ]רעכענען זיך מיט גאָלדפאַדענען, נאָר זיכער איז, אַז אָמער האָט געשיקט ספּיוואַקאָווסקין אַלס שליח קיין רומעניע, ער זאָל ברענגען מ[ו]גולעסקאָן מיט זיין טרופּע. אין יאַסי האָט ספּיוואַקאָווסקי גע-

טראָפן יצחק ליבּרעסקין, וועלכער איז בּיז אַ קורצע[ר] צייט צוריק געווען די רעכטע האַנט פון גאָלדפאַדען. אין אָדעס האָט גאָלדפאַדען אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל און צוריקגעשיקט אים אַהיים קיין יאַסי. ער האָט דערפאַר געהאַט אַ כּעס אויף גאָלדפאַדען און צו אים האָט זיך ספּיוואַקאָווסקי געווענדעט, אַז זיי זאָלן אַלס גאָלדפאַדענס שונאים צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע און פאָרן קיין אָדעס. מאָגולעסקאָ און לאַטיינער זיינען דאַמאָלט געווען אין באָטושאַן און זיי האָבן קוים-קוים זיך דורכגעשלאָגן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג ווי אָן אַ הייסן שטיין און אַלע פיר זיינען גלייך אַוועק קיין אָדעס."

לויט יצחק ליבּרעסקאָ דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט ער דאָרט פאַר ס. איינגעאָרדנט אין קריסטלעכן „מאַקס גארטן" איינִיקע אָוונטן, אויף וועלכע ס. האָט פאָרגעלייענט און דערפאַר באַקומען איינִיקע הונדערט פראַנק, און ווען זיי זיינען געקומען אין אָדעס, האָבן זיי קיינעם נישט געטראָפן שפּילן אין מאַרינסקי-טעאַטער, ווייל אברהם גאָלדפאַדען האָט דאַמאָלט מיט זיין טרופּע געשפּילט אין ניקאָלאַיעוו און נפתלי גאָלדפאַדען אין קעשעניעוו.

אָבער ס איז, ווייזט אויס, לאַנג נישט געבליבן שפּילן אין אָדעס. נייטאַן לעווין גיט איבּער, אַז אין 1880 פלעגט ער מיט נאָך 3 זינגער אַלס קוואַרטעט אַרויסטרעטן אין די דיוועֶרטיסמענטן אין ס.׳ס רוסישער טרופּע אין מינסק אין גובּערנאַטאָרס גאָרטן. און אַדלער גיט איבּער, אַז אין 1882 האָבן זיי צוזאַמען איבּערגעלעבּט דעם פּאָגראָם אין ניעזשין. באַלד דערויף איז ווידער אַרויס אַ פאַרבּאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער. די טרופּע איז זיך צעפאַלן און ס. איז צוריקגעפאָרן קיין דרום-רוסלאַנד.

נאָכן גרויסן פאַרבּאָט (דעם 17 אויגוסט 1883), ווען אַלע יידישע אַקטיאָרן האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד, איז ס. מיט אַ טרופּע (לייזער צוקערמאַן, אבא שיינגאָלד, שרה-גאָלדשטיין-קאַרפּ, גאָלדשמידט, י. ווײנשטאָק, שואל וויינשטיין, די קויפמאַנס א. א.) א״א פון סופלער בּערנער געפאָרן קיין קעניגסבּערג (פּרייסן), וואו זיי האָבן געשפּילט 2 חדשים, דערנאָך 2 וואָכן אין דאַנציג און פון דאָרט אַוועק קיין בּערלין.

נאָכן שפּילן נאָך אַ געוויסע צייט אין דייטשלאַנד, איז ס. מיט נאָך איינִיקע אַקטיאָרן אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו זיי פלעגן אַרויסטרעטן אין עלדאָראַדאָ-טעאַטער מיט „קאָנצערטן" [צוליבּן פאַרבּאָט צו שפּילן טעאַטער]. „דערבּיי – שרייבּט ב. גאָרין – האָט מען זיך געקליגט ווי אַזוי אונטערן נאָמען קאָנצערט אַריינצופּעקלען אַן אַקט פון אַ שטיק און אַמאָל אַ גאַנץ פּיעסעלע. אָפט בּיי אַזעלכע קאָנצערטן האָט געטראָפן, אַז אין מיטן פון אַ סצענע האָט מען אָנגעזאָגט, אַז אַ פּריסטאַוו קומט אין טעאַטער און תּוך כּדי דבּור האָט מען אויף דער בּינע אָנגעהויבּן צו זינגען סתם אין דער וועלט אַריין. אַזאַ שפּילן איז די אַקטיאָרן נישט געווען צום האַרצן און איינציקווייז האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט זוכן זייער גליק אין אַנדערע מדינות".

אויף אַ געוויסער צייט ווערן פאַרלוירן די שפּורן וועגן ס.׳ס טעטיקייט. ערשט אין 1887 זעען מיר אים צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדען אין ניו-יאָרק.

יעקב פּ. אַדלער גיט איבּער, אַז ווען ער איז געקומען אין ניו-יאָרק, האָט ער „דאָרט געטראָפן אי ספּיוואַקאָווסקין, אי גאָלדפאַדענען. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט. די צוויי יידישע טעאַטערס, וועלכע האָבן דאַמאָלט עקסיסטירט אין ניו-יאָרק, און וואָס האָבן געהאַט אין דער שפּיץ הורוויטשן און זילבּערמאַנען, האָבן זיי בּיידע נישט געוואָלט אַריינעמען. מיר האָבן זיך אַלע דריי אַרומגעדרייט און געקוקט אויף די שטיקלעך הימל, וואָס האָבן זיך געזען צווישן די הימל-קראַצערס פון ניו-יאָרקער גאַסן. זעענדיק, אַז ס׳איז אין ניו-יאָרק פאַר אונז קיין פּלאַץ נישטאָ, האָבן מיר בּאַשלאָסן פון דאָרט אַוועקצופאָרן. גאָלדפאַדען איז אַוועק נאָך גאַליציע, און דאָרט אָנגעפאַנגען שפּילן יידיש טעאַטער. איך בּין צוריק אַוועק נאָך ענגלאַנד, און ספּיוואַקאָווסקי איז צוריק אַוועק נאָך רוסלאַנד: „איך פאָר מיר צוריק צו מיין רוסלאַנד, – האָט ער געזאָגט – ווי גוט עס זאָל זיין אין אַמעריקע מיט אירע אַלע גאָלדענע גליקן, איז פיל בּעסער אין רוסלאַנד".

לויט דוד קעסלער, איז ס. די גאַנצע צייט געווען מיט די אַקטיאָרן-שטרייקער (קעגן גאָלדפאַדען) און נאָכן שטרייק איז ער אַריינגעטרעטן שפּילן אין דער טרופּע.

בּאָריס טאָמאַשעווסקי דערציילט, אַז ס. איז מיט אים אַ קורצע צייט געווען אַ שותּף אין בּאָסטאָן און בּאַלטימאָר, און בּמשך פון דער קורצער צייט, וואָס ס. איז געווען אין אַמעריקע, האָט ער זיך דערוואָרבּן אַ גרויסן נאָמען, אָבּער בּאַקומענדיק אַ דערלויבּניש[!] צו שפּילן אין רוסלאַנד, איז ער צוריקגעפאָרן אַהין.

צוריקגעקומען אין רוסלאַנד, האָט ס. אָנגעהויבּן פירן אַליין אָדער בּשותּפות טרופּעס און האָט זיך דערוואָרבּן אַ גרויסע פּאָפּוליאַריטעט.

ר. גראַנאָווסקי שרייבּט: „צו יענער צייט האָבּ איך זיך געטראָפן מיט דעם אַקטיאָר און טעאַטער-אונטערנעמער ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער איז געקומען מיט אַ טרופּע קיין אָדעס שפּילן יידיש טעאַטער. כּדי צו קריגן אַ דערלויבּניש, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אינזשיניער גורלאַנד, בּיי וועמען איך האָבּ געאַרבּעט און דערנאָך געוואוינט נאָך מיין פאַרלאָזן די שטעלע. ספּיוואַקאָווסקיס פאַרלאַנג איז געווען, אַז גורלאַנד זאָל דורך זיין איינפלוס אים העלפן. גורלאַנד האָט מיך מיט אים בּאַקענט און איך האָבּ זיך מיט אים בּאַפריינדעט. איך האָבּ פון דער בּאַקאַנטשאַפט דערציילט [יצחק-יואל] ליניעצקין און אים געבּעטן העלפן קריגן אַ דערלויבּניש פאַר ספּיוואַקאָווסקין, האָט מיר ליניעצקי געזאָגט: „איך האָבּ אַן עצה: זאָל זיך ספּיוואַקאָווסקי ווענדן צו אָסיפּ מיכײלאָוויטש לערנער און אים געבּן אַ פּאָר רובּל, וועט ער אים דאָס דורכפירן". ...איך בּין געגאַנגען אין ליניעצקיס נאָמען און ספּיוואַקאָווסקי האָט געקריגן אַ דערלויבּניש צו שפּילן יידיש טעאַטער אין דייטש..."

אין 1892 האָט ס. געשפּילט אין וואַרשע. אסתּר-רחל קאַמינסקאַ דערציילט אין אירע זכרונות, אַז ס. איז געקומען צוזאַמען מיט פּישזאָנען און זייער טרופּע און געשפּילט אין טעאַטער עלדאָראַדאָ. ס. איז אויפגעטראָטן אַלס „בּן עקיבא" אין גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ" („אוריאל" – יוליוס אָסקאַר), אָבּער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. ער האָט דאַן גענומען עטלעכע יונגע אַקטיאָרן און געשפּילט מיט זיי אויף דער זעלבּער גאַס אין אַ זאַל, וואָס האָט זיך גערופן „שאַטע דע פלאָר". קאַמינסקאַ שילדערט אַזוי אַ פאָרשטעלונג: „געווען איז דאָרט אַ קליין בּינעלע. געשטעלט האָט ער „שולמית" און אַליין געשפּילט אבשלום. איינגעהילט אין אַ רויטער קאָלדרע, פון אונטער וועלכער מען האָט אַרויסגעזען זיינע שוואַרצע הויזן און די קאַמאַשן. ער האָט אויסגעזען אַזוי קאָמיש, אַז איך האָבּ שוין דאַמאָלט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין טעאַטער-שפּיל".

אין משך פון אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ס. ווייטער פאַרנומען איי-

נעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אַלס אַקטיאָר, אָבער הויפּטזעכלעך אַלס טעאַטער-דירעקטאָר. ער פלעגט על פּי רוב פירן טרופּעס בשותפות מיט פישזאָן אָדער סעם אַדלער.

וועגן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס פלעגט אָט דידאָזיקע טרופּעס אויסקומען צו שפּילן יידיש טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד, דערציילט נח פּרילוצקי: „איך געדענק — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן [1905] בין איך געווען אין יידישן טעאַטער — אין פּעטערבורג, בשעת ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע איז אַרויסגעטראָטן אין איינעם פון די שענסטע טעאַטער-זאַלן פון דער שטאָט. דידאָזיקע טרופּע האָט זיך געקויפט דאָס רעכט צו שפּילן אויף די ברעגעס פון דער ניעוואַ פאַר זייער אַ טייערן פּרייז: זי האָט געמוזט אַוועקגעבן 25 פּראָצענט פון דער הכנסה פון יעדן אָוונט ברוטאָ פאַר דעם „בלויען צלם“. ...אי דאָס האָט די טרופּע נאָך נישט געקאָנט שפּילן אויף יידיש. ...זי האָט געהייסן „ניעמעצקאַ-יעווריסקאַיאַ טרופּאַ“, און דעריבער האָט איין העלפט אַקטיאָרן געמוזט ריידן אויף דער בינע האַלב-דייטש, און נאָר די אַנדערע העלפט — יידיש...“

דער אַקטיאָר ירמיהו אַדלער גיט איבער, אַז בעת אַ פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, האָט ס. אויפגעפירט און מיטגעשפּילט אין רוסיש אין גאָלדפאַדענס „שולמית“.

אין אַקטיאָרן-קרייזן האָט אויך קורסירט אַ נישט קאָנטראָלירטע ידיעה, אַז ס. איז געווען געטויפט. אַלנפאַלס האָט ער זיכער געהאַט אַ טויף-שיין, וואָס האָט אים מעגלעך געמאַכט צו זיין אין די שטעט, וואָס זיינען געווען מחוץ דעם יידישן תחום אין צאַרישן רוסלאַנד.

בערך 1911 האָט ס. פאַרלאָזט רוסלאַנד און אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן מיט קליינע טרופּעס איבער מערב-אייראָפּע, הויפּטזעכלעך אין שווייץ און בעלגיע.

אברהם רייזען שילדערט אַזוי זיין באַגעגעניש מיט ס. אין בעלגיע: „דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר דאַן, אין 1913, אין אַנטווערפּן, געמאַכט דער יידישער שוישפּילער ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער איז שוין געווען אַ יורד, סיי אַלס שוישפּילער סיי אַלס גביר. אָבער אַזאַ מין פילאָזאָפישע רואיקייט ווי האָט עס זיך דאַן געמערקט אין ספּיוואַקאָווסקיס האַלטן זיך און זיין גרויס-מענטשלעכן שמייכל, און זיין מקבל-באהבה זיין די אַלע באַליידיקונגען, אַלס געפאַלענער שטערן, איז געווען שווער צו געפינען און עס האָט ביי מיר אַרויסגערופן דעם טיפסטן מיטגעפיל, נישט קוקנדיק וואָס דער מין ספּיוואַקאָווסקי-אַקטיאָר איז מיר געווען ווייט. ...אין אַנטווערפּן האָט ער שוין עקסיסטירט מיט זיין אַמאָליקן נאָמען, געשפּילט קליינע ראָלן אין דעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער, וואָס איז באַשטאַנען פון דער וואַקסמאַן-טרופּע, און אַפילו אין אָט דער טרופּע איז ער געווען פון די נישט-וויכטיקע אַקטיאָרן.

„אַ גרויסן נחת-רוח האָט ער געהאַט, ווען ער האָט אויף מיין „אָוונט“, וואָס איז פאָרגעקומען טאַקע אין אַנטווערפּענער יידישן טעאַטער, אָנטייל גענומען אין מיין איינאַקטער „גוטע ברידער“. ער האָט געשפּילט איינעם פון די הענדלער און האָט באמת דידאָזיקע קליינע און אומוויכטיקע ראָלע הערלעך געשפּילט מיט אַ סך הומאָר און פאַרשטענדניש פאַר דעם טיפּ פון אַ וואַרשעווער הענדלער פון אַלטוואַרג בכלל. אַז איך האָב אים, שוין נאָכן שפּילן, אויסגעדריקט — אין אַ גוזמאדיקער פאָרם, כדי צו מוטיקן אים — מיין מיינונג וועגן זיין שפּילן, האָט ער זיך אַזש גערויטלט ווי אַ יונגער אַקטיאָר, וואָס הויבט ערשט אָן. געווען גליקלעך, וואָס עס געפינט זיך נאָך איינער, וואָס שאַצט אָפּ זיין בינע-קונסט און ווי באַרוישט פון דעם ערפאָלג, געמורמלט „וואָס דען? אַז מיר ווילן, קאָנען מיר נאָך עפּעס.“ ...עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט-קוקנדיק, וואָס ער איז אַן אַקטיאָר פון די אַמאָליקע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס, איז ער דאָך געווען באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, דערמאָנט מיט ליבשאַפט און מיט ערפורכט די נעמען פון י. ל. פּרץ, זיך שיער נישט געריימט, אַז ער קען אויך פּערזענלעך שלום אַש, דעם אויטאָר פון „גאָט פון נקמה“ און אַפילו אין דערדאָזיקער — נאָך מיין מיינונג — גאָלדענער דראַמע אָנטייל גענומען שוין אין די לעצטע יאָרן. ...ער איז בכלל געווען אַ מענטש מיט אינטעליגענץ, איידעלע מאַניערן און מיט אַן אמתע גאָלדענע האַרץ, ווי עס רופן אָן אַזעלכע גוטע מענטשן דאָס פאָלק“.

נאָך דער מלחמה איז ס. געקומען אין לאָנדאָן און דאָ האָט ער באַלד דערפילט די גלייכגילטיקייט, וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוויזן. קיין מעגלעכקייט צו שפּילן אין פּאַוויליאָן-טעאַטער האָט מען אים נישט געגעבן „כאָטש ער איז נאָך — ווי י. מ. בלאַנג שרייבט — געווען גענוג פעאיק אויפצוטרעטן אין געוויסע ראָלן. אום זיך צו ראַטעווען פון הונגער מיט זיין פאַמיליע, האָט ער צונויפגעקליבן אַ פּאָר אַמאַטאָרן און מיט זיי אויפגעפירט איינציקע יידישע און רוסישע פּיעסען. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ווייט נישט געווען גענוג אום זיין מאַטעריעלע לאַגע צו פאַרבעסערן. דערצו איז ער קראַנק געוואָרן און איז דורכגעגאַנגען פון איין אָפּעראַציע צו דער אַנדערער. זעלטן ווען עמעצער האָט זיך דערמאָנט אין אים בעת ער האָט געלעבט און איז אַ קראַנקער און טיף-דערשלאָגענער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, אָדער אָפּגעזעסן שעהן לאַנג אין די פאַרשיידענע רעסטאָראַנען פון ווייטשעפּל, וואו עס קומען זיך צונויף די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. אַ שווייגנדיקן האָט מען אים תמיד געזען, און אויב דער אַלטער ספּיוואַקאָווסקי האָט שוין יאָ גערעדט, האָט ער דאָס געשילדערט די ראָלע, וואָס ער האָט אַמאָל געשפּילט אין דער יידישער טעאַטער-וועלט און ווי אַזוי די אַלע איצטיקע באַרימטע יידישע שוישפּילער, וואָס זיינען פונאַנדערגעוואָרפן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער גאַנצער וועלט, זיינען אַמאָל געווען זיינע תלמידים. ...די אַלע פּראָבעס [אויפרופן צו העלפן ס.] האָבן זיך אָבער נישט תמיד איינגעגעבן, און עס פאַרשטייט זיך, אַז די שולד אין דעם האָט אויך געהאַט אַ געוויסער טייל אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך ליידער נישט באַצויגן מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט צו זייער רבין. ...בעת ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט זיך אין אים חלילה נישט דערמאָנט קיין אַקטיאָר, נאָר עפּעס אַ ווייטער באַקאַנטער ה' בלעקער [ברודער פון דער אַקטריסע ראַשעל ראָזענפעלד] און דער שרייבער פון די ציילן, וועלכע זיינען אַרויס מיט אַ גרויסן פּראָטעסט-אויפרוף צו שאַפן הילף פאַר דער אומגליקלעכער פאַמיליע פון אַלטן שוישפּילער. דאָ האָבן זיך שוין דווקא באַוויזן איינציקע אַקטיאָרן און מען האָט אַראַנזשירט אַן אונטערנעמונג [14 אַפּריל 1918]. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך אויך אָן אים דערמאָנט ה' מאָריס מאָשקאָוויטש און געוואָלט אָפּפּטרן עפּעס אַ חוב מיט אַ פאָרשטעלונג. ...די לעצטע שעהן פון ספּיוואַקאָווסקין זיינען געווען שרעקלעך טראַגישע. ...זיין איינציקע האָפענונג איז נאָר געווען, אַז ער זאָל נאָך האָבן די זכיה צו זען יעקב אַדלערן, וועלכער האָט געדאַרפט יעדע מינוט אָנקומען קיין לאָנדאָן. ער איז געווען זיכער, אַז אַדלער וועט שוין זאָרגן פאַר זיין

פאַמיליע. ער האָט אָבער נישט געהאַט דאָס גליק אים צו זען. ווען אַדלער איז גלייך פון דער באַן געקומען צו ספּיוואַקאָווסקין, האָט מען אים שוין באַגעגנט מיט אַ „צו שפּעט".

דעם 25 סעפּטעמבער 1919 איז ס. געשטאָרבן אין לאָנדאָן און געקומען צו קבורה אויפן עדמאַנטאַן בית־עולם.

באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אין 1916 געטראָפן ס. שפּילן יידיש טעאַטער מיט „ליבהאָבער" אין פּאַריזער לאַטיינישן קוואַרטאַל, כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „...ספּיוואַקאָווסקי איז [געווען] דער ערשטער, דער גרויסער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר, טאַקע דער גרעסטער פון אַלע. צווייטנס איז ספּיוואַקאָווסקי געווען איינע פון די אַמאָליקע פאַרעכנטע גרויסע סטאַרס. ספּיוואַקאָווסקי איז געווען אַן אַריסטאָקראַט אין לעבן און אויך דער ערשטער יידישער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך געקאָנט האַלטן אַלס אַריסטאָקראַט אויף דער בינע. ...ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע שטימע. ער האָט געשפּילט אויף דער רוסישער בינע און האָט זיך געווידמעט דער יידישער. ער איז אויך געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, [גע]רעדט גוט רוסיש, אַ שיינעם דייטש און אַביסעלע פראַנצויזיש. ער איז שטאַרק באַליבט געוואָרן ביים בעסערן יידישן טעאַטער־עולם. ער איז אויף דער יידישער בינע אַלס אייראָפּעאישער שוישפּילער אויפגענומען געוואָרן".

ש. ע. פון פנחס טאַנצמאַן.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 241, 238, 220-21, 210, 208, II, ז. 52.

באָריס טהאָמאַשעווסקי — טהאָמאַשעווסקי בעגעגענט אין פּאַריז אַ געפאַלענעם גרויסען אידישען אַקטיאָר, „פאָרוו.", נ. י., 2 יאַנ. 1916.

דייוויד קעסלער — דער ערשטער אידישער אַקטיאָרען־סטרייק, „טאָג", נ. י., 18 מערץ 1917.

יאַקאָב פּ. אַדלער — 40 יאָהר אויף דער ביהנע, „דיא וואַרהייט", נ. י., 11, 15 יאַנ., 12, 19 אַפּריל 1917.

נעקראָלאָג אין „צייט", לאָנדאָן, 26 סעפּט. 1919.

יעקב פּ. אַדלער — יעקב ספּיוואַקאָווסקי אין די ענטשטעהונג פון יודישען טעאַטער אין רוסלאַנד, „די צייט", לאָנדאָן, 31 סעפּט. 1 אָקטאָבער 1919.

י. מ. בלאַנג [א. סאָכאַטשעווסקי] — די טראַגעדיע פון אַ יודישען שוישפּילער, „לאָדזשער טאָגבל'ט", 15 אָקט. 1919.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, ז. 5.

אסתר־רחל קאַמינסקאַ [זכרונות] — „דער מאָמענט", וואַרשע, 8 אָקט. 1926.

י. רימיניק — ערשטע פינף יאָר אידישער טעאַטר אין אָדעס, „די רויטע וועלט", נ' 12, 1926.

ר. גראַנאָווסקי — יצחק־יואל לינעצקי, „פּנקס", נ. י., 1927-28, זז. 215-216.

זלמן זילבערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע, 1928, זז. 94-97.

י. רימיניק — די ערשטע טריט פונם אידישן טעאַטער, „דער האַמער", נ. י., פעבר. 1928.

ב. וויינשטיין — די ערשטע יאָרן פון יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו־יאָרק, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, ז. 244.

אברהם רייזען — מלחמה־יאָהרען, „צוקונפט", נ. י., אַפּריל 1930.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטעריסע, „די יודישע וועלט", קליוולאַנד, 21 אָקט. 1930.

ספּעקטאָר, בעטי

[מאַגידאָוו]

שוועסטער פון יידישן שרייבער יעקב מאַגידאָוו. געקומען פון אָדעס אין אַמעריקע צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער דריטער פאַרטיע „עם עולם" [בערך 1882] און זיך באַטייליקט אין די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען מיט באָריס טאָמאַשעווסקי.

באָריס טאָמאַשעווסקי כאַראַקטעריזירט זי אַזוי: „זי איז געווען [ביי איר ערשטן אויפטריט אין ניו־יאָרק] אַן אינטעליגענט ווייבעלע, און נישט לאַנג פון אַ רוסישער גימנאַזיע. ביידע [זי און איר מאַן] זיינען געווען פאַרמישט אין סאָציאַליזם און צוליב דעם האָט מען זיי ביידע אַרויסגעוואָרפן פון די שולן. די גרויזאַמע צייט האָט זיי אַרויסגעטריבן פון זייער ליבער היים אָדעס, און זיי פאַרוואָרפן און פאַרטריבן פון אַלע אייגענע, נאָנטע און ווייטע קרובים. זיי האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, אָן געלט, אָן אַ שפּראַך, און אָן אַ ציל. ...זיי האָבן געחלומט, אַז מיט זייער ווידמען זיך דער יידישער בינע, וועלן זיי מאַכן אַ רעוואָלוציע און וועלן שאַפן עפּעס נייעס פון יידישע שרייבער אָדער פון איבערזעצן און שפּילן די רוסישע און דייטשע דראַמעס. ...זיי האָבן גרויס ערפאָלג [מיט שפּילן „אַקאָסטאַ" און „זשידאָווקאַ"], אָבער קיין פּרנסה, און אַזוי ווי זיי האָבן עטלעכע קינדער, באַשליסן זיי צו פאַרלאָזן די בינע און זיך נעמען צו אַן אַנדערע[ר] פּרנסה. זי איז געוואָרן אַ פּראָסטע שטוב־יידענע, אַ בעל־הביתטע אין דער היים, אַ מאַמע צו אירע קינדער, און פון טעאַטער האָט זי מער נישט געחלומט און אַפילו נישט געדענקט".

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 24, 17

באָריס טהאָמאַשעווסקי — אַמאָליגע אַקטיאָרען וואָס וואָלטען נאָך וועלען כאָטש איינמאָל אויפטרעטען אין טהעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 25 אויג. 1923.

ספּעקטאָר, לעאָן

געקומען פון אָדעס אין אַמעריקע מיט די מיטגלידער פון דער דריטער פאַרטיע „עם עולם" [בערך 1882] און זיך באַטייליקט אין די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען אין ניו־יאָרק מיט באָריס טאָמאַשעווסקי.

לויט באָריס טאָמאַשעווסקי באַשרייבט אים, איז ער: „געווען [ביי זיין ערשטן אויפטריט] אַ יונגער, קרעפּטיקער, מוטיקער, לעבהאַפטער חברה־מאַן, נישט לאַנג אַרויס פון רוסישן אוניווערסיטעט. געווען אַ היבשער בחור, אַ חנוודיקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ קוטשעראַווע האָר. דער גרויסער קינסטלער־קאָפּ האָט באַלד געוויזן, אַז ער איז נישט קיין געוויינלעכער בשר־ודם. עפּעס פון די געהויבענע טיפן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן — אַ סקולפּטאָר, אַ מאָלער, אַן אַקטיאָר, אַ פּראָפעסאָר, נישט קיין געוויינלעכער מענטש".

ס. איז נאָך אין דער אַלטער היים געווען אַ סאָציאַליסט און צוליב דעם געמוזט פאַרלאַזן רוסלאַנד. צום יידישן טעאַטער איז ער צוזאַמען מיט זיין פרוי בעטי צוגעשטאַנען מיט דער אידעע צו דערהויבן די יידישע בינע און אויף איר אַרויפצופירן דעם איבערזעצטן רעפּערטואַר און פּיעסעס פון יידישע שריפטשטעלער. אַנטוישט אין דידאָזיקע אויסזיכטן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון

דער בינע, געווארן אן ארבעטער ביי העמדלעך און שפעטער א פארוואלטער ביי זינגערס ניי-מאשינען.

ס.׳ס זון איז פארהייראט מיט א שוועסטער פון אקטיאר יאזעף שיינגאלד.

ב. נארין — „געש. איד. טעאט.״, II, זז. 24, 17

באריס טהאמאשעווסקי — אמאליגע אקטיארען וואס וואלטען נאך וועלען כאטש איינמאל אויפטרעטען אין טהעאטער, „פארוו.״, נ. י., 25 אויג. 1923.

ספעקטאראוו, הערש

געבוירן 7 יאנואר 1894 אין זלאטאפאל, קיעווער גוב., אוקראאינע. פאטער — אנגעשטעלטער ביי א גוט-באזיצער. ביז 13 יאר געלערנט אין חדר און דערנאך מיט דער פאמיליע זיך באזעצט אין יעליסאוועטגראד, וואו ער ווערט א שיק-יינגל אין א מאנופאקטור-קראם.

באזוכנדיק אפט די פארשטעלונגען פון דער גאסטראלירנדיקער טרופע פון סעם אדלער, ווערט ער א שליח ביי די אקטיארן און ווען די טרופע פארט אפ שפילן קיין קריוואי-ראג, אנטלויפט ער צו זיי, אן וויסן פון די עלטערן, ווערט א סטאטיסט, אבער נאך עטלעכע טעג פירט מען אים צוריק אהיים צו זיינע עלטערן.

דא ארגאניזירט ער א „ליבהאבער״-קרייז, אבער באלד (אין עלטער פון 16 יאר) טרעט ער אריין אין קאריקס יידישער טרופע, וואו ער דעביוטירט אלס „דוד״ אין לאטיינערס אפערעטע „יום החופה״ און אזוי גייט ער איבער פון איין טרופע אין דער אנדערער.

1915 — מאבילעזירט געווארן אין דער רוסישער ארמעע און אין 1916, אלס קריגס-געפאנגענער, צוזאמען מיטן אקטיאר שנעק, גאסטראלירט אין לובלין אין הערשקאוויטשעס טרופע. 1919 - זיך אומגעקערט פון געפאנגנשאפט קיין אוקראאינע, וואו ער טרעט אריין אין טעאטער אלס אקטיאר און געשעפטן-פירער. 1922 — ארגאניזירט אין אדעס א גרויסע יידישע אפערעטעס-טרופע מיטן אנטייל פון די אקטיארן אדאלף סעגאל און ליאוקע ברוין. 1923 — ארגאניזירט א יידישע אפערעטעס-טרופע אין מאסקווע, וועלכע האט דערנאך גאסטראלירט איבער ווייס-רוסלאנד און וואלגע. 1926 — אקטיאר און טעכנישער רעזשיסער ביי קלארא יאנג. 1930 — באקומען פון פאלקאמבילד די אויפגאבע צו שאפן א יידיש באוועגלעך מלוכה-טעאטער פאר אוקראאינע („רויטער האמער״), פון וועלכן ער ווערט באשטימט אלס מוזיקאלישער דירעקטאר.

1932 — איינגעלאדן געווארן אלס דירעקטאר אין דער דאנבאסער אוקראאינישער קאמעדיע.

ש. ע. פון י. מ. לייפציקער.

סקולניק, מנשה

געבוירן 15 מאי 1892 אין כמעלניק, קעלצער גוב., פוילן. עלטערן — בעלי-מלאכות. געלערנט אין חדר און בית-המדרש און געזונגען אלס אלט ביי א חזן. אין 1900 זיך אריבערגעטראגן מיט דער פאמיליע אין ווארשע. פלעגט אפט באזוכן דעם צירק און ביליקע פוילישע פארשטעלונגען און דערנאך מיט אנדערע קינדער אימיטירט „טעאטער״, שפילנדיק פאר קנעפלעך. שפעטער „געמאכט טעאטער״ אין פריוואטע הייזער מיט „ליבהאבער״ (די שפעטערדיקע אקטיארן יאבלאנסקי, שידלאווער, זילבערקאסטן, גערשטענזאנג, ווייסהאף), שפילנדיק די פרויען-ראלן („דינה״ אין „טרייפניאק״, „קאראלינא״ אין „קבצנזאן און הונגערמאן״). נאכדעם ווי די אלע „ליבהאבער״ זיינען אוועקגעפארן אלס טרופע אונטער דער פירונג פון מישע גערמאן, שטעלט ס. צונויף א טרופע פון קינדער, שטודירט איין מיט זיי 3 פיעסעס און פארט מיט זיי ארום א יאר איבער דער פראווינץ. נאכן שפילן אין מעזריטש מיט „ליבהאבער״, טרעט ער אריין אין דער גאסטראלירנדיקער טרופע פון מישוראט און שפילט שפעטער אין די טרופעס פון קרויזע, סאבסיי, גענפער. צוליבן פריזיוו — אוועק קיין קראקע און פון דארט קיין ווין, וואו ער שפילט אין „בייערישן הויף״.

1913 — געקומען אין אמעריקע און דא אנגאזשירט געווארן דורך מייק טאמאשעווסקי און אנשל שאר קיין פילאדעלפיע, וואו ער איז 5 יאר ראלן-שרייבער, סצענאריוס-פירער, סטיידזש-מענעדזשער, פאבליסטי-מענעדזשער, טיילמאל רעזשיסער און טיילמאל א שליח, שפילנדיק אויך קליינע ראלן.

בעתן איינטריט-עקזאמען אלס מיטגליד אין דער יוניע דעביוטירט אלס כאראקטער-קאמיקער, ווערט ס. אויפן דאזיקן אמפלוא אנגאזשירט אין שניצערס קונסט-טעאטער, וואו ער האט געשפילט מיט בן-עמי, שווארץ, שילדקרויט, דערנאך 6 יאר אין דער פראווינץ, 1927-28 — אין ברוקלינער ליבערטי-טעאטער (דיר. — אנשל שאר), 1928 — גאסטראלירט אין ארגענטינע, 1928-29 — געשפילט אין ניו-יארק, 1929 — ווידער גאסטראלירט מיט זיין פרוי אין ארגענטינע, וואו ער האט צ. א. אויפגעפירט חנא גאטעספעלדס קאמעדיע „פרנסה״, 1930-31 — געשפילט אין ברוקלינער ראלאנד-טעאטער, 1931-32 — אין ניו-יארקער פאלקס-טעאטער, (דיר. — מישע גערמאן) און 1932-33 (צוזאמען מיט אסקאר גרין) מענעדזשער פון האפקינסאן-טעאטער, וואו ער פירט אויף און שפילט די הויפט-ראלן אין ישראל ראזענבערגס „מיסטער שלומיאל״, י. אלקאנס „רומס צו פאררענטן״ און ראזענבערג און פרידמאנס „געצל ווערט א חתן״.

ס. האט זיך אויך באטייליקט אין ניו-יארק אין די העברעאישע פארשטעלונגען פון „אוריאל אקאסטא״, פ. הירשביינס „דעם שמידס טעכטער״ און ה. ד. נאמבערגס „די משפחה״ (ראל „פינקלגרין״).

ער האט אויך רעזשיסירט און געשפילט אין דעם יידישן קלאנג-פילם „אוי א דאקטאר״ און טרעט ארויס אין ענגליש אויף דער ראדיא אין דער קאמעדיע „די רייז אף טהי גאלדבערגס״.

מ. ע.

דר א. מוקדוני — אין און ארום טעאטער, „מאז׳ש״, נ. י., 18 נאוו. 1927.

ב. [נ. בוכוואַלד] – מ. סקולניק, קאָמיקער, „פרייהייט“, נ. י. 24 פעבר. 1928.

ל. מלאך — וועגן מנשה סקולניק, „פרעסע“, ב׳א, 25 מאַי 1928.

יעקב באָטאָשאַנסקי — דער דעבוט פון מנשה סקולניק אין טעאַטער „עקסעלסיאָר“, „פרעסע“, ב׳א, 11 יוני 1928.

ה. זאַכאַק – מנשה סקולניק, דער אַקטיאָר וואָס מאַכט לאַכען און וויינען, „די אידישע צייטונג“, ב׳א, 11 יוני 1928.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — צו מנשה סקולניקס דעבוט אין „עקסעלסיאָר“, כאַראַקטעריסטיק פון טאַלאַנטפולן כאַראַקטער-קאָמיקער, „אידישע צייטונג“, ב׳א, 21 אויג. 1929.

נון צאַדיק [נ. צוקער] — דער דעבוט פון מנשה סקולניק, „אַרגענטינער טאָג“, ב׳א, 23 אויג. 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי — שרה און מנשה סקולניק אין „עקסעלסיאָר“, „פרעסע“, ב׳א, 26 אויג. 1929.

ש. ר. — אַ לייכטע קאָמעדיע, אויפגעפירט פון מ. סקולניק, „אידישע צייטונג“, ב׳א, 5 סעפט. 1929.

דר. ל. זשיטניצקי – מנשה סקולניק, „פרעסע“, 27 סעפט. 1929.

ש. ר. אַ לייכט-פאַרווײַלנדיקע קאָמעדיע אין „עקסעלסיאָר“, אויפגעפירט פון מנשה סקולניק, „אידישע צייטונג“, ב׳א, 20 אָקט. 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי – מנשה סקולניקס ערן-אָוונט אין „עקסעלסיאָר“, „אידישע צייטונג“, ב׳א, 25 אָקט. 1929.

ש. ר. — „אַ סוד פון אַ מיידל“ פון סעמועל קאָהן, אויפגעפירט פון מנשה סקולניק, „אידישע צייטונג“, ב׳א, 3 נאָוו. 1929.

ש. ר. — „די באָבע יאַכנע“ אויפגעפירט אָן אַ רעזשיסער (פון מנשה סקולניק), אידישע צייטונג“, ב׳א, 25 נאָוו. 1929.

שמואל ראָזשאַנסקי – „די גרויסע פראַגע“ פון ז. ליבין, אויפגעפירט פון מנשה סקולניק, „איד. צייט“, ב׳א, 8 דעצ. 1929.

מ. ג. [גיסער] — „די גרויסע פראַגע“ (פון ז. ליבין) אויפגעפירט דורך מ. סקולניק, „אַרגענטינער טאָג“, ב׳א, 8 דעצ 1929.

פ. חיימס — די גאַסטשפּילן פון דער עקסעלסיאָר-טרופּע מיט דער באַטייליקונג פון מנשה סקולניק, „ראָזאַריער וואָכנבלאַט“, נ׳ 288, 1929

חיים רייך [ז. זילבערצווייג] — שפּאַסיגע טעאַטער מעשה׳לעך וועגן מנשה סקולניק, „די איד. וועלט“, פילאַד., 18 מערץ 1932.

ס. רעגענסבערג – מנשה סקולניק׳ס אויפטריט אין „אַרטש“ אַלס „פישל דער גראַטענער“, „די איד. וועלט“, פילאַד., 28 מערץ 1932.

עוזיאל פליישמאַן — „מיסטער שלומיאל“ — אין האָפקינסאָן טעאַטער, „טאָג“, נ. י., 7 אָקט. 1932.

ל. פאָגעלמאַן — מנשה סקולניק אין אַ נייער פיעסע אין האָפקינסאָן טעאַטער, „פאָרוו.“, נ. י., 21 אָקט. 1932.

סקולניק, שרה
[קוטנער]

געבוירן אויגוסט 1892 אין וואַרשע, פוילן, ביי חסידישע עלטערן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. אין עלטער פון 10 יאָר אַרויסגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס פון פרץ, רייזען א. א. און שפּעטער זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען. דורך איר שוועסטער, די אַקטריסע לוסי גערמאַן, אַריינגעקומען אין אַ פּראָווינץ-טרופּע, שפּילט דאָרט ס. דראַמאַטישע ראָלן און שפּעטער מיט אסתּר-רחל קאַמינסקי אין וואַרשע אין גאָרדין-רעפּערטואַר. אין קריגס-צייט האָט זי אַ קורצע צייט געשפּילט אין לאָדזשער סקאַלאַ-טעאַטער ביי יוליוס אַדלער און ה. סיעראָצקי.

נאָך דער וועלט-מלחמה געקומען אין אַמעריקע און דאָ געשפּילט מיט איר מאַן, מנשה סקולניק, איבער דער פּראָווינץ, אויפטרעטנדיק פון צייט צו צייט אין קלענערע ראָלן אין ניו-יאָרקער יידישן קונסט-טעאַטער. 1927-8 – געשפּילט אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער, 1928-9 – אין ניו-יאָרקער פאָלקס-טעאַטער, 1929 — גאַסטראָלירט מיט איר מאַן אין אַרגענטינע, 1930-31 – געשפּילט אין ברוקלינער ראָלאַנד-טעאַטער, 1931-32 — אין גערמאַנס פאָלקס-טעאַטער, און 1932-33 אין האָפקינסאָן-טעאַטער.

ס.׳ס שוועסטער איז די אַקטעריסע לוסי גערמאַן.

ס.׳ס טאָכטער שפּילט אויף דער יידישער בינע א׳פ מאַנאַ אַש.

ש. ע. פון מנשה סקולניק.

יעקב קירשענבוים – נייע פּנים׳מער אויף אונזער ביהנע, „מאָז׳ש“, נ. י., 24 פעבר. 1928.

ש. ר. [ראָזשאַנסקי] — סאַראַ סקולניק׳ס דעבוט אין „עקסעלסיאָר“, „די איד. צייט.“, ב׳א, 26 אויג. 1929.

יעקב באָטאָשאַנסקי – שרה און מנשה סקולניק אין „עקסעלסיאָר“, „פרעסע“, ב׳א, 26 אויג. 1929.

סקולער, צבי



געבוירן 30 נאָוועמבער 1899 אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, וואָלין. געלערנט אין תלמוד-תורה און פּריוואַט יידיש און רוסיש, דערנאָך אין קאַמענעצער ישיבה און אויך געגעבן „שטונדן“ אין העברעאיש און רוסיש צו שכנישע קינדער.

יוני 1912 – געקומען מיט דער פאַמיליע צו זיין פאָטער אין ניו-יאָרק, און דאָ נאָך 3 יאָר גראַדואירט די „ישיבת רבנו יעקב יוסף“. דערנאָך ביי טאָג געווען אַ שיק-יינגל אין פאַרשיידענע פאַבריקן און אין די אָוונטן געלערנט אין אַ האַי-סקול און בית-מדרש למודים א״פ פון ח. א. פרידלאַנד.

1916 – צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אויף דער בינע אין גאָלדפאַדענס העברעאישן איינאַקטער „דוד במלחמה“, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין „קונסט-רינג“, וועלכער ווערט דאַמאָלט באַנוצט אין מאַסן-סצענעס אין יידישן קונסט-טעאַטער. דאָ דעבויטירט ער אין „דבוק“ אַלס „מנשה“ און דערנאָך אַלס „העניך“ און בלייבט אין דאָזיקן טעאַטער 3 יאָר.

1923 – אָרגאַניזירט מיט נאָך מיטגלידער פון „קונסט-רינג“ די „יידישע דראַמאַטישע סטודיע“, וועלכע פירט אויף אונטער דימאָווס רעזשי גאַלסוואירטיס „קאַמף“. 1923-5 — געשפּילט ליבהאָבער-ראָלן אין אוירווינג-פּלייס-טעאַטער מיט זאַץ. 1925-6 — באַזוכט קורסן אין „קאָלאָמבי אוניווערזיטעט“. זומער 1926 – געשפּילט אין דער ענגלישער פּיעסע „ווי אַמעריקענס“. 1927-6 — געשפּילט אויף דער פּראָווינץ און אין אַנשל שאָרס „ליבערטי-טעאַטער“, 1928-9 — אין פאָלקס-טעאַטער ביי גערמאַן, 1930-31 — מיט דער „קייט-טרופּע“ א׳פ פון נייטאַן גאָלדבערג און 1931-2 — אין פאָלקס-טעאַטער ביי גערמאַן.

דעם 24 מערץ 1931 איז ס. אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער אַקטיאָרן־יוניע.

1932 – זיך באַטייליקט אין יידישן קלאַנג־פילם „אָנקל מאָזעס" פון שלום אַש און אין ענגלישן רעווי „פאָרוואַרד מאַרטש".

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים׳ער אויף אונזער ביהנע, „מאָז׳ש", נ. י., 9 מערץ 1928.

עדות, תנחום

געבוירן 17 יולי 1884 אין דווינסק, לעטלאַנד. פאָטער — אַ תבואה־הענדלער. געלערנט אין חדר און אין 1903 געענדיקט די רעאַל־שול אין ראָוונע, דערנאָך אָנגעקומען אין ריגער פּאָליטעכניקום, פון וועלכן ער איז אין 1906 אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר פּאָליטישער טעטיקייט אַלס בונדיסט.

1909 — שטודירט אין דער טעכנישער הויכשול אין דרעזדען, דערנאָך צוריקגעקומען אין ריגע, וואו ער ענדיקט 1912 דאָס פּאָליטעכניקום אַלס אינזשיניער־טעכנאָלאָג און אַרבעט ביז 1920 אַלס בוי־אינזשיניער אין מאָסקווע און פּערסיע.

נאָך אַלס שילער פאַרעפנטלעכט ליטעראַרישע אַרבעטן אין דער ליבאַווער רוסישער פּרעסע, דערנאָך אין די רוסיש־יידישע זשורנאַלן.

יידיש — דעביוטירט מיט פעליעטאָנען אין „די יידישע שטימע" א׳ר פון בעל־מחשבות. סוף 1920 געוואָרן רעדאַקטאָר און (צוזאַמען מיט ה. אורמאַכער) אַרויסגעבער פון ריגער טאָגבלאַט „דאָס פאָלק", דערנאָך געגרינדעט דאָס וואָכנבלאַט „פרייטיק", אין וועלכן ע. שרייבט א׳פ ת. רעגלמעסיק רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

ע. האָט געפירט דעם קאַמף קעגן דער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט אין ריגע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן יידישן מעוטים־טעאַטער אין ריגע, און געווידמעט אין זיין וואָכנבלאַט פיל פלאַץ פאַר אַרטיקלען און קאַריקאַטורן פאַר ענינים פון דאָזיקן קאַמף.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע אין 4 אַקטן א׳נ „דער מאַן מיט די דאָלאַרן".

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 712־13.

עדלין, וויליאַם

געבוירן 1878 אין פרילוקי, פּאָלטאַווער גוב., אוקראַאינע. 1891 – אויסגעוואַנדערט קיין קאַליפאָרניע (אַמעריקע), וואו ער האָט שטודירט אין דאָרטיקן סטענדפאָרד־אוניווערזיטעט.

1893 — זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און 1896 אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין „אַבענד בלאַט", דערנאָך פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אַרבעט אין ענגליש א׳נ „דער קומענדיקער סאָציאַלער קאַמף".

1899 — איז ע. קאָרעספּאָנדענט און שפּעטער פאַרוואַלטער פון „די פאָלקס־צייטונג" און נאָך איר אונטערגאַנג געווען מיטגרינדער פון וואָכנבלאַט „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט", פון וועלכן ער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר, דערנאָך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון „פאָרווערטס", וואו ער איז 1902־03 מיטרעדאַקטאָר און אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטאָר. שפּעטער רעדאַקטירט פאַרשיידענע אָרגאַנען אין יידיש און ענגליש, מיטגעאַרבעט אין „דער טעגליכער העראָלד" און „מאָרגען־זשורנאַל" (1904 ביז 1913), וואו ער האָט יעדן מאָנטאָג פאַרעפנטלעבט א׳נ „אין דער וועלט פון דראַמא און מוזיק" אַן אַרטיקל מיט נייעס און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

ע. איז אויך אַ געוויסע צייט געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אַרבייטער־רינג". 1914 — רעדאַקציע־מיטגליד און שפּעטער רעדאַקטאָר פון „דער טאָג", פון וועלכן ער האָט אין 1925 רעזיגנירט און אין 1930 צוריק אַריינגעטראָטן אַלס רעדאַקציע־מיטגליד און רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער־זייט און שרייבט אויך זייער אָפט רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

ע. האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „וועלט־בעריהמטע אָפּערעס" (פּ׳ג היברו פּאָבלישינג קאָ., נ. י., 1907), אין וועלכן ער גיט איבער די סוזשעטן פון די פּאָפּולערסטע אייראָפּעאישע אָפּערעס, צוזאַמען מיט אַ קריטישער אָפּשאַצונג און מיט אַן אַריינפיר איבער מוזיק און אָפּערע בכלל.

אויפן 30 אויגוסט 1912 איז אין אַדלערס פּיפּלס־טעאַטער געווען אַנאָנסירט ע.׳ס „מענטשן און קייטן, פאַמיליע־דראַמע אין 4 אַקטן" מיט יעקב פּ. אַדלער אַלס „לאָיער לונץ", אָבער נאָנט פאַר דער פּרעמיערע איז די פאָרשטעלונג אָפּגערופן געוואָרן און די פּיעסע איז קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1913 איז אין אַדלערס טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „דער ייד, פּיעסע פון וויליאַם עדלין און לעאָן קופּערמאַן". לויט ב. גאָרין איז די פּיעסע אַדאָפּטירט פון העגרי בערנשטייןס פּיעסע „איזראַעל", וואָס ע. לייקנט אָפּ קאַטעגאָריש.

מ. ע.

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 713-15.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 270, 214.

י. סלאָנים – „דער איד" אין אַדלער טהעאַטער, „טהעאַטער און מואווינג פּיקטשורס", נ. י., נ׳ 2, 1913.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פּא׳ש", נ. י., 25 אָקטאָבער 1913.

עדעלהאָפּער, מאָריץ (משה)

געבוירן אין מעהרען. פון פאַך אַ טאַפּעצירער. שפּעטער אויפגעגעבן די מלאכה און געוואָרן אַ רעסטאָראַטאָר אין ווין.

ע. האָט בשותפות מיט משה סאָבעל (באַזיצער פון אַ הוט־געשעפט) געבראַכט אין 1901 פון לעמבערג קיין ווין אַ יידישע טרופּע (יונה רייזמאַן, משה, הערמאַן און סאַלטשע וויינבערג, שלום פּאָדזאַמטשע, לעאָפּאָלד און שרה קאַנער, פּרוי און ה׳ קלוג), וואו זי האָט געשפּילט $1^{1}/_{2}$ יאָר, באַקאַנט אַלס „די פּאָלנישע".

דאָס אַוועקנעמען די בעסטע כוחות ביים לעמבערגער יידישן טעאַטער־דירעקטאָר יעקב־בער גימפּעל האָט געפירט דערצו, אַז ער איז אויך געקומען אין ווין צו קאָנקורירן מיט ע.׳ס טרופּע. צום סוף האָט גימפּעל זיך געמוזט צוריקציען און ע. איז געבליבן ווייטער שפּילן, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ דערפאָלג ווי פריער.

די פאָרשטעלונגען פון יידיש טעאַטער אין ווין זיינען אין 1901 פאָרגעקומען נאָך אַ הפסקה פון 22 יאָר. אָבער אויך איצט האָט די פּאָליציי נישט דערלויבט קיין טעאַטער-פאָרשטעלונגען, נאָר וואַריעטע-פאָרשטעלונגען, און דעריבער האָט מען יעדן אַקט פון אַ פּיעסע געשפּילט ווי אַ באַזונדערן איינאַקטער. די לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1912, ווען מאָריץ זיגלער האָט באַקומען אין ווין די ערשטע קאָנצעסיע אויף יידיש טעאַטער.

אַן אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון ע.׳ס טעאַטער גיט דר. י. מאַרמאָרעק אין „Jüdischer Volkskalender“, Brün, 1902/3, .pp. 99-109

אין די שפּעטערע יאָרן איז ע. געוואָרן אַ בילעטער אין יידישן טעאַטער און פאַרקויפט פּראָגראַמען.

לויט יעקב מעסטעל, וועלכער געדענקט ע.׳ן אַלס הויפּט-בילעטער אין יידישן סטעפאַני-טעאַטער אין ווין (פון בערך 1907 ביז 1911), איז ע. געווען אַ פאַרליבטער אין זיין פאַך, האָט באַהאַנדלט די געסט מיט עכטער ווינערשער העפלעכקייט (וואָס איז שטענדיק געווען פרעמד אין יידישן טעאַטער), און הגם אַן אַסימילירטער ייד, האָט ער זייער ליב געהאַט זיינע „פּאָלנישע“ יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געווען אַמאָל ביי אים אַנגאַזשירט. זיי פלעגן אים שעצן צוליב זיין גוטער באַהאַנדלונג און פלעגן אים אויך שפּעטער טיטולירן „הער דירעקטאָר“.

פון ע.׳ס „די פּאָלנישע“ איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער טייל אַקטיאָרן פון די שפּעטער שטאַרק פּאָפּולער געוואָרענע ווינער „די בודאַפּעסטער“ (אַ וואַריעטע, וואָס האָט געשפּילט אין אַ „פאַר-יידלט“-דייטשן דיאַלעקט), פון וועלכן איניקע אַקטיאָרן (אייזענבאַך, מ. ראָט א. א.) זיינען שפּעטער געוואָרן באַוואוסטע דייטשע וואַריעטע-שפּילער.

מ. ע. פון יונה רייזמאַן, ש. אוריך און ש. ע. פון יעקב מעסטעל.

דר. יעקב שאַצקי — קליינע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. „אַרכיוו“, זז. 498-99.

עדעלהייט, שלמה

געבוירן 14 דעצעמבער 1884 [לויט ז. רייזענס „לעקסיקאָן“ — 1882] אין רימאַנאָוו, מזרח-גאַליציע. פאָטער — שוחט און חזן. פון דער מוטערס צד — אַן אוראייניקל פון דעם „גוטן ייד“ ר׳ מענדעלע פּריסטאָקער. באַקומען אַ שטרענג-חסידישע דערציאונג, געלערנט ביי די גרעסטע רבנים פון גאַליציע, געשמט פאַר אַ מתמיד און עלוי. צו 17 יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות, אָבער דאַמאָלט אָנגעהויבן לייענען השכּלה- און חקירה-ליטעראַטור, געלערנט שפּראַכן, אָפּגעדרוקט אין „המגיד“ (תר״ס) א״פ בן-שמואל אַ דערציילונג „ילד שנכרת“ מיט קריטיק קעגן חסידיזם, וואָס שטעמפּלט אים אַלס „אפיקורס“. בערך אין יענער צייט פאַרעפנטלעכט ער א״פ שח״ר אַ ביכל אין יידיש א״ט „דער שרעקלעכער חלום אָדער פון גיהנום אין גן-עדן“ אין שמ״ר-סטיל.

צוליב די רדיפות פון די שטאָטישע פאַנאַטיקער פאַרלאָזט די שטוב און געוואַנדערט איבער מערב-אייראָפּע און עגיפּטן און אין משך פון דערדאָזיקער צייט געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס אין די גאַליצישע העברעאישע צייטשריפטן.

1903 — געקומען אין אַמעריקע, וואו ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און סקיצן אין די אָרטיק-יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס 1906 — צוריקגעפאָרן קיין גאַליציע, זיך באַטייליקט אין דער אָרטיקער פּרעסע, ווי אויך אין אויסלענדישע אויסגאַבעס. דערנאָך ווידער פאַרלאָזט גאַליציע, געלעבט איניקע יאָרן אין דייטשלאַנד, דערנאָך אין אַנטווערפּן. 1913 — ווידער געקומען אין אַמעריקע, וואו ער פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט סקיצעס אין די אָרטיקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און איניקע איבערזעצונגען פון אַרציבאַשעוו און סטרינדבערג.

נאָך אין אייראָפּע האָט ע. אָנגעהויבן שרייבן פאַרן יידישן טעאַטער און פאַרעפנטלעכט „דער אייביגער שמערץ, איינאַקטער“ (קאָפּענהאַגען, 1909, 24 ז.), וואָס איז אויך דאָרט געשפּילט געוואָרן, „די ירושה“ („אידישער וואָכענבלאַט“, נ. י., דערנאָך דערשינען סעפּאַראַט אין לעמבערג, 1911), „פאַרטאָג“ (אין שיקאַגער „קולטור“), „נעמי און רות“ (אין „דער יונגער קעמפּפער“, נ. י.) און „ס׳איז אַ חלום נאָר געווען“ („צוזאַמען“, נ. י.).

דעם 8 דעצעמבער 1916 איז אין ברוקלינער ליריק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך מ. ווילענסקי ע.׳ס פּיעסע „די צוויי טאַטעס“ (גערופן ביים מחבר „איר סוד“). דעם 24 דעצעמבער 1920 ווערט אין זעלבן טעאַטער אויפגעפירט ע.׳ס לעבנסבילד „נאָך האַלבע נאַכט“.

דעם 16 אויגוסט 1925 איז אין נ. י. „פאָרווערטס“ פאַרעפנטלעכט ע.׳ס איינאַקטער „דער צווייטער מאַן“.

דעם 3 סעפּטעמבער 1926 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „דער סטודענט פּרינץ אין היידעלבערג [„אַלט-היידעלבערג“] פון ד. דאָנלי, מוזיק פון ז. ראָמבערג, איבערזעצט פון ש. עדעלהייט, ליריקס איבערזעצט פון דזשייקאָב דזשייקאָבס, אויפגעפירט דורך ס. גאָלדענבורג“.

ע. האָט אין כּתב-יד פאָלגנדיקע פּיעסעס: „איר פאַרלוירענער קאַמף“, „נאָך דער שׂרפה“ (אַ סימבאָלישע דראַמע), „אין דער דער טיפער נאַכט“ (חסידישע פּיעסע), און די איינאַקטערס „ביים גרעניץ“, „אויף די ווייסע וועגן“ און „אַ העלד איז געפאַלן“, ווי אויך די איבערזעצונגען „יוגנט“ פון מאַקס האַלבע, „איבער דער טיפעניש“ פון פּשיבעשעווסקי און „ציפּעריין“ פון סאַרדוי.

ע. איז באַשעפטיקט ביים יידישן טעאַטער אַלס פּרעס-אַגענט.

ע.׳ס פרוי האָט פאַרעפנטלעכט איניקע איינאַקטערס.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.“, II, זז. 715-718.

אַ טעאַטער מענש — פיער אידישע טעאַטערס עפענען זיך מאָרגען אין נייו-יאָרק און ברוקלין, „טאָג“, נ. י., 8 סעפּט. 1926.

דר. א. מוקדוני — דער אָנהויב, „מאָז׳ש“, נ. י., 13 סעפּטעמבער 1926.

אב. קאַהאַן — טהעאַטער נאָטיצען, „פאָרוו.“, נ. י., 17 סעפּטעמבער 1226.

א. פרומקין — גראָטעסקע אָפּערעטע אין נעשאָנאַל טעאַטער, „טאָג“, נ. י., 17 סעפּט. 1926.

עדעלמאַן, וואָלף

[געב. 1854 – געשט. 19 פעבר. 1920]

געבוירן 1854 אין בעלץ, רומעניע. עלטערן — סוחרים. געזונגען אין טעמפל, דערנאָך דאָרט געוואָרן דיריגענט, שפּעטער דיריגענט אין אַ פראַנצעזישער אָפּערעטע אין בוקאַרעסט און דאַן אין גאָלדפאַדענס טרופּע כאָריסט און אַקטיאָר.

לויט מ. בודקין איז ע. געבוירן אין אָדעס, זאָל האָבן געענדיקט ראַבינער-שול, שפּעטער געזונגען אין דער אָפּערע, באַקענט אַלס „וועלוול באַס" און געווען איינער פון די ערשטע צו שפּילן „אברהם" אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק" (אין גאָלדפאַדענס טרופּע).

לויט ס. טאַבאַטשניקאָוו איז ע. געווען אַן אָדעסער, האָט געזונגען אַלס באַס אין אָדעס אין דער שול אויף רישעלעווסקאַ גאַס און איז געווען ביי גאָלדפאַדענען דער ערשטער צו שפּילן „אליעזר" אין „בר כוכבא".

לויט יעקב קאַצמאַן האָט ע. שפּעטער געשפּילט ביי י. י. לערנער אין טרופּע און איז געווען דער ערשטער צו פאַרקערפּערן די ראָל „דע סילוואַ" אין דער יידישער אויפפירונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ".

נאָכן פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד, איז ע. אַרומגעפאָרן מיט קלענערע יידישע טרופּעס, דערנאָך מיט סעם אַדלער און שפּעטער געוואָרן זעלבסטשטענדיקער פאַרוואַלטער פון טרופּעס.

מ. מיאָדאָווניק, וועלכער האָט געטראָפן ע.׳ן שפּילן אין מישוראַטס טרופּע, דערציילט אין זיינע זכרונות: „אין טרופּע איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דעם אַלטן עדעלמאַן, וועלכער איז דאָרטן געווען רעזשיסער. דער אַלטער עדעלמאַן האָט געטראָגן אַ באָרד. ער האָט געשפּילט „דודס פידעלע", האָט ער זיך פון איין אַקט ביזן אַנדערן ניט איבערגרימירט, נאָר די באָרד. ווען יונגער — איז זי געווען שוואַרץ, און ווען עלטער - פלעגט ער זי אָנפּודערן. געוויינטלעך האָט ער מיט דער רעזשי ניט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל קיין איין פּיעסע האָט ער ניט געקאָנט שטעלן. און אַזוי ווי די אַקטיאָרן אין טרופּע זיינען געווען געוועהנט פון וואַרשע צו שפּילן אויפן געהעריקן אופן, האָבן מיר אויסגעטיילט פון זיך יעדן טאָג אַן אַנדערן, ער זאָל שטעלן די פּיעסע, נאָר אויף דעם אַפיש איז געווען „אונטער דער הויפּט-רעזשי פון אָדעסער אַרטיסט פון גאָלדפאַדענס מאַרינסקיס טעאַטער ד. עדעלמאַן". מיר האָבן דאָס ניט געקאָנט איבערמאַכן, ווייל די דערלויבניש האָט געשטעקט אין זייער האַנט [ע.׳ס טאָכטער האָט געוואוינט מיט אַ גראַף דאַשקעוויטש און זי פלעגט דורך אים באַקומען אויף איר נאָמען די דערלויבניש צו שפּילן] און טאָמער האָבן מיר עפּעס גערעדט, האָט מען אונז באַלד געסטראַשעט „מען שפּילט קיין טעאַטער"."

דעם 19 פעברואַר 1920 איז ע. געשטאָרבן אין אָדעס.

מ. ע. פון מנשה בודקין, ס. טאַבאַטשניקאָוו און יעקב קאַצמאַן.

ב. גאָרין — „געש איד. טעאַט.", I, ז. 199.

מ מיאָדאָווניק — מיינע טעאַטער זיכרוינעס, „שטערן", זשורנאַל, מינסק, נ׳ 4, 1926.

עדעלמאַן, יזראַעל

געבוירן 11 נאָוועמבער 1899 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער - אַ פאָרשטייער פון פּעטערבורגער פּוטילאָווער זאַוואָד. געענדיקט אַ 8-קלאַסיקע קאָמערץ-שול און שטודירט אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון אָדעסער אוניווערזיטעט.

נאָך אַלס שילער פון קאָמערץ-שול און שפּעטער אין אוניווערזיטעט האָט ע. געשפּילט און רעזשיסירט ליבהאָבער-פאָרשטעלונגען אין רוסיש און אין 1918 אויפגעפירט זיין אינסצעניזירונג פון פרוגס „דריי נשמות". גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין „פאָלקס-סאָציאַליסטישן טעאַטער" א׳ר פון אַדאַשעוו און גוראַ. 1920 — געשפּילט פּראָפעסיאָנעל אין רוסישן מלוכה-טעאַטער „דער רויטער פאַקל" א׳פ פון טאַטישדיעוו, 1923 — אין רוסישן מלוכה-טעאַטער „סאָציאַליסטישע דראַמע" א׳ת פון טעזאָוואָראַווסקי און 1925 אַריינגעטראָטן אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער (רעזשי — א. גראַנאָווסקי).

1928 — איז ע. געווען דער קינסטלערישער אָנפירער און הויפּט-רעזשיסער פון 1-טן יידישן מלוכה-טעאַטער-וואַרשטאַט אין האָמעל און דאָרט אויפגעפירט זיין דראַמע „מיסטער דאָלאַר", זיין קאָמעדיע „די גזרה", אַ „ליטעראַרישן מאָנטאַזש" — „פּרץ מאַסקעס" און ל. רעזניקס „אויפשטאַנד".

ע. האָט געשריבן די איינאַקטערס „ברוך שפּינאָזאַ" און „דער 9 יאַנואַר" (אויפגעפירט 1924 אין אָדעס אין קלוב „נאַרפּיט"), „מיסטער דאָלאַר", דראַמע אין 3 אַקטן, און „ערוואַכונג", דראַמע אין 3 אַקטן (אויפגעפירט 9-1928 אין 1-טן יידישן מלוכה-טעאַטער-וואַרשטאַט אין האָמעל), „תמימות", דראַמע אין 4 אַקטן, און „די רויטע פליגלען", דראַמע אין 3 אַקטן, און איבערזעצט „גאָט דינאַמא" פון א. אואיילד און „דער האַפן" פון מאָפּאַסאַן (ביידע געשפּילט אין פאַרשיידענע קלובן אין אָדעס אין 8-1926), ער האָט אויך געשריבן דעם קינאָ-סצענאַריוס „דוד" (אויפג. 8-1927 אין לענינגראַד) און האָט מיטגעווירקט אַלס אַקטיאָר און געהילף-רעזשיסער אין די פילמען „לעסנוי זוויער", „אוקראַזיאַ" און „וואַלפקו" (אַן אוקראַאינישע קינאָ-פאַרוואַלטונג) און אין פילם „קיהלטשאַ" פון מאָסקווער „סאָווקינאָ".

ע. האָט פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע אַרטיקלען וועגן קינאָ און טעאַטער אין זשורנאַל „סילועט" און אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבן.

ע.׳ס שוועסטער, לאַריסאַ, שפּילט אין יידישן טעאַטער אין ראַטן-פאַרבאַנד.

ש. ע.

עדעלמאַן, לאַריסאַ

געבוירן 16 יוני 1906 אין אָדעס, אוקראַאינע. פאָטער - אַ פאָרשטייער פון פעטערבורגער פוטילאָווער זאַוואָד. געענדיקט 8 קלאַסן רעגירונגס-גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט אין אוניווערזיטעט, וואו זי באַטייליקט זיך אין די שילער-פאָרשטעלונגען. אַריינגעטראָטן אין קאָנסערוואַטאָריע, שפּילנדיק גלייכצייטיק אַלס אַרטיסטקע אין רוסישן מלוכה-טעאַטער „דער רויטער פאַקל“.

1927-28 — געשפּילט אין אוקראַאינישיידישן מלוכה-טעאַטער און שפּעטער אַריינגעטראָטן אַלס פּרימאַזינגערין אין יידישן וואָקאַלישן אַנסאַמבל ביים „געזקולט“.

זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין עפּיזאָדן-ראָלן אין פאַרשיידענע פילמען.

ע.׳ס ברודער, יזראַעל, שפּילט אין מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער.

ש. ע.

עדעלמאַן-קלעבאַנאָוואַ, ניוניע (חנה)

געבוירן 1892 אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַאינע. פאָטער — רב און שוחט.

1906 — דעביוטירט אַלס „קוואַשניאַ“ אין גאָרקיס „נאַ דניע“ אין אַ רוסישן ליבהאָבער-קרייז און דאָרט געשפּילט אַ יאָר.

1907 — אַרומגעפאָרן שוין אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע מיטן גאַסטראָלירנדיקן רוסישן אַקטיאָר קאָזשעווניקאָוו, ביי וועלכן זי שפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

1910 — איבערגעגאַנגען צו דער יידישער בינע, דעביוטירנדיק אַלס „די מוטער“ אין ליבינס „יואלקע עקספּרעסמאַן“ [„די ווילדע“] מיט ליבערטן און זינט דאַמאָלט געבליבן שפּילן אין יידישן טעאַטער.

1919 — אַריינגעטראָטן אין קיעווער „אונזער ווינקל“, 1924 — אין קיעווער „קונסט-ווינקל“, 1926 — געשפּילט מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי און שפּעטער אין אָדעסער קאָלעקטיוו, וואו זי שפּילט ביז איצט.

ע.׳ס שוועסטער, סאָניע, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

עדעלמאַן, סאָניע

געבוירן 18 מאַי 1889 אין קאָנסטאַנטינאָגראַד, פּאָלטאַוועער גוב., אוקראַאינע. פאָטער — רב און שוחט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע דערציאונג. געלערנט אין אַ יידישער שול אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואוהין די עלטערן טראָגן זיך איבער באַלד נאָך איר געבורט, און שפּעטער דאָ פאַרענדיקט אַ 6-קלאַסיקע שול, וואו זי פלעגט אָפּט אַרויסטרעטן מיט דעקלאַמאַציעס. דורך זייערס אַ שכן, אַ טעאַטער-רעקוויזיטאָר, אָפּט מיטגענומען געוואָרן הינטער די קוליסן פון טעאַטער און אַזוינאָך געוואָרן צוגעבונדן צום טעאַטער. שפּעטער זיך באַטייליקט אין „ליבהאָבער“-פאָרשטעלונגען פון גאָלדפאַדען-רעפּערטואַר.

1906 — אַריינגענומען געוואָרן אין דער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע פון לייזער בערנשטיין, וואו זי שפּילט קעגן ווילן פון אירע עלטערן. דורך רעקאָמענדאַציעס פון גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן ביי בערנשטיינען, ווערט ע. אַ יאָר שפּעטער אָנגענומען אין קאַמינסקי-טרופּע אין וואַרשע (כמעלניאַ 9), שפּילט מיט אסתּר-רחל קאַמינסקי ביז 1915, מיטמאַכנדיק די טורנעען איבער רוסלאַנד, דערונטער אויך פעטערבורג, און ווערט באַזונדערס פּאָפּולער אין אייניקע גאָרדין-טיפּן: „שיינדעלע“ אין „מירעלע אפרת“, „שיינעהעניע“ אין „די שחיטה“, „נאַטאַשאַ“ אין „קרייצער סאָנאַטאַ“.

פון 1915 ביז דער פעוורואַל-רעוואָלוציע האָט ע. געשפּילט אין פאַרשיידענע וואַנדער-קאָלעקטיוון, דערנאָך אין קאָאָפּעראַטיווע טרופּעס, אָרגאַניזירט דורכן יידישן אַרטיסטן-פאַראיין. בעת דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע געשפּילט מיטן גאַסטראָלירנדיקן רודאָלף זאַסלאַווסקי איבער אוקראַאינע, סוף 1918 — אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע פון אסתּר-רחל קאַמינסקי און אָנהייב 1919 — אין קיעווער „אונזער ווינקל“. בעת דעניקינס חייל האָט אָנגעגריפן קיעוו, איז ע. מיט מנחם רובין און נאָך אייניקע אַקטיאָרן אָפּגעפאָרן קיין האָמעל, וואו די ראַטנמאַכט האָט אָרגאַניזירט אַ יידיש מלוכה-טעאַטער ביים פאָלקבילד.

1921 — איז ע. באַשאָנקען געוואָרן מיט אַן אַטעסטאַט פון פאָלקבילד אין האָמעל אַלס פאַרדינסטפולע אַקטריסע. 1922-23 — געשפּילט מיט זאַסלאַווסקי אין לענינגראַד, דערנאָך איבער ווייסרוסלאַנד און געווען די ערשטע צו שפּילן אין רוסלאַנד „לאה“ אין אַן-סקיס „דער דבוק“ אויף יידיש.

1925 — איז ע. אַריינגעטראָטן אין קיעווער „קונסט-ווינקל“, וואו זי שפּילט ביז דאָס טעאַטער פאַרמאַכט זיך. צוליב פאַמיליע-סיבות האָט זי אויף אַ קורצער צייט זיך צוריקגעצויגן פון טעאַטער, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין יידיש-אוקראַאינישן מלוכהשן באַוועגלעכן טעאַטער.

ע.׳ס שוועסטער, ניונאַ עדעלמאַן-קלעבאָוונאַ, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

אַמאַטאָר — ס. עדעלמאַן, „דער שטראַהל“, וואַרשע, 18 מערץ 1910.

נח פּרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, I, ז. 128.

עמיליע אַדלער — דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע, „די אידישע וועלט“, קליוולאַנד, 29 יולי 1930.

דר. א. מוקדוני—זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו“, ז. 364.

עדעלשטיין, יאָזעף (יוסף)



געבוירן דעצעמבער 1859 אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ בוכהאַלטער. געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ פּרימאַר-שול, דערנאָך באַזוכט גימנאַזיע, וואו ער רייסט איבער די למודים צוליב אַנטיסעמיטיזם. שפּעטער אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין בריליאַנטן-געשעפט ביי זיין פעטער.

דער פעטער, וועלכער באָרגט געלט די אָנגעקומענע פאָלקס-זינגער און שפּעטער

די אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדענס טרופּע. זעצט אים אַריין אין קאַסע, און אַזוינאָך קומט ער אין באַרירונג מיט טעאַטער.

יצחק ליבּרעסקאָ דערציילט אין זיינע זכרונות: „די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבּן געשפּילט אין יאַס, האָבּן די אַקטיאָרן נאָר געהאַט צו טאָן מיט פּראָצענטניקעס, מ'פלעגט זיך תמיד ביי זיי לייען געלט. ...און האָבּן צוויי פון די פּראָצענטניקעס: לייזער לודנער און יוסף־יהודה נאַדלער, וואָס זיינען געווען שותפים, פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן אין דער קאַסע אַריינזעצן זייערן אַ קאַסירער, וואָס זאָל האָבּן די קאַסע אין דער האַנט און אַזוינאָך זיך אָפּנעמען דאָס געבּאָרגטע געלט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבּן מסכים געווען, און יוסף־יהודה נאַדלער האָט צו דעם צוועק געגעבּן זיינעם אַ שוועסטערס אַ זון יאָסעלע. דאָס איז דער איצטיקער יאָזעף עדעלשטיין, דער דירעקטאָר פון קעסלערס סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער אין ניו־יאָרק. ער האָט באַקומען 2 פראַנק אַ נאַכט פאַר זיין קאַסירער".

ווען די טרופּע קומט צוריק פון רוסלאַנד, וואו ע. איז נישט מיטגעפאָרן, און שטעלט זיך צוזאַמען א'א פון גראַדנערן, טרעט ע. אַריין דאָרט אַלס קאַסירער, פאָרט מיט זיי אַ האַלבּ יאָר איבּער רומעניע, דערנאָך קיין אָדעס און נאָכן פאַרווער אויפן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, קערט ער צוריק קיין רומעניע, וואו ער איז ווידער קאַסירער אין יידישן טעאַטער.

1886 — געקומען אין אַמע־יקע, וואו ער ווערט אַ בּילעטן־קאָנטראָלער און אין 1889 (צוזאַמען מיט קעסלער, פיינמאַן, מאָגולעסקאָ, דערנאָך בּלויז מיט אַדלערן) מענעדזשער פון ווינדזאָר־טעאַטער, שפּעטער אַ געוויסע צייט מענעדזשער אין טאַליאַ־טעאַטער און אין משך פון 18 יאָר מענעדזשער מיט אַדלער און טאָמאַשעווסקי (אָפט בּלויז מיט טאָמאַשעווסקין) פון פּיפּלס־טעאַטער.

בעת ס'ווערט אויפגעבּויט דאָס נעשאָנאַל־טעאַטער (סעפּט. 1912) ווערט ע. (צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקי, קעסלער, מאַקס ר. ווילנער און אַדלער) מיטשותּף צו די טעאַטערס נעשאָנאַל און סעקאָנד־עוועניו, ציט זיך אָבּער צוריק פון שותּפות און ווערט ווידער מענעדזשער פון פּיפּלס־טעאַטער, וואו ער פירט אָן 5 סעזאָנען מיט דער טרופּע אויף שכירות.

1919 — צוריק געוואָרן מענעדזשער פון סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער בּיז צום סעזאָן 1931־32. אין די סעזאָנען 1921־30 — געווען שותּפות מיט יאָזעף רומשינסקי, יעקב קאַליך, מאַלי פּיקאָן, ווילי פּאַסטערנאַק, בּייטאַן פאַרנעס און מאַקס סעגער און איין סעזאָן מיט מאָריס שוואַרץ.

1896 — געפאָרן קיין בּוקאַרעסט און פון דאָרט געבּראַכט קיין אַמעריקע די אַקטריסע בּערטאַ קאַליש און פון לעמבּערג דעם אַקטיאָר קאַרל שראַמעק.

ע. איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע פּאַולינע פינקעלשטיין, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן זיך צוריקגעצויגן פון דער בּינע. ע.'ס שוואָגער איז געווען דער אַקטיאָר זיגמונט מאָגולעסקאָ, זיין זון, איזידאָר, איז פאַרהייראַט מיט דער אַקטריסע עני טאָמאַשעווסקי.

מ. ע.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 146, 133.

בעסי טהאָמאַשעווסקי — „מיין לעבּנס געשיכטע", זז. 252, 240, 238, 221, 115.

בּערטאַ קאַליש [זכרונות] — „דער טאָג", נ. י., 8, 12, 15 אויגוסט 1925.

ב. י. נאָלדשטיין — אונזערע אידישע טעאַטער פאַרוואַלטערס, „דער טאָג", נ. י., 13 נאָוו. 1925.

זלמן זילבּערצווייג — „הינטערן פאָרהאַנג", ווילנע 1928, ז. 82.

לעאָן בּלאַנק [זכרונות וועגן מאָגולעסקאָ] — „פאָרוו.", נ. י., 22 דעצ. 1928, 22 יאַנ. 1929.

ח. עהרענרייך — רכילות און פּלאָטקעס האָבּן געפיהרט צום איצטיגען סכסוך אינ'ם סעקאָנד עוו. טעאַטער, „פאָרוו", נ. י., 14 מאַי 1930.

עדעלשטיין, פּאַולינאַ

[פינקעלשטיין]

געבּוירן אין יאַסי, רומעניע. פאָטער — אַ צושניידער. געלערנט אין פּרימאַר־שול. דורך איר שוועסטער אַמאַליע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר זיגמונט מאָגולעסקאָ, געקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער און אַריינגעטראָטן אין כאָר פון מאָגולעסקאָ־גאָלדפאַדענס טרופּעס אין רומעניע און רוסלאַנד. שפּעטער באַקומט זי דאָ אויך צו שפּילן עפּיזאָדן־ראָלן.

1886 — געקומען מיט איר מאַן, יאָזעף עדעלשטיין, אין אַמעריקע, וואו זי שפּילט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, על פּי רוב אונטער דער פאַרוואַלטונג פון איר מאַן.

נאָך אין רוסלאַנד, שפּילנדיק שוין פּרימאַדאָנע־ראָלן, איז ע. דאָרט אויפגעטראָטן אַלס „גנענדל" אין שמ'רס „דער קאַטאָרזשניק" און אַלס „תמר" אין לאַטיינערס „די ליבּע פון ציון".

אין אַמעריקע האָט ע. געשפּילט כאַראַקטער־ראָלן און איז געווען די ערשטע צו שפּילן „מישקע" אין לאַטיינערס אָפּערעטע „מישקע און מאָשקע" און אין יעקב גאָרדינס פּיעסעס: „פרוי ראָזענקראַנץ" אין „סיבּיריאַ" (13 נאָוועמבּער 1891 אין יוניאָן־טעאַטער), „זעלדע" אין „דער ווילדער מענטש" (4 נאָוועמבּער 1893 אין ווינדזאָר־טעאַטער), „מאַדאַם זשאַמאַנולי" אין „דבורהלע מיוחסת" (1893) און „פריידע העניע" אין „דודל משורר" (1899).

1901 — גאַסטראָלירט צוזאַמען מיט באָריס און בּעסי טאָמאַשעווסקי אין בּערלין אין לאַטיינערס „דודס פידעלע" און זינט דאַמאָלט, צוליב קראַנקהייט, זיך צוריקגעצויגן פון דער בּינע.

ע.'ס שוועסטער אַמאַליע (מאָגולעסקאָ) און ערנעסטינאַ (אסתּר פינקעלשטיין) האָבּן אַ קורצע צייט געשפּילט אויף דער יידישער בּינע, איר זון, איזידאָר, איז פאַרהייראַט מיט עני טאָמאַשעווסקי, שוועסטער פון באָריס.

מ. ע.

ב. גאָרין „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 237, 199.

מ. אָשעראָוויטש — דער ריהרענדסטער קאַפּיטעל אינ'ם לעבּען פון דער אַקטעריסע בּינאַ אַבּראַמאָוויטש, „פאָרוו.", נ. י., 7 דעצ 1930.

עהרליך [?]

לויט ב. גאָרין זיינען געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע פאָלגנדע ע.׳ס פּיעסעס: „דאָס קינד פון פאָלק, אָדער, הילנא המלכּה, היסטאָרישע אָפּערעטע" (1902) און „די גרינע קינדער, פאָלקסשטיק" (1904).

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 271.

עהרליך, זיגמונד



געבוירן 15 דעצעמבער 1875 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער — רעגירונגס-ליוועראַנט פון בוי-מאַטעריאַלן פאַר שאָסעען. געלערנט אין חדר, בית-המדרש און ישיבה אין לאָמזשע. אַלס קינד געזונגען אין כאָר אין פּראַגע און דערנאָך ביים חזן שמעון פאָגעלנעסט אין וואַרשע. דאָ אויך געדאַוונט מיט אַ כאָר אין אַ שול און שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אַלס כאָריסט און פאַר קליינע ראָלן אין דער טרופּע פון ספּיוואַקאָווסקי-פישזאָן. אַוועק קיין רוסלאַנד, האָט ער דעביוטירט אַלס „אבשלום", אָבער דער פאָטער רייסט אים אָפּ פון דער בינע און גיט אים צוריק אַריין אין בית-המדרש. צוגלייך האָט ער (ביז 1896) געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין פאָטער. אַ קורצע צייט האָט ער געדינט אין מיליטער און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, וואו ער איז אַריינגעטראָטן אין קראָקע אין דער טרופּע פון משה וויינבערג, בערגמאַן און טאַנענצאַפּ, דערנאָך געשפּילט ביי יאָוועליר, גימפּעל, שאָר, 2 חדשים אין אַ וואַריעטע מיט יעקב ליטמאַן, שפּעטער אַלס ליבהאָבער און בוף-קאָמיקער מיט יעקב גליקמאַן. צוליב שלעכטע געשעפטן איז ער אַריבער אין אַ דייטשן וואַריעטע, וואו ער שפּילט בערך 3 יאָר, דערנאָך געשפּילט ביי אַקסעלראד, טרייטלער, צוריק אין וואַריעטע, געוואָרן אַ שותף מיט גליקמאַן, פאַרבליבן שפּילן אין אַ וואַריעטע אין בראַאילאַ, שפּעטער אין יידישן טעאַטער אין בוקאַרעסט און ווידער אין וואַריעטע אין גאַליציע, האָט דערנאָך געשפּילט אין יידישן טעאַטער אין בוקאָווינע, גאַליציע, רומעניע און אין אַ קאַפע-הויז אין פאַריז, 3 חדשים אין וואַריעטע אין לאָנדאָן, אַ האַלבן סעזאָן אין קאַרלסבאַד ביי סעם קלוג, אַ סעזאָן אין וואַריעטע אין ווין ביי סעם לודוויק, אַ ווינטער-סעזאָן אין לעמבערג אין וואַריעטע ביי שליכטער און זומער אין יאַסי ביי מעלצערן. נאָכן שפּילן וואַריעטע אין גאַליציע און דייטש וואַריעטע אין בערלין, האָט ער געשפּילט איינצלנע יידישע פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן און אין דער פּראָווינץ, שפּעטער 2 סעזאָנען יידיש טעאַטער אין לאָנדאָנער בראַד-סטריט-טעאַטער, געגעבן קאָנצערטן אין לידז און געוואָרן אַ מאַנופאַקטור-סוחר, דערנאָך אַ חזן.

מ. ע.

עהרענקראַנץ, וועלוול

[זע זבאַרזשער וועלוול, „לעקס. ייד. טעאַט.", I, זז. 758-765]

ע(ה)רענרייך, חיים

געבוירן 10 מאַי 1900 אין סוכאַרי, מאָהילעווער גוב., וואו ער לערנט אויך אין תּלמוד-תּורה.

צו 11 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע, וואו ער לערנט פּאַבליק-און האַי-סקול און באַקומט די צווייטע פּרעמיע פאַר זיין שטודיע „הונדערט יאָר שלום צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע".

1915 — גראַדואירט די ערשטע יידישע נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע פאָלקסשול, וואו ער איז שפּעטער אויך געווען לערער, און דערנאָך שטודירט אין אוניווערסיטעט.

1920-21 — דעביוטירט מיט קינדער-לידער אין „דער גרויסער קונדס", דערנאָך אַריינגעטראָטן אַלס רעדאַקציע-מיטגליד אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס", וואו ער האָט אין 1925-26 פאַרעפנטלעכט אַ סעריע שטודיע-אַרטיקלען וועגן די „ליריקס" אין די יידישע אָפּערעטעס.

ע. איז זינט איניקע יאָר דער רעדאַקטאָר פון דער „טעאַטער-זייט" און זינט 1931 אויך פון דער „מואווי-זייט" אין „פאָרווערטס", פאַר וועלכע ער שרייבט אויך די טעאַטער-און קינאָ-כראָניק, אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און אַקטיאָרן און וועגן פילם-אויפפירונגען און פילם-אַקטיאָרן א׳פ ה. סאַכאַריער, מילטאָן דענלי און סידני גאָרדאָן.

א׳פ ל. האָנאָרס האָט ע. אויך געשריבן אין ענגליש וועגן יידישן טעאַטער אין דער ענגלישער אָפּטיילונג פון „פאָרווערטס" און אין אַנדערע יידיש-ענגלישע אויסגאַבעס.

דעם 30 אויגוסט 1932 איז אין ניו-יאָרקער סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער אויף די „פאָרווערטס וואַקיישאָן פאַליס" אויפגעפירט געוואָרן ע.׳ס שטיפעריי אין 1 אַקט „טערקישע וויבער".

ע.׳ס פרוי איז די יידיש-אַמעריקאַנישע טענצערין בעל דידזשאַ.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 840.

ח. עהרענדריין — ריזיגער עולם פאַקט אָן סעקאָנד עוועניו טעאַטער, „פאָרוו.", נ. י., 31 אויג. 1932.

עטינגער, יוסף

געבוירן 16 אָקטאָבער 1883 אין באָטאָשאַן, רומעניע. געענדיקט אַ שול, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין געשעפט ביי זיינע עלטערן.

1903 — זיך באַקענט מיט דער אַקטעריסע שרה גליקמאַן, און נאָך דער חתונה מיט איר, געוואָרן סופלער, געפּרובט אויך שפּילן, און שפּעטער געוואָרן דירעקטאָר פון פאַרשיידענע טרופּעס אין רומעניע, עסטרייך, פּוילן און רוסלאַנד, אין וועלכע עס האָבן אויך גאַסטראָלירט מאָריס מאָשקאָוויטש, דיינע פיינמאַן, צילע אַדלער, קלאַראַ יאָנג א. א

1927 — געווען אין פאַריז בינע-דירעקטאָר אין בערגערס טרופּע, און זינט 1928 — ווידער מיטדירעקטאָר פון אַ וואַנדער-טרופּע איבער רומעניע.

מ. ע.

עטינגער, שלמה [דר.]

[געב. 1800‑1803 [?] — געשט. 31 דעצ. 1856]

געבוירן [לויט מ. ווינער — נישט שפּעטער ווי סוף 1800, לויט ז. רייזען — אַרום 1801, לויט דר. מ. וויינרייך — מעגלעך 1803] אין וואַרשע, פּוילן, אין אַ יחוסדיקער פֿאַמיליע. ע.׳ס זיידע — ר׳ איטשע (יצחק), זאָל אפֿשר זיין אידענטיש מיטן מחבר פֿון ספר „זכרון יצחק“, און זאָל זיין געווען רב אין כעלעם. ע.׳ס פֿאָטער, ר׳ יאָסקע (יוסף, זאָל האָבן געהאַט סמיכות אויף רבנות און מ׳האָט אים געזאָלט נעמען פֿאַר רב אין פֿראַנקפֿורט ביים מיין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן פּוילן) איז פֿרי געשטאָרבן און ע. האָט זיך דערצויגן ביי זיין פֿעטער, ר׳ מענדל, רב אין לענטשנע (לובלינער געגנט), וועלכער האָט אויך געקענט דייטש און איז בכלל געווען טאָלעראַנט צו וועלטלעכע ספרים. דאָ איז — לויט מ. וויינרייך — געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פֿאַר ע.׳ס שפּעטערדיקן גאַנג: אַז מען קאָן זיין געבילדעט, אויפֿגעקלערט און פֿונדעסטוועגן נישט אָפּרייסן זיך פֿון טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגערלעבן.

נאָך קינדווייז האָט ע. ליב געהאַט צו מאָלן און האָט שפּעטער אין זאַמאָשטש געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ גוטן צייכנער.

צו 15 יאָר [לויט מ. ווינער — צו 18 יאָר] חתונה געהאַט מיטן זאַמאָשטשער גביר יהודה‑לייב גאָלדס יונגסטער טאָכטער, גאָלדע, און אַריבער קיין זאַמאָשטש אויף קעסט צום שווער. פֿאַרבראַכט גאַנצע טעג אין בית‑המדרש און דאָס שאַפֿן חיונה איבערגעלאָזט פֿאַר זיין פֿרוי, וועלכע האָט זיך געמאַכט אַ קראָם פֿון גלאָזוואַרג און שויבן.

ע. איז געוואָרן אַן אייגגייער אין דער שטוב פֿון משכיל יוסף צעדערבוים (פֿאָטער פֿון אַלעקסאַנדער), וואו ס׳האָבן אויך פֿאַרקערט די משכילים שמשון און שלמה‑וואָלף בלאָך, יעקב אייכענבוים א. א. די ווירקונג פֿון די משכילים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפֿילו אין בית‑המדרש האָבן זיך געפֿונען השכלה‑ספֿרים.

ע. איז דאָ געווען זייער באַליבט צוליב זיין לעבעדיקייט; תמיד פֿריילעך, געשאָטן מיט וויצן, נישט פֿויל געווען אויף אַ גראַם, אַזוי, אַז ס׳איז נישט געווען קיין שמחה אָדער אסיפֿה אין שטעטל, וואו מ׳זאָל אים נישט פֿאַרבעטן.

צוליבן עקאָנאָמישן קריזיס איז ע. אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס, וואו ס׳האָט געוואוינט זיינער אַ שוואָגער, וואָלף, אַ מעקלער אויף דער בירזשע, אָבער נאָכן פֿאַרברענגען 4 חדשים אין אָדעס, איז ער אין 1825 אָפּגעפֿאָרן שטודירן אין לעמבערג (Medicinisch‑Chyrurgische Lehrnanstalt zu Lemberg).

צווישן די קאָלעגן און די לעמבערגער משכילים איז ע. אָנגעגאַנגען אַלס „דער לוסטיגע זאַלאָמאָ“. באַזונדערס איז ער געווען באַפֿריינדעט מיט דעם שפּעטערדיקן לייב‑מעדיקער אין ווין אַרנאָלד זשעלינסקי, אַ מאָלער, וועמען ס׳איז צו פֿאַרדאַנקען דאָס איינציקע בילד פֿון ע.

אָנהייב 1830 האָט ע. געענדיקט זיין שטודיע [דר. מ. וויינרייך פֿאַרצייכנט אפֿילו, אַז פֿון לעמבערגער אוניווערזיטעט איז אויף זיינעם אַן אָנפֿרעג נישט אָנגעקומען קיין באַשטעטיקונג, אַז ע. האָט דאָרט געלערנט.] און איז צוריקגעקערט קיין זאַמאָשטש, וואו ער איז געקרוינט געוואָרן פֿון זיינע בני‑עיר מיטן נאָמען „דאָקטאָר“, הגם פּראַקטיצירן האָט ער נישט געטאָרט און ער אַליין פֿלעגט זיך קיינמאָל נישט אונטערשרייבן „דר.“. בעת דעם נאָוועמבער‑אויפֿשטאַנד האָט ער מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע זיך באַזעצט אין דער גלאָזהוטע פֿון זיין שוואָגער יעקב גאָלד נעבן יאָנעווע און ערשט אין 1831 האָט ער זיך אומגעקערט מיט זיין פֿאַמיליע קיין זאַמאָשטש, וואו ער האָט באַקומען די דערלויבניש צו פֿירן אַ פּריוואַטע פּראַקטיק און איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָרדינאַטאָר אין שטאָטישן ווי אויך אין יידישן שפּיטאָל.

אַרום 1834 באַקומט ער אין וואַרשע דעם טיטל „מעדיצינער פֿון דער צווייטער מדרגה“ (Lekarz). אָבער אינגיכן האָט ער געקויפֿט אַ שטיק ערד אין זשדאַנאָוו, ביי זאַמאָשטש, און זיך דאָרט באַזעצט מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע, סיי צוליב דעם, וואָס ערד‑אַרבעט איז ביי אים געווען פֿון לאַנג שוין אַן אידעאַל, סיי אויך צוליב דעם, וואָס זין פֿון קאָלאָניסטן זיינען דאַמאָלט געווען פֿריי פֿון מיליטער‑דינסט. אין דער קאָלאָניע האָט ע. אָפּגעלעבט די רעשט יאָרן (אויסער אין דער צייט פֿון דער כאָלעריע‑עפּידעמיע אין זאַמאָשטש, יולי 1855, ווען די מאַכט האָט זיך ווידער געווענדעט צו זיינע מעדיצינישע קענטנישן) און האָט זיך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט.

נאָך זייענדיק אין לעמבערג האָט ע. אַנטדעקט אין זיך דעם שרייבער און דאָ אָנגעהויבן שרייבן זיינע משלים, און וואָרשיינלעך איז אויך דאָ געשאַפֿן געוואָרן זיין „סערקעלע“.

ע. אַליין שרייבט [אין אַ פּראָספּעקט צו זיינע ווערק — ציטירט דאָ לויט דר. מ. וויינרייך]: „...דאָס ערשטע, וואָס עך האָב געשריבן, איז געווען איינציקע משלים און כתבותלעך (אויף דייטש הייסט דאָס עפּיגראַמען). עך האָב געזען, אַז זיי זיינען דעם עולם זייער שטאַרק געפֿעלן, מען האָט ביי מיר צעכאַפּט אַלץ וואָס עך האָב נאָר געשריבן, און איטלעכער האָט זעך עס איבערגעשריבן, נאָר, ווי דער שטייגער איז, מיט סאַמע פֿעלערס און גרייזן. ווי עך האָב דאָס געזען, האָב עך מיך מישב געווען און האָב מיר אַליין אויסגעטראַכט אַ סך משלים און כתבותלעך (עפּיגראַמע) און צום סוף גאָר אַ גאַנץ טעאַטער‑שטיק. עך האָב מעך אָבער אויף מיר אַליין נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן און האָב דאָס געשריבענע געגעבן צו לייענען זאָלכע מענטשן, וואָס זיינען זייער געשיקט און האָב[ן] שוין געלייענט זייער אַ סך ביכער אויף אַנדערע לשונות, און ווידער זאָלכע מענטשן, וואָס זיינען גאָר פּראָסטאַקעס און קענען נישט מער נאָר דאָס יידישע לשון, כדי ער זאָל פֿון איטלעכן הערן וואָס ער וועט דערצו זאָגן. די געשיקטע מענטשן האָבן עס געלויבט נאָך זייער שטייגער און די פּראָסטאַקעס נאָך זייער שטייגער. ביידע אָבער האָבן מעך אָנגעהויבן צו בעטן, און בעטן מיך נאָך אַצינד אויך, אַז עך זאָל דאָס, וואָס עך האָב געשריבן, לאָזן דרוקן. עך האָב מעך אָבער אַזוי מישב געווען: עך וויל מיר פֿאַרלייגן אַזוי אַ פּלאַן, אַז עך זאָל קענען — חוץ דעם, וואָס עך האָב שוין געשריבנס — נאָך אַלע מאָל נייעס צו ליווערן, דהיינו טעאַטער‑שטיקעס, מעשות, משלים, כתבותלעך (עפּיגראַמע) און נאָך אַנדערע זאַכן פֿון דעם שטייגער. עך בין פֿון מיין זייט מיט דעם פּלאַן פֿאַרטיק און בין אימשטאַנד אַלע מאָל נייעס צוצוליווערן, נאָר דעם עולם וויל עך בעטן, אַז אויף דעם ערשטן ביכל, וואָס עך וועל איצינד דרוקן, זאָלן זיין געחתמעט עטלעכע פֿון די מענטשן, וואָס ווילן האָבן, אַז דאָס ביכל זאָל זיין געדרוקט. און

עך בין זיי מבטיח, אַז זיי וועלן צופרידן זיין, וואָרום עך האָב שוין אַזוי אַ פאַרשוואַרצטע טבע, אַז עך גיב מיר תמיד גרויס מי, אַז מען זאָל פון מיר צופרידן זיין. איצט וועט געדרוקט ווערן אַ טעאַטער-שטיק אין פינף אויפציהעס. עס הייסט „סערקעלע אָדער דיא יאָרצאַט נאָך אַ ברידער" און משלים און כתבותלעך (עפיגראַמע), עך וועל זעהן, אַז עס זאָל געדרוקט ווערן אויף שיין פאַפיר און מיט זאָלכע אותיות, וואָס עס זאָל איטלעכן גאַנץ לייכט זיין צום לייענען, און די נעמען פון די מענטשן, וואָס וועלן זעך דאָ אויף דער חתימה-בויגן חתמענען, וועלן זיין געדרוקט אין דעם ביכל". און אין אָנהייב 1837 שרייבט ער צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט [ציטירט לויט דר. ווײַנרייך]: „איך מוז אייך באַלד זאָגן, אַז איך וויל זען געדרוקט סיי „סערקעלע", סיי די „משלים". דאָס וואָלט געווען עפעס פאַר מיין קעשענע. לויטן צוזאָג פון ה' טוגענדהאָלד פאַרהאָף איך צו באַקומען אין וואַרשע דעם דערלויב פון דער צענזור". דעם 24 מאַי 1843 האָט דער באַוואוסטער אַנטאָני אייזענבוים (אַמאָל רעדאַקטאָר פון „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל" און שפּעטער דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער ראַבינער-שול), עטינגערס אַ גוטער-פריינט, אָנגעגעבן אַ בקשה צום קוראַטאָר פון וואַרשעווער לערן-קרייז מען זאָל דערלויבן דרוקן „סערקעלע" און די „משלים". „אַזוינע ווערק – האָט ער געשריבן – זיינען צוטריטלעך פאַר אַלע קלאַסן יידן, זיי שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע פאַרבן די חסרונות און לעכערלעכקייטן, זיי מאָלן טרעפיק און קאָמיש דעם גאַנצן יידישן שטייגער ריידן, און דעריבער קאָנען זיי האָבן אַ דערלייזנדיקע (bardzo zbawienny) השפעה אויף די מוחות". אָבער די שטרענגע צענזור האָט דעם 10 אויגוסט פונם זעלבן יאָר געלאָזט וויסן „דעם יידן אייזענבוים", אַז נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער העברעאישער צענזור דערלויבט מען צו דרוקן די דערמאָנטע צוויי כתב-ידן, נאָר בתנאי, עס זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אַלע שינויים, וואָס דער ראַפּאָרט פון צענזור-קאָמיטעט פאָדערט: אויסמעקן איינציקע ערטער און בייטן גאַנצע זאַצן און שטיקער. „...עטינגער – שרייבט דר. ווײַנרייך – איז געווען אויסער זיך אויף אַזאַ פסק פון צענזור-קאָמיטעט ער, דער מחבר, האָט געקעכלט יעדעס וואָרט, איבערגעאַרבעט יעדע שורה, געשריבן די קעפּלעך און די נעמען פון די פּערזאָנען דווקא מיט געכתיבהטע אותיות, די רעמאַרקעס דווקא מיט רויטע טינט – און דאָ קומט אַ באַרבאַרישע האַנט און צעשאַטקעוועט זיינע ווערק, נישט צו רעכענען זיך אַבסאָלוט מיטן מחבר".

אָבער כאָטש זיין „סערקעלע" איז דורך אים נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז די קאָמעדיע געווען זייער פּאָפּולער. קודם כל האָט דער מחבר אַליין זי זייער פּאָפּולער געמאַכט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער זי פאָרגעלייענט. א. ב. גאָטלאָבער דערציילט, אַז ווען ער איז אין 1837 פאַרוואָגלט געוואָרן קיין זאַמאָשטש און דאָרט קראַנק געוואָרן אויף דער כאָלערע, איז זיכער נישט געווען קיין איין פּאַציענט צו וועלכן עטינגער זאָל נישט געווען זאָגן: „וואָס טויג אייך כאָלערע? איך וועל אייך בעסער פאָרלעזן מיין סערקעלע". גאָטלאָבער פאַרענדיקט: „ער האָט מיר פאָרגעלעזן און איך בין געזונט געוואָרן". אויך אַלכסנדר צעדערבוים דערציילט, „אַז עטינגער פלעגט געבן זיין „סערקעלע" און די לידער צו זיכערע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיי קאָפּירן, זיינע באַקאַנטע פלעגט ער מכבד זיין מיט זיין אייגענעם מאַנוסקריפּט, און אַזוינאָך זיינען זיין נאָמען און זיינע ווערק פּאָפּולער געוואָרן אין רוסלאַנד נישט געדרוקטערהייט".

ע.'ס בן-עיר ש. אשכנזי דערציילט: „צופיל קראַנקע פלעגט ער מיטברענגען זיינע שריפטן צו לעזן. „סערקעלע" איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב".

די ערשטע אויפפירונג פון דער פּיעסע „סערקעלע" איז פאָרגעקומען אין 1863. מ. י. פּאַפּיערנאַ דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן דער אויפפירערין מאַדאַם סלאָנימסקי: „אַ זייער געבילדעטע דאַמע, בטבע אַן אַסימילאַטאָרן, האָט זי אָבער מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די יידישע דראַמע „שרה'קע" (סערקעלע) פון דאָקטאָר עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געווען. פלעגט זי ליב האָבן זי פאָרצולעזן פאַר באַקאַנטע. דעם זעלבן ווינטער איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, וואו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די תלמידים פון דער ראַבינער-שולע. דער פּלאַן פאָרצושטעלן אויף יידיש אַ דראַמע האָט אויסגעזען ווילד ביי די זשיטאָמירער אינטעליגענץ, אָבער מאַדאַם סלאָנימסקאַ איז פעסט באַשטאַנען אויף איר פּלאַן. אפשר האָט זי אַליין געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קוריאָז, נאָר דאָך האָט זי זיך דערפאַר גענומען מיט גרויס ענערגיע. זי האָט פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאַר פּאַסנדע דעקאָראַציעס, און דער ספּעקטאַקל איז צושטאַנד געקומען אין קעגנוואַרט פון די לערער פון דער ראַבינער-שול און פון דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פוראָר. די שילער האָבן זייערע ראָלן גוט געשפּילט. נאָר מער פאַר אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע – „סערקעלע"".

אין אַ שמועס מיט ד. י. זילבערבוש האָט גאָלדפאַדען איבערגעגעבן, אַז ער (גאָלדפאַדען) איז ביי דער אויפפירונג „געווען די רעכטע האַנט ביי פרוי סלאָנימסקאַ. באַזאָרגן די דעקאָראַציעס און ביים איינלערנען די תלמידים איז ער געווען כמעט דער גאַנצער קנאַקער".

צעדערבוים גיט איבער: „מען פלעגט זיי לייענען [ע.'ס ווערק] אין דער געזעלשאַפט פון משכילים, וועלכע פלעגן דערפון הנאה האָבן הערנדיק און זיי האָבן אויך געפּרובט אויפפירן „סערקעלע" אויף דער בינע אין איניקע ערטער. דאָס געלט, וואָס איז אַריינגעקומען פון די צוהערער, פלעגט אַוועקגעגעבן ווערן אויף וואוילטעטיקע צוועקן. די שפּילער זיינען געווען פון דער אינטעליגענץ. אַזוי האָט מען געטאָן אין מאָהילעוו ביים דניעסטער, און צווישן די אַנדערע שפּילער האָט זיך אויך באַטייליקט דער באַרימטער דיכטער ר' יעקב אייכענבוים ז"ל אַלס „ר' יוחנן שדכן". עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אויך צווישן די אַנדערע שפּילער זיינען געווען וויכטיקע לייט זיינס גלייכן", און „אינטעליגענטע ליבהאָבער האָבן שוין אין מערערע ערטער אויפגעפירט די פּיעסע „סערקעלע", און די צוקוקער און צוהערער האָבן באַוואונדערט ווי די פּיעסע איז געשריבן לויט די געזעצן פון די פּיעסעס פון די לעבעדיקע און געאָרדנטע שפּראַכן, וועלכע האָבן אַ ברייטע ליטעראַטור".

לויט אַ מיטטיילונג פון ש. מענדעלסאָן (וואַרשע) צו מ. ווײַנרייך, געדענקט נאָך די קוילער רביצין, ווי ביי זיי אין קויל (Koło, נעבן קוטנאָ, פוילן) האָט מען אויפגעפירט אום פּורים „סערקעלע".

דאָס זעלבע דערציילט פרוי באָראָדינאַ אין טאָמאַשאָוו, באַציענדיק די אויפפירונג אויף דער צייט פון אַרום 1885-1895.

„סערקעלע“ איז אויך געווען איינע פון די ערשטע אויפפירונ־גען אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. י. רימיניק ברענגט אויפן גרונט פון אַ רעצענזיע אין „אָדעסקי ליסטאָק“, אַז די פּיעסע איז דעם 11 אויגוסט 1888 [1880] אויפגעפירט געוואָרן דורך י. י. לערנער אין אָדעס. לערנער האָט דערביי – ווי ס׳איז צו זען פון דער רעצענזיע – באַגאַנגען אַ פאַלסיפיקאַציע: אין די פּראָגראַ־מען האָט ער אָנגעגעבן, אַז ער האָט די פּיעסע איבערגעמאַכט פון דר. עטינגערס ראָמאַן [!?].

לויט אַ רעצענזיע פון אַ שפּעטערדיקער אויפפירונג אין דעצעמ־בער 1880, איז צו זען, אַז די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל: „סערקעלע“ – ישכר גאָלדשטיין, „שדכן“ – משה טייך, [„ירחמיאל“] „זאַאיקע“ – זיגמונט מאָגולעסקאָ, „גבריאל הענדלער“ – משה זילבערמאַן, „לערער“ – אבא שיינגאָלד.

וועגן דערדאָזיקער אויפפירונג איז אויך פאַרהאַן אַ רעצענזיע פון שמ׳רן, וועלכער ווייזט אָן, אַז לערנער האָט די פּיעסע „עט־וואָס איבערגעמאַכט“.

ערשט דעם 25 סעפּטעמבער 1923 קומט פאָר אַ מאָדערנע אויפ־פירונג פון דער פּיעסע אין וואַרשעווער טעאַטער „צענטראַל“: „סערקעלע, אָדער, די יאָרצייט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ ניי טעאַ־

די וואַרשעווער אויפפירונג פון „סערקעלע“.

טער־שטיק אין דריי אויפציען פון דר. שלמה עטינגער. רעזשי – זיגמונט טורקאָוו, מוזיק – יצחק שלאָסבערג, דעקאָראַציעס – מ. אַפּפּעלבוים“ מיט פאָלגנדיקן פּערסאָנאַל:

„ר׳ משה דאַנציקער“ – א. דאָמב
„סערקעלע“ – אסתר־רחל קאַמינסקאַ
„פראַדע אַלטעלע“ – ס. אַלטבוים
„הינדע“ – ד. בלומענפעלד
„ר׳ גבריאל הענדלער“ – ד. לעדערמאַן
„מאַרקוס רעדליך“ – יאָנאַס טורקאָוו
„ר יוחנן, אַ שדכן“ – ס. לאַנדוי
„אַ פרעמדער“ – מ. ליפּמאַן
„אַ דאָקטאָר“ – ה. פיינשטיין

„ר׳ שמעלקע טרויניגס“ – זיגמונט טורקאָוו
„בערל“ – פּ. קערמאַן
„חוה“ – אידאַ קאַמינסקאַ
„חיים“ – וו. גאָדיק
„רחמיאל“ יעקב מאַנדעלבליט
„אַ וואָרט פון שרייבער“ – א. לעווין.

דעם 7 פעברואַר 1924 איז אין ווילנער טעאַטער „פּאַלאַס“ לכּבוד דעם „100 יאָריקן יובילײ פון דער יידישער פּרעסע“ אויפ־געפירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער טרופּע דער ערשטער אַקט פון „סערקעלע“.

אין 1861, איייניקע יאָר נאָכן מחברס טויט, האָט איינער א. גאָנשאָראָווסקי אָפּגעדרוקט די פּיעסע אין יאָהאַניסבורג (פּרייסן) אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם א׳נ „קאָמעדיא אין 5 אַקטן פאָן סער־קעלע אָדער דיא פאַלשע יאָהרצייט געשעהן אין לעמבערג שנת תקצ״ה“. אַן עקזעמפּליאַר פון דער אויסגאַבע [110 ז. 12+20] געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין קיעוו.

אין 1862 האָבן דעם מחברס זין, מיכל און יעקב, באַקומען פון דער צענזור אַ דערלויבניש צו דרוקן זייער פאָטערס ווערק, אָבער פון דער אונטערנעמונג איז גאָרנישט געוואָרן.

אין 1875 האָט אַ וואַרשעווער בוכהענדלער (אָדער פאַרלעגער) איבערגעדרוקט די פּיעסע: „סערקעלע אָדער דיא פאַלשע יאָהר־צייט, קאָמעדיא אין פינף אַקטען, געשעהן אין לעמבערג“, וואַרשא תרל״ו [80 ז. 16°]. אויף רוסיש איז אָנגעגעבן: „נייע אויסגאַבע פון דער יאָהאַניסבורגער אויסגאַבע פון 1861“.

מ ווײנרייך גיט אָן – לויט ל. מאָרגענשטערן – אַז ס׳איז אויך פאַרהאַן אַ לעמבערגער אויסגאַבע, אַלס איבערדרוק פון יאָהאַ־ניסבורג.

אין 1925 האָט דר. מ. ווײנרייך אַרויסגעגעבן די פּיעסע („דר. שלמה עטינגערס כּתבים, אַרויסגעגעבן לויט די מאַנוסקריפּטן מיט אַ ביאָגראַפישן און ביבליאָגראַפישן אַריינפיר און מיט הערות פון דר. מאַקס ווײנרייך, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925. דאָס אַנדערע חלק [„סערקעלע, אָדער, די יאָרצייט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ ניי טעאַטער־שטיק אין פינף אויפציען“, 289-459, 16°].), באַ־נוצנדיק זיך דערביי מיט 5 פאַרשיידענע כּתב־ידן, וועלכע ער באַצייכנט:

M. S. 1 (געפינט זיך ביי נ. פרילוצקי)
M. S. 2 (אין באַזיץ פון ה׳ שפּיראָ, לאָדזש)
M. S. 3 („ „ „ „ לעוויטע, וואַרשע)
M. S. 4 (אין דער „ספריה לאומית“ אין ירושלים)
M. S. 5 („ „ „פּאָבליק לייברערי“ אין ניו־יאָרק)

דר. ווײנרייך באַמערקט דערצו: „די דריי געדרוקטע אויסגאַבעס האָב איך אינגאַנצן נישט גענומען אין אַכט, מחמת זיי האָבן צו עטינגערס שאַפן קיין שייכות נישט; דעם יאָהאַניסבורגער דרוק האָב איך אגב אין ערגעץ נישט געפונען אויך. ...אונזער טעקסט איז געגעבן לויט M. S. 3, די וואַריאַנטן און הערות – לויט M. S. 2. אין אַלגעמיין זיינען די חילוקים צווישן די דאָזיקע טעקסטן, וואָס שטאַמען אַלע פון עטינגערס

האַנט, מינימאַלע און זײַנען אַרויסגערופן צום גרעסטן טייל דורך די פאָדערונגען פון דער צענזור".

אין 1929 האָט ש. באַסטאָמסקי אין זײַן „באַוועגלעכער כרעסטאָמאַטיע" אָפּגעדרוקט דעם ערשטן אַקט פון דער פּיעסע, צוזאַמען מיט דעם מחברס הקדמה (אַ וואָרט פרי'ר).

אין אַ געשריבן ביכל פון עטלעכע הונדערט זײַטן, וואָס דער זאַמלער-קרייז ביים י. ל. פּרץ-פאַראיין אין טשאַרטקאָוו האָט צוגעשיקט צום ייוו'א, געפינען זיך אַ חוץ 4 כתב-ידן פון אומבאַקאַנטע יידישע פּיעסעס, אויך אַ קאָפּיע פון „סערקעלע": „סערקעלע איין טעאַטער שטיק אין יידישער שפּראַכע אין פינף אויפציהען".

מיט דער באַמערקונג, אַז „עטינגער איז אין דער יידישער ליטעראַטור פון 19 יאָרה. דער ערשטער קינסטלערישער סטיליסט ביז מענדעלען, און ווי אַזעלכער, אויף זײַן שטייגער, אפשר נישט קלענער ווי מענדעלע", ווייזט אָן ווינער אויף די קוואַלן פון השפעות צו ע.'ס „סערקעלע": „קודם כל דאַרף מען נעמען אין אַכט די ווירקונג פון וואָלפזאָנס „לייכטזין אונד פרעממעלייא". וויכטיקער נאָך איז די אומיטלבאַרע ווירקונג פון דער אַגע'ווע [„די גענאַרטי וועלט"], אין וועלכער עטינגער האָט געפונען דעם ליטעראַרישן פּראָטאָטיפּ פאַר זײַן „סערקעלע"-פיגור (די פיינע בריהעטע). לויט פּרץ עדות-זאָגן ווייסן מיר, אַז עטינגער האָט אַ חוץ דעם אויסגענוצט פאַר דערדאָזיקער פיגור אַ פּראָטאָטיפּ, אַ גענומענעם פון לעבן („די קאַלטע מומע" פּרץ) ...וואָס שייך אַנטלייאונגען פון פרעמדשפּראַכיקע ליטעראַטורן דאַרף מען ערשטנס רעכנען, אַז עטינגער איז געווען באַקאַנט מיט מאָליערס טאַרטיף-קאָמעדיע (זאָל זײַן אין אַ דייטשער איבערזעצונג), וואָס איז דאַמאָלט געווען זייער פּאָפּולער אין די אויפקלער-קרייזן. די פיגור „סערקעלע" איז אין אַ געוויסער מאָס אַ קאָמבינירטער סינטעז פון: דער אַלטער „מאַדאַם פּערנעל", „מאַדאַם עלמיראַ" (אין מאָליערס „טאַרטיף"), דער „פיינער בריהעטע" פון „אַגע'ווע" און דעם פּראָטאָטיפּ, וואָס איז גענומען געוואָרן פון ווירקלעכן לעבן („די קאַלטע מומע"). די פּאָפּולערע טעמע וועגן דער כלומרשטער יתומה, וואָס לעבט ביי אַ פעטער און מומע, און וועגן דעם פאָטער, וואָס איז אַוועק אין ווייטע לענדער צוליב זײַנע געשעפטן, און צוריקקומענדיק, לעזט ער [אויף] אַלע פאַרוויקלונגען און אָנגעזאַמלטע אינטריגעס, קומט שוין פאָר אין לעסינגס אַ יוגנט-ווערק, אין דער קאָמעדיע (1750) „Der Schatz". ...אין דערדאָזיקער פּיעסע געפינען מיר שוין אַ ריי וויכטיקסטע שטריכן פונם „סערקעלע"-סוזשעט און אויך אַ ריי פיגורן פון דער „סערקעלע"-פּיעסע. עטינגער, ווי אַלע משכילים, האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם מחבר פון „נתן דער חכם", ער האָט אויך איבערזעצט עטלעכע זײַנע משלים און עפּיגראַמעס. עס איז זייער מעגלעך און קרוב לאמת, אַז עטינגער איז געווען באַקאַנט מיט די קלאַסיציסטישע שוואַכע פּיעסעס פון לעסינגס יינגערן פּעריאָד, צו וועלכע עס געהערן: „Der Freigeist", „Die Juden", „Der Misogyn", „Der Junge Gelehrte" און אויך די פּיעסע וועגן וועלכער מיר ריידן: „Der Schatz". פאַרהאַן שטריכן אין „סערקעלע", וואָס קאָנען זײַן אַן אָנצוהערעניש אויף ווירקונגען פון יענע פּיעסעס לעסינגס".

ווינער ווייזט ווייטער אָן (מיט פּאַראַלעלן), אַז פּראָטאָטיפּן פאַר „סערקעלע" האָט ע. געקאָנט געפינען אין לעסינגס „מינא פאָן באַרנהעלם", אין שילערס „אינטריגע און ליבע", אין מאָליערס „בירגער אַלס אַדליגער", קאָצעבוס באַאַרבעטונגען פון לעסינגן, קאָצעבוס „ווירוואַר", און קומט צום אויספיר: „מיר זעען, אַז ס'איז דורכאויס נישט נויטיק אָנצוקומען צו דער השערה [ווײַנריידס] וועגן אַ השפּעה פון פאָנוויזינען [זײַן פּיעסע „Недоросль"], וואָס לייגט זיך אַזוי ווייניק אויפן שכל. אַ סך באַקוועמער און וואָרשיינלעכער זײַנען די השפּעות פון דער דייטשער און דייטש-איבערזעצטער ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן אָנגעמערקט: פון מאָליער, לעסינג, שילער און קאָצעבו. דער סאָציאַלער זינען פון לעסינגס און קאָצעבוס פּיעסע איז כמעט דורכאויס דער זעלבער ווי אין עטינגערס פּיעסע. ...די וויכטיקסטע השפּעה אין יידיש האָט עטינגער געצויגן פון דער אַנאָנימער „גענאַרטע וועלט". ...„סערקעלע" איז נאָך היינט לייענבאַר[ער] איידער לעסינגס יוגנט-קאָמעדיע „Der Schatz". קינסטלעריש שטייט זי אוודאי נישט נידריקער פון פאָנוויזינס „Недоросль" און אַ סך העכער פון קאָצעבוס פּוסטער נאָכמאַכעריי. נישט געקוקט אויף אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכע אַנטלייאונגען און השפּעות, איז „סערקעלע" — היסטאָריש גענומען — אַ באַדייטנדיק קינסטלעריש ווערק, אין וועלכן עס ווערן צום ערשטן מאָל פיקסירט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ריי ספּעציפיש-עטנאָגראַפישע „נאַציאָנאַלע" פיגורן, וואָס האָבן זיך דאַן אין דער ליטעראַטור, און זעלטן ווען בולטער און קינסטלעריש שאַרפער, אַ סך מאָל איבערחזרט".

דאַקעגן שרייבט ש. ניגער: „סערקעלע" איז אַ געוויינטלעכע מעלאָדראַמע מיט די געוויינטלעכע צדיקים און רשעים. אין זייערע רייד, אין זייער שפּראַך איז נאָך דאָ אָפט עפּעס לעבעדיקעס, איבערצייגנדיקעס. אָבער נישט אין זייער אויפפירונג. זייערע אינדיווידועלע כאַראַקטערן זײַנען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, און זיי זײַנען אינטערעסאַנט נאָר פון אַ געזעלשאַפטלעך-פּסיכאָלאָגישן און קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט".

ב. גאָרין שרייבט: „זי [„סערקעלע"] ווייזט נישט קיין סימן, אַז זי איז געשריבן געוואָרן כמעט מיט צוויי דורות פריער איידער גאָלדפאַדען האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פון יידישן טעאַטער. אויף דער יידישער בינע שפּילט מען עד היום הונדערטער אַזעלכע פּיעסען. זיי זײַנען געגאָסן אין דעם פורעם פון „סערקעלע". מער נישט, אין „סערקעלע" איז די שפּראַך אַ פרישערע, אַ לעבעדיקערע, אַ יידישערע. „סערקעלע" איז געשריבן אין אַ מאָדערנעם ריינעם יידיש. „סערקעלע" איז געווען דער מוסטער פאַר די שפּעטערדיקע יידישע דראַמאַטורגען, און צו זאָגן דעם אמת, האָבן זיי שלעכט נאָכגעמאַכט. זיי האָבן נאָר גענומען דאָס מעלאָדראַמאַטישע, די עפעקטן און האָבן נישט געקאָנט אָנטאַפּן דעם לעבעדיקן פּולס אין דער פּיעסע. ...לויט איר קאָנסטרוקציאָן שטייט „סערקעלע" אַ סך העכער פון הונדערטע[ר], הונדערטע[ר] פּיעסען פון אונזער צייט אויף דער יידישער בינע. די פּיעסע איז געבויט נאָך אַלע רעגעלן פון דער דראַמאַטישער קונסט און „סערקעלע" איז זיכער געווען דער גלענצענסטער אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער דראַמע אין רוסלאַנד... אַזוי, למשל, עפענען די ערשטע סצענע אין דעם ערשטן אַקט דער משרת און די דינסט-מיידל. שפּעטער איז דאָס געוואָרן אַ שאַבלאָן און כמעט אין דריי פערטל פּיעסען פון יידישן טעאַטער עפנט זיך אַזוי די ערשטע סצענע. קיין שטערן וויל נישט עפענען קיין פאָרהאַנג אויף דער יידישער בינע. ער האָט אויך אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען צו ענדיקן אַן עקזיט [אָפּגאַנג] מיט אַן עפעקט. כמעט אַלע פאַרשוינען אין „סערקעלע" האָבן ווערטלעך. ...און דאָס איז אויך נאָכ-

דעם געוואָרן אַ שאַבלאָן פאַר אַלע דראַמאַטורגן אָן אויסנאַם". און ווייטער: „שלמה עטינגער האָט געשטרעבט אויסצומיידן דייטשע ווערטער און געזוכט צו געבן זיי אַ יידישע פאָרם. אַזוי למשל, באַצייכנט ער דאָס שטיק אַלס אַ „קוק-שפּיל" אָנשטאָט דעם דייטשן „שוישפּיל". ער האָט באַשאַפן דאָס וואָרט „אַריינקום" אָנשטאָט דעם דייטשן „אויפטריט" וכדומה. ...אַזוי ווי די מעשה קומט פאָר אין לעמבערג, האָט די שפּראַך אַ לאָקאַלן שטעמפּל, ווי, למשל, „עך", „מעך" און דאָס גלייכן. דער ליטווישער ייד, וואָס קומט אַריין אין דער פּיעסע, רעדט מיטן סמך. נאָר טריי צום רעצעפּט וואָס וואָלפזאָן האָט געגעבן, ריידן די געבילדעטע דייטש ווי אין „לייכטזין אונד פרעממעלייא". דאָס איז געוואָרן אַ חוק ולא יעבור, אַז די געבילדעטע זאָלן ריידן דייטש".

און מ. וויינרייך שרייבט: „דעם גרעסטן חילוק צווישן עטינגערן און אַזאַ השכלה-שרייבער ווי אהרן וואָלפזאָן זעען מיר אַרויס ווען מיר פאַרגלייכן זייערע ביידנס קאָמעדיעס. אין „לייכטזין אונד פרעממעלייא" זיינען אַלע רעמאַרקעס אין דייטש, אפילו יענע העלדן, וואָס ריידן יידיש; דאָס הייסט, אַז דעם מחברס שפּראַך איז דייטש, און יידיש האָט ביי אים די ווערדע פון אַן עטנאָגראַפישן קוריאָז. אין „סערקעלע", פאַרקערט, זיינען אפילו ביי ר ע ד ל ע ך ס [דער סטודענט] רעפּליקעס די רעמאַרקעס געשריבן אין יידיש".

אויסער „סערקעלע" האָט ע. אָנגעשריבן נאָך פראַגמענטן פון 2 פּיעסעס, וועלכע זיינען געווען גאַנץ אומבאַקאַנט ביז דר. מ. וויינרייך האָט זיי פאַרעפנטלעכט אין 1925 [אין ע.׳ס צווייטן באַנד]. די געפינענע פראַגמענטן פון די פּיעסעס האָבן נישט אין כתב-יד קיין נעמען, און זיי ווערן טיטולירט דורך וויינרייכן: „דער פעטער פון אַמעריקע" (זז. 460-506), וואָס אַנטהאַלט אַ פולן ערשטן אַקט און 2 אויפטריטן פון צווייטן אַקט, און די „פריילעכע יונגלייט" (זז. 507-513), וואָס אַנטהאַלט אַ קורצן פראַגמענט.

וועגן דער השפּעה אויף די צוויי פראַגמענטן שרייבט מ. ווינער: „אינם דראַמאַטישן פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע" דערקענען מיר אין מנשהס פיגור זייער דייטלעך אוריס [פון דער אַנאָנימער פּיעסע „די גענאַרטי וועלט"] שטריכן. בכלל איז די סצענע צווישן דעם טאַרטיף-מלמד ר׳ זונדל און דעם משרת „מנשה" אין דעם דערמאָנטן פראַגמענט עטינגערס (זז. 474-478) נאָכגעמאַכט לויט ענלעכע סצענעס צווישן דעם מלמד און אורי אין דער אַגע׳ווע. ...דער מאָטיוו פונם פאַרשטעלטן פרעמדן [השפּעה פון לעסינגס „Der Schatz"] חזרט זיך איבער [אַזוי ווי אין „סערקעלע"] אין עטינגערס פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע". ... אגב, דערמאָנט די טעמע פון עטינגערס פראַגמענט „דער פעטער פון אַמעריקע" זייער שטאַרק אין שילערס קאָמעדיע „Der Neffe als Onkel".

ע. איז געשטאָרבן פּלוצלינג דעם 31 דעצעמבער 1856, און זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן פון זשדאַנאָוו קיין זאַמאָשטש, וואו דאָס בית-דין, באַגלייט פון גאַנץ שטאָט, האָט געטראָגן דעם אָרון ביזן בית-עלמין. אויף זיין מצבה אין זאַמאָשטש איז אויסגעקריצט אַן עפּיטאַפיע אין העברעאיש, וואָס ער אַליין האָט זיך אָנגעגרייט.

ע. האָט איבערגעלאָזט 7 קינדער, פון וועלכע דער דריטער זון, יעקב (ווילהעלם), וועלכער האָט אין 1862 שטודירט אין דער וואַרשעווער ראַבינער-שול און איז דערנאָך געווען אַן אָנגעזעענער רוסישער פאַרלעגער אין פּעטערבורג און אַרויסגעבער פון אַ מעדיצינישער ענציקלאָפּעדיע, איז דעם 13 יאַנואַר 1915 געשטאָרבן אַלס קריסט.

כאַראַקטעריזירנדיק ע.׳ס שאַפן, שרייבט מ. וויינרייך: „אָבער נאָך אַלעמען איז עטינגערס ווירקונג פאָרט געווען אַ קנאַפּע, באַגרענעצט מיט ענגע קרייזן. וואָלט ער פאַרמאָגט דעם טעמפּעראַמענט פון אַן איבערקערער, וואָלט ער אפשר געוואָרן דער זיידע פון אונזער ליטעראַטור. די ליטעראַרישע מסוגלקייט דערצו האָט ער פאַרמאָגט. אויב ער איז הינטערשטעליק אַנטקעגן מענדעלען אין טאַלאַנט, שטייט ער געוויס העכער פון אים אין פרט פון פאָרם-געפיל, כאָטש ער האָט געשריבן מיט דרייסיק יאָר פריער. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אין זיין כאַראַקטער, האָט ער נישט געקאָנט צעברעכן; איז ער געבליבן דער ע ל ט ע ר - ז יי ד ע פון דער יידישער ליטעראַטור, דער ווייניק-געקענטער, האַלבפאַרגעסענער עלטער-זיידע, וועלכן מען מוז אויפן וועג פון פ אָ ר ש ו נ ג פאָרשטעלן פאַר אונזער היינטיקן לייענער".

אין היפּך צו א. קאַפּעלס [דר. מוקדוני] כאַראַקטעריזירן ע.׳ן אַלס דעם „איינציקן משכיל, וואָס האָט געפילט די אמתע ריינע ליבע צו די אַלטע פאָרמעס פונם יידישן לעבן. ער האָט קיינעם נישט געמוסרט, נישט אויסגעלאַכט און האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויסשטעלן פאַר אַ לערער און פרעדיקער", ווייזט אָן מ. ווינער - געשטיצט אויף אַ באַמערקונג פון א. צעדערבוים, — אַז „אַזוי אַרום איז שוין פון אָנהויב אָן געווען די טענדענץ צו פאַרשמירן דעם כאַראַקטער פון עטינגערס שאַפן. אָבער אויך אין די ווערק, וואָס זיינען יאָ געדרוקט געוואָרן, האָבן מיר גענוג שאַרפע ביישפּילן פון קאַמף קעגן חסידות, קעגן קלעריקאַליזם און לפּחות קעגן באַשטימטע קהלשע אָנפירער — גענוג ביישפּילן כדי צו דערווייזן, אַז ער האָט יאָ „געשאַרפט מעסערס" קעגן אַ באַשטימטע „פּאַרטיע" און, אַז ער האָט נישט געלעבט אין אַזאַ אידילישן שלום מיט קהל, חסידים און דעם קלעריקאַליזם".

זלמן רייזען שרייבט: „ער, דער אייראָפּעאיש-געבילדעטער, אין אַ צייט, ווען וועלטלעכע בילדונג האָט באַדייט אַסימילאַציע און אָפּגעריסנקייט פון פאָלק, איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן פאָלקסמענטש. ס׳איז דעריבער מער ווי נאַטירלעך וואָס אויך אין זיינע ווערק האָט ע. באַוויזן אויסמיידן די ענגע דאָגמאַטיק פון די משכילים און געשאַפן האָט ער נישט צוליב זייטיקע כוונות און טענדענצן, כדי אויפצוקלערן דעם לעזער, נאָר אויס דעם אינעווייניקסטן דראַנג פון אַ קינסטלער-נאַטור. צום גלענצנדסטן ווייזט זיך ע.׳ס קינסטלערישער טאַלאַנט אַרויס אין זיינע ווערק, וואָס זיינען אין פערזן. אין זיי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז נישט נאָר דער באַדייטנסטער יידישער שריפטשטעלער פאַר מענדעלע מוכר ספרים, נאָר אויך דער ערשטער קינסטלער אין דער יידישער שפּראַך אין מאָדערנעם זין פון דעם וואָרט. בכלל אָבער גענומען, איז „סערקעלע" אַ לעבעדיקע רעאַליסטישע קאָמעדיע, געשריבן אין אַ פּליסיקער, פאַר יענער צייט ממש אויסערגעוויינלעך פאָלקסטימלעכער שפּראַך, און אויך לויט איר קאָנסטרוקציע שטייט זי אויף דער הויך פון דער דראַמאַטישער קונסט אָנהייב XIX יר׳ה. אַלץ אין דער קאָמעדיע זאָגט עדות דערפאַר, אַז ער האָט, שרייבנדיק זי, געהאַט אין זינען צו זעען זי אויפגעפירט אויף דער בינע, וועלכע ער האָט משמעות גוט געקענט".

נ. אויסלענדער שרייבט: „עטינגערס דיאַלאָג [איז] פּסיכאָלאָגיש-אויסגעהאַלטן און גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון די ראַמען

פון טיפישקייט. אָט די באַהעפטונג פון „פסיכאָלאָגיע" מיט טיפישקייט האָט עטינגער דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור".

בעת דר. ווײַנרייך באַטאָנט, אַז ע. האָט ביי זיין לעבן נישט געזען קיין איין געדרוקטע שורה זיינע, פאַרצייכנט מ. ווינער, אַז אין גאָטלאָבערס בוך „פרחי האביב" (יוזעפאָוו, 1837, ז. 14) איז פאַרעפנטלעכט ע.׳ס אַ העברעאישע שיר.

ע.׳ס געדרוקטע פיעסעס אין יידיש:

[1] קאָמעדיא אין 5 אַקטען
פאָן
סערקעלע
אָדער
דיא פאַלשע יאָהרצייט
געשעהן אין לעמבערג
שנת תקצ״ה
יאָהאַניסבורג [1861]
[110 ז. 20+12]

[1א] סערקעלע
אָדער
דיא פאַלשע יאָהרצייט
קאָמעדיא אין פינף אַקטען
געשעהן אין לעמבערג.
וואַרשא תרל״ו [1875, 80 ז. 16°]

[1ב] דר. שלמה עטינגער
סערקעלע
אָדער
די יאָרצייט נאָך אַ ברודער
גאָר אַ ניי טעאַטער-שטיק אין פינעף אויפציען.
[געדרוקט אין „אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער", דאָס אַנדערע חלק ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925, זז. 289-459, 16°]

[1ג] באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי
ש. עטינגער
סערקעלע
אָדער
די יאָרצייט נאָך אַ ברודער
גאָר אַ ניי טעאַטער-שטיק אין פינעף אויפציען.
ערשטער אויפצי.
ווילנע, פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול",
1929 [24 ז. 16°]

[2] דר. שלמה עטינגער
דער פעטער פון אַמעריקע
[„כתבים", דאָס אַנדערע חלק, זז 460-506]

[3] דר שלמה עטינגער
די פריילעכע יונגעלייט
[דאָרט, זז. 507-513]

ז. רייזען — „געש. ייד. ליט.", II, זז. 725-739.

ב גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", I, זז. 91-100, II, ז. 270

א. איינהאָרן — אַ יום-טוב, „נייער היינט", וואַרשע, 24 סעפטעמבער 1923.

נון-מעם [נ. מייזיל] — דר. שלמה עטינגער און זיין „סערקעלע", „אונזער פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 24 סעפט. 1923.

אַ טעאַטראַל [ב. מיכאַלעוויטש] — דער תחית-המתים פון „סערקעלע" אין טעאַטער „צענטראַל", „אונזער פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 28 סעפט. 1923.

אהרן צייטלין — עטינגער אויף דער ביהנע, „דער מאָמענט", וואַרשע 28 סעפט. 1923.

א. א. [איינהאָרן] — טעאַטראַלע נאָטיצען, „נייער היינט", וואַרשע, 28 סעפט. 1923.

ז. ר. [רייזען] — דער יידישער טעאַטער, „טאָג", ווילנע, 15 פעבר. 1924.

„The Drama of Transition" by Isaak Goldberg, Cincinnatti, 1924.

דר. מאַקס ווײַנרייך — „אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער", ווילנע, 1925.

שלום פערלמוטער — אידישע דראַמאַטורגען, „די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 18 נאָוו. 1928.

נ. אויסלענדער — די עלטערע אידישע דראַמע און איר קינסטלערישע אויסשטאַטונג, „טעאַטער-בוך", קיעוו, 1927, זז. 46-54.

י. מאַנדל — אויף שלמה עטינגערס קבר, „ליטבל׳ט", וואַרשע, נ׳ 165, 1927

דר. מ. ווײַנרייך — „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע", ווילנע, 1928, זז. 280-291.

משה שאַליט — בלעטערנדיק, „ליטבל׳ט", וואַרשע, נ׳ 22, 1928.

דר. יעקב שאַצקי — רעצענזיעס, „פנקס", נ. י., 1928, העפט 3, באַנד I, זז. 281-83.

י. צינבערג — אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער, „ליטבל׳ט", וואַרשע, נ׳ 15-14, 1928.

מ. ווינער — די אויסגאַבע פון עטינגערס שריפטן, „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך", באַנד I, אונטער דער רעדאַקציע פון י. ליבערבערג, 1930, צענטראַלער פאַרלאַג פון די פעלקער פון פ. ס. ר. ר., זז. 115-163.

י. רימיניק — נאָטיצן, דאָרט זז. 518-19.

דר. מ. ווײַנרייך - פיר אומבאַקאַנטע טעאַטער שטיק פון מיטן 19-טן יאָרהונדערט, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 175-76.

ש. ניגער — אַ דאָקטאָר וואָס שרייבט לידער און דראַמעס, „דער טאָג", נ. י., 14, 21 דעצ. 1930

דר. י שיפּער — דר. שלמה עטינגערס וואַרשעווער קרובים און פריינד, „ייוו א-בלעטער", ווילנע, אַפּריל-מאַי 1932, זז. 371-384.

ש. י. אימבער — גאַליציען-לעגענדע אוןווירקלעכקייט, „היינט", וואַרשע, 2 יוני 1933.

עטינגער, שרה

[גליקמאַן]

געבוירן 26 אַפּריל (א. ס.) 1889 אין זלאָטשאָוו, מזרח-גאַליציע. עלטערן — יעקב און עטל גליקמאַן, דירעקטאָרן און אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער אין רומעניע.

געענדיקט אַ פאָלקס-שול אין בוקאַרעסט. דעביוטירט אין קינדער-כאָר אין גאָלדפאַדענס אויפפירונג פון „עקדת-יצחק" און ביזן עלטער פון 11 יאָר געשפילט קינדער-ראָלן. אין עלטער פון 12 יאָר געשפילט „שולמית" אין הורוויצס „שלמה המלך".

צו 16 יאָר האָט ע. אָנגעהויבן שפּילן ראָלן פון דערוואַקסענע אין דער טרופּע פון איר פאָטער און פאָרט דערנאָך אַרום איבער רומעניע, בוקאָווינע און גאַליציע. שפּעטער האָט זי געשפּילט אונטער דער שותּפותדיקער דירעקציע פון איר מאַן, יאַשע עטינגער, און איר פאָטער.

אין מלחמה-צייט שפּילט ע. אין רוסלאַנד, דעם סעזאָן 1919-20 אין יידישן מלוכה-טעאַטער אין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר, דערנאָך אין פּוילן, 1927 — אין פּאַריזער יידישן טעאַטער און זינט 1928 אין רומעניע.

איניקע סעזאָנען האָט ע. אויך געשפּילט וואָדעוויל אין רומעניש.

מ. ע.

עלבוים, משה

געבוירן 1903 אין וואַרשע, פּוילן, ביי חסידישע עלטערן. ביז 14 יאָר געלערנט אין חדר און אין ראַדזימינער ישיבה. שפּעטער — אויטאָדידאַקט.

1917 — אָנגעהויבן דרוקן אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט" אַקטועלע לידער און פעליעטאָנען. זינט 1922 — טעטיק פּראָפעסיאָנעל אַלס זשורנאַליסט, צוערשט אין לעמבערג, לאָדזש, שפּעטער אין וואַרשע.

אין לעמבערג שרייבט ע. אַקטועלע רעוויו-סקעטשן פאַר דער „ווילנער טרופּע". געהערט אויך צו דער פאַרוואַלטונג פון דער „יעקב גאָרדין-בינע". אין לאָדזש שרייבט ער טעאַטער-קופּלעטן, מאָנאָלאָגן און קאָנפעראַנסיע-טעקסטן פאַר די אַקטיאָרן קלאַרא יאַנג, ה. יעדוואַב, אהרן פּאָליאַקאָוו, וו. גאָדיק א. א.

1929-31 — אַרבעטנדיק אין רעדאַקציע, געווען גלייכצייטיק קאָנפעראַנסיע אין בראָדערזאָנס „אַראַראַט" אין לאָדזש און וואַרשע.

ע. פאַרעפנטלעכט אויך פון צייט צו צייט, אַלס רעדאַקציע-מיטגליד פון „אונזער עקספּרעס", רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער און שמועסן מיט יידישע אַקטיאָרן.

ש. ע.

ז. רייזען — „לעק. ייד. ליט.", II, ז. 740.

עלגאַרד, איזידאָר (יצחק-לייב)



געבוירן 27 יוני 1894 אין קיעוו, אוקראַאינע. עלטערן — סוחרים. געלערנט אין חדר און אין אַ האַנדלס-שול. אַלס קינד פון 10 יאָר זיך באַטייליקט מיט דער רוסישער אַקטריסע דראַזדאָוואַ אין אַ קינדער-ראָל אין דער פּיעסע „די קינדער-גנבטע", און שפּעטער אין אַנדערע קינדער-פאָרשטעלונגען.

1907 — געקומען אין אַמעריקע און דערנאָך געשפּילט אין פאַרשיידענע וואַנ-

דערנדע אוקראַאינישע טרופּעס. 1918 — אָנגעהויבן שפּילן יידיש אין נואַרקער יידישן טעאַטער (דיר. — סידני האַרט), 1919-20 — געווען סטיידזש-מענעדזשער ביי עמנואל רייכער אין שניצערס קונסט-טעאַטער, דערנאָך 2 סעזאָנען מיט רודאָלף שילדקרויט, שפּעטער אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס, דערונטער ביי יוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן. 1927-28 — אין טאָראָנטאָ, 1928-29 — אין פילאַדעלפיע, 1931-32 — אַרטש סטריט, פילאַדעלפיע, 1932-33 — קאַסינאָ-טעאַטער (פילאַדעלפיע) און דערנאָך איז ער אַנגאַזשירט אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע).

1911-14 — האָט ע. זיך באַטייליקט אין ליביןס סטודיע אין פילאַדעלפיע אין די פילמען „די טרעסט אַף דעטעגני", „די באָמבע" א. א.

ש. ע. און ש. ע. פון שרה קינדמאַן.

עלגאַרד, מאַניע

[מרים בובער]

געבוירן 11 יולי 1895 אין סקוליען, בעסאַראַביע. פאָטער — אַ ליוועראַנט פון תבואה. 1906 — געקומען צום זיידען אין פילאַדעלפיע (אַמעריקע). דאָ געלערנט אין פּאַבליק-סקול און געענדיקט אַן אָוונט-שול. דערנאָך געאַרבעט ביי דאַמען-בלוזקעס און געווען אָנגעשטעלט אין דער ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, שפּעטער עקזעקוט.-מיטגליד אין „אַרבעטער-רינג" (בראַנטש 12, פילאַדעלפיע) און סעקרעטאַרין פון די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" אין פילאַדעלפיע.

דורך דער באַקאַנטשאַפט מיטן אַקטיאָר איזידאָר עלגאַרד, אַריינגעטראָטן אין דראַמאַטישן קלוב ביי דער פילאַדעלפיער היברו ליטעראַטור-סאָסייטי און דאָרט געשפּילט $1\frac{1}{2}$ יאָר, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין נואַרקער יידישן טעאַטער (דיר. — סידני האַרט) אַלס סובּרעטין. נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געשפּילט אַ סעזאָן מיט רודאָלף שילדקרויט איבער דער פּראָווינץ, שפּעטער מיט אים אַ סעזאָן אין ניו-יאָרק, אַ סעזאָן ביי יוליוס נאַטאַנסאָן אין באָסטאָן און 1928-29 פון צייט צו צייט אין באָסטאָן.

מ. ע.

עלווינג, בערנאַרד



געבוירן אין זשיראַרדאָוו, פּוילן. פאָטער — אַ באַזיצער פון דאַמף-מילן. געלערנט אין חדרים און אין מאַקאָווער ישיבה, פון וואו ער ווערט אַרויסגעשיקט פאַר לייענען, צוזאַמען מיט זיין חבר, דעם שפּעטערדיקן שרייבער אברהם וויעוויאָרקע, ספרים חצונים, און ווערט אַ זייגערמאַכער אין לאָדזש.

געוואָרן שפּעטער אַ פּאַרטיי-מאַן (צוערשט אַ ציוניסט, דערנאָך אַ פּועלי-ציוניסט)

און, אַרעסטירט, דורכן פאָטער אָפּגעשיקט געוואָרן צו אַ שוועסטער אין בערלין.

וואוינענדיק בשכנות פון יידישן טעאַטער, האָבנדיק אַן „אַלט"־שטימע, טרעט ער אַריין אין דער טרופּע (בערנאַרדי, פיינמאַן א א.) אַלס כאָריסט און שפּעטער אויך אַלס עפּיזאָדן־ראָליסט און באַזוכט צוגלייך שטערנס דראַמאַטישע שול און אויך 2 יאָר קאָנסערוואַטאָריע.

אין 1906 ווערט ער אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד און ער פאָרט צו זיינעם אַ ברודער אין אַמעריקע, וואו ער באַקענט זיך מיט נייטאַן ראָזענטאַל און טרעט אויף ביי אים אין פאַסייק אַלס „משה חסיד" אין גאָרדינס „יידישער קעניג ליר". 3 יאָר פאָרט ער דאַמאָלט אַרום איבער דער פּראָווינץ מיט ראָזענטאַלן, 2 יאָר – מיט זילבערטן און אַ האַלבן סעזאָן מיט טשאַרלס נאַטאַנסאָן. דערביי האָט ער די געלעגנהייט צו שפּילן מיט אַדלער, קעסלער און מאָגולעסקאָ.

אָפּגעוועזן אייניקע וואָכן דירעקטאָר פון אַ קליין טעאַטער אין ניו־יאָרק, שפּילט ער דערנאָך 2 יאָר ביי לעוויטאַנען אין באָסטאָן, 2 יאָר ביי אברהם ליטמאַן אין טאָראָנטאָ (וואו די דירעקציע ציט זיך צוריק און די טרופּע גייט איבער אויף מאַרקן), צו איינצלנע סעזאָנען ביי קרים אין דעטראָיט, ביי יאָזעף קעסלער אין שיקאַגאָ, ווידער ביי קרים אין דעטראָיט און ביי סידני הארט אין נואַרק, דערנאָך ביי שראַגע אין מאָנטרעאל, וואו ער ווערט דירעקטאָר און האַלט אָן (דאָס ערשטע מאָל אין מאָנטרעאל) דעם סעזאָן 41 וואָכן. שפּעטער שפּילט ער ביי וויסמאַן אין טאָראָנטאָ און אַ סעזאָן מיט דזשעני וואַליער אין ליפּצין־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

1921 – ווערט ער דירעקטאָר אין נואַרק, וואו ער שפּילט די גאַנצע צייט אין מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער, וועלכעס איז זיין אייגנטום, און גאַסטראָלירט פון צייט צו צייט אין קאַנאַדע. אין 1932 האָט ער גאַסטראָלירט אין אייראָפּע.

ע. האָט אויך אָנגעשריבן אייניקע פּיעסעס אונטער זיין אייגענעם נאָמען און א״פ דוד בערנאַרד: „דער ייד אין פּוילן, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן", אויפגעפירט אין יאַנואַר 1918 אין מאָנומענט־נעשאָנאַל־טעאַטער אין מאָנטרעאל, „דער יידישער זינגער, אָפּערעטע אין 3 אַקטן, מוזיק פון פּ. לאַסקאָווסקי", אויפגעפירט אין אַפּריל 1928 אין סטענדאַרט־טעאַטער אין טאָראָנטאָ, „זיין צווייטע יונגט, מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן", אויפגעפירט דעם 15 סעפּטעמבער 1929 אין נואַרק, און „די צוויי טאַטעס, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן", אויפגעפירט דעם 1 אָקטאָבער 1930 אין באָסטאָן.

ע.׳ס ברודער, ישראל, איז מענעדזשער אין נואַרקער מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער.

מ. ע.

חיים עהרענרייך – נואַרק און זיין אידישער טעאַטער, „פאָרווערטס" נ. י., 5 מערץ 1925.

שמש – בערנאַרד עלווינג אין „דער פּוילישער איד", „דער אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 29 מערץ 1929.

מ. גינזבורג „מאָדערנע פּרויען", „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 24 דעצ. 1930.

עלווינג, ראָזאַ

[דזשוליבער]

געבוירן 25 דעצעמבער 1892 אין יאַרמאָלינעץ, פּאָד. גוב., אוקראַאינע, ביי בעל־הביתישע עלטערן. געלערנט אין אַ חדר און אין אַ שול.

אין עלטער פון 12 יאָר איז ע. מיטן פאָטער געקומען אין אַמעריקע, וואו זי איז די ערשטע צייט געווען אַ מאָדעליסטקע פאַר קליידער, שפּעטער אַ צייכנערין. אַלס מיטגליד אין יואל ענטינס „פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק־קלאָב", פלעגט ע. זיך באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען.

אין 1909 האָט דער דירעקטאָר פון נואַרקער מעטראָפּאָליטאַן־טעאַטער, בערנאַרד עלווינג, זי געזען שפּילן די „מוטער" פון שטיינבערג און אין „שוועסטער" פון י. ל. פּרץ און זי פאַרבעטן צו שפּילן מיט אים „לאַאוראַ" אין סטרינדבערגס „פאָטער". זינט דאַמאָלט איז זי געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע און שפּילט כסדר צוזאַמען מיט עלווינגן, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט.

דעם 10 מערץ 1931 איז ע. אַריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

מ. ע.

נ. ב. לינדער – דער טומעל וועגן די לעצטע עקזאַמענס אין דער אַקטיאָרען יוניאָן, „טאָג", נ. י., 27 פעבר. 1931.

עלזאַ

[זע בארדט עלזאַ]

עליאַס, מרים

געבוירן – ווי זי גיט אָן – 1897 אין זוואַניץ, ביי קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. פאָטער – אָרטיקער רב אין משך פון אייניקע צענדליק יאָר.

נאָכן ענדיקן די פאָלקס־שול און די העבּרעאישע תלמוד־תורה האָט ע. פאָרטגעזעצט אירע למודים אין העברעאיש און אין גימנאַזיע אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק.

נאָך אין די יונגסטע יאָרן אויפגעפירט אין איר געבוירן־שטעטל משה ריכטערס „הערצעלע מיוחס", אין וועלכער זי האָט מיטגעשפּילט. דערנאָך אָנגעפירט מיט אַ יידישן דראַמאַטישן קלוב, ביז זי טרעט אַריין אין אַ רוסישער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע.

1916 – אַריינגעטראָטן אין מאָסקווע אין דער העברעאישער טרופּע „הבימה", וואו זי שפּילט „חנן" אין אַן־סקיס „דער דיבוק" און לערנט גלייכצייטיק פּריוואַט ביי סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו.

1923 – געקומען אין אַמעריקע, דאָ געמאַכט „אַ קאָנצערט"־טורנעע איבערן לאַנד און דערנאָך געוואָרן איינע פון די הויפּט־שפּילער

אין „אונזער טעאַטער" אין ניו-יאָרק, וואו זי דעביוטירט אַלס „די רביצין" אין אַנ-סקיס „טאָג און נאַכט".

1925-26 – אַנגאַזשירט אין יידישן קונסט-טעאַטער (דיר. – שוואַרץ), וואו זי שפּילט אין זשולאַווסקיס „שבתאי צבי", טאָלערס „הינקער-מאַן", פּרץ הירשביינס „דעם שמידס טעכטער", שלום אַשס „אַ שניר פּערל" און ס. יושקעוויטשס „דער לופט-מענטש".

1928-29 – ווידער געשפּילט אין יידישן קונסט-טעאַטער, און דאָ צווישן אַנדערע ראָלן אויפגעטראָטן אַלס „דער מגיד" אין אַש-שוואַרץ „קדוש השם" און „פּעסעניו" אין שוואַרץ מאָדערניזאַציע פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

דעם 11 יאַנואַר 1927 האָט ע. (צוזאַמען מיט ברוך אַראָנסאָן) אויפגעפירט מיטן „קונסט-רינג" אין „דאָס נייע יידישע קונסט-טעאַטער" (אירווינג-פּלייס-טעאַטער) משה נאַדירס „די טראַגעדיע פון גאָרנישט".

1930 – באַזוכט איראָפּע אויף אַ „קאָנצערט"-טורנע, גלייכצייטיק אַרויסגעטראָטן אויף אַן ענגלישן רעציטאַציע-אָוונט אין לאָנדאָן, וועלכן זי חזרט איבער אין 1931 אין ניו-יאָרק.

ע. איז געווען די פרוי פון מאָלער ברוך אַראָנסאָן.

ש. ע.

ג. ריוועסמאַן – זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם העברעאישען טהעאַטער אין מאָסקווא, „פאָרוו.", נ. י., 23 סעפּט. 1923.

דר. א. מוקדוני – וועלט-בעריהמטהייטען, „מאָז'ש", נ. י., 4 אַפּריל 1924.

אב. קאהאַן – אַ פּאָר טעאַטער-נאָטיצען, „פאָרוו.", נ. י., 12 דעצ. 1924.

נ. ביכוואַלד – פּאָעטישער קאַצעניאָמער געמישט מיט טעאַטער, „פריי-הייט", נ. י., 14 יאַנ. 1927.

דר. א. מוקדוני – „די טראַגעדיע פון גאָרנישט", „מאָז'ש", נ. י., 21 יאַנ. 1927.

מ. ר. – די פייערלעכע ייוואָ-אַקאַדעמיע אין וואַרשעווער שטאָטראַט, „ליטבל'ט", וואַרשע, נ' 52, 1929.

הערמאַן סוועט – דער קאָנצערט פון מרים עליאַס, „ליטבל'ט", וואַרשע, נ' 50, 1929.

ה. שק. [שקלאַרסקי] – קאָנצערט פון מרים עליאַס, „אידישע שטימע", קאָוונע, 24 פעבר. 1930.

ארין [ז. טרויב] – מרים עליאַס, דאָרט, 26 פעבר. 1930.

נתן גרינבלאַט – איר נצחון, דאָרט, 4 מערץ 1930.

אסעל – צווייטער אויפטריט פון מרים עליאַס, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 6 מערץ, 1930.

וו. לאַצקי-בערטאָלדי – די קונסט פון אידישקייט, „פרימאָרגן", ריגע, 10 מערץ 1930.

ש. קאָלאָדאָווסקי – ווער איז מרים עליאַס? „צייט", לאָנדאָן, 16 יולי 1930.

מאָריס מייער – מרים עליאַס קאָנצערט אין גלאָוב טעאַטער, „צייט", לאָנדאָן, 20 יולי 1930.

מאָריס מייער – מרים עליאַס קינסטלערישער טריאומף אויף דעם קאָנצערט אין פּאַוויליאָן טעאַטער, „צייט", לאָנדאָן, 30 יולי 1930.

ד. קאַפּלאַן – מרים עליאַשעס דראַמאַטישער ריסאיטעל אין „ליטל טעאַטער", „פאָרוו.", נ. י., 21 אַפּריל 1931.

ב. י. גאָלדשטיין – אַמעריקא און איראָפּא, „פא'ש", נ. י., 24 אַפּריל 1931.

עליכם-שלום

לויט ב. גאָרין איז אין 1903 אויפגעפירט געוואָרן זיין פּיעסע „סאַלאָמאָן קאוס".

ס'האַנדלט זיך וואָרשיינלעך וועגן יעקב גאָרדינס פּיעסע „שלמה חכם", וועלכע איז נאָך בערך 1899-1900 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרק דורך יעקב פּ. אַדלער.

די פאַרדרייעניש פון די נעמען פון דער פּיעסע און מחבר איז מסתמא געשען צוליב דעם, וואָס מען האָט די פּיעסע מיט איר אמתן נאָמען, אַלס אייגנטום פון יעקב פּ. אַדלער, נישט געטאָרט שפּילן.

ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 271.

זלמן זילבערצווייג – „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", I, ז. 415.

עלישעוואַ

[שעוואַ באָקשטיין]

געבוירן 23 דעצעמבער 1899 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע. עלטערן – סוחרים, וועלכע טראָגן זיך איבער אין 1909 אין קיעוו, וואו ע. באַזוכט אין איר פריסטער יוגנט טעאַטער-פאָרשטעלונגען און קאָפּירט זיי נאָך אין שטוב.

ביז דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע עקסטערנעוועט און שפּעטער געענדיקט אַ מיטלשול. קעגן ווילן פון די עלטערן גענומען, אין עלטער פון 15 יאָר, לערנען מוזיק און צו 17 יאָר אַריינגעטראָטן אין קיעווער קאָנסערוואַטאָריע.

1919 – אַריבערגעטראָגן זיך קיין מאָסקווע, וואו זי אַרבעט אין אַ מלוכה-אַמט. 1920 – אַריינגעטראָטן אין דער סטודיע פון מאָסקווער יידישן קאַמער-טעאַטער, און אַ יאָר שפּעטער אין מייערכאָלדס סטודיע. דערנאָך אַריינגעטראָטן שטודירן אין דער קיעווער סטודיע ביי דער „קולטור-ליגע" ביז איר קומען אין מאָסקווע און שפּעטער אַריבער אין „ווימ'ט".

1925-1928 – געשפּילט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער אין אוקראַאינע, דערנאָך אין קיעווער יידישן מלוכה-טעאַטער. זינט 1930 שפּילט ע. ווידער אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער.

ע. איז די פרוי פון דיכטער כאַים גילדין און אַ שוועסטער פון דער אַקטעריסע איוואַ ווין.

ש. ע. פון מאַרק לייפּציקער.

עלמאַן, מישאַ

[מאָריס הילמאַן]



געבוירן 20 אַפּריל 1895 אין פּרוזשאַני, פּוילן. פאָטער – אַ סוחר, וועלכער טראָגט זיך איבער קיין לאָדזש ווען ע. איז איין יאָר אַלט. געלערנט אין אַ שטאָטישער שול, אין חדר און אַלס קינד פון 11 יאָר אַליין געפאָרן צו זיינעם אַ פעטער קיין ניו-יאָרק, וואו ער האָט באַזוכט אַ פאָלקס-שול, געזונגען ביי אַ חזן, דערנאָך אויף די הויפן און גלייכצייטיק פאַרקויפט די געדרוקטע טעקסטן פון די געזונגענע לידלעך.

באַקענענדיק זיך מיט יידישע אַקטיאָרן, געוואָרן ביי איזידאָר ליליען אַ ראָלן-איבערשרייבער און דערנאָך סופלער, בלייבנדיק שוין ביי דעם פאַך אויך אין אַנדערע יידישע טעאַטערס.

ע. איז אַ געוויסע צייט אויך געווען דער מענעדזשער פון מאַקס גאַבּילס גאַסטראָלן איבער דער פּראָווינץ.

מ. ע.

עלמית, ס.

[סאָניאַ לובאָצקי]

געבוירן 1896 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. מוטער — אַ רעסטאָראַן-באַזיצערין. געענדיקט גורוויטשעס גימנאַזיע. נאָך אין שול זיך באַטייליקט אין די רוסישע שילער-פאָרשטעלונגען און גלייכצייטיק געשפּילט קינדער-ראָלן אין דער טרופּע פון יוליוס אַדלער. דעם 19 פעברואַר (א. ס.) 1910 געשפּילט „די קליינע" אין דוד פּינסקיס „גאַברי און די פרויען" א״ר פון י. יולין. 1912 — זיך באַטייליקט אין ליבהאָבער-קרייז א״ר פון יעקב בן-עמי.

ע. האָט (צוזאַמען מיט איר ברודער יעקב) געענדיקט די דראַמאַטישע קורסן פון רוסישן רעזשיסער סטראַגאַנאָוו-באַגראַף, דערנאָך געשפּילט מיט ל. סאַקאָלאָוו („אַמאַליע" אין שילערס „די רויבער") און איבער דער פּראָווינץ מיט מאַלסקין.

בעת דער גרינדונג פון „פּאַד״א" (1916) אַריינגעטראָטן אין דער טרופּע און באַלד דאָרט געוואָרן די ערשטע דראַמאַטישע ראַליסטין. בעתן אויסבראָך פון דער דייטשער רעוואָלוציע איז ע. צוזאַמען מיט איר מאַן, א. אזרא, אָפּגעפאָרן קיין ווילנע וואו זיי האָבן געגרינדעט דאָס אַרטיקע יידישע מלוכה-טעאַטער און דאָ געשפּילט ביז אַפּריל 1919. סוף 1919 — האָט ע. געשפּילט אין דער טרופּע, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער „יידישע טעאַטער-געזעלשאַפט" און דערנאָך אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ (צוזאַמען מיט אזרא, זשעלאַזאָ און בירנבוים) מיט „קינסטלערישע אָוונטן". זומער 1920 — געשפּילט אַ קורצע צייט אין קאָוונע און פון דאָרט געפאָרן קיין בערלין, וואו זי שפּילט 8 חדשים (פון סעפּטעמבער 1921) אין „דאָס יידישע קינסטלער-טעאַטער" און פאָרט דערנאָך מיט דער טרופּע אויף אַ טורנע (ביז פעברואַר 1923) איבער דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

מאַי 1923 — טרעט זי אַריין אין דער רעאָרגאַניזירטער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער זי פאָרט שפּילן איבער האָלאַנד און בעלגיע און דערנאָך קיין אַמעריקע צו באָריס טאָמאַשעווסקין (29 יאַנואַר 1924 אין ניו-יאָרקער נאַרא בעיס טעאַטער). נאָכן שפּילן עטלעכע חדשים אין ניו-יאָרק, מאַכט זי מיט דער טרופּע אַ גרעסערן טורנע איבער אַמעריקע און אין סעזאָן 1926-27 שפּילט זי ווידער אין ניו-יאָרק (ליפּצין-טעאַטער) אונטער איר מאַנס דירעקציע. אין מיטן סעזאָן ציט זיך ע. צוריק פון דער טרופּע און פון דאַמאָלט אָן טרעט זי אַרויס בלויז אין סצענעס פון פּיעסעס אויף ספּעציעלע „אָוונטן".

דעם 13 מערץ 1929 איז זי צו אַ געזעגנונג-פאָרשטעלונג אויפגעטראָטן אין פאָלקס-טעאַטער אין אַן אַקט פון אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט" און אין שלום אַשס „מאַטקע גנב", און פאָרט באַלד אָפּ קיין אייראָפּע, וואו זי טרעט אַרויס מיט איר מאַן אויף „קינסטלערישע אָוונטן" אין מערב-אייראָפּע, באַטייליקט זיך דערנאָך אין אַ טרופּע, וועלכע רופט זיך אַ געוויסע צייט „ווילנער טרופּע" און טרעט שפּעטער ווידער אַרויס מיט „קינסטלערישע אָוונטן" אין מזרח-און מערב-אייראָפּע.

מ. ע. פון מאיר בולקין און פון י. יולין.

זלמן רייזען — דער יידישער טעאַטער אין ווילנע אין „ווילנער זאַמלבוך", ווילנע, 1918, זז. 165-174.

דר. יעקב וויגאָדסקי — „אין שטורעם" ווילנע, 1926, זז. 281-282.

ח. לעווין — יוליוס אַדלער, „צייט", ווילנע, נ׳ 247, 1926.

Arnold Zweig — „Juden auf der deutschen Bühne", Berlin, Welt-Verlag, 1928, pp. 268-275.

אַב. קאַהאַן — עלמית און אזרא אין „אייפערזוכט" און אין „מאַטקע גנב", „פאָרווי.", נ. י., 15 מערץ 1929.

נ. ב. לינדער — די גאַסט-פאָרשטעלונג פון אזרא-עלמית, „דער טאָג", נ. י., 15 מערץ 1929.

ה. צוויר — סאָניע עלמית-אַלעקסאַנדער עזרא אין דער קעניגלעכער פלעמישער אָפּערע, „יידישע פּרעסע", אַנטווערפּען, נ׳ 45, 1929.

יום טוב — אויף דער שוועל פון אַ גוטן יידישן טעאַטער אין בעלגיע. במקום אַ רעצענזיע איבער די געלונגענע אַרויסטריטן פון אזרא און עלמית, „יידישע צייטונג", אַנטווערפּען, נ׳ 49, 1929.

עלקין, מענדל

געבוירן 1873 אין דאָרף בראַזשע, ביי באָברויסק, ווייסרוסלאַנד. עלטערן — נישט רייכע דאָרפסלייט. פאָטער — אַ פּאַטריאָטיש-פרומער, איז צו 45 יאָר געוואָרן אַ פריידענקער. נישט קוקנדיק אויף דחקות האָט מען אין שטוב געהאַלטן ספּעציעלע מלמדים פאַר ע., וועלכער האָט דערנאָך אַ יאָר געלערנט אין באָברויסקער ישיבה, עסנדיק „טעג". צו 12 יאָר געווען געצוואונגען צו זוכן פרנסה אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ וואַלד, דערנאָך געוואָרן עקסטערן, געענדיקט אין כאַרקאָוו אַלס דאַנטיסט און פּראַקטיצירט אייניקע יאָר אין באָברויסק.

פון דער פריסטער יוגנט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום טעאַטער און שפּעטער מיטגעאַרבעט אין קוגעלס „Театръ и Искусство".

1894 — אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף דער בינע אין רוסיש, דערנאָך געוואָרן אָנפירער פון אַ דראַמאַטישן קרייז אין באָברויסק, ביי וועלכן ער פירט אויף אין רוסיש אַ ריי פּיעסעס פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר. 1907 — איז ער רעדאַקטאָר פון אַ ראַדיקאַלער רוסישער צייטונג אין מינסק און ווערט דאָ אָנפירער פון דער אָרטיקער קונסט-געזעלשאַפט. נאָענט זיך באַפריינדעט מיט א. ווייטער, אַרבעטן זיי ביידע אויס פּלענער צו רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד און צו דעם צוועק זעצן זיי איבער (צוזאַמען מיט שרה רייזען — יעדער פון זיי אַן אַקט)

מאַקס האַלבעס פּיעסע „דער שטראָם". ע. האָט אויך איבערזעצט א'נ „די שטיף־קינדער" די רוסישע פּיעסע „Пасынки Жизни" פֿון דוד בן־אריה [דוד מאַניעוויטש], און זינט דאַמאָלט זיך אָפּגעגעבן דער יידישער בינע, פֿאַרנעמענדיק זיך גלייכצייטיק מיט האָלץ־האַנדל.

1908 — שטעלט זיך ע. אין קאָנטאַקט מיט סעם אַדלערס טרופּע, אין וועלכער ער פֿירט אויף (מיט נ. נעראָסלאַווסקאַ, יעקב בן־עמי און לאַזאַר פֿריד) זיין איבערזעצונג „די שטיף־קינדער", מיטשפּילנדיק די ראָל „קאַפּעלמייסטער". די פּיעסע האָט אַ גרויסן דערפֿאָלג און אייניקע חדשים שפּעטער ווערט ער פֿאַרבעטן אַלס סטאַבילער רעזשיסער אין דער טרופּע (קיעוו, טעאַטער בערגאַניע), אָבער ער שטעלט זיך אין פֿאַרבינדונג מיט דער „הירשביין־טרופּע", מיט וועלכער ער קומט אין וואַרשע און פּלאַנט דאָ (צוזאַמען מיט הירשביין, דוד הערמאַן און א. ווייטער) אויפֿצופֿירן פּרץ „די גאָלדענע קייט", וועלכעס קומט אָבער נישט צושטאַנד.

אַ לענגערע צייט פֿאַרנעמט זיך ע. מיט פּראָפּאַגאַנדירן אין דער פּראָווינץ, באַזונדערס אין ליטע, פֿאַר דער וואַרשעווער „יידישע טעאַטער־געזעלשאַפֿט". 1912 — גיט ער אַרויס (צוזאַמען מיט א. קירזשניץ) 3 נומערן פֿון „באַבּרויסקער וואָכנבלאַט", וואָס איז הויפּטזעכלעך געווידמעט טעאַטער־און קונסט־פֿראַגן און גרינדעט אויך דעם פּ'ג „מנחם", וואָס גיט אַרויס פּרץ הירשביינס „מיין בוך" און „די פּוסטע קרעטשמע".

1918 — זייענדיק פֿאַרוואַלטער פֿון דער פּעטראָגראַדער טעאַטער־געזעלשאַפֿט, אָרגאַניזירט ע. אַ טעאַטער־סטודיע און אין פֿאַרשטענדיקונג מיט א. אַזאַרך (גראַנאָווסקי), א. ווייטער און ש. ניגער גרינדעט ער „אַ קאַמער־טעאַטער" פֿאַר עקספּערימענטן, וועלכעס ע. האַלט אויס מיט אייגענע געלט־מיטלען, ביז ס'ווערן אויפֿגעפֿירט שלום אַשס „אמנון און תמר" און „אום ווינטער" (31 יוני 1919), אין וועלכן ס'באַטייליקן זיך בלויז „ליבהאָבער". די דאָזיקע סטודיע איז שפּעטער געוואָרן דער קערן פֿון מימ'ט.

1919 געקומען אין ווילנע, וואו ער פֿירט אָן מיט דער „טעאַטער־געזעלשאַפֿט" און פֿירט דאָרט אויף אַ ריי פּיעסעס און „קינסטלערישע אָוונטן".

דערנאָך באַזעצט זיך ע. אין וואַרשע, וואו ער פֿירט אויף דעם 27 מערץ 1921 ביי דער „ווילנער טרופּע" שלום אַשס „אמנון און תמר" און „דער זינדיקער" און פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אויף טעאַטער־און קונסט טעמעס אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס „לעבן", „קולטור" און „יידיש טעאַטער" (פֿון וועלכן ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פֿון העפֿט IV־V).

אויפֿן דריטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע אַקטיאָרן אין פּוילן איז ע. אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אין פּוילן און פֿאַרבליבן אויפֿן דאָזיקן אַמט ביז 1923, ווען ער וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע, וואו ער פּרובט שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכע יידישע אַקטיאָרן־אָרגאַניזאַציע. אַלס איינער פֿון די איניציאַטאָרן און גרינדער פֿון דער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפֿט אין ניו־יאָרק, איז ע. גענעראַל־סעקרעטאַר, לערער אין איר דראַמאַטישער סטודיע און (צוזאַמען מיט דר. מוקדוני) רעדאַקטאָר פֿון איר אָרגאַן „טעאַליט" [נאָוועמבער 1923 — מערץ 1924].

אויגוסט 1925 האָט ע. אויפֿגעפֿירט (אונטערן פּרייען הימל) אין אַרבעטער־רינג־קעמפּ „קינדערלאַנד", מיטן אָנטייל פֿון 150 קינדער, זיין דראַמאַטיזירונג „דער גליקלעכער פּרינץ" [„דער גליקלאַכער פּרינץ, אַ קינדער־שפּיל אין איין אַקט, לויט אָסקאַר ווײַלד, פֿון מענדל עלקין, אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג 1929, 40 ז. 16°].

נאָך דער צעפֿאַלונג פֿון דער „טעאַטער־געזעלשאַפֿט" האָט ער אָנגעפֿירט (צוזאַמען מיט דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק און חיים שנייער) דאָס „אונזער טעאַטער", וואו ס'איז דעם 9 דעצעמבער 1925 אויפֿגעפֿירט געוואָרן א'ר פֿון ע., עגאָן ברעכער און פּרץ הירשביין ש. אַנ־סקיס „טאָג און נאַכט" [מיט ע.'ס צוגעשריבענעם צווייטן אַקט, וואָס איז א'נ „סמאל'ס ממשלה" פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זמ'ב „שריפֿטן" VIII. ע. האָט שפּעטער, צוזאַמען מיט דוד פּינסקי, באַאַרבעט די זעלבע פּיעסע און זי געלאָזט איבערזעצן אין ענגליש].

1926־27 — געווען סעקרעטאַר, ביבליאָטעקאַר און פּיעסעס־רעפֿערענט אין אוירווינג־פּלייס־טעאַטער (אָנפֿירונג — יעקב בן־עמי), אין וועלכן ער פֿלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפֿעראַטן אויף די זונטאָג־פֿרימאָרגנס. דאָ זעצט ער אויך איבער יושקעוויטשעס „אַלע אין מאַסקעס חוץ איינער", וואָס איז אָבער נישט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

1928 — געגרינדעט אַ קינדער־טעאַטער־סטודיע, מיט וועלכער ער האָט דעם 26 אַפּריל 1928 אויפֿגעפֿירט אין יידישן קונסט־טעאַטער זיין באַאַרבעטונג פֿון „בום און דריידל, אין 3 אַקטן און 4 בילדער, פֿון נ. שקלאַר, מוזיק — א. עלשטיין, טענץ — לילי שאַפּיראָ, דעק. — א. טשערטאָוו, קאָסטיומען — וואַן־ראָזען", וואָס איז נאָך אין 1921 דערשינען אין זיין איבערזעצונג אין ווילנער קלעצקין־פֿאַרלאַג.

זומער 1923 האָט ע. אָנגעפֿירט מיט אַ קעמפּ פֿאַר קינדער, וואו ער האָט אויפֿגעפֿירט פֿאַרשיידענע קינדער־פּיעסעס און סצענקעס, דערונטער זיין פּיעסע „מאָטל טרעמפּ" [„מאָטל טרעמפּ, אַ קינדער־שפּיל אין איין אַקט פֿון מענדל עלקין, אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־דעפּאַרטמענט פֿון אַרבעטער־רינג, 1928] און פֿלעגט אויך אַליין אַרויסטרעטן מיט מאָנאָלאָגן און סצענקעס.

דעם 1 מאַי 1932 איז אין ניו־יאָרק געפֿייערט געוואָרן ע.'ס 30 יאָריקע טעאַטער־און קולטור־טעטיקייט.

ע. האָט אויך איבערזעצט די פּיעסעס; „מאַקס נאָרדאַו. צוויי וועלטן (דאָקטאָר קאָן), אַ דראַמע אין 4 אַקטן, איבערזעצט פֿון מ. עלקין. ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין." [1921, 103 ז. 16°], וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך ל. סאָקאָלאָוו, און „ב. שאָו, קאַנדידאַ, מיסטעריע אין 3 אַקטן, ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין" [1921] און דראַמאַטיזירט (פֿאַר יעקב בן־עמי) דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט", וואָס איז ביז איצט נאָך נישט געשפּילט געוואָרן.

ע. איז געווען (צוזאַמען מיט יעקב מעסטעל) דער איניציאַטאָר און פֿאַרוואַלטער פֿון דער טעאַטער־אויסשטעלונג ביים יידישן טעאַטער־מוזיי אין ניו־יאָרק אין 1926 און האָט אין 1927 רעדאַקטירט דאָס „יובל־זאַמלבוך לכּבוד דעם 50־יאָריקן געבורטסטאָג פֿון דר. א. מוקדוני" [24 ז. 12°].

אין „ווייטער־בוך" איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אינטערעסאַנטער בריוו־אויסטויש צווישן ע. און א. ווייטער.

ע.'ס טאָכטער, אסתּר, איז אַ פּיאַניסטקע און טרעט אָפֿט אַרויס אַלס באַגלייטערין אויף דער פּיאַנע ביי יידישע קאָנצערטן.

ע.׳ס פּיעסעס און איבערזעצונגען אין יידיש:

[1] מאַקס נאָרדאַו
צוויי וועלטן (דאָקטאָר קאָהן)
אַ דראַמע אין 4 אַקטן
איבערזעצט פון מ. עלקין.
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.
[1921, 1903 ז. 16°]

[2] ב. שאָו
קאַנדידאַ
מיסטעריע אין 3 אַקטן
יידיש מ. עלקין
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין [1921]

[3] נ. שקליאַר
בוים און דריידל
אַ מעשהלע
יידיש מ עלקין
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1921

[4] מענדל עלקין
סמאַל׳ס ממשלה
[טעקסט פון 2-טן אַקט פון ש. אַנ-סקיס „טאָג און נאַכט״
„שריפטן״, נ. י. VIII 1925]

[5] מאָטל טרעמפּ
אַ קינדער-שפּיל אין איין אַקט
פון מענדל עלקין
אַרויסגעגעבן פון בילדונגס דעפּאַרטמענט אַרבעטער רינג
אַרבעטער רינג קינדער ביבליאָטעק
[1928]

[6] דער גליקלאַכער פּרינץ
אַ קינדער-שפּיל אין איין אַקט
לויט אָסקאַר ווײַלד
פון מענדל עלקין
אַרויסגעגעבן פון בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבייטער רינג 1929 [40 ז. 16°]

ש. ע. און ש. ע. פון יעקב מעסטעל.
ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.״, II, זז. 770-773.
מ. עלקין — מיין לעצטע באַגעגניש מיט בעל-מחשבות, „טעאַליט״, נ. י., פעבר. 1924.
דר. יעקב שאַצקי — דער „גליקלאַכער פּרינץ״ אין „קינדערלאַנד״, „פּא׳ש״, נ. י, 14 אויג. 1925.
א. גלאַנץ — דער פאַרענדיגטער טעאַטער-סעזאָן, „דער טאָג״, נ. י., 3 מאַי 1929.
דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו״, ווילנע, 1930, זז. 421, 410, 406.

עלשטײַן, אַבּרהם

געבוירן 7 יולי 1907 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. פאָטער — אַן איינבינדער. געלערנט אין חדר, אין פּאַבליק-סקול און געענדיקט האַי-סקול.

פון 6 ביז 13 יאָר געזונגען ביי חזנים, דערונטער ביי יאָסעלע ראָזענבלאַט מיט הערמאַן וואָהל אַלס דיריגענט און גלייכצייטיק געזונגען אין קינדער-כאָר אין דער מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע.

אין עלטער פון 10 יאָר באַקומען אַ סטיפּענדיום און אָנגעהויבן לערנען מוזיק ביים אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר פרידעריק דזשעקאָלבי. אין 1925 געוואונען דעם פּריז פון „דזשוליאַד פאַנדיישאָן״ און שטודירט דערנאָך ביי רובין גאָלדמארק.

פאַרלירנדיק די קינדער-שטים, איז ע. געוואָרן דיריגענט אין אַ קליינער שול, דערנאָך אַקאָמפּאַנירט חזנים בעת זייערע אַרויסטריטן אויף דער עסטראַדע, שפּעטער אויך די אַקטיאָרן מאַלי פּיקאָן, לודוויג זאַץ און אהרן לעבעדיעוו.

דעביוטירט אַלס קאָמפּאָזיטאָר מיט מוזיק צו עפּעלבוימס פּיעסע „גערעאַנגעל״ (12 אָקטאָבער 1928, אויפגעפירט דורך דער „ווילנער טרופּע״ אין „אינטימייד טעאַטער״), געשריבן די מוזיק צו ביינישׁ שטיימאַנס „ביים טויער״ (אויפגעפירט דעם 16 דעצעמבער 1928 דורכן „אַרטעף״), און צו מ. עלקינס „בוים און דריידל״.

צום סעזאָן 30-1929 ווערט ע. אַנגאַזשירט אין זאַקס פאָלקס-טעאַטער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט און דאָ ווערן אויפגעפירט מיט זיין מוזיק דעם 14 אָקטאָבער 1929 שיינע רחל סימקאָף׳ס מוזיקאַלישע קאָמעדיע „זיין ווייבס ליובאָווניק״ און דעם 20 דעצ. 1929 נחום סטוטשקאָווס חסידישע אָפּערעטע „אַז דער רבי וויל״.

זומער 1930 פאָרט ע. אַלס קאָמפּאָזיטאָר-דיריגענט מיט דעיוו לובריצקי און דיינע גאָלדבערג קיין אייראָפּע.

צום סעזאָן 31-1930 איז ע. אַנגאַזשירט אַלס קאָמפּאָזיטאָר-דיריגענט אין פּאַבליק-טעאַטער, וואו ס׳ווערן אויפגעפירט מיט זיין מוזיק: אין אָקטאָבער 1930 ישראל ראָזענבערגס קאָמעדיע „דער בערדיטשעווער חתן״, דעם 21 אָקטאָבער 1930 איזידאָר לילינס קאָמעדיע „דער טראַמבעניק״ און דעם 26 נאָוועמבער 1930 באָריס טאָמאַשעווסקיס אָפּערעטע „ארץ-ישראל״. באַלד דערנאָך איז ע. מיטגעפאָרן אַלס קאָמפּאָזיטאָר-דיריגענט מיט מאָלי פּיקאָן אויף איר טורנע איבער אייראָפּע און דרום-אַמעריקע. דאָ האָט ער אָנגעשריבן נייע מוזיק צו גאָלדפאַדען-קאַלידס אָפּערעטע „שמענדריק״ און צו ה. קאַלמאַנאָוויטש-רומשינסקיס אָפּערעטע „אוי איז דאָס אַ מיידל״, ווי אויך פיל נייע נומערן צו די אָפּערעטעס „דאָס צירקוס-מיידל״ פון שוועסטער שמ׳ר-רומשינסקי, „מאָלי דאָלי״ פון אַנשל שאָר-רומשינסקי און „העלאָ מאָלי״ פון שיינע-רחל סימקאָף-רומשינסקי.

ע. האָט אויך אָנגעשריבן אַ חסידישן מוזיקאַלישן כל-בו, וועלכן ער האָט אויפגעפירט אין אַרגענטינע.

מ. ע.

וויליאַם עדלין — די נייע פּיעסע אין זאַק׳ס פאָלקס טעאַטער, „טאָג״, נ. י., 18 אָקט. 1929.

ל. פאָגעלמאַן — זיין ווייב׳ס ליובאָוויניק אין זאַץ׳ס פאָלקס טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י, 24 אָקט. 1929.

מ. שמש — זיין ווייב׳ס ליובאָוויניק אין זאַצ ס פאָלקס טעאַטער, „די אידישע בעקער צייטונג״, נ. י., 25 אָקט. 1929.

א. פרומקין — „זיין ליובאָוויניק׳ס ווייב״, „ברוקלינער אידישע שטימע״, נ. י., נ׳ 21, 1929.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא׳ש״, נ. י., 15 נאָוו. 1929.

חיים ווינער — לודוויג זאַץ אין אַ נייער פיעסע, „דער פאַרבאַנד״, נ׳ 60, 1929.

מ. שמש — „אַז דער רבי וויל״, „די אידישע בעקערס שטימע״, נ. י., 27 דעצ. 1929.

וויליאַם עדלין — לודוויג זאַץ אין אַ נייער גערעאָטענער אָפּערעטע, „טאָג״, נ. י., 3 יאַנואַר 1930

ד. קאַפּלאַן — „אַז דער רבי וויל״, נייע חסידישע אָפּערעטע אין זאַץ׳ס פאָלקס טעאַטער, „פאָרוו.״, נ. י., 3 יאַנ. 1930.

ב. י. גאָלדשטיין — אויף דער טעאַטער עוועניו, „פא׳ש״, נ. י., 10 יאַנ 1930.

וויליאַם עדלין — צוויי אָפּערעטען און אַ דראַמע, „טאָג״, נ. י., 10 אָקט. 1930.

יעקב קירשענבוים — באָריס טאָמאַשעפסקי׳ס „ארץ ישראל״ אויף דער ביהנע אין ניו-יאָרק, „קענעדער אדלער״, מאָנטרעאַל, 29 דעצ. 1930.

ט. ביילין — נאָטיצן און באַמערקונגען, „די פרעסע״, ב׳א, 15 יולי 1932.

שמואל גלאַזערמאַן — די ראָלע פונם מוזיק-דיריזשאָר אין אונזער אידישען טעאַטער, „די אידישע צייטונג״, ב׳א, 27 יולי 1932.

ענטין, יואל

געבוירן 1874 אָדער 1875 אין פאַהאָסט, מינסקער גוב., ווייסרוסלאַנד. שטאַמט אָפּ פון רבנים און כלי-קודש. פאָטער — געצויגן פרנסה פון אַ שענק און אַ געוועלבל. געלערנט אין חדר, שפּעטער העברעאיש און דקדוק אין חדר ביי זיין עלטערן ברודער אהרן, וועלכער האָט געדרוקט דערציילונגען אין 1902-03 אין „פאָרווערטס״. שוין קינדווייז אָנגעהויבן לייענען ראָמאַנען, באַלד אַריבער צו די העברעאישע קלאַסיקער, און אויך אַליין דאַמאָלט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פרובן (שירים און אַן אָנהייב פון אַ ראָמאַן). דערנאָך געלערנט אין יעשמען, אין די ישיבות פון בליניץ און מיר און אין פאַהאָסטער בית-המדרש. געווען אונטער דער ווירקונג פון חיבת-ציון און געאַרבעט פאַר דערדאָזיקער באַוועגונג.

1890 — אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו ער גיט שטונדן אויף העברעאיש, איז אַ געוויסע צייט ביבליאָטעקאַר אין פאַראיין „בני ציון״, מוז אָבער פאַרלאָזן די שטאָט צוליבן גרוש און וואַנדערט אויס אין 1891 קיין אַמעריקע צו זיינע ברידער. דאָ איז ער די ערשטע צייט (אין ניו-יאָרק) העמדל-נייער, אַ פעדלער מיט פאַפּיראָסן, יידישע צייטונגען און ראָמאַן-העפטן איבער די יידישע שטעטלעך. אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַליסטיש-טרייד-יוניאָניסטישער באַוועגונג, באַזוכט ע. די אָוונט-שולן פאַר אימיגראַנטן.

1896-98 — שטודירט אַלס פרייער צוהערער אין קאָלומביאַ-אוניווערסיטעט ענגלישע ליטעראַטור, פּסיכאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע, גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן מיט דער רוסישער ליטעראַטור און ספּעציעל שטודירט די ענגלישע דראַמע.

אַ באַזונדערע השפּעה אויף ע. האָבן געהאַט דאָס יידישע טעאַטער און יעקב גאָרדין, מיט וועלכן ער האָט געשלאָסן אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט.

בערך 1895-96 אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ ליד צום 1-טן מאַי (אין ענגליש) און מיט איבערזעצונגען פון פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע אַרטיקלען אין „זונטאָג בלאַט״ פון פיליפּ קראַנץ „אבענד בלאַט״.

1896 — איינער פון די מיטגרינדער און אַקטיווסטע טוער פון דער געזעלשאַפט „פרייע יידישע פאָלקסבינע״, וואו ער איז סעקרעטאַר, לעקטאָר, דעבאַטאַנט אויף אירע פאַרזאַמלונגען און רעדאַקטירט איר זמ׳ה „די פרייע אידישע פאָלקס-ביהנע״, וואו ער פאַרעפנטלעכט אויך זיין ערשטן אַרטיקל וועגן טעאַטער.

נאָך דער גרינדונג פון „פאָרווערטס״ אָנגעהויבן דאָרט דרוקן סקיצן, איבערזעצונגען, ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע, באַזונדערס אין „די וואַרהייט״ און דערנאָך אין „דער טאָג״, וואו ער פאַרעפנטלעכט ליטעראַטור-און טעאַטער-קריטיק און פּובליציסטיק. אַלס איינער פון די פירער פון דער פּ׳צ-באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט ע. אַקטיוו מיטגעאַרבעט און מיטרעדאַקטירט אירע אָרגאַנען, געווען פּאַרטיי-אָרגאַניזאַטאָר און לעקטאָר. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער און פירער פון די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע יידישע שולן, לערער, פּרעזידענט פון „יידישן לערער-סעמינאַר״, מיטרעדאַקטאָר פון ערשטן יידישן קינדער-זשורנאַל אין אַמעריקע, מיטאיניציאַטאָר און אַקטיווער טוער פון „פּיפּלס רעליעף״ און יידישן קאָנגרעס, דער גייסטיקער פירער פון „יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד״, און זינט 1923 מיטגליד פון דער גענעראַל-עקזעקוטיווע פון דאָזיקן אָרדען.

ע. האָט יאָרן-לאַנג אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער, צוערשט דורך דער „פרייע יידישע פאָלקס-בינע״, דערנאָך (1902-12) דורך דעם „פּראָגרעסיוו-דראַמאַטיק-קלוב״, פון וועלכן ער איז געווען דער אָנפירער, און וואו ס׳האָבן אונטער זיין השגחה זיך דערצויגן אַ גאַנצע ריי שפּעטערדיקע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן.

דעם 13 דעצעמבער 1907 איז דורך יעקב פּ. אַדלער אויפגעפירט געוואָרן אין אַדלערס גרענד-טעאַטער „די שולע פון לעבן, לעבנסבילד אין 4 אַקטן פון י. ענטין און ז. לעווין״.

אַ חוץ אַ גאַנצע ריי בראָשורן און ביכער אויף פאַרשיידענע טעמעס, האָט ע. פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע איבערזעצונגען: „דיא גייסטער, פאַמיליען-דראַמא אין 3 אַקטן פון הענריק איבסען. איבערזעצט פון י. ענטין. דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק. אַרויסגעגעבן פון א. מ. יעוואַלענקאָ, ניו-יאָרק״ [1907. שפּעטער דערשינען אין אַנדערע אויפלאַגעס], „סאַלאָמעאַ, אַ טראַגעדיע אין איין אַקט פון אָסקאַר ווייל, איבערזעצט פון י. ענטין, פערלאַג „פּראָגרעס, לאָנדאָן, 1909, אַרויסגעגעבן פון מ. זוסמאַן״ [די איבערזעצונג איז פריער געווען געדרוקט אין נ. יאָרקער „צייטגייסט״, 11 יאַנואַר-8 פעברואַר 1907 און איז, אָן נאָמען פון

איבערזעצער, געשפּילט געוואָרן דורך קעני ליפּצין] און „מאָריס מעטערלינק . פעלעאס און מעליזאַנדע. אידיש פון יואל ענטין. פערלאַג: מייזעל עט קאָ. 1911" [געדרוקט פריער אין „דער אַרבייטער", נ. י. 20 דעצ. 1907-14 פעברואַר 1903].

דעם 31 אויגוסט איז א'ר פון מאָריס שוואַרץ אַנאָנסירט געווען אין יידישן קונסט-טעאַטער יעזשי זשולאַווסקיס „שבתאי צבי" אין דער איבערזעצונג פון ע. און מ. קאַץ, אָבער פאַקטיש איז — לויט יעקב מעסטל און לויט שוואַרץס שפּעטערער דערקלערונג — געשפּילט געוואָרן י. י. זינגערס איבערזעצונג.

ע. האָט אויך איבערזעצט שניצלערס „ליבעליי", „ליטעראַטור" און (צוזאַמען מיט ש. ליפּא) „דער ליאַלקע-שפּילער", וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך דראַמאַטישע פאַראיינען, ער האָט אויך פריי באַאַרבעט הערמאַן הייערמאַנסעס פּיעסעס „געטא" און „דאָס אויסגעלאָשענע ליכט". וואָס זיינען נישט געשפּילט געוואָרן, האָט רעדאַקטירט ב. ריווקינס אַנאָנימע איבערזעצונג פון דימאָווס פּיעסע „ירושלים (געשפּילט דעם 15 נאָוו. 1918 אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער), האָט אַנאָנים איבערזעצט און צוגעשריבן דעם 3-טן אַקט צו „דער גרויסער קאַמף" פון דר. לאַנדמאַן, וואָס איז דעם 12 אָקטאָבער 1917 אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב פּ. אַדלער אין זיין גרענד-טעאַטער און דראַמאַטורגיש באַאַרבעט פיל פּיעסעס, וועלכע אַדלער האָט געשפּילט.

אין „צייט-גייסט" (1907-08) האָט ע. פאַרעפנטלעכט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן גערהאַרד הויפּטמאַן און הערמאַן הייערמאַנס.

אין 1917 איז אונטער ע.'ס רעדאַקציע דערשינען אין פ'ג „דער טאָג" אַ באַנד פון יעקב גאָרדינס איינאַקטערס. ער האָט אויך רעדאַקטירט דר. הלל זאָלאָטאַראָווס דריי בענדער „געקליבענע שריפטן", פון וועלכע דער צווייטער באַנד אַנטהאַלט דראַמעס און אַרטיקלען וועגן טעאַטער.

מ. ע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 780-88.

ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, זז. 270, 224.

ד. ב. [ש. יאַנאָווסקי] — אין טהעאַטער, „פא'ש", נ. י., 28 דעצ. 1907.

ס. קאָזאַקעוויטש [שנייפּאַל] — די שולע פון לעבען, „דער אַרבייטער", נ. י., 4 יאַנ. 1908.

לאַזאַר כהן — איבערזעצונגען אין דער יודישער ליטעראַטור, „איירא־פּעאישע ליטעראַטור", וואַרשע, נ' 32, 1910.

לעאָן קאָברין — „ערינערונגען פון אַ אידישען דראַמאַטורג", נ. י., 1925, I, זז. 58-51, 16-13.

דר. מאַקס ווײַנרייך — „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע", ווילנע, 1928, ז. 284.

עסטרין, סלאַוואַ



געבוירן 1892 אין מאָסקווע, רוסלאַנד. עלטערן — סוחרים, וועלכע טראָגן זיך איבער אַרום 1895 קיין וואַרשע, וואו ע. ווערט דערצויגן אַלס עקסטערן און ענדיקט די שול „יהודיה".

נאָך אַלס קינד האָט ע. זיך אויסגעצייכנט אין דער היים און אין שול מיט דעקלאַמירן און שפּילן אין קינדער-פּיעסעס. אויס נייגונג צו דער בינע האָט זי געלערנט אין פּוילישע דראַמאַטישע שולן און סטאַטירט אין פּוילישן טעאַטער, אָבער צוליב אַנטיסעמיטיזם פאַרלאָזט זי די פּוילישע סביבה און דעביוטירט אויף יידיש (אין פּרץ איינאַקטערס) אין דער דראַמאַטישער סעקציעביים „הזמיר" א'ל פון י. ל. פּרץ.

1910 — אַריינגעטראָטן אין דער „פּרץ הירשביין טרופּע" און געשפּילט „טאַמאַראַ" אין פּינסקיס „יעקל דער שמיד", „עלקע" אין יושקעוויטשעס „אין שטאָט" און אַנדערע ראָלן. 1912 — אויפגעטראָטן אַלס „בערטאַ" אין גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער", אין ווילנע מיט „ליבהאָבער" (שפּעטערדיקע מיטגלידער פון דער „ווילנער טרופּע") א'ר פון יעקב בן-עמי און 1913 — זיך באַטייליקט אין דער העברעאישער טרופּע „הבימה" א'ל פון נחום צמח אַלס „לאה" אין דער העברעאישער אויפפירונג פון דימאָווס „דער אייביקער וואַנדערער" בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין.

סוף 1913 געקומען אין אַמעריקע און דאָ זיך באַטייליקט אין פרילינג 1914 אין „י. ל. פּרץ-פּרימאָרגן" א'ר פון יעקב בן-עמי („דאָס וואַנזיניקע מיידל" אין פּרץס „פּרימאָרגן"), דערנאָך געשפּילט אין דער העברעאישער אויפפירונג פון יצחק קאַצענעלזאָנס „תרשיש" (ראָל „שושנה").

דעם 9 דעצעמבער 1926 האָט ע. דובלירט (מיט לידאַ פּאָטאָצקאַ) אַלס „מינאַ" אין בן-עמי-מעסטעלס אויפפירונג פון לייוויקס „שאָפּ" און אין 1929 — מיטגעשפּילט מיט דער „ווילנער טרופּע" אין יעקב מעסטעלס אויפפירונג פון ב. עפּעלבוימס „געראַנגל" און אין לאַדישזאָנס אויפפירונג פון חנא גאָטעספעלדס „פּרנסה".

ע. האָט אויך איבערזעצט די פּיעסע „די ווילדע איבערן ים" (פון פּויליש) און הערמאַן באַרס „דער קאָנצערט" און געדרוקט פון צייט צו צייט טעאַטער-רעצענזיעס אין דעם ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט „אונזער פאָלק" און סקיצן אין „דער טאָג".

ע. איז די פרוי פון אַקטיאָר יעקב בן-עמי.

ש. ע.

אברהם רייזען [זכרונות] — „וואָכנשריפט", וואַרשע, 25 סעפּטעמבער 1931.

עסקרייז, יאָזעף

[געב. 18.. געשט. 1912]

געבוירן 18... אין זלאָטשעוו, גאַליציע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן, ברודער — אַ דאָקטאָר-מעדיצין. קינדווייז געזונגען אַלס משורר ביים חזן ברוך שאָר און באַקומען אַ נייגונג צו דער בינע.

לויט סעם לודוויק איז ע. געווען זייער מוזיקאַליש און האָט גוט געשפּילט קלאַוויר, ער איז אויך געווען כאָר-דיריגענט ביים קאַנטאָר אהרן-שלום שערמאַן און האָט שפּעטער פאַרפאַסט די מוזיק צו גאָלדפאַדענס „רבי יאָזעלמאַן".

אַריינגעטראָטן אין גראדנערס טרופּע (ישראל און אַנעטאַ גראדנער, ישראל וויינבלאַט, לעאָנאַרד, הערמאַלין), אין וועלכער ס'האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן „פּראָפעסאָר" הורוויטש מיט זיין טאָכטער שאַרלאָטע און איידעם צעזאַר גרינבערג, האָט ע. מיט זיי געשפּילט איבער די גרעסערע שטעט פון גאַליציע און דערנאָך אַפילו אין „רינג טעאַטער" אין ווין.

יצחק ליבערסקאָ גיט איבער, אַז ע. האָט באַזונדערס זיך פּאָפּולער געמאַכט דורך זיין אַזויגערופענער „בורג-מוזיק", וועלכע ער פלעגט מיט זיין שיינער טענאָר-שטים זינגען נאָך יעדער פּיעסע און דערמיט צוגעצויגן אַפילו ניט-יידישע צוהערער.

לויט בערטאַ קאַליש איז ע. געקומען קיין בודאַפּעסט שפּילן יידיש טעאַטער מיט אַ האַלבער פון גימפּעלן אַרויסגעטראָטענער טרופּע.

לויט יוליוס גוטמאַן איז ע. געווען דער ערשטער צו פּאַרקער-פּערן די טיטל-ראָל פון „רבי יאָזעלמאַן".

אין 1892 איז ע. געקומען אין וואַרשע מיט שליפּערשטיינען און איז דאָ אַרויסגעטראָטן אַלס „אבשלום" אין גאָלדפאַדענס „שולמית". שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין ווין, וואו מ'האָט אים אָבער נישט צוגעלאָזט צו דער בינע און ער האָט געצויגן זיין פּרנסה פון האַנדל מיט פיש.

אין 1912 איז ע. געשטאָרבן אין ווין פון אַ האַרצשלאַג.

מ. ע. פון יעקב מעסטעל, יוליוס גוטמאַן, סעם לודוויק, ה. פּעניג-שטיין און יצחק ליבערסקאַ.

ב. גאָרין — „געש איד. טעאַט.", I, ז. 242.

בערטאַ קאַליש [זכרונות] — „דער טאָג", נ. י., 2 מאַי 1925.

אסתר רחל קאַמינסקאַ [זכרונות], — „מאָמענט", וואַרשע, 29 סעפּט. 1926.

עפּעלבוים, ב. (מנחם-בעריש)

געבוירן 25 סעפּטעמבער 1887 אין וואו-קין, נעבן ראַדזין, לובלינער געגנט, פּוילן, וואו זיין פאָטער, אַ קאָצקער חסיד, איז געווען שוחט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. פון 5 ביז 15 יאָר געלערנט גמרא, אויך אונטער דער השגחה פון פאָ-טער, וועלכער נעמט אים לערנען שחיטה — אָבער אונטער דער השפּעה פון רמבמס ספרים ווערט ער נתפּקר און קערט זיך אָפּ פון דער חסידישער פרומקייט.

פון קינדווייז אָן ליב געהאַט צו לייענען מעשה-ביכלעך, איז ער שפּעטער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון שמ'רס ראָמאַנען, האָט אַפילו אַליין גענומען שרייבן אַזא ראָמאַן און אויך אָנגעשריבן אַ פּלפּול-ספר אויף „קדושין".

צו 18 יאָר פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט אונטער די שווערסטע מאַטעריעלע אומשטענדן גע-לערנט אַביסל רוסיש און פּויליש. און דערנאָך אין לאָדזש (אויך אין וואַרשע) זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן.

1912 — דעביוטירט מיט אַ דערציילונג א'ט „צוויי דורות" אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" א'ר פון י. אונגער. דערנאָך — לעבנדיק אין אַ פּראָווינץ-שטאָט — אָנגעהויבן שרייבן חסידישע מעשות און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט גע-וואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן און רוסלאַנד.

נאָכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער אַרבעט מיט אין די דאָרטיקע יידישע צייטונגען. אַרום 1920 — צוריקגעקומען אין וואַרשע, וואו ער אַרבעט אין פאַר-שיידענע צייטונגען, הויפּטזעכלעך אָבער אַלס איבערזעצער אין פ'ג „צענטראַל". סוף 1922 — אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט די ערשטע צייט געאַרבעט אין „יידישעס טאָגעבלאַט", דערנאָך אַריבער אין „מאָרגען-זשורנאַל", וואו ער איז מיטאַרבעטער ביז איצט. גלייכצייטיק האָט אויך ע. זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע און אין העברעאישע זשורנאַלן אין אייראָפּע.

ע.'ס ראָמאַן „אויפּברויז" (פ'ג „וואַנדערער", וואַרשע, 1923) איז דראַמאַטיזירט געוואָרן און איז אין 1925-1926 אויפגעפירט געוואָרן א'נ „מישקע יאַפּאַנטשיק" אין אַ קיעווער סטודיאָ-טעאַטער. אין 1928 האָט ע אַליין דראַמאַטיזירט זיין ראָמאַן א'נ „מישקע יאַפּאַנעץ", וואָס איז נאָך נישט געשפּילט געוואָרן.

אין „האַמער" (יאַנואַר 1928) האָט ע. פאַרעפנטלעכט זיין „גע-ראַנגעל, אַ שפּיל אין ניין בילדער און דריי אַקטן". די פּיעסע איז דעם 12 אָקט. 1929 אויפגעפירט געוואָרן [אין זיבן בילדער] דורך דער „ווילנער טרופּע" אין ניו-יאָרק, אין אינטימער-טעאַטער, א'ר פון יעקב מעסטעל און יעקב בן-עמי, דעק. — זאַלאַטאַראָוו, מוזיק — א. עלשטיין.

1917-18 — האָט ע. געשריבן אונטער אַ פּסעוודאָנים טעאַטער-רעצענזיעס אין „דאָס נייע לעבן" און אין „קאָמוניסטישע שטים" אין אָדעס.

1928-29 — האָט ער א'פ „עין-בית" געשריבן וועכנטלעכע טע-אַטער-רעצענזיעס אין דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע פון „מאָרגען-זשורנאַל".

ש. ע.

ז. „רייזען — לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 783-793.

א גלאַנץ — די אויפפירונג אינ'ם נייעם אינטימען טעאַטער פון דער „ווילנער טרופּע", „טאָג", נ. י., 19 אָקט. 1928.

דר. א מוקדוני — „געראַנגעל" „מאָז'ש", נ. י., 19 אָקט. 1928.

ל. פאָגעלמאַן — „געראַנגעל" — אַ נייע דראַמע אין „אינטימען טעאַ-טער", „פאָרוו.", נ. י., 26 אָקט. 1928.

עפּ(פּ)עלבערג, העשל

[געב. 1861 — געשט 7 יאַנ. 1927]

געבוירן 1861 אין לאָמאַזי, שעדלעצער געגנט, פּוילן, אין אַ מיוחסדיקער, חסידי-שער פאַמיליע. ביז 16 יאָר געלערנט אין בית-המדרש, דערנאָך חתונה געהאַט. 1880 — זיך באַזעצט אין וואַרשע.

„געקומען איז ער צום ליטעראַריש-טע-אַטראַליש וועלטל פון ראַדזינער שטיבל, — שרייבט מ. קיפּניס — אַ חסיד, אַ גוטער תלמודיסט, נאָר געכאַפּט אין דער מעשה... האָט צוביסלעכווייז אָנגעהויבן הציץ ונפגע זיין, אַריינשמעקן אין די השכלה-ביכער, און לאַנג האָט טאַקע נישט געדויערט און פון דעם חסיד מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און קליין חסידיש היטעלע איז געוואָרן אַ רעדאַקטאָר... צום ערשטן האָט ער זיך באַוויזן מיט זיינע „יום-טוב-בלעטער", וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן פאַר פּסח און סוכות מיט דער מיטווירקונג פון פאַרשיידענע שרייבער. ער אַליין האָט דאָרט געשריבן קליינע מעשהלעך און לידער פון לייכטן זשאַנר, וואָס זיינען דאַן שטאַרק אָנגעגאַנגען אין יידישן ישוב. ...און כאָטש די ליטעראַרישע פּראָפעסיע זיינע האָט אים געגעבן קנאַפּ חלה אויף שבת און ברויט אויף דער וואָכן, האָט ער דעם דאָזיקן פאַך נישט אָפּגע-לאָזט. זייענדיק שפּעטער אַ פאַרוואַלטער פון אַ דרוקעריי, האָט

ער געפּרובט קאָמבינירן מיט אַרויסגעבן קאַלענדאַרן – מיט אַנאָנסן און לידער. עפּעלבערגס קאַלענדאַרן [1888-1899] האָבן באַלד געקריגן אַ נאָמען. אַ גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט און אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר איז ער געווען, האָט ער זיך גענומען דערשלאָגן צום יידישן טעאַטער. פריער אין „עלדאָראַדאָ", וואו אַ קריסטין אָלגינסקאַ האָט אָנגעפירט מיט יידיש טעאַטער, דאַמאָלס ווען יידיש טעאַטער איז געווען פאַרבאָטן און ס׳האָט פאַר דער מאַכט געהייסן „דייטש-יידישעס"-טעאַטער און שפּעטער אין „באַגאַטעלאַ" ביי ווייספעלדן. שוין אין עלדאָראַדאָ איז ער געקומען מיט אַן אייגענער אָפּערעטע „דוד אין דער וויסטע", וואָס [צו וועלכער] איינער [אליהו-זלמן] יאַריכאָווסקי האָט געשריבן די מוזיק. אין זיין „דוד אין דער וויסטע" האָט ער געוואָלט נאָכאַמען גאָלדפאַדענס „בר כוכבא" און „שולמית", האָט אויך געשריבן אין פערזן, און געלונגען איז אים מיט דער אָפּערעטע צוליב דעם, וואָס דער גרויסער יעקב אַדלער, וואָס האָט דאַמאָלס [1888] געשפּילט אין וואַרשע, האָט אַליין געשפּילט אין דער אָפּערעטע די ראָלע פון „שאול המלך". פאַר עפּעלבערגן איז דאָס געווען אַ גרויסער געווינס".

די פּיעסע איז באַלד דערויף דערשינען אין דרוק [„דוד אין דער וויסטע אָדער גלית הפלשתי, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען מיט 12 בילדער. פערפאַסט פון ו. ה. עפּפּילבערג, וואַרשא. בדפוס י. אַלאַפּין, 1888, 64 ז. 16°], איז מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און איז דערנאָך אַ לענגערע צייט פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער.

דעם 30 אויגוסט 1915 איז די פּיעסע אין אַ קאָמבינירטער פאָרם [צוזאַמען מיט דר. מ. זאַלקינדס „דוד במדבר"] אויפגעפירט געוואָרן אין העברעאיש אין לאָדזש דורך זלמן זילבערצווייג אין זיין פאָטערס [צבי בן-יעקב] פרייער העברעאישער איבערזעצונג [א׳נ „דוד מלך ישראל, ביבלישע דראַמע אין 4 אַקטן (8 בילדער)"].

„אין יאָר 1905, אַז פישזאָן צוזאַמען מיט קאַמינסקין האָבן געגרינדעט אין וואַרשע דאָס יידישע טעאַטער אין „זשאַרדן ד׳היווער" (אויף כמיעלנא גאַס) – שרייבט מ. קיפּניס – איז ער [עפּעלבערג] צוגעטראָטן צום טעאַטער שוין אַלס אַ צייטונגס-מענטש, אַ שרייבער פון אַנאָנסן פאַר די צייטונגען און קאָרעקטאָר פון פּיעסעס... עפּעלבערג וואַקסט וואָס ווייטער אַלס אויסגעצייכנטער טעאַטער-מענטש. אינגיכן [1906] ווערט ער אַ שותף צום „עליזעאום" מיט קאַמינסקין און אַרטיסט ראַפּעל, אָרגאַניזירט דעם גרויסן טורנע פון דער יידישער דראַמע צוזאַמען מיט אסתר-רחל קאַמינסקאַ קיין רוסלאַנד און פּעטערבורג, און אַ דאַנק אים דערוויסט זיך די גאַנצע אויסערלעכע וועלט פון יידיש טעאַטער און פון אַזאַ גרויסע[ר] יידישע[ר] אַרטיסטין ווי אסתר-רחל קאַמינסקאַ. עפּעלבערג קומט קיין וואַרשע און ער צוזאַמען מיטן אַרטיסט ראַפּעל בלייבן די בעלי-בתים פון „עליזעאום"-טעאַטער. עפּעלבערג פירט אויף זיין איינאַקטער „דער שדכן" [דער שדכן, אָפּערעטע אין איין אַקט פון ה. עפּפּעלבערג, וואַרשע, תרס׳ז, 30 ז. 16°. דער איינאַקטער איז ז. סיון תרע׳ט אויפגעפירט געוואָרן אויף העברעאיש אין דער איבערזעצונג פון צוהר [בן-ציון ידידיה] דורך דער „הבימה העברית" אין ירושלים], דערנאָך אַ דראַמע „דער קרבן" [דער קרבן, דראַמע אין 4 אַקטען פון ה. עפּפּעלבערג, וואַרשא [1909], 124 ז. 16°]. גרעסערע לייסטונגען האָט ער אָבער באַלד באַוויזן אַלס איבערזעצער און קאָרעקטאָר פון טעאַטער-שטיק. ער האָט קאָרעגירט דאָס טעאַטער-שטיק „שמשון הגבור", „על נהרות בבל" [פון יאָזעף לאַטיינער], וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין עליזעאום מיטן גרעסטן ערפאָלג".

ע. האָט אויך פאַרפאַסט די פּיעסעס „אסתר׳קע, אָדער, די יודישע טאָכטער אַלס פוילישע קעניגין ביי קאַזימיר דעם גרויסן, קעניג פון פוילן. היסטאָרישע דראַמאַ אין פינף אַקטען מיט ניין בילדער. נאָך פערשידענע קוועללען בעאַרבייטעט פון ה. עפּעלבערג. וואַרשא, תרס׳ז" [76 ז. 16°] און „דער ענגעל, אָפּערעטא אין 5 אַקטען אונ 10 בילדער. בעאַרבייטעט פון ה. עפּפּעלבערג. וואַרשא 1899" [86 ז. 16°].

דר. מוקדוני באַמערקט וועגן ע.׳ס דראַמאַטורגישער טעטיקייט: „בלויז איינער, וואָס האָט שוין געשריבן משה שרייבער, איז געווען ה. עפּעלבערג. דער דירעקטאָר פון „עליזעאום". ער האָט געכאַפּט דעם שניט פון די אַמעריקאַנער אָפּערעטען-און מעלאָדראַמען-שרייבער און פלעגט צוגרייטן דידאַקטיקע געריכטן דערהויפּט פאַר זיין טעאַטער. האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קעגן דעם, אַז אַנדערע ווערק, וואָס קאָנען אַריינברענגען מער געלט ווי זיינע, זאָלן געשפּילט ווערן אין זיין טעאַטער. ה. עפּעלבערג איז שוין געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּיעסען-שרייבער, אָבער אַלס דירעקטאָר און געשעפטסמענטש פלעגט ער בעסער לאָזן שפּילן אַן עכט-אַמעריקאַנישע פּיעסע, אויב ער האָט געמיינט, אַז זי וועט האָבן מער ערפאָלג".

לויט מ. קיפּניס איז „עפּעלבערג געווען אַ טעאַטער-דירעקטאָר פון גרויסן פאַרנעם און בנוגע טעאַטער האָט ער נישט געקאַרגט קיין געלט און מיטלען. ער האָט דאָס צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט קלאַראַ יאָנג, מאָשקאָוויטש, לאָבעל, שילינג און אַנדערע. די לעצטע יאָרן, אַז קאַמינסקי האָט אויסגעבויט זיין טעאַטער אויף אָבאָזשנע גאַס, האָט עפּעלבערג, אַלס מענטש מיט אַ פעדער, געפירט די קאָנקורענץ מיט קאַמינסקין אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען אין די אַנאָנסן. ...און אַזוי איז אַלע טאָג געווען „ליהודים" אין די אַנאָנסן פון ביידע טעאַטערן. ביידע האָבן זיך געזידלט און עולם האָט הנאה געהאַט. ...עפּעלבערג האָט שוין אויסגעזוכט אַלע טאָג פרישע שטעך-ווערטלעך פון זיין השכלה-לעקסיקאָן און האָט זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען. ...און נאָך אַ גרויסן פאַרדינסט אויף זיין חשבון – יידישע פלאַקאַטן. עפּעלבערג איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויס עפּועלט ביי דער מאַכט צו ערלויבן קלעפּן יידישע פלאַקאַטן אויף די סלופּעס". און לויט דר. מוקדוני: „...זיין טעאַטער איז דער ערפאָלגרייכסטער אין וואַרשע. זיין טעאַטער האָט טאַקע דאָס אויסזען פון אַ טעאַטער. זיין שטרענג אויג גיט אַכטונג אויף אַלץ. ער איז באַפעלעריש מיט די אַרומיקע, שטרענג צו די אַקטיאָרן און צו די באַדינער. אַקטיאָרן שטייען פאַר אים מיט דרך-ארץ און זאָגאַר מיט אַ ביסל מורא. ער קוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, רעדט מיט זיי געציילטע ווערטער: יאָ, נישט. גיט קורץ אַ ברי, אַ שטאָך און פאַרטיק מיט זיי. ער איז אַ בעל-הביתישער ייד, קוקט ער בעצם מיט ביטול אויף די קאָמעדיאַנטן; עמי-הארצים, פּוסטע קעפּ און טויגעניכסטן זיינען זיי פאַר אים. איך הייב אָן צו ריידן מיט אים וועגן זיין טעאַטער. ער איז שוין אַן אַלטער הינער-פרעסער. אים רייצט נישט קיין זאַך אין טעאַטער. ער איז נישט קיין אַקטיאָר און דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אים אויסגעהיט פון דעם. ער איז אַ שריפטשטעלער און מאַכט אויך פון דעם קיין וועזן נישט. ער איז בכלל אַ ייד מיט כאַראַקטער, שרעקט זיך נישט פאַרן געדרוקטן וואָרט. ער האָט שוין מיטן פּרצן געהאַט אַ געראַנגעל אין

דער פּרעסע פאַר פּרעס אַ שאַרפער קריטיק אויף זיינס אַ שטיק. ער האָט שוין אַמאָל אַרויסגעפירט אַ רעצענזענט פונם טעאַטער. ער איז נישט פון יענע, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע; מען שפּילט טעאַטער פאַרן עולם, נישט פאַר די עטלעכע משוגע-נע אינטעליגענטן, וואָס ווילן דאָס טעלערל פון הימל. ...וועט דאָס פּובליקום משוגע ווערן און וועלן פּרצס דראַמען, וועט ער זיין דער ערשטער, כאָטש ער איז צעקריגט מיט פּרצן, בעטן מחילה און נעמען ביי אים זיינע דראַמעס. דערוויל וויל עס קיי-נער נישט- מעג פּרץ זיצן אין דער היים און נישט קומען אין זיין טעאַטער. ...זיין גדולה האָט געדויערט ביז דעם סאַמע אויסבראָך פון דער מלחמה. ...מיט אַלע זיינע חסרונות איז ה. עפּפעלבערג געווען אַ טיכטיקער טעאַטער-דירעקטאָר. ער האָט שטענדיק גע-האַט אַ גוטע טעאַטער-טרופּע און גאַנץ אָפט נישט געקאַרגט קיין געלט צו מאַכן אַן אויפפירונג מער אָדער ווייניקער אינטע-רעסאַנט".

אין 1908 האָט ע. אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין טעאַטער-וואָכנבלאַט [די טעאַטער-וועלט. איללוסטרירטעס וואָכנבלאַט פאַר טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט און פאַרוויילונג, פון ה. עפּפעל-בערג. דערשינען אין וואַרשע 24 נומערן פון ט׳ו תשרי ביז י. ניסן תרס"ט]. וועגן דעם וואָכנבלאַט שרייבט מ. קיפּניס: „דער שענ-סטער טאַט זיינער איז אָבער געבליבן: די אילוסטרירטע וואָכנ-בלאַט „טעאַטער-וועלט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1908 און וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַן אויסגאַבע פון 22 [24] באמת פּרעכטיקע נומערן מיט די אינטערעסאַנטסטע אַרטיקלען וועגן טעאַטער און קונסט פון די גרעסטע שרייבער, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. פּרץ אַליין האָט אין עפּפעלבערגס „טעאַטער-וועלט" געשריבן 5 שיינע זאַכן, שלום אַש האָט דאָרט געדרוקט זיין דער-ציילונג „די שטימע". וויסנבערג האָט געדרוקט זיין דראַמע „קנאה און תאוה" און אַנדערע".

דר. מוקדוני האָט אַן אַנדערע מיינונג וועגן דעם וואָכנבלאַט: „אין דער קורצער רענעסאַנס-צייט איז זאָגאַר אַרויס אַ וועכנטלע-כע אילוסטרירטע טעאַטער-צייטונג מיטן נאָמען „די טעאַטער-וועלט". נישט קוקנדיק, וואָס דאָס וואָכנבלאַט האָט געהייסן „טעאַטער-וועלט", איז דאָרט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן טעאַטער; בלויז פון צייט צו צייט פלעגן זיך דאָרט דרוקן אַרטיקלען וועגן טעאַטער, אָבער גאַנץ נאַאיווע און דילעטאַנטישע". אין דאָזיקן וואָכנבלאַט האָט ע. אויך פאַרעפנטלעכט איניקע אַרטיקלען וועגן שלום-עליכם און וועגן יידישן טעאַטער.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין אָנפירן מיטן יידישן טעאַטער אין וואַרשע האָט ע. איינגעפירט יידיש-געדרוקטע פּראָגראַמען פון די פאָרשטעלונגען, טיילמאָל אויך מיט אַרטיקלען וועגן אַקטיאָרן און די אויפגעפירטע פּיעסעס. דאָס פּראָגראַם איז דערשינען אין 132 נומערן און האָט געהייסן „פּראָגראַם און קריטיק, אַ טעגליכע אויסגאַבע פיר קריטיק, רעצענזיעס און אַלערליי טעאַטער-אַנ-געלעגענהייטען. וואַרשא. רעד.-אַרויס. ה. עפּפעלבערג. פאַרלאַג „עליזעאום". פּרייז 5 קאָפּ (28+18), 1 סענטיאַבר [סעפּטעמבער] 1912-12 יולי 1914. פון נומער 19 – „אַ טעגליכע אויסגאַבע פאַר אַלע טעאַטער-אַנגעלעגענהייטען".

אָפּגעשטעלט אין זיין טעאַטער-טעטיקייט דורכן אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה, איז ע. אין 1921 אויסגעוואַנדערט קיין אַמע-ריקע, וואו ער האָט געעפנט אַ קליין שפּייז-געוועלבל און געלעבט אין גרויס אָרעמקייט.

דעם 23 נאָוועמבער 1922 האָט ע. צו זיינער אַ בענעפיס-פאָר-שטעלונג געלאָזט אויפפירן אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער (מיט יוליוס און עמיליע אַדלער אין די הויפּטראָלן) זיין פּיעסע „די נקמה".

דעם 7 יאַנואַר 1927 איז ע. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ע.׳ס געדרוקטע פּיעסעס אין יידיש:

[1] דוד אין דער וויסטע
אָדער גלית הפלשתי
היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען מיט 12 בילדער
פערפאַסט פון ו. ה. עפּפילבערג.
וואַרשא בדפוס י. אַלאַפין 1888 [64 ז. 16°]

[2] דער ענגעל
אָפּערעטא אין 5 אַקטען אונ 10 בילדער
בעאַרבייטעט פון ה. עפּפעלבערג
[געדרוקט אין „עפּפעלבערגס איללוסטרירטער קאַלענדאַר" צעהנטער יאָהר-גאַנג, וואַרשע 1899,
86 ז. 16°]

[3] אסתר׳קע
אָדער
די יודישע טאָכטער אַלס פּוילישע קעניגין
ביי קאַזימיר דעם גרויסען, קעניג פון פּוילען.
היסטאָרישע דראַמא אין פינף אַקטען מיט ניין בילדער.
נאַך פערשידענע קוועללען בעאַרבייטעט פון ה. עפּפעלבערג
וואַרשא תרס"ז [1907]
פערלאַג און אייגענטהום פון ל. מאָרגענשטערן, וואַרשא
[76 ז. 16°]

[4] דער שדכן
אָפּערעטאַ אין איין אַקט פון ה. עפּפעלבערג
וואַרשא תרס"ז [1909, 30 ז. 16°]

[5] דער קרבן
דראַמע אין 4 אַקטען פון ה. עפּפעלבערג.
וואַרשא [1909, 124 ז. 16°].

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 794-793.
ב. גאָרין — „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 271.
מ. וויכערט — „טעאַטער און דראַמע", ווילנע, I, ז. 59.
גרשם באַדער — אויף פרעמדע ערד געשטאָרבן, „יידישעס טאָגעבלאַט", נ. י., 16 יאַנ. 1927.
מ. קיפּניס — איינער פון די פּיאָנערן, „היינט", וואַרשע, 4 פעבר. 1927.
דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו", ווילנע, 1930, זז. 421, 387, 385, 355-354, 345.

עפּשטיין, אַלטער

געבוירן 20 אַפּריל 1879 אין פּאָנעמונאָק, קאָוונער געגנט, ליטע. פאָטער — שוחט. ביז 15 יאָר דערצויגן געוואָרן אין דער פרומער חסידישער אַטמאָספערע פון עלטערן-הויז. געלערנט אין ישיבה, דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ-וועגונג און געאַרבעט אין „בונד" אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, אויך א׳פּ „אַל-טער דער הויכער".

1910 – דעביוטירט אין „פאָרווערטס",

דערנאָך אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, און זינט 1917 געאַרבעט אַלס רעדאַקציע-מיטגליד אין „טאָג".

אין „צוקונפט" (דעצעמבער 1915) איז פאַרעפנטלעכט ע.'ס איינאַקטער „ביי אַ פרעמדען פייער" (אַריין אין זיין בוך „די קאַריערע", פ'ג מ. מייזעל, נ. י. 1921).

א'פ „אַקסעל" האָט ע. פאַרעפנטלעכט אין „פאָ'ש" פיל רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער און אין „טאָג" (אויגוסט-סעפטעמבער 1918) האָט ער אָפּגעדרוקט עפּיזאָדן פון אַקטיאָרן-לעבן און א'פ „אוריאל מזיק" (פעברואַר-אַפּריל 1918) פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע סעריע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן יידישע אַקטיאָרן א'נ „בילדער-גאַלעריע פון אונזערע אידישע שוישפּילער".

אין „דער טאָג" (6 יאַנואַר 1918) האָט ע. פאַרעפנטלעכט „איינע פון די אַלטע" (דראַמאַטישע סצענע).

אין „פאָ'ש" (27 סעפטעמבער 1919) איז פאַרעפנטלעכט ע.'ס איינאַקטער „פּעררַאטה? (אַ דראַמאַטיש בילד)".

ז. רייזען - „לעקס. ייד. ליט.", II, ז. 794-96.

משה נאַדיר — טעג פון מיינע טעג, „פרייהייט", נ. י., 17 פעברואַר 1929.

ב. צ. גאָלדבערג - צווישן אייגענע, „דער טאָג", נ. י., 3 אויגוסט 1929.

עפּשטיין, בנימין

געבוירן 1 דעצעמבער 1899 אין ווילנע, פּויליש-ליטע. עלטערן — באַזיצער פון אַ וויין-געשעפט. געלערנט אין חדר און נאָכן פאָטערס טויט דערציגן געוואָרן ביי זיין זיידען, וועלכער נעמט אים מיט אין שטעטל נעמענטשין, וואו ע. לערנט אין ישיבה. אין עלטער פון 9 יאָר צוריקגעפאָרן קיין ווילנע, געלערנט ביים זיידען און דערנאָך געענדיקט 8 קלאַסן פון אַ רוסישער אָנפאַנגס-שול.

נאָך אין 1909 געשפּילט „טעאַטער" אויף רוסיש ביי זיך אין שטוב מיט זיינע שול-חברים, די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן יוסף בולאָוו [בולקין] און אַסיאַ שטיין [קאַמינען], אין אימפּראָוויזירטע „פּיעסען". אין מלחמה-צייט פאַרוואַנדלט ער דער מוטערס וויינקעלער אין אַ „טעאַטער" און שפּילט דאָרט מיט די אויבנדערמאָנטע פאַר איינטריט-געלט. שפּעטער איז ער $1\frac{1}{2}$ יאָר געווען קאָנדוקטאָר אויף דער באַן ביי דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט. 1917 — מיטבאַטייליקט אַלס געהילף-רעזשיסער אין בולאָווס אויפפירונג פון דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער". אין פעברואַר 1918 אַריינגעטראָטן אין יידישן מלוכה-טעאַטער א'פ פון אזרא, באַלד דערויף זיך באַטייליקט אין די צופעליקע פאַרשטעלונגען א'פ שטיין, מאַרעווסקי, דערנאָך אַ סעזאָן ביי ליפּאָווסקי, 1920 — מיט קאַמינסקי און טורקאָוו, דערנאָך א'ל פון דוד הערמאַן. 6 חדשים אַוועק פון דער בינע און געאַרבעט אין אַ לעדער-פאַבריק, באַטייליקט זיך ע. ווידער אין פאַרשיידענע וואַרשעווער יידישע טרופּעס. 1923 — אין דער ווילנער דראַמע, 1926 — אין „וויק'ט", מיט וועלכן ער האָט מיטגעמאַכט דעם טורנעע אין רומעניע. אַ גרעסערע צייט איז ע. צוריק אין ווילנער יידישן טעאַטער, דערנאָך פאַרוואַלטעט ער מיט פאַרשיידענע יידישע טרופּעס איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

ש. ע.

עפּשטיין, גרישא (יואל)

[געב. בערך 1890 — אומגעקומען 27 אַפּריל 1920]

געבוירן בערך 1890 אין מאָהילעוו-פּאָדאָלסק, אוקראַאינע. פאָטער — אַ פּריוואַטער לערער. געווען אַן עקסטערן און דערנאָך געוואָרן אַ לערער אין אַ פאָלקס-שול.

אָנגעהויבן אַלס „ליבהאָבער" און דערנאָך פּראָפעסיאָנעל געשפּילט אין די טרופּעס פון גוזיק, מישוראַט, עסקרין, סאַבסיי, קרויזע-גורעוויטש און אַ קורצע צייט ביי פישזאָן. 1911 — אָנגעקומען צו ליפּאָווסקי אין ליבאַווע, דערנאָך איניקע יאָר געשפּילט אין ווילנע און ריגע. 1916 — ביי ליפּאָווסקי אין כאַרקאָוו. שפּעטער אַריינגעטראָטן אין „אונזער ווינקל" אין כאַרקאָוו און קיעוו. לסוף געפירט מיט מייערסאָנען אַ טרופּע איבער פּאָדאָלער און קיעווער גובערניעס.

דעם 27 אַפּריל 1920 דערמאָרדעט געוואָרן, צוזאַמען מיט י. ל. בוימוואָל, פון אַנגרייפנדן מיליטער ביי דער סטאַציע קאָזיאַטין, נעבן קיעוו, און געבראַכט געוואָרן דאָרט צו קבורה אין אַ ברודער-קבר.

ע. איז געווען באַקאַנט אַלס אינטעליגענטער, טאַלאַנטפולער שוישפּילער, וואָס האָט געהאַלטן ערשט אין אַנטוויקלען זיך. צו זיינע בעסערע ראָלן האָבן געהערט „מענדל" אין פּרץ הירשביינס „די נבלה" און „דער זיידע" אין הירשביינס „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל".

ש. ע. פון חיים טויבער און מ. ע. פון נחום ליפּאָווסקי און יוסף סטרוגאַטש.

נעקראָלאָג אין „יידיש טעאַטער", וואַרשע, I, 1921.

עפּשטיין, הלל-לייב

געבוירן 1879 אין בערדיטשעוו, אוקראַאינע, ביי אָרימע עלטערן. געלערנט אין דער אָרטיקער תלמוד-תורה. צו 11 יאָר געווען אַ קורצע צייט משורר ביי ניסן בעלזער. איניקע יאָר געלערנט אין ישיבה, אָבער צוליבן טויט פון פאָטער געמוזט ווערן אַ בעל-מלאכה. בעת מיליטער-דינסט אין וואַרשע געהאַט די געלעגנהייט צו זען יידיש טעאַטער און געוואָרן דערפון אַזוי באַגייסטערט, אַז צוריקקומענדיק אַהיים פון מיליטער-דינסט, האָט ער אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט געגעבן איניקע פאַרשטעלונגען מיט ע. אַלס פאַרוואַלטער און סופלער.

צוליב רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געמוזט 1911 עמיגרירן קיין קאַנאַדע (טאָראָנטאָ), וואו ער טרעט אַריין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. באַלד אָבער באַקענט ער זיך מיט דער יידישער טרופּע (מיט מר.

אונ מרס קראַנער אין דער שפּיץ) און ווערט דאָרט סופלער און ראָלן-איבערשרייבער, שפּעטער סופלער אין פרענקלין-טעאַטער אין פילאַדעלפיע, דערנאָך ווידער אין טאָראָנטאָ, דעטראָיט, קליוו-לאַנד, שיקאַגאָ און ניו-יאָרק.

אַרבעטנדיק אין יידישן טעאַטער אין דעטראָיט און שיקאַגאָ, האָט ע. אָנגעשריבן איי̇ניקע צייט-בילדער, וועלכע זיינען דאָרט אויפגעפירט געוואָרן.

אין 1928 איז אין פילאַדעלפיע אויפגעפירט געוואָרן ע.׳ס פּיעסע „דאָס האַרץ פון אַ גענגסטער", וועלכע איז אין יוני 1928 אויפגעפירט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער אין לאָנדאָן און דעם 20 אָקטאָבער 1931 דורך סעם גערטלער אין ניו-יאָרקער נעשאָנאַל-טעאַטער א׳נ „קרבנות פון לעבן".

ע.׳ס טאָכטער, סערא, שפּילט אויף דער יידישער בינע.

ש. ע.

ש. פאַן [י. שאַיאַק] — „דאָס האַרץ פון אַ גענגסטער" פון עפּשטיין, אויפגעפירט פון קעסלער, „פּאָסט", לאָנדאָן 3 יוני 1928.

ספּעקטאַטאָר [נ. פראַנק] — דאָס האַרץ פון אַן אַפּאַש, אויפגעפירט און געשפּילט פון יאָזעף קעסלער, „פּאַריזער היינט", 4 יולי 1928.

עפּשטיין, וויליאַם (הלל)

געבוירן 15 מאַי 1888 אין פּיטשאַיעוו, וואָלינער געגנט. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר און ביי אַ פּריוואַטן לערער — העברעאיש און רוסיש.

אין עלטער פון 13 יאָר געקומען אין אַמעריקע צום פאָטער, וועלכער נעמט אים אָפּט מיט אין יידישן טעאַטער. דאָס דערוועקט אין אים אַ חשק צו דער בינע און אין עלטער פון 15 יאָר ווערט ער אַ מיטגרינדער פון „פּיפּלס קראָן דראַמאַטיק סאָסייטי" (צווישן די מיטגלידער זיינען געווען די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן אירווינג האָניגמאַן און פיליפּ אויגענבליק), וואָס פירט אויף א׳ר פון איזידאָר קליין שילערס „די רויבער", אין וועלכע ע. שפּילט די ראָל „קאַרל". דער קלוב עקסיסטירט 3 יאָר, בעת וועלכע ס׳טרעטן אין אים אויך אַריין די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן היימאַן ראַפּאַפּאָרט, מאָריס שוואַרץ, סעם אויערבאַך, הערשל קויפמאַן און יוסף שוואַרצבערג. גלייכצייטיק איז ע. געווען אַ מיטגליד אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב", וואו ער באַטייליקט זיך אין דער אויפפירונג פון גאָרדינס „דבורהלע מיוחסת".

פּראָפעסיאָנעל אָנגעהויבן שפּילן אין מעטראָפּאָליטאַן-סינגער-האָל אין בראָנזוויל און נאָכן אַרומפאָרן שפּילן איבער דער נאָענטער סביבה, ווערט ער אַנגאַזשירט צו לעאָ לארגמאַן אין באַלטימאָר. צוריקגעקומען אין ניו-יאָרק, ווערט ע. אַ מיטגרינדער פון דער אַקטיאָרן-יוניע לאָקאַל 18 און באַטייליקט זיך עטלעכע מאָל אין איינצלנע פאָרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ. שפּעטער שפּילט ער צו סעזאָנען ביי דוד לעווענסאָן אין קליוולאַנד, ביי דוד קעסלער אין ליריק-טעאַטער אין ברוקלין, און 8 סעזאָנען — מיט הפסקות — ביי מאַקס געביל.

1926-27 — מיט בערטאַ קאַליש אין אירווינג-פּליס-טעאַטער, 1927-28 — מיט גערמאַן אין האָפּקינסאָן, 1928-29 — אין נוואַרק ביי עלווינג, 1929-30 — אין ברוקלינער האָפּקינסאָן-טעאַטער, 1930-31 — אין ליבערטי-טעאַטער, 1931-33 — אין האָפּקינסאָן-טעאַטער.

ע. האָט זיך אויך באַטייליקט אין קלאַנג-פילם „זיין ווייבס ליובאָווניק" מיט זאַצן.

ע. איז מערערע מאָל געווען אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַקטיאָרן-יוניע.

מ. ע.

עפּשטיין, זשעניע



געבוירן 20 יולי 1897 אין ריגע, לעטלאַנד. עלטערן — פאַבריקאַנטן. געענדיקט אַ מיטלשול אין פּעטערבורג און שטודירט אַלס קלאַוויר-שפּילערין אין דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע.

1919 — אָנגעקומען אַלס סטודיאַנטין אין גראַנאָווסקיס סטודיע און דערנאָך אויטאָמאַטיש אַריבער אין באַשטאַנד פון מימ׳ט, מיט װאָכנדיק דעם טורנעע אין 1928 איבער מערב-אייראָפּע.

ע. איז געווען די ערשטע צו שפּילן אין דער טרופּע די ראָלן: „מאַנקע" אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה", „מאַדאַם" אין שלום-עליכםס „צוויי הונדערט טויזנט", „פריידל" אין שלום-עליכםס „מזל טוב", „באַראָנעסע" אין ראָמענס „טרואַדעק", „סענדערס ווייב" אין מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי" א. א.

ע. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „יידישע גליקן" לויט שלום-עליכם.

ש. ע.

עפּשטיין, מ.

האָט א׳פּ י. מ. י. ן. פאַרפאַסט „דער געשמיסענער אפּיקורס אָדער אַ חאָליערע אין דוראַנאָווקע, אַ טהעאַטער שפּיל אין 3 אַקטן" (וואַרשע, 1897, ז. 37).

זלמן רייזען שרייבט: „דאָס ביכל, געשריבן אין לעבעדיקע גראַמען, איז אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישער מוסטער פון דער פאָלקסטימלעך-משכּילישער סאַטירע קעגן די קהלס-לייט און אָבסקוראַנטן אין זייער אומערלעכן קאַמף מיט דער השכּלה און אין זייער רייטן אויף דער אָרימער אומוויסנדער פאָלקס-מאַסע".

ל. ווינער פאַרצייכנט אין זיין רשימה אויך אַ צווייט ביכל פון ע. א׳ט „למך דער בעל-שם אָדער צוויי חתנים אונטער איין חופּה. אַ מעשה אין שירים געשריבן, מאת י׳מ׳י׳ן (אָדעס, דרוק אולריך, 1880, זז. 64).

ז. רייזען דריקט אויס די השערה צי ע. איז נישט אידענטיש מיט מאַרקוס עפּשטיין, וואָס איז רעגיסטרירט אין ה. ד. ליפּפּאס „אסף המזכיר" אַלס קענער און פריינט פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין מעזריטש. „דווקא דער איבערגאַנגס-דיאַלעקט (פון ליטווישן יידיש צום פּויליש-וואָלינערישן) פון מעזריטש שפּיגלט זיך אָפּ אין דער בכלל פאָלקסטימלעכער, אַביסל וואולגאַרער

שפּראַך פון „דעם געשמיסענעם אפּיקורס". אַ געוויסער מ. עפּשטיין (דערזעלבער?) האָט אויך פאַרפאַסט די ביכלעך: „טויטער קאָפּ" – דערציילונג (ווילנע 1867), „אַנעקדאָטען פון דעם שוט באַלקירעוו" (וואַרשע 1878) און „אומגליקלעכע יתומה" (וואַרשע, 1878)".

ז. רייזען – „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 797-98.
ב. גאָרין – „געש. איד. טעאַט.", II, ז. 271.

עפּשטיין, מאַרק

געבוירן 1899 אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד. פאָטער – אַ שניידער. שוין צו יאָר 11 ווייזט אַרויס ע. קינסטלערישע פעאיקייטן: צייכנט, מאָלט, קלעבט פון ליים און טייג פאַרשיידענע פיגורן. 1911 – אַנגעקומען אין קיעווער קונסט-שול פאַר סקולפּטור. אונטערן איינפלוס פון דער אימפּרעסיאָניסטישער שול, גייט ער איבער 1918 צום קוביזם און שפּעטער צו קאָנסטרוקטיוויזם. וואַנדערנדיק איבער די יידישע ישובים פון אוקראַאינע, האָט ער געשאַפן זיינע פיגורן. ער האָט אויך געצייכנט אַ ריי אילוסטראַציעס פאַר די ביכער פון קיעווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע".

צום סעזאָן 1926-27 האָט ע. געמאָלט די דעקאָראַציעס צו „קוימענקערער" פון א. פּעפער און נ. פידל און צום סעזאָן 1927-28 – די דעקאָראַציעס צו „ריסטאָקראַטן" פון ב. וואָלקענשטיין און מ. נאָרוויד – ביידע אויפגעפירט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה-טעאַטער.

מאַקס געלער – דער קינסטלער מאַרק עפּשטיין, „וואָכנשריפט", וואַרשע, נ' 28, 1931.

עפּשטיין, פעני וואַדיא

[געב. 1868 – געשט. 3 פעבר. 1913]

געבוירן 1868 אין וואַרשע, פּוילן. פאָטער – אַ שניידער. יונג געקומען מיט איר פאַמיליע אין לאָנדאָן (ענגלאַנד) און דאָ אַריינגעטראָטן (1885-86) אין סמיטס טעאַטער אויף פּרינצעס-סטריט אַלס כאָריסטקע, וואו ס'זיינען אויך אין דער זעלבער צייט געווען כאָריסטקעס די שפּעטערדיקע אַקטריסעס דזשעני קייזער, אַננאַ העלד און דיינע שטעטין [פיינמאַן], וועלכע האָבן אויך געשפּילט עפּיזאָדן-ראָלן.

לויט שרה נאַדאָלסקי איז ע. אויך געווען 2 יאָר אין כאָר פון יידישן טעאַטער א"א פון אברהם גאָלדפאַדען און דערנאָך געשפּילט „די אם" אין זיין אָפּערעטע „שולמית". וועגן ע.'ס פּריוואַטן לעבן ווערן דערציילט פאַנטאַסטישע עפּיזאָדן: עס הייסט, אַז אַ ווייסער שקלאַפן-הענדלער האָט זי געבראַכט פון פּאַריז קיין באָמביי (אינדיע) און פון דאָ האָט זי צוריקגעבראַכט קיין לאָנדאָן דער ענגלישער גאָווערנער וואַדיא, וועלכער זאָל אַפילו האָבן מיט איר חתונה געהאַט אין דער דאָקס פּליס שול. שפּעטער האָט זי געעפנט אַ געשעפט פון דאַמען-קליידער און דורך זיגמונט פיינמאַן צוריקגעקומען צו דער בינע, איז זי מיט אים געפאָרן שפּילן יידיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע און דערנאָך (1909) אין בוענאָס-איירעס.

לויט דזשעני קייזער האָט ע. זיך גאָר באַקענט מיטן מאַהאַראַדזשאַ וואַדיא אויף אַ שיף קיין אַרגענטינע און לויט לאַזאַר פריד האָט זי פון „פירשט" וואַדיא באַקומען אַ רענטע אויף 3000 פונט און דאָס געלט איינציקוויז צעטיילט צווישן פריינט און באַקאַנטע.

פ. וואַלד שילדערט די דאַמאָלטיקע פאַרהעלטנישן ביים יידישן טעאַטער אין בוענאָס-איירעס אין צוזאַמענהאַנג מיט ע'ס שפּילן: „פאַני עפּשטיין האָט געשפּילט „מרים", וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס טרויעריקע לעבן אין „פריילעכן הייזל". די „חברה-לייט" [ווייסע שקלאַפן-הענדלער] האָבן נישט געוואָלט אויסזיצן די דראַמע און האָבן אויפגעהויבן אַ גערודער. דאַמאָלט האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער קאַמף מיט די פרויען-הענדלער. דער קאַמף האָט אַ צייט אָנגעהאַלטן אין שטאָט. מען האָט זיך געשלאָגן אין די גאַסן און אויף די פּלאַטעס. עס זיינען געמאַכט געוואָרן מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס; עס זיינען געקליבן געוואָרן אונטערשריפטן צו פאָדערן פון פּאַרלאַמענט די סאַנקציע פון פּאַלאַסיאָס אַנטי-פרויען-הענדלער-פּראָיעקט; עס זיינען פון „יוגנט-פאַראיין" אָפּגעדרוקט געוואָרן פּלאַקאַטן פונאַנדערצוהענגען אויף אַלע הייזער מיט דער אויפשריפט, אַז „דאָ ווערט נישט פאַרדונגען פאַר פרויען-הענדלער". און כאָטש די דאָזיקע פּלאַקאַטן זיינען געבליבן ליגן אין לאָקאַל פון דער „יוגנט" און דער גאַסן-קאַמף מיטן „יחוס" האָט זיך געענדיקט „אָן זיגער און אָן באַזיגטע", איז דאָך דער טעאַטער געבליבן ריין פון זייער געביין; אָן „יחוס", אָן שונד און אָן שאַנד אויף אַ לאַנגער צייט. ...פאַני עפּשטיין האָט פאַרטרעטן פיינמאַנען [נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט אַרגענטינע] אין דער קינסטלערישער ליטונג. דער טעאַטער-גייער – אַן אויסשליסלעך קולטורעל-דערהויבענער אַרבעטער – האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן אויף דער גאָרדין-„בריק" צווישן דער אַלטער אָפּערעטע און מאָדערנער דראַמע. ער האָט דאָך צוליב עפּשטיינען גערן געזען „די קרייצער סאָנאַטע", „מירעלע אפרת", „סאַפאָ", „מעדעאַ" און האָט אַריבערגעיאָגט אויף דער אַנדערער זייט בריק, צו הירשביין, אַש, פּינסקי, איבסען, מירבאָ. דערדאָזיקער שפּאַן איז געמאַכט געוואָרן אַזוי שנעל, אַזוי אין גאַלאָפּ, אַז דער אַנסאַמבל האָט אים ניט געקאָנט נאָכגאַלאָפּירן, נאָר פאַני עפּשטיין האָט וואונדערבאַר לייכט, קרעפטיק און גראַציעז זיך דורכגעטראָגן פאָראויס און אַלץ באַגייסטערט און געטונקען די אודיטאָריע אין כוואַליעס פון שטימונג דורך אירע אויפטריטן אין נייעסטן רעפּערטואַר. און פאַני עפּשטיין האָט אַלץ נישט געקענט נישט שרייבן, נישט לייענען, נישט אויף יידיש און נישט אויף קיין אַנדער שפּראַך, פון די [שפּראַכן], וואָס זי האָט אַזוי פּערפעקט און חנודיק גערעדט. אָבער איינמאָל אויסהערן די גאַנצע פּיעסע און אַ פּאָר מאָל – איר טייל צום שפּילן [די ראָל], איז דאָס פאַר איר געווען גענוג צו רעזשיסירן דעם ספּעקטאַקל; צו איבערנעמען די אידעע, דאָס פּראָבלעם צו זען פאַר זיך די פּאַסנדע סביבה; צו שאַפן טיפן, פאַרב, שטימונג. זי האָט נישט אויסגעלערנט איר ראָלע – זי האָט זיך אין דער ראָלע אַריינגעלעבט מיט אַלע אירע חושים און גלידער; מיט איר גראַציעזער שפּראַך און מיט איר קינסטלעריש-פילנדיקער נשמה. איר צימער איז פאַרוואַנדלט געווען אין אַ מין חסידים-שטיבל פון אַרטיסטן, ליבהאָבער און קולטור-טוער... און דאָך האָט זי זיך געפילט עלנט, איינזאַם, און האָט אין מינוטן שטילע, אינזיכיקע. האַרציקע – געוויינט".

פון בוענאָס איירעס איז ע. געפאָרן קיין לאָנדאָן און פּאַריז, וואו זי האָט געשפּילט אַ קורצע צייט. דערנאָך איז זי געקומען (1910) אין וואַרשע, וואו זי האָט דעביוטירט אין „צוואַ" (פון אַן אַנאָנימען מחבר) און דאַן אין גאָרדין-פּיעסעס.

דר. א. מוקדוני שרייבט וועגן איר שפּילן. „...איר ערשטער אויפטריט איז געווען אין אַ פּיעסע, וואָס הייסט „צוואַ". דאָ האָט זי זיך באַוויזן ווי אַ פרוי, נישט טיף, נישט פאַרביק; בלויז אַ פרוי ווי זי זי אַליין איז געווען. דערנאָך איז זי אַרויסגעטראָטן אין אַ ריי יעקב גאָרדינס פּיעסען. זי מאַכט אויבערפלעכלעך אַ גאַנץ גוטן איינדרוק, אָבער אין אמתן איז זי געווען ווייניק שוישפּילערין. זי האָט פאַרמאָגט צו ווייניק קולטור, אַז זי זאָל קאָנען אויסבויען און פאַרטיפן אַ ראָלע דורך אינטואיציע. איר האָט פּשוט אַרויסגעהאָלפן איר אייגנאַרטיקער חן, איר ´איינגעבוירענע פּלאַסטישקייט און איר זייער גוט ריידן. די מימיק אירע איז געווען אַ זייער אָרימע, סך-הכל עטלעכע געזיכטס-באַוועגונגען. אָבער איר פיין געזיכט האָט נישט באַדאַרפט אַזוי נויטיק די מימיק. זי איז געווען באַוועגלעך, בייגיק און זייער עלאַסטיש, אָבער זי האָט נישט געקאָנט באַהערשן, סיסטעמאַטיזירן און קאָנצענטרירן עס אין די נויטיקע מאָמענטן. אירע באַוועגונגען, ווייכע, גראַציעזע און זייער פּרויענהאַפטע, זיינען געווען פּשוט אַן אויסשטעלונג פאַר זיך. אין דער ראָלע האָבן זיי זיך זייער ווייניק אַריינגעפּאַסט. עס איז געווען אַן אמתער גענוס צו הערן זי ריידן. אַ פיינע נאַאיוויטעט איז געווען אין איר ריידן. איר שטים וואַרעם, גלעטנדיק, האָט געהאַט קליינע ריסן און געבראָכנקייטן און גראָד די דאָזיקע ריסן און געבראָכנקייטן זיינען געווען דאָס שענסטע. זי האָט נישט געקענט יידיש אין ברייטערן זין פון וואָרט, אָבער דאָ האָט זי פאַרמאָגט באמת פיל אינטואיציע. גאָר ווייניק געבילדעטע פלעגט זי קיין פעלער נישט מאַכן אין באַטאָנען אַ וואָרט און אין אַרויסזאָגן גראַציעז אַ זאַץ, פלינק לעבעדיק און צאַפּלדיק פלעגט אַרויסקומען דאָס יידישע וואָרט פון איר מויל. אסתּר-רחל קאַמינסקאַ איז געווען גאָרנישט דער ערך אַ גרעסערע שוישפּילערין פאַר איר, אָבער אין „זאָגן" איז זי געווען אַזוי גרויס ווי אסתּר-רחל". און ווייטער: „פּעני-וואַדי עפּשטיין האָט אויסגעשאָסן איר גאַנצן רעפּערטואַר אין אַ קורצער צייט און איז געבליבן אַן אויסגעלאָשענע. מען האָט זי אַנגאַזשירט אין „עליזעאום-טעאַטער" אַלס אַ שוישפּילערין אין דעם לויפנדן רעפּערטואַר און דאָ איז זי כמעט געווען אומבאַהאָלפן. דערנאָך איז אַוועק אין דעם דאָזיקן טעאַטער „דאָס פינטעלע ייד". מען האָט איר געגעבן אין דערדאָזיקער אָפּערעטע אַ גאַנץ קליינע נישט-באַדייטנדיקע ראָלע, און אין דעם יאָר צייט איז איר אַרטיסטישע קאַריערע געווען געענדיקט. געטומלט האָט זיך אין די טעאַטער-קרייזן מיט איר רייכער קליידונג. ...אָבער דאָס איז געווען די גאַרדעראָב פון אַ האַרעם-פרוי, נישט פון אַ קינסטלערין".

נח פּרילוצקי שרייבט וועגן איר אין אַ ריי אַרטיקלען אין „אונזער לעבן" [איבערגעדרוקט אין זיין בוך „יידיש טעאַטער", ביאַליסטאָק, 1921, צווייטער באַנד] „אַ שוישפּילערין, וואָס האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון די רוסישע רדיפות. די ערשטע דאַמע אויף דער יידישער בינע אין פּוילן און רוסלאַנד, – דאָס, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן מיטן פּוילישן באַגריף „Pani". אַ פרוי, וואָס וועט זיך קאָנען האַלטן און באַנעמען אין אַ גרויסוועלטיקן סאַלאָן. אַ יידישע אַקטעריסע – מיט אינטעליגענטישקייט... אַ צאַרטע ווייבלעכע ווייכקייט און גראַציע אין

יעדער באַוועגונג. אַ ווייס, איידל, באַוועגלעך פּנים מיט אַ פּאָר גרויסע טיפע אויגן, וואָס באַלייכטן ס'גאַנצע געזיכט. אַ רייכע שטים מיט אַ שטאַרקן, טיפן, ברוסטלעכן, העכסט-מעלאָדישן טעמבר. דערביי – אַ זידיקער טעמפּעראַמענט, ממש – קוועקזילבער. ...זי פאַרמאָגט אַ בייגעוודיקע דראַמאַטישע קראַפט, וואָס פאַראייניקט זיך אין איר מיט ליריזם, וועלכער פלייצט פון די טיפסטע ווינקעלעך פון איר פרויען-האַרץ. אפילו די לאַנגע מעלאָדעקלאַמאַציעס, מיט וועלכע ס'שטיק [„צוואַ"] איז אָנגעשטאָפּט, קלינגען אין איר מויל באַהאַרצט און איבערצייגנדיק".

און וועגן איר שפּילן די טיטל-ראָל אין גרילפּאַרצער-גאָרדינס „מעדעאַ" שרייבט ער: „אַלע מעלות פון דער אַרטיסטין האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ראָלע, וואָס מוז זיין די בעסטע אין איר רעפּערטואַר. קענטיק, גוט איינגעשטודירט האָט די קינסטלערין ס'שטיק, טיף פאַרשטאַנען און אַדורכגעפילט דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון דער שיינער מעדעאַ. ...איבערהויפּט איז שיין ווען פרוי עפּשטיין שטרעקט אויס די הענט מיט געבעט אָדער טרויער: זייער גראַציע דערמאָנט דאַמאָלט אַ איזעדאָראַ דונקאַן".

פון וואַרשע איז ע. געפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו זי האָט געשפּילט אַ געוויסע צייט, דערנאָך איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן אין לאָדזשער „גרויסעס טעאַטער" (דיר. – י. זאַנדבערג), וואו זי האָט געשפּילט איבער אַ סעזאָן צייט.

זלמן זילבערצווייג שרייבט וועגן יענעם פּעריאָד: „האָבנדיק שוין צעטיילט איר פאַרמעגן, איז זי אָנגעוויזן אינגאַנצן אויף אירע שכירות אַלס שוישפּילערין, און כאָטש זי איז אַ גרויסע אויסברענגערין, איז זי מסכּים צו נעמען קלענערע שׂכירות נאָר מיטן באַדינג, אַז זי זאָל זיך נישט באַטייליקן אין דער אָפּערעטע... אירע פיגורן זיינען אַזוי לעבנס-טריי, אַז זיי שמידן צו זיך צו נישט נאָר דעם צוקוקער אין טעאַטער, נאָר אויך די אַקטיאָרן קומען דורך איר שפּילן אַריין אין כאַראַקטער פון זייערע ראָלן... לאַנגזאַם, לאַנגזאַם טרעט צו איר צו איין קראַנקהייט נאָך דער אַנדערער, זי איז שוין מער נישט בכּוח צו שפּילן אויף דער בינע. ...די גאַנצע צייט פון איר קראַנקהייט איז זי געווען פאַרלאָזן פון די אומצאָליקע פאַרערערס. בלויז געציילטע שוישפּילער האָבן זי פון צייט צו צייט באַזוכט, און מיט זיי פלעגט זי זיך טרייסטן, אַז אָט-אָט נאָך אַ ביסל וועט זי אַרויס פון שפּיטאָל, און זי וועט ווידער שיינען אויף דער בינע".

דעם 3 פעברואַר 1913 איז ע. געשטאָרבן אין וואַרשע אין קעלער-שטיבל פון אירס אַן אָרימען פעטער און דעם 26 יוני 1913 האָט איטשעלע איזאַקסאָן (פון „חסד של אמת") איר געשטעלט אַ מצבה.

דוד פרישמאַן, וועלכער האָט זי בעת איר ערשטן אויפטריט ממש אָראָפּגעריסן, שרייבט וועגן איר אין זיין נעקראָלאָג: „...אפשר איז זי געווען דער אינטערעסאַנטסטער מענטש, וועלכן איך האָב פון אייביק אָן צווישן יידישע שוישפּילער געפונען. ווי זייער באַדייטנד זי זאָל נישט זיין געווען אַלס שוישפּילערין – אַלס מענטש, אַלס פּראַכט-עקזעמפּליאַר פון אַ מענטש, איז זי געווען טויזנט מאָל באַדייטנדער... עס האָט פּשוט דערקוויקט ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו איר. אַ ליבלעכקייט און אַ רייץ איז אַרויסגעגאַנגען פון איר פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט באַצויבערט יעדן. ...זי איז אָבער אויך אַ פאָרציגלעכע שוישפּילערין געווען, אפשר איינע פון די בעסערע. עס איז גענוג ווען איך וועל דער-

מאָנען איר „חאַשע די יתומה“ אינם ערשטן אַקט. איין אמת קאַבינעט־שטיקל. און דאַן נאָך צוואַנציק ראָלן. ווען ניט קלאַסיש און גריכישע זשעסטן — אָבער אַ פיינע פיגור איז זי געווען און געשמאַק האָט זי געהאַט“.

י. מ. ניימאַן האָט אויפן גרונט פון ע.׳ס לעבן אָנגעשריבן אַ פיעסע „פעני וואַדי, אַ ראָמאַנטישער שוישפיל“.

מ. ע. פון שרה נאַדאָלסקי, דזשעני קייזער, פערדינאַנד שטויב, יעקב קאַצמאַן, לאַזאַר פריד, מאַקס ראָזנטאַל און ה. פיינשטיין.

ב. גאָרין — „געש איד. טעאַט.“, II, ז. 48.

זלמן זילבערצווייג — ביהנע סילועטען, „דער אידישער זשורנאַליסט“, לאָדז, 14 מערץ 1919.

נח פרילוצקי — „יידיש טעאַטער“, ביאַליסטאָק, 1921, II, זז. 12-28.

יעקב פ. אַדלער — „מיין לעבען“, „די נייע וואַרהייט“, נ. י., 26 אַפריל, 9 מאַי 1925.

זלמן זילבערצווייג — אַ אינדישע פירשטין — אַ אידישע אַקטריסע, „פרימאָרגן“, ריגע, 30 נאָוו. 1928.

פ. וואַלד — „בלעטלעך“, ב׳א, 1929, זז. 103-112.

דוד פרישמאַן — „געשטאַלטן“, וואַרשע, 1930, זז. 214-218.

דר. א. מוקדוני — זכרונות פון אַ יידישן טעאַטער-קריטיקער, „אַרכיוו“, ווילנע, 1930, זז. 391-95.

Eli Baruchin — Niezwykłe dzieje 2 młodych żydówek warszawskich, „Nasz Przegląd“, Warszawa, 2, 22 maja 1933.

אליהו באָרוכין — מערקווירדיגע געשיכטע מיט 2 וואַרשעווער יודישע אַקטעריסעס, „אונזער עקספרעס“, וואַרשע, 24 מאַי 1933.

עפשטיין, שכנא

געבוירן 10 דעצעמבער 883 1אין איוויע, ווילנער געגנט, פויליש־ליטע, אין אַ יחוס־דיקער פאַמיליע פון רבנים און משכילים. פאָטער — אַ גרויסער למדן און סוחר, האָט געגעבן זיין איינציקן זון אַ יידישע און וועלטלעכע דערציאונג: ביז 16 יאָר געלערנט ביי פריוואַטע רביים און אין ישיבה, גלייכצייטיק געלערנט ביי לערער רוסיש און פיל געלייענט העברעאיש און אויך אין דער שפראַך געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פרובן.

אַרויסגעוויזן פעאיקייטן צו מאָלן, איז ע. אַוועק קיין וואַרשע שטודירן מאָלעריי, וועלכעס ער פאַרוואַרפט אָבער באַלד און ווערט אַן עקסטערן. הגם געשטימט ציוניסטיש, איז ע. אין 1903 — קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט סאָציאַליסטישע קרייזן — אַריינגעטראָטן אין „בונד“ אין זינט 1904 געוואָרן אַ פראָפעסיאָנעלער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר.

1905 — אַרעסטירט אין וואַרשע, ווערט ער אָבער באַלד באַפרייט און גייט אָן ווייטער מיט זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין פוילן און ליטע און דעביוטירט אין דער ווילנער „פאָלקס־ציי‏טונג“ מיט בעלעטריסטיק א׳פ שכנא און שאַכנאָוויטש. צום צווייטן מאָל אַרעסטירט אין וואַרשע, ווערט ער פאַרשיקט קיין יאַרענסק (וואָלאָגדער גובערניע), פון וואו ער אַנטלויפט אין 3

חדשים אַרום קיין אויסלאַנד (ווין, זשענעווע), ווערט דאָרט טעטיק אַלס בונדישער סעקרעטאַר און פאַרבינדט זיך מיט דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין שיקאַגער „אידישע אַרבייטער-וועלט“ און „די צוקונפט“.

סוף 1909 געקומען אין אַמעריקע, אַ קורצע צייט געווען סעקרעטאַר פון צ׳ב פון „בונד“, דערנאָך איינער פון די גרינדער פון דער „יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע“, מיטגליד פון איר צ׳ק, מיטרעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, און דאָ, ווי אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס, פאַרעפנטלעכט אָפהאַנדלונגען וועגן אַלגעמיינע און יידישע שריפטשטעלער, זכרונות, היסטאָרישע און פובליציסטישע אַרטיקלען א. ד. ג.

באַלד נאָכן אויסבראָך פון דער מערץ-רעוואָלוציע אָפגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט און רעדאַקטירט די בונדישע פאַרטיי-אָרגאַנען, זיך פאַרנומען מיט פראַקטישע פאַרטיי־אַרבעט און אין אָדעס אַריבער צום קאָמוניסטישן פליגל פון „בונד“, שפעטער אין „קאָמבונד“, און דערנאָך אין יידישן „קאָמפאַרבאַנד“. דאָ איז ער אויך געווען דער הויפט-אָרגאַניזאַטאָר פון מלוכהשן יידישן טעאַטער אין אָדעס, געווען רעדאַקטאָר פון קאָמוניסטישע צייטונגען אין אָדעס, מאָסקווע און וויטעבסק און זומער 1921 צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט, אַלס זשורנאַליסט און אַגיטאַטאָר, איינער פון די וויכטיקסטע פירער אין דער יידישקאָמוניסטישער באַוועגונג.

א׳פ יוסף בערסאָן האָט ע. פאַרעפנטלעכט אין כאַרקאָווער פ׳ג „אידיש“ (1918) זיין איינאַקטער „פריילינגס-טויט, פון אַרבעטער-לעבן“, וואָס איז אין 1921 דערשינען אין דער צווייטער אויפלאַגע אין פ׳ג „פאָלקס־ביבליאָטעק אידיש, קאָוונע־בערלין“.

ע. האָט אויך איבערזעצט: „דער שנעע, אַ דראַמע אין 4 אַקטען פון סטאַניסלאַוו פשיבישעווסקי, איבערזעצט פון פוילישען פון ש. עפשטיין. פערלאַג מייזעל עט קאָ. ניו־יאָרק 1911“ [נאָך פריער, אין 1906, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן איבערזעצונג פון דער זעלבער פיעסע דורך יעקב ריטשמאַן אין „אבענד-צייטונג“, נ. י., מאַי 1906 און „פא׳ש“, 13 מאַי־ 9 יוני 1906] און „סערגעי סאַבאַטיעוו. מיט׳ן ווילע פונ׳ם פאָלק, דראַמע פון רעוואָלוציע, אין פיר אַקטען, אידיש פון שכנא עפשטיין, מיט אַ פאָרוואָרט פון אָלגין. פרייהייט-אַרבייטער־ביבליאָטעק נום. 1, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער פעדעראַציע פון דער „וואָרקערס פאַרטיי“ ניו-יאָרק 1923“ [78 ז. 24°]. על פי טעות איז אין רייזענס „לעקסיקאָן“ אָנגעגעבן, אַז די פיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער.

ע. איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־טעאַטער־פאַרבאַנד [„אַרטעף“] און פון צייט צו צייט האָט ער אויך אין „פרייהייט“־„מאָרגן-פרייהייט“ פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן אויפפירונגען אין יידישן טעאַטער.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.“, II, זז. 803-810.

ב. אָרשאַנסקי — „טעאַטער־שלאַכטן“, 1931, ז. 114.

עקסלער, איזידאָר

געבוירן 1888 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, אין אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע, וואו ער האָט באַקומען אַ שטרענג-יידישע דערציאונג.

1907 — אויסגעוואַנדערט קיין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר ביז 1922, ווען ער איז צוגעצויגן געוואָרן צום יידישן טעאַטער און פאַרוואַנדלט דאָס סטאַנדאַרט-טעאַטער אין אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער, פון וועלכן ער איז מענעדזשער און פירט אָן מיט די יידישע טרופּעס אַליין אָדער מיט שותּפים-אַקטיאָרן.

ש. ע.

ערבער, אַדאָלף

געבוירן 1880 אין לעמבערג, גאַליציע. פאָטער — אַ פּריוואַט-לערער, אַ משכּיל. מוטער — אייגנטימערין פון אַ שניט-געשעפט. אַלס קינד פון 6 יאָר געקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער דורך טראָגן פּעקלעך פאַר דער אַקטריסע בערטאַ קאַליש.

1896 — אַנגעקומען אַלס כאָריסט אין גימפּעלס טרופּע און אַ יאָר שפּעטער דעביוטירט אַלס „משה חסיד" אין גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" מיט זילבערטן, דערנאָך געשפּילט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס איבער אייראָפּע און אויך טערקיי.

1906 — געקומען אין אַמעריקע און אַריינגעטראָטן אין עליאַס גליקמאַנס טרופּע אין שיקאַגאָ, וואו ער איז באַשעפטיקט איינציקע יאָר. 1910 — חתונה געהאַט מיט דער אַקטריסע עני פראַנקענבערג (שפּעטער — ערבער) און זינט דעמאָלט מיט איר געשפּילט איינציקע יאָר אין די יידישע פּראָווינץ-טרופּעס.

1922 — געשפּילט אין ניו-יאָרק, דערנאָך אין פילאַדעלפיע. אין סעזאָן 1932-33 — אין טאָראָנטאָ-מאָנטרעאַל (קאַנאַדע).

ע. האָט אויך אַ געוויסע צייט געשפּילט אין ענגלישן וואָדעוויל.

ש. ע.

ערבער, דזשוליוס (יחיאל)

[געב. 25 נאָוו. 1877 — געשט. 15 יולי 1924]



געבוירן 25 נאָוועמבער 1877 אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. באַקומען אַ יידישע און אַ וועלטלעכע דערציאונג. געבליבן יונג אַ יתום, איז ע. אויפגעצויגן געוואָרן אין האָראָדענקאָ ביי זיין זיידען, דר. מעד. שער. געענדיקט גימנאַזיע, באַהערשט איינציקע אייראָפּעאישע שפּראַכן און געווען גוט באַהאַוונט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

באַקענענדיק זיך מיט אַ דורכפאָרנדיקער יידישער טרופּע, האָט ער צוליב זיי פאַרלאָזט זיין היים און זיך געלאָזט מיט זיי וואַנדערן אַלס סופלער איבער גאַליציע. שפּעטער געקומען אין אַמעריקע, וואו ער האָט סופלירט אין פאַרשיידענע טעאַטערס, ווערנדיק גערופן „דער ליטעראַרישער סופלער".

דעם 14 יולי 1924 איז ע. געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע.

ע.׳ס שוועסטער, אין ווין, אייגענפעלד, האָט געשריבן פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער.

מ. ע. פון אַדאָלף ערבער.

נעקראָלאָג אין „פאָרווערטס".

ערבער, עני

[פראַנקענבערג]

געבוירן 1892 אין ניו-יאָרק, אַמעריקע. אויפגעצויגן אין אַן אַרבעטער-משפּחה אין שיקאַגאָ, וואו זי שפּילט קינדער-ראָלן אין גליקמאַנס טעאַטער, דעביוטירנדיק אין דער פּיעסע „מענדעלע מאַרטירער".

1908 — איבערגעגאַנגען צו ראָלן פון דערוואַקסענע. 1910 — חתונה געהאַט מיטן אַקטיאָר אַדאָלף ערבער און זינט דעמאָלט געשפּילט צוזאַמען מיט אים.

פון צייט צו צייט האָט ע. אויך געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע.

ש. ע.

ערדבערג, שמשון

געבוירן 22 אָקטאָבער 1891 אין לובין, וואַרשעווער געגנט, פּוילן, אין אַ חסידישער פאַמיליע פון שניט-סוחרים. ביז 14 יאָר געלערנט ביי רבנים און וועלטלעכע למודים ביי פּריוואַטע לערער. דערנאָך געוווינט אין וואַרשע אַן עקסטערן און לערער פון העברעאיש. 1913 — אַוועק קיין אויסלאַנד און געלערנט אין בערלין און אין פּאַריז. 1915 — עמיגרירט קיין אַמעריקע.

דעביוטירט אין דער וואַרשעווער „די אידישע וואָך", האָט ע. שפּעטער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין פאַרשיידענע ניו-יאָרקער יידישע און העברעאישע צייטשריפטן. 4 יאָר מיטגעאַרבעט אין „דיא וואַרהייט", און זינט 1919 אין רעדאַקציע פון „יידישעס טאָגעבלאַט". אַ חוץ נאָוועלן, דערציילונגען, איבערזעצונגען (איינציקע דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבעס), פעליעטאָנען און אַרטיקלען, האָט ע. אויך דאָרט געשריבן טעאַטער-רעצענזיעס אונטער זיין נאָמען און א״פ ש. רובינזאָן און דוד וואַרשאַווסקי.

אין „לוח אחיעבר" (נ. י. 1918) האָט ע. פאַרעפנטלעכט א״פ ש. רובינזאָן אַ גרעסערן אַרטיקל „התיאטרון היהודי באמריקה".

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", זז. II, 812-815.

עריק, מאַקס

[זלמן מערקין]



געבוירן 17 נאָוועמבער 1898 אין סאָסנאָוויץ, פּוילן, אין אַ פאַרמעגלעכער, סוחרישער פאַמיליע. געלערנט ביי אַ מלמד, דערנאָך אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער קרוינישער רעאַל-שול, שפּעטער אַריבער אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, וועלכע ער ענדיקט אין 1918.

אַלס גימנאַזיסט פון די לעצטע קלאַסן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט ער זיך ערשט ואַמאָלט פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל וועגן הוגאָ צוקערמאַן אין „די יידישע זאַמלביכער" (1918) א'ר פון י. מ. וויסענבערג. זינט דאַמאָלט האָט ע. פאַרעפנטלעכט רעצענזיעס און עסייען אין די אָרגאַנען פון די פּ'צ (אין וועלכער פּאַרטיי ער איז אַ לענגערע צייט געווען טעטיק) און אויך אין אַנדערע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין פּוילן.

1919-21 — געדינט אין פּוילישן מיליטער און געענדיקט די אָפיצירן-שול. 1921-24 — שטודירט יוריספּרודענץ אין קראָקעווער אוניווערזיטעט. 1922-23 און 1925-26 — געווען לערער פון יידישער ליטעראַטור און פּאַלאָניסטיק אין די יידישע מיטל-שולן פון ווילנע.

אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן מיט דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, באַאַרבעט ער אַלט-יידישע טעקסטן אין דער שטאָט-ביבליאָטעק אין דאַנציג, די באָדלעיאַנאַ אין בריטישן מוזיי און אין פראַנצעזישע ביבליאָטעקן, נעמט אַ נאָענטן אָנטייל אין דער אַרבעט פון ייוו'א און טרעט אַרויס אַלס לעקטאָר איבער ליטעראַטור.

זינט 1930 האָט ע. זיך באַזעצט אין ראַטן-פאַרבאַנד און צוזאַמען מיט די פּאָליטישע איבערצייגונגען האָט ער אויך געענדערט זיינע אַרבעטס-מעטאָדן וועגן דער אַלטער יידישער ליטעראַטור-פאָרשונג.

אין זיין בוך „קאָנסטרוקציע שטודיען" (פ'ג „אַרבייטער-היים", וואַרשע 1924) געפינט זיך אַ גרעסערע אַרבעט, אין וועלכער ס'ווערן באַהאַנדלט גנעטישע פּרטים אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון פּרקס דראַמעס „די גאָלדענע קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און ס'ווערן אַנאַליזירט פאַרשיידענע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונג פון פּרקס דראַמאַטישן שאַפן.

אין „פילאָלאָגישע שריפטן", דריטער באַנד, ווילנע, (זז. 584-535) האָט ע. פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט „די ערשטע יידישע קאָמעדיע" (וועגן איציק אייכלס „ר' הענאָך אָדער וואָס טוט מען דעמיט"). דידאַקטיק אַרבעט האָט ער דערגענצט א'נ „נייע מאַטעריאַלן וועגן אייכלען" אין „צייטשריפט", מינסק, 1931 (זז. 285-294).

אין „צייטשריפט", מינסק, 1931, (זז. 125-169) האָט ע. אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע שטודיע א'נ „וועגן סאָציאַלן מעהוס פון אקסענפעלדס שאַפן".

אין 1931 איז אויך דערשינען אין מינסק ע.'ס בוך „שאָלעם אַש" (125 זז.), אין וועלכן ער באַהאַנדלט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל (זז. 46-70) שלום אַשס דראַמאַטישע ווערק.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 815-18.

ערליך, מרדכי

[געב. 12 מאַי 1873 — געשט. 1 אויג. 1931]

געבוירן 12 מאַי 1873 אין וויטעבסק, האָמלער געגנט, ווייסרוסלאַנד, אין אַן אָרימער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, אין די ישיבות פון וויעטקע און וואָלאָזשין און זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג. שפּעטער זיך באַזעצט אין וואַרשע אַלס העברעאישער לערער.

1902 — דעביוטירט מיט אַ סקיצע אין „דער יוד" און דערנאָך אין פאַרשיידענע יידישע און העברעאישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. ביים אויסבראָך פון דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה זיך באַזעצט אין קראָקע, וואו ער איז באַשעפטיקט ביי ליטעראַרישע אַרבעטן און אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" (א'פ „יושר").

צווישן די באַזונדערע אויסגאַבעס פון זיינע ווערק, געפינט זיך אויך „די דיענסט — אַ פּאָגראָם-בילד אין איין אַקט" (פּאָדגורזע, 1909, 16 ז. 16°), וואָס איז אָפט געשפּילט געוואָרן דורך „ליבהאָבער"-קרייזן.

דעם 1 אויגוסט 1931 איז ע. געשטאָרבן אין קראָקע.

ז. רייזען — „לעקס. ייד. ליט.", II, זז. 823-825.

ערנסט, שמעון

געבוירן 4 אויגוסט 1900 אין קראָקע, גאַליציע, אין אַן אָרימער פאַמיליע. אַן איניקל פון ר' שימעלע יאָנאָווער, רב און „גוטער ייד" אין יאָנעווע, פּעטריקאָווער געגנט. באַקומען אַ חסידישע דערציאונג אין חדרים. צו 14 יאָר אַוועקגעפאָרן מיט די עלטערן קיין ארץ-ישראל, וואו ער לערנט ביז 16 יאָר ביים ירושלימער דיין ר' צבי-פסח פראַנק, אין דער ישיבה „לשכת הרבנים" אין ירושלים. דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט השכלה, באַזוכט דעם לערער-סעמינאַר פון הילפס-פאַראיין און איז די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט אַלס ביבליאָטעקאַר פון דער שטאָט-ביבליאָטעק „שערי ציון" אין תל-אביב.

זינט 1921 פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער אין יידישע, העברעאישע און דייטש-יידישע צייטשריפטן.

אין „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע" (רעדאַקטאָר דר. יעקב שאַצקי, ערשטער באַנד, ווילנע 1930, אַרויסגעגעבן דורכן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט) האָט ע. פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע שטודיע „טעקסטן און קוועלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרוויילונגען און מאַסקאַראַדן ביי יידן" (זז. 5-37).

ער האָט אויך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן פּורים-פּיעסעס און פאָרשטעלונגען.

ז, רייזען — „לעקס ייד. ליט.", II, זז. 825-826.